STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10729

SOVETISH

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאריער פונ אַלע לענדער,
פאראייניקט זיכ!

סאָוועטיש

באמערקטע דרוק־פעלערנ

זייט	שורע	אָפּגעדרוקט	דארפ זייַנ
79	9 פונ אונטנ	איז	אינ
132	4 „ „	דעמ	דער
217	1 „ „	ניט פארשלינגג	ניט פארשלינגענ די טיפ
233	15 פונ אויבנ	נאָר	נאָכ
303	1 פונ אונטנ	דעמלט	דעמלטיקער ווירקלעכקייט
315	16 „ „	דער אידעאלער	די אידעאלע
317	4 „ „	דער	דעמ
412	1 פונ אויבנ	דעמ	דער

„סאָוועטיש" נומ. 3.

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1935

מענדעלע מויכער-ספאָרים
1936 — 1836

מ. ווינער

מענדעלע און די קלאסישע טראדיציעס

צום הונדערטסטן יאָרטאָג פון מענדעלעס געבוירן

1

מענדעלעס שאפן איז שטארק פארוואָרצלט אין דער נאציאָנאלער טראדיציע, סײַ וואָס שײַעך דעם דערציילנוסעך, דעם שפראך-סטיל, און סײַ וואָס שײַעך פארשיידענע מאָטיוון (סוזשעטישע, פאבוליארישע) און אויסדרוק-מיטלען (בילדער, מעטאפאָרן אאוו. געשעפטע פון טראדיציע און שטייגער). מענדעלעס דערציילונגען זײַנען, אויב מע באטראכט זיי אויבערפלעכלעך, טיפ יידישלעך, עמעצ קאָן זאָגן, אז דאָס זײַנען קלוימערשט אלטפרענקישע מײַסעס, פאסיקע פאר די האסאָגעס פון א היימישלעכער פראָווינציעלער שטעטלדיקער סוויווע. האָבן דאָך טאקע א טייל בירגערלעכע קריטיקער וועגן מענדעלען געזאָגט, אז ער האָט זײַן שאפן „ניט אייראָפעיזירט" דה. אז ער האָט ניט ארײַנגעבראכט אין זײַן שאפן קיין עלעמענטן פון דער אייראָפּיישער און קלאסישער ליטעראטור-טראדיציע, פון דער פאָרשריטלעכער קולטור אין זײַן צײַט. דאָס וואָלט באטײַט, אז מענדעלע האָט זײַנע אופקלערעריש-פאָלקיסטישע אידייען אויסגעדריקט אין א נאציאָנאל ביז גאָר באגרענעצטער און אָרעמער פאָרם, אז מענדעלע האָט זיך טאקע אפאנעמעסן געהאלטן בא די האסאָגעס פון ביניאָמין און סענדערל די יידענע.

צי איז דאָס אָבער מעגלעך, אז דער קעמפער פאר אייראָפּיישע לעבן-פאָרמעס האָט אין זײַן קינסטלערישער אויסדרוק-פאָרם געזאָלט בלײַבן אזוי אויסשליסלעך נאציאָנאל באגרענעצט? ווי נאיוו איז צו מיינען, אז מענדעלע וואָלט, ווען דאָס זאָל זײַן עמעס, געווען א גרויסער קינסטלער, אז ער וואָלט, ווען דאָס זאָל זײַן עמעס, געקאָנט האָבן אזא גרויסע פאָרשריטלעכע ווירקונג, ווי ער האָט געהאט, באזונדערס אין די 60-ער און 70-ער יאָרן, אָבער אויך שפעטער. וואָסער ווערט וואָלט דאן מענדעלע געקאָנט האָבן פאר אונדז בא הײַנטיקן טאָג? ווער סע מיינט אזוי, פארשטייט מענדעלעס שאפן זייער ווייניק, אָדער וויל עס ניט פארשטיין. אזא אויבערפלעכלעכע מיינונג פירט דערצו, אז מע זאָל זיך ניט ווי געהעריק באציִען צו דער גרויסער ליטעראַרישער יערושע פון מענדעלען.

אין דער בירגערלעכער קריטיק איז פאראן איינע א זייער קוריאָזע אָפּשאַצונג פון מענדעלעס בעסטע ווערק. „איך גלייב, אז זײַן (דה. מענדעלעס — מ. וו.) „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי" און אפילע „פישקע דער קרומער" וואָלט הײַנט געווען אונטער דער ווירדע פון אירגענד וועלכן מער אָדער ווייניקער אנערקענטן שריפטשטעלער". ס'איז ניט קיין צופאל, וואָס די דאָזיקע רעאקציאָנערע און ווילד-אמערא-

צישע אָפּשאצונג שטאמט גראָד פונעם שעפ-רעדאקטער פונעם „פאָרווערטס" אייב קאהאנ. סע טרעפט זיכ אָבער אמאָל, כאָטש זייער זעלטנ, אז אויכ עמעצ פונ אונדזערע כאווײרים שאצט אָפּ מענדעלס שאפנ אפּ אנ אויפנ, וואָס איז גאָר ניט אזוי וויַיט פונ אייב קאהאנס מיינונג. אמאָל איז דאָס פּאָשעט א נאציאָנאליסטיש־ייִדישיסטישער רעצידיוו. די נאציאָנאליסטישע ייִדישיסטנ אונ קלײנשטעטלדיקע עסטעטנ האָבנ פאר מענדעלענ געהאט ווייניק סימפּאטיע — איבער זיַינ „טענדענציעזקיַיט", איבער זיַינ „טאָרבע"־טעמע, איבער דער גיכטערקיַיט פונ זיַינ באציִונג צומ „היסטאָרישנ ייִדנטומ", איבער דער דעמאָקראטישקיַיט אינ אינהאלט אונ אויסדרוק־אויפנ פונ זיַינע בעסטע ווערק, איבער דער קריטיק פונ דער בורזשואזיע אונ דער שארפער זעלבסטקריטיק פונ קלײנבירגערטומ. די דאָזיקע קלײנשטעטלדיקע עסטעטנ האלטנ, אז מענדעלע האָט זיכ צופיל געגראבלט אינ „שמאטעס", דאָס שטייט זיי ניט אָנ. קורצ: מענדעלע איז ניט אייראָפּעייִש, וויַיל ער איז ניט געווענ באווירקט פונ מאטערלינקנ אונ פּושיבישעווסקינ. אנ אנדער מאָל אָבער שטאמט אזא אָפּשאצונג פונ א „ניהיליסטישער" אומהיסטאָרישער באציִונג צו דער נאציאָנאל־געגעבענער פאָרמ, פונעמ ניט פארשטיינ, אז מענדעלע האָט זיכ — אינ זיַינע בעסטע ווערק — בלויז אויסערלעכ צוגעפּאסט צו די האסאָגעס פונ זיַינע לייענער, די ברייטע אָרעמע אונ האָרעפּאשנע פאָלקמאסנ, אז דאָס איז בלויז געווענ א וועג צו זייער הארצ — קעדיי זיי אפּ אזא אויפנ צו ברענגענ טאקע „אייראָפּעייִשקיַיט", פונעמ בעסטנ אינ דער אייראָפּעייִשער קולטור. מענדעלע איז דאָכ געקומענ צו דער שטעטלדיקער מאסע קימאט צוריק מיט אכציק יאָר, ווענ זי איז נאָכ געווענ אזוי פאנטאסטיש אָפּגעשטאנענ, אז מיר קאָנענ זיכ דאָס גאָר ניט פאָרשטעלנ. דאָס, וואָס מענדעלע האָט זיכ אראָפּגעלאָזט צו די האסאָגעס פונ די מאסנ, צו זייער אויפנ דענקענ אונ ריידנ, איז אינ זיַינע בעסטע ווערק געווענ אנ אויסערלעכ מיטל, קעדיי צו ברענגענ צו די מאסנ פאָרשריטלעכע פאָרשטעלונגענ וועגנ מענטשלעכער ווירדע, זיי אופצוקלערנ וועגנ זייער שרעקלעכער לאגע, וועגנ דער ראָליע פונ דער גווירימשאפט, וועגנ דער ווילדאָפּגעשטאנענער פעאָדאלער אָרדענונג אונ דעמ פינצטערנ שטייגער אינעמ שטעטל. אונ טאקע דערפאר האָט מענדעלע ניט סטאמ זיכ „צוגעפאסט" צו די מאסנ, נאָר ערשטנס דורכ סאטירישער פאראָדיע קריטיקירט די אָפּגעשטאנענקיַיט פונ זייערע האסאָגעס אונ רייד אונ, צווייטנס, קינסטלעריש אויסגענוצט אונ אופגעהויבנ דאָס אומגעהייער ווערטפולע אונ שעפערישע, וואָס איז פאראנ אינעמ דענקענ אונ אינעמ אויסדרוק־אויפנ פונ די פאָלקסמאסנ.

אז דער אינהאלט פונ זיַינע בעסטע ווערק איז בעשומויפנ ניט געווענ קיינ באגרענעצט ייִדישלעכער, איז גענוג באוווּסט. ווייניקער באוווּסט איז אָבער, אז אויכ די פאָרמ פונ זיַינ שאפנ איז אינ טאָכ גאָר ניט געווענ אזוי דורכויס ענג־„ייִדישלעכ", ווי סע קאָנ זיכ באמ אויבערפלעכלעכנ באטראכטנ אויסדוכטנ. פארקערט, אויכ זי האָט זיכ — בא איר גאנצער נאציאָנאלער ספּעציפישקיַיט — אינעמעסנ געשטיצט אפּ אויסגעצייכנטע אייראָפּעייִשע אונ קלאסישע טראדיציעס. טאקע אפילע וואָס שייַעכ טוזשעט אונ פאבולע פונ זיַינע ווערק, אונ נאָכ מער, אינ טאָכ אפילע וואָס שייַעכ דער שפּראכ, דעמ שפּראכ-סטיל.

2

לאָמיר נעמענ אזא ווערק, ווי „מאסאָעס“, די בעסטע שאפונג מענדעלעס. אינ פלוג דוכט זיך: א מעשונעדיק אלטפרענקישע מייַסע וועגנ עפּעס צוויי ווילד אָפּגעשטאנענע שטעטלדיקע יידלעך. אינעמעסנ, איז דאָס, ערשטנס, א ראפינירטע סטילפולע פּאראָדיע אפ באשטימטע העברייִשע אונ אלט־יידישע רייַזע־באשרייַבונגענ, וואָס זייַנענ געווענ פארשפרייט צווישנ ברייטסטע לייענער־קרייַזנ. אונ, צווייטנס, האָט דאָ מענדעלע אפ א געניאלנ אויפנ אופגענומענ אונ באארבעט איינע פונ די פראכטפולסטע טראדיציעס אינ דער אייראָפּייִשער ליטעראטור, זי וווּנדערלעך אָרגאניש צוגעפּאסט צו די אומשטענדנ אינ דער דעמלטיקער יידישער סוויווע — קעדיי אזויארום אָנשוילעך אופצוקלערנ די מאסנ וועגנ דער אומגעלומפּערטקייַט פונ זייער לעבנ אונ פונ זייערע פאָרשטעלונגענ. ווי אנ עמעסדיקער מייַסטער האָט דאָ מענדעלע אויסגענוצט דעם סוזשעט אונ פאבולע פונ סערוואנטעסעס „דאָנ קיכאָט“, פונ א ווערק, וואָס האָט אויך צו זייַנ צייַט געדינט דעם קאמפ קעגנ פעאָדאליזם אונ פעאָדאלישע פאָרשטעלונגענ, אויסגענוצט, אָבער וווּנדערלעך טראנספאָרמירט, צוגעפּאסט צום לעבנ אונ צום באנעם פונ דער דעמלטיקער יידישער סוויווע.

אָדער לאָמיר נעמענ אנ אנדער ווערק — „דאָס קליינע מענטשעלע“, די געשיכטע פונ א שטעטלדיקנ טאקעפ, א בלוטצאפּער אונ אנ אונטערדריקער, וואָס האָט לעסאָפּ כאראָטע אפ זייַנע מיעסע מייַסים אונ פרווט — אינ א דערציילונג וועגנ זייַנ לעבנ — זיך אָפּצוגעבנ א דינוועכעזשבנ וועגנ דעם, פארוואָס אונ ווי־אזוי ער איז דאָס געוואָרנ אזא ווי ער איז. אינ א קלוימערשטער אווטאָביאָגראפיע פונ זייַנ יינגסטער יוגנט אָנ — ביז צו דער צייַט, ווענ ער איז געוואָרנ דורכ פארשיידענע שווינדלערייַענ אונ געמיינהייַטנ א גוויר א טאקעפ. דערבייַ ווערט דאָ אנטוויקלט אנ אינהאלטרייַכ בילד פונעם דעמלטיקנ יידישנ לעבנ. אינ פלוג, דוכט זיך, סטאמ זיך אזוי א טיפּיש־יידישע מייַסע וועגנ א באלטשוווע אונ זייַנע באטראכטונגענ. אינעמעסנ איז דאָ מענדעלע, אינ דעם דאָזיקנ סוזשעט, נאָכגעגאנגענ נאָכ אנ אלטער אייראָפּייִשער טראדיציע, ער האָט דאָ אויסגענוצט דעם זשאנר פונעם אזויגערופענעם שעלמענ־ראָמאנ, וואָס איז אנטשטאנענ אינ שפּאניע אינעם XVI יאָרהונדערט, איז געווענ אנ אויסדרוק פונ קאמפ פונ דער בורזשואזיע קעגנ פעאָדאליזם, אונ האָט שטארק אונ א לאנגע צייַט באווירקט די אנטוויקלונג פונעם אייראָפּייִשנ בירגערלעכנ ראָמאנ. ווידעראמאָל איז די דאָזיקע אייראָפּייִשע טראדיציע דורכ מענדעלענ אזוי נאציאָנאל אויסגעפורעמט געוואָרנ, אזוי טרעפלעך צוגעפּאסט געוואָרנ צו דער סוויווע, צו דער אידייִשער אופגאבע, אז ס'איז גאָר ניט גרינג געווענ ארויסצוגעפינענ דעם צוזאמענהאנג פונ דעם ווערק מיט דער טראדיציע [1] וואָס גייט פונ אזעלכע ווערק ווי לאסאריליאָ פונ טאָרמעס,

1 דירעקטע אומיטלבארע האשפּאָעס אינ דעם פּראט האָט מענדעלע געשעפּט גיכער פאר אלצ פונעם רוסישנ שעלמענ־ראָמאנ (וועלטמאנ, נאריעזשני אונ אנד.), אָדער פונ באשטימטע ראָמאנענ פונ דיקענס.

זשיל בלאז אא., פונ ווערק, וואָס זײַנענ בא אנדערע אומשטענדנ אויסנ געווענ עפּעס ענלעכס ווי מענדעלע מיט זײַנ „דאָס קליינע מענטשעלע“.

אינ „פישקע דער קרומער“, נעבנ „מאסאָעס“, דאָס באַדײַטנדיקסטע ווערק מענדעלעס, ווערט דערציילט וועגנ יידישע בעטלערס, קריפּלענ, וועגנ זייערע וואנדערונגענ אונ אוואנטיורעס, שטייגערישע פּאסירונגענ אונ איבערלעבונגענ, דערבײַ ווערנ געשילדערט גאנצע ריזיקע שטיקער פונ דעמלטיקנ יידישנ לעבנ. צי איז פאראנ עפּעס מער ספּעציפיש, ווי יידישע בעטלער? אונ פּאָרט שטייט אויכ דאָס דאָזיקע ווערק אינ אנ ענגער פאַרבינדונג מיט טראדיציעס פונ דער אייראָפּייִשער ליטעראטור. ערשטנס, טאקע מיט דעמ זעלבנ זשאנר שעלמענ-ראָמאנ. ס'איז א טיפּיש שטיק שעלמענ־ראָמאנ די דאָזיקע געשיכטע וועגנ דעמ קרומענ פישקע. צווייטנס, איז דאָס דאָזיקע ווערק באַווירקט פונ וויקטאָר הוגאָס „נאָטר דאמ“, אינ וועלכנ סע האנדלענ אלס הויפּט-פיגורנ דער הויקער קוואזימאָדא, בעטלערס אונ ציגײַנערס. ניט אומזיסט האָט שאָלעמ־אליכעמ אָנגעוויזנ אפנ צוזאמענהאנג צווישנ הוגאָס ווערק „דער מענטש, וואָס לאכט“ אונ מענדעלעס „פישקע“. מענדעלע האָט דעמ צוזאמענהאנג קיינמאָל ניט באשטריטנ. אונ כאָטש דער „מענטש, וואָס לאכט“ איז דערשינענ א ביסל שפּעטער, ווי דער ערשטער וואריאנט פונ „פישקע“ — איז אָבער „נאָטר דאמ“ דערשינענ נאָכ אינ יאָר 1831 (די רוסישע איבערזעצונג — אינ די 60־ער יאָרנ). אינ „נאָטר דאמ“ איז שוינ פאָרגעצייכנט די געשטאלט פונעמ „מענטש, וואָס לאכט“ אונ ס'איז ניט קיינ כידעש, וואָס מענדעלע, באַווירקט פונ דער קוואזימאָדא-געשטאלט, האָט צוגעטראָפנ אינ זײַנ „פישקע“ צו אנ ענלעכער פיגור, ווי הוגאָס „דער מענטש, וואָס לאכט“. מענדעלע האָט דאָ, אזוי ווי הוגאָ, דורכ אזא מינ געשטאלט געוואָלט באווײַזנ „די שיינע עטישקײַט אונטער דער געשטאלט פונ פיזישער העסלעכקײַט“ (הוגאָ), אז אפילע אינ אזעלכע בעטלערישע פארקריפּלטע פיגורנ לעבט טיפע מענטשלעכקײַט אונ ווירדע. דורכ די אָרעמסטע, פארשטויסענע אונ פארלוירענע האָט מענדעלע סימבאָליזירט די לאגע פונ די ביטער-פאראָרעמטע פאָלקמאסנ ביכלאל. דאָס דאָזיקע ווערק איז א דאָקומענט פונ מענדעלעס גרויסער ליבע צומ האמוינ.

אינ „די קליאטשע“ איז מענדעלע ארויסגעטראָטנ קעגנ דער נאציאָנאלער אונטערדריקונג פונ די יידישע פאָלקמאסנ, אונ ווידעראמאָל אנטלײַט מענדעלע סוזשעטישע מאָטיוונ בא דער אייראָפּייִש־קלאסישער טראדיציע. דאָס ווערק איז אופגעבויט אלס אלעגאָריע. זי איז קלוימערשט געשעפּט פונ די יידישע נאציאָנאל-רעליגיעזע פאָרשטעלונגענ. די קליאטשע — דאָס זײַנענ די יידנ: לסוסתי ברכבי פרעה, די קליאטשע אײַנגעשפּאנט אינ די רײַטוואָגנס פונעמ קיניג פארע, דאָס מיינט מענ די קנעסעס־ייסראָעל אײַנגעשפּאנט אינעמ יאָכ פונעמ צאריזמ. די טראדיציאָנעלע מעטאפער איז אָבער ניט זייער וועזנטלעכ פארנ גאנצנ סוזשעט אונ אופבוי פונעמ ווערק. אינעמעסנ האָבנ מיר דאָ א טראנספאָרמאציע (לויטנ נוסעכ פונ דער ראָמאנטיק) פונ דער אלטער קלאסישער טראדיציע וועגנ מעטאמאָרפאָזנ, ווי מיר זעענ זי בא אָווידיוס אונ דערנאָכ בא אפּולייוס אינ זײַנ „דער גאָלדענער אייזל“. דער העלד פונ אפּולייוסעס ראָמאנ ווערט דאָכ פארוואנדלט אינ אנ אייזל, אונ אינ דער דאָזיקער געשטאלט לעבט ער איבער די שווערסטע ליידנ, פונ דער דאָזיקער לאגע ארויס דערזעט

ער אזעלכע באלערנדיקע פאקטנ, וואָס ער וואָלט זיי אינ יעדער אנדערער סיטואציע קיינמאָל ניט געהאט די מעגלעכקייט צו זענ. דער קליאטשע-גילגל איז אויכ א מינ מעטאמאָרפאָז, די דאָזיקע סימבאָלישע פארוואנדלונג פונעם „ייִדישנ פאָלק" אינ א „שטייגערישער" קליאטשע דארפ דורכ א מעשוגעדיק איבערגערוקטנ אספעקט אופרודערנ די מאסנ, וואָס פילנ ניט דעם גאנצנ שוידער פונ זייער סיטואציע איבער דער טעמפער געוווינטקייט.

אינעם ראָמאנ „דאָס ווינטשפינגערל", באזונדערס אינעם גרויסנ איבערגעארבעטנ וואריאנט, איז גאָר ניט שווער צו דערקענענ די דיקענסישע טראדיציע, אינ הערשעלעס אנטוויקלונג — די דעוויד קאָפּערפילד-געשטאלט. דיקענסישע ווירקונגענ זעענ מיר ניט ווייניק אויכ אינ אנדערע ווערק מענדעלעס.

דערצו דארפנ מיר נאָכ צוגעבנ די לאנגע פעסטגעשטעלטע אונ קלאָר באמערקבארע האשפּאָעס, וואָס מענדעלע האָט געשעפּט פונ גאָגאָלנ אונ באזונדערס פונ סאלטיקאָוו שטשעדרינענ — אונ מיר וועלנ אײַנזענ, ווי פאלש ס'איז די מיינונג, אז מענדעלע האָט זיכ אינ זײַנ שאפנ, אינ זײַנ ליטערארישער קולטור, באגרענעצט מיט די פיר איילנ פונ ייִדישלעכקייט. אינ זײַנ שאפנ פאר די מאסנ האָט ער געשטרעבט צו הויכע מוסטערנ, האָט ער מיט איידעלנ קינסטלערישנ געשמאק ארויסגעפונענ אינ דער אייראָפּייִשער אונ רוסישער ליטערארישער טראדיציע דאָס פּאסיקסטע פאר זײַנע צוועקנ — כאָטש ער האָט דאָס אלצ אפּ א נאציאָנאל-ספּעציפישנ, עמעסדיק מײַסטערישנ אויפנ צוגעפּאסט פאר דער אאודיטאָריע, צו וועלכער ער האָט זיכ געווענדט. אינ זײַנע בעסטע ווערק האָט מענדעלע ניט בלויז וואָס שײַעכ אידייענ, נאָר אויכ וואָס שײַעכ דעם אינווייניקסטנ געוועב פונ סוזשעט אונ פאבולע ארײַנגעטראָגנ אויסגעצייכנטע „אייראָפּייִשע" טראדיציעס, ער האָט זײַנ סטיל „אייראָפּעיִזירט" אינ בעסטנ זינ פונ דעם וואָרט, אָבער ניט אויבנופיק-„מאָדערנ", נאָר טיפ אינווייניק. פארנ „אייראָפּעיִזירנ" האָט ער אויסגעקליבנ דעם סאמע שווערסטנ וועג. דאָס *אָרגאנישע* „אייראָפּעיִזירנ".

3

דער צומאָליקער אײַנדרוק פונ אלטפרענקישער ייִדישלעכקייט שטאמט, אייגנטלעכ, ניט אזוי ווײַט פונ דער סוזשעטיק אינ מענדעלעס ווערק, ווי פונ זײַנ שפראכ-נוסעכ, פונ זײַנ שפראכ-סטיל. אזא אײַנדרוק קאָנ זיכ אָבער באקומענ נאָר פונ אנ אויבערפלעכלעכנ באטראכטנ, וואָס דרינגט ניט ארײַנ אינ טאָכ.

דער שפראכ-סטיל פונ מענדעלעס *בעסטע שאפונגענ* איז אזא, איז אזוי געפורעמט, אז סע זאָל אימ פארשטיינ אונ באנעמענ די גרויסע מאסע. דאָס איז עס, וואָס סע באשטימט די בעסטע אופטוענ פונ זײַנ סטיל: דער ווילנ, אז די מאסנ זאָלנ אימ פארשטיינ אונ אימ גלייבנ. צו דער פאָלק-שפראכ איז מענדעלע צוגעגאנגענ ניט מיט דער גײַווע פונ אנ ערודיט, וואָס באגנעדיקט מיט אנ אָנשטעל פונ דעמאָקראטישקייט „אראָפּצונידערנ" צו די „טיפענישנ", ווײַזנדיק מיט אונטערגעשטראָכענע צעלאָזענע זשעסטיקוליאציעס אונ כוצפּעדיקער גראָבקייט, אז ער ווייסט דעם הויכנ ווערט פונ זײַנ „קאָרבנ". מענדעלעס

צוגאַנג צו דער שפּראַך פֿון די מאַסן איז געװען דיקטירט פֿון זײַן גרױסער ליבע צו זײ, פֿון זײַן טיפֿן פֿילן זײער נױט און לײד, איז געװען דורכגעדרונגען מיט אײדעלער, עמעסדיקער קולטור. דעריבער, טאַקע דעריבער האָט ער אין זײַן בעסטן שאַפֿונג־פּעריאָד ניט אױסגעמיטן אױך אַזעלכע עלעמענטן פֿון דער פֿאָלק־שפּראַך, װאָס זײַנען אַלײן געװען דורכגעזאַפּט מיט דער אָפּגעשטאַנענקײַט, קעגן װעלכער ער האָט גראָד מיט די דאָזיקע װערטער זײַנע געקעמפֿט. ער האָט מיט די מאַסן גערעדט אין זײער שפּראַך און אַמאָל ליבלעך, אַמאָל דינ־איראניש, אַמאָל סאַרקאַסטיש און גאָר אַמאָל בײז־אױפֿגעבראַכט, זײ אױפֿגעקלערט און געשטראָפֿט פֿאַר זײער אָפּגעשטאַנענקײַט, טאַקע אױך װאָס שײַך זײער שפּראַכלעכן אױסדרוק־אױפֿן. מענדעלע האָט געמוזט אָנקניפּן אינעם װירקלעכן שטײגער צו טראַכטן און צו רײדן. צומאָל איז מענדעלע אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער װירקונג פֿון דער קלײנבירגערלעכער שטעטלדיקער אָפּגעשטאַנענקײַט, באַזונדערס שפּעטער, אין זײַן עלטער, װען ער האָט זיך אַנטױשט אין זײַנע פֿריִערדיקע מאַסקיליש־פֿאָלקיסטישע אידעאַלן און זיך צוגעװענדט צו דער בורזשואַזער רעאַקציע. געװיס. דעמלט האָט ער דעם פֿריִער פּאַראָדיסטיש געמײנטן „נוסעך" אָנגעהױבן צו נעמען אָפּ ערנסט און אױסצובױען פֿון אים אַן „אײגנאַרטיקן נאַציאָנאַלן סטיל", מיט װעלכן די נאַציאָנאַליסטן האָבן זיך געקװיקט. אָבער אין זײַנע בעסטע יידישע װערק, און אױך אין די בעסטע טײלן פֿון זײַנע שפּעטע װערק, אַנטשפּרעכן די ייִדישלעך־שטעטלדיקע עלעמענטן פֿון זײַן שפּראַך צו די סאַטירישע, געזעלשאַפֿט־קריטישע קאַװאָנעס פֿון זײַן שאַפֿן, די דאָזיקע עלעמענטן פֿון זײַן שפּראַך־סטיל זײַנען דעמלט געמײנט פּאַראָדיסטיש.

דאָס איז אָבער בלױז די אײנע זײַט פֿון מענדעלעס שפּראַך־סטיל. דער אײגנטלעכער קערן פֿון דעם סטיל זײַנען די געזונטע האַרציקע רײד פֿונעם האָרעפּאַשנעם אָרעמען האַמױן. װאָס שײַך דער דאָזיקער זײַט פֿון זײַן סטיל, איז מענדעלע לאַכלוטן ניט ייִדישלעך, נאָר טיף פֿאָלקסטימלעך. װי אַ גרױסער דיכטער האָט ער געװיזן די שײנקײַט און שעפֿערישקײַט פֿונעם האַמױנישן װאָרט, זײַן טיפֿע מענטשלעכקײַט און האַרצלעכקײַט. כאָטש מענדעלע איז געװען אַ באַדײַטנדיקער ערודיט, האָט ער טיפֿער געשעפּט פֿונעם פֿלעבײִשן שפּראַך־קװאַל, אײדער װער־ס'ניט־איז ביז צו אים אין דער ייִדישער ליטעראַטור. טאַקע דעריבער האָט ער באַזונדערס דײַטלעך דערפֿילט די אױפֿגאַבע — די דאָזיקע נײַע װאָרט־מאַטעריאַלן גראַמאַטיקאַליש און סטיליסטיש מיט גרױסער שטרענגקײַט קינסטלעריש צו דיסציפּלינירן און צו שלײַפֿן. דאָס האָט מענדעלע געטאָן װי קײנער ניט פֿאַר אים און זעלטן אַמאָל עמעץ נאָך אים אין דער ייִדישער ביזאָקטיאַבערישער ליטעראַטור. דאָס איז געװען אַ נײַס, „אײראָפּײִש" אין בעסטן זין פֿונעם װאָרט, אינעם זין, װאָס מע האָט צו יענער צײַט אין דעם װאָרט אַרײַנגעלײגט — דה. דעמאָקראַטיש, אַ רעזולטאַט פֿון זײַן ליבע צו די פֿאָלקמאַסן. דערעכערעץ צו האָבן פֿאַרן װאָרט פֿונעם האַמױנישן פֿאָלק האָט ער זיך געלערנט בײַ גרױסע רוסישע און אײראָפּײִשע מײַסטערס פֿון דער ליטעראַטור. די קלױמערשטע „האַמױנישקײַט" — אינעמעסן יאַכנישקײַט — פֿון אַזאַ מין שפּראַך װי שאָמערס, איז כוצפּע, איז פֿאַראַכטונג בע־

נעגייע צום „פעבל", די האמוינישקייט פון מענדעלעס שפּראך איז דערעכערעץ און ליבע צו די מאסן.

מענדעלעס שפּראך-סטיל איז צו זײַן צײַט געווען זייער ווירקזאם, און ער פארמאָגט אויך פאר אונדז א גוואלדיקן ווערט אלס ירושע — דאָרט, ווו ער אנט־שפּרעכט צום פאָרשריטלעכן אינהאַלט פון זײַן שאפן. ער הערט אוף צו זײַן ווירקזאם דאָרט, ווו ער ווערט א פּרעטענציִעזער, נאציִאָנאל-באגרענעצטער און קלעריקאל באפארבטער יידישלעכער „נוסעך". מענדעלעס שאפן האָט געהאט א גרויסע ווירקונג אף דער אנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראטור־שפּראך. ניט אזא ווי די יידישיסטן ווילן האָבן, נאָר מיט גאָר אנדערע זײַטן פון זײַן סטיל: מיט דער פאראָדיסטישקייט און האמוינישקייט, און ניט מיט דער שפּעטער ערנסט־גענומענער יידישלעכקייט. מענדעלעס שאפן האָט געווירקט גינסטיק אף דער אנט־וויקלונג פון דער ליטעראַרישער שפּראך מיט דער פאָלקסטימלעכער רײַכקייט, פילפאר־ביקייט, הארצלעכער אינטימקייט און פ י נ ק ט ל ע כ ק י י ט, וואָס איז פאראן אין זײַן שפּראך־סטיל, נעבן און אָפט אין ווידערשפּרוך צו דער היפּער-פאָלקלאָרישער יידישלעכקייט. די דאָזיקע מײַלעס האָבן געווירקט גינסטיק אף וויפל זיי זײַנען שפּעטער ניט פארקריפלט געוואָרן דורך דער נאציִאָנאליסטישער סטיליזאציע. די דאָזיקע מײַלעס באווײַזן זיך בא מענדעלען באזונדערס דײַטלעך אין יענע פאלן, ווען ער ווענדט זיך צו דירעקטע שילדערונגען פון האמוינישן לעבן. די נײַ־אופגעהויבענע ריזיקע שפּראך־פלאסטן פון געדיכטסטן פאָלקס-האמוין האָט מענ־דעלע סטיליסטיש דיסציפּלינירט, אנטשפּרעכנדיק צו זײַנע געזעלשאפטלעכע טענ־דענצן, מיט דער הילף פון טיפסטער און אופמערקזאמסטער באארבעטונג פון דער מאסנשפּראך גופע, דורך א טיפן און ליבעפולן ארײַנדרינגען אין איר אייגנטלעכן געוועב, אין דעם בעסטן, לעבעדיקסטן, וואָס די דאָזיקע שפּראך פארמאָגט, צופאסנדיק די נײַע שפּראך־מאטעריאלן צו זײַנע אופקלערעריש־פאָל־קיסטישע איבערצײַגונגען. דערציִעריש האָט מענדעלע געווירקט אף דער ליטע־ראטור-שפּראך אויך מיט זײַן שטענדיקן אָנזאָג, אז די יידישע שפּראך איז ניט קיין העפקער, אז מע דארף אף איר ארבעטן ווי איבער יעדער אנדערער קול־טורעלער שפּראך, אויך מיט דעם שטרענג אקשאָנעסדיקן בײַשפּיל, וואָס ער האָט אין דעם פראט מיט זײַן שאפן געגעבן.

4

מענדעלע האָט דער ערשטער געשאפן אין דער יידישער שפּראך הויכע דער־ציילערישע פּראָזע אין א שפּראך־סטיל, וואָס איז געווען ביז טיף דורכגעדרונגען מיט זײַן באוווּסטזיניקער באציִונג צו דער געזעלשאפטלעכער ווירקלעכקייט און וואָס איז פון דער דאָזיקער באציִונג מײַס־טעריש געפורעמט געוואָרן. זײַן ווערט איז ביז די אינטימסטע קנייטשן געפורעמט אנטשפּרעכנדיק צו זײַן באוווּסטזיניקער באציִונג צו דער געזעלשאפט־לעכער ווירקלעכקייט. אין דעם פראט איז ער טאקע אן ערשטער אין דער יידישער פּראָזע.

דער אויפֿן, ווי מענדעלע האָט אין זײַנע בעסטע שאַפֿונגען באַהאַנדלט די שפּראַך, איז, אַלזאָ, אויך לאַכלוטן ניט קיין שמאָל נאַציאָנאַלער. גראָד זײַן טיפֿער פֿאַרשטאַנד פֿאַר דער נייטיקייט צו קומען צו די פֿאָלקמאַסן אין זייער שפּראַך און די דאָזיקע שפּראַך קינסטלעריש אויסצופֿורעמען און צוצופּאַסן פֿאַר זײַן אויפֿקלערונג איז געשעפּט פֿון די בעסטע קולטור־קוואַלן אין זײַן צײַט.

מענדעלע האָט אין זײַנע ווערק געוויזן ספּעציפֿיש־נאַציאָנאַלן שטייגער, ער האָט אין אַלע פֿראָטים גענומען אַלס אויסגאַנג־פּונקט די פֿאַקטן אין דער נאַ-ציאָנאַל-ספּעציפֿישער סוויווע — אָבער דאָס בעסטע אין זײַן שאַפֿן האָט ער אַרויס־געהויבן פֿון דער באַגרענעצטער סוויווע צו אַן אַלגעמיינער ספֿערע. דעריבער האָט עס בײַ דער גאַנצער ספּעציפֿישקייט פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿאָרם אַ גרויסן פֿאַראַלגעמיינערונג־באַטײַט, דעריבער אָרדנט עס זיך אײַן אין דעם גרויסן שאַפֿונג־שטראָם, וואָס האָט זײַט די 60־ער יאָרן געברויזט אין די לענדער פֿון דער דעמאָקראַטיקער צאַרישער אימפּעריע און מיטגעהאָלפֿן דעם קאַמף פֿון די אונטערדריקטע פֿאָלקמאַסן קעגן דער פֿאַרקנעכטונג מיצאַד דעם צאַריזם און פֿעאָ־דאַליזם. זײַן שאַפֿונג געהערט אויך צום בעסטן, וואָס איז צו יענער צײַט אַנט-שטאַנען אַלס גײַסטיקע קאַמף־מיטלען קעגן דער פֿעאָדאַלישער אָפּגעשטאַנענקייט.

די פֿאָרם פֿון מענדעלעס שאַפֿן איז זייער נאַציאָנאַל, ער האָט זיך אָבער באַשטרעבט אויך זי אויסצובילדן לויט בעסטע טראַדיציעס פֿון דער דעמאָקראַטיקער וועלט-קולטור. ניט אין אַלע פֿאַלן איז אים דאָס אַלציינס געראָטן. זײַן געזעל־שאַפֿט־קריטיק איז געווען זייער שאַרף, די שאַרפֿסטע אין דער ביז-אָקטיאַבערי־שער יידישער פּראָזע, אָבער די פּאָזיטיווע פּראָגראַם, וואָס ער האָט געהאַט פֿאָר־צולייגן דער געזעלשאַפֿט אַפֿן אָרט פֿונעם קריטיקירטן סיידער, זײַן מאַסקילישע פּראָגראַם איז געווען זייער באַגרענעצט און איז לעסאָף געוואָרן אַלץ מער רע-אַקציאָנער. דאָס האָט פֿריער ווייניקער און זײַט די 80-ער יאָרן אַלץ מער צוריקגעווירקט אויך אויף זײַן געזעלשאַפֿט־קריטיק. אָבער אין דעם בעסטן פֿון זײַן שאַפֿן האָט זײַן ליבע צו די מאַסן, זײַן שטרעבן צו רעאַליזם, צו דערזען דיווירקלעכקייט און אירע פֿאָדערונגען אין זייער עמעסדיקער געשטאַלט — באַ-זיגט די באַגרענעצטקייט פֿון זײַנע אָנשויונגען. דערײַבער האָט ער געקאָנט שאַפֿן אַזעלכע גרויסע ווערק, ווי „מאַסאָעס". די יידישיסטן און נאַציאָנאַליסטן ווילן פֿון אים מאַכן אַ הוילן שטייגער־מאָלער און סטיליסט און מער גאָרניט. זיי ווילן מע זאָל אין אים זען נאָר דאָס נאַציאָנאַל־ספּעציפֿישע און מער גאָר־ניט. מיר אָבער שעצן אים דערפֿאַר, ווײַל דאָס נאַציאָנאַל-ספּעציפֿישע איז אין זײַנע מײַסטער-שאַפֿונגען אַ מיטל אויף אויסצודריקן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַ טיפֿע שײַכעס צו אַלע אויף אַן ענלעכן אויפֿן אונטערדריקטע האָרעפּאַשנע און אָרעמע מאַסן, פֿון וועלכער נאַציע זיי זאָלן ניט זײַן. דעריבער געהערט מענ־דעלע צו די קלאַסיקער פֿון דער וועלט־ליטעראַטור.

מױשע טײַטש

פון אָנהײב

צום בוך „וואָס איך געדענק"

עס איז געווען זומער 1921. און דאָס פענצטער פון מײַן צימער אין 4־טן ראטן־הויז איז ארויס אפן דורכגאנג פון קרעמל. אלע אָוונט פלעג איך דורכן פענצטער זען, ווי מײַן קלײנע טאָכטער לאָזט זיך מיט א קופּקע כאוורטעס פארבײַ די רויטארמײער אין טויער ארײַן, און, ווי א סטײַקע פּיקנדיקע הינדעלעך, גײען זײ דורך ניט קײן געשטערטע. מיט א שאָ שפּעטער קערן זײ זיך אום מיטן זעלבן וועג — מיט פּעקלעך פעלד־בלומען אין די הענט. עס איז געווען דער זומער פון די ערשטע פּיִאָנערן.

איך האָב געפרעגט אײנמאָל מײַן טאָכטער:

— וואָס טוט איר דאָרטן אין קרעמל אלע טאָג?

— מיר רײַסן בלומען. דאָרט איז פאראן א סאך. און אמאָל זעען מיר לענינען.

— ער רעדט מיט אײַך?

— פארוואָס זאָל ער ניט רײדן? און ער לאכט.

— און וואָס טוט ער נאָך?

— ער גלעט איבערן קאָפּ... מאלע וואָס... אזא לאכעדיקער...

איך קער זיך אום צום טיש, ווו עס ווארט אף מיר דאָס שרײַבן. מיטן שרײַבן איז צאָרעס. דאָס אלץ, וואָס איך האָב ביז איצט אָנגעשריבן, איז געווען ניט ריכטיק. עס איז געווען אײן גרויסער אומבארעכטבארער טאָעס. מיט א ציטערדיקער האנט פון אן אָנפאנגער פיר איך ארויס אף א נײַעס קאָן די ערשטע קאפּיטלען פון „אָנהײב־בוך".

די הײסע מיטנזומערדיקע זון גײט ארויס פון הינטערן קרעמל. זי גיט זיך א לײג אוועק בא מיר אפן טיש און פארשיט מיר די אויגן מיט בלענדעניש. אזוי קען איך ניט ארבעטן. איך לאָז זיך אוועק איבערן צימער — איך דארף עס באטראכטן אין גאנג. אין צימער בין איך איצטער אלײן און קײנעם שטער איך ניט. אהא, אָט ליגט זי, די קײלע, וואָס אינטריגירט מיך שוין א צײַט. דאָס איז דער פּויק, דער פּיִאָנערישער, וואָס מײַן טאָכטער ברענגט אָפּט אהײם פון דער „מאכנע". קײנמאָל אין לעבן איז מיר ניט אויסגעקומען צו קלאַפּן אין אזא זאך. און אלעמאָל, ווען איך דערזע דעם פּויק, ציט עס מיך אויסצופּרווון אף אים מײַנע קויכעס, אָבער מיר איז א כארפּע פאר די קינדער. איצט בין איך אלײן און איך קען זיך דערלויבן א קינדערשע זאך. איך נעם די שטעקלעך אין די ניטדערפארענע הענט און טרעט גלײַך צו: טרא־טא־טא, אפריִער שטיל און ניט

זיכער, דערנאָך העפּטיקער און העכער: טראַ-טאַ-טאַ, טראַ־טאַ־טאַ! איך ווער באַ-גײַסטערט, און אָט קלאַפּ איך שוין זיכער און גפעסט, ווי אַן עמעסער פּויקער. איך באַמערק ניט, ווי מײַן טאָכטער גייט אַרײַן.

— טאַטע, וואָס טוסטו?

איר שטימע איז אַ פאַרוווּנדערט־דערפרייטע, און אירע אויגן דאַרפן איצטער זײַן הומאָריסטישע. איך קוק ניט אָפּ איר, איך קער זיך אום שנעל צום טיש, און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איבער די פאַרשריבענע בלעטלעך, אין וועלכע איך האָב זיך קלוימערשט שטאַרק אַרײַנגעטאָן, ענטפער איך גאָר שטיל:

— איך הייב אויך אָן פון אָנהייב.

איך ענטפער ניט אַפן קאָל, נאָר אין זיך, און מײַן ענטפער הערט זי ניט.

1933—1921

ד. בערגעלסאָנ

באַמ דנ׳עפּער

קאַפּיטל דרײַ

1

אַ ווינט אַ קילער און אַ שטאַרקער האָט געפּראַלט פונ איינ זײַט, פונ אַ צווייטער, געשפּאָלטנ שווערע וואָלקנס, ווי מיט טעמפּע העק ארויסגעהאַקט פונ זיי די זונ.

אַפ דער גרעקאָווקע צווישנ פיל מענטשנ, וואָס האָבנ צו טאָנ באַמ סאַמע ברעג טײַכ, האָט זיכ באַוויזנ איינער אינ אַ העל־גרינ העמדל, אַפ זײַנע הענט — אַ גרויסער פּאַק עקזעמפּליאַרנ פונ דער שוואַרצמייעדיקער צײַטונג, — אויסגעזוענ צעיאָצט, רויט־פּאַרשוויצט, געבליקט מיט אויגנ פונ אַ גרויסנ באַלפּידיענ און אויסגעשריגנ די נײַסנ וועגנ געהאַרגעטנ נאָוויצקינ — הויכ און אײַליק, ווי אינ מאָמענטנ, ווענ אַפ דער וועלט קומענ פאָר ערדציטערנישנ אָדער גרויסע מילכאָמעס:

„וואָס דערציילט דער דוואָרניק אַנדריי וויונ פונעם הויז נומער 17 אַפ זשוקאָווסקי!“

„און וואָס האָט מיט די אייגענע אויגנ געזענ לוקעריאַ פּאָלישטשוק, וואָס וווינט אינ אָנהייב פייגערלווקע!“

קוינים האָט ער געהאַט ווייניק.

געראַטעוועטע אַפּרעל־וואַרעמקײַט, אַז זי געראָט אינ אַ קילנ ווינטיקנ טאָג, איז זי אײַנערגעץ אינ שטאָט ניט אַזוי אָנגעלייגט, ווי באַמ סאַמע ברעג טײַכ — דאָ, ווו מע לאָדט אָנ בוקסירנ, דאָ, ווו אַ סאַכ פּולע און אויסגעליידיקטע באַרזשעס — אַ גאַנצ יאַמ־שטעטל — שטופּנ זיכ אינ גרויס ענגשאַפט צומ ברעג און זײַגענ עפּעס אַי מעסוקנ אײַליקע, אַי זיי האָבנ אָנ שיר צײַט, געראָטנ אינ דער אַרומיקער פליסיקײַט, געראָטנ אינ ווײַטנ יאַמ, וווהינ דער טײַכ גיסט זיכ אַרײַנ. פּריש־אויסגעוואַשנ גרעט, אַז סע ווינטלט זיכ דאָרט אַפ אַ באַרזשע, ציט עס צו זיכ פונ ברעג דאָס אויג, ווי צו עפּעס רעכטס, און וועגנ ווײַבער, וואָס צעהענגענ דאָרט גרעט — ווײַבער, וואָס פאָרנ אַפ באַרזשעס אײנײנעמ מיט זייערע מאַגענ, — טראַכט זיכ פונוויײַסנס, ווי וועגנ איבערמענטשלעכ־יעיצערהאָרעדיקס און איבערמענטשלעכ־בעריעשעס, זיי מעגנ אינעמעסנ זײַנ אָפּגעלאָזנ, צעקנייטשט און אַפילע מיִעס.

ווי אַלעמאָל אינ אַזאַ טאָג האָט זיכ ביסלעכווײַז באַמ האַפנ אָנגעקליבנ אַ היפּש ביסל ליידיקגייערישע יאָדער־קנאַקער, קימאַט נישט געריעדט צווישנ זיכ, געשטאַנענ, געקוקט אַפנ טײַכ, אַפ באַרזשעס, אַפ שיפנ, וואָס קומענ אָנ און גייענ

אָפּ ארופ און אראָפּ וואסער. דער צײַטונג-פארקויפער — צווישן זיי. דער ווינט האָט אָפּגעטראָגן זײַנע ווערטער אין אן אנדער זײַט.

ארום פיר אזייגער באטאָג איז דאָרט, ווי עס טרעפט בא האפנס, זיך פאר־לאָפן א שטיקל געשעעניש. מיט א שיפ זײַנען צווישן פיל פאסאזשירן אָנגעקו־מען א סטודענט מיט א מיידל —ביידע נאָך זייער יונגע, שעמעוודיק־פארליבטע. א באָסיאטשקע פון ברעג, שוין נישט גאָר קיין יונגע, א ברודיק־אָפּגעריסענע — א צעגעסן איבערבלײַבעכץ פון מאנצבלש-געזעטיקטע טײַוועס — האָט זיי דערזען און, אפּצעלאָכעס, גענומען גיין פאר זיי מיט צוריקטריט, אפּצעפּוקעניש זייער יונגער שעמעוודיקער פארליבטקײַט זיך געקרימט און מיט מיִעס־אויסגעלאסענע טנועס באוויזן דעם פּאָרל, וואָס א ייִנגל מיט א מיידל דארפן טאָן. דאָס פּאָרל האָט געפּרוווט אָפּקערעווען אין איין זײַט, אין א צווייטער. יענע איז זיי אָלץ פארלאָפן מיט כויזעק דעם וועג. דאָס זיבעצן אָדער אכצניאָריקע מיידל האָט זיך פארלוירן, נישט געוווסט, ווו זיך מיט איר בושע אהינטאָן. זי איז שטיין געבליבן, א נעם געטאָן ביידע הענט צום בלאס געוואָרענעם פּאָנעם און פלוצלינג, אומגע־ריכט פאר זיך אליין, זיך פאנאנדערגעוויינט.

— איך וויל ניט! — האָט זי געשריגן, — איך וויל ניט!.. איך וועל עס גע־דענקען מײַן גאנץ לעבן...

דער יונגער סטודענט, א שווארצער מיט א לענגלעכ־ייִדיש פּאָנעם, האָט בא־שיצט דאָס מיידל.

— גיי אוועק! — איז ער אין קאס געוואָרן אפּ דער באָסיאטשקע, — די רע־גע זאָלסטו אוועקגיין!

נאָר יענע איז זיך ערשט פאנאנדערגעגאנגען. אין איר האָט געברענט דער האס און דער כיישעק צו פארשוועכן דאָס, וואָס אין איר אליין האָבן אָן שום ראכמאָנעס פארשוועכט אנדערע — די מיִעסע טנועס, וואָס זי האָט פריִער געמאכט מיט די הענט, האָט זי איצט געמאכט אויך מיטן מויל, מיטן גאנצן פּאָנעם, מיט אלע רירעוודיקע טיילן פון איר קערפּער.

— פארנעם זיך פונדאנען! — האָט אָנגעטראָטן אפּ איר דער סטודענט, — קיין זייכער זאָל דאָ פון דיר ניט בלײַבן!

ער האָט א כאפּ געטאָן די באָסיאטשקע פארן ברודיקן קאָפּטל. יענע, פאר־ווילדעוועט און דאר, ווי א מאָגערע הונט, איז אים ארײַן מיט די נעגל אין פּאָ־נעם. דאָס קאָפּטל אפּ איר האָט זיך צעריסן. בלאס, שווער אָטעמענדיק, האָט דער סטודענט א ווײַלע כאראָטעדיק געקוקט אפּ איר ברודיקן לײַב, אפּ אירע אנט־פּלעקטע, אויסגעזינדיקט־שלאבעריקע ברוסטן, אפּאָנעם, כאראָטע געהאט, וואָס ער האָט גאָר מיט איר זיך אָנגעהויבן; נאָר פּלוצלינג, פארגעסן אָן דער כאראָטע, אונטערגעשפּרונגען אויף איר דערלאנגט א שטויס מיט א פוס. זי איז אומגעפאלן מיט גרויסע גוואלדן.

— זשיד!..

— זשידי ביוט!

זי האָט זיך געמאָרדעוועט, זיך געגראָבן מיט די נעגל אין דער ערד און גע־קוויטשעט, באקלאָגט איר לעצט שטיקל נעקאָמע, וואָס איז צו שטאנד ניט גע־

קומענ. פונ אלע זייַטנ האָבנ א יאָג געגעבנ ליידיקגייערשע יאָדער־קנאקער, געוואקסנ ארומ איר אינ אנ אלצ גרעסערער אונ גרעסערער געדיכטעניש.

דענסטמאָל האָט דאָ זיכ נאָכאמאָל באוויזנ דער צייַטונג-פארקויפער אינעמ העל־גרינעמ העמדל, מיט א רויט־פארשוויצטנ פּאָנעמ זיכ געשטופּט צומ מיטנ ראָד אונ אויסגערופנ, ווי לעצטע נייַעס:

„יידנ האָבנ געהארגעט נאָוויצקינ... נאָוויצקינ האָבנ געהארגעט יידנ!...”

איצט האָט מענ בא אימ די צייַטונג געקויפט, געשלעפּט, געכאַפּט.

דער פארדראָס, אלעמייַ דערלאָזט מענ, אז יידנ זאָלנ ווערנ „פּאָדלע”, האָט זיכ באלד אויסגעמישט מיטנ פארדראָס, אלעמייַ דעמ יידישנ סטודענט האָט זיכ אייַנגעגעבנ אוועקלויפנ פונדאנענ בלויז מיט אָפּגעריסענע לאצנ אונ מיט א צעירשעטנ אויער.

אינ בייזע געדיכטע רינגענ איז מענ געשטאנענ אונ געהערט פונ יענע, וואָס קענענ א צייַטונג לייענענ: יידנ פארגיסנ אכזאָריעסדיק רוסיש בלוט, פארכאפּנ אלע גרינגסטע פארנאָסעס, קריכנ ארויס הינטנ־ארומ, ווערנ באלעבאטימ אפנ רוסישנ מענטשנ, מאכנ זיכ זייערע אייגענע „באָיעווויע דרושינעס”, וואָס רופנ זיכ סאָציאליסטנ, הארגענענ אינמיטנ טאָג דעמ נאדזיראטעל נאָוויצקינ, אונ אָט וואָס וועגנ דעמ דערציילט דער דוואָרניק פונ הויז נומער 17 אפ זשוקאָווסקי... אונ אָט וואָס מיט די אייגענע אויגנ האָט געזענ די רוסישע לוקעריא פּאָלישטשוק...

דאָ ניט ווייַט באמ ברעג האָט זיכ גראָד געפונענ דער אָנגעשטעלטער פונ לעווינסאָנס דערבייַיקער מיל פישל קראָכמאלסקי — א בלאָנד-צעטראָגנ מענטשל מיט קורצע פיסלעכ אונ מיט זייער א נידעריקער ריע. צווישנ די פיל אויסגעלאָדענע זעק מיט וויַיצ, וואָס לעבנ איינער א גרויסער בארזשע, איז ער ארומגעלאָפנ, ווי א ווירזלטירעלע, קורצזיכטיקערהייט מיטנ שטיכער אינ האנט, אראָפּגענומענ פּראָבעס, גיכ-גיכ איבערגעקוקט די קערנער אינ זשמעניע, אונ גיכ זיי געוואָרפנ אינ א טאָרבעלע. ער האָט געהאט א פולע שטוב מיט קינדער אפ דער נאבערעזשניע אונ זיכ געייַלט — ער האָט באדארפט געבנ פּארנאָסע, ער האָט געארבעט פונ שטיק.

א טעווע בא פישל קראָכמאלסקינ:

ווי קלאָר ער זאָל ניט הערנ, וואָס מע זאָגט צו אימ, מוז ער פונדעסטוועגנ איבערפרעגנ, זייער אויסגעצויגנ אונ זינגעוודיק:

א — א — א?

אזוי איז אויכ געווענ איצט, ווענ פישל, ביז-גאָר פארטאָג אינ זייַנ ארבעט, ניט וויסנדיק גאָר, אז צווישנ ארומיקנ אוילעמ קומט עפּעס פאָר, האָט פּלוצלינג דערפילט, אז מע פארטשעפּעט אימ פונ הינטנ מיט זייער א קרעפטיקנ באשטיוולטנ פוס — פישל איז אומגעפאלנ, געבליבנ ליגנ אפנ בויכ אונ דאָ אפנ אָרט, זייער אויסגעצויגנ אונ זינגעוודיק, א פרעג געגעבנ:

א — א — א?..

ווי אינ ענטפער אפ דעמ, האָט דער אייגענער קרעפטיק-באשטיוולטער פוס א טראָט געטאָנ אפ פישלס קריזשעס אונ אפ זייַנע ליטקעס.

— מענטש איינער! — האָט ניט מיט זייַנ קאָל א געשריי געטאָנ פישל, — וואָס טוט איר? איר ווייסט וואָס איר טוט?

אין דער זעלבער צײַט האָבן מענטשן באַם פאַנאַנדערגיין זיך שוין געהאַט זיך א רוק געגעבן צו פאַרשיידענע גאַסן, וואָס גייען ארויס צו דער „נאַבע־רעזשניע", זיך געלאָזט אהין בינטלעכווײַז און איינציקווײַז. מער וואָלט שוין עפּ־עס גאָרנישט ניט געווען געשען, ווען פּונקט אקעגן די וועקגייענדיקע זאָל פון איינער א גאַס ניט געווען אָנקומען גראָד שמעלקע יאמפּאָלער — א ייד מיט זייער א פלאַטשיקן סייכל, מיט א פּאָנעם, וואָס באַשטייט דעריקער פון שווארצע פרומע באָרד־און־פּייעס און האָט אין זיך עפּעס פונעם יויזל און זעט שטענדיק אויס פאַרדווייקעט, ווי ער וואָלט כאַפּן מאַלאָכים. שטענדיק, באַם באַגעגענען זיך אין גאַס מיט פאַרמעגלעכע ייִדן, צעשמייכלט זיך זײַן פּאָנעם פון עמעס גרויס היס־פּײַלעס, פון עמעס גרויס גליק, וואָס אָט... זע נאָר!.. פאַראַן טאַקע אַפּ אַן עמעס יידישע גווירים אַפּ דער וועלט! ער איז א „קאָלעקטער" פון בראָונשווייַ־גער צעטלען, און די טאַלעסקאָטנס מיט די בינטלעך ציצעס, וואָס ער טראָגט מיט זיך שטענדיק צום פאַרקויפן, זײַנען באַ אים ניט מער, ווי אַן אויסרייד אַפּ צו האָבן צו יעדער צײַט אַן אַרײַנגאַנג אין ייִדיש־גווירישע הײַזער. באַ די ערש־טע קלעפּ, וואָס שמעלקע האָט באַקומען פון די אנטקעגן־אָנגעקומענע יאָדער־קנאַ־קער, האָט ער זייער הויך און זייער טשיקאַווע א מעקע געגעבן, ווי א ציג, און טאַקע גראָד דאָס איז, אַפּאָנעם, שטאַרק געפעלן געוואָרן דעם צוקומענדיקן אוילעם. שמעלקען האָט מען דאָרט געשלאָגן, זייער קאַלט און ניט געכאַפּט, ווי בלויז צוליב דעם, ער זאָל נאָכאַמאָל א מעקע טאָן. שמעלקע יאמפּאָלערס אויגן, בייס מע האָט אים געשלאָגן, האָבן די גאַנצע צײַט געקוקט ארויף, און געזען האָבן זיי פאַרגלאָצטערהייט, ווי אין הויך־ראָזעווער ראַכוועס אין עק אויסגעלײַטערטן הימל זעצט זיך די זון, זייער א גרויסע, א שעמערירנדיקע — א זון־זעצן־זיך, וואָס קאָן זיך שוין נאָכדעם געדענקען אייביק, אייביק ביזן סאַמע טויט.

ניט ווײַט פונעם אָרט, וווּ מע האָט געשלאָגן שמעלקען, האָט לעבן די טרעפּלעך פון איר טיר געטרייסלט א קליימל א קרענקלעך אויסגעמאָגערט ווײַבל. אין הויף, ווו זי וווינט, רופט מען זי „די קוואַסנעכע". מע ווייסט, אַז באַ איר מאַן דעם פאַרדינער איז זי געהויכט און געקרוינט, כאָטש זי האָט אים קיין קינדער ניט און פאַרדינט אים גאָרנישט ניט צו אין שטוב אַרײַן. אָנשטאָט קינ־דער האָבן, פאַרהענגט זי אים די ווענט מיט הייליקע בילדער און הייליקע האַנ־טעכער, זינגט אַלע זונטיק אין כאָר אין קליינעם קלויסטער, וואָס לעבן „איוואַ־נאָווסקי ספּוסק" און הערט, ווי דער גאַלעך כריסטאָפּאָר רעדט אין זײַנע „פּראָ־פּאָוויעדן" וועגן דעם, אַז ייִדן זײַנען א שעדלעכע אומע. קימאַט דאָס אייגענע הערט זי אָפט פון איר מאַן, וואָס פאַרמאָגט אייגענע פיר פינדיוגעס און האָט פיל אויסצושטיין פון דער גרעקאָווקער טראַנספּאָרט־קאָנטאָר „עפּשטיין און זין". זי האָט פרום דערציילט דעם שטיינגעבליבענעם אוילעם, אַז איר שכיינעס שטיפ־מיידל האָט זיך נאָרוואָס אומגעקערט פונעם טאָלטשאָק — אָט נאָרוואָס צוריק מיט א פּאָר געציילטע מינוט.

— שווערט דאָס מיידל, אַז ייִדישע מאַמזיירים, פון יענע, וואָס העלפן זיי־ערע עלטערן אהיים־טראָגן פון טאָלטשאָק די סכוירעס, האָבן דאָרט געוואָרפן שטיינער אַפּן נײַעם סאָבאָר. איינער פון זיי האָט געטראָפן אין דער סאַמע גרעס־

טער שויב און זי צעקראַכט, און נאָך ווי צעקראַכט! — אַפ פיצפּיצלעך!.. און גאַרנישט... דער רוסישער מענטש, — האָט זי געזאָגט, — קומט אָפ מיטן וואָרט „זשיד" און שוין, און יענע טוען, וואָס זיי ווילן... אָט דרייען זיך דאָ אַרום אַזויפיל רוסישע מענטשן... מע זאָל כאָטש צוגיין צום סאָבאָר אָפריכטן אַ ספּילע... איך בין אַן עמעס־רוסישע, — האָט זי געזאָגט, — אַן עמעס־גלויביקע — מיר עקט זיך מאַמעש דאָס כײַעס.

דאָס האָט פאַרדראָסן אײנעם צווישן שטײנגעבליבענעם אוילעם — אויך אַן עמעס־רוסישער און עמעס־גלויביקער. ער איז דאָ געשטאַנען צווישן הײַפל מענטשן אַרום דער צוגעקומענער באָסיאַטשקע, וואָס האָט געוויינט און דערציילט, וויאַזוי די זשידעס האָבן זי נאָרוואָס געשלאָגן. דער באָסיאַטשקעס געוויין האָט אים אָנגערירט באַם האַרצן.

— און דו ווו ביסט? — האָט ער מיט שטעכיק־בייזע אויגן באַקוקט דעם פרומען ווײַבלס קרענקלעך געל פּאָנעם, — פאַרוואָס טוסטו אַלײן גאָרנישט? ביסט, דאַכט זיך, אַ רוסישע גלײַך מיט אַנדערע. אַנדערע שיקסטו צום סאָבאָר און אַלײן קלאַפּסטו דיר דאָ דײַן קיליעמל...

— איך?

דאָס ווײַבל האָט זיך טיפ באַליידיקט:

— וואָס זשע? נאָר אין מיר געוועןדט זיך עס? איך זאָג זיך דען אָפּ?

זי האָט אַפּגיך אַרײַנגעטראָגן דאָס קיליעמל צו זיך אין קיך, אַרויסגעקומען פון דאָרט מיט אַ שטיקל צעלעכערטן שאַרפ אַפן קאָפּ און מיט אַ היפש הייליק בילדל אין די הענט. זי האָט אופגעהאַנגען אַ שלעסל אָפ איר טיר, שטאַרק, גאָרנישט ווי אַ קראַנקע, אַ פרווו געגעבן, צי דאָס שלעסל איז גוט פאַרשלאָסן און דערבײַ, ווי אַ מענטש, וואָס וועט ניט לאָזן טרײַבן מיט זיך קאַטאָוועס, געזאָגט צום אוילעם:

— אויב שוין יאָ גיין צום סאָבאָר, איז קומט אַלע... וואָס קוקט איר מיך אָן, ווי די גלאָמפּן?

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. דאָס ווײַבל האָט געקוקט אַפן אוילעם, דער אוילעם האָט געקוקט אַפן ווײַבל. די ערשטע האָט פון צווישן דעם הײַפל מענטשן זיך אַרויסגעשאַרט די שטאַרק פאַרווײנטע באָסיאַטשקע. זי האָט מיט אַ בלאָנדזשענדיקן בליק אַ קוק געגעבן אָפ איר אייגענעם אָפּגעריסן צעכראַסטעטן היילעך, באַנײַס קורץ און צעבראָכן אַ כליפּע געטאָן, דערנאָך האָט זי אַ שאַר געגעבן מיט ביידע הענט אָפ איר ברוסט, ווי אָפ צו פאַרשטעלן די נאַקעטע ערטער, צוגעגאַנגען צום ווײַבל און פרום אָנגענומען דאָס הייליקע בילדל פאַר דער אַנדערער זײַט.

— נו? ווער גייט? — האָט געפרעגט דאָס קרענקלעכע געלע ווײַבל.

עס זײַנען געגאַנגען נאָך איר באַ אָנדערהאַלבן צענדליק מענטשן. זי און די באָסיאַטשקע — פּאָרויס מיטן הייליקן בילדל אין די הענט, יענע נאָך זיי. מע האָט פאַמעלעך אַראָפּגענייגט פונעם טראָטואַר און זיך גערוקט מיטן געפּלאַסטער — אַ קליינע פּראָצעסיע צווישן צוויי שורעס יונגע, נאָך ניט גוט צעגרינטע קאַשטאַנענביימער אין ביידע זײַטן גאַס. דאָס געלע ווײַבל, צוגעווײנט צו פרומע געזאַנ־

גענ אינ קלויסטער, האָט א פּרווו געגעבנ איר קאָל. דרײַ — פיר צווישנ נאָכגייענדיקנ אוילעם האָבנ אונטערגעהאלטנ. מענטשנ פונ פארבײַיקע רוסישע הויפנ האָבנ זיכ דערפרעגט:

— וווהינ גייט מענ?

מע האָט זיי געענטפערט:

— אָפּריכטנ א טפילע אינ גרויסנ סאָבאָר.

דורכגייער האָבנ זיכ געוווּנדערט:

— וואָס איז געשענ?

מע האָט זיי געזאָגט:

— יידישע מאמוירים האָבנ באוואָרפנ דעם נײַעם סאָבאָר מיט שטיינער.

די פּראָצעסיע האָט אָנגעקלעפּט ארומ זיכ נײַע אונ נײַע מענטשנ. גאָראָדאָווויענ אפ די פּאָסטנס האָבנ איר אָפּגעגעבנ קאָוועד מיט איבערציילעמענ זיכ. שלאבעריק-שוואכ איז געגאנגענ דאָס קרענקלעכ געלע ווײַבל, אויסגעזענ אינ צעלעכערטנ שארפ פּונקט אזוי טויטלעכ, ווי דאָס הייליקע בילדל פארבײַ איר האנט. לעבנ איר האָט די צעגעסענע באָרוועסע באָסיאטשקע געטראָטנ א ביסל מיט א זײַט, ווי עמעצער וואָלט זי די גאנצע צײַט געוואָלט אוועקטרײַבנ, נאָר זי וויל דאָס בילדל ניט אָפּלאָזנ. איר אויסגעמאָגערט ברודיק לײַב האָט זיכ געקאָרטשעט, ווי פונ א ווינטערדיקנ פראָסט אינדרויסנ. טרערנ פונ עלנט זײַנענ גערונענ פונ אירע קאליע אויגנ אונ נאס געמאכט דאָס געגלאָזטע רעמל אפנ בילד. איזוואָזטשיקעס, בינדיוגעס מיט מאסע האָבנ אָפּגעטראָטנ דעם וועג. ווײַסע-כעווריניקעס פונ די גאסנ זײַנענ אינ צעשאָטענעם געמיש נאָכגעלאָפנ מיט די טראָטוארנ אינביידע זײַטנ. די באָסיאטשקע האָט אופגעהויבנ א געוויינ. דער נאָכגייענדיקער אוילעם, גערירט ביז טרערנ, האָט פארשטארקט דעם פרום-ציילעמדיקנ געזאנג.

ווענ די פּראָצעסיע איז ארופ אפ ברודנע־גאס — א גאס מיט מיטעלנ יידישנ האנדל — זײַנענ דאָרט די קראָמענ צו פארנאכט־צו שוינ קימאט אלע געווענ געשלאָסנ. ארבעטנדיקע יידישע פּאריקמאכערס האָבנ אינ איילעניש, ווי ערעוו א פּאָגראָם, אראָפּגעלאָזט א שטאָר נאָכ א שטאָר. אפ דער גרעקאָווקע האָט וועגנ דער פּראָצעסיע זיכ דערוווּסט דער גאבע פונ דער העקעשער שול אונ אָנגעקלונגענ אינ טעלעפאָנ צום ראָוו מייערסאָנ. יענער האָט אָנגעקלונגענ צו כארשאקנ, כארשאק צום רויטנ האָרענבערג. דער רויטער האָרענבערג האָט אָנגעקלונגענ צום פּאָליצמייסטער. דער פּאָליצמייסטער האָט געענטפערט, אז ער ווייסט שוינ — אז ער האָט שוינ געטאָנ, וואָס מע דארפ.

ס'איז געווענ א פארנאכט אזא אינמיטנ א שטאָט, וואָס רײַסט אפ קיינ רעגע ניט איבער דעם טומל פונ אירע לעצטע טאָג-שאָענ.

בארג-אראָפּ פונעמ הויכנ פארױסנ־שייגעמ טייל שטאָט האָט צו דער גרעקאָווקע־צו רויק געריטנ א גרופּע רײַטער אפ פערד — געריטנ זייער פּאמעלעכ, געהאט צײַט, פארקערעוועט צום טאָלטשאָק, געטראָפנ לעבנ נײַעם סאָבאָר א גרויסנ אוילעם, וואָס האלט ערשט אינ וואקסנ. פאָרלעכווײַז זײַנענ די רײַטער אוועק צו יענע ערטער, ווו מע איז פריער באפאלנ יידנ, אונ געהייסנ דעם אוילעם זיכ פאנאנדערגיינ. ס'האָט אָנגעהויבנ צו ווערנ פינצטער.

ס'איז געווען א פארנאכט אזא אינגמיטן א גרויסער שטאָט, וואָס קילט צו נאכט-צו איר הייסן גערויש.

א באָסיאטשקע אין גרויסן סאָבאָר האָט, ניט אָפּרײַסנדיק די אויגן פון דער הויכער צעבראָכענער שויב, באוויינט די צעבראָכנקײַט פון איר צעגעסן לעבן, און אין איינעם פון די געמיינע שולכלעך, וואָס אפ דער גרעקאָווקע, איז פארכאלעשט געלעגן דער צעהארגעטער שמעלקע יאמפּאָלער, געווען גרייט צו שמייכלען פון עמעס גרויס גליק, פון עמעס גרויס היספּײַלעס, וואָס אָט, זע נאָר!.. פאראן טאקע אפ אן עמעס ייִדישע גווירים אפ דער וועלט. און זײַנע פארגלאָצטע אויגן האָבן נאָך אלץ געזען, ווי אין הויך־ראָזעווער ראכוועס זעצט זיך א זון, א גרויסע, א שעמערירנדיקע — עפּעס זייער און זייער א באקאנט זון־זעצן־זיך, ווי אין די צײַטן פון דער אלטער ביבל־שטאָט, גיוווין.

2

אין יענעם זעלבן פארנאכט, אין דעם הויכן טייל שטאָט, האָט דער עלטערער פון די קינדער באם צוקער־מעקלער יאָסל גורליאנד — א פריש-געענדיקטער גימנאזיסט, א בלאסלעך־ברוינער מיט א שמאָלן פּראָפיל פון א יונגן צעטראָגענעם פידל־שפּילער — פארשלעפּט צו זיך אהיים קימאט דעם גאנצן קרײַז „צו שטודירן די ייִדישע געשיכטע“.

ניט ווײַסנדיק נאָך, צי אפ דער גרעקאָווקע האָט עפּעס פּאסירט, האָט ער הינטער א פאָרהאנג, וואָס צעטיילט בא זיי אין ווױנונג א צימער אפ צווייען, אוועקגעזעצט אין כאפּעניש, וועמען ארום טישל, וועמען אפ זײַן בעט און גלײַך געעפנט די זיצונג:

— וועגן אָנטייל פונעם „קרײַז“ אין דער אזקאָרע נאָך די קישעניעווער הארוגים. ס'האנדלט זיך וועגן א פּראָטעסט אקעגן דער פּאָגראָם־העצע ארום געהארגעטן נאדזיראטעל נאָוויצקין.

בערל לייטמאן, א קויטיקלעך-אָרעמער באָכער, ניט לאנג געקומען פון ארום כערסאָנער ייִדישע קאָלאָניעס עקסטערנעווען — האָט, צוקנדיק מיט א ברעם און מיט א גאנצער באק, פאָרגעלייגט:

— פארוואנדלען די אזקאָרע אין א דעמאָנסטראציע קעגן ייִדישע באגרענעצונגען ביכלאל.

בעניע גורליאנד האָט צו וויסן געגעבן, וואָס צוליב דעם איז שוין אָפּגעטאָן געוואָרן: ער און גרישע פליישער זײַנען געווען בא זשעניע אָסטראָווסקי. זשעניע האָט געקלונגען צו קאדיסאָנען, קאדיסאָן — צו כארשאקן, כארשאק — אאוו. אאוו. — ביז צו שאוולען.

— שאוולס אלע קאָנטאָרן וועלן שאבעס צו דער אזקאָרע זײַן געשלאָסן.

די מיטגלידער פון „קרײַז“ — קימאט אלע פריש־געענדיקטע גימנאזיסטן מיט ווייניק שאנסן, מע זאָל זיי צונעמען אין אוניווערסיטעט — האָבן ניט אלע גלײַך באנומען, מיט וואָס דאָס אלץ קער זיך אָן מיטן גוירל פון יעדן פון זיי. די זאָרג, וואָס נאָכן ענדיקן די גימנאזיע האָבן זיי ניט וווהין זיך אהינצוטאָן, איז עפּעס מאָדנע צונויפגעפאלן מיט די צאָרעס פון קישעניעווער פּאָגראָם, מיט דער

מוירע פאר א פּאָגראָם דאָ אין שטאָט. זיי זײַנען דערפון מיטאמאָל פארטומלט גע־וואָרן, פארשמעלייעטערהייט זיך אונטערגעגעבן דעם יונג־צעטראָגענעם בעניע גורלאנד, וואָס איז א ביסל א דרייער, געראָטן אין זײַן פֿאָטער — עפּשער וועט ער עפּעס אויסדרייען... ט׳האָט ער, ווי א זאווערוכע, אָנגעדרייט א גאנצע ריי טעלע־פאָנען דאָ אין שטאָט און זיך דערשלאָגן, אז די קלאַנגען וועגן דער אזקאָרע זאָלן דערגיין אזש ביז צו שאולען; ט׳האָט ער הײַנט באוויזן צו פארשלעפּן אהער אף דער זיצונג פונעם „קרײַז" דעם אינגאנצן אסימילירטן יונג־געוויקסיקן סטודענט יולי בירנבוימען, אים געבראכט אהער, ווי אף מעגײַער צו זײַן. יולי בירנבוים האָט דאָ דערקלערט:

— איך בין מיט אײַך, דער קישעניעווער פּאָגראָם האָט מיך אומגעקערט צו־ריק צו מײַן פאָלק.

און אף יוליס פֿאָטער, דעם היגן פאבריקאנט פון ערד־מאשינעס, זאָגט מען גאָר, אז ער האָט שוין לאנג ארויסגענומען א קאראַים־צעטל. הייסט עס, בע־ניע גורליאנד קאָן ווירקלעך צונויפירן א וואנט מיט א וואנט. ט׳האָט ער הײַנט פון ערגעץ פארשלעפּט אהער איינע א קישעניעווער מיידל מיטן נאָמען אדא פינקלשטיין — א יונגע, א שווארצכיינעוודיקע מיט א ברוינער פארויסלטקײַט אין פארהיצטן פּאָנעם, מיט א האלב־ראכמאָנעס־געבעטע אין די גליענדיקע אויגן. אליין איז זי פון קישעניעוו צי פון אָדעס. אין אָדעס לערנט זי, — זי האָט וואָס צו דערציילן דאָ דעם „קרײַז" וועגן קישעניעווער פּאָגראָם. צווי — דרײַ כיינעוודיקע פלאַכלעך אין פארקרײַלעכטן עק פון איר נאָז האָבן געפלעפּט ארום איר די פאר־זאמלונג, דערמאָנט אָן ארומיקע רוישיקע און שטילע גאסן, אָן ווארעמע אָוונט־רייכעס, דערמאָנט יעדערן אין „קרײַז", אז ער האָט דאָרט געלאָזט אף העפקער זײַן יונגן כיילעך פריליגג, דערמאָנט, ווי גוט ס׳וואָלט געווען, ווען מע לאָזט לעבן, ווען מע נעמט ארײַן אָן יידישע באגרענעצונגען אין אוניווערסיטעט.

3

פון דער שטאָט, פון נאָך אלע פארנאכטיקע אָפּעראַציעס און בירזשעס, האָט צו זײַן פארשפּעטיקטן מיטיק זיך אומגעקערט בעניע גורליאנדס פֿאָטער דער צוקער־מעקלער — א לאנגער, נאָך ניט קיין אלטער. הינטערן פאָרהאנג, אף די פארזאמלטע יונגעלײַטלעך האָבן זײַנע בלוילעכע אויגן א קוק געגעבן א ביסל שפּאָטיש, א ביסל צופרידן — ער האָט געהאט נײַעס:

— שאול האָט זיך פארינטערעסירט מיטן נאָוויצקי־מאָרד... א סאָד־זאך: דער אדוואָקאט באָראָווי האָט פארפירט א שטילע אויספאָרשונג.

זיך א שאָקל געטאָן, ווי איינער זאָגט:

„טוט, קינדער, אײַערס, — איך וועל ניט שטערן".

און באלד אוועק צום קלינגענדיקן טעלעפאָן — א פליענדיקער, צעטראָגענער און צעראשטער.

מער ווי א מינוט איז ער אף איין אָרט קיינמאָל ניט אײַנגעשטאנען. זײַן גען־געלע — א משיקאָווע: א גענגעלע פון א מענטשן, וואָס האָט שפּילקעס אין די

פיאטעס. אינ קליינעמ שטעטל, ווו ער האָט אמאָל געוווינט, האָט ער געהאט א צונעמעניש: „יאָסל מיסכער". דאָ, אינ דער גרויסער האלב-יִדישער, האלב־קריסטלעכער שטאָט, האָט מענ אימ גערופנ פּאָשעט:

יאָסל גורליאנד.

נאָר מענטשנ, וואָס קאָנענ אימ, דערפילנ זיכ דאָכ א ביסל אומרויִק שוינ בלויז פונ דערמאָנענ זײַנ נאָמענ. גרעסערע צוקער־אָפּעראציעס פארשלעפּנ אימ אָפּט, ווי א וויכער, אינ גאנצ ווײַטע שטעט. פונ וועג שרײַבט ער אהיימ זייער אײַליק, זייער גיכ. אינ זײַנע בריוו צו קונדנ שרײַבט ער אָפּט צו שוינ גאָר צומ סאָפ, נאָכ דער כסימע:

„Подробности в телеграмме".

אפ דער צוקער-בירזשע האלט מענ אימ פאר אנ אָרנטלעכנ, פאר א וואָרטמאנ. בלויז איינ מאָל האָט געטראָפנ: דער גראפּיניע טרובעצקויס וועקסלענ, וואָס ער האָט אפ א גרויסער סומע ארײַנגעטראָגנ אינ א באנק, זײַנענ געווענ פאלשע. נאָר ערשטנס, ווי ס'האָט זיכ נאָכדעמ ארויסגעוויזנ, האָט די כסימע אפ די וועקסלענ נאָכגעמאכט ניט ער אליינ, נאָר א געוויסער ליפּאָוויצער ייִד; צווייטנס, האָט ער די וועקסלענ ארײַנגעטראָגנ אינ באנק נאָר פאר א מאשקנ; דריטנס, האָט ער אָפּגעטאָנ די זאכ קלוג, גוט פארדינט אונ ארויס פונ איר ריינ — ער האָט דערפונ געקראָגנ א נאָמענ אפ דער צוקער־בירזשע, באקומענ א גרויסע קלִיענטור, געוואָרנ א גרויסער פארדינער. דאָכ, וויפל ער פארדינט ניט, בלײַבט ער שטענדיק א קאפּל „דערונטער". געלט שיט זיכ בא אימ דורכ די פינגער, די הויצאָע בא אימ אינ דער היימ איז זייער א גרויסע. ער אליינ זאָגט וועגנ זיכ:

— גוט, וואָס איכ האלט ניט קיינ בוכהאלטער,—לויט בוכהאלטעריע האָב איכ, דאכט מיר, שוינ אָנגעזעצט נאָכ צוריק מיט א יאָר צענ.

אינ זײַנ ווינונג — א געדונגענע אינ א פילגאָרנדיקנ הויז ניט ווײַט פונ צענטער — זײַנענ פאראנ א סאכ צימער, א סאכ קינדער, א סאכ בעטנ אונ בעטלעכ פאר באקאנטע אונ קרויווימ אונ באקאנטע פונ קרויווימ, וואָס קומענ פונ קליינע שטעטלעכ, ווער — צוליב געשעפט, ווער — זוכנ פארנאָסע, ווער — זיכ מאכנ אנ אָפּעראציע אָדער אויסקליידנ א קינד צו דער כאסענע. וויבאלד זיי קומענ אראָפּ, נעכטיקנ זיי דאָ וואָכנווײַז, ווי אינ אנ אומזיסטיק-היימישער אכסאניע, פילנ אָנ די צימער מיט זייער זינגעוודיקנ שלעכטנ רוסיש אונ מיט זייער ווערטלדיק-גלאטנ ייִדיש, האָבנ שטענדיק פארדרייטע קעפּ פונ אייגענע גליקלעכע אומגליקנ אונ פונ פרעמדע אומגליקלעכע גליקנ, וויינענ באמ אוועקפאָרנ — דערהויפּט באמ געזעגענענ זיכ מיט יאָסל גורליאנדס ווײַב, וואָס איז געבליבנ א קליינשטעטלדיקע אונ גלייבט בעעמעס, אז וואָס מער מענטשנ זי נעמט אופ בא זיכ אינ שטוב, אלצ מער באגליקט גאָט איר מאנ. זיי פארגעסנ דאָ רענצלעכ אונ שטעק-שיכ, פארכאפּנ מיט זיכ באמ אײַלנדיקנ אוועקפאָרנ פרעמדע קישנס אונ פרעמדע גאטקעס, פארבײַטנ זיכ שיר ניט מיט די קינדער. צווישנ אָט די אלע געסט דרייט זיכ דאָ ארומ א פארצײַטיקע עטלעכע-אונ-אכציק־יאָריקע זקיינע — יאָסל גורליאנדס ווײַבס א באָבע — א קליינוווקסיקע, א פולבלעכע, א בלוילעכ־פארויסלטע. זי איז שטענדיק ציכטיק-אויסגעשלייערט אינ א ווּנקל זײַדנ טיכל, זעט אויס, ווי באלזאמירט, שלאָפט שוינ זייער ווייניק אונ נאָר

באַטאָג — גאַנצע נעכט שפּאַנט זי אַרום זייער פּאַמעלעך פון איין צימער אין צווייטן, שאָקלט דערביי פון מאָל צו מאָל מיט די ליפּן, ווי זי וואָלט שטענדיק ציילן די מענטשן אין שטוב:

— קיין איינאָרע, ניט איינס, ניט צוויי, ניט דריי...

גאַנצע נעכט לאָזט מען דעריבער אומעטום ברענען די עלעקטרע, וואָרעם אין דער פינצטער קאָן די אַרומשפּאַנענדיקע אַלטיטשקע זיך, כאַלילע, צעמאַזיקן. טאָמער וועט אַ קינד אָדער עמעצער פון די געקומענע קרובים ווערן ניט געזונט, זאָגט די אַלטע מיט אַ וויינענדיק קאָל:

— ריבוינעשעלוילעם, טאָמער איז אים, כאָלילע, עפּעס באַשערט, שענק איך אים צען יאָר פון מיין לעבן.

צוליב די שטענדיקע פיל אָרכים און געסט זיינען די צימער בא די גור-ליאַנדס שטענדיק צעשטעלט מיט שפּאַניר-ווענטלעך און מיט פאָרהאַנגען — קעדיי איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך אופּהערן ברעכן דעם קאָפּ: ווו לייגן שלאָפן אַ מאַנצבל און ווו לייגן אַ פרוי. דאָרט לעבט מען אַלע צייטווייליק — אַפילע די באַלעבאַטים. מע איז ניט פרום. דעם רייעך פון יעדן ייִדישן שאַבעס און יאָנטעוו דערפילט מען דאָך לויט די מייכאָלים, וואָס מע דערלאַנגט צום טיש. יעדערער פון די קינדער האָט זיך זיינע באַזונדערע ווילדקייטן, פאַרשלעפּט צו פאַרנאַכט-צו אין שטוב אַריין זיינע באַזונדערע געסט. די צימער זיינען פול מיט טומל. גראַגערייַ פון יונגנט מישט זיך אויס מיט ווינטשעוואַניעס פון עלטערע און מיטל-יאָריקע ווייבער, מיט „טשיזשיק", טשיזשיק", וואָס עמעצער קלאַפּט אויס אַזן אַלטן ראָיאַל, מיט „אוירא, אוירא" פון שפּילנדיקן גראַמאָפאָן, מיט קאָקליוש פון איי-געגע און פרעמדע קינדער. דער פאַרזאַמלטער „קרייז" אָפּ יענער זייט פאָרהאַנג פילט זיך דעריבער, ווי אַרומגערינגלט מיט גאַנצע מיליאָנען ייִדן, ווי אָפּ אַן אייביקן יאָר-יאַריד, וואָס האָט זיך נאָך אָנגעהויבן, ווען יאַנקעוו מיט זיינע קינ-דער האָט זיך אָוועקגעלאָזט נאָך קאָרן קיין מיצראַים. פון אונטערן פאָרהאַנג מוז בעניע גורליאַנד אַלעמאָל באַנייס אַרויסרוקן זיין יונג־צעטראָגענעם פּראָפיל, פאַר-דרייען אין אַנדערן טייל צימער די עלעקטרישע שיין און זיך דאָרט בעטן ראַכ-מים בא די טומלדיקע באַשעפענישן:

— זאָל זיין אַ רעגע שטיל.

— גייט אייך אין אַן אַנדער צימער.

4

אַדאַ פינקלשטיין האָט דערציילט דעם פאַרזאַמלטן „קרייז":

— אין ערשטן טאָג פון פּאָגראָם בין איך געפאָרן פון אָדעס צו מיינעם אַ ברודער אין קישעניעוו. דער צוג איז אָנגעקומען קיין קישעניעוו פאַרנאַכט. זשאַנ-דאַרמען האָבן ניט אַרויסגעלאָזט פונעם וואָקזאַל. פון דער נאָענטער ניקאָלייעוו-סקער גאַס האָבן זיך געהערט ווילדע געשרייען פון מאַכנעס כוליגאַנעס. איך און נאָך ייִדישע פּאַסאַזשירן זיינען געבליבן נעכטיקן אין וואַגאָן. אָפּ די נאָענטע רעלסן האָבן, ווי אַלע נאַכט, פּאַמעלעך מאַנעווירט רעזערוו-לאָקאָמאָטיוון. דאָס

האָט א ביסל באַרויִקט. אפֿן וואָקזאַל זײַנען געווען קלאַנגען, אז דער פּאָגראָם ווארפֿט זיך אריבער דורך די נאָענטע שטעט קיין אָדעס. ס׳איז געווען גאנצפֿרי, נאָך פֿינצטערלעך, פֿון דער אויסגעשטאָרבענער שטאָט האָבן זיך ווידער דער־טראָגן צום וואָקזאַל געשרייען פֿון מאכנעס כוליגאנעס. א צוג האָט גראָד געהאַלטן בא אָפּגיין אהער אין שטאָט, ווו איך האָב קרויווים — די שאַפּירעס פֿון דער ליטאָטיפּאָגראַפֿיע. איך און נאָך יידישע פּאסאזשירן האָבן נאָך קוים באוויזן זיך אין צוג ארײַנזעצן. געווען אין צוג קישעניעווער יידן און ניט־יידן. זיי האָבן דערציילט: דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן אפֿ גאָסטינע־גאס. פֿאַראַן גענוג געהארגעטע און פֿיל פֿארוווּנדעטע. איינער, ניט קיין ייד, האָט אין וואגאָן דער־ציילט: „איך זע, בא דער זײַט שטייט אַן אָפּיצער מיט א פּאַטרול. איך פֿרעג באַם אָפּיצער: „פֿאַרוואָס צעטרײַבט איר ניט די כוליגאַנעס?״ ענטפֿערט ער מיר: „מע האָט מיר געהייסן שטיין און גאָרנישט ניט טאָן״.

דער גאנצער „קרײַז״ שווײַגט א ווײַלע — מע ווייסט ניט, פֿאַרוואָס איז אדא פֿינקלשטיין געבליבן שטיל. אדא פֿינקלשטיין זאָגט:

— ערשט דאָ אין שטאָט האָב איך זיך דערוווּסט: אין ערשטן טאָג פֿון פּאָגראָם האָט מען אין קישעניעוו געהארגעט מײַן ברודער...

דאָס אַלץ וואָלט געמאכט נאָך א שטארקערן אײַנדרוק, ווען אין „קרײַז״ זאָל מען טיילווײַז ניט וויסן פֿון פֿריִער און ווען מיטן צעבלאָזן די „מײַסע־נאָ־וויצקי״ זאָל די אָרטיקע שווארצמייעדיקע צײַטונג ניט האַלטן בא ארויסרופֿן א פּאָגראָם אויך דאָ אין שטאָט. בא בעניע גורליאַנדס נאָענטסטן כאווער — באַם רויט־האָריקן און זייער געפּאַקטן גרישע פֿליישער, וואָס זיצט דאָ אין „קרײַז״, געפֿינט זיך אין בוזעם־טאַש קרושעוואַנס א פֿרישער „בעסאַראַבעץ״. דאָרט שטייט: „אין פּאָגראָם, ווי אין אַן ערדציטערניש, זײַנען עפּשער גאָר שולדיק די פֿלעקן, וואָס מע באמערקט אפֿ דער זון״. בעניע גורליאַנד האָט יעדיִעס, אז דער קישעניעווער גובערנאַטער האָט געענטפֿערט א יידישער דעפּוטאַציע: „איך קאָן אײַך מיט גאָר־נישט ניט העלפֿן״. דאָ אין שטאָט, ווי מע ווייסט שוין אין „קרײַז״, איז מען שוין אויך געווען מיט א דעפּוטאַציע באַם גובערנאַטער, נאָר וואָס דער גובער־נאַטער האָט געענטפֿערט זאָגט מען ניט אויס — מע האַלט עס בעסאָד. אויב אזוי איז זייער וויכטיק די פֿראַגע, וואָס אדא פֿינקלשטיין שטעלט פֿאַרן „קרײַז״ — די פֿראַגע וועגן „זעלבשוץ״. זי וויל נאָך צוגעבן א פּאָר ווערטער ביכלאַל וועגן „קרײַז״, וואָס זי האָט דאָ געטראָפֿן — זי מיינט דעם ברידערלעכן אינטערעס, די צוגרייטונג צו דער אזקאָרע פֿאַר די קישעניעווער הארוגים, די איניציִאַטיוו פֿון „קרײַז״ צו שאפֿן דאָ אין שטאָט א קאָמיטעט אפֿ צו העלפֿן די קישעניעווער געליטענע. זי טראָגט א יינגלש־פֿארשנורעוועט העמדל, וואָס טיילט פּאסטנדיק אויס איר יונג־מיידלשע פֿיגור.

— וואָרעם אליין, — זאָגט זי, — האָב איך אין אָדעס גאָר געקערט צו א יונגנס־גרופּע ארום „עסערן״. ערשט דאָ אין שטאָט האָב איך זיך דערוווּסט, אז צווישן די פּאָגראָמשטשיקעס, וואָס האָבן געהארגעט מײַן ברודער, זײַנען געווען אויך ארבעטער — זאָל זײַן ווי די „איסקראָווצעס״ זאָגן: אומוויסנדיקע, אָבער דאָך ארבעטער. און וועגן מײַן פֿאָלק, וועגן אײַך אלע דאָ האָב איך קיינמאָל

ניט געטראכט, כ'האָב ניט געוווּסט, אַז מײַן געהאַרגעטער ברודער האָט דאָ ברי־דער, אַז איך האָב דאָ ברידער... איך זע דאָך אײַער איבערגעגעבנקײַט, דעריבער ווילט זיך מיר אײַך זאָגן...

— וואַרט אַ רגע, — האָט שולדיק איבערגעשלאָגן בעניע גורליאַנד, — כ'וועל נאָכאַמאָל בעטן מ'זאָל זײַן שטיל.

אַרום־און־אַרום איז די שטוב שוין ווידער פול געווען מיט פאַרשטאַרקטן ליאַרעם, מיט היימישער באַרעדעוודיקײַט. עמעצער האָט באַנײַס געפּרוּווט קלאַפּן מיט איין פינגער אָפּ די קלאַווישן פונעם אַלטן ראָיאַל. ס'האָבן געטומלט די ייִנ־גערע און אונטערוואַקסנדיקע קינדער.

— אַזאַ שטוב בײַ אונדז, — האָט זיך געקלאָגט בעניע, — אַ שיף אָן רודער!

אינעם זעלבן צימער, אין דער טונקלקײַט, וואָס אויף יענער זײַט פאָרהאַנג, איז געשטאַנען אַן עלטערער קאָרעוו — אַ גאַסט, און געהאַלטן אין סאַמע מיטן דאַווענען מײַרעוו. ער האָט אויך געזוכט שטילקײַט און זי געפונען צווישן פײַ־דערדיקן ליאַרעם אין שכיינעס מיטן פאַרזאַמלטן „קרײַז", ער האָט זיך געציקלט גאַנץ ברייטלעך אָפּ אַ קאָל, אַקוראַט, ווי אָפּ דער אַרומיקער „שיף אָן רודער" וואָלט ער, אַ מענטש, וואָס איז געקומען פון אַ קליינע שטעטל זוכן דאָ פּאַרנאָסע, געווען איינ איינציקער פּאַסאַזשיר. מיט שטילע טריטעלעך האָט זיך אַהער פאַמעלעך אַרײַנגעשאַרט די קליינינטשקע פאַרצײַטיקע פרוי — בעניע גורליאַנדס מוטערס באָבע. זי איז צו נאַכט־צו געווען אויסגעשלײיערט אין איר טונקל זײַ־דענעם טיכל — אַ סימען, אַז זי וועט שוין ביז טאָג ניט שלאָפן. זי האָט פון מאָל צו מאָל געשאָקלט מיט די ליפּן, ווי זי וואָלט דאָ ציילן די פאַרזאַמלטע יונגעלײַט, ווי זי וואָלט דאָ זוכן אַזוינעם, וועגן וועמען זי וואָלט געקאָנט זאָגן:

—טאָמער איז אים, כאָלילע, עפּעס באַשערט, שענק איך אים צען יאָר פון מײַנע לעבן...

5

דער פאַרזאַמלטער „קרײַז" האָט באַשלאָסן:

— שאַבעס אינדערפרי זיך פאַנאַנדערטיילן אין פּאָרלעך, אַרומגיין איבער ייִדישע פירמעס, פאָרלייגן, אַז צו דער אַזקאָרע זאָלן אַלע צושליסן די גע־שעפטן.

בעניע גורליאַנד — אַ מין אַרכימעד: גיט אים אַ שטיץ־פונקט וועט ער איבער־קערן די וועלט. ער איז געראָטן אין פּאָטער — אויב עמעצער אין „קרײַז" האָט אַ פּלאַן, האָט ער שטענדיק אַ גרעסערן; ער האָט פאָרגעלייגט:

— אַרויסלאָזן אַן אויפרוף צו דער ייִדישער באַפעלקערונג וועגן שאַפן קאָ־מיטעטן אָפּ צו העלפן די געליטענע.

אַנדערע זײַנען געווען אין סאָפעק, צי מע דאַרף עס — מיטן אויפרוף ווערט שוין דער „קרײַז" אַ מין פּאַרטיי.

בעניע גורליאַנד האָט אָנגעקלונגען צו זשעניע אָסטראָווסקי -- זאָל זי וועגן דעם אָנפרעגן בײַ קאַדיסאָנען. זשעניע איז גראָד געווען אין טעאַטער — אין שטאָט האָט גאַסטראָלירט אַן איטאַליענישע אָפּערע. בעניע האָט זיך באַשלאָסן אָנ־

קלינגען צו קאַדיסאָנען. געענטפערט האָט ניט קאַדיסאָן אַליין, נאָר זײַן פרוי, גוטע אַבראַמאָוונע:

— קאַדיסאָן פילט זיך ניט גוט — מיט אַלע פראַגן זיך ווענדן צו מאַרק באָריסאָוויטש כאַרשאַקן.

מע האָט אָנגעקלונגען צו כאַרשאַקן, לאַנג געוואַרט באַם טעלעפאָן, באַקומען צום סאָף אַן ענטפער פון כאַרשאַקס רוסישן דינסטמיידל:

— קלינגט אָן צום ראָוו מייערסאָנען.

דער ראָוו מייערסאָן, אַז מע האָט צו אים אָנגעקלונגען, האָט ער זיך צופיל געקוועטשט, זיך דערפרעגט מיט זייער אַ ווײַט קאָל — אַ ראַבאָניש קאָל, ווי פון יענער וועלט:

— וואָס אַזוינס איז דער „קרײַז“? צו וואָס איז דער אויפרוף? שוין אַזוי אויך צופיל טומל... פאַראַן קלאַנגען, אַז עמעצער פון „קרײַז“ גרייט זיך צוליב עפּעס פאָרן קיין קישעניעוו...

ווי אַ מענטש, וואָס פאַסט, טראָגט אַלע יידישע צאָרעס באַ זיך אין בוזעם, האָט דער ראָוו געראַטן:

— בעסער וואָס ווייניקער פאַרזאַמלונגען... שוין אַזוי אויך צופיל טומל... מע קאָן צערייצן די ניט-יידישע באַפעלקערונג... ט'האָט מען נאָרוואָס געגעבן צו וויסן ניט גאָר קיין פריילעכע זאַך — אַף דער גרעקאָווקע, לעבן ברעג, איז מען הײַנט פאַרנאַכט אין עטלעכע ערטער באַפאַלן יידן. געשלאָגן? יאָ... ניט דאָס איז דער איקער... אַף דער גרעקאָווקע, אין קריסטלעכע קוואַרטאַלן, האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז יידישע יינגלעך לעבן „טאָלטשאָק“ האָבן געוואָרפן שטיינער אין די פענצטער פון נײַעם סאָבאָר. איינע אַ שויב איז דאָרט אויסגעשלאָגן. צוריק מיט אַ שאָ האָט זיך לעבן סאָבאָר געהאַט אָנגעזאַמלט זייער אַ גרויסער אוילעם. מע זאָגט: מע האָט זיך פון דאָרט אַ לאָז געטאָן צו דעם העכערן טייל שטאָט.

מיט דעם האָט די פאַרזאַמלונג פון „קרײַז“ זיך געענדיקט. ס'ראָוו פאַרזאַמלטע האָבן באַלד זייער גיך אָנגעהויבן זוכן די מאַנטלען, די היטלען, זיך פאַנאַנדערגעלאָפן יעדער אַף צו ראַטעווען דערוויַל זיך אַליין. מיטאַמאָל איז פאַרגעסן געוואָרן די רירנדיקע ברידערלעכקײַט. בלויז בערע לייטמאַן מיט אַ פּאָר געציילטע קרײַז-מיטגלידער זײַנען געבליבן, קעדיי איבערצורײַדן מיקויעך אָרגאַניזירן „זעלבשוץ“. באַם אײַליקן אוועקלויפן האָט מען פאַרגעסן אָן דער קישעניעווער אַדאַ פינקלשטיין, וואָס האָט ניט ווו צו נעכטיקן: אירע היגע קרויווים, די שאַפירעס פון דער ליטאָטיפּאָגראַפיע, וווינען גראָד אַף דער גרעקאָווקע, ניט ווײַט פונעם נײַעם סאָבאָר. צעטראָגענערהייט, האָט בעניע גורליאַנד צו איר געזאָגט:

— ערשטנס, וועט אײַך באַ אונדז זײַן ענג, צווייטנס — אַ מעשוגענע שטוב באַ אונדז...

ער האָט געשווינד געמאַכט באַ זיך אין קאָפּ אַ שטיקל כעזשבן: איטלעכן מאָל, וואָס צו אים קומט אַרײַן אַ מיידל, איז די באָבע דאָ גרייט, מע זאָל איר אָפּגעבן מאַזלטאָוו... מיט איר גלוסטעניש נאָך אַ „מאַזלטאָוו“ שטעקט זי אָן אַלע אין שטוב.

אכ יאָ, אָט די אַלטיטשקע האָט אָפּגעלעבט א לעבן, ווו דורך א בראָכע זײַנען געקאשערט געוואָרן אַלע מיִעסע טועכצן, אפילע זנוס... אפ איר לאָשן האָט עס געהייסן „נאכעס".

ס'איז שוין געווען שפעט, נאָך עלפ אזייגער אײַנאָוונט. אדא פינקלשטיינס היציק-שווארצע אויגן האָבן געקוקט פארלוירן. אזוי קוקט א מענטש, וואָס גייט צו גאסט צו באקאנטע, קומט ארײַן, טוט זיך אויס, זעצט זיך שוין אפילע צום טיש און פּלוצעם באמערקט ער: ער איז ארײַנגעקומען צו ווילד־פרעמדע. זי איז געשטאנען אקעגן בעניע גורליאנד א יונגע, א שטאלטנע, אזא, וואָס שלאָגט זיך גאָרנישט אָן, מע זאָל זי נעמען פאר א שנור.

— ווארט, — האָט זיך דערמאָנט בעניע גורליאנד, — איך קאָן דאָך אײַך אָפּ־פירן שלאָפן צו זשעניע אָסטראָווסקי.

צו זשעניען האָט ער איצט סײַ־ווי־סײַ באדארפט ארײַנגיין — ער האָט גע־מוזט בא איר פרעגן:

— ווער?.. איך און גרישע פליישער האָבן אײַך געהייסן צעפּויקן, אז מיר גרייטן זיך פאָרן קיין קישעניעוו?!

6

ווארעמע רייכעס פון יונגן אפּרעל-טאָג האָבן זיך געיאָגט נאָך די פינף־פוד־מענטש, וואָס הייסן:

— אדוואָקאט זאכאר אלעקסאנדראָוויטש באראָווי.

דעם בארימטן אדוואָקאט האָט געשלעפערט.

אינעם אייגענעם עקיפּאַזש, וואָס לויפט אפ געבלאָזענע גומענע רעדער כאפּן די עלפ-זייגערדיקע פרימאָרגן־שאָ אין אספאלטירטן שטאָט-צענטער, איז דער אד־וואָקאט געזעסן גרינג. זײַן קאָפּ מיט דער יונג-זילבערנער פאטלע — א ביסל אפ א זײַט, די אויגן — קלוג־צוגיפגעצויגן, באהויכט מיט שפּאָטנדיקער מידקײַט אין בליק — א בליק פון א מענטשן, וואָס האָט צו זאָגן:

— אָנגעטומלט... שטענדיק אויסגעשפּילט די שווערסטע קרימינאַל־פּראָצעסן!.. איז וואָס?.. אז אַלץ אין לעבן דערעסט און מאכט מיד, אפילע בארימטקײַט!

דער עמעס איז, אז דעם פופציקיאָריקן בארימטן אדוואָקאט איז די לעצטע יאָרן צו יעדער צײַט געווען א קאפּעלע לאנגווײַליק. אים האָט צו יעדער צײַט א קאפּעלע געשלעפערט. — אים, וואָס שאנעוועט זיך, ווי מע שאנעוועט א טײַערן אינסטרומענט. קעדיי ניט מיד צו מאכן די געדאנקען און דעם זיקאָרן, האָט ער די לעצטע צײַט שוין קיינמאָל ניט געטראכט פריִער, ווי ער מוז טראכטן, און קיינמאָל ניט גערעדט פריִער, ווי ער מוז ריידן. אין אַלע אנדערע מאָמענטן האָט ער געהאט צו זיך א געפיל, ווי צו א זעלטן-טײַערן פידל, וואָס ליגט אין א פודל. ער דרעמלט וואכעדיק און איז גרייט אָפּצושפּעטן סײַ פון זיך, סײַ פון דער וועלט, סײַ פון דעם, וואָס מענטשן זײַנען אידיאָטן און מיינען, אז ווערן בארימט איז ווירקלעך זייער א גוטע זאך.

דאָס גרינגע עקיפּאַזשל האָט איבערגעיאָגט טראמווײַ-וואגאָנעס, אויסגעמיטן אפ ניקאָלײַעווסקי פּלאַץ די סאמע גיכסטע איזוואָשטשיקעס, פּארקערעוועט אפ

גאַנגאַליעווסקי בולוואר און איז שטיין געבליבן לעבן נייעם פּילגאָרנדיקן הויז פון דער גרויסער רוסישער ליבעראַלער צייטונג. די פינף-פוד מענטש האָבן זיך געגעבן א טרייסל אויף, ווי זיי וואָלטן אפ אן עמעס זיך אויפגעכאַפּט פון א דרעמל. פונעם עקיפּאַזש איז דער פּילבייכיקער אַדוואָקאַט אראָפּגעשפּרונגען דאַפּקע בעריעש, ווי א יונג באָכערל. אויפהייבנדיק זיך אין קאָרידאָר אפ די טרעפּ, האָט דער אַדוואָקאַט אפ גיך געהייסן זיינע געדאַנקען א טראַכט טאָן, וועגן וואָס דאָ גייט: דער רויטער האָרענבערג האָט אין שאוולס נאָמען געבעטן אויפקלייבן יעדיעס וועגן נאָוויצקי־מאָרד — שאוולס יוריסטקאָנסול איז דער אַלטיטשקער אַדוואָקאַט זעליאַזע — הייסט עס: שאוול וויל דעם אַלטיטשקן איבערבייטן. וועגן דעם, אז דאָ שמעקט מיט א יערלעכער האַכנאָסע פון א פּופּצן־צוואַנציק טויזנט רובל, האָט דער אַדוואָקאַט איצט פאַרשפּאָרט הייסן זיינע געדאַנקען א טראַכט צו טאָן — וועגן דעם האָט ער שוין ניט איין מאָל געקלערט פריער.

דער באַרימטער אַדוואָקאַט באָראָווי, אויב ער איז ניט אויסגעפּוצט אין זיין פראַק, אין ווייסן כופּע־שניפּס, זעט ער אויס ווי א פּאָשעט-צעוואַקסענער בייכיקער פעלדשער, און מענטשן, וואָס דערקאָנען אים אין פּאָנעם, דערשרעקן זיך דענסטמאָל פאַר אים — זיי מיינען, אז ער מאַכט עס אומיסטן, אפּצעלאָכעס אַלע, וואָס ווילן זיך גלייכן צו אים מיט זייער באַרימטקייט.

אזוי איז אויך געווען איצט, ווען דער אַדוואָקאַט אין זיין וואָכעדיק פאַנאַנדערגעשפּיליעטן ליוסטרינענעם רעקל איז דורכגעגאַנגען איבערן ערשטן צימער פון דער רעדאַקציע — מענטשן האָבן זיך דאָרט א שעפּטשע געטאָן און זיך פאַר אים א שרעק געגעבן, ווי פאַר איינעם, וואָס באַווייזט זיך אין נעגליזשע. א קאַפּעלע דערשראָקן האָט אפ אים באַ זיך אין קאַבינעט אויך א קוק געגעבן דער רעדאַקטער אקים סעמיאָנאָוויטש ברוסקין — א פּעמפּיקעוואַטער געשמאַדטער ייד מיט א ציגל-רויט פּאָנעם, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט קוטשעראַווע קאָפּ־ און באָרד-האָר — ווייסע, ווי שאָלעכץ פון בעריאָזע. די שרעק אין רעדאַקטערס קלוגעטשקע אויגן איז באַלד פאַרשוווּנדן, זיך פאַרביטן מיט עפּעס שמייכלדיקס און באַזונדערס גוטפריינטלעכס. באַלד נאָכן באַגריסן זיך האָט דער רעדאַקטער, ווי זיין טעווע באַ האָבן פאַרגעניגן, א טאַפּ געטאָן מיט צוויי פינגער זיין ציגל-רויטע שפּיץ־נאָז העכער די נאָז־לעכער. פון צופרידנקייט מיטן גאַסט האָט ער אזש א רייב געגעבן די הענט איינע אָן דער אַנדערער, ווי פאַר טרינקען לעכאַים. צוגעזעצט זיך צום טיש, האָבן דער רעדאַקטער און דער אַדוואָקאַט זיך אָנגעקוקט מיט קוים־קוים שמייכלענדיקן נאַכעס אין די בליקן, ווי אפ צו זאָגן איינער דעם אַנדערן:

— מיר זיינען מיט דיר די עמעסע צוויי מאַזיקים — איך און דו!.. איי, זיינען מירביידע מעווינים, וואָס אפ דער וועלט טוט זיך!.. פאַרוואָס באַגעגענען מיר זיך אזוי זעלטן?

בעמיילע איז שוין פאַר איטלעכן פון זיי געווען צו נאַריש און פּראָסט צו פרעגן באַם צווייטן:

— ווי לעבט זיך?

ס'איז ניט לאַנג געווען א מייסע מיט א באַרימטן פּראָצעס: פאַרמעגלעכע פויערים האָבן אין א דאָרף געהאַרגעט א יידן. דעם פּראָצעס האָט דער אַדוואָקאַט באָ-

ראָוווי לעטויוועס דעם ייִדנס קינדער געהאַט געוווּנען אין דער ערשטער אינסטאַנץ, נאָר אים פאַרשפּילט אין „פּאַלאַטע", ווו די פּויערים האָבן פאַר זייער פּאַרטייִדיקער אַרויסגעשטעלט דעם פּעטערבורגער אַדוואָקאַט שמאַקאָוו. באַראָוווי האָט זיך דאָ געמוזט פּילן אַ ביסל געטראָפן, ווי עס פּילט זיך אַ קראַסאָוויצע, ווען אין איר קרײַז באַווײַזט זיך פּלוצלינג אַ ייִנגערע און, ווי אַנדערע זאָגן, אַ שענערע. דער רעדאַקטער האָט קלוג פאַרקנייטשט דעם שווייסיקן שטערן — ער האָט גראָד מיט וואָס דעם אַדוואָקאַט צו טרייסטן:

— אַ קלאָרע זאַך, — האָט ער זיך געקוויקט מיט דער כאָכמע, וואָס ער וועט באַלד זאָגן, — דעם פּראָצעס האָט דאָך אויסגעשפּילט ניט שמאַקאָוו, נאָר דאָס דאָזיקע — אָ... ווי הייסט עס... (ער האָט געמיינט מיט דעם: „דער אַנטיסעמיטיזם").

ער האָט געזאָגט וועגן שמאַקאָוון:

— דער מענטש קאָן מיט גרויס טעמפּעראַמענט ווייִנוואַשן אַלערליי אויסוווּרפן, ער אַליין מעג זיי האַלטן פאַר די גרעסטע פאַרברעכער, ער וועט באַ פּאָשעטע „געשווירענע" צעבלאָזן אין אַ פּײַער יעדן מינדסטן פונק גלויבן, אַז דאָס וואָרט „גערעכטיקייט" איז אין געגעבענעם לעבן עפּעס וועריס.

דאָ האָט ער באַמערקט: דער אַדוואָקאַט קוקט אים אָן מיט זייער קלוגעטשקע אויגן, ווי אַפּ צו זאָגן: „וואָס דאַרשנסטו, ווי אַ טאַם?.. אַזוי טוען דאָך אַלע אַדוואָקאַטן... איך טו אַנדערש?.."

— נו, יאָ, פאַרשטייט זיך, — האָט דער רעדאַקטער ניט געוואָלט בלײַבן קיין נאַר, — עפּעס געדענקט זיך מיר: אַפּ איינעם אַ פּראָצעס עפּעס פון אַ באַרימטער פּאַרשוין, וואָס האָט געהאַרגעט איר מאַן, האָט איר זיך באַנוצט מיט פּרודאָנס ווערטער: „ווו ס'איז ניטאָ קיין איינוויליקײַט, דאָרט איז פאַרן שטול פונעם ריכטער ניט פאַראַן קיין פּלאַץ ניט פאַר פאַרברעכן, ניט פאַר אויוועך זײַן אָפּן געבאָט..." איך בין ניט קיין אידיאָט — איך וועל דאָך ניט זאָגן, אַז, באַנוצנדיק פּרודאָנס ווערטער, האָט איר געגלייבט אין פּרודאָנס טעאָריעס וועגן מעגלעכן מענטשלעכן גליק... אָבער געזאָגט האָט איר עס דענסטמאָל אָפּן ריכטיקן אָרט — ס'איז געווען קלוג.

— קלוג?

ס'איז אויסגעקומען, ווי יעדער פון אָט די צוויי פּאַרטנערן האָט דעריקער מוירע, דער אַנדערער זאָל, כאָלילע, וועגן אים ניט אַ טראַכט טאָן, ווי וועגן אַ מענטשן, וואָס גלייבט אין עפּעס, אַפּילע ווען ער באַנאַרישט זיך צו גלייבן, אַז ער איז קלוג. — באַ יעדערן פון זיי האָט עס געהייסן: באַטראַכט ווערן פאַר איינעם, באַ וועמען מע קאָן עפּעס אויסנאַרן. פון דער אַנדערער זײַט, אָפּגעבנדיק קאָוועד איינער דעם אַנדערן, האָט דאָך יעדערער פון זיי געהאַלטן, אַז דעם צווייטן איז אין לעבן בעעמעס טאָקע גאָרנישט ניט הייליק און גאָרנישט ניט טײַער, און אים דערפאַר ערגעץ טיף באַ זיך אין האַרצן קימאַט מעוואַזע געווען.

דער אַדוואָקאַט באַראָוווי, ווו ער זאָל זיך ניט געפינען, קלײַבט ער שטענדיק מאַטעריאַל פאַר זײַנע אַרויסטרעטונגען אין געריכט, פּונקט ווי אַן אַרטיסט — פאַר זײַנע אַרויסטרעטונגען אַפּ דער סצענע. זיצנדיק דאָ אין קאַבינעט, האָט ער

דערווײַל א טראכט געטאָן, אז בא א נייטיקן פאַל אינ געריכט וואָלט מען וועגן אזא סאָרט רעדאקטער געקאָנט זאָגן: „ניט גלייבנדיק אפ קיינ האָר אינ מעגלעכן צוזאמענלעבן פונ מענטשן, צילט ער קימאט אינ אלע זײַנע לייטארטיקלען אינ איינ פינטל: די איצטיקע שלעכטע מעלוכע-מענטשן שטערן, אז די „נאטירלעכע הארמאָניע פונ אינטערעסן“ זאָל ברענגען מענטשן צום בעסטן ארט לעבן אפ דער וועלט“.

דער שמועס איז אוועק וועגן דער צווייטער אָרטיקער צײַטונג, וועגן דעם, וואָס איינ צײַט, בייס זי פלעגט באקומען בא שאוולען געלט, איז זי שוינ לאכלוטן ניט געווען יידן־פײַנטלעך, כאָטש זי איז געבליבן מאָנארכיסטיש, נאָר איצט, זינט זי האָט זיך פארפעסטיקט, איז זי באנײַס געוואָרן שווארצמייעדיק ביז גאָר — שוינ איבער אלע ברעגן. דער שמועס איז אוועק וועגן רעדאקטער פונ דער שווארצמייעדיקער צײַטונג — פאָבעדאָנאָסצעווס א טאלמיד. דער אדוואָקאט האָט וועגן אים געזאָגט:

— א שעדלעכער מענטש, נאָר א פייִקער... זייער א פייִקער!

דער רעדאקטער ברוסקינ האָט, ווי א געקריוודעטער, מאסקים געווען.

— יאָ... נאָר א כאמלאָ! מע קאָנ האלטן בא זיך אינ הארצן פרידריכ ניטשעס פארנ קלוגסטן מענטשן, נאָר ס'איז פּאָשעט נאריש צו דרוקן אינ א צײַטונג טאָגטעגלעכ לייטארטיקלען, וואָס זאָגן אָפּן, ווי ניטשע: „אלע מענטשן זײַנען פאר מיר אָדער א פיעדעסטאל אָדער באמיסטיקונג“ — צו וואָס? סע ברענגט ניט קיינ נוצן, עס איז אומגעלומפּערט, גרוזמעדיק... ווער נויט עס אים, ער זאָל אָפּנ ארויסזאָגן דעם סאָד?

— נו יאָ...

אינ דעם האָבן מוידע געווען אי דער אדוואָקאט אי דער רעדאקטער. טאקע דאָס, וואָס אזוינע זאכן זאָגן זיי ניט אויס, האָבן ביידע גערעכנט פאר זייער מײַלע — זיי דינען מיט דעם, ווי ליבעראלן, דער מענטשהײַט. ביידע האָבן אינ שמועס, ווי אומיסטן זיך באמיט ארויסצובאהאלטן דאָס שטיקל מענטשלעכקײַט, וואָס איז נאָך אינ יעדן פונ זיי געבליבן; ביידע האָבן גערעדט צווישן זיך, ווי מענטשן, וואָס האלטן איינער פונעם אנדערנ נאָר דערפאר, ווײַל ביידע ווייסן, אז א ביסעלע ציניזם איז ניט שלעכט — האָסטו דערבײַ סייכל און מאכסט דערבײַ ניט קיינ טאָעס, קאָנסטו דערוואקסן ביז צום העכערן צענדליק ליבעראלע מענטשן; ביסטו דערבײַ נאריש, דערקײַקלסטו זיך ביז צו דעם, וואָס מענטשן רופן „גאנאָווים“. כאָטש פונ דער אנדערער זײַט — ס'האָבן שוינ אויכ פּאָשעטע פייגעריוקער גאנאָווים אָפּגעטאָנ ניט קיינ נאריש שטיקל ארבעט: זייער סוינע, דעם נאדזיראטעל נאָוויצקינ, האָבן זיי געהארגעט פונקט אינ אזא מאָמענט, ווענ דער היגער שווארצמייעדיקער צײַטונג, דער זשאנדארמעריע און דער גאנצער פּאָליציי לוינט בעסער, אז דעם נאדזיראטעלס ראָצכים זאָלן זײַנ פּראָקלאמאציע-קלעפּער — איסקראָווצעס און אלערליי יידישע סאָציאליסטן אפ דער גרעקאָווקע. טאקע אינ פארבינדונג מיט דעם, ווײַזט זיך ארויס, איז איצט דער אדוואָקאט באראָווי געקומען מיט א וויזיט צום רעדאקטער; ניט אָנ טשיקאוועס אינעם רויִקן קאָפּ האָט ער געפרעגט, פארוואָס די ליבעראלע צײַטונג האָט וועגן נאָוויצקי־מאָרד געשריבן אזוי ווייניק — סאכאקל א פּאָר שורעס כראָניק:

— וואָס זשע? — איר זײַט ניט גאַנץ זיכער, אַז נאָוויצקין האָבן געהאַרגעט פּיי־גערײַוקער גאַנאָווים?

דער רעדאַקטער האָט אַרומגענומען זײַן ציגל־רויט פּנים מיט ביידע הענט און זיך אונטערגעשפּאַרט אָפּ די עלנבויגנס. ווי נאָר ער האָט פאַרשטעלט די גע־דיכטע בעריאָזע־ווײַסע באָרד, אַזוי באַלד האָבן זײַנע אויגן מיט דער שפּיציקער נאָז אָנגעהויבן אויסצוזען עכט ייִדיש, ביז־גאָר נײַגעריק: אין וואָס פאַר אַ אינטע־רעסן האָט איצט דער אַדוואָקאַט באַראָנווי געקאָנט צוטרעטן צום פאַל נאָוויצקי? צי פאַרקאָכט זיך דאָ ניט אַ נײַער בארימטער פּראָצעס? צי האָפט ניט דער אַד־וואָקאַט זיך נאָכאַמאָל באַגעגענען אָפּ דעם־אָ פּראָצעס מיט שמאַקאָוון און נעמען בא אים רעוואַנש? פרעגן וועגן דעם האָט ניט געפּאַסט, כאָטש ס'האָט זיך שטאַרק געוואָלט. דער רעדאַקטער האָט זיך אַזש אַ דריי געטאָן אין שטול. ווי בא אַ גרויסן פּעמפּיקעוואַטן נאַכליע מיט פאַרבליבענע געווינשאַפטן פון לאַנג־פאַרגאַנגענע, יעשיוועבאָכערישע יאָרן איז בא אים פון דער טיף־אויסגעשניטענער זשילעט אַרויסגעקראָכן איין זײַט פון דער שטײַף־געקראָכמאַלעטער מאַנישקע.

דער אַדוואָקאַט האָט געזאָגט:

— אָפּ וויפל איך ווייס איז בא אײַך אין צײַטונג געווען בלויז איין ווונק: „נאָוויצקין האָט מען געהאַרגעט לעבן דער פּייגערײַוקע, ווו עס ווינען גאַנאָווים און ווו נאָוויצקי האָט די לעצטע צײַט אָן אַ שמירע פון גאָראָדאָוויען זיך ניט באַוויזן...“

— מממ... Да!

דער רעדאַקטער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אָפּ צו פאַריכטן די אַראָפּגעקראָ־כענע מאַנישקע, נאָר פון צעטראָגנקײַט בלויז אַרײַנגערוקט אונטער איר אין לאָך אַ פינגער און לויט אַמאָליקע יעשיוועבאָכערישע טנועס, זיך דאָרט געגעבן אַ קראַץ ערגעץ לעבן האַלדז.

— ניט אין דעם גייט עס... ניטאָ דאָ, פאַרשטייט איר מיר, בא וואָס אָנ־צונעמען... איך מיין, די מײַסע מיט נאָוויצקין...

מיט אויגן, וואָס קוקן זיך קלוימערשט אַרום, צי קיינער הערט ניט אונטער, האָט ער געגעבן צו פילן דעם אַדוואָקאַט, אַז ער זאָגט אים אויס אַ סאָד, אויס־געשטרעקט צו אים ביידע הענט:

— איר פאַרשטייט דאָך... אונדזער צײַטונג וואָלט געוואָלט געבן אַ שלאַכט דער שוואַרצמייעדיקער. ווער שמועסט נאָך אין געגעבענעם פאַל... די גאַנצע זאַך נעמט אָן אַ ברייטן אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער, און וואָס דאָס באַטײַט פאַר אונדז, פאַרשפּאָר איך דערציילן. דער באַלעבאָס פון אונדזער צײַטונג דעמידאָוו — אַ רײַנ־בלוטיקער קריסט, נאָר אַ גוטער געשעפטמאַן — ווייסט ער אויך, אַז אַפן קאַמפּ מיט אַנטיסעמיטיזם וואַקסט שטאַרק דער טיראַזש פון אַ ליבעראַלער צײַטונג... אינטערעסאַנט!..

דער רעדאַקטער האָט ברייט צעעפנט זײַן מויל, און געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי אָפּ אַ קיצל טאָן דעם אַדוואָקאַט.

— איר ווייסט לאַכן: דער באַלעבאָס פון אונדזער צײַטונג, דער רײַנבלוטיקער קריסט, הייסט עס, קומט איצט אַלע טאָג צו מיר צו לויפן מיט דער שוואַרצמייע־

דיקער צײַטונג אינ די הענט אונ מאכט גוואלדנ: „סטײַטש, וואָס שווײַגט איר!.. מע טשעפּעט דאָך ייִדנ״...

הארציק זיך פאנאנדערגעלאכט אונ זיך דערפילט קאָמיש, ווײַל בלויז קוימ־קוימ געשמייכלט האָט דער אדוואָקאט — דער איינציקער מענטש, פאר וועמענ ער, דער רעדאקטער, רעדט פונ מאָל צו מאָל וועגנ זײַנ אמאָליקער ייִדישקײַט, רעדט וועגנ דעמ גאנצ אָפנ, גוטמוטיק-וויציק, ווי מע רעדט וועגנ א טשיקאווו אײַנפאָר-הויז, ווו מע איז אמאָל אײַנגעשטאנענ אונ שטארק צעביסנ געוואָרנ פונ וואנצנ אונ פונ פליי.

— ביכלאל, — האָט דער רעדאקטער ניט אופגעהערט אָנצוקוועלנ פונ זײַנ איצ־טיקנ רוסישנ באלעבאָס, — ס׳איז געווענ צוריק מיט א פּאָר יאָר, ווענ ער איז געקומענ מיך צונעמענ פונ דער פּעטערבורגער צײַטונג, ווו איך האָב פריִער געארבעט. אפ מײַנ פראגע: „וואָס שלאָגט איר זיך אינ מיר אזוי אָנ?״ האָט ער אָפּנהארציק געענטפערט: „איר זײַט אי א קריסט אי איר האָט אינ זיך די מײַ־לעס פונ א ייִדנ״. איר פארשטייט, צי ניינ?.. דער גוי, ווײַזט זיך ארויס, האלט גאָר, אז ליבעראליזמ ביכלאל איז א ייִדישע זאך...

— נננננא!..

דעמ אדוואָקאטס אויגנ האָבנ זיך א זײַטל געגעבנ צומ ציפערבלאט פונ קליינעמ טיש-זייגער.

דער פּעמפּיקעוואטער רעדאקטער האָט ליב געהאט א פּלאפּל צו טאָג, דענסטמאָל, ווענ באמ בארימטנ אדוואָקאט איז די צײַט גאָר ניט געווענ אזוי העפקער.

— טאק־טאָ! — האָט דער אדוואָקאט זיך אומגעקערט צומ פריִערדיקנ שמו־עס, — די זאך באשטייט אינ דעמ, וואָס מיטנ נאָוויצקי-פאל האָט זיך פארינ־טערעסירט שאוול.

— וואָט טשטאָ?!

— ניט צו פּובליקירנ, פארשטייט זיך.

— נו, א פארשטענדלעכע זאך...

דער רעדאקטער האָט נאָך אלצ געקוקט אפנ אדוואָקאט אזוי, ווי ער וואָלט דערבײַ ניט אופהערנ זיך ברעכנ דעמ קאָפּ: „צו וואָס קאָנ עס נוצנ שאוולענ?״

— אדערבע, — האָט ער געזאָגט, — גיט אונדז וואָגיקנ מאטעריאל.

— דאָס איז עס דאָך...

דער אדוואָקאט האָט זיך דערלויבט ווי געהעריק א שמייכל טאָנ:

— נאָך וואָגיקנ מאטעריאל בינ איך דערווײַל געקומענ צו אײַך.

אימ אינטערעסירט: ווער האָט געבראכט אינ רעדאקציע די ערשטע כראָניק וועגנ נאָוויצקינ? ווער איז דער כראָניקער? צי קאָנ מענ אימ זענ?

דער רעדאקטער האָט זיך גענומענ צומ טעלעפאָנ־טרײַבל, נאָר דאָ אפנ אָרט זיך דערמאָנט:

— ס׳איז דאָך דער... דער קאָרעקטאָר מאָט-מאגידאָוויטש. ער קומט אינ טיפּאָ־גראפיע נאָר אינאָוונט.

דער אדוואָקאט האָט געוואָלט וויסן:

— מער ווי די אָפּגעדרוקטע פּאָר שורעס איז אין דעמדאָ מאָט־מאגידאָ־וויטשעס כראָניק גאָרנישט ניט געווען?

ווייזט זיך ארויס:

— געווען איז, פארשטייט זיך, פיל מער... מאָט-מאגידאָוויטש, ווי עס טוען ביכלאל כראָניקיאָרן, האָט געוויינלעך געבראכט א גאנצ געניויע באשרייבונג, ווי־אזוי נאָוויצקין האָבן געהארגעט פייגעריוּוקער גאנאָווים — נאָך מיט א „פילאָסאָפיע" דערצו... נאָר אָפּדרוקן עס איז געווען מער, ווי ריזיקאליש — ס'האָט געשמעקט מיט לאָזן זיך רופן אפ מאָרגן צום גובערנאטער אין קאנצעליאריע און אָפּגעבן כעזשבן, פונוואנען האָט די רעדאקציע גענומען די באוויַזן — ס'האָט געהייסן ניט מער און ניט ווייניקער, ווי שטעלן די צייַטונג אין געפאר...

ביז אהער איז אלץ געווען ווי עס פירט זיך. ווי גלייַכע פּארטניאָרן זייַנען די גאנצע צייַט געזעסן איינער אקעגן אנדערן דער רעדאקטער און דער אדוואָ־קאט — צוויי „מאזיקים", וואָס „איַ זייַנען זיי מעווינים, וואָס ארום זיי אפ דער וועלט טוט זיך". דער רעדאקטער האָט פון מאָל צו מאָל גאנצ ברייטלעך זיך געדרייט אין זייַן שטול, ווי אפ צו זאָגן:

— ביסט טאקע בא מיר דער סאמע אָנגעלייגטער גאסט, נאָר איך אליין בין אויך ניט אבי־ווער.

דאָ אָבער האָבן דעם אדוואָקאטס אויגן פּלוצלינג א קוק געגעבן קרומלעך, ווי זיי קוקן אפ מענטשן אין געריכט:

— די כראָניק איז, הייסט עס, יאָ דורכגעגאנגען דורך אייַער האנט... איר אליין האָט זי פארקירצט?.. Напрасно.

דער רעדאקטער, אליין, לויט זייַן בילדונג, א יוריסט, איז געבליבן זיצן לעפּיש, ווי מע וואָלט אים דאָ עפּעס געכאפּט, ווי מע וואָלט אים וועלן עפּעס צוטשעפּען — ווארט נאָר, וואָס טוט זיך דאָ?... דער גרויסער אדוואָקאט באָראָוווי, בא וועמען יעדע מינוט איז ווערט גאָלד, האָט הייַנט אינדערפרי, ווי אלעמאָל איידער ער גייט אוועק אין געריכט, רויִק אָפּגעפרישטיקט, רויִק א טראכט געטאָן, וואָס האָט ער הייַנט צו טאָן. דאָ האָט ער געהייסן זייַן פורמאן אייַנשפּאנען און איז — ווי זאָגט מען: „פון אלע צאָרעס אין באָד אריַין" — אוועק אָפּשטעקן א וויזיט דעם רעדאקטער, זיך, הייסט עס, דורכשמועסן מיט אן אלטן גוטן פרייַנט וועגן שיִע־פּיִע... דער רעדאקטער כאפּט זיך ערשט איצט: ער איז אן עמעסער אידיאָט, וואָס ער האָט וועגן דעם ניט א קלער געטאָן באלד, ווי דער אדוואָקאט איז צו אים אריַינגעקומען: דער אדוואָקאט באָראָוווי, ווייַזט זיך ארויס, גייט שטענדיק אפ אן אייַזערנעם בריק — ער דארף איצט האָבן, אז צום קומענ־דיקן נאָוויצקי־פּראָצעס זאָל אים די לינק־ליבעראלע צייַטונג שוין באלד אָנהייבן צוגרייטן די געזעלשאפטלעכע מיינונג, און שוין האָט ער אָנגעכאפּט די רעדאקציע מיט איר רעדאקטער פארן „טשוב", און שוין וויל ער צווינגען די צייַטונג טאָן אלץ, וואָס אים איז נייטיק, און שוין האָט ער געגעבן דערופ אן אָנצו־הערעניש: איין קלייניקייַט... א לינק־ליבעראלע צייַטונג האָט געהאט די ערשטע יעדיִעס, אז נאָוויצקין האָבן געהארגעט פייגעריוּוקער גאנאָווים, נאָר קעדיי

אָפּצוהיטנ „איר ביסל אײגנ געזונט“ האָט די צײַטונג מיט איר רעדאקטער געמאכט א שװײַג...

דער רעדאקטער האָט געפרעגט שיר ניט מיט א שמײכל:

— אונ װענ מיר זאָלנ די כראָניק ניט געװענ פארקירצנ?.. פּאָליציי װאָלט גלײַכ געװענ דערלאָזט, אז אלע זאָלנ זאָגנ: נאָװיצקינ האָבנ געהארגעט די פּײגעריװקער גאנאָװים, װאָס פלעגנ אים געבנ כײלעק?.. װי מײנט איר? די שװארצמײעדיקע צײַטונג װאָלט דענסטמאָל ניט געװענ אופגעהױבנ איר קאמפּאניע?

— װי איכ מײנ?... א באשטימטע װירקונג װאָלט עס, פארשטײט זיכ, געװענ געהאט. אזױ דארפ מענ קלערנ: צו די עקסצעסנ אפ דער גרעקאָװקע לעבנ דעמ נײַעמ סאָבאָר, צו די װײַטערדיקע פאָלגנ פונ אָט די עקסצעסנ װאָלט דענסטמאָל, גיכער װי אלצ, ניט געקומענ.

א װײַלע האָבנ זײ זיכ נאָכאמאָל באגעגנט מיט די בליקנ — דער רעדאקטער אונ דער אדװאָקאט. דער אָפּשײַ פונ אײנעמ צומ אנדערנ איז דאָס מאָל שױנ עפּשער געװענ ניט פיל גרעסער פונעמ אָפּשײַ, מיט װעלכנ ס׳קוקנ זיכ דורכ אינ געװיסע פאלנ א ליאדע צװײ פונ די פײגעריװקער גאנאָװים. ס׳האָט געדױערט בלױז אײנ רעגע — צװײ מענטשנ האָבנ זיכ אָפּגעשאצט, װער פונ זײ איז שטארקער. נאָר דער אדװאָקאט האָט איצט געהאט הינטער זײַנע פּלײצעס שאװלענ. דאָס האָט אים געגעבנ די מעגלעכקײַט צו זאָגנ אײדל, אז אײדעלער קאָנ שױנ ניט זײַנ:

— אפנ ערשטנ פּלאנ איז איצט שױנ ניט אזױ װיכטיק די כראָניק... באװײַזנ? — זײ װערנ געשאפנ אינ לױפ פונ פּראָצעס. אונ די שװארצמײעדיקע צײַטונג — זי האָט רענ יאָ באװײַזנ?.. דעריקער איז שױנ דאָ דער גראָבער מעטאָד פונ דער שװארצמײעדיקער צײַטונג צו פארשארפנ נאציאָנאלע באציונגענ, אפ אָט דער טעמע שטעל איכ מיכ פּאָר אפילע א לײטארטיקל — דער אדװאָקאט האָט א קוק געגעבנ אפ זײַנ זײגער אונ זיכ אופגעהױבנ פונ אָרט, — נו אָט... מע זעט זיכ אזױ זעלטנ — מע פּארעדט זיכ. איכ װאָלט פונדעסטװעגנ זײער געדאנקט, װענ איר שיקט מיר צו אהײמ יענעמ... דעמ דאָזיקנ, װאָס האָט אײַכ געבראכט די ערשטע כראָניק װעגנ נאָװיצקינ.

אינ א קאָפּיקנ צושטאנד האָט דער פּעמפּיקעװאטער רעדאקטער באלד נאָכנ אדװאָקאטס װיזיט פּײַסיק ארומגעשפּאנט בא זיכ אינ קאבינעט, פארטראכטערהײט געהאלטנ אינ אײנ פּירקענ, שמאָרנ אונ אונטערהוסטנ מיט אזא מינ פּאָפּעריק הוסטעלע, װאָס כאפּט אים אָנ טאָמער, װענ ער איז שטארק צעטראָגנ אונ צװינגט אים דערבײַ צו מאכנ מיט די אױגנ אונ מיט די ברעמענ אלערלײ באװעגונגענ, װי א היקעװאטער:

— פּערר!.. קי־קי־קי־פּו... פּררר!..

דאָס האָט ער געטראכט װעגנ לײטארטיקל, װאָס ער װעט איצט מוזנ אָנשרײַבנ, ניט דערפאר, װאָס אים אלײנ װילט זיכ אָנעמענ עמעצנס קריװדע, נאָר דערפאר, װאָס אים װילט זיכ איצט געבנ א קאמפּ דער שװארצמײעדיקער צײַטונג, נאָר שאָשעט, װײַל דאָס דארפ צו זײַנ באריםטקײַט דער אדװאָקאט בראָװױ,

וואָס האָט איצט אַפּ זײַנ זײַט שאַוולען — שאַוולען, ווען די צײַטונג קאָסט יער־לעך גרויסע סומען. דעם רעדאַקטערס קורצע הענט האָבן דערבײַ אויסגעאַרבעט אַלערלײַ טנועס, וואָס זיי פּלעגן מאַכן נאָך גאָר אַמאָל אין דער ישיווע: זיי האָבן געצופּט און געגלעט די קאָפּ־האָר לעבן די שלייפן, געריבן דעם ציגל־רויטן שווייסיקן שטערן, ווי אַ פּאַשעטע יידן געשטופּט דעם רעדאַקטער די באָרד אין מויל אַרײַן. — ט'האָסטו דיר!.. זײַ מוחל און דין דעם אַדוואָקאַט באַראָווי, דו מיט דײַנע פייַקייטן, מיט דער גאַנצער צײַטונג, וואָס דו רעדאַקטירסט.

— פּערררר!.. קי־קי־קי־פו... פּררר!..

קעדיי כאָטש אַליין אויך וואָס־ניט־איז דערפון האָבן, האָט דער רעדאַקטער שפּעטער אַ ביסל אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן צום באַלעבאָס פון דער צײַטונג, דע־מידאָוון, אים שיר ניט אָפּגעגעבן מאַזלטאָוו:

— בענטשט אונדז, קאָנסטאַנטין פּאַדיעוויטש. מיר טוען, ווי איר האָט געוואָלט, מאָרגן גייען מיר אַרויס מיט אַ לייטאַרטיקל וועגן נאָוויצקיס מאָרד.

דערויף האָט יענער געענטפערט אין טעלעפאָן זייער ערנסט, זייער קורץ, ווי ער וואָלט האַלטן אײנמיטן עסן:

— נו יאָ... שוין לאַנג צײַט!

און, ווי זײַן טעווע די לעצטע צײַט, האָט ער באַלד גענומען ריידן מיקויעך דעם, וואָס איינס פון די ביידע:

— אָדער פּאַרגרעסערן דעם טיראַזש, אָדער פאַרקירצן די שטאַט...

קאַפּיטל פיר

1

באַ זשעניע אָסטראָווסקי אין וווינונג — אַ נײַ־אויסגעצאַצקעטע וווינונג אַפּן העכסטן גאָרן פון איר געשטאַרבענעם פאָטערס הויז — איז שפּעט נאָך האַלבן טאָג איינער אַליין געזעסן מאָט מאַגידאָוויטש. אַרום אים זײַנען אַלע צוגעפּוצטע צימער געווען פאַרגאָסן מיט זון און גערוט האָט אין זיי באַטאָגיקע שטילקײַט, ווי עס רוט שטילקײַט אַפּ שפּילצײַג באַ קינדער, וואָס גייען אוועק שפּאַצירן.

מאַגידאָוויטש איז געזעסן שלעפעריק, נאָר גאַנץ זיכער, אַפילו האָנערדיק, עלעהײַ אַ שטענדיקער אַרומפאָרער זיצט נאָענט צו זון־זעצן זיך אין אַ צוגע־פּוצטן שלעפעריק־אויסגעליידיקטן וואָקזאַלכל. אַ בילעט אין טאַש האָט ער, קיי־נער קאָן אים ניט הייסן אַרויסגיין — פאַר דעם רעכט צו זײַן דאָ אַן אָפּטער גאַסט צעצאָלט ער זיך מיט די נײַסן, וואָס ער ברענגט אַהער פון דער צײַטונג, ווו ער איז רעפּאָרטער און נאַכט־קאָרעקטער. לאַנגווײַליק איז אים קימאַט קיינמאָל ניט געווען, ער האָט געהאַט אַ פענאָמינעלן זיקאָרן, און אין זיקאָרן, ווי באַ אַ צאַנקענדיק ליכטל, זײַנען צו יעדער צײַט געווען באַלויכטן אָן שיר לעבנס, — לעבנס, וואָס רופן באַ אים ניט אַרויס קיין ליבע און פאַרשאַפן אים ניט קיין יעסורים — ער האָט געקאָנט אַ וועלט מיט מענטשן, אַ וועלט מיט מענטשן האָט געקענט אים מיט זײַנע אווטאָדידאַקטישע קענטענישן, מיט זײַנע פייַקייטן און ווילדקײַטן.

מאגידאָוויטש האָט זיכ געמיט אנדרעמלט ווערנ אונ ניט געקאָנט. זײַנע שלעפעריק־פארגלאָצטע אויגנ האָבנ געשפּארט זייער בליק אפנ גרויסנ פּאָרטרעט פונ זשעניעס געשטאָרבענעמ פאָטער צאָדי אָסטראָווסקי, וואָס איז אקעגנ אימ אפ דער וואנט באהאנגענ מיט בילדער פונ בארימטע דעקאבריסטנ, ווי א הייליק בילד איז באהאנגענ מיט מאלאָכימ. מאגידאָוויטש האָט דערבײַ געהאט אזא אויסזענ, ווי אָט־אָט וועט ער צומ געשטאָרבענעמ צאָדי אָסטראָווסקינ שלעפעריקערהייט א זאָג טאָנ:

— מיט דעקאבריסטנ ביסטו מיר, דאכט זיכ, גוטער ברודער, געוועזנ זייער א קליינער מעכוטנ. סאכאקל ביסטו געוועזנ דער גרעסטער גאלאנטארײ־הורטאָוונ־יק דאָ אינ שטאָט.

פונעמ פּאָרטרעט האָט צאָדי אָסטראָווסקי ווי אָפגעענטפערט מאגידאָוויטשנ, מיט א בליק פונ זייער א בייזנ געגרײַזלטנ אָפּגאָט, אָנ שומ כאראָטע, וואָס ער איז ניט געוועזנ קיינ דעקאבריסט, אָנ שומ כאראָטע, וואָס ער האָט זשעניענ אומגליקלעכ געמאכט, איר געלאָזט יערושע זײַנע אונטערגעהויבנע גרויסע נאָזלעכער, זי ניט געלאָזט נאָכ דער גימנאזיע גיינ אפ קורסנ, — ער איז געוועזנ אינ לעבנ, ווי זײַנ סאָניע—גאלאנטערייער האָבנ אפ אימ געזאָגט:

— א קאטאָרזשאנ, נאָכ מיט ספּאזמעס דערצו — אָט לאָזט ער זיכ הארגענענ איבער א גראָשנ, אָט שמײַסט ער אפצעלאָכעס מיט צענער טויזנטער אפ דער העקעשער ש״ל.

מאגידאָוויטש, געבוירנ אונ אויסגעוואָקסנ אפ דער גרעקאָווקע, האָט נאָכ אדאָימ געדענקט איינעמ א ייִדישנ יאָנטעוו אינ סאָפּ זומער, ווענ צאָדי אָסטראָווסקי האָט אינ דער אלטער העקעשער שול אָנגעשיקערט א היפּש ביסל באלמעלאָכעס אונ איז מיט זיי ארויס אינ שול־הויפ. שיקערערהייט מיט א גרויסנ בוטל ווײַנ אינ האנט איז דעמלט צאָדי אָסטראָווסקי ארופגעקראָכנ אפנ שול־דאכ. פונ דאָרט האָט ער אראָפּגעשריגנ:

— וועמעס איז די שול?

— דײַנע, — האָט מענ אימ געענטפערט פונ שול־הויפ, — דו האָסט זי איבערגעב:יט.

— אונ וועמעס איז דער נײַער אָרנקוידעש? וועמעס זײַנענ די טוירעס?

— דײַנע, צאָדי, — האָבנ מוידע געוועזנ אלע אינ הויפ, — דײַנע ביז איינע.

— וואַרט זשע, — האָט געדונערט צאָדי פונ דאכ אראָפּ, — טאָ זאָל מענ מיר זאָגנ, וויפל קאָסט גאָט אונ אנ עק זאָל עס נעמענ — איכ קויפ אימ אוועק, אונ ווייסט, א רועכ אינ אײַער קישקע ארײַנ, אז צאָדי אָסטראָווסקיס גאָט איז בא אײַכ אינ אָרנקוידעש!

מאגידאָוויטש האָט געקוקט, געקוקט אפ צאָדי אָסטראָווסקיס פּאָרטרעט אונ האָט זיצנדיק ביסלעכווײַז דאָכ אָנגעהויבנ דרעמלענ. אימ האָט זיכ געכאָלעמט: אינ זײַנ ברודיקנ ארבעט־כאלאטל אונ אינ די שפּאקולנ — ער ארבעט באנאכט אינ ברילנ — שטייט ער אינ קאָרעקטער־צימערל פונ דער גרויסער טיפּאָגראפיע — א ראשיקער צעמענטירטער קעלער אונטערנ הויכגאָרנדיקנ רעדאקציע־הויז — אונ הערט, ווי אינ דער ארומיקער זעצערײַ קריגנ זיכ גראגערנדיקע נאכט־סעדעכעס.

מיט א שטויס פונ זײַנעמ א לאנגנ פוס מאכט ער אהינ אופ דאָס טירל פונ קאָרעקטער־שטײַגל. קוקט זיכ אהינ אײַנ פונ איבער די שפאקולנ, טוט אהינ א טריט אונ א געשריי:

— שאליגא!

נאָר צווישנ ארומיקנ טומל דערהערט קיינער ניט זײַנ קאָל. דער גרויסער טיפער טיפּאָגראפיע־סקלעפּ איז צו האלבער נאכט־צו פול מיט טראסקערײַ. א געמיש פונ נאָענטע אונ ווײַטע ווידערקוילעס הערט זיכ אינ ווײַטנ ווינקל, ווו מע גרייט צומ אוועקלאָזנ די גרויסע ענגלישע ראָטאציאָנס־מאשינ — מאָדנע, ווי הילכיק סע האוקענ דאָרט הינט. באלויכטנ מיט אראָפּגעהאנגענע עלעקטרישע לאָמפּנ קלאפּנ אינ שמײַעדיקנ באנאכטיקנ גאנג קימאט אלע אהערגעלאָזטע זאצ-מאשינעס, גליִענ זייערע אונטערשטע טיילנ אפ גאז, טשאדענ מיט צעשמאָלצענעמ בלײַ, ווארפנ ארויס פונ זייערע שטאָלענע פּיסקעס פײַערדיק־הייסע בלײַענע שורעס אונ בלײַענע ווערטער, — זיי פאלנ גאנצע הויפנס, לײַכטנ זיכ האלב-אויסגעלאָשענע, שמעקנ מיטנ רייעכ פונ הייסנ האָניקלעקעכ.

— שאליגא!

דער נאכט-זעצער, דער גרוזינער שאליגא, קוקט זיכ ניט אומ. נאקעט ביז אינ גארטל, מיט שווארצע שטיכלקעס אפנ שמאָלנ פּאָנעמ, רײַט ער אפנ הויכנ בענקעלע, ווי צוגעצויגנ דורכ מאגנעט צו זײַנ זאצ-מאשינ, דריגעט געשווינד מיט ביידע הענט אפ דער קלאוויאטור, טרעט מיט פיס אפ פארשיידענע הײַבלס, זעצט אויס אינ כאפּעניש בלײַענע ווערטער, וואָס זײַנענ פאר אימ פוסט, אָנ שומ אינהאלט.

— שאליגא!

אינ ארומיקנ געהילכ הערט ניט שאליגא, וואָס מע רעדט צו אימ. מאגידאָוויטש מוז אימ א שטויס געבנ מיט דער האנט — דאָס דערפילט ער. מאגידאָוויטש מוז צו אימ ארײַנשרײַענ אינ אויער:

— פאָלג מיכ, זאָג אויס...

דאָס דערהערט ער. מיט הענט אונ פיס, קומט אויס, דריגעט דאָ שאליגא נאָר דערפאר, ווײַל ער געפינט זיכ אינ מיטנ שלאָפ. אינ טיפנ געפלאָנטער פונ פארדרייטנ כאָלעמ. ער איז צעכראסטעט — אימ איז הייס, זײַנ מאָגער דראָטיק לײַב איז טונקל־בראָנז, ווי אָפּגעברענט אונטער פילע הייסע מיזרעכ־זונען. די ארומיקע אנשלאָפנווערנדיקע שטאָט איז אויסגעמעקט פונ זײַנ זיקאָרנ: דאָ רעדט שאליגא קיינמאָל ניט וועגנ לעבנ אונ וועגנ טויטנ, וואָס אפ יענער זײַט ראַשיקנ קעלערדיקנ סקלעפּ. דאָרט איז ער א יונגער טאטע, צי א מאנ — דאָ איז ער צוגעזויגנ צו דער זאצ־מאשינ, ווי דורכ א מאגנעט, דריגעט מיט הענט אונ פיס אונ זעצט אויס נײַסנ אונ ארטיקלענ, וואָס זײַנענ קעגנ זײַנ פארשטאנד, קעגנ זײַנ גאנצ לעבנ, קעגנ זײַנ געוויסנ.

— שאליגא, אָנ דאָרט, דו זעסט?

מאגידאָוויטש ווײַזט אימ, ער זאָל קוקנ רעכטס. בא א לאנגנ טיש, פארחלגערט מיט געווערטשעוועטע אונ האלב־געווערטשעוועטע שפאלטנ, ארבעט דאָרט, ווי אלע באנאכט, דער פלינקער מעטראנפאזש יודע מאטעסאָוו — א

בלאָנדלעכער, ניט קיינ הויכער, א שוויַגעדיק־בייזער. ווי פונ מוירע, אז ער וועט מיט די ארומיקע זיכ באלד צעקריגנ, ענטפערט ער דאָ אפ פראגנ גיכער מיטנ בליק פונ זײַנע היפשע אשיקע אויגנ, ווי מיטנ הארטגעשלאָסענעמ, ניט געעפנטנ מויל.

— שאליגא, — ווײַזט מאגידאָוויטש אָנ אפ מאטעסאָוונ, — איכ ווייס, אז ער האָט זיכ געמאכט פאר אנ „איכקראָוועצ", איכ ווייס, אז דו גאנוועסט שריפט פאר אײַער אומלעגאלער טיפאָגראפיע — כ'האָב אליינ געזענ, כ'האָב אונטערגעקוקט... בעסער זײַ זיכ מוידע, זאָג מיר אויס. ווער האָט געהארגעט נאָוויצקינ, ביסט דענסטמאָל גאנצפרי געגאנגענ פונ דער ארבעט, דו האָסט געזענ, דו מאזיק איינער, דו ווייסט פינקט־עכ, ווער האָט ארײַנגעזעצט נאָוויצקינ די קויל...

נאָר שאליגא ווילֿ ניט אויסזאָגנ:

— טשעפע זיכ אָפ, — שרײַט אויס שאליגא, — גיי אוועק!

דאָ בייגט ער זיכ אָנ, כאפט פולע זשמעניעס מיט פײַערדיקע ליכטנדיקע בלײַענע אויסיִעס אונ טוט זיי א שאָט אפ מאגידאָוויטשנ.

מאגידאָוויטש האָט א ציטער געטאָנ, א פאָנפע געגעבנ עפעס אונטער דער נאָז, זיכ אופגעכאפט, דערזענ מיט פארגלאָצטע אויגנ:

ער זיצט נאָכ אלצ בא זשעניענ אינ ווינונג אקעגנ צאָדי אָסטראָווסקיס פאָרטרעט — איינער אליינ, ווי א גוילעמ. זיצט ער, אינ צימער איז הייס, ווי אינ אנ אָראנזשעריַ, אונ פונ דער זײַט דורכ א צוגעמאכטנ ווענעציאניש-גרויסנ פענצטער זעצט אימ גלײַכ אינ פּאָנעמ א גליִענדיקע זונ. ער האָט פארקנייטשט די נאָז, ווי אפ א ניס צו טאָנ:

— נא, ט'האָסטו זיר.

אינ לעבנ איז מאגידאָוויטש גאָר ניט אזא פארדאָרבענער מענטש, ווי אינ כאָלעמ. אינ לעבנ איז ער א קויטיקלעכ־לאנגער דראָנג, אנ אווטאָדידאקט, א זאמלער פונ רוסישע אונ יידישע פאָלקס-ווערטלעכ, א טרײַבער פונ ייִדישע פעטאָלימ a la „באסני קרילאָוו", א ליבהאָבער פונ מאטעמאטיק, א שאָכ־טשילער אונ... אנ עלנטער מענטש, אזא, וואָס בא אלע זײַנע ווריקרעקײַטנ אונ קרומע גענג, שפײַט ער קלעק אפ די פאראָנדקעכ פונ א וועלט. וואָס איז פול מיט אוולעס, גלייבט ניט. אז מע קאָנ זי איבערמאכנ, האָט זי אינ דער ערד. גייט זיכ אָנ א זײַט, אליינ אנ אָרעמאנ, לעבט צווישנ אָרעמעלײַט. אונ אינ כאָלעמ זעט ער זיכ אָפט אינ געשטאלט פונ א מיִעסער בריִע, פונ אנ אויסוווּרפ. פונ א פארברעכער, פונ א מאָסער, וואָס קאָנ סטראשענ דעמ זעצער שאליגאנ „אָט זאָג איכ אויס, אז דו אונ מאטעסאָוו זײַנענ „איסקראָווצעס". איר גאנוועט שריפט פאר דער אומלעגאלער טיפאָגראפיע". אונ פאָלג מיכ אנ אָנצי!—שאליגא זאָל אויסזאָגנ, ווער האָט געהארגעט נאָוויצקינ... אז סאכאקל ווינט ער גאָר, שאליגא, אינ אנ אנדער עק שטאָט אונ ווייסט גאָר מיסטאמ ניט, וווּ די פײגעריווקע געפינט זיכ...

צוריקגערעדט: פונ שאליגאנ אונ פונעמ מעטראנפאזש מאטעסאָוונ האלט גאָר מאגידאָוויטש מער, ווי פונ אנדערע ארבעטער אינ טיפאָגראפיע, וואָס זײַנענ אָדער אומפארטייִשע אָדער זיי געהערנ צו די עסערנ אונ צומ „בונד". שטילערהיים

געפעלן אים א ביסל „איסקראָוועצעס“, ווײַל זיי זײַנען גרויסע אזעספּענעמער. — מאגידאָוויטש האָט ליב, אז מע איז אקעגן דער וועלט א שייגעץ. אין טיפּאָ־גראפיע קוקט ער זיך צו צום ברייטלעכן און געלבלעכן יודע מאטעסאָוון. בא יענעם האָט ניט לאנג געטראָפן אן אומגליק — געשטאָרבן זײַן איינציק זיבנ־יאָריק מיידעלע, אליין, זאָגט מען, האָט ער די לעצטע פּאָר יאָר צו טאָג מיטן הארץ. קימאט אלע פארטאָג, זינט זײַן קינד איז געשטאָרבן, קומט צו אים אהער אין טיפּאָגראפיע זײַן ווײַבל, א קליינינקע, זייער א שטשופּלע, מיט אויגן, וואָס קוקן אומעטיק און נאקעט, ווי אָן וויִעס. ווי נאָר מאטעסאָוו דערזעט זי אריינקומען, טוט ער זיך גלײַך צו איר א לאָז מיט דער ווערסטאטקע אין די הענט. א ווײַלע שטייען זיי דאָ ביידע אין א טיפּאָגראפיע־ווינקל און קוקן איינס אף ס'אנדערע.

— יודע, — טוט צו אים א זאָג דאָס ווײַבל און בלײַבט גלײַך שטיל, ווי דאָס לאָשן וואָלט איר אָפּגענומען, און קוקט אף אים דערשראָקן מיט די נא־קעטע אויגן.

— ביילע, — ענטפערט איר דערויף מאטעסאָוו, — גיי אהיים, ביילע...

דענסטמאָל באקימט דאָס ווײַבל אן אויסזען אי פונ א קינד אי פונ א זקיינע, און גייט אוועק ערגעץ צוריק אינ פינצטערן פארטאָג. ס'באקומט זיך: בלויז צוליב דעם באגעגענען זיי זיך דאָ אלע באנאכט, קעדיי צו הערן איינער פונעם אנדערן די ווער־טער „יודע“ און „ביילע, גיי אהיים, ביילע“ — ס'ווערט זיי, אפּאָנעם, דערפון גרינגער אפן הארצן. אף מאטעסאָוון האָט מאגידאָוויטש א כשאד: ער מוז האָבן א שײַכעס צו דער פּראָקלאמאציע — צו יענער, וואָס „איסקראָוועצעס“ האָבן פאר שפּרייט איידער מע האָט געהארגעט נאָוויצקין — מעגלעך, ער ווייסט אפילע פּינקטלעך, ווער האָט געהארגעט. צוריק מיט א פּאָר נעכט האָט מאגידאָוויטש א דעד געטאָן צו מאטעסאָוון, בייס יענער האָט אים צוגעטראָגן קאָרעקטורן:

— וואָס איז? וואָס קוקט איר אף מיר אזוי קרום? איך בינ אײַך עפּעס שולדיק?

דערויף האָט מאטעסאָוו בייז געענטפערט:

— ניין, איר זײַט מיר גאָרנישט שולדיק... איר שטינקט מיר ניט און שמעקט מיר ניט.

מאגידאָוויטש האָט געפרוווט פארגלעטן:

— איר מיינט, כ'בינ קעגן סאָציאליזם? מאכט עס... איך בינ גרייט יעדער רעגע — נאט אײַך מײַן כסימע!

נאָר דאָס האָט מאטעסאָוון נאָך מער צערייצט — ער איז אוועק מיט בלאסע ליפּן:

— א נײַער באלעבאָס אף מיר, — האָט ער ווי א קריץ געגעבן מיט די ציינ, — איך זאָל פאר אים מאכן!.. ער האָט מיר געדונגען...

פונ דענסטמאָל אָן גייט מאטעסאָוו צו אים מער ניט צו. די קאָרעקטורן שיקט ער אים אָפּ אָדער דורך א לערנ־ייִנגל, אָדער דורך שאליגאן — איז אָט פונ־וואנען א ווייסער און מיעסער כאָלעם קאָן זיך דיר פּלוצלינג ארויספּלאָנטערן!.. מאגידאָוויטש האָט אזש שיר ניט אויסגעשפּיגן:

— פּעו! אינ דר'ערד זאָל עס גיין.

2

ביסלעכווײַז האָט מאגידאָוויטש זיך אויסגעטשוכעט פֿון נאָכן דרעמל. א רײַב געטאָן הינ און הער זײַן רויטלעך צוגעצופּטע בערדל, דערהערט פֿון ארומיקע צימערן א געדודער: א געמיש פֿון קלינגענדיקע שטוב־שליסלעך און פֿון הויכע גיך־טרעטנדיקע ווײַבערשע אָפּצאסן — דאָס איז פֿונ שטאָט צוריק געקומענ זשעניע, זיך אפגיך איבערגעטאָן, צעעפנט שראנקן, אָפּגערוקט שטולן, מיט איר יאָגן זיך שיר ניט אופגעהויבן ארום זיך צוג־ווינטלעך.

— מאגידאָוויטש! — האָט זי פֿונ דאָרט א געשריי געגעבן מיט גלעקלדיקער צופרידנקייט, וואָס ער איז ניט אוועקגעגאנגען איידער זי איז געקומען, — ווי אומניצא!

דערופֿ האָט מאגידאָוויטש, ווי זײַן שטייגער, געענטפערט אי ווערטלדיק אי מיט ביטל:

— אומניצא?.. דאָס ווייס איך אליין! מיר דארפט איר עס דערציילן?

זשעניע אינ ווײַכלעכן צימער האָט זיך פאנאנדערגלאכט. דערנאָך איז זי אהער ארײַנגעקומען אינ זייער א טשיקאווען פעניואר — ווי מאגידאָוויטשן האָט זיך געדאכט — א פעניואר, וואָס פאסט גאָר עפּעס פאר טראָגעדיקע ווײַבער. איר אויבערשטע טונקל־באוואָנצלטע נארישע ליפ האָט אויסגעזען א ביסל פארשוויצט, אירע אונטערגעהויבענע פאריסענע נאָזלעכער — ווי זיי וואָלטן זיך אײַנגעשמעקט אינ אָן שיר רייכעס; אינ אירע טיפ־זיצנדיקע לעצט־שווארצע אויגן — קימאט גליקלעכע פײַערלעך פונ א דרײַסיק־יאָריקער מאָגערער מויד, וואָס האָט שוינ בא זיך געפויעלט, אז קיינער וועט זיך אינ איר ניט פארליבן, און איז זיך אליינ איר „געליבטער", און האָט זיך אײַנגעאָרדנט דאָ אינ שטאָט א ווינונג, ווו אלץ — די פארביקע ווענט, דאָס מעבל און אפילע די דינסט און די אנ־טיטשנע קאץ — זעט אויס נײַער און אָריגינעלער, ווי אינ אלע אנדערע ווינונגען בא איר גלײַכן, און עס קומען צו איר אלע אָוונט קימאט דורכויס־צוגעקליבענע געסט, באזונדערע, אנדערע, ווי אלעמענס אנדערע געסט, און אָט אפילע דער אָ מאגידאָוויטש מיט די נײַסן, וואָס ער ברענגט אהער פון דער צײַטונג — ער איז אפילע א שטיקל פערעאָדאָם, אָבער דאָך אנ אנדערער, ווי אלע.

— נעבעך, — האָט זי צו אים א שמייכל געטאָן, — איר ווארט שוינ מיס־טאמע אפ מיר זייער לאנג...

זי האָט געהאט א טעווע: איידער זי זאָגט עפּעס טוט זי זיך לײַכט א וויג אינ ביידע זײַטן, און נאָך דעם, ווי זי האָט עפּעס געזאָגט, טוט זי זיך ווידער אזא וויג — זי איז געווען זיכער, אז דאָס פאסט איר. זי האָט זיך צוגעזעצט אקעגן אים באם טיש, געביאָזן דאָס גוידערל, געקוקט אפ אים שמייכלענדיק, קימאט גליקלעך, דערבײַ האָט זי געטראכט, אז מאגידאָוויטש איז נאָך צו איר קיינמאָל אינ אזא באטאָגעדיקער צײַט ניט געקומען, אז ער האָט נאָך בא איר קיינמאָל, ווי דאָס טוען פיל אנדערע באקאנטע, ניט געבעטן קיינ געלט ניט פאר זיך אליינ און ניט פאר א צווייטן; אז אויב ער וועט איצט בא איר געלט בעטן, וועט מען אים דעריבער דארפן געבן א סאך, עפּשער א גאנצן הונדער־

טער, עפּשער מער. און גראָד קומט זי איצט אהיים נאָך א לאנגן שמועס מיט איר ברודער ליאָוועג, וואָס פירט דעם געשטאָרבענעם פאָטערס אלע הורטאָוונע גאלאנטעריי-מאגאזינען. ליאָווע האָט איר בא זיך אין קאנטאָר געמאכט א כעושבנ, אז זי פארלעבט א שלאָל מיט געלט — זי שיט וואָס א כוידעש אלץ מער געדאָוועס אף „קרייזן שטודירנדיקע יוגנט", אף פארשיידענע „בונדן" און אף סאָציאל-דעמאָקראטן און אף וועמען ניט?.. זשעניע האָט אים דערוף געענטפערט גאנץ אומעטיק:

— ס'איז מײַן „נאָדן".

זי האָט באקומען קימאט פארטרערטע אויגן:

— סײַ-ווי-סײַ... קיין אנדערע פארגעניגנס אין לעבן האָב איך ניט.

איצט, שוין נאָך פונעם געדאנק, אז מאגידאָוויטש איז געקומען צו איר נאָך געלט, האָט זשעניע זיך געגומען דאכטן, אז דער ברודער אירער איז עפּשער טאקע גערעכט — בלויז מעזומען געלט האָט זי די לעצטע פּאָר וואָכן אָנגענומען אין קאנטאָר ארום פופצן הונדערט מיט עטלעכע און זעכציק רובל. דערצו וועט זי נאָך איצט מוזן געבן מאגידאָוויטשן כאָטש א הונדערטער — ס'וועט שוין זײַן זעכצן הונדערט מיט עטלעכע און זעכציק, עפּשער נאָך מער...

נאָר מאגידאָוויטש האָט אין פלוג נאָך אלץ ניט ארויסגעוויזן קיין שום סימאָנים, אז ער וועט באלד בעטן געלט. ער האָט אויסגעזען א ביסל צעדרייט, די אויגן רויט און אופגעדרודלט, דאָס פּאָנעם מיטן אויסשיט — בלאסלעך, דאָס רויט-צוגעצויטס בערדל — צעפלאָכטן. זשעניע האָט זיך אָפּגעהאלטן פון פרעגן בא אים „וואָס איז מיט אײַך", ווײַל מיטן מענטשן, זעט זיך, האָט אָן סאָפּעק עפּעס געטראָפן — א קאשע אף אזא אָפּגעלאָזענער ברײַע, ווי מאגידאָוויטש?.. אזוינער קאָן ארומגיין מיט טיפוס אין גאס — און אויב זי וועט אים ארויסווײַזן צו פיל ווארעמקײַט, וועט שוין נאָכדעם געוויס ניט פאסן צו געבן אים ווייניקער, ווי א הונדערטער.

— עפּעס קוקט איר אזוי אף מיר, — האָט מאגידאָוויטש, ווי זײַן שטייגער, מיט ביטל א רײַב געגעבן זײַן בערדל, — מיסטאמע זע איך אויס ניט וואזשנע... געשלאָפן בין איך שוין ניט א פּאָר מעסלעס, די נעכט געארבעט, און פון די גרויסע פארשוינען בין איך ניט, אזוי צו זאָגן, אפילע אז איך שלאָף זיך גוט אויס. אין אָנטאָן בין איך א קלײנער איבערקלײַגער, ווער שמועסט די לעצטע צוויי מעסלעס — איך טו זיך ניט אויס, איך טו זיך ניט אָן... א פּאפּראָס? איך פארטראָג עס ניט, נאָר איצט וועל איך בא אײַך פארייכערן. קראנק בין איך אין מײַן לעבן קיינמאָל ניט געווען. איך געדענק, דאכט זיך ניט, איך זאָל אפילע אמאָל האָבן געמאָזלט, נאָר איצט בין איך עפּעס צעפּאָרן... זיך איבערמעסטן?.. נאָר!... ס'איז אלץ איבער דער מײַסע מיטן געהארגעטן נאָוויצקין. עפּעס האָט עס מיך, ווי אינגאנצן ארויסגעשלאָגן פון די פּאנטעליגעס...

ער האָט פארייכערט לאַפּיש, ווי א מענטש, וואָס איז רייכערן ניט געוווינט, זיך פארקרימט, זיך פארהוסט מיטן רויך און ווי אין היץ, גאָר ניט לויט זײַן טבֿוע, א שאָט געטאָן:

— פאראן בא אונדז א רעדאקטער, אן „אידעלער מאנ", א וועלט-בוירער,

שרײַבט לייטארטיקלען, ווי מע וואָלט אים אוועקגעזעצט אויסגלײַכן צעקריגטע צדאָדים — אז קיינער, צווישן אונדז געזעגט, האָט זיך גאָר אַפּ אים ניט פאַרלאָזט. כ׳האָב אים דענסטמאָל געבראַכט וועגן נאָוויצקין געציילטע צוויי אונ פערציק שורעס כראָניק. כ׳האָב אָן א גוזמע קיבאַט ארויסגעזוגן — אַפּ דער מײַסע מיט נאָוויצקין קאָן אָנרײַסן א בלאָטער. וואָלט מען געוועגן אָפּגעדרוקט מײַן כראָ־ניק, וואָלט מען געוועגן ארויסגענומען די זאַנאָזע אונ שוין. כ׳ברעך מיר אַלץ מײַן קאָפּ וועגן דעם „איידעלן מאַן", דעם רעדאַקטער: ער האָט עס געטאָן אור־מיסטן, צי ניין? איך ווונדער זיך אַפּ זיך אַליין: א מענטש פון „טשעפע מיך ניט, איך טשעפּע דיך ניט", פלוצלינג בין איך געוואָרן א פּלעקל־בעג־פּלעקל מיט א געשיכטע, וואָס שמעקט מיט פאָגראָם, מיט ארעסטן, מיט פּאסקודניאַקעס, וואָס חילן דערופ פּארדינען. מע האָט מיך שוין א פּאָר מאָל געשלעפּט אין דער זשאַנדארמעריע ארײַן איך — מע האָט דאָרט געוואָלט פון מיר, איך זאָל זאָגן, אז נאָוויצקין האָבן געהארגעט סאָציאַליסטן. נאָר כ׳האָב זיי אין דער ערד. פון מײַן כראָניק וועגן נאָוויצקין האָט מען אין צײַטונג אָפּגעדרוקט סאַכאַקל זעקס געציילטע שורעס, אי דאָס — עפּעס גאָר ניט מײַנע, פרעמדע, נאָר אונטערגעשריבן מײַן פולן נאָמען מאָט־מאגידאָוויטש, ווי אומיסטן, מע זאָל מיך קאָנען שלעפּן אין דער זשאַנדארמעריע, מיר ארויסגעשריבן האָנאָראר...

מאגידאָוויטש — לויט ער אליין דערציילט זשעניען — האָט דענסטמאָל גענומען דעם האָנאָראר אין אריינגעטראָגן דעם רעדאַקטער:

„— בעטאָעס ארײַנגעפאלן צו מיר אײַער האָנאָראר..."

דער רעדאַקטער האָט זיך געמאַכט טאַמעוואַטע:

„— ווטשיאָם דיעלאָ? איר האָט דאָך דענסטמאָל געבראַכט כראָניק".

מאגידאָוויטש האָט געענטפערט:

„— יאָ. נאָר מײַן כראָניק האָט מען ניט אָפּגעדרוקט. דאָס וויל איך טאַקע, מע זאָל מיר מײַן כראָניק אָפּגעבן צוריק".

דער רעדאַקטער האָט א קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען, ווי אַפּ א פּערעאָדאָם:

„— צי וואָס דאַרפט איר עס?"

מאגידאָוויטש איז בא זיך ניט אראָפּגעפאלן:

„— ס׳איז א דאָקומענט — זאָל עס ליגן בא מיר: כ׳האַלט, אז די כראָניק איז די צײַטונג געוועזן מעכוייעוו אָפּדרוקן".

דער רעדאַקטער א ז אַפּ א. רעגע געוואָרן אויס „איידעלער מאַן".

„— מממ, יאָ, — האָט ער א קנייטש געטאָן די באַקן, — א פּארפאלענע זאַך... דערופ זיצט א רעדאַקטער, אז ער זאָל אויסבעסערן יענעם אונ ניט מע זאָל אים אויסבעסערן נו, אונ איר, מאגידאָוויטש, אַפּ אײַך זאָגט מען ביכלאַל, אז איר האָט איינמאָל צונויפגעשטעלט א גראַמאַטיק, ווו איר האָט געכאַפּט אין שרײַבן רוסיש מיט גרײַזן א פּאָר רוסישע קלאַסיקער אונ זיי אויסגעבעסערט..."

מאגידאָוויטש זאָגט איצט דערופ צו זשעניען:

— וועגן רעדאַקטער: פאראַן מענטשן מיט בײַכלעך, נאָר דאָס איז א בײַכל מיט א מענטשן. ער לעבט מיט א יונגער שיקסע, טאָ זאָל זי זיך אים האָבן גע־קושט אזויפיל מאָל מיט אנדערע, וויפל מאָל איך בעסער אים אויס זײַן רוסיש

אינ דער קאָרעקטור — איכ שטעל אימ דאָרט אריינ גאנצע שורעס, קוויקט ער זיכ באָכדעמ מיט זיי — ער מיינט, אז ס'איז זיינס.

דערווייל קומט די שווארצמייעדיקע צייטונג מיט גוויסע־איידעסנ פונ דזוואָרני־קעס אונ פונ לוקעריא פאָלישטשוק. וועגנ דער לעצטער זאָגט איצט מאגידאָוויטש:

— די אישע צנועה לוקעריא... זי האלט סאכאקל אנ אויסבאהאלטנ בורדעלכל אינ אָנהייב פייגעריווקע. כ'האָב אומיסטנ מאטריעכ געוועג אהינ מיינ קליינינקייט, בינ איכ פונ דאָרט קוימ לעבעדיק ארויס. כ'קאָנ יעדנ פארברעכער־לאָכ אפ דער גרעקאָווקע — אזוינס האָב איכ נאָכ ניט געזענ. אויב בא איר איז ניט די גאנציווישע הויפט-נעסט. איר וואָלט זיכ געמעגט פארגינענ א קוק געבנ דאָרט אפ די ווענט — פארשפריצט מיט בלוט, טשאָרט איכ זנייעט! כ'האָב געבראכט וועגנ דעמ אינ רעדאקציע עטלעכע שורעס כראָניק...

זשעניע האָט געהערט קנאפ, געוועג פול מיט דערווארטעניש, אז מאגידאָוויטש וועט אָט־אָט בעטנ בא איר געלט — זי איז ניט געוועג געווינט, מענטשנ זאָלנ איר עפּעס דערציילנ אָנ א מיינ. פונ לייטישקייט וועגנ האָט זי זיכ געוווּנדערט:

— וועג איז דענ וועגנ דער לוקעריאנ געוועג אינ צייטונג? כ'האָב עפּעס גאָר פארזענ.

— געדרוקט?.. ווער געדרוקט?! — מאגידאָוויטש האָט שמייכלענדיק געגעבנ א מעלק אויס זיינ טרוקענע נאָז — קינדעלע מיינס! א ליבעראלע צייטונג האָט, ווי יעדער געשעפט, באלעבאטימ: זיי דרוקנ ניט, ווענ ס'לוינט זיי נימ. זיי גייט עס אָנ, וואָס ארומ דעמ געהארגעטנ נאָוויצקינ האָט זיכ די לעצטע טעג אָפּגעטאָנ? טוט א רעכנ: א פראָצעסיע צומ נייעמ סאָבאָר, — קלאנגענ, אז א יידיש ייִנגל האָט דאָרט אויסגעזעצט א שויב — באפאלנ יידנ אינ גאס, צוויי צעמאזיקטע אָפּגעפירט אינ שפּיטאָל; אלע נאַכט ארעסטנ אפ דער גרעקאָווקע צווישנ יונגע ארבעטער, דעריקער צווישנ יידנ — עפּשער זיינענ זיי יענעמ גאנצפרי נאָכגעלאָפנ אָפּשלאָגנ דעמ פראָקלאמאציע־קלעפּער אונ עפּשער גאָר ניט נאָכגעלאָפנ אויכ. געוועג אנ ארעסט אינ הויפ, וווּ איכ וווינ, געקומענ צו מיר וויינענ א יידענע: „וואָס שווייגט איר אינ אייער בלאט?" מ'כ שלעפּט מענ שוינ ווידער אינ דער זשאנדארמעריע. אינ קאָרידאָר, ווו מע ווארט, טרעפ איכ דאָרט דעמ הענטשקע-מאכער פאָלטאראק — יענער, לעבנ וועמעס שטוב מע האָט דענסטמאָל געקלעפּט די פראָקלאמאציע. „קוימ וואָס איכ אָטעמ שוינ", זאָגט ער צו מיר, „מע האָט מיכ נאָרוואָס אָפּגעהאלטנ צוויי שאָ אונ געהייסנ ווארטנ. מ'עט מיכ באלד נעמענ באָכאמאָל אפנ דראָנדזשעק. איר פארשטייט צי ניינ? — כ'האָב זיכ איינ מאָל ארויסגעכאפּט מיט א וואָרט, וויל מענ איצט איכ זאָל דאבערנ ניט מיט א האלב מויל אונ זאָל אלצ ארופלייגנ אפ די יידישע „שווארצע העמדלעכ". מע האָט מיכ שוינ געפרעגט וועגנ אייכ אויכ... מע סטראשעט מיכ מיט איינזועצנ — ס'איז מיינע לעצטע קויכעס. טאָמער זעצט מענ מיכ איינ, בעט איכ אייכ ארייננגיינ צומ ראָוו מייערסאָנענ — זאָל מענ דורכ כארשאקנ נויסענע א פּאָר מייעס דעמ אָדנ, וואָס פרעגט אויס, וועט ווערנ אויס אומגליק".

פונקט געטראָפנ דעמ מענטשנ, וועמענ מע קאָנ שיקנ צו ראבאָנימ. סאכאקל זאָגט מאגידאָוויטש אפ דעמ-אָ מייערסאָנענ:

— ניט קיין ראָוו, נאָר א גאנצער שטיק „פרעמיער־מיניסטער" — געהאלטנ אנומלט זײַנ „דעקלאראציע" אינ דער העקעשער שול: „ווענ איז יידנ שלעכט? — ווענ דער מאלכעס וועט אָפגעשוואכט" — א ראָוו, וואָס האָט שוינ געלייענט „גרעצ", וועט שלאָגנ קאפיטאל אפ אלע יידישע צאָרעס אינ שטאָט. אונ פאראנ איצט נאָך איינער אזא, נאָר זײַנ פאראכוויע איז שוינ א סאך א גרעסערע — דאָס גאנצע יידישע פאָלק. ער הייסט עלכאָנענ קאדיסאָנ אונ לאָזט ארויס בראָשורנ וועגנ דער „יידנ־פראגע" אונ שרײַבט „עטיודנ צו דער פילאָסאָפיע פונ דער יידישער געשיכטע". איך בינ אנ אָרטיקער. כ'געדענק אים נאָך פונ אמאָל, ווענ ער האָט זיך ארומגעשלעפט מיט מוידנ — א לאנגער באָכער אינ וויַסע הויזנ מיט שפינאָזעס אונטער דער פאכווע אונ מיט פאוסטנ אינ בוזעמ־טאש — ער איז דענסטמאָל געווענ אזא מייווננ אפ יידישער געשיכטע, ווי א יידענע אפ מעציצע, געהאלטנ פונ אסימיליאציע, געוואָרנ א „נאראָדאָוואָליעצ". איצט טוט ער טשוווע. ס'איז געווענ נאָך דער פראָצעסיע ארומ כאָבאָר, טעלעפאָנירט ער אינ טיפאָגראפיע ארײַנ פארטאָג, ווי א מינ יידישער נאציאָנאלער טאטע — איבער יידישע צאָרעס, הייסט עס, שלאָפט ער שוינ ניט באנאכט: „ווי איז דורכגעגאנגענ", פרעגט ער, „אינ שטאָט די נאכט? וואָס פאר א יעדיעס האָט די צײַטונג?" איך בינ גראָד דעמלט צוגעגאנגענ דאָרט צומ טעלעפאָנ. — „ס'איז פרײַלעך", ענטפער איך אים, „אינ־אָוונט האָב איך זיך ארײַנגעכאפט אינ אייניקע טראקטירנ אפנ ברעג, געהערט, וואָס מע רעדט, האָט עס מיר אויסגעזענ, ווי אינ די שטיוול האלט מענ שוינ אָנגעשארפטע מעסערס... צי מע וועט שלאָגנ יידנ? איך קאָנ אײַך דערופ ארויסגעבנ א וועקסל: אבי יאָרנ, קיינ פאָגראָמ וועט איר ניט זשעדנע זײַנ". „אכ, מאגידאָוויטש", שלאָגט ער מיר איבער אינ טע־לעפאָנ, „איר זײַט נאָך אלצ א פערעאָדאָמ. וואָס איז דאָ אפ אײַך די געדולע? ניט אומזיסט האָט אײַך אמאָל געצויגנ צו אנארכיסטנ — זשומעריי איז בא אײַך, ווי בא א פליג, ניט קיינ מיטל, נאָר א ציל". „נו יאָ", — ענטפער איך אים אינ טע־לעפאָנ, — „צו אײַך קאָנ איך זיך ניט גלײַכנ: בא אײַך, אז מע ראבעוועט יידנ, ראבעוועט מענ דאָך אײַער אייגענע סכוירע..."

זשעני ווייסט: אלע, וואָס קומענ צו איר בעטנ געלט, מאכנ פריער לאנגע שמועסנ, נאָר אזוי לאנג ווי איצט האָט עס קיינער ניט געמאכט. זי געדענקט: אינ איר קליינעמ בײַטעלע זײַנענ ארײַנגעקוועטשט ארומ צוויי הונדערט רובל — אויב זי וועט איצט געבנ מאגידאָוויטשנ א הונדערטער, וועט זי מאָרגנ ווידער מוזנ גיינ צומ ברודער אינ קאנטאָר נאָך געלט אונ דאָס וועט איר זײַנ זייער אונ זייער ניט אָנגענעמ. ווענ זי הערט אופ וועגנ דעמ צו טראכטנ, האלט שוינ מאגי־דאָוויטש אינמיטנ דערציילנ, וויאזוי ער איז הײַנט ביז דרײַ אזייגער פארטאָג אָפגעזעסנ באמ אדוואָקאט באָראָווי אינ קאנטאָר. מע האָט אים אהינ גערופנ דורכ דער רעדאקציע; וויאזוי באָראָווי האָט אים לאנג אויסגעפרעגט, צי האָט ער אלייננ געזענ, ווער האָט געהארגעט נאָוויצקינ, אָדער צי האָט ער א כשאר אפ איינעמ אָדער עטלעכע אונ קאָנ אָנרופנ זייערע נעמענ; וויאזוי באָראָווי האָט אימ געזאָגט: „אויב איר וועט גאָרנישט ניט אָנטאָאנ איז פארפאלנ די קו מיטנ שטריקל". אפ אים, מאגידאָוויטשנ, הייסט עס, ליגט שוינ אינגאנצנ די אכרײַעס פאר דער

מײַסע — ער מוז דאָ װערן א מין דערעקטיװ־אגענט, א ברייער?.. און טאקע דאָ הייבט זיך אָן מאגידאָוויטשעס מאטערניש און גאל־עסעניש: ער האָט אין יענעם באַוווסטן פרימאָרגן דאַפקע געהאט געפּאַקט דעם יונגן יאַט, וואָס האָט געקלעפּט די פראָקלאַמאַציעס, אים געפירט צו זיך אהיים. געגוג געווען דער יאט זאָל אים אויסטאָלן, וויזוי האָט אויסגעזען יענער, וואָס האָט אַרײַנגעזעצט באָוויצקין די קויל — מאגידאָוויטש קאָן אָפּגעשוונדענערהייט אלע פייגעריוקער גא־באָוים. באַם אַרײַנקומען אין טויער האָט אים דער יאט געזאָגט מיט א האלב מויל: „כ׳האָב אים געזען... כ׳וועל אים אײַך אויסמאָלן". נאָר באַם אַרײַנקומען אין הויף האָט דעם יאט בא מאגידאָוויטשן צוגענומען, ווי פון אונטער די הענט, א צווייטער יאט.—

— און דער דאָזיקער צווייטער יאט, — דערציילט מאגידאָוויטש זשעניען, — איז גאָר ניט פון אונדזער הויף. ווי מיר כאַפּט זיך, האָב איך אים איינמאָל געזען באַם „פּראָוויאַטשטשע" פון אונדזער הויף, ברוידען. איצט מוז איך לויפן זיך דערוויסן בא אָט דעם ברוידען, ווער איז דער צווייטער יאט, דורכן צווייטן יאט זיך דערשלאָגן צום ערשטן יאט. אקיצער, ווער ס׳האָט די „ערע", איך האָב דאָס „לויפעניש" — כ׳בין שוין אריבער צוויי מעסלעס ניט געשלאָפן, באַנאַכט אַרבעט איך אין טיפּאָגראַפיע, באַטאָג — אָדער מע שלעפּט מיך אין דער זשאַנדאַר־מעריע, אָדער כ׳מוז לויפן צו בּאָראָוויען. כ׳בין מיד...

זשעניע האָט געקוקט, ווי דער אויסשיט אַף מאגידאָוויטשעס פּאָנעם טרעט אַרויס מער, ווי אַלעמאָל. יעדע האָר פון זײַן רויטלעך צוגעצופּטן בערדל איז ראַהאַנ־גען מיט נערוועזער אופגערעגטקייט. זײַנע אויגן־ווײַסלעכער, פול מיט בלוט־אָדערלעך, זײַנען געלבלעך פון ניט דערשלאָפן — אז מע קוקט זיך אין זיי אײַן, הייבט זיך אָן דאכטן, אז אינדרויסן איז א מעסוקענע זומערדיקע היץ, אזא, וואָס ווירקט אַף אנדערע מענטשן, זיי זאָלן ווערן צעמישט. א פּאַרפּאַלענע זאַך: ווי נאָר מאַ־גיראָוויטש וועט בא איר א בעט טאָן געלט, וועט זי אים גלײַך געבן מינדסטנס א הונדערטער.

זשעניע האָט אַף א רגע אָפּגערופן די דינסט. מאגידאָוויטש, בלײַבנדיק אליין באַם טיש, האָט באַלד אָנגעהויבן דרעמלען. פּלוצלינג האָט ער, ווי אין שרעק, זיך געגעבן א כאַפּ אויף:

— גאָר פאַרגעסן!.. כ׳האָב אײַך דאָך ניט דערציילט דעם סאמע איקער — ווי קום איך איצט אינמיטן באַטאָג צו אײַך אין וווינונג...

נו, יאָ, זשעניע זעט שוין: ג׳ט וואָס זי האָט נאָרוואָס ניט אָפּגעגעבן איר געלט דער דינסט אַף שטוב־זאַכן. זי קוועטשט שטארק איר בײַטעלע אין האנט — גאָט אין הימל! זאָל ער שוין זאָגן גיכער... זי מוז זיך אָנטאָן א קויעך, קעדיי ניט צו פאַרהערן מאגידאָוויטשעס ווערטער:

— טאקע בא באָראָווען אין קאַנטאָר, — דערציילט מאגידאָוויטש, — ווען איך בין געזעסן און געוואַרט — די פענצטער גייען דאָרט אַרויס אין גאַס, די שטאָרן אײַנגעבאָנצן אַראָפּגעלאָזט, די זון זאָל ניט באַקן — זע איך, ווי איינער פון באָראָ־וויס יונגע סעקרעטאַרלעך, א רוסישער מיט א פּריילעך נעזל, גייט אָפּט צו צום

פענצטער, ער רופט מיך אהין מיט א ווונק, פארהייבט אנ עקעלע פונ אנ אראָפגע־לאָזטנ שטאָר אונ חיַזט מיר: „איר זעט? — אָנ דאָרט אפנ ראָג... א שפּיק! ער שטייט דאָרט שוינ פונ זינט איר זיַט אהער געקומענ... מע קאָנ אייַך אינ זשאנ־דארמעריע?... שיקט מענ אים מיסטאמע נאָך, ער זאָל זענ, ווּהינ גייט איר". נו יאָ, טראכט איך מיר, כ'האָב דעם שפּיק אינ דער ערד. די שטאָט קאָנ איך בעסער פונ אים. כאָטש מיינענ מיינט ער, מיסטאמע, גאָר נית אזוי מיך אליינ, ווי ער וואָלט וועלנ וויסנ דורך מיר די וועגנ צו יענע, בא וועמענ איך בינ אריַנגייער. נאָר כ'האָב ביכלאל פיַנט, או עמעצער גייט מיר נאָך אינ גאַז. כ'האָב אים נאָכ־דעם גלייַך געגעבנ א פיר איבער צוויי—דריַ דורכגאנג־הויפנ, האָט ער מיך דאָרט פארלוירנ — דאָס בינ איך אריַנגעקומענ צו אייַך א קאפּל איבערזיצנ. טוט, זייַט מויכל, א קוק אינ פענצטער... ניטאָ?.. נו, וואָ-דענ?.. פארקילט די שפּורנ. איבּ אזוי, מוז איך לויפנ — כ'מיינ נאָך היַנט כאפנ בא אונדז אינ הויפ אָ דעם ברוירענ, דעם שיינעם „פראוולאשטשע" אונדזערנ... האָט מיר קיינ פאריבל ניט... לאָזט מיך, פונדעסטוועגנ, ארויס דורך דער קיך-טיר...

3

זשעניע, נאָך מאגידאָוויטשעס אוועקגיינ — ווי מיטנ געראטעוועטנ הונדערטער אינ בייַטעלע וואָלט זי געבליבנ איינע אליינ נית בלויז בא זיך אינ דער צוגע־פוצטער וווינונג, נאָר איינע אליינ אפ דער גאָרער וועלט.

איר צושטאנד — אנ אומקלאָרער: מאגידאָוויטש: האָט זי אינ פלוג קיינ איינ שלעכט וואָרט נית געזאָגט, אונ דאָך — ווי זי וואָלט אים מיט עפּעס האָבנ באַ־ליידיקט. פונ אירע קינדער־יאָרנ האָט זי געדענקט מאגידאָוויטשעס מוטער, „דאָב־ריש די כריסטאָסיכע" — זייער א בארעדעוודיקע יידענע מיט א מויל, וואָס שיט פונ זיך קאפּצאָניש:ג גלייַכווערטלעך. ווי א הילבע בעסלערקע פונ דער גרעקאָווקע פלעגט זי קומענ צו איר, זשעניעס, מוטער אפ דער קיך־טיר צונעמענ די קעפּ־לעך אונ פיסלעך פונ די געקוילעטע הינער. איר יאָסעט, מאגידאָוויטשנ, האָט זי דערנסטמאָל נאָך דער יעשיווע געהאַט אָפּגענעבנ פאר א זעצער. פונ איר שטאַט סיי מאגידאָוויטשעס טשיקאווע בארעדעוודיקייט סיי זייַנ נאבליעדיקייט.

פונ נאָכנ שמועס באם ברודער אינ קאַנטאָר האָט זשעניענ נאָך אלץ א ביסל חיי געטאָנ דער קאָפּ. זי האָט אייַנגענומענ א פראָשעק, זיך צוגעלייגט בא זיך אינ צימער אונ זיך פארטראכט מיקויעב דעם, וואָס אָט — אלע זאָגנ, או פונ מאגי־דאָוויטשנ מיט זייַנע פיל פארשיידענע קענטעניש: וועט שוינ קיינ מאָל קיינ לייַט ניט זייַנ. נאָר דאָך, וואָס, אשטייגער, וואָלט געווענ, ווענ זי, זשעניע, האָט כאפּע־נע דאפקע פאר אזא מענטשנ, ווי מאגידאָוויטש? איינמאָל האָט ער דאָ צווישנ אירע געסט געזאָגט:

„— נאקעטע לעבנ פונ א שטאָט, פונ א לאנד, פונ א וועלט אונ באפּוצעכצ: א וועלט האָט זיך אויסגעכאפּט גאנצערי, אָפּגעבראָניקט א טאָג אונ זיך געלייגט שלאָפנ — כ'זוכ א מענטשנ, וואָס זאָל ארויסגעבנ א צייַטונג פונ הוילער בראָניק".

איז וואָס, אשטייגער, וואָלט געווען, ווען זי, זשעניע, גיט מאַגידאָוויטשן געלט אַפּ אַרויסצוגעבן אַ צײַטונג?... זי האָט געוווסט, אַז דאָס וועט קיינמאָל ניט זײַן, און דאָך... פון דאַנקבאַרקײַט צו מאַגידאָוויטשן, וואָס ער האָט בא איר ניט גענומען דעם הונדערטער, האָט זי אין געדאַנק מיט אים כאַסענע געהאַט, געלעגן און געטראַכט, וויאַזוי זי מאַכט מאַגידאָוויטשן באַלעבאָס אַפּ זיך, אַפּ איר פאַרמעגן. דער קאָפּ האָט איר ביסלעכווײַז אויפגעהערט ווי טאָן. זי האָט אָנגעהויבן דרעמלען. דערנאָך האָט עמעצער עפּעס זייער ניט זיכער אָנגעקלונגען צו איר אין פּאַראַד-טיר. פון דאָרט איז דערשראָקן געקומען צו לויפן די דינסט:

— עמעצער פרעגט זיך אַפּ עפּעס... כ'האָב מוירע אים אַרײַנצולאָזן.

זשעניע אין פּעניואַר איז אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר, געעפנט די פּאַראַד-טיר אַפּן קייטעלע, דערזען דורכן שפּאַלט דעם וואַרטנדיקן פאַרשוין און גלײַך פאַרשטאַנען אַלץ — לויטן געשטופּלטן פּאָנעם, לויטן מאַנטל און בילינקער אויסגעפּוצטקײַט, האָט מער קיין סאָפעק ניט געקאָנט זײַן: ס'איז דער שפּיק, וואָס איז נאָכגעגאַנגען מאַגידאָוויטשן. הייסט עס: ער האָט דאָך, אומבאַמערקט פאַר מאַגידאָוויטשן, אים באַגלייט אַהער ביזן סאַמע אַרײַנגאַנג, געזען אַפילע אין וואָס פאַר אַ פּאַראַד-טיר ער קלינגט אָן. פאַרלוירן האָט ער אים, אַפּאָנעם, נאָך דערפאַר, וואָס יענער איז אַוועק פונדאַנען דורך דער קיך-טיר און דורכן צווייטן הויף.

— וואָס ווילט איר, — האָט זי געפרעגט באַם פאַרשוין, — צו וועמען דאַרפט איר?

— ראַדאָמיסלסקי — האָט יענער זייער ניט זיכער געבאַלעמעטשעט. — דאָ דאַרף וווינען איינער ראַדאָמיסלסקי.

נו יאָ — נאָך הײַנטיקן שמועס מיטן ברודער פעלט נאָך זשעניען בלויז, די זשאַנדאַרמעריע זאָל וואַרפן אַ כשאַד אַפּ איר וווינונג — זי איז געווען גרייט צוצולייגן צום גערעטעוועטן הונדערטער נאָך עפּעס, אָפּשיקן מאַגידאָוויטשן אַהיים, אַבי ער זאָל אויפהערן צו איר אַרײַנצוקומען.

4

ווי אַ יאַם אַ וועלנדיקער אין סאָפּ הייסן זומער-טאָג האָט די שטאָט אָן שום זאָרג געזילבערט איר אָנגעזאַפּטע זוניקײַט. אָן שום מידקײַט האָבן פאַרבויטע באַרג-אַרופּ און באַרג-אַראָפּ, ווי אַלעמאָל, דערטראָגן צו פאַרנאַכט-צו דעם טומל פון זייער אַן אָפּגעראַשטן טאָג, געזשומעט, געקלונגען.

מאַגידאָוויטש, אַז ער צעלאָזט צווישן אָט דער קלינגענדיקער זשומערײַ זײַנע לאַנגע פיס, האָט ער אין דער ערד אַלערליי טראַמווײַען — ער איז געגאַנגען גיך, אַז גיכער קאָן שוין ניט זײַן.

זײַן גרויס פּאָנעם — פאַרשוויצט, באַרויגעזלעך פון ניט אויפהערן טראַכטן:

— מעשוגע?

— איך בין עס דער נאַר, וואָס וועט דאָ אומזיסט גיין אַוועקלייגן זײַן האַרץ?

נאָכ אלע באשערטע אומויסטיקע ארומלויפעניש, נאָכ צוויי מעסלעס ניט שלאָפנ, נאָכנ פאָזער ווערנ פינעמ שפיק, איז ער נאָכ שולדיק געוועננ דעמ רועכ דעמ לעצטנ גאנג—אזא באשלוס איז געוועננ בא מאנידאָוויטשנ: ער וועט איצט קומענ צו זיכ אהיימ, ער וועט כאפנ דאָרט אינ הויפ דעמ „שײנעמ פּראוליאשטשע“ ברוידענ, זיכ דערוויסנ בא אימ, וואָס מע דארפ, דערנאָכ וועט ער איבערגעבנ די פּעדע-מע דעמ אדוואָקאט באראָוויענ אונ אנ עק זאָל עס נעמענ:

— אויסגעשפּיגנ אונ פאָטער.

ווארנ אָט זעט ער דאָכ איצט פארבײַגייענדיק: יידישע מאגאזינעס זײַנענ, ווי טאָ-מעד, וואָכעדיק-אָפנ. די גאנצע מײַסע מיט נאָוויצקינ, די עטלעכע ארעסטנ אפ דער גרעקאָווקע מיט דער זשאנדארמעריע מיט דער מוירע פונ יידנ פאר א פּאָג-ראָמ ליגט דער שטאָט אינ דער לינקער פּייע. ערגעצ ארומ דער העקעשער שול גרייט מענ עפּעס א מינ „ראבאָנישנ פּראָטעזט“—שאבעס וויל מענ דאָרט מאכנ אנ אזקאָרע די קישעניעווער הארוגימ. זאָל מענ א פרעג געבנ בא מאגי-דאָוויטשנ, ווי זעט זיכ עס אָנ אינ שטאָט, ער וועט דערופ ענטפערנ:

— ווי א פלוי באמ אלטנ ליטווישנ ראָוו אינ בוזעמ.

מאנידאָוויטש האָט זיכ שוינ געהאט אָנגעהויבנ ארופצולאָזנ פונ „איוואַ-באָווסקי ספּוסק“. זײַנ קאָפּ—בייזלעכ־פאריסנ, ווי אפ צו זאָגנ:

— מאכט א ווארע—ס׳גייט אנ ערנסטער מענטש.

רויטלעכ פונ ניט דערשלאָפנ האָבנ זײַנע אָנגעצונדענע אויגנ זיכ צונויפגע-צויגנ, געבליקט פאר זיכ ווי אויגנ פונ א ווײַטזעער, געזענ פאר א מײַל: צופוסנס פונ די בערג בלויט זיכ א נײַער הימל, אונ אונטערנ הימל, טיפ אינ דער נידער ווייקט אינ עקווארעלנ מײַרעוו נאָכאמאָל א שטאָט מיט א שמאָלנ פּאס דניעפּער בא איר ווײַטנ רעכטנ ברעג, מיט געפלאָנטער פונ פאבריק-הויפנ אפ יענער זײַט פּייגעריווקע—ס׳איז די גרעקאָווקע, אז וועמענס כיילעק סע פאלט אויס אלע פארנאכט דער גרויסער קאָוועד: אינ עק פונ איר ראכוועסדיקנ מײַרעוו זעצט זיכ איצט, ווי טאָגטעגלעכ, די גרויסע דאָרעמדיקע זונ.

מאגידאָוויטש איז געבוירנ אונ אויסגעוואָקסנ אפ דער גרעקאָווקע. רופט אימ „אָפּגעלאָזטע נאכליע“, נאָר לאָזט אימ פונ מאָל צו מאָל בא זונ-זעצנ-זיכ א קוק געבנ פונ דער בארגיקער הייכ אפ אָט דעמ נידעריקנ טייל שטאָט מיט זײַנע פּיל גאסנ, וואָס ווערנ ווײַטער אלצ קירצער אונ געמיינער אונ טונקענ דאָרט זייערע עקנ אינ בלויענ פּאס דניעפּער אונ שמעקנ צו פארנאכט-צו לעבנ זייערע ווײַטע פאָרשטעט מיט שטויב פונ ניט-ברוקירטנ דאָרפ, מיט יארידעוודיקער צויע פונ פערד, מיט גערוכ פונ מעלקנדיקער קו. ווי א מענטש, וואָס פארשטייט ארומ זיכ דער וועלטס אלערליי מאניפאָרגעס, וועט מאגידאָוויטש, קוקנדיק אהינ פונ דער הייכ, פארשטייט זיכ, ניט אויסשרײַענ „אכ, קאק קראסיוואָ!“. נאָר ווי א קענער פונ אלע דאָרטיקע עלנט־אונ נויט-לעכער פילט ער דענסטמאָל עפּעס א מינ גאדלעס אינ הארצנ—זײַנע אויגנ ציענ זיכ צונויפ מיט מעווינעס, ווי ער וואָלט באטראכטנ זײַנ כיילעק אינ א חאזשנע-געראָטנ אייגנס.

אויכ איצט, אײַנקוקנדיק זיכ אהינ פונ „איוואנאָווסקי ספּוסק“, איז מאגידאָ-וויטש געוואָרנ בא זיכ אלצ מער אונ מער וואָגיק, פונ רעגע צו רעגע אלצ שטאר-

קער דערפילט אינ זיכ זײַנ שטיקל האָנער — דעמ האָנער פונ אָט יענע עקסטע גאסנ, ווי ער איז קינדווײַז, ווי א יאָסעמ, ארומגעלאָפנ באָרוועס אונ ווי ער ווינט אדאיאָמ: אָנ דאָרט לינקס אינ עקסטנ געדיכטעניש, ווינט ער — אינעמ גרויסנ פארקאפּצנטנ הויפ, וואָס ער אלײנ רופט „די סיוווירא״. מאגידאָוויטשעס א וואָרט:

— גרעקאָווקער קאפּצאָנימ זײַנענ בא זיכ גאָר ניט אזוי ביליק, ווי אנדערע מײַנענ — זיי פירנ א ייִכעס־בריוו.

מאגידאָוויטש אלײנ איז שוינ אויכ בא זיכ גאָר ניט געווענ אזוי ביליק. אימ האָט זיכ געדוכט: אלצ, וואָס ער האָט די לעצטע טעג אָפּגעטאָנ ארומ „אומגליק־נאָוויצקי״, איז עכט־אָרנטלעכ אונ האָנערדיק־מענטשלעכ. אינ דער זשאנדארמעריע האָט ער אפ אלע סטראשונקעס קימאט געענטפערט „שאָמאטי״ אונ געזאָגט דעמ עמעס: „נאָוויצקינ האָבנ געהארגעט פייגעריווקער גאנאָווימ״. זײַנ געפיל איצט, בייס ער האלט שוינ בא „אויסשפּײַענ אונ פּאָטער ווערנ״, — ווי ער וואָלט האָבנ אָפּגעצאָלט דער וועלט אלע זײַנע וועקסלענ, ניט געבליבנ שולדיק אפילע א דע־נישקע. טאקע דערפאר האָט ער אינ אָנהייב גרעקאָווקע זיכ פּלוצלינג אָפּגעשטעלט באמ ראָג פונ קלעמענטיעווס געסל. ער האָט א קוק געגעבנ צומ קלײנעמ ברו־דיקנ הויפ, ווו ס׳ווינט דער הענטשקע־מאכער פּאָלטאראק אונ האָט דערבײַ גיכ א רײַב געטאָנ זײַנ בערדל — דאָס האָט ער א טראכט געגעבנ: ערשטנס, אז באמ הענטשקע־מאכער, וועמענ מע האָט הײַנט, מיסטאמע, נאָכאמאָל געשלעפּט אינ דער זשאנדארמעריע, קאָנ מענ עפּשער זיכ דערוויסנ עפּעס נײַס; צווייטנס — ער, מאגי־דאָוויטש, וואָס האָט נאָרוואָס אָפּגעצאָלט דער וועלט אלע זײַנע וועקסלענ, איז געווענ א באלנ א קוק צו געבנ:

ווי האָט עפּעס אפ דעמ געביט זיכ צעצאָלט דער פײַנער מאנ, שימל פּאָלטאראק?

5

דעמ הענטשקע־מאכערס טיר איז צו פּארנאכט־צו געווענ טשיקאווע אָפּנ אינ הויפ ארײַנ — אזוי איז אָפּנ אנ ארײַנגאנג אינ א דירע, וואָס מע האָט זי נאָר־וואָס באגומענ.

דעמ הענטשקע־מאכערס ערשט קאָרידאָרל — טרויעריקלעכ, ווי ס׳וואָלט זיכ קלאָגנ:

— מע קאָנ איצט פונ מיר אלצ ארויסטראָגנ. א האָנ וועט אפילע קיינ קרייַ ניט טאָנ.

דעמ הענטשקע־מאכערס ווארשטאט, אפ יענער־זײַט צווייטער טיר — פול מיט קוילעס פונ א מאנ מיט א פרוי, וואָס דערגייענ זיכ צו פּארנאכט־צו די יאָר. די קוילעס האָבנ זיכ אָפּגעהאקט, ווי נאָר מאגידאָוויטש האָט אהינ אריבערגע־טראָטנ די שוועל. די צוגעשניטענע סכוירעס אפנ מיטלסטנ טיש — צעוואָרפנ אונ איבערגעלאָזט, ווי אינ די ערשטע שאָענ באלד נאָכ א פּלוצלינגדיקנ שטרײַק. ס׳האָבנ געפעלט אלע זעקס ארבעטער, וואָס שטעפּנ דאָ אלע טאָג אפ די מאשי־נעס פונ פרימאָרגנ אָנ ביז אזייגער נײַנ אינ אָוונט. אינ שטוב האָט אומזיסט געשמעקט מיט פרישער לײַקע, מיט פארשיידענע שארפע לעדער־פארבנ — אינ

אלע ווינקעלעך האָט זיך געפילט עפּעס אזוינס, וואָס האָט ניט קיין רייעך און קיין קאָל און זײַן נאָמען איז „אומגליק“.

די ערשטע, וואָס האָט זיך דאָרט אומגעקוקט אַף מאגידאָוויטשן, איז געווען דעם הענטשקע-מאכערס עטלעכע־און־פערציק־יאָריקע פרוי: א פעטטע פארפלאמטע יידענע אָן א האלדז, א ברייטע מיט שטענדיק אונטערגעהויבענע אקסלען — וואָס זי זאָל אַף זיך ניט אָנטאָן, וועט זי אויסזען, ווי אין אן אלטמאָדישער קײַלעכיקער רעטאָנדע. זי האָט זיך א כאַפּ געטאָן צום ביסל מעל, וואָס זי זיפּט איבער דאָ אין שטוב אַף דער סאָפּקע און פון דעם, וויאזוי זי נעמט דאָס קליינע זיפּל אין די הענט, איז געווען צו זען: דער קאָפּ איז איר ערגעץ אנדערש, זי האָט שוין, מיסטאמע, אזוי א מאָל צען אָנגעהויבן זיפּן און אופגעהערט. ווי אין געהאקטע ווונדן איז מיט א זײַט צו דער טיר געזעסן דער הענטשקע־מאכער. ער האָט בארויגעזלעך-צעטראָגן געקראצט די צעכראסטעטע האָריקע ברוסט, און זיך קימאט ווי צוגויפגעגאָסן מיט דער פֿונקלווערנדיקער לופט אין שטוב. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך נאָרוואָס האָבן אומגעקערט פון א ראשיקן יאריד, און אַפן יאריד וואָלט מען אים באגאנוועט, און נאָך ווי! — אים געלאָזט אין איין העמד, און ס'איז פארפאלן, און ס'איז אן עק פון זײַן לעבן. דערשראָקן האָט ער א וואָרף געטאָן זײַן קאָפּ צו דער טיר:

— א?.. ווער איז ארײַנגעגאנגען?

קיינער האָט ניט געענטפערט. דער הענטשקע-מאכער, ווי בא אים וואָלט עמעצער געשטאָרבן, האָט זיך ניט אופגעהויבן פון אָרט, ניט געגעבן דעם גאסט זײַן האנט. מאגידאָוויטשעס אויגן האָבן א זוך געגעבן דעם אומגליק אין שטוב. דער הענטשקע־מאכער האָט עס באמערקט, ניט־ווילנדיק ארויסגענומען די האנט פון צעכראסטעטן בוזעם:

— איך זעט'ך — אָ!..

ער האָט א ווײַז געטאָן צו די אָנגעוואָרפענע סכוירעס אַפן טיש:

— „בונד“ האָט אראָפּגענומען בא מיר די ארבעטער.

— „בונד?“ — האָט זיך געוווּנדערט מאגידאָוויטש. — וועלכער „בונד“?

פאָלטאראק איז געווען באקאנט אַף דער גרעקאָווקע, ווי איינער, וואָס קלײַבט שטענדיק אָף זײַנע ארבעטער צווישן רויע יינגלעך, וואָס קומען פון די קליינע שטעטלעך, נאָך גאָר ניט קיין אָרגאניזירטע. זײַן איינציקער געניטער ארבעטער, ליימע, אַף וויפל מאגידאָוויטש ווייסט, איז גאָר א סאָציאַל-דעמאָקראט.

די יידענע האָט ארויסגעלאָזט דאָס זיפּל פון דער האנט.

— ס'איז גאָר די יינגלעך אליין, — האָט זי שטיל אויסגעשנײַצט די נאָז, — זיי האָבן געהערט אין גאס זינגען און קאָנען ניט נאָכקלינגען.

זי האָט אומצופרידן א זײַטל געגעבן די אויגן אַפן מאן:

— ווער מיר „בונד“? וואָס מיר „בונד“? — ער וועט אײַך דערציילן, וועט איר האָבן וואָס צו הערן...

— שא! — דער הענטשקע־מאכער האָט זיך אָנגעבייזערט אַף דער יידענע, — נײַן, דו, קאָפּ איינער, וועסט מיר דערציילן... כ'ווייס, וואָס איך רייד...

ער האָט זיך צוריק אומגעקוקט צו מאגידאָוויטשן:

— די „אָרגאַניזאַציע" האָט מיך געקאַנסעט... פאַר וואָס?„

ער האָט אַ בליץ געטאָן מיט די אויגן אויף דער ייִדענע, זי זאָל זיך מער ניט אַרײַנמישן.

— איך זאָל שוין אַזוי וויסן פֿונעם אַרבעטער פֿון מײַנעם, פֿון אָט דעם ליימענע — אַ ייִדישער אָפּ־קוק... כ'האָב כויטע־בעייגל געווען, איר האָרכט? געווען אין אַרעסט.. מע האָט צוגענומען אַ פֿאָר ייִדישע „שוואַרצע העמדלעך"... אָפּגענומען פֿאַר נאָכלויפֿן דענסטמאָל אָפּשלאָגן דעם פּראָקלאַמאַציע־קלעפּער, האָבן זיי איבערגעגעבן פֿון דער טורמע, אַז ס'איז איבער מיר: איך, הייסט עס, האָב זיי אין דער זשאַנדאַרמעריע געמאַסערט... בין איך אַ פּראָוואָקאַטער, הייסט עס, — טאָר מען בײַ מיר ניט אַרבעטן...

די ייִדענע האָט אַ קוק געגעבן אויפֿן מאַן, ווי אויף אַ מעשוגענעם:

— שימל, וואָס בעבעסטו?.. ביסט בײַם זינען?.. די מאַמזיירים, זאָג איך דיר, וועלן קו־ען צו דער אַרבעט, זיי ווילן אַ נאַבאַווקע און שוין... וועסט זיי געבן אַ מאַקע!

דער הענטשקע־מאַכער איז אויפֿגעשפּרונגען, אָנגעשטעלט די שוואַכע אַקסלען אויף צו געבן שווערע קלעפּ, געוואָרן בלוי אַרום מויל:

— כ'וועל שאַבעס אין דער העקעשער שול אײַנמישן דאַוונען אַרום און באַלע־מער — איך אַליין!.. כ'וועל אַ געשריי טאָן: „ייִדן, זײַט וויסן — קעדיי אַרויסצו־קריגן אַ הויסאָפּע, וויל מען מאַכן אַ מענטשן פֿאַר אַ פּראָוואָקאַטער. ווימאָגאַטיע־ליעס! זשוליקעס! וועל איך געבן אַ הויסאָפּע, בין איך אַ לײַטישער מענטש, וועל איך ניט געבן, פֿאַרשפּרייט מען וועגן מיר קלאַנג..ן, אַז איך בין אַ מאָסער און מע אַרבעט ניט בײַ מיר! אָט ווער „שוואַרצע העמדלעך" זײַנען, ט האָט איר אײַך „בונד"!

ס'האָט אָנגעהויבן ווערן קלאָר: דעם הענטשקע־מאַכער לוינט דאָ האָבן פֿאַר אַ מעכוטן דעם „בונד" — אַ ייִדישן מעכוטן, אויף וועמען ער וועט זיך קלאָגן אין דער העקעשער שול.

נו יאָ, אַז דער הענטשקע־מאַכער האָט אין דער זשאַנדאַרמעריע געקאָנט נישקאָ־שעדיק אַ בעבע טאָן — אין דעם איז מאַגידאָוויטשן קיין סאָפּעק ניט געווען: צופֿו־דיק איינציקע האָר פֿון זײַן רויטלעכן בערדל, האָט מאַגידאָוויטש מיט אַ צוזאַמענגע־צויגן אויג זייער שאַרף באַטראַכט פֿאָלטאַראַקן — דאָס האָט ער געלערנט פּשאַט: וואָס איז דער ייִד אַזוי היציק און שרײַט אַליין וועגן זיך „מע וויל אָנהייבן זאָגן אויף מיר, אַז איך בין אַ פּראָוואָקאַטער"? לאָמיר זאָגן: מע האָט אים אין דער זשאַנדאַר־מעריע נאָכאַמאָל געסטראַשעט, „מע וועט אים דאָס און יענץ טאָן", קעדוימע לע־מאָשל, מע האָט אים דערבײַ אונטערגערוקט אַ פּאַפּירל, האָט ער זיך דערשראָקן און האָט אונטערגעשריבן — דאָס וויל ער, הייסט עס, פֿאַרלויפֿן דעם וועג און אַליין אויסשרײַען אין דער העקעשער שול: „אַ ביליבל, אומיסטן אויסגעטראַכט, קעדיי אַרויסצוקריגן אַ הויסאָפּע" — ס'אַ געדאַנק!.. נו, און טאָמער קריכט שפּעטער אַרויס דאָס פּאַפּירל אויפֿן פּראָצעס?.. מאַגידאָוויטשן איז אַ וווּנדער: ווי אײַדער פֿון די אָ ווערעמ האַלט זײַן וועלט פֿאַר אַ טיפּעש — אָט נעמט ער איינס און צווײ און נאַרט זײַן וועלט אָפּ...

— וואָרט זשע נאָר! — האָט ער אַ טאַפּ געגעבן בײַם הענטשקע־מאַכער, — ווי גרויס איז דען די הויסאָפּע, וואָס די מאַמזיירים ווילן בײַ אײַך?

דער הענטשקע־מאַכער האָט זיך אָנגעצונדן:

— ווי לאַנג קרענקען זיי, צי זיי וועלן באַ מיר אָפּ אַזאַ אויפן קריגן הויז־סאַפּעס. אָט הערט, מאַגידאָוויטש, מע קאָן מיך שוין ניט פון איין טאָג. איך, אַז איך זאָג, זאָג איך!.. מ'עט מיך דאַפּעקיַען, פאַרקויף איך דעם וואַרשטאַט מיט דער קראָם מיט האַקל־באַקל און טו אַ שפּיַי און פאָר אוועק קיין אַמעריקע.

— אַזוי גאָר?!..

מאַגידאָוויטש האָט ווידער באַטראַכט פּאַלטאַראַקן:

— זאָגט זשע מיר אָבער, רעב ייִד: מע האָט אײַך דענסטמאָל אין דער זשאַנדאַרמעריע טאַקע נאָכאַמאָל געהאַט גענומען אָפּן צימבל? וואָס האָט מען פון אײַך געוואָלט?

— דענסטמאָל, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן?

— נו יאָ, ווען איר האָט מיר געזאָגט: „גיט איבער מייערסאָנען דעם ראָוו, מע זאָל דורך כאַרשאַקן געבן דעם אָדן אַ פאָר מייעס...״

נאָך דעם הענטשקע־מאַכער האָט גאָר עפּעס שטאַרק האַנאָע געטאָן, וואָס מע דערמאָנט עס אים:

— אָ! — האָט ער זיך דערפרייט. — נאָר דורך אײַך האָב איך געבעטן? איך אַליין בין נאָכדעם אָפּדערנאַכט געלאָפן צו מייערסאָנען מיט אַ גוואַלד: „ראָוו, וואָס שוויַיגט איר? מע מוטשעט מיך אין דער זשאַנדאַרמעריע, ווי דעם יויזל, מע וויל איך זאָל אַרופלייגן דעם קלאָץ אָפּ אַלע ייִדן, מ'עט מיך מוטשען מאָרגן נאָכאַמאָל. ס'איז עפּעס נאָר מײַן אומגליק? — ס'איז די אינקוויזיציע אין שפּאַניע, זאָג איך...״

— אַזוי?! — גייט מאַגידאָוויטש נאָך אַלץ אָפּ כיטרעקעס, — איר אַליין האָט עס געזאָגט דעם ראָוו?.. נו?

— וואָס „נו״? — דער הענטשקע־מאַכער האָט גענומען כריפּען און פּאָנפען. — אַ רועכ דעם ראָוו מיט אַלע שיינע ייִדן אין טאַטן פּערעסטאַטן! קיינער האָט זיך ניט אָנגערופן... אָט ווי איינער אַליין אין דעם מידבער! אַלע טאָג ציט מען פון מיר די אָדערן אין דער זשאַנדאַרמעריע. לאָז אָפּ העפקער דעם וואַרשטאַט, שליס די קראָם, כ'בין עפּעס די איינציקע קאַפּאָרע פאַר אַלע ייִדן? אָפּ דער אַלעקסאַנדראָווסקי, וויסט מען, זײַנען קימאַט אַלע קראָמען ייִדישע, נאָר סאַכאַקל איין ייִדישע קראָם איז דאָרט שוין עטלעכע טעג געשלאָסן... איר הערט, מאַגי־דאָוויטש? — סאַכאַקל איין קראָם: פּאַלטאַראַקס הענטשקע־קראָם... אַדעראַבע, כ'וועל אײַך טאַקע בעטן: זײַט איר, מאַגידאָוויטש, מײַן איידעס...

נאָר וואָס איז פּלוצלינג געשען מיט מאַגידאָוויטשן? — ווי ער וואָלט נאָר־וואָס אַרויסגעקומען פון אַ שוויצבאָד. דער אויסשיט אָפּ זײַן פּאָנעם באַשטייט דורכויס פון רויטע פונקען און ווערט אַלץ געדיכטער און געדיכטער. זײַנע אָנ־געגאָסענע אויגן — אויסגעגלאָצט ביז אַרויסצושפּרינגען פון די לעכער. פּאַמעלעך הייבט ער זיך אויף און ווערט מיטאַמאָל שטאַרקער בלאַס. זײַנע ליפּן ציטערן באַם צושליסן זיך. ער קוקט אַ רעגע אָפּ פּאַלטאַראַקן, טוט אַ בייזן שפּיַי און לאָזט זיך אוועקגיין. נאָר פאַר דער טיר בלײַבט ער אָפּ אַ רעגע שטיין.

— איר זײַט אַ הולטיַי! און אַ ייִד אַ פּאַרך! און אַ פּאַסקודנער גאַנעוו! — שרײַט ער אויס צום הענטשקע־מאַכער. — און דערלאַנג אַרײַן אָפּ מיר אין סוד, אַלעמיַי האָב איך אַזוי געזאָגט!

ער ווײַזט אָן אױף דער דערשראָקענער ייִדענע:
— אָט זאָל זי זײַן אַן אײדעס...
— דאָבריש דער כריסטאָסעבעס מענזשל, — שרײַט מען אײן נאָך פון שטוב אין הויף, — וועסט עס האָבן צו געדענקען דײַן גאַנץ לעבן, וואָרט!
נאָר צו מאַגידאָוויטשן, בײס ער צאָלט אָפּ דער וועלט זײַנס אַ וועקסל, מען מען שרײַען און גוואַלדעווען — ער האָט שוין באַנײַט געהאט צעלאָזט זײַנע לאַנגע פּיס. דאָס האָט ער איצט, טכילעס אָונט, נאָך געוואָלט פּאַקן דעם „פּראָוו־ליאַשטשע“ ברוידען, זיך דערוויסן בײַ אים, וואָס מע דאַרף, נאָך אײדער ער, מאַ־גידאָוויטש, וועט אוועקגײן צו זײַן באַנאַכטיקער אײבעט אין טיפּאָגראַפיע. ערשט שפּעטער האָט ער זיך געכאַפּט:
ס'איז דאָך דער „שײנער פּראָוליאַשטשע“ ברוידע — פּונקט ווען מע דאַרף אים, איז ער נישטאָ.
מאַגידאָוויטש האָט ברוידען לאַנג ארומגעזוכט אין גרויסן פּאַרקאַפּצנטן הויף בײַ אַלע עטלעכע און פּערציק שכײנים אין די דירעס. פון אײן אָפענעם פענצטער אין צווײטן זײַנען געלאָפן דעפּעשן:
— מאַגידאָוויטש זוכט ברוידען.
— ניטאָ בײַ אײַך ברוידע?
— פּאַני ברוידע!
נאָכדעם האָט זיך ארויסגעשטעלט: ברוידע איז נאָך געווען באַרויגעז אויך:
— כ'בין דאָך געשטאַנען דעם גאַנצן אַפּדערנאַכט און געקרעמט מיטן דוואָרניק — די אויגן זײַנען אײַך אַרויס?
בעפּאַקט האָט אים מאַגידאָוויטש מאָרגן.
ס'איז געווען גאַנצפרי בײַ אַ פּריש־אופגײיענדיקער זון, בײַ יונגע שטראַלן, וואָס פּאַלן אַרײַן אין הויף שוואַך און פּאַלש — גאָר קײן שטראַלן ניט, נאָר אַן אָפּשפּיג־לונג פון אַ באַלויכטענער שויב אין אַ הויכגאָרנדיק הויז, וואָס ערגעץ אַקעגן אין גאַס. עטלעכע און פּערציק פּאַרקאַפּצנטע געזינדן, באַוווינער פון הויף, האָבן זיך ניט גע־וואָלט געזעגענען מיט דער נאַכט, ניט געוואָלט ארויסקריכן פון שלאָף, ווי אַן אָפּעריר־טער כוליע נאָך אַ שלאָפנטראַנק וויל זיך ניט אופכאַפּן צו נײַע ווייטיקן. — נאָך ניט געווען דער טאָג, וואָס זאָל דעם הויף ניט צוזאָגן עפּעס גוטס און אים נאָכדעם ניט אָפּנאַרן.

6

דער „פּראָוליאַשטשע“ פּייסע ברוידע, נאָרוואָס אופגעכאַפּט זיך, נאָך ניט קײן געוואַשענער, איז, ווי טאָמער בײַ אַ זון־אופגאַנג, געשטאַנען אינמיטן הויף, זיך געוואָרגן מיטן איפּעש פון אויומיקע באַנאַכט־אויסגעגאָסענע צעבערס, מיטן רויך פון דער נאָענטער נאָרוואָס־אונטערגעהײצטער קוזניע. ער האָט זיך געהויקערט, גע־שפּיגן, געהוסט און געכראַקעט מיט זײער אַ פּאַרקרימט פּאָנעם, ווי אָפּ אויסצוכראַקען פון זיך מיטאַמאָל אַלע פופציק יאָר, וואָס ער לעבט אױף דער וועלט.
— זאָגט זשע נאָר, פּאַני פּראָוליאַשטשע — האָט מאַגידאָוויטש אָפּ אים אַ

קוק געגעבנ, ווי אַפ אײנעם, ווען מע טאָר ניט גלײבנ פונדאנענ אהינ — וואָס קרימט איר זיך אזוי באַם הוסטנ? סע שטעכט אײַך שוינ טאקע אַפ אנ עמעס, צי איר האָט נאָך אלץ מוירע, אז ס׳וועט אײַך ערשט שטעכנ?

דערוּף האָט ברוידע קורצ געענטפערט:

— א?

ס׳הײסט, ווי אײנער רעדט:

— אקעגנ וואָס איז עס צו רײד געקומענ? — איר ווילט כײלעק?

מאגידאָוויטש, אָקאָרשט געקומענ פונ זײַנ נאכט־ארבעט אינ טיפּאָגראפיע, האָט בא זיך אינ קאָמער שוינ געהאט אלט־באָכעריש אָפּגעגאָסנ זײַנ קאָפּ מיט קאלט וואסער. צווישנ באזונדערע פּיטש־נאסע קרײַזלענ פונ זײַנ צוגעפּלעטשטער רויטער פּאטלע האָבנ, ווי צעוואָרפענע ברעקלעך: גלאָז, זיך געצונדנ פיל קלײנע טראָפּע־לעך אונ אינײנעם מיטנ שווײס אײַנציקווײַז אראָפּגערונענ איבער זײַנ שטערנ, איבער די באקנ אונ איבער זײַנ נאָז — א בלאסלעכע נאָז פונ א מענטשנ, וואָס איז שוינ דעם דריטנ מעסלעס ניט געשלאָפנ.

— כ׳דארף אײַך עפּעס פרעגנ צווישנ פיר אויגנ, — האָט ער א מאך געטאָנ צו ברוידענ, — קומט ארײַנ אַפ א רעגע צו אײַך אינ שטוב.

— צו מיר אינ שטוב?

ברוידע האָט זיך ניט אומגעקוקט, זיך ניט גערירט פונ אָרט. שוינ עטלעכע טעג, אז ער האָט געהאלטנ אינ אויג די שכײנע פונעם טונקעלנ קעלער באלד נאָך דער בײגל־בעקערײַ, — א האָרבאט ווײַבל מיט א פּאָפּעליאטע־קראנקנ פּליאם אונטערנ אויער, נאָר מיט א געזונט־פּאריסענער אונ זײער רויטער נאָז, — ער האָט זי אָנגעהויבנ כוישעד זײַנ, אז זי לעבט ניט פונ לאטענ זעק — זי ברענגט צו זיך אלע נאכט א דרײַ־פיר מאנצבלעך אַפ צו נעכטיקנ.

— ס׳איז צאָרעס אַפ צאָרעס — האָט ער געזאָגט ניט געכאפּט, ניט אזוי צו מאגידאָוויטשנ ווי צו זיך אלײנ, — אז יעדער דוואָרניק איז דיר בא הײַנטיקע צײַטנ אָדער א שיקער אָדער א גאנעוו — מע קלינגט באנאכט אינ טויער אונ מע גיט אים עפּעס אינ יאד ארײַנ, לאָזט ער ארײַנ וועמענ איר ווילט. דער טערעץ איז: ער איז געווענ פארשלאָפנ. נעכטנ האָט ער צו דער פּראָקאָפּיעכע, וואָס וווינט אונטער אײַך אינ קעלער, ארײַנגעלאָזט איר פרײַערדיקנ ליובאָווניק, מאט־וויעג, האָט יענער זי צעמיימעסט — יענער ארבעט אינ בוינע, אָנ בלוט הײבט זיך בא אים גאָרנישט אָנ — דאָס וויל ער מיט איר אַפ אזא אויפנ שאָלעם ווערנ. כ׳האָב געמוזט אופשטײנ באנאכט אונ ארויסרופנ פּאָליצײ. מער פעלט מיר ניט, נאָר מע זאָל באנאכט מאכנ אנ אָכלאָווע אינ געפינענ בא מיר ניט קײנ צוגעשריבענע...

ער האָט נאָך אלץ ניט אָפּגעריסנ די אויגנ פונ דער האָרבאטעס קעלער:

— איך טראכט מיר אָבער: ווי צאָלט די האָרבאטע דירע־געלט פונ לאטענע זעק? ווי טראָגט עס איר? לאָזט זיך אויס: זי האָט מיר דאָ געעפנט א שטי־לע גאָסטיניצע... וואָס איז ס׳כידעש? — זי האָט גענוג צעריסענע זעק אַפ אונטער־שפּרײטנ. אײַ — צו־עקנ זיך? זעט איר דאָך: פאראנ באלאָנים אַפ א האָרבאטע אויך, א שלאק אַפ זײ!..

דאָ האָט ער זיך אויסגעדרײט צו מאגידאָוויטשנ א צערײצטער, אופגעבראכטער.

— אַלעמען דאָ אין הויף, — האָט ער געזאָגט, — צעעסט דאָ דער דאַלעס מיט די מאַקעס, און זיי הערן זיך ניט אויף צו ליובען...

— כ'זאָל שוין אַזוי וויסן פון בייז, — האָט ער צוגעגעבן וועגן דער האָרבאַטע, — ווי איך ווייס, וואָס מע טוט מיט איר... באַ צאָלן דירע־געלט איז זי באַ מיר דאָ אין הויף איינע פון די סאַמע פּינקטלעכע... ווי מיינט איר, מאַגידאָוויטש, עפּשער איז גאָר בעסער איך זאָל צומאַכן די אויגן און גאָרנישט ניט זען?

— הערט! — האָט אים מאַגידאָוויטש דורכגענומען מיט די אויגן, — עפּשער וואָלט איר אויפגעהערט זיך פּאַר מיר מישטאַפּער־נעפּיכע־זיין און אַריינגעגאַנגען מיט מיר אַפּ אַ רעגע?

ערשט איצט האָט ברוידע אַפּ אים אָנגעשטעלט די אויגן — אומעטיק־גרויע אויגן פון אַ מענטשן, וואָס פון אים קומט דאַפּקע, ער זאָל יענעם גוט אָפּזידלען, נאָר ער האַלט, אַז בעסער זאָל זיינס איבערגיין.

— וואָס איז? — האָט ברוידע זיך געוווּנדערט, — סע ברענט באַ אייך?

דאָ אין הויף באַגאַנווענען שכנים פון מאָל צו מאָל איינע די אַנדערע אַזוי־פּראָסט, ווי מע וואָלט נעמען איינער באַם צווייטן אַ גמילות־חסד — היינט גאַנווע איך באַ דיר, מאָרגן וועסטו צוריק אָפּגאַנווענען באַ מיר. טרעפן טרעפט עס מיינסטנס אָסיען, ווען ס'פאַלן ביז לעצט די פאַרדינסטן. נאָר אויך דענסטמאָל טשעפּעט מען ניט מאַגידאָוויטשעס קאַמער.

מאַגידאָוויטש דאָ אין הויף — אַ ווינטשפּינגערל, געערט און געקרוינט קימאַט באַ אַלע פאַרדאַלעסטע און פאַרגרעבטע שכנים. טאַקע דערפאַר האָט ברוידע זיך אונטערגעפּוילט פירן אים גאַנצפרי' צו זיך אין וווינונג — דאָרט זיינען איצט די צוויי האַלב־קעלערדיקע צימערלעך, ווי אַלע פרימאָרגן, פול געווען מיט זיין ווייבלס הייסן אָטעם און מיט איר צעוואָרפן אָנטאָן — ער האָט ניט לאַנג צו זיין צווייטער כאַסענע געגומען אַ וווּקסיקע בעסאַראַבער מויד, אַ מעגושעמדיק־קליינ־דיקע — נאָר זייער אַ געזונטע. יענע, ווי ברוידע, האָט שוין באַוויזן זיך צוצוקוקן אין אַ קאַלכ־אויוון' און איז אַלע גאַנצפרי' עפּעס גאָר ניט באַ זיך אין די הענט: אָדער זי מאָרדעוועט זיך מיט איר ברענענדיק לייב אין סקריפּעדיקן בעט, אָדער זי שטייט אָדאָם־נאַקעט און וואַשט זיך זייער לאַנג מיט עפּעס אַ מין טשיקאַווע ווייבערש וואַשעניש — זי און מאַגידאָוויטש האָבן שוין ניט איין מאָל זיך דורכגע־קוקט דאָ אין הויף מיט אַזעלכע בליקעלעך, אַז, לויט ברוידעס מיינונג, מען זיי ביידן די אויגן אַרויס. ברוידע האַלט, אַז קיין אומזיסטיקע בליקן זיינען גאָר היינטיקן טאָג ניט שייך, היינט צו וואָס זאָל ער, דער פּופּציק־יאָריקער נאַר, נאָך אַליין זיין דער אונטערפירער?

7

אָן איבעריקן כיישעק האָט זיך ברוידע אַראָפּגעלאָזט מיט די עטלעכע טרעפּ־לעך צו זיין וווינונג און צוליב עפּעס צוגעוואַרט באַ דער טיר.

— נו, קומט שוין דאָרט — האָט ער בייזלעך אַ רוף געטאָן מאַגידאָוויטשן.

מאַגידאָוויטש אין דער צעעפנטער טיר האָט צו שפּעט אַ פרעג געגעבן:

— מע קאָן?

דאָס געזונטע ווײַבל האָט, ווי ס'וואָלט געווענ אזא מאָדע אינ בעסאראביע, זיי דאָרט באגעגנט אינ איר ווײַסנ ביז־גאָר־אויסגעשניטענעמ סטאניק, אירע יאָדערדיק-קלאָרע הענט, אנטבלויזט אײַנײַנעמ מיט שטיקער אקסלענ אונ באזעצט מיט רויטע סמיִענ פונ נאָכנ לאנגנ וואשנ, האָבנ זיכ ווי דערפרייט מיט נײַעמ מענטשנ, וואָס קאָנ זײַנ אפ זיי א מייווונ. איר לענגלעכ פּאָנעמ, קלײַנדיק-אויסגעפּילט, האָט ערטערווײַז געפּיבערט. ברוידע האָט זיכ אָנגעבלאָזנ אפ מאגידאָוויטשנ:

— ווענ וועלכנ יִנגל פרעגט איר?.. א שיינ ביסל יִנגלעכ קריכנ מיר דאָ ארום אינ הויפ.

ער האָט זיכ צוגעזעצט מיט מאגידאָוויטשנ צומ טיש.

— נעבאמע,— האָט ער מיט די אויגנ געוואָלט אַרײַנטרײַבנ דאָס ווײַבל אינ באָגענטנ שלאָפ-צימערל,— פונ דער פּראטשעשניע האָט מענ דאָ ניט אַרײַנגעטראָגנ קיינ דירע־געלט?.. זי איז ניטאָ אינ דער היימ?.. זי הייבט שוינ ווײַטער אָנ שפּילנ מיט מיר קאַץ־אונ־מויז?

ער האָט זיכ אומגעקוקט צו מאגידאָוויטשנ.

— כ'האָב פונ אָנהייב גאָרנישט פארשטאנענ, וואָס פאר א יִנגל מיינט איר, ע׳שט איצט ווער איכ קלוג: ס'מוז זײַנ אָנ יענער, ווי הייסט ער, פּענעק... ס'א יִנגל — ס'א מאזיק... ס'א גאנצע מײַסע... נעבאמע, כאפ זיכ אַרײַנ צומ פּאָליטורשטשיק... זעכצנ רובל מיט פופציק קאָפּעקעס. ער האָט נאָכ אויכ ניט געסילעקט — ער ליגט מיסטאמע שיקער. וועסט שוינ נעמענ דאָרט בא דער קאָבילע א פּאָר וואַרעמע בייגל, נאָר באצאָל איר, זאָל זי ניט מיינענ, אז זי איז מיט דעמ יויצע דירע־געלט.

מאגידאָוויטש פרעגט.

— ווער זשע איז פּאָרט דאָס יִנגל?

ברוידע ענטפערט:

— באלד.

ברוידע, ווײַזט זיכ ארויס, האָט גווירישע קרויווימ. זיי זײַנענ צוריק מיט א פּאָר וואָכנ איבערגעפּאָרנ אהער פונ א קליינ שטעטל. זיי ווינענ אינ אנ אײַנגהויז אפ דער סאדאָווע, מעיוכאָסימ — די לעווינס. ברוידע שווערט: ער האָט פונ זיי קיינמאָל ניט געהאט קיינ טויווע אפ קי־זע. נאָר צוריק מיט א יאָר פיר — די עקסיקע בא זײַנ ערשטנ ווײַב איז געווענ אינ דער לעצטער סטאדיע, דאָקטוירימ הייסנ זי פירנ אפ ווײַנטרויבנ קיינ פעאָדאָסיע, אונ נישטאָ קיינ גראָשנ בא דער נעשאָמע. קיינ „פּראוולאשטשע" איז ער נאָכ ניט געווענ — געמעקלערט דירעס, געווינט דאָ אינ הויפ, ווי אלע קווארטיראנטנ — באָרגט ער זיכ אפ הויצאָעס אונ פּאָרט אראָפ צו די רײַכע קרויווימ. ס'איז געווענ אומ זומער, ווענ דער פּאָטער איז בא זיי געשטאָרבנ.

אָנגעקומענ איז אהינ ברוידע פארנאכט, געטראָפנ א ווײַס הויז מיט א מוטער מיט קינדער מיט פיר—פינפ מענטשנ אפ דער קיכ, מיט צוויי אויסגעגעבענע זינ, וואָס פירנ דעמ פּאָטערס געשעפטנ. געזאָגט ווער ער איז — דעמ פּאָטערס א גליד־שוועסטערקינד, אפ צו דערהאלטנ זײַנ ווײַב באמ לעבנ דארפ ער כאָטש א הונ־

דערטער. — האָט מענ אויסגעהערט אונ גאָרנישט ניט געענטפערט. אינאָוונט, מע גייט צום טיש עסנ, שיקט מענ אונטער צו אימ א דינסט: „וואשט זיכ". ס׳איז אוועק א מעכלעס אונ צוויי — מע שווייגט, ווי זייער לייטישע מענטשנ. דעמ הונדערטער איג א קאָנווערט טראָגט מענ ניט צו. ברוידע פּרוווט א רעד טאָנ שארפער, שווייגט מענ ווידער. דערנאָכ איז מענ זיכ מעיאשעוו מיט דער מוטער ערגעצ אינ א זאל אונ מע שיקט אימ זאָגנ דורכ א קינד: „מע וועט אייכ געבנ זיבנ קערבלעכ". ברוידענ איז גלאט געפעלנ דער מיספּער — מע קערט אימ, הייסט עס, אומ פאר באנ-בילעטנ. אימ הייבט אָנ דערעסנ דאָס שווייגנ, מיט דער לייטישקייט, מיטנ „וואשט זיכ". שלאָפנ לייגט מענ אימ אינ א האלב-טונקל צימער לעבנ דער קיכ. אינ אנדערנ בעטל שלאָפט דאָרט א זשוואווע ייִנגל פונ א יאָר צוועלפ, זייערער א מעזיניק — די מוטער מיט די קינדער האָבנ אימ ניט ליב, ציִענ אימ אויפ פונ קינדווייז אָנ קימאט אינ קיכ. אונ אינ קיכ, באמערקט ברוידע, לאכט מענ אלעמאָל, ווענ מע דערזעט אימ דורכגיינ — דער קליינער מאזיק לאכט דאָרט אויכ אינמיטנ. „וואָס איז?" טוט ברוידע אפּ טשיקאוועס א פרעג באמ קליינעמ, „פונ וועמענ לאכט מענ?" — „טאקע פונ אייכ", שמייכלט דער קליינער, אונ ווינקט מיט א כאמזעריש אויג אפּ די קיכ־מענטשנ, „זיי זאָגנ: „דאָ שטעקט מענ ניט קיינ הונדערטערס, ס׳איז ניט א־עלכע מענטשנ, איר קענט זיי ניט..." דערביי האלט זיכ דער קליינער איינ, ער זאָל זיכ ניט צעלאכנ. — „איר", זאָגט ער, „ווארט ניט, סטראשעט זיי, אז איר וועט זיי אָפּטאָנ עפּעס א שפּיצל". פּעו! ברוידענ פּארדריסט שוינ אזוי ווייט, אז אלעמאָל, ווענ מע שיקט אימ צו זאָגנ „וואשט זיכ", גייט ער אפּצעלאָכעס אוועק אינ צימער, וואָס לעבנ דער קיכ, אונ לייגט זיכ דאָרט צו אפנ בעט — ס׳קאָנ הייסנ: „אָביאוועט א גאָלאָדאָווקע"; זאָל בא בוזירימ אינ שטוב אויסגיינ אנ אָרעמער קאָרעוו אינ זאָל די וועלט דערוויסנ.

מאגידאָוויטש הערט קימאט ניט, וואָס ברוידע רעדט — ער איז זייער מיד נאָכ צוויי מיט א האלבנ מעסלעס ניט-שלאָפנ. ווענ ניט דאָס צוריקגעקומענע קרעפּטיק קלייענדיק ווייבל, וואָס דרייט זיכ דאָ ארומ אומיסטנ, קעדיי ער זאָל אפּ איר קוקנ, וואָלט ער, זיצנדיק דאָ באמ טיש, שוינ לאנג אנשלאָפנ געוואָרנ. ברוידע אליינ זאָגט:

— ס׳א סאכ צו דערציילנ.

די ערשטע צייט האָט מענ בא זיינע רייכע קרוּיווימ אינ דער היימ קימאט נימ באמערקט, אז ער פאסט — ס׳הייסט: פאסט דיר געזונטערהייט. ערשט אפנ פערטנ מעסלעס האָט מענ, אפּאָ עמ, אומיסטנ ארויסגערופנ צו זיכ די עלטסטע אויסגעגעבענע טאָכטער — א צאצקע, „שיינדל די גרויסע" רופט מענ זי. איצט שוינ א יאָר דריי, אז זי וווינט דאָ אינ שטאָט מיט איר מאנ בעריש פרענקעל — ער איז שאוולס א קאָרעוו, רייכ געוואָרנ ארומ שאוולענ אפּ דער צוקער בערזע. דענסטמאָל האָט זי נאָכ געוווינט ערגעצ דאָרט נימ ווייט לעבנ א גוראלניע.

— ארייַנגעקומענ צו מיר אינ צימער, — דערציילט ברוידע, — איז זי ווי אנ ארויפגעבראכטער פראָפעסער: ס׳איז איר דושנע — זאָל מענ די רעגע עפענענ א פענצטער... „ווער האָט דאָ אזוי אָנגעכראקעט אפנ פּאָל?" — זי איז א ציכט.

דאָס ערשטע האָט זי בא ברוידענ געהאָלט וויסנ פינקטלעכ: „וועלכער מומע

זפּאטעס אייניקל איז ער?.. לויט ווי מע ווייסט, האָט דער טאטע קיין מומע זלאטע, דאכט זיך, גאָר ניט געהאט". פונדעסטוועגן איז זי א גוטע — זי לייגט אים פאָר, ער זאָל נעמען פופצן רובל און זיך אוועקפאָרן געזונטערהייט, וואָרן אז מע וויל, קאָן עס גאָר הייסן „ווימאָגאטעלסטווע" און מע קען זיך גאָר ווענדן צו פּאָליציי. דערויף האָט איר ברוידע געענטפערט: „דאָס דארף איך טאקע — רופט פּאָליציי..." און ס'האָט זיך אָנגעהויבן א דינגעניש. דעם עמעס געזאָגט, האָט דאָרט די מייַסע קיינעם אזוי שטארק ניט האנאָע געטאָן, ווי דעם מאזיק — דעם מעזיניק — ער איז צעשמאָלצן געוואָרן פון דער גרויסער סימכע און דערבייַ געדינט ברוידען, ווי אן אייגענעם טאטן. קעדיי גרעסער צו מאכן די סימכע, האָט דער קליינער צום אלעמערשטן זייער געטייַ צעטראָגן די מייַסע איבער דער שטאָט, אזוי אז מענטשן האָבן אָנגעהויבן שטיין אינדרויסן פארן הויז, ווייַל ס'איז דאָך גלאט א טשיקאווע זאך: א מענטש פאסט שוין דעם פערטן און דעם פינפטן מעסלעס — אין די גרעסטע שטעט וואָלט מען געגאנגען קוקן אף בילעטן. דענסטמאָל האָט מען אין הויז אָנגעהויבן געבן „נאבאווקעס", ס'איז דערגאנגען ביז פינף און זיבעציק רובל. האָט ער זיך מעיאשעוו געווען: זאָל זייַנס איבערגיין. — ער האָט א שפּייַ געטאָן און גענומען. זייַן פאסטן האָט זיך געצויגן ארום אכט מיט א האלבן מעסלעס. ברוידע זאָגט:

— ס'הייסט, מייַנע קויכעס וואָלטן מיר דאך געווען געטראָגן אויסצוהאלטן, ווען ניט דער קליינער מאזיק? — יענער האָט מיר די גאנצע צייַט שטילינקערהייט געטראָגן עסן, און — פונעם בעסטן... איינמאָל באנאכט וועקט ער מיך פון שלאָף. וואָס איז? גאָרניט!.. ער האָט מיר געבראכט אגרעסן-אייַנגעמאכטס. פון דענסטמאָל אָן איז דער קליינער מיט מיר געבליבן א יעדיד. ס'זייַנען שוין דאפקע אריבער בא פיר יאָר, נאָר גוטפרייַנטשאפט געדענקט זיך.. איר שלאָפט? מאגידאָוויטש!

מאגידאָוויטש האָט בלויז געהאט אזא אויסזען, ווי ער וואָלט געדרעמלט. פון ברוידעס צעצויגענער געשיכטע האָט אים מינוטנווייַז אָט שוואכער, אָט שטארקער געמלייעט אפן הארצן, ווי פון עפעס אן אלט-באקאנטן איבערקייַעכץ. נו יאָ, פאר מאגידאָוויטשן איז קיין נייַס ניט: פון אייביקע יאָרן מאלעגיירען מענטשן אף פארשיידענע אויפאנים די מייַסע „מיטן אָרעמען און מיטן רייַכן ברודער" — ס'ווערט זיי גאָר ניט נימעס. וועגן ייִנגל, וועגן וועלכן ברוידע דערציילט, האָט ער באדארפט זיך דערוויסן, ווי וועגן א שליסל צום יונגן פארשווונדענעם פּראָקלאמאציע-קלעפּער, וואָס הייסט „יאָסל" און האָט אליין געוועזן, ווער פון די פּיי-געריוועקער גאנאָווים האָט געהארגעט נאָוויצקין. ער איז אין יענער רעגע גרייט געווען צו זאָגן ברוידען:

— רעב ייִד, מאכט עס בעקיצער!

יענער האָט נאָך אלץ ניט אויפגעהערט ברייטלעך צו פּלאפּלען וועגן דעם ייִנגלס אויסגעצייכנטע ברידער, די געהויבענע לייַט — צו וואָס פאר א מיסכער זיי זאָלן נאָכן פאָטערס טויט זיך ניט נעמען, האלטן זיי אין איין דערלייגן. דאָס זייַנען זיי איצט איבערגעפאָרן אהער אין שטאָט — זיי זוכן דאָ א געשעפט, וואָס זאָל זיי קוידעמקאָל גאראנטירן דאָס קערן. דאָס גייט איצט צו זיי אלע טאָג ער, ברוידע — ער מעקלערט זיי, זיי זאָלן אוועקקויפן דעם־אָ הויף, ווו ער

איז דער „פּראָוויאַשטשע", ווײַל די עטלעכע און פערציק דירעס טראָגן אַרײַן א היפּשע ריינע האכנאָסע, און ס'איז א קאָשערער טאָפּ מיט א קאָשערן לעפל. דאָס האָט זיך אהער אין הויף זאַניאַדעט זייער ברודערל דער מאזיק, אָט דער פּענעק — ער איז אפּאָנעם נײַגעריק צו זען מיט די אייגענע אויגן, וויאַזוי זעט עס אויס א „קאָשערער טאָפּ מיט א קאָשערן לעפל". דאָס דארף זײַן דער יאַט פון א יאָר זעכצן, וואָס, ווי מאגידאָוויטש מאָלט אויס, איז ער געשטאַנען דאָ אין הויף אין יענעם פרימאָרגן, ווען מע האָט געהאַרגעט נאָוויצקין. אויב מאגידאָוויטש דארף אים, קאָן ער, ברוידע, הײַנט אָדער מאָרגן אים אהער צושטעלן. ער וועט עס מאכן איינס און צוויי. ער וועט נאָר בעטן דערפאַר בא מאגידאָוויטשן א קליינע טויווע: „וואָס שענער אים העלפן אויסשטעלן די סמעטע פונעם הויפס האכנאָסעס, די סמעטע דארף ער, ברוידע, צושטעלן דעם יאַטלס ברידער. דער קליינער, ווי ברוידע באַמבלט זיך, האָט גאָר טאַקע א שטיקל שײַכעס צו מאגידאָוויטשן — עפּעס טינטלט ער גאָר, דאכט זיך, אויך, אָט דער יאַט, עפּעס שרײַבט ער דאָרט לידלעך, צי מײַסעס..."

בא מאגידאָוויטשן אין שלעפעריקן זיקאָרן האָבן, ווי אין א פינצטערער קאַמער, זיך געוואַלגערט שטיקלעך און פּיצלעך געדעכענישן פון אַלץ, וואָס ער האָט די לעצטע טעג דאָ אין שטאָט ארום דער מײַסע נאָוויצקי געזען און איבערגעלעבט — עפּעס א מין שווערער געפּלאָנטערטער שטיק לעבן. נאָר מינוטנווײַז האָט זיך אים געדאכט: בא אים אין שלעפעריקן מויעך, ווי בא דער שײַן פון א בליץ, טוט זיך נאָכאמאָל א דריי דאָס געשלעג ארום נאָוויצקין. פּאָלטאַראַק, פּאָליצײ, זשאַנדאַרמעריע, דער יונגער פּראָקלאַמאציע-קלעפּער, די שוואַרצמייעדיקע צײַטונג, די פּראָצעסיע, דער רעדאַקטער, דער אדוואָקאַט באָראָווי, דער שפּיק, און דערנסטמאָל ווערט ער, מאגידאָוויטש, אַף איין אויגנבליק ביז גאָר קלוג — עס צעפאַלט זיך פאַר אים אַף שטיקלעך אָט דער שווערער שטיק לעבנס-קאָנגלאָמעראַט, און אין שלעפעריקן האַלבן כאַלעם דערזעט ער, ווי עס ווערט אָרגאַניזירט און צוגעגרייט דאָס, וואָס מע רופט „סטיכיע" — „פּאָגראָם", „געשיכטע".

— פּאַני מאגידאָוויטש! — האָט אים פאַמעלעכקע געוועקט ברוידע, — איר שלאָפט דאָך שוין טאַקע אַף אַן עמעס...

רובין

שימען קאָזער

1

סאָף אכצנטן יאָר האָט ער זיך דערקליבן צו זיך אהיים. א מידער, אן אויסגעמאַטערטער, ניט קיין ראַזירטער. און מיט איין גרויסן פארלאַנג — שלאָפן! פארקלײַבן זיך ערגעץ ווײַט פון דער רוישיקער וועלט, אין דער שטיל זיך גוט און לאַנג אויסרוען, לאַנג און רויִק אויסשלאָפן און נאָכדעם פאמעלעך, געלאסן אָנהייבן א לעבן אין א היימישער שטוב מיט היימישע נאָענטע מענטשן.

דאָס בעסטע אָרט פאר זײַן טרוים איז איצט געווען זײַן אייגענע היים — זײַן היים ערגעץ צווישן מאריופּאָל און טאגאנראָג, לעבן ווייניק-געזאַלצענעם און שטארק-ווינטיקן אזאָווער יאם.

אין זײַנע סאָלדאטישע פאפירן, וועלכע מע האָט בא אים אפ איינער א סטאנציע ארויסגענומען צוזאמען מיט א בויגן צוואנציק רובלדיקע קערענקעס, איז געווען אָנגעשריבן: שימען קאָזער. מיט דער דאָזיקער פאמיליע איז ער מיט פיר יאָר צוריק אלס סאָלדאט פון דער היים אוועק און זיך איצט אין אן אָדיגע פארנאכט אהיים געקערט, עמעס, אָן סאָלדאטישע פאפירן און מיט א גרויסן פארלאַנג רוען און שלאָפן אין סאָף אכצנטן יאָר — א יאָר נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע.

2

פיר יאָר איז שימען קאָזער אין דער היים ניט געווען, זײַנע היימישע ניט געזען. און ס'האָט אים שטארק צו זיי געצויגן. בריוו האָט ער פון זיי באקומען. פון דער מאמען און פון טאטן און א צוגעשריבענעם געגרוס פון די דרײַ שוועסטער. די בריוו האָבן אים דערמאָנט דעם אויסגעדארטן טאטן, וואָס הוסט מיטן גאנצן קערפּער און קאָן שוין די סטאָליערישע זעג אין האנט ניט האלטן; די מאמע, וואָס האָט אלע יאָרן געהאָפט אפ בעסערס און זיך ניט דערווארט, נאָר האָפן ניט אויפגעהערט. זי שטעפּט אפ דער שנײַדערשער האנט-מאשין און לייגט אלץ אָפּ די גוטע צײַט אפ א יאָר שפּעטער, נאָך אפ א יאָר. צי דער זון וועט ברענגען גליק, צי די טעכטער, נאָר „ס'מוז דאָך אמאָל, ריבוינעשעלוילעם, קומען איין גוט יאָר אפ זיבן מאָל זיבן הונגעריקע. ס'מוז דאָך...” און די דרײַ שוועסטער, וואָס האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט אפ ברויט מיט הערינג-קעפּלעך, זײַנען אין זייערע אריבערגעוואָקסענע ציצענע קליידלעך אויפגעקומען געראָטן, וווּקסיק און שיין.

נאָכדעם האָט ער באַקומען בריוו פון די שוועסטער און אַ צוגעשריבענעם גרוס פון דער מאַמען. פון טאַטן גאָרניט. ביז די מאַמע האָט אים צוגעשיקט אַ בריוו מיט טרערנ־פלעקן און מיט אַן אַרײַנפּיר וועגן דעם, אַז גאַנץ וועגן זײַנע פאַר מעגטשן פאַרהוילן, אַז אַפ דער מילכאָמע, ווו דאָס לעבן איז געגליכן צום טויט, קאָן מען גראָד אַרויס מיט גאַנצע גלידער (אויב דעם איבערשטנס ווילן איז אַזאַ) און אַז אין אַ פּאַשעטער הילצערנער בעט קאָן מען ניט וויסן װעמעס מאָרגן עס איז. אַ רײַע האָט ער... נאָכן טאַטן האָט ער יאָרצײַט דעם צווייטן טאָג נאָך שושן־פּורים.

דעמלט, אַז ער האָט באַקומען דעם דאָזיקן בריוו, האָט ער זיך שטאַרק פאַרבענקט אַהיים. ס'איז געווען דאָס זעכצנטע יאָר. שימען קאָזער איז שוין געווען געניג מיד, היפּש פאַרלײַזיקט און פאַרוואָקסן. ס'איז אינגאַנצן פון אים געווען אַרויסגעשלאָגן דער באַהאַלטענער געדאַנק, אַז וויבאַלד מילכאָמע האַלטן מוז מען — וועט ער כאָטש זען וועלט, זײַן אַפּן פּראָנט, שיסן יענעם וועט ער ניט און אַליין ווערן ניט מער ווי פאַרוווּנדעט...

ער האָט געוואָלט אַהיים.

אָבער בײַ שימען קאָזער זײַנען צו יענער צײַט פאַרלאָנגען און געפילן אינגאַנצן געווען אָפּגעריסן פון טאַט. געפילן און פאַרלאַנגען האָבן זיך בײַ אים געקליבן און געוואָרעמט ערגעץ אַזוי טיף, אַז מיט דער אַרומיקער וועלט און מיט כאַוויירים האָט ער קיין שום שײַכעס ניט.

שימען קאָזער, דער ברייטפּלייציקער און שטאַרק מוסקולדיקער, מיט די אויסגעהאָרעוועטע הענט און מיטן פּולבלעכן פּאָנעם, האָט אַלעמאָל זײַנס אויסבאַהאַלטן נאָר פאַר זיך. מיט כאַוויירים האָט ער גערעדט וועגן וועטער און פּאַכאָרקע. אָדער ער פּלעגט זיי פרעגן די זעלבע פראַגע, וואָס זיי אים:

— ווי־פל דאַרף אַלפּיסייכל דויערן אַ מילכאָמע? צי קען שוין ניט זײַן געניג...

— פון אונדזערטוועגן געווים... נאָר דער יעוואָ וועלישעסטוואָ האָט נאָך דעם דײַטש ניט אַלע גובערניעס אָפּגעגעבן...

האָט קאָזער געבענקט אַהיים, געזוכט רו, ניט געוואָלט מער „זען וועלט" און דאַפקע פאַרבלײַבן אַפּן פּראָנט, דאַפקע מיד און געזען אַזוינע וועלטן, וואָס האָבן זיך אים קיינמאָל ניט געכאָלעמט.

3

די לעצטע צײַט האָט שימען אַפּן פּראָנט זיך פאַרנומען מיט זײַן סטאָליערישן פאַך — מאַכן טרונעס און פאַרקלאַפּן דעקלעך איבער די טרונעס מיט טויטע סאָלדאַטן.

נאָר סאָלדאַטן, טויטע סאָלדאַטן זײַנען געווען אַ סאַך, אָן צאָל און אָן מאָס... און טרונעס זײַנען געווען ווייניק, גאָר ווייניק. סאָלדאַטן האָט מען באַגראָבן ברודערשאַפטלעך... אָן טרונעס און אָן צערעמאָניעס. ניט קיין טיפע גריבער געגראָבן און ניט הויך מיט ערד פאַרשאָטן.

נאָכן באַקומען דעם בריוו פֿון דער מאַמען:

א לײַכטער ווינטער-טאָג. א פֿריש שנייעלע אױף די פֿעלדער. די אײַנגעזאַקשנטע דײַטשן זײַנען אױף עטלעכע קילאָמעטער אָפּגעשטױסן צוריק. דער פֿאַרנומענער פּלאַץ איז פֿאַרזײט מיט טױטע קערפּערס פֿון רוסישע און דײַטשישע סאָלדאַטן. דער פּלאַץ איז אָבער נייטיק פֿאַר שוץ־גראָבנס.

פֿון נאָענטע דערפֿער און שטעטלעך האָט מען געטריבן דערשראָקענע און פֿאַרביטערטע מענטשן אױף אָפּראַמען די טױטע. געיאָגט מיט גוואַלט פֿון די הײַמען, פֿון די בעטן געטריבן, פֿון די אויוונס געשלעפּט. מיט נאַהײַקעס געזעצט, געפּאַכעט מיט שווערדן, געזידלט מיט שפּיזן.

אינעם לײַכטן ווינטער-טאָג, איבערן פֿרישן שנייעלע האָט מען מיט פּײַפערײַ און הוקערײַ, ווי סטאַדעס, געיאָגט די דאָרפֿישע און שטעטלשע מענטשן צום פֿראָנט.

ווײַבער און נאָך ניט דערוואַקסענע באַכערימלעך האָבן געוויינט, געווישט מיט קאַלטע רויטע הענט די טרערן, געסאָפּעט פֿון מידקײַט און געציטערט פֿאַר שרעק. וווּהין פֿירט מען זיי?

— די מאַנען צוגענומען — האָבן זיי געכליפּעט — די טאַטעס פֿאַריאָגט.. גאָר קיין סאָף ניטאָ! איצט טרײַבט מען שוין ווײַבער און קינדער אױף מילכאָמע. אָך צו זייערע קעפּ!

אַן אַלטער דאָרפֿישער זאָקן, א געבויגענער, א גרויער, וואָס שפּאַרט און פֿער זײַן טראָט מיט א שטעקן, האָט אין גרוס אומרו אַלץ זיך נאָכגעפֿרעגט:

— ווער האָט אונדז אין געפּענקעניש גענומען... די פּרײַסן צי די גערמאַנצעס?

אַז דאָס טרײַבן „אייגענע" — דאָס איז אים גאָר ניט אײַנגעפֿאַלן. „אייגענע"?

שימען קאָזער האָט אויך געיאָגט און געטריבן די דאָרפֿישע און שטעטלדיקע מענטשן צום פֿראָנט. מע האָט געהייסן טרײַבן — טרײַבט ער. מע האָט אים געזאָגט: שלאָג! — שלאָגט ער. מע האָט באַפֿוילן קיין ראַכמאָנעס ניט האָבן — האָט ער קיין ראַכמאָנעס ניט.

צו פֿאַרנאַכט האָט דער פֿראָסט גענומען שטאַרקער ווערן. א ווינט האָט זיך צעהוליעט. און ס׳האָט אָנגעטריבן א פֿינצטערן היכל.

4

אין פֿעלד האָבן אין דער נאַכט געברענט און געטשאַדעט שטורקאַטשן. די צונויפֿגעטריבענע מענטשן פֿון די דערפֿער און שטעטלעך האָבן זיך אין שרעק אַרומגעקוקט און האָבן געזען, ווי עס וואַלגערן זיך טױטע מיט בלױע פּענעמער, מיט פֿאַרטריקנטן בלוט. זיי ליגן מיט פֿאַרקרימטע געזיכטער, מיט אָפֿענע מײַלער, מיט אויסגעסטאַרטשעטע שרעק־אויגן. מענטשן מיט אָפֿענע בײַכער און צעריסענע קישקעס, מענטשן אָן פֿיס, הענט אָן מענטשן. צונויפֿגעקאָרטשעטע, איבער געדרייטע, פֿאַרוואָרפֿן און צעשפּרייט זײַנען זיי געלעגן אײַנציקווײַז, פּאָרווײַז, קופּעסווײַז. פֿאַרשאָטן מיט ערד און שניי, פֿאַרוואַלגערט אין גריבער. עס האָבן אַרויסגעשטעקט שטיוול, הוילע פֿיס, צעשעדיקטע הענט, שינעלן, שווערדן און ראַנצעס.

די לעבעדיקע סאָלדאטן מיט די שטורקאטשן אין די הענט האָבן געיאָגט און געײַלט די אָנגעטריבענע, שנעלער שלעפּן די טויטע צו די אויסגעשטעלטע וועגענער.

נאָר די טויטע האָבן זיך ניט געלאָזט. זיי זײַנען געווען צוגעפּראָרן צו דער ערד, צוגעפּעסטיקט מיט זייערע האָר, הויט און קליידער, מיט אויערן און הענט. די אָנגעטריבע.ע האָבן מיט פאַרקוואַלענע פינגער געריסן די פאַרפראָרענע טויטע קערפּערס.

שימען קאָזער האָט זיך א צערייצטער און בייזער ארומגעטראָגן מיט געשריי:

— רירן זיך ווי די טויטע, לעבעדיקער, לעבעדיקער!

א פאַריעריש מיידל האָט זיך געפּאָרעט ארום א טויטן און אים אלץ ניט געקאָנט פונעם אָרט רירן. ער איז מיטן פּנים אראָפּ געלעגן פעסט צוגעפרוירן צו דער ערד.

— ריר זיך, טויטע מויד! — האָט געשריגן קאָזער, — לעבעדיקער!

דאָס פאַריערישע מיידל האָט מיט אלע קויכעס אָנגעכאַפּט דעם טויטנס א פוס און גענומען שלעפּן, דרייען און ווארפן אין אלע זײַטן, ביז אונטערן קערפּער האָט זיך עפּעס א ריר געטאָן. זי האָט אים א שלעפּ געטאָן, איבערגעדרייט. נאָכן קערפּער האָט זיך נאָכגעשלעפּט א שטיק ארויסגעריסענער אינגעווייד פון זײַן צעשאָסענעם בויך.

— הוי! — האָט דאָס מיידל אויסגעשריִען. זי האָט א שלײַדער געטאָן דעם טויטן און גענומען ספּאזמעדיק רעווען, זיך וואַרפן אין אלע זײַטן. עס האָט זי גענומען שטיקן און נודען. זי האָט זיך מיט האסט א וואָרף געטאָן צו שימענען, אײַנגעקלאמערט זיך אין אים. עס האָט זי געטרייסלט און געוואָרפן, פון איר מויל האָט גענומען שפּארן א נודיעניש, וואָס האָט באגאָסן שימענס קליידער און שטיוול. זי האָט אים ניט ארויסגעלאָזט פון אירע הענט. ער האָט זיך געראנגלט, געריסן, גערופן הילף. זי האָט זיך מיט אלע קויכעס אין אים געקלאמערט און מיט א טרוקענעם געוויין גערעוועט „מאמע, מאמע!“

ס׳איז געוואָרן אן אופגעלאָף ארום שימען קאָזער. פון אלע זײַטן האָט מען גענומען שרײַען און וויינען, שילטן און גוואַלדעווען. א ביטערער און יאָמערדיקער געוויין האָט זיך געריסן איבערן גרויסן פעלד, וועלכער איז אָנגעוואָרפן מיט פאַרפראָרענע טויטע קערפּערס און באַלויכטן מיט טשאַדנדיקע שטורקאטשן.

די לעבעדיקע סאָלדאטן זײַנען געבליבן שטיין צעטומלט און טויט דערשראָקן.

עפּשער א וואָך צײַט נאָכאנאנד איז שימען קאָזער צו זיך ניט געקומען. אים האָט געפיבלט, געפיבערט. ער איז געווען אופגערעגט, זיך געזוידלט און געשריִען. פאַר זײַנע כאַווײרים סאָלדאטן איז געווען א נײַס, וואָס שימען קאָזער האָט אופגעהערט שווײַגן און האָט טײַנעס:

— אז ווער האָט זי גאָר אויסגעטראכט, ווער דאַרף זי? זאָלן זיך די גענעראלן אליין שלאָגן. מיטן קאָפּ אין דר׳ערד!

און ער האָט פעסט באשלאָסן — אהיים, אהיים!

5

און אַט... כאָפּ אכצנטן יאָר האָט ער זיך דערקליבן צו זיך אהיים.

ער האָט געזען, ווי סאָלדאטן אנטלויפן פון פראָנט. ער האָט באטראכט, ווי רו-סישע סאָלדאטן ברידערן זיך מיט דײַטשן און עסטרײַכער. ער האָט געהערט, אז דער קייסער איז אויס קייסער און געטראכט: ניט איך האָב אים אפּן טראָגן גע-זעצט, ניט איך זעץ אים אראָפּ. מע זאָגט, אז אָן א קייסער וועט זײַן בעסער... נו, אַט איז שוין קיין קייסער ניטאָ — זייער גוט.

א רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען אין אָקטיאבער כוידעש — ער מישט זיך ניט. ער האָט דען געוואָלט ניקאָלײַען? ער האָט דען גערופן קערענסקין? אויב איצט וועט זײַן בעסער צו לעבן — איז ער גרייט בעסער לעבן. נאָר ער מישט זיך ניט. ער וויל אהיים, ער כאַלעשט שלאָפן, ער וויל רוען!

אהיים צו זײַן מאמען און שוועסטער איז ער אָנגעקומען מיט פארלאנג:

— שלאָפן!

— כ'שטארב שלאָפן, מאמע...

מיט גרויס פרייד האָט די מאמע דעם טאטנס בעט געבעט. מיטן לויכטנדיקע פּנעמער האָבן די שוועסטער אים די שטיוול אראָפּגעצויגן. און שימען קאַזער האָט זיך אוועקגעלייגט שלאָפן פאר פיר יאָר מילכאָמע.

אין שטוב איז געוואָרן שטארק פריילעך. דער זון איז געקומען. א מאנצבל איז פאראן, א פארדינער. שכײנים זײַנען געקומען אָפּגעבן מאזלטאָוו און אָפּנעמען געריסן. הינטער די פענצטער האָבן זיך גענומען דרייען קאַלע-מיידלעך.

די מאמע האָט דערפילט, אז אפּ דער עלטער ווערט איר האָפענונג פארווירק-לעכט און איר טרוים ווערט וואָר. עס קומען די גוטע יאָרן. מיט גרויס פרייד האָט זי געטראכט וועגן דעם זונס גליק, וועגן זײַן באשערטער, וואָס דער אייבערשטער וועט צושיקן.

די שוועסטער האָבן פאר זיך שעמעוודיק געטראכט וועגן זייערע געליבטע, געוווסט ווי די וועלט פּיוס זיך, אז דער עלטערער ברודער דארפ דער ערשטער צו דער כופע גיין. נאָכדעם וועלן זיי שוין...

אין שטוב איז געוואָרן פריילעך, געמיטלעך און ליכטיק. עס האָט געשמעקט מיט פרישע געבאקטע ראָזעווע ברויט, מיט פלאָדן פון זונס וועגן, מיט היימישער וואַרעמקײַט און מישפּאָכע-גליק.

איבער די גאסן, אין די קלובן און וואַרשטאטן זײַנען פאָרגעקומען מיטינגען און פרײַוויליקע מאָביליזאציעס.

6

ווינטער האָט שימען געארבעט באַם טאטנס סטאָליער-וואַרשטאט.

ער האָט פאריכט יעדע שפּארונע אין טאטנס שטוב. ער האָט האנאָע געהאַט פון אויסגעווישטן שפּיגל און אויסגעשײַערטן געפעס. ער האָט באלעבאטיש און שפּאָרזאַם צעקלאַפּט א ציגעלע צוקער אפּ גלײַכע כאלאָקים.

— אז עס וועט רויק ווערן אפּ דער וועלט, — האָט ער געזאָגט צו דער

מאמענ אונ צו די שוועסטער, — וועלנ מיר שטעלנ א שיינע מאציייווע דעם טאטנ אז עס וועט רויִק ווערנ...

אינ פרילינג האָט ער שוינ געהאט א קאַלע.

אינ פרילינג האָט דעניקינ א שפאר געטאָנ פונ דאָנ אונ איז אוועק איבער אוקראַינע.

אומרויִק איז געוואָרנ. אָבער שימענ קאָזוערנ אינ זײַנ שטוב טשעפּעט קיינער ניט. אומרויִקע קלאנגענ זײַנענ אוועק. א כאווער פוּנ פראָנט האָט מיט שימענענ א שמועס פארפירט. אײַנגערעדט אונ געטײַנעט. שימענס ענטפער איז געווענ:

— זאָל זיך די וועלט שלאָגנ אָנ מיר. איך האָב עפּעס דענ קעגנ די רויטע? נאָר מײַנ קאלע איז בילכער. מײַנ מאמע נעענטער, מײַנע שוועסטער...

דער כאווער איז אוועק. שימענ איז געבליבנ. ער ווִיל זיך ניט מישנ. וואָס וויל מענ פונ אים?

דערווײַל שלאָפט ער אלע נאכט אינ זײַנ אייגענעם בעט. ער שפּאצירט מיט זײַנ אייגענער קאלע. ער הובלט מיט זײַנ אייגענעם הובל, זעגט מיט זײַנ אייגענער זעג, מע זאָל אים נאָר לאָזנ צו רו.

פאר שימענענ איז דער אומרו אָנגעקומענ דורך א מאָביליזאציע. דעניקינ רופט.

— פיר יאָר זיך געשלאָגנ אונ איצט ווידער גיינ! אונ צו וועמענ? דעני־קינענ! דאָס ניט, בעשומויפנ ניט.

פארנאכט האָט ער פארכאפּט מיט זיך א ביסל קליידער אונ זיך אריבער־געקליבנ צו דער קאַלע — אונ גיי זוכ אים.

זוכנ איז מענ אים געקומענ צו דער מאמענ.

— אַלטע, ווּ איז דער זונ? ער איז מאָביליזירט...

— כ'ווייס ניט, גוטער מאנ, כ'ווייס ניט...

—וואָס הייסט? ווּ איז ער?

— אוועק, נעלעם געוואָרנ. אוועק אונ ניטאָ.

אינ עטלעכע טעג ארום איז דער זעלבער סאָלדאט ווידער געקומענ. נאָר שוינ ניט אַליינ. מיט נאָכ צוויי סאָלדאטנ. זיי האָבנ געפרעגט אפנ זונ אונ גע־קוקט אפ די טעכטער.

— אזוינע שיינע טעכטער האָסטו, מוטע׳ל... קראסאוויצעס. עפּשער וועלנ דײַנע טעכטער גיינ א ביסל שפּאצירנ... ס'איז פרילינג, א ווארעמער אָוונט, אקאציעס בליִענ...

אפ מאָרגנ איז געווענ דער זעלבער פרילינג, א ווארעמער אָוונט אונ אקאציעס האָבנ געבליט. ס'איז געווענ באלד צוויי וואָכנ נאָכ דעם זונס שטילער כאסענע. צו דער מאמענ אינ שטוב האָבנ זיך ארײַנגעלאָזט בא א צענדליק סאָלדאטנ. זיי האָבנ פארהאקט די טיר אונ גענומענ זוכנ דעם זונ אונטער די בעטנ, אינ אלמער. געזוכט לײַכט אונ גיך.

— כע-כע-כע — האָט זיך איינער אָפּגערופנ — ווּ זוכט איר אים? אונטערנ בעט... איר גיט בעסער א גוטנ זוכ בא די מיידלעך אינ די בוזעמס...

...שכיינים האָבנ געהערט געשריי אונ קוויטשערײַ, שכיינים האָבנ געהערט קרעכצערײַ אונ ראנגלעניש, שכיינים האָבנ געהערט, ווי טויט־שטיל ס'איז געוואָרנ אינ שימענ קאָזוערס היימישער שטוב. נאָר שכיינים האָבנ פארהאקט טיר אונ

פענצטער, האָבנ געציטערט אונ געוויינט, האָבנ אויסגעלאָשנ ליכט אונ זיכ באַהאלטנ אונטער די בעטנ.

נאָכדעמ האָבנ זיי געהערט, ווי די טיר האָט זיכ ראשיק געעפנט, ווי מענטשנ זײַנענ ארויס אונ פארפאלנ געוואָרנ אינ דער נאכט. אָבער זיי האָבנ זיכ ניט געדירט פונ אָרט, זיי האָבנ נאָר געציטערט.

סאמע פארטאָג איז עס דערגאנגענ צומ זונ. ער איז געלאָפנ האלב אָנגעטאָנ. נאָכ אימ איז געלאָפנ דאָס יונגע ווײַבל אונ געוויינט. נאָכ זיי האָבנ געײַלט טאטע-מאמע אונ קרויווימ.

צוויי שוועסטער זײַנענ געלעגנ אינ זײַנ, שימענס, בעט, אינ צעריסענע, צעפליקטע קליידער. ניט טויט-ניט לעבעדיק. די מיטלסטע איז אינ שטוב ניט געוועז. זי איז ארומגעלאָפנ איבער די גאסנ מיט אנ ארויפגעריסענעמ עפּאָלעט אינ האנט אונ געקלאפט צו אירע כאווערטעס אינ די פענצטער:

— סאָרעלע, פייגעלע. אָט איז מײַנ כאָסנ. סאָרעלע, פייגעלע... מײַנ כאָסנ!

שפעטער האָט מענ זי געפונענ אינ ברונעמ מיט די פיס ארופ. די מאמע, די אלטע מאמע איז געלעגנ אויסגעצויגנ אפ דער ערד מיט א ליכט אינ דער האנט.

7

מע זאָל געווענ אינ יענער שאָ, אינ יענעמ טאָג פרעגנ שימענ קאָזערנ, ווו איז ער — וואָלט ער ניט געוווסט. וואָס פילט ער? וואָלט ער ניט פארשטאנענ. גע-דוכט האָט, ער דרייט זיכ ארומ זיכ אליינ. עס האָט געשווינדלט ארומ אונ ארומ. ער האָט ניט געקענט אײַנשטיינ אונ ניט זיצנ. ער האָט זיכ געוואָרפנ אינ אלע זײַטנ.

אָט האָט ער צעעפנט אלע פענצטער אונ באלד צוריק פארמאכט. ער האָט קיינעמ ניט צוגעלאָזט צו דער שטוב אונ אליינ נאָכדעמ געלאָפנ רופנ שכיינימ.

ער האָט זיכ פלוצלינג געלאָזט לויפנ צומ ווײַב אונ באלד צוריק געקערט. אונ אינ שטוב געטראָפנ צוויי סאָלדאטנ, וואָס זײַנענ ווידער געקומענ רופנ דעמ מאָביליזירטנ שימענ קאָזער אינ דעניקינס ארמיי.

— הא! — האָט שימענ אויסגעשריענ.

ער איז אפ א ווײַלע אָפּגעלאָפנ אָנ א זײַט, געזוכט אינ שטעלכל. דערנאָכ מיט איינ שפרונג ארײַנגעלאָפנ אינ שטוב אונ מיט אנ אלטנ פארזשאווערטנ לאָמ געגומענ טראסקענ איבער די סאָלדאטסקע קעפּ.

אינגיכנ האָט זיכ דאָס גאנצע שטעטל וועגנ דעמ דערוווסט. די שטוב איז פול געוואָרנ מיט דעניקינישע אָפיצערנ אונ סאָלדאטנ.

שימענ קאָזער איז שוינ דעמלט געווענ אפנ וועג קיינ מאריופּאָל. ער איז געלאָפנ זוכנ מענטשנ, וואָס האלטנ מילכאָמע, מענטשנ, וואָס שלאָגנ זיכ.

טיפ אינ הארבסט איז אינ שטעטל אָנגעקומענ א מענטש אונ דערציילט, אז אינ מאריופּאָל זײַנענ שוינ די רויטע. אונ אז ער האָט געזענ שימענ קאָזערנ אינ רויטארמייִשע קליידער.

מיט די ערשטע רויטארמייִשע אָטריאַדנ איז שימענ קאָזער אָנגעקומענ אינ שטעטל. ער איז ארומגעלאָפנ צו כאווײרים, באקאנטע, שכײנים אונ גערופנ:

— באָכערים, מאנצבלענ, אינ דער ארמײ, אינ דער רויטער ארמײ! פאר אונ-דזערע מאמעס, פאר שוועסטער, פאר דער ראטנמאכט. ווער עס וועט זיכ הײנט ניט שלאָגנ — וועט מאָרגנ כאראָטע האָבנ!

דער ניסטער

דער קריג צווישנ די ברידער

1

אפ מאָרגנ גאנצפרי, נאָכ יענעמ אָוונט, ווענ וועלכנ מיר האָבנ אויבנ דערציילט, ווענ אלע דריי ברידער האָבנ זיכ אינ ר׳ מוישעס עסצימער געטראָפנ, האָט אלטער, ווי ס׳איז פאָרויסצוזענ געווענ, געשריגנ. דאָס מאָל אָבער אזוי אומגעוויינלעכ, וואָס אפילע פאר אימ, פאר אלטערנ, א כידעש.

ווענ אינדרויסנ נאָכ פינצטערלעכ, האָבנ זיינ געשריי צוערשט דערהערט די דינסטנ, וואָס זיינענ געשלאָפנ אינ קיכ און האָבנ איבער זייערע קעפ זיינ אויבערשטיבל געהאט, און איינע, וועלכע האָט אופגעוואכט די ערשטע, האָט א פונ שלאָפ-דערשראָקענע די צווייטע געוועקט:

— הערסט, ס׳ארא גרויסנ פארטאָג ער האָט שוינ היינט פארנומענ...

ביידע זיינענ שוינ דערנאָכ געלעגנ מיט אָפענע אויגנ אפ זייערע געלעגערס, און כאָטש די סטעליע האָט זיי אָפגעטיילט, זיינענ דאָכ אלטערס קוליעס דערגאנגענ צו זיי, ווי פונ אזוי נאָענט, גלייכ לעבנ זיי און אינ זעלבנ צימער וואָלט ער געשריגנ. געדאכט האָט זיכ זיי, אז אזוי קאָנ שרייענ ניט נאָר איינ געווירנ אינ די לעצטע מינוטנ פארנ האָבנ, נאָר צענ מיטאמאָל, ווענ צענ לייבער ווערנ אופגעריסנ און צענ מאָל צענ וויטעקנ רייסנ זיכ דורכ נישט מער, ווי דורכ מענטשלעכע מיילער, וואָס זיינענ צו קליינ אפ זיי ארויסצוברענגענ.

שפעטער האָבנ אויכ די שטוב-לייט אינ די וויטע צימערנ דערהערט. פריער גיטעלע, ר׳ מוישעס ווייב, און גלייכ, נאָכ אינ בעט ליגנדיק, איז איר שוינ אָנגעקומענ דער געוויסער קאָפ-ווייטעק, וואָס טרעפט זי שטענדיק אינ טאָג פונ אלטערס געשרייענ און צווינגט זי דעמ גאנצנ טאָג אינ בעט אָפליגנ, אָדער מיט א פארבונדענעמ קאָפ זיכ ארומשלעפנ. דערנאָכ אויכ ר׳ מוישע, און נאָכ אימ אלע עלטערע פונ שטוב, ביז די ריי איז געקומענ אויכ צו די מער דערוואקסענע קינדער און צווישנ זיי אויכ צו מיירלען.

אינדרויסנ האָט געדרייט א ווינט, וואָס דערמאָנט ערעוו-הארבסט, האָט זיכ אינ די סעדער פארקליבנ נאָכ פונ באנאכט און אויכ נאָכנ טאָג-ווערנ ניט געקאָנט ארויס פונ זיי. ער האָט אָנ אופהער די ביימער-קעפ היינ און צוריק און אינ פארשיידענע זייטנ געריסנ און אמאָל אויכ אראָפ, צו דער ערד זיי בייגנדיק, געבראָכנ.

דער פארשטויבטער הימל, וואָס האָט אויסגעזענ, ווי פאר אָדער נאָכ א רעגנ, איז נידעריק איבער די גאסנ און הייזער געלעגנ. און ווער ס׳האָט יענעמ פרימאָרגנ פונ א פענצטער אינדרויסנ ארויסגעקוקט, זיינענ אימ טרויעריקע

מאכשאָוועס אופגעקומענ, ווי יעדעס מאָל, ווענ דער וועטער בײַט זיכ פונ בעסער צו ערגער.

שפעטער זײַנענ בא ר׳ מוישענ אינ שטוב שוינ אַלע וואכ געוואָרנ. דינסטנ אינ קיכ האָבנ צו דער פרימאָרגנדיקער טיי פאר גרויסע אונ צומ איבערבײַסנ פאר קינדער אלצ, וואָס נייטיק, צו פארגרייטנ באדארפט, — עס־אונ טרינק־געפעס צו וואשנ אונ צו ווישנ אונ דעמ סאמאָוואר אפנ טיש אינ עסצימער ארופצוברענגענ.

שוינ דעמלט האָט מענ געקאָנט זענ אפ די פענעמער פונ אלע דערוואקסענע אינ ר׳ מוישעס שטוב א געוויסע באזאָרגטקײַט, וואָס די סיבע אירע איז געווענ ניט נאָר דער שלעכטער וועטער, וועלכער ווירקט אמערסטנס אפ ניכטערע הערצער בייזלעכ, אונ ניט אויכ אלטערס געשרייענ, וואָס דריקנ באשטענדיק אפ אלעמענ אינ שטוב אָנ אויסנאמ אונ נעמענ צו דאָס לאָשנ פונ מויל. ניינ, — דעריקער באזאָרגט דערפאר, וואָס שוינ גאנצפרי האָט זיכ איבער דער שטוב צעטראָגנ א יעדיִע, וואָס האָט פונ גיטעלענ געשטאמט, אונ איינער דעמ אנדערנ האָט זי שטיל אפנ אויער אײַנגערוימט, — א יעדיִע, אז דער פעטער לוזי האָט באשלאָסנ אונ האָט בעדייע אינ N צו פארבלײַבנ, אז זייער פאָטער ר׳ מוישע, איז מיט זײַנ, לוזיס, באשלוס ניט איבעריק צופרידנ.

באקומענדיק אָט די יעדיִע, האָבנ אלע דעמלט דערפילט, אז די מאכלויקעס, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אזוי שטיל צווישנ די ברידער, אינ גרויס אײַנגעהאלטנקײַט אונ אינ ראמענ, הייבט איצט אָנ פונ די ראמענ ארויסגיינ; מע האָט דערפילט, אז אָט דער באשלוס דעמ פעטער לוזיס — אינ פלוג אנ אומשולדיקער, וואָס, פארקערט, אנ אנדערשמאָל וואָלטנ אימ אלע מיט גרויס פארגעניגנ אונ פאר ליב אָנגענומענ, — איז דאָס מאָל ווי פריש אונטערגעלייגט האָלצ צו פײַער, וואָס וועט דינענ אלס נײַער מאטעריאל אפ נאָכ מער אונ שטארקער זיכ צעפלאקערנ.

אלע דערוואקסענע האָבנ באדערבײַ דעמלט געשוויגנ. מע האָט געטרונקענ, ווי נאָר פאר יויצע־וועגנ. מע האָט אלעמאָל נאָר געכאפט א קוק אפנ פאָטער, אפנ עלטסטנ פונ דער פאמיליע, אפ ר׳ מוישענ, וואָס אויכ אפ זײַנ פאָנעמ איז צו זענ געווענ די אלגעמיינע זאָרג אויסגעדריקט. אינ דער זעלבער צײַט האָט מענ אויכ אלע ווײַלע הינטנארומ געקוקט אפ יענער טיר פונ עסצימער, דורכ וועלכער דער פעטער לוזי האָט זיכ געקאָנט באווײַזנ — אויכ צו דער פרימאָרגנדיקער טיי, אונ דאָס מאָל זײַנענ אלע אימ ווי ניט גערנ געווענ. מע האָט מוירע געהאט, אז איצט, בייסנ אופגערעגטנ געמיט, וואָס בא אלע, זאָל מענ זיכ איבער א קלייניקײַט ניט פארטשעפענ, אונ, פארקערט, געהאָפט, אז אויב איצט וועט מענ אויסמײַדנ קריג, וועט מעגלעכ פארנ טאָג דאָס, וואָס איצט אָנגעגליט, זיכ אָפקילנ, דאָס, וואָס קאָנ איצט א קריג ארויסרופנ — געלאָשנ אונ געשטילט ווערנ.

לוזי אָבער האָט איצט איבער עפעס פארשפעטיקט, אָדער אומיסטנ זיכ געמאכט פארשפעטיקנ, אזוי אז פונ דאָרט, פונוואנענ מ׳האָט זיכ געריכט, איז קיינער ניט געקומענ. דערפאר אָבער פונ אנ אנדער טיר, פונ דער, וואָס פירט פונ

קיכ אינ עסצימער, האָט מענ פּלוצעמ אַנ אומגעריכטנ, אַ גאַסט אַרײַנקומענ דערזענ:

סרולינ, סרולי גאָל.

ער האָט זיכ אויכ איצט, ווי טאָמעד, מיט אַ זײַט, אַ שטילער און אַ שוויַגנדיקער אַרײַנגעשטעלט. ער האָט איצט אויסגעזענ, ווי גלײַכ נאָרוואָס פונ וועג — מיט דער טאָרבע. אינדערעמעסנ אָבער ניט פונ וועג, וואָס דאָס איז געווענ צו מערקנ פונ זײַנע אויסגערוטע פּאָנעמ און אויגנ, וועלכע האָבנ איידעס געזאָגט, אַז די נאַכט פונ נאָכ זײַנ אָנקומענ האָט ער שוינ ערגעצ אַנדערש־ווו איבערגענעכטיקט. צוזאַמענ דערמיט האָט מענ אויכ באַמערקט, אַז דאָס, וואָס ס׳קומט איצט פאָר דאָ אינ שטוב, די באַזאָרגטקײַט פאַר מעגלעכ־פאָרשטייענדיקע אומאַנגענעמלעכקײַטנ, ווי אויכ דאָס, וואָס פאַר אָט דער באַזאָרגטקײַט איז פאָרגעקומענ, איז אימ, סרולינ, שוינ באַוווסט: צו זײַנ אָנגעשפּיצטנ אויער, ווײַזט אויס, איז דאָס שוינ פונ ערגעצ־ווו דערגאַנגענ. מע האָט אויכ געזענ, אַז ס׳טוט אימ האַנאָע דאָס פאַרשטייענדיקע, גלײַכ אַ גרויס גליק וואַרט אימ, פונ וועלכנ ער איז האָפערדיק און זײַנ בליק שפּילט צופרידנ און מיט שאָדנ־פרייד.

ער האָט, ווי זײַנ שטייגער, באַמ אַרײַנקומענ קיינ גוט־מאָרגנ ניט געזאָגט, ניט געווינטשעוועט און זיכ ניט געגריסט מיט קיינעמ. ער האָט נאָר זײַנ טאָרבע אינ אַ ווינקל ערגעצ אָפּגעלייגט — אַ סימענ, אַז ער קלײַבט זיכ דאָ אַ ביסל מער, ווי געוויינלעכ, צו פאַרבלײַבנ, און באַלד נאָכ דעמ האָט ער, ניט קיינ אײַנגעלאַדענער און ניט קיינ געדופענער פונ קיינעמ, באַגלײַכ מיט אַלע צומ טיש, ווו ר׳ מוישעס שטוב־לײַט האָבנ טיי געטרונקענ, זיכ אַוועקגעזעצט.

דערמיט האָט מענ אויכ געזענ: סרולינ האָט דאָס מאָל די טיי ניט אינטערעסירט, — צי מאַכמעס שוינ אָפּגעטרונקענ, צי נאָכ ניט — אַלציינס. די אויגנ האָבנ אימ גאָר די גאַנצע צײַט איבער די שטוב־לײַט אומגעשוועבט, גלײַכ ער וואָלט געזוכט צווישנ די פּענעמער, וואָס זײַנענ אימ שוינ פונ לאַנג באַקאַנט, עמעצנס אַנ אומבאַקאַנטס. ניט געפינענדיק אָבער דאָס געזוכטע, האָט ער אַליינ אַ ווײַלע געווענדט זײַנ בליק צו יענע טירנ, וואָס פירנ אינ עסצימער, דורכ וועלכער ער האָט געפילט, אַז דער אומבאַקאַנטער דאַרפ זיכ און מוז זיכ פונ איינע פונ זיי באַווײַזנ.

דעמלט האָט ר׳ מוישע פונ הינטערנ טיש זיכ אופגעהויבנ און צו זיכ אַוועק. און באַלד, שפּעטער עטוואָס, איז לוזי, ווי ער וואָלט זיכ אָפּגערעדט מיטנ ברודער זיכ דאָס מאָל ניט צו באַגעגענענ, דורכ אַנ אַנדער טיר אַרײַנ.

סרולי, וואָס האָט, ווי געזאָגט, די גאַנצע צײַט געוואַרט אויפ אימ, האָט אימ באַלד באַמערקט: אַנ אויסגעוואַשענער צומ פרימאָרגנ, אַ שטאַלטנער, און אַזאַ, וועלכער שאַפט יעדעס מאָל אַכט און יאָנטעוו, ווענ ער באַווײַזט זיכ.

ער האָט מיט אַ זײַטל־בליק געכאַפּט אַ קוק אויפ אימ און געוואָלט, ווי זײַנ שטייגער, באַלד אָפּווענדנ פונ אימ זײַנ בליק און פּראַווענ יענע באַרויגעז־מינע, וואָס ער פּראַוועט בענגעגייע אַלע אַנדערע. דאָס מאָל אָבער איז זי, קעגנ זײַנ ווילנ, בײַ אימ עפּעס ניט אַרויסגעקומענ, ניט געראָטנ. פאַרקערט: ער איז ווי צוגעקלעפּט געוואָרנ צו לוזינ, און אַזוי ווײַט, אַז ווענ לוזי האָט זיכ פונ דער

טיר צום מיט שטוב און צום טיש געלאָזן צוגיין, אזוי האָט סרולי, נישט באמערקט פאר זיך אליין, מיטאמאָל פון זײַן אָרט זיך א הייב געטאָן, און דאָס, וואָס ס׳געשעט זעלטן מיט אים, איז דאָס מאָל יאָ געשען: ער האָט לוזין זײַן האנט אָפּ „שאָלעמ" דערלאַנגט.

עמעס, ער איז גלײַך באַרויגעז געוואָרן אָפּ זיך פאר אָט דער שוואכקײַט, ווי אים האָט געדאכט, אָבער, וואָס געטאָן, איז געטאָן, און צוריקכאַפּן איז שוין צו שפּעט געווען.

זײַן האנט-געבן דעמלט האָט דערווײַל עטלעכע זאכן מיטאמאָל באַשטעטיקט. ערשטנס, אז אויך ער, סרולי, איז אמאָל ניט אין דער האנט בא זיך, אז ער גייט אמאָל פון זײַן אײַנגעשטעלטן גדער ארויס און זײַן ראָל, וואָס ער האָט אָפּ זיך גענומען, קאָן ער בא געוויסע אומשטענדן ניט אויסהאַלטן און דערפירן ביזן סאָף; צווייטנס, האָט באַשטעטיקט, אז סרולי האָט שוין פון לוזין, ווײַזט אויס, פון פריִער געוווסט און מעגלעך אמאָל אויך ווען אים געזען אין אָט דער שטוב, און ווען אפילע אויך ניט געזען, האָט ער דאָך אונטער די אויגן געהאַט פון אים א געוויסע פאָרשטעלונג, וועלכע האָט לוזין אויסגעטיילט און ארויסגערופן בא אים צו אים, צו לוזין, ניט דאָס, וואָס צו אלע אנדערע; דריטנס, באַשטעטיקט, אז ניט צוליב קיינעם, נאָר אליין טאקע צוליב לוזין האָט ער זיך דאָס מאָל גאנצ-פרי צו ר׳ מוישען אין שטוב אַרײַנגעשטעלט, — צי צוליב נײַגעריקײַט, צי צוליב אנדערע טײַמים, וועלן מיר שפּעטער זען, דערווײַל איז דאָס ניט איבעריק קלאָר געווען און אָפּ סרולין ניט צו דערקענען.

וואָס געהערט לוזין, האָט ער צו סרולין קיין שום נײַגיר ניט ארויסגעוויזן, גלײַך ער קאָן אים שוין פון לאנג, אָדער ווען אפילע ניט פון לאנג, איז, אלנפאלס, קיין איבעריקן אינטערעס צו אים; אין פארקערט, ווען לוזי האָט באמערקט, אז אלע שטוב־לײַט פילן זיך געענגט אין זײַן אָנוועזנהײַט, און אז סרולי טאַפּט זיי אומאנגענעמלעכקײַט און יעדער איינער זעט איצט זײַן טיי־טרינקען וואָס גיכער צו פארענדיקן און זיך ארויסרוקן פון טיש, האָט ער זיך געוווּנדערט און אָפּ אלעמען א ניט־באנעמענדיקן, ניט־פארשטייענדיקן בליק אָנגעשטעלט.

די שטוב-לײַט אָבער האָבן דאָס ניט באמערקט, און איינער נאָך איינעם האָבן זיך פון די ערטער אופגעהויבן און גענומען — ווער וווהין אוועקצוגיין. געבליבן איז נאָר גיטעלע מיטן פארבונדענעם קאָפּ פון ווייטעק, פון וועלכן זי האָט שוין פון גאנצפרי געליטן. זי איז געבליבן, קעדיי, ערשטנס, ווי איר שטייגער, לוזין באם טיש צו באדינען — דאָס מאָל אים טיי אָנצוגיסן און צו דערלאנגען; און, צווייטנס, קעדיי באלד, ווי אלע זײַנען זיך פון טיש צעגאנגען, אים די ערשטע פראגע צו שטעלן (די ערשטע אָבער נאָר פאר יויצע־וועגן): „צי האָט ער געהערט פארטאָג אלטערן שרײַען?" — און דערנאָך, ווען זי האָט אן ענטפער אָפּ יאָ באקומען, האָט זי א פרעג געטאָן וועגן איקער, וואָס האָט זי אינטערעסירט, וועגן וועלכן ר׳ מוישע איר מאַן האָט איר שוין גאנצפרי, נאָך אין אלקער זײַענדיק, צו וויסן גע-געבן און וואָס, אופשטייענדיק, האָט זי, פון איר זײַט, אירע שטוב-אייגענע דער-ציילט — וועגן לוזיס באשלוס אין *N* צו בלײַבן:

— צי איז דאָס טאקע עמעס, לוזי, וואָס מוישע האָט איר דערציילט?

— עמעס, — האָט איר לוזי געענטפערט. און אויכ דאָס מאָל, ווי אלע מאָל, ווענ ס'גייט ווענג אנ איניען, וואָס ער האלט, אז איבעריקע מענטשנ זאָלנ דערפונ ריידנ איז איבעריק, און אז ביכלאל זײַנענ רייד ניט נייטיק, האָט ער זיכ געמאכט, ווי ווײַטערדיקע פראגעס איז ער ניט געריב און ווידער ווענג דעם שמועסנ איז אימ ניט ניכע.

גיטעלע האָט דאָס באמערקט און דאָכ האָט זי זיכ ניט אײַנגעהאלטנ פונ נאָכ איינער א פראגע:

— און וואָס רעכנט ער צו טאָנ מיט זײַנ דירע און מיט אלעמ איבעריקנ פאר־מעגנ?

— פארקויפנ.

— און דאָ?

— זיכ דינגענ.

— דינגענ?... בא פרעמדע, און נישט בא אונדז?

— יאָ, — האָט לוזי ווידער קורצ געענטפערט.

דעמלט איז גיטעלע שטארק אָפּהענטיק געוואָרנ, דער קאָפּווייטעק האָט זיכ איר פארשטארקט, ס'איז איר שווער געוואָרנ באמ טיש צו פארבלײַבנ, זי האָט לוזינ פארלאָזט און אליינ צו זיכ אינ איר אלקער אוועק.

א שווערער טאָג האָט זיכ דעמלט געשטעלט אינ שטוב בא ר' מוישענ — סײַ פאר אימ, פאר ר' מוישענ אליינ, סײַ פאר אלע זײַנע אייגענע, אָנגעקומענע, אָנגעפאָרענע, און פאר אלע, וואָס האָבנ געהאט צו זײַנ שטוב א שײַכעס.

נאָכ דעמ, ווי גיטעלע איז פונ עסצימער ארויס, אזוי האָט לוזי, בלײַבנדיק אליינ, גענומענ ארומשפאנענ, ווי זײַנ שטייגער טאָמעד פארנ דאווענ, מיט די הענט אינ די צוויי אונטערשטע קעשענעס פונ זײַנ קאפאָטע ארײַנגעשטעקט. דאָס מאָל צערודערט און פארזאָרגט זייער, ווײַל די קוילעס פונ אלטערנ, וואָס האָבנ שוינ פריער געהאט אופגעהערט, אנשוויינ געוואָרנ, האָבנ זיכ איצט באנײַט, און נאָענט, פונ איבער דער קיכ-טמעליע קומענדיק, האָבנ אימ גרויט צאר פארשאפט און מיט־געפילערישנ ברודערישנ אנגעסט אפ זײַנ פאָנעמ ארויסגערופנ. און לעסאָפ, ווענ אל־טערס געשרייענ האָבנ זיכ נאָכ מער פארשטארקט, האָט ער זײַנ אומשפאנענ איבער־געריסנ, ער איז אפ א ווײַלע שטיינ געבליבנ, דערנאָכ האָט פונ זײַנ אָרט א גיי געטאָנ, צו דער קיכ זיכ געלאָזט, און פונ דאָרט צו די טרעפ, וואָס פירנ צו אלטערנ אינ אויבערשטיבל, ארופ.

אז ער איז ארופ, האָט ער דערזענ:

אלטערס באָכערישער צימער מיטנ איינ בעטל, טישל, בענקל האָט אויסגעזענ פארלאָזט, עלנט, גלײַכ ניט צווישנ מענטשנ וואָלט ער דאָ געוווינט, גלײַכ ניט קיינ אייגענע וואָלט ער אונטער דער פאָדלאָגע געהאט, נאָר ווי ערגעצ אינ א וואלד אפ א ויכפע ערגעצ זײַנ שטיבל.

דער צימער, זי ווענט, האָט אימ געדאכט, האָבנ אלטערס פארלוירענע באָכער־שאפט באדויערט, און דאָס פענצטער, וואָס קוקט אינ סאָד ארויס, האָט ווי ניט נאָר איצט אינעמ שלעכטנ וועטער, נאָר קעגיידער, אינ אלע יאָר צײַטנ, דאָס זעלבע

בילד, וואָס איצט דאָ, צו זען געמאַכט: אַ בילד פון ביימער, וואָס ווינטן ברעכן זיי, און שטענדיק פאַרשטויבטע און פאַרכמאַרעטע לופט און הימל.

אַלטער איז אין מיט צימער געשטאַנען ווײַט ניט אין מענטשלעכער אָרדענונג... ער האָט זײַנע הענט אין איין ברעכן געהאַלטן, אַזוי גיך, אַזוי האַסטיק, אַזוי ווילד מעשוגע, גלײַך ער וויל זיי פון די גלידער אַרויסדרייען און זיי פון זיך אָפּשלײַ־דערן. דערבײַ איז זײַן בליק פאַרטראָגן, און אָפּט שלאָגט ער זיך אין קאָפּ מיט די שפּיציקע פינגער־ביינדלעך פון זײַנע קולעקעס און סאָפּעט נאָך דעם, ווי נאָך אַ שווערער מלאָכע.

אַז ער האָט אָבער לוזין דערזען, האָט זיך אים אַפּ אַ ווײַלע דער בליק ווי אויסגעלײַטערט, ער האָט אויפגעהערט די הענט צו ברעכן און זיך אין קאָפּ שלאָגן, און אַפּ אַ מינוט, אַפּ איין מינוט נאָר, זינען געקראָגן, ווי נאָר ווערליק אַפּ אַרויס צושרײַען: אוי, שלעכט, ברודער... אוי, ביטער, ברודער...

באַלד אָבער האָט ער ווידער דעם זינען פאַרלוירן. ער האָט אויסגעזען, גלײַך עמעצער האַלט אים ערגעץ אין איין רופן און ער הערט זיך אײַן אין יענעמס רוף, און ווען ער דערהערט יענעמס קאָל דײַטלעך, אַזוי טוט פון אים אינווייניק אַ ווילד געשריי אַ גיי, אַזאַ, וואָס צערײַסט אים שיר ניט דאָס מויל מיט די אַנגלען אינדרויסן, און די קישקעס אין בויך אינווייניק.

ווען דאָס געשריי לאָזט אים נאָך און גייט אים איבער, וויל ער זיך מיט זײַן בליק אין אַ שטוב־געגנשטאַנד פאַרהאַלטן, אין אַ וואַנט, אין אַ פענצטער, אין וואָס־ניט־איז, אַבי זיך פון יענעמס הערשאַפט צו באַפרײַען און פון שרײַען זיך אָפּצוהאַלטן. אָבער יענער האַלט אים פעסט, יענער האַלט אין איין ווידערופן. אַלטער פאַר־לירט ווידער דעם בליק, און ווידער איז ער שוין אין רעשוס בײַ יענעם, און ס׳רײַסט זיך שוין נאָכאַמאָל אַ גיי און ווילד אויסגעשריי פון אים.

לוזי איז צו אים צוגעגאַנגען. ער האָט אים געפּרוּווט באַרויִקן — מיט דער האַנט דעם קאָפּ געגלעט און דעם שווייס פון שטערן געווישט. יענער האָט זיך אַפּ אַ ווײַלע געלאָזט. אָבער באַלד אָפּסנײַ... און לוזי האָט געזען, אַז קיין מענטשנס האַנט איז דאָ ניט בעקויעך, אַז אַ מענטש, אַפילע דער נאָענטסטער, איז דאָ מיט זײַן גרעסטן מיטגעפיל און מיטלײַד אומבאַהאָלפן — האָט ער זיך אויסגעדרייט פון אַפּ אַלטערס אומפאַרמײַדלעכער אַנגסט צו קוקן און פון אים אין זײַן באַשערטקײַט צו זען, און, אויסקערעווענדיק זיך, האָט ער איצט באַם אַרײַנגאַנג אין אַלטערס צימער, בײַ אַ טיר־זײַט איינעם, אַ קינד דערזען: מייערלען... ער האָט אים פריִער ניט געהאַט באַמערקט, און איצט מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט שטיין געטראָפן, אויסגעקערעוועט, מאַכמעס מוירע־האָבנדיק אַפּ אַלטערן צו קוקן, אָבער אין דער זעלבער צײַט, ווי צום אָרט צוגעבונדן, און יעדער אַלטערס געשריי האָט זײַן קערפּערל געמאַכט אופציטערן און זײַן הערצל — מיט אַ געוויין אויסברעכן און כליפּען.

לוזי האָט מייערלען בײַ אַ הענטל אָנגענומען, ניט זאָגנדיק גאָרניט, אים פון צימער אַרויסגעפירט, צוזאַמען מיט אים די טרעפּ אַראָפּ, און אַזוי, דאָס קינדערשע הענטל פון זײַנער נישט אַרויסלאָזנדיק, איז מיט דעם דורך דער קיך דורכגע־גאַנגען און אין עסצימער אַרײַן.

אז סרולי, וואָס איז די גאַנצע צײַט פֿון לוזיס אָפּוועזנהײַט אַלײן געזעסן, האָט אים איצט, דאָס קינד פֿאַרן הענטל מיטפֿירנדיק, אַף דער שוועל אַרופּטרעטן דערזען, האָט ער זיך ווידער, ווי פֿון ניט־ווילנדיקן און געצוווּנגענעם דערעכערעץ, פֿון זײַן אָרט א הייב געטאָן. ער האָט זיך אָבער באַלד צוריק געכאַפּט, און ווי חעלנדיק פֿאַרענטפֿערן זײַן פּלוצעם אופֿהייבן-זיך, האָט ער א גיי געטאָן צו לוזי, זיך אים אַנטקעגן געשטעלט און פֿאַר זײַן פּאָנעם געקומען, און אומגעריכט און, מעגלעך, פֿריִער מיט א מינוט אַלײן אַפּילע ניט געטראַכט דערפֿון, האָט איצט א זאָג געטאָן:

— ער וואָלט גערן וועלן, אויב לוזי האָט איצט צײַט, מיט אים זיך דורכשמועסן, ער האָט א וויכטיקן איניען צו אים.

— צו אים? — האָט לוזי אַף אים פֿאַרכידעשט א קוק געטאָן, גלײַך ער זעט אים דאָס ערשטע מאָל.

— ניין, איצט ניט, — האָט לוזי געענטפֿערט, — אָנוויַיזנדיק, ווי אַף דער סיבע פֿון זײַן איצטיקן ניט-קאָנען, אַפֿן קינד, וואָס ער האָט נאָך אַלץ באַם הענטל געהאַלטן. אינדערעמעסן אָבער, מיינענדיק ניט דאָס קינד, נאָר זיך, וואָס דאָס נאַרוואָס געזעענע בא אַלטערן האָט אַף אים א שווערן אײַנדרוק געמאַכט, — איצט ניט, — האָט ער געזאָגט, — ער איז ניט אימשטאַנד אַצינד.

— ווען דען?

— נאָכן דאַווענען, באַטאָג, באַנאַכט, ווען נאָר ער, סרולי, וועט וועלן.

סרולי האָט זיך שוין געהאַט אָנגעברויגעזט און אַף זײַנע ליפּן האָבן שוין געוואָלט קומען יענע בייז-ווערטער, מיט וועלכע ער באַגעגנט יעדעס מאָל א מינדסטע באַליידיקונג פֿון א געוויסן סאָרט מענטשן, וועלכער ער פֿאַרשווײַגט ניט און צאָלט צוריק מיט הארבע באַליידיקונג־פּראָצענט. דאָס מאָל אָבער זײַנען די ווערטער פֿון זײַן מויל ניט אַרויסגעקומען, און נאָר די טײַטש זייערע האָט מען אין זײַנע אויגן געקאָנט איבערלייענען. און ניט אַרויסגעקומען זײַנען זיי ניט נאָר דערפֿאַר, וואָס צו לוזין האָט ער זיך, ווי געזאָגט, אַנדערש, ווי צו אַנדערע, באַצויגן, נאָר אויך, און עפּשער דעריקער, דערפֿאַר, וואָס, אַז לוזי האָט זיך איצט אָפּגעזאָגט פֿון אים אופֿצונעמען און מיט אים דעם געוווּנטשענעם געשפּרעך צו האָבן, האָט ער זיך ניט געזאַמט, לענגער זיך ניט פֿאַרהאַלטן, נאָר באַלד טאַקע זיך אָפּגעקערעוועט, פֿון עסצימער אַרויס און אין זײַן ווינטן, אָפּגעזונדערטן אַלקער אַוועק.

אין א שטיקל צײַט שפּעטער, אַז סרולי, וואָס איז אַלײן געבליבן, האָט זיך גענומען עפּעס פּאָרען בא דער טאָרבע, פֿון דאָרט זײַן טאַלעס־און־טפֿילין אַרויסגענומען און זיי אָנגעטאָן; און נאָך דעם, ווי ער האָט, ווי זײַן שטײַגער, אָפּגיך אָפּגעמרוקעט דאָס דאַווענען, צוריק אויסגעטאָן דעם טאַלעס־און־טפֿילין און זיי אין טאָרבע אַרײַנגעלייגט, — האָט ער זיך צוערשט פֿון עסצימער אין קיך אַרויסגעלאָזט, מיטן מיין, אויב ס'וועט זיך לאָזן און, ווי ער איז געוווינט געווען, מיט די דינסטן א געשפּרעך צו פֿאַרפֿירן.

דאָס מאָל האָט זיך עס ניט געלאָזט: די שווערע שטימונג פֿון דער שטוב

אינ יענעמ פרימאָרגנ האָט זיכ אויכ ווי די דינסטנ איבערגעגעבנ, אויכ זיי אָנגעשטעקט, אונ זיי, די דינסטנ, וואָס זײַנענ דאפקע טאָמעד אפ אזוינע זאכנ באלאָנימ אונ זײַנענ גרייט מיט וועמענ־ניט־איז אונ אינ אלע צײַטנ צו פארברענגענ, האָבנ דאָס מאָל סרולינ עפעס ניט איבעריק גערנ באגעגנט, אונ בא איינער, בא דער קעכנע, ווי נאָר זי האָט אימ אפ דער שוועל ארופקומענ דערזענ, האָט זיכ אנ אומבעקאָוועדיקער אויסגעשריי אינ א ניט צופרידענעמ טאָנ ארויסגעריסנ:

— ס'קאָצל קומט, ר' סרולי...

זי האָט מאכמעס מוירע זיכ אפילע באלד פארכאפט אונ די ערשטע פאָר ווערטער מיט אנדערע, מער אכטנדיקע אונ צוגעלאָזטע, געוואָלט פארגלעטנ. סרולי אָבער האָט זיכ שוינ ניט הערנדיק געמאכט: די אנדערע, ווי די ערשטע, ווי פארבײַ אויער דורכגעלאָזט, זיכ געמאכט, גלײַכ זײַנ מיינ איז ניט געווענ דאָ אינ קיכ זיכ צו פארהאלטנ, נאָר פארבײַ צו גיינ. אונ אזוי האָט ער טאקע באלד געטאָנ — ער איז די קיכ דורכגעגאנ אונ אינ הויז אונ אינ הויפ ארויס.

שפעטער א ביסל האָט מענ אימ געזענ שטיינ בא דער געשלאָסענער פאָרטקע פונ סאָד, ווו דער ווינט האָט אימ אינ פאָנעמ אונ אינ דער באָרד געפאטשט אונ מיט יעדער ווינט־אָנפלי, וואָס איז פונ סאָד אונ פונ צווישנ די ביימער געקומענ, האָבנ זיכ אימ די פאָלעס אונטנ בא די פיס פארהייבנ.

ער איז געשטאנענ א פארטראָגענער, א פארמוראכטער ליידיקגייער.

דאָס זעלבע שפעטער באמ ברונעמ, ווענ מע האָט אימ געזענ: ווידער פארטראכט, אונ האָט אויסגעזענ, ווי איינער, וואָס שוינ פונ גאנצפרי האָט ניט וואָס צו טאָנ, לאנגווײַלט זיכ אונ זוכט, ווו די צײַט אהינטאָנ.

אונ אָט, אָט דער לאנגווײַל, דאָס ניט וויסנ, ווו אונ מיט וועמענ צו פארברענגענ, האָט אימ לעסאָפ ארײַנגעבראכט אינ שטיבעלע פונ מיכאלקע דעמ הויפ־היטער, אינ דעמ נידעריק־לענגלעכנ, מיטנ איינעמ נאָר הילצערנ באנק־בעטל, בענקל אונ טישל, וואָס האָט געשמעקט מיט שוויס אונ קאָרנ־ברויט, מיט פארוויאנעטע קרײַטעכצער אונ ביליקנ ליולקע־טוטינ, אונ ווו דאָס גאנצע שטיבעלע האָט נאָר איינ קליינ פענצטערל לעבנ דער טיר באמ ארײַנגאנג געהאט, אונ דערומ אויכ באמאָג דאָרט באשטענדיק פינצטער.

א קליינ, גראָשנדיק הענג־לעמפעלע, א פלאָשקעלע אפ דרעטלעכ, האָט פאר אנ אלטער פארייכערטער איקאָנע אינ א סטעליע־ווינקל געברענט. אונטערנ לעמפעלע, אפ א הילצערנ פאָלעטשקעלע — עטלעכע ווערבע־רימלעכ נאָכ פונ פאראיאָריקנ ווערבע־יאָנטעוו, אויכ א פלעשל קויטיקע, גראָווע, איבערגעשטאנענע וואסער פונ „קרעשמשעניע”, דאנ א פאָר דאָרפישע ערדענע טעלער אונ שיסל, א הילצערנ, פונ פארב אָפגעקראָכנ, לעפל. אונ שוינ — קיינ שומ כעבל אונ קיילימ מער, אונ פונ דעמ אינגאנצנ, פונ אָט דעמ שטיבעלע אונ הויז־ראָר, איז דער באלעבאָס אונ אייגנטימער געווענ דער אלטער, אינ רוקנ־געבראָכענער, מיכאלקע, וואָס שוינ אָנ א קאָל קימאט אונ מיט שוואכער ריע.

אהינ, אינ יענעמ שטיבעלע, האָט זיכ סרולי אינ יענעמ פרימאָרגנ נאָכ לאנגנ, פוסטלעכנ אומדריינ אינ הויפ, ארײַנגעשטעלט. אונ אזויווי מיכאלקע איז שוינ אלט געווענ, אונ טאָמעד, ווי נאָר ער איז פונ אנדערע ניט גערופנ

און ניט אופגעפאָדערט געוואָרן צו ארבעט, האָט ער זיך קיינמאָל אליין ניט דערמאָנט און צו איר זיך ניט גענומען; און אזויווי איצט נאָך איז צו אים א מענטש ארײַן — זאָל זײַן אפילע צו פרי, ניט צו דער צײַט און אפילע ניט זײַן גלײַכן דער מענטש, וואָס פארברענגען מיט אים האָט ער אפילע ניט געקאָנט האָפן — דאָך האָט דאָס אים פאר א גוטן טערעץ און בארעכטיקונג געדינט, אפ זיך צו פארהאלטן און, קלוימערשט, מאכמעס קאָוועד פארן מענטשן, מיט אים צו פארבלײַבן.

און מאָדנע: סרולי, האָט זיך מיכאלקען געדאכט, איז דאפקע יאָ געגרן געװען מיט אים צו פארברענגען, און, פארקערט, ער האָט אים צו זײַן פוילקײַט געהאָלפן. אים נאָך מוט אונטערגעגעבן: „נישקאָשע, האָט עס געהייסן, די ארבעט וועט ניט אנטלויפן, אײַלן האָט ער זיך ניט צו וואָס, וואָרעם ביכלאָל האָט ער זיך שוין גענוג אָנגעארבעט, און ס'איז שוין צײַט אים אמאָל אויך צו רוען".

סרולים פאָנעם דערבײַ האָט מיט שפּאָט געשפּילט. ס'האָט אויסגעזען, ער רעדט און הערט ניט און האָט מיכאלקען אפילע ניט אינזינען. און דאָך, ניט אינזינענ האָבנדיק, האָט ער פונדעסטוועגן מיכאלקעס אלט ביסל סייכל אין א געוויסער ריכטונג געקערעוועט. אין יענער, אפ וועלכער ס'לאָזט זיך יעדער דינער בענעגייע זײַן באלעבאָס, אין יענער, וואָס יעדער דינער, דער געטרײַסטער אפילע, לאָזט זיך אפ זײַן באלעבאָס אָנריידן, אז דער באלעבאָס באגייט אים אוולעס, אז אומזיסט לייגט ער זיך אוועק און דינט אים אזוי געטרײַ, ווײַל ס'איז איבעריק און ארויסגעוואָרפן, וואָרעם די „פּאָדיאַקעס" פון די באלעבאטים זײַנען, ,ווייסט מען שוין, וואָס פאר א „פּאָדיאַקעס".

סרולי האָט דערבײַ אונטערגעהאלטן די טײַנעס, וואָס זײַנען בײַסן שמועס אופגעקומען בא מיכאלקען: אז ער איז טאקע גערעכט, מיכאלקע, אז די דינסטן שאפן זיך טאקע מיט אים איבעריקס, אז זיי לייגן אפ אים ארופ אזוינס, וואָס זיי אליין זײַנען עס גאָר מעכייעװ צו טאָן. און נאָך מער: וואָס טאָמעד, בײַס א קריג מיט זיי, גיבן די באלעבאטים שטענדיק אָפ דעם גערעכט זיי, די דינסטן, וואָס אינדערעמעסן גערעדט, וואָס פאר א דינער זײַנען זיי? — הײַנט קומען זיי, מאָרגן גייען זיי, — און ער, וואָס דינט שוין דאָ אזויפיל יאָר, רעכנט מען זיך מיט אים גאָר ניט, ווי מיט א הונט, און ער בלײַבט טאָמעד דער אומגערעכטער.

— טאקע גערעכט, מיכאלקע...

אין שטיבעלע איז טונקל געװען. רייסיס, מאכמעס דער טונקעלער שײַן ביכלאָל פון יענעם פרימאָרגן. און באזונדערס, מאכמעס דאָרט, ווי געזאָגט, אלע פרימאָרגן טונקל — איבערן אײנעם, קליינעם פענצטערל, וואָס קוקט אין הויף ארויס.

ס'האָט אויך איצט געשמעקט מיט קאָרן-ברויט און מיט דאָרפישע קרײַטער, און אויך מיט מאכאָרקע-רויך, וואָס מיכאלקע האָט, צוזאמען מיט זײַן אלט-דינערשער טארומעס, פון זײַן אלטער, שוין זיבן מאָל דורכגערויכערטער ליולקע, צו דער סטעליע אָפגעלאָזט.

סרולי האָט אים, שפּאָטיש אויסהערנדיק, ניט אויסהערנדיק, דעם גערעכט אָפגעגעבן, אים באדויערט און מיטגעפילט:

— גערעכט, מיכאלקע, — האָט ער געזאָגט, — אפ דער עלטער איז יעדער

מענטש א הונט א פארלאָזטער, ביפראט א מענטש, וואָס דינט בא יענעם, ביפראט א סטרוזש אפ דער עלטער. און ס'איז שוין באלד עפשער ניט קעדיי טאקע, און צי איז שוין ניט צייט אים, מיכאלקען, אהין, אפ יענער וועלט זיך איבערפעקלען.

— יאָ, עמעס, — האָט זיך דאָ מיכאלקע צעוואָרעמט און זיין מיטשפרעכערס רייד פאר ערנסט און פאר א גילטיקער מאטבייע אָנגענומען, — ער מיינט אויך אזוי, און ער גרייט זיך שוין טאקע.

און קעדיי דאָס נאָרוואָס געזאָגטע צו באשטעטיקן, האָט מיכאלקע דאָ סרולין פון אונטער זיין צוקאָפּנס פון באנק-בעטל א ניי אויסגענייט העמד און ווייסע ליייוונטע פלודערן אפירגענומען און אים, סרולין, באוויזן, וואָס די דאָרפישע טאָכטער זיינע האָט אים ערשט ניט לאנג א מאטאָנע געבראכט — אלץ צו זיין קווורע נייטיק.

און וויטער האָט מיכאלקע, קעדיי צו פארשטארקן דעם אָנגענומענעם גוטן געדאנק, וואָס סרולי האָט אים אופגעגעבן, אים אָנפארטרויליך דערציילט, אז ער האָט אויך א קליין קניפל אָנגעקליבן בא דער טאָכטער, און אויך א קליינעם כאזער אפ האָדיוולע — אפ בראנפן און אפ א סודע פאר גוטע לייט, זיי זאָלן זיין נעשאָמע, נאָכן ארויסבאלייטן אים, דערמאָנען.

דערביי האָט ער, סרולין, אויך איניקע סימאָנים איבערגעגעבן, וואָס ער האָט די לעצטע צייט באמערקט, וועלכע ווייזן קלאָר, אז אזוי טאקע איז עס, און אז ער מוז זיך שוין טאקע באלד אין וועג ריכטן, און אז זיין שאָ איז געקומען.

ווי לעמאָשל, סימען נומער איינס:

יעדעס מאָל נאָכן עסן אפדערנאכט, אז ער וואשט אויס די שיסל און דעם לעפל און שטעלט זיי אוועק, לייגט זיי אוועק, ווי דער שטייגער, מיט די מיילער ארופ, איז אז ער שטייט אוף אינדערפרי, טרעפט ער זיי קעסיידער איבערגעקערט — מיט די מיילער אראָפּ.

סימען נומער צוויי:

יעדעס מאָל די לעצטע צייט, אז ער גייט אינדערפרי אינדרויסן ארויס, שלאָגט ער זיך אָן אין דער שוועל, גלייך א פידמעטיק איז בא אים צעריסן און ער וואָלט זיך פארטשעפּעט אין אים, ווען אינדערעמעסן איז דאָס ניט אזוי, און יעדעס מאָל דאכט זיך אים דעמלט נאָך, אז עמעצער טוט אים פונדרויסן צוריק אין שטוב ארייַן א שטויס, גלייך ער זאָגט אים, אז ער האָט שוין ניט צו טאָן אינדרויסן.

און נאָך און נאָך סימאָנים. נאָר דעריקער, זאָל ער היינט הערן, ווי ער, דער גאָטסראכמאָנעס, דעם באלעבאָס ברודער, אלטער, אין זיין איבערשטיבל שרייט, ווי ער האָט ביז אהער קיינמאָל ניט געשריען. און דאָס איז א סימען, אז עפּעס דארף דאָ געשען, אז דער דאָמאָוווי איז הונגעריק, אז ער דארף א קאָרבן...

און באזונדערס פילט ער עס, זינט ער... יענער... איז געקומען, — האָט מיכאלקע דאָ, ווי געהיים אומקוקנדיק, א זאָג געטאָן, און ווער דער „ער", דער „יענער" ניט דערקלערט און זיין נאָמען ניט אָנגערופן.

— ווער ? — האָט אים סרולי א פרעג געטאָן.

— ער, דעם באַלעבאָס צווייטער ברודער, דער גאַסט, וואָס (ער ווייסט עס אַפּ זיכער, מיכאַלקע) איז ניט קיין ראָוו, ניט קיין רעבע, נאָר אײַערער א מעכא־שעפּ און דעם דאָמאָוויס א מעכוטן, — האָט ער נאָך געהיימער און ווי א מאַגיש שפּריך־וואָרט, אי הויך אי שטיל צוזאַמען, דאָס וואָרט אַרויסגערעדט.

ער האָט נאָכדעם סרולין דערציילט, און בעשאַס־מײַסע זײַן קאָל ביז א סאָד קימאַט דערפירט, אַז ער געדענקט אים פון אַלעמאָל, ווען ער פלעגט צו גאַסט קומען, אָבער קיינמאָל האָט ער זיך ניט אופגעפירט, ווי איצטער — מאָדנע.

און דאָ האָט ער ווידער סרולין אָנפּאַרטרויט, אַז זינט ער איז געקומען, זעט ער אים אַלע נאַכט הינטער די טירן און פענצטער אומגיין און אפילע אויך הינטער זײַן, מיכאַלקעס, טיר. ער האָט מוירע מיט אים זיך צו טרעפן, מיט אים זיך באַגעגענען, אפילע באַטאָג ניט... ער פילט, אַז עפּעס האָט ער מיט זיך ניט גוטס מיטגעבראַכט. און זאָל סרולי פאַרגעדענקען, האַלעוואַי ער זאָל ליגן זאָגן, מיכאַלקע, האַלעוואַי זאָל זיך עס ענדיקן נאָר מיט אים... ער לאַכט ? זאָל ער ניט לאַכן! מיכאַלקע ווייסט און איז א מייווען אַפּ אַזוינס.

דאָ איז סרולי אַפּ א ווײַלע ערנסט געוואָרן. באַלד אָבער האָט ער זיך געכאַפּט, זיך צעלאַכט, און דאָס גאַנצע ביסל אינטערעס, וואָס ער האָט קלויִמערשט געהאַט אַרײַנקומענדיק און ביז אַהער אויסהערנדיק מיכאַלקען, האָט זיך אים מיטאַמאָל אויסגעלאָזט: ער האָט געקוקט אַפּ אים, ווי אַפּ איבעריקס, ער האָט אים געשטערט און זײַן אויוועריבאָטעלע פּלוידערײַ איז אים מער אין קאָפּ ניט געקראָכן.

מיכאַלקע האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען, ער האָט ווײַטער פאַרזעצן געוואָלט און זײַן אינטערעס צו דערציילן און אין שמועס זיך אונטערהאַלטן מיט סרולין וואָלט זיך אָן אַן עק און אָן א ברעג געצויגן, האָט זיך אָבער מיטאַמאָל פון קיך צו מיכאַלקען א קאָל רופן דערהערט, וואָס צו מיכאַלקען אַליין וואָלט עס זיכער אַזוי גיך ניט געווען דערגאַנגען. זײַענדיק אָבער מיט סרולין, און מאַכמעס יענער האָט פון אים איצט געוואָלט פּאָטער ווערן, האָט ער אים גלײַך אופמערקזאַם געמאַכט און אים אַפּ דער טיר צו דער שטוב־קיך אָנגעוויזן:

— זאָל ער גיין, מ'רופט אים, מיכאַלקען.

מיכאַלקע איז האַלב־צעקראָכן און ניט איבעריק גערן פון שטיבעלע אַרויס. דאָס מאָל אַפּ גאַנץ לאַנג, און ווי ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעשטעלט — אַפּ עטלעכע אַרבעט מיטאַמאָל אָפּצוטאָן, און דאָס האָט בא אים היפּשע צײַט געפאָדערט.

און סרולי דערווײַל, מאַכמעס ניט האָבן וואָס צו טאָן, און נישט וועלנדיק זיך צוריק צו די באַלעבאַטים אומקערן, האָט, עפּשער, אַליין פאַר זיך ניט באַמערקט, אַפּ מיכאַלקעס באַנק־בעטל זיך אויסגעצויגן ליגן געטראָפן — אַפּן פרעמדן געלעגער. אין א פרעמד סטרוזש־שטיבעלע אָן אוירעך, מיט דער איקאָנע און לעמפּעלע צוקאָפּנס, מיטן ביסל ווערבע־ און קרײַטעכצער־רייעך, מיטן אַלטנס שווייס און געדעמפּטער לופט פון אַלטן — און דאָס אַלץ האָט אים פּאַמעלעך דרימלען געמאַכט...

צוגעגעבן דערצו, — דער קאַלעמוטנער ווינטערדיקער דרויסן, וואָס האָט אַפּ

אלעמען אומעס אָנגעיאָגט און יעדערער האָט זיך, ווי נאָר געקענט, עפּעס בע־סערס און היימלעכערס אָפּגעזוכט, — אָט דאָס אַלץ האָט סרולין די געשלאָגענע שיין און געדעמפּטע לופט ליב געמאַכט און אַ שלאָף איז אָפּ אים געקומען, און באַלד האָט אים דאָס שטיבעלע שוין אויך כראָפּען בעהערט.

און פיל שפּעטער, ווען מיכאלקע האָט זיין אַרבעט אין קיך און אין הויף שוין געהאַט פאַרענדיקט און צוריק אין שטיבעלע זיך אומגעקערט, האָט ער סרו־לין ערשט אין בעסטן מיטן כראָפּען געטראָפן, און פאַר דערכערעץ און װעלן שאַנעווען דעם שלאָפנדיקן, האָט ער אים, נאַטירלעך, ניט געוועקט. פאַרקערט, ער האָט זיך אַ ווײַלע זייער שטיל געהאַלטן, דערנאָך נאָך שטילער פון שטיבעלע אַרויס און אָפּ אַליין פירגענומענער, פרײַוויליקער און ניט-געצוווּנגענער אַרבעט אין שטאַל און אין קאַמער זיך אַוועקגעלאָזט.

II

אַז ר׳ מוישע מאַשבער איז יענעם פרימאָרגן אַרויס פון זײַן הויז, קעדי זיך צו לאָזן, ווי אַלע טאָג אין דער צײַט, אין זײַן געשעפט, אין זײַן בעלעם־קאַנטאָר, האָבן אָפּ זײַן געמיט געדריקט — ערשטנס, סרולי, וואָס טאָמעד, ווען ער דערזעט אים אין זײַן ערד־קאָלירענער קאַפּאָטע, שנײַדט ער אים באַם האַרץ און ער זעט פאָרויס פאַר זיך אומאַנגענעמלעכקײַט, ווי פון יעדער זאַך, וואָס איז אָנגענומען, אַז זי דינט פאַר אַ שלעכטן סימען. זעט ער אים באַטאָג, ווערט דער אָפּדערנאַכט אים זײַן אַ שלעכטער, אָפּדערנאַכט — ווערט זיך באַנאַכט אים געוויס עפּעס כאָלעמען, און אײַנדערפרי ווען — ווערט דער גאַנצער טאָג אים ניט גוט גיין און אַ האַלב לעבן ווערט אים ניט ניכע זײַן.

אַזוי אויך דאָס מאָל: ער האָט געפילט, ווי מע וואָלט פאַר אים די גאַנצע צײַט דורכגעגאַנגען און געשניטן מיט אַ דימענט איבער גלאָז. סרולי איז אים פאַר די אויגן געשטאַנען מיט זײַן זײַטלדיקן גאַנג, מיט זײַן קרומקוקנדיקן בליק, אויך מיט זײַן שווײַגן באַם אַרײַנקומען, זײַן נאָרניט ווינטשעווען קיינעם, און דאָס צוריק-שווײַגן פון אַלע ר׳ מוישעס אייגענע הײַנט, בעשאַס סרולים ווײַזנ־זיך אין שטוב.

דאָס צווייטע — לוזי: דער שווערער שטיין אָפּ זײַן געוויסן. ער האָט געפילט, אַז די מאַכלויקעס און דאָס אומצופרידנקײַט מיטן ברודער איז ניט נאָר דערפאַר, ווײַל יענער האָט אָפּגעקערעוועט פון אַלגעמיינעם וועג און האָט אָנגענומען אַן אַנדער שיטע, וועלכע שטימט ניט מיט די אַלגעמיינע אָנגענומענע. ניין, ווײַל סאָפּ-קאָלסאָפּ לאָזט זיך אויגנס, באַ גוטן ווילן, אויב אַפילו יענער איז אין טאָעס, מויכל זײַן, די שאַרפע שפּיצן-אונטערשיידן — פאַרײַבן, און ווי-ס׳בײַם-איז, און אָפּ אַ געוויסן אויפן אַפילע מיט יענעמס טאָעס שאָלעם מאַכן און זיך צוזאַמענלעבן.

ניין, ניט דערפאַר און ניט דאָס די הויפּט-סיבע. דערהויפּט איז דאָס, פילט ר׳ מוישע, וואָס יענער איז דאָ קעגן איינעם אַן איקער—איקער אַרויסגעטראָטן קעגן דעם, וואָס איז פון דער גאַנצער וועלט אָנגענומען, און וואָס די גאַנצע וועלט האַלט זיך אָפּ אים: קעגן דעם מעגן דערווערבן און שטרעבן וואָס מער צו דער־

ווערבן: דײַכ צו זײַן, דײַכ צו ווערן און זיך ניט שעמען דערמיט... און בא לוזין, פילט ער, וואָס איז ביז אהער צו אזויגע זאכן גאָר גלײַכגילטיק געווען, האָט זיך דערמיט ניט פארנומען, און צי יאָ־רײַך, צי ניט־רײַך איז אים ניט אָנגעגאנגען, זיך ניט ארומגעקוקט דערויף, — בא לוזין, פילט ער, איז איצט אין דעם זינען א שטיק איבערקערעניש געקומען: עפּעס קוקט ער קרום, מיט ביטל און אפילע מיט פאר־אכטונג, גלײַך ער האלט פאר אן אווירע דאָס צו זען, צו קוקן דערויף, ווער שמועסט — דערפון האנאָע צו האָבן.

און דאָס באמערקט ער, ר׳ מוישע, בא לוזין די גאנצע צײַט פון זײַן לעצטן זײַן דאָ — אין זײַן בליק, איז זײַן האלטן זיך, אין זײַן לאכלוטן גלײַכגילטיקער באציִונג צו אלעם דעם, וואָס איז נעגייע אים, ר׳ מוישען, מיט וועלכן אן אנדערש־מאָל פלעג ער זיך, אויב ניט איבעריק, דאָך אינטערעסירן, אים אויספרעגן, ווי ס׳גייט, אאוו. דאָס מאָל אָבער איז ער, ווי א פרעמדער, וואָס ניט נאָר ער אליין פרעגט ניט, נאָר, אז מע דערציילט אים, דרייט ער זיך אויס פון צו הערן, גלײַך ס׳איז ניטאָ דערפאר קיין אָרט אין זײַן אויער.

עמעס, אים, ר׳ מוישען, גייט ניט אָן און ס׳ארט אים ווייניק, צי אינטערעסירט זיך מיט דעם יאָ זײַן ברודער, צי ניט, ווײַל ער אליין איז אין דעם זינען ווײַט אוועקגעגאנגען, און ס׳זײַנען שוין אוועק די יאָרן, ווען נאָך יעדעס מאָל ארופשטײַגן אף א נײַעם שטאפּל פון רײַכקײַט און וווילשטאנד, פלעגט ער זיך צוריק אומקוקן, זען, צי איז ער אָרנטלעך געשטיגן און יעדעס מאָל זיך אָנפרעגן וועגן דעם בא זײַן ברודער, ווי בא זײַן געוויסן.

ס׳זײַנען אויך אוועק די יאָרן, ווען יעדעס מאָל, צווישן געשעפט און געשעפט, פלעגט ער, ווי געוויסע האפּסאָקעס מאכן, ווי זיך אָפּשטעלן, זיך אופהאלטן, זיך זאָגן: „גענוג א ווײַלע״ — און א געוויסע שטיקל צײַט מיט העכערע איניאָנים זיך פארנעמען. אמאָל צו זײַנע רעבן אוועק, אמאָל צו זײַן ברודער, און אף אן איידעלן אויפן א געוויסע צײַט דערוויײַטערט פונעם אלטעגלעכן פארברענגען.

איצט אוועק די צײַט. פון געשעפט צו געשעפט קיינע האפּסאָקעס. ער איז אזוי פארשלונגען, גלײַך ניט ער שוין פירט אָן מיט די געשעפטן, נאָר זיי מיט אים; ער הערט קיינמאָל ניט אוף פון זיי צו טראכטן, ער קאָן ניט אופהערן, אפילע ער זאָל וועלן אזוי, ווי אים דאכט, ווייל ער אויך ניט אופהערן.

און דער ברודער קומט אים ווי אין א זינד א זינד דערמאָנען, באזונדערס די לעצטע צײַט. זײַן לעצט מאָל קומען, און באזונדערס מיט זײַן באשלוס דאָ אין שטאָט צו פארבלײַבן, וואָס, ווי ער ווייסט, וועלן דערפון רײַבונגען ארויסקומען; מאכמעס ער פילט, אז אין זײַן ברודערס הארץ האָט זיך א פאראכטונגס־געפיל באזעצט בענעגייע אלעם דעם, מיט וועלכן ער, ר׳ מוישע, איז אזוי פארשלונגען, מיט וואָס ער איז סאָג ווי נאכט פארנומען. און דאָס טוט אים ניט אָנשטיין, און ער ווייסט, אז פריִער וועלן דערפון קליינע מאכלוקעס זײַן, דערנאָך וועט מעגלעך אויך א גרויסע אויס־ברעכן.

דערצו נאָך ווייסט ער און קאָן זיך פאר דער לעצטער צײַט, אז צוזאמען מיטן וווקס פון זײַנע גום־גייענדיקע געשעפטן, צוזאמען מיט זײַן גרויסן אָנזען אין שטאָט און ווײַט אויך אויסערן שטאָט צווישן סאָכרים, געלט־לײַט, גווירים און זײַן גלײַכן;

צוזאַמען מיטן גליק, וואָס קומט שטראָמענדיק צו אים אָן פון אַלע זײַטן, צוזאַמען מיט אַלעם דעם האָט זיך, עפּשער קעגן זײַן ווילן, אַ געוויסע מידע אין אים געשטאַרקט, — די מידע פון ניצאָכן, וואָס פריִער האָט ער ניט געוווּסט פון איר, זי איז אים פרעמד געווען, אַ־ם, ווי אַלע זײַנע אייגענע פון זײַן פאָטערס הויז, אָפּ וויפל ער געדענקט. און איצט שטאַרקט זי זיך פון מאָל צו מאָל און ווערט אַ באַלײַטערן און אַ מיט־שותּף פון זײַן גליק און קאָן ניט לײַדן, אַז מע שטעלט זיך איר אַנטקעגן.

אָט די מידע זײַנע, באַמערקט ער, — בענעגייע סאָכרים, געשעפט־לײַט, וואָס יעדעס מאָל, ווען ס׳גייט אים אין ניצאָכן, איז ער גרייט צו וואָסער־ניט־איז געשעפט וויפל ס׳ניט איז צו דערלייגן, אַבי זײַנס אײַספירן; פאַרלירן, אַבי זײַן נעגידישן האָנאָר אויסגעווינען. און אויך אין דעם פאַל מיטן ברודער, דאַכט אים, הייבט עס אים אָן גיין אין האָנאָר. ס׳איז רעכט, אַז יענעמס באַשלוס אין N צו בלײַבן, וואָס ער, ר׳ מוישע, האַלט אים ווי אַ באַשלוס קעגן זיך, קעגן דעם, וואָס איז אים ניט אָנגענעם, זאָל בא אים, — ניט געקוקט דערויף, וואָס דאָ האַנדלט זיך וועגן ברודער, מיט וועלכן ער האָט יאָרנלאַנג געלעבט איין נעשאָמע, איין זעל, און פאַר וועלכן ער האָט אַזויפיל אָפּשײַ געהאַט, ביז אים צו האַלטן, קימאַט ווי זײַן רעבן, פאַר אַ מוירע־דערעך, — ניט געקוקט דערויף, איז רעכט, אַז איצט זאָל אָט דער באַשלוס אים שטאַרק דערווידער זײַן און אָפּ זײַן געמיט אַזוי שלעכט ווירקן, ווי, ניט צו פאַרגלײַכן, סרולי האָט אָפּ אים הײַנט שלעכט געווירקט.

אָט אַזוי האָט ר׳ מוישע געטראַכט, בעשאַס ער איז יענעם פרימאָרגן פון זײַן הויז אַרויס.

ער איז באַלד דערנאָכדעם דורכגעגאַנגען זײַן שטיל־אָפּגעלעגענע גאַס און איז אַרויף אָפן בריק, וואָס פירט דורכן טײַך צו דעם אויבערשטן טייל שטאָט. גייענדיק אָפן בריק, האָט ער דאָס מאָל ניט באַגעגנט, ווי יעדעס מאָל ער איז געוווינט, מיט אַ גוטן אויפגעלייגטן פּאָנעם אַלע די, וואָס גייען אים אַנטקעגן פון שטאָט און טראָגן אים דעם גוט־מאָרגן אונטער. ניין, דאָס מאָל האָט ער ווי קיינעם גאָר ניט באַמערקט, — ניט די, וואָס זײַנען אים אַנטקעגן געקומען, אויך ניט די, וואָס זײַנען אים פון הינטן אָנגעגאַן.

ער האָט אַפילע ניט באַמערקט דעם שלעכטן ווינט און וועטער, וואָס שטויבט בא די ברעגעס פון טײַך, וואָס מאַכט אויך דעם גאַנצן טײַך פאַרטונקלען און בייגט די הי‌טשקעס פונעם הויך־און געדיכט־וואַקסנדיקן טשערעט, וועלכער פאַרנעמט אַ היפּשע שטרעקע טיף אין וואַסער, היפּש ווײַטער פונעם ברעג. ער האָט ניט באַמערקט אויך דאָס, ווי צווישן טשערעט־געדיכטעניש איז אויך הײַנט, ווי אַלע טאָמעד און אַלע פרימאָרגן, זומער און ביזן טיפן האַרבסט אַרײַן, דער אויוועראַבאָטעלער, אַלטער פישער געשטאַנען מיט די אָנגעדראָלענע פיס און וואַסעריק־צעלאָזענע אויגן אָפּ זײַן קליין, שמאָל מולטער־שיפעלע דעם דורכגענעצטן און נאַסן, — יענעם פישער, וועלכן טאָמעד טוט ער אים יאָ באַמערקן, אים לײַכט באַדויערן און טוט פאַר אים קלוימערשט זײַן לעבנס־ און פאַרנאָסע־כעזשבנ מאַכן, גלײַך יענער האָט אים דערויף באַפולמעכטיקט, ווײַל אַליין איז ער שוואַך אין כעזשבנ.

ער האָט אויך ניט באַמערקט, וויִאַזוי ער איז אַרופגעקומען אָפּ דער גאַס, ווו

זײַן קאנטאָר האָט זיך געפונען, און אויך ניט, — אַז באַם טראָטואַר, לעבן הויז פון קאַנטאָר, איז עפּעס איצט אַ ברייטשקעלע געשטאַנען, וואָס געוויס האָט דאָס באַדאַרפט באַטײַטן, אַז עמעצער פון דער פרעמד, פון דער געגנט, פון אַ פּריצישער עקאָנאָמיע אַ שאָליעך איז אַהער צוגעפאָרן, וועלכער דאַרף צו אים אין קאַנטאָר האָבן, האָט דעם פורמאַן אינדרויסן געלאָזט און אַליין אַרײַן אינווייניק.

ס'האָט אויך געקאָנט זײַן פון אַ קליינשטעטלדיקן ייִד, אַ פאַרמעגלעכן סוחר וועלכער האָט צוליב געשעפט געדאַרפט צו ר' מוישען נייטיק און האָט אַף גאַנצפרי, גלײַך צו דער עפענונג פון קאַנטאָר, צום אָנהייב טאָג אויסגערעכנט און זיך צוגעשטעלט.

מעגלעך אָבער, אַז ניט קיין פרעמדער, נאָר אַליין טאַקע ר' מוישעס אַ שאָליעך, אַן אייגענער, — מערסטנס דער יונגער איידעם, זײַנער נאָכעם לענטשער, וועמען ער פלעגט, מאַכמעס זײַן גוט פוילישן ריידן, אָפט פון צײַט צו צײַט איבער דער פראָווינץ, איבער פּריצישע גיטער אַרויסשיקן, ווען ער, ר' מוישע, האָט צו זיי, צו די פּריצים, געדאַרפט: אָדער געלט און פּראָצענט פון אַלטע האַלוואָעס אופמאָנען, אָדער געשפּרעכן פירן און פאַרהאַנדלען מיט זיי וועגן נײַע.

דאָס מאָל האָט די ברייטשקע געהערט טאַקע ניט קיינעם, נאָר אַליין ר' מוישען. זי האָט נאָרוואָס טאַקע זײַן איידעם פון אַ פּראָווינץ־רײַזע געבראַכט. אָבער ניט זי איז דאָס מאָל עפּעס ניט אַהיים פאַרפאָרן, נאָר צו דער קאַנטאָר גאָר, וואָס דאָס האָט געזאָלט זײַן אַ סימען, אַז עפּעס איז אויך די רײַזע געווען ניט ווי דער שטייגער.

עפּעס האָט, ווײַזט אויס, דאָס מאָל נאָכעם פון וועג אָדער גאָר געווונטשענע, אָדער גאָר ניט קיין געווונטשענע ידיעות און רעזולטאַטן געבראַכט, און דאָס האָט אים געדינט פאַר אַ סיבע, ער זאָל גלײַך פון וועג אַהער פאַרפאָרן, קעדיי, אויב מיט גאָר אַ גוטע ידיעה, זאָל ער זיך פאַרן שווער באַרימען, און, ווי ער איז געווינט געווען, אַף אַ קאָל, אַז אַלע זאָלן הערן, מיט אים זיך טיילן; און אויב פאַרקערט, ניט גוט, זאָל ער דאָס אים בעסאָד צו וויסן טאָן און שוין ניט אַפן קאָל זיך פאַרענטפערן, אָבער פאָרט זיך אַרויסשטעלן און די זאַך אַזוי אויסלייגן, אַז ווען ניט ער, וואָלט געווען ערגער, ווען ניט ער, וואָלט נאָך מעגלעך פיל שלימערס פּאַסירט.

און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען.

אַז ר' מוישע איז איצט צו זיך אין קאַנטאָר אַרײַן, אַזוי איז נאָך איידער ער האָט דערזען די באַשטענדיקע באַזוכער פון זײַן קאַנטאָר, יענע, וואָס קריכן קימאַט קיינמאָל ניט אַרויס פון דאָרט, און וואָס יעדעס מאָל, ווען מע קומט, טרעפט מען זיי אָדער פירן געשפּרעכן מיט די אָנגעשטעלטע, אָדער אין אַ רעדל — איינס מיטן אַנדערן, ווי שאָלעם שמאַריאָן, צאַלי דערבאַרעמדיקער און אַנדערע — האָט זיך אים אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן נאָכעם, דער הויכער, שטאַלטנער איידעם זײַנער.

אַגעוו: דער האָנאָרעוואַטער און ניט קליינן ביסל באַרימער, ווײַל זײַן פאַמיליע האָט פון היפּשע דוירעס, צוליב געשעפט, נאָר מיט פּאָליאַקן פאַרקערט, און וואָס אויך אין זײַן ייִדיש־ריידן האָט עפּעס אַ געווויסער שטאָלץ געקלונגען, באַזונדערס אינעם וואָרט „עך“, מאַכמעס ער האָט געשטאַמט פון קאַמעניעץ, און ווי אַלע פון זײַן האַלב־בעסאַראַבישער געגנט האָט גערעדט מיטן „עך“, „לאָנג“ און „געגאַנגען“.

ער איז געווענ האלב־כסידיש, האלב פריציש געקליידט. סאָמעד א שטארק־ווײַבערער, וואָס האָט זיכ דעריקער מיטנ אויפנ, וויאזוי ער האָט אפילע די וואָ־כעדיקע קליידער געטראָגנ, זיכ אויסגעטיילט פיל צום בעסערנ פונ אלע אפילע זײַנ גלײַכנ רײַכע אײדעמס. זײַנ שווארצ בערדל האָט זײַנ ווײַס פּאָנעם מיט זײַנ קורצלעכ־אומרויִקער נאָז שטארק אויסגעטיילט.

דאָס מאָל איז זײַנ פּאָנעם געווענ ווײַסער ווי געוויינלעכ, אונ אפ וויפל א ווײַס פּאָנעם קאָנ אפ זיכ בלאסקײַט נעמענ — אויכ בלאס, וואָס דאָס האָט מענ געקאָנט דערקלערנ אינ געוויינלעכע פאלנ מיט ניט שלאָפנ נאָכ א רײַזע־נאכט אונ מיט וועג־מידקײַט. אָבער ניינ, איצטיקס מאָל האָט מענ דערופ, אויסער מידקײַט, נאָכ עפּעס דערקענט: עפּעס האָט, ווײַזט אויס, מיט אים געטראָפנ.

דאָס האָט זיכ אויסגעדריקט ניט נאָר אינ נאָכעמס צו אָפטנ, אומרויִקנ שמאָרענ מיט דער קורצלעכער נאָז, וואָס דאָס טרעפט מיט אים אָפט אפילע ווענ ניט אי־בעריק אומרויִק. נאָר אינ זײַנ אומגעדולדיקײַט, וואָס אינ זײַנ גאנצנ קערפּער אויסגעדריקט. אָט די אומגעדולדיקײַט האָט אים איצט געמאכט איבערנ קאָנטאָר זיכ אומדריינ, אים געמאכט, ווי איבער די אָנגעשטעלטע אונ באזוכערס קעפּ אריבערקוקנ, ניט ענטפערנ גערנ אפ די פראגעס, וואָס מ׳האָט אים געפרעגט, אָדער ענטפערנ קורצ, אָפּגעהאקט, ניט ווילנדיק, אונ די גאנצע צײַט האלטנ די אויגנ צו דער טיר געווענדט, פונוואנענ ער האָט געווארט, אז עמעצער — דאָס מאָל געמיינט, זײַנ שווער, ר׳ מוישע, — דארפ זיכ באווײַזנ.

ער, נאָכעם, איז טאקע גלײַכ אָנגעפאָרנ, ווי נאָר די קאנטאָר האָט זיכ אופּ־געעפנט. דער באלד־אָנגעקומענער שאָלעם שמאריאָנ, דער, וואָס פעדערט זיכ קע־סיידער אונ איז טאָמעד פונ די ערשטע אינ קאנטאָר, דערזעענדיק זײַנ צערודערטנ אויסזענ, האָט זיכ גלײַכ געפּרווט לעבנ אים א רײַב טאָנ מיט זײַנ פרום־פוק־סיש פּענעמל אונ מיט זײַנ קעפּל, וואָס אינ א זײַט אָנגעבויגנ, געפּרווט צו אים אונטערקומענ אונ מיט כניפעדיקע, זיסלעכע רייד אים געגומענ ווי ארומשמעקנ. ער האָט געגומענ אויסטאפּנ, פונוואנענ ער קומט, געפּרווט טרעפנ, פונ וואָס פאר א פּאָרעצ אינ דער געגנט, אונ אויספרעגנ, וואָס הערט זיכ, אונ דעריקער — הינטנארום אים אינ די אויגנ ארײַנקוקנ, אונ דאָס, וואָס ער האָט געזוענ, אז יענער וועט דערופ ניט ענטפערנ — אליינ נאָר מיטנ קוק ארויסבאקומענ.

נאָכעם אָבער האָט זיכ ניט געלאָזט. ער איז דאָס מאָל, ווי ווײַט מעגלעכ, שמאריאָנס פראגעס אָפּגעקומענ מיט קורצע, גאָרנישט־זאָגנדיקע ענטפערס אונ אינ מער־לענגערע שמועסנ זיכ ניט ארײַנגעלאָזט. ער איז אינמיטנ די רייד אפילע אָפּגעגאנ, קלוימערשט, ער דארפ בא עמעצנ אנ אָנגעשטעלטנ זיכ עפּעס דער־פרעגנ. אינדערעמעסנ אָבער נאָר, קעדיי זיכ אויסצודריינ, אליינ בלײַבנ, אונ ווארטנ אונ ארויסקוקנ אפ דעם, וואָס איז אים אמערסטנ אינ זײַנ אומגעדולד איצט נייטיק געווענ — זײַנ שווער, ר׳ מוישע.

אונ אָט איז יענער ארײַנ. באלד זעענ אים, ווי געוויינלעכ, די באשטענדיקע באזוכער אנטקעגנ געגאנ — ווער מיט א וויכטיקנ איניענ, מיט וועלכנ ער האָט געווארט אפ אים, ווער ניט מיט קיינ וויכטיקנ, נאָר גלאט, ווי דער שטייגער, א נאָגיד אנטקעגנ צו גיינ אונ דעם דערעכערעצדיקנ פרימאָרגנ אים אונטערטראָגנ.

אז ר׳ מוישע האָט אָבער מיטאמאָל זיין איידעם א בלאָסן דערזען, און, ווי אים האָט געדאכט, א צעדודערטן פון וועג, אזוי האָט ער זיך ווי־ניט־ווי מיט די באזוכער, קליענטן און געלט־מעקלער גלייך אָפּגעפּארטיקט און פון זייער רעדל־ארומרינגלונג זיך ארויסגעדרייט.

ער איז גלייך דאן צו נאָכמען צוגעגאן, און באלד בא די ערשטע ווערטער נאָר, וואָס יענער האָט פון מויל ארויסגעלאָזט, האָט ער פארשטאנען, אז עפּעס האָט נאָכעמ דאָס מאָל פון וועג ניט גוטס געבראכט און פון זיין פּאָנעם האָט ער עפּעס א ניט קיין גוטע פּסורע ארויסגעלייענט.

— קומט אריין אהין, שווער, כ׳האָב אייך עפּעס צו זאָגן.

געמיינט האָט דאָ נאָכעמ דאָס צווייטע, דאָס אזויגערופענע „באראטונגס־צימער", ווו ר׳ מוישע פלעגט שטענדיק, אין קאָנטאָר זייענדיק, זיין זיצ־אָרט האָבן, ווו וויכטיקע קליענטן פלעגן פון אים אופגענומענ ווערן — סאָכרים, פּריצים און זייערע באפולמעכטיקטע — און ווו אלע געשעפטן פלעגן דאָרט שטיל בא א קליי־נעטשיקן טיש און אפ א לייטישן אויפן ארומגערעדט און אָפּגעפּארטיקט זיין.

ווען זיי זיינען אהין אריין — פריער ר׳ מוישע, נאָכדעם נאָכעמ — האָט נאָכעמ נאָך זיך די טיר פארמאכט. דאָס האָט פאר אלע איבעריקע אין קאָנטאָר באדארפט באטייטן, אז זיי, שווער און איידעם, זיינען איצט פארנומען, און ווילן ניט מע זאָל זיי שטערן. און באלד טאַקע האָט ר׳ מוישע א באומרויקטער צו נאָכעמען זיך א קער געטאָן און גלייך בא אים א פרעג געטאָן:

— וואָס איז געשען?

טייקעף אָבער, נאָך איידער ער האָט באוויזן צו באקומען אוואָסער־ניט־איז ענטפער, אזוי האָט ער זיך גלייך דערמאָנט, פונוואנען יענער קומט איצט, און וווהין ער האָט אים מיט א פּאָר טעג פריער אפ דער געגנט ארויסגעשיקט. אז געשיקט האָט ער אים, דעריקער, צום פּאָרעצ רודניצקין, וועלכער האָט דורך א שאליעכ פון זיין הויף צוריק מיט עטלעכע טעג בא אים, בא ר׳ מוישען, גע־בעטן, ער זאָל אים צושיקן די וועקסלען, וואָס האָבן די טעג געזאָלט אויס־גיין און וואָס דער זמאן זייערער צו צאָלן איז געקומען — ער וויל זיך בעצאָלן.

ער האָט זיך דערמאָנט אין רודניצקין דעם לעב־יונג, דעם מאָט, וואָס האָט שוין זיין גרעסטן טייל פארמעגן, ווי באוווסט, אויסגעלאָזן און אין פארשווענ־דערישע אויסברענגערייען צעטרענצלט. זיך אויך דערמאָנט, אז ער, ר׳ מוישע, האָט זיך צוליב די גרויסע פּראָצענטן, וואָס יענער האָט געצאָלט, ווען ער איז געענגט געווען און האָט געהאט א האלוואָע נייטיק, זיך פון א שמאריאָנעע אָדער פון אן אנדערן געלאָזט אָנרייזן, אים א גרויסע סומע צו אנטלייען, א גרע־סערע, ווי מע האָט געמעגט, און ווי דער געזונטער פארשטאנד האָט דערלויבט. ער האָט זיך אפ פּריצישע פּראָצענטן געהאָדעוועט און דעם קערן איינגעשטעלט, נישט געקוקט דערופ, וואָס זיין אייגענער סייכל האָט אים אָפּגעהאלטן, און אויך אנדערע, בא וועמען ער האָט זיך דערפרעגט, און וועלכע האָבן יענעם, דעם רודניצקין, גוט געקענט, האָבן געוואָרנט און ניט איבעריק געצייטעט.

ער האָט זיך דאָס דערמאָנט און נאָך איידער ער האָט באוויזן פון נאָכעמען א וואָרט ארויסצוקריגן, אזוי האָט ער פארשטאנען, אז דאָס האָט נאָכעמ אפ זיין

איצטיקער רײַזע געווים פון יענעם א שלעכטן אָפּשניט באַקומען, אז מעגלעך ער, ר' מוישע, איז דאָ שוין בא יענעם מיט א קאַפּיטאַל פון א היפּשער סומע טויזנטער פאַריזנעט געוואָרן. אָבער, ניט ווייסנדיק די סיבע, פאַר וואָס און וויאַזוי און די פּראָטים געווי, און אויך ניט גלייבנ־וועלנדיק, ווײַל אייגנ פּאַרמעגנ גלייבט זיך ניט, ווענ מע פאַרלירט, האָט ער זיך א צווייט מאָל צו נאָכעמענ געווענדט און זײַנ פראַגע נאָכאמאָל איבערגעכאַזערט:

— וואָס איז געשענ?

— ס'געשענ, שווער, מיט רודניצקינ,—האָט נאָכעם א בלאַסער, פאַר ר' מוישענ שטייענדיק, געענטפערט.

— וואָס האָט געטראָפנ?—האָט יענער אפּגיכ איבערגעפרעגט,— אנטלאָפנ? אָנגעזעצט? ער צאָלט ניט?

— ניינ, ערגער.

— וואָס קאָנ דענ זײַנ ערגער?

— אפילע ווענ ער צאָלט, וואָלטנ מיר אונדזערס שוינ ניט באַקומענ.

— וואָס הייסט עס?—האָט ר' מוישע אנ אופגערעגטער, א פאַרבלעפטער אויסגעשריגנ.

— ס'הייסט, אז מיר האָבנ אונדזערע וועקסלענ פאַרלאָרנ.

— ווער פאַרלאָרנ, וואָס פאַרלאָרנ? רייד דיבורים: דו? ווי, ווענ און וויאַזוי?

— ניינ, ניט פאַרלאָרנ. נאָר מיר האָבנ זיי אָנגעווירנ.

— כ'פאַרשטיי ניט און הייב ניט אָנ פאַרשטיינ. וואָס מיינסטו דערמיט?

און דאָ האָט נאָכעם גענומענ אויסלייגנ און דערציילנ פאַר זײַנ שווער א לאַנגע שווערע געשיכטע, א געשיכטע אנ אויסטערלישע, וואָס טרעפט זיך זעלטנ אפילע אינ געשעפטנ מיט פּריצים, און אפילע מיט אזא, ווי רודניצקי, וואָס ווער ס'האָט אים נעענטער געקענט, האָט זיך יאָ געקאָנט ריכטנ אפ אזוינס, אָבער, ווי געזאָגט, אפילע פאַר רודניצקינ אויסטערליש.

נאָכעם האָט דערציילט, ווי נעכטנ, אז ער איז אָנגעקומענ אינ הויף, זיך געמאָלדנ צום פאַרוואַלטער און איבערגעגעבנ, אז לויטנ פּאָרעצס באַקאָשע האָט ער די וועקסלענ מיטגעבראַכט און וויל זיך זענ מיטנ פּאָרעצ,—האָט אים יענער, דער פאַרוואַלטער, געזאָגט, אז ניינ: איצט איז אוממעגלעך, דער פּאָרעצ האָט זיך שפּעט געלייגט, שפּעט מיט פּריצים פאַרבראַכט, ער וועט היינט שפּעט אפנ טאָג שלאָפנ און ער מוז אויסוואַרטנ.

נאָכ דעמ, אז ער איז אופגעשטאַנענ, האָט געפרישטיקט און האָט אים, נאָ־כעמענ, אַרײַנגערופנ, האָט ער דערזענ, אז עפּעס איז ניט קיינ גוטע שאָ אפ אים, עפּעס איז ער שמאַרק צעדרייט: אז מ'רעדט צו אים, הערט ער שלעכט, און דאָס, וואָס ער הערט, פאַרשטייט ניט,—ווײַזט אויס, פיל פאַרשפּילט פאַר דער נאַכט, אָדער אנ אנדער אומאָנגענעמלעכקייט א פּריצישע.

אָבער אז ער האָט סאָפּקאָלסאָפּ באַנומענ, צוליב וואָס ער, נאָכעם, איז גע־קומענ, האָט ער זיך צעהיצט, צעוואַרעמט, גלײַכ א גרויסער גוטער פרײַנט זײַנער האָט זיך צו אים באַוויזנ, וועלכנ ער האָט שוינ לאַנג ניט געזענ. ער האָט אים אָפּט באַם נאָמענ גערופנ: „פאַנ נאָכעם, פאַנ נאָכעם"... האָט אים א האַנט אפנ

אקסל ארופגעלייגט, דערנאָך אים אונטערן אָרעם גענומען און גענומען מיט אים איבער די פּאָקויעס אומגיין, פון איין צימער אין צווייטן אין די פיל צימערן, וואָס אין שלאָס געפינען זיך. ער האָט אים פארעדט, אים באשאָטן מיט פאר־שיידענע מייסעס, וואָס האָבן קיין שייכעס ניט צום אייגנטלעכן איניען, צו די וועקסלען און צום צאָלן. האָט אים אויסדערציילט, ווי און מיט וועמען ער האָט זיך באגעגנט, וויפל און מיט וועמען פארבראכט, וואָס פאר א געשעפטן געמאכט, וואָס געקויפט, פארקויפט, מיט וועמען אפ וואָס ער האָט זיך געביטן: א הונט אפ א הונט, א דינער אפ א דינער — מיט די פריצים, א וואלד אפ פעלד, פעלד אפ וואלד — מיט די פויערים, און מיט יידן, מיט זיינע נאָענטע פּאָסעסערס, שענ־קערס, ארענדארעס, און אויך מיט ווייטע, פרעמדע — וואָס פאר א גליקן.

דערביי, דאָס אלץ דערציילנדיק, איז ער געווען זייער אופגעלייגט. זיך גע־האלטן אין איין בארימען, אז די לעצטע צייט גייט אים גוט, אז איבערהויפּט, וווהין ער ווענדט זיך ניט, גליקט אים זייער: זיינע פריערדיקע געשעפט־פירער, דעם פארוואלטער און עקאָנאָם, וואָס האָבן בא אים געגאנוועט און זיך די קע־שענעס אָנגעשטאָפּט, האָט ער אופגעדעקט און ארויסגעטריבן, און אפ זייער אָרט נייע, אָרנטלעכע ארייַנגעקריגן. אזוי אז פון היינט און ווייטער איז ניט שייעכ — ער איז מיט זיין פארמעגן געדעקט. פארקערט, ער הייבט אָן שטייגן, און זיין שלעכטער נאָמען צווישן סאָכרים ביז אהער, וואָס איז אים געקומען אדאנק דעם, וואָס זיינע אָנגעשטעלטע און פארטרויטע האָבן זיינע געשעפטן שלעכט געפירט, ווערט איצט גאָר אנדערש, אפ גאָר אן אנדער אויפן אָנהייבן קלינגען. ער מעג זיכער זיין, דער פאָן נאָכעם...

ער איז אזוי אופגעלייגט געווען און אין אזא צוטרוילעכן ראש ארייַן, אז ער האָט אים, נאָכעמען, אפן אויער איינגערוימט, אז ס׳האלט שוין אפילע דערביי, אז זי, יענע — ער ווייסט שוין, מיסטאם, ווער — וואָס האָט אים פארלאָזט און צו די איריקע קיין וואַרשע אוועק, האלט זיך שוין בא אומקערן... עמעס, ס׳איז איר א היפּשע מאטאָנע פארשפּראָכן, עמעס, שוין אפילע איינגעהאנדלט די מאטאָנע, פאר וועלכער ער האָט, לייענדיק בא איינעם א יידן געלט דערופ, א שטיק דוי־בישן וואלד פארזעצט, און אפ גאָר ניט קיין געהויבענע באדינגונגען, אָבער ס׳מאכט ניט, ס׳א קלייניקייט... דעריקער, וואָס די געשעפטן גייען גוט, דעריקער, וואָס זיי וועלן ערשט אָנהייבן גוט גיין.

— און אָט זאָל ער זען, דער פאָן נאָכעם...

ער האָט אים דערנאָך א שטיק צייט איבער די פערד־שטאלן און איבער די הינט־קאמערן ארומגעפירט, אים אויסגעוויזן און זיך בארימט, אז אזוינס וועט ער בא קיינעם פון זיין גלייכן, און אפילע בא דייכערע, ניט זיין גלייכן, ניט גע־פינען. ער האָט דאָס ליב, ער איז א מייווין אפ אזוינס, און אנדערע פארשטייען ניט, האָבן קיין גוסט ניט און וועלן עס קיינמאָל ניט האָבן און פארמאָגן.

אזוי ביז פארנאכט — אין הויף, איבער די שטאלן און איבער אנדערע זעענס־וויכטיקייטן. דאן האָט אים ווידער אין די צימערן געבראכט. און אז ס׳איז שוין גוט פינצטער געוואָרן, אז ער איז שוין מיד געוואָרן פון אומגיין, אויסווייזן און בארימען זיך, איז ער מיט אים אין יאגד־צימער געקומען, ווו די ווענט זיינע

פון אויבן ביז אראָפּ מיט פאַרשיידענע מינע געווער באַהאַנגען. אַ קליין טישל נאָר אינדערמיט, וואָס אויף דעם איז אַ קליינער שפּיגל געשטאַנען, צו וועלכן ער איז צוגעגאַנגען און האָט אויף זיך אַ קוק געטאָן... און פּלוצעם האָט ער זיך אײַנגעצן געביטן, איז מיטאַמאָל עפּעס טרויעריק געוואָרן און די גאַנצע פריִער־דיקע באַרימערישע היץ איז פון אים אַרויס.

ער האָט זיך באַם טישל אויף אַ בענקל אַראָפּגעלאָזט, בעהייסן אַ דינער ווײַן ברענגען, פאַר זיך און פאַר נאָכעמען, און אַז יענער האָט זיך אָפּגעזאָגט, האָט ער אַליין געטרונקען. דאָס מאָל שוין געשוויגן, אָפּגעקילט און אין אַ טיפער מאָרעשכוירע, און אַפילו די אָפּשאַט אויסגעטרונקענע גלעזער האָבן אים ניט דערוואַרעמט און פון זײַן פאַרזונקנקייט און פון זײַן פּלוצעם אויף אים אָנגעפאַלענער נידער־געשלאָגנקייט אים ניט אַרויסגעשלעפּט.

דערנאָך האָט ער זיך פּלוצעם אַ הייב געטאָן און באַ דער שוואַכער שײַן פון דער איינציקער ליכט, וואָס האָט אויפן טישל געברענט, האָט גענומען זוכן אויף די ווענט, צווישן די פאַרשיידענע מינע געווערן. ער האָט עפּעס איינעם אַ פּיסטאָלעט אַרויסגעפונען, און מיט אים צו דעם שפּיגל צוגעגאַנגען, אים פריִער צום האַרצן צוגעשטעלט, דערנאָך צום אָפענעם מויל, דערנאָך צום שלייף, גלײַך ער האָט אויף פאַרשיידענע אויפאַנים געפּרוּווט, ווו בעסער איז אים זיך אַרײַנצו־שיסן, ווי שענער און ווי לײַכטער דער טויט זאָל אים, הייסט עס, אָנקומען.

און מיטאַמאָל האָט ער זיך געווענדט צו אים, צו נאָכעמען, צום דערשראָ־קענעם, וואָס די געשעמע איז אים אַנטפּאַלן, זעענדיק, וואָס ער, רודניצקי, טוט, און וואָס ער האָט דאָ בעדייע צו טאָן און פירצונעמען. ער האָט זיך צעלאַכט. און אַז ער, נאָכעם, זעענדיק אים אַ לאַכנדיקן, איז צו אים צוגעגאַנגען און מיט גרויס אָפּשײַ, ווי מע ווענדט זיך צו אַ פּאָרעץ, און ביפראַט נאָך, ווייסנדיק, אַז ער איז אונטערן גלעזל, און, ווי אים האָט זיך געדאַכט, און, ווי ער האָט פאַר־שטאַנען — אויך אין גרויסע צאָרעס, און האָט גענומען אים אָפּהאַלטן: „זאָל דער פּאָרעץ אַזאַ שפּאַס ניט טרײַבן, ס'איז געפערלעך. ער בעט אים זייער, ער האָט נאָרוואָס אויסגעטרונקען, ס'קאָן נאָך, כאָלילע, אַן אומגליק געשען, זאָל ער דעם פּיסטאָלעט אוועקלייגן" — האָט ער זיך ווידער צעלאַכט. אָבער מיטאַמאָל איז נאָך־אַמאָל פינצטער געוואָרן, און, שטייענדיק און האַלטנדיק דעם פּיסטאָלעט אַזוי, ווי ער האָט אים פריִער געהאַלטן, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— באַנקראָט יעסטעם, ז'נעגאָ וויסטאַיאַ ניעמאַ — איך בין באַנקראָט, הייסט עס, און אַ פּאָרעץ האָט קיין אַנדער וועג ניט.

און דאָ איז ער שטיל צו דער טיר צוגעגאַנגען, דורך וועלכער פריִער איז דער דינער מיטן ווײַן אַרײַן, און האָט זי צוגעשלאָסן, און, צוריקקומענדיק פון דער טיר, האָט צו אים, צו נאָכעמען, אַזוי געזאָגט:

— מיר זײַנען אַליין און איך שעם זיך איצט ניט. אָבער ס'איז מײַן לעצט, און באַ אים, באַם פאַן נאָכעם, איז די הענט איז זײַן גאַנצער גורל איצטער... ער, נאָכעם, איז דאָך אַליין אַ סוחער, ער ווייסט, וואָס קריטישע צײַטן באַטײַטן, און באַ אים, באַם פּאָרעץ, איז איצט קריטיש: קיין געלט האָט ער ניט, ער האָט זיך די לעצטע צײַט שטאַרק פאַרשפּילט און אויך אין אַנדערע געשעפטן פאַר־

לױרן. נאָר קײן פֿאַרלױרענער אײנגאַנצן איז ער ניט, ער גלײבט זיך אױסדרײען, אָבער צאָלן קאָן ער ניט, ביפֿראַט אַזאַ סומע, װי אים, װי נאָכעמען און זײַן שװער, קומט פֿון אים. אָבער דאָס איז װײניק: ער איז פֿאָרעץ, ער האָט האָנאָר, און דאָס דערלױבן אים ניט, װי זײַנע עלטערן האָבן זיך קײנמאָל ניט דערלױבט, אַ לעבעדיקער אָנזעצער צו בלײַבן און אַ שעם האָבן פֿאַר אַזױנעם. ער מוז די װעקסלען איצט אַרױסבאַקומען, אױב ניט, איז דאָ זײַן ענדע. ער װײסט, אַז נאָכעם, דער קרעדיטער זײַנער, אױב ער װעט אים אָפּגעבן די װעקסלען, װעט ער קײנעם ניט דערצײלן: די סומע איז צו אַ גרױסע, און אױב מע װעט זיך דאָס אין דער סאָכרישער געלט־װעלט דערװיסן, קאָן דאָס אים אַלײן צו קרעדיט און אױך צו אַנדערע זאַכן שאַטן... ער איז דערום זיכער, אַז ביז אַ צײַט, ביז זײַן לאַגע װעט זיך פֿאַרבעסערן און ער װעט אימשטאַנד זײַן אָרנטלעך און ערלעך (ער מעג זײַן זיכער, דער פֿאַן נאָכעם) זײַן כױװ אומקערן, װעט די זאַך בלײַבן צװישן אים און אים, נישט מער, װי צװישן זײַן שװער און זײ בײדע. אױב זשע ער, נאָכעם, קאָן ניט, באַשטײט ניט, איז האָט ער, דער פֿאָרעץ, איצט קײן אַנדער ברײרע...

און דאָ האָט ער נאָך צוגעגעבן און אַ פּאָר שװערע, פֿילבאַטײַטנדיקע װערטער געלאָזט פֿאַלן:

— זאָל ער געדענקען, אַז אױב דאָס געשעט, אױב ער מוז אין זיך איצט שיסן, קאָן פֿאַר אים, פֿאַר נאָכעמען, גרױסע אומאַנגענעמלעכקײַטן אַרױסקומען: זײ זײַנען אַלײן נאָר אײנצװײען, זײ בײדע נאָר אין צימער, און ער, נאָכעם, דער קרעדיטער, און דער פֿאָרעץ — דער באַלכױװ זײַנער.

— און דו האָסט אים די װעקסלען אָפּגעגעבן? — האָט דאָ ר׳ מױשע, די מײַסע אױסהערנדיק, אױסגעשריגן, אױסער זיך פֿון אופּרעגונג און פֿונעם צופֿאַל, װאָס מאַכט זיך זעלטן אַפֿילע צװישן פּריצים און צװישן די אױסגעלאַסנסטע און אָפּ אַלץ פֿײַקע.

— יאָ, שװער... און װי װאָלט איר אָפּ מײַן אָרט געטאָן? — האָט נאָכעם געפֿרעגט.

— װאָס הײסט איך? װאָס איז דאָס פֿאַר אַ פֿראַגע?

— איז װאָס אַנדערש האָט מען, נאָך אײַער מײנונג, געקאָנט טאָן?

— װאָס הײסט, װאָס? — אים איבערײדן, אײַנרײדן, אַז מע מאָנט אים ניט, אַז מע װעט אים אױסװאַרטן, אַז מ׳האָט צײַט, אַז קײנער װעט זיך דערפֿון ניט דערװיסן.

— און אַז מע האָט דאָס אַלץ געטאָן, געזאָגט, און אַז איך האָב גענוי אַזױ מיט אים אײַנגעטײַנעט, מײַן ערלעך װאָרט געגעבן, אַז אַזױ װעט עס טאַקע זײַן, און אַז ער האָט פֿאָרט געפֿאָדערט: אָדער די װעקסלען, אָדער זײַן טױט?

— איז דורך אַ טיר, דורך אַ פֿענצטער, דורך אַלץ, װאָס מעגלעך, אָבער מע גײט זיך אָן אײצע: מ׳שרײַט, מע רופֿט מענטשן, מע רופֿט דינער פֿאַר אײדעס, מע טוט עפּעס! װאָס הײסט, מע גײט אָפּ?

דאָ האָט נאָכעם, װאָס אָפּ אים איז טאַקע די גרױסע שולד געלעגן, די שולד פֿון אַרױסלאָזן און פֿאַטערן אַ גרױס גוטס מיט אײגענע הענט, זיך אָבער דערמאָנט די לאַגע, אין װעלכער ער האָט זיך באַם פֿאָרעץ געפֿונען. ער האָט זיך דערמאָנט זײַן פּאָנעם, בעשאַס יענער האָט דאָס אַלץ צו אים גערעדט מיט אַ פֿאַרצװײפֿלט קאָל, װי פֿאַר דער מיסע. די גאַנצע צײַט פֿון זײַן רײדן געהאַלטן

דעם פּיסטאָלעט פאַר די אויגן און, ווי אַף זײַן מאַלכאַמאָוועס, געקוקט אַף אים. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אויסער געלט, איז אויך ער אַליין אין אַ גרויסער סאַקאָנע געשטאַנען: אָדער אין אַ סאַקאָנע פון אַ בילבל, אָדער עפּשער גאָר, ווער ווייסט, אַפן אָרט דערשאָסן צו ווערן. איז אָט געדענקענדיק און דערמאָנענדיק זיך דאָס אַלץ, האָט ער זיך, ניט געקוקט אַפן ווייטעק פונעם געלט-פאַרלירן, דאָך ווי אַ געראַטעוועטער פון געפאַר געפילט, און דאָס האָט אים מוט און זי־כערקייט געגעבן זײַן שווערס ווייטערדיקע טײַנעס — „פאַר וואָס, פאַר ווע־מען און ווי אַזוי?" — מיט אָט־וואָס אים אָפּצושלאָגן:

— שווער, ווער אַ פּאָרעץ איז, ווייס איך! פּריצים קען איך בעסער פון אײַך! און איך זאָג אײַך: דאַנקט גאָט, וואָס איר שרײַט איצט נאָר אַף אײַער געלט. ס'האָט געקענט געמאָלט זײַן, איר זאָלט איצט שרײַען אַף ערגערס...

— אַף ערגערס? וואָס קען דען זײַן ערגער? — האָט ר' מוישע ווײַטער געשריגן.

— ערגער? ווען איר וואָלט אַף מיר, אַף מײַן קאָפּ געשריגן... איך בין אַ טאַטע פון קינדער, און איך קען פּריצים בעסער.

דאָ האָט ר' מוישע אַף זײַן איידעם אַ קוק געטאָן און פאַרשטאַנען, אַז ער איז עפּשער אַ ביסל גערעכט. אָבער די זאַך האָט אים דאָך געקאָכט: פּאָרט איז דער איידעם פאַר אים גאַנץ געשטאַנען, און דאָס געלט, די וועקסלען, וועט ער שוין צוריק קיינמאָל ניט זען... און כאָטש נאָכעם האָט אים אין ווײַטערדיקן שמועס פאַרזיכערט, אַז, צוריק גערעדט, קען מען ניט וויסן: פּאָרט אַ פּאָרעץ, און מעג־לעך טאַקע, אַז ס'איז אים דאָ ניט אין שווינדל, נאָר אין האַנאָר געגאַנגען, און באַ דער ערשטער מעגלעכקייט צו צאָלן, וועט ער זײַן וואָרט האַלטן, קעדיי ווי־דער טאַקע פּריצישן האָנאָר צו באַווײַזן — דאָך האָט אים די זאַך געקאָכט.

ער איז פון וואַנט צו וואַנט אין צימער אומגעגאַנגען, דעם איידעם געלאָזט שטיין אינמיטן און פון זײַן מויל האָט יענער אַלע ווײַלע געהערט אַזוינע ווער־טער זיך אַרויסרײַסן, ווי: „שווינדלער, מאָט, ער וועט באַ מיר אין טפּיסע פוילן, מע טאָר עס אַזוי ניט לאָזן"...

ער האָט פאַרטראַכט, האַסטיק און ווי אַ כײַע אין אַ שטײַג אַ לאַנגע צײַט אַזוי אומגעשפּאַנט, און אַלע ווײַלע נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל צו דעם זעלבן זיך אומ־געקערט, זיך מיט טײַנעס געווענדט: „אָבער ס'איז דאָך ניט געהערט! ס'איז דאָך איין מאָל אין טויזנט יאָר טרעפט אַזוינס!" און יענער, דער איידעם, האָט ווידער און ווידער זיך אָפּגעשלאָגן מיט וואָס ער האָט געקאָנט, זיך פאַרענטפערט, און אַף וויפל מעגלעך, אים פאַרזיכערט און אים האָפנדיק געמאַכט, אַז ס'איז נאָך ניט אַזוי, ער וועט זען, אַז די זאַך קען זיך נאָך איבערדרייען און מעיאָעש זײַן זיך איז נאָך צו פרי, — און אָט דערמיט האָט ער מיטאַמאָל, נאָך דעם, ווי ער האָט אין קאָפּ פאַרשיידענע מיטלען און אייצעס געזוכט, אַפן איינציקן מעג־לעכן געדאַנק אין איצטיקן מאָמענט זיך אָנגעשלאָגן, און נעמלעך: צו זײַן אַד־וואָקאַט זיך ווענדן, צו זײַן פאַרטרויונגס-מאַן, צו דעם, צו וועלכן ער ווענדט זיך קע־סיידער אין קריטישע און איז ענגע פאַלן. דאָס צום ערשטן, נאָכדעם וועט ער זען.

ער האָט דערום דעם מאַנטל, וועלכן ער האָט, פון דער היים קומענדיק, נאָך ניט באַוויזן אין קאַנטאָר אויסצוטאָן, טאַקע ניט אויסגעטאָן. באַלד האָט ער נאָ־

כעמענ באפוילנ, ער זאָל אהיים פאָרנ, אינ קאנטאָר ניט פארבלײַבנ, אונ, נאטיר־לעכ, מיט קיינעם וועגנ דעם קיינ שמועס ניט האָבנ. אונ ער אליינ האָט זיכ צו דער טיר געלאָזט, אינ צווייטנ צימער ארײַנ, ווו זײַנע אָנגעשטעלטע אונ די באַ־שטענדיקע באזוכער האָבנ זיכ געפונענ, האָט זיכ ניט פארהאלטנ, מיט קיינעם זיכ ניט אָפּגעשטעלט, ארויס אונ אוועק אהינ, וווהינ ער האָט נאָרוואָס געהאט באשלאָסנ.

ס'איז א גרויסער קלאָפּ געווענ פאר ר' מוישענ. נאָכ אזא איינער אונ נאָכ אזוינע עטלעכע, ווערט אפילע ער, אזא רײַכער, ווי ר' מוישע, כאָרעוו. אויב אפילע ניט מיט אנ עמעס כאָרעוו, אָבער אונטערגעריסנ ווערט מענ: ס'הייבט זיכ אָנ שאָקלענ דער באָדנ אונטער די פיס. דער נאָמענ ווערט אָנ פיל פונ דעם ווערט, אונ אזא, ווי שאָלעמ שמאריאָנ אונ ווי אנדערע פונ די זײַניקע, וואָס דרייענ זיכ ארום אים, באשמעקנ אים, באלעקנ אים אונ כאנפּענענ אים הינטיש אָנ א שיר, הייבנ אָנ דערפילנ נעוויילע, דרייענ זיכ אָפּ אונ נעמענ זוכנ אנדערע, וועמענ צו שמעקנ, לעקנ אונ כאנפּענענ.

ער, ר' מוישע, האָט דערום גוט געוווסט זיכ צו היטנ, אונ וואָס פאר א זאכ ס'זאָל זיכ אים ניט מאכנ, איז דעריקער האָט ער געזענ, אז יענע, די אויבנ דער־מאָנטע פארשוינענ, זאָלנ זיכ דערפונ ניט דערוויסנ.

ער האָט דערום איצט, ווענ ער איז דאָס צווייטע צימער דורכגעגאנ אונ צו דער דרויסנ־טיר זיכ געלאָזט, דאָס פּאָנעמ פונ די אלע זײַנע באזוכער אָפּגעקע־רעוועט, ער האָט מיט זיי זיכ מיט קיינ בליק ניט געוואָלט באגעגענענ, קעדיי יענע זאָלנ אינ אים גאָרנישט ניט באמערקנ, אונ אפ זייער אויפנ, מיט זייערע הינטישע כושים, ניט נעמענ אים שנאָרענ, נישטערנ, זוכנ, פאָרשנ, זיכ נאָכפרעגנ אונ פונ דער לופט זיכ עפּעס ניט דערוויסנ.

ער איז ארויס, אונ אינדרויסנ ערשט האָט ער זיכ דערמאָנט, אז ער איז פונ שטוב אינדערפרי שוינ הײַנט, אינ קאנטאָר זיכ לאָזנדיק, א צערודערטער אוועק־געגאנ, אז עפּעס איז אים אפנ הארצנ ניט געווענ אופגעלייגט אונ שלעכטע סי־מאָנימ האָבנ אים הײַנט אפּ א שלעכטנ טאָג אָנגעזאָגט.

ער האָט זיכ דערמאָנט אינ לווינ, דערמאָנט דעריקער אינ סרולינ, אונ יענער מיט דער טאָמעד-אימ־אופרעגנדיקער, ערד־קאָלירענער קאפּאָטע איז אים פאר די אויגנ געשטאנענ, אונ א שטיקל מוירע-האָבנדיקער געדאנק איז אים איצט אינ קאָפּ געקומענ, א ווונטש, א מינ געבעט:

— ס'איז נאָכ פרי, אונ דער טאָג האָט זיכ אים הײַנט שלעכט געשטעלט, זאָל, כאָלילע, ווײַטער אונ מער שוינ ניט טרעפנ גאָרנישט.

דער צופאל האָט געוואָלט, אז ר' מוישעס ווונטש זאָל דאָס מאָל ניט דער־פילט ווערנ: אינ יענעם טאָג איז נאָכ עפּעס געשענ. עמעס, ניט קיינ זאכ, וואָס איז אים טאקע, ר' מוישענ אליינ, אָדער זײַנע אייגענע, נעגייע, נאָר דאָכ רעזול־טאטנ ערנסטע, וועלכע האָבנ אים גאָר נאָענט אָנגערירט.

ס'איז פּאָרגעקומענ אינ זײַנ צווייטנ געשעפט, אפנ באוווסטנ, גרויסנ נאפט־לאגער זײַנעם, וועלכער געפינט זיכ אינמיטנ גראָבנ מארק אונ וואָס איז באש־טאנענ פונ א קליינ מיט עטלעכע סקלאדנ.

אָנגעפירט האָט דאָרט ר' מוישעס צווייטער איידעם, יאַנקעלע גראָדשטיין (וועגן וועלכן די רייד וועט זײַן אויספירלעכער שפּעטער, אין אַן אַנדער אָרט), וואָס איז צוהילף איז געגעבן געוועזן אַ בוכפירער און נעעמענן אין איין פּערזאָן, איינער אַ ייִד ליבערזאָן, און די הויפּטלעכע און שווערע אַרבעט איז געלעגן אויף די צוויי הויפּט־מעשאָרסים, אויף עליאָקעמען און זיסיען, און אויך אויף דעם דריטן, דעם געהילף זייערן, אַ ייִנגל נאָך — קאַטערוכע.

זיי, אָט די מעשאָרסים, האָבן דאָס באַדאַרפט באַדינען די פיל קוינים פון הורט (קיין לאַכאָדים האָט מען דאָרט ניט פאַרקויפט) — די שטאָטישע, אָבער מערסט פון דער געגנט אַרום, וואָס פלעגן קומען מיט גאַנצע פורן און אין גרויסע פּעסער זייער סכוירע, דעם נאַפט, פאַרנעמען.

אָט די מעשאָרסים אַליין, און אַמאָל, ווען ס'איז אַ סאַך אַרבעט געווען, אויך מיט דער הילף פון די מאַרק־טרעגערס, פלעגן דאָס די אײַנקויפער באַדינען — אַראָפּשלעפּן די פּעסער פון די סקלאַדעס, אַרופקאַטשען אויף די וואָגנס, אָנלייגן, פאַקעווען, און דאָס אָנגעפּאַקעוועטע מיט שטריק פאַרבינדן.

עליאָקעמ מיט די קורצע, גראָבלעכע פינגער, וואָס זײַנען אים באַשטאַנען ווי נאָר פון צוויי גלידער, ניט פון דרײַ, ווי בײַ אַלע מענטשן, איז געווען דער געזונטסטער: געטאָן און געאַרבעט האָט ער שטיל און פעסט, זיכער אין זײַנע הענט און אין זײַן גוואַרדיאַנישן וועזן. טאָמעד אַ שווײַגנדיקער, אַ ביסל אַ שמייכלענדיקער, וואָס די גוורע האָט אים פון די אויגן אַרויסגעקוקט, די רויטקייט — פון די שווײַגנדיקע באַקן, און אין מאַרק, און צווישן די טרעגערס אַפילע, האָט ער געשעמט פאַר אַ גיבער, וואָס פאַר זײַן פּאַטש, לעמאָשל, איז מען געלאָפן, ווי פון אַ מאַגייפע, און ווען דער פּאַטש, נאָר איינער אַפילע, האָט געטראָפן, יענער האָט שוין געמעגט, האָט מען געזאָגט, זאָגן ווידע.

דער צווייטער — זיסיע. שוין אַן אָפּגעצערטער. אַ יונגערמאַן נאָך, בײַ די דרײַסיקער, אָבער שוין אַן אויסגעמאַטערטער — פון ווייניק סכירעס באַקומען — קערבל מיט אַ פערטעלע אַ וואָך; דערצו נאָך מיט היפּשע קינדער, דערצו נאָך האָט ער זיך אין דער קאַפּצאָנישער מײַלע געהאַלטן, און, ניט געקוקט אויף זײַן קנאַפּן פאַרדינסט, האָט מען אים שאַבעס־יאָנטעוו, לעמאָשל, ניט דערקענט — אַזוי פײַן אָנגעטאָן איז ער געווען: די הויזן אויף דער נאָט, די שטיוולעטן מיטן פּוץ און ווינטער נאָך אַפילע מיטן מכוירענעם טולופּ פון נאָך דער כאַסענע.

אַזוי ער אין דער מײַלע, אַזוי אויך האָט ער זײַנע קינדער געפירט. ער איז געווען אַ זון פון איינעם אַ ייִדן קאָסמאַן, שוין לאַנג געשטאָרבן, וואָס שוין פאַר זײַן לעבן אַ יורעד, און וואָס שוין בײַ זײַן לעבן האָבן זײַנע קינדער געמוזט אָוועקגיין דינען צו אַנדערע אויף גראָבער אַרבעט, און זיסיע איז צו ר' מוישען, וואָס האָט זײַן פאָטער אַ ווײַטלעכער קאָרעוו אָנגעקערט, אָנגעקומען.

ער, זיסיע, כאָטש אַ קרעפּטיקער אין געביין, כאָטש פיל קויכעס נאָך אין די הענט, אָבער פון ווייניק שפּײַז, וואָס האָט אים ניט אומגעקערט דאָס געזונט, וואָס ער האָט בײַ דער אַרבעט געפּאַטערט, און פון פיל קאָפּדרייעניש, וויאַזוי פון זײַנע כויוועס בײַ די וואָכערניקעס אַרויסצוקריכן, האָט ער אָפּגעצערט אויסגעזען און די באַקן פון די האָר פון זײַן געפּוצט בערדל האָבן בלאַס אַרויסגעקוקט.

דאָס ווײַב און די מוטער זײַנע, מאַלקע־ריווע די אַלמאָנע, קוקנדיק אַמאָל אָפּ אים, ווען ער פלעגט אַהיים קומען שפּעט אײַנאָוונט אַ מידער, אָנגעהאָרעווע־טער, האָבן אונטערגעקרעכצט, מאַכמעס זיי האָבן געוווּסט, פונוואַנען ער שטאַמט, געוווּסט פון דער מישפּאָכע־קרענק, אַז זײַן געזונט איז קריטשיק, און אַז אײַנ־דערעמעסן וואָלט ער גאָר אַנדערש באַדאַרפט לעבן, נאָר ס׳ניטאָ פאַר וואָס און אויך קיין אייצע נים צו קריגן, פונוואַנען אַפן בעסערן צו נעמען: וואָכערניקעס זײַנען וואָכערניקעס, און דער באַלעבאָס איז כאָטש אַ קאָרעוו, דאָך אַ באַלעבאָס, און האָרעווען מוז מען.

דאָס איז דער צווייטער מעשאָרעס. דאַן נאָך דער דריטער, דער יינגסטער, דאָס יינגל נאָך, קאַטערוכע — דער לעבעדיקער לונג־און־לעבער, דער באַשטענדיקער לעץ, דער האַצמאַך, ווי דער גאַנצער מאַרק און די טרעגערס פלעגן אים רופן, וואָס ווער, ווו און ווען מ׳פלעגט אים באַגעגענען, פלעגט מען אים אָנרוקן דאָס היטל איבער די אויגן, שנעלן אין נאָז, אָדער אַנדערש עפּעס אָפּטאָן, און ער איז קיינמאָל אָפּ קיינעם ניט באַרויגעז געוואָרן, פלעגט זיך אָפּוואָרטלען, צוריק עפּעס אָפּטאָן — קוויטש, און פאַני־בראַט מיט אַלעמען.

ער האָט אַלעמען געפּאָלגט, געטאָן, וואָס מ׳האָט אים געבעטן, דעריקער אָבער צו זײַנע צוויי העכערע אָנגעשטעלטע צוגעבונדן, צו זיסיען, צו עליאָקעמען, און פאַר זיי — אין פײַער און אין וואַסער און ס׳איז פאַר אים גאָר קיין שווערס נים געווען...

יענעם טאָג האָט זיך זיסיע, גלײַך אָפּ דער אַרבעט קומענדיק, עפּעס ניט גוט געפילט. ער האָט אָפּט אַ קעלט געשפּירט, נאָך דער קעלט אַ היץ אין לײַב און אין פּאָנעם. ער האָט שוין זײַן אָרעמלעכן איבערבײַסן ניט געגעסן, ווײַל אויך קיין אַפּעטיט ניט געהאַט. עליאָקעם און קאַטערוכע האָבן אים שוין די ניט גאָר גייטיקע אַרבעט פאַרשפּאָרט, און ווען זיי האָבן זיך אָן אים געקאָנט באַגיין, אים ניט דערלאָזט צו אַרבעט. נאָר שפּעטער, באַטאָג־צו, ווען מיטאַמאָל האָט מען איי־געם אַן אָנגעפּאָרענעם קוינע געדאַרפט אַרויסבאַלייטן, ווײַל ער האָט געאײַלט, האָט אונטערגעטריבן און איז מיט זײַן פורמאַן געשטאַנען איבערן קאַרק, מ׳זאָל אים וואָס גיכער, וואָס גיכער אופגעבן און פאַרפּאַקעווען, ער דאַרף הײַנט אַהיים צו נאַכט נאָך אָנקומען — האָבן זיך די מעשאָרסים אונטערגײַלן גענומען. זיסיע, וואָס ער איז דעם גאַנצן פרימאָרגן אַ ביסל אָן אַ זײַט געזעסן, האָט זיך מיט־אַמאָל פאַרגעסן, און פון אַרבעט־געוווינשאַפט, און זעענדיק, אַז יענע וועלן זיך אַליין ניט אופאָרען, האָט ער זיי גענומען אונטערהעלפן. יענע, ווידער, מיינענ־דיק, אַז ווײַבאַלד ער העלפט, איז אַ סימען, אַז ער פילט זיך בעסער און איז בעקוועכ, האָבן אים העלפן געלאָזט, און פאַרוואָס ניט? זאָל ער...

דאַן האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אין איינעם אַ טיפן סקלאַד, פונוואַנען זיי האָבן גענומען שלעפּן אַ גרויסע פיל־פּודיקע פאַס מיט שטריק דורך די נאַסע טרעפּ, וואָס מיט נאַפּט פאַרפּאַפּט. עליאָקעם און קאַטערוכע האָבן זי פון אונטן אַרופדערלאַנגט, זיסיע מיטן פורמאַן פון קוינע אויבן האָבן זי גענומען אַרופצי־ען, און ווען די פאַס שוין אַרוף און ווען עליאָקעם מיט קאַטערוכען זײַנען שוין, נאָכן אונטערשטופּן די פאַס, פון די פינצטערע טרעפּ אײַנדרויסן אָפּ דער ליכטיק אַרויס,

אזוי האָבן זיי פּלוצעם דערזען זיסיען שוין מיטן שטריק אין האַנט א בלאַסן, א שווײַגנדיקן...

ס'איז אים מיטאמאָל עפּעס ניט גוט געוואָרן. ער האָט ווי פאַרלאָרן דאָס לאָשן פון מויל, די הענט שלאַבעריק, און די אויגן, ווײַזט אויס, פינצטער, און דער קערפּער — ווי באַלד וועט אומפאַלן.

קאַטערוכע איז באַלד צו אים צו. יענער, זיסיע, האָט זיך אָפּ אים א ביסל אָנגעלענט. אָפּן וועג פון סקלאַד צו די טרעפּ פון קלייט, וווּהין קאַטערוכע האָט אים געפירט, האָט מען געזען, אז זיסיע ווערט בלאַסער און בלאַסער, די אויגן מאַכן זיך אים צו און ער וועט שוין קוים אַן אָנמעכטיקער, די פּיס שלעפּנדיק, צו די טרעפּ צוקומען.

און אז ער איז צו און זיך ווי אַן אונטערגעבראָכענער אראָפּגעלאָזט, דעם קאָפּ אין א זײַט, ווי אין כאַלאָשעס, פאַרוואָרפן, האָט ער פּלוצעם ווי עפּעס א שלוקערץ געטאָן, האָט דאָס מויל געעפנט, און, ווי צום ברעכן, האָט מיטאמאָל פון האַלדז מיט בלוט א גאָס געטאָן.

קאַטערוכע האָט באַלד א ליאַרעם געמאַכט. עליאָקעם האָט אים דעם קאָפּ אויפגעהויבן און אים עפּעס אַן אַלט שטיקל בעגעד, אָנשטאָט א קישעלע, אונ־טערגעלייגט. פון קלייט איז דער נעעמער אַרויס. פון אַרום און אַרום, פון מאַרק, פון די נאָענטע קלייטן האָבן זיך טרעגערס, מעשאָרסים און אזוי זיך אוילעם גענומען צונויפקלײַבן.

מ'איז געשטאַנען, אין די ערשטע מינוטן ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן. אייניקע האָבן גענומען זאָגן: „א דאָקטער... מ'דאַרף א דאָקטער". אַנדערע — אז מ'דאַרף אים אַהיים אָפּפירן. אייניקע זײַנען שוין לעבן אים געשטאַנען מיט וואַסער און געשפּריצט אָפּ אים, אַנדערע האָבן געזאָגט: „מ'דאַרף ניט". אַן אַלטער טרעגער פון מאַרק, פרידל, איז צו אים צוגעגאַנגען און אים גענומען ווי וועקן: זיסיע, לאָז זיך ניט אָפּ... זיסיע, מענטש זיך... זיסיע, נעם זיך אין די הענט...

באַלד האָט מען געזען שוין אָבער גענוג, אז ער איז פאַרבײַ, און פונעם גרויסן אוילעם, וואָס האָט זיך אַרום אים אָנגעקליבן, האָבן זיך גענומען אויסטיילן רעד־לעך און א ביסל אין א זײַט אָפּגיין. די, וואָס זײַנען געבליבן לעבן אים, די מער נאָענטע באַקאַנטע מעשאָרסים, זײַנען געווען אומבאַהאָלפן עפּעס צו טאָן. צוזעענדיק איצט זײַן לאַגע און ווי זיך דערמאָנענדיק אין זייער אייגענער, זײַנען זיי, ווי כּײַעס איבער א קראַנקן זייער גלײַכן, געשטאַנען, געשוויגן און באַדענק־לעכער אונטערטעניקער טרויער אָפּ זייער פּאָנעם.

אַנדערע, וואָס נאָך דעם, ווי זיי האָבן אים אָנגעקוקט א ווײַלע, האָבן פּאַר מיטלײַד און ראַכמאָנעס מער אָפּ אים ניט געקאָנט קוקן און זײַנען אין א זײַט צו א רעדל אָפּגעגאַן, האָבן צווישן זיך גערעדט, זיך געטיילט און צו דער אַל־געמיינער באַדויערונג אויך זייערע צוגעגעבן:

— זיך דערהאָרעוועט... — האָבן געזאָגט אייניקע.

— אונדזערן א ברודערס גליקן...

— אַוואַדע, — האָט א זאָג געטאָן א פרעמד־פאַרבײַגייענדיקע פרוי, ווײַזט אויס, פון אָרעמע גראַד, וואָס דאָס בילד פונעם בלוטנדיקן זיסיען האָט איר

אינ אייגענע, היימישע גרויסע אנגסטנ דערמאָנט: — אוואדע! וואָ־דענ? די נעגידימ גיסנ זיכ גאָלד אינ האלדז אונ בא אָרעמעלײַט גיסט זיכ דאָס בלוט פונ האלדז.

— וויסט איז דער מאמע זײַנער, דער מאלקע-ריווענ! איר לעצטער שוינ איינציקער בוימ, — האָט א זאָג געטאָנ אנ אנדערע, א בארעמהערציקע מארק־ידענע, וואָס איז געקומענ פונ דער מיט ארבעט, פונ א זאָקנ־שטריקנ, אונ וואָס איינס א שפיזל האָט איר אונטערנ אויער געשטעקט.

— וואָס שטייט מענ? וואָס לאָזט מענ אימ דאָ ליגנ? וואָס איז דאָרט פאר אנ אָרט פאר אימ? ער קאָנ זיכ דאָ אזוי אויסגיינ! — האָבנ שוינ אנדערע, פריש־צוגעקומענע געשריגנ.

— זאָל מענ ברענגענ א פורל, זאָל מענ... גיכער! וואָס שטייט מענ?

דעמלט האָט זיכ דער נעעמענ, דער פרומער ליבערזאָנ מיט דער פײַנ-אויסגעקעמטער באָרד, וואָס איז ביז אהער געשטאנענ א קאלטער, א געלאסענער, גלײַכ ער האָט געווארט, אז באלד וועט זיכ זיסיע אליינ אופהייבנ פונ די טרעפ, פונ זײַנ בלוט אונ פונ זײַנ כאלאָשעס, קעדיי פארשפאָרנ פונ פרעמדע מײַלער בארעדט אונ באדויערט צו ווערנ; דעמלט, אז צו זײַנ אויער האָבנ שוינ דערגרייכט די אויסגעשרייענ אונ די פאָדערונגענ עפעס פירצונעמענ אונ עפעס וואָס גיכער אונ וואָס נייטיק איז צו טאָנ פארנ כוילע, אונ דעריקער, דערהערנדיק אויכ, אז פונ זײַטיקע אונ פונ פרעמדע ווערט שוינ דעמ באלעבאָס נאָמענ ניט צומ איבעריקנ גוטנ דערמאָנט, האָט ער, ליבערזאָנ, ווי א שטענדיקער אונ אייביקאָניקער דינער, וואָס אליינ דער נאָמענ „באלעבאָס" מאכט אימ אכטנדיק אופציטערנ אונ איז אימ טײַערער אפילע פונ די האָר פונ זײַנ באָרד, האָט ער זיכ איצט א כאפ געטאָנ, איז אינ קלייט ארײַנגעלאָפנ, צומ טיש־קעסטל צו, פונ דאָרט אייניקע מאטבייעס ארויסגעכאפט, עס אפגיכ פארשלאָסנ, צומ אוילעמ, וואָס ארומ זיסיענ, אראָפ, אונ צו קאטערוכענ, וואָס איז א נידערגעשלאָגענער, ווי אלע די ארומיקע, געשטאנענ, א זאָג געטאָנ:

— גיי ברענג א פורל, קאטערוכע, נא דיר געלט, אָבער זע דינג זיכ.

קאטערוכע האָט אינ עטלעכע מינוט ארומ א פורל געבראכט. ער מיט עליאָקעמענ האָבנ זיסיענ ביידע אונטער די אָרעמס גענומענ אונ אימ פאמעלעכ ארופגעזעצט. עליאָקעמ איז, ווײַל ער האָט נאָכ פיל צו טאָנ געהאט, אינ קלייט פארבליבנ, אונ קאטערוכענ איז דערלויבט געוואָרנ דעמ קראנקנ אהיימ צו באלייטנ.

דער אוילעמ האָט זיכ אינ שטילשווײַגנ ארומ פורל געקליבנ, ביז מ'האָט זיסיענ דאָרט אויסגעריכט אונ אײַנגעמאָסטעט, אונ אויכ נאָכ דעמ, ווענ דאָס פורל האָט גערירט, האָט דער אוילעמ נאָכ א שטיקל צײַט זיכ צוזאמענגעהאלטנ אונ דאָס געשעעניש באהאנדלט.

אליינ נאָר דער נעעמענ, דער געטרײַער בוכפירער מיט דער געקעכלטער באָרד, ליבערזאָנ, האָט זיכ באלד פונ אוילעמ אָפגעטיילט. ער איז אינ קלייט ארײַנ, אונ שטייענדיק, ווי ער איז געווינט געווענ, אונ א ביסל קורצזיכטיק דאָס לענגלעכע עקוויטאריש ביכל פארנ לינקנ אויג האלטנדיק, האָט ווי קעסיידער ער שרײַבט ארײַנ אהינ פארנ קאסע-בוכ, אויכ איצט ארײַנגעשריבנ:

„בעד עגלה להמשרת זיסיע... מה'... קאָפ..."

אָט דעמלט האָט זיך ר׳ מוישע, גראָד פון שטאָט אָנגעקומענ און דעם גראָבנ מארק דורכגייענדיק, פאר דער קלייט זיך באוויזנ. ער האָט, ווי צו א צווייט־מאדרייגע-געשעפט, זעלטנ אהינ ארײַנגעקוקט. איצט אָבער, פארבײַגייענדיק, און פארנ קלייט עפּעס רעדלעך דערזענ, האָט ער פארכידעשטער אהינ אָפּגע-קערעוועט.

דער שמועסנדיקער אוילעם איז מיטאמאָל אנשוויגנ געוואָרנ. מ׳האָט אים שווײַגנדיק דעם וועג אָפּגעטראָטנ און מיט די אויגנ ביז די טרעפּ אויבנ באלייט, און אז ער איז ארײַנ און באלד זיך צום אופצאפּלענדיקנ ליבערזאָנענ, וואָס איז אים אינ גרויס דערעכערעצ אנטקעגנ געלאָפנ, זיך געווענדט, אים א פרעג געטאָנ: — „וואָס איז געשענ? וואָס איז פאר א רעדלעך פארנ קלייט?" — האָט אים יענער אינ גרויס האכנאָע באלד בארויקנ גענומענ:

— ס׳גאָר ניט... ס׳גאָר ניט... ס׳איז זיסיענ דעם מעשאָרעס עפּעס ניט גוט געוואָרנ... ס׳האָט זיך אים געלאָזט דאָס בלוט פונ האלדז, און מע האָט אים נאָר־וואָס אהיימ אָפּגעפירט...

III

אוואדע וואָלט ניט געווענ געדארפט זײַנ אזוי, אז אינ יענעם אָוונט, וואָס נאָכנ אויבנ דערמאָנטנ טאָג, וועגנ וועלכנ מיר האָבנ נאָרוואָס דערציילט, זאָלנ זיך צו ר׳ מוישענ איבעריק מענטשנ צונויפקלײַבנ. צוליב זײַנ שווער געמיט וואָלט בעסער געווענ, ווענ מע וואָלט אים דעמלט געלאָזט צו רו. האָט זיך אָבער געמאכט פארקערט, אז גראָד אינ דעם אָוונט האָבנ מענטשנ זיך יאָ גענומענ קלײַבנ.

צוערשט ליבערזאָנ, דער בוכהאלטער, וועלכער האָט געפילט, אז דער צופאל, וואָס איז הײַנט באטאָג פאָרגעקומענ אינ קלייט מיט זיסיענ, וועט מעגלעך אפּ-דערנאכט האָבנ א געוויסע שטיקל פאָרזעצונג: מעגלעך פונ א געוויסער זײַט וועט פארנ באלעבאָס אָנקומענ ערגערניש, און עס וואָ״ט ניט געשאט, ער זאָל זײַנ דערבײַ, קעדיי, אויב מע וועט דארפנ, ווי ער איז באשטענדיק געווינט, דעם באלעבאָס אונטערהאלטנ און פּאָטאקעווענ.

ער האָט זיך שוינ געדרייט אינ עסצימער, אלעמאָל א גרייטער אנטקעגנ־קומענ יעדנ איינעם פונעם באלעבאָס הויז מיט א בעניםעס-וואָרט, צושטימענ צו אלצ, וואָס יענער וועט ארויסזאָגנ, אפילע וועגנ א נארישקײַט; דערבײַ האָט ער אלעמאָל, ווי זײַנ שטייגער, אפּירגענומענ די פּײַנע באָרד מיט דער לינקער האנט צו פאר זײַנע אויגנ און אפּ איר קעכלדיק ווי אפּ א מינ צאצקע, א פארבײַלויפנ־דיקנ פארגעניגטנ קוק געגעבנ.

דער צווייטער — נאָכעם לענטשער, ר׳ מוישעס איידעם, דער שטיק שולדיקער אינ ר׳ מוישעס ערגער פונ הײַנטיקנ טאָג. ער, וואָס שטענדיק, מערסטנטייל, די אפּדערנאכטנ, האָט ער די טעווע אָפּגעזונדערט בא זיך אינ צימער צו פארברענ־גענ, — צי מיט דער פאמיליע, צי אינ געשעפט-איניאָנים פארטאָנ, און וואָס קומט זעלטנ, אויסער אינ אויסגענומענע פאלנ, אינ שטוב ארויס — אויך ער האָט דאָס מאָל צווישנ אלע זיך געפונענ.

ער האָט זיכ, ווײַזט אויס, נאָכ ניט באַרויִקט פונ דער רײַזע, פונוואַנענ ער איז געקומענ, אונ דעריקער — פונעמ געשפּרעכ מיטנ שווער אינדערפרי, אונ אויכ ער האָט אפּ א פּאָרזעצונג פונ זײַנ איניִענ געוואַרט: עפּשער האָט אימ דער שווער נאָכ וואָס צו זאָגנ, וועגנ דעמ, וואָס ער האָט זיכ מיטנ אַדוואָקאַט אויסגעזעצט, עפּשער וועט ער אימ דאַרפנ, דער שווער, אימ א רופּ טאָנ, קעדײַ אפּ ווײַטערדיקע שריט פאָרצונעמענ זיכ באַראַטנ.

דער דריטער — יאַנקעלע גראָדשטיינ, דער צווייטער איידעמ, „די שטילע טויב“, ווי לײַט אונ די שטוב־מענטשנ פלעגנ אימ רופנ, אָדער ווי די דינסטנ — „דער אינ די זאָקנ“, ווײַל ער פלעגט שטיל שטיינ, גיינ אונ טרעטנ, — אויכ ער, יאַנקעלע גראָדשטיינ, וואָס האַלט זיכ אַוואַדע טאָמער אינ א זײַט פונ אַלע, אַפילע פונ אייגענע אינ שטוב — אויכ ער הײַנט אינמיטנ. ער איז געקומענ פאָר אַלעמענ, שטילינקערהייט באַמ שטילנ ליבערזאָנענ אינ א ווינקל אָפּצונעמענ א באַריכט פאַרנ טאָג אינ קלייט, ווו ער איז הײַנט א שטיק צײַט ניט געווענ, אַזוי ווי ס'מאַכט זיכ מיט אימ אָפט, אַז ער ווערט פאַרפאַלנ אונ מאַנקירט מיט זײַנ סויכער־צײַט גאָר ניט מײַסע סויכער.

ס'האָט זיכ אויכ הײַנט באַוויזנ שאָלעמ שמאַריאָנ — גאָר ניט ווי זײַנ שטייגער איז, אינ די אָפּדערנאַכטנ קיינ פרעמדע הײַזער צו באַזוכנ. ער באַנוגנט זיכ קעסײדער מיטנ טאָג. דעמלט זעט מענ אימ, הערט מענ אימ, דעמלט זײַנענ אַלע זײַנע הינטישע קושיִמ אָנגעשפּיצט, אפּ אומשנאָרענ אונ אפּ אַלצ, וואָס ער באַדאַרפ זיכ צו דערוויסנ, אונ אָפּדערנאַכט דערפאַר זעט מענ אימ שוינ אײַנערגעזעצ, ווײַל דעמלט ליגט ער, ווי מיט די ביינער, וואָס ער האָט פאַרנ טאָג ערגעצ געפּאַקט, אונ כוט זיי אינ זײַנ הינטישער ווינקל לאָכ הריזענ.

דאָס מאָל האָט אימ דער טאָג ניט גענוגט, אונ ער איז געקומענ אויכ באַנאַכט שמעקנ, שנאָרענ: עפּשער א וואָרט, עפּשער א ווונק, א ווײַטנ רעמעז נאָר אפּ דעמ, וועגנ וועלכנ ס'האָט זיכ צווישנ שווער אונ איידעמ אינדערפרי אינ קאַנטאָר באַ ר' מוישענ אונטער א פאַרמאַכטער טיר געהאַנדלט.

ער האָט איצט, ווי אינדערפרי, פריִער זיכ געדרייט אַרומ נאָכעמענ, געפּרווט א שמועס טאָנ מיט נאָכעמס ווײַב, ר' מוישעס יִנגערער טאָכטער, דערנאָכ מיט איר שוועסטער, מיט דער עלטערער, אונ מיט איינעמ וואָרט, ווו נאָר ער האָט געמיינט, אַז ס'וועט זיכ לאָזנ וועגנ יענעמ איניִענ, וואָס אימ אינטערעסירט, עפּוואָס אַרויסצובאַקומענ.

אָט די אונ אויכ אַנדערע אינ שטוב.

ס'האָבנ זיכ הײַנטיקס מאָל אפּ דער קיכ אַרײַנגעשטעלט אויכ עליאָקעמ מיט קאַטערוכענ, וואָס געווײנלעכ קומענ זיי נאָר א שאַבעסצונאַכטס, אונטער א יאָנטעוו, בייס א שטוב-סימכע, אָדער אויכ אינדערוואָכנ אַמאָל טרעפט זיכ, ווענ קאַטערוכע ברענגט א מעציִע פונ מאַרק, וואָס ליבערזאָנ האָט אינ זינענ אונ טוט מיט איר אַמאָל פאַרזאָרגנ דעמ באַלעבאָס קיכ, ווענ א געלעגנהײַט מאַכט זיכ.

אַנ אַנדערשמאָל איז קאַטערוכע פריילעכ, אונ ווי נאָר ער קומט אַרײַנ, אַזוי ווערט די קיכ מיט אימ פול: באַלד האָט ער שוינ דער קעכניע א לאַכנדיקס צו דערציילנ, אויכ דער פּאָקאָיאָווע, דער יונגער גנעסיִענ מיטנ הויכנ לעבעדיקנ בוזעמ

זעם אונטערן מולטענעם קאפטל, וואָס קאטערוכע פארקוקט זיך אפ אים שטארק. ער האָט גנעסיען יעדעס מאָל איינע א געוויסע באמערקונג צו מאכן:

— זע, — ווײַזט ער איר אָן שטארק נאָענט מיטן פינגער אפ איר קאפטל — זע, ס'פּעלט זיך דאָך דאָ בא דיר א קנעפּל, גנעסיע...

דערבײַ כיטרעוועט ער מיט די אויגן און מיטן האָצמאכ־לעצאָנישן פּאָנעם צו יענעם אָרט, ווו ער ווײַזט איר אָן, און זי, גנעסיע, טוט זיך קעסיידער א כאפּ, האקט אים איבער דער האנט, און צוואמען מיט דער קעכניע שעמט זי אים שוין בעשוטפעס:

— א קרענק אפ אים, — זאָגט איינע.

— א מיסע מעשונע, — די צווייטע.

— ער וואקסט אן אויסוואורף, א קאָלבוי, א וואָס אין דער קאָרט, דער מאמזער, דער קאטערוכע.

עליאָקעם, ווען ער איז דערבײַ, לאכט שטיל, גוטמוטיק און לאָזט זיך דערבײַ, צוזאמען מיט קאטערוכען, פון די דינסטן מיט א גוטער זאכ פון די באַלעבאטישע שיראַים אופנעמען — פון עסנווארג און אמאָל מיט א גלאָז טיי באם טיש פון די דינסטן.

הײַנטיקס מאָל זײַנען ביידע, עליאָקעם מיט קאטערוכען, געקומען ניט מיט קיין מיטגעבראכטע מעציִעס פון מארק. הײַנטיקס מאָל האָט זיך אויך קאטערוכע, ווי אַלעמאָל, ניט געווערטלט: ס'איז אים אפן פּאָנעם נאָך דער ערנסט געלעגן פונעם איבערגעלעבטן אין קלייט באטאָג מיט זיסיען, און דערנאָך, ווען ער האָט אים אנגעפּורל באלייט, און וויאַזוי דאָס ווײַב, די קינדער, די מאמע זײַנע מאלקע־ריווע, האָבן אים דערזען אונטער דער האנט אין שטוב ארײַנגעפירט ווערן — פון אים, פון קאטערוכען, און פון דער צווייטער זײַט — פונעם פורמאן, וואָס האָט צוגעהאָלפן.

די רייד אין קיכ האָבן זיך דאָס מאָל (בעסאָד נאטירלעכ) ארום זיסיען גע־דרייט, און אַלע, סײַ די דינסטן סײַ די מעשאָרס'ים, עליאָקעם און קאטערוכע, האָבן עפּעס הײַנט ווי אין קיכ ניט געקאָנט אײַנזיצן, ווי וועלנדיק הערן, וואָס מ'ועט דאָרט, אין שטוב, דערפון ריידן.

אין שטוב דעמלט האָט אָבער דערפון קיינער ניט גערעדט. די שטוב איז מיט אנדערע אינטערעסן פארנומען געווען. איבעריקנס, האָט קיינער, אויסער גע־ציילטע מענטשן, דערפון ניט געוווסט...

ליבערזאָן האָט באם ארײַנקומען אין שטוב, דערזעענדיק גיטעלען א בלאסע, א מאטע און, ווײַזט אויס, נאָך א שווערן קאָפּווייטעק פון באטאָג — זי געשאנע־וועט, און — אָדער ער האָט זײַן דערציילן אפ שפּעטער אָפּגעלייגט, אָדער אינגאנצן גאָר פארשווײַגן בעדייע געהאט, אָדער ער האָט אויך אלײן אין דעם פארגעסן.

ער האָט אויך טאקע געקאָנט פארגעסן, מאכמעס יעדעס מאָל, ווען ער, ליבערזאָן, האָט זיך געפונען אין באַלעבאָס הויז, האָט ער זיך געפילט, ווי אפ ספּראָנזשינעס: יעדעס מאָל גרייט אופצושפּרינגען און מיט גרויס קאָווּעד עמעצן פון די שטוב־לײַט אויסצוהערן, ווען מע האָט זיך צו אים געװענדט; און אז אנדערשמאָל, ווען ניט געווענדט — זיך צו דער צײַט אין א געשפּרעך ארײַנמישן

און אונטערזאָגנ, װעמענ מע דארפ און װעמענ מע דארפ ניט, אַבי נאָר דעמ, װאָס האָט צו זייַנ באַלעבאָס שטוב אוואָסער־ניט-איז שייַכעס.

מ'האָט אינ שטוב דעמלט אָוונט־טיי געטרונקענ. גיטעלע האָט געזעגנ, אז די שווערע שטימונג, מיט וועלכער איר מאנ, ר' מוישע, איז אינדערפרי פונ שטוב ארויס, האָט זיכ בא אימ פארנ טאָג פארגרעסערט, אז צו דעמ, מיט וועלכנ ער איז ארויס פונ שטוב, איז אימ עפּעס דאָרט פארנ טאָג אפנ וועג נאָכ צוגעקומענ. זי וואָלט אימ אנ אנדערשמאָל אינ אזא פאל געוויס געייצעט זיכ גיינ צולייגנ. אָבער הייַנט, זי ווייסט אליינ ניט פארוואָס, האָט זי גאָר געטאָנ ווי דעמ היפּעכ: ניט געגונג וואָס זי האָט ניט געזעגנ אימ צו דערוויַיטערנ פונ שטוב, פונ טומל, פונ פרעמדע מענטשנ און פונ אלצ, וואָס קאָנ אופרעגנ אינ אנ אופגערעגטנ צו־שטאנד, האָט זי נאָכ פארקערט געטאָנ: ס'איז איר פּלוצעמ אייַנגעפאלנ עמעצנ שיקנ, מע זאָל גיינ לוזינ צומ טיש, צו דער אָוונט-טיי רופנ.

דער, וועמענ זי האָט געשיקט, איז אוועק, אָבער באלד טאקע האָט זיכ פונ די וויַיטע צימערנ ניט נאָר לוזי אליינ, נאָר צוזאמענ מיט אימ נאָכ איינער, צוזאמענ מיט אימ אויכ סרולי, באוויזנ.

דאָס זייַנענ זיי פונ לוזיס אלקער און פונ יענעמ געשפּרעכ געקומענ, פונ וועלכנ לוזי האָט הייַנט אינדערפרי אימ, סרולינ, אפ שפּעטער, אפ באטאָג, אפ פארנאכט אָפּגעלייגט. איצט האָבנ זיי אימ, ווייַזט אויס, געהאט, דעמ געשפּרעכ, וועלכנ מיר זאָגנ זיכ אָפּ איצט אימ איבערצוגעבנ, מאכמעס ער וואָלט אונדז דאָ איבעריקס און צו לאנג פארהאלטנ, אָבער צו וועלכנ שפּעטער, אפ אנ אנדער אָרט, וועלנ מיר זיכ צו אימ נאָכ אומקערנ.

ביידע האָבנ האָפּערדיק אויסגעזעגנ, ווי צופרידנ איינס פונ אנדערנ, און דאָכ סרולי מיט מער דערעכערעצ, ווי לוזי צו אימ, אזוי איז באמ אריַינקומענ און באמ שוועל אריבערטרעטנ האָט סרולי לוזינ פאָרויסגיינ געלאָזט, אימ דאָס ערשטע אָרט אָפּגעטראָטנ.

אינ שטוב איז דאָס אנ איבעראשונג געווענ. דער רוישעמ, װאָס דאָס האָט געמאכט אפ אלעמענ, דעריקער אפ די אייגענע פונ שטוב, איז געווענ א וווּנ־דערלעכער: ווי קומט לוזי גאָר צו סרולינ, און ווי האָבנ זיי זיכ גאָר געטראָפנ אזוינע איינער מיטנ אנדערנ? דערצו נאָכ אזוי אופגעלייגט און ווי נאָכ עפּעס א מינ געשלאָסענער אכדעס — אזוי האנט בא האנט, אזוי היימיש־ברודעריש...

קיינער האָט פאַ־נאכט ניט באמערקט, ווי סרולי איז אריַינ צו לוזינ, קיינער האָט דאָרט דעמ גאנצנ אָנהייב-אָוונט זייער צוזאמענ זייַנ ניט כוישעד געווענ, און איצט, אז גיטעלע האָט זיי ביידע אפ דער שוועל אופטרעטנ דערזענ, האָט זי געוואָלט אזש אויסשרייַענ פונ פארווונדערונג. ר' מוישע האָט זיכ אומרויִק פונ זייַנ בענקל א הייב געטאָנ, אויכ די איבעריקע אייגענע — דאָס זעלבע.

ביידע, לוזי און סרולי, האָבנ באלד פארנומענ ערטער באמ טיש. לוזי האָט זיכ געלאָזט טיי דערלאנגענ, אויכ סרולי. דערבייַ זייַנענ זייערע ערטער אויסגע־קומענ איינס לעבנ אנדערנ און סרולי האָט זיכ א ביסל אויסגעדרייט מיטנ רוקנ צו די אלע, וואָס זייַנענ אינ זייַט געזעסנ און מיטנ פּאָנעמ מער געקערעוועט צו לוזינ.

ס'האָט שוין געהאלטן דערביַי, אַז, דאָס צוזעענדיק, זאָל ר' מוישע איצט פון זייַן בענקל זיך אופהייבן אַפ אוועקצוגיין, ווי ער האָט עס איינדערפרי געטאָן. באזונדערס נאָך אַצינד, ווען ער האָט פאַר זיך אַי לוזין אַי סרולין עפּעס ווי צונויפגערעדטע געהאַט און זייער אַכדעס האָט אים געשטאָכן.

ס'האָט אויך געהאלטן דערביַי, אַז גיטעלע, קוקנדיק אַפ ר' מוישען און אים גוט קענענדיק, און זעענדיק זיַין ערגער, און מוירע האָבנדיק פאַר דעם, וואָס מע האָט באַדאַרפט מוירע האָבן, פאַר דעם, וואָס האָט זיך איצט אַפן סייכל געלייגט — פאַר עפּעס א קריג צווישן די ברידער, א קריג, וואָס פרעמדע מענטשן וועלן בא איר בייַזייַן און דער ביזויען וועט נאָך זיַין מאָפּלט, — האָט שוין געהאַלטן דערביַי, אַז איר קאָפּווייטיק פון טאָג, וואָס האָט איר שוין געהאַט א ביסל נאָכגעלאָזט, זאָל זיך איצט ווידער אָפּרופן און פאַרשטאַרקן, און זי האָט טאַקע באַלד מיט די הענט די שלייפן א פּרווו געטאָן, זען, צי ער הייבט זיך איר ווידער ניט אָן...

האָט אָבער אין דער מינוט געטראָפן, אַז אַפ דער שוועל, פון טיר אָנקומענדיק, האָט זיך א פרוי אַרייַנגעשטעלט. א הויכע, העכער פון מיטעלער וווּקס, אין די פּלייצעס א גלייַכע, מיט א שאַל אַפ די אַקסל, און דאָס איז געווען מאַלקע־ריווע, זיסיע דעם הויפּט־מעשאָרעס מאַמע.

זי האָט, — ניט געקוקט, וואָס ס'האָט זי הייַנט דער גרויסער אומגליק געטראָפן, וואָס דאָס לעצטע שטיקל זון האָט זיך איר אוועקגעלייגט, און פון איר פריִערדיקער דערפאַרונג האָט אויך געוווּסט, אַז ס'איז ערנסט, און אַלעוויַי דער סאָף זאָל אים זייַן א גוטער, — ניט געקוקט דערויף, האָט זי דאָך, גייענדיק איצט צום גוויר, צום ווייַטן מאַנס קאָרעוו און צום זונס באַלעבאָס, אויך דעם שאַבעסדיקן שלייער אָנגעטאָן — דער, וואָס פאַרקעמט זיך שטאַרק גלאַט אַפביידע קאָפּ־זייַטן מיט א שרונט אין מיטן, אויך אירע מעשענע צוויי לאַנגע זיך באָמבלענדיקע אויריינגלעך, די לעצטע, וואָס זייַנען איר נאָך פון אַמאָליקע גוטע צייַטן פאַרבליבן, און וואָס קיינער האָט זיי שוין ניט געקויפט, און אין שלעכטע צייַטן האָבן זיי זיך שוין אינערגעצ ניט געלאָזט פאַרזעצן.

יאָ, ניט געקוקט דערויף, דאָך אין שלייער און אין די אויריינגלעך. ווייַל אַזאַ איז זי שוין געווען, מאַלקע־ריווע: אַן אויסטערלישע, מיט א שטאַרק מאָדנע־אויסגעהאַלטענעם כאַראַקטער, באַזונדערס אין א צאָרע־צייַט א שטיק מאַנצבל, און אַפילע מערער — געזינטער און אויסגעהאַלטענער פון א מאַנצבל.

מ'האָט זי אַלע געקאָנט און מע האָט זי אַלע שטאַרק געאַכטעט. און ס'איז געווען פאַר וואָס: ווייַל אין איר געשטאַלט איז א קליינער איִעוו אַרומגעגאַנגען, אויך אַזוי ווי יענער א געשלאָגענער, אָבער ניט, ווי יענער, קיין געבראָכענער.

זי האָט אין לעבן פיל איבערגעהאַט, פיל אויסגעשטאַנען, אָבער אירע טריט און איר קאָל פעסטע, און אין די פּלייצעס א גלייַכע. זי האָט באַלד נאָך דער כאַסענע אָנגעהויבן קינדלען. בא יעדן „טראָגן“ געבלוט, גאַנצע פעסער אָפּגעגעבן. מ'האָט געמיינט, זי עקט זיך, אָבער אָפּגעהאַט, געבוירן — איז זי ווייַטער געזונט. „טראָגט“ ווייַטער און בלוט ווייַטער. דאָקטוירים האָבן זי שוין, ווי א פּענאָטען, גע-

קאָנט, האָבן אופגעהערט איר מעדיצינ געבן, און ווײַבער האָבן זיך אופגעהערט בידעשן: מאלקע־ריווע.

זי האָט אזוי זיבן זינ אויסגעשיט, זיי דערצויגן, אינ גוטע צײַטן — מיט גוטס געהאָדעוועט, אינ שלעכטע — זיי אפ ארבעט צו פרעמדע אָפגעשיקט. אָבער קינדער — איינס אינ איינס, ווי די ליכט, גרויסע, הויכע, שטאלטנע, מיט רויטע באקן.

נאָר דאָ האָט זיך עס אָנגעהויבן: ווי זיי זײַנען אונטערגעוואקסן, אזוי האָט אינ איינעם א שיינעם טאָג איינער אנ אכצניאָריקער זיך אוועקגעלייגט, האָט אינ א פּאָר באדאָשים ארום מיט טרוקענעם הוסטן און פאלשע רויטע באקן אָפּגעברענט, און אוועק. דער צווייטער — א צווייטע פּאָר באדאָשים — און דאָס זעלבע. אזוי איינס נאָך איינס, און די קלאָלע האָט זיך בא איר פאר א פעסטן גאסט באזעצט.

יעדעס מאָל, ווענ מ׳פּלעגט פונ איר שטוב א פרישן זונ ארויסטראָגן, באזונדערס ווענ עס האָט שוינ געהאלטן בא די לעצטע, באם פינפטן, זעקסטן, האָבן שוינ די געזונטסטע מאנצבילן פונ די נאָענטסטע, פונ די אייגנסטע אפילע, מוירע געהאט צו דער לעווייַע צו קומען, ווײַל ווער קאָנ אזוינס דען צוזען? די, וואָס זײַנען אָבער אפ די לעווייעס יאָ בײַגעווענ, האָבן מאלקע־ריווען קעסיידער געטראָפן אינ דער שאל אפ די אקסל, די אויגנ טרוקן, גיט געוויינט, ניט געליארעמט. נאָר יעדעס מאָל, אז מ׳האָט שוינ געהאלטן בא טארע און זי פלעג זיך אינ שטוב מיט א הימישן מיט אנ עלטערן, דעריקער מיט א פרומען מאנצבל אָנטרעפן, פלעגט זי אים אָפּשטעלן, אפ אים א טרוקענעם קוק געבן, שטיל זיך ווענדן און ווי געשעפטלעך א זאָג טאָן:

— הא, וואָס זאָגט ער? מ׳זאָגט, דאכט זיך, אז ס׳איז דאָ א גאָט אפ דער וועלט...

— וואָס דערסטו, מאלקע־ריווע — פלעג יענער אינ גרויסן מיטפּילנדיקן צאר, אָבער, פאר אירע ווערטער מוירע־האָבנדיק, זי פונ לעסטערנ וועלן אָפּהאלטן.

— איז ווו איז ער, הא?

דאָס מאָל, אז מ׳האָט איר הײַנט זיסיען, דעם לעצטן, א בלאסן, א האלב־אונ־טערגעבראָכענעם, מיט שטעכיקע האָר אפן פּאָנעם, אהיים געבראכט און אים גלײַך אפן בעט אוועקגעלייגט, האָט זי ווײַטער, ווי איר שטייגער, קיינ קוילעס ניט גע־מאכט, דאָס ווײַב פונ זײַן בעט ווי אָפּגעשאַרט, די קינדערלעך אינ א זײַט געהייסן אָפּגיין, צוגעגאנ, א קוק געטאָן און א זאָג געטאָן: „זונ מײַנער" און ניט מער. נאָכדעם האָט זי שוינ דעם איבעריקן טאָג דאָס ווײַב אים געלאָזט באדינען, אויך די קינדערלעך לעבן אים שטיין, און פארנאכט, ווענ ס׳איז טונקל געוואָרן, האָט זי אינ א ווינקל צימער איר שלייער אָנגעטאָן, די שאל אפ די אקסל גענומען, און פונ דאָרט, ווו זי און זיסיע האָבן ווײַט געוווינט, אזש אינ דריטן רינג, אהינ, אינ דער צווייטער עק שטאָט, ווו ר׳ מוישעס הויז האָט זיך געפונען, זיך געלאָזט.

אז זי איז ארײַנ אינ קיך, האָבן זי גלײַך פארפריִער קאטערוכע און עליאָקעם, נאָכדעם די דינסטן באמערקט. ניט זיי איר און ניט זי זיי האָבן קיינ וואָרט ניט געזאָגט, נאָר אלע אינ קיך בײַזײַענדיקע האָבן זי מיט באלייטנדיקע אויגנ דורכגעלאָזט, און אז זי איז די קיך דורכגעגאנגען, האָבן אלע יענע, פאר זיך אליינ ניט באמערקט פונ זייערע ערטער — ווו־ווער געשטאנענ און ווער־ווו געזעסן — זיך גערירט און אופגעהויבן, און ווי געצויגן פונ מאלקע־ריווען, נאָך איר גלײַכער שטאלטנער פּלייצע מיט דער שאל, וואָס אפ איר, נאָכגעגאנ.

אז זי איז אַרײַן, אַז זי האָט זיך געוויזן, האָט זי צוערשט דערזען ר' מוישען, וואָס איז געזעסן אויבנאָן אַפֿ זײַן אָרט באַם טיש. ער האָט אויך דערזען, ווי הינטער איר, ווי זיך נאָכצי'ענדיק נאָך איר, האָבן זיך שטיל, איינער הינטערן אַנדערן די קיך־לײַט, די מעשאָרסים, דינסטן אַרײַנגעשטעלט, גלײַך זיי וואַרטן פֿון איר, מאַלקע־ריווען, אָנקומענע און פֿון דעם, וויאַזוי מ'וועט זי דאָ אין צימער באַגעגענען, ווי אַפֿ עפּעס אַ מין פֿאַרשטײענדיקער פֿאַרשטעלונג.

באַלד נאָך ר' מוישען האָט זי אויך גיטעלע דערזען, און אויך זי — די אונטער־קומענדיקע הינטער איר, און די זאַך איז איר געווען אַ כידעש, און זי האָט זיך אַ פֿאַרוווּנדערטע געווענדט צו ר' מוישען, צו דעם, וואָס יעדעס מאָל, ווען זי איז אין אַ פֿאַרלעגנהײַט, ווען זי פֿאַרשטייט עפּעס ניט און זוכט באַשייד.

ס'האָט אויך באַלד ליבערזאָן זי באַמערקט, און ער האָט שוין געוואָלט אויפֿ־שפּרינגען, איר אַנטקעגנלויפֿן, און דער ערשטער בא איר אַ פֿרעג טאָן: „וואָס מאַכט ער?"... ניט אַזוי צוליב זײַן אייגענעם אינטערעס, נאָר צוליב דעם, וואָס דער איניקע איז דאָך די באַלעבאַטים נעגייע.

באַלד אויך האָט סרולי, וואָס, ווי געזאָגט, איז ער מיט אַ זײַט אויסגעקערע־וועט געווען, — און דאָס איז דאָך פֿאַרשטענדלעך, אַז מיט יענער זײַט איז ער צום אויבנאָן געווען געקערעוועט, און מיטן פּאָנעם צו דער טיר, וואָס פֿירט פֿון קיך, געווענדט, — אויך סרולי, אַז ער האָט זי דערזען, האָט ער באַלד מיט זײַנע פֿאַרשאַרפֿטע כוש דערפֿילט, אַז דאָ איז עפּעס פֿאַרן טאָג אָן זײַן וויסן געשען. וואָס אַזוינס — האָט ער ניט געקאָנט טרעפֿן, אָבער אין פּאָנעם בא מאַלקע־ריווען האָט ער דאָך עפּעס געלייענט, און דעריקער, אין דער נײַגעריקײַט און מוירע, וואָס אַפֿ די דינסטנס און מעשאָרסימס פּנ:עמער אויסגעדריקט, און דאָס האָט אים שוין פֿון אָרט אונטערגעהויבן, אינגאַנצן צו יענער זײַט אים אויסדרייען גע־מאַכט, און אינגאַנצן שוין אָנגעשפּיצט, ווי אַ מילכאָמע־פֿערד, ווען ס'דערשמעקט דעם שאַל־האָרן.

און נאָך סרולין אויך די אַנדערע שטוב־לײַט, און אַפֿילע די געסט אין שטוב.

מאַלקע־ריווע דעמלט, וואָס זי האָט געהאַט פֿון איר היים אַ גרויסן וועג דורכצומאַכן, אַ גוואַלדיקן שטיק מעהאַלעך דורך דער גאַנצער שטאָט קימאַט, וועל־כער איז געווען שוואַך באַלויכטן, נאָר מיט ליכט און לאָמפּן, וואָס האָבן זיך פֿון די נידעריקע פֿענצטער פֿון די הײַזער ווי אַרויסגעזען, — מאַלקע־ריווע האָט איצט, פֿון דער פֿינצטער אָנקומענדיק, זיך געטראָפֿן אין דער שטאַרק־באַלויכטע־נער נעגידישער עס־שטוב מיט דער האַרכאָווע, מיט די געסט בא דער טיי אין שטוב באַם טיש; זי האָט, דאָס דערזעענדיק, זיך דערמאָנט, פֿונוואַנען זי קומט — פֿונעם ענגן אַלקער, וואָס כאָטש זויבער, ריין, ווי איר זיס'ע האָט ליב און פֿאָ־דערט פֿון זײַן ווײַב זויבערקײַט. אָבער אָרעם, נאַקעטלעך, אַפֿילע ווען אַלע זײַנען געזונט אין שטוב, ביפֿראַט הײַנט, ווען ער, זיס'ע, האָט זיך אַ כוילע באַוויזן, איז שוין גלײַך די אָרעמקײַט מיטאַמאָל אין צוויי מאָל, דרײַ מאָל דאָך אויסגעוואַקסן, איז אָט, זיך דאָס דערמאָנענדיק, און האָבנדיק דעם גווירס שטוב און די גרויסע ליכט פֿונעם הענגלאָמפּ איצט פֿאַר די אויגן, האָט זי זיך אַ ווײַלע אופֿגעהאַלטן,

אַף דער שוועל קימאַט שטיין געבליבן, און נעענטער אין צימער אַרײַנצוקומען וי קיין פּיס ניט געהאַט... באַלד אָבער האָט זי צום טיש אַ גיי געטאָן און צום אויבנאָן זיך אַ רוק געגעבן, קעדיי זיך שטעלן בײַ דער זײַט פֿון ר׳ מוישען, צוליב וועמען, אײַגנטלעך, זי איז געקומען און געשעפּטלעך באַדאַרפֿט האָבן זיך צו ווענדן, און באַלד האָט זי זיך טאַקע געווענדט צו אים.

דערבײַ זײַנען אַלע בײַם טיש אַנשוויגן געוואָרן. סרולי האָט זיך מיטאַמאָל צו זײַן צווייטער זײַט אויסגעקערעוועט, אַהין, וווהין פֿריִער האָט ער ניט געוואָלט קוקן — צום אויבנאָן, הייסט עס; אויך לוזי — מיט זײַן בליק אַהין, אָפּגערעדט שוין פֿון אַלע איבעריקע.

און מאַלקע־ריווע האָט אַ זאָג געטאָן:

— ער ווייסט מיסטאַמע, מוישע (זי האָט אים ניט געירצט, ווײַל זי איז אים אַ קרויווע, ווײַל זי מיט אים אין איינע יאָרן, און ווײַל, ביכלאַל, האָט זי, דאַכט זיך, קיינעם ניט געירצט), צוליב וואָס זי איז איצט געקומען, וואָס ס׳האָט הײַנט מיט איר זיסיען געטראָפֿן?

— יאָ, ער ווייסט.

— ער ווייסט מיסטאַמע אויך, אַז די שטוב האָט אַזוי אויך געלעבט אין נויט און אין דאַכקעס, ביפֿראַט איצט, ווען מע דאַרף דאָקטוירים, רעפֿועס אאַז״וו.

— איז וואָס קאָן מען העלפֿן, אויסער דעם, וואָס ביז ער וועט געזונט ווערן וועלן זײַנע סכירעס אים גיין, ווי ביז אַהער געגאַנגען?

ר׳ מוישען האָט גלײַך, ווײַזט אויס, פֿאַרדראָסן, וואָס זי, מאַלקע־ריווע, האָט שוין דעם ערשטן טאָג, ווי נאָר דאָס אומגליק האָט זיך איר געמאַכט, קיין צײַט ניט געהאַט און גלײַך געקומען מײַסע־קאַפּצן בעטלען, קיצווע מאָנען. דערצו נאָך ווען אַפֿילע שוין יאָ געקומען, האָט דאָך דאָס באַדאַרפֿט מאַכן שטילערהייט, ניט פֿאַר אַלעמען אין די אויגן, ניט צו אים אַליין זיך ווענדן, נאָר פֿריִער גיטעלע אָפּרופֿן, און גיטעלע וואָלט מיט אים וועגן דעם שוין געווען איבערגערעדט, און מ׳וואָלט שוין ווי־ניט־איז געטאָן, וואָס מעגלעך...

ער האָט דערום גלײַך בײַם אָנהייב געשפּרעך מיט איר שוין זיך געוואָלט פֿון איר אָפּטשעפּען, מאַכן דאָס בעקיצער: קיין גאַזלען, הייסט עס, איז ער דאָך ניט, און וואָס מע טוט, און ווי מענטשן זײַנען זיך נויהעג אין אַזוינע פֿאַלן, ווייסט ער.

זי, מאַלקע־ריווע, אָבער האָט זיך זײַן גווירישע לאַגע צום האַרצן ניט גענומען, זיך ניט געקאָנט נעמען, ווײַל צום האַרצן איז איר געווען נעענטערס... ווײַסנדיק, אַז זיסיעס קרענק און אַוועקלייגן זיך איצט איז ניט אַף קיין קאַטאָוועס, ווײַסנדיק אויך, אַז וואָכערניקעס ווייסן ניט פֿון קיין קרענק און זיי וועלן זייערס קומען מאָנען, און דאָס רובל מיטן פּערטעלע די וואָך, ווען אַפֿילע ער, דער באַלעבאָס, ר׳ מוישע, וועט אַ צײַט ניט מיד ווערן דאָס צו געבן, וועט איצט, בײַ דער איצטיקער לאַגע, ניט קלעקן דער כּינדסטער נויט אַפֿילע דאָס מויל צו פֿאַרשטאָפּן.

און זי, מאַלקע־ריווע, האָט דאָס אים אַלץ געזאָגט פֿאַר אַלעמען אין די אויגן, אין די אויגן פֿון אַלע די, וואָס זײַנען איצט געזעסן בײַם טיש, און אויך פֿאַר יענע, וואָס זײַנען בײַ דער טיר געשטאַנען.

— איז וואָס וויל זי? — האָט זיך ר׳ מוישע דאָ פון בענקל א הייב געטאָן, — איז וואָס נאָך קאָן ער טאָן? ס׳איז אזוי אויך איבערגענוג, און פון זײַן זײַט איז ער שטענדיק יויצע, און פאר קרענק איז קיינער ניט געוואָרנט, און אז מע קאָן ניט אין דער היים, אז ס׳איז שווער אויסצוהאַלטן דעם כוילע, איז דערופ דאָ א ביקער-כוילים.

— א ביקער-כוילים?! וואָס רעדט ער, מוישע? וואָס האָט ער געזאָגט? ער איז דאָך אַליין געבע אין ביקער-כוילים, ער ווייסט דאָך, ווער ס׳קימט אהין אָן, ווער ס׳ליגט דאָרט, און ווייסט, וויאַזוי מ׳גייט דאָרט ארום כאלאָים?

— מ׳גייט, — האָט ר׳ מוישע איבערגעשלאָגן און די אים ניט-אָנגענעמענע רייד ניט געוואָלט הערן, — מ׳גייט, ווי מע קאָן, וויפל די שטאָט גיט געלט דערופ און לאָזט זיך קאָסטן. וואָס קאָן מען מער, וואָס קאָן מען בעסער?

— מוישע, — האָט דאָ מאלקע ריווע זיך א שטעל געטאָן, אזש די מעשענע אוירינגלעך האָבן זיך איר א באָמבל געטאָן און די שאַל פון די אקסל האָט זיך גענומען אראָפּרוקן אפ צו פאלן, — מוישע, דו זאָלסט ניט געפרווווט ווערן! איך בין א געפרווטע, און איך בין צו דיר געקומען ניט נאָך קיצווע, נאָר מאָנען, וואָס סע קומט! בא דיר איז ער קראַנק געוואָרן, בא דיר, אין דײַנע רײַכע געשעפטן, האָט ער זײַנע אָרעמע קיכעס אוועקגעלייגט, און דו ביסט מעכויעוו, לויט אַלע דינים, וואָס שטייען אין דער טוירע, און אויב עס שטייט ניט, מעג עס שטיין.

— מעכויעוו?

— יאָ, מוישע!

— איז וואָס זאָל ער טאָן?

— וואָס טאָן? — האָט דאָ פּלוצעם דער מעשוגענער סרולי, וואָס קיינער האָט אים ניט געפרעגט און אפ זײַנע וואָרט, נאטירלעך, ניט געוואַרט, א זאָג געטאָן אזוי הויך, אזוי קלאָר און אזוי אומגעריכט, אז בא אַלע אין די אויערן האָט אזש אָנגעהויבן קלינגען, — וואָס טאָן? וואָס מע דארף! וואָס מע טוט פאר זיך! און אויב ביקער-כוילים, זײַנען גאבאָים בילכער — אַליין דאָרט א בעטל צו פאר-בעטן און אויספרווון, זען, ווי געשמאַק ס׳איז דאָרט א געזונטן, ביפראט דעם, וואָס שפּײַט מיט בלוט...

די האָזע פון סרולין דאָס מאָל איז געווען אזוי אומגעריכט, אזוי גוואַלדיק, אז אַלעמענס אויגן האָבן זיך מיטאמאָל צו אים א ווענד געטאָן, ווי צו א זאך, וואָס פאלט פּלוצעם און אומגעריכט אראָפּ פון באַליק.

גיטעלע האָט זיך א הייב געטאָן, ווי איר מאַן צו באַשיצן, ליבערזאָן — אויך, און גלײַך ער האָט ניט געגלייבט דאָס געהערטע צו הערן. אַלע אָנגעשטרענגט, אין אויך לוזי האָט אפ סרולין — ניט צו באמערקן געווען, צי מיט טארומעס, צי פאַרקערט, מיט צושטימונג, — א קוק געגעבן.

און אַליין ר׳ מוישע, וואָס דער טאָג איז אים הײַנט א שווערער געווען: אינדערפרי פון דער געבראַכטער ליבער יעדיע פון זײַן איידעם, דערנאָך באַם אדוואָקאט, פון וועלכן ער איז, ווײַזט אויס, אויך ניט קיין איבעריק געטרייסטער ארויס, און איצט נאָר אזא זאך — מיט א כוילע, מיט א מאלקע-ריווען, מיט דינסטן

און מעשׂאָרסים, וואָס שטייען בא דער טיר אין א בינטל און הערן, וואָס דאַרפֿן ניט, און אויך אַנדערע, און, איבער אַלעמען, אָט דער מעשוגענער, דער ניט־גערופֿענער, ניט־געבעטענער, וואָס חירקט אַף אים שטענדיק ביטער, באַזונדערס היינט, און דערצו נאָך בא דער רעכטער האַנט פֿון זיין ברודער, און נאָך דערצו אַזאַ באַליידיקונג, — אַליין ר' מוישען, זאָגן מיר, איז דעמאָלט, נאַטירלעך, גאָר ניט געבליבן, אויסער פֿון זיין אָרט זיך א הייב טאָן, אין טיש א קלאַפּ טאָן, און א געשריי צו טאָן צו סרולין ניט מיט זיין קאָל, און אַפּילע, ווי א מענטש, וואָס גייט אַרויס פֿון די קיילים, זעלטן:

— אַרויס פֿונדאַנען! אַרויס פֿון מיין שטוב!!

דעמאָלט האָט לוזי, וואָס האָט ביז אַהער געשוויגן, אין געשפּרעך זיך ניט געמישט, און, ווי ס'ווייזט אויס, אַפּילע ניט בעדייע געהאַט זיך צו מישן, — איצט, אַז ער האָט זיין, מוישעס, געשריי דערהערט און ווי אַלע פֿון דעם געפּלעפּט געוואָרן, ווייל ער האָט ניט געוווּסט, מיט וואָס וועט סרולי דערויף ענטפֿערן, און ביכלאַל, ווייל פֿון אים, פֿון מוישען, אַף אַזאַ קאָס זיך ניט גערעכט און אַף אַזאַ זאַך, ווי א מענטש פֿון שטוב אַרויסטרייבן, — דאָ האָט לוזי, אַף סרולים זייט זיך שטעלנדיק, זיין קאָל געהעכערט, אויך ער האָט פֿון זיין אָרט זיך אויפֿגעהויבן, און איבערן טיש אַריבער, איבער אַלעמענס קעפּ און צו זיין ברודער אין פּאַנים א זאָג געטאָן:

— זאָל ער מעכילע בעטן, מוישע, ער האָט א מענטשן פֿאַר א ראַבים מע־ווייעש געווען. זאָל ער אים טייקעף איבערבעטן.

— ער, מוישע... אים, סרולין... איבערבעטן?

— יאָ, ער — אים.

— אַזוי זאָגט ער? א מענטשן מעווייעש געווען? ס'איז דאָך אָבער קיין מענטש ניט, ס'איז דאָך אַן אָנשיקעניש, וואָס פֿרייט זיך אַף אַלעמענס אומגליקן, און ס'איז שוין לאַנג צייט, מע זאָל אים פֿון אומעטום, פֿון אַלע הייזער אַרויס־טרייבן.

— אָבער ווו האָט ער עס געזען, ווי מע טרייבט? „פֿון מיין שטוב" זאָגט ער, פֿון דיינער?.. פֿאַרוואָס עפּעס פֿון דיינער?... לי הבית...[1]

— האַלט ער אים, הייסט עס, אונטער. איז אויב אַזוי, — האָט דאָ ר' מוישע אויסער זיך פֿון קאַס אויסגעשריגן, — וועט אים אויסקומען צוזאַמען מיט יענעם אויך אים, לוזין, איבערצובעטן.

— מוישע! — האָט דאָ גיטעלע איר מאַנס מיין און די גרויסע באַליידיקונג אויך אַף לוזיס אַדרעס געשיקט, פֿאַרשטאַנען און אויסגעשריגן — מוישע!

— טאַטע! — האָבן אויך די טעכטער פֿאַרשטאַנען, אויך זיי אויסגעשריגן, און זיי זיינען צו זייער פֿאָטער, צו ר' מוישען, צו, אים אין זיין קאַס אָפּצו־האַלטן און ווי זיין מויל פֿון ווייטער ענלעכע אַזוינע ווערטער אַרויסצולאָזן אָפּ־צוהיטן.

— שווער! — האָבן אויך די איידעמס פֿאַרציטערטע צו אים זיך א לאָז געטאָן...

---

1 „צו מיר קער דאָס הויז" — א פּאָסעק אין ביבל.

און ר' מוישע, כאפנדיק זיך, וואָס ער האָט דאָ נאָרוואָס איין גרויס קאָס פון מויל ארויסגעלאָזט, האָט זיך נאָך מער צעקאַסט, און, ווענדנדיק זיך צו דער קלוימערשטער סיבע, צו דער איקער-כיבע פון זיין גוואַלדיקער אופרעגונג, צו סרולין, מיט אן אופגעהויבענער האנט, ווי ארויסגעריסן זי פון דעם רעדל היי־מישע, אייגענע, וואָס האָבן אים ארומגערינגלט, האָט ער אים מיט איר אָפּ דער טיר אָנגעוויזן און ווידער אויסגעשריגן:

— ארויס פונדאנען! דיין פוס זאָל זיך דאָ מער ניט געפינען! און אויב דער איז א מענטש, — האָט ער ווייטער געשריגן און איצט שוין צו לוזין זיך געווענדט, — אויב יענער א מענטש, איז ער, לוזי, אים קיין ברודער...

— מוישע! טאטע! שווער! — האָבן זיך דערהערט פארציטערטע קולעס, אויס־געשרייען פון לעבן ר' מוישען, פון זיינע אייגענע, וועלכע האָבן אים ארומגע-רינגלט.

און ווונדערלעך: סרולי האָט דעמלט ניט געשאָלטן, זיך ניט קעגנגעשטעלט, אפילע דאָס מויל ניט געעפנט — ניט ווי זיין שטייגער אפילע אין גרינגערע פאלן, ווען די באליידיקונג א נישטיקע, ביפראט איצט, בא אזא פאל, וואָס מיט אים האָט זיך געמאכט זעלטן, ריכטיקער קיינמאָל ניט. ער האָט זיך נאָר פון טיש אָפּגעדרייט, מיט אן אָפּגעבויגענעם קאָפּ פון אים אָפּגעגאנגען, קעדיי אין יענעם ווינקל, ווו ער האָט אינדערפרי זיין טאָרבע אָפּגעלייגט, זי איצט אופצוהייבן.

ס'איז ניט פארשטענדלעך, פארוואָס האָט איצט סרולי ניט ווי אלעמאָל זיך געפירט און געטאָן; פארוואָס ניט, ווי ער קאָן און ווי ער איז בעקויעך זיך ניט באוויזן. מעגלעך דערפאר, וואָס דער איצטיקער פאל איז פאר אים אליין געווען אן איבעראשונג, מאכמעס ער האָט דערזען, אז אנדערע קאָנען אויך דאָס זעלבע, וואָס ער, - ביז דער לעצטער כוצפע און פאר קיין זאך זיך ניט אָפּשטעלן.

אָבער ניין. גיכער פון אלץ דערפאר ניט, ווייל ער האָט באמערקט, ווי אין דער מינוט, וואָס ער האָט זיך פון טיש אָפּגעדרייט, האָט אויך לוזי, וואָס האָט די גאנצע צייט זיין אָרט לעבן אים געהאט, געטאָן דאָס זעלבע: אויך ער איז פון הינטערן טיש ארויס, און בייס ער, סרולי, האָט זיך אין זעלבן צימער נאָך דער טאָרבע זוכן זיך געלאָזט, איז לוזי שטיל, פון אלעמענס אויגן באלייט, גאָר אינגאנצן ארויס פון צימער...

אלע זיינען דעמלט זיכער געווען און געמיינט, אז דאָס האָט לוזי, מוחל זייענדיק אָפּ זיין קאָוועד, די באליידיקונג אראָפּגעשלונגען, ווייל, זייענדיק זיין ברודער אין גרויס קאָס ניט צום אופהאלטן, און וויסנדיק, אז אויב מע וועט זיך אים קעגנשטעלן, קאָן דאָס נאָך צו ערגערס פירן, האָט ער געהאלטן פאר בעסער אָפּצוטרעטן, פארשווייגן, ווי ס'פאסט פאר אן עלטערן, ביפראט פאר אזא, ווי לוזי. דער גאנצער שטוב־אוילעם איז דערום אין יענע מינוטן אי ווי גע-ליימט געבליבן אי אויך מיט האָפענונג אין די אויגן, אז אָט באלד, באלד וועט דער שטורעם איבערגיין און דאָס אופגעברויזטע וועט זיך צוריק איינלייגן.

אָבער פלוצעם, נאָך דעם, ווי סרולי האָט א קליין שטיקל צייט בא דער טאָרבע זיך געפאָרעט, זי געשנירעוועט, זיך אופגעהויבן מיט איר, קעדיי מיט איר צו דער שוועל זיך לאָזן, — אזוי האָבן אלע מיטאמאָל באמערקט, ווי דורך

דער טיר, דורך וועלכער לוזי איז נאָר־וואָס פון עס-שטוב ארויס, האָט ער זיך איצט ווידעראמאָל באוויזן, דאָס מאָל אין זײַן זומערדיקן מאנטל אָנגעטאָן, פאר־שפּיליעט און אָפּ אַוועקצוגיין.

און אָט, ווי נאָר סרולי האָט אים דערזען, אזוי האָט ער מיטאמאָל, ווי קיינמאָל מאכט זיך אים ניט און קיינמאָל האָט קיינער זיך ניט געקאָנט באַרי־מען באם אים דאָס צו זען, דאָס מויל געעפנט, ווי אָפּ עפּעס א מין לאַך צו טאָן. דערבײַ האָבן אַלע באמערקט, ווי אין זײַנע אויבערשטע צײַן־קאַסטנס פעלט אים א צאָן איבער א צאָן. ער האָט אזוי מיט די האָבנדיקע און מיט די פעלנ־דיקע ציין אין שטוב ארײַנגעשטשירעט, שטיל און מיט דער גרעסטער שווײַגנ־דיקער נעקאָמע, און אַז לוזי איז אונטערגעקומען און צו דער שוועל זיך דער־נעענטערט אָפּ ארויסצוגיין, האָט סרולי נאָך מער געשטשירעט, ער האָט אים דאָס אָרט אָפּגעטראָטן, אים פאָרויס גיין געלאָזט, און ער הינטער אים, ווי דער קיי־לים־טרעגער און באדינער זײַנער.

ער האָט מיט נאָך ווילדערער האנאָע דאן דערזען, ווי גיטעלע האָט זיך מיטאמאָל פון איר מאָן, פון ר' מוישען, אָפּגעריסן, און צו דער שוועל, צו פאר לוזין צו; אויך ר' מוישעס טעכטער — אין דעם מאָמענט, ווײַל זיי האָבן פארשטא־נען דעם ערנסט פון מאָמענט, און אַז לוזי גייט איצט אָפּ קיין קאַטאָוועס אוועק; אויך אנדערע פון שטוב צו יענעם אָרט, און גיטעלע די ערשטע האָט מיטאמאָל א געשריי געטאָן:

— דו גייסט ניט אוועק, לוזי! דו טוסט אונדז דעם ביזויען ניט אָן!

— פעטער! — האָבן אויך די טעכטער אונטערגעהאלטן, און די הענט, ווי אָפּ אַן אומגליק אָפּצוהאלטן, אויסגעשטרעקט.

— פעטער, לוזי! — האָט זיך פון אַלע מיטאמאָל פון די אייגענע, פון גי־טעלען, טעכטער, איידעמס געהערט.

ער, לוזי, אָבער, האָט א שמילער, אין גרויס אנטשלאָסנקייט און גאָר ניט זאָגנדיק, מיט א שווײַגנדיקער האנט-באוועגונג די ערשטע גיטעלען באוויײַטיקט, זי צוערשט, דערנאָך אויך אַלע אנדערע, וואָס האָבן אים אָפּגעהאלטן און גע־זאָלט דעם וועג פארשטעלן, ווי אָפּגעשאַרט, און אזוי ער פאָרויס, זיך ניט אומקוקנדיק, און סרולי הינטער אים, מיט אַן אויסגעדרייטן קאָפּ אין שטוב ארײַנגלאָכנדיק, זײַנען זיי ארויס, אוועק און פון פאר אַלעמענס אויגן ניט גע־בליבן.

ס'האָט שוין געמעגט זײַן געגוג פאר יענעם אָוונט! ס'האָבן נאָכדעם אַלע בײַזײַענדיקע אין שטוב באַ אָט דער טרעפעניש געמעגט פארשעמט בלײַבן אָפּ עטלעכע מינוט, אָן לאָשן אין מויל, געפּלעפּטע, איינער דעם אנדערן ניט צו זאָגן גאָרניט האָבן, און דערנאָך, ווי־ניט־איז און אָפּ פארשיידענע אופאנים זיך צעגיין.

איז אָבער ניין: האָט אָבער געטראָפן, אַז אין דער מינוט, ווען יענע ביידע, סרולי און לוזי, זײַנען פון שטוב ארויס, אזוי האָבן אַלע, סײַ די באַ דער טיר שטייענדיקע, סײַ אויך די, וואָס זײַנען די גאַנצע צײַט באַם טיש אָפּ זייערע ער־טער געבליבן, מיטאמאָל א פארשויג זיך באוויײַזן דערזען — א מוירעדיק בלאַסן,

וואָס זײַנ בלאסקײַט האָט פונ דער טונקעלער שײַנ פונ דער שוועל אוש אינ שטוב צו די באם טיש-זיכ-געפינענדיקע דערלאנגט; א מענטש, ווי פונ קייווער, האלב אָנגעטאָנ אונ אָנ א היטל... אונ איידער דער אוילעם האָט באוויזנ פונ דער ערשטער, נאָרוואָס פאָרגעקומענער איבעראשונג זיכ צו באפרײַענ, אזוי האָט אים שוינ די צווייטע געטראָפנ: אלטער...

ער איז, אפּאָנעם, שוינ פונ א לענגערער צײַט אינ שטוב געשטאנענ. אלנ־פאלס, בא די לעצטע מינוטנ פונ געשעענעם אפ דער שוועל, בייס לוזיס אוועק־גיינ, בײַגעווענ. ער איז ארײַנ א בלייכער, אנ אויסגעצויגענער, ווי א פארטראָ־גענער נאכטוואנדלער, אונ פינ זײַנע ליפּנ האָט מענ, בייס זײַנ אָנקומענ, געהערט, ווי ער כאוערט איינע אונ די זעלבע ווערטער איבער: „ער גייט אוועק.. ער איז אוועקגעגאנגענ"... אונ אז דער אוילעם, וואָס האָט אים דערזעענדיק, אים דעם וועג אָפּגעטראָטנ, אונ ער האָט זיכ דורכגערוקט אונ אינ שטוב ארײַנ, ארי־בער אונ ארויס פונ אוילעם, אזוי האָט ער מיטאמאָל איינע א האנט אויפגעהויבנ, ווי ער וואָלט וועלנ אינדערלופטנ א פליג כאפּנ, דערבײַ האָט ער א שטילנ, מאטנ קוויטש געטאָנ, ווי א קליינע, קריכנדיקע כײַע, אז מע דערקוועטשט זי, זיכ א קוליע געטאָנ, אונ פראכ אפ דער ערד, אונ מיט א שטארקנ קלאפ אינ פאָל אנידערגעפאלנ.

ס'איז שוינ ניט אינזינענ געווענ דער נאָרוואָס אוועקגעגאנגענער לוזי מיט סרולינ, ניט אוהדע די נאָכ ניט אוועקגעגאנגענע מאלקע־ריווע, מיט אלעם דעם, וואָס איז אינ שטוב פריִער מיט א שטיקל צײַט דאָ פאָרגעקומענ — ניט אינזינענ.

איצט איז א מענטש אפ דער ערד געלעגנ, אונ ארום אים די ערשטע מינוטנ פארלוירענע, א גאנצ רעדל אייגענע אינ פרעמדע, וואָס באלד, ווי ס'האָט גע־טראָפנ, האָט קיינער ניט געוווסט, וואָס צו טאָנ, צו וואָס זיכ צו נעמענ אונ מע איז געבליבנ, ווי אָנ הענט אונ דערשטוינטע.

האָט זיכ אָבער דער ערשטער דערמאנט א זײַטיקער, דער אונגדז באקאנטער ליבערזאָנ, געכאפּט: ער איז פונ זײַנ אָרט פונ לעבנ טיש צום רעדל צו, אונ איידער אייגענע האָבנ זיכ גערירט, די מײַלער געעפנט אפ עפּעס א זאָג טאָנ, אזוי האָט ער פאר אלעמענ צו קאטערוכע זיכ געווענדט אונ א באפעל געטאָנ אינ נאָמענ פונ אלע:

— לויפ, קאטערוכע, ברענג א דאָקטער. לויפ צו יאנאָווסקינ, זאָג, אז ס'איז אהער, צו אונדז, זאָל ער טייקעפ אונ טאקע די מינוט קומענ...

בא אלטערנ איז דאָס א נײַס געווענ. ס'האָט דאָס ערשטע מאָל פונ אזוי־פיל יאָרנ קרענק אים הײַנט זיכ דאָס געטראָפנ. מעגלעכ, אז דער הײַנטיקער טאָג, דער אויסטערלישער, די געשרייענ, וואָס האָבנ בא אים די העכסטע מאָ־דרייגע דערגרייכט אונ אינ וועלכע ער האָט זיכ הײַנט אליינ איבערגעשטיגנ, האָבנ געבראכט דערצו: אויסגעשעפּט אונ ביז אָנמאכט אנידערגעפאלנ.

אָבער ניינ. ווער ס'האָט אנ אויג געהאט, האָט געזענ: ס'איז ניט קיינ אָנמאכט, ס'איז ניט פונ געשרייענ אויסגעשעפּט, ס'איז א נײַס — אלטער האָט געפינעט, אלטערנ האָט, ווי פונ א קוואל, געזעצט די שוים פונ מויל, אונ דאָס איז שוינ געווענ א סימענ אפ אזוינס, וואָס ער האָט ביז אהער ניט געהאט,

אף וואָס ער האָט ביז אהער ניט געליטן. א סימען אף דעם, וואָס יאַנאָווסקי, דער אַלטער דאָקטער, האָט, קומענדיק אין אים באטראכטנדיק, נאָך לאַנגע ארומ־ריידונגען, טאקע באשטעטיקט: — א סימען אפן פאַלנדיקן.

— אַגעוו, — האָט יאַנאָווסקי, דער אַלטער, מעיושעווער דאָקטער דערצו נאָך צוגעגעבן, — קאָן דער איצטיקער פֿאַל, די איצטיקע, אפן ערשטן קוק, פֿארערגע־רונג אין אַלטערס לאַגע, אויך דינען אלס קריזיס און איבערדראָך פון זײַן פרירדיקער שלאָפקייט, פון זײַן שוואכזיניקייט, און ארויסרופן, פֿאַרקערט, א געוויסע אויסלײַטערונג און באפרײַונג פון זײַנע זינען. יאָ, — האָט ער געזאָגט, — די מעדיצין ווייסט פון אזוינס און האָט באַ זיך פֿארצייכנט אזוינע פֿאַלן.

מ׳האָט שוין אַלטערן יענע נאַכט אפֿ זײַן אויבערשטיבל צוריק ניט ארופ־געבראכט און אים געלאָזט אין שטוב אונטן, ווײַל אויך נאָך דעם, ווי ער האָט זיך פון פֿאַל אופגעכאַפּט, האָט מען געזען, אז ער האָט קיין קויעך ניט זיך אופצוהייבן, און אז די אויגן זײַנע באַ אים צעמישט און צעבוימעט אזוי, אז זיי זעען אפילע ניט דאָס, וואָס אין זײַן געוויינלעכן צושטאַנד איז אים צו זען און צו באַנעמען יאָ געגעבן.

מ׳האָט אים אין עס־שטוב א בעט געבעט. ס׳איז לאַנג די גאַנצע שטוב, פֿריִער מיטן דאָקטער יאַנאָווסקי, און נאָך דעם, אז יענער איז אוועקגעפאָרן, א שטיק אין שפּעטן באַנאַכט אָפּגעזעסן, שטיל און ווי אווײַלים.

ס׳האָט אויך דאָס מאָל, ווי אַלעמאָל אין אויסגענומענע פֿאַלן, ניט געפֿעלט אויך מײַערל, וואָס האָט, שוין אין זײַן ווײַטן צימער שלאָפֿנדיק, פלוצעם דעם קלאַפּ פון אַלטערס פֿאַלן דערהערט און דאָס אומגעוויינלעכע שטילקייט, וואָס איז נאָך דעם פֿאַל אין שטוב אף אייניקע מינוט געוואָרן. דאָס האָט אים פון בעט אראָפּגעטראָגן און א האַלב־אויסגעטאָנענעם קימאַט האָבן אים פלוצעם די עלטערע פון שטוב אף איינער א טיר־שוועל, וואָס פֿירט אין עס־שטוב, שטיין דערזען.

און אין יענער נאַכט זײַנען אין אַן אַנדער שטוב, ווײַט אין עק שטאָט, אזש אין דריטן רינג, „אף די זאַמדן", אין מיכל בוקיערס אָרעמער אויסקומעניש, אין איינעם א צימער באַ א דרײַער־לעמפּל, דרײַ מענטשן געזעסן און פֿארבראַכט. דאָס זײַנען געווען לוזי, סרולי און אלײַן דער באַלעבאָס, מיכל בוקיער.

מיר ווייסן ניט גענוי, ווי׳אזוי דאָס איז פֿאָרגעקומען, נאָר אז לוזי מיט סרולין האָבן זיך, פון ר׳ מוישעס שטוב ארויסגייענדיק, אפן גאַס געטראָפֿן, און דערנאָך איבערן בריק, וואָס פֿירט פֿונעם אונטערשטן טייל שטאָט אינעם אויבערשטן, געקומען, האָט סרולי, נאָך א קורצן געשפּרעך מיט לוזין (וואָס דעם אינהאַלט זײַנעם גענוי ווייסן מיר ניט) איינעם א פֿורמאַן צוגערופֿן, אים די גאַס, וווהין ער און לוזי דאַרפֿן האָבן, אָנגערופֿן. און ביידע האָבן זיך אופגעזעצט, און נאָך לאַנגן פֿאָרן און דרייען זיך איבער פֿינצטערע, גריבערדיקע גאַסן און געסלעך, זײַנען זיי, לע־סאָף, אהין, וווהין זיי האָבן באדאַרפֿט, אָנגעקומען.

באַ מיכל בוקיער איז דאָס הויזגעזינד שוין געשלאָפֿן. סרולי האָט אָנגעקלאַפּט און מיכל בוקיער האָט געעפֿנט. צוערשט האָט ער, צוליב די געסט, דאָס ווײַב אופ־געוועקט און זי האָט דאָס סאַמאָוואַרל געשטעלט — דאָס בלעכענע מיטן מעשענעם

קרענטל. און נאָך דעם, אַז זי האָט אירס אָפּגעסאָן, האָט איר מיכל געהייסן גיין שלאָפֿן. און שפּעטער, ווען דאָס וואַסער אין קליינעם סאַמאָוואַרל האָט זיך צום ערשטן מאָל אויסגענומען, האָט ער שוין אַליין וואַסער געגאָסן און קילן געשיט. און אַזוי עטלעכע מאָל, און אַזוי בײַ שטיל־געמיטלעכע געשפּרעכן און בײַ אָרעמער טיי און ווײַטשערע זײַנען לוזי מיט סרוליק שוין דאָרט אויף דער גאַנצער נאַכט פֿאַרבליבן.

די רעדאקציע „סאָוועטיש“ אונ די מאָסקווער גרופּע
ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער באגריסנ הארציק דעמ
כאווער איזי כאריק צומ 15 יאָריקנ יובילײ פונ
זײַנ פרוכטבארער דיכטערישער טעטיקײַט.

ש. האלקינ

לידער

מאריינ

I

ס׳איז מײַנ געבעט און מײַנ פארלאנג:
אז זײַנ זאָלסטו אָט יענע צוואנג,

וואָס האלט אזוי אינ קלעם דעם שטאָל,
אז שווער באשליסנ איז אמאָל:

ווער־ווענעמ האלט — די צוואנג דעם פרענט,
וואָס לעשט זיכ קוים אונ גליט אונ בלענדט,

צי גאָר פארקערט — עס ברענט די שטאנג
אונ לאָזט ניט אָפּ פונ זיכ די צוואנג.

II

זאָג, צו וואָס זאָל איכ דיכ גלײַכנ?
קלײַב זיכ אויס אליינ צו וועמענ;
כ׳קאָנ די שטערנ געבנ נעמענ,
וועלכע מער פונ זיי נאָכ לײַכטנ.

כ׳קאָנ מיט ביימער זיכ פארבינדנ,
כ׳קאָנ צו גראָזנ גראָזיש ריידנ,
אָט די שפראכנ, אָט די ביידע
כ׳האָב דערלערנט אינ דער קינדהײַט.

כ׳קאָנ פונ שטיינער פײַער שלאָגנ,
ציילנ כוואלכעלעכ אינ טײַכנ:
זאָג, צו וואָס זאָל איכ דיכ גלײַכנ?
זאָג — אויב ניט, וועל איכ דיר זאָגנ:

אויב דער שטערנ־גאנג צו לאנג דיר,
אונ פאראטנ קאָנענ טײַכנ, —

דאַן דערלויב צו מיר דיך גלײַכן,
ווען איך שרײַב אָט דאָס געזאַנג דיר.

III

זאָל איך ווענדן זאָגן קלאָר —
אפֿן קומענדיקן יאָר

װאָס איך ווינטש דיר, וואָס איך גיב,
װאָס עס שפּינט זיך אין מײַן זין,

וואָס עס וועבט זיך אין מײַן האַרץ,
ווי דו פֿרילינגסט אין מײַן האַרבסט,

עפּנסט אויף און שליסט אַ קרײַז —
אַלץ דיר ווײַזן שוואַרץ אויף ווײַס...

האָסט אַמאָל געזען, צי ניט,
ווי עס פֿליט צו דעם זעניט,

צו דער קרוין פֿון האַרבסט זיך הויבט
ווײַסער נאָך פֿון שניי אַ טויב.

און נאָך איר — פֿון קלאָרער קלאָר
יאָגט אַ צווייטע זיך — איר פּאָר.

ניט באַהאַלטן, ניט פֿאַרשטעלט —
זען זאָל די גאַנצע וועלט:

אַז ער ליבט זי, און זי — אים
ביז אין הימל אים באַרימט.

אַז זיי קאָנען הויך און ווײַט
בלײַבן איצט אַ לאַנגע צײַט,

אַז זיי קאָנען פֿראַנק און פֿרײַ
דורכפֿליִען אַצינד פֿאַרבײַ

פויגלען שטאָלענע אָן שרעק
און פארלויפן זיי דעם וועג.

וויפל מאָל געהערט א רוף:
ווײַסע טויבן, זעצט זיך אוף,

אונדז באגלייט מיט ווײַסער שײַן —
ווען איר אויך דאָרט קאָנען זײַן,

וווּ די ערד זי לאָזט זיך אויס,
וווּ די שטערן זײַנען גרויס.

און דערנאָך — זײַן גוטע געסט
בא די אייפעלעך אין נעסט,

זאָגן זיי: אז דאָ אין לאנד
גייען שטענדיק האנט בא האנט

קראפט, וואָס שווערע טאָנעס הויבט
און די ווײַסקייט פון א טויב,

שווארצער דאמפ אין מעש געצאמט
און א רויך אין בלויען יאם...

נו, און דיר וואָס זאָגן — כ'גלויב
ביסט ניט בעסער פון א טויב.

IV

טײַערע, ליכטיקע — וויכטיקע נײַס!
נו, קאָרשט דײַן גוטסקײַט, דײַן קלוגשאפט באווײַז.

נאָך א וואָך, נאָך צוויי, דער יאָנטעוו ער גייט,
זאָג מיר, מיט וואָס ביסט אים אופנעמען גרייט?

ארבעטן, ווייס איך, איז קיינעם ניט לײַכט,
ארבעטסט מיט פלײַס, מיט די בעסטע גלײַכסט.

אָפּטער אפילע עס פּלאָגט מיך געהיים:
ס'איז די פאבריק דיר געוואָרן א היים.

ערגעץ פארגאנגוועט זיך אייפערזיכט:
צופיל פארטאָג ביסט, איך דארף דיך פאר זיך.

ענטפערסטו גאָרניט, נאָר שמייכלסט אזוי,
אז טײַערער ווערסטו מיר מער פון א פרוי...

ליכטיקע, לויכטנדע, לאך נאָר ניט לאך,
קווייטן צום יאָנטעוו כ'וועל ברענגען א סאך.

זעכצנטע יאָר, אז דערקענט האָב איך דיך,
אכצן — אז מיר זײַנען אופגעריכט.

זאָג זשע מיר אָפן דײַן ווילן, דײַן ווונטש,
ווער זאָל צו גאסט זײַן דעם יאָנטעוו בא אונדז?

אויסער דײַן ארבעט — א ווירטן דו ביסט,
די פרוכטן באטאמסט און די ווײַנען באזיסט.

קוקט זי א ווײַל, ווי באטראכט, ווי באדענקט:
וויפל וועסט ברענגען — ניט זײַן וועט מיר ענג.

די שענסטע די בעסטע צום יאָנטעוו לאַד אײַן —
ברײטער די שטוב ווערט, ווען ס'קומען אָן פרײַנט,

און ענג, ווען א פײַנט טרעט אריבער די שוועל, —
איין אָרט א פרײַען נאָר לאָזן איך וועל.

צווישן די קינדער וועט זײַן אָט דאָס אָרט,
קוקסט און ווייסט אלץ ניט, ווער זיצן וועט דאָרט.

אויסער די אלע דערוואקסענע געסט, —
איינעם פון קינדערהיים ברענגען מיר וועסט.

נאָר ניט פאר מיטלײַד אים רופן איך בעט,
פראָן פאר אים דאָרטן א ציכטיקע בעט.

עסן ער האָט דאָרטן איבערגענוג,
אן אויג א געניטס אפ זײַן אופירונג קוקט.

אײמען פאר קינדער בא אונדז דאָ אין לאנד
זאָרגזאם באזאָרגט מיט א פאָטערשער האנט.

אויספילן וויל איך מײַן פליכט, מײַן בארוף —
צוגעבן מוטערשע צארטקײַט דערוף.

אײנעם אזא כ׳האָב פארבעטן צו זיך...
עפשער ביסט קענג — פון אײַפערזיכט?

ענטפער איך גאָרניט, נאָר שמייכל אזוי, —
טײַערער ביסטו מיר מער פון א פרוי.

★

געוויסן

איך וויל זיך אויסבארימען הײַנט:
ניט ווײַט פון מיר עס וווינט מײַן פרײַנט.

ער פילט מיר מיט, ווי קײנער ניט,
ער גייט מיר נאָך און ווערט ניט מיד.

ער איז מיר טרײַ און פאָלגט א גאנג,
און טוט זײַן שליכעס מיט געזאנג.

אין טראָט מיט מיר איז זײַן שפאציר
אין שטוב דעם טיש מײַנעם באציר.

ער עסט מײַן ברויט און איז מיר ליב,
ער לעבט אין שמייכל אף מײַן ליפ,

ווען ס׳איז דער הארבסט אין פולן ברען —
ער צינדט דעם סאמעט פון מײַן ברעם.

ווען ער באווײַזט זיך אף מײַן שוועל —
אין אלע ווינקעלעך ווערט העל.

אף יעדן רוף מײַנעם ער קומט,
נאָר ווען א פרײַנט ברענגט אום

מיט גיפט פון צונג הינטער-ארום,
און נאָר פון אייגנגוץ און רום, —

ער קומט דער איינציקער צו מיר
און קלאפט אין פענצטער, קלאפט אין טיר,

און רופט זיך שטעלן אין דער מיט,
איך פאלג אים אפט, נאר אפטער — ניט.

נאר דאן, ווען די געפאר איז גרויס
איך יאג אים נאך, ער פליט פארויס.

ער איז די צוואנג, די פרײַהײַט — ער,
ער איז מײַן שלאכט און מײַן געווער,

זײַן טראט איך הער אין מײַנע טריט,
זײַן קאל — אין יעטווידער מײַן ליד.

★

מיט יעדן בוך עס טוט מיר באנג:
עס פעלט דארט אויס נאך איין געזאנג.

די עלטסטע — דא, דער יינגסטער פעלט —
ער שפילט זיך נאך מיט גרינס אין פעלד,

מיט שטיינער־שפיל אף דעק פון קוואל,
מיט ווידערקאל, וואס קומט פון וואלד.

ער וועט נאך קומען — ער וועט זײַן,
אן אנגעלאגלטער מיט שײַן,

מיט בלענד פון זון און זאפט פון דר'ערד, —
איך זאל אליין כאטש זײַן אים ווערט.

י. יאָפע

אפן גלײַכן וועג

דערציילונג

1

א שטאָר האָט זיך איבער דעם ליכטיקן פענצטער אראָפּגעלאָזט מיט א הילכיקן גרילץ, נאָר קיינעם ניט איבעראשט, וואָס ראפּטאָם האָט זיך דאָ די ליכטיקייט פון טאָג אָפּגעטאָן. רעב הערשל זאָלאָטניצקי איז געשטאַנען, ווי שטענדיק, פעסט, ווי א מענטש, וואָס פארלאָרנקייט מײַדט אים אויס, וואָס פון יעדער לאַגע האָט ער אן אויסוועג.

— נו, גענוג, מייער, — האָט ער געזאָגט צום מענטשן, וואָס איז נאָך באם וואַרשטאַט געזעסן. — גענוג צו ארבעטן, איצטער וועט שוין זײַן, ווי די שוויגער האָט געוואָלט, וועסט מער ניט זײַן מײַן מענטש. וועסט זײַן א שוטעף אָט צו אונדז אלעמען. ווײַבאַלד מע זאָגט אויסגעגלײַכט, איז אויסגעגלײַכט. איז בין איך מער ניט קיין באלעבאָס און דו ביסט מער ניט קיין ארבעטער, ארטעל...

פון דעם וואָרט ארטעל האָט דער מענטש באם וואַרשטאַט געכאַפּט א ציטער. ווי עס וואָלט אים א קראַמפּ געטאָן אין בויך, האָט ער זיך א קרים געטאָן. אראָפּגענומען די שפּאַקטיוו פון אויג, אויפגעלייגט דעם זייגערל און ערשט איצט באמערקט, אז ארום אים איז א האַלב לעגאַלע פארזאמלונג, אז גערעדט האָט רעב הערשל זאָלאָטניצקי צו א צענדליק פארזאמלטע ארבעטער און באלעבעסלעך זייגערמאכער אין פארשיידן צוגעפּרעסטע און צוגעגלאַנצטע מאַלבושים, פארשיידן געגאָלט און פארשיידן באבערדלט, פארשיידן געקעמט און פארשרונטלט, מיט קעלנער און „הערצער", מיט מאַנזשעטן און שפּאָנקעס, מיט היפּש אָפּגעבלאַקעוועטע און אָפּגעריבענע שניפּסן און היט, און מיט דער גאנצער פײַנקייט און לײַטישקײַט פון זייער זייגערמאכערישן פאך.

א צענער עלעקטרע־לעמפּל האָט קוים־קוים באלויכטן די אינטימנאַגיקע טונקלקײַט. מענטשן האָבן ארומגעשפּאַנט, ווי שאָטנס, איבער דער קראָם, געוואַרט אפן איקער: וואָס וועט זאָגן וועגן דעם ארטעל רעב הערשל זאָלאָטניצקי? וואָרעם א טייל פון זיי שטייט שוין לאַנג אַף דער בירזשע און ארבעט אומלעגאַל טאקע בא רעב הערשלען. א טייל דרייט זיך און קאָן זיך ניט ארויסדרייען פון פינאַנספּעקטער. האָט אויך ער, רעב הערשל זאָלאָטניצקי, מיט זײַן שווארצן פלאַטשיקן בערדל, מיט די צוויי גראָבע פינגער אין די אויבערשטע טעשלעך פון זײַן פּיקייענער וועסט, ווי איינער פון זיי, ארומגעשפּאַנט איבער זײַן קראָם, און געשיקט האָט ער בליקן שארפע, ווי די כאַלאָפּים:

— נו, וואָס איז, איך דארף דען האָבן מערער איידער אלע? — האָט ער

זיך ווידעראַמאָל צו מייערן געווענדט, — אַרטעל, זאָל זײַן אַרטעל. מע איז דאָך ייִדן. מ׳עט זיך כאָלילע ניט באַאוולען, מ׳עט אַרבעטן, מ׳עט לעבן, אַרטעל... בע־שוטפעס...

עמעצער האָט געבראַכט אַ קאַן אָקרעפּ און רעב הערשל זאַלאַטניצקי האָט זעלבסט אָנגעגאָסן טיי אין גלעזער, און מיט אַ פולער האַנט האָט ער צוקער גע־וואָרפן אין די גלעזער.

— אָט אַזעלכער וועט ער זײַן, אונדזער אַרטעל־אוסטאַוו, — האָט געזאָגט רעב הערשל. ער איז געשטאַנען איידל און פעסט, מיטן זײַדענעם קרעפּכעלע אויפן קאָפּ. די גראָבע פינגער אין די וועסט־טעשלעך, שוואַרצע אויגן מיט גרויע פּײַער, די שוואַרצע באָרד, ווי אַ לאַפּעטקע, טראָפּעלעך שווייס אויפן הויכן שטערן. ער האָט פאַרן אוילעם פאָרגעלייגט זײַן אייגענעם אַרטעל־אוסטאַוו, וואָס האָט זיך אַ טראָפּעלע אונטערשיידט פון אַלע אײַנגעשטעלטע אוסטאַוון. ער האָט עס באַ־שמייכלט און באַוווּנקען און געמאַכט זיך קלענער און איידעלער, ווי ער איז, און פון דער דאָזיקער געמאַכטער קליינקײַט און איידלקײַט האָט געשפּאַרט אַ קאָפּ, רעב הערשלס שטאַרקער קאָפּ אָפּ די פּלייצעס.

דאָס האָבן, ווײַזט אויס, אַנערקענט די מענטשן, וואָס האָבן קאָנטעט געמישט דעם טיי מיט די בלעכענע לעפעלעך, געקײַט די דאַרע אַמויצעלעך ברויט מיט די רעדעלעך ווורשט, וואָס זיי האָבן גענומען פון דער טאַץ, געקײַט, געקרעכצט, געשלונגען און אַף אַזאַ מין אופן באַגיטיקט דעם אוסטאַוו פון רעב הערשל זאַלאַטניצקיס אַרטעל.

מייער עטלין איז געשטאַנען האַרט לעבן וואַרשטאַט און, ווי אַלע טאָג, האָט ער צונויפגענומען זײַן געצײַג אין אַ רעגצעלע. נאָר אָנשטאָט עס אַוועקשטעלן אין אַלמער, האָט ער געהאַלטן קרעפטיק אין האַנט און פלוצלינג, ווי אַן אײַנ־קריַע, זיך אָפּגעריסן פון אָרט און אַוועק, ניט אומקוקנדיק זיך אַף הינטן.

— לויף, לויף, מעשוגענערווײַז, — האָט אים רעב הערשל זאַלאַטניצקי נאָכ־געשריגן, — וועסט אימירצעשעם אינערגעץ ניט אַנטלויפן, עס לעבט נאָך, דאַנקען גאָט, די שוויגער...

בערטע סאָלאָווע, אָט די שיינע קאַלע, וואָס כאַסאַנים האָבן אירע שוועלן אָפּגעשלאָגן, האָט אַף מייער עטלינען אַ סאַך יאָרן געוואַרט. אין קריגס־געפענ־קעניש האָט ער זיך לאַנג פאַרהאַלטן און נאָר צוליב איר זיך אומגעקערט. גע־בראַכט מיט זיך אַ רענצעלע אויסגעצייכנטן געצײַג און דאָ, אין וואַטנלאַנד, געכאַפּט זיך גלײַך, אַז אָט דאָס געצײַג איז אים שווער און איבעריק. אין ראַטנ־לאַנד איז אים געלונגען אופשטעלן זיך אַ גרויסן סטאַזש פון אַ לויַן־אַרבעטער, דעם פּראָפּביכל זײַנעם האָט ער גראָד זייער טײַער געהאַלטן. האָט ער איינמאָל געשפּאַנט מיט אַ צענדליק אַרבעטער פון דער אַרבעט־בירזשע אין זאַוואָד „פינקטעלעכע מעכאַניק“. ער האָט געוווּסט, אַז מיט דעם, וואָס ער גייט אין זאַוואָד, וועט ער שטאַרק אײַנרײַסן מיט זײַן היים. נאָר דאָס פּראָפּביכל האָט פון איש ווי געמאָנט פאַרהיטן זײַן סטאַזש פון אַ לויַן־אַרבעטער. אפן זאַוואָד האָט זיי באַגעגנט אַ יונגערמאַן — אַ הויכער, אַ רויטער, אַ מאָגערער, מיט רויטע האָר,

מיט כויזעקדיקע בליקנ. ער האָט אים גוט געקענט. דאָס איז געווענ מישע געלמאַנ. בא זײַנ טאַטנ, בא שלוימע געלמאַנ, איז ער, מייער עטלינ, אינ דער לערע געווענ. האָט מישע געלמאַנ פֿונ דער גרופּע אַרבעטער אָפּגעקליבנ טאָקער, שלאָסער אונ אַפֿילע שמידנ, אונ זיי, די דרײַ יִדנ זייגערמאַכער, האָט געלמאַנ צוריקגעשיקט אַפֿ דער בירזשע. ער האָט דערבײַ זיך פֿריילעך געווערטלט: — זייגערמאַכער זײַנענ אַזאַ פֿאַכ, וואָס קאָנענ זיך ניט איבערקוואַליפֿיצירנ אינ א פּאָדראַד צו באַקנ מאַצע. האָבנ זייגערמאַכער צוואַמענ מיט אים געקוואָלנ, וואָס זיי קאָנענ גאָרניט אונ טויגנ צו גאָרניט, וואָס זיי וועלנ אייביק זײַנ אַפֿנ בירזשע־דיסקאָנט, אונ גישקאָשע — זייגערלעכ וועלנ זיי אינ דער שטיל פֿאַריכטנ. האָט ער מייער געפֿילט א כאַרפּע אינ זײַנ פּאָנעם, ער האָט געברענט פֿונ שאַנד. ער האָט אָבער אויכ געפֿילט, אַז, ווענ ער בלײַבט דאָ אַפֿנ זאַוואָד, רײַסט ער אײַנ מיט דער היים אונ, צוריקקומענדיק אַפֿ דער זײַט זאַוואָד־טויער, איז דעמלט א גרויסע שווערע קייט פֿונ זײַנ האַרצנ אַראָפּ.

די היים איז געווענ נײַ, דאָס האָט נאָר געקענט דער ברודער הערשל זאָלאָטניצקי באַקומענ א געמויערטע שטאָל אונ איבערבויענ עס אַפֿ א דירע. בא אַזאַ דעפֿיציט, ווענ פּריוואַט האָט מענ א טשוואָק ניט געקאָנט קריגנ, האָט ער דאָביוועט אַלע נייטיקע מאַטעריאַלנ אונ איצטער האָט דאָ געשמעקט מיט פֿרישער פֿאַרב. די עלעקטרע האָט ליכטיק געמאַכט אינ יעדנ ווינקל. וואַסערלייטונג איז דאָ אויכ געווענ. אַפֿילע א וואַנע-צימער געווענ. געבראַכטע מעבל פֿונ דער היים האָט אַרײַנגעבראַכט אינ דער פֿרעמדקײַט היימישע געמיטלעכקײַט. איינ צימער איז נאָר ליידיק געשטאַנענ. דער איינציקער זונ, נאַטאַנ בלעכמאַנ, איז אינ דער דירע ניט געקומענ, אוועק אַפֿ אייביק פֿונ אָט דער היים. האָט די שוויגער, די מאַדאַם בלעכמאַנ, געריסנ קריִע, אָפּגעזעסנ נאָכ א לעבעדיקנ זונ שיווע אונ אַפֿ איר שיינעם, נאָכ גלאַטנ שטערנ האָט זיך פֿאַרשניטנ א רונצ, אונ די האָר האָבנ זיך א זילבער געטאָנ. איצטער האָט זי געמאָנט, אַז איר ייִנגערער איידעם — מייער עטלינ — זאָל נאָר זײַנ א שוטעפֿ מיטנ ברודער, מיטנ צווייטנ איידעם רעב הערשל זאָלאָטניצקי. נאָר הערשל זאָלאָטניצקי האָט געשמייכלט. הערשל האָט געהאַט א געלעגנהײַט צו דערווײַזנ, אַז דער שוויגערס כאָכמע איז שוינ צו אַלטע כאָכמע.

— נאַטאַנקע, שוויגער. אַפֿ אים, אַפֿ זײַנ נאָמענ האָט מענ געבויט אָט די דירע, איז ער אוועק. איכ בינ א קוסטאַר. איצטער בלײַבט נאָכ מייער, ער איז א סשלענ פֿונ סאָיוז אונ האָט א ביכעלע. אַפֿ אים דאַרפֿ מענ זיך האַלטנ. איכ וועל שוינ פֿאַרלירנ מײַנ פּראַוואָ גאָלאָס. מיר זײַנענ צום גליק ברידער נאָר פֿונ איינ מאַמענ, ווערט הערשל זאָלאָטניצקי זײַנ דער באַלעבאָס אונ מייער עטלינ זײַנ אַרבעטער אונ איר, שוויגער, זײַנ קעסטניצע.

זי, די מאַדאַם בלעכמאַנ, וואָס קיינ שאַטנ האָט איר לײַב ניט באַרירט, וואָס האָט זיך געוויקלט אינ וואָל, אינ זײַד אונ דינער זאָנע, זי האָט זייער קנאַפּ געהאַלטנ פֿונ הערשעלע דעם שוואַרצנ — דעם איידעם פֿאַר דווירעלע איר שטיפֿטאָכטער, צו וועלכער זי איז געווענ איבערגעגעבנ, ווי א לײַבלעכע מאַמע. זי האָט אים גאָר ווייניק געטרויט אונ געקוקט אים די הענט. הײַנט, אַז מענטשנ האָבנ אים אָנגעהויבנ רופֿנ רעב הערשל זאָלאָטניצקי, האָט זי אים אָפּט אויכ גע-

רייצט, וואָרעם ער האָט א סאַך בעריעשאַפּט באַוויזן, רעב הערשל זאָלאָטניצקי. דעמלט, ווען איר זון איז אוועק פון דער היים און דער יינגערער איידעם מייער עטלין האָט זיך אליין אויך בעצויגן צום זאוואָד, האָט זיך שווער געהאַלטן איר געזילבערטער קאָפּ אונטער דער געשפּיצטער הויב, אירע אייגן פול מיט טרויער האָבן מיט היילינקן פייער געפונקען און ווי א פארוואונדעטער אָדלער, וואָס פאַלט צו צום פעלדז מיט דעם רויב אין די נעגל און שלאָגט מיט זיינע שטאַרקע פליגל און זעצט מיטן שנאָבל אין הארטן פעלדז, אזוי האָט זי נאָך אלץ אין אירע הענט געהאַלטן און איר מויל האָט מיט ווזט אידע פראגן געזעצט:

— איז ביזהאַנער וועט דויערן די גזירע באַלשעקעס? חו זיינען זיי די מאַרהאפּטיקע ליים? ס'איז דאָך דאָ אַן אויסלאנד; ווי לאָזט מען דאָס כאָרעוו מאַכן א לאַנד?!

האָט ער, רעב הערשל, אונטער זיין בערדל פארבאהאַלטן דעם ענטפער אָפּ דער שוויגערס פראגע, ער איז דעמלט שטאַרק באַהאַוונט געווען אין פּאָליטיק. ער האָט זיך דעמלט ארומגענומען מיט א סאַך ציימונגען און זשורנאַלן און געלייענט, געלייענט אלע דיסקוסיעס, און געשלונגען אלע וויצן,— אלע יעדיעס — און אָפּט א גאַנצן געטאָג מיט שווארצע אפּלען פון בלוילעכע ווייסלען און, ביינסנדיק זיך, אָפּגעשטעלט אפן ברודער מיטן בראָפּבילעט אין קעשענע און געטייטלט מיט א נאָגל:

— אָט-אָ דאָ וועט מען זיך איבערהריזשען די גאָרגלען, אָט-אָ דאָ וועט זיין זייער סאָף.

אָט דעמלט האָט ער, רעב הערשל זאָלאָטניצקי, אָפּגעזוכט א פיינעם פענצטער צו א סאָלידער גאַס און דאַפּקע מיט א שטאָר איבערן פענצטער. ער האָט דער שוויגער אָנגעבאָטן:

— שוטפעס, אלץ, וואָס וועט אריינטראָגן דער געשעפט וועט זיין שוטפעס.

האָט זי, די מאַדאַם בלעכמאַן, איינגעוויליקט אָפּ דעם שוטפעס און אויך איינגעוויליקט, אז מייער זאָל אריינטראָגן זיינע גאָלדענע הענט אין שוטפעס און זאָל באַוואָרענען די דירע מיט דעם געזינד מיט זיין „משלענסקער קניושקע"...

2

צוויי מאָל אין טאָג איז מייער עטלין דורכגעפאָרן די גאַס מיטן טראַמוויי און איין מאָל אין כודעש דורכגעשפּאַנט זיך דורך איינער א גאַסל צו באַצאָלן מיטגליד-אָפּצאָל אין בּראָפּפאריין. ער האָט קיין ציימונגען ניט געלייענט און ווי מיט וואַטע פארלייגט די אויערן, ער זאָל ניט הערן די אלע נייסן, וואָס האָבן געפלייצט אין זיין היים אריין. ער איז לאַנגע טעג געזעסן אין ווארשטאַט און האָט אלע זיינע כושים אריינגעטאָן אין די געדערעם פון זייגערל, פון וואָס רעב הערשל זאָלאָטניצקי איז שטאַרק קאָנטעט געווען.

איצטער האָט די גאַס א הויך געטאָן צו אים מיט איר זודיקייט, א שפּאַר געטאָן אָפּ אים מיט פויערשע טריט, האָט ער דעם קאָפּ געריסן צו רישטעוואַניעס, צו נייע שטאָקן, וואָס האָבן אָפּ מוירן געקלעטערט, צו נייע ריזיקע געביידן,

און יעדער שטײן האָט אים געװונקען. — זעסט, מײער עטלין, אפן אָרט פון יעדער כורװע װעט אופגעשטעלט װערן א פאַלאַץ.

א מענטש האָט אים פאַראָטעמט אָנגעיאָגט. א מענטש, װאָס האָט אים גע־גרייכט ביז דער קעשענע, דער מענטש האָט זײַנע רויטינקע, נידעריק צוגעשאָרענעם קעפעלע געריסן אין דער הייך צו א ריזיקן מויער מיט גראַניט געדעקט. מיט באװעגלעכע אומרויִקע אייגעלעך האָט ער געקוקט אפן זייגער אין דער הייך און געקרעכצט.

— זעסט, מײער, שוין באַלד זעקס אזייגער, שוין באַלד מיר צײַט גיין אין שול, מעקאַבל שאבעס זײַן, אָט־אָ דאָ אין דער סדאָם־שטאָט היט איך נאָך אָפּ שאבעס.

— רעב שלוימע געלמאַן — האָט זיך פון מײערס מויל אַרויסגעריסן. — װי קומט איר אהער אין דער שטאָט? װעלכע ניט־גוטע האָבן אײַך אהער געטראָגן דאָ היטן שאבעס? — האָט זיך מײער געװוּנדערט, געריעדט, — זעט, ס'ארא דאַלעס עס קוקט פון אײַך אַראָפּ, רעב שלוימע געלמאַן. איבער װאָס מאַכט איר קידעש, איבער װײַסע כאַלע, צי איבער װײַן? איר װאָלט בעסער א־אָפּגעטרענט די זײַד פון אײַערע לאַצן, רעב שלוימע. זעט, װי ס'איז צעדריבלט. צי פּאַסט עס טאַקע צום רומל, צו אײַער אויסגעפּלעקט רעקל? זעט, אײַערע פיס שפּאַרן די פינגער פון די שיך אַרויס, איר זעט דאָך אויס, װי אַן אויסגענורעטער לומפּ. װוּ איז אײַער געראָטענער זון מישע געלמאַן, צי היט ער צוזאַמען מיט אײַך שאבעס?

שלוימע געלמאַן האָט זיך ניט געכידעשט, װאָס מײער עטלין, אָט דער מענטש מיטן פאַרשלאָסענעם מויל, האָט זיך ראַפּטאָם פאַרכלײַניעט ריידנדיק. שלוימע געל־מאַן האָט ניט געהאַט קיין טעװע זיך צו כידעשן. ער האָט אופגענומען זאַכן װי זיי זײַנען, אים האָט גאָרניט ניט געװוּנדערט אין גאָרניט ניט באַליידיקט. ער האָט געקוקט אפּ זײַנע אייגענע הענטלעך, קליינע און געדיכט באַשאָטן מיט זומערשפּרענקלעך און רויט באַהאָריקט, װי זײַן רויטינק פּיצל בערדל. ער האָט איצטער גוט געדענקט, װי אָט די קליינע הענטלעך זײַנען פלעגן זיך אַמאָל אַרײַנ־קלײַבן אין מײערקע עטלינס גרויסע אויערן, מיט אַלע קויכעס פלעגט ער דרייען די אויערן און שרײַען:

— דו װאַסער־אָקס, װי קומסטו צו א זייגערל. צו אזא איידעלער קיילע. מיט אזא װוּקס, מיט אזעלכע הענט װאָלסטו בעסער שלעפּן קלעצער באַם ברעג. װי קומסטו צו אזא איידעלער מעלאָכע.

ער איז דעמלט געװען א באַלעבאָס און האָט שוין דעמלט זיך געהאַט באַ־רימט, אז דאָס רעקל, װאָס ער טראָגט אפּ זיך אָט איצטער, איז פון עכטן ענג־לישן שעװיאָט און אז די זײַד אפּ די לאַצן איז קרעפּ־זײַד פון סאַמע דײַטשלאַנד. און אַלע האָבן געװוּסט, אז ער האָט דאָס געקויפט אפן מאַרק באַ טענדלער שוין א היפּש געניצטן. אָט דאָס געלינקע מענטשעלע האָט געלערנט ייִנגעלעך מענטשנשאַפט, האָט אומעטום זיך געטימטשעט פאַר א בײַשפּיל, גערימט זיך מיט א געראָטענעם זון און איצטער האָט ער זיך גערימט מיט שאבעס היטן, מיט דאַלעס, װאָס שפּאַרט פון אים.

— אז אלע, ווער ניט, דער פאָרט אפ ערד, דער פאָרט גראָבנ קוילנ אינ דאָנבאס. מײַנ זונ מישע האָט דאפקע געוואָרנט:

— זיצט אײַכ אפ אײַערע ערטער, ס'עט גאָרנישט ניט ווערנ ניט פונ דער ערד, ניט פונ דאָנבאס. צו וואָס דארפט איר זיכ שפארנ ניט אינ אײַער פאכ. האָב איכ ניט געפאָלגט. בערע כאזערס זונ, דער מײַסטער אינ זאוואָד „פינקטלעכע מעכאניק" זאָגט, אז זייגערמאכער דארפ מענ מאכנ פאר שמידנ, פאר שווארצארבעטער. לויפנ זייגערמאכער פונ זײַנ זאוואָד. בינ איכ אויכ אנטלאָפנ. שלעכט! אז דאָרטנ, ווו ס'איז געווענ א נישטיקער קלאָזעט, האָב איכ מײַנ דירע. אפ דער לאָכ פונ קלאָזעט, וואָס איפעשט ביז הײַנט, לייגנ מיר אונדזערע קעפ. מײַנ מישע האָט זיי פײַנט אונ איכ האָב זיי טאָפלט פײַנט אונ אפצעלאָכעס זיי היט איכ שאבעס אונ מאכ קידעש אפ אנ אָקרײַטשיק ברויט.

די גאס אינ איר אײַלנדיקײַט האָט זיי, ווי איבעריקע, אָפגעשטויסנ אינ דער זײַט. א הויפראמער האָט זיי מיטנ בעזעם צוגעטריבנ צו א טויער, זיי זאָלנ זיכ ניט פלאָנטערנ אונטער די פיס. האָט זיכ מייער פאר דער גאס געשעמט אונ ניט געוווסט, ווי אָפצושעפנ זיכ פונ שלוימע געלמאנענ. אפ זײַנע הענט איז געהאנגענ א שווערקײַט פונ דעם רענצעלע געצײַג. גרינלעכע אויגנ האָבנ געקוקט אפ אָט דעם רענצעלע, אויגנ פונ אנ אגענט, עפשער טאקע בא זײַנ ברודער רעב הערשל זאָלאָטניצקי אָדער בא זײַנ שוויגער מאדאם בלעכמאנ, צי בא זײַנ ווײַב בערטע סאולאָוונע, וואָס האָבנ אים געשיקט נאָכצוגיינ אים, מייערנ, די טריט. אנדערש. וואָס גייט ער אים נאָכ? וואָס גייט אָב מייערנ, אינ וואָסער קלאָזעט ער לייגט זײַנ כיטרענ נישטיקנ קאָפ? נאָר אינ דער רווישנדיקער גאס איז ער אליינ א פרעמדער געשטאנענ, מייער עטלינ. א מענטש מיט אנ אייגענעם רענצעלע געצײַג. וואָס קלײַבט ער זיכ טאָנ מיטנ געצײַג? זעצנ זיכ אינ א פענצטער פאר זיכ, צי גיינ מיט רעב הערשל זאָלאָטניצקינ אינ זײַנ ארטעל? ער האָט ראפטאָם דערפילט אנ אָפגעפרעמדטקײַט פונ זײַנ פ אָפבילעט אינ קעשענע. ער האָט מיט גרויל זיכ דערפילט אפ איינ ברעט מיט זײַנ געוועזענעם באלעבאָס שלוימע געלמאנ.

— זעסט דעם מויער, — האָט געלמאנ פילאָזאָפירט, — ווי שיינ, א מעכײַע, ווי ער איז אויסגעפורעמט אינ פראָנט! אָבער ער האָט אויכ א לינקע זײַט. זעסט אָט דאָרטנ א גראָווע א ברודיקע וואנט, אָט אזוי וועט אויכ אויסזענ דײַנ הערשלס ארטעל. איכ ווייס דענ ניט? נאָר איכ בינ געגאנגענ. האָט ער דיר אינ גלאָז געוואָרפנ דרײַ שטיקלעכ צוקער, עס זאָל דיר זײַנ קלוימערשט זיס. דיר האָט ער צוגערוקט אנ אמויצע מיט וווּרשט, ביסטו אויכ אנטלאָפנ, אונ מיר האָט ער אפילע ניט דערלאנגט קיינ איינ ציגעלע צוקער, ער דארפ ניכ ניט. איז וווהינ לויפסטו, מייערקע, מיט דײַנ רענצעלע געצײַג? צו וואָס טויג עס דיר? אז פאר דיר זײַנענ אוואדע אָפנ די טויערנ פונ זאוואָד. קאָנסט פארבײַטנ דעם זייגערל אפ א פלי-אפאראט. מיט דײַנע הענט איז א שמיד צו זײַנ אויכ ניט סטראשנע. ווײַבאלד דו לויפסט פונ ארטעל, איז צו וואָס טויג דיר דאָס רענצעלע געצײַג? פארקויפ עס מיר, איכ האָב א טאָכטער אפ אויסצוגעבנ, א קראנק ווײַב. מישע איז בארויגעז. ער האָט זיי פײַנט אונ זאָגט — נאָכ וואָס ביסטו אהער געלאָפנ? אונ ער איז גערעכט. ווענ דו, מייערקע, פארקויפסט מיר, ווענ דו באָרגסט מיר דאָס געצײַג, וואָלסטו געראטעוועט דרײַ לעבנס. ווײַבאלד

דיכ זײַנענ זיי אינגאנצנ איבעריק אונ וועסט זיי סײַווי עמעצנ אָנוואַרפנ אומזיסט.

האָט עס א טאנצ געטאָנ מיט פרייד אינ מייערס קאָפ, ער האָט פארשטאנענ, אז אָט דער מענטש, אָט דער קלעק, אָט דער כיטרער ייִד זעט אימ אפ דורכ אונ קאָנ אימ טאָנ א טויווע, קאָנ אימ באפרײַענ, זאָל זײַנ אפ באָרג, זאָל זײַנ אומזיסט, אָבער באפרײַענ קאָנ ער אימ פונ אָט דער איבעריקער שווערקײַט, וואָס הענגט אפ זײַנע הענט, וואָס ווארגט אימ באַם האלדז. עפשער פעלט אימ נאָכ, מייער עטלינענ, האנדלענ מיט געצײַג? גיב אימ אָפ, זאָל ער עס נעמענ אפ באָרג, אומזיסט, — האָט געטאנצט אינ הארצנ, האָט גערוישט אינ קאָפ, — ווער פרײַ פונ יאָכ, וואָס רופט דיכ צו א ווארשטאט, וואָס מאָנט דיכ צומ ארטעל.

— נעמט עס בא מיר, רעב שלוימע געלמאנ, — האָט ער געזאָגט אנטשלאָסנ. — נעמט עס, אז איר האָט ניט קיינ מעזומענע געלט, איז נעמט עס אפ באָרג. איכ מיינ, אז איר וועט זיכ איצטער ניט שטעלנ ציילנ אונ דינגענ פאר יעדעס שטיקעלע וויפל דאָס איז ווערט. איכ געטרוי אײַכ. איר וועט האָבנ, וועט איר מיר אָפצאָלנ לויפט, ווארעמ איר וועט פארשפעטיקנ מעקאבל-שאבעס זײַנ. נו, נעמט אונ לויפט!

אונ ווי א הונט, וואָס כאפט פונ יאטקע-קלאָצ א שטיק פלייש, איז שלוימע געלמאנ געלאָפנ, געוואָרפנ הינטערווײַלעכס זײַנע בליקנ. אונ מייער האָט אימ נאָכגעקוקט אָנ א טראָפעלע פארדראָס. אָט-אָ דאָ, אפ דער רוישיקער גאס האָט זיכ מייער דערפילט גרינג אונ פרײַ אונ גאָר, גאָר נאָענט צו זײַנ פראָפבילעט.

מיט צעבונדענע הענט, מיט א פרײַענ געמיט איז מייער עטליג געגאנגענ אינ זאוואָד „פינקטלעכע מעכאניק". אפנ טויער איז געהאנגענ א גרויסע מעלדונג:

„עס פאָדערנ זיכ גוט קוואליפיצירטע זייגערמאכער אינ מאָנטאזש-צעכ".

דער צעכ-מײַסטער אינ מאָנטאזש-צעכ האָט געהאט א פאָנעמ א קײַלעכיקנ אונ א צוגעפלעטשטנ, ווי א טעלער מיט אויערנ. מע האָט דערציילט וועגנ אימ, אז ער האָט א שטאָט אפצעלאָכעס ניט געוואָלט ווערנ ניט קיינ דאָקטער, אפילע ניט קיינ געהילפ-פראָוויזער אונ איז געוואָרנ אנ איינפאכער זייגערמאכער.

ער האָט מיט זײַנ פלאטשיקנ פאָנעמ געזאָגט צו מייער עטלינענ:

— ס'איז אוואדע גוט, וואָס זייגערמאכער גייענ זיכ איבערגרייטנ אפנ זאוואָד. נאָר הער מײַנ אייצע — האָסט א גוטע קאָמפלעקציע, דאָס לאנד דארפ האָבנ גוטע טאָקער, שלאָסער, שמידנ. — ער האָט אימ ווי א סאָד אפנ אויער אײַנגערוימט — מע רופט מיכ אבראמ באָריסאָוויטש העלפאנד. פארשטייסט, איכ בינ פאר דעמ, אז ייִדנ זייגערמאכער זאָלנ זיכ איבערקוואליפיצירנ, אָבער ייִדנ האָבנ א מיִעסע טעווע, זיי שפארנ זיכ אלצ אינ די לײַכטע צעכנ.

מייער האָט זיכ דערמאָנט אפ איינעמ אזא מענטשנ מיט אזא פאָנעמ, מיט אזא ריידנ. דאָס איז געווענ אינ קאזארמע. מאָרגנ האָט מענ באדארפט גיינ אפנ פראָנט אינ די גראָבנס ארײַנ, האָט א מענטש מיט גראָבע ליפנ ארײַנגעמורמלט אימ, מייערנ, אינ אויער:

— איכ בינ א ייִדישער סאָציאליסט, איז זאָג איכ דיר, אז איכ שעמ זיכ, אז מיר איז, ווי א ייִדנ א סאָציאליסט, נו, פאסקודנע, פריקרע, וואָס ייִדנ דרייענ זיכ פונ

פראַנט ארויס. אָט דו, עטקין, א ייִד א גוואר, דארפסט קאָנען דערוויַזן, סאָנים אפּ־צעלאָכעס, אז דו ביסט א העלד, א פּאטריאָט...

דאָס האָט זיך דעמלט איַנגעלייגט זייער לייַכט אין מייערס קאָפּ, און אפּ מאָרגן איז ער, מייער, אפּנ פראָנט געגאנגען, ווי א העלד א פּאטריאָט. און איז באַשאָנקט געוואָרן מ׳ט א ציילעם. היַינט האָט ער זיך אויך ניט בצאמפּערט, ניט געווערט. ווי־באלד ייִדן דארפן קאָנען זיַן גוטע שמידער אויך, איז פּארוואָס זאָל ער דאָס ניט באוויַזן? זיַן גוף, זיַנע הענט האָבן אליין אויך באַגערט א סאך און שווערע ארבעט.

איז ער געשטאנען, מייער, א טאָג, געוויקלט אין רויך, און נאָך דער ארבעט דאָך געגאנגען אייַנציק מיט זיך און פרעגט צווישן אייגענע.

— מאמע, — האָט געשלוכצט דאָס וויַב, — וואָס האָב איך דען מער פארלאנגט, ווי האָבן א זייגערמאכער פאר א מאן, לעבן, ווי דו, מאמע, האָסט געלעבט, שטיל, לייַטיש, בא א לייַטישן פאך, בא א פייַנער פּארנאָסע. מאמע, איך ווער דערשטיקט. ער ברענגט אהיים דעם איפּעש פון דער קוזניע, מאמע.

3

עס האָט אים איינמאָל בא מיטיק-שאָ א כאווערטע א יונגע, מיט פּיצעלעך קלייַנע אפּ איר קורצן נעזל, מיט בלויע העלע אויגן און ליכטיקע האָר אין א רעדל צוגעשאָרן, מיט אזויפיל ערנסט האָט זי אים אריַנגעקוקט אין פּאָנעם, געקוקט פּארכידעשט:

— אזא גרויסער מענטש, — האָט זי געזאָגט, — און איז הילפלאָזיק ווי א קינד. מע שיקט אים אין קוזניע, גייט ער אין קוזניע. מע וואָלט אים געשיקט אין הויף, וואָלט ער געגאנגען אין הויף. אלע רעגן זיך, פּראָטעסטירן, און אזא ריזיקער מענטש מיט פיס און הענט, מיט א מויל שוויַגט, קאָן זיך ניט אָנעמען פאר זיך אליין. איז מיילע, מיט זיך אליין טוט וואָס איר ווילט, — האָט זי זיך צעצאָרנט, צעפּונקען מיט די אויגן, — אָבער דער זאוואָד טראָגט שאָדן צוליב אייַער אָפּגעלאָזנקייַט, דער מאָנ־טאזש-צעך איז דער פּילבארסטער אין זאוואָד, ווו נאָר א דורכרייַס גייט עס אים א פּיבער, און ער פּלאָגט זיך אליין פון זיַן אייגענעם וווקס. קאַדרען גוט קוואליפיצירטע פּעלן אים. האָט דער נייַער דירעקטער ארויסגעוואָרפן א פּאָדערונג — דערלאנג גוט קוואליפיצירטע זייגערמאכער אין די מאסן! מיר וועלן זיי איבערגרייטן. גייט אזעלכער מיט גוטע הענט באוויַזט וווּנדער אין דער קוזניע!

אזויפיל פּאָרוווּרפּ געמישט מיט פּיין אין פּאָנעם. וועמעס יעסורים פּלאָגן זי? ער האָט טאקע אין קוזניע פאר דער צייַט א סאך עפּעס באוויזן, נו, וואָס? וויבאלד ייִדן זייגערמאכער דארפן דערוויַזן, אז זיי קאָנען זיַן גוטע שמידן, וועט ער עס אויך באוו״זן. אָבער ניט איר, אָט דעם דאָרף-מיידל, וואָס האָט געוויס ערשט נעכטן גע־פּאשעט כאזיירים, ניט פאר איר דארף ער זיך בארעכטיקן אין דעם, וואָס ער טוט. אָבער זי לאָזט אים ניט אָפּ, זי טאָרקעט אים, זי פּאָדערט, זי איז סעקרעטאר פון קאָמיוג־קעמערל אין מאָנטאזש-צעך און זי פּאָדערט, נאָך דער ארבעט זאָל ער אריַנקומען אין קאָמקעמערל פון צעך און זאָל עפּעס נאָך א מויל און זאָל זאָגן א וואָרט.

ער האָט פריִער זי נאָכגעלאכט, כא-כא-כא, און אז זי הייסט נאטאשע זייַצעוואַ, און אז זי איז סעקרעטאר פון קאָמיוג־קעמערל, וועט זי אים זאָגן דייעס? ער וויל ארבעטן דאפקע אין קוזניע. ער האָט צוליב דעם אייַנגעריסן מיט זיַן מישפּאָכע,

װעט זי אים פֿאַרװאַרפֿן. א מאַכערן אַף אים! ער האָט זיך געדרודלט באַ דער אַר-בעט, געקאַפּריזעט װי א ייִנגל. געאַקשנט זיך — ער װעט ערגעץ ניט גײן אין קײנע קעמערלעך! נאָר א געדאַנק האָט דאָך געהריזעט זײַן קאָפּ — ס׳איז דאָ א צעך, א פֿילבאַרער צעך. ער פּלאָגט זיך אין װוקס. קאַדרען דאַרף ער, און ער, מײער, האָט גוטע הענט און גײט באַװײַזן װוּנדער אין קוזניע. כאַ-כאַ-כאַ. האָט געלאַכט אין זײַנע אױערן — נאַטאַשע זײַצװוע האָט דיר געגריסט, מײער עטלין. נאַטאַשע! אָט נעמט זי דיך פֿאַר א לאַץ און פֿירט דיך אין איר קאָמקעמערל. האָט ער, װי אַן אָקס א געבונדענער, געװוּכט זיך אַרױסרײַסן פֿון די אַלע געדאַנקען און ניט געקאָנט. און באַרױקט, געהאַרכזאַם. װי פֿון עמעצן געפֿירט, איז ער געגאַנגען אין קאָמקעמערל.

— אין רױטן װינקל, אַן דאָרט, װוּהין א סאַך גײען. איר װעט עפּענען א מױל, איר װעט זאָגן א װאָרט.

װײַטער זי, נאַטאַשע. א זעמדל שיט זיך איבער זײַן גרױסן גוף. נאַטאַשע נעמט אים פֿאַר א לאַץ, נאַטאַשע פֿירט אים און ער שפּאַרט זיך און ער אַקשנט זיך און דאָך גײט ער.

אָט דאָ אין רױטן װינקל, אין געדיכטעניש פֿון אױלעם, לופֿט ער זײַנע אױגן און זוכט נײַגעריק אָט דאָס מײדל מיטן פּאַריסענעם נעזל, מיט די פּיצעלעך קלײַנע צוגעשאָטן. עמעצער רעדט הױך און היציק. ער הערט ניט. עפּעס זידט אים אין קאָפּ. ער זוכט מיט די אױגן. װי אַן אָנשפּאַר זוכט ער נאַטאַשען.

אָט נעמט דורך א ציטער זײַן האַרץ. א מעטאַלענע שטים קלינגט הילכיק, איר שטים. ער הערט אַזױ קלאָר, נײן, ניט צו אים איז די שטים געװענדט. ער הערט קלאָר — באַװער געלמאַן! יאָ, אָט שטײט ער, מישע געלמאַן, א צונטער רױטער, לעבן אים א רעדל מענטשן, װאָס שמײכלען אים צו, אָבער די שטים קלינגט, פֿאָדערט אים אַרױס:

— כאַװער געלמאַן. איר האָט געהאַט די אױפֿגאַבע צו שאַפֿן קאַדרען פֿאַרן מאַנ-טאַזש-צעך. פֿאַר צװײ יאָר האָט די אַרבעט-בירזשע געשיקט אַהער זײגערמאַכער אין די סאַך צענדליקער, פֿאַרװאָס זײַנען זײ אױסגערונען? און די, װאָס זײַנען גע-בליבן, זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין אַנדערע צעכן?

— אָט װעט ער איר זאָגן, אָט װעט ער איר ענטפֿערן, — סױדעט זיך א רעדל.

געלמאַן שטײט באַם טיש מיט רױטן געדעקט, זײַנע רױטע האָר זײַנען צעװאָרפֿן, די אױגן כװזעקן, ער האַלט די הענט אין די טאַשן.

— איך בין שױן לאַנג פֿון צעך און װאָלט געקאָנט ניט ענטפֿערן דער כאַװערטע זײַצװוע, איך װיל נאָר עפּעס זאָגן פֿון מײַן אײגענער געניטקײַט, װאָס אױסלכעס זײַנען זײגערמאַכער? כ׳האָב געהאַט א כאַװער, א געלערנטן א מאַטעמאַטיקער, א ביסעלע פֿאַרכושט. האָט ער אָנשטאָט דאָס אײ אַרײַנגעטאָן אין זוד דאָס זײגערל און האָט געקוקט אַף דעם אײ װײפֿל מינוט קאָכט זיך דאָס זײגערל. דאָס זײגערל איז קאַליע געװאָרן, האָט ער עס באַדאַרפֿט פֿאַריכטן. א ביסעלע פֿאַרכושט, האָט ער אײַנגעװיקלט דאָס אײ אין א פּאַפּירל און עס אװעק-געשיקט צום נאָענטסטן זײגערמאַכער, אין א פּאָר טעג אַרום באַקומט ער דאָס אײ מיט א כעזשבן:

— א נײַעם שטײן אַרײַנגעזעצט, א נײַע האָר, א גלעזל, אױסגערײניקט. פֿאַר אַלץ צוזאַמען נאָר פֿינף רובל אַרבעט-געלט...

עס האָט א דונער א קנאַל געטאָן, געקנאַלט פון א סאַך העלדזער. עס האָט א גלעקל געריסן. עס האָט בעהילכט א וואָרענונג, עמעצער האָט זיך ווי געקלאָגט, ווי געבעטן:

— די אדמיניסטראַציע, אז א פּאַסיקל מעש, קופּער א פּענעצל קליאַנטשעט מען א טאָג.

— א פרענטעלע צין, בוימל נאָכן גראַדוס ניט צו באַקומען.

— די קאַדרען פּירן אונטער!

אַרום טיש איז געשטאַנען אַבראַם העלפאַנד, זיין פּאָנעם איז שוין פּלאַטשיק ווי א ווערגער־ברעט.

— זייגערמאַכער, — האָט ער געזאָגט, — האָבן זיך ניט באַרעכטיקט. — ער האָט געהאַלטן אין די הענט א בלישטשענדיקן רינגעלע, ער האָט עס ווי א קונצנמאַכער אין דער לופט א וואָרף געטאָן, אלע זאָלן עס זען. — אָט דאָס רינגעלע, — האָט ער געזאָגט, — קומט אָן אין מאָנטאַזש־צעך פּולבלעכער, ווי דאָס דאַרף זיין. ווען דאָס קומט אריין אין געניטע הענט, גיט מען עס א שלייף צו, אָבער טעמפּע פינגער גיבן עס א קראַצ, צוגעלאָזן עס און אַרעק אין קאָנווייער, ווערט עס פאַרזען און עס שפּאַרט אָן ביז אין פּרווו־לאַבאָראַטאָריע, פון דאָרט גייט עס מיט א נאָמער בראַק און עס וואַקסט ביז גוואַלדיק דער פּראָצענט בראַק.

— ביז פערציק פּראָצענט — קרעכצט עמעצער, און עפּעס גאַלט מייערס הארצ אָט די ציפער, ער ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר עס שפּאַרט אים אונטערן הארצן א פּאַרדראָס: זייגערמאַכער האָבן זיך ניט באַרעכטיקט. אָט ווינקען צו אים אויגן, אירע אויגן, וואָס פּאָדערן: עפן א מויל, זאָג א וואָרט! און עפּעס ווי פון א בלינדער קראַפט גיט עס אים א שפּאַר איבערן אוילעם, אָט איז ער שוין לעבן טיש, ער זעט קיינעם ניט, ער זעט נאָר אָט דאָס מיידל, נאַטאַשע, וואָס האַלט אים פאַרן לאַצ, צו איר זאָגט ער:

— געלמאַן איז גערעכט. ער מיינט עס זיין טאַטן, וואָס איז פייִק צו פאַריכטן אן איי און קאַליע מאַכן א זייגער, כא־כא־כא, — לאַכט ער ווילד.

— צו דער זאַך, כאַווער, זאָג, רייד צו דער זאַך, — האָט מען אים געמאָנט.

האָט ער געעפנט די אויגן, און ערשטן מאָל אין לעבן איז ער געשטאַנען צווישן אוילעם, וואָס האָט געמאָנט, געוואַרט פון אים א וואָרט. אנטקעגן אים איז געשטאַנען אַבראַם העלפאַנד און בייז געקרימט זיך, האָט ער זיך נאָכאַמאָל ווילד צעלאַכט: — כא־כא־כא, דו אַבראַם באָריסאָוויטש העלפאַנד האָסט אָפּגעקליבן קליינע הענט מיט גרויסע בערד און געלאָזט אין מאָנטאַזש־צעך, און גרויסע הענט אין קוזניע, כא־כא־כא. אזא פּאָרטל האָט ער, דער כאַווער אַבראַם באָריסאָוויטש העלפאַנד, וויבאַלד דאָס לאַנד דאַרף האָבן גוטע שמידן, זיינען יידן זייגערמאַכער מיט גרויסע הענט און שטאַרקע פּיס ניט קליין צו ווערן קיין שמידן.

— א פּאָרטל, זאָגט ער — האָט געברומט א באַס. מענדל באַס האָט מען אים גערופן עפּשער טאַקע פאַר זיין ברומען. — איך האָב א ווערט אויסגעוואַנדערט, — האָט ער געברומט, — כ'האָב געאַרבעט אין די בעסטע לאַבאָראַטאָריעס, ווו עס שאַפט זיך א בעסטער זייגער, כ'האָב געאַרבעט אין דער שווייצ אין דער שטאָט לאַשאָדעפאָן און דאָ האָט מען מיך געשטעלט פאַר א האַמערער אין קוזניע.

— קוקט אָנ מײַנע הענט, װי צערעפּעט זײַנענ מײַנע פינגער, — האָט זיכ געקלאָגט אנ ארבעטער מיט אויסגעסטארטשעטע הענט פאָרויס, — קוקט אָנ, כאַװײרימ, אז א גאנצ לעבנ האָב איכ געארבעט אלס שמיד אונ דאָ האָט מענ מיכ איבער־קוואַליפיצירט, געזעצט אפ א פּראָצעס אָנצורינגלענ מאָנטשינקע רינגעלעכ.

— כאַ־כאַ, — האָט אימ געשטיקט, מײערנ, א מאָדנער, א װילדער געלעכ־טער.

מענדל באס, װאָס האָט געארבעט אינ לאשאָדעפאָנ, אינ שמידערײַ — א האמערער, אונ דער דאָזיקער שמיד קײטלט מיט זײַנע שמידישע שװערע הענט מאָנטשינקע רינגעלעכ. איז עפּשער ליגט טאקע אינ דעמ העלפאנדס א פּאָרטל װי־איבערראנדערשנ די װעלט?

4

װאָס איז מיט אימ דער װילדער געלעכטער האָט ער, מײער, ניט געװוּסט. א פּאָר װאָכנ איז ער ארומגעגאנגענ צעטומלט, װי אלצ אינ אימ װאָלט צעש־דרויפט געװאָ־נ, װי אלע גלידער װאָלטנ אינ אימ איבערגעשטאט געװאָרנ, װי אלע כושים איבערגעטאשט, דער קאָפּ זײַנער איז גאָר װי ניט אפ זײַנ אָרט געשטאנענ. אָאט ער, מײער עטלינ, געזאמלט ארומ זיכ גאנצע רעדלעכ זײגערמאכער אונ געהאלטנ פאר זײ גאנצע רעדעס.

— קוקט זײ נאָר אָנ, פונ װאָס מע מאכט עס א צימעס! פונ דער נאטאש־קענ ביזנ נײַעמ דירעקטער, ביזנ סעקרעטאר פונ זאװאָד־פּאבקאָמ — אלע האָבנ זיכ אופגערודערט. װאָסי — אפנ זאװאָד זײַנענ דאָ א פּאָר טויזנט ארבעטער, איז װאָס איז דער גװאלד, אז א ביסל יידנ זײגערמאכער װאָלטנ געװאָרנ שמידנ, שלאָסער, טאָקער, װאָס איז? װוּ שטײט עס געשריבנ, אז זײגערמאכער מוזנ בלײַבנ נאָענט לעבנ זײגערל?

ער האָט געטומלט, עטלינ, קעגנ זײַנ נאטור, אונ יידנ זײגערמאכער מיט בערד אונ געגאָלטע האָבנ אפ אימ געקוקט װי אפ א מעשוגענעמ. זײ, די זײ־גערמאכער, האָבנ געגרוילט פונ אזא געדאנק — גענוג, אז מע האָט זיכ אָפּגעריסנ פונ אנ אײגענעמ לײַטישנ װארשטאט, זאָל מענ דאָ נאָכ גײנ אינ קוזניע ארײַנ. געװענ אזעלכע, װאָס האָבנ אימ, עטלינענ, געקענט, האָבנ זײ מיט גאל געיאדעט.

— פּכע, מע קענ זײ ניט, דער מאראמ בלעכמאנס אײדעמס? זײַנענ זײ פרומ — זײַנענ זײ פרימער פארנ פויפּסט אלײנ, װערנ זײ אפיקאָרסימ — זײַנענ זײ קאפּאבל עסנ כײלעװונע ליכט.

האָבנ זײגערמאכער געקװאָלנ, גענויקעמט זיכ פאר דער אולע, װאָס איז קעגנ זײ באגאנגענ געװאָרנ.

— כע, כײלעװונע ליכט; זאָל ער אפּילע זיכ דרײַ מאָל א טאָג טויװלענ אינ ריצנײל; אז א מענטש װיל, איז זאָל אימ װויל באקומענ, װאָס האָט עס אָבער צו אונדז, זײגערמאכער? אָט־אָ דאָ אינ מאָנטאזש־צעכ איז שוינ דער גרויסער מאזל.

ער האָט זײ פײַנט געהאט, עטלינ, אָט די באלעבעסלעכ, מיט װעלכע ער

האָט איצטער, ווי קענג זײַנ ווילנ, געפּירט דיספּוטנ. ער האָט זיי פּײַנט געהאַט אָבער ניט פאַרטראָגנ האָט ער אינ די טעג מער פאַר אַלעמענ מענדל באַס. אז א מענטש קוקט מיט אַזעלכע אויגנ, גלײַך דער גרויסער גליק האָט אינ זיי אַרײַנגעקוקט נאָך אינ דער מאַמעס בויך. אָבער עפּעס א כיילעק ביטער גאַל פאַרמאָגט דאָך דאָס לעבנ? א כיילעק גאַל, וואָס אײנעם טראָפּנט עס אַרײַנ מער, אײנעם וויניקער, אָבער יעדערער באַקומט דאָך א טראָפּנ ביטערניש. ניינ, אינ מענדל באַס פּאָנעם איז עס ניט צו זענ. עס איז אים ראַק זיס, ראַק גוט, פרייל לעכ, גלײַך הײַנט האָט ער געוווּנענ דעם גרויסנ געווינס. אונ אז ער רעדט, האָט ער די גאַנצע וועלט בא זיך אונטער דער האַנט, אונ אז ער שווײַגט, קומט אויס, אז ער ווייס וועגנ עפּעס אַזעלכעס, וואָס נאָר ער ווייס עס. זײַנענ בא אים די האָר העל אונ געקרײַזלט, ווי בא א יינגל, דאָס פּאָנעם רונד אונ פריש, ווי ער וואָלט אים צוויי מאָל א טאָג געגאָלט. קיינמאָל קיינ געדאַכט פונ קיינ הערעלע. טראָגט ער זיך אינ די רויטע טופל מיט גראָבע אָפּצאַסנ, מיט וואָלענע געטרעס. די הויזנ ווי אָנגעבלאָזענע פּענכערס. אַנ דער קאָלירטער העמד מיט געשפּיצטע קראַגנעלעך — א קורצ רעקלע, וואָט אָט וועט עס פּלאַצנ אַפ זײַנע ברייטע פּליי־צעס, אונ מיט בלויע באַוונטע אויגנ זעט ער די וועלט, אויגנ, ווי ער וואָלט זיי אַרויסגעריסנ פונ א פרילינגדיקנ הימל. איז וויפל איז אַלט אַזא מענדל באַס? צי האָט ער א ווײַב, צי האָט ער קינדער? צי האָט ער געוווּסט אונ צי ווייס ער איצטער פונ א יאָך? שטייט ער, מענדל, מיט א ליולקעלע אינ מויל, מיט א קאָל פונ א גרעסטנ טראָמבאָנ אונ רייצט, רייצט אַלעמענ.

— מ'עט נאָך זענ ווער פונ אײַך איז א זייגערמאַכער אונ ווער פונ אײַך איז א זייגער־פּײַפער. מ'עט נאָך זענ. וויל פונ שטיבל ביזנ בוידעם איז נאָך ווײַט צום גאַניידנ. אַנ אוויאַ־אַפּאַראַט איז אויך ניט קיינ זייגערל, דאָס איז א פאַרוויקלטער פּאַך. אַפּ אַנ אַפּאַראַטל דאַרפ מענ ברעכנ דעם קאָפּ אונ האָבנ גוטע הענט. דאָ וועלנ אוואַדע א סאַך ניט וויסנ מיט וואָס מע עסט עס. א סאַך וועלנ אַריבער אַפּ פּרימיטיווע פּראָצעסנ אונ וועלנ ניט דעריאָגנ די אייגענע נאָז. וואָרעמ די אוויאַ־אַפּאַראַטור שטייט ניט אַפּ איינ אָרט, זי וואַקסט, זי יאָגט, זי אַנטוויקלט זיך. הײַנט אַזעלכעס אונ מאָרגנ וועט דיר די וויסנשאַפטלעכע לאַבאָ־ראַטאָריע דערלאַנגענ עפּעס אַזעלכעס, וואָס וועלנ דיר ווי צענ זונענ די אויגנ אויסברענענ. אַנ אַפּאַראַטורל איז ניט קיינ זייגערל.

עס האָבנ א סאַך זייערע נע ער געקרימט, געקײַט די בערד פונ פאַרדראָס. מייער עטלינ האָט ניט אויסגעהאַלטנ:

— אָבער פונוואַנענ ביסטו עס אַזא גרויסער ווייסער? וועלכע אוניווערסי־טעטנ האָסטו עס דורכגעמאַכט? — האָט עטלינ מיט האַרצ, מיט גאַל געפרעגט.

— מע וועט נאָך זענ, — האָט מענדל באַס געביסנ זײַנ ציבעקל, געלאָזנ קנוילנ רויך פאַר זײַנע בלויע באַוונטע אויגנ. — הענט דאַרפ מענ האָבנ אונ א קאָפּ. ניט יעדערער קאָנ זיך איבערבויענ פאַר א גוטנ שמיד אונ צו אַנ אַפּאַראַטל איז פאַלג מיר א גאַנג.

— אָבער דו, פונוואַנענ איז דיר דער גרויסער סאָד באַוווּסט?

— דאָ אינ לאַנד וועט די אוויאַציע איבערשטײַגנ די וועלט, די אַפּאַראַטור

איז דער דויפעק פון דער מאשין, דער פולס, װאָס זאָגט דעם פליִער דעם צו־שטאנד פון זײַן מאשין. דאָס איז ניט קיין זייגערל, דאָס איז העכסטע קוואליפיקא־ציע, דאָס איז א שטיק סאָציִאליזם.

— אָבער װאָס באַלבעסטו? איך פרעג דיך, װעלכע אוניװערסיטעטן האָסטו דורכגעמאכט, װאָסערע פּאָליטישע שולן ביסטו דורכגעגאנגען, װאָס דו װייסט אַלץ? — האָט מייער עטלין געגאָסן גאל און קוים אײַנגעהאלטן זײַנע גרויסע הענט ניט צו װארפן זיך אף אָט דעם בארימער.

— איך בין א היגער, — האָט געבאסעװעט מענדל, דאָס מאָל נאָך הארטער און ערנסטער און זיכערער. — איך בין געװען אין אויסלאנד, האָב איך גע־װוּסט מיט װאָס מע עטעמט דאָרטן. הײַנט בין איך דאָ, בין איך א היגער, און דו כאַלעמסט און לעבסט אין פרעמדע װעלטן.

פון מענדל באס איז עס געװען צו האָזעדיק. ער האָט זיך אָפגעזאָגט זײַנס און איז אַרײַנגעקראָכן אין זײַן ריפסענעם בלויען קאָמבינעזאָן און װי אן אינ־זשעניער אװעקגעשטעלט זיך באם הויכן װארשטאט און פארשטומט.

5

אין לענג פון ליכטיקן קאָרפוס פוןביידע זײַטן גלעזערנע װענט, פונװאנען ליכט, זון און שאָטן האָט זיך אהער געקראנצט, בא ביידע זײַטן װענט, זײַ־נען די הויכע װארשטאטן געשטאנען הויכינקע, װי פײַערקאסעס. א דינינקער גאָלדענער שטויבעלע האָט די ליכט גערונצלט. אונטער העלע לויטערע גלאָז־קאָל־פאקן זײַנען געלעגן פארשיידענע געדערעם, גלידער פון פארשיידענע אפאראטורן, געפינקלט מיט זייער ניקעלנעם געשליפענעם גלאנץ און איבער יעדער װארשטאט האָט זיך געבויגן א קאָפּ, אן אויג מיט א שפּאַקטיװ. איז ער, מייער עטלין, אויך באם װארשטאט געשטאנען. די ערשטע טעג טאקע גאָר װייניק געזעסן און אַלץ מערער געשטאנען. דער נײַער צעך־פארװאלטער, װאָס האָט אים אונטערגעטראָגן דעם ערשטן מאָדעל, האָט אים מיט כשאד פון א זײַט באטראכט — זײַן ריזיקע פיגור, זײַן לייבישן פּאָנעם, זײַנע גרויסע הענט, און ער האָט ניט גאָר זיכער געזאָגט, דער פארװאלטער:

— אָט דעם מאָדעל קאָנסטו ארבעטן דרײַ טעג. — ער האָט נאָך לאנג פון א זײַט געקוקט, װי װעלן זיך עס אײַנלייגן די דעטאלן אין אָט די דלאָניעס, אין אָט די פינגער און אזוי מאָדנע האָט אויסגעזען די שפּאַקטיװ אף זײַן גרויסן קארן אויג, װי פארלאָרן איז עס געגאנגען אין די גרויסע פּאָנעם־שטריכן. איז װי װעלן אזעלכע הענט, אזעלכע פינגער זיך ספראװען מיט די דעטאלן, מיט דעם מאָדעל, װאָס איז א טייל פונעם אפאראט?

דרײַ טעג. מייער עטלין האָט געװוּסט די באַדײַטונג פון צײַט. זײַן טאָג בא דער ארבעט, זײַן שאָ, זײַן מינוט איז געװען בא אים אף שטרענגן דיסקאָנט. האָט ער אָנגעטאָן די שפּאַקטיװ אפן אויג און פארגראָבן זײַן בליק אין זייגערל, איז ער געבליבן מויב־שטום פאר דער גאנצער ארומיקײַט. איז װאָס איז איצטער מיט אים געװאָרן? מיט דער לופּע אפן אויג זעט ער ניט נאָר די דעטאל פון

מאָדעל, נאָר דעם גאַנצן גרויסן קאָרפּוס. ניין, דעם גאַנצן צעך, וואָס ליידט אַפּ דער קרענק פון ווקס, ווייל עס פעלן אים גוט־קוואַליפיצירטע קאַדרען. זייגערמאַכער קאָנען זיך איבערקוואַליפיצירן צו אָט דעם אַפּאַראַט, צו אָט דער גרויסער קאָמפּליצירטער קיילע, זייגערמאַכער! ער איז איינער פון זיי. אַ זאַוואָד פיבערט אין זיין ווקס. דער מאָנטאַזש־צעך איז דער פילבאַרסטער, אָדער פירנדיקער, קאַדרען גוט־קוואַליפיצירטע פאָדערט ער!

אהא, דאָס איז זי, נאַטאַשע. דאָס רעדט זי אַזוי אַריין אין זיינע אויערן. ער גיט זיך אַ כאַפּ. דער צעך־פאַרוואַלטער קוקט אַריין אין זיינע הענט. ווי אַ טאַטע קוקט ער אַריין און פרעגט:

— נו, ווי גייט עס, נישקאָשע? אַז דו דאַרפסט עפּעס פרעגן, איז פרעג, שעמען זיך איז ניטאָ וואָס, קיין קענערס ווערן ניט געבוירן, אַלץ לערנט מען זיך אויס.

שטייט זי, נאַטאַשע, הינטערן פאַרוואַלטער מיט אַ פאַרזאָרגט פּנעמל. זי, דאָס מיידל, זאָרגט עס וועגן אים, מייערן, דעם מאַן מיט יאָרן, מיט געניטקייט, צי וועט ער זיך ספּראַווען מיט דעם געגעבענעם מאָדעל. גלייך אַ ניאַנקעלע זיינע, אַ דערצויערן, זאָגט זי צו אים:

— איר האָט דאָ אַ מייסטער, איר האָט דאָ אַ בריגאַדיר, מיט אַלץ, וואָס איר דאַרפט בײַ דער אַרבעט, ווענדט זיך צו זיי.

אָט שטייט זי שוין אין אַ רעדל און קוקט דעם פאַרוואַלטער אין מויל און איר פּאָנעם באַשיינט אַ פרייד פון פאַרוואַלטערס אַ וואָרט.

— דער דאָזיקער גיבער איז אַ מייסטער.

און עטלינען גיט דערפון אַ ברי אַ פאַרדראָס: ער דאַרף ניט קיין אָפּעקעס, ער וויל, מע זאָל אים לאָזן אַרבעטן אָן נאַטאַשעס זאָרג און אָנפירונג. וואָס איז, ווער דאַרף אים דייעס זאָגן? ער האָט געוואָלט זיין אַ שמיד, איז וועמען גייט עס אָן? ניט צוליב נאַטאַשען האָט ער אַזאַ קאָרבן געבראַכט, אַזויפיל וווּנדן געטאָן זיין געזונד, פירט זי אים, אָט דאָס מיידעלע, פאַר אַ לאַץ און קוקט אים אין די הענט אַריין מיט זאָרג, ווי זיין דערצויערן. קוקן נאָך אַפּ אים הינטערוויילעכס בלויע אויגן, באַזונטע ליפּן שפּילן מיט שמייכל, אַ פּלייצע אין אַ ריפּסענעם קאָמבינעזאָן רייצט אים.

„מ'עט נאָך זען ווער פון אונדז וועט זיך לייטישער ספּראַווען מיט אָט דער שטיקל קיילע. אָט דער שטיקל מאָדעל איז דאָך ערשט אַן אַלעף אין דעם פּאַך. וועט מען זען ווער וועט זאָגן אַלעף און ווער וועט זאָגן טאָפּ".

גיט עס מייערן אַ צווייטן ברי. עפּעס אַן עמעס שטעקט אין מענדל באַס באַרימערייַ. דער מאָדעל, אַפּ וועלכן ער, מייער, אַרבעט, איז היפּש קאָמפּליצירט, די דעטאַלן זיינען ניט שטרענג שטאַמפּירטע. יעדע קלייניקייט קומט אים אויס זעלבסט צוצולאָזן. אַפּ דעם איז דאָ אַ גאַנצע טעכנישע אויסשטאַטונג אין צעך — אי פּרעס־, אי טאָק־, אי בויער־מאַשינעס, עלעקטרישע לייט־אייזנס, פייער־אייוועלעך און אים קומט אויס אי צושמידן, אי צוטאָקן, אי בויערן, אי לייטן און אַלץ צו דער האָר, אַ גאַנצע רייַ פּאַך־קענטעניש דאַרף מען האָבן אַפּ דאָס אַלץ צו באַהערשן. און ער דערפילט אַ זאָרג, און דאָס מאָל איז די זאָרג ניט בלויז פאַר זיך. ער באַמערקט אַרום זיך אַ סאַך זייגערמאַכער. ער ווייסט, אַז בײַ זיי שוויצט אונטער די קעלנער. צי וועלן זיי באַהערשן אָט דעם פאַרוויקלטן פּאַך? אים אַליין איז עס

אויכ ניט גרינג, נאָר עס באהערשט אימ א כיישעק, א באנגער ענטפערנ אָט דער פלייצע אינ ריפסענעם קאָמבינעזאָנ. טאקע צוליב דעמ קאָוועד פונ די סאכ זייגער-מאכער חעט ער באוויַזנ אָט דעמ בארימטער מענדל באז. ער, מייער עטלינ, חעט בעסער אונ פריִער פאר די דריַי טעג פארטיק מאכנ דעמ מאָדעל — פריִער.

אנ ערשטנ מאָל אינ לעבנ איז ער, מייער עטלינ, געווענ אזוי פול מיט אמביציע, אנ ערשטנ מאָל אזוי אָנגעשטרענגט בא דער ארבעט. פונ איינ זיַיט — נאטאשע, פונ דער צווייטער — אָט דער ריפסענער קאָמבינעזאָנ, אָט די באזונטע אויגנ. אונ ער האָט געפלאמט בא דער ארבעט, זיכ זעלבסט אונטערגעיַילט — גיכער, מייער עטלינ, באוויַיז זיי. אונ ער האָט באוויזנ. דעמ מאָדעל האָט ער פארפארטיקט אפ א האלבנ טאָג פריִער פונ די געגעבענע דריַי טעג אונ מיט צוויי שאָ פריִער פאר מענדל באס.

נאָכ די ערשטע דריַי טעג האָבנ זיכ אוועקגעצויגנ וואָכנ אונ כאדאָשים. דער ערשטער מאָדעל איז געווענ דער אָנפאנג צו א גרויסער קוואליפיקאציע, צו וועלכער ער האָט זיכ מיט גרויסער אמביציע געריסנ. א סאכ פונ די מיט אימ גליַיכ אהערגעקומענע זייגערמאכער האָבנ זיכ קוים דערקליבנ צו א פרימיטיוונ ארבעט-פראָצעס אונ אפ דעמ זיכ פארהאלטנ אינ איינער פונ די בריגאדעס. אויסגעארבעט א געהאלט אונ באנוגנט זיכ דערוויַיל מיטנ דערגרייכטנ.

ער האָט זיכ ניט באנוגנט, מייער עטלינ, — פאָרויס, פאָרויס, מייער, — האָט ער זיכ זעלבסט געיאָגט, — צומ העכסטנ, צומ לעצטנ קאָמפליצירטסטנ פראָצעס פונ דעמ פאכ! פאָרויס, מייער!

— פינקטלעכע מעכאניקע! — האָט עס אינ זיַינע אויערנ אריַינגערעדט די טאָק-מאשינ. דאָס אויסגעבויערטע לעכעלע אינ א דעטאל, וואָס האָט א סאכ בראק גע-געבנ, האָט ער אזויפיל מאָל דערלערנט, אז בא מענדל באס האָבנ זיכ די זוניקע אויגנ אָנגעשטעלט מיט כידעש. — ווי פלאצנ ניט זיַינע נערוונ, ווי טריקנט דאָרטנ ניט אויס דער מארכ אינ זיַינ קאָפ? מייערס פארדינסט אינ יענע כאדאָשים איז געווענ שפאָטיש נישטיק. אינ דער היימ האָט אימ באגעגנט די שוויגער, די מא-דאמ בלעכמאנ. אינ דער גרויסער עס-שטוב איז זי באמ טיש מיטנ וויַיסנ טיש-טעכ געזעסנ. האָט זי זיכ אופגעשטעלט קעגנ אימ אינ איר זיַידענעמ אָנטאָנ, וואָס איז געווענ לאנג ביז די קנאפל אונ הויכ פארקאָלנערט באמ האלדז, אונ אפנ קאָפ א געשפיצטע הויב. איר פאָנעמ, וואָס האָט דערציילט פונ אמאָליקער שיינקיַיט, האָט זיכ געוואָלקנט. אויגנ האָבנ גרוי מיט ווינטערדיקער קעלט אימ דורכגענומענ.

— איז נאָכ וואָס קומסטו אינ דער היימ, וואָס מיר האָבנ מיט אזויפיל שוועריקיַיט אופגעשטעלט אונ וואָס יעדער בייזער בלאָז פונ א ווינט קאָנ עס אומברענגענ מיט אונדז צוזאמענ? וויבאלד דו האָסט זיכ אָפגעזונדערט, וויבאלד דו קאָנסט ניט אָדער דו ווילסט ניט געבנ קיינ ברויט דיַינ וויַיב, איז וואָס דארפסטו א וויַיב? וויבאלד דו ביסט בלויז אנ אומגעווונטשענער שאָכנ, וואָס דו טראָגסט נאָר אהער דעמ איפעש פונ דיַינ ארבעט, איז זוכ זיכ עפעס אנדערש, וואָס זאָל זיכ פאסנ צו דיר.

איז מייער שוינ געוואָרנ אנ אומגעווונטשענער שאָכנ. אינ זיַינ צימער איז בלויז געבליבנ אנ אופגעלייגט זעלנעריש בעטל. דאָס וויַיב האָט אימ אויסגע-מיטנ, אפ די אויגנ זיכ אימ ניט געוויזנ. ער האָט איבערגעשלאָפנ די נאכט אונ

איז אוועק. און מאָדנע, זײַן האַרץ איז קאַלט געבליבן צום ווײַב, צו דער שוויגערס טײַנעס. די גאַס האָט פאַרכאַפּט, די שטאָט האָט אים צו זיך גערופן. דער קאָפּ איז פול געווען מיט דעם, וואָס ער האָט הײַנט אָנצויאָגן. ביז ער איז אַרײַן אין צעך, געשטעלט זיך באַם װאַרשטאַט און אָנגעהויבן זײַן טאָג ביז װײַטער זיסער האַרעוואַניע.

6

עס האָט אים איינמאָל אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ — נאַטאַשע! דאָס האַרץ האָט זיך אין אומרו אַ װיג געטאָן, שוין לאַנג זעט ער זי ניט דאָ אין צעך. שוין לאַנג קוקט זי ניט אַרײַן אין זײַנע הענט מיט אירע זאָרגפולע בליקן.

— דו יאָגסט, דו װעסט װערן דער בעסטער שלאָגלער, אָבער מענדל באַס קאָן פירן נאָך זיך אַנדערע אויך, און דו האָסט אַלץ צו טאָן מיט זיך, װי מיט אַ ציטעריקן ייִנגל, — האָט זי איינמאָל צו אים געזאָגט.

דאָס האָט אים פאַרדראָסן. װאָס קריכט זי אים אין די אויגן? אָבער מאָדנע: אין דעם פאַרדראָס איז געווען אַן אומבאַקאַנטע האַנאָע, װאָס האָט באַגערט — זאָל זי, זאָל זי קריכן אים אין די אויגן, זאָל זי. דער באַרדאַס עטלין האָט פּראָטעסטירט, זיך געאַמפּערט, — אָט צוליב דעם האָט ער אָפּגעשניטן פון זיך אַ שטיקל לעבן, אויסגעוואָרצלט די ליבע צו אַ װײַב, נאַטאַשע זאָל אים זאָגן דו און לערנען און אָנפירן מיט אים? און דאָך, אַף יענער זײַט פון אָט דער שטאָטנער לאָגיק זײַנער, האָט געצאַפּלט אַ באַגער — װאָס אָפּטער, װאָס נעענטער זי זאָל צו אים צוגיין, אָט דאָס מיידל נאַטאַשע, װאָס אָפּטער.

איצטער איז זי ניט געווען. זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּרײַסן פון דער אַרבעט. אַמאָל האָבן זיי זיך פּלוצלינג באַגעגנט מיט אירע אויגן. זי האָט אים אַ װוּנק געטאָן — „אַ גוטן מאָרגן", און שנעל דורכגעשניטן דורכן צעך און ניט געוואָרן. קלאָר, זי אַרבעט ערגעץ אַנדערש, קלאָר.

אַ סך מענטשן האָבן זיך דאָ מיט יעדן איינעם אינטערעסירט. ער איז אויך געווען אין אויג פון דער פּראָפּ- און פּאַרטיי־אָנפירונג אין צעך. אָבער נאַטאַשע, גלײַך מיט איר איז ער געגאַנגען אין פאַרמעסט, איצטער, אַז נאַטאַשע איז ניטאָ, איז מיט װעמען זאָל ער זיך פאַרמעסטן?

ער איז שוין דעמלט געשטאַנען אין דער אַרבעט פולוואָגיק, װי אַ בוים, אַרומגענומען מיט פּרוכט, װאָס װאַקסט און צײַטיקט. מיט ריזיקן אימפּעט איז זיך דער צעך צעוואָקסן, אַלע טאָג האָט ער זיך אָנגעגאָסן מיט פרישע אַרבעט־קראַפט, איבערקוואַליפיצירטע האָבן זיך אַרײַנגעגאָסן אין בריגאַדע. די בריגאַדע האָט אויך געהאַט די אויפגאַבע צוצוגרייטן קאַדרען. יוגנט פון זאַוושול און גאָר רויוואַרג ערשט געענדיקטע אַן אַרבעט־שול האָבן אַן זייגערמאַכערישע פאַרגרײַזונגען פלײַסיק פונדאָסנײַ געלערנט דעם פאַך. און האַסטיק, װי אַ װאַסערפאַל, האָט געשלאָגן דעם טעמפּ פון זאַוואָד און פון דעם אָנפירנדיקן מאָנטאַזש־צעך.

אין איינער פון די בעסטע, אין יעוועלייעוס בריגאַדע האָט געאַרבעט מייער עטלין, באַם סאַמע קאָמפּליצירטן לעצטן פּראָצעס פון סאַמע קאָמפּליצירטסטן אַפּאַראַט. באַם הויכן װאַרשטאַט איז ער געשטאַנען איבערגעבויגן. זײַנע װייכע

ברוינע האָר מיט זילבער געמישט פאריסנ אפ ארופ, דאָס געגאָלטע לייבישע פּאָנעם מיט גרויסע שטריכנ אינגאנצנ צו דער ארבעט געווענדט. ווי א זעלטענער מעכאניזמ האָבנ זײַנע גרויסע הענט זיכ באוועגט. דאָס פּײַלכעלע, דאָס צווענגעלע איז דאָרט געווענ אזוי פעסט אונ זיכער, ווי דאָס געצײַג אינ א כירורגס האנט, ווי דאָס פּענדזל באמ קינסטלער. אזוי לײַכט, אזוי ריינ, אזוי קינסטלעריש האָבנ די הענט געארבעט מיטנ געצײַג. דעמ אפּאראט, וואָס איז געגאנגענ אינ קאָנווייער פונ צעכנ אונ בריגאדעס, האָט ער דורכ זײַנע הענט צולעצט דורכגעלאָזנ, דורכגעפּילטערט מיט זײַנ אויג, אויסגעבעסערט אונ פארמינערט דעמ בראק.

איז ער געשטאנענ באמ ווארשטאט א זיכערער, ווי א קאָמאנדיר פונ זײַנע קריכעס אונ מעגלעכקײַטנ. יעדע רעגע דיסקאָנטירט, אויסגענוצט מיט מאטעמאטישער פּינקטלעכקײַט. ניט געשוויצט אונ ניט שטאמפּירט. עטלינ האָט געוווסט, אז דער אוויאָ־אפּאראט מאָנט ניט נאָר דעמ דערפינדערישנ קאָפּ אינ ווײַנשאפט־לאבאראטאָריע, נאָר אויכ דעמ פארשטאנד, די באטראכטקײַט פונ מענטשנ בא דער ארבעט.

איז זי ווידער דורכגעלאָפנ ווי א בליץ, נאטאשע, מיט איר צעפלאמטנ פּענעמל, א וואָרפּ געטאָנ צו אימ אירע לעבעדיקע אויגנ, מיט פאָרוואורפ דערלאנגט אימ א זאוואָד-צײַטונג אונ געזאָגט:

— נא, לייענ, דו באקומסט דאָכ אפילע ניט אונדזער צײַטונג „פּינקטלעכע מעכאניק".

עפּעס האָט א טאנצ געטאָנ אינ זײַנע ביינער, א שפּיגל געטאָנ אינ זײַנע בלוטנ. אָט ווענ ער קאָנ, וואָלט ער זי א כאפּ געטאָנ, אָט דאָס מיידל, וואָלט זי געפּרעסט אינ זײַנע הענט, וואָלט זי צעריבנ ווי א וויטשקע אינ זײַנע פינגער. מיט אנגסט אונ פרייד האָט א זונג געטאָנ זײַנ ליידנשאפטלעכער באגער אונ גלײַכ האָט א כארפּע זײַנ פּאָנעם באדעקט. אָט דאָס מיידעלע, וואָס ערשט נעכטנ האָט זי געקאָנט פּיטערנ כאזיירימ, קאָנ אימ, דעמ געניטנ מאנ, שטענדיק עפּעס פּאָרוואָרפנ, שטענדיק עפּעס זאָגנ, לערנענ. האָט אינ אימ געבונטעוועט, געשפּרונגענ, געזאָטנ דער צאָרנ, געמישט זיכ מיט כארפּע אונ ניט ווילנדיק האָט ער נאָכגעגעבנ — אז אָט די נאטאשקע, די פארטייישע, פירט אָנ מיט אימ, שעפּירט איבער אימ...

7

נאָכ דער ארבעט האָט ער געלייענט די צײַטונג „פּינקטלעכע מעכאניק", ער האָט דאָרט געפונענ מענדלס באס בילד, מענדל באס — ארומגענומענ מיט יוגנט, מענדל באס — א שײַנענדיקער מיט באזוניקטע אויגנ פירט אָנ מיט דער יוגנט, שאפט פונ זיי קוואליפיצירטע קאדרענ. אזוי איז טאקע אָנגעשריבנ אינ דער נאָטיצ: „מענדל באס האָט ניט נאָר זיכ זעלבסט מיט דערפאָלג איבערקוואליפיצירט, נאָר ער האָט מיטגעפירט נאָכ זיכ אנדערע, באוויזנ א בײַשפּיל פונ ענערגיע אונ איבערגעגעבנקײַט. אונ איצטער העלפט ער שאפנ אינ צעכ דעמ אינסטיטוט פונ נײַע קאדרענ פונ אונדזער יוגנט".

ער האָט אויכ געפונענ זײַנ בילד, ווי ער שטייט בא דער ארבעט. אונטערנ בילד איז געווענ אנ אונטערשריפט:

„אַט־אָ דאָ איז ער דאָ, מער זעט מען אים דערווײַל אינערגעץ ניט“.

ער האָט דעם דריטן ברי באַקומען: פון אָט דעם אונטערשריפטל האָט אַפּ אים אַ קוק געטאָן נאַטאַשעס אויג מיט פאַרוואורף. איז וואָס מיינט זי, וועט זי אים ווי אַ ייִנגעלע פירן? ניין, צופיל געניטקייט האָט ער. ער איז שוין אַ מאַן מיט אָפּגעזעצטע נייגונגען, ער האָט שוין אַ סאַך געלעבט און אַ סאַך געזען, ער זאָל קאָנען טאַנצן אַפּ נאַטאַשעס שטריקל.

אין רײַ מיט אים איז אַ פרוי געגאַנגען. איר ברוין, שאַרפּ פּאָנעם, לאַנג ווי בײַ אַ העכט, האָט מענער באַרירט, איר פיגור, גלײַך אין אַ סטרונע, האָט מיט קליינע טריט געטראָטן, אירע אויגן האָבן שוואַרץ געקוקט אַפּ מייער עטלינגען. אַמאָל האָט ער אָט די פרוי אַפּ מײַלן געפילט: אַפּן פּראָנט אין די גראָבנס, אין אָנגריפּ, ווען דער טויט האָט געקוקט מיט הונדערט אויגן אַפּ אים, האָט ער געדענקט דעם גערוך פון אירע שוואַרצפּעכעדיקע האָר, געהערט דעם שאָרך פון איר קלייד, דעם ריטם פון איר טראָט. איצטער איז ער מיט איר אַ גאַנצן קוואַרטל דורכגעגאַנגען זײַט בײַ זײַט און ערשט אַפּן ראָג זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז זי איז אים אַזוי ווײַט און פרעמד דאָ אין דער רוישיקער גאַס, ווי אין דער היים, ווו זי האָט איר בעט צוגעגרײטן ... פון זײַן צימער און באַזײַטיקט זיך פון זײַן לעבן.

— אַ גאַס גיי איך דיך נאָך און ווייס ניט, וואָס דו האָסט אין דײַן זינען. וואָס טראַכסטו אין גאַס? — האָט זי מיט פאַרוואורף געזאָגט. נאָר דאָס איז געווען דער פאַרוואורף פון איר פערזענלעכער באַליידיקונג. זי איז קראַנק, זי גייט איצטער פון אַ פּראָפעסער, ער אייצעט איר געבוירן אַ קינד. פאַרויס דאַרף זי זיך אַ הייל טאָן, פאָרן אין קרים, יעוופּאַטאָריע: דאָס איז הײַנט פאַר איר אַ צו טײַערער ביסן. דער פּראָפעסער זאָגט, אַז זי מוז עס. אָבער מיטלען? זי לעבט דאָך אָן מיטלען.

דאָס לעצטע האָט אים געקלונגען פאַלש, פריקרע. ער האָט געוווּסט, אַז אין די דירע־ווענט, וואָס איז איבערגעבויט געווען פון אַ שטאַל, איז פאַרמויערט היפּש מיטלען, וואָס קאָנען קלעקן אַפּ אַ לעבן. ער האָט געוווּסט, אַז אונטער די זײַדענע קליידער בײַ דער מאַדאַם בלעכמאַן געפינען זיך קניפּעלעך אַנטיקן. נאָר גראָד דאָס האָט אים־האַנאָע געטאָן טאַקע. בערטע סאָלאָוונע ווענדט זיך צו אים נאָך מיטלען, בערטע רופט אים צו זײַן אַ טאַטע פון איר קינד, בערטע סאָלאָוונע זאָגט זיך אָפּ פון איר אָפּאָזיציע און באַשליסט האָבן אַ קינד.

מיטלען וועלן זײַן, זײַן געהאַלט איז שוין סאָליד און אָקאָרשט האָט ער געלייענט אין דער זאַוואָד־צײַטונג, אַז פון אָנהייב דעם כוידעש האָט די אַדמיניסטראַציע אײַנגעפירט די פּרעמיר־סיסטעם. פאַר יעדן אָפּגעגעבענעם אַפּאַראַט אָן בראַק אַ רובל פּרעמיר־געלט. דאָס וועט אַפּ זײַן כוידעש אויסטראָגן אַ סאַך רובלס. ער וועט דעם בראַק דערפירן ביז אַ מינימום...

זי האָט זיך צו אים געטוליעט ווי אַמאָל, ווען כאַסאַנים האָבן איר מאַמעס שוועלן אָפּגעשלאָגן און זי האָט קאַפּריז פּאַראַקשנט נאָר געוואַרט אַפּ מייער עטלינען. ווײַל וואָס האָט זי געוואָלט מער, ווי האָבן אַ מאַן אַ זייגערמאַכער און לעבן, ווי איר מאַמע האָט פאַרן טאַטן געלעבט.

זי האָט נאָך די שטאָט ניט געקענט, ניט געזען, ניט געלעבט און הײַנט האָט זיך איר געגלוסט אָנהייבן לעבן. ער האָט ניט געפרעגט — פאַרוואָס עפּעס הײַנט?

זאָל זײַנ היינט, זיי האָבנ געײַלט אינ פארק צוזאמענ מיטנ גרויסנ געווימל יוגנט. ער האָט צוזאמענ מיט איר געוואָלט יונג זײַנ.

באם ארײַנגאנג אינ פארק האָט אים א שפּאר געטאָנ אינ פּאָנעם א רויטער קאָפּ, דער אינזשעניער געלמאנ. ווענ מ׳יער עטלינ וואָלט געקענט, וואָלט ער כוישעד געווענ, אז די דאָזיקע באגעגעניש איז געווענ א צוגעגרייטע. אָבער עטלינ איז בא-וויַיט געווענ פונ כשאד. געלמאנ האָט זיכ אפ אים אָנגעוואָרפנ מיט פרייד, בא-גריסט זיכ מיט אים, מיט בערטע סאָלאָווענ: — אכ, אזויפיל יאָרנ אינ שטאָט אונ מע באגעגנט זיכ ניט. וואָס איז דער וווּנדער, מע לעבט, מע ארבעט אינ אײנ זא־וואָד אונ מע טרעפט זיכ ניט. ער ווייס, נאטירלעכ, ער האָט גרוסנ, אז מייער עטלינ איז באלד דער בעסטער שלאָ:לער אינ צעכ.

ווענ עטלינ וואָלט געקאָנט כוישעד זײַנ, וואָלט ער באמערקט א שוטפישנ שמייכעלע אפ ביידנס ליפּנ. האָט ער אָבער קיינ ווילנ צו פארדאכט ניט געהאט. עמעס, די באגעגעניש מיט אָט דעם רויטנ געלמאנענ איז דאָ געווענ עפּעס א צו פלוצעמדיקע אונ אנ איבעריקע, נאָר ווענ דאָס הארצ איז אופגעלייגט אונ פריידיק, קאָנ עס פארדײַענ אנ איבעריקײַט אויכ. אונ גראָד איצטער, אָט דאָ, אינ וווּנדער־לעכנ גערויש פונ פריידיקער יוגנט האָט זײַנ פרייד זיכ געטאָפּלט אָנ א שאָטנדל כשאד צו עמעצנ.

— איכ האָב נאָכ ניט באוויזנ זענ דיכ פונ דעמלט, פונ יענער שלימאזל-דיקער פארזאמלונג. דו ביסט גערעכט געווענ, עטלינ, — האָט געלמאנ פאָרגעזעצט זייער מינאָר, ווי ער וואָלט זיכ אנטשולדיקט פאר אים. — יאָ, איכ בינ דעמלט אוואדע ארויסגעטראָטנ קעגנ מײַנ אייגענעם טאטנ שלוימע געלמאנ, וואָס קאָנ פאריכטנ אײ אָנשטאָט א זייגער. כ׳האָב עס געטאָנ דערפאר, ווײַל מע האָט מיר גע-שפּארט דעם טאטנ מײַנעם אינ האלדז — נא, ייִד, ווארג זיכ מיט דײַנ טאטנ דעם פארטאטש!

אזא שווערער באליידיקטער טאָנ פונ אָט דעם ט׳סאָלצנ אונ טומלדיקנ געלמאנ האָט מייערנ גערירט. ער האָט אָבער ניט פארשטאנענ איג וואָס דאָ גייט, ווי קומט דאָ זײַנ טאטע שלוימע געלמאנ?

מיט גלאנציקע, גלעזערנע, שפּילנדיקע אויגנ פונ זײַנ רויטנ פּאָנעם האָט ער געקוקט אפ עטלינענ, ווי א צעלייגטע קאצ, וואָס קלײַבט זיכ לאנג שפּילנ מיטנ מײַזל.

— ניטאָ קיינ ייִד, קיינ טערק — זאָגנ זיי. דער געשריי אפ יעדער טריט „אינטערנאצ׳אָנאל!” איז שוינ אליינ געװוּג פארדעכטיק, אונ אז עס קומט אפנ זאוואָד א נײַער דירעקטער, א פויער, א כאמ אינ שטיוול, וואָס האָט פײַנט ייִדנ, אונ דערזעט אזויפיל ייִדנ, צינדט זיכ אימ אָנ דאָס הארצ.

עפּעס א פאלשקײַט האָט זיכ דאָכ דורכגעריסנ צו עטלינס אויערנ.

— וואָס הייסט? אליינ דער דירעקטער האָט דאָכ באפוילנ ברייט צעעפענענ די טויערנ פאר ייִדנ זייגערמאכער אונ דאפקע אינ מאָנטאזש, אינ אָנפירנדיקנ צעכ ארײַנ!

בא געלמאנענ האָט זיכ אנ איראָנישער שמייכל פארשניטנ, דאָס פּאָנעם האָט רויט געפלאמט.

— אנטשולדיקט, וואָס איך וועל אײַך אָנרופן נאָזוויער מענטש. איך ווייסט דאָך, אמאָל איז געווען א זאמיסלאָווסקי, האָט ער אָנגעבאָטן ייִדן — איר ווילט דאָך סײַווי ניט דינען, קויפט זיך אויס און זיצט אײַך אין אײַערע קרעמלעך. סקאָפּצאָוו, דער דירעקטער פון זאוואָד, קאָן אזוי וולגאר ניט האנדלען. אָבער געלמאַן איז אַן אינזשעניער, העלפאַנד א מײַסטער אין צעך, זיי ווילן ייִדן צע־שפּרייטן איבער אלע צעכן, הייסט ער ברייט צעפּעפענען די טויערן און אלע זייגערמאַכער, מײַן טאַטן שלוימע געלמאַן דעם פּאַרטאַטש אויך, אין מאָנטאַזש־צעך אַרײַן. וועלן זיך אָנהייבן גרויסע דורכרײַסן מיט בראַק, וועט ניט שווער זײַן א געשריי צו טאָן — ייִדן טויגן ניט! אלע ייִדן אַרויסוואַרפן, אין דער ער־שטער ריי די, וואָס פירן מיטן צעך, די געלמאַנס, די העלפאַנדס און דערבײַ וועט ער דאָך בלײַבן ריין, ווי א טויב, ער זעלבסט האָט דאָך פאַר ייִדן זייגער־מאַכער געעפנט די טויערן.

צווישן בלומען־אַלייען און א סאַך ליכט, מוזיק און געזאַנג האָט די יוגנט געראַשט, האָט די יוגנט דאָ אַלע אירע דורשטן געזעטיקט. געלמאַנס פאַרגאַלט האַרץ האָט ניט פאַרדײַעט. ער האָט זיך אָפּגעטראָגן פון די צענטראַלע אַלייען, פון די אַלע שפּילפּלעצער. נאָר אומעטום איז זי געווען, די יוגנט. אומעטום האָט געקוואָלן די פרייד. אָט האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אַף א צוג, א יוגנט־קאָר־טעזש, מיט פאַקעלן, מיט טרובעס, מיט לאָזונגען. אָט האָבן זיי איבערגעצוימט דעם וועג. מיט צוגעלייגטע מײַלער צו די טרובעס האָבן זיי אַגיטירט און אויסגע־קלאָרט די צילן פון דער נײַ־געפּלאַנטער האַלוואָע און געלמאַן איז אָפּגעשפּרונגען ווי א געביסענער פון א שלאַנג. ער האָט מיט קראַפט א צי געטאָן עטליכע.

— קום פון דעם טשאַד, קום אַוועק. אָט איז זי, דײַן נאַטאַשקע. אומעטום נאַטאַשקע, זי ווערט די דייע, דער טשאַד, וואָס פאַרלייגט דיר מיט איר אײַפעש דעם קאָפּ און פילט אָן מיט שאַפל דאָס האַרץ.

איז ער ווי צוגעשמידט צום אָרט שטיין געבליבן, מייער.

טאַקע זי, נאַטאַשע, דאָס איז דאָך די יוגנט פון זאוואָד. אזא איז זי, נאַטאַשע, א בראַווע, א פירערן פון דער יוגנט. אָט הייבט זי אויף איר טרומייט און עס קלינגט איר קאָל, אזוי ריין, אזוי באַוווסטזיניק רופט זי און ווייס וווהין צו פירן, נאַטאַשע. און ער מיט געלמאַנען גאַלן דאָס לעבן, וואַקלען און אײַגנטלעך ווייסן זיי דאָך ניט, וואָס זיי ווילן אפילע פערזענלעך פאַר זיך אַליין.

א קינד, — האָט אים געטומלט אין די אויערן. — דו ביסט א מאַן, ווערסט זײַן א טאַטע. בערטע סאָלאָוועווע דאַרף זיך היילן, פאָרן אַף קוראָרט. דאַרפסט מיטלען דאָבייווען, מיטלען!

8

ווען ער וואָלט געקאָנט כוישעד זײַן, מייער, וואָלט ער געזען, אז אין דער וויסגעבויטער דירע פון א געוועזענעם שטאַל איז עפּעס הײַנט צו געמיטלעך. אין א מיני טנאָים. באַם טיש, ווי א כאָסן, זיצט געלמאַן, דער זעלביקער געלמאַן, וואָס האָט זיך אמאָל געשאַדכנט צו בערטע סאָלאָווענע. נאָר דעמאָלט האָט ער וועהאַט צוויי כעסרוינעס: די מאַדאַם האָט פײַנט געהאַט זײַן טאַטן דעם שמלער

אונ ער אַליינ, מישע געלמאַנ, האָט אַזויפיל געטומלט מיט „בונד“, מיט סאָציאַליזם.

— דער צימער איז טאַקע לײדיק זינט נאַטאַנ איז אַוועק, אָבער איכ ווײל ניט אַרײַנלאָזנ קיינ פרעמדנ שאָכנ צו מיר אינ שטוב,— האָט געזאָגט די מאַדאַם בלעכמאַנ, אונ געלמאַנ האָט זיכ דאָ שוינ צו היימיש געפילט אונ געכאַפּעט.

— מאַדאַם,— האָט ער געזאָגט,— צי האַלט איר מיכ פאַר אַ פרעמדנ? בײַ אײַכ אינ שטוב בינ איכ געווענ קימאַט אַ אייגענער אונ הײַנט בינ איכ ניט ווײַט אַוועק פונ אײַכ.

מײער עטלינ האָט גאָרניט געהערט. אינ זײַנע אויערנ האָט געקלונגענ בערטע רופט דיכ צו זײַנ דער טאַטע פונ איר קינד, אַזויפיל יאָרנ האָט זי געקאַפּריזעט, בערטע, אונ הײַנט האָט זי זיכ אָפּגעזאָגט, זי וויל דיר אַ קינד געבוירנ. אָבער נאָכ שטאַרקער האָט געשרײַענ אינ זײַנ קאָפּ— נאַטאַשע. אָט איז זי, דאָס מײדל, די פירערנ, ער האָט געזענ אירע אויגנ, וואָס ווינקענ צו אים אונ וואָס רופנ אים אונ ווײַזנ אים— זעסט, דאָ, ווו עס בויט זיכ אַ נײַע וועלט, וואַקסנ נײַע מענטשנ, נײַע פרייד אונ גרויסער גליק.

ס'איז שוינ שפּעטע נאַכט געווענ. אינ זײַנ צימער, ווו עס איז די לעצטע צײַט געשטאַנענ נאָר איינ צונויפגעלייגט בעטל, מײערס געלעגער, האָט מענ הײַנט אַרײַנגעשטעלט נאָכ אַ בעט, אינ וועלכער מע האָט אַײַנגעלייגט שלאָפנ דעם גאַסט, מישע געלמאַנ, ווײַל פאָרנ מיט דער באַנ היינטער דער שטאָט צו זײַנ ווױנונג איז שוינ שפּעט געווענ. איז ער, מישע געלמאַנ, נאָכ לאַנג ניט געשלאָפנ. עס האָט געקרעכצט זײַנ האַרצ אונ האָט אַרויסגעלייגט אַלע זײַנע פאַרדראָסנ אונ אַלע זײַנע באַווײַזנ, וואָס הייסט אַ פויער אַ כאַם, וואָס האָט פײַנט ײדנ.

— ווי אַ בונדאָוועצ האָב איכ זיכ געדרייט צווישנ שנײַדער,— האָט געלמאַנס האַרצ זיכ צעעפנט.— צוליב אַ צופאַל איז מיר אײַנגעפאַלנ צו שאַפנ אַ צושנײַדער־מאַשינ, וואָס זאָל אײַנשפּאָרנ אַ סאַכ מאַטעריאַל אונ געבנ גרויסע עקאָנאָמיע אינ צײַט. צוליב קלײניקײַטנ האָב איכ זיכ געווענדט צו אַ כאַווער, צו אַ געוועזענעם בונדאָוועצ, הײַנט אַ באָלשעוויק. פאַר דער מאַשינ האָב איכ שוינ אַ פּאַטענט אונ האַלט זי באַם פאַרקויפנ. איז זיכ מעיאַשעוו דער שנײַדער, דער געוועזענער בונדאָוועצ, ער איז הײַנט אַ באָלשעוויק, אַ באַלעבאָס אינ לאַנד, איז פאַרוואָס זאָל ער ניט צונעמענ בײַ געלמאַנענ דעם ביסנ פּת מויל? מאַכט ער אַ בילבל, אַז עמעצנ בײלבל אָפּ געלמאַנענ. וואָסי?— די מאַשינ איז זײַנ דערפינדונג. ער האָט נאָר געבעטנ, געלמאַנ זאָל אים פאַריכטנ די צייכענונגענ, ער קענ שלעכט צייכענענ. כאַ־כאַ,— האָט געלמאַנ געלאַכט מיט גאַל,— איכ האָב אים אינ דער ערד, מיטנ בילבל. וואָדענ, ער, דער שנײַדער, האָט אָנגעקלאַפּט צו אונדזער דירעקטער, אָט דעם כאַמ אינ שטיוול, וואָס האָט פײַנט אַ ײדנ, האָט ער זיכ אָנגעוואָרפנ אַפנ אינזשעניער געלמאַנ— אַ דיפּלאָם זאָל איכ אים ווײַזנ. אַ דיפּלאָם.

אָט איצטער האָט געקרעכצט מיט ווייטעק אַ האַרצ. עפּשער האָבנ אויכ די אויגנ געטרערט.

— א דיפלאָם! ס'איז גוט צו זאָגנ! ווו זאָל ער נעמענ א דיפלאָם, געלמאנ, אז געענדיקט האָט ער אינ אויסלאנד. אונ דעמ דיפלאָם? ער איז פונ די דעניקינצעס קוים מיטנ לעבנ ארויס, איז ווו האָט ער, געלמאנ, געקאָנט באַזאָרגנ זײַנ דיפלאָם? איז וויל ער איינ זאכ — עטלינ זאָל זײַנ אנ איידעס. ער האָט נאָכ איידעס. נאָר עטלינ איז דאָכ א שלאָגלער, א באגלייבטער מענטש. אונ נאָכ: אָט דעמ כאמ אינ שטיוול, דעמ אנטיסעמיט, וועט ער שטעלנ צומ צעטל. מיט בלוט וועט עס אימ אָפגיינ.

ווענ עטלינ וואָלט געקאָנט הערנ מיט זײַנע אויערנ, וואָלט דאָכ א פארדאכט געשפארט אימ מיט כארפע אינ פאָנעמ, ער וואָלט געפרעגט: ווי קומט ער, געלמאנ, אינ אויסלאנד, אז ער האָט גאָר געענדיקט, שוואכ געענדיקט א טעכנישע שול? אונ ווי קומט ער, געלמאנ, צו דערפינדנ א צושנײַד־מאשינ? האָט ער, עטלינ, געהאט א פולנ קאָפ א צעטומלטנ. בערטע סאולאָוונע האָט זיכ אָפגעזאָגט פונ איר קאפריז, וויל אימ א קינד געבוירנ, אונ נאטאשע, נאטאשע האלט אימ בא די לאצנ...

9

אינ קאָנווייער פונ בריגאדעס, אינ גלײַכנ שפור פונ ווארשטאטנ טיילט ער זיכ אויס, עטלינ, מיט א קאָפ אינ דער הייכ אונ מיט אנ אקסל אינ דער ברייט. שטײט ער, עטלינ, אונ פרעסט מיט די אויגנ, וואָס האָט ער דאָ אפנ ווארשטאט, צי וועט אימ כאפנ אָנלאָדונג אפ א טאָג. טוקט זיכ אָפ זײַנ בליק אינ פוסטקײַט פונ ווארשטאט, עס פעלנ צוגאָבנ, עס פעלט מעש, קופער, אייל נאָכנ גראָרוס, צינ. שנײַדט זיכ א פארדראָס מיט וויטעק־שניט אינ פאָנעמ. ווײַל א דורכגעלאָזענע מינוט דארפ א שאָ נאָכיאָגנ אונ עס גייט צו גרונט זײַנ שעפערישע שאָ. זוכט ער דעמ בריגאדיר מיט פאָרווורפ. ער איז הײַנט גרייט א סאכ זינד אונ א סאכ אוולעס געפינענ אונ אלצ וויקלענ אינ א קנויל אונ ווארפנ אינ פאָנעמ דער גאנצער זאוואָד־אָנפירונג. עפשער טאקע אינ דעמ אויכ אײַנזענ ייִדנ-פײַנטשאפט, ווײַל ער, עטלינ, וויל אויסמײַדנ בראק, אויספילנ אינדפינפלאנ, אונ מע שטערט אימ. ער האָט דאָכ זײַנ אונטערשריפט געלייגט צו מאכנ מיט פופצנ פראָצענט מער פונ אלעמענ אינ זײַנ בריגאדע אונ דערפירנ בראק ביז א מינימומ אונ מע שטערט אימ.

האָט זי אימ א ריס געטאָנ פארנ לאצ, נאטאשע, אזוי האָזעדיק, אזוי אכזאָריעסדיק:

— דו שטייסט ווי א פרעמדער דאָ. פארוואָס קומסטו קיינמאָל ניט ארײַנ אינ רעדאקציע? צי האָסטו ניט אפ עפעס אָנווײַזונ, ארײַנטראָגנ ראציאָנאליזיר־פאָרשלאָגנ פארנ צעכ, עפעס א דערפינדונג, וואָס זאָל נוצנ דעמ צעכ, דעמ זאוואָד, דעמ לאנד. פרעמיר־רובלס איז, אדעראבע, פײַנ, דאָס קומט דיר, אָבער אופהייבנ די קוואליטעט פונ אנדערע איז אויכ דײַנ כויוו, איז אויכ דײַנ מוז. וואָס איז פונ דעמ, וואָס ווי א פראָדוצירער שפארסטו מיט א קאָפ ארויס, אז פאָליטיש, געזעלשאפטלעכ ביסטו א קארליקל.

ער האָט געבריקעוועט, זיכ געאקשנט, אָנגעשטעלט הערנער אפ צו שטויסנ

זיכ. וואָס הייסט, זי וועט עס אימ לערנענ? ער ארבעט שלאָגלעריש אונ באקומט רובלס אונ גאָר. ער האָט א פרוי צו פארזאָרגנ, א פרוי, וואָס קלייַבט זיכ אימ א קינד געבוירנ. אָבער נאטאשעס הענט זייַנענ שוינ ווייַטער געווענ פונ זייַנע לאצנ, זייערע פינגער האָבנ אָנ צערעמאָניעס געגראבלט אינ זייַנ קאָפ. אויסער דעמ כיישעק צו די פרעמיר־רובלס האָט דאָרטנ דערוואכט א באגער צו שאפנ, א שלאל פאָרשלאָגנ האָבנ געווימלט אינ זייַנ קאָפ, וואָס האָבנ שוינ רוענ ניט געלאָזנ אונ עטלינ האָט זיי געמוזט אויסלייגנ אפנ פאפיר, טראָגנ אינ רעדאקציע. פונ אָנהייב — ווי א בארויגעזער כיידער־ייִנגל — ניט געוואָלט נאָכגעבנ, שטארק געדונגענ זיכ מיט אָט דעמ מיידל, דעמ סעקרעטאר פונ צייַטונג אונ דערנאָכדעמ אייַנגעגאנגענ, נאָכגעגעבנ אונ געלאָזנ זיכ לערנענ בא דעמ מיידעלע, וואָס וויס מערער פאר אימ, וואָס קאָנ בעסער פאר אימ אויסלייגנ אפ פאפיר זייַנ ראציאָנאליזיר־פאָרשלאָג.

ער האָט איינמאָל באגעגנט אינ רעדאקציע דעמ כאווער אבראמ באָריסאָוויטש העלפאנד, וואָס איז שוינ לאנג אינ צעכ ניט געווענ. אבראמ באָריסאָוויטש העלפאנד האָט אפ אימ געקוקט מיט צעשראָקענע אויגנ, בייזע אונ פלאטשיקע, ווי זייַנ פאָנעמ.

— וואָס טוסטו, עטלינ, וואָס גראָבסטו מענטשנ, וואָס האָסטו צו מענטשנ?

ער האָט זיכ פארשעמט, פארענטפערט, עטלינ, פאר אָט דעמ פרעמדנ מענטשנ.

— דאָס האָט זי, נאטאשע, א ביסל פארשארפט די זאכ, איכ האָב נאָר ארייַנגעטראָגנ א פאָרשלאָג, מע זאָל דורכקוקנ די קאָנטראָל־פרווו־אפאראטנ, וואָס קאָנענ זייַנ ניט ריכטיק אונ קאָנענ שאפנ טאָפלטנ בראק, אונ זי, נאטאשע, האָט זיכ שוינ א טשעפע געטאָנ צו די מענטשנ, צו די לאבאָראנטנ, צומ ווירטשאפט־פארוואלטער. ווייַל די פרווו־אפאראטנ זייַנענ טאקע געווענ פארלאָזנ אונ האָבנ טאקע געטאָפלט דעמ בראק.

איז העלפאנדס פאָנעמ פלאטשיק געוואָרנ, ווי א וועלגער־ברעט. האָט ער געקרעכצט.

— האָט עס מיכ באדארפט טרעפנ, מיכ דעמ פארוואלטער פונ דיר ווירטשאפט, אז דאָרטנ בינ איכ, דאכט זיכ, געשטאנענ א ביסעלע אינ שאָטנ. איכ וויס, דו טראָגסט אפ מיר א הארצ נאָכ פונ דעמלט. נאָר איכ בינ דאָכ אויסנ געווענ דאָס בעסטע אונ איכ בינ הייַנט אויכ בא דער מיינונג — דאָס לאנד דארפ האָבנ אי טאָקער אי שמידער. זייגערמאכער בויענ זיכ איבער, איז זאָלנ זיי גייַנ אינ פארשיידענע פאכנ. האָט זיכ אפ מיר א שאָט געטאָנ א האָגל שטראָפ, איכ בינ שוינ קימאט, קימאט געווענ אינ דער פארטיי, בינ איכ געבליבנ א קאנדידאט מיט אנ אויסרייד, אריבערגעפירט אפ א נידעריקערער ארבעט, זוכסטו מיכ דאָרט אויכ אופ. הייַנט דערציילסטו, אז איכ בינ א שלעכטער ווירטשאפט־פארוואלטער אונ מאָרגנ וועסטו קומענ דערציילנ, אז העלפאנדס טאטע איז בערע כאזער, אז דו דארפסט מיכ גאָר ניט קענענ אפ נאָרויס צו וויסנ, אז מייַנ טאטע איז געווענ א פראָצענטניק, אונ אלעקסיי סקאָפצאָוו דער דירעקטער, אָט דאָס פייערל וועט וואקסנ אונ אבראמ העלפאנדנ וועט מענ ארויסווארפנ ווי א געפייגערטע מויז אפ צוויי שטעקלעכ.

עפּעס האָט זײַן האַרץ געריירט אָט דער פּרעמדער ווייטעק. טאַקע וואָס האָט מען צו אַ מענטשן, וועלכער האָט אַ שטאָט אַפּצעלאָכעס ניט געוואָלט ווערן ניט קיין דאָקטער, ניט קיין אינזשעניער, אפילו ניט קיין געהילף־פּראָוויזער און איז געוואָרן אַ פּאַשעטער זייגערמאַכער?

אין דער היים האָט מייערן די שוויגער באַגעגנט מיט שאַרפע בליקן און איבערצײַגטע רייד.

— געלמאַן איז אַ ייִד, ביסטו מעכוייעו צו ראַטעווען ייִדן פון גוייִשע הענט, וויבאַלד מע מאַכט אַ אים אַ בילבל. — צוזאַמען מיט דער שוויגער איז געשטאַנען דער ברודער רעב הערשל זאַלאַטניצקי און מיט זײַן גאַנצער שוואַרצ־קײַט האָט ער געמאָנט. — אפילו אַז דו ווייסט עס קלאָר, אַז געלמאַן האָט קיין־מאָל ניט געהאַט קיין אויסלענדישע דיפּלאָמען, מעגסטו זאָגן אַ ליגן, מעגסטו שווערן, ווײַל ס׳איז אַ מיצווע זיי אָפּצונאַרן. דו ביסט עס מעכוייעו צוליב אונדז אַלעמען. ווײַל דו קאָנסט עס. ווײַל דיר גלייבט מען...

מיט צען ייִדישע כיינען האָט זי אים אויך הײַנט אָפּ דער אַרבעט באַגלייט, בערטע סאָלאָווע, מיט זײַדענער ווײכקײַט אין איר צונג, אין איר קאָל, האָט זי געבעטן מייערן:

— ער איז דאָך אונדזערער אַן אַלטער גוטער פרײַנט, געלמאַן, וועסטו אים טאָן אַ טויווע צוליב מיר, אַ ייִדן אַ ייִדישע טויווע.

ניט ווײַט פון זאַוואָד איז מייערן אַנטקעגנגעקומען נאַטאַשע, אַן ערנסטע, מיט אַ סאַך זאָרג אין איר קינדערשן פּנים האָט זי אים געפרעגט:

— דו קאָנסט לאַנג געלמאַנען?

— יאָ, וואָס איז? — האָט ער מיט הערנער פון אַ ביקל זיך אָנגעשטעלט.

— דו גייסט הײַנט פאַר אים איידעס זאָגן? — האָט זי אַלץ אַזוי פאַרזאָרגט געפרעגט, און ער האָט זיך גרייט געמאַכט מיט זײַנע הערנער זיך לאָזן אין געשלעג.

— און אַז איידעס זאָגן איז וואָס? ווער דאַרף איך פרעגן, ווער דאַרף מיר דייעס זאָגן.

— ער איז אַ פלוס, נאָך מײַן מיינונג, דער געלמאַן, אַ פאַלשער מענטש, — האָט זי אַלץ אַזוי מיט פולער זאָרג געזאָגט, — זע, ברודערל, ער זאָל דיך ניט פאַר־פּלאָנטערן אין זײַנע מיִעסע געשיכטעס.

זי איז אַוועק אַ הויכינקע, אַ וויגנדיקע, ווי אַ יונגע בעריאָזע, מיט אַ ביסעלע זאָרג אין איר קינדערשן פּנים און ער האָט געהעצקעט איבערן גאַס צום זאַוואָד, ווי אַ פאַרלאָזענער באָק איבערן מאַרק, גרייט געווען שפּרינגען איבער אַלע ווענט־בער און שפּאַרן דעם בערדל זײַנעם אין יעדן פרעמדן קויש.

10

אַ פּאָר אינזשעניערן און עטלעכע זייגערמאַכער. אַבראַם העלפאַנד און מייער עטלין. באַם טיש דער דרײַעק פון זאַוואָד, מישע געלמאַן באַ דער זײַט.

— עס איז ניט אָנגענומען צו ריידן וועגן אַ פאַכמאַן קיין שלעכטס, — האָט בעזאָגט זייער פּאָרזיכטיק דער פאַרוואַלטער פון דער וויסנשאַפטלעכער לאַבאָראַטאָ־

ריע. — נאָר דער כאװער געלמאַנ טומלט זײער א סאכ, אָפט מיט גאָר קלײניקײַטנ, „ורפינדונגענ", שוינ לאַנג פארגעסענע אינ אונדזער פאכ, טומלט ער אונ שטערט מיט דעם דער װיסנשאפטלעכער ארבעט אונ דערװעקט א כשאד, װי צו א מענטשנ, װאָס אים פעלט ניט נאָר העכערע טעכנישע װיסנשאפט, נאָר אײנפאכע פאכקענטעניש.

געלמאַנ האָט זיכ סטאטנע פארטײדיקט — אָט װעלנ לעבעדיקע מענטשנ אײדעס זאָגנ, מענטשנ באגלײבטע, װאָס קאָנענ אים א פײַנ ביסל יאָרנ. אויב דאָס גײט בלויז װעגנ א דיפלאָם. אָבער ער װענדט אײנגאנצנ אָפ, װי א מיעסע רעכילעס, די העצע פונ פארװאלטער קעגנ אים. געלמאַנ האָט אָנגעגריפנ.

— זיגט אלעקסײ טערענטיעװיטש איז דירעקטער קומענ דאָ פאָר אפנ זאװאָד עפעס ניט גאָר קײנ פײַנע זאכנ. אָט די אונטערנעמונגענ מיט די זײגערמאכער, דאָס שיקנ זײ אלע אינ מאָנטאזש-צעכ, צי איז עס געװענ נאטירלעכ? ביז איצטער דױערנ דאָכ דורכפאַלנ, איז עפשער װעט מענ דארפנ אראָפנעמענ א ביסל ייִרנ זײגערמאכער, װאָס דער פאכ גיט זיכ זײ ניט? האָט מענ שוינ דעם ייִד העלפאנד ארויסגערײניקט פונ מאָנטאזש-צעכ, איז עפשער שוינ טאקע אויכ צײַט זיכ דערקלײַבנ ביז דער װיסנשאפטלעכער לאבאָראטאָריע אונ ארויסרײניקנ דעם ייִד געלמאַנענ? איז פרעגט ער — צי זײַנענ עס ניט די זעלבע רינגעלעכ פונ אײנ קײט?

עס האָבנ זײגערמאכער סטאטנע באשטעטיקט, אז זײ װײסנ שוינ פונ א פײַנ ביסל יאָרנ דעם אינזשעניער געלמאַנ מיט אנ אויסלענדישנ דיפלאָם. דעניקינ האָט ייִדיש בלוט װי װאסער געגאָסנ, איז װער האָט געקאָנט פארזאָרגנ, פארהיטנ א דיפלאָם?

מײער עטלינ האָט באָרניט געהערט, ער האָט זיכ מיט אויגנ אײַנגעגעסנ אינ דעם נײַעם דירעקטער אינ שטיװל, אינ א פרענטש. אי די אויסמושטירונג פונ פראָנט אי דער בראָנז פונ װארשטאט — בײדע זײַנענ זײ אפ אים געלעגנ אויסגעגאָסנ. ער האָט אים א פאָר מאָל פארבײַגײענדיק געזענ אונ איצטער האָט ער זיכ דערמאָנט אפ א שלאכט-פעלד, װו ער, מײער, איז געװענ האלב פארשאָטנ געלעגנ. א כאװער האָט אים מיט די הענט אָפגעגראָבנ אונ צו זיכ אפ דער פלײצע גענומענ אונ גערופנ צו א סאניטאר-בײַדל:

— נעם אים אינ בײַדל, א שװערע קאָנטוזיע בא אים.

— װארפ אװעק די נעװײלע, װײניקער מיט א הונט, זעצ זיכ דו אהער, די דײַטשנ זײַנענ שוינ א האלב שאָ פונדאנענ.

האָט זיכ די פלײצע באם כאװער נאָכ שװערער געבויגנ אונ ניט אראָפגעלאָזנ אים.

— איכ בינ ניט קײנ קײסט, ניט קײנ טערק, ניט קײנ טאָטער. געדענק א נאָמענ אלעקסײ סקאָפצאָװ דעם אינטערנאציאָנאליסט.

נײנ, ער האָט ניט געדענקט יענעמס נאָמענ. אָבער א פאָנעמ האָט זיכ פארשניטנ אינ זײַנ זיקאָרנ. יענער איז געװענ א באָלשעװיק אונ דעמס פלײצע איז, דאכט זיכ, אויכ גרײט זיכ אונטערצובײגנ אונ ארויסטראָגנ אלע שװעריקײטנ, װי א באָלשעװיק.

אַבראַם באַריסאָוויטש האָט באַשטעטיקט, אַז ער קאָנ געלמאַנענ דעם אינזשעניער מיט אַנ אויסלענדישנ דיפּלאָם. אַבראַם באַריסאָוויטש האָט באַשטעטיקט, אַז געלמאַנ האָט געאַרבעט מוסטערהאַפט אינ צעכ אונ איז אויסגעוואָקסנ אינ אונדזער אַ כוואַטישנ אינזשעניער — אַ ספּעצ. אונ ביז אַלעקסיי טערענטיעוויטש סקאָפּצאָוו איז דאָ געוואָרנ דירעקטער, איז גאָר קיינעם ניט אײַנגעפאַלנ צו צווייפלענ אינ דעם, אונ די העצע קעגנ געלמאַנענ איז ניט קיינ פײַנע. אַבראַם באַריסאָוויטש העלפאַנד האָט איצטער אַ סאַכ באַשולדיקט דעם נײַעם דירעקטער אונ דער סעקרעטאַר פונ פּאַרטקאָם האָט אים געמוזט אַרײַנשטעלנ אַ פראַגע:

— איז פאַרוואָס האָסטו, העלפאַנד, ביז הײַנט געשוויגנ? מיילע, געלמאַנ דער אומפאַרטייִשער האָט עפּשער ניט געוווסט, ווי מע קאָנ אַ דירעקטער אָנקלאָגנ, אָבער דו דאַרפסט עס וויסנ.

מייער עטלינ האָט געקוקט אויפנ דירעקטער, אויפ זײַנ געלאַסענער ערנסטקײַט אונ דאָס האַרצ האָט געראַשט.

— אָט דאָס איז ער, אַזעלכע זײַנענ זיי אויפנ פראָנט אונ דאָ, אומעטום — ברידער אונ באָלשעוויקעס.

— נו, דו האָסט אויכ געזענ בײַ געלמאַנענ אַ דיפּלאָם, עטלינ? — האָט דער פאָרזיצער געפרעגט.

מייער האָט זיכ ווי פונ אַ פאַרטומלונג אויפגעריסנ:

— יאָ, — האָט ער געזאָגט צעטומלט, — איכ קאָנ גוט געלמאַנענ, איכ קאָנ זײַנ טאַטנ, איכ וויים: ער האָט אויפ זײַנ לעבנ שלעכט געענדיקט אַ טעכנישע שול.

עס האָט אַ זעצ געטאָנ איבער קעפּ. מייער האָט אַלצ אײַנגעשפּאַרט געקוקט אויפנ דירעקטער.

— וואָס קוקסטו אַזוי אײַנגעשפּאַרט אויפ אַלעקסיי טערענטיעוויטשנ, האָסט אויפ אים עפּעס אויכ צו זאָגנ, טאָ זאָג, — האָט ערנסט געמאָנט דער סעקרעטאַר פונ פּאַרטקאָם.

— יאָ, — האָט מייער געזאָגט, — אָט אַזעלכע, ווי אַלעקסיי טערענטיעוויטש, ווייס איכ, זײַנענ אומעטום באָלשעוויקעס, אינטערנאַציאָנאַליסטנ.

11

זי האָט געוווסט, די מאַדאַם בלעכמאַנ, אַז צענ גענעמס וועלנ ווייניק זײַנ פאַר איר איידעם, מייער עטלינ. וואָרעמ, אַז אַ ייִד גיט איבער אַ ייִדנ אינ גוייִשע הענט, ברענט צענ איילנ די ערד אונטער אים.

— אַז מע דאַרפ דעם גאַנעוו, נעמט מענ אים אַראָפּ פונ דער טליִע, שווי־גער, — האָט געזאָגט רעב הערשל זאָלאָטניצקי. — איכ בינ שוינ מער ניטאָ אינ אַרטעל. אָט־אָ דאָ בײַם פענצטער וועל איכ זיכ צוטוליענ מיט מײַנ וואַרשטאַט, אונ קלייִנ דאַרפ איכ זײַנ, ווי אַ ווערעמל. אַ פּאָר איידעס האָב איכ שוינ, זיי וועלנ קאָווירנ, אַז זיי קענענ מיכ שוינ צוואַנציק יאָר, אַז איכ זיצ אינ אַ לאָכ. וועל איכ, מיט גאָטס הילפ, אַרײַנ אינ זייער קוסטאַר־פאַריינ אונ איכ גיב אײַכ מײַנ וואָרט, שוויגער, אַז וואָס גאָט וועט צושיקנ אַהער אינ שטוב אַרײַנ וועט זײַנ אויפ שותּפעס. אָבער הייסנ וועט דער באַלעבאָס פונ דער דירע מייער עטלינ

און איר װעט זײַן זײַנע א קעסטניצע. הײַנט האָב איך אים פּײַנט מער פאר אײַך, אָבער ער איז דאָך א שלאָגלער און אז מע דארף דעם גאנעװ שנײַדט מען אים פון דער סליע.

אלע פלוכן האָבן פון איר גאָטספאָרכטיקן מויל זיך געשאָטן, אלע גענעמס זײַנען װײניק געװען פאר מײער עטלינען. איז װאָסער שטראָף, װאָסער גזײרע, װאָסער גאָלעס איז גרעסער, אז זי, די מאדאם בלעכמאנ, זאָל אף דער עלטער דארפן הײסן א קעסטניצע, און בא װעמען? בא מײערקע דעם גישט.

איז נאָך אָבער צו אירע פלאָגן קײן סאָף ניט געװען. רעב הערשלס אויגן זײַנען צו איר געװענדט געװען, דאָס בערדל האָט װי א שפּונט געשטעקט קעגן איר.

— עס װעט נאָך קומען א יעשועַ, שװיגער, — האָט ער זי געטרײסט, — אָבער דערװײַל דארף מען זיך באװאָרענען. נאָר גאָר א נײַע גזײרע. יונגע קאװאלעריע הײסט עס. מע פאלט איבער, װי די הײשעריקן, און מע זוכט גאָלד. רענדל-גאָלד דארפן זײ, און נעמען צו ביז א לעצט פערעלע, איר הערט, שװיגער. גענוג צו זײַן ארומגעשטעקט מיט קניפּעלעך. אָט די יונגע היצעלקעס, די מוידן מיט די ײנגלעך, שעמען זיך ניט צו דערקלײַבן אין אלע ענגע ערטער און א זוך טאָן, װו נאָר עס איז פארשטעקט א קניפּעלע. מע דארף אלץ באװאָרענען.

זי האָט געגרוילט. זי האָט איר שײנעם פרומען פּאָנעם געקרימט, װי א כײַע. זי האָט זיך אויסגעצויגן אין איר זײַדענעם קלײד און װי פון א גװאלדטאָט זיך געריסן, מיט קראַפּט אים אָפּגעװאָרפן פון זיך. זי האָט געברומט:

— גאזלען! האָסט זיך צונויפגערעדט מיט דײַן ברודער דעם אכזער אף צו קוילענען, בארױבעװען, באנעמען מיך. גאזלען!

— מאמע, — האָט זיך געבעטן בערטע סאָלאָװנע, — הערשל איז דאָך הײַנט אונדזער אײנציקער באשיצער. פאָלג מיך, מאמע. אזוי זאָגט אויך געלמאן. איך װעל מײַן גאנצע פּײַנטשאַפט אײַנצוימען אין מײַן הארצן צו אָט דעם פארעטער מײערקע, אז װיבאלד הײַנט איז ער דער שלאָגלער מײערקע. הערסט, מאמע, איך װעל אים זעלבסט סמען מיט מײַנע הענט, װען מע װעט עס נאָר קאָנען.

פון דער שװיגערס שטארקן שטויס איז רעב הערשל געפלויגן, װי א פּילקע, דערלאנגט זיך א זעץ אָן װינקל אלמער. א בלויער בײַל איז באַם אויג אָנגעלאָפן. האָט ער זיך אופגעהויבן, צוגעלײגט א טיכעלע קאלט װאסער און האָט צוגעװײלט, װי עס װאָלט גאָרניט געשען.

— נו, שװיגער, א ביסעלע גיכער; א ביסעלע גיכער.

עס האָט קנאַפּע ליכט באלויכטן די גרויסע עס-שטוב, שאָטנס האָבן זיך געפלאָנטערט אף די װענט. האָט ער, רעב הערשל זאָלאָטניצקי, ארויסגערוקט א ברעט פון אונטערן פענצטער, געעפנט א פארמויערטע פײַער-קאסע, לעבן אים איז געשטאנען די מאדאם בלעכמאנ א פלאטערדיקע, יעדער ארויסגעריסענער קניפּל פון אונטער איר זײַדענעם קלײד, פון אונטער איר זאָנענעם העמד איז װי א ריס פון איר הארצן געװען.

— נא, נעם, גאזלען, — האָט זי געברומט, — זאָלן דיר די הענט אויסטריקענען ביז די עלנבויגנס, אויב דו װעסט זיך צורירן צו דעם אָן מײַן װיסן. זאָלן דיר די אויגן ניט זען דעם װעג, אויב זײ װעלן א קוק טאָן אהער אויסער מיר.

בערטע סאָלאָוונע האָט אויך פון אירע הענט אראָפּגענומען בראָשן, פינגערלעך, א שנירל פּערל פון האלדז, א קייטל, א זייגערל.

— נא, הערשל, באהאלט, זאָל עס ליגן צוזאמען. — זי האָט געכליפּעט:

— מאמע, וואָס האָב איך דען מערער פארלאנגט, ווי לעבן ווי דו מיטן טאטן האָסט געלעבט, מאמע!

12

מישע געלמאן האָט פארנומען דעם ליידיקן צימער. בערטע סאָלאָוונע האָט איר בעט צוריק אריינגעשטעלט צו מייערן אין צימער. נאָר מייערן האָט מער ניט גע-אויגן צו דער בעט, עפּעס האָט אים געשטיקט דאָ, אין דער שטוב מיט געלמאנען צוזאמען.

— וואָס טו איך דאָ? — האָט ער זיך זעלבסט געפרעגט. — ס׳איז דאָך דאָ מער ניטאָ קיין היים, קיין ווייב, קיין ברודער. ווי ער וואָלט געפילט א האנט, וואָס טראָגט צו זיין מויל סאם, האָט ער געפיבערט, האָט ער זיך אויפגעכאפּט לויפן פון-דאנען. אין איינעם אן אָוונט האָט ער צעעפנט דעם אלמער, געוואָלט פארפּאקן זיינע זאכן און גלייך כאראָשע געהאט. ער האָט געוואָלט נאָר דעם געלעגער פארפּאקן, וועש נעמען און ווייטער כאראָשע געהאט, ווי ארום אים וואָלטן אלע פיר ווענט געברענט און ער דארף זיך דורכרייסן דורך פייער, אזוי האָט ער געיילט, א כאפּ געטאָן נאָר איין פּאָר גרעט אין א צייטונג און איז אוועק.

דער אָוונט האָט געפּאטשט מיט שטיקער ווייסע שניי, ליכט האָט געבלענדט דעם בליק, די גאס האָט גערוישט מיט טאָג. איז ער געגאנגען און דעם ערשטן מאָל זיך דערפילט אין די אָרעמס פון דער גאס. די שטאָט איז איצטער זיין היים געוואָרן.

— וואָס מאכט מען גוטס, כאווער עטלין?

א פּאָנעם ווי א צעשפּיגעלטע פולע לעוואָנע מיט באזונטע אויגן. מענדל באס טרעט אין זיינע שיך מיט די האלבווערשקעדיקע זוילן, אין זיינע וואָלענע געטרעט, אויבן א לעדערן רעקל, א קליין היטעלע אפ די געקרייזלטע האָר, שטיקלעך שניי קרייזלען זיינע שטיקעלעך באקנבאַרדן.

— וואָס מאכט מען גוטס?

היינט, ווי אלע טאָג, האָט ער אים דאָך אין צעך געזען און ניט געוווסט פון-וואנען שעפּט ער זיין פריידן און ער האָט אים ראפּטאָם, ווי מיט א שווערן טשאָאָק, אריינגערוקט א פראגע:

— האָסט א ווייב, א קינד, א היים?

באס איז געהאנגען אפ מייער עטלינס האנט און האָט געקוקט עטלינען אין פּאָנעם א ביסעלע פארכידעשט.

— יאָ, א גאנץ לעבן בין איך געווען היימלאָז. רוסלאנד איז געווען א שטיפ-מאמע און די וועלט איז געווען פרעמד, און איצטער האָב איך א היים. ווייבער זיינען אויך געווען. כ׳האָב איינע ליב געהאט, האָב איך זי גערופן אין מיין לאגער, אהער, אהיים. האָט זי געלייענט אין א בורזשואזער צייטונג, אז מע מאָלט דאָ ווייבער אפ

קאָטלעטן, האָט זי געציטערט און איך האָב זי פייַנט באַקומען און בין אליין אוועק.— ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.— אָט־אָ דאָ אין קלוב וואַרט מיך מייַן פרוי. איך האָב זי ליב און האָב ליב אירע צוויי קינדער, און זי לערנט מיך, ווי א פּאַרטייער— אויסלעבן וואָגלעניש, היימלאָזיקייַט און מיט אַלע גלידער אָנטאָפּן, דערפילן די גרויסע גליקלעכע היים.

אַזוינע נייַע זייַנען אָט די רייד, אַזוי טשיקאַווע, נייַן, אין קלוב האָט ער ניט געוואָלט אַרייַן, מייער. דער כאַוועך אלעקסיי טערענטיעוויטש האָט אים אָפּטמאָל געזאָגט:

— וואַלגער זיך אַרייַן, עטלין, צו מיר אין אָוונט, וועל איך ניט זייַן, וועט דיך מייַן ווייַבל אופנעמען ווי א בעסטן גאַסט. זי איז יונג און האָט ליב די גאַנצע וועלט. זאָל זי, איך אייפער ניט. סע וואָלט גוט געווען צוזאַמען מיט דיר א נאַכט א ביסל א שמועס טאָן, הא, עטלין, וואַלגער זיך אַרייַן אָפּ א נאַכט צו מיר.

אין מייערס נאַטור איז נאָך ניט געווען מיט איין מאָל א זאַך צו באַשליסן. יעדע קלייניקייַט האָט ער באַדאַרפט צען מאָל באַטראַכטן. איז ער געשטאַנען. א שניי האָט אים אינגאַנצן אַרומגעקלעפּט און אים האָט א געדאַנק געשווידערט:

— ער איז דאָך דאַכלאָז. אָט איילן מענטשן אַהיים, און ער, עפּשער וועט ער גאָר צוגיין דאָרטן צו אַן אָנגעהייצטן אַספאַלט-קעסל און איבערזיצן מיט פּאַרוואָר-לאָזטע א נאַכט, האָ-האָ-האָ, האָט געשווידערט, געכוואַליעט דער געדאַנק. כא־כא-כא, כע-כע-כע, כי-כי-כי, האָט אים נאָכגעלאַכט די מאַדאַם בלעכמאַן, בערטע סאָלאָווגע און זייַן ברודער הערשל זאָלאָטניצקי,— באַם אַספאַלט-קעסל, מיט פּאַרוואָרלאָזטע.

און פּלוצלינג האָט ער דערזען: נאַטאַשע שטייט קעגן אים א ציכטיקע, א ווייַסע, א פּאַרשנייטע:

— צו סקאָפּצאָוון האָסטו זיך אויסגעקליבן אין אַזא וועטער און זיי זייַנען גאָר אין דער היים ניטאָ.

— ניטאָ?—האָט ער צו איר געזאָגט מיט פאַרצווייפלונג אין קאָל, און אין די אויערן האָט אים געהילכט. כא-כא-כא, כי־כי-כי, כע-כע-כע. מייער עטלין, וועסט שוין איבערזיצן א נאַכט באַ אַן אָנגעהייצטן אַספאַלט-קעסל מיט פּאַרוואָרלאָזטע.

נאַטאַשע האָט אים אָנגעקוקט פאַרדעכטיק:

— וואָסער קאַץ האָסטו אָפּן עק אָנגעטראָטן? די סקאָפּצאָווס, זאָג איך, זייַנען ניטאָ אין דער היים. איך האָב אַליין געמאַכט אומזיסט א גאַנג, געוואָלט זי, אָליע-קע סקאָפּצאָוו, זען, איז זי ניטאָ אין דער היים. קום, דו זעסט דאָך באַלד אויס ווי א באָבע פון שניי, כא-כא-כא,— האָט זי לוסטיק פון אים געשאַרט דעם שניי און ער איז ווי פאַרגליווערט געשטאַנען, ווי צוגעוואָקסן צום אָרט.

גאַסן האָבן נאָך גערוישט, אָפּ גאָרנדיקע מויערן האָבן זיך גאָרנס געדראַפּעט, נייַע גאָרנס האָבן זיך פון רישטעוואַניעס אַרויסגעשפּיצט, א שטאָט בויט זיך, א לאַנד לייגט דעם פונדאַמענט פון א נייַער וועלט. ער, מייער עטלין, דערלאַנגט אויך א ציגל. וואָס זשע כוואַליעט עס אַזוי אין זייַנע אויערן —„כא-כא-כא, כע-כע-כע, כי-כי-כי, מייער עטלין, וועסט איבערזיצן א נאַכט באַם קעסל מיט פּאַרוואָרלאָזטע?”— און ער פרעגט מיט ציטער, מיט גרויל:

— ביידע זייַנען זיי ניטאָ, ביידע?

— ניטאָ,—האָט זי געזאָגט מיט האַרץ,—גייען זיי צו אַלדי גוטע... וואָס פאַר א

משוגענער הונט האָט דיכ אײַנגעביסנ? — איר פריידּ איז אָפּגעגאַנגענ, ווי שטענדיק פאר אנ ערנסטער פראגע.

זי האָט אירע אויגנ, יונגע אונ ערנסטע, אפּ אימ אָנגעשטעלט אונ גלײַכ באמערקט דעמ מאָנטשיקנ צײַטונג-בינטעלע אונטער זײַנ אָרעמ, האָט זי עס א צי געטאָנ צו זיכ, פאנאנדערגעוויקלט, — א פּאָר גרעט? אונ איר קאָפּ האָט, ווי געווינט איז, א טראכט געטאָנ רעאל.

— ביסט פונ דער היימ אוועק? אפּ אלעמאָל אוועק? נו, איז וואָס, עס מאכט זיכ, אז מע גייט אוועק פונ א היימ, — האָט זי ווי א שוועסטער אנ עלטערע, א געניטערע געזאָגט, — קומ, אז דו ווילסט, — האָט זי אימ אָנגעבאָטנ. — בא מיר איז דאָ א צימער. די שוועסטער מײַנע איז פאר א לערערנ אינ דאָרפּ אוועק, טאקע צו אונדז אינ דאָרפּ אוועק לערנענ, אונ מיט מיר איז נאָר די מאמע, דער שוועסטערס בעט שטייט ליידיק. קומ, ביז דו וועסט זיכ א היימ געפינענ.

איצטער האָט אימ מער ניט געדאכט, אז נאטאשע פירט אימ פאר א לאצ. איצטער האָט זי זײַנ אָרעמ אינ אירנ גענומענ אונ געפירט אונ ער האָט זיכ פירנ געלאָזט, מיטנ טראמוויי ביזנ פאָרשטאָט, אינ ענגשאפט פונ מענטשנ, אונ פונ טראמווײַ צו הויכע גלײַכע מויערנ, פּראָלעטארישע צוזאמענוווינונגענ, וואָס האָבנ מיט עלעקטרישער ליכט צווישנ ווימלדיקנ שניי געוווּנקענ אהער אינ נאטאשעס צימערל די שוועסטער האָט ערשט געענדיקט אפּ לערערנ. אינ דאָרפּ איז זי אוועק לערנענ שטייט זי ליידיק, דער שוועסטערס בעט.

13

דער זאוואָד, וואָס איז פונ טאָג צו טאָג געוואָקסנ, האָט געהאט דורכרײַסנ, געווענ איכ דורכרײַסנ אינ מאָנטאזש-צעכ. ניט אומעטומ פליסט גלײַכ די ענערגיע, פולסירנ גלײַכ אלע קלאפּאנעס, עמעצענס א נאכלעסיקײַט, א ווירטשאפטלאָזיקײַט, אנ אָנפירערישער פארזענ, א קנאפּע אָנלאָדונג — אונ א דורכרײַס. קומט דער מאסעווער ווילנ א קלאָרער, א באוווסטזיניקער אונ שטראָמט איבער אלע שוועריקײַטנ. זוכט ער, מייער, אָט דעמ מאסעוונ ווילנ, אָט דעמ קלאָרנ, דעמ באוווסטזיניקנ, מעסט עס אפּ זיכ, איז עס נאָכ ברייטלעכ, העגנט פונ אימ, אמאָל ענגט עס אימ אינ די פּאכוועס אונ נאטאשע זעט עס אונ באפוילט:

— גיי אינ קרײַז, לערנ פּאָליטיוורע, אָנ דעמ איז א שלאָגלער קײנ שלאָגלער ניט.

אונ ער גייט, אונ ער לערנט פּאָליטיוורע. וויגט זיכ זײַנ קאָפּ צווישנ זאוואָד, פּאָליטקרײַז אונ נאטאשעס היימ. זי איז ניי פאר אימ, נאטאשעס היימ, שוידערט אימ די נײַקײַט, וואָס נעמט אימ ארומ, ווי א קישעפּ. אָט וועט זיכ דער קישעפּ אָפּטאָנ, וועט ער זיכ אויפכאפּנ בא דער מאדאמ בלעכמאנ אינ דער דירע, וואָס איז איבערגעבויט פונ א געוועזענעמ שטאל.

איבער א העפט זיצט נאטאשעס מאמע, א גרויע עלטערע פּויערטע, זי מיט זיכ אויכ, זי שוויצט, זי ליקווידירט איר אָניוורעדיקײַט אונ איר קאָפּ פּלאָנטערט זיכ אינ אנ אלעפּ פּאָליטיוורע, וואָס נאטאשע האָט מיט איר אײַנגעלערנט אונ אויכ אינ

א קאפיטעלע אנטירעליגיעזע טוירע. צו דער וואנט ווענדן זיך אירע אויגן, פײַכטע און מאמעשע, מיט ליבשאפט און מיט כידעש קוקט זי אף די בילדער פון די פי־רער, דאָס האָבן זיי די פריצים פאריאָגט, דעם גאָט צונישט געמאכט און אירע קינ־דער, די אָרעמסטע און פארלאָזסטע אין דאָרף, איינעם נאָך איינעם ארויסגעפירט, פאר די מענטשן געמאכט, אין דאָרף פאר מענטשן און אין שטאָט אויך, שענער פאר די פריצים און אזוי קלוג און אזוי געלערנט. און שוין גאָר ניט פון גלויבן, נאָר פון איבערפולטער פרייד גיט זי זיך אין ווינקעלע א ציילעם און באלד מיט כאראָטע, ווײַל נאטאשע זאָגט:

— די נײַע הויז האָבן נײַע מענטשן מיט נײַע צילן געבויט, מיט נײַעם לעבן און נײַעם שטייגער, צי טאָר מען אהער ארײַנשלעפן אלטע מידעס, אלטע געוווינהײַטן?

איז ער, עטלין, פאָרזיכטיק מיט זײַנע אלטע געוווינהײַטן, ניט ארײַנצוברענגען זיי אין אָט דער נײַער שטוב. בינדט עס אים, באקומט זיך עס קאפויר, און זי לאכט און זי פרייט זיך איבער אים, דאָס מיידל, וואָס איר טאָג איז אָנגעפילט, ווי א פולער פלאש לויטערער ווײַן ביזן קאָרעקל און עפעס ברענגט זי נאָך אהיים צו־זאמען מיט כאוויירים צו דערטראכטן און צו דערלערנען. זי גרייט זיך אין א הויכ־שול, און ווען זי רופט אים, מייערן, צום לערן־ביכל אף צו קאָנטראָלירן זײַן אויס־געלערנטע פאָליטיוורע, ראשט זײַן הארץ און די הענט באגערן נעמען זי אין קלא־מערן, ווי ער פלעגט נעמען א פרוי אף איין מאָל, און עס ציטערט דער געדאנק און שרײַט — אלטע מידעס! וואָרצל אויס אלטע מידעס! און זי וועקט אים פון זײַן געליימסקײַט, ווײַל פאָליטיוורע איז די זעלבע פרייד פון שאפן, פון ליבן, די זעלבע פרייד פון נײַעם שטייגער.

ער איז דער בריגאדיר, עטלין. זײַן אינדפינפלאן איז אויסגעפילט. ער לערנט פאָליטיוורע, אין דער היים קאָנטראָלירט נאטאשע זײַנע יעדיעס, אויסערן בוך פאר־טײַטשט זי אים דאָס געלערנטע — ווען אין צעך איז א דורכרײַס, איז נאָך ניטאָ אין בריגאדע קיין פארענדיקטער אינדפינפלאן. לייגט זיך עס אײַן גוט אין זײַן קאָפּ, מעסטן זײַנע אויגן, פאָרשן יעדן איינעם אין זײַן בריגאדע, וויפל קראפט, וויפל באוווסטזײַן, ווילן און פייִקײַט פארמאָגט יעדערער אין בריגאדע, וואָס צוזאמען מיט אלעמען זאָל עס שאפן דעם נייטיקן פויסט, צעקלאפן דעם דורכרײַס. צום דרײַסיקסטן טאָג פון כוידעש זאָל מען צוזאמען אויספילן און איבערפילן דעם אינדפינפלאן.

שפארט ער מיט א קאָפּ אין דער הייך ארויס, מיט אן אקסל אין דער ברייט. זײַנע אויגן אין גראָבע וויִעס זײַנען דרויט פון ניט־דערשלאָפן און ער זוכט און ניש־טערט איבער די ווארשטאטן מיט זאָרג, צי איז דאָ אייל נאָכן גראדוס, מעש, קופער, צין, אלע נייטיקע צוגאָבן צו דער ארבעט. און צו דעם זוכט ער דעם נייטיקן ווילן פון א מאסע. גיט א שײַן, א פינקל זײַן ניט־דערשלאָפענע אויג, א פאָנעם מיט מאסיווע שטריכן גיט א גלאנץ מיט פרייד, צעשפרייט די ברייטע נאָז־פליגלען, מיט לײַכטן דורכזיכט ציט ער אויס דעם אָטעם פון ברוסט ארויס.

— אָט, אָט וואָס, כעוורע, איז רופן מיר יעוועלייעוס בעסטע בריגאדע אף א סאָצ־געוועט. אונדזערע באדינגונגען:

— אויספילן הונדערט פראָצענט נײַע און הונדערט פראָצענט איבערצומאכן פרעמדן בראק און דערפירן עס צום אומפארמײַדלעכן אָנגענומענעם פראָצענט בראק.

— ניין, אראָפּגידעריקט פֿון אָנגענומענעם פּראָצענט — שרײַען שטימען.

— מיט פֿינף פּראָצענט ווייניקער פֿון אָנגענומענעם בראַק!

קלינגט דער טעלעפֿאָן:

— רעדאַקציע? ווער איז באַם טעלעפֿאָן? דו, נאַטאַשע? דרוק אָפּ אונדזערע באַדינגונגען צו יעוועלייעווס בריגאַדע.

טאַנצט זי מיטן טרײַבל אין דער האַנט, זי וואָלט אים איצטער צעקושט, אָט דעם גרויסן בער. זי ווייס וויפֿל ער האָט שוין ניט־דערשלאָפֿן, וויפֿל ער האָט דורכגעלאָזן לעדיגן פּאָליטיוורע, אָבער ער ווייס, ער פֿאַרשטייט די נעשאָמע פֿון דער פּאָליטיורע און זי קוועלט און זי וואָרנט:

— וע, עטלין, דײַנע זאָלן זיך ניט אונטערײַסן. מיר וועט זײַן, וע, עטלין.

רויטע אויגן — ניט קיין דערשלאָפֿענע, נאָר אין קאָפּ איז לויטער. דאָס האָט באַטײַט — א בריגאַדע האָט זיך אונטערגעצויגן, אַלע גײַסטיקע און פֿיזישע קויכעס קאָנצענטרירט אין איין פּונקט — אָפּ ליקווידירן א דורכבראַך, צום לעצטן טאָג פֿון כוידעש אויספֿילן און איבערפֿילן אַן אינדוסטפֿינפּלאַן, און דאָס צוזאַמען האָט אָפּגעשפּיגלט דאָס רויטע ברעט — עטלינס בריגאַדע האָט אויסגעוווּנען דעם סאָצגעוועט.

וויגט זיך זײַן קאָפּ אין טראַמוויי פֿון זאַוואָד ביז נאַטאַשעס היים און אין האַרצן וועקט זיך מיט שרעק, מיט אַכרײַעס פֿאַרן געוווּנענעם סאָצאָפּמאַך, פֿאַרן אויסגעלאָזענעם פֿאַרענדיקטן פּלי־אַפּאַראַט. צי האָט מען ניט פֿאַרזען אַזעלכעס, וואָס קאָן אַמאָל דורכגיין אומבאַמערקט אַלע פּרווו־אינסטאַנצן און דאָרטן באַם פֿליער אין דער אַרבעט זאָל עס געבן א דעפֿעקט? קוקט ער אָפּן זייגער. ס'איז נאָך דאָ צײַט. די אַפּאַראַטן זײַנען נאָך אין צעך, שפּרינגט ער ווי א יונג פֿון טראַמוויי אין גאַנג, יאָגט אָן אַן אַנטקעגנדיקן טראַמוויי.

צוריק, צוריק אין זאַוואָד.

— וואָס אזוי שפּעט, עטלין? — האָט דער מײַסטער פֿאַרוווּנדערט געפֿרעגט.

— עס איז דאָך שוין אָפּ רויט פֿאַרצייכנט דײַן געוווּנענער סאָצגעוועט.

— וואַרט, וואַרט, — האָט עטלין גערופֿן צום קאָמיוג־פּאָסטן, וואָס האָט אין טאַבעל פֿאַרצייכנט לעצטע ציפֿערן. אָט וועלן מיר נאָך איין מאָל דורכקאָנטראָלירן די פֿאַרטיקע אַפּאַראַטן.

אײַלן זיך כעווירע. נאַטאַשע איז אויך מיט זיי. זי קוקט אים אָן פֿאַרוווּנדערט.

— ביסט דאָך שוין אַהיים געפֿאָרן, דו האָסט דאָך שוין אַלץ פֿאַרענדיקט.

רויטלט ער זיך, מייער, פֿאַרענטפֿערט זיך:

— איך האָב זיך עפּעס דערמאָנט אין טראַמוויי, איך בין דאָך בריגאַדיר, טראָג איך די פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿאַרן אַפּאַראַט. עפּשער אין אײַלעניש א פֿאַרזען.

שײַנט איר פּאָנעם פֿון פֿרייד.

— יאָ, א בריגאַדיר טראָגט די פֿולע פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿאַר אונדזער סאָציאַליסטישן פּלי־אַפּאַראַט.

14

מיט א באַפֿעל איז אין צעך אויסגעהאַנגען געווען עטלינס א ריי ראַציאָנאַליזיר־פֿאָרשלאָגן. הײַנט האָט מען אים פּרעמירט מיט א כוידעש געהאַלט, מיט

אן אָפשניט אפ אן אָנצוג. אין צימער בא נאטאשען טומלען כעוורע, מע עסט הייסע קאַרטאָפל מיט גרינע ציבעלעס, מע באגריסט עטלינען. עמעצער קלײַבט זיך גיין ברענגען א פלעשל און טאקע זאָגן א טאָסט. נאָר נאטאשע דער-לויבט ניט:

— װוּ איר װילט זויפט, נאָר ניט בא מיר אין צימער.—זי איז הײַנט בי־כלאל ניט בא זיך, זי כויזעקט:—א גוטינקער אומפארטײיִשער שלאָגלערל.—און זי ברענט.—דאָס איז דאָך א מענטש מיט אלע געזונטע גלידער, נאָר די צונג פעלט אים, נעבעך א שטומער.

— דאָס איז א לינקאטשישער אָפנייג—דערווידערט כעוורע.—קומט אויס, אז מיר האָבן טויזנטער גוטע אומפארטײיִשע שלאָגלער, װעסטו זיך באַציִען צו זיי מיט כויזעק, װײַל זיי זײַנען אומפארטײיִשע?

יאָ, זי שעמט זיך, זי רויטלט זיך, נאטאשע, זי װייסט אליין אויך, אז דאָס איז לינקאטשיש פון איר זײַט, זי װאָלט קיינמאָל צו קיינעם ניט אָנגעווענדט אזא מיטל, נאָר זי װייסט ניט, פארוואָס זי וויל, אז ער, אָט דער מוסטערהאפטער שלאָגלער, מייער עטלין, מיט געזונטע הענט און פיס, איז פארוואָס זאָל ער אויך ניט זײַן אין דער פארטיי?

תאָט ער, מייער, אויך געפילט, אז זי האָט רעכט און עפעס זיך געשראָקן:

— צופיל יונגס און צופיל נײַס ביסטו גרייט ארײַנצוגיסן אין מײַן אלטן פאס. עפעס דאכט מיר, אז עס פלאצן די רייפן אפ אים.

עס איז שווער, מידיק געווען זײַן שלאָף. אפ די פיס, אפ די הענט און אפן האלדז זײַנען געהאנגען יאָרן געוױנהײַט און שטייגער. ער האָט עס מיט איין מאָל אָפגעשניטן, זײַנען געבליבן וואָרצלען, װאָרצלען, װאָס זויגן אין אים אויס נײַע צוגעקומענע זאפטן, און די קוואלן, פונוואנען ער זויגט די זאפטן, זײַנען האסטיק און פארכלינען אים און ער קאָן ניט טרינקען פון זיי ביז זאט, איז ער דאָרשטיק און זשעדנע צום לעבן. פלאָנטערט זיך דער שלאָף אין כא־לוימעס. ציט אים צום אָווער, צו א יאָנטעװ מיט רו, מיט היים, מיט א שיינ װײַב בא זײַן זײַט, מיט ליבע, מיט גארן צו איר לײַב. פלאָנטערט זיך א קאָש־מאַר אין זײַן קאָפּ: א ברודער, א שוויגער, א װײַב מיט א קופל סאם אין די הענט—כע-בע-כע, כא-כא-כא, כי-כי-כי—נאטאשע! דו פויער-מיידל פון כאוער־שטאל, גיס עס ארײַן אין זײַן האלדז צוזאמען מיט שלאָגלערײַ, מיט פּאָליטיוורע, מיט פראָגראם, נײַעם ווײַן אין זײַן אלטן פאס. כא־כא־כא, כע־כע־כע, כי־כי־כי.

— װאָס איז? װאָס ביסטו אזוי פארמאטערט?

עס זינגען כעוורע אין הויף לעצטע לידער און זי איז ערשט אין צימער ארײַן. מיט זײַדענע טריט צו צו זײַן בעט, צוגעזעצט זיך אפן לײַסט פון בעט, אײַנגעבויגן איר קעפל און פארטראכט זיך און געפרעגט זיך זעלבסט:

— איז װאָס באטײַט עס מײַן בענקשאפט? װאָס שלעפט מיך פון אלעמען אהער צו אים, כ׳האָב ליב? אָט אזא איז די ליבע? כאווײרים זאָגן שוין לאנג, אז איך לעב מיט אים, אז ער איז מײַן מאן, און איך האָב אים צוויי טריט פון מײַן בעט ניט געפילט, געשלאָפן געשמאק, ווי א שוועסטער וואָלט דאָ גע־שלאָפן, ווי א ברודער, און איצטער איז מײַן הארץ מיט אומרו פול, װוּ איך

בינ, זע איכ אים, בענק איכ נאָכ אים, ציטערט אינ שלאָפֿ מײַנ לײַב אונ כאַלוימעס נארישע, הענט, פֿרעמדע הענט ציִענ זיכ אָפּצורײַסנ, צונעמענ אים פֿונ אונדז, פֿונ מיר. כאַ־כאַ־כאַ, — קוועלט זי, — ער איז דאָכ דאָ, צוויי טריט פֿונ מײַנ בעט. איז וויל איכ, קאָנ ער דאָכ ווערנ מײַנ מאַנ, מײַנ געליבטער. נאָר איכ ווײס ניט, צי דאַכט זיכ מיר עס ניט, צי איכ האָב אים אפֿ אַנ עמעס ליב, אפֿ אַנ עמעס?

ער גיט זיכ א וואָרפֿ, בלײַבט ליגנ מיטנ פּאָנעם ארופֿ, זי בײגט זיכ צו צו אים:

— וואָס שלאָפֿסטו אזוי אומרויִק, מײַנ ליבער, מײַנ טײַערער, מײַנ גרויסער בער, — זי פּרעסט צו אירע ליפּנ אונ קושט זײַנ שטערנ. זײַנע אויגנ זײַנענ אָפֿנ, זײַנענ וואַכ, ער פּילט איר צאַפּל, ער גיט זי א נעמ ארום, גיט זי זיכ פֿלינק א דרײ אויס מיט פֿאַרכאַפּטנ אָטעמ:

טשעפּע ניט, שפּעטער... הער, האָסט זיכ א ביסל אויסגעשלאָפֿנ, הײב זיכ אופֿ אונ קומ. דער זאַוואָד האָט אויסגעטײלט דרײַ בעסטע שלאָגלער אפֿ צו גײנ מיט דער „יונגער קאַוואַלעריע" א טאָפּ טאָנ די באַגראָבענע זעקלעכ גאָלד בא פֿאַרטײַטע סאָנים. דו ביסט אײנער פֿונ די דרײַ.

15

רעב הערשל זאָלאָטניצקי האָט זיכ געדעגט, דערמאָנט:

— שוויגער, דער רויטער שערעצ געלמאַנ פּרעסט כאַזער אונ פֿאַסט ניט יאָנקיפּער.

האָט זי געשוויגנ, די שוויגער, אונ רעב הערשל האָט געקימפּלט.

— שוויגער, ער לעבט דאָכ מיט בערטענ. מיט אַנ אײשעס־איש, שוויגער, זי טראָגט דאָכ א מאַמזער זײַנעמ אינ איר בויכ.

האָט מישע געלמאַנ געפֿרעסנ כאַזער, געלעבט מיט אַנ אײשעס־איש אונ אײנגעאָל אינ א נאַכט מיט א צוגעמאַכטנ שליסל געגאַנגענ צו דער געהײמער פֿײַער־קאַסע, געגאַנגענ מיט קעציִשע טריט. אימ איז נאָכגעגאַנגענ בערטע סאָלאָוונע מיטנ שפּיציקנ הויכנ בויכ, געגאַנגענ איז מענ צונעמענ איר צירונג, איר נאָדנ, איר יערושע אונ אנטלויפֿנ מיט מישע געלמאַנענ, ווו דער פֿעפֿער וואַקסט.

אינ שטוב איז געווענ פֿינצטער, די לאָדנ פֿאַרהאַקט. האָט אינ דער נאַכט אויכ רעב הערשל זאָלאָטניצקינ קײנ שלאָפֿ ניט גענומענ. האָט ער אויכ מיט ווײכע קעציִשע טריט געשפּאַנט צו דער פֿאַרבאָרגענער פֿײַער־קאַסע מיטנ עמעסנ שליסל. אים האָט באַגלײט דווירע, זײַנ ווײַב, א היפּש ווײַבל, וואָס האָט גאַנצע טעג געטאַנצט בא די קאָאָפּעראַטיווג אונ געטראָגנ אינ שטוב נאַפּט, גרויפּנ, צוקער. איצטער איז זי געגאַנגענ העלפֿנ איר רעב הערשלענ אריבערטראָגנ דאָס גוטס פֿונ קאַסע אונ באַגראָבנ עס אינ אַנ אַנדער לאָכ. האָבנ זיכ די צוויי פּאָרלעכ אינ דער פֿינצטער אָנגעטאַפּט, דערקענט אײנער אינ דעמ אַנדערנ א גאַנעוו, אינ דער שטיל זיכ אופֿגעקנוילט, ביז די מאַדאַמ בלעכמאַנ האָט באַוויזנ ארײַנקריכנ אינ איר זײַדענעמ אָנטאָנ, ארופֿדרײענ די ליכט אונ ארויספּלאָנטערנ הענט פֿונ א שוואַרצער באָרד אונ ארויסרײַסנ פֿינגער פֿונ א רויטנ קאָפּ האָר.

פֿונ דעמלט אָנ האָבנ די מענטשנ פֿונ דער דירע אופֿגעהערט צו שלאָפֿנ בא־

נאכט. ביסלעכווײַז האָט מען זיך אופגעהערט אויסטאָן. איינער דעם אנדערן האָט געהיט, פון לאנגווײַליקײַט האָט מען זיך אָנגעהויבן אויסוואַרפן אין קאָרטן. פריִער די מאמע איינ טאָכטער, דערנאָכדעם א צווייטער, דערנאָכדעם די טאָכטער דער מאמען, א שוועסטער, אזוי שטום אָן א וואָרט און באַרויִגעוודיק. ביז איינמאָל האָבן זיך אויך די מאנצבלען פון אָרט גערירט. מישע געלמאנן האָט זיך צוגערוקט צו רעב הערשל זאָלאָטניצקין מיט א שאָך. האָט אים זאָלאָטניצקי אָנגעקוקט, ווי א סוינע, וואָס האָט זיך אהער אינ שטוב ארײַנגעריסן. נאָר אויס לאנגווײַליקײַט האָט ער שטום און באַ־רויִגעוודיק אײַנגעוויליקט שפּילן א שאָך. און פון דעמלט אָן האָט מען שוין גאָרניט געזען, ווי א נאכט איז דורכגעגאנגען, פרויען — בײַ אויסגעוואָרפענע קאָרטן, מע־נער — בײַם טיש באַדענקטן שאָך.

— וווּהין גייען מיר זוכן גאָלד ? — האָט געפרעגט מייער עטלין. דער ראַיאָן איז אים קענטלעך געווען, טראמווײַען האָבן שוין אהער לעצטע אײַנוווינער גע־בראכט אין אינ דערבײַיִקן טעמפּן געסל האָט שוין אלץ געשלאָפן. אין אן אָפּגעריסענעם הויז, ווו עס איז אמאָל געשטאנען א געמויערטע שטאל, איז געווען די דירע, זײַן געוועזענע היים. ער האָט שוין מיט דער דירע, מיט די מענטשן צעריסן, איז צו וואָס גייט ער אהער, צי איז עס ניט נאטאשעס אן אופטו ? זי האָט געקאָנט זיך דער־וויסן פון זײַן שוירעש און וויל אים שטעלן פאר א פּרווו. אים וועט זייער ניט גוט זײַן, הייבן זיי פון די געלעגערס.

— וווּהין גייען מיר ? — האָט ער געפרעגט.

— דו ביסט עפּעס צעטראָגן, צי ניט אויסגעשלאָפן. — זי האָט זיך צו אים געדריקט נאטאשע. — קום, דער כאווער, וואָס פירט אונדז, האָט א צעטעלע, מע גייט אָפּ זיכער. קום.

מע האָט פארשפּאַרט עמעצן אופהייבן פון די בעטן. קיינער איז אינ דירע ניט געשלאָפן. פרויען — בײַ א טעשל צעוואָרפענע קאָרטן, מענער — בײַ טיש באַדענקטן שאָך. מייער עטלין האָט געגרוילט, ער האָט ניט דערקענט די מענטשן אינ דער דירע.

פארוואָס שלאָפן זיי ניט ? וואָס וואכן זיי אזוי שפּעט בײַ דער נאכט ?

— פּאָרויכטיק, וועסט זיך דערטרינקען אינ א וואגע נאפט.

— אוי, וואָס בוימל, צוקער, גרויפּן — א גאנצער באַקאַליי־לאַגער.

— מע וועט דאָ גאָלד, א סאך גאָלד אויך געפינען.

— ניטאָ. אָפּ א צאָן פאַריכטן אפילע ניטאָ — האָט צעפּירט די הענט רעב הערשל זאָלאָטניצקי. — א קוסטאַר אָדינאָטשקע בינ איך, א זייגערל פאַריכט איך, אז עס קומט אינ שטוב ארײַן.

דער כאווער מיטן צעטל האָט מיט א העמערל געקלאפּט אינ די ווענט, געקלאפּט אינ דיל. רעב הערשל זאָלאָטניצקי איז אָפּ אן אָרט געזעסן רויִק.

— הייבט זיך אוף, בירגער זאָלאָטניצקי. — האָט ער זיך אופגעהויבן, האָט זיך דאָס ווײַב דווירע שווער אָפּ זײַן אָרט געזעצט.

— אנטשולדיקט, בירגערן, — האָט דער כאווער מיטן צעטל זי זייער איידל גע־בעטן און האָט אָפּ דעם אָרט אָנגעקלאפּט מיטן האמער, אָפּ דעם אָרט אופגעריסן א ברעט און עס האָט א בלענד געטאָן גאָלד.

די מאדאם בלעכמאן האט זיך ווי א כמעט א ווארפ געטאן צו רעב הערשל זאלאטניצקי.

— גאנעוו! הערשעלע מארוויכער, וויפל איך האב אים אין די הענט געקוקט, האט ער דאך אפגעגאנוועט אזא אויצער!

— א פאבריקל האב איך געטראכט בויען, — האט זיך הערשל פאר דער שוויגער פארענטפערט. — א זייגער־פאבריקל מיט אייך בעשותפעס. — און מענטשן האבן אים נאכגעקרימט מיט פיינטשאפט.

— או, גאנעוו! א זייגער־פאבריקל, או, גאנעוו!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— נו, איצטער ווייסטו שוין מיינע שוירעש, האסט מיר געזען אן אויסגעקערטן אפ דער לינקער זייט. דאס איז מיין ברודער געווען, מיין ווייב, מיין שוויגער. צי וועסטו נאך היינט אויך גלייבן, אז אזעלכער זאל קאנען אויסיעטן די ווארצלען מיט יארן, געלאזענע טיפ אין דער נאטור פון א מענטשן?

איז זי א גרויסע און אן ערנסטע געזעסן, נאטאשע, איר קאפ אין די הענט גענומען. איר קאפ, וואס איז איר היינט שווער געווען, ווייל א שווערע פראגע האט זיך דארט צעוויקלט.

— היינט וועל איך דיך ערגעץ ניט רופן און גארניט ניט אייצען, — האט זי געזאגט. — היינט קאוויר איך ניט פאר דיר, ווייל היינט קאן איך זעלבסט פאר זיך ניט קאווירן. היינט פעלט מיר זעלבסט אביעקטיווע אפשאצונג: — און שטיל, מיט געבעט, מיט ליידנשאפט האט זי געזאגט. — איך ווייס נאר, אז איך האב דיך ליב, מיט זיבן ווייטעק פיל איך עס אזוי שטארק און מיר דוכט, אז היינט ביסטו נאך בעסער, שענער, ערלעכער ווי נעכטן. איז ווי זאל איך אנדערש מישפעטן קאנען, איך גלייב דיר, איך האב דיך ליב.

מיט אלע זיינע צווייפלען האט מייער זיך פאר קיינע אויסוורפ ניט געהאלטן, היינט האט ער זיך גראד פאר דעם געדאנק געשראקן, — צי האט ער מיט שלאג־לעריי, מיט געפעלשטע ערלעכע מאנירן, מיט זיינע פרומע זיפצן צוויי טריט פון איר בעט, צי האט ער ניט פארפירט, פארפלאנטערט אט דעם שיינעם יונגן קאפ?..

ער האט געברענט און געראנגלט זיך מיט דעם פייער, וואס האט אים ארומ־געכאפט און געשראקן זיך פאר אירע ליידנשאפטלעכע בליקן, פאר אירע זיידענע טרים. איז ער פון שטוב אוועק, געבלאנקעט איבער גאסן, געוואלט בעפינען מענדל באס, אט דעם געזונטן פראלעטאריער, וואס גייט צו צום לעבן אזוי געזונט און פאשעט. האט ער אין קלוב ניט געוווסט ווי צו פרעגן אפ באס פרוי און ניט גע־וווסט זיין היימישן אדרעס. איז ער ווייטער אפ דער גאס ארויס, א צעשראקענער געפלאנטערט גאסן און ראפטאם דערמאנט זיך נאכאמאל אפ אלעקסיי טערענטיעוויטש סקאפצאוו. איצטער האט ער אן וואקלעניש אהין געיילט, געלאפן, צוגעאלן צום גלעקל און געקלונגען ווי אפ א סריפע.

— דער כאווער אלעקסיי טערענטיעוויטש איז אין דער היים?

— אין דער היים, אין דער היים, — האט זיך דער כאווער אלעקסיי א ביסל גע־וווּנדערט אפ דעם קלונג און אפ דער פראגע.

— וואס איז, דו האסט מיך ניט דערקענט? — א קוק געטאן אים אין פאנעם

און געפרעגט:— וואָס איז? וואָס ביסטו אַזוי אויפגערעגט, ווי דו וואָלסט פון אַ באַנדע גנבֿים אַנטלאָפן, ביסט דאָך שטענדיק אַ געלאַסענער.

דאָס יונגע ווײַבל איז ניט געווען אין דער היים. אַלעקסיי טערענטיעוויטש האָט אים אַרײַנגעפירט צו זיך אין קאַבינעט, געפּעטשלט אים איבער דער פּלייצע, און ווי אַ דירעקטער געריכט:

— בראַוואָ, עטלין, האָסט זיך פּײַן אונטערגעצויגן מיט דײַן בריגאַדע. הער, איצ־טער געגנוג דיר צו זײַן אַ פּרײַער קינסטלער, דו דאַרפסט וואַקסן און דאָ מוז מען שוין זײַן אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי, אָן דעם איז שווערלעך. מיט דײַן אַרבעט האָסטו באַוויזן, אַז דו ביסט ווערט, אַז דו דאַרפסט זײַן אין דער פּאַרטיי.

מע האָט געגעסן, געטרונקען טיי און גערעדט וועגן פאַרשיידענעס. אָבער דאָס סאַמע שווערסטע איז ווי אַ ביין אין האַלדז געשטאַנען.

— צי נאַרן זיך אין אים ניט אָפּ קיין מענטשן? אָט זי, נאַטאַשע, וואָלט הײַנט פאַר אים ניט קאַווירט און ער, אַלעקסיי סקאָפּצאָוו, וואָס ווייסט אים אויבנויפיק, רופט אים אין דער פּאַרטיי, ווײַל ער דאַרף וואַקסן.

— קום, טו זיך אויס, ווערסט נעכטיקן בא מיר. אַ בעט און אַ דיוואַן איז אויך דאָ, וועלן מיר זיך אַ ביסל צולייגן און אַ שמועס טאָן. מיר דוכט, אַז דו ביסט ניט סטאַם אַרײַן צו מיר, האָסט מיר עפּעס צו זאָגן. קום, טו זיך אויס, אָפּנהאַרציק, פּראָלעטאַריש, „פּאָ דושאַם“, כע־כע — האָט ער געזונט אַ לאַך געטאָן. — און זי, דאָס ווײַבל מײַנס, ווערט קומען, וועט זי זיך לייגן אין צווייטן צימער. זאָל זי ניט אַרומ־קריכן אַזוי שפּעט מיט אירע קאָמסאָמאָלישע פּאַצאַנעס.

ליגן זיי, צוויי גרויסע מענער, איינער קעגן אַנדערן. הינטערן פענצטער טומלט נאָך די שטאָט און זיי געדענקען ווײַטע טעג, דײַטשישע „טשעמאָדאַנעס“, אַ גאַנ־פאָרהאַנג און אַ גרויסן אומענדלעכן קרעכץ פון טויט. האָט ער דאָרט דער באָלשע־וויק אַליאָשע געטראָגן זײַן פּראָלעטאַרישע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרברידערונג און הײַנט שטייט ער בא דער אויסגעשפּילטער רעוואָלוציע אָפּן פּלאַץ, ווו די פּאַרטיי האָט אים געשטעלט, און בויט דעם סאָציאַליזם. אַזוי גראָד איז דער וועג פון איינעם און אַזוי פאַרקריגלט פון צווייטן. אָט האָט אים איינע אַ פּראַגע, מײערן, הײַנט פאַרוואָרפן, ווי אַ קייט אַרום האַלדז.

פון אָנהייב שווער און דערנאָכדעם לײַכטער, ווײַל אַליאָשעס קאָפּ, וואָס האָט די מערסטע יאָרן פון לעבן געאַרבעט אַף פּראָבלעמען, געקעמפט, געראַנגלט זיך פאַר דורכפירן פּראָבלעמען אין לעבן, האָט אויערן אָפּענע, אויערן אַף די הערן אופגע־הויבענע פראַגן, וואָס שאַרן זיך בא די ווענט פון לעבן אויך אין זייער אינדיווי־דועלער פאָרם.

ער האָט גיט געכוויזעקט, ניט פאַרמינערט, ניט איבערגעטריבן דעם באַטײַט פון געהערטן. און אַז מײער עטלין האָט אויסגעשעפּט פון זיך אַלץ, וואָס האָט אים געמוליעט, האָט אַלעקסיי טערענטיעוויטש געגעבן אים נאָך איין מינוט אַף אָפּ־כאַפּן דעם אָטעם.

— הייב זיך אוף, — האָט ער אים באַפוילן, — שנעל טו זיך אָן און לויף אהיים, וואָרעם אַזעלכע ווי נאַטאַשע... אַזאַ נאַטאַשע קאָן ליב האָבן, אָבער זי קאָן אויך דערשטיקן אין זיך אַ ליבע...

א יונגע, א שײנינקע אָלינקע איז אַרײַנ מיט יונגנ טומל, געבליבנ שטײנ מיט גרויסע אויגנ, געקוקט אפנ פרעמדנ, וואָס טוט אָנ א לעצטנ שוכ.

— דאָס איז ער, דײַנ עטלינ, — האָט זי מיט פרײד געזאָגט, — איכ האָב אים גלײַכ דערקענט, אזא האָסטו מיר אים אָפגעמאָלט. אָבער וווּהינ אנטלויפט ער? נײנ, נײנ, איכ וועל ניט לאָזנ. ניט שײנ, אליאָשע, האָסט מיכ אומיסטנע אויסגערוי-כערט פונ שטוב, אפילע ניט געקלונגענ, אז א גאסט וועט בא דיר זײַנ.

— קוק אים אָנ, אָלינקע, אזא גרויס איז אפ מײַנ פלײצע געלעגנ. ביז הײַנט נאָכ פיל איכ זײַנ וואָג. לאָז אים, לאָז אים, אָלינקע. ער דארפ איצט לויפנ, פאריכטנ א גוטנ כײלעק לעבנ, וואָס וואָלט געקאָנט געקאליעטשעט ווערנ, לאָז אים לויפנ.

ש. ראָסינ

ווייַל ס'איז בי מי - פאר אונדז

„הייַנט זייַנענ נאָכ פאראנ ווייניק סטאכאנאָווצעס, אָבער ווער קאָנ צווייפלענ, אז מאָרגנ וועלנ זיי זייַנ צענ מאָל מער".

סטאלינ.

עס זייַנענ קייכעס נאָכ פארבאָרגענע
בא אונדז אינ לאנד פאראנענ,
אונ העלדנ ניט אנטפלעקטע
אפ אונדזער גרויסער ערד, —
זיי וועלנ קומענ ערשט,
די טויזנטער סטאכאנאָווס,
פונ דער עפּאָכע אונדזערער
דערצויגנ אונ דערנערט.

עס שווינדלענ פאר די אויגנ שוינ
די אומבאוווּסטע נעמענ,
וואָס וועלנ באלד א שפאר טאָנ
צו דער העלער שייַנ, —
זיי וואַרטנ שוינ אפ ליכטיקע,
אפ מעכטיקע פּאָעמעס
פונ אונדזער אופגעפראלטנ,
אופגעשטראלטנ הייַנט.

אונ אונדז — די דיכטער דאָ —
איז גרויסער גליק געגעבנ:
באזינגענ זייער אופקומענ,
באגלייטנ זיי אינ שוווּנג;
איבערצאנדערשנ די ערד
אונ ענדערנ דאָס לעבנ
אונ אפ גאָר דער וועלט
צעטראָגנ זייער רום.

זיי וועלן נאָך א ריס טאָן זיך,
א שפּאַן טאָן ווײַט פון דאַנען
אריבער אלע גרענעצן
מיט ריזן-דרײַסטע טריט —
די טרײַסטע אנגעלינעס,
די גינציקסטע סטאַכאַנאָווס, —
און... ס'וועט דעם וועג פארקריפּן זיי
מײַן אויסגעפרוווטע ליד...

. . . .

ווײַל איך האָב צוואַנג געוווּסט,
ווײַל איך האָב פײַן פארזוכט
פון מי פארשוועגדעטער
אפּ העפּקערדיקן רויב,
ווײַל כ'האָב געבלאָנדזשעט לאַנג,
ווײַל כ'האָב א וועג געזוכט,
ווײַל ס'האָט די קעלער-גרוב
מײַן יונגן קאָל פארטויבט.

דערפאר וועט קלינגען הויך
פאר אײַך מײַן ליד אצינד,
און ווי א פרײַער טײַך
וועט זיך פאר אײַך
מײַן ליד צעשטראַלן,
עס זאָל די מי אײַך גרינגער זײַן
און העפּטיקער דער שוווּנג, —
ווײַל ס'איז די מי — פאר אונדז,
ווײַל אונדזער לאַנד איז יונג,
ווײַל אונדזער מי איז — רום
ווײַל רונד ארום,
ווײַל אומעטום —
סטאַלין.

מאָסקווע,
8-טן דעקאַבער 1935.

פאן טזשי-מין

עס פארשווינדט די כינעזישע וואנט
און כינע ווערט נאָענט אצינד,
אזוי ווי מײַן אייגן לאנד,
וואָס דערנערט האָט אזעלכע זין.
ווי דו, פאן טזשי-מין.

עס שרײַט אין מיר איצטער דײַן פּײַן
און אלץ אין מיר צאָרנט און שרײַט.

עס רופט און עס וועקט מיך און טרײַבט,
און גיסט אָן די אויגן מיט בלײַ.

און ס'דאכט מיר, דײַן קאָל איך פארנעם
פאר דײַן טויט — פונעם אײַזערנעם קלעם.

און ס'דאכט מיר, אז ניט קיין טינט —
בלוט פון מײַן פען טריפט אצינד.

כאווער און פרײַנט פאן טשזי-מין,
דערציילן פון דיר כ'וועל מײַן קינד.

פון א מענטש ערגעץ ווײַט אין קיטײַ,
וואָס ביז לעצט איז פארבליבן זיך טרײַ.

כאווער און פרײַנט פאן טזשי-מין
ביסט מיר נאָענט אצינד, ווי מײַן קינד.

דײַן לעבן — א מוסטער פאר מיר,
שטארבן — זיך לערנען בא דיר.

מאָסקווע,
דעקאבער 1935.

שטערן אויפן קרעמל

אין די אַלטע נעסטן
מיט שפּינוועבסן פאַרוועבט,
דאָרטן ווו געזעסן
דער אָדלער מיט צוויי קעפּ.

אויף די טורעם־שפּיצן
פון די קרעמל־ווענט —
שטערן איצטער זיצן,
יעדער שטערן ברענט...

שפּינוועבס פון יאָרהונדערט
אָפּגערייניקט איצט, —
קוק איך אָן פאַרוווּנדערט:
אונדזער שטערן בליצט...

פון דעם פּלאַץ דעם רויטן,
פון דער קרעמל־וואַנט —
שטערן־שייַן צעשפּרייטן
איבער גאָר דעם לאַנד.

שאָטנס פון יאָרהונדערט,
שוואַרצער אָדלער־ראָב...

. . . .

קוק איך אָן פאַרוווּנדערט,
פאַרוואַרף איך הויך דעם קאָפּ:

פעסט אַזוי און זיכער
אונדזער שטערן זיצט, —
רויטער פּלאַץ איז ניכער
און הימלעכער מיר איצט.

מאָסקווע
דעקאַבער 1935.

ש. גאָדינער

בירעבידזשאַנצעס

איבערבראָכ

1

דער טאָג האָט זיכ דאָ אָנגעהויבנ ערגעצ הינטערנ נעפל פונ די בערג. דאָרט איז אופגעגאנגענ די זונ.

אויסגעזענ האָט עס, אז די זונ פויזעט א פאמעלעכע, א רויטע, א געשוואָלענע, א פארשלאָפענע נאָכ — פויל אונ לאנגזאמ. אונ עס איז ניטאָ אפ וואָס זיכ אומקוקנ.

יִסראָעל ברוידע איז געשטאנענ אפנ הויפ, בא זײַנ פארלאָשענעמ שײַטער, געקוקט אונ געזענ עפעס אנדערש.

דער ברייטער אומענדלעכער הימל איבער זײַנ קאָפ, דער לויטערער עמאל, וואָס איז ווי א ריזיקער, אָנסאָפיקער געוועלב געהאנגענ איבער די ווײַטע אונ נאָענטע בערג, איבער די פרישע געבײַיענ אינ יִשעוו, איבערנ מיט נעפל נאָכ צוגעדעקטנ וועג, האָט דער פולער, רויטער זונ, אינ יִסראָעלס אויגנ, ווי מוט צוגעגעבנ, — זי האָט זיכ געהויבנ וואָס העכער אלצ שנעלער, די זונ, זי האָט זיכ קאָנצענטרירט, געהעלט, ווי זי וואָלט אָנגעצילעוועט איר שײַנ אונ ווארעמקײַט אפ דעמ ליבנ לאנד, וואָס איז יִסראָעל ברוידענ אינ הארצנ געוועננ אײַנגעבאקנ.

ווי שטענדיק אינדערפרי, איז אויכ הײַנט יִסראָעל ברוידע א ווײַלע געשטאנענ, געקוקט אפ דער זונ, ווי א געצנדינער א הייב געטאָנ די הענט, אנ עפנ געטאָנ דאָס מויל — ווײַזט אויס, געוואָלט עפעס זאָגנ צו דער זונ — א ליב, א געזאנג, — א גליקלעכנ שמייכל געטאָנ מיט די אויגנ פונ דער שיינקײַט דאָ ארומ, פונ דער ראכוועס, פונ געפיל פונ מאָדנער היימישקײַט, ווי די אור-אור-עלטערנ זײַנע וואָלטנ אליינ דאָ, אפ דער ערד, פונ קאדמוינימ געלעבט, דאָ אימ געבוירנ, דאָ אופגעריסנ זײַנע קינדערשע אויגנ אונ געזאָגט: „קוק!" דאָ אופגעשלאָסנ זײַנ הארצ אונ געזאָגט: „לעבו!" דאָ באוויזנ אימ זייער אלטקײַט אונ שוואכקײַט אונ געזאָגט: „ארבעט!" דאָ אויסגעגאנגענ אונ באקענט אימ מיטנ טויט...

ער האָט אליינ ניט געוווסט, דער פראָסטער יִד, יִסראָעל ברוידע, די וואָג פונ זײַנ צוגעבונדנקײַט צו אָט דער ערד — מיטנ אינסטינקט בלויז האָט ער זיכער געשפירט: מע קאָנ לײַכט א לעבנ אוועקגעבנ פאר אזא מינ ערד, וואָס

איז אייגנ אונ ווילד אונ פרײַ — נעמ אונ בוי פאר זיכ אונ פאר אלעמענ, וואָס שטייענ אינ דער ריי מיט דיר אונ טוענ דאָס זעלבע, וואָס דו.

נאָר — אנ עפנ געטאָנ דאָס מויל, א שמייכל געטאָנ מיט די אויגנ, — האָט ייִסראָעל ברוידע דערזעענ, ווי צו דער לינקער זײַט פונ זונענ־אופגאנג איז געשטאנענ פרימאָרגנדיק פריילעכ דאָס וואָקזאלכל, פול באקלעפט מיט מענטשנ, פעק, קינדער. „אהאָ! די אָבראטניקעס האָבנ שוינ דעמ וואגאָנ באלאגערט!“ — האָט ער א טראכט געטאָנ. ער האָט אויכ געזענ, ווי יאָסל שלאָס מיטנ נאקעטנ פײַערדיקנ קאָפ האָט פאָרויס, מיטנ וועג, געשפאנט צומ וואָקזאלכל. ער האָט זיכ דערמאָנט אָנ באנאכטיקנ געשפרעכ מיט אימ באמ שײַטער, א צופרידענעמ פאָכ געטאָנ מיט דער אופגעהויבענער לינקער האנט צו יאָסלס פלייצע, ווי יאָסל שלאָס וואָלט צו אימ איצט מיטנ פאָנעמ געשטאנענ אפנ דעק פונ עפעס אנ אָפגייענדיקער שיפ ערגעצ, אונ געזאָגט האָט ער דערבײַ, דער ייִד, ייִסראָעל ברוידע:

— שוימ, שוימ, יאָסל, אפ די כוואליעס פונ היינטיקנ לעבנ! לערנ זיכ זײַנ אנ אָנפירער דאָ־הי.

א פאָכ געטאָנ מיט דער האנט איינ מאָל אונ נאָכ א מאָל, אונ א דריטנ מאָל, א שמייכל געטאָנ צו זיכ אליינ מיט יענער גוטער, מענטשלעכער האנאָע פונ א לערער, וואָס זעט ווי דער טאלמיד זײַנער גייט אפנ ריכטיק געשטעלטנ דורכ אימ, דורכנ לערער, וועג, אָנגעשטאָפט זיכ די ליולקע, פארייכערט אונ ראפטאָמ, ווי עמעצער וואָלט אימ אינ דער פלייצע א שטויס געטאָנ, מיט דריבנע אײַליקע טריט אוועקגעלאָפנ צו דער ארבעט.

יאָסל שלאָס איז טאקע געגאנגענ צומ וואָקזאלכל, א קוק טאָנ, ווי זעענ אויס די מענטשנ, וואָס פאָרנ צוריק „אהיימ, מישטיינסגעזאָגט“, ווי דער ייִד האָט זיכ פאר אימ באנאכט באמ שײַטער אויסגעדריקט.

יאָסל שלאָס האָט נאָכ אלצ קיינ באשטימטע ארבעט דערווײַל ניט געהאט אונ ניט שטארק געאײַלט זיכ באקומענ עס. אינ דרײַ טעג ארומ איז יאָנטעוו. פופצנ יאָר זינט עס הערשט די ראטנמאכט. א ריזיקער יאָנטעוו! — ערשט אינ די ווײַטסטע צוקינפטיקע דורעס וועט די אומגעהייערע מאָס פונ יענע גליקלעכע מענטשנ קאָנענ אויסמעסטנ ווי געהעריק די ריזיקע גרייס פונ אָט די גליקלעכסטע, וואָס האָבנ געלעבט אינ די ערשטע יאָנטויווימ, וואָס האָבנ די ערשטע יאָנטויווימ אינ זייערע הייסע בלוטיקע שלאכטנ אויסגעגליט אונ אויסגעשמידט! — האָט יאָסל געטראכט אפנ וועג, — א ריזיקער יאָנטעוו! אונ ביז יאָנטעוו איז געבליבנ דרײַ טעג אונ אינ די דרײַ טעג וועט ער דערווײַל אָנקוקנ די מענטשנ דאָ־הי — די, וואָס קומענ, אונ די, וואָס פאָרנ אוועק צוריק, די, וואָס זיצנ דאָ פונ ערשטנ טאָג אָנ, אונ די, וואָס זײַנענ געבוירנ דאָ.

אונ שוינ טאקע אפנ וועג האָט ער זיכ פארינטערעסירט מיט צווי מענטשנ, וואָס זײַנענ פונ ערגעצ א זײַט מיטאמאָל אויסגעוואקסנ לעבנ אימ.

איינעמ פונ זיי האָט ער גלײַכ דערקענט: דאָס איז געווענ דער נעכטיקער באָריס קודריק. יאָסל שלאָס האָט אפ אימ א הייב געטאָנ זײַנ רויִקנ בליק אונ באגריסט זיכ מיט אימ מיט די איינע גרויסע בלויע אויגנ זײַנע, גרייט אימ ענטפערנ אפילע מיט א וואָרט. יאָסלס בליק האָט גערעדט צו קודריקנ: „נעכטנ האָב

איך דיך פײַנט געהאט, איך וויס אלײנ ניט פאר וואס. הײַנט קאנסטו רײדנ צו מיר. איך װעל זענ װער דו ביסט. עפשער האב איך א טאעס געהאט אינ דיר". נאר קודריק האט שטיל אפגעקערט פונ אים זײַנ קאפ אונ ניט געװאלט קוקנ אפ אים. אונ דאס האט נאך דע־װײַל ניט געשטערט יאסלענ אינ זײַנ טראט פארויס. ער האט נאכגעקוקט קודריקנ, נאכגעשיקט אים זײַנ שמייכל: „ניט — איז ניט!" לעבאטכילע האט יאסל גע־געשטערט האט יאסלס טראט דער צווייטער מענטש. מוזט פאשעט זיך אפשטעלנ, קעדיי צו זענ צי האט ער ניט קײנ טאעס, צי קאנ א מענטש, ניט אפ דער סצענע, אלס אקטיאר, נאר אינ לעבנ, אלס ארבעטנ־דיקער, זײַנ אזוי אנגעטאנ: פונ די קנאפל בייזנ גרויסנ געלנ קודלאטנ קאפ — אלצ איז אפנ צווייטנ מענטשנ געװענ איינ שטיק מאסקאראד. יאסל האט בא־טראכט דעם מאסקאראד פונ אונטנ ארופ. ער האט געזענ: א פאר ריזיקע פיס אינ געלע, אויסגעקראכענע, אויסגעקרימטע, מיט שטריק אינ פיל ערטער געבונ־דענע אונ געקניפטע אונטעס. העכער — א פאר געשטעפטע וואטאווע הויזנ פונ אלע זײַטנ באדעקטע מיט פארשיידנקאלירטע לאטעס אונ אינגאנצנ אויסגעשמירט אינ איינ גלאנציקער דורכזיכטיקער פעטס. נאך העכער — א קורצ ברוינ דארפיש סוויטקעלע, — אינ לעכער אונ פאלדנ, — ארומגעגארטלט מיט א גראבער שטריק. אינ גורט — א האק מיט דער שארפ אפנ דיכ, אנ עמאלירט קענדל, אנ אקסנ־הארנ. אפ די פלייצעס — א רוקזאש פונ גראבנ זאק־שטאפ. אנשטאט שלייקעס — גראבע שטריק אפ די אקסלענ. נאך העכער — יאסל האט געמוזט דעם קאפ פארײַסנ, אזוי הויך איז דער צווייטער מענטש געװענ, כאטש יאסל אלײנ איז אויך געװענ העכער פונ מיטלוווקס — א ריזיקער גצלער קאפ, אינגאנצנ פאר־שטעקט אינ א קוטשמע, אינ קודלעס. יאסל שלאס האט אים געװאלט פארלויפנ דעם וועג, א קוק טאנ אינ פאנעם, האט דער אומבאקאנטער מענטש ווי דער־פילט יאסלס פארלאנג אונ אלײנ אויסגעדרייט צו אים זײַנ קאפ. דא האט שוינ יאסל זיך געמוזט אפשטעלנ. ער האט דערזענ א פאר רויטע אונטערגעשוואלענע אויגנ, א גרויסע בלויע נאז באגראבנ אינ פײַער פונ א שמוציקער, ריזיקער, קודלאטער רויטער בארד. דער אומבאקאנטער מענטש האט א קוק געטאנ אפ יאסלענ מיטנ בליק פונ פיטאנ אפנ קינד, אנ עפנ געטאנ עפעס א שוידערלעכע לאך אינ דער בארד, א לאך געטאנ:

— אט דאס איז ער? בירעבידזשאנ ט'אלצ פארטראגנ.

זײַנ בליק האט יאסלענ ווי אײַנגעשרויפט אינ דער ערד. ער איז געבליבנ שטיינ א דערשיטערטער פונ דער בלעכענער שטים, וואס האט אים פלוצלינג אויסגעזיגנ צו זײַנ אויסערגעוויינלעך באקאנט. דער אומבאקאנטער מיט קודריקנ זײַנענ שוינ לאנג אוועק אונ יאסל שלאס איז נאך אלצ געשטאנענ אונ איבערגעכאזערט אינ זיקארנ די בלעכענע שטים. אונ פלוצלינג האט ער זיך א ריס געטאנ פארויס, אײַנגעגראבנ זיך מיט די אויגנ אינ אומ־באקאנטנס פלייצע. אינעם לײַכטנ הוידע פונ זײַנע ברייטע אקסלענ, אינ דער קאמישער מאניר צו שלעפנ דעם טארס נאך זיך, ווי א זעקל, האט יאסל שלאס פלוצלינג דערקענט א נאענטנ, גוט באקאנטנ אונ בייזנ טויט פארהאסטנ מענטשנ.

— ליאָקום... ליאָקום באקאלײשטשיק פונ לאדריטשנ... דו ביסט דאָ אינ בירעבידזשאנ, קאט?! ווער האָט דיכ געשיקט אהער?!

יאָסל האָט מיט זײַנע ברײטע טריט אוועקגעשפּאנט נאָכ זײ. ער האָט זײ אָנגעיאָגט אונ ארײַנגעקוקט פונ א זײַט ליאָקומענ אינ די רויטע אויגנ. נײנ, ער האָט קײנ טאָעס ניט געהאט. ער איז אוועק פאָרויס, אָפּגעשטעלט זיכ, אומגעדרײט זיכ צו זײ מיטנ פּאָנעם, געקוקט שארפ אונ ארויסרופעריש, כאָטש די אויגנ האָבנ בא אים געשמײכלט.

— ליאָקום... ליאָקום...— האָבנ די אײגנע אויגנ געשמײכלט.

קודריק מיט ליאָקומענ האָבנ זיכ א וואָרפ געטאָנ אָנ א זײַט. עס האָט אויסגעזענ, ווי זײ האָבנ מוירע פאר אימ, ווילנ אוועק פונ אימ. ער האָט זיכ מיט א האלב-קער א דרײ געטאָנ צו זײ. עס האָט אויסגעזענ, ווי ער פארפאָלגט זײ מיט זײַנ שמײכל. כאָטש זײַנ שמײכל האָט גאָר באטײַט: „אזעלכע צווײ געפינסנ אינ אײנע צווײ מעסלעס — עסטער אונ ליאָקום...“ אינ שמײכל בא יאָסלענ איז אויכ געווענ א ביטל כידעש: „פארוואָס לאָזט ער זיכ ניט דערקענענ? אָדער ער מאכט זיכ?“ ער איז נאָכאמאָל צוגעגאנגענ צו זײ הארט, נאָענט, נאָכאמאָל ארײַנגעקוקט — נײנ, ליאָקום דערקענט אימ טאקע ניט. אָט דאָס איז נאָכ בעסער! ער האָט זיכ שארפ אויסגעקערעוועט אונ איז אוועק צום וואָקזאל.

אפ די רעלסנ האָט זיכ געטאָנ עטוואָס אזוינס, וואָס יאָסל שלאָט האָט ניט גלײַכ געקאָנט באנעמענ.

ער האָט א ווײַלע באדויערט, וואָס ער איז געקומענ אהער אָנ א באגלײטער. ער האָט אײנ רעגע א צווײפל געטאָנ, צי וועט ער קאָנענ גאָר זיכ פארנאנדערקלײַבנ אינ ווירוואר, וואָס דאָ טוט זיכ.

אפ די זײַטיקע רעלסנ איז געשטאנענ אנ אײנזאמער מאקסימקע-וואגאָנ ארום אונ ארום באקלעפּט מיט מענטשנ. פונ אינווײניק האָבנ ארויסגעקוקט פארשלאָפענע אונ פארווײנטע פּענעמלעכ פונ פארמורזעטע קינדער, צעקנײטשטע, פארביטערטע צורעס פונ ווײַבער. דערנעבנ, באמ וואגאָנ, האָבנ ארומגעהאוועט די, וואָס האָבנ שוינ ניט געהאט, ווו אָנצוטשעפּענ זיכ אָנ וואגאָנ. פונ די דאָזיקע האָבנ אײניקע געפּרוווט זיכ קריכנ אפנ דאכ.

די קריג איז געווענ גרויס. אלע זײַנענ געווענ אָנגעפּעלצט,— אלע האָבנ געוואָלט ערגעצ פאָרנ מיט אָט דעמ וואגאָנ, וואָס איז אינווײניק פול אָנגעשטאָפּט געווענ מיט די נאָרוואָס געקומענע איבערוואנדערער.

דאָ אונ דאָרט באמ וואגאָנ זײַנענ אויסגעבראָכנ אלע ווײַלע קלענערע אונ גרעסערע אמפּערײַענ, — מיט דער גרויסער היצ, מיטנ שארפנ זשעסט, מיטנ הײב פונ דער האנט אפ פאטשנ זיכ, מיטנ ווײַבערישנ שפּײַ אינ דער צורע, מיטנ קינדערשנ קוויטש בא דער מאמעס קלײדל, מיטנ פלוצלינגנ כאלאָשעס-געשרײ פונ א ייִדענע אינ די הויכע כאדאָשימ אונ מיטנ הויכנ יאָמימ-נויראָימדיקנ געווײנ-געזאנג פונ דער אלטער מאמע אירער:

— אוי, ווײ איז מיר, זי גײט שוינ אוי-ע-עס!...

אלצ האָט זיכ צוזאמענגעמישט אינ אײנ טומלדיקנ געפּלעכט אונ עס איז שווער געווענ צו כאפּנ, ווער עס איז געקומענ אונ ווער עס וויל אָפּפאָרנ.

דער זעלבער אינסטרוקטער, וואָס האָט אייערנעכטן באַגעגנט די פּאַרטיע, מיט וועלכער עס איז געקומען יאָסל שלאָס, איז אויך היינט דאָ געשטאַנען. ער איז אויך היינט, ווי אַלע טאָג, געווען שיקער, ער האָט אויך היינט זיך ניט געמישט אין דער קריג. אויך היינט האָט ער געהאַט דעם איינעם ענטפער אויף די אַלע פראַגן:

— אָט באַלד...

עטלעכע שפּאַן פון וואַגאָן איז געשטאַנען אַ קליין גרופּקעלע — אַ מאַן פינף-זעקס, די האָבן זיך ווייניקער געהיצט. אָבער אויך אַלע מיטאַמאָל געטומלט. איינער אַ יונגער יאַט מיט אַ געדיכט-שוואַרץ נאַקעטן קאָפּ האָט געהאַלטן אין איין בעטן זיך באַ זיי:

— וואַרט צו אַ ווײַלע... נעמט איין שטומעניש אויף איין רעגע... אָט וועל איך זאָגן...

נאָר קיינער האָט אים ניט געהערט. אַלע האָבן געוואָלט דאָס זעלבע, אַז אַלע איבעריקע זאָלן איינעמען שטומעניש אויף איין רעגע, ווען ער זאָגן. פאַר־לאָרן די האָפענונג דערויף — האָבן זיי דעריבער אַלע מיטאַמאָל געטומלט, געוואָלט איבערשרײַען איינער דעם אַנדערן.

דער שוואַרצער באָכער האָט זיך הילפלאָז אַרומגעדרייט אין אַלע זײַטן. באַ־מערקט שטיין דאָ דערנעבן יאָסל שלאָס, איז ער צוגעלאָפן צו אים.

— איר זײַט אַ היגער? — האָט ער אים אָנגעכאַפּט באַ אַ לאַץ און ניט געלאָזט אים ענטפערן, מוירע געהאַט, אַז יאָסל וועט זיך צערײדן און וועט אים שוין ניט לאָזן זאָגן; האָט ער גלײַך פאַרגעזעצט. — אוואַדע זײַט איר אַ היגער... איך זע דאָך... גיט אַ קוק, וואָס דאָ טוט זיך... מיר זײַנען געקומען אַ פּאַרטיע אי־בערוואַנדערער... קיינער האָט אונדז ניט באַגעגנט... דאָס הייסט באַם וואָקזאַל זײַנען דאַפּקע געווען אַ סאַך מענטשן... אָט זיי אַלע... — האָט ער אַ פּיר געטאָן מיט דער פרײַער האַנט אַפּן אוילעם אַרום וואַגאָן, — מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס באַגעגענען אונדז די בירעבידזשאַנצעס... ווי סע דאַרף זיך פירן... מיר האָבן אויש געזוכט די פאָנען... ווי באַגעגנט מען עס אָן אַ פאָנען... מיר זײַנען דאָך אַ האַלבע וועלט דורכגעפאָרן... ווי באַגעגנט מען עס אָן אַ פאָן, אָן מוזיק... מיר האָבן אויש געזוכט די מוזיק... סע וואָלט געווען גאָר אַן אַנדער שטימונג באַ אונדז, ווען מען באַגעגנט אונדז מיט מוזיק... און דאָ...

— פונוואַנען קומט איר? — האָט יאָסל אים איבערגעריסן.

— ס'אַ נאָפּקעמינע... פון אומעטום... — האָט דער שוואַרצער באָכער אַף גיך צוריק געכאַפּט זיך דאָס וואָרט. — דעריקער, וואָס טוט זיך דאָ באַ אײַך? מיר ווילן אַרויס פון וואַגאָן — ערשט מע לאָזט ניט. מע שטופּט זיך. וואָס? מע שטייט שוין דאָ אַ גאַנצע נאַכט און מע וואַרט אַפּן וואַגאָן... צוריקפאָרן דאַרפן זיי... איז געוואָרן באַ אונדז אַ מעהומע... אונדזערע ווילן שוין אויך ניט אַרויס פון וואַגאָן...— וואָס ברענט עס באַ זיי? — פרעגן באַ מיר מײַנע. איך בין קאָמענדאַנט פון דער פּאַרטיע. מיר זײַנען פון פאַרשיידענע שטעטלעך. פון דער אוקראַינע. — זיי ווילן צוריקפאָרן? — טײַנען מײַנע, — ווילן מיר אויך. אויב סי גוט פאַר זיי צוריקפאָרן איז עס פאַר אונדז נאָכמער אָנגעמאָסטן... וואָס דאַרפן מיר זיך אַרויסזעצן און דערנאָכדעם דרײַ

נעכט וואַרטן ביז עס וועט אָנקומען נאָך א פאַרטיע מיט א פרישן וואַגאָן, אז מיר האָבן זיך אונדזער אייגענעם וואַגאָן, מיט דעם געקומענ — מיט דעם פאָרן מיר צוריק. איז מיילע — האָט מען אונדז דורכגעפירט א האלבע וועלט פאר די נעזער... וועלן מיר כאַטשביק אפ קיין וואַגאָן צוריק ניט וואַרטן... איינ קאָל: מיר פאָרן צוריק! וואָס טוט מען, זאָגט מיר? איר זייט טאקע א היגער? ווייט דאָ צו דער אָנפירונג? איך וואָלט אוועק צו דער אָנפירונג, ווייס איך ניט, ווו זי געפינט זיך און מיסטאָמע איז זי נאָך פארמאכט, די אָנפירונג, עס איז דאָך נאָך פרי... א נאכט שלאָג איך זיך מיט זיי... וואָס טוט מען?

— דו ביסט קאָמענדאנט? — האָט יאָסל שלאָס א פרעג געטאָן. — דו האָסט זיך געפרוּווט מיט זיי ריידן?

— וואָס הייסט ריידן, אז זיי שרייען, לאָזן קיין וואָרט ניט זאָגן...

— ניין, — האָט שטאַרק אומצופרידן יאָסל א זאָג געטאָן. — איך מיין ניט איצט, אין וועג האָסטו מיט זיי גערעדט? דו ביסט דאָך א האלבע וועלט מיט זיי דורכגעפאָרן, איז ווי זשע? שטומערהייט האָסטו מיט זיי די רייזע דורכגעמאכט?

— וואָס איז דאָ צו ריידן אין וועגז מע פאָרט — פאָרט מען! וואָס דאַרף איך זיי דערציילן וווהין מע פאָרט, נאָך וואָס מע פאָרט, זיי ווייסן אליין...

— אָט, — האָט יאָסל א זאָג געטאָן מיט עפּעס אן אויסרייד גאָר, — אין דעם גייט עס, אז מע פאָרט א האלבע וועלט, דאַרף מען דעם עולם א ביסעלע געבן צו פארשטיין נאָך וואָס מע פאָרט און וווהין מע פאָרט, איצט איז שוין שפּעט-לעך... וואָס קאָן מען איצט טאָן? פרווו זיך, רופ צונויף דאָ אפן אָרט א מיטינג...

— א מיטינג גאָר? וואָס הייסט — א מיטינג. סע גייט דאָך דער צוויי און דרייסיקסטער יאָר, ניט דער ניינצנטער... א מיטינג גאָר!... אז זיי ווילן גאָר פון די וואַגאָנעס ניט ארויס, זאָגט ער — א מיטינג. צו דער מיליציע איז דאָ ווייט? מיט מיליציע וואָלט מען זיי באדאַרפט פון די וואַגאָנעס ארויסשלעפן... דעריקער: די ליטערס זיינען דאָך נאָר אפ אהער! אפ צוריק גילטן זיי דאָך ניט! יענע ווילן דאָך ניט פון וואַגאָן ארויס און ער — א מיטינג!

— איז גיי ארייַן אין וואַגאָן און מאך דאָרט דעם מיטינג.

דער שווארצער באָכער האָט א מעכט געטאָן יאָסלען אין דער ברייט, אין דער לענג און פלוצלינג אויסגעשריען:

— גיי אוועק, דו... איך פלעט דיר דעם קאָפּ! איך פרעג בא אים א כאווערשע אייצע און ער טרייבט איבער מיר כויזעק!

— ניין, איך טרייב ניט קיין כויזעק! — האָט יאָסל ערנסט און רויק א זאָג געטאָן. — איך מיין עס ערנסט. איך קאָן ארויסטרעטן אפן מיטינג...

— ווער ביסטו דען? ניין! אלציינס! ווער דו זאָלסט ניט זיין. סי ניט קיין אייצע, — האָט דער שווארצער באָכער איין רעגע דאָך א טראכט געטאָן וועגן מיטינג. נאָר אין דער מינוט האָט זיך דערהערט: „קאָמענדאנט!" „קאָמענדאנט!" — הא? מע רופט מיך? מיסטאָמע עמעצער פון דער אָנפירונג געקומען... ניין, סי טאקע ניט קיין אייצע א מיטינג, — האָט דער שווארצער באָכער ענדגילטיק באשלאָסן און איז אוועקגעלאָפן אפן רוף.

דער טומל האָט געהאלטן אין איין שטייגן.

איינער א גראָבער ייִד מיט א רויטער צורע האָט זיך שוין באַוואַשן מיט בלוט. ער האָט געווישט מיטן שמוציקן אַרבל די צעשפּאָלטענע ליפּ און געשריִען:

— סיִהוי עמיר איַיך אַרויסשלעפּן! געקומען — איז וואַרפט זיך אַרויס, כאַראַזיטן!

— מיר זייַנען בילכער! אויב פאָרן צוריק זייַנען מיר בילכער! — האָבן געקריטשעט די ווייַבער פון וואַגאָן אַרויס.

דער ייִד מיטן רויטן פּאָנעם און מיט דער צעשפּאָלטענער ליפּ האָט זיי אָפּגעטאָן אַפּ טערקיש. ער האָט זיך דורכן הינטערשטן קלאָזעט־פענצטער אַריַינגעכאַפּט אין וואַגאָן. ער האָט זיך געשטעלט אַפּן שמוציקן אוניטאַז, אַרויסגעשטעקט אין דער ראַם זייַן רויטע צורע מיט דער בלוטנדיקער ליפּ און מיט טריִומף געשריִען:

— פּעלטיִעל! פּעלטע! גיב אַהער די זאַכן!

פּעלטיִעל איז צוגעלאָפן צום פענצטער. א גאַנצע כאָפּטע ייִדן מיט ייִדענעס זייַנען אים נאָכגעלאָפן. פון פאַרדראָס, וואָס זיי האָבן זיך אָפּ דעם שפּיצל ניט געכאַפּט, האָבן זיי זיך גענומען שלאָגן פּעלטיִעלן. דער ייִד האָט זיך אין קלאָזעט, ווי א צערייצטע כיַיע, א דריי געטאָן: געזוכט עפּעס א דראָט, א שטאַנג, מיט וואָס די ייִדן איבער די קעפּ דערלאַנגען. אַרויס פון קלאָזעט האָט ער ניט געוואָלט. אַרויס און דערנאָך ווידער זיך שלאָגן פאַרן אָרט? ניין! דאָס וועט ניט גיין!

די ווייַבער אַרום פּעלטיִעלן האָבן זיך צעקוויטשעט. די קינדער האָבן מיט דערשראָקענע פּנעמער זיך צעשריִען.

— פאַרוואָס פאָרט איר אַוועק פונדאַנען? — האָט יאָסל א פרעג געטאָן בא א מיטליאָריקן קורצן ייִדן מיט אַן אַראָפּגעהאַנגענעם בויך און קורצע גראָבע פיס. דער ייִד איז געשטאַנען גראָד אָן דער זייַט און איז געווען איינער פון די פאָר רויִקע, וואָס האָבן אויך געוואָלט אַוועקפאָרן, אָבער אין געשלעג זיך ניט אַריַינגעמישט.

— עך? — האָט דער ייִד א פרעג געטאָן. — מעך מיינסטי? עך בין א שיסטער. אייביקע יאָרן א שיסטער. דער געזוערד האָט מעך אַהער געשיקט. — פאָר, זאָגט ער, קיין בירעבידזשאַן, דאָס איז א ייִדיש לאַנד און א גאָלדן לאַנד. — א ייִדיש לאַנד, זאָג עך, אוואַדע א גוטע זאַך א ייִדיש לאַנד. פונוואַנען ווייסטו, זאָג עך, אַז ס'איז א ייִדיש? — העבט זעך אָן מיט א ייִדן, זאָגט ער, מע זאָגט דיר, ס'איז א ייִדיש, איז עס א ייִדיש. — עך וועל ניט פּאַסטן, זאָג עך, צום ייִדיש לאַנד. עך האָב זיך דאַפּקע אינטערעסירט מיטן ייִדישן לאַנד בירעבידזשאַן... דאָרט דאַרף מען קאָרטשעווען די טייַגע... עך האָב א ווייַסן בילעט... עך בין א געבריכטער... — ביסטעך א שיסטער, זאָגט ער, איז וואָס אַרט דעך, אַז דו ביסט א געבריכטער? וועסט זייַן דאָרט אינסטרוקטער אין דער גרויסער שיך־פאַבריק. ביסטעך א גיטער באַלמעלאָכע, דאָס ווייסן מיר אַלע, וועסטי זייַן דאָרט אינסטרוקטער. — ווי הייסט זי, די פאַבריק, זאָג עך. — „ראָד פון דער רעוואָליוציע“, זאָגט ער. — ראָד? זאָג עך, ס'אַרא שייַכעס האָט א ראָד צי א שיך? — העב זעך אָן מיט א ייִדן, זאָגט ער. ראָד — איז ראָד. רעוואָלוציע — איז רע-

וואָליוציע. פּאָרסטי? — אויב אָפּ א לײַכטער ארבעט, זאָג עך, באַ מײַנ פּאַכ, פּאַר אַנ אינסטרוקטער, פּאָר עך. באַ מײַנ פּאַכ עלעכ בירעבידזשאַנ ניט פארשעמענ. בינ עכ מיט דרײַ וואָכנ צוריק אהער געקימענ. מיט דער פאמיליע דאפקע. עכ האָב פּײַנט זײַנ אליינ. מאַדע סע מאכט זעכ. בינ עכ געקימענ צום „ראָד פונ דער רעוואָליוציע“. ביסט א מייווג, ס'ארע שיכ מע מאכט אָפּ דער ראָד פונ דער רע-וואָליוציע? אז סאכאקל באדארפ מענ גאָר דאָרט באָנדארעס. מעכ איז גיט. עכ האָב געהאַט א ביסל שמאַטעס, האָב עכ עס פארקויפט דאָ־היי. דאָ איז עס דאפקע אינ מעקעכ. עכ האָב קיינ מוירע ניט. עכ האָב איצט א פּאַפּירל פונ בירע־בידזשאַנ, אז עכ בינ געווענ אינסטרוקטער. עכ האָב דאפקע קיינ טײַנעס ניט צו בירעבידזשאַנ, עכ האָב ניט געארבעט, אָבער א פּאַפּירל האָבנ זיי מיר געגיבנ. אינסטרוקטער איז אומעטום אינסטרוקטער. וואָס אמפּערנ זיי זעכ? ס'עט זיי דענ עפּעס העלפנ? זיי האָבנ דאָכ ניט קיינ ליטערס אָפּ צוריק, דרײַ וואָכנ וועלנ זיי מוזנ פּאַטערנ דאָ אָפּ באַקימענ די ליטערס... ווייניקער איז ניט שײַעכ... עכ ווייס עס אָנ זעכ...

יאָסל שלאָס איז מיט עפּעס א פרייליכנ פארדראָס אָפּ דער צורע אוועק פונ אים.

אינ די אויגנ האָט זיכ ווידער באוויזנ ליאָקום. ער האָט א שווימ געטאָנ אָפּ די טרעפּלעכ פונ וואגאָנ אונ איז ניט געוואָרנ.

דער געשלעגנ באַם קלאָזעט־פענצטער איז אריבער אינ א הילכיקער קריגערײַ. פּעלמישלנ האָט מענ צעבלוטיקט, אָבער פונ דער פּאָזיציע האָט מענ אים ניט געקאָנט אראָפּטרײַבנ. אלעמענס אופמערקזאמקײַט האָט איצט ווידער צוגעצויגנ ליאָקום. ער איז ארויס פונ וואגאָנ, א שושקע געטאָנ עפּעס איינעם, א צווייטנ אָפּנ אויער. צו די, וואָס האָבנ באקומענ דעמ שושקע אָפּנ אויער, האָבנ זיכ גלײַכ צוגעקלעפּט אנדערע מענטשנ.

— וואָס, וואָס האָט ער געזאָגט?

— וואָס דערציילט ער?

— זיי האָבנ ליטערס?

— זיי האָבנ טאקע ליטערס אָפּ צוריק?

— ס'איז טאקע גאנצ מעגלעכ אויכ. איצט פּאָרנ קיינ בירעבידזשאַנ נאָר די, וואָס באקומענ אָפּנ אָרט ליטערס — אָפּ הינ אונ צוריק...

— מע קענ ניט זײַנ! אבי מע האָט אונדז אָפּגענארט!...

אָפּנ טרעפּל פונ וואגאָנ האָט זיכ באוויזנ קודריק. ער האָט א וואָרפ געטאָנ פּאָרויס זײַנע הענט, א נעמ געטאָנ זיי צו זיכ, ווי ער וואָלט די ייִדנ אהער גערופנ. דאָס האָט ניט געווירקט. קיינער האָט זיכ אָפּ אים ניט אומגעקוקט. האָט ער ווידעראמאָל א וואָרפ געטאָנ פּאָרויס די הענט אונ צעפּאַטשט זיכ:

— ייִדנ!...

א פּאָר ייִדנ זײַנענ צוגעגאנגענ נעענטער, אופגעהויבנ די לאנג ניט געגאָלטע, צעקנייטשטע, פארומערטע צורעס אָפּ אים.

— נו, רייד שוינ, רייד! אָפּ וועמענ וואַרטסטו? אָט זײַנענ מיר דאָ!

— ייִדנ! — האָט קודריק ווידער אינ די הויפּנס געפּאַטשט.

עס האָט זיכ צוגעשארט נאָכ א צענדליק יִידנ.

— איכ האָב א פולמאכט, א פּאָלנאָמאָטשיע... — האָט קודריק אָנגעהויבנ, באַמערקנדיק נאָענט דערבײַ יאָסלענ, אונ גלײַכ געביטנ דעם טאָנ. — כאווײרימלעכ טײַערינקע... ס'איז דאָכ א כארפּע פאר לײַטנ... טײַערינקע... איכ האָב אײַכ צו מעלדנ... איכ וויס... א סאכ פונ אײַכ פּאָרנ אוועק איבער דירעס... ניטאָ קײנ דירעס אינ בירעבידזשאנ... טײַערינקע... א סאכ פונ אײַכ פּאָרנ אוועק איבער ברויט... ניטאָ קײנ ברויט אינ בירעבידזשאנ... טײַערינקע... דער איבערוואנדערבוי... מיר האָבנ ליגנ וואלד... מיר האָבנ גרײט ברויט מיט קארטאָפל... עס גײט פּוטער פונ סיביר... מירנ מאָרגנ געבנ פּוטער... טײַערינקע... ווער סי ניט קײנ לויפער... ווער סי וויל בויענ בירעבידזשאנ — גײט אהער, צום כאווער בער... ער איז בריגאדיר... ער וועט אײַכ פארשרײַבנ, טײַערינקע... מיר האָבנ געווארט אפ הונדערט פופציק איבערוואנדערער... געקומענ זײַנענ נאָר אכציק אונ אוועקפּאָרנ ווילנ הונדערט מיט צוואנציק... טײַערינקע... זיבעציק מאנ נעם איכ גלײַכ פונ די, וואָס ווילנ אוועקפּאָרנ... ווער סע וויל... אנ אוואנס קאָנט איר שוינ באַקומענ... אפנ אָרט... באראקעס זײַנענ פארטיק... געהילצ ליגט... שטעלט זיכ אונ בויט... טײַערינקע... די ראטנמאכט... וואָס באדארפ מענ נאָכ האָבנ?..

וואָס עמעס איז עמעס: דאָס האָט א ביסל געשטילט די קריג. דער אוילעמ האָט זיכ ארומ אימ געזאמלט. אײניקע האָבנ געשטעלט פראגנ: וועגנ די ליטערס אפ צוריק, ווי גרויס איז דער אוואנס, ווו זײַנענ די באראקעס. קודריק האָט דערקלערט. ליאָקומ איז געשטאנענ הינטער קודריקנ. ער האָט געווונקענ צו אײניקע אינ אוילעמ, געקרימט זיכ די צורע, געמאכט מיט די ליפּנ, באלעקט זיכ מיט דער צונג. ווענ קודריק האָט געענדיקט, איז ליאָקומ ארויס פּאָרויס, א הײב געטאָנ א האנט מיט א בויגנ פּאפּיר אינ איר, א פּאָכ געטאָנ דערמיט אינדערלופטנ אונ אויסגעשריִענ מיטנ טאָנ פונ „דרײַ גילדויִנימ — מאפטיר!״:

— דרײַ גיבוירימ האָב איכ שוינ! ווער זשע איז דער פערטער? די באראקעס זײַנענ דאָ-הי, — איז ער גלײַכ אריבער אפנ טאָנ פונ א כויזעקדיקנ סאָד, — ניט ווײַט... הינטער די סאָפּקעס... אריבער דער טײַגע... די ליטערס? די ליטערס, יִידעלעכ, זײַנענ אויס... וואָס טראכט איר וועגנ ליטערס, אז מע גיט אײַכ צו פופציקער! צו פופציקער!.. צו פופציקער!.. יעדער אײנער קאָנ קריגנ א פופציקער אפ אָט-דעמ טאלאָנ... לויפט אהער, יִידעלעכ, לויפט, כאפּט פארשרײַבט זיכ! פיר גיבוירימ האָב איכ שוינ! — איז ער ווידער אריבער אפנ מאפטיר-טאָנ. — ווער זשע איז דער פינפטער!..

יאָסל האָט זיכ פארקוקט אפ ליאָקומענ. יענער האָט געלויכטנ. יענער האָט געפלאטערט. יענער האָט ברײט צעעפנט זײַנ ריזיקנ מויל־לאָכ אינ דער פײַערדיקער באָרד אונ מיט עפּעס א ריטועלנ ברענ אונ מיטנ מאפטיר־טאָנ געצײלט:

— דרײַ גיבוירימ האָב איכ שוינ! איז ווער זשע איז דער פערטער!

אונ דער לעצטער טראָפּנ סאָפּעק איז בא יאָסלענ פארשוונדנ: זאָל ער הײסנ בער, זאָל ער הײסנ וואָלפ, זאָל ער הײסנ לײב, איזנ איז ער — ליאָקומ דער באקאלײשטשיק פונ לאדריטשנ, דער קאט, דער גאנעוו, דער מערדער, וואָס האָט

זײַן שיק־ייִנגל די לונגען אָפּגעהאַקט, פאַר א געגומענער צוקערקע. און ער איז בריגאַדיר דאָ, נו יאָ!

יאָסל האָט אריבערגעפירט זײַן בליק אף קודריקן. זיי ביידע — קודריק מיט ליאָקומען, זײַנען שוין געשטאַנען אונטן, באַם וואַגאָן, בא אן איבערגעקערטער פאַס. אף דער פאַס איז געלעגן א בויגן פאַפיר, אן אײַזערן קעסטעלע פול מיט פאַפיר־געלט, א גרויסער, רויט־בלויער בלײַער. קודריק האָט זיך א שאַר געטאָן ביידע ארבל פון זײַן זײַדן העמדל אף ארוף, א צי געטאָן די קעפּי אראָפּ, פארדעקט מיטן דאַשעק די שמוציקע שעלמישע אייגלעך און אויסגערופן:

— אבאַרבאַנעל כאַיִם... כאַיִם אבאַרבאַנעל פון אָסטאָלאָפּיע...

א ווײַלע האָט זיך קיינער ניט אָפּגערופן. קודריק האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק דערפון. ער האָט א לײַכטן שפּײַ געטאָן אף דרײַ פינגער פון דער רעכטער האַנט, ארויסגענומען פון קעסטעלע פינף נײַע פאַפירלעך — טשערוואָנצעס — א קנאַק געטאָן מיט זיי אינדערלופטן און ווידער אויסגעשריִען:

— אבאַרבאַנעל כאַיִם... לויטן אַלעפבייז דער ערשטער. קום אהער, באַקום דײַנע אוואַנס.

ווידער איז געוועזן א ווײַלע שטיל. ווידער האָט זיך קיינער ניט געוויזן. קודריק האָט א הייב געטאָן זײַן קאָפּ און פּלוצלינג אויסגעשריִען מיט קאַס:

— שטופּ זיך ניט!.. לויט דער ריי... איר וועט אַלע באַקומען! לאָזט דורכגיין כאַיִם אבאַרבאַנעל...

דער אוילעם האָט ניט ווילנדיק געמאַכט א וועג. אינעם ווײַטעכן עק פון די צוויי שפּאַליערן האָט זיך באַוויזן א ייִדל פון א יאָר זעכציק. א קײַלעכדיקע פּלייצע. א לאַנגע ווײַסע באָרד. א פּאָר פולע אראָפּגעהאַנגענע רויטע ליפּן. ער האָט געלאַסן געשפּאַנט צו דער פאַס. הינטער אים איז געגאַנגען א יונגערמאַן פון א יאָר דרײַסיק. א בראָנזן לענגלעך בערדל. א פּאָר גוטע, פאַרמאַטערטע בלויע אויגן. א שמאָלע ברוסט. נאָר דער דאָזיקער מענטש איז שוין ניט געגאַנגען. ער האָט געטאַנצט. ער האָט וווּנדערלעך און קונציק געהאַלטן זײַן שטעקן ערגעץ אינמיטן, צווישן די פיס. דאָס איז געוועזן די איינציקע געזונטע „פוס“ זײַנע. די ביידע לעבעדיקע פיס, וואָס האָבן נאָכגעטאַנצט נאָכן שטעקן צווישן זיי, זײַנען געווען מאָדנע אויסגעקרימט אין די קניִען. זיי זײַנען געגאַנגען, ווי אף שאַרנירן. די קניִען האָבן זיך ביידע מיטאַמאָל א בייג געגעבן אף רעכטס, א בייג געגעבן אף לינקס, א פאַל געטאָן פאָרויס, זיך אָנגעשפּאַרט אָן שטעקן און ערשט דערנאָך האָבן די איבערגעבראָכענע פיס זײַנע קונציק א שטעל געטאָן א טראָט. אזוי טראָטל נאָך טראָטל נאָכן מענטש מיט די טאַנצנדיקע קני איז געגאַנגען א ווײַבל, א יונגעס און א שיינס גראָד, מיט א פּאָר קינדער מיט ליכטיקע פּענעמלעך און גרויסע בלויע אויגן — בא ביידע זײַטן קליידל, מיט א קינד אף די הענט, איבערן הויך־פּאַריסנעם, שפּיציקן בויך.

אזוי איז געגאַנגען די דאָזיקע מישפּאָכע, געלאַסן, פּאַמעלעך, מיטן פּאַטריאַרך אין דער שפּיץ, צווישן די שפּאַליערן ייִדן. קודריק האָט באַמערקט, אז יאָסל שלאָס קוקט מיט אופגעריסענע אויגן אף דער דאָזיקער פּראָצעסיע און קודריק

האָט ניט געוואגט אונטערצווײַלנ די מישפּאָכע אבארבאנעל — ער האָט געדולדיק געוואַרט ביז דער אלטער וועט זיכ דערלאנגענ צו דעם פּאס. ווענ דער אלטער איז צוגעקומענ, האָט ער בא אים א פרעג געטאָנ:

— אבארבאנעל?

— אבארבאנעל. — האָט געענטפערט דער אלטער מיט אזא טאָנ, ווי ער וואָלט פארנ עשאפאָט געשטאנענ.

— כאִים?

— כאִים איז ער. — האָט דער אלטער שלאבעריק זיכ א דריי געטאָנ אונ געוויזנ אפ זײַנ זונ מיט די טאנצנדיקע קני.

— בירעבידזשאנ בויענ ווילט איר?

— מיר ווילנ, יאָ... — האָט דער אלטער אימ נאָכגעזאָגט, ווי עפּעס א שפּרוכ.

— א גראמעטנער?

— אפ רוסיש, — האָט דער אלטער א זאָג געטאָנ, — איז ער גראמעטנע.

— כאסמע זיכ, אבארבאנעל כאִים, — האָט קודריק אימ דערלאנגט די פינפ פּאפּירלעכ. — נעמ דעמ טאלאָנ אפנ באראק, אפ דער באָד, אפ דער סטאָלאָוועק מיט מאכאָרקע. צעשרײַב זיכ נאָכאמאָל...

איצט איז עס שוינ אוועק, ווי עס האָט זיכ געווונטשנ קודריק: א רײ איז נעבנ דער פּאס גלײַכ אויסגעוואָקסנ. אינ א סאכ אויגנ פונ די, וואָס האָבנ זיכ געקליבנ אוועקפאָרנ פונדאנענ, האָט בירעבידזשאנ פלוצלינג באקומענ וואָג אונ מאמאָשעס. דער פּופּציקער האָט זיכ געלייגט אפ דער האנט, ווי א גוטע פּסורע אפנ הארצנ, ווי א שווערער נאָדשטיק אינ טאש.

ליאָקומ האָט שוינ איצט אויכ בעסער געלייזט. ער האָט הילכיק געשריִענ איבערנ גאנצנ פּלאצ:

— אכצנ גיבוירימ האָב איכ שוינ! כײַ! כײַ! ווער זשע איז דער נײַנ־צנטער?

יאָסל שלאָס האָט א קער געטאָנ זײַנ בליק צומ וואגאָנ. דאָרט איז שוינ איצט געווענ רויִקער. צוויי שטראָמענ זײַנענ געפלאָסנ דורכ די טירנ פונ וואגאָנ: יידנ מיט פּעק, מיט ווײַבער, מיט קינדער זײַנענ פונ איינ טיר ארויס. יידנ מיט פּעק, מיט ווײַבער, מיט קינדער זײַנענ דורכ דער אנדערער טיר ארײַנ אינ וואגאָנ. יאָסל איז געשטאנענ א ווײַלע, געקוקט, אונ אימ האָט גענומענ שווינדלענ פאר די אויגנ: אימ האָט זיכ געדוכט, אז עס נעמט גאָר קיינ סאָפ ניט צו אָט דער מעשונעדיקער באוועגונג פונ איינ אונ די זעלבע יידנ מיט פּעק, מיט ווײַבער אונ מיט קינדער, וואָס גייענ אינ איינ וואגאָנ־טיר ארײַנ אונ פונ דער צווייטער גייענ זיי ארויס צומ פּעסל געלט, צומ געלנ בער־ליאָקומ, וואָס שטייט איבער די יידנס קעפּ, ווי א מעטורעפער אונ ציילט מיטנ מאפטיר־ניגנ די גיבוירימ.

ער האָט דאָ מער ניט געקאָנט בלײַבנ. עס איז אימ געווענ זייער שווער אונ ער האָט זיכ אויסגעדרייט אונ אוועק.

מינ וועג האָט זיכ אימ פונדעסטוועגנ געוואָלט נאָכאמאָל א קוק טאָנ אפ

די ייִדן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צום וואַגאָן, א ליִיג געטאָן די רעכטע דלאָניע צום שטערן — געמאַכט זיך א דעכעלע איבער די אויגן, געזען: דער וואַגאָן און אלע מענטשן ארום אים זײַנען אײַנגאַנצן באַגאָסן געווען מיט דער פרישער און ווייכער שײַן פון דער אופגייענדיקער זון. ער איז געשטאַנען אזוי א ווײַלע, געקוקט, באַמערקט, אז אָן א זײַט, שוין נעענטער צו דער שטאָט, שטייט א גרופּע איבערוואַנדערער, שוין מיט האַק און פּאַק, און דער שוואַרצער באָכער שטייט אינמיטן רעדל און טײַנעט עפּעס אײַן מיט זיי. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט און איז צוגעגאַנגען נעענטער, אָבער מיט א זײַט, און געקוקט גאָר אין דער פאַרקערטער ריכטונג, אָפּ ניט צו שטערן דעם שוואַרצן באָכער אין זײַן ארבעט און אָפּ בעסער דערהערן, וועגן וואָס ער רעדט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געהערט:

— אוואַנסן באַקומען איז טאַקע גוט... דאָס קאָן צונוץ קומען... אָבער הערט זשע, ברידער, טאַקע אָפּ בלײַבן... טאַקע אָפּ בויען בירעבידזשאַן... ניט, ווי הײַנט באַנאַכט...

יאָסל האָט דערקענט די שטים פון שוואַרצן באָכער. פונדעסטוועגן האָט ער זיך אײַנ פערטל קער געטאָן און פון דער זײַט א קוק געטאָן אָפן רעדל. יאָ, דאָס רעדט ער טאַקע אזוי, דער שוואַרצער באָכער.

— וואָס זשע דען? ניט אָפּ צו בלײַבן? ס'איז דען עפּעס גרויס דער נאַכעס ארומצולויפן, ווי מעטורעפּע, איבער דער גאַנצער האַלבער וועלט הין און צוריק, הין און צוריק און ניט האָבן ערגעצוו קיין שטיקל אייגן פּעקעליק? אוואַדע אָפּ צו בלײַבן... סע זאָל נאָר זײַן ברויט...

דאָס איז געווען א פרויען-שטים און, ווײַזט אויס, שוין פון אן עלטערער פרוי. יאָסל האָט זיך ווידער אויסגעדרייט, ווידער געוואָלט כאַפּן, ווער האָט דאָס גערעדט אזוי, נאָר די מענטשן זײַנען שוין אנטשוויגן געוואָרן, גענומען זיך פאַר די פּעק. יאָסל האָט געוואָלט טרעפן, זײַנען אָבער אין דער גרופּע געווען עטלעכע פרויען, אלע קימאַט פאַרעלטערטע, און, עס האָט אויסגעזען, אז קיין איינע פון זיי האָט מער ניט געזוכט, ווי ברויט, און יעדע איינע פון זיי האָט געקאָנט אזוי זאָגן.

„איז אוואַדע גוט!" — האָט יאָסל א דערמונטערטער א טראַכט געטאָן און איז אוועק זײַן וועג.

2

אין דעם זעלבן טאָג, שפּעטער מיט א פּאָר שאָ, האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט צו בערל ביביק אין קליינעם קאַבינעטל. אזויווי דער מענטש האָט נאָרוואָס געהאַט אויסגעשאָטן פון דער קעשענע א גלאָז צעדער-ניסלעך אָפן טיש, אָפּ א צײַטונג, האָט ער זיך פאַרהאַלטן מיטן „ארײַן!" ער האָט פריִער רויִק צונויפגענומען די שפּיצן פון דער צײַטונג, געמאַכט דערפון א קונציקן שקאָרמיצל, ארײַנגערוקט עס אין טישקעסטל און ערשט דערנאָך ארײַנגעלאָזן די באַזוכער.

אָפן שוועל האָט זיך באַוויזן קודריק און נאָך אים — מיט א קאָפּ העכער — ליאָקום.

— זיצט, כאוויידים,— האָט צו זיי א זאָג געטאָן בערל ביביק און אליין זיך צוגעזעצט מיט געדיכטע אומעט אפן פּאָנעם: קודריק האָט שוין בלויז מיט דער אָנוועזנהייט זײַנער דאָ אים דערמאָנט, אז נאָך מיט דריי טעג צוריק האָט ער זיך פאר אים באַקלאָגט, אז עס פעלן אים ארבעט-הענט, און איצט, קימאט פון סאמע פרימארגן אָן, איז ער אוואדע ווידער געקומען מיטן זעלבן. און ער האָט אים ניט וואָס צו ענטפערן. פאר בערל ביביקס אויגן האָט איצט א שײַן געטאָן א פּאפּירל, וואָס איז געלעגן בא אים אין טישקעסטל. ער האָט דאָרט די ציפערן דערזען, ווי דאָס פּאפּירל וואָלט אפן טיש אונטערן גלאָז געלעגן און ניט אין שופלאָד אונטער א שלאָס. דאָס זײַנען געווען זייער טרויעריקע ציפערן: פון יעדע געקומענע אין די לעצטע דרײַ כאדאָשים הונדערט איבער-וואנדערער זײַנען הונדערט מיט זעקס צוריקגעפאָרן.— זיצט זשע, כאוויידים,— האָט ער צו זיי נאָכאמאָל א זאָג געטאָן מיטן טאָן פון א מענטשן, וואָס קאָן שוין ניט זיי, ניט זיך, מיט קיין זאך ניט העלפן.

—באָריס ארקאדיעוויטש,— האָט קודריק מיט עפּעס אן אויסרייד אין טאָן א זאָג געטאָן, און בערל ביביק האָט זיך מיטאמאָל אין פּאָנעם געביטן, פריילעכער געוואָרן, ווײַל ער האָט געקאָנט זײַנע מענטשן און געוווסט: רופט אים קודריק באָריס ארקאדיעוויטש, און ניט כאווער ביביק, האָט ער געבראכט א גוטע ידיע.— באָריס ארקאדיעוויטש,— האָט קודריק נאָכאמאָל, דאָס מאָל שוין מיט א צומיש פון דראָונג אין דער שטים א זאָג געטאָן,— מיר האָבן אײַך געבראכט א ראַפּאָרט...

ליאָקום האָט אן עפן געטאָן זײַן שווידערלעכע לאָך אין דער שמוציקער באָרד און צוגעגעבן:

— און א העכט... פון יענע העכט... פון די, וואָס בײַסן זיך...

קודריק האָט מיט באנדיטישע אויגן א קוק געטאָן אף ליאָקומען. יענער האָט זיך עטוואָס צוריקגעצויגן און גלײַך אנטשוויגן געוואָרן.

בערל ביביק האָט א לייען געטאָן דעם ראפּאָרט:

„...האָבן מיר באשלאָסן אײַנשטימיק פּײַערלעכע שווערן ניט אָפּצוטרעטן פאר די שוועריקײַטן און פארוואנדלען די ווילדע טײַגא...”

בערל ביביק האָט אנידערגעלייגט דאָס פּאפּיר אפן גלאָז. אף אייך ווײַלע האָט זיך אים געדוכט, אז דאָס פּאפּיר, דער ראפּאָרט האָט קיין מאמאָשעס ניט — ער איז פון לופט געוועבט. איבער דער לופט פון ראפּאָרט הענגען די ציפערן: „געקומען 100 — אוועקגעפאָרן 106”. נאָר בערל ביביק האָט א טראכט געטאָן, אז דאָס שטאמט בא אים פון פּאָשעט פון איבערגעלאָדנקײַט, פון איבערגעמאטערט־קײַט, פון פארעלטערטער נעווראסטעניע. זיי האָבן דאָך טאקע פארוועראבירט. ער האָט דאָך געזען דאָס צעטל מיט די כסימעס — אָט ליגט עס פאר די אויגן... און ער האָט מיט די פארמאטערטע אויגן א שמייכל געטאָן פריער צום צעטל, צו דער ערשטער כסימע: „אבארבאנעל כאים”, דערנאָך צו די מענטשן, וואָס זײַנען אנטקעגן אים געזעסן:

— א דאנק, כאוויידים. גוט. איך וועל עס טאקע הײַנט שיקן אין דער צײַטונג.

— אָט וועגן דער צײַטונג טאקע...— האָט קודריק קאָקעטיש און קאפּריזנע

א דריי געטאָן מיטן געקרויזלטן קאָפּ, ווי א מענטש, וואָס איז באַגאַנגען א העלדנטאַט און איצט קאָן ער זיך דערלויבן זײַן אומצופרידן מיט עפּעס, וואָס שטייט העכער פון זײַן קאָמפּעטענץ. — אין דער צײַטונג דאַרף מען אוואדע געבן דעם פאַקט... דאָס וועט דערמונטערן אַנדערע... אָבער אין דער זעלבער צײַט מוז מען אָננעמען מיטלען אויך קעגן די שטערער און דעזאָרגאַניזאַטאָרס... עפּ-שער ניט אַזוי דורך דער צײַטונג, ווי דורך דער מיליציע און דערנאָך טאַקע מעלדן וועגן דעם אין דער צײַטונג...

— שטערער? דעזאָרגאַניזאַטאָרס? — האָט ביביק פאַרטראַכט א פרעג געטאָן. — זיי וועלן מיר אוואדע אויסרײַסן מיטן וואָרצל... דו קאָנסט מיר זאָגן קאָנקרעט?

— געקומען דאָ מיט א פּאָר טעג צוריק איינער אַן איבערוואַנדערער... יאָסל שלאָס...

— אָט וועגן דעם טאַקע... דאָס איז אַן אויסוווּרף... דאָס איז א שפּיאָן... מיט יאַפּאָניע האָט ער געשראָקן נאָך אין ערשטן טאָג פון זײַן אָנקומען. — האָט ליאָקום זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און אַף גיך געוואָרפן מיט זײַן רויטער באָרד אַרוף און אַראָפּ צו דער ברוסט.

קודריק האָט ווידער א וואָרף געטאָן זײַן באַנדיטישן בליק אַף ליאָקומען. ליאָקום האָט זיך ווידער גלײַך צוריקגעצויגן און אַנטשוויגן געוואָרן. קודריק האָט פאַרגעזעצט:

— דעם גרעסטן שאָדן האָט ער אונדז אָנגעטאָן, די דאָזיקע טיאָמנע ליטש-נאָסט. ווער איז ער? קיינער ווייס ניט! און ווו מען זעט אים ניט, דאָרט וואַקסט ער און אומעטום אַגיטירט ער...

— וועגן יאָסל שלאָס האָב איך געהערט. — האָט ביביק מיט א צוריקגעקומע-נעם געדריכטן אומעט אַפן פּנים א זאָג געטאָן. — איך וועל די זאַך אויספאָרשן... ער איז דען הײַנט געווען בא דער באַן?

— אָט אין דעם שטעקט דאָך עס: געווען און אַגיטירט.

— דו האָסט אים אַליין געזען?

— נו, יאָ. ער האָט אונדז נאָכגעיאָגט, געשטאָכן מיט די פאַלשע אויגן, זיך אַרײַנגערוקט ווי א שלאַנג צווישן די איבערוואַנדערער...

— גוט. — האָט אים ביביק איבערגעריסן. — זאָל עס דיך ניט אַרן... לאָז עס פאַר מיר... גייט... איך וועל נאָך צושרײַבן א פּאָר שורעס צום ראַפּאָרט און די ציפערן...

— אָ-אָ! — האָט ווידער קאָקעטיש, שטאַרק כניפעדיק און צופרידן א דריי געטאָן מיט זײַן געקרויזטן קאָפּ קודריק. — אָ, דאָס איז פּרעכטיק, באָריס אַרקא-דיעוויטש! דאָס איז דער גרעסטער לוין פאַר אונדז! וויבאַלד אַזוי, דאַרף מען עס אויסשטעלן... אַף דער ערשטער זײַט דאַרף עס גיין... איך וועל זאָגן... אומבאַ-דינגט אַף דער ערשטער...

— א מוסערהאַסקל פאַר אַנדערע! — האָט זיך א פּאַטש געטאָן איבער דער רויטער באָרד ליאָקום!

— יאָ, יאָ... — האָט שוין טרוימעריש א זאָג געטאָן בערל ביביק און א הייב געטאָן אַף זיי די אויגן. — אויב דאָס זאָל זײַן דער אָנהייב פון אַן איבער-בראָך, וואָלט עס געווען א גרויסער זיג...

קודריק מיט ליאָקומענ זײַנענ אוועק. בערל ביביק האָט זיך אופגעהויבנ פונ
זײַנ אָרט, אוועקגעשפּאַנט איבערנ צימער, די ערשטע צוויי שפּאַנ געטראַכט וועגנ
יאָסל שלאָס, דעם העלנ יונג מיטנ באַקעטנ קאָפּ, וואָס האָט דאָ מיט עפּעס אופּ־
גערודערט דעם ייִשעוו, אָבער די טעמע איז פאַר אים געווענ צו שווער אינ דער מי־
נוט אונ דער געדאַנק וועגנ אַרטיקל איז אַ וויכטיקער: עפּעס דאַרפ מענ דאָך
טאָנ אַפּ בײַטנ די לאַגע פונ „געקומענ — 100, אוועקגעפאָרנ — 106" — אונ ער
האָט זיך גענומענ באַטראַכטנ די פּאָר אַרײַנפּיר־שורעס צום ראַפּאָרט.

א גאַנצע רײ אומשטענדנ האָבנ בערל ביביקס לעבנ אונ אַרבעט אינ בירע־
בידזשאַנ אָנגעשטאָפּט פול מיט שוועריקײַטנ.

בערל ביביק איז שטאַלטנע, פולבלעכ, מיטליאָריק. אינ דער הויכער טשופּ־
רינע געלבלעכע האָר ליגט שוינ, ווי אַ לײַכט שטויבל, די ערשטע גרויקײַט.
ווי דער ערשטער שניי איז עס אומהאַפּטיק דערוויַל. עס דוכט זיך: אָט־אָט
צעגייט עס אונ עס איז אָפּגעמעקט דער ווינטער פונ אַלטקײַט. דעריבער, ווענ
מע קוקט אַפּ בערל ביביק, אַפּ זײַנע עטוואָס פאַרמאַטערטע גרויע אויגנ, אַפּ זײַנ
פרישער אינ פאַרב גרויסער נאָז, אַפּ די געדיכטע וואָנצעס אונ בלאַנזשע־בערדל
פונ קופּער־קאָליר, פאַרגעסט מענ אָנ שטויב אַפּ די געלבלעכע האָר — דער כאַווער
בערל קאָנ נאָכ אָנגיינ פאַר אַ יונגנמאַנ אינ די שפּעטע יאָרנ — אַפּנ שוועל פונ
מיטליאָריקײַט. זײַנ גיכע אויסשפּראַכ, זײַנ קורצ וואָרט — ער רעדט קימאַט שטענ־
דיק לאַקאָניש — זײַנ שמייכל, וואָס ליגט קימאַט שטענדיק אינ זײַנע אויגנ, ווי
אַ גאָלדשטיקל הינטער אַ פאַרטונקלט גלאָז, — דאָס גאָלדשטיקל, זעט מענ, איז
פאַראַנ, נאָר דער אומעט לייגט אַ שטויב דערויפ, — דאָס אַלצ שאַפּט בא מענטשנ
אָפּשײַ צו אים, אַכטונג, אַפּילע סימפּאַטיע, אָבער די אַלע געפילנ — אינ אַ צו־
ריקגעהאַלטענער, קאַרגלעכער מאָס. די באַציִונגענ מיט די בירעבידזשאַנצעס פונ
דער מאַסע זײַנענ דעריבער בא אים אויכ אַזעלכע אַכטונגספולע, סימפּאַטישע,
אָבער צוריקגעהאַלטענע. זײַנ וואָרט האָט בא זיי אַ ווערט, אָבער אויספּילנ פילט
מענ אים אויס אָנ אַ ברענ. מע ווייס, אַז ער איז קימאַט שטענדיק גערעכט,
נאָר די גערעכטקײַט זײַנע איז עפּעס אַ קאַלטע, ווי אַנ אייערנעכטיק עסנ. גער־
בער וואָלטנ זיי שוינ גענאָסנ עפּעס ניט אַזוי „אָרנטלעכס אונ גערעכטיקס", ווי וואַ־
רעמערס, הייסערס, אונ גראָד דאָס האָט דער כאַווער בערל פאַר זיי ניט געהאַט.

דער כאַווער בערל ווייס עס, פילט עס, געטראַכט וועגנ דעם אונ אויסגע־
פונענ: ניט ער איז דעריג שולדיק, דער איבערפלעכט פונ די אומשטענדנ אינ
זײַנע פיר אונ פערציק יאָר לעבנ האָט געבראַכט אָט די קאַלטקײַט, געזעצטקײַט,
מעיושעוודיקײַט אונ צוריקגעהאַלטנקײַט. ער האָט זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל
אָפּגעגעבנ אַ קלאָרנ דינווּעכעזשבנ אינ זײַנע באַציִונגענ צו בירעבידזשאַנ אונ באַ־
קומענ האָט זיך אָט וואָס: ער איז דאָ ניט אַפּנ פּלאַצ. פאַרוואָס ניט אַפּנ פּלאַצ —
דאָס איז אַנ אַנדער געשיכטע. אָבער פאַר אים — פאַר ביביקנ — איז עס קלאָר.
בעטנ זיך, אַז מע זאָל אים אָפּלאָזנ, באַפרײַענ פונ דער אַרבעט — האָט ער ניט
געוואָלט. אַרבעטנ אומיסטנע שלעכט, אַז מע זאָל אים פונ דער אַרבעט אַראָפּנע־
מענ, איז ניט אינ ביביקס נאַטור. פאַר זיך — אינטים — ווייס ביביק: ער האָט
קרומ־קוים פאַריכט איינעמ פונ די צוויי וויכטיקסטע פעלערנ, וואָס ער איז אינ

לעבנ באגאנגענ. ער, בערל ביביק, א זונ פונ אנ אָרעמענ קלײנשטעטלדיקנ מעלאַמעד, ער איז גראָד א מענטש, וואָס האָט שטארק ליב פאמיליע — א פרוי, קינדער. אונ דאָס לעבנ האָט זיכ א דרײ געטאָנ בא אימ אזוי, אז צו דער צײַט האָט ער ניט כאסענע געהאט אונ איצט האלט ער שוינ פאר שפעט. אינ הארצנ וויס ער: מעגלעכ, אז עס איז נאָכ גאָר ניט שפעט, אָבער ער שעמט זיכ. אונ ער האָט ניט קײנ קויעכ בײַקומענ אינ זיכ די כארפע. ער, בערל ביביק, איז גראָד א מענטש, וואָס האָט אלע זײַנע יאָרנ געקעמפט פאר סאָציאַלער גערעכטיקײַט. נאָר ארויסגעוויזנ האָט זיכ, אז געקעמפט דערפאר האָט ער ניט דאָרט, ווו מע האָט געדארפט אונ ניט מיט די מיטלענ, וואָס האָבנ דעמ קאמפ געקאָנט דערפירנ צומ זיג. ער, בערל ביביק, וואָס האָט אינ אלע זײַנע יוגנט-טרוימענ זיכ געזענ אינ א ווארעמער פאמיליע אונ הייסער פארטיי־אטמאָספער, איז אינ אנטשיידענעמ עלטער פונ א מענטשנס לעבנ — אינ פינפ-אונ-דרײַסיק־יאָריקנ עלטער — געבליבנ אָנ א פאמיליע אונ אויסער א פארטיי. ער איז געבליבנ נאקעט אינ די סאמע שטורעמדיקסטע יאָרנ אינ דער געשיכטע פונ דער ערד. ער איז שיר ניט אומגעקומענ דעמלט. ער האָט זיכ געהאט א וואָרפ געטאָנ צומ „פאָלק“. האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז דאָס פאָלק, ווי ער האָט זיכ עס פאָרגעשטעלט ביז איצט, איז — אנ „אָפּגעטראָגנ רעקל“. דער בעסטער טייל פונ פאָלק איז אוועק אפ די בירגער־קריג־פראָנטנ. ער האָט געהאט מוט, בערל ביביק, צו רײַסנ מיטאמאָל מיט דער גאנצער פארגאנגענהײַט, איז אליינ אויכ אוועק אפנ פראָנט, ארײַנ דאָרט אינ דער קאָמוניסטישער פארטיי. דאָס האָט איינ לעבנספעלער — דעמ וויכטיקסטנ — פאריכט: ער איז געוואָרנ א קאָמוניסט אונ ווידער זיכ אָנגעשלאָסנ אינ לעבעדיקנ לעבנ. ער האָט זיכ געפרייט מיט דער באשיידענער ארבעט אינ איינעמ פונ די ראיאָנישע פראָפארייניש ע אָרגאניזאציעס. ער האָט ניט ליב געהאט זײַנ פארגאנגענהײַט אונ געטראכט מער, ווי צו בויענ זײַנ ארבעט אינ דער צוקונפט, אז דאָס טײַערסטע אינ זײַנ לעבנ — קאמפ פאר א בעסער לעבנ אינ די רייענ פונ דער פארטיי אונ אונטער איר דירעקטער אָנפירונג — זאָל שוינ בלײַבנ מיט אימ ביזנ סאָפ פונ זײַנע טעג. אָבער ווענ די פארטיי האָט אימ געשיקט אפ ארבעט קײנ בירעבידזשאנ, איז ער אינ הארצנ ניט געווענ צופרידנ דערמיט. עס האָט זיכ אימ אויסגעדוכט, אז מע מעסט אפ אימ אָנ ווידעראמאָל דאָס „אָפּגעטראָגענע רעקל“. אָבער צופּזאָגנ זיכ צו פאָרנ, איז, ניט וואָס ער האָט קײנ מוט ניט געהאט, — בערל ביביק איז געווענ א פערזענלעכ־מוטיקער מענטש, — ער האָט ניט געוואָלט. ער האָט זיכ אליינ אויסגעקליבנ דעמ וועג פונ גרעסטנ ווידערשטאנד, פונ די שווערסטע שטרויכלונגענ. ער האָט זיכ געזאָגט: אויב די פארטיי שיקט, איז עס ניט קײנ „אָפּגעטראָגנ רעקל“ אונ ארבעטנ דארפ מענ דאָ מיטנ גאנצנ ברענ, ווי אינ יעדנ ווינקל פונ אונדזער גרויסנ ראטנפארבאנד. נאָר גרינג איז זיכ צו זאָגנ אונ שווער איז בײַקומענ אינ זיכ דאָס געפיל פונ אנ „אָפּגעטראָגענעמ רעקל“, איבערהויפּט נאָכ איז עס שווער געווענ פאר ביביקנ דערפאר, ווײַל דער מאסשטאב אונ די טעמפּנ פונ דער ארבעט זײַנענ געווענ אָפּהענגיק ניט פונ אימ. אונ סײַ דער מאסשטאב סײַ די טעמפּנ זײַנענ אינ יענעמ יאָר געווענ אזעלכע, וואָס האָבנ גיכער געקאָנט אײַנשלעפערנ

א באוועגלעכן, איידער אויסמונטערן און אונטערטרייבן א פארשלאָפענעם. און די קאלטקייט איז בא בערל ביביק געבליבן, ווי דער גרוילעכער שטויב אין די האָר — ניט אָפּצומעקן.

אָפּגעשפּאנט א האלבע שעה הין און צוריק איבערן קאבינעטל, אָנגעשריבן אין קאָפּ דעם ארייַנפיר־ארטיקעלע צום ראפּאָרט, האָט זיך דער כאווער ביביק א זעץ געטאָן צום טיש און, ווי זייַן שטייגער איז געווען, קורץ אויסגעדריקט די גרויסע באדייַטונג פון די פיר און זעכציק צוריקגעוואונענע פאר בירעבידזשאן ארבעטנ־דיקע.

אָנגעשריבן דאָס ארטיקעלע, צוגעשפּיליעט אים צום ראפּאָרט, האָט זיך דער כאווער בערל דערמאָנט אָן יאָסל שלאָס, אָנעם „דעזאָרגאניזאטער און שטערער”. מע דארף מיט אים מאכן א טאָלק. אז דער דאָזיקער יונג איז ווירקלעך א דעזאָרגאניזאטער און שטערער האָט ער ניט זייער געגלייבט, אָבער עפּעס וואקסט ארום דעם דאָזיקן יונג. מע דארף זען, וואָס וואקסט ארום אים. אויב עפּעס שעדלעכס — גלייַכער ארויסרייַסן איצט, שוין. עס וועט גרינגער זייַן איצט. שווע־רער זייַן שפּעטער. ער האָט עס נאָך געדארפט באטראכטן. און דער פרישטיק איז געווען א מאָגערער, און ער האָט זיך דערמאָנט אָן די ניסלעך. האָט ער ארויסגענומען פון אונטערשטן שופלאָדל דעם שקאָרמיצל צעדער־ניסלעך, ארויס־גענומען פון דאָרטן א קלייַן העמערל, אויסגעשפּרייט פאר זיך די נאָרוואָס בא־קומענע מאָסקווער צייַטונגען, געקנאקט מיטן העמערל די צעדער־ניסלעך, געלייענט די צייַטונגען און געטראכט וועגן יאָסל שלאָס.

ווען די ניסלעך האָבן זיך אויסגעלאָזט, האָט ער ריין אופגעראמט דעם טיש, ארייַנגעשאָטן דאָס שאָלעכץ פון די ניסלעך אין דער הרובע, צעוויקלט ברייטער די צייַטונג, א רוף געטאָן דעם קוריער אוורעמלען, לויטן צונעמעניש — אוטיל. ווען דער קוריער איז ארייַן, איז שוין בערל געווען אזוי פארטיפט אין דער צייַטונג, אז ער האָט אים ניט באמערקט. דער קוריער איז געשטאנען אפן זייַן הינקעדי־קער פוס א מינוט־צווי, דערנאָך זיך צוגעזעצט. אָפּגעזעסן א מינוט פינף, איז אים לאנגווייַליק געוואָרן. האָט ער א הוסט געטאָן. בערל האָט א רוף געטאָן:

— אוורעמל!

— אָט בין איך, — האָט דער קוריער א זאָג געטאָן און א הייב געטאָן זיך פון זייַן בענקל.

בערל האָט אופגעהויבן אף אים זייַנע אויגן. אוורעמל איז געשטאנען אנט־קעגן אים און געוואַרט. בערלען האָט זיך געוואָלט, אז דער קוריער זאָל אים עפּעס דערציילן וועגן דעם נייַעם איבערוואנדערער, אָבער ער האָט ניט געוווּסט ווי מע מאכט עס. ער האָט קוים געפונען די פאסיקע פראגע:

— ווו שטייט דער דאָזיקער איבערוואנדערער?

— דער וואָס האָט סקאנדאלעוועט?

— יאָסל שלאָס. — און בערל האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן: אים איז ניט אָנגענעם געווען, וואָס דער קוריער האָט גלייַך פארשטאנען וועמען ער מיינט.

— אָט דעם מיין איך טאקע. — האָט אים דער קוריער לעבהאפט א זאָג געטאָן.

— ווער האָט דיר געזאָגט, אז ער האָט סקאַנדאַלעוועט?
— אַלע האָבן געזען.
— דו ווייסט ווי ער געפינט זיך?
— בא יִסראָעל ברוידע.
„ווי גיך מע געפינט זיך איינע די אַנדערע...״ — האָט בערל א טראַכט געטאָן, קוקנדיק אפן קוריער.
וויַזט אויס, אז דער קוריער האָט באַנומען זיַין בליק. ער האָט געזאָגט:
— דאָס איז דורך דער עסטער האָט ער זיך דאָרט איַינגעאָרדנט... די גאַנצע באַנדע איז דאָרט...
— וואָסער באַנדע?
— נו, יִסראָעל... עסטער... און דער כאַווער האָדעס אויך... מע האָט געזען, ווי יִסראָעל האָט געקוילעט זיַינע פּרעמיע, די בעהיימע און געמאַכט א פאַלשן אַקט, אז זי איז געפאַלן... די זאָאָטעכניצע האָלפּערן האָט אים דעם פאַלשן אַקט אונטערגעשריבן...
— וואָס פּלוידערסטו, אורעמל?
— איך זאָג עמעס, וואָס איך האָב געזען, וואָס איך האָב געהערט... וואָס ווילט איר פון מיר? פּלוידער גאָר... — האָט זיך דער קוריער באַליידיקט.
— איז אפ וויַיטער, אורעמל, ועסטו מיר דערציילן באַזונדער: וואָס געזען — באַזונדער און וואָס געהערט — אויך באַזונדער. אָפּגערעדט?
— איך קאָן באַזונדער אויך. דער עמעס וועט דערפון קיין ליגן ניט ווערן. איך קאָן גאָר ניט דערציילן אויך. עס גייט מיר אין לעבן, קאָן מען מיינען...
— וואָס זשע האָסטו געזען?
— ווי ער האָט סקאַנדאַלעוועט.
— וואָס נאָך?
— ס׳איבעריקע האָב איך געהערט.
— וואָס האָסטו געהערט?
— אז ער וועט זיַין דער סאַמע גרעסטער אָנפירער דאָ.
— ווער האָט עס דיר געזאָגט?
— אז איך הער עפּעס, פאַרגעס איך, ווער עס האָט געזאָגט. איך הער...
— וואָס נאָך האָסטו געהערט?
— מע איז אומצופרידן.
— ווער?
— אַלע. אַלע בירעבידזשאַנצעס זיַינען אומצופרידן.
— מיט וואָס?
— מיט אַלץ... ברויט גיט מען ווייניק, קיין קאַרטאָפל ניטאָ, אפן מאַרק איז פּוסט, קיין זאַלץ אפילע ניטאָ. מע קלאַיבט זיך צוריק.
— ווער?
— א סאַך. אַלע. די טעג זיַינען דריַי וואַגאָנעס איבערוואַנדערער צוריק אַוועקגעפאָרן. זיי האָבן זיך קוים דערוואַרט אף די וואַגאָנעס.
— דאָס האָסטו געזען?

— געזעגנ אונ געהערט.
— אז דו וועסט ווײַטער האקנ אזעלכע ליגנס וועל איך ארויסטרײַבנ פונ־דאַנעג.

אורעמל האָט א פינטל געטאָנ מיט דער בעלמע, א שאָס געטאָנ מיטנ געזונטנ אויג, א הונק געטאָנ צום טיש.

— כאַוועד בערל... איר קאָנט מיך ארויסטרײַבנ... וועל איך אויך אוועקפאָרנ... די גליקנ, וואָס איכל דאָ פארלירנ... אינ סאָצבעס איז מיר בעסער געווענ... איך דערציילֿ, וואָס איך האָב געזענ... איר ווילט דאָך איך זאָל דערציילנ...

— קיינער איז ניט אוועקגעפאָרנ. פלאפל ניט, וואָס דו ווייסט ניט. גיי רופ אהער דעם כאַוועד שלאָס.

— איך קאָנ אינגאנצנ גאָר ניט דערציילנ אויך. — האָט אורעמל כיטרע א סטראשע געטאָנ. בערל האָט געהייסנ רופנ צו זיך דעם יונג, הייסט עס, עס שמעקט שוינ מיט א נײַער קאשע אונ אורעמל טאָר עס פונ די הענט ניט ארויסלאָזנ. דארפ מענ פריִער א סטראשע טאָנ, דערנאָך זיך א לאשטשע טאָנ. אזוי האָט ער טאקע געטאָנ. ער האָט פאָרגעזעצט — עס גייט מיר דענ אינ לעבנ אלצ צו דערציילנ? איך בינ שטענדיק צווישנ מענטשנ — הער איך... איך קריג דענ בא אײַך געהאלט פארנ דערציילנ? איר פרעגט — דערצייל איך אײַך. איך ווייס? עפשער קאָנ עס נוצנ. — האָט ער זיך געמאכט טאמעוואטע. — איז רופנ אים אהער? אָט גיי איך.

— ווארט צו... דו פארגיי בעסער צו אבראשקע טשערניאק אונ כאַים רודי. זיי זײַנענ דאָ־הי איצט?

— דאָ־הי. נעכטנ אינדערפרי געקומענ פונ וואלד.

— איז גוט. פארגיי צו זיי אונ זאָג, זיי זאָלנ קומענ אונ אפנ וועג א רופ טאָנ מיט זיך אים.

— דעם אָ שלאָס?

— יאָ.

— זאָל זײַנ אזוי, אויב מע דארפ אזוי — האָט אורעמל אוטיל א זאָג געטאָנ, ווי ער וואָלט עס געדארפט באשטעטיקנ דעם באשלוס צו רופנ דעם יונג דורכ די היגע יאטנ, אונ איז ארויסגעהונקענ.

בערל האָט געזענ דורכנ פענצטער, ווי זײַנ קוריער הינקט. אפ א ווײַלע האָט אים אויסגעדוכט, אז זײַנ אורעמל איז א זאראזע, א שעדיקער, א פאַשעטער פאראזיט, וואָס לעבט פונעם אײַטער פונ די ווונדנ אינ דער היגער ארבעט. נאָר ער האָט זיך גלײַך אפגעכאפט, אז דאָס אלצ שטאמט פונ זײַנ איבערגעלאָדנ־קײַט, פארמאטערטקײַט, נעווראסטעניע אונ ער קוקט מיט שלעכטע אויגנ אפ יעדנ מענטש אונ זײַנ ארבעט ניט דערפאר, ווײַל זיי זײַנענ טאקע שלעכטע אונ זייער ארבעט טויג ניט, נאָר דערפאר, ווײַל זײַנ גאל איז קראנק, אונ — זיך מעג מענ זאָגנ דעם עמעס — ער ארבעט דאָ אָנעמ מינדעסטנ כיישעק. אים איז שווער געווענ דערפונ, ווי אלע טאָג פונ זײַנ ארבעט דאָ, אונ ער האָט שווער אונ טעמפ אראָפּגעלאָזט זײַנ קאָפּ מיטנ בלאָנזשע־בערדל אפ די אונטערגעשטעלטע פויסטנ אפנ טיש אונ שטאר, פארמאטערט, געקוקט אינ פענצטער ארײַנ. דאָס

בערדל האָט זיך געקנייטשט, דער קאָפּ איז געווען שווער — כאָטש עס האָט געהאַלטן ערשט פאַר מיטיק — די אויגן האָבן זיך ניט ווילנדיק צוגעמאַכט, ער האָט שיר ניט אײַנגעדרעמלט, נאָר גלײַך אַן עפּן געטאָן צוריק ברייט די אויגן: עמעס האָבן זיי דערזען אין פענצטער. אַך, יאָ! כײַקין גייט אַהער. ער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, אַראָפּגעשאָקלט פון זיך דעם דרעמל און גרייט געמאַכט זיך צו דער באַגעגעניש.

כײַקין איז אַרײַן אָן אַ קלאַפּ אין טיר, ער האָט געהאַט רעכט דערויף. ער איז געווען בערלס ערשטער געהילף, דאָס הייסט — דער פאַקטישער אָנפירער פון איבערוואַנדערבוי.

דאָס איז געווען אַ נידעריק מענטשל מיט אַ פּאָר פלינקע שוואַרצע אייגלעך, מיט אַ נאַקעטן ביינערדיקן שאַרבן פאַרשטעריכעוועט פון אַלע זײַטן מיט גלאַטינקע שיטערע, אָבער שטאַרק שוואַרצע האָר. די גרויסע נאָז אויסגעדרייט אַף אַראָפּ צו די פולע רויטע ליפּן, דאָס טיפע גריבעלע אונטער דער פאַרקאַטשעטער אונטער-שטער ליפּ, די פאַריסענע אויבערשטע ליפּ מיטן געדיכטן וואָנצן-בערשטעלע, קימאַט אַ צוגעקלעפּטעס צו דער נאָז, האָט שטענדיק געהאַלטן אַף זײַן פּאָנעם אַן אויסדרוק פון קאַפּריז אין דער באַציִונג צו פרויען (און ער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גרויסן „האַרצפּרעסער“) און „געשעפטלעכקײַט“, „שעפערישע געשעפט-לעכקײַט“, ווי ער האָט עס ליב געהאַט צו הערן פון אַנדערע, איבערהויפּט פון „הויכע נאַטשאַלסטווע“ ווען זיך — אין באַציִונג מיט מענטשן אַף דער אַרבעט.

דעם דאָזיקן מענטשן האָבן קיינמאָל ניט באַפרידיקט די סומעס, וואָס זײַנען אַסיגנירט געוואָרן פאַר זײַן אַנשטאַלט.

— צי אַזוי בויט מען בירעבידזשאַן? — איז געווען זײַן באַליבטער אַרײַנפיר און פינאַל צו יעדער רעדע זײַנער קימאַט אַף יעדער זיצונג.

דער דאָזיקער מענטש האָט געזוכט צענדליקער מיליאָנען רובלס און איז אומצופרידן געווען, ווען ער האָט געקראָגן בלויז איינצלנע מיליאָנען. דער דאָזיקער מענטש האָט געזוכט הונדערט טויזנט אַרבעטער מיטאַמאָל און איז געווען בייז, ווען ער האָט זיי באַקומען אין די צענדליקער. מיט די צענדליקער האָט ער געאַרבעט שלעכט, — דאָס האָבן אַלע געוווּסט, — נאָר ער האָט שוין געהאַט דעם טאַלאַנט צו פאַרשטעלן די זאַך אַזוי, אַז דער שולדיקער איז ניט ער. די שולדיקע זײַנען: די אָפּוועזנקײַט פון אַן אָנשטענדיקער סמעטע, די אָפּוועזנקײַט פון אָנשטענדיקע קאַדרען, די אָפּוועזנקײַט פון אָנשטענדיקע מאַטעריאַלן, די אָפּ-וועזנקײַט פון אַן אָנשטענדיקן מעגלעכישן מאַסשטאַב אין דער גאַנצער אַרבעט.

ווי אַ קונצנמאַכער האָט ער אומעטום וווּנדערלעך זשאָנגלירט מיט די אַלע „אָפּוועזנקײַטן“ און איז פאַרעכנט געוואָרן אַלס גוטער טוער. ער האָט געהאַט אויטאָריטעט. ער איז געקומען פון די גרויסע בויונגען אַף קאַווקאַז און אוראַל, ווערליק ווי עס איז געווען פאַרשריבן אין זײַנע פּאַפּירן, ער האָט, אייגנטלעך, דאָ „זיך ניט אויסגענוצט“. און אַזוי איז עס שוין געבליבן: „מע דאַרף זאָגן דעם עמעס: אַזאַ גרויסע טעכנישע קראַפט, ווי דער אינזשעניער מויסיי כײַקין, האָט זיך נאָך דאָ ניט אויסגענוצט, און, טאַקע זייער מעגלעך, אַז ניט צוליב זײַן שולד...“

— אַף אייער וואָרט, באָריס, — האָט דער אינזשעניער כײַקין אויפגעהויבן אַ

קורצ, דיק פינגערל און איז געבליבנ שטיינ אינמיטנ צימער. — בעט ניט זיצנ: איכ איַל. וועגנ די לויפער ווייסטו שוינ. א גרויסע ארבעט אָפגעטאָנ. אינדערעמעסנ דארפ מענ זאָגנ, אז מיר קאָנענ נאָכ ניט אויסנוצנ מענטשנ. דער געלער בער ליאָקומ — דאָס איז אנ אויצער פאָלקס-הומאָר. מיט זיינ הומאָר האָט ער זיי גענומענ. נאָר ניט דאָס. בא דער אָפּוועזנקייט... שיקט מענ אונדז אזא מינ דעזאָרגאניזאטער... ווי דער דאָזיקער... ער האָט היינט אגיטירט... שיר ניט צעשטערט די גאנצע ארבעט... איכ האָב באשלאָסנ פרעמירנ דעמ געלנ מיטנ... ווי הייסט ער... מיט קודריקנ... איכ האָב פאראָרדנט ארעסטירנ דעמ... ווי הייסט ער... דעמ פראָוואָקאטער... דעמ יאָסל שלאָס... מירנ קלאָר מאכנ... מירנ אראָפּרייסנ די מאסקע... דו דערווידערסט ניט?

שטענדיק אזוי: ער קומט צו לויפנ, דאָס דאָזיקע קורצע, קיילעכיקע מענטשל אפ איינ רעגע, שיט אָנ א פולנ צימער רייד, לאָזט ניט א וואָרט זאָגנ, גיט זיכ א גליטש אפ די קורצע פיסלעכ איבערנ צימער, גיט א הייב דעמ קורצנ פינגער איג דער הייכ, גיט א שאר צונויפ די ארויסגעסטארטשעטע רויטע ליפנ, גיט א וואָרפ אנ אויסגעשריי:

— צי אזוי בויט מענ א לאנד?!

און ווערט ניט.

— דערווידער ניט. איכ האָב אלצ באטראכט. איינאָוונט, אפ דער זיצונג, וועל איכ עס דיר געבנ אלצ אונטערצושרייבנ. איכ איַל. איכ גיי דרייסנ קלעצער. פאראנ א שאנס. איכ קאָנ פאקנ טויזנט סטאנדארטנ. איכ מוז גלייכריידנ מיטנ קאנט. איכ האָב באשטעלט דעמ טעלעפאָנ. קוימ געפאקט. זיי מאכנ זיכ אויכ ניט ווייסנדיק פונעמ גאנצנ בירעבידזשאַנ. מע דארפ אמאָל א קלאפ טאָנ איינ זייער טיש מיטנ פארטייִשנ פויסט. מיטנ פארטייִשנ...

ער האָט זיכ דערפרייט: דעמ „פארטייִשנ פויסט“ האָט ער געפאקט דאָ אפנ אָרט. צומ ערשטנ מאָל נוצט ער עס. דאָס איז גוט. דאָס איז א ניי וואָרט איינ זיינ ווערטער-אומזאצ, און דער ווערטער-אומזאצ, ווי דאָס געלט-בייטל, האָט ליב פרישע מאטבייעס...

—דערווידערסטו ניט? האָבנ מיר אָפּגערעדט.

און אוועק.

נאָר פונ דער טיר האָט ער זיכ אויסגעדרייט, א שמייכל געטאָנ, און, ווי בערלענ האָט זיכ אויסגעדוכט — טאקע א כאוועריש שמייכל געטאָנ — צוגעגאנגענ צומ טיש, ארייַנגעשטעקט א האנט איינ קעשענע און ארויסגעשאָטנ אפנ טיש איינ הויפנ, א צווייטנ, א דריטנ — א פול בערגל צעדער-ניסלעכ אָנגעשאָטנ:

— קײַ, דו האָסט עס ליב. איז אינאָוונט.

און אוועק.

בערל האָט א קוק געטאָנ אפנ בערגל ניסלעכ, אפנ גליטשנדיקנ זיכ אפ די קורצע פיסלעכ מויסיי כייקינ, געוואָלט פארהאלטנ אפ א רעגע זיינ שמייכל, געוואָלט, אז ער זאָל זיינ טאקע אינדערעמעסנ כאוועריש — ער זאָל קאָנענ נוצנ די ניסלעכ און א צעטומלטער געבליבנ זיצנ, נאָכ מער צעטומלט, ווי פאר כייקינס ארייַנקומענ.

עפּעס קומט דאָ פאָר, — האָט ער געטראַכט, — און פארופ זיכ ניט, איכ בעט דיכ, אפ דײַנ נעווראַסטעניע, — האָט ער זיכ אַלײנ אינ געדאַנק געזידלט, — אָט האָבנ זיי פונדעסטוועגנ צוריקגעשלעפּט פיר און זעכציק איבערוואַנדערער... אָט האָב איכ געשיקט רופנ דעמ יונג, דעמ יאָסל שלאָס, און, עס ווײַזט זיכ ארויס, אז מויסיי כײַקינ איז מיר שוינ פאַרלאָפנ דעמ וועג און ארעסטירט אימ... מויסיי כײַקינ וועט דאָ סײַווי בלײַבנ ריינ און דו, בערל ביביק, וואָס איז פאראַנטוואָרטלעכ פאר דער גאנצער ארבעט — סײַווי שווארצ: וועט זיכ ארויסווײַזנ, אז דער יאָסל איז א פּראָוואָקאַטער, וועט ער שוינ קאָנעג צעפּויקנ, אז ארעסטירט האָט ער אימ און ניט בערל... וועט זיכ ארויסווײַזנ, אז דער יונג איז ריינ — וועט ער זיכ באַהאַלטנ הינטער דײַנ פּלייצע: ער האָט דאָכ גאָר קיינ רעכט ניט ארעסטירנ, דער אינזשעניער מויסיי כײַקינ... אָט דארפ מענ גאָר אינ קאַנט א זעצ טאָנ מיטנ „פּארטייִשנ פויסט". און מאַלע וואָס מע דארפ דאָ אַלצ, אינ בירעבידזשאַנ... און דו, בערל ביביק, — דו ביסט מיד, די אויגנ מאַכנ זיכ דיר צו, אָט-אָט שלאָפסטו אײַנ... ניינ... אַזוי ארבעטנ קאָנ מענ ניט... מע מוז גלײַכ פאַריכטנ...

ער האָט זיכ מיטאַמאָל א ריס געטאָנ פונ אָרט און אַליינ אוועק צומ ארעסטירטנ — באַפרײַענ אימ, ברענגענ אימ אַהער, ריידנ מיט אימ.

3

אורעמל אוטיל האָט אבראשקע טשערניאקנ אינ דער היימ ניט געטראָפנ. אפ דער ווײַס-געפארבטער טיר אינ דער נײַער שטוב איז געהאנגענ „דער איידעס" — דאָס איבערגעדרייטע שלעסל. אורעמל האָט א הונק געטאָנ היינ און צוריק בא דער טיר, א נעמ געטאָנ אינ די הארטע פינגער דאָס אויערל פונ שלעסל, אנ עפנ געטאָנ די טיר און ארײַנ אינ צימער.

ביז וואָס-ווענ, ביז זיי וועלנ זיכ דאָרט אויסגלײַכנ און אָפּלאָזנ די טשופּרינעס איינער באַמ אנדערנ, האָט אורעמל אוטיל דערווײַל באַשלאָסנ א שמעק טאָנ אינ צימער: פאַראַנ וואָס צו „געפינענ"? די יאַמענ באַשטייענ פונ טראָפּנס. אשירעס שטעלט זיכ צונויפ פונ גראָשנס. נאַראָנים גלײבנ ניט אינ סאָוועטישנ גראָשנ. אפ די סאָוועטישע גראָשנס לעבט א האלבע וועלט שוינ באַלד פופצנ יאָר, ניטאָ ווער עס זאָל רימענ אורעמל אוטיל פאר זײַנ סייכל און פאַרשטאַנד. ער רימט זיכ אַליינ. פונ גראָשנס, פונ גראָשנס זאמלט ער זיכ א פארמעגנ אינ בירעבידזשאַנ. ער וועט אימ אָנזאמלענ און שפּײַענ דער וועלט אינ דער צורע.

אינ צימער איז געווענ אַלצ אפנ אָרט, ריינ, ווי שטענדיק בא אבראשקענ. מע האָט גאָר לאַנג ניט גענדארפט זוכנ אפ עפּעס צו „געפינענ". אפנ טיש איז געשטאַנענ א געעפנט פעקל מאַכאָרקע. אונטערנ פעקל מאַכאָרקע איז געלעגנ א צעטעלע. אפ דער וואַנט זײַנענ געהאַנגענ צוויי האַנטעכער. איינער איז געווענ א נײַער, א ווייכער, א מאָכנאַטער, מיט א שיינ גרינ קאַנטעלע. אורעמל האָט אראָפּגענומענ דעמ נײַעמ האַנטעכ פונ דער וואַנט, א טאַפּ געטאָנ אימ, א שטופּ געטאָנ אימ אינ דער טאָרבע-קעשענע פונ דער הויז, וואָס איז געווענ אָנגעטאָנ אפ דעמ הילצערנעמ פוס. דערנאָכ האָט ער זיכ פאַרדרייט א ציגאַר. דערנאָכ האָט ער אָפּגעשאָטנ א האַלבנ פעקל מאַכאָרקע צו זיכ אינ דעמ ריזיקנ, אַזוי אויכ

שוין פולן, פאַרשמאָלצעוועטן טאַבעק־בײַטל. דערנאָך האָט ער זיך פאַרצויגן מיט האַנאָע און מיט א בייזן פינקל אין איינציקן אויג א שילט געטאָן די יונגע, וואָס האָבן דאָ געלעבט:

— א מאקע אײַך אין לעבער... אומזיסט וועל איך דאָ צו אײַך הינקען אף מײַן קאליקע-פוס?!... א בראַנד אין די געהירן...

ער האָט זיך צוגעזעצט, גענומען דאָס צעטעלע און א דריי געטאָן עס פאַרן געזונטן אויג און גלײַך צוריק אוועקגעוואָרפן. לייענען עס וואָלט גענומען צופיל צײַט. אווראמל קאָן קוים־קוים אן אכטל שײַטל איוורע. ווי אבראשקע טשערניאַק מיט זײַן כאַווראיע איז איצטער וועט ער זיך באַלד דערוויסן אָן דעם צעטעלע אויך. ער האָט זיך א וואָרף געטאָן אין ווינקל, אונטערן פּאָרהאַנגל, ווו עס זײַנען שטענדיק געלעגן דער כאַווראיעס אינסטרומענטן: די שטריק, די העק, די בוהאָרס. ניטאָ די אינסטרומענטן — זײַנען זיי אוועק אין וואַלד. א קאַמפּאַניע איצט: פאַרגרייטן האָלץ אף ווינטער. ער האָט א כיכיקע געטאָן צו זיך, האַנאָע געהאַט פון זיך אליין, וואָס ער קאָן אַזוי גרינג טרעפן לויט די מינדסטע סימאָנים ווער ווו עס איז, ווער וואָס עס טוט, ווער וואָס עס טראַכט און מיינט. נאָר אף די אויגן איז ווידעראַמאָל געקומען דאָס צעטעלע, און, פון פּאַ־דרוס, וואָס עפּעס קומט אים דאָך אָפּ אין לעבן — אָט לייענען קאָן ער ניט — האָט ער ווידער א שילט געטאָן די יונגע:

— א מאקע אײַך אין די געדערעם...

און אויסגעשאָטן דאָס צווייטע האַלבע פּעקעלע מאַכאָרקע צו זיך אין בײַטל אַרײַן. אוועקגעשטעלט דאָס ליידיקע פּעקעלע צוריק אפן צעטעלע, רוּיִק ארויס פון צימער, אופגעהאַנגען „דעם איידעס“ — דאָס איבערגעדרייטע שלעסל — און אוועקגעהונקען צו זיך.

ווען ער איז געקומען צוריק אין קאַבינעטל איז שוין בערל ביביק דאָ ניט געווען. אפן טיש איז געלעגן דאָס בערגל ניסלעך, וואָס מויסיי כײַקין האָט אָנגעשאָטן. די גאַנצע שטוב איז געווען פּוסט. דאָ איז געווען שטיל. ס'איז געווען ערעוו יאָנטעוו און דאָ איז געווען ריין. אווראמל האָט ארויסגעשלעפּט דעם האַנטעך פון דער טאָרבע-קעשענע, באַקוקט אים בא דער פאַרטונקלטער שוין פאַרנאַכטשײַן, וואָס האָט רוּיִק געטריפט דורכן קליינעם פענצטערל, באַטאַפּט אים מיט די האַרטע פינגער, איז צופרידן געבליבן — א צענערל מוז קאָסטן אַזא האַנטעך! — געגעבן זיך פּלוצלינג א פלינקן קער אף איין פוס — עפּעס האָט א שאָרך געטאָן — א מויז איז דורכגעלאָפן איבער דער שטוב פון איין נאָרע אין דער צווייטער — פאַרשטופּט דעם האַנטעך צו זיך אין דריטן קויש, א שאַר געטאָן פון טיש א העלפט ניסלעך צו זיך אין דער טאָרבע-קעשענע, די צווייטע העלפט צונויפגעשאַרט אין א שקאָרמיצ, אַרײַנגעלייגט עס אין שופלאָד, אוועקגעשטעלט אפן אָרט דעם טינטער, אוועקגעלייגט בא דער זײַט די הענטלפן, א בליק געטאָן מיטן געזונטן אויג אפן גאַנצן קאַבינעטל — שטיל איז דאָ, ווי אף א בעסוילעם — א מעכײַע! א פלינקן דריי געטאָן זיך, דאָס הייסט א קראַץ געטאָן אלע זײַנע ביינער מיטאַמאָל, אוועקגעהונקען צו דער שמאָלער שפּאַרונע צווישן איוווּנג און וואַנט, אויסגעצויגן דעם הילצערנעם פוס, צוגעמאַכט דאָס געזונטע אויג, גע־

בלייבן אזוי ליגן מיטן אָפענעם בוטערפּעול־קנעפּל — מיט דער בעלמע—צום באַלקן געקנאַקט די ניסלעך, געכעזשבעט אין געדאַנק די רובלס מיט די קאָפּעקעס, וואָס ער האָט היינט „געפונען", געפירט דעם כעזשבן ערלעך, — ניט פארגעסן רעכענען וויפל זיינען ווערט די ניסלעך מיטן האנטעך, דאָס ברויט מיט די גאַנז, דאָס פּאַפּיר מיט די בלייערס, די מאַכאָרקע מיט די טשוועקלעך, און מיט אזא מין ליכטיקן כעזשבן אין קאָפּ איינגעדרעמלט מיט א ניסל אין מויל, צעכראָפּעט זיך, שיער ניט דערוואָרגן זיך, א זעץ געטאָן מיט דעם הילצערנעם פוס, אופגעשפּרונגען, דערמאָנט זיך, וווּ ער איז אין דער וועלט, אויסגעשפּיגן דאָס שאָלעכץ פון ניסל, אויסגעשאָלטן זיך און ווידער זיך צעכראָפּעט.

אוורעמל אומיל האָט אבראשקען אין דער היים ניט געטראָפן, ווייל אבראשקע, כאַימקע רודי, באַשי־בוזוק און עסטער זיינען אין דער שאָ געווען נעבן יִיסראָעל ברוידעס שטוב.

אוורעמל האָט געטראָפן: זיי האָבן זיך טאַקע געגרייט אוועק אין וואַלד און פארגאַנגען צו יִיסראָעל ברוידע מיטנעמען מיט זיך זייער נייעם כאַווער יאָסל שלאָס.

אבראשקע טשעוניאַק, וואָס האָט שטענדיק ליב געהאט עפּעס צוטראַכטן, האָט זיך אויך דאָס מאָל ניט געקאָנט באַגיין אָן דעם.

— איינמאָל יאָ! ניט אלע מיטאַמאָל. איך וועל אליין אריין. מירן זען, וואָס טוט ער איצט, דיין יאָסל, — האָט ער א זאָג געטאָן צו אלעמען און געקוקט אף עסטערן.

באַשי־בוזוק האָט דערויף געענטפערט:

— דיינע אויסטראַכטעכענישן, אבראַשקע, דאַרף מען אין ראָמאַנען באַשרייבן. — ער האָט מיטן וואָרט „ראָמאַנען" עסטערן געוואָלט טרעפן. — וואָס קאָן ער איצט טאָן? אָדער ער פארנייט זיך א קנעפּל צו די הויזן, אָדער ער לייענט א בוך, אָדער ער זיצט באַם פענצטער און באַקוקט בירעבידזשאַנ. א פּאַשעטער ווילדער יאַט און דאָ וויל מען אים אופהענגען א לונג-און-לעבער אף דער נאָז...

דער קליינינקער כאַימקע רודי האָט זיך א שפּאַר געטאָן צווישן אבראַשקען מיט באַשי־בוזוקן:

— טאַקע אינטערעסאַנט צו זען, וואָס ער טוט. א מאָדנער יאַט. וואָס מע זאָגט אף אים ווייסט איר?

— אוי, דו אויך? — האָט עסטער אומצופרידן א זאָג געטאָן. — טאַקע ניטאָ וועגן עס זאָל אייך באַשרייבן! מע האָט אף אים אויסגעטראַכט, איך ווייס אליין ניט וואָס! איך האַלט, אז עמעצער וואָלט זיך געדאַרפט דערמיט פאַרינטערעסירן... מען פּויקט אין כאַלשן פּויק — הייסט עס — עפּעס זוכט דאָ דער קלאַסן־סוינע.

— נו, יאָ! — האָט באַשי־בוזוק א זאָג געטאָן. — איצט איז שוין אלץ קלאָר: עסטער מיטן קלאַסן־סוינע... ס'איז פּאַשעט א יונג מיט ביינער, פון אונדזערע יאַטן. ער האָט זיך ניט געלאָזט שפּיינען אין דער קאַשע. דאָ איז מען דערצו ניט געוווינט, האָט מען אויסגעטראַכט.

— פונדעסטוועגן איז טשיקאַווע, — האָט אבראשקע א זאָג געטאָן. — איינמאָל יאָ! פאָלגט מיך, לאָזט מיך א קוק טאָן...

— נו, לאָז אים שוין, לאָז אים, ס'ווערט נאכט. ביזן ווינטער־שטיבל איז נאָך דאָ פופצן קילאָמעטער וועג.

די יאטן זיינען געבליבן דרויסן. אבראשקע איז אריין אין שטוב. יאָסל איז געזעסן אין ווייטן ווינקל, מיט דער פלייצע צו דער טיר, מיטן פּנים צום קליינעם פענצטערל. אבראשקע האָט זיך פארגאנוועט פון הינטן, א הייב געטאָן זיך איבער יאָסלס קאָפּ. יאָסל האָט טאקע געלייענט. אבראשקע האָט א כאפּ געטאָן מיט די אויגן א זאַץ:

„...— דערלויבט, סעניאָר אינגלעז, — האָט דער שפּאניער רויִק א זאָג געטאָן. — וואָס זשע ווילט איר, זיי זאָלן פון הונגער דאָ אויסגיין? דערום האָט דער ענגלענדער, ווי אַן עכטער גראָבּיאַן־מאטראָס, שארף געענטפערט: זאָלן זיי פּייגערן, אויב עס ווילט זיך זיי, אָבער בויען און זייען וועלן מיר זיי דאָ ניט דערלויבן!...״

— איינמאָל יאָ! א גוט בוך! איך האָב עס טאקע ניט לאנג געלייענט!

יאָסל האָט אויסגעדרייט צו אים זיין קאָפּ, א קוק געטאָן מיט א שמייכל אין די אויגן:

—א, אבראשקע!...

אין דער מינוט האָבן זיך אין שטוב אריינגעשאָטן אלע מיטאמאָל — כאַימקע רודי, באשי־בורוק, עסטער, נאָר פּאָרויס זיי — קודריק מיט א מיליציאָנער.

דער מיליציאָנער איז צוגעטראָטן גלייך צום איניען:

— ווער איז דאָ דער בירגער יאָסל שלאָס?

— איך, — האָט יאָסל געענטפערט און א שמייכל געטאָן צו אלעמען מיט־אמאָל.

— וואָס האָט דאָ פּאסירט? — האָט עסטער ניט אויסגעהאלטן און א פרעג געטאָן בא קודריקן.

— א, טייערינקע... ווארט צו א ווײַלע...

— גרישע? — האָט אבראשע זיך באגריסט מיטן מיליציאָנער. — איינמאָל ניין, וואָס פאר אַן ארבעט האָסטו דאָ?

— פאראן א ראספּאָריאזשעניע צו מאכן אַן... אונטערזוכונג...

— זאָגסט א „ראספּאָריאזשעניע״ — זאָג שוין אַן „אָביסק״. וואָס ברעכסטו זיך די צונג, יאט! קינדערלעך, עס וועט זיין פריילעך, אָט וועט איר באלד זען, — האָט באשי־בורוק א זאָג געטאָן. — קודריקל, פּאצעטעניו, ס'איז דיין ארבעט? מיר קאָנען זיך אפּ די קאָמעדיעס!

— יאטן, איינמאָל ניין! — האָט אבראשקע א געשריי געטאָן. — אָרגאניזירט — איז אָרגאניזירט! וואָס פארלאנגסטו, גרישע?

— מיר האָבן א פארדאכט... — האָט קודריק געהאַט אָנגעהויבן.

אבראשע האָט אים אָנגעקוקט.

— ווו ארבעטסטו? אין דער מיליציע, צי אין איבערוואנדערבוי? איינמאָל יאָ! קוידעמקאָל טראָג זיך דו אָפּ פונדאנען! דו האָסט דאָ ניט חאָס צו טאָן!

— דער כאווער ביביק האָט באפוילן...

— וואָס?!

— ביביק האָט באפוילן אים ארעסטירן...

— שאט! — האָט באשי-בוזוק ניט אויסגעהאלטן. — גוט. ארעסטירן. און אַן אָרדער? — האָט ער אויסגעצויגן די האנט. — אַן אָרדער פאראַן?

קיין אָרדער איז ניט געווען. דערום האָט זיך גאָר קיינער ניט געריכט. אַ ווײַלע זײַנען אַלע געבליבן אָפּהענטיק, דער מיליציאָנער האָט זיך געפּרוווט פאַר־ענטפערן:

— מיר נוצן קיינמאָל ניט קיין אָרדערס... מיר נוצן ניט... און ווי איז אין דער טײַגא? אויך אַן אָרדער?

— אויך! אוודאי! — האָט כאימקע רודי זײַן וואָרט ארײַנגעשטעלט. — וואָס? די טײַגא געהער ניט דער ראטנמאכט?

עסטער האָט זיך אַ שטעל געטאָן אנטקעגן קודריקן.

— אָט וואָס, טײַערינקער... — זי האָט דאָס וואָרט „טײַערינקער" ארויסגעזאָגט מיט דער זעלבער אינטאָנאַציע, ווי ער, קודריק, אַלע האָבן זיך פארכידעשט, אוש אויסגעדרייט די קעפּ צו איר, — דאָס שמעקט שלעכט... זייער שלעכט... דו שפּירסט ניט? — האָט זי זייער כענעוודיק אַ שמאָרע געטאָן מיט די דינע, דורכזיכטיקע ראָזעווע נאָזלעכער, — דו האָסט אוודאי אַ קאטער, טײַערינקער... עפּעס וואָס ווייסן מיר שוין וועגן דײַן געלן בער... עפּעס וואָס וועלן מיר זיך נאָך דערוויסן וועגן דײַן פאלשן טוער מויסיי כײַקין... עס קאָן ניט זײַן, אז דער כאווער ביביק זאָל אזא באפעל אָפּגעבן... דאָס קניפּעלע וועלן מיר פאנאנדערבינדן... יאטן, דאָס איז דאָך אזא מין שאנד!... אזא מין שאנד!... — האָט זי זיך אָנגע־כאפּט מיטביידע הענט פארן קאָפּ. — דאָס איז דאָך...

— רויקער, עסטער, רויקער! — האָט זי אבראשע בא א האנט אָנגעכאפּט. — איינמאָל ניין! ניטאָ קיין אָרדער איז גיי דיר! גיי דיר, גרישע!

— טײַערינקע! — האָט געהאט קודריק אָנגעהויבן און גלײַך פארהאקט זיך זײַן „טײַערינקע!" האָט געקלונגען פּונקט אזוי, ווי עסטער האָט עס נאָרוואָס ארויסגערעדט, די יאטן האָבן זיך אוש צעלאכט און קודריק האָט זיך גענומען פאריכטן: — כעוורע, איר באהאלט אויס... איר ווייסט וועמען איר באהאלט אויס...

יאָסל שלאָס, וואָס איז די גאנצע צײַט געשטאנען אינמיטן צימער, מיט אַ שמייכל אין די גרויסע בלויע אויגן, איז איצט רויק, קימאט פויל, צוגעגאנגען צו קודריקן, אַ הייב געטאָן די האנט, ווי ער וואָלט אים געוואָלט אָנעמען באַם קאָלנער, אָבער ניט אָנגענומען, געזאָגט בלויז:

— יונגער מענטש, איר וועט אַליין אוועק פונדאנען, אָדער איר ווילט איך זאָל אײַך באַספּרײַטלעך ארויסבאגלייטן?

קודריק האָט געשטעלט אַ טראָט. יאָסל איז אים נאָכגעגאנגען. קודריק האָט געשטעלט אַ צווייטן טראָט, יאָסל — נאָך אים. ערגעץ נאָענט בא דער טיר שוין האָט זיך קודריק געכאפּט, אז עס איז ווילד אזוי צו גיין טראָט נאָך טראָט אָפּ הינטן, געטריבן פון אָט דעם יונג. האָט ער אָנגערוקט די קעפּי איבער די בייזע און שמוציקע אייגעלעך, אַ זאָג געטאָן:

— גוט... איך וועל קומען מיט אַן אָרדער... איך וועל זיכער קומען... קום, גרישע!..

— כאַטש מיט צעג אָרדערס! — האָט יאָסל צו אים קאַלט א זאָג געטאָן, קוקנדיק אים גלײַך אין די אויגן. — שטיי, כאַוער, — האָט ער דעם מיליציאָנער פאַרהאַלטן.

קודריק האָט א ווײַלע געקוקט אף יאָסלען. יאָסל האָט געעפנט די טיר. קודריק איז האסטיק אוועק.

— איך קאָן דיר געטרויען אָן אן אָרדער אויך. זוך, כאַווער! — האָט יאָסל צום מיליציאָנער א זאָג געטאָן. — וואָס ווילסטו געפינען?

— איינמאָל ניין! געגוג קאָמעדיעס! — האָט אבראשע אויסגעשריִען. — גיי, גיי, גרישע, דערציי׳ל קײנעם ניט... ס׳איז א כארפע...

— קיין כארפע איז דאָ ניטאָ... מע האָט געהייסן — בין איך געקומען. איר ווילט אן אָרדער? איך וועל אײַך ברענגען אן אָרדער... — א שמייכל געטאָן צו דער כעוורע, אוועק.

— דאָס איז אומדערהערט! — האָט עסטער אויסגעשריִען. — דאָס טאָר מען אזוי ניט לאָזן! דאָ שטעקט א סאך מער, ווי די דאָזיקע נארישע קאָמעדיע...

— הערט זשע, ברידער, — האָט יאָסל א זאָג געטאָן און מאָדנע א נעם גע־טאָן עסטערן אונטער דער האנט. — הער אוף, עסטערקע, מירן זיך פאנאנדער־קלײַבן... איז הערט זשע, — האָט ער ווידער א זאָג געטאָן, ניט ארויסלאָזנדיק עסטערס האנט, — איר זײַט דאָך געקומען צו מיר ניט וועגן דעם, גלייב איך...

— איינמאָל ניין... אין וואלד גייען מיר, יאָסל. דו גייסט?

— אין וואלד? אָט דאָס איז גוט! שוין דארף מען גיין?

— שוין! נעם די האק, נעם די שטריק, עכ-מא! בירעבידזשאן! — האָט באשי־בוזוק פלוצלינג זיך א צי געטאָן מיט די הענט אין דער הייך. — איז הערט זשע, ברידער, — האָט ער יאָסל שלאָסן נאָכגעמאכט, — סע הייבט מיר אָן געפעלן די גאנצע געשיכטע... ווארט אויס, מירן נאָך אפן וועג ריידן דערפון...

— איינמאָל יאָ! געערדט און געטאָן! ס׳ווערט שפעט. — האָט אבראשע אונ־טערגעײַלט. — שאט, מירן לאָזן א צעטעלע דעם פעטער סראָל מיט דער מומע אלטע, זיי זאָלן דאָ אונדז אף מאָרגן א מיטיק צוגרייטן... און א יאָנטעוודיקן דאמפקע... יאטן! פופצן יאָר! עפעס א שפילעכל! — האָט ער פלוצלינג זײַנע ברילן אויסגעשטעלט. — הא? א יאָנטעוו? איינמאָל יאָ!

די יאטן האָבן זיך צעשאָטן איבער דער שטוב. עסטער האָט כלאָפּאָטשעט בא יאָסלס רוקזאק — געשטופט ברויט אהין, יאָסל האָט געבונדן די שטריק, גע־שטעקט די האק אין גארטל, כאַימקע רודי האָט זיך פלוצלינג צוגעזעצט צום טיש דרייען ציגארן פאר אלעמען — ער האָט ליב געהאט די מעלאָכע. אבראשע טשער־ביאק האָט געשריבן א צעטעלע צום „פעטער סראָל“. באשי-בוזוק איז געבליבן אָן ארבעט, האָט ער זיך פארקוקט אפן פאָרל — אף עסטערן מיט יאָסלען. א קינע האָט אים אָנגעכאפט. פון קינע האָט ער זיך מיט געפיל צעזונגען אף זײַן עט־וואָס אָנגעשפּאָלטענעם שוין טענאָרל:

דאָס פאפי־י־י־ר איז ווײַ־ײַס.
און דער טי־י־י־ינט איז שוואוואַרצ...
נאָך דיר, מײַן ליב פייגעלע,
בענקט דאָך מײַן הארצ...

— געגאַנגענ! — האָט אבראַשע אַלע ארבעטנ מיטאַמאָל איבערגעהאַקט.
מיט דער ליד אַפ די ליפּנ זײַנענ זיי ארויס.
עס האָט שוינ אָנגעהויבנ צופאַלנ דער אָוונט.
אינקורצנ זײַנענ זיי פארשווּנדנ פונ אויג.
שטיל איז געווענ אינ יִישעוו.

װאָלקנס האָבנ זיכ אָנגערוקט אַפנ הימל, באַליגט אימ פונ אַלע זײַטנ. א שארפ ווינטל האָט מיטאַמאָל פונ ערגעצ אָנגעיאָגט, א דריי געטאָנ, א ווירבל געטאָנ, א האַק געטאָנ אינ דער מיליציע־טיר, ווו עס האָבנ זיכ איצט געטראָפנ דער כאַווער בערל מיטנ מיליציאָנער גרישע. א ווײַלע זײַנענ זיי אַזוי געשטאַנענ ביידע בא דער טיר אונטערנ פּײַפנדיקנ ווינט. בערל ביביק האָט געהאַט כיישעק צו פרעגנ באַמ מיליציאָנער גרישע, צי קומט ער עס איצט ניט אַמאָל פונ יִסראָעל ברוידעס שטוב און ווו איז דער איבערוואַנדערער יאָסל שלאָס. גרישע האָט געהאַט כיישעק צו פרעגנ באַמ כאַווער בערל, צי האָט ער עס טאַקע אינדערעמעסנ באַ־פוילנ ארעסטירנ דעמ דאָזיקנ איבערוואַנדערער. נאָר קיינ איינער פונ זיי האָט ניט געוואָלט זײַנ דער ערשטער פרעגער, ווײַל קיינ איינער פונ זיי האָט ניט געוואָלט ארויסזענ לעפּיש אינ דעמ אַנדערנס אויגנ. זײַנענ זיי אַזוי געשטאַנענ א ווײַלע און ניט געוווּסט וואָס צו טאָנ איינער מיטנ אַנדערנ. סאָפּקאָלסאָפּ האָט זיכ גרישע א שטעל געטאָנ אָנ א זײַט, דורכגעלאָזט ביביקנ אינ דער שמאָלער טיר.

צוריק איז ביביק געגאַנגענ אַליינ און זייער אַנ אומעטיקער. סאָפּקאָלסאָפּ האָט ער זיכ ניט אויסגעדרייט און געהאַט ביזויִנעס אינ דער מיליציע. ער איז ארויס פונ דאָרטנ אַזש א פארשוויצטער. נאָר, ווי א מענטש, וואָס איז שוינ נאָענט ערגעצ צו דער קריטישער ליניע, פונ וועלכער — אויב עס איז נאָר דאָ גענוג קויעכ — קאָנ מענ פארקערעווענ און לאָזנ זיכ מיטנ ריכטיקנ וועג, — האָט בערל ביביק פלוצלינג דערפילט עפּעס א פארלײַכטערונג. אינ דער לעצטער שורע דינגט שוינ איצט אַלצ צומ גוטנ: פונ יעדע הונדערט געקומענע איבערוואַנדערער פאָרנ הונדערט מיט זעקס אַוועק צוריק? דאָס איז זייער שלעכט. און דאָס איז דער קריטישער פונקט, פונ וועלכנ מע מוז פארקערעווענ אַפנ ריכטיקנ וועג. קיינ ברויט, קיינ האָלצ, קיינ ליכט, קיינ מוט שוינ באַ די מענטשנ ניטאָ? דאָס איז אַוואַדע ביטער. אַזוי טאָר עס ווײַטער ניט גיינ. זײַנע נאָענטסטע מענטשנ, אָט די אַלע „גרויסע ספּעציאַליסטנ“, ווי דער כײַקינ, וואָס שיט אימ צעדער־ניסלעכ אַפנ טיש — „קײַ, דו האָסט עס ליב!“ — אָדער ווי דער צעטומלטער דולער טוערמאַכער, וואָס האָט א פול מויל צונג, א פולנ קאָפּ טעלעגראַמעס, איז צעקריגט מיט אַלע בירעבידזשאַנצעס און כאַפּט פונ יעדנ קלעפּ, אָדער ווי דער שעלמישער קודריק, אַפילע דער הינקעדיקער פאראַזיט — דער קוריער, אָדער דער געלער דער מיטנ „פאָלקס־יומאָר“, — דאָס, וואָס אָט די אַלע נאָענטסטע געהילפנ זײַנע זײַנענ פּאַס־קודניאַקעס, טויגעניכטסנ, זשוליקעס — דאָס איז זייער שלעכט, נאָר גוט איז כאָטש, וואָס אָט האָט ער זיי שוינ איצט דערזענ אינ דער ריכטיקער שײַנ און וועט זיי קאָנענ ארויסטרײַבנ. פאראַנ דאָכ אַפ וועמענ צו שטיצנ זיכ אינ אָט דעמ נײַעמ קער! פאראַנ דאָכ די טשערניאַקס, די רודיס, די באַשי־בוזוקס, די ברוידעס, פאראַנ די מאַסע! נאָר... אָט צוגיינ צו דער מאַסע, דוכט זיכ אימ, קענ ער ניט. און דאָס

האָט אפ א ווײַלע צונישט געמאכט אלע זײַנע פּלענער, און דאָס האָט אים צוריק ארײַנגעשלײַדערט אינ פולנ אומעט, מיט וועלכנ ער איז פונ דער מיליציע ארויס.

ער האָט א קוק געטאָנ ארום זיכ. דער אָוונט פאלט האסטיק אפנ יישעוו. אָט איז שוינ גאָר טונקל. א שארפער ווינט פארנעמט זיכ. מיסטאָמע וועט ער ברענגענ א שניי, און דאָס האָט ווידער געלינדערט זײַנ געמיט און דאָס האָט מיט עפּעס אים געפרייט. דער מענטש האָט איצט געגארט שארפע קערנ, ענדערונגענ, און נית ווילנדיק, און נית באמערקנדיק עס, זיכ געפרייט מיט אָט די נאָרמאלע קליינע ענדערונגענ אינ דער נאטור.

אינ יישעוו האָט מענ שוינ אָנגעהויבנ צינדנ פײַער. ווערליק ווי ביביקנ האָט זיכ איצט אויסגעדוכט, איז מיטנ ערעוו־יאָנטעוו די לופט פול געווענ. דאָס איז געווענ די דריטע פרייד נאָכ די צוויי קליינע ענדערונגענ אינ דער נאטור. אים האָט זיכ נית ווילנדיק געטראכט: פילט זיכ אינ דער לופט דער ערעוו־יאָנטעוו — הייסט עס, אז די ריזיקע, די מעכטיקע ענדערונג, וואָס עס האָט ארײַנגעטראָגנ אינ דער וועלט די אָקטיאבער־רעוואָליוציע, האָט שוינ געלאָזנ לעבעדיקע וואָרצלענ אינעמ בלוט פונ די מענטשנ. זיכער איז דאָכ, אז נית ער אליינ פילט אָט דעמ ערעוו־יאָנטעוו, זיכער איז דאָכ, אז מיליאָנענ, צענדליקער מיליאָנענ מענטשנ, אפילע, ווענ זיי זײַנענ אזוי שלעכט געשטימט, ווי ער איצט, פילנ, שפּירנ אָט דעמ אָנקומענדיקנ יאָנטעוו. דאָס איז שוינ גאָר נית קיינ קלייניקייט!..

ער האָט אופגעהויבנ די אויגנ. איבער דער גאנצער ברייט און לענג פונ שטיקל פּלאכלאנד — פונ דער בירא ביז דער טראנסיבירער מאגיסטראל און אריבער איר, אומעטום — פײַערלעכ צעשאָטנ, — פײַערלעכ — אָט די פינקלדיקע אָנזאָגער פונ ווארעמקייט, פונ ליכט, פונ מענטשלעכער היימ. און מיט איינע פיר יאָר צוריק איז דאָ געווענ א טויבער העק, טײַגא, מיט עטלעכע קרומע פארוואָרפענע זײַזקעס. מיט וואָס זשע איז ער נית צופרידנ? מיט וואָס זײַנענ די איבער־וואנדערער נית צופרידנ? פארוואָס שלאָגנ זיי זיכ בא יעדנ וואגאָנ, וואָס קומט אָנ אהער, פאר א פיצל פּלאצ אפ קאָנענ ארײַנכאפּנ זיכ אהינ און אנטלויפנ, אנטלויפנ צוריק אינ די אלטע לעכער? אכ, יאָ... דאָ איז נאָכ גוט קאלט... נישטאָ קיינ ברויט... דאָס פּי פּאלט... מע ווינט אפ די בוידעמער... האָרעס וווינט אויכ אפ א בוידעמ... ליגנדיק אפנ בויכ שרײַבט ער דאָרטנ זײַנע פּראָיעקטנ וועגנ גרויס־בירעבידזשאנ... און דער ווינטער וועט זײַנ א מוירעדיקער... די שרעק טרײַבט זיי פונדאנענ... די שרעק פאר קעלט... פאר הונגער... און דאָכ פינקלענ די פײַערלעכ מיט ווארעמקייט פונ מענטשלעכער מי און רופנ צו זיכ: דאָ איז ליכטיק, דאָ איז ווארעמ... און דאָכ קומט דאָכ עפּעס פאָר דאָ, אָט אפ די „אָנדערהאלבנ בעלגיעס", וואָס דער ארײַנגאנג פונ מײַרעוו פירט דורכ דרײַ טונעלנ, דער ארויסגאנג צומ מיזרעכ ברענגט צו טראָגנ צו די ברייטע שוימיקע וואסערנ פונ אמור, און אפנ דאָרעמ שטראָמט די סונגארי, און אפנ צאָפנ די בורייא, און דער בירפעלדער האָניק שווימט שוינ אריבער יאמענ, און פונ ביראקאנער מירמל ווערט, אפ פרווו דערווײַל, געמאכט שרײַב־געצײַג, און שטיינדלעכ־ארצ ווערנ שוינ געפּרוווט אינ די לאבאָראטאָריעס פונ דער אקאדעמיע, און פיצלעכ קוילנ זײַנענ שוינ קאָקסירט געוואָרנ, און מיליאָנענ רויטע קעטנ-

רויגלעכ װאָרעמענ זיכ אינ די דורכזיכטיקע װאַסערנ פונ דער װאָרעמער אָזערע, אונ גאָלד װערט געװאַשנ, אונ װאַפנע װערט געברענט אונ עפּעס הייבט זיכ דאָ אָנ אַזוינס, װאָס װעט מיט פרייד אונ רום אינ די װײַטסטע, גליקלעכע דורעס קלינגענ, אונ דער אָנהייב איז אָט — פאָרויס צעשאָטנ — דער אָנ הייב — אינ די פײַערלעכ פונ יישעװ, װאָס די מענטשנ, די איבערװאַנדערער, האָבנ דאָ פארזייט...

ער האָט אַליינ ניט באַמערקט, װי ער איז געבליבנ שטיינ נעבנ ייסראָעל ברוידעס שטוב, נאָר באַמערקט זיכ ערגעצ א שטיינ געבליבענעם — האָט ער זיכ ארומגעקוקט. ארומגעקוקט זיכ — האָט ער דערקאָנט ייסראָעל ברוידעס שטוב. דערקאָנט — האָט ער זיכ דערמאָנט: יאָ, ער האָט טאַקע געװאָלט קומענ אַהער, ארײַנ צו אים, זיצנ, ריידנ, באַקאָנענ זיכ — װאָס איז עס פאר א מענטש, װאָס האָט בלויז מיט זײַנ שװײַגנ געקאָנט אַזוי אופרודערנ דאָ אַלעמענ? נאָר אָט איז גראָד פינצטער אינ שטוב. נו, װאָס זשע? פינצטערניש איז קיינ שטערעניש ניט. עפּשער זײַנענ די דערװאַקסענע אינ שטוב ניטאָ, עפּשער איז קיינ גאַזע ניטאָ, עפּשער שלאָפט עמעצער דאָרט...

נאָר אַװעק פונדאַנענ האָט ער שוינ ניט געקאָנט.

ער האָט דאָ געמוזט געפינענ א מענטש.

ער האָט זיכ א דריי געטאָנ ארום דער שטוב, װי א פאַרװאָרלאָזטער, װי א היימלאָזער, פארפראָרענער אונ הונגעריקער װאַנדערער. „דער איידעס״ — דאָס אייביקע בירעבידזשאַנער איבערגעדרייטע שלעסל — הענגט אפ דער טיר. הייסט עס — קיינער איז אינ שטוב ניטאָ. אונ אַװעקגיינ פונדאַנענ קאָנ ער ניט. ער מוז זענ א מענטש. װעט ער צװאַרטנ. נאָר געדולד צו װאַרטנ האָט אים געקלעקט ניט מער, װי אפ צװיי מינוט. ער האָט זיכ װידער א דריי געטאָנ ארום דער שטוב, װידער א פּרוּװ געטאָנ די טיר, ניט אויסגעהאַלטנ, אראָפּגענומענ דעם שלעסל, ארײַנ אינ שטוב, א רופ געטאָנ:

— ייסראָעל... כאַװער ברוידע..... ייסראָעל...

שטיל. זײַנ אייגענע שטימ האָט קוים-קוים אָפּגעהילכט.

ער איז געשטאַנענ א װײַלע, װידער א רופ געטאָנ:

— אַלטע... אַלטע... כאַװערטע אַלטע...

װידער שטיל.

ער האָט אַזוי אויסגערופנ אַלע אײַנװוינער פונ דער שטוב, ניט פארגעסנ די קינדער — איידענ מיט סיאָמענ — אויכ זיי א רופ געטאָנ. קיינער האָט זיכ ניט אָפּגערופנ. צולעצט האָט ער זיכ דערװעגט אונ אָנגערופנ אויכ יאָסלס נאָמענ:

— כאַװער יאָסל... כאַװער שלאָס... כאַװער יאָסף שלאָס...

די אויסרופנ האָבנ געקלונגענ, װי עפּעס א טפילע, װי א געבעט — פול מיט לײַדנשאַפט אונ אומזינ. אַזוי שטאַרק האָט איצט דער מענטש, בערל ביביק, נאָכ לעבעדיקנ מענטש געבענקט.

קיינער האָט זיכ ניט אָפּגערופנ. ער איז גרייט געװענ צו טראַכטנ, אַז אַלע זײַנ דאָ, אַלע הערנ זײַנע רופנ, אַלע מאַכנ אינ דער שטיל כויזעק פונ אים, װײַל אַלע װייסנ, װי שװער עס איז אים איצט אַליינ.

און ער האָט זיך אַנטשלאָסן אַף דאָס סאַמע ווילדסטע: מיט פֿײַער וועט ער דאָ די מענטשן זוכן.

ער האָט אָנגעצונדן איין שוועבעלע. די טונקעלע שאָטנס האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אין די ווינקלען. באַהאַלטן זיך, קאָלזמאַן דאָס שוועבעלע האָט געברענט, אָבער קיין לעבעדיקן אָטעם האָט מען דאָ ניט געזען.

ער האָט געריבן איין שוועבעלע נאָך דעם אַנדערן. נאָך יעדן אויסגעריבענעם שוועבעלע איז די האָפֿענונג געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער און זײַנע באַוועגונגען אַלץ האַסטיקער. ער האָט שוין איצט ניט נאָר באַלויכטן די שטוב, ער האָט שוין איצט געזוכט אין די ווינקלען, ווי ער וואָלט זיכער געוווּסט, אַז מע באַהאַלט זיך אויס פֿון אים, און ער האָט, סאָפּקאָלסאָפּ, זיך אָנגעשטויסן אָן צעטעלע אַפֿן טיש, איבערגעלייענט, דערפֿרייט זיך — דערפֿרייט זיך דערמיט, וואָס אינעם לייענען איז אים געקומען דער באַשלוס: ער וועט גיין צו זיי אין וואַלד.

ער האָט אויסגעלאָשן דאָס לעצטע שוועבעלע, גוט אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זײַטן — צי האָט ער אינערגעץ קיין פֿונק פֿײַער ניט איבערגעלאָזט, אַ שמייכל געטאָן צו זיך אַליין מיטן שמייכל פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט שווער געהאַרעוועט, אָבער צו עפּעס זיך דערשלאָגן, שטיל אַרויס פֿון שטוב, אויפֿגעהאַנגען „דעם איידעס״, און, ניט פֿאַרקערעווענדיק אין יישעוו, גלײַך מיטן פֿעלד זיך געלאָזט צום וועג, צום ווינטער־שטיבל, וווּ די יאַטן האָבן געדאַרפֿט איבערנעכטיקן, קעדיי באַגינען גלײַך צוטרעטן צו דער אַרבעט אין וואַלד.

די ערשטע אַכט קילאָמעטער האָט ער דורכגעמאַכט ניט אַרומקוקנדיק זיך. אים איז וואַרעם געוואָרן, האָט ער אַראָפּגענומען דאָס היטל פֿון קאָפּ. דער ווינט האָט געוויייעט זײַנע האָר, ווי ער וואָלט פֿון דאָרט געבלאָזן דעם לעצטן שטויבל פֿון גרויקייט, פֿון אַלטקייט. בערל ביביק האָט זיך אין וועג געפֿילט פֿרישער, ייִנגער, געזונטער, מונטערער.

איצט האָט ער געטראַכט וועגן וואַלד. ער וועט צעטיילן די יאַטן צווישן די בריגאַדעס. וואָס קאָן אויפֿטאָן אין וואַלד אַ בריגאַדע פֿון פֿינף? קנאַפּ קאָן אויפֿטאָן אַזאַ בריגאַדע! אין וואַלד אַרבעטן פֿינף בריגאַדעס צו פֿינף און צוואַנציק מאַן אין יעדער בריגאַדע. ער וועט צעוואַרפֿן די יאַטן איבער די בריגאַדעס. ער וועט זיך אַליין שטעלן אין אַ בריגאַדע. און האַלץ וועט זײַן פֿאַרגרייט. צוריק פֿון וואַלד וועט מען קאָנען גיין מיט לידער...

ערגעץ ווײַט פֿון הינטן האָט אַ טראַקטער געדונערט אַפֿן וועג. די רעדער האָבן געהילכט, דער מאָטאָר האָט קאַכיקעט, געשאָסן. דאָס האָט ביביקן אונטערגעטריבן. ער וויל גיין גיכער פֿאַרן טראַקטער. ער איז געגאַנגען טאַקע גיכער. יעדער דורכגעמאַכטער קילאָמעטער האָט אים אונטערגעטריבן, אַרײַנגעגאָסן פֿרישע קויכעס אין די ביינער. דער געדונער פֿון טראַקטער איז פּלוצלינג אָפּגעהאַקט געוואָרן. ער איז געגאַנגען ווײַטער. דער ווינט האָט געקעמט די הויכע טשופּרינע, דער ווינט האָט געגלעט דעם האַלדז מיט דעם אָפֿענעם שטיקל ברוסט. בערל ביביק האָט געשפּאַנט לײַכט. זײַן בלאַנזשע־בערדל האָט לײַכט געציטערט אַפֿן ווינט, נאָר דאָס מויל האָט געשמייכלט. די אויגן האָבן אַרומגעכאַפּט די

זײַטן פון װעג, און דאָס הארץ איז געװען פארקלעמט אין א זיסער האנאָע. אים האָט זיך אפ א װײַלע אויסגעדוכט, אז אָט אזוי האָט געמו:ט שפאנען זשאנ־װאלזשאנ נאָך דעם, װי די טפיסע האָט אים פון איר טויער ארויסגעשפיגן. דאָס האָט שיר ניט אופגעגעסן די גאנצע גוטע מונטערקײַט זײַנע: „אָן פוצעניש אין פרעמדע פעדערן קאָנסטו גאָר ניט אויסקומען!"—האָט ער זיך אליין אין געדאנק א זידל געטאָן און דעם טראָט ניט פארהאלטן. א לויב צו דער מענטש־לעכער פײַיקײַט צו פארגעסן! ער האָט גלײַך פארגעסן אָן זשאנ-װאלזשאנ, און, אויב ער האָט זיך ראפטאָם אָפגעשטעלט, איז עס געװען דערפאר, װײַל פון הינטן, זייער נאָענט, האָט זיך שוין װידער געהערט דער געדונער פונעם טראקטער. איצט איז שוין דער טראקטער געלאָפן שנעלער און געדונערט װייניקער. דער מאָטאָר האָט שוין מער ניט געהוסט און פאָרויס איז דער װעג מיט א ליד געװען פאר־צאמט. די יאטן האָבן געזונגען:

...И на тихом океане,
Свой закончили по-оход...

און ער איז אָפגעשפרונגען פון װעג. ער האָט ניט געװאָלט, אז דער טראקטעריסט זאָל אים דערקאָנען, אײַנלאדן אפן טראקטער. ער האָט מוירע געהאט צו גיך אָניאָגן די כעװרע און פארשעמען זיך פאר זיי. ערגעץ װו, אין א באהאלטן װינקעלע פון זײַן באװוסטזײַן, האָט נאָך זײַן איצטיקער מארש אין װאלד אויסגעזען קאָמיש, לעכערלעך און לײַכטזיניק. כאָטש אין װאלד װאָלט ניט געשאט צופאָרן נאָך מיט א װאָך צוריק. און ער האָט זיך געשלײַכט מיטן זײַ־טיקן בײַ-װעג-שטעגל, רעגולירט זײַן טראָט אזוי, אז ער זאָל זיך ניט צו שטארק דערװײַטערן און ניט צופיל דערנעענטערן צו די פאָרויסשפאנענדיקע יאטן.

גלײַך באם װעג האָט זיך אָנגעהויבן די טײַגא. איבער די קרוינען פון די אוראלטע ביימער האָבן זיך געטראָגן געדיכטע, שװערע װאָלקנס. דער װינט האָט זיי האסטיק געטריבן און אָט האָט דער הימל א שײַן געטאָן מיט זײַן געדיכט-געשטערנטן הויכן געװעלב, און אָט איז װידער אלץ פארצויגן געװאָרן מיט גרויקײַט, כוישעך, און די טײַגא איז דערפון װי געדיכטער און קלעפיקער גע־װאָרן. בערל ביביק האָט זיך געהאלטן אפ דער גרענעץ פון טײַגא און װעג.

די ליד האָט זיך פארענדיקט. דער טראקטער האָט זיך פארבײַגעטראָגן, פאָרויס האָט א בליץ געטאָן דאָס פײַערל פון װינטער-שטיבל. דאָס אלץ האָט ביביקן א יאָג געטאָן האסטיקער אין דער פלייצע ארײַן. אויב שוין קומען — איז צוזאמען מיט זיי ארײַן אין שטוב. ער האָט װײַט אפן װעג פארװאָרפן זײַן רוף:

— אבראשקע־ע־ע!..

די יאטן האָבן זיך אָפגעשטעלט.

א פײַערל האָט אפן װעג א פינקל געטאָן, זיך אויסגעלאָשן און באלד װי־דער אופגעפינקלט. אָבער פארטונקלט, װײַזט אויס, הינטער א גלאָז האָט מען דאָס פײַערל גענומען. יאָ, דאָס האָט אבראשקע דעם לאמטערן אָנגעצונדן. איצט זײַ־נען זיי געגאנגען אײנע אנטקעגן די אנדערע — אבראשקע און בערל ביביק. װען זיי האָבן זיך געטראָפן, האָט אבראשקע הויך אופגעהויבן דאָס לאמטערן צו

בערלס פּאָנעמ, באַשײַנט אימ. דאָרט האָט געלויכטנ א שמייכל, א פולער, א ברייטער, אנ אָפּענער, אזא, וואָס קיינער פונ די בירעבידזשאנצעס האָט נאָכ ביז איצט אפ בערלס פּאָנעמ ניט געזענ.

— כאווער ביביק?! איינמאָל יאָ! אָט דאָס איז איינמאָל א באַגעגעניש! אפנ טראַקטער זײַט איר געקומענ?

בערל האָט אימ געוואָלט פאַריכטנ: „ניט קיינ באַגעגעניש! איכ האָב אײַכ נאָכגעיאָגט אונ אָנגעיאָגט...“

נאָר די יאַטנ האָבנ אימ ארומגערינגלט. באַשי-בוזוק האָט קאַלטבלוטיק א זאָג געטאָנ:

— טאַקע לאַנג צײַט געהוֹנע א ביסל אינ וואַלד זיכ דורכשפּאַצירנ, כאווער בערל...

כאַימקע רודי האָט אויכ זײַנ וואָרט ארײַנגעוואָרפנ:

— אז די ארבעט וועט דערפונ ניט לײַדנ — גאַראַנטיר איכ. — מיטנ טראָפּ אפנ „איכ“.

עסטער האָט זיכ געהאַט א וואָרפ געטאָנ צו בערלען, געוואָלט באַ אימ פרעגנ וועגנ באַפעל צו ארעסטירנ יאָסלען. נאָר זיכ אָפּגעהאַלטנ — די מינוט איז ניט פּאַסיק געווענ.

יאָסל שלאָס האָט מיט אומכיינ געקוקט אפנ בערלס נאַקעטנ קאָפּ. ער האָט פײַנט געהאַט, ווענ מע מאַכט אימ נאָכ אינ אזעלכע זאַכנ: ער איז געווענ איינער אינ בירעבידזשאַנ, וואָס איז אייביק ארומגעגאַנגענ מיט א נאַקעטנ קאָפּ.

אונ בערל האָט געקנייטשט זײַנ היטל אינ האַנט אונ געענטפערט נאָכ אלצ מיטנ ברייטנ, באַפרײַטנ אָפענעמ שמייכל:

— ניינ, ניט אפנ טראַקטער. צופוס זיכ דורכגעשפּאַצירט. ביסט גערעכט, באַשוק, טאַקע געדאַרפט מיט א וואָכ צוריק זײַנ אינ וואַלד... אלצ קיינ צײַט ניט געווענ... — האָט ער ארויסגערעדט מיט אזא טאָנ, ווי ער אליינ וואָלט געכויזעקט פונ זיכ, וואָס „קיינ צײַט ניט געווענ“. — איצט האָב איכ זיכ ארויסגעריסנ...

אונ ווענ זיי זײַנענ אינ שטוב, שוינ אויסגעטאָנענע, באַמ טיש געזעסנ, אונ ווענ זיי האָבנ זיכ שוינ צו זאַט אָנגעקוקט איינער אפנ אנדערנ — יאָסל שלאָס אפ בערלען אונ בערל אפ יאָסלען — האָט זיכ בערל דערמאָנט:

— באַלעבאָס, — האָט ער א זאָג געטאָנ צומ באַלעבאָס פונ ווינטער-שטיבל, — מעדוכע איז דאָכ פאַראַנ באַ דיר... דערלאַנג צו פּאָר גלעזער...

אונ ווענ די גלעזער זײַנענ פול געווענ מיטנ פעטנ, געלבלעכנ, געדיכטלעכנ, ווײַניקלעכ-זויערלעכנ געטראַנק, האָט בערל צוגערוקט די ערשטע גלאָז צו יאָסלען:

— דאָס האָסטו נאָכ אפ דײַנ לעבנ ניט געטרונקענ... אויב זאָגנ דעמ עמעס, יאַטנ, — האָט זיכ בערל געווענדט צו דער כעווּרע באַמ טיש מיט דער גלאָז מעדוכע אינ האַנט, — האָט איר עס מיכ א שלעפּ געטאָנ הײַנט אינ וואַלד ארײַנ... עס איז דאָ וועגנ וואָס צו ריידנ, כעווּרע, אונ עס איז דאָ באַ וואָס צו ארבעטנ... לאָמיר טרינקענ!

אונ האַסטיק, ווי א טאָסט-קאָס, איבערגעקערט די גלאָז מעדוכע צו זיכ אינ האַלדז ארײַנ.

4

ווענ בערל ביביק איז צוריקגעקומענ מיט די יאטנ פונ וואלד, האָט ער זיכ געשיידט מיט זיי בא ייִסראָעל ברוידעס שטוב.

אבראשקע טשערניאק האָט אים לעכאטכילע ניט געוואָלט אָפּלאָזנ:

— איינמאָל יאָ, כאווער בערל, — האָט ער צו אים א זאָג געטאָנ מיט עפּעס אנ אויסרייד אינ די אויגנ הינטער די גרויסע קײַלעכיקעברילנ, — צוזאמענ געאַרבעט — קומט ארײַנ, מירנ צוזאמענ עסנ. א מיטיק איז צוגעגרייט א גוטער. אָט וועט איר זענ, מירנ עסנ... אונ איר האָט דאָכ צוגעזאָגט: עס איז דאָ וועגנ וואָס צו ריידנ...

— ניינ, — האָט דערויפ בלויז מיט א שמייכל ביביק געענטפערט. — איצט ניט. יאָ, פאראנ וועגנ וואָס צו ריידנ. שפּעטער. אינאָווענט. איר וועט דאָכ זײַנ בא מיר אפ דער פארזאמלונג? זע, אז אלע זאָלנ זײַנ.

דאָס איז געווענ בא מיטיק־צײַט.

די אייערנעכטיקע וואָלקנס האָבנ טאקע געבראכט דעם ערשטנ שניי. ער איז געווענ שיטערלעכ, אָבער ער איז געפאלנ לאנגזאם אונ, ווײַזט אויס, אפ לאנג. ער האָט אינקורצנ באוויַסט דעם גאנצנ ייִשעוו. בא בערל ביביק אפ דער נעשאָמע האָט זיכ אויסגעפּרייגט א ווײַסע רו.

דאָס, וואָס האָט פּאסירט מיט אים אינ די לעצטע עטלעכע טעג — דער גאנצער אופברויז אינ זײַנ געמיט, דאָס, וואָס ער האָט פּלוצלינג אינ בירעבידזשאנ דערזענ ווי צוויי סאָרטנ מענטשנ, — באשיידענע בויער אונ טומלדיקע שטערער — דאָס, וואָס די נאָענטסטע צו אים אינ דער ארבעט טוער זײַנענ גראָד געווענ פונ דער צווייטער קאטעגאָריע מענטשנ, — דאָס אלצ איז פונ זײַנ געמיט ניט פארשווּנדנ — ניט די ארבעט אינ וואלד, ניט דער ווײַסער שניי, וואָס ער האָט אזוי שטארק ליב געהאט, ניט די טומלדיקע, פרייידיקע באגעגעניש מיט די יאטנ האָט אָט דעם אײַנדרוק ניט געקאָנט אָפּמעקנ. אונ פונדעסטוועגנ איז זײַנ געמיט איצט געווענ לויטער, קלאָר אונ רויִק. אונ זײַנ באשלוס איז געווענ פעסט: ענדערנ!

ער איז טאקע דעריבער אפ מיטיק צו ייִסראָעל ברוידע ניט פארגאנגענ, קעדיי צו געווינענ צײַט, קעדיי אינ דער צײַט עפּעס אָפּטאָנ, דעם אָנגענומענעם באשלוס רעאליזירנ, כאָטש אים האָט זיכ זייער געוואָלט פארברענגענ מיט דער כעווּרע. איז ער אוועק צו זיכ אינ קאבינעטל אונ גלײַכ ארויסגערופנ כײַקינען.

כײַקינ איז געקומענ צו לויפנ זייער שנעל. אייביק פלעגט בערלען אויסקומענ צוווארטנ א שאָ אונ צוויי ביז זײַנ געהילפ כײַקינ פלעגט זיכ אָפּרופנ אפ זײַנ פאָדערונג אונ ארײַנ צו אים אינ קאבינעט. אי דאָס פלעגט ער שטענדיק קומענ צו לויפנ א פארנומענער, א צעטומלטער, מיט א פולנ קאָפּ מאטעריאלנ — סטאנדארטנ, געהילצ, ציגל, טשוועקעס, גלאָז, — וואָס ער פלעגט דארפנ „כאפּנ אונ רײַסנ“ פאר דער בויונג אינ בירעבידזשאנ. אונ דאָס מאָל, ווי ער וואָלט געלעגנ בא אוועקל אוטיל אינ דער שפּארונע, צווישנ אויוונ אונ וואנט, אונ געווארט אפ בערלס רופ — צו דער מינוט האָט ער זיכ באוויזנ, אונ אזא מאָדנער, אזא

שווײַגנדיקער, אזא אויסוואַרטנדיקער, ווי ער וואָלט שוין עפּעס געשפּירט און געוווּסט און געוואָלט זיך נאָך מער דערוויסן.

בערל ביביק איז געווען ניט גענוג געניט אין באַציִונגען מיט אונטערגע־אָרדנטע מענטשן, איבערהויפּט נאָך מיט אַזעלכע, ווי מויסיי כײַקין איז געווען, און ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן ריידן:

— וואָס הערט זיך מיט די סטאַנדאַרטן? — האָט ער בא אים א פרעג געטאָן.

מויסיי כײַקין האָט זיך א צי געטאָן מיטן גאַנצן נאַקעטן קעפּל, צענומען די רויטע פליישיקע ליפּן, אַראָפּגעלאָזט די נאָז נאָך נידעריקער: „אָט דאָס איז גאָר?" און געײַלט זיך ענטפערן:

— פּאַרשפּעקטיק, באַריס אַרקאַדיעוויטש... מיר האָבן אָפּגערעדט אײנאָוונט אף דער זיצונג זיך זען און די זיצונג איז ניט פאַרגעקומען. דו ביסט ערגעץ אַוועק און איך האָב דיך ניט געקאָנט געפינען. פאַראַן א האָפענונג אף א צווייטע פּאַרטיע, אָבער...

ביביק האָט אים מיט אומגעדולד איבערגעריסן:

— איבעריקנס... מירן ריידן מיט אײַך אָפּן...

כײַקין האָט זיך אינערלעך אָנגעצילעוועט: „אײַך"? וואָס איז עס פאַר אַן „אײַך"? מיט וואָס שמעקט דאָס?

— און אויב ריידן מיט אײַך אָפן, — האָט ביביק פאַרגעזעצט, — אינטערעסירן מיך שוין איצטער ניט אַזוי די סטאַנדאַרטן, ווי די גאַנצע אַרבעט אונדזערע. די גאַנצע אַרבעט אונדזערע טויג אף טויזנט קאַפּאָרעס, כײַקין!

כײַקין האָט זיך נאָך מער אײַנגעשרומפן: ווידער נײַס: „כײַקין", ניט „מויסיי אַבראַמאָוויטש", ניט אפילו „כאַווער כײַקין", נאָר אַזוי פּאַשעט און גראָב, ווי צו א קוריער: „כײַקין"... ער האָט פון ווייטעקדיקער אײַגנליבע, פון סינע צו ביביקן צונויפגענומען דאָס גאַנצע פּענעמל זײַנס אין אײן ליבלעכן, עטוואָס באַ־לײדיקטן שמייכעלע. ביביק האָט עס ניט געזען. ער האָט געקוקט אריבער זײַן קאָפּ, גערעדט:

— ווען מיר וואָלטן געהאַט א פולקומערן קאָנטראָל איבער זיך דאָ־הי, אפן אָרט, וואָלט מען שוין סיסטאַמע לאַנג מיך מיט אײַך, כײַקין, אָנגענומען פאַר די קעלנער און... איזאָלירט... איזאָלירט שטרענג... מיר האָבן שוין הײַנט אָנהייב נאָיאַבער. מיר האָבן שוין „באַהערשט" די סמעטע פון גאַנצן יאָר. און אויסגע־פּילט דעם פּלאַן האָבן מיר אף אָנדערהאַלבן פּראָצענט! אף א פּאַשעטער מענטש־לעכער שפּראַך הייסט עס, אז מיר האָבן די מיליאָנען, וואָס מיר האָבן געדאַרפט אויסגעבן אף בוינונג, געלאָזן מיטן ווינט... דאָס געלט איז אויסגעגעבן און קיין הײַזער זײַנען ניט אויסגעבויט! פון יעדע הונדערט איבערוואַנדערער לויפן צוריק הונדערט מיט זעקס, ווייסט איר, כײַקין, פאַרוואָס? ווײַל אין טויזנט נײַן הונ־דערט צוויי און דרײַסיקסטן יאָר וווינען אף די בוידעמער און ווינטערן אין פּאַלאַטקעס ווײַל מען ניט. און מע איז געערעכט. וואָס פאַר א באַטרעף האָבן א פּאָר הונדערט סטאַנדאַרטן אנטקעגן די פאַרשוווּנדעטע מיליאָנען? און איך קאָן אפילע קיינעם ניט אַרײַנזעצן דערפאַר... איבעריקנס... דאָס וועלן מיר נאָך זען שפּעטער...

די שויב איז געווען פאַרהאַנגען מיטן שיטערלעכן פאָרהאַנג פון פאַלנדיקן שניי. ביביק האָט געקוקט אין פענצטער און גערעדט אויסערסט רויִק, קאַלט, פרעמד. כײַקין האָט דערקאָנט דעם טאָן: אין פאַרשיידענע געגנטן, אף פאַרשיידענע בויונגען, אין די סובטראָפּישע היצן פון אבכאַזיע, אין די צאָפן-קעלטן פון ארכאַנגעלסקער קאַנט, אין די בלאָטעס פון ווײַסרוסלאַנד, אין די בערג פון אוראַל,—אין א סאַך פלעצער איז מויסיי כײַקינען אויסגעקומען צו „אַרבעטן" און הערן — און ניט איין מאָל — אָט אַזעלכע רויִקע רייד — און שטענדיק, בא דער גאַנצער אומאָנגענעמקײַט פון אַזאַ לאַגע, ווען ער פלעגט שוין גוט דערשפּירן, אַז דאָ איז דער באָדן שוין „פאַראָרעמט" און עס וועט אויסקומען צו לאָזן זיך זוכן נײַע פּאַשע, האָט ער געהאַט איין גוט אויסגעפּרוווט מיטל, מיט וועלכן ער פלעגט זיך פאַרזאָרגן נאָך פון פריִער: צונויפנעמענדיק אפן פּאָנעם די גאַנצע אומצופרידנקײַט פון אן אומזיסט־באַליידיקטן ספּעץ, א זאָג טאָן אַזוי שטיל, נאָר מיט דער געהעריקער דראָונג אין דער שטים:

— איוואַן טימאָפייעוויטש, — אָדער — אבראַם מאַרקאָוויטש, — אָדער — יאַן סטאַניסלאַוואָוויטש, — אָדער, ווי איצט, — באָריס ארקאַדיעוויטש, איר קאָנט זיך ניט באַקלאָגן אף מיר, אַז איך האָב געאַרבעט אף אייגענער אכראַיעס... קיין איין מינדסטע קלייניקײַט האָב איך אָן אײַך ניט געטאָן... קיין איין מינדסטער דאָקומענט איז ניטאָ אָן אײַער אונטערשריפט אָדער וויזע... איר ווייסט, אַז איך זע ניט די פאַמיליע מײַנע וואָכנלאַנג... קאָנקרעט וועגן אונדזער אַרבעט ווייסט איר אַזוי גוט, ווי איך: די מיליאָנען האָבן אופגעגעסן די איבערוואַנדערער. זייער לויפעניש הין און צוריק.. די וואַגאַנסן...

ביביק האָט מיט אומגעדולד אים איבערגעריסן:

— לאָזט אָפּ... דאָס איז שוין פאַרעלטערט... איך נעם ניט אראָפּ פון זיך די שולד... איך בין שולדיק... נאָר האָב איך דערזען די גרונט-סיבע, וועל איך ניט זיצן און וואַרטן ביז מע וועט קומען און מיך באַשולדיקן... איך וועל זיך פּרוּוון די לאַגע ענדערן... דער גאַנצער אַפּאַראַט אונדזערער איז צעפוילט און איך וועל אים מוזן צעברעכן... עס וועט אויסקומען א גרויסן טייל פון אונדזער אַפּאַראַט צעטרײַבן, ווען די איבערוואַנדערער אופהערן צוריקלויפן... ניט טועדמאַכער, ניט קודריק, ניט דער געלער בער אײַערער מיט זײַן „פאָלקס־יומאָר", ניט די אינסטרוקטאָרן, — קיין איינער פון זיי טויג ניט פאַר דער וויכטיקער אַרבעט, וואָס זיי דאַרפן טאָן... און דאָס זײַנען אַלץ מענטשן, וואָס איר האָט זיך צוגעקליבן, כײַקין... זיי אַלע וועט אויסקומען אַרויסטרײַבן...

מויסיי כײַקין האָט זיך אופגעהויבן:

— אי מיך, באָריס ארקאַדיעוויטש...

דער דאָזיקער גאַנג איז געווען אויסגערעכנט און אויך שוין לאַנג אויסגעפּרוּווט. קימאַט אומעטום אין אַזעלכע לאַגעס האָט ער זיך געפעדערט און געמאָלדן דער ערשטער, אַז ער גייט אוועק פון דער אַרבעט. און ניט מע נעמט אים אראָפּ. ביביק האָט דערוף שווער רעאַגירט. ער האָט קאַלט געענטפערט:

— אי אײַך, כײַקין, וועט אויסקומען אראָפּנעמען פון דער אַרבעט, אויב איר וועט ניט קאָנען אַנדערש אַרבעטן.

— באָריס אַרקאַדיעוויטש...

ביביק האָט זיך אופגעהויבן:

— איך האָב איצט קיין צײַט ניט מער. איך מוז גיין.

— איז דערלויבט...

כײַקין האָט א כאַפּ געטאָן א שטיקל פּאַפּיר, אָנגעשריבן צוויי שורעס, דער-לאַנגט עס ביביקן, געזאָגט:

— אויב מע דאַרף ברייטער דערקלערן, קאָן איך. דערווײַל — מינדלעך: אזוי לאַנג, ווי די איבערוואַנדערונג וועט ניט געשטעלט ווערן אַפ א געזונטן באָדן, איז דער איבערוואַנדערבוי דאָס קאַפּאַרע-הינדל. און עס מוז אזוי זײַן...

ביביק האָט אָפּגערוקט אָן א זײַט דאָס פּאַפּיר. ער איז בייז געווען.

— גוט, כײַקין. מיר וועלן עס באַהאַנדלען.

ווען כײַקין איז אַרויס, איז אָוורעמל אָוטיל אַרויסגעקראָכן פון דער שפּאַרונג צווישן אויוון און וואַנט. ער האָט זייער פריילעך א הונק געטאָן צום טיש, א שײַן געטאָן מיט דער בעלמע און א זאָג געטאָן:

— כאַווער בערל, דער כאַווער העלפאַנד האָט געבעטן אַרײַן צו אים...

ביביק האָט א קוק געטאָן אַפ אָוורעמלען, א טראַכט געטאָן, אַז אויך אים וועט ער נאָך יאָנטעוו געבן די פור. אָט האָט ער אָוואַדע געהערט דעם גאַנצן געשפּרעך און איז איין האַלב שאָ אַרום וועט ער עס צעפּויקן איבערן גאַנצן יישעוו. ער האָט א טראַכט געטאָן אָנזאָגן אָוורעמלען, אַז ער זאָל ניט פּלאַפּלען, נאָר ערגעץ אי-נערלעך, ווי א מאַך געטאָן מיט דער האַנט: אַלציינס! — און אַוועק צום כאַווער העלפאַנד.

— א פּאָגראָם, הייסט עס, — האָט העלפאַנד א זאָג געטאָן נאָך דעם, ווי ער האָט אויסגעהערט ביביקס אינפאָרמאַציע. — דאָס שאַדט ניט. אָבער ברייט זיך גלײַך צו די נײַע מענטשן. קלײַב זיי צונויף הײַנט אַפ א גלעזל טיי צו זיך... שמועסט זיך דורך מיט זיי... א פּאָגראָם — דאָס איז גוט...

אין העלפאַנדס קאָרידאָרל האָבן נאָך מענטשן געוואַרט. ביביק האָט געוואָלט עפּעס מער הערן פון העלפאַנדן: צי שטעקט טאַקע דער גאַנצער דורכפאַל נאָר אין אַפּאַראַט פון איבערוואַנדערבוי? צי זײַנען ניטאָ נאָך גרעסערע סיבעס? נאָר העל-פאַנד האָט זיך אַרויסגעדרייט דערפון. אין קאָרידאָר האָבן טאַקע מענטשן געוואַרט. זיי וואָלטן אָבער געקאָנט צוואַרטן נאָך א ווײַלע. העלפאַנד האָט זיך אַרויסגעדרייט פון אַן ענטפער דערפאַר, ווײַל פאַר אים אַליין איז די זאַך געווען ניט קלאָר.

— שפּעטער, שפּעטער, — האָט ער ביביקן אַרויסבאַגלייט. — דער פּאָגראָם איז צו דער צײַט. רייד זיך הײַנט דורך מיט זיי. קלײַב אָפּ אַליין... איבערוואַנ-דערבוי — דאָס איז דער צענטראַלער נערוו... דאָ דאַרף מען אַזעלכע מענטשן... דו ווייסט אַליין... — און אַרײַנגערופן אַן אַנדער באַזוכער.

דער שנײ איז געפאַלן. דער ערעוו-יאָנטעוו האָט זיך געפילט אין דער לופט אַלץ געדיכטער, אַלץ פײַערלעכער. ביביקן איז מאָדנע גוט געווען אַפ דער נעשאָמע. אזוי רויִק, אזוי לויטער און אזוי קלאָר, און אויך אזוי שווער, ווי ער וואָלט איצט פונ-דאָסנײַ די גאַנצע אַרבעט אָנגעהויבן און פאָרויס געוועזן זיכער סײַ אין דער גרויסער שווערקײַט פון דער אַרבעט סײַ אין דעם זיכערן, אומפאַרמײַדלעכן דערפאָלג. אָט

האָט ער באַגעגנט דעם גנבֿ בער (ליאָקומען). ער איז ערגעץ געלאָפֿן, ברייט גע־שטעלט זײַנע לאַנגע פֿיס, באַמערקט ביביקן, האָט ער זיך אָפּ אַ װײַלע אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אויף אים, און עפּעס געטאָן דאָס שווידערלעכע לאַך אין דער באָרד און אַנטלאָפֿן זײַן וועג מיט עפּעס אַ קלאָלע. ווי ביביקן האָט זיך אויסגעדוכט, האָט ער באַמערקט אַ גרופּע געסט. זיי זײַנען געקומען אַהער פֿײַערן דעם יאָנטעוו. פֿון אַלע ייִשוּווים זײַנען זיי אַהער געקומען: אַלטע, יונגע, אייניקלעך מיט די פֿרויען און קינדער. און אַלע אָנגעטאָן אין דעם בעסטן, וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט. קיין איינער פֿון זיי האָט אים ניט דורכגעלאָזט אָן אַ באַגריסונג, אָן אַ קורצן שמועס מיט אים.

— אינאָוונט — צו מיר. אינאָוונט — צו מיר. — האָט ער יעדן איינעם פֿון זיי געזאָגט. — דאַרפֿט וועלן מיר זיך דורכשמועסן נאָך ברייט.

אָט האָט ער באַגעגנט קודריקן, מיט אַ פּאַריסענעם דזשעק, מיט אַ צעשפּיליעטער קורטקע, האָט ער ערגעץ האַסטיק געשפּאַנט. באַמערקט פֿאַר אַ צוואַנציק טריט זײַן שעפֿ, ביביקן, האָט ער שאַרף און דעמאָנסטראַטיוו פֿאַרקערעוועט אויף דער מיט גאַס — אויסגעמיטן ביביקן.

דער ייִשעוו האָט זיך געפּוצט. אויף אַלע שטיבער זײַנען שוין געווען אויסגעהאַנ־גען פֿאָנען. אַלע שויבן זײַנען שוין אויסגעוואַשן און אויסגעווישט געווען. אַלע דילן — רייַן, די הילצערנע — אויסגעוואַשן, די ערדענע — אָפּגן קליינשטעטלדיקן שטײַ־גער — מיט געלן זאַמד אויסגעשאָטן. דאָס קרומע בעדל אויפֿן איבערוואַנדערער-הויף האָט שטאַרק געדרויכערט. דרויסן איז אַ לאַנגע ריי געשטאַנען. ייִדן מיט פּעקלעך וועש אונטער די הענט, מיט ייִנגלעך בײַ די זײַטן זײַנען געשטאַנען און געטאַנצט אונטערן שניי. פֿרויען זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען און מיט קינע געקוקט אויף די מענער. און ביידע, סײַ די פֿרויען סײַ די מענער, האָבן זיך אָפּט געשאָלטן: די באָד איז קליין, דער ייִשעוו איז שוין היפּש, דער שמוץ אויף די לײַבער איז גרויס, און דאָ דאַרף מען שטיין אונטערן שניי און דרײַ שעה וואַרטן, ביז עס וועט אַרויס די פּאַרטיע, וואָס וואַשט זיך.

אויפֿן מאַרק איז הײַנט געווען לעבעדיקער ווי אַלעמאָל. אַ פּאָר פֿישלעך האָבן זיך באַוויזן, אַ פּאָר קריגלעך מילך אַפֿילע, אַ פּאָר ביינערדיקע זײַטלעך פֿלייש. אויפֿן לאַנגן ליידיקן און פֿאַרשנייטן טיש זײַנען געלעגן אויסגעלייגט פֿינף — זעקס קופּ־קעלעך גרינס. אין יעדן קופּקעלע — אַ דרײַ געציילטע מערן, אַ צוויי צענדליק קאַרטאָפֿל, אַ צוויי ציבעלע-קעפּלעך, אַ היפּשל קרויט, אַ פּאָר בורעקעס. דאָס איז געווען די גערעטעניש פֿון צוויי און דרײַסיקסטן יאָר. נעבן יעדן קופּקעלע איז פֿון דער אינווייניקסטער זײַט טיש געשטאַנען דער פֿאַרקויפֿער, — פֿון דער דרויסנדי־קער זײַט — אין די צענדליקער — די קויפֿער. דער דורשט נאָכן ביסל גרינס איז געווען ריזיק, די דינגעניש — לאַנג און ווייטעקדיק, און די פּרײַזן — ווילדע: אַ מערל, ווי אַ מויזן-עקל די לענג, האָט געקאָסט פֿיר — פֿינף רובל. און אַלע האָבן זיך געדונגען און ווייניק ווער עס האָט געקויפֿט.

דער וועג פֿון העלפּאַנדס קאַבינעטל צו ביביקס איז געווען קירצער פֿאַרן וועג פֿון שטוב אין אַלקער, נאָך צום אָוונט איז נאָך געבליבן אַ שעה צוויי און בערל ביביק איז אַוועק איבערן ייִשעוו.

אָט האָט ער אויפֿן ברעג פֿון דער בירא באַגעגנט איידען מיט איר צווילינג.

זי פירט זיי שפּאַצירן אין אַ פּיַנעם אויסלענדישן וועגעלע. ער דערקענט דאָס וועגעלע. פּאַראַיאָרן האָט די כּאַווערטע מערי אינעם זעלביקן וועגעלע געפירט איר לענינאַ — אַ מיידעלע דריַ יאָר אַלט. אין בערלין געבוירן. די בערלינער לע־נינאַ איז געווען אַ שוואַך קינד. זי איז געקומען אַהער אין אַ וועגעלע. צו דריַ יאָר — אַף די פיסלעך ניט געקאָנט נאָך שטיין. איצט לויפט זי אַרום איבער דער בירעבידזשאַנער סאָפּקע, און פונעם סאַמע שפּיץ שריַט זי אַראָפּ:

— מוטער, מוטער מערי, זעסטו, ווו איך בין!

דעם וועגעלע האָט די מוטער מערי אָוועקגעשענקט איידען — באַ אַזאַ צופאַל — צוויי מיטאַמאָל — אַ יונג מיט אַ מויד צו אַכט פונט יעדעס קינד האָט געהאַט אַ מאַמע, וואָס איז צום קימפּעט אַליין קוים ניַנצן יאָר אַלט געוואָרן. איידע איז שוין אויך צוויי יאָר אין בירעבידזשאַן. ווען מע האָט אין שפּיטאָל צום ערשטן מאָל איר דערלאַנגט דעם צווילינג צו דער ברוסט, האָט זי אַריַנגעקוקט זיי אין די פּנעמלעך, ניט גלייַך דערקאָנט, ווער עס איז דאָס יינגל, ווער — דאָס מיידל, און מיטן פולן עמער גליק פון אַ יונגער מוטער אַ רוף געטאָן זיי ביידן מיטאַמאָל צו די פולע, קיַלעכיקע בריסטלעך:

— דאָס איז דיר, בירעלע...

— דאָס איז דיר, בידזשאַנעלע...

און אַזוי איז עס שוין געבליבן: דעם מיידל האָט מען אַ נאָמען געגעבן בירע, דעם יינגל — בידזשאַן.

— אַ גוטער העלף אייַך, כאַווער בערל, — זאָגט איידע נאָך פונדערוויַטנס. — קומט אַהער, גיט אַ קוק אַף מיַנע בירעבידזשאַן. שיין, ווי אונדזער לאַנד, האַ? איך קום מיט זיי מאָרגן אַף דער דעמאָנסטראַציע.

בירע און בידזשאַן זיצן אין וועגעלע איינער אַנטקעגן אַנדערן אַרומגעדעקט מיט קאָלדרעס, אין וויַסע וואָלענע געשטיקטע היטעלעך. דער ניקל אַפן וועגעלע גלאַנצט. דער עמאָל איז וויַס און גיסט זיך צונויף מיטן פאַלנדיקן שניי. פון אונטער די וויַסע היטעלעך פלאַמען בעקלעך בירע־בידזשאַנישע, ברענען שוואַרצע אייגלעך. בירע און בידזשאַן קוקן אַפן הויכן מענטש מיטן בערדל, אַף זיַן שיַנענדיקן פּאָנעם, און זיי צעשיַנען זיך אַליין אין אַ שמייכל און גיבן פלוצ־לינג אַ שפּרונג אונטער אַף זייערע געזעסלעך, און גיבן אַ הילכיקן, קווישיקן לאַך, אָפּדעקנדיק די פיר פּאָר ציינדלעך מיטאַמאָל — צו צוויי פּאָר באַ יעדן איינעם.

— בירעלע, בירא־אַ־אַ... — מאַכט בערל ביביק פון זיַן פּאָנעם אַ בער און פון זיַן שטים אַ בערישן ברום און שפּילט זיך מיטן לאַכנדיקן מיידעלע און זיַן הארץ הערט פויל מיט עפּעס אַ מאָדנער פרייד. היציק, ווי קעגן זיַן ווילן, טראַכט זיך אים: אָט איז דער טיַך בירא און אָט איז דאָס קינד בירא און אָט איז דאָס לעבן דאָ־הי, און אָט איז דער אָנהייב... ער הערט זיך אַליין צו צו זיַן אייגענער שטים — ווי קלינגט עס? — בירא־אַ־אַ... בירא־אַ־אַבידזשאַן... בידזשאַ־אַ־אַן...

דער שניי פאַלט. די שטאָט פוצט זיך. שוין זיך אויסגעפּוצט באַלד. אַף דער עלעקטראָסטאַנציע האָט דער מאָנטיאָר פלוצלינג אַ פרווו געטאָן די מאַשינעס —

אָנגעצונדן די ליכט. די לעמפּלעך אָפּ אַלע גאַסן פינקלען אויף מיט א טונקל־רויטן פלעמל. דער ביכהאַלטער פון מעלוכע־באַנק רייניקט אָפּ דעם שניי פון שטיקל נייעם טראָטואַר בא זיין שטוב. דער שאָכן זיינער וויל פון אים ניט אָפּשטיין. אין א ווײַלע ארום גייט ער אויך ארויס פון שטוב מיט א בעזעם און לאָפּעטע אין דער האַנט. דעם שאָכנס שאָכן קוקט זיך אָפּ זיי אום און אים פּאַסט ניט, אַז גראָד בא זיין שטוב זאָל בלייבן ליגן דער שניי. ער טוט נאָך זיינע שכיינים. אין א ווײַלע ארום רייניקט שוין דעם שניי פון די טראָטואַרן די האַלבע גאַס. און ביביק ווערט פול מיט עפּעס א נײַ געפיל. וואַרעמקייט פון היים און יאָנטעוו אין דער היים קאָן מען א נאָמען געבן אָט דעם געפיל, אויב געפילן בייטיקן זיך אין נעמען. מיט שנעלע טריט גייט ער אַוועק צו זיך אין קאַבינעטל.

— אין כוידעש אַווגוסט פאַלן פיל פערד. מע ברענט זיי ווײַט הינטערן דאָרף. בא אונדז איז געווען זעקס פערד. איז איינער געפאַלן. האָט מען געדאַרפט אים פאַרברענען...

— וועגן וועלכן יאָר רעדט זיך עס? — גיט א פרעג יאָסל שלאָס.

— וועגן טויזנט נײַן הונדערט צוואַנציק אכטן...

פול אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן איז איצט ביביקס קאַבינעטל. דער בליצלאָמפּ שײַנט אָפּן טיש, לײַכט און וואַרעמט, און באַשי־בוזוק קאָן זיך אָפּ אים צו זאַט ניט אָנקוקן. דאָס האָט ער געפּאַקט דאָס גליעזל צו דער „מאָלניע". דרײַ סקלאַדעס איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ. באַם טיש זיצן: בערל, יִיסראָעל ברוידע, יאָסל שלאָס, עסטער, אבראַשקע טשערניאַק אונטער די גרויסע קײַלעכיקעברילן, באַשי־בוזוק, אונטער וועמען עס סקריפּעט דער שטול, קאָן ניט אײַנזיצן אָפּ אן אָרט, דער קליינער כאַימקע רודי, וואָס זעט זיך קוים ארויס פון טיש, און, אויבנאָן — די כאַשעווע לײַט, די פּיאָנערן פון בירעבידזשאַן, יונגע און אַלטע מענטשן, פאַרהאַרטעוועטע שוין, מיט הענט, ווי די צווײַגן, און מיט פינגער, ווי די וואָרצלען, מיט בעדלעך הארטע, ווי שטאָלענע בערשטלעך און אויך מיט נאַקעטע, געגאָלטע, קײַלעכיקע צורעס פון גאָר יונגעלײַט נאָך און אַלע מיט גוטע, גוטע אויגן — בלויע, קאַרע, שוואַרצע, גרויע, גרינע, געשניטן, ווי די פלוימען, געשניטן, ווי די מאַנדלען, געשניטן, ווי די קאַרשן.

עס איז אי א זיצונג, אי א דערינערונג־אָוונט, אי אן ערעוו־יאָנטעוודיקע פּזור־זאַמלונג. פריער האָט פאַר זיי בערל געהאַלטן א קורצן פּאָרטראָג וועגן דער באַדײַטונג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. דערנאָך זײַנען די צוהערער געוואָרן זײַנע געסט, ער האָט זיי מעכאַבעד געווען מיט טיי און מיט קיכעלעך און זיי אליין האָבן זיך גענומען ארויסזאָגן. זיי האָבן דערציילט וועגן זיך און וועגן אַנדערע, און קימאַט אויסשליסלעך וועגן בירעבידזשאַן. אָט דערציילט דער אכט־און־פערציק־יאָ־ריקער וואַסערטרעגער. זײַן פּאָנעם איז האַרט און ברוין, פול שוין מיט קנייטשן, די גרוילעכע האָר שיטערן זיך שוין, נאָר די שמאָלע געדיכט־בלויע אויגן לײַכטן נאָך דיין און לויטער. ער שאַרט מיטן פינגער א מיסקראָסקאָפּיש בערגעלע ברעקלעך, וואָס איז אָפּן טיש געבליבן פון זײַן אופגעגעסענעם קיכעלע, און דערציילט זייער באַזאַכט און דויק:

— איז האָט מען געדאַרפט דאָס פערד פאַרברענען און ניט אַלע ווילן גיין.

מע האָט מוירע זיכ אָנשטעקנ מיט דער סיבירער יאזווע. זאָג איכ צומ כאווער ביבער, צומ פאָרשטייער: קומט, מיר וועלנ צוזאמענ פארברענענ. די מאגייפע, די סיבירער יאזווע באגראָבנ. מיר נעמענ גאזע, שוועבעלעכ, האָלצ טרוקענע. מיר גייענ צו צו דער פעגירע. עס גייט זייער א שלעכטער גערוכ פונ פערד, פונ רעגנ אונ פונ היצ. ווערעמ קריכנ ארומ. איכ וואש זיכ איינ די הענט אונ דאָס פּאָנעמ מיט גאזע. איכ זאָל זיכ אליינ מיט דער סיבירער יאזווע ניט אָנשטעקנ. איכ לייג אָנ האָלצ אונ שפענדלעכ ארומ פערד אונ צינד. ער ברענט אונ די קאָמארעס זינגענ לידער... איכ בינ געווענ א קנאפּער ווייסער אינ פערד. דער דאָקטער האָט געהייסנ פארברענענ אלצ — די ביינער אויכ — אונ ארומצוימענ דאָס אָרט, אז קיינ פי זאָל אהער ניט צוגיינ. מיר האָבנ אזוי געטאָנ אונ געראטעוועט די איבעריקע פערד... איכ בינ געוואָרנ קאָניוכ בא די איבעריקע פערד. אונ אז איכ האָב געטאָנ, ווי מע האָט מיכ געלערנט, זיינענ אונדזערע פערד שפּעטער געוואָרנ די שענסטע אונ די בעסטע אינ גאנצנ ארומ. אוואדע זיינענ געווענ א סאכ שוועריקייטנ אינ די ערשטע צייטנ. דער קאָלעקטיוו אונדזערער איז זיכ שיר ניט צעפאלנ צוליב די ווייבער. אנ אלטע קליינשטעטלדיקע רעגילעס צו קריגנ זיכ צווישנ זיכ. די קאָמארעס האָבנ אויכ געארבעט טאקע אפ טיש אונ אפ בענק אונ א פּיצל סימענ אנטיסעמיטיזמ פונ דעמ-יענעמ איז אויכ געווענ צו זענ. אז מיר טרינקענ, דוכט זיכ, מעדוכע צוזאמענ מיט די היגע קאָזאקנ, אונ עס פאלט בא איינעמ פונ די הענט ארויס דאָס גלאָז אונ צעברעכט זיכ, זאָגט זיכ איינער, א טרעגונ, דערביי: „שלאָג די ייִדנ — ראטעווע רוסלאנד!" נאָר דאָס איז אפּאָנעמ מער אינ א וויצ... וואָס איכ האָב שוינ אלצ געטאָנ אינ מיינ לעבנ! דער טאטע איז געווענ א בעקער אינ שאווליע. האָט ער מיכ אויכ געמאכט פאר א בעקער. כ'האָב שוינ געדינט דעמ קייסער ניקאָליי באמ שווארציאָר אפ די הערנער, אונטער טאשקענט אוש. געקומענ אהיימ אינ צענטנ יאָר אונ גענומענ זיכ באקנ בייגל אונ כאסענע געהאט ביז די דייטשנ זיינענ אָנגעלאָפנ מיט די עראָפּלאנענ אונ ארויסגעטריבנ פונ שאווליע. געווענ א בעזשעניעצ אינ סאמארע אונ ווידער געבאקט בייגל, ייִדישע, דאָרט איז עס א נייס געווענ, האָב איכ געבאקנ, קאָלזמאנ עס איז מעל געווענ. אז עס איז געוואָרנ אויס מעל, בינ איכ אוועק אינ דער רויטער ארמיי אפ צוויי מיט א האלב יאָר. נאָר אָט וואָס איכ וויל זאָגנ: ווו עס וואקסט ברויט — אפנ דאכ, צי אפנ בוידעמ האָב איכ אינ לעבנ ניט געוווסט. איכ האָב געוווסט, אז מעל נעמט מענ אינ קלייט אונ היי קויפט מענ אינ מארק. איכ לאכ היינט אליינ פונ זיכ, ווי איכ האָב דעמלט ניט פארשטאנענ. אוואדע איז געווענ שווער. מיר האָבנ געוווינט אינ פּאלאטקעס. די קאָמארעס האָבנ געזונגענ בירעבידזשאנער לידער, מיר האָבנ קאָלעקטיוונ גאנצע געוווינט אפ בוידעמער, א האלבער בוידעמ — א גאנצער קאָלעקטיוו. נאָר אז איכ האָב גענומענ רייניקנ די קאָרע פונ די קלעצער אפ בויענ זיכ א שטוב, אונ נאָכ פריִער אפ אלע ארבעטנ דאָ-הי, אינ פעלד אפ דער פרייער לופט, האָב איכ זיכ דערשפּירט פיל געזינטער, ווי אינ דער היימ, ווו מע דארפ ארבעטנ אינ שטוב אונ עסנ אינ שטוב אונ שלאָפנ אינ שטוב אינ דער פארשטיקטער לופט... נאָר דאָס איז נאָכ אלצ גאָרניט... אָט איכ געדענק א טאָג... טאקע אינ כוידעש, ווענ די פערד זיינענ געפאלנ... א יאָנטעוו בא אונדז געווענ... מיט אָט-אָ דעמ-אָ יאָנטעוו, קאָנ מענ זאָגנ, שטאָלציר איכ. מע האָט געעפנט דעמ ערשטנ ייִדישנ

דאָרפראט אין בירעבידזשאַנ. אין אונדזער דאָרף איז עס געווען. אפּנ פּרווופעלד. אין מיידעש אווגוסט. אין טויזנט נײַנ הונדערט צוואַנציק אכטנ יאָר. פון אלע ישוּווים איז מען זיך צונויפגעפאָרן. היימישע מענטשן זעען זיך. פון אלע ארומיקע דערפער איז מען געקומען... די ערשטע לאָפּעטע אפּ פארלייגן דעם פונדאמענט פון בירעבידזשאַנ האָט געשאָט: אָט דער כאוועך... אָט דאָס איז געווען דער אָנהייב. און איך בין, קאָן מען זאָגן, געווען איינער פון די סאמע ערשטע. נו, וואָס איצט... איצט זײַנען מיר שוין ווײַט אוועק. קיין בייז אויג... כ'האָב א שטוב, מײַן סאָכטער ארבעט זייער א פאראנטוואָרטלעכע ארבעט אלס קאסירערן און נעמט א גרויסן אָנטייל אין דראמאטישן קרײַזל בא אונדז אין דאָרף, און דער מאן אירער דינט איצט אין דער רויטער ארמיי, פריִער איז ער געווען א טראקטעריסט און איצט איז ער מעכאניק און מע האָט אים צוגענומען אין דער פארטיי, און איך מיין, אז מיר וועלן דאָ אויסבויען א לאנד...

די שויב איז נאָך אלץ פארהאנגען מיטן ווײַסן האפט פון פאלנדיקן שניי.

די גלעזער טיי אפּ די טישן שפּיגלען זיך אין שײַן פון בליצלאָמפּ. די פּענער בא די מענטשן זײַנען שטארק אָנגערויטלט: פון הייסע טיי, פון הייסן בליצלאָמפּ, פון די פּאָשעטע דערציילונגען פון די אלטע איבערוואנדערער. אין די טעצלעך ליגן די קיכעלעך בא אייניקע נאָך אָנגעביסן, בא אנדערע גאָר גאנץ נאָך. קיינער כאפּט נים. יאָסל שלאָס דערמאָנט זיך אָן יענעם אָוונט, ווי מע האָט אזוי מיִעס געכאפּט די קיכעלעך איינע בא די אנדערע און ווי ער האָט דעמאָנסטראטיוו אָפּגערוקט פון זיך דאָס טעצעלע מיטן קיכעלע אלס פּראָטעסט פאר דער מיִעסער מידע צו כאפּן. פון דער דערמאָנונג ווערט ער רויט און פארשעמט. אָט זיצן אויך מענטשן. אין דאָס זײַנען גאָר אנדערע מענטשן. פון זייערע דערציילונגען, פון זייערע בליקן, פון זייערע הענט שמעקט שוין מיט איבערגעקנאָטענער ערד.

אָט דערציילט דער יונגער ליוואנסקי:

בא מיר איז קיין שום העלדישעס אין דער ביִאָגראפיע ניטאָ. איך בין געווען א קאָמיוגיסט אין שטעטל. צונויפגעקליבן א גרופּע יאטן. געוואָלט אוועקפאָרן פון שטעטל. קיין פּערספּעקטיוו ניט געווען אין שטעטל. געוואָלט פאָרן אפּ דאָנבאס, צי אפּ קוזבאס, האָט מען אלץ ניט אָפּגעלאָזט. אפּן ווײַטן מיזרעך, קיין בירעבידזשאַן קוים זיך אָפּגעבעטן. לעכאטכילע האָב איך געשאפן א קאָלעקטיוו פון פופצן יאטן. צו אונדז זײַנען צוגעשטאנען עלטערע אויך. ביז מיר האָבן זיך אויסגעקליבן אין וועג ארײַן, איז געקומען אין שטעטל איינער, וואָס איז שוין געווען אין בירעבידזשאַן און געקומען צו לויפן צוריק. פאָרט ניט אהין, — זאָגט ער, — דאָרט לויפן ארום זווערעס איבער די גאסן. און קאָמארעס פאראן דאָרטן אזוינע, וואָס זײַנען נאָך געבליבן פון ברייִשיס. איעדער קאָמאר וועגט א קילאָ. זיי עסן די מענטשן לעבעדיקערהייט. די עלטערע האָבן זיך גלײַך אָפּגעשאָקלט פון אונדז. די יִינגערע האָבן זיך אויך געפונען טערוצים. מיר זײַנען אוועקגעפאָרן אינדרײַען. אָט אזוי ארבעטן מיר. דאָס אלץ, וואָס מיר האָבן איצט, האָבן מיר באשאפן מיט די אייגענע הענט. איך ווייס ניט וואָס זאָגן. מיר ארבעטן. מירן אויסבויען דאָס לאנד. אָט, איך האָב זיך דערמאָנט: פאראן בא אונדז העלדן אויך.

אוואדע פאראנ! דער כאוועד וואסערטרעגער האָט דאָ דערציילט וועגנ דער סיבירער יאזווע. בא אונדז פאראנ א יאט. ער האָט אויכ געהאט צו טאָנ מיט די געפיי־גערטע פערד. דערנאָכ האָט זיכ בא אימ א פרישטשיק אפ דער האנט באוויזנ. דער פעלדשער האָט געזאָגט, אז מיסטאמע האָט ער זיכ ניט גענוג אָפגעהיט באמ פארברענענ די פערד. העלפנ קאָנ ער אימ ניט. פאראנ איינ אייצע. די אייצע האָט ער אימ געגעבנ: אָנגלײַענ אנ אײַזנ, אָנגלײַענ אימ ביז רויט טאקע, ביז גוט רויט, אונ אויסברענענ די וווּנד. דאָס דארפ מענ קאָנענ טאָנ אליינ. א פעלדשער קאָנ עס ניט טאָנ. דער יאט איז אוועק אהיימ אונ אזוי געטאָנ: אָנגעגלייט אנ אײַזנ אונ אויסגעברענט זיכ די וווּנד. אָט איכ מיינ, אז דאָס איז א העלדישקײַט. עמעס, עס האָט זיכ דערנאָכ ארויסגעוויזנ, אז עס איז געווענ א פּאָשעט פרישטשיקל אונ מע האָט דאָס לײַב גאָר ניט געדארפט ברענענ, אזוי האָט דער פּראָפעסער אינ כאבאראָווסק אימ געזאָגט, אָבער די וווּנד איז שוינ געווענ אויסגעברענט אונ סײַווי — עס איז א העלדישקײַט...

דער אלטער ווײַנטרויב דערציילט, ווי אינ דער ערשטער נאכט, אינ דער פינצטער, אפנ וואָקזאלעכל, ווי נאָר זיי זײַנענ פונ די וואגאָנעס ארויס, האָט א גאלעכ זיי אגיטירט צוריק אהיימ פאָרנ, ווײַל זיי וועלנ דאָ ניט אויסהאלטנ פונ די פרעסט ווינטער, פונ דער פארפלייצונג מיט די היצנ זומער, פונ דער גנוס, וואָס עסט מענטשנ לעבעדיקערהייט.

— איכ לעב שוינ דאָ דאָס פינפטע יאָר, — פארענדיקט דער אלטער ווײַנ־טרויב, — איכ האָב דאָ געגומענ לײַב אפ זיכ אונ באַדראָסט אפ דער נעשאָמע. איכ פיל זיכ אינ דער היימ. איכ מיינ, אז אינ דער צוריקלויפעניש זײַנענ מיר אליינ שולדיק. מיר נעמענ זיי אופ שלעכט, די נײַע איבערוואנדערער. זיי קומענ דאָכ צו אונדז אונ מיר קוקנ ניט אינ זייער ווינקל. ס'איז דאָכ אונדזער לאנד — מיר זײַנענ די פּיאָנערנ — דארפנ מיר פאר זיי צוגרייטנ. מאלע וואָס מיר האָבנ געקאָנט ווינענ אינ פּאלאטקעס! ס'איז דאָ גאָרניט ניט געווענ, האָבנ מיר גע־ווינט אינ פּאלאטקעס. אָבער איצט זײַנענ דאָכ מענטשנ דאָ דאָ, אונ די נײַע פילנ זיכ אלציינס, ווי דאָ וואָלט קיינער ניט געווענ... ס'א ליגנ, וואָס מע זאָגט אפ אונדז, אז מיר ארבעטנ שלעכט. ניט אלע ארבעטנ שלעכט. עס וואָלט דאָ גאָרניט געווענ אויסגעבויט, ווענ מיר אלע וואָלטנ שלעכט געארבעט. אָט זיצט טו־פו...

טו־פו גיט א שמייכל. די גרויסע, שיטערע, געלע ציינ גיבנ א שײַנ. די שיטערע וואָנצעס גיבנ זיכ א צאפּל, די קנייטשנ אפנ געלנ, פארמעטענעמ פּאָנעמ — דאָס גאנצע פּאָנעמ איז צעווירעט אינ קנייטשנ — לעבנ אופ. ער הייבט זיכ אופ, דרייט צו אלעמענ דעמ קאָפּ, שמייכלט, בלײַבט שטיינ. ער איז אָנגעטאָנ אינ א געלנ לעדערנ פעלצל איבערגעבונדנ מיט א שניי־ווײַסנ וואפליע־האנטעכ. ער שטייט אונ ווארט, וואָס וועט מענ וועגנ אימ זאָגנ. ווײַנטרויב זעצט פאָר:

— ווי טו־פו ארבעט ווייסנ מיר אלע. ווענ די כאזיירים דארפנ זיכ אָפּציקלענ שלאָפט ער צוזאמענ מיט זיי אינ שטאל. דאָס הייסט — ער שלאָפט ניט; ער גייט גאָר ניט ארויס פונ שטאל. ער נעמט אהינ זײַנ בעטל... אָט זאָל ער אלייז זאָגנ... זאָג, טו־פו...

טו־פו הייבט אופ א האנט:

— איכעלע זאָגן... קליין־קליין ביזל זאָגן... — הייבט ער אָן שיטן גיך-גיך אַפּ א צעקאַליעטשעטער רוסישער שפּראַך, אָבער מיט עפּעס זייער א צאַרטן אויס־דרוק. — גערויזע זאָנים זאָגן: יעיד קאָנע ניטע ארעבעטן... יעיד האָדע מוירע קאַמאַר... איכע אליין געזעגן: דײַגא... דידײַגא... געזעצ די דידײַגא דערלויבד קליין ביזל־ביזל פּינקע דראָגן... איכע אליין געזען דידײַגא... קולדור־דידײַגא... געדיכד-געדיכד דײַגא... א פּערעזעליענעצ גייד דײַגא... אליין־אליין... פּינקע אינעם גאַרדל... א בער אנדקעגן. אוזוריער בער... קליין בער... איכע שדיי ווײַד קליין־קליין ביזל... איכע קוק־קוק... וואָזע דאָן פּערעזעליעניעצ זילעבערעשדיינע מידע אוזוריער בער... פּערעזעליעניעצ זילעבערעשדיינע זיך דערשראָקענע קליין-קליין ביזל... פּערעזעליעניעצ זילעבערעשדיינע פּינקע גאַרדל ארויזעגעכאַפּד... פּערעזע־ליעניעצ זילעבערעשדיינע אַפּן אוזוריער בער פּינקע אוועק. אוזוריער בער קליין־קליין ביזל בייז געוואָרענע... אוזוריער בער הינדערשדע לאַפּעס שדעלד זיך... פּערעזעליעניעצ זילעבערעשדיינע נידע פאַרלאָרן זיך, נידע פאַרלאָרן זיך... פּע־רעזעליעניעצ זילעבערעשדיינע כאַפּד הידל זײַן קאָפּ... פּערעזעליעניעצ זילעבערע-שדיינע וואַרפּד הויך־הויך הידל... אוזוריער בער ציד אויס הויך-הויך פאָדערשדע לאַפּעס. אוזוריער בער ווילע זילעבערעשדיינעס הידל כאַפּן... פּערעזעליעניעצ זי-לעבערעשדיינע שדעכ אוזוריער בער פּינקע אָד אהער ארײַן. — טו־פּו פּויקט זיך מיט צוויי געלע פינגער אין דער ברוסט ארײַן. — איכע לויף צו זילעבערעשדיינע... איכע לויף גיך־גיך מיד מײַנע פּינקע... איכע שדעכ אוזוריער בער נאָך קליין-קליין ביזל... זילעבערעשדיינע פאָנעם ווײַ־ײַ־ס-ווײַ־ײַס, — ווײַזט טו־פּו אַפּן האַנטעך, מיט וועלכן ער איז אונטערגענאַרטלט, — אוזוריער בער ליגד דויד־דויד... דטוידט... זילעבערעשדיינע גוד געדראָפן... האַרצ געדראָפן... איכע פּרעג זילעבערעשדיינע: הער דיר קליין־קליין ביזל געלערנד בער שדעכן ? געלערנד, זאָגעד זילעבערע-שדיינע, געלערנד... דײַגא געלערנד... היגע מענדשן געלערנד... איכע זאָג: פּע-רעזעלעניעצ — גודע-גודע מענדשן... פּערעזעליעניעצ ליכד דײַגא געבעראַכד, דראַק-דער דײַגא געבעראַכד, מאַשינע דײַגא געבעראַכד... פּערעזעליעניעצ... — ער האָט א כאַפּ געטאָן זײַן גלאָז טיי, — איכע זאָג: לעכײַעם, פּערעזעליעניעצ !...

יאָסל שלאָס איז געזעסן א פאַרשטיינערטער. פאַר די אויגן איז געשטאַנען זילבערשטיין, ווי ער גייט מיט דער פינקע אַפּן בער, טו-פּו, ווי ער קוקט נאָך פון הינטער א בוים ווי ווערט זיך דאָ דער איבערוואַנדערער זילבערשטיין ספּראַווען מיטן אוסוריער בער. נאָר אין די אויערן האָבן געהילכט די פריידיקע פּאַטשערײַען פון די פאַרזאַמלטע. ער האָט זיך געכאַפּט, אז ער זיצט א שטומער. ער האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט, שיר עפּעס ניט איבערגעקערט — ענג איז דאָ גע-ווען — און אויך צעפּאַטשט זיך הילכיק און פריידיק.

אזוי איז מען אָפּגעזעסן ביז נאָך האַלבער נאַכט.

און אינמיטן פונעם לעצטנס רעדע, ווען ביביק האָט געצייכנט אַפּן גרויסן בויגן פּאַפּיר די נאָטיצן פאַר זײַן שלוסוואָרט, האָט זיך דאָס פענצטער פּלוצלינג באַוואַשן מיט א רויטער פאַרב. פריִער א טונקעלער, דערנאָך אַלץ העלער און העלער. די גרײַפּעלעך שניי אַפּן רויטן פאָן הינטערן פענצטער האָבן געדראָעט, געמאָנט, געקלאַפּט ווייך אין די שויבן, אָנגעזאָגט די טרויעריקע פּסורע.

דער ערשטער איז אופגעשפרונגען באשי-בוזוק.

— שטייט! — האָט ער אויסגעשריִען. — א נײַע צאָרע! א סרייפע! עס ברענט!...

די מענטשן האָבן זיך אופגעריסן פון זייערע ערטער, א האָרפ געטאָן זיך צו דער שויב, א װאָרפ געטאָן זיך צו דער טיר.

ייִסראָעל ברוידען האָט א זעץ געטאָן אין קאָפ:

„מײַן שטוב!"

— מײַן שטוב ברענט! — האָט ער אויסגעשריִען. — מײַנע! װאָס נאָך קאָן דאָרט ברענען אין יענער זײַט? אין יענער זײַט איז מער גאָרניט ניטאָ! — און איז דער ערשטער ארויסגעלאָפן.

אַלע זײַנען אים נאָכגעלאָפן. אף דער גאַס איז שוין געווען א ביסל טומלדיק. מענטשן זײַנען געלאָפן, אָבער דערװײַל ניט מער, װי קוקן.

אונטערן שניי, אין דער װײַט, אונטער דער סאָפּקע האָט װי א ריזיקער שײַטער, פון אַלע פיר זײַטן מיטאמאָל געברענט ייִסראָעל ברוידעס שטוב.

איבערן שניי, איבערן פלאַם, איבער דער סאָפּקע, האָט זייער בלאַס, קוים-קוים צו באמערקן, געשײַנט דער באהאַלטענער מילכװעג, די פארװיקלטע אין די דורכזיכטיקע פעלצן פון װאָלקנס — שטערן.

— דאָס איז אן אקט פון קלאסנסוינע! — האָט א זאָג געטאָן עסטער און פארדריקט די פויסטלעך.

— יאָ, עסטערקע! — האָט מיט א מאָדנער צארטקײַט ביביק א זאָג געטאָן. — און דוכט זיך מיר, אז איך האָב אים שוין אָט-אָ דאָ-אָ!

ער האָט אויסגעצויגן די הענט, צעעפנט די ברייטע דלאָניעס און פאמעלעך פארמאכט זיי און פארקוועטשט אין פויסטן.

מיט די פויסטן איז ער אזוי אוועק אף דער סרייפע.

פערעץ מארקיש

אופגאנג אפן דניעפער

(ווײַטערדיקע קאפיטלענ)

1

עס ציט צומ ראנד דער אלטער טראקט,
פארמעלדנ זיכ מיט טאָפּאָלס שלאנקע.
צוקאָפּנס — בלענדיקט א באראק,
צופוסנס — שלאכטיקע טאטשאנקעס,
ווי בראָכ פארטראָגענער פונ שטורעמ,
ווי צײַטנס העפקערער געביינ
אונ כוואליעס בא די ברעגנ מורמלענ,
אונ כוואליעס קריצנ אויס אפ שטיינ:

— עס איז דאָ אויסגעשטעפּט דער וועג
מיט טלאָענ זילבערנע פונ שטערנ, —
אָט דאָ געריטנ האָט אָליעג
אונ דאָ איז דורכגאנ די אימפעריע;
געציילעמט האָט מענ דאָ דעמ טראקט
מיט טעמפּע קאָפּיטעס פונ רײַטער.
אונ לאגערס האָט מענ דאָ געהאקט
אונ סרייפּעס האָט מענ דאָ געשײַטערט;
ס'האָבנ דאָ שווערדנ אופגעלעכטיקט
מ'האָט דאָ געשאָכטנ אונ געקעפּט...
פאר קאסטנס גאָלד, פאר יונגע טעכטער
בא ברעגנ גאָלדענע פונ דניעפּ, —

דאָ האָבנ דוירעס דורכגעדונערט,
דאָ האָבנ דורכגעדונערט צײַטנ
מיט ווילדע אָנפליענ פונ הונענ,
מיט שווערד פארשטאָכענער אינ ווײַטנ;

מ׳איז דאָ געריטן, מ׳איז דאָ געגאַנ,
און — ווער ארויס און — ווער אריַינ איז
אפ ריַיטוואָגנס פונ טשינגיסכאַנ,
אפ לעצטע בײַדלעך פונ ציגײַנער...
מ׳האָט דאָ געהוליעט מײַלנ הוילע,
מ׳האָט דאָ געפײַערט און געקרוינט —
נאָר אופגעגאַנגעג, ווי דער מוילעד,
איז אלע נאַכט דאָ א געוויינ...

און אופגעעקבערט שווארצע טיפנ
דורכ צײַט באוואָקסענער מיט מאָכ —
האָבנ דאָ אומגעבלאָנדזשעט סקיפנ
אפ סטעפּעס העפקערע פונ בראָכ.
מ׳איז דאָ געגאַנ, מ׳איז דאָ געריטנ
מיט פאָנענ פינצטערע פונ נעכט
אפ הייסע שיקערע יארידנ,
אפ האַנדל שיקערנ מיט קנעכט;
עס האָט פארהערט דאָ רוט מיט רוט זיכ,
עס האָט פארוועט זיכ נאכט מיט נאכט —
און איינ פארקלעמטע רעוואָליוציע —
און איינע ז׳אופגעגאַנ אינ שלאכט...

און וואָס האָט נאָכ דענ זײַנ באדארפט דאָ?
פאר וועמענ נאָכ ז׳דער סטעפּ געגרייט?
געגאַנגענ זײַנענ דאָ פארדארבער
צו זייער אומעטיקנ טויט...

און ס׳איז — פארבײַ, און ס׳איז — פאָריבער
איעדער טאָג איז ווי אנ אָס,
עס זײַנענ צייכנס דאָ פארבליבנ,
ס׳האָט יעדער עפּעס וואָס געלאָזט;
פונ וועמענ ס׳וואלגערט זיכ א שארבנ,
פונ וועמענ ס׳זשאווערט דאָ א שווערד.
און ווינטנ דורכגאַנ זײַנענ הארבע,
און ווידער אײַנגעוויגט די ערד.
נאָר איצטער וועקנ נײַע טריט אים,
איצט גייענ וואָגנס, ווי די צײַט —
באָכ ניט געוווינט ז׳דער סטעפּ צו פרידנ,
צום קלאַנג פונ בוי און פונ געצײַג;
ער טרײַבט פונ זיכ דעם הימל — העכער

און קיינעם ניט זײַנ הארצ ער טרויט, —
עס גיט דער סטעפּ ניט אָפּ קיינ עכאָ,
מיט אָפּקלאנג ענטפערט ניט דער רוים.
עס דארפ א שניט אים נאָכ א שנײַד טאָג,
אים דארפ נאָכ אופוועקנ א שווערד —
ער בענקט נאָכ טלאָענ און נאָכ רײַטער
און נאָכ קורהאנעס בענקט זײַנ ערד...
נאָר עפּעס שטיל דער ווײַט פארטרויט ער,
דעם שײַטער — שטערנדיקנ טריפ;
און ס'דוכט טרובא'נ: די ווײַט זיכ הוידעט
און ערגעץ הייבט זיכ אופ די טיפ.

געפיבערט האָט טרובא די נאכט,
די היץ ט'געגעבנ א פארטראָג אים;
עס דוכט זיכ אים — באגינענ שפּארט
אפ הויכע היי-שניטיקע וואָגנס,
און ס'גיט פונ ראנד א בראָכ די זונ
און א פארפלייץ די ווײַט די בלויע —
אים דאכט, אז ס'קאָנ נאָכ א טאבונ
פונ ערגעץ אָנפליִענ צום פויענ;
אים דוכט, אז ס'קאָנ פונ הייל און שניט
נאָכ אָנפליִענ א טשאטע רויבער
און — ווער ס'זאָל פאלנ אפ די קני,
און — ווער עס זאָל די הענט פארהויבנ...

אָט שפּרייט זיכ עס דאָס רויע לאנד,
באלייגט מיט הײַזעלעכ, ווי גריבעס,
און ס'ווילט זיכ גלעטנ מיט דער האנט
די ווײַט די נאָענטע, די ליבע,
די אומקלאָר־רופנדיקע ווײַט,
דעם אומקלאָר־ליכטיקנ פארטאָג,
עס ליגט אזויפיל פרייד פארטײַעט
און בײַסט מיט ווייטעק און פארטראָגט,
און גאווּעס סטריגעווענ דעם רוים
מיט הילכיק־פּאָכעדיקנ קריצנ;
און יעדער בלאט פונ צווײַגל ציט זיכ, —
עס פילט זיכ אָנ די לופט מיט ברויז,
עס פילט זיכ אָנ די לופט מיט מי,
מיט רופ, מיט ראש — דאָס הארצ לויפט אויס,
און ס'דאכט זיכ אים, אז מ'איז ארויס

פון יעדער הייל, פון יעדער שפאר:
אַן אָנגריף איז אַף אַ אים! מע שטויסט,
און קישעף סטעפּישן מע שפּאַרט —
און יעדער בלאַט און יעדער גראָז,
און יעדער פּאָך און יעדער פּיבער
האָט זיך פאַרקישעפן געלאָזט —
אים נאָכאַמאָל אין זיך פאַרליבן,
אים נאָכאַמאָל אין זיך פאַרנעפּלען:
— אָט גיט אַ גיי צו אים דער דניעפּער
מיט אַלטע לאַצמאַנישע ווײַדעס,
מיט ניט געשטילטע בערד, ווי שטורעמס,
און יעדער ברעם אין דניעפּער שטראָמט,
ווי אָדערן פון די באַנדורעס,
ווי שטריק פון אוראַלטן פּאַראָם,
און דאָס געזאַנג אים וויגט און וועקט...
ער כאַפּט זיך אויף. אים דוכט זיך אויס,
אַז זײַן פּאַלאַטקע שווימט אוועק
אַף כוואַליעס זינגענדיקן ברויז,
און — ניט קיין ברעג, און — ניט קיין היים,
אים דוכט: — ס'צעהוידעט זיך דער אוראַלט,
און ער — ער טראָגט זיך, ווי אַ בוים,
אַן אויסגעריסענער אין שטורעם...
ער הייבט זיך אויף און צריק ער לייגט זיך,
אים דוכט זיך אויס, אַז ווילד און פרײַ
זיך רײַסן כוואַליעס צו די פענצטער,
זיי אויסזעצן, דורך זיי אַרײַן,
און יעדן אופהייבן פון שלאָף
און זיי צעוויגן, ווי אַ וואַלד;
עס טרעפט זיך מיט טרובאַעץ אָפט,
ווען פון די פיס ער גיט אַ פאַל,
נאָך ווייף אַרבעטן פאַרמאַטערט,
נאָך ווייל בלענדנדיקן פאַרברויך,
און ס'גיבן זיך אַ בײַט פאַרמאַטן
אין ניט באַוואַכטן, מידן מויעך...

נאָר איצט אים דוכט זיך, — אַז מע רופט:
צי ס'רײַסט דער ווינט דעם לײַן פון דאַך,
צי ערגעץ רײַסט דער פעלדז זיך אויף,
נאָר ס'יאָגט אַרויס, ווי אַף אַ שלאַכט...

אָט איז די נידעריקע טיר,
אָט בעטן זיך אַליין די וועגן,
ער לאָזט ארויס זיך, ווי א ווירט,
אפ זײַנע פּרעכטיקע פאַרמעגנס.
נאָר ס׳גייט דער טײַך מיט אוראַלט-קראַפט,
עס גרייכט די נאכט אים ביז די קני,
און ס׳איז די ווײַט אַליינ פאַרגאַפט
פון אָט דעם אופגעשוימטן שניט;
די הרעבליע רופט מיט טויזנט הענט,
פון וואַסער־קלעם אינ דר׳הייך זי שפּאַרט זיך;
ער האָט די בויונג ניט דערקענט
און פון דער אומגעגנט דעם פּאַרצעפּ.
נאָר ס׳האָט דער אומרויִקער פּײַפ
אים ערגעץ ווידער אופגעהויבן, —
עס האָבן זיך אינ דר׳הייך געשלייפט
די שמאָלע פּיסקעס פון די הייבערס,
און צוגנ אויסגעשמירטע, בייזע,
מיט האַלבע קעפּ פון מאַשיניסטן,
האָבן געקלעטערט און געדרייט זיך,
האָבן געשניטן און געסווישטשעט
מיט היץ, מיט פלאַם און מיט געהודע
אינ כמאַרעס שטויביקע פאַרטאָגנ
אנטקעגנ בלאָנדע בינען-מוטערס,
אנטקעגנ ביטן מיט בעטאָנ.

נ׳דער טאָג ווערט ליכטיקער און קלערער,
אינ אויגנ — ווידעראַמאָל גראָם,
ער טוט א הייב די האַנט צום שטערן
און א שטיק מאַרליע טאַפּט ער אָנ.

א האַלבער קאָפּ ז׳געווען פאַרהילט,
א האַלבער קאָפּ ז׳געווען פאַרבונדנ...
ער גיט זיך שפּײַענדיק א שילט
מיט א פּאָר זידל-ווערטער בונטע.
נ׳דערזענ האָט אוראַם-הערש פון ווײַט אים,
די האַנט א הייב געגעבן באַלד;
און מיט די פּלייצעס און מיט די זײַטנ:
— ס׳איז, דאַכט זיך, זעט נאָר — ער, טרובא!
און ער איז צוגעגאַנ צו אים,
ער קוקט אפ אים און שמוכט און דרייט זיך, —

אים קוויקט די הייזעריקע שטים,
און גיבן ווילט זיך אים אן אייצע...
ער גיט א שנורעווע דעם פאס זיך
און אפ טרובא'ן גיט ער א פרעס:
— איר וואָלט באדארפט מיט קאַלטן וואסער
באנאכט זיך מאכן א קאָמפרעס!
אז, אייגנטלעך, וואָלט אים אַליין זיך
געוואָלט זיין הייזעריק אזוי —
און מיט די מארליעס און מיט — וויס איך —
זאָל אויך דער קאָפּ אים זיין באזוימט...
ער זעט: די הענט זיינען אים בלאס היינס,
נ'געטריי זיין ווילט זיך אָן אן עק:
און פאר טרובאן זיך א פארמאסער
גיט ער אליין: — וואָסי? מע מעג!...
די גאנצע שטאָט האָט בא אונדז וואסער
געלייגט צום קאָפּ נאָך א געשלעג!
מע פלעגט אין דר'היים מיר אלע וואָכ
אזוי דעם קאָפּ אפ צוויי צענעמען,
און וואסער האָט אין יעדער לאָך
געקאָנט אריין ווי אין אן עמער...
ס'האָט מיר אמאָל דערלאנגט א פערד
אונטערן הארצן, אין א ריפּ.
און זאָזלען — גלייך אין מויל, אהער,
און אים אפ צוויי צעהאקט די ליפּ.
און נאָר מיט וואסער, גאָר ניט מער,
געראטעוועט האָט גאנצע שטאָט זיך.
און אוילעם זאמלט זיך, מע הערט.
און אויגן נייגעריקע גלאָצן.
דערלאנגט טרובא ארום א קוק:
ער שטייט שוין אין א ראָד, אינמיטן;
ז'א ריס אראָפּ דעם באנד: — גענוג!
ס'וועט אָן אים גוט זיין, פונקט ווי מיט אים.

2

אין דער הייך, אין דער טיף, איבער גליטשן,
אין דער וויט — בארג אראָפּ, בארג ארופ, —
אָט אזוי ז'מען געגאן נאָך אילימשן,
אָט אזוי ז'מען געגאן אפ זיין רוף!

אומעטום האָט געשוועבט זײַן געשטאַלט דאָרט,
ער צו ערשט איז געגאַנגען — אומעטום;
האָט די הייך און די טיף זיך געשפּאָלטן
און געלייגט זיך צו פיס האָט דער שטורעם.

מ׳האָט פאַרגעסן, ווען ס׳ענדיקט א וואַכטע,
מע געדענקט ניט די צײַט אַקוראַט;
אַז מע דאַרף א דעפּעשע קיין כאַרקאָוו,
אַז א וועק טאָן מע דאַרף לענינגראַד.

ניט פון טאָג, ניט פון זון קומט איצט ליכט אָן,
און די פינצטערניש קומט ניט פון נאַכט;
— פאַר די אויגן — א ווײַט א קאָלירטע
און אַן אָפּגרונט זיך הייבט אָפּ דער וואַך...

ביז קאַיאָר מ׳האָט די טיפן געמאָסטן,
און אין דר׳הייך איז געגאַנגען א ראַט;
איז אוועק א דעפּעשע קיין מאָסקווע,
און א בליץ האָט געוועקט לענינגראַד.

וויקלען ווינטן די דראָטן און צערטלען,
און די רוימען זיי ראַמען, ווי טרעף;
פאַר דעפּעשן און בליצן אין צענטער,
פאַר דעפּעשן און בליצן פון דניעפּ.

אונטער אָפּגרונט די וואַסערן מורמלען,
ס׳איז דער אָפּגרונט פאַרוויגט און פאַרווייט;
איז א דריטע געגאַנגען קיין מורמאַנסק,
קיין אַרכאַנגעלסק געגאַן זײַנע צווײ.

וויפל עקן אַפּ ווײַט דער פאַרבאַנד האָט
אין אומענדלעכער לענג און אין ברייט;
פון שוואַרציאַמיקן ברעג ביז אַטלאַנטיק
האָבן פונקען אין דר׳הייך זיך געדרייט,

זיך געהאַלדזט מיט אַנטקעגנדע שטורעמס,
און געשלײַדערט זיגזאַגן דער הייך,
צו דעם נאָך ניט באַטראָטענעם טורעם,
צו דעם נאָך ניט באַטראָטענעם בלוי.

ווי א שטערנשאפט — שנייִק און שוימיק,
ווי א שטערנשאפט — שטורעם-שאָלִיעכ;
און געשלונגען די שטרעקעס און רוימען
און געשניטן מיט שארף פון ליכט.

אז דער שריפט זאָל אין מילכוועג געפאסט זײַן,
נ׳איבער אים זאָל זיך טראָגן דער סטעפּ:
— שיקט ארויס אפן דניעפּ וואָדאָלאזן!
— וואָדאָלאזן געניטע צום דניעפּ!

דורכ אפ דורכ — איבער כמארעס און נעפּלען,
און מיט גלי — אפ דער ווײַט, אין דער נאָנט:
— ס׳האָט פארטראָגן א טייל פון דער הרעבליע,
ס׳איז אראָפּ א טייל צו דעם דנאָ.

זיבן קרוינשטעט דערוועקט האָבן בליצן,
זיבן אײַזנברעכערס — ריזיק ווי שטעט;
און אן אומרו א העלער צעבליט זיך,
נ׳ערגעץ אומרו מיט אומרו רעדט.

בלאָנדזשען פונקען ארום פון דעפּעשן,
איבער שטעט, איבער האפנס פון לאנד;
— אז ס׳איז שנים! אז מע שנײַדט און מע דרעשעט,
ס׳זײַנען שטעט אין די ווײַטן געשפאנט!

— ווו איז כארקאָוו — פארגאנגענע יאָרן?
— ווו איז כארקאָוו — פארשניטענער הילכ?
אז עס קלינגען שוין ניט אין קאיאָרן,
ווי אין גלעקער — די קאנען פון מילכ;

אז פון טיפ פון יאָרהונדערטן טונקעלע,
פון געדעקטע מיט שוועבל און שטרוי—
איז ארויסגאן די שטאָט זיך באטרינקען
מיט געשטאלטיקטן שטאָלענעם טרוים...

פאנאנדערשײַנט וועגן אפ צאָפן
און צעעפנט דאָס הארץ פאר א גאסט,—
האָט זי מאָסקווע געשטעלט זיך צוקאָפּנס
און געלייגט זיך צופוס דעם דאָנבאס.

און אַרויס צו דער הייך אַפּ אַנטקעגן —
נים מיט גאָלד פון קלויסטערשע קעפּ,
נאָר מיט צײַט, מיט רוים און באַוועגונג
ג'מיט געשריי פון געקאָוועטן סטעפּ

זיך באַטרינקען מיט בלויע עטאַושן,
זיך באַלאָדן מיט שטאָלענעם בלוי, —
ערגעץ מעסט זי שוין אָן אַפּ זיך ראַשיק
איר באַנײַטע בעטאָנענע הויט.

און דעפּעשן אַפּ מאָסקווע — ווײַטער,
און דעפּעשן — אַפּ מאָסקווע דער שטאָט;
פליִען פונקען — לופטיקע רײַטער,
ס'איז קיין פלעצער פאַר אָפּשטעל נישטאָ

איבער רוימען — פאַרוואָרפענע וועגן,
איבער רוימען — בליציקן ברויז, —
איז די הויפּטשטאָט געלאָזט אין באַוועגונג
אַפּ יאָרהונדערטן גאַנצע פאָרויס!

דרײַסן ווערטער דעם רוים אַפּ שטיקער,
טראָגן אויף זיך און קומען צוריק,
ס'איז אין דר'הייך ערגעץ מאָסקווע אַפּ בריקן.
ווי אַ דענקמאָל פון אופשטאַנד און זיג!

אָט איז מאָסקווע — אין זוניקע רויכן, —
אָט איז מאָסקווע — באָרוועס געשטעלט;
ווי אַ פאָן אַפּ אַ באַרג אַפּ אַ הויכן,
אַז געזען זי זאָל זײַן פון דער וועלט.

און עס פליִען די פונקען צו האַפנס,
צו די שווימענדע שטאָלענע שטעט;
ס'רעדט דאָס גאַנצענע לאַנד טעלעגראַפיש
און עס הערט זי די גאַנצענע וועלט.

בלאָנדזשענע פונקען אַרום פון דעפּעשן,
איבער שטעט, איבער האַפנס פון לאַנד;
— אַז ס'איז שניט, אַז מע שנײַדט און מע דרעשט,
ס'זײַנען האַפנס אין שטורעם געשפּאַנט.

מיט פארוואָרפענע ווענטקעס צו שטערן,
פון א זעקסטכיילעק ערד: — דערלאנג!
שליסט דאָס לאנד זיך ניט אויס פון די ספערן,
שליסט ניט אויס זיך פון הייכן דאָס לאנד.

עפנט אוף, ווי א בלאט נאָך א בלאט זיי,
אין צעפּאָכעטע פונקען פארוועבט:
— שיקט ארויס אפּ דניעפּ וואָדאָלאזן,
— וואָדאָלאזן געניטע צום דניעפּ!

און מיט ווענטקעס צו שטערן פאראנקערט,
איבער מילכוועגן, — כוואליעס-געפּליעסק,
כאפּט דאָס לאנד אומפארשטענדלעכע קלאנגען,
כאפּט דאָס לאנד א געשריי: „עס אָ עס".

איבער איינזאמע ווינטיקע רוימען
טרינקען ווערטער זיך — ווינטיק און ווײַס;
ס'שמײַסט דער ווינט און פארשלײַדערט זיי נ'טהאָמען
און זיי קומען ארויס פונדאָסנײַ.

ס'דרײַסט א סווישטש זיך פון שנייִקן קאָל אויס
און סע פאלט ווי פון בליציקע טרעפּ:
— עס אָ עס. איטאליע, פּאָליוס,
— עס אָ עס. וואָדאָלאזן צום דניעפּ.

צוויי ראדיאָס זײַנען געלאָפן,
זיך באגעגנט אין לופט — און פארוועבט;
די ערשטע — פון שנייִקן צאָפן,
די צווייטע — פון זוניקן דניעפּ.

פּונקט ווי רויב-פויגל צוויי זיך פארפלאָכטן
מיט די פליגל פון נעגל און לײַב;
ס'פליקן פונקען, ווי פעדערס צעבראָכענע,
און זיי פּאָכן און סווישטשען, ווי בלײַ.

ס'וויל דאָרט איינע דערשלינגען די צווייטע,
און דערגרייכן וויל איינע — פארפריר;
רײַסן ווינטן די לופטן ביז וויטעק,
און ביז וויטעק איז זיס דער עפיר.

אונטער אָפּגרונט — די וואסערן מורמלען,
ס'איז דער אָפּגרונט פארוויגט און פארווייט;
ס'א דעפּעשע געגאנגען קיין מורמאנסק,
קיין ארכאנגעלסק געגאנגען זיינען צוויי.

א מעסלעס מ'האָט די טיפן געמאָסטן,
און אין דר'הייך איז געגאנגען א ראט:
און געגאנגען ז'א דעפּעשע קיין מאָסקווע,
און א בליץ האָט געוועקט לענינגראד.

ערגעץ ווארט מען סיגנאלן ניט-היגע,
ערגעץ טראָגן סיגנאלן זיך גראד;
שוין דעם צוועלפטן מעסלעס, אז „מאליגין",
אז „מאליגין" ט'פארלאָזט לענינגראד.

ס'איז „מאליגין" איצט ווייט בא דעם פּאָליוס,
ס'שניידט „מאליגין" דעם אייז-אָקעאן;
ניט דערגאנגען דאָס מענטשלעכע קאָל איז,
צו דעם זוניקן לאנד — ניט דערגאן.

ס'האָט פארהוליעט באנאכט זיך מילאנאָ,
און פאראדן נעמט אָפּ ערגעץ רוים;
פון די אייביקע שנייִקע לאנען
די פארפלעקטע מיט בלוט פון איר טרוים

האָט דער רוף ניט דערגרייכט צו דעם לאנד דאָרט
ניט דערגאן צו דער צעזעדשער קרוין;
ס'האָט פארהוליעט באנאכט זיך מילאנאָ,
און פאראדן נעמט אָפּ ערגעץ רוים.

וואטיקאן דאָרט אפּ הייליקן רום בעט,
ס'קלינגען פינצטערע גלעקער אין רוים;
און עס וויגט זיך איטאליע אין רומבא
און ס'פארוויגט זי א שנייִקער טרוים.

זיבן קרוינשטעט דערוועקט האָבן בליצן,
זיבן אייזברעכערס — ריזיק, ווי שטעט;
און אן אומרו א העלער צעבליט זיך,
ב'ערגעץ אומרו מיט אומרו רעדט.

טעלעגראמען — אין פיבער דאָס לאנד איז,
טעלעגראמען — געפלאצט — קומען אָן;
און עס ציטערט אין פאָרט א קאָמאנדע:
— אפן מאסטבוים, מאטראָסן, די פאָן!

טעלעגראמען — פון אלע עקן,
ס'הייבן פאָרהאנגען אופ זיך פון ראנד;
און עס הילכן ווייטן, ווי גלעקער:
— אפן מאסטבוים די פאָן — פאראן!

און מאטראָסן — געפינדלט, געפאסיקט,
און מאטראָסן — אפ אייזיקן רייד;
עס האָט זיך געגרוזעוועט „קראסין",
עס האָט זיך „מאליגין" געגרייט!

און עס שרייען די דאמפערס און סאפען,
און דאָס וואסער איז בלוי און פעט;
א קאָמאנדע: — וואָדאָלאזן— פארכאפן!
— וואָדאָלאזן פארכאפן! — פאראן!

אלע מאָל זיך די הייבערס פארקערעוועו,
און ווי זשאברעס זיי סמאָרען דאָס לאנד;
קאָמאנדע: — פלייש און קאָנסערווו!
און א הילך און א דונער: — פאראן!

ס'צעפראלן זיך שייערס, ווי פעסטונגס,
סאָוועטישע שפייכלערס — צעשפארט;
באלאָדן איז „קראסין" שוין פעסט דאָרט,
און „מאליגין" געהאָרכזאם וואכט!

עס יאָגן און ס'פליִען באפעלן,
אין פיבער און היץ אין געלאָפ:
— אז קליידער פון הירשענע פעלן
און שטיוול פון ווארעמסטן שטאָף!

שוין פארלייגט און באלאגערט די פאלוב,
מיט דער בעסטער געקליבנסטער שפייז;
און ווי זילבער-צעשטראליקטע שפאלן
וועט זיך לייגן צעטראסקעטע אייז.

און מע האָדעוועט קעסלען מיט קוילן,
און דאָס אײַז פון די באָרטן מע שינדט;
— היי, פאַרווינטיקטע העלדזער הוילע,
קלאַפּט דאָרט אויס און פאַרפרוווט די מאַשין,

אַז זי זאָל אין דער טיף זיך אַ לאָז טאָן,
זי זאָל אופגייען אין פײַן און אין פרייד;
פון דער ווײַטער סאָוועטישער מאָסקווע
ביז צום צאָפנשן פּאָליוס — אַ רייד!

האָבן אנגלען געמאָלדן פראָסטיק,
און אַ דונער געטאָן צום לאנד:
— פאַראַן פון סאָוועטישער מאָסקווע,
ביז צום צאָפנשן פּאָליוס — פאַראַן!

און אַ פײַף. אַ דריטער. אַ דרייסטער.
און אַ הימן צו ווײַטן פון יאַם;
ג'א קאָמאַנדע: — נעמען די אײַזבערג!
און — נעמען די אײַזבערג — פאַראַן!

טעלעגראַמען — צו שטערנשע וויסטעס,
טעלעגראַמען — געפּלאַצט — קומען אָן;
און ס'האָט מיט די אײַזבערג געגריסט זיך
די פאַרהייבן-סאָוועטישע פאָן!

אפּענינען צו הייכן זיך רײַסן,
זיי באַקוקן די שנייִקע מײַלן:
און צום פּאָליוס געגאַנגען איז „קראַסין",
און „מאַליגין" אַפּ הילף האָט געײַלט.

נאָר צום פּאָליוס — אַלץ ווײַטער און העכער
איז „מאַליגין" און „קראַסין" געגאַן,
דעם קאַטוילישן גײַסט צו פאַרשוועכן
מיט דעם גײַסט פון סאָוועטישן לאַנד,

צו פאַרשוועכן דעם אוראַלטן טיבער,
צו פאַרמווירדיקן זײַנע נעכט —
מיט סאָוועטישער פּראָסטער ליבע
און מיט ברויט פון געוועזענע קנעכט!

צו דעמ דניעפּער געקומענ מ'איז ערשט,
ווענ די אײַזבערג געשפּאָלטנ האָט „קראסינ“;
בעזידלט האָט זיכ אוראָמ-הערש,
אונ געווערטלט שטיל האָט לוקא זיכ.

נאָר ס'זײַנענ געגאנגענ אוראלנ
אפּ אדורכ אונ אריבער דער צײַט,
פונ אלט אונ פונ יונג אונ פונ אלע,
מיט די הענט, מיטנ הארצ נ'מיט געצײַג.

איבער יעטווידנ טייל — א געכאפּ איז,
אונ קיינ איינציקע רעגע אפּ רו;
— ווער סע יאָגט זיכ מיט אײַזערנע שטאבעס,
— ווער מיט קלעצער אפּ אקסל — פּארוקט.

נ'באמ באלויכטענעמ ברעג פונעמ דניעפּער,
דעמ פּארפּלייצטנ מיט ליכט אונ מיט נאכט, —
האָבנ לאָצמאנעס אלטע געגעפּלט,
האָבנ לאָצמאנעס אלטע געוואכט,

אונ געווארט אפּ יעדיעס פונ טיפנ
אונ געווארט אפּ יעדיעס פונ דנאָ;
מ'האָט געקוקט אפּ די ווײַזערלעכ: — וויפל ?..
— אונטער וואסער זײַג קאָנ מענ נאָכ!

ס'אזוי דורכזיכטיק-שטיל אפּנ פּראָפיל,
ס'האלדזנ בלינגד זיכ א קוואל מיט א קוואל;
— צי א שטערנ ז'דאָרט איבערגעלאָפנ?
— צי א שטערנ געטאָנ האָט א פאל?

זיכ פּארזויגנ מיט גאָלד פונ די זאמדנ,
זיכ באטרינקענ מיט גאָלדענער שײַנ, —
אונ איינ דר'הייכ מיט די הייבערס זאמט מענ,
באדארפט דאָ זיי האָבנ שוינ זײַנ!

וואָדאָלאזנ דעמ דנאָ דאָרטנ נאָגנ,
ווי בעפּאנצערטע אנקערס מיט גיפט;
ס'זאָל ניט ערגעצ די הרעבליע פּארטראָגנ,
ס'זאָל דעמ שליוז ניט פּארשלינג

און צום פּאַליוס — אַלץ ווײַטער און העכער
איז „מאַליגין״ און „קראַסין״ געגאַנגען
דעם קאַטוילישן גײַסט צו פאַרשוועכן
מיט דעם גײַסט פון סאָוועטישן לאַנד.

און מע וואָרט פון דער הייך אַף די הייבערס,
אַלע מאָל גיט אַ כוואַליע אַ שטורכ—
ערגעץ הויך איז דאָס וואַסער-שויבּיק,
נאָר מע זעט דורכ דעם גאָרנישט ניט דורכ...

אַף דער אויבערפלאַך לאַצמאַנעס ליגן,
מיט צײַטונגען פרישע — געשפּאַנט;
— שוין צוגאַנגען צום פּאַליוס „מאַליגין״,
מיט אונדזער אַן אַעראָפּלאַן!

מע צערײַסט זיך דאָס מויל אַף דער צײַטונג,
און מע קנופּט זיך צונויף אין אַ קנויל:
— און ווײַטער... וואָס שטייט דאָרטן ווײַטער?
פאַרשטאָפּט מען מיט נײַגער דאָס מויל.

פון בערד אַזאַ טרויער אַ קלוגער,
און יעטווידעס וואָרט, ווי אַ שטיין:
— צו פראַנץ און צו יאָסיף מ'איז צוגאַנגען
און דאָרט געבליבן מ'איז שטיין...

עס זעצן די לאַצמאַנס זיך איבער,
נאָר עס שרײַט פון דער ווײַט אוראַם-הערש:
— און ווײַטער וואָס שטייט דאָרט געשריבן?..
די הייבערס ווי זײַנען? הערט!

— אײַ, ברענט דאָרט דער פראַנץ און דער יאָסיף,
מיט זײַן אײַז, מיט זײַן שניי, מיט זײַן ערד;
און ווידער מע זיצט שוין געשלאָסן,
און ווידער מיט נײַגער מע הערט:

— און ווײַטער... קאָמאַנדע — איטאַליע...
און ווײַטער... און ניט אַזוי שנעל;
פאַרנומען מע האָט זיי שוין אַלע,
נאָר אײנער פון זיי האָט געפעלט...

— האָ-האָ! — טוט דער ווינט זיי א בראָך דאָרט,
— האָ-האָ! — קוקן אויגן זיך אום;
פאַרזיכערט דאָרט איינער מאַכאָרקע,
אַנ אויגנבליק — שטיל און שטום...

נאָר פייער פון שטיינ אַזוי קאַרג גייט,
און לאָצמאַנ אַפּ היפּקע בלאָזט:
— זיי האָבנ דאָרט איינעם געהארגעט,
זיי האָבנ דאָרט איינעם געלאָזט!

— מע האָט נאָר געפונענ זיינ אָנטאָנ,
מע האָט נאָר געפונענ זיינ הוט;
און ס'האָבנ אַפּ שניי זיך געפלאָנטערט
עטלעכע טראָפּנ בלוט...

ס'ווערנ אויגנ בא אלעמענ גרעסער,
און ס'הייבנ און ס'בייגנ זיך קעפּ;
אַנ אויגנבליק האָט מענ פארגעסנ
אָנ דער טיפ, אָנ דעם דנאָ פונעם דניעפּ..

ס'אַזוי דורכזיכטיק-שטיל אַפּנ פּראָפּיל,
ס'האלדזנ בלינד זיך א קיואל מיט א קוואל;
— צי א שטערנ ז'דאָרט איבערגעלאָפּנ,
— צי א שטערנ גטאָנ האָט א פאל?..

אַז עס איז נאָך אינגאַנצנ געבליבנ
צו דערגראָבנ דאָרט עטלעכע גראָב;
און עס טוט זיך א רודער א הליבע
און דערלאַנגט דאָרטנ איינעם אינ קאָפּ.

דער סקאַפּאַנדער זיך גיסט דאָרט מיט בלוט אָנ,
און מיט פינצטערניש גיסט ער זיך אָנ;
און אַפּ פאַנצער צעלייטנ זיך נאָטנ,
נ'עפּעס אַלץ ז'אַזוי וויַט נ'אַזוי נאָנט...

נאָר ער רוקט נאָך אַריינ אינ די קלעמער
שוינ דעם לעצטנ שטאַנג מיט וויי...
נ'עפּעס גיבנ די טיפנ א נעם אים
און א וויג, און א טראָג, און א דריי...

אין דער הייך האָט זיך אָפּקלאַנג געכוואַליעט,
כוואַליעס געוועז זײַנען העל:
— פאַרנומען מע האָט זיי שוין אַלע,
נאָר איינער פון זיי האָט געפעלט...

3

פאַרכאָלעמטע פּאַלאַטקעס שפּרייטן אויס זיך נעפּלדיק,
עס גאַנגוועגנע זיך אָוונטיקע שאָטנס בײַ די ווענט;
דעם טאָג האָט אווראָם-הערש געטרייסלט, ווי אַן עפּלבוים,
געריסן זיך, ווי פויגל, האָבן שאָען פון די הענט.

איז לויטער אים די נאַכט און אַפן הארץ — נאָך לויטערער,
מיט פרידן ער פאַרבײַגייט די געבײַדע פון פאַרטקאַם:
— ווי כאַפּט מען ניט קיין קוק אין פענצטער אין באַלויכטענע?
— ווי שטעלט מען זיך ניט אָפּ אַ דריי טאָג מיטן קאָפּ?

אַ פרישער לאַבן ברויט אונטער דער פאַכווע בריט,
און אַ האַלבע פלייצע אים אויסגעשמירט מיט מעל האָט;
נאָר מיט אַן אָפן מויל און צוגעשמידטע טריט
באַם פענצטער שטיין געבליבן ז'ער פריטשמעליעט.

— צי ווײַזט זיך אים נאָר אויס, צי ס'שווינדלט אין די אויגן...
— אַ וועמען רופט מען צו — דערלאַנגענע אים אַ טאָר?
און ווידער זיך ארומגעקוקט און ווידער — אופגעהויבן:
— איז וואָס? ס'איז טאַקע ער? געשיקט זיך — דער פאַרטאָרג?

אַף אַרום אין ווײַט געכאָרכלט האָט דער דניעפּער,
דעם גאָרגל אים געטראָטן האָבן זעכציק שווערע פיס:
און פײַערן צעפּאָכטעטע, ווי אופגעוויגטע גלעקער,
נאָר ס'האָט מיט אווראָם-הערשן זיך ניט אָנגעקערט אָט איצט.

געקוקט האָט ער אין שויב מיט ליפּן אופגעשפּאַרטע,
געשלונגענע מיטן אָטעם יעטווידן באַוועג;
— ווען אַ מענטש אַ היימישער וואָלט דורכגעגאַן דעם שליאַך דאָ,
אַז ער זאָל קאָנען געבן בײַ עמעצן אַ פרעג!..

אַף אַרום אין ווײַט האָט נאַכט זיך אופגעפעכערט,
דער ראַש איז אַפן דניעפּ, ווי באַם אַראָפּלאָזן אַ שיף;
אַף פײַער-פלאַכן — שיפלעך — ווי שווימענדיקע פערד דאָרט,
און ס'רײַסן, ווי פון בויגנס, זיך געשרייען אין דער טיף.

נאָר אינ פּארטקאָמ איז שטיל. געשפּענסטער פונ פּראָיעקטנ
מיט רויטנ שריפט געבונדענע אפּ קארטע פונעמ לאנד;
אונ אינ בלויענ קאלק — געאָדערט-אונ-געוועבטנ —
איז פּײַערלעכ אונ וואָכעדיק באקליידט איעדער וואנט.

אונ שטיל איז אינ פּארטקאָמ. געשפּענסטער פונ געבײַענ
אונ שאָטנס פונ אראָפּגעלאָזטע רינגענ אונ פונ שטריק;
אונ דער הויכער באלקנ ציט צו זיכ טרובאענ
א שלאנקנ, א געשלענגלטנ — הינ אונ צריק.

גימנאסטיק מאכט טרובא. גימנאסטיק דער פּארטאָרג מאכט.
ס׳איז ווײַט צו האלבער נאכט. ס׳איז ווײַטער נאָכ ביז טאָג;
— ס׳א קונצ! — טראכט אוראָמ-הערש, — דערגייג צו אזא כאָכמע —
— ס׳איז וואָס? ס׳איז טאקע ער? געשיקט זיכ — דער פּארטאָרג?

ווענ טרובא פּארזיצט דאָרט בא דער ארבעט אמאָל שפּעט זיכ,
ווענ אינ זיבנ ארבעטנ איז א האלבע נאכט פּארבײַ;
איז גיט ער פונעמ באלקנ א לאָז אראָפּ טראפּעציעס,
אונ ס׳לאָזט זיכ אינ דער אכטער אָפּפרישנ טרובא.

עס גיבנ פונ די קעמערלעכ א שפּאר ארויס זיכ מוסקולנ,
זיי גיבנ זיכ א יאָג אזא, א גליטש איבערנ לײַב;
עס כאפּנ זײַנע ביינער אזא קלינגענדיקנ שמועס דאָרט
אונ אָט איז ער שוינ אויסגעצויגנ, בייגעוודיק אונ גלײַכ!

א שנײַד גיט ער די לופט — אינ דר׳הייכ - איבער זײַנ קאָפּ,
א שטופּ גיט ער דעמ דיל — פונ זיכ — אונ ער — צעווישנ;
עס גיט א זינג דאָס בלוט — פונ אויבנ ביז אראָפּ
אונ ס׳שליסנ אײַנ זיכ ביינער — אופגעוויגט אונ פרישע.

אונ אינ זיסנ אָנשטרענג, אונ אינ קרעפּטיקנ — דער קערפּער
פּארגייט זיכ אינ דער שטילקײַט פונ דער נאכט, ווי א געזאנג;
עס דוכט אימ, אז זײַנ אָטעמ יאָגט אונ איבערקערט דאָרט,
אז צריק זאָל ער צומ ארבעט-טיש ניט אָנקומענ פּארזאמט.

ס׳פּארשווינדנ פונעמ אויג די הייסע ווערטיקאלנ
אונ לײַכט ווערט אימ אינ קאָפּ פונ קרעפּטיקנ געשפּאנ;
פינ איינ וואנט שמייכלט — לעניג, פונ דער צווייטער — סטאלינ,
ווי זיי וואָלטנ באגיטיקט: — בראוואָ! גוט, טרובא!

געשטאַנען ז'אוראַם-הערש, געקוקט און זיך געוווּנדערט.
און אײַנגעשטעלט א ליַיכטן קלאַפּ אין שויב:
— ס'וואָלט יעדער מענטש א באַלן זײַן דערגיין שוין ביזן גרונט דאָ,
וואָס איז דאָס פאַר א מאָדנע סאָרט פאַרשוין?

האָט טרובא געפּנט ס'פענצטער אווראָם-הערשן,
אים אויסגעשטרעקט די הענט, די לופט געטאָן א זויג:
— ווי שפּעט איז, אווראָם־הערש? אזייגער צוועלף זײַנ איצטער קער שוין.
— נו וואָס? איך מאַך עס פײַנ? געזען האָסט ווי'אזוי?

א ווײַלע נאָך געקוקט. א ווײַלע נאָך געקלערט דאָרט,
א ווײַלע זיך געדרייט — אהין אהער —
און אויסשיסן ז'געוועט אים לײַכטער מיט געלעכטער:
— פונוואַנען ווייסט איר, אז מע רופט מ'יך אווראָם־הערש?

— פאַרוואָס זאָל מען ניט וויסן? דו אַרבעסט גוט, דו זשליאָקעסט.
דו גייסט אין דײַן בריגאַדע — סאַמע ערשט —
איז וואָס פאַר אזא גוואַלדיק-גרויסער פּאָקוס
וויסן, אז מע רופט דיך — אווראָם־הערש?!

עס האָט זיך אווראָם־הערש א רוק געטאָן פאָרויס,
א דריי געטאָן דעם קאָפּ, ווי עמעץ וואָלט געלאָקערט, —
און איז שוין מיטן גאַנצן קאָל אַרויס:
— פונוואַנען ווייסט איר, אז אווראָם־הערש זשליאָקעט?

— פאַרוואָס זאָל מען ניט וויסן? א טשערוואָנעץ יעדער טאָג איז!
דאָס ווײַב האָסטו אין דר'היים געלאָזט דאָרטן ביז איצט...
איז וואָס זשע פאַר אזא מין גרויסער פּאָקוס
וויסן, אז דו טרינקסט מיט יעדערן מאָריטש?

דו זאָלסט אמאָל אין קלוב אַרײַנגיין און — א לייענ
א צײַטונג... כ'ווייס... נו, ספּאָרט. ווי איך;
און אז סע נעמט אין קאָפּ זיך אווראָם-הערשן דרייען
און אז סע גיט דער קאָס פון האַלדז בא אים א קריך:

— וואָס בין איך דאָ? אַן אַרבעטער, צי בין איך דאָ א שילער?
צעשמייכלט זיך טרובא צו אים: — ביידע באַגלײַך!
אָט זאָגסטו דאָך, אז רײַטן קאָנסט, ווי וואָראָשילאָוו,
און שיסן פאַר געווים ניט בעסער פאַר דײַן ווײַב!

און ס'האָט זיך אוּראָם־הערש פארשעמט... — נו, גוט, נו, גוט, נו...
דער זייגער האלט... ער האלט שוין זייער שפעט;
פון מײַן א פאטש קאָן איכעס ווערן קאַלאמוטנע,
אזוי־ווי פונעם בעסטן פּיסטאָלעט!

אף טרובאענו האָט א שמייכל זאפטיק זיך צעשײַנט,
דאָס פענצטער גיט געגלוסט האָט אף א ווײַל זיך אים פארשליסן;
נאָר געפלאקערט אוּראָם־הערש האָט און געשוויצט פון שאנד:
— און פונוואנען ווייסט איר, אז איך קאָן ניט שיסן?

— פארוואָס זאָל מען ניט וויסן? ס'קומט אלץ דאָ אף דער וואָג אויס!
אף דער קריג — ניין! מיט א ביקס — ניין!
איז וואָס פאר אזא גוואלדיק־גרויסער פּאָקוס
וויסן, אז פון פופציק טרעפסטו ניט קיין איינס?

— און איר, אף וויפל טרעפט פון פופציק אין די ווענט
מיט אָט די־אָ הוידעלקעס? ס'איז אויך צוליבן שאָס?
און אויסגעשטרעקט טרובא האָט אוּראָם־הערשןביידע הענט:
— שפרינג ארײַן אהער, — וועסטו א קוק טאָן — צוליב וואָס!

א שפרונג געטאָן מיט קאס האָט אוּראָם־הערש און איז געפאלן,
אף דר'ערד ט'ער זיך געגעבן א הילכיקן צעלייג;
און אופגעהויבן האָט ער זיך זידלענדיק: — א באלן!..
— שיסט אײַך דאָרט שוין ווײַטער און... טרעפט אײַך שוין אליין!

געקײַקלט האָט טרובא זיך הילכיק פון געלעכטער:
— געוועזן, אוּראָם־הערש! נו, האָב ניט קיין פארדראָס!
אָט אזא געזונטע, אָנגעפּעלצטע סטערטע...
א שפרונג טאָן, ווי סע דארף צו זײַן... — נו, ווייסט שוין צוליב וואָס?

אוועק איז אוּראָם־הערש, דערלאנגט אין טיר א האַק,
ארײַנגעפאלן טומלדיק — פארסאָפּעט און פארהאָוועט;
— וואָס האָט איר, באלעגאָלעס, זיך צעלייגט איצט אין באראק?
גייט נאָר כאפּט א קוק דאָרט, ווי די פארטיע פרעדסטאָוועט!

דעם ראָק פון זײַנע אקסל דערלאנגט האָט ער א ריס:
און איינעם מיט די פיס דערלאנגט האָט ער א טרייסל
— גימנאסטיקע אף וועטשערע! אָנ איבעראש: — וואָס איז?
געטרייסלט ט'אוּראָם־הערש זיך פון געלעכטער און געטעסעט:

— מע דאַרפ ניט קיינ טעאַטער! פּונקט ווי אינ א צירק,
גאָט זאָל מיכ אַזוי נאָכ אויסלייזנ פונדאַנענ!
אונ איינעם — א צעטויכע, דעם אַנדערנ — א צי:
— ווּ ביסטו ערגעצ, זאָזל? מע וואַרט דאָכ אָפּ דיר, טאַנע!

נאָר זאָזל איז געזעסנ אינעם גרעט אונ זיכ געקראַצט,
פונ סאַמע אונטער ד׳הענט אַנטלאָפנ אים א פליי איז;
געזוכט האָט ער, געזידלט זיכ: — א שוועבעלע — אינ קאָס:
— איכ בעט דיכ, אווראָם־הערש... זאָג מיר ניט קיינ דייעס!

— דייעס — ט׳ער זיכ נאָכגעקרימט — דעם טאַטנ דייַנעם ווי איז,
איז לאָז זיכ מיכ אָט דאָ א הייב טאָנ אָפּ דער באַנק!
אונ אָפּגעלאָזט האָט ער זיכ אַינדערלופטנ, ווי טרובא:
— ס׳איז מיר נאָר א שאָד, וואָס כ׳האָב דאָ ניט די שפּייעס!

— דאָ וואָלט אווראָם־הערש, פאַרלאָז זיכ, — ניט געפאַלנ,
אופגעהאַנגענ וואָלט איכ זיי אינמיטנ דעם באַראַק;
— הער אופ זוכנ, זאָזל! מ׳עט דיר שענקענ אַלע,
ווי איז דיר! א פליי האָט דיר פאַרפעלט, — פּערדאַק!

ס׳האָט זאָזל פונ צוקאָפּנס א כאַפּ געטאָנ די הויזנ,
ער האָט מיטנ געזעמס צו זיי זיכ צוגעקלייט;
אונ אויסגעשטעלט דאָס מויל זייַנס דאָס צעשפּאַלטענע, דאָס גרויזאַמע
— פונוואַנענ ווייסטו, אַז איכ זוכ א פליי?

— פאַרוואָס זאָל מענ ניט וויסנ? דו קראַצט זיכ אונ די „האָ״קעסט,
אונ בייזערסט זיכ, מע ווייסט ניט וואָס אונ ווענ;
איז וואָס פאַר אַזא גוואַלדיק־גרויסער פּאָקוס
טרעפנ, אַז דו זוכסט א פליי דאָרט אינ דעם העמד?

די שטילקייַט אינ באַראַק האָט ווידער אויסגעשפּרייט זיכ,
געכראָפּעט האָט מענ פרידלעכ אינ דער ברייט אונ אינ דער לענג;
אונ אווראָם־הערש מיט שטריק פאַרוואָרפנ איבער פּלייצע
אַרייַנגעטייַנעט האָט דאָרט שטיל אינ זיכ אַליינ;

אַרומגעזוכט א הוק, דעם באַלקנ ט׳ער באַטראַכט דאָרט,
דעם קאָפּ פאַרהייבנ הויכ אונ דורכגעצילט דעם שטריק;
א פּרווו געטאָנ — סע האַלט! א קוק געגעבנ: — פּאַרטיק!
אונ בורבלדיק א הייב געטאָנ זיכ הינ אונ צריק:

— אָט דאָ גיב איכ אזוי א צי זיכ צו דער סטעליע,
— אָט דאָ גיב איכ א דוכנ, ווי א קויענ קאָנ;
אונ גאָט זאָל מיכ אזוי אפ מייַנע פיס נאָכ שטעלנ,
ווי איכ לייג אוועק אפ ביידע דעמ פארטקאָמ!

אינדערפרי האָט ער באגעגנט טרובאענ אינ דער קיכ.
דער פרישטיק איז געגאנגענ לעבעדיק אונ ראשיק;
נאָר עפעס איז טרובאענ ניט געפעלנ דער גערוכ,
נאָר עפעס אימ פארדאכטיק האָט זיכ אויסגעדאכט די קאשע.

איז ער דאָרט מיטנ טעלער צוגעגאנג צומ קעכער
אונ אימ אונטער דער נאָז א טיטש געטאָנ די שפייַז:
— הער, — האָבנ די נעזלעכער טרובאענ זיכ צעפעכערע,
— דו ווייסט אינ וועמעס קאשע, ברודערל, דו שפייַסט?

אויב אופגעפרעסנ ווילסטו דאָ ניט ווערנ גלייַכ פונ איר,
איז — ערשטנס — נעמ אראָפ די טייקעפ פונעמ טיש דאָרט!
אונ זאָלסט עס ניט ארויסגעבנ מער אָט דאָס געריכט!
ב'אריינגיינ אינ פארטקאָמ זאָלסטו מיר טייקעפ נאָכנ פרישטיק!

אונ איצט — פארמאכ! גענוג! געהערט?
אונ איצטער — מער קיינ וואָרט. ניט ריידנ. ניט דערציילנ.
— מע קאָנ דיכ דאָ באגראָבנ אינ דער קאשע, ווי אינ דר'ערד,
אונ אפ דיר אפילע ניט אוועקשטעלנ קיינ ציילעמ!

אונ ס'איז טרובא אוועק נאָכ ערגעצ אופרופנ א זיצונג,
אוועק איז ער, ווי שטענדיק, — פריילעכ אונ פארטרויט;
— ניט באדארפט — געטראכט האָט ער — פאר אלעמענ זיכ היצנ,
מיט אזוינעמ רעדט מענ אויג־אפ־אויג...

אונ ס'האָט זיכ אווראָמ־הערשנ פארגלוסט אימ טאָנ א יאָג אָנ,
ס'האָט ווארעמקייַט אפ באקנ געטאָנ בא אימ א בלי;
ער וואָלט איצטער געקאָנט אימ אָפשטעלנ אונ זאָגנ:
— ס'איז גוט, כאווער טרובא! ט'אזעלכע האָט מענ ליב!

אונ נאָכגעקלערט האָט ער: — א יאט אזא געשמאק איז,
א צי זיכ צו אימ נענטער אונ נאָכגעמורמלט: — פייַנ,
בא אזוינע פליִענ די פלאמיקסטע ריסאקעס
אזוי זיכ אָנ א בייַטש. א קיצל נאָר. א פייַפ...

און נאָך האָט אוראָם-הערש אים נאָכגייענדיק געקלערט:
— אָט אזא קאָן פּויעלן — קיין טראָפּן זאָל מען קיינמאָל
ניט צורירן צום מויל — און האָב עס אין דר'ערד,
ער זאָל אפילע גיסן אפּ די גאסן זיך און וויינען.

אָט אזא קאָן פּויעלן. אלץ. איעדער זאך.
די ביקס — פּאָזשאלוסטע! א וואכטע נאָך — אוואדע!
נו, איז ער געגאנגען נאָך אים — געגאנגען און געטראכט:
— אָט אזא, ווען מ'האָט בא זיך אין דער בריגאדע!

ער זעט עס מיט די אויגן מיט די אייגענע — אָט ערשט,
ווי דעם טאָג פאר זיך ער זעט איצטער דעם העלן;
האָט ער אזא הוסט געגעבן גלאָקיק, אוראָם-הערש,
און דעם וועג פארלאָפן און דעם גאנג פארשנעלערט.

געוואָלט האָט ער — טרובא זאָל אים א צי טאָן פארן צונג,
געוואָלט האָט ער — טרובא זאָל אים מיט עפּעס וואָס פארטשעפּען,
עס גיט מיט יעדן שפּאן דאָס הארץ בא אים א צוק,
דאָס וואָרט וואָלט ער א וואָרפּ געטאָן אין מויל אים ווי אן עפּל.

— ווי גייט בא דיר די ארבעט, — גיט א פרעג דאָרטן טרובא אים,
דערלאנגט אפּ אים א קוק, דאָס הארץ אים א צעבויט;
און ס'גיט זיך אוראָם-הערש א קערווע נ'א צעקײַע:
— זי גייט... ווי אין א בלאָטע אן אָנגעשטאָפּטע בויד...

פונדעסטוועגן דערלאנגט ער דאָרט מיט גאדלעס א דערמאן זיך
און שטאָלץ שלאָגן די שטיוול זײַנע אויס איבער דער ערד, —
ווען מ'איז אפּן קאריער געקומען, ווי מיט קראנצן,
און אים פאר זאָלס ארבעט מיט דער ראָגאָזשע באערט

האָט ער קיין איינציק וואָרט קיין איבריקס ניט גערעדט דאָרט,
געשטאנען איז ער גרויזאם, ווי א לייב פונויבנאָן:
— נעמט זי צו, — געשריִען האָט ער, — קעפּ וועל איך צעפּלעטן!
לאָזט אָפּ נאָך א וואָך, איז ברענג איך אײַך די פאָן!

נ'צו זאָלען ט'ער מיט ווערטער פּאָשעט זיך געווענדט:
— פּעגירע אָפּגעריסענע, נעוויילע, קום אהער שוין, —
אויב דו ווילסט, איז — לעב! און ווילסטו — ווער פארברענט!
נאָר זאָלסט מיר אין א ראָגאָזשע ניט אָנטאָן אוראָם-הערשן!

וויל כ'וועל דיר נאָך די ליפּ די צווייטע אויך צעשפּאַלטן,
ווייסט מײַלער בא מיר האָבן פּערצן, זאָל, הערסט?
ער האָט אין אים א וואָרפּ געטאָן אן אויסגעפּיקטע פּאַלטע:
— פאַרשרײַב עס אפן פּליך. דאָס זאָגט דיר אוראָם-הערש!

נ'גענומען ט'ער די פּאָן — מיט שוויס און האָרעוואַניע,
די פּאַרע ט'ער געטריבן פון יעדן און פון זיך;
און איצטער איז ער רויִק. ס'איז אַלץ בא אים פּאַראַנען.
איז ענטפערט ער טרובאַען גאַדלעסדיק און גיך:

— איר מיינט דאָס, וואָס די פּאָן ז'ארײַן אין מײַן בריגאַדע?
דאָס הייסט נאָך ניט געאַרבעט. ס'אפילע ניט קיין ריר —
ווען איך וואָלט נאָר א כעוורע אן עמעסע געהאַט דאָ,
איז מאַך איך אײַך דאָ שאַבעס מיט א האַלב יאָר פריר!

ער לייגט זיך עפּעס איבער פון פּאַכווע אונטער פּאַכווע,
אפ טרובאַ'ן א קוק אזוי זיך פון דער זײַט:
— איר מיינט טאַקע די פּאָן, האַ? נייטיק זי באַדאַרף איך?..
נאָר ראַז איז זי שוין דאָ, — טאָ לאָז זי זײַן!

ער גיט א דריי די אויגן. קאַריערן זײַנען נאָענט.
א קוק דאָרט אפ טרובאַען, א ווונק צו דעם קאַריער:
— כ'האָב פּאָשעט פּײַנט א ראָגושע... איך האָב ניט קיין האַנאָע...
אין לעבן מיט קיין ראָגושעס ניט צוגעדעקט קיין פערד!..

בא אַנדערע — פּאָושאַלוסטע! פונעם גאַנצן האַרצן...
בא אַנדערע — מיט קאָוועד — וויפל מע געברויכט;
לאָזן זיי זי אונטערשפּרייטן, אויב ס'איז ערגעץ האַרט זיי...
אוראָם-הערש קאָן זיך נאָך אָנטאָן פון דער כופּע עפּעס אויך!

אוראָם-הערש האָט נאָך אין דר'היים א שאַבעסדיקן סערדעט,
געוואָלט אים האָבן באַנדעס, גענומען אמאָל אכט;
און אז ס'איז אוראָם-הערשס, — ווען ס'האָט דער מאַרק דערהערט דאָרט,
איז האָט מען עס צוריק אַליין אים אָפּגעבראַכט.

און ס'הייבט אפ אים טרובאַ דאָס הייזעריקע קאָל אויף,
— נו, וואָס זשע, אוראָם-הערש!.. א שאָד עס איז... אפ דיר,
געבליבן ביסטו נאָך אַלץ דער אַלטער באַלעגאָלע,
כאָטש סאָציִאַליזם איז אצינד דײַן פּאַסאַזשיר!

אפ צדיקוועגס ד׳ער געגאנ, ווי דורכ א וואלד פונ יאָרנ:
דער טערדעט אונ די ראָגוזשע. די פּאָנ. טרובא. געיעג.
נאָר אויסגעקומענ איז אימ — א וואָגנ אָנ רעסאָרנ,
אונ עס איז א ביטערער, א בארגעדיקער וועג...

אונ ס׳איז טרובא אוועק. אָט גייט ער בא דעמ ברעג דאָרט,
אָט ווארפט אפנ וועג דאָס אָנטאָנ זיכ אראָפּ;
מיט אנקערס אלערליי א טאטויִרטער אונ געפלעקטער,
אָט גיט ער זיכ א לאָז אונטערנ וואסער מיטנ קאָפּ.

אונ דרײַ מינוט איז שטיל. ס׳איז דרײַ מינוט געפערלעכ.
אונ אפ דרײַסיק מעטער ווײַטער זיכ באווײַזט
א שווימענדיקער קאָפּ, א בלישטשענדיקער מער נאָכ
אונ וועטלעס צוויי געלאָזמע — גלײַכמעסיק אונ דרייסט.

אונ ס׳דאכט זיכ, אז דעמ דניעפּער מעסט ער אזוי אויס דאָרט,
יעדער לייג — א מעטער, יעדער לייג — א רינג;
ס׳גייט פריילעכ א געיעג פונ מוסקולנ געפּויסטיקט,
זיי שפּרינגענ אפ זײַנ קערפּער לײַכט אזוי אונ גרינג.

עס שטופּנ צו אימ כוואליעס זיכ, עס ברייטערנ זיכ קרײַזנ,
נאָר ער הייבט אופ די הענט אונ גרונטעוועט דעמ דנאָ;
אונ — א שווענק די נאָזלעכער — אָרנטלעכ אונ פלײַסיק
די האָר פּארקעמט ער, נאזנדיק — באמ וואסער — נ׳עפּעס נאָכ.

דערנאָכ גיט זיכ די זונ א שפּיגל אינ זײַנ קערפּער,
דערנאָכ גיט ארומ א וויקל זיכ דער ווינט;
אונ דרײַ מאָל פריש איז אימ צו ארבעט זיכ א קער טאָנ,
אונ פונ טײַכ זיכ אופהייבנ — זיבנ מאָל געשווינד!

פּארצערוועטע קינדהײַט, גרינע,
אונ גרייטקײַט פּאר קינפטיקע טעג;
איז אופגאנ טרובא נ׳א באגינענ
אפ מעסטנ אומבארעגיקנ סטעפּ.

שטאבאנעס, נויט אונ באטראקעס
אונ לאָצמאנס — אינ שטריק געשפּאנט;
אינ סטעפּ, ווי נ׳א בלעכענעמ באק איז,
געבוירנ געוואָרנ טרובא.

— א נאכט — ווי אין סטעפ דארף א נאכט זײַן,
מיט שטילקײַט, מיט שרעק און ווינט;
דער דניעפער ט׳געריסן דאָס הארץ זיך,
נ׳א מאמע ז׳געגאנגען צו קינד.

— איז וועמען אן אומגליק, א פרייד דאָ,
וואָס נאָך מיט א מויל, א פּאָר פיס?
באָרוועס. די הוט פונעם זיידן
און הונגער — אין פרייד — ווי ניט איז.

געפּאסטעכט, געפירט אפ פּאראָמען
און מײַסעס געשלונגען ער האָט,
פון לאָצמאנס, פון גרויסע מילכאָמעס,
נ׳אליין ער אוועק איז אין פלאָט.

ז׳געשטראָמיקט זײַן פּאָנעם מיט שפּורן,
מיט יאָרן פון פײַער און פראָסט;
— די דײַטשן, דעם פאלאַץ געשטורעמט,
אווראָרע! — און ער — א מאטראָס.

און ליענטעס, און קליאָש, ווי די זעגן,
און טשובן אפ ברויזיקע קעפּ;
פון ניעווא ביז שווארציאמיקע ברעגן
און צוריק צום צעבושעטן דניעפּ.

אפ שטרעקעס, ווי טעפּעכער גרינע,
צעשנימען מיט שארפּ פון דניעפּ;
ז׳געשטאנען טרובא אין באגינען
געמאָסטן די ווײַט פון סטעפּ.

צעבײַלט איז דער סטעפּ מיט קורהאנעס,
מיט ציילעמס, מיט קוואָרים און שטיין;
ס׳איז יעדערן שווער דאָ דערמאנען
אוועמעס ס׳איז רו און געביין.

די סטעפּעס געבלאָטערטע זײַנען
מיט בלוט פּארטיזאניש — פון שטעט,
וואָס האָבן דעם וועג צו אוקראַינע
מיט ביינער און ליבע געבעט.

פאַרצערוועטע קינדהײַט, גרינע,
און גרייסקײַט פאַר קינפּטיקע טעג;
ז׳געשטאַנען טרובאַ אין באַגינען,
געמאָסטן אומבּרעגיקן סטעפּ.

עס האָבן אַמאָל דאָ פאַרצײַטנס
געצויגן זיך סטײַעסווײַז גענדז;
ציגײַנערישע בײַדלעך מיט שײַטערס,
געניוועשע פערד צו דער גרענעץ.

ז׳געשטאַנען טרובאַ אין אַ קעפּי,
די אויגן, ווי צירקולס זיך דרייען;
— אַפ יענער זײַט ברעג פון דניעפּער
ווערלן אופגייען זאַוואָדן אין רייען.

ס׳פּאַרקישעפּט טרובאַען אַ זעונג:
— אַ שטאָט אין קוואַדראַטן, אין טרעפּ;
צו די גרויע גראַניטענע לענגן
זיך פּליעסקען כוואַליעס פון דניעפּ.

איז געשטאַנען טרובאַ שטויביק —
די אויגן — ווי צירקולס — בלאַנק,
עס האָבן זיך צוגן געצויגן,
געצויגן געצײַגיק פון לאַנד.

פאַרטריקנטע ליים און בלאָטע
פון סטעפּ, פון דאָרפּ, פון שטאָט —
אַפ ברעגן — באַראַקן — געבלאָטערט —
ברעזענטענע שטיקער פאַרטאָג.

פון שטאָט אַ געריס: — אויטאָבוסן!
געפּראָפּטע מיט כיישעק און קויעך;
אַנטקעגן — אַפ פערד און צופוסנס,
און שטויב איז טײַער, ווי טוי.

אין שטראָמען פון מאַכנעס געדיכט
איז אָנגאַנג אַ פּרוי אין אַ פּלאַשטש;

די העל־בלאָנדע האָר, דאָס געזיכט
צום פרימאָרגן צום גרויען זיך לאשטשעט.

די טריט אירע — פעסטע. באוועגטע,
אין אויגן — פרימאָרגיקער באַנ, —
— די הויפּט־קאָנטאָר, — האָט זי געפרעגט דאָרט,
און דורכגעפירט האָט זי טרובא.

נו, איז מען געגאַן, איז מען צוגאַן,
צעפרעגט זיך, פארשטאַנען זיך שווער;
— עס שלאָפן זיך נאָך דאָ די צונג,
— נאָך נעכטן באדארפט כ'האָב אהער...

דערנאָך האָט טרובא זיך פארהאוועט,
עפּעס זוכט ער און ווייסט ניט וואָס:
— אינזשעניער. קאָמאנדירט. כאווער.
געשריבן ס'איז קלאָר און פּראָסט.

געגאַן זאַלבעגאַנד מ'איז צוזאמען,
פרימאָרגנדיק־שטיל און בארוט;
— ווי רופט מען אײַך? — פּראָסט, נעכאמע!
פון מאָסקווע? פון מאָסקווע! נו, גוט!

גענומען האָט ער איר וואליזע,
פון איין האַנט אין צווייטער — ס'איז גרינג;
— געוויס א קאָמיוגיכע איז זי,
און אויגן בא איר זײַנען גרינ.

און ברעמען בא איר זײַנען שווארצע,
נ'א שמאָל פּאַסיקל ציין;
און שמייכלען — שמייכלט זי, דאכט זיך,
וואָס הערט זיך אין מאָסקווע, דערציילט!

און ס'גלייבט טרובאען זיך קאָמע,
ער קוקט אף איר פּונקט, ווי ער לייענט;
און ווידער א זוכ און א שטאמל
און דעם דניעפּ א מעסט אין דער לענג:

— איר זעט? אָט זײַנען די שװעלן!
נ'אַפּ װיפל ט'געשפּעטיקט דער באַן?
ס'װעט, כאַװער, דאָ אַלץ אײַך געפעלן,
און מיך רופט מען פראָסט — טרובאַ!

4

געגאַנגען מ'איז דורך װוּ נאָר ס'איז פאַראַן אַ װעג,
געגאַנגען מ'איז דורך װוּ עס איז פאַראַן אַ שליאַך נאָר.
אַף שטרעקעס װײַט אַרום האָבן געװעקט
די פעסטע טריט פון גײיענדיקע מאַכנעס.
אַף שטרעקעס װײַט האָבן זיך בערג געבױגט
צום דורכגאַנג פון גרױסאַרטיקע באַװוּסטע אירע,
געשװילטע לאַנד־מײַסטערס פון שלאַכט און פון געבױ,
באַרימטע טעסלערס, שטײנהעקערס און בעטאָנירער.
עס האָט אײנערגעץ זיך ניט אָפּגערוט קײן װעג,
מיט טריט האָט זיך קײן װעג אײנערגעץ ניט געװעגנט;
געגלאַנצט האָבן אַף פּלײצעס אױסגעשלײַפטע העק,
געשפּיגלט אין דער זון האָבן זיך בליאַסקענדיקע זעגן,
און צו דעם שטראָם פון לײַט איז ניט געװען קײן עק,
און צו דעם איבערשטראָם איז ניט געװען קײן אױפהער;
אַף שטרעקעס װײַט אַרום האָבן די טריט געװעקט,
אַף שטרעקעס װײַט אין דר'הײך האָבן די טריט געטופּעט,
װי כמאַרעס אָנגערוקט זײ האָבן זיך צו נאַכט,
און ניט געקאָנט דער ברײטער באַרגעדיקער ברעג האָט
דאָרט אַלעמען באַזאָרגן מיט אַ דאַך,
נ'באַזאָרגן אַלעמען מיט אַ געלעגער.
באַלײגט איז שױן געװען דער גאַנצער ברעג
מיט אױפגעפליגלטע געצעלטן און באַראַקן,
װי גרױסע ברױטן אױסגעזעצטע אַף אַ ברעט, —
זײ זאָלן אַף דער זון אַ קאַפּ זיך נאָר דערבאַקן,
נאָר ניט באַװיזן אױפצושטעלן האָט מען דאָך
אַזױפיל פאַר אַ טאָג — אַרײַנעמען ס'זאָל אַלע;
געגאַן און אָנגעקומען זײַנען נאָך,
עס האָבן מענגעס אַף די װעגן זיך געכװאַליעט.
און ניט־צופרידנקײַט געזאָטן האָט אין קעפּ,
און פון די שטאַרקע בערד געזאָטן האָט פאַריבל;
נאָר אַ געפּאַלמעסטער געלעגן איז דער דניעפּ,
געפּאַסט אין זאַמד אין זוניקן פון זײַטן — קעגניבער.
ס'זײַנען געשטאַנען זומערדיקע ברױנע טעג,

אזעלכע זוניק־אָנגעפילטע, גינ-גאָלדענע טשאנעג;
האָט די געקומענע טרובא אפ גיך דערוויִל צעשטעקט
א ווו-ניט-איז — ביז וואָס, ביזוואנעג,
בא זיך, בא צווייטע און בא ענלעכע — צוגאסט —
ווו נאָר מ'האָט ניט דערווידערט און געלאָזט זיך,
און ווער עס האָט א נאכט גענעכטיקט אפ דער גאס
און ווער ס'האָט ערגעצ-ווו זיך אויסגעמאָסטיעט,
און איינער ז'אומגעגאנ א גאנצנ טאָג,
געזוכט, געגישטערט ביז פארנאכט דאָרט;
און צו טרובא'נ מיט פרייד געטאָנ ס'האָט אים א טראָג:
— פאראנ! א ווינונג! אויסגעצייכנט. פארטיק!
—פאראנ? — געוווּנדערט זיך טרובא מיט אלע האָט, —
אזוי, נישקאָשע פונ אנ אָרט דאָרט?
— קיינ בעסערס דארפ מענ ניט. א פאלאצ! ס'איז אינ באָד,
און איצט בינ איך געקומענ, כאָווער, נאָר אנ אָרדער!

טרובא געשטאנענ איז א וויִל געפלעפט,
און יענער האָט פונ אייִנפאל אזש געשוויצט און זיך געשמאָלצנ;
— זיך איינגעאָרדנט ווי די גרעפ,
סע קאָנ גאָר בעסער ניט געמאָלט זייַנ!
א גאנצער קאָלעקטיוו
ז'פאראנ דאָרט...
און ס'האָט טרובא א שלעפ געטאָנ דעמ אָטעמ טיפ,
געגעבנ זיך א לאָך פאנאנדער:
— איז וואָס זשע פעלט אייִך נאָך? א ראָגאָזשע און זייפ?
א בעזעמל ארויסגעבנ זאָל דער פארטקאָמ אייִך? —
געפלאָנטערט זיך א ביסל צווישנ זיי,
ווי עמעצנ געוואָלט האָט ער דערקאָנענ:
— הומ... הומ... אינ באָד
זיך איינגעאָרדנט...

אנטקעגנ אלעמענ געטאָנ האָט ער א טראָט:
— איז הערט! איז אָנ אנ אָרדער
פאראָרדנ איך אייִך בלויז איינ נאכט,
און ניט צעווייקט ווערנ זאָלט איר מיר דאָרטנ.

נאכהער האָט זיך טרובא צעלאכט
און זוכנ ז'ער אוועק אליינ פאר זיי אנ אָרט דאָרט.

5

עס קומען אָן פרימאָרגנס, ס'גייען אָפּ פארנאכטן.
זיי טראָגן זיך אין ליכטיקייט אין רוישיקער פארביי;
עס שטייגן, ווי פאסירונגען, ארויס פון זיי די וואכטעס
און איינע נאָך דער אנדערער אין רייע און אין געבייט.

דריי פייערן אין דר'הייך — זיך צינדן און צעפלאמען,
מיט פּאָספּאָר און מיט שטערנצוויט באשאָטן איז די חייט:
אפ נאכטישער אשמורה גייט ארויס נעכאמע,
דעם לעצטן ביס פון אָונט-ברויט איינגאנצן ניט דערקייט.

דערשלינגט זי אים אין וועג, נ'פארגעסט ווהין זי גייט,
עס לאָזט אפ איר די נאכט אזא פארקישעפדיקן בלעבל,
אז ס'ווילט זיך א צעלויף טאָן און דערלאנגען א געשריי:
— דער רועך זאָל עס נעמען, ווי גוט עס איז דאָס לעבן!

אָט ליגט פאר דיר א דניעפּער א גאָלדענער — צעשמאָלצן,
און איבער אים — א שוימיקער, א שטערנדיקער ראָס.
— צי גייט מען אפ א וואכטע, צי גייט מען אפ א מאָלצייט,
צי גייט מען אפ א וווּנדערלעכן גרויסן מאסקאראד,

ווו מענטשן טראָגן אום זיך מיט שטורקאצן אין דער לופט,
און ס'בלישטשען אפ געזיכטן גרויזאמע שפאקולן;
— צי גייט ניט א באגינען אזא ברענענדיקער אופ
מיט שטייגנדיקע פייערן, ווי מעלדונגען ווי דולע?

די ערד וואָלט זי זיך צוגעצויגן פעסטער צו די טריט,
ווי לעבעדיקס. ווי לייב. און זיך פאנאנדערזינגען וואָלט זי;
נאָר ס'פלאצן אופ דאָרט שטיינערדיקע קנאָספּן מיט געבליט,
אזויוי פון א גרויסן פרילינגדיקן מאָלצייט.

און ס'וועט ניט זיין קיין וווּנדער אויב א זעץ טאָן וועט מוזיק,
און אויב ס'וועט די מוזיק פון הייסן דינאמיט זיין;
נ'א טאנץ טאָן וועלן בערג — צעטומלט און באזיגט
און פאלן צו די פיס — מיט קניִענדיקע בליצן.

געגאנגען איז נעכאמע מיט קרעפטיקייט און כיישעק,
אזויוי מיט די טריט וואָלט זי געמאָלדן דעם ארום:

— איך גיי! און ס'איז מיר גוט! און יעדן ריס כ'פארשטיי שוין,
און אפ קיין אויגנבליק צוריק איך קוק זיך מער ניט אום!

זי האט זיך פונדאסנייַ דערפילט דא. זי באקוקט זיך.
איר דוכט זיך, אז זי הערט, ווי אלץ אין איר איצט זינגט;
אז ס'קאן א לאנד מיט מענטשן און מיט טויזנטער קאנסטרוקציעס
אפ יעדן איינעם ווארטן. און אפ אזא, ווי זי.

און די נאכט — א היים איז. און א היים — דער סטעפ איז.
ס'איז דער ווינט — אן אייגענער. אג אייגענער — ביסטו!
עס הוידען זיך צו דיר די פייַערן, ווי עפל,
— גיי צו צו זיי און גלעט זיי, ווי דאס ליכט בא דיר אין שטוב!

א ווינטל שלעפט ארויס א שמעקעדיקע פאסמע
ניט גוט פארקעמטע האר פון אונטער ווייכער הוט;
דער מאנטל איז פארשפיליעט ביז ארוף, פונקט ווי פארכאסמעט
ער וואלט איעדן אויסוועג פאר איר ברוינזנדיקן בלוט.

און זי וואלט איצט מיט יעדן ווינט זיך אפגעלאזט דא,
מיט יעדן ערשטן ווינט — אפ ווינטישן פארלאנג;
די צייַט איז נים געציילט. די שטרעקעס — ניט געמאסטן,
— ווי לאנג האט זי געטרוימט פון א קאיאר אזא — ווי לאנג?

אפ ארבעט גייט נעכאמע. אפ ארבעט. ס'איז באגינען,
א וואלד פון טרויבן טויזנטער האט אופגערוישט מיט רוף;
ס'איז: — נעם צעשפאר דאס הארץ און טרינק און ווער פארכליניעט!
דער דניעפער דער צעשפאלטענער, די כמארעס און דער גרונט.

פאנאנדערגעוויגטע בריקן. און ווינט צו ווינט זיך ווענדט דארט.
און יארוסן באפליגלטע. און ראש. און — צעפאלאך;
און איבלדיקע מענטשן אין כמאריקע ברעזענטן,
נ'אפ וואגשאלן, אפ זילבערנע כון וואלקנס — דער קאיאר.

און טורעמס אופגעריסענע און אופגעשפארטע שיפן,
עס שווימט ערגעץ — אן אופגעוועקטער, פריידיקער — דער סטעפ;
און מענטשן איבער פעלדזן און מענטשן פון די טיפן,
פון דר'הייך און פון דער נידער — באלאגערט איז דער דניעפ.

און ס'פּעלן אויס שוין אויגן — צו זען דאָס אלצ — נעכאמען,
די טויזנטער, די מענגעס. דאָס פּליסן — נאָכאנאנד;
— צי ס'האָט זיך מיט די װײַבער מיט די קינדער דאָ פארזאמלט
אײנײנעם אפ א יאָנטעװ — פײַערלעך — דאָס לאנד?

מיט אופגעװיג און גרייטקײַט — צו כמארעס און צו טהאָמען,
מיט װײַבער און מיט קינדער, מיט גוטס און מיט געצײַג;
געדוכט ט'זיך איר, אז ערגעצ פארטראָגן זי די שטראָמען,
זי שװעבט ערגעצ — נעכאמע — ניט פילנדיק די צײַט.

צעװיגטע און צעהוידעטע און אופגעפּאָכטע צעלן,
— א װונדערלעכער יאָנטעװ מיט אויסגעשריי און גרילצ;
עס דרייען אינדערלופטן זיך װי ריזן־קארוסעלן,
די הייבערס מיט די קעמערלעך בעטאָן און מיט געהילצ.

אָט װעט עס זי דאָרט אויך א טראָג טאָן צו די כמארעס,
אָט גיט עס זי צום אָפּגרונט א שלײַדער און א װאָרפ;
און עפּעס איז א פרייד און עפּעס א געפאר איז:
— װו איז זי דאָ? זי װייסט ניט, װאָס סע קומט מיט איר דאָ פּאָר.

ס'באטרינקט דאָ דער געװיש, ס'באטרינקט װי װײַן, װי שטארקער,
ס'פּארשיקערט דאָ דער שפּרונג פון הרעבליע — פון איר טראָט;
— צי איז עס אזא ריזיקע אן אויסגעטרוימטע ארקע,
— צי סטארטשעט איבער ברייטקײַטן פון דניעפּער אזא ראָד,

װאָס טרײַבט, װי א מאשין, די כװאליעס פונעם דניעפּער,
װאָס זאמלט מיט געזאנג די מענגעס פונעם לאנד?
געװען איז צען מאָל גליק דערזען: — טרובאן דערנעבן,
געװען איז צען מאָל פרייד: — זײַן אויסגעשטרעקטע האנט,

װי גיט מען א פארהאלט זײַן בליק און זײַנע טריט דאָרט?
א שמוך טאָן האָט צו אים ביז װייטעך זיך געװאָלט;
באָר עס פארשװינדט טרובא, ס'באװײַזט טרובא זיך װידער,
— נו, קוקט! — ט'ער צו נעכאמען זיך געװענדעט אפן קאָל:

— ט'אזוי נעמט מען אן אָפּגרונט — שטורעמדיק און פריידיק,
— ט'אזוי גייט מען ארײַן אין אים — גלײַך, װי אין א שטאָט;

ט'אזוי מאכט מענ דאָרט אָרדענונג, צומ לעבנ מע פארגרייט אימ,
— ט'אזוי, ט'אזוי, נעכאמע — פאָרזיכטיק! — איז — אָט.

ס'איז נאָכאמאָל נעכאמע אופגעגאנ אינ לעבנ,
פאר אזויפיל יאָרנ אונטערערדישנ געשפאנ;
אָט איז עס — ווי א בוכ — דאָס לעבנ דאָ צעעפנט,
אונ ס'לייענט עס אינ דר'הייכ, ווי פאר א קינד — טרובא!

— מע דארפ דאָ בויענ ווינונגענ. גוטע גרויסע ווינונגענ.
מיט גרינס ארומ די פענצטער. מיט בלומענ אפ ארומ;
מיר דארפנ דאָ צו עכטע שיינקייט זיכ געוווינענ נאָכ,
אונ מירנ עס פארזייענ. זאָל עס וואקסנ אומעטומ:

אינדרויסנ. אינ פאבריק. מע דארפ דאָ בלויז געוואגט זייַנ.
אינ צעכ. בא דעמ ווארשטאט. אינ שטוב אונ אפ דער גאס;
אונ זאָל עס בא אונדז זייַנ, אונ זאָל עס בא אונדז וואקסנ
אונ זאָל די שיינקייַט אופהערנ זייַנ בא אונדז א גאסט!

מע דארפ איצטער א שטאָט דאָ אופהייבנ אזא מינ,
זי אויסטראכטנ צומ ערשטנ מאָל אפ דר'ערד;
אונ ס'קוקט אימ אינ די אויגנ שמייכלענדיק נעכאמע,
זי קוקט אפ אימ אונ טראכט, זי קוקט אפ אימ אונ קלערט:

— פארוואָס גייט אזא בריענדיקער צוק פונ זייַנע ווערטער?
— פארוואָס איז אזוי לויטער הייס פונ זייַנע רייד?
זי ווערט זיכ אויכ אריינגעווארפנ, ווי זייַנ ס'זאָל איר ניט שווער דאָ,
אונ ווערנ דאָ אנ אייגענע מיט אלע גלייַכ אונ גרייט.

אונ ס'האָט זיכ דאָרט נעכאמע אייַנגעשפאנט מיט כיישעק,
ווער רעכנט דאָ די צייַט? סע רופט דאָ אונ סע ציט;
אונ מער ווי אלצ בא זיכ, אונ מער ווי אלצ אינ דר'היימ שוינ
דערפילט האָט זיכ נעכאמע דאָרט, אפנ באצירק.

אָט דאָרטנ איז זי אָנגעטאָנ אינ ברעזענטנ ברויזנדע,
אָט דאָרטנ איז איר קאָל, אָט דאָרטנ איז איר האנט;
אָט דאָרט איז זי א גרויסע, ווי אלע דרייַסיק טויזנטער,
אָט דאָרט איז זי, ווי נ'ערגעצ אונ ווי קיינמאָל ניט — פאראנ!

ס'האָט זיכ ערגעצ נאָענט דער אָוונט שוינ פאראנקערט,
דער טאָג האָט זיכ געשמאָלצנ מיט שקיעדיק געשריי:

דערנאָך געהענ איז מידקײַט, ווי פון טויזנטער געטראנקענ,
נ'א דולע האָט נעכאמע זיך צוריקגעקערט אהיים.

א הילצערדיקע שטוב מיט פענצטער אכט צום דניעפּער.
צווייגאָרנדיק געבויט. דער דריטער איז אינ גרינס;
דעם זאמד־געבעטנ צוגאנג בלומענ דאָרט באקלעפּנ.
שטאכעטנ — טשאסטאָקאָלנ. א קאליסקעלע — א גרינגס.

ס'באגיסט זיי יעדנ טאָג אפּ צריקוועגס פונ דער ארבעט
א הינקעדיקע פרוי און בייזערט זיך אפּ זיי;
זיי וואקסנ נית. זיי ווערנ עפּעס מאָגערער און דארער.
אז מ'האָט זיי נית ווי ס'דארף צו זײַנ צעגראָבנ און פארוייט.

דרײַסיק טויזנט מאנ באשפּײַזט זי. זי פארוואלטעט.
און אומעטום — א בייזער זיך. און אומעטום — אנ אויג;
זי ארבעט אפּ דער קיך־פאבריק, די הינקעדיקע אלטע,
און ווענ זי הינקט אוועק — ווייסט קיינער נית געננוי.

איר צימער איז א קליינס. אנ אופגעראמטס. א זויבערס.
עס דאכט זיך: — פונ שפּיטאָל און קינדערש א געמיש;
מיט א קלאָרווײַס פאָרהאנגל דער פענצטער איז פארצויגנ.
אפנ פענצטער — ברויט, און ביכער — אפנ טיש.

א שמעוודיקע בעט. א מיידלשע, א שמאָלע.
איבער איר — א שפּיגעלע. בא זײַט — א טאבורעט;
געררופנ אינ קאָנטאָר מ'האָט זי, און דאָרט עפּעס געמאָלדנ,
און דאָ האָט מענ ארײַנגעשטעלט אינ צימער נאָך א בעט.

און ווענ ס'האָט פונ דער ארבעט זיך אומגעקערט די אלטע —
נאָך נית ווי סע באדארפ צו זײַנ זיך אויסגעבייזערט. שפּעט;
ז'אפּ אנ ארײַנגעשטעלטנ בעט דעם בליק האָט זי פארהאלטנ,
און עפּעס אפּ א פרוי אינ דעם ארײַנגעשטעלטנ בעט.

נעכאמע האָט זיך אופגעכאפּט. ס'האָט עפּעס זיך געמאָלט איר,
נאָר ס'האָט די אלטע גלײַך איר אויסגעשטרעקט די האנט:
— שלאָף ווײַטער, שלאָף! איך ווייס. זעסט אויס — א קאָמסאָמאָלקע.
המ... לידיא מאָדעסטאָווגא... המ... לאָמיר זײַנ באקאנט!

פארשמעקט האָט דער מאָדעסטאָווגא דער יונגער רייעך פונ טומל,
ס'האָט שמעקעדיקע ווארעמקײַט פונ שלאָף געטאָנ א טראָג;

געקוקט אף איר מאָדעסטאָוונא האָט, פונקט ווי אף די בלומען:
— מע דאַרף דיך אויך באַגיסן נאָך דער אַרבעט יעדן טאָג!

געכאַמע האָט אַ וויש געטאָן די אויגן און — אַראָפּ.
אַ מורמל פונעם שלאָף, זי ווייסט ניט, ווו זי איז;
זי דאַרף שוין, דאַכט זיך, אופשטיין. זי גיט אַ שטעל אַ טראָט,
נאָר ס׳גיבן זיך אַליין אַ וואַקל אירע פיס.

אַ ווײַל געווען איז שטיל. די אַלטע גיט אַ דריי זיך.
שוין אָנגעשניטן ברויט. מיט פוטער דאָס באַשמירט.
און עפּעס זיך געטומלט און עפּעס זיך געבייזערט
און אף דעם ברויט דעם אָנגעשמירטן — ווורשט — אַ דינעם שיכט;

און אים דערלאַנגט געכאַמען, צום בעט, מיט אַ געקלאַפּ:
— נו, עס! — האָט זי געכאַמען מיט שמייכל פאַרגעהאַלטן, —
הם... לעניִן האָט געזאָגט, אַז פון אַ שלעכטן קאָפּ
איז קאָנען זיך די פיס, ווי ס׳דאַרף צו זײַן, ניט האַלטן...

געכאַמע ט׳זיך פאַרשעמט. דאָס פּאָנעם — רויט און הייסער.
אַראָפּ איז זי פון בעט און — וועמען זײַן געטריי?
און ליב איז איר געווען דער אַלטערס קאָל, דאָס בייזע,
און אין אַ האַלבער שאָ — געווען איז מען שוין פרײַנט.

זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט — איינס אַנטקעגן צווייטן,
געכאַמע האָט זיך אופגעהויבן אַלע ווײַל פון שטול;
— נו, עס! — האָט זיך מאָדעסטאָוונא געגעבן אַ צעגיי דאָרט, —
געשפּײַזט כ׳האָב אף מײַן לעבן גרעסערע, ווי דו!

עס האָבן זיך אַ הייב געטאָן די אויסגעוועלטע ברעמען:
— אין צוואַנציקסטן אין הונגער-יאָר — דערמאָנט זי, פונקט זי לייענט, —
געשיקט האָט דער צעקאַ מיך אַרבעטן אין קרעמל,
און דאַמאָלטן געשפּײַזט האָב איך לעניִנען אַליין.

עס האָבן פאַר די אויגן זיך אַדורכגעטראָגן וואָלקנס.
דער קרעמל. פלעצער. אַרמייער אָן אַ צאָל;
געכאַמע הערט זיך אײַן. נאָך יעדן וואָרט זי פאָלגט דאָרט.
עס דוכט זיך איר: אַדורכגעלעכערט איז דער אַלטערס קאָל.

גערעדט טדי אלטע שטיל. פונקט זי וואָלט געשושקעט זיך.
— און טאָמער ברענגען פּויערן פּרוכטן אָדער מעל, —
איז רופט ער מיך שוין באלד: — מאָדעסטאָווּנא! גאָלובאָטשקא!
— צעשיקט עס אין די יאסליעס. אין די קינדער־היַיזער, שנעל!

זי הייבט זיך אויף, די אלטע. אין עפּעס זיך א פּאָרע.
זי האלט דעם אָטעם איַין אן אויגנבליק און צוויי;
עס דוכט זיך, אז א וויקל געטאָן האָבן זיך די יאָרן,
עס דוכט זיך, אז זי זעט אים — פֿלאַמיק — צווישן זיי.

— וולאַדימיר איליטש! — זאָג איך אים, — עסט עפּעס. נאַט איַיך.
איז... שמייכלט ער צו מיר... איז שמייכלט ער אף ניַין;
— צוערשט באַזאָרגט, מאָדעסטאָווּנא, די געסט, די דעלעגאַטן.
רוסלאַנד וועט זיך „ווי־ניט־איז“ אָנשפּיַיזן אליין.

געגעסן האָט ער קנאַפּ. געקוקט אלץ אף די געסט האָט ער.
געוועזן איז דעמאָלט, דאַכט זיך מיר, דער אנדערער קאָנגרעס;
און אלעמאָל: — גאָלובושקא! און אלעמאָל — מאָדעסטאָווּנא!
און וויַיטער — אף די זיצונגען. דעם גאַנצינקן מעסלעס.

— גו, לייג זיך! — האָט מאָדעסטאָווּנא א בייזער זיך געטאָן,
מע קאָן דאָ אזוי פאַטערן איינס און צוויי — א וואַכטע;
און הינטער די פענצטער געגאַנגען איז די נאַכט דאָרט,
און ערגעץ פון דער וויַיט געגאַנגען איז דער טאָג...

6

דער איבעריַיס הייבט זיך ניט אָן,
דער איבעריַיס פליסט דורכויסיק;
— א טייל גליטשט אריַין זיך אין טאָג,
— א טייל גליטשט פון אים ארויס זיך.

עס ציט זיך א קייט נאָך א קייט
פון רוקנס פון בערדיקע ווינטן;
— אוועמען דער טאָג פאַרגייט,
— אוועמען דער טאָג באַגינט דאָרט.

ארטעלן — הין און צוריק,
ארטעלן — ארום און אראָפּ גיין;
עס דונערן הילכיקע טריט
און ס'דונערט פון טיף דער אָפּגרונט.

מע גייט און מע קארגט זיך א לאך טאָג,
מע איילט זיך — געוויכטיק און שווער;
מ'האָט נאָרוואָס געענדיקט די וואכטע
אין קאלכענעם טיפן קאריער.

און אָפגעשפארט האָט מען דאָרט הונגער,
די אנגלען, ווי טויערן — אוף;
עס זעצט פון זיי ווינט און פונקען,
זיי גייען און רייסן די לופט.

געזונטן הונגער מע טראָגט,
ס'איז גוט, איניינעם, אלע;
— אָט גיט מען א נעם דאָרט דעם טאָג,
— אָט צערייסט מען אים דאָרט, ווי א כאלע.

זיי גייען — קיין סאָף מע זעט ניט,
דער אָנהייב איז ערגעץ שוין ווייט;
די הרעבליע ז'איז זון, ווי די עסנא,
און וואכטע נאָך וואכטע זי בייט.

אנטקעגן גייט מען פארטראכטע,
עס שורעט שפרוך פון געוויכט;
מיט מיילער מע ווינקט, מיט באפייכטע,
מע בליצט מיט די ציין אפ דער קיך.

עס זיינען די ליפן געפעטיקט,
און שוויס די שטערנס באשווערט:
— הערט נאָר, ברידערלעך, פעטערס!
— הערט נאָר, כאווירימלעך, הערט!

און הענט פון די ליידיקע טאשן,
נ'פון טרוקענע מיילער יאָגט:
— ניטשעוואָ עפעס, ברידער, די קאשע?
— ניטשעוואָ עפעס, הא, דער קאנריאָר?

געמיטיקטע — צריק זיך שפארן,
די בייכער — צעפארעט און מיד;
און אויגן פון זעט זיינען ווארעמ',
פון זעט זיינען מיילער מיד.

מע הערט, ווי די קישקעס זיך שווענקען,
אין פלאמיקן באָרשטש און אין סופ;
מע גרעפּצט און ס'ווערט לײַכטער און ווייניקער,
און איינער דעם אנדערן שטופּט.

און פריידיק דער מענטשלעכער שטראָם איז,
ס'טרעט קיינער ניט אָפּ דעם וועג;
אפּ שטויביקע קעפּ — קאפּישאָנעס,
אפּ אקסל ברעזענטענע — העק.

דער טאָג, דאָס לעבן געגענט.
די פּענעמער שמייכלען באקומען;
עס רײַבן זיך הענט אָן הענט
מיט הענטשקעס פון גליטשיקער גומי.

עס זײַנען די פּלייצעס באוואקסן,
עס זײַנען די פּלייצעס ברוקירט;
און ווער דאָס געצײַג — אפּ די אקסל,
אפּ ווענן — ס'געצײַג קריכט.

א העלער געפּילדער צעטראָגט זיך
פון גלאָקיקע שטימען אין גאנג;
עס טראָגן זיך יונגען באוואקסן
מיט כיישעק, מיט דאָרשט און געזאנג.

און מיידלעך אין פּלודערן ברייטע,
מיט רויטע קאָסינקעס אפּ קעפּ;
דעם וועג פארגלעקלט מען פריידיק
מיט הילכיקן גלאָקן־געשטעפּ.

פון אויסגעהוילט-טיפע קאריערן,
פון טיפע פון קאלכענע זעק,
מיט גומענע שטיוול מיט שווערע,
געציילעמט מיט לאָמען און העק,

זיך דראפּען ארויף דאָרט רוישיק,
פארשטויביקט — ארטעל נאָך ארטעל —
די הענט דאָרט מיט הענט זיך פארטוישן,
גאָר פּיס, ווי העלפאנדס מע שטעלט.

און אויגן טוקן זיך — העלע,
און שווינדלען, מע זאָל זיי ניט זען;
און לעמפּ און עלעקטרישע דרעליערס
און שטאָלענער הארטער ברעזענט.

ארטעלן — אהין און צוריק,
און פרייליכער ראש אינמיטן;
עס פּייפט און עס רופט די פאבריק,
עס קלינגען די קעסלען צום מיטיק.

באפּייכט איז די לופט מיט פארע
פון טערפּקער, פון זאָווערער קרויט, —
און ווינטן אזעלכע שפּארן
פון שווארצן פון קאָרענעם ברויט.

די נעזלעכער עפּעס דערפילן,
און אויגן זיך עפענען בלוי:
ס'פארשמעקט מיט געשמאקער אכילע,
ס'פארשמעקט מיט רו און באלויג!

און פעטערס פון יאָרן געשטורעמט,
אין יאָרן, ווי נ'קאָרע פארהילט, —
מיט בערד, ווי אזעלכע באנדורעס,
כאָטש שטעל זיך אוועק און שפּיל:

„— דינא־דאנא, דינא־דונא,
זאפּאָראָזשער בא דעם דונײַ,
זאפּאָראָזשער בא דעם דניעפּ,
דינא-דאנא, דינא-דונא,
שטייט אוף זיידעס פון די טרונעס
און פארנייגט די גראָווע קעפּ!

דינא־דאנא. דינא-דונא,
זאפּאָראָזשער בא דעם דונײַ
זאפּאָראָזשער פונעם סטעפּ;
דינא־דאנא, דינא-דונא,
ס'האָט דער דניעפּער זיך צערודערט,
ס'רופט אהיים איצטער דער דניעפּ.

דינא־דאנא, דינא־דונא,
זאפּאָראָזשער באַ דעם דונײַ,
זאפּאָראָזשער מעסער־בלאַנק!
דינא-דאנא, דינא-דונא,
ס'ציִען טעג זיך אָן, ווי סטרונעס,
אַפ אוקראַיִנע, אַפן לאַנד!״

פון פעטערס מיט יאָרן געזעטיקט,
געוואקסענע נידריק און קליין;
מיט בערד, ווי צעשפּרייטע גאַזעטן,
כאָטש שטעל זיך אוועק און לייען:

— זאפּאָראָזשער טאטאַיִדעס און זיידעס,
מיט ספּירט אין די אויגן צעפלאַמט;
מ'האָט דווירעס געפּאַשעט, געזייט דאָ,
ביז סאמע דעם שווארצן יאם!

עס ציט זיך דער צוג צום מיטיק,
די פולסן, ווי פייגל אין שטײַג;
און טאָטערס מיט ציינער געשמידטע,
מיט ציינער אַפ שלעסער פאַרהאַקט.

נאָר ווינטן פון אַלע דאָרט סאַפּען
און כיישעק פון אַלע דאָרט שטראָמט,
סאַראַטאָווער, טולער קאַצאַפּעס,
מיט פּאָסטעלעס האַרטער פון שטאָל, —

מע האָט זיי געהאַקט אין פּאָליעסיע,
אין וועלדער, געבעטע מיט נאַכט;
— ווער איז פון זיי עלטער און גרעסער?
ווער האָט דאָ אַפ ווענען געוואַרט?

ברייטפּלייציקע הויכע באָיאַרן,
אין בראָנזענע בורקעס געפּאַקט;
אַז נעם מיט א ליד זיי דערוואַרעם,
צעקנאַקן זיי גלײַך א האָפּאַק,

ווי וועלשענע ניס, ווי געשמאַקע,
מיט טרישטש און מיט כראָמק און מיט זאַפּט;
אַז בלוט דורך די בורקעס פּלאַקערט,
אַז בלוט אונטער בורקעס זיך וואַרפט!

און ס'ציט זיך דער צוג דער קאָלירטער,
ס'דערציילט עפּעס יעטווידער שפּאַן;
— כאַלופּקעלעך בלויע, געשמירטע!
— פּאַפּאַכעס פון דאָן און קובאַן!

און א ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל,
און א ייִד, וואָס מע קאָן ניט דערגיין,
פארוואָנען, פון וואָס ז'ער געלאָפן,
און א ייִד, וואָס ער ווייסט ניט אליין...

ער וועט זיך נאָך עפּשער דערמאָנען...
נאָר ס'יאָגן פּערספּעקטיוו נאָך;
געוועזענע דניעפּ-אטאמאַנען
פון רומפּולן שייוועט מאכנאָ!

מע וועט זיך א ציילעם דאָס מויל טאָן,
אין מויל, ווי אין שייד — א שווערד;
אז ערגעץ טליִעט נאָך ווילטיק
פון משערעדעס קיִען און פערד.

און געגאַנגען אוראָם-הערש איז פון פאָרנט,
זיך געווישט אפן וועג ט'ער די הענט
און געטראַכט: — ס'איז א טאַכלעס געוואָרן
פון אזא באַלאַגאָלע, ווי ער...

וואָס האָט אָפּגעקנאַקט הילכיקע יאָרן,
נ'זיי אליין דאָרט געפירט פון דער באַן,
ווי פארשווינען, אף זייַנע רעסאָרן
און אליין צו די פערד זיך געשפּאַנט,

און פאַר מוידע געפּאָלגט האָבן רעדער
און דער וועג מיט א גרינגלעכער ציך;
איצטער טראָגט ער א גומענע רעדנע,
ווי א גומענעם זאָטל אף זיך...

ז'ער געגאַנגען, אוראָם-הערש, פון פאָרנט,
ווי געפירט צו דעם טרונק וואָלט ער פערד —
און געטראַכט: — וואָס פון אים איז געוואָרן
און — וואָס ער איז געווען — ט'ער געקלערט...

װען עס װאָלטן דערזען אים די װעגן,
ס'זאָל די בלאָטע א קוק טאָן אַף אים —
װוּ אין פינצטערניש איז ער געלעגן
מיט דער בויד, מיטן פאַרשוין און — נאָך װי?

װען עס זאָלן דערזען אים די גריבער
פון די זיבן געשװאָלענע מײַל —
װוּ אין שװייס בא די נעכט ט'ער געטריבן,
װוּ אין שװייס צום באגינען געאײַלט,

װוּ אין גלאנץ פון דעם זומפּ האָט זיך יאָרן,
האָט זיך יאָרן געשפּיגלט זײַן קאָפּ —
איז נאָך שװארצער זיי װאָלטן געװאָרן
און נאָך טיפער זיי װאָלטן אראָפּ.

ס'האָט מיט אים דאָרט א װעלט געראַשט דאָך
גובערניעס גאנצע ארום —
און דאָ מיט נעפּאַשעס ליאַדאַשטשע
נ'אים דאַכט זיך — ער הערט א געברום:

— װוּ איז, אװראָם-הערש, דײַן בװורע?
— װוּ איז באלעגאָלישער שטאָלץ?
װאָס אַף אײַנברעכן אים — אזא שטורעם —
ז'אַף דער גאנצער װעלט נישטאָ?

איז געדרייט דעם קאָפּ ט'ער אַף הינטן,
זיך אײַנגעהערט בייז אין זײַן טראָט:
— ס'איז פּאַװאָליע אװעק שוין א װינטער,
— עס איז פּייסעך שוין באלד — אָט-אָט!

ס'קלאַפּט די זון, װי א טאַץ אין א טאַץ אויס,
אז דער פרילינג גייט, ער קומט אָן, —
אז פאַר פרייד ערגעץ קנאָספּן פּלאַצן,
ס'װייסט דער װינט ניט מיט זיך װאָס צו טאָן.

נ'זאָל אײַלט אװראָם-הערשן דעריאָגן,
ס'גלאנצט מיט שװייס זײַן צעשפּאָלטענע ליפּ;
זײַנע קעשענעס בײַטן פּאַיאָקן,
נאָר זיי זײַנען אים אױכעט ניט ליב.

ס'איז אים הייס, ער פילט אזוי מאס זיך,
פון די ליפן טריפט אזוי שווער:
— אווראַם־הערש, מ'קער שוין באַקן מאצעס!
אווראַם־הערש, ווארט נאָר אויס, אווראַם-הערש!

דער לעצטער געגאַנג איז לוקא דאָרט,
געגאַנגען, ווי געטראַכט — שווער;
געטראָגן פון אים האָט מיט קאַדעס,
געטראָגן פון אים האָט מיט ערד.

ער האָט נאָך ניט אַלץ פאַרשטאַנען,
ער האָט נאָך ניט אַלץ דערטראַכט;
עפּעס אומקלאָר נאָך זאַכן זײַנען,
נאָר געפעלן — געפעלן זיי שטאַרק.

ער ווייסט ניט פאַרוואָס, נאָר ס'איז גוט דאָ,
ער זעט עפּעס אַנדערש אויס;
מ'האָט אים ווירקלעך געמאַכט פאַר אַ שוטעף,
אַ מאַיאָנטעק — דער רועך ווייסט — ווי גרויס!

ער פילט, ווי ס'ע פלאַטערט אַ פרייד דאָ,
אַזאַ, וואָס פאַרפלייצט און בריט;
נ'עפּעס גייט ער ניט פעסט נאָך אַף ביידע,
עפּעס גלייבט ער נאָך קנאַפּ זײַנע טריט...

ווען די רוימען מיט זון זיך פאַרפילן,
ווען אַ גאַנצער באַגינען ברענט, —
שלאָגט ער פײַער נאָך אויס פון קריסיליע,
שלאָגט ער פײַער נאָך אויס מיט די הענט!

7

צו טומל איז מען צוגעוווינט,
צו שטורעם און צו בליץ;
— אוי, פלאַקערדיקע צוגווינטן,
— אוי, צוגווינטן פון היץ?!

אַ שטאַלטנע און אַ ריזיקע,
מיט קוימענס און מיט ברי, —
זי נעענטערט זיך, אָט איז זי שוין,
די נײַע קיך-פאַבריק!

מ'האָט אומגעוואָרפֿן דרײַ מאָל שוין,
פֿארגרעסערט זי אינדרײַען;
נ'זי קאָן אַלץ ניט ארײַנעמען!
דאָס בויענדיקע כאיען.

איז מעסט זי מיט דער גרעבליע זיך,
און צויבער־דאמפּ זי שפּארט;
— געוועלטיקונג — ווער מער אף זיי,
— ווער מער ס'האָט אף זיי מאכט!

ס'איז אינווייניק פאנאנדערטיילט,
אף לענג און אף דער ברייט, —
און אופשריפטן גרויסאַרטיקע
געריכטיקע געגרייט.

דער ראָש, ווי אף א ראָס איז דאָרט,
די שטילקייט איז פֿארצערט;
ס'איז יעדער זאל ווארשטאטעוועט,
ס'איז יעדער זאל — א צעך!

עס שווענקען זיך די לעפל דאָ,
די גאָפּלען און ס'געפּעס;
און אָפּגעדרייט, צעעפנטע
די קראנגע קרייען פּעסט!

אין ווײַטע צימערס ליידיקע
די קעכערס — אויסגעשטרעקט —
דאָרט ווארפֿן זיך אף פריידיקעס
מיט צאָרן, ווי נ'געשלעגן!

ס'דערקאָכן זיך אליין שוין דאָרט
געריכטן — רוי־און־בלוי;
עס מאָרדעווען די פליישן זיך,
דער באָרשטש פון קעסלען לויפּט.

אין פּראָנט ז'די קיך ארומגעקלעפּט
פון אונטן ביז ארוף
מיט מעלדונגען פּארטרונקענע
פון שווייסיק־פּעטער לופט.

עס זעצט פון איר אַ וואַרעמקייט,
עס זעצט פון איר מיט לייב;
און נאָזלעכער צעפּאַרעטע
צעפיגלען זיך פון ווייט.

נאָר ניט בא קיינע מעלדונגען
פאַרקלעפּטע און פאַרקלאַפּט, —
אַצינדער קיינער שטעלט זיך ניט,
שטעלט קיינער זיך ניט אָפּ.

און אויפֿעם שרייט און פּאָדערט דאָרט,
מיט פויסטיקן געסטאַרטש:
— וואָס איז עס פאַר אַ האָדעווען?
— וואָס איז עס פאַר אַ כאַרטש?

נאָר אַלעמען פאַרלישעט דאָרט
אַווראָם־הערשס געשריי:
— פאַרוואָס האָט מען קיין טישטעכער
צו טישן ניט געגרייט?

עס זייַנען קעכערס הייזעריק,
עס זייַנען קעכערס רויט;
און איינער שטייט און בייזערט זיך,
און איינער שיט מיט שרויט:

— וואָס נאָך? — טוט ער אַ מאָרדעווע,
— וואָס נאָך? — גיט ער אַ ליש;
— איר ווילט ניט, איז אוואַדע גוט!
— נישט — איז נישט!

די קנעפּלעך אים צעשפּיליען זיך,
דעם שטערן — ערווישט:
— אין דר'היים וועלן אייך פּילנעווען
די ווייבער בא דעם טיש!

ניט אַווראָם־הערש אַ הייב זיך אויף,
אַ כוואַליע פונעם יאַם:
— היי, האַלט דאָרטן קיין רעדע ניט,
דו בייגלבאָק! דו טאַם!

די פּליאמעס אים צעטרייסלען זיך,
די אויגן — רויט, צעמישט:
— אָט דאָ איז זי, מײַן היים, אצינד!
— אָט דאָ איז איצט מײַן טיש!

און ס'מישט דער קעכער ווידער שוין
די קעסלען און די טעפּ;
די קוילעס די געוויטערשע
אוועק זײַנען אין דניעפּ.

ער מישט אזוי ס'צעריבענע,
פארזוכט, און בלאָזט און פּאָכט;
ער בראָקט ארײַן א ציבעלע,
און בראָקט ארײַן א וואָרט:

— עס לויענט זיך צו ברענען דאָ...
און ס'מויל באַ אים, — סע צאַפּט:
— אוקראַינער גיב וואַרעניקעס,
און בלינעס — דעם קאַצאַפּ!

נ'פּאר ייִדן עפּשער קאָכן נאָך
דאָ שאַבאַסקאָווע פיש...
— צערעפּעטע, צעקראָכענע,
— נישט — איז נישט!

ער קוקט — פאראן צ'איז עמעצער,
און מיטן מויל ער מישט:
— אָט דאָ איז זי... זײַן היים אצינד...
אָט דאָ איז... איצט זײַן טיש!...

געקומען איז מאָדעסטאָווגא,
געשטעלט זיך אין דער קיך;
און אלעמען א מעסט געטאָן
שנײַדנדיק און גיך...

די קעכערס האָט זי אָנטאָן זיך
געהייסן שנעל,
זיי זאָלן זיך ניט פּלאָנטערן
און וואַרטן איר באפעל.

געקומען זײַנען יונגפרויען
מאָדעסטאָװנעס צו הילף;
פריילעכע און מונטערע,
אין װײַסינקן — געהילט.

מאָדעסטאָװנא איז צאָרן איז,
צו קיינעם ניט קיין װאָרט,
נאָר צװעלף פרויען פאָרן זיך
צעשטעלט אױף זייער אָרט.

א זאַט געטאָג פונס'נײַ האָבן
די קעסלען מיטאמאָל,
מע ריינקט זיי אין איילעניש
צו עטלעכע מאָל,

און ס'האָט פונסנײַ א שמעק געטאָן
מיט שפּײַז געשמאַק און פריש;
און יונגפרויען צעגלעקלטע
געגרייט האָבן צום טיש.

זיצט מען צװאָרפן באַם טיש, ווי פּאַרסאָפּעט־געקומענע רײַטער,
וואָס זײַנען אָט נאָרוואָס אראָפּ פון די הייסע צעוואַרעמטע פערד;
עס בליִען די באַקן, חי מאַן, און עס צװיטען די קאָרענע בערד,
און אַלטע בודיאָנעװקעס בונטע צום הימל זיך רײַסן און טײַטלען.

עס הייבט זיך אליין צו די מײַלער דער דעמבענער טיש אויף;
ער הייבט זיך אליין אין דער פאַרע פון הייסער, פון פלאַמיקער שפּײַז;
מיט נאָזלעכער פרוחים מען דאָס ברויט דאָרט נאָך איידער מע בײַסט,
און ס'דאַכט: — װאָראָזשביטנ פאַרשפּרייטן אױף טישן פאַרשפּראָכענעם קישעף.

מע זיצט און מע בלאָזט אין די קאַשעס, ווי נ'פלאַמיקע שײַטערס,
מע בלאָזט אױף א קאָל, אין דער הייך, אז א ווינט זיך צעפלאַטערט;
און קאַלט ווערט די פלאַמיקע שפּײַז אױף א סאַזשען די ווײַט דאָרט,
און איינער דעם צווייטן מיט ווינטן דאָרט בלעטערט און לאַטעט.

ס'איז זעטונג. ס'איז לעבן. ס'איז יעטווידנס אייגנס באַזונדער.
ס'איז גוט, ס'איז דער טײַערסטער „נאָך" און די ליכטיקסטע שרעק;
צו יעטוידן קײַ זײַנען טויזנטער כיישעקס מיט אָפענע מײַלער געשטרעקט,
און יעטװידער שלונג איז א טראָג אין דער הייך, וואָס איז העכער פון
זון דאָרט...

מע טרײַבט אים, דעם הונגער, מע טרײַבט אים מיט זאַפּטיקע בײַטשן,
מע טרײַבט אים מיט זאַפּטיקן כראָמק, ווי א הײשעריק אָפּ פונעם פעלד;
סע קלינגט און סע רוישט און ס׳געשריי אָפּ געזאַנג מע פאַרבײַט שוין,
און ס׳וויגט זיך די פרייד און פאַרשיקערט און טרײַבט און באַפעלט.

און פײַערלעך איז דאָס געזאַנג, און דער רויש איז גרויסאַרטיק,
מע נעמט זי, די זעט, ווי א פעסטונג, מע פײַערט זי חי אַן אַרײַנמאַרש;
די וואָנצעט מיט אָנגעבראָקט ברויט אין די זײַטן פאַרשאַרט מען,
— צו צוויי און צו דרײַ מאָל!

מע שטערט איינס דעם צווייטן. און ס׳גיבן זיך פּלייצעס אָן פּלייצעס א טאָרע,
און ס׳גיבן די קעפּ די פאַרשוויצטע פון זײַטן צו זײַטן א קער, —
די היטלען אליין זיך פאַרוקן אָפּ דעמבענע פאַלדן פון קערק,
און בײַז מע דאָביוועט נאָך ברויט פון די אייגענע טאָרבעס.

און ברויט שטעלט מען אונטער באַם טראָגן די לעפל צו מײַלער צעגליטע:
קיין טראָפּן ניט גיין זאָל לעיבעד, — מע טראָגט, ס׳איז א פאַכעד;
און ס׳גיסט זיך א קרעפּטיקע זעט אין די גלידער,
און ס׳גיסט זיך דאָס לעבן אַרײַן אינעם בלוט אין צעפּאַרעטן.

ס׳פאַרשליסט זיך די וועלט אין די קרײַזן פון ציגענע טעלערס,
עס גיסן די אויגן זיך אָן מיט צעפּאַרעטן כיישעק;
פאַנאַנדערגיין זאָלן זיך ווענט און עס זאָלן זיך אופהייבן סטעליעס,
און ס׳זײַנען באַגערן — באַגינענס! און ס׳זײַנען באַגינענס — פלײשיק!

מע הערט, ווי סע פליוסקען די באָרשטשן אַדורך איבער מאָגנס צעברענטע,
מע הערט, ווי סע שווענקען די איינגעווײדס שווער זיך,
און ס׳קוקן געמאָלטע פּאָרטרעטן אַראָפּ פון די ווענט דאָרט,
געמאָלטע פּאָרטרעטן פון פירער, געמאָלטע פּאָרטרעטן פון העלדן.

זיי זײַנען דאָ איינע אליין אָפּ די ווענט און זיי קומען אינײנעם מיט אלע,
זיי קומען זיך צוהערן — ווער סע באַקלאָגט זיך און וועמען ס׳טוט
ווי דאָ;
און ס׳דאַכט: — אַז ס׳באַוועגן די ליפּן זיך מילד בא דעם כאַווער סטאַלין,
אָט וועט ער פון בילד זיך א ריס טאָן און אויסשמייכלען פריילעך
כאַווײרים!

נאָר ס׳לאָדן זיך טישן מיט גרעטשענע קאַשעס און הירזשן,
מע סטאַסעוועט ברויט ניט־דערבאַקנס — — צעשניטענע שטיקער און גאַנצע,
און ס׳דאַכט זיך — אָט וועט וואָראָשילאָווס צעוואָרעמטער פערד זיך
צעהירזשען,
פאַרײַסן די מאָרדע און דאָ אָפּן אָרט זיך צעטאַנצן!

און ס׳טוט נאָך אזוי אווראָם-הערש, צווישן איין זיפץ און צווייטן,
א קוק א פארשטעלטן אזא אפ דעם פארביקן לײַוונט פון לעניג;
ער קוקט און ער זעט ניט — ווו הייבט ער זיך אָן, ווו פארגייט ער...
ער האָט אים, ווי ס׳דארף צו זײַן, קיינמאָל אזוי ניט געזען נאָך...

אינדרויסן, אפ דניעפּער בעטאָנענע ביטן זיך באָמבלען,
אינלופטן זיך ווארפן, ווי פיש, די צעזונגענע קראַנען;
קוקט אווראָם-הערש און ער טראכט! — איז אפ ווענען זשע כאפט ער דעם אָנבליק?
א היימישער, — טראכט ער, — אזא, נאָר שווער זיך אצינד צו דערמאנענ...

אנטקעגן זיצט זשוק. ער איז בייז און פארכווישעכט,
ער קוקט ניט צו קיינעם. ער עסט אזוי גרויזאם;
און מיט ניט-צעקײַעטן ביסן אין מויל אינעם פליישיקס,
איז שלעפּט ער ארויס זײַן פּאָרטרעט פון די וואטענע הויזן.

ער קוקט אפ אים לאנג און באדאכט,
ער גיט אים פון אויבן ארונטער א וויש מיטן ארבל,
— ווו איז פארפלויגן די זיסע מאכנאָוישע נאכט?
— ווער האָט פון פּאָרטרעט אים פארלאָשן די גאָלדענע פארבן?

נ׳באם טיש א בעזאנג איז פון גלעזער און טעלער,
ווי שווערדן זיי שלײַפן זיך מונטער און גלאָקיק;
צעסארפּעטע גלעזער מיט טיי אפן טיש זיך צעשטעלן
און ציגעלעכ צוקער אין פינגער זיך האקן און בראָקן.

און צריק לייגט דאָרט זשוק זײַן פּאָרטרעט אין די וואטענע הויזן.
ער נעמט א גלאָז טיי אין דער האנט און — א טרישטש אזא טויבער;
ווי צוקער געכראָמקעט וואָלט ער מיט די הענט מיט די בלויזע
און צעמאָלט עס, דאָס גלאָז, און צעמאָלט עס אפ שטויבן.

און ווען אפן בילד אווראָם-הערש איז פארקוקט און פארטאָטעמט
שיט זשוק אים ארײַן אין דער טיי דאָס צעריבענע גלאָז אינדערמיטן:
„— נו, טרינק, אווראָם-הערש, ס׳איז שוין קאלט... און צעמיש... צעקאָלאָטע...
און זאָל זי דיר אויך וויל באקומען, די טיי, נאָכן מיטיק!...״

8

עס איז אן אָפּרו-טאָג א ליכטיקער געווען.
געזעסן אווראָם-הערש איז באם פריזירער —
געקוקט אפ זיך אין דרײַ געשפּיגלט-הויכע ווענט
און מיט די אויגן דורכדריגגלעך ניט אופגעהערט צו פירן

נאָך מיידלעך שטאַלטנע און געניטע,
וואָס פאַרטיקן אָפּגיך דאָרט איינעם נאָכן אַנדערן — אַהין אַהער —
און זיך געטראַכט: — מע דאַרף אַ קויעך האָבן ניט פון יידן,
מע זאָל פון אַזאַ סריפּע ראַטעווען די בערד.
ס'האָט אים געקילט אין קאָפּ די שטאָלענע מאַשינקע,
ב'געוואַרעמט האָט אין האַרץ די מיידלש-ווייכע האַנט;
— זי מאַכט עס, אַזוי קונציק און געשווינדיק,
געכידעשט האָט ער זיך און זיך דערמאַנט
אין יידישע צירולניקעס פון דער היים
מיט פּלייענדיקע שילדן לעם די טירן;
אַז שטענדיק פלעגן זיך דאָרט קלעזמער דרייען,
און שטענדיק צו די כופּעס פלעגן זיי דאָרט פירן, —
ער פלעגט דאָך, דער צירולניק, שפּילן אָפּ אַ פלייט,
ווען קיינער ניט געקומען איז צו אים זיך שערן;
און מיט די פינגער אויסציקלען ער פלעגט אַליין
אַזעלכע זיסע לידעס און גוואַלדאָוונע שערן...
פאַרטראַכט האָט ער זיך אָפּ דער היים, ווי אָפּ אַ תּוונד דאָרט,
איז ווי פון שלאָף האָט ער זיך אויפגעכאַפּט — אַזוי —
— הם... די וואָנצעס האַקט מיר נאָך אַ ביסל אונטער,
כ'האָב פּײַנט, אַז וואָנצעס קריכן מיר אין מויל.
ס'האָט אים געשוירן ריכטיק לויט זײַן אייגענעם פאַרלאַנג,
די וואָנצעס אים געהאַקט לויט אָנווײַזונגען זײַנע;
ב'דורךביידע אויערן ט'געטריפט אין אים דער קלאַנג
פון ראַדיאָ-קאָנצערטן און געזאַנגען.
דעם ראַדיאָ הערן — גאַנצע טעג אַפילו — קען ער,
דאָך אויפגעשטעלט, אַ קוק אין שפּיגל און באַמערקט,
אַז ס'איז דער קאָפּ געוואָרן עפּעס קלענער
און ליפּן זײַנע צוגעקומען מער.
נאָר ס'איז די צײַט אים איצט אַ שאָד,
דאָס שפּילן לויפט צוריק פון אויער און פון מויל אים —
ער וויל נאָך הײַנט זיך צוכאַפּן אין באָד,
סע וועט געוויס הײַנט זײַן אַ גרויסער אוילעם.
איז פון פריזירער ט'אוועקאַם-הערש זיך אומגעקערט אַהיים,
ער איז געגאַנגען נאָך גרעט און נאָך אַ האַנטעך נאָך אַ פרישן;
אַ בעזעמל געוואַרט אָפּ אים האָט אָפּ דער נאַרע, ווי אַ בוים,
אַליין געטאָרעט זיך: — נו, גיכער, ס'איז ניט פרי שוין!
פאַרכאַפּט האָט ער מיט זיך נאָך זאָזלען אָפּן וועג,
גלײַך ווי אַ ראַגאָזשע, נ'אַ ווונק געגעבן — גרייט זיך!
און ביידע זײַנע זיי אוועק
זיך געבן איינס דאָס אַנדערע אַ פלייצע.

נאָר פון דער ווײַט האָט זיך פארכידעשט אווראָם-הערש:
— וואָס קאָן עס, זאָל, זײַן — מע זעט קיין רויך ניט פונעם קוימען?
איז זאָל אים פארפראָרן מיט א קרעכץ:
— וואָס זעט מען דאָ בא זיי דען יאָ — קעדוימע?
און אז סע גייט פון קוימען יאָ א רויך
איז האָט מען דען אמאָל אן עמעס ביסל פארע?
פון ווײַט ארום דער באָד האָבן געשטיגן קוילעס אין דער הייך,
ניט אופגעהערט מ'האָט צו דער באָד אין אײַלעניש זיך שפארן.
— און אז א ביסל פארע איז שוין דאָ, —
האָט זאָל ווײַטער געמעלייצעט —
איז וואָס זשע קאָנסטו מיט דעם טאָן,
איז מיט אזא מין פארע גיט מען דען א פלייצע?
געשטראָמט ס'האָט א באוואָפנטער האמוין
מיט בעזעמלעך, מיט ראָגאָזשעס, ווי אפ א קריג — געטרײַ דאָרט;
און זאָלען האָט זיך ניט פארמאכט דאָס מויל,
די ליפּן ט'ער ניט אופגעהערט צו טרײַבן.
— פארמאך די מײַלער דײַנע, זאָזל, הער! —
האָט אווראָם-הערש אפ אים געגעבן א געשריי דאָרט;
פון ארום באָד האָבן די קוילעס זיך געמערט,
צעזאָטן זיך, פארגרעסערט און פארברייטערט.
און זשוק האָט זיך דעם צונג געדרייט, ווי דראָט,
— וואָס האָט מען עס געמאכט דאָ פאר א טומל?
איז גייט מען ניט א שטיקל צײַט אין באָד,
איז אויך ניט אזא גרויסער אומגליק...
מיט בעזעמל האָט ער אין הינטן זיך געפּאָכט,
אז אופגעלייגט ס'געמיט אזוי געווען דאָרט איז אים:
— און וואָס איז, אויב מע גייט אין באָד אפילע ניט קיין יאָר,
אבי נאָר אויסבויען מע זאָל דעם סאָציאַליזם...
האָט אווראָם־הערש זײַן בעזעמל פארשטעקט
בא זאָלען אין דער פּאַכווע
און אים א זאָג געטאָן: — אן עק;
דו שטיי און וואַרט דאָ...
און איך וועל גיין א רעד טאָן מיטן קאָפּ,
אזעלכע זאכן רעדט מען מיטן קאָפּ, ניט מיטן ווײדל —
ער האָט אין שטערן זאָלען אָפּגעלאָזט א קלאַפּ, —
— אזא מין זאך ניט יעדערער פארשטייט דאָ...
איך וועל אים זאָגן אָט אזוי, ווי כ'קאָן,
איך וועל אים זאָגן שלוישע דוואָרים:
— ווײַל ער — שפּאנט מען אויס דעם פײַעטאָן,
— ווײַל ער — קאָן מען ווײַטער פאָרן...

איך קאָן אים זאָגן פּראָסטער אויך,
ער איז א פּראָסטער כּיי-וועקיַיעם;
און ער וועט עס אריַינעמען אין מויעך
און וועט עס גוט צעקיַיען;
איך קאָן אים זאָגן: — כּאַווער, הער,
א באָד בא די סאָוועטן איז נים קיין פּארפּאָר-הויז;
אהין אָדער אהער —
אזעלכע זאכן טויגן אפ קאפּאָרעס! —
געכאַפּט א קוק ט׳ער נאָך ארום,
לעם זשוקן האָט מען זיך מים בעזעמלעך געשפּארט דאָרט;
און צוגעקומען מ׳איז פון אומעטום.
האָט אחראָם-הערש דאָרט אָנגענומען זאָלען פארן גארטל:
— צו זשוקן הער זיך, ברודערל, ניט צו,
פון אים זאָלסטו זיך האלטן אָפּגעשיידט דאָ;
ער דרייט דאָרט מיטן צונג,
פּונקט, ווי א קו, א סטערווע מיטן ווידל.
געגאנגען איז א שטילקיַיט פון זיַין שטים,
און עפּעס טרויעריק איז זי געווען:
— און אויב דו ווילסט, איז שטעל דעם הינטן דיַינעם אונטער אים,
וועט ער דיר אויך א שמיר טאָן מיטן בעזעם...
און איך וועל גיין א רעד טאָן מיטן קאָפּ,
אזעלכע זאכן רעדט מען מיטן קאָפּ, ניט מיטן ווידל;
און נאָכאמאָל די פּאכווע אים פארשטאָפּט:
— איז ווי דו ווילסט, נעוויילע!
נאָר פּלוצעם ט׳זיך טרובא באוויזן לעם דער באָד,
פון גאס ט׳א זעצ געגעבן הילכיק אן אָרקעסטער;
— כּאַווײרים! — אויסגערופן טומלדיק ער האָט —
זיך אויסטרויען אפגיכ. צו פיר. און פעסטער!
ער האָט דאָרט קיינעם ניט געגעבן אופהייבן קיין וואָרט,
און קיינער ט׳ניט באוויזן אופהייבן א פראגע;
ס׳האָט דער אָרקעסטער אלעמען א ריס געטאָן פון אָרט,
געסאדערט מיטן קוק האָט אלעמען טרובא דאָרט.
פון וויַיט זיך רײַסט דער פּיַיקלדיקער קלאפּ
און טרויבן מעשענע, ווי הערנער — צעפּאלאָשעט;
ס׳האָט אווראָם-הערשן זיך א דריי געטאָן דער קאָפּ,
פארלאָרן האָט ער מיטאמאָל דאָס לאָשן.
און אין דעם הויכן, אופגעפּאָכעטן געווימל
האָט זיך טרובא געשליַיכט פון עק צו עק:
— עס קומט, כּאַווײרים, פאָר היַינט א געוועט אפ שווימען,
באטייליקן וועט זיך דער גאנצער ברעג.

דאָס בעזעמל האָט זשוק א וואָרפ געגעבנ גלײַכ.
— פאראנג א באָד! דאָס וואסער נאָר א ביסל לעבלעכ, —
מ׳עט דארפנ אויסהײצנ א ביסעלע דעמ טײַכ
ווענ גײנ א פארע פונ דער הרעבליע!
ס׳האָבנ זיכ בעזעמלעכ א וואָרפ געטאָנ אינ דר׳הײכ,
געטראָגנ האָבנ קוילעס זיכ נאָכ העכער;
נאָר ס׳האָט דער קלונג פונ טרויבנ מעשענע דערגרײכט
אונ אויסגעבלאָזנ די געשפרעכנ,
אונ צווישנ אופגעבראכטע בראָיענדיקע שטימענ
האָט זיכ טרובא געשלײַכט פונ עק צו עק:
איעדער אײנער זיכ א טונק געטאָנ אינ אימ האָט,
איעדנ אײנציקנ — מיט אויגנ — א צעזעג,
נ׳דעמ בליק אפ קײנעמ ניט פארהאלטנ לאנג,
געלאָפנ שנעל פונ אײנעמ צו דעמ צווײטנ;
אפ אורואָמ-הערשנ גיכ א פיר געטאָנ די האנט
אונ באלד זיכ צווישנ אנדערע פארדרײט דאָרט:
— דו, אורואָמ-הערש, ווענסט שטײנ אינ פלאנג,
די אָרדענונג זאָל זײַנ געקאָוועט!
געוואָלט האָט אורואָמ־הערש אימ אויסשיסנ: — א דאנק!
— כ׳בינ מויכל אײַכ דעמ קאָוועד.
איכ שטײ אינערגעצ ניט אונ ניט אינ פלאנג,
איכ שטײ מיט מענטשנ בא דער באָד דאָ;
אונ איכ פארלאנג,
טע זאָל ניט דרײענ מיר קײנ ספאָדעק!
אונ נאָכ האָט ער געוואָלט טרובאענ דאָרטנ זאָגנ,
אונ טאָנ דעמ צונג האָט ער געוואָלט א שלעפ —
אז פאר אזעלכע זאכנ פלעג ער אינ דער הײמ זיכ שלאָגנ
אונ שפאלטנ קעפ!
נאָר זשוקס געדולע איז אימ ניט געווענ צומ הארצ,
געוואָלט האָט זיכ אימ אָפלאָזנ א פאטש, ווי אינ די גוטע יאָרנ;
אונ עפעס זאָל כויזעקט אויכ, זיכ אימ געדאכט,
די ליפנ, פונקט ווי רעדער, זײַנענ זיכ בא אימ צעפאָרנ.
— שטײ, שטײ, — האָט ער געהאווקעט, — אורואָמ-הערש אינ פלאנג
אונ גא דיר אָפ די ראָגאָזשע אינ פלאנג, אונ מיטנ בעזעמ!
אונ דאָס האָט אורואָמ-הערשנ, ווי א שטײנ דערלאנגט,
אונ דאָס האָט אימ געשניטנ, ווי א מעסער —
האָט ער זיכ, ווי אנ עלטסטער אויסגעצויגנ — לאנג
אונ ס׳האָט זײַנ קאָל מיט גרײטקײַט אויסגעקלונגענ דאמאָלט:
— כ׳פארבלײַב, כאווער טרובא, אינ פלאנג!
— וואָס נאָכ באפעלט כאווער טרובא מיר?

און צו זײַן כעוורע מיט די צײנער אויסגעקריצט ער האָט,
איעדן אײנעם אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן:
— געגאנגען זאָל זײַן געגאנגען! ס'איז ניט די באָד!
— און פּולקעס זאָלן פליִען, ווי די פייגל!
דאָס בעזעמל פון זיך געטאָן האָט ער א שלײַדער,
די ראָגאָזשע אַרײַנגעשטופּט צו עמעצן אין טאַש, —
און נאָך א קוק און א קאָמאַנדע — אײַדאַ!
און אָפּגעטאָן האָט זיך פון אַלעמען דער ראַש.

ס'האָט זיך א לאָז געטאָן אינײנעם דער האַמוין.
געווען מ'איז אַלע ב'אָרדענונג צעשטעלט דאָרט;
און אווראָם־הערש אין פלאַנג ט'געזאָטן מיט א פולן מויל:
— א שווימער ז'אווראָם־הערש געוואָרן אף דער עלטער!
— א פּאָקוסניק ז'געוואָרן אווראָם־הערש, דער באַלעגאָלע.
באַדאַרפט דעם גאַנצן אײַסעק, ווי א לאָך אין קאָפּ;
און דאָך געקוקט, אז גײן אין אָרדענונג אַלע זאָלן,
נ'געטראַכט: — צערעכענען ט'ער זיך מיט יעדן, ווי ער קאָן...
און ווען ער האָט א וואָרף געגעבן זיך אין טײַך,
האָט אים דער קאַס און דער פאַרדראָס פאַרלאָזט דאָרט;
געשווומען איז ער מיט טרובאַען — גלײַך אף גלײַך —
און — פּאָך נאָך פּאָך — געגאַנגען און זיך געמאָסטן.
טרובאַ ז'געשווומען לײַכט, געשפּילט זיך, ווי א פיש,
נאָר פון די אויגן ט'אווראָם־הערש אים ניט אַרויסגעלאָזן;
דער שטאָלץ האָט אים געטראָגן און געפרישט,
געוואָלט האָט ער, מע זאָל עס זען. האָט ער געשריגן: — זאָזל!
זאָזל, קוק! די אויגן זאָלן דיר אַרויס, —
ער האָט דעם קאָפּ צום ברעג געטאָן א דריי נאָך! —
— וואָס שטײסטו, זאָזל, אָנגעטאָן? נעם, טו זיך אויס,
מע וועט ניט אויסכאַפּן בא דיר, נעוויילע!
געשמייכלט האָט טרובאַ, געקוקט אַהין אַהער,
געריצט און כיישעק אים אונטערגעגעבן:
— נעם אים, נעם אים, — אווראָם־הערש,
קיין באַלעגאָלע, ווײַזט אויס, איז ער קײנמאָל ניט געווען אין לעבן!
— מ'עט עפּשער גרונטעווען? — ט'א פרעג געטאָן טרובאַ,
— וואָס נאָך? — האָט אווראָם־הערש אַרויסגעשפּריצט פון מויל
דאָס וואַסער, —
א פּלייצע ט'איר מיר דאָרטן געבן, הא?
און צו דעם דנאָ ט'אַראָפּגעלאָזט אַלײן טרובאַ זיך.
אין טײַך האָט מען געשפּריצט און זיך געפּליעסקעט:
— האַלט זיך, אווראָם־הערש! גיב מיט דער זײַט! מיט קלאַפּטער — הע־ע!

א ביסל נאָכ! אָט־אָט! דערלאנג איצט פעסטער,
— בראוואָ, אווראָם־הערש!
און אינ געשריי און אינ געפליעסק
איז פונ דער טיפ ארויס טרובא דאָרט ווייטער אפ א פופצנ מעטער —
און מיט א צווייג געגריסט צו אווראָם־הערשנ זיכ: — דו זעסט?
און פאָרגעזעצט ט'זיכ ווייטער פריילעכ דאָס געוועט דאָרט...
און זשוק האָט זיכ דעמ צונג געדרייט ווי דראָט:
— וואָס האָט מענ עס געמאכט דאָ פאר א טומל?
איז גייט מענ ניט א שטיקל צייט אינ באָד,
איז אויכ ניט אזא גרויסער אומגליק...
מיט בעזעמל האָט ער אינ הינטנ זיכ געפאָכט
און פאָקוסנ פארשיידענע באוויזנ:
— דעמ טייכ וואָלט מענ באדארפט א הייצ טאָנ פאָרט
און אויסבאָדנ דעמ סאָציאליזמ...

ס'האָט זשוקנ זיכ א צייט דערמאָנט,
עס האָבנ יאָרנ זיכ געטאָנ א שטעל דאָרט,
ווענ ער מיט זעקס מיט זיבנ מאנ
אפ סטעפעס האָבנ דאָ געוועלטיקט,
ווענ ער אריינגייענ פלעג אינ שטעט,
ווענ ס'האָט דער קאנט פאר אימ געציטערט;
צו יענער צייט, צו יענע טעג
האָט אימ צוריק געטאָנ א צי דאָרט:
דער זעלבער סטעפ, דער טייכ דער זעלבער,
דער זעלבער אויסגעלייגטער וועג;
און אז א ציטער גיט די זעל בא אימ:
— זיי זיינענ שנעל אזוי אוועק!..

9

איעדער ריס קלינגט אופ אפ ווערסטנ אינ די שוויבנ,
איעדער אופרייס שאלט מיט ווידערקלאנג אינ רוימ;
פונעמ קאריער אריבער אווראָם־הערש איז אפנ הייבער —
דער אָנגעהייצטער לופט — די הענט זיינענ פארטרויעט.
באטראכט האָט אווראָם־הערש די בויונג פונ דער הייכ,
— אָט איצט ווערט מענ דערזענ — וואָס ס'טוט זיכ עפעס אונטנ;
נאָר ניט געקלעקט קיינ ריע און דאָס אויג האָט ניט דערגרייכט,
האָט ער דעמ קאָפ פונ דר'הייכ א וויג געטאָנ פארוואונדערט:
— ווי ס'האָט זיכ עס א ביסעלע געגעבנ א צעהוידע,
— ווי ס'האָט זיכ עס א ביסעלע געגעבנ א צעפאָר, —

— איז וואָס זשע, אוראַם־הערש, — האָט ער געשטאַמלט, — זײַ זיך מוידע,
אַז אָפּגעבאַלעגאָלעוועט ט'דײַנע זיידע אכציק יאָר
און ס'האָט זיך ניט געכאָלעמט אים אין כאָלעם, ניט אין וואָר,
דײַן טאַטע ט'אָפּגעוויאָקעט ביז די גרײַז־און־גראָווע האָר,
קיין אַלעפּ ניט צעקײַט וואָלט ער — וואָס סע קומט דאָ פֿאָר,
און דו אַליין ווייסט אויך ניט, אוראַם־הערש. און — גאָר!

דער אָטעם ט'אים פֿאַרכאַפּט. די ביינער ט'אים פֿאַרקלעמט.
ער זעט עס מיט די אויגן און ער טאַפּט עס מיט די הענט, —
אַז אָט מע נעמט אַ טײַך, מע שפּאַלט אים — טייל אַף טייל,
עס לעשט זיך ניט קיין פֿײַער, ס'דערטרינקט זיך ניט קיין שטיין,
עס פֿאָרט אַרויס אַ וועלט אַף אים, עס פֿאָרן אַף אים באַנען,
און אַף די הויכסטע בערג — מע פּויקט ווי נ'באַראַבאַנען,
און אַלץ זעט אויס איינציקעם, ווי אַ וווּנדערלעכער וואַלד,
אַז נאָך אַ ביסל נעמסטו און דו גיסט אַף אים אַ פֿאַל,
אַז נאָך אַ ביסל דאַכט זיך, אַז דער טײַוול דאָרטן נעמט דיך,
אַז נאָך אַ ביסל נעמסטו און דו לאָזט אַרויס אַ געמבע:

— אײַ, ווי האָט מען געזען
און ווי האָט מען געהערט —
אַף וואַסער זאָל מען גייען
אַזוי־ווי אַף דער ערד?

נאָר גלײַך האָט אוראַם־הערש זיך דאָרט אַ כאַפּ געגעבן: — היי,
דו ביסט דאָך אַף דער אַרבעט, אוראַם־הערש, דאָ ניט אַליין!
— אײַ, ווי האָט מען געזען און ווי האָט מען געהערט,
אַז מ'האָט אַ גאַנץ לעבן אָנגעטריבן פֿערד, —
איעדערן דערלאַנגט ער האָט אַ קיצלדיקן טאָר:
— און אַף דער עלטער — אײַנגעשפּאַנט אַ נײַ־ינקן מאָטאָר!

ס'האָט זאָל פֿון דער ווײַט אַף אים געשטשירעט און געקוקט דאָרט,
די ליפּן די צעשפּאָלטענע — געדרייט — אהין אהער:
— וואָס פֿעלט נאָך, אוראַם־הערש, זאָלסט ווערן אַ קאָנדוקטער?
— וואָס פֿעלט נאָך, אוראַם־הערש, זאָלסט ווערן אינזשעניער?
נאָר אוראַם־הערש געשטאַנען שטאָלץ איז בײַ דעם רודער,
דאָס רעכטע אויג — צו זאָזלען, דאָס לינקע — צום מאָטאָר:
און אַלע ווײַל דעם רוים פֿאַרלישעט מיט אַ הודע
פֿאַר אַלע זײַנע פֿערציק באַלעגאָלעדיקע יאָר!
און לאַכנדיק געגעבן האָט ער זאָזלען אַ פֿאַרפֿאָר,

אונ מיט דער באָרד — א כיינעוודיקנ פאָכע צום מאָטאָר:
— וואָס זאָגסטו אפנ פייַער?
וואָס זאָגסטו אפ זייַנ קויעכ?
פונ אונטנ שפּריצט מיט וואסער,
פונ אויבנ גייט א רויעכ!
— וואָס זאָגסטו עפּעס, זאָזעלע, וואָס זאָגסטו אפנ פערד?
נאָר קיינער פונ דער ווייַט אונ פונ דער נאָנט האָט ניט געהערט;
אונ שטיל האָט ער געגעבנ א דערמאָנ זיכ אונ א קלער:
— געקומענ אפנ הייבער ז'ער ניט גלייַכ פונעם קארייער.
זיכ ארבעטנ געשטעלט אינ שמידערייַ האָט ער צוערשט,
אוועק אינ שמידערייַ, ווי אפ א כאסענע איז ער,
ווייַל ער האָט זיכ ניט פאָרגעשטעלט קיינ בעסערס אפ דער ערד,
אונ ווייַל ס'האָט אים פונ קינדווייַז נאָכ א צי געטאָנ אהער.
די ערשטע שטוב פונ באנ,
די לעצטע פונ שטאָט;
אונ ווו מע גיט א שפאנ
איז אייַזנ אונ ס'איז שטאָל.
דאָס פייַער — שרייַט צום וועג. מיט פרענט נאָכ פרענט.
די אופגעשפּארטע טיר. די אָפּגעשיילטע ווענט.
אונ דאָס, וואָס ווי בא קימפּעטאָרנ שטייט דער שמיד באם ברעג
אונ לעבעדיקע נעמט ער זיי די פרענטעס מיט די הענט.
עס האָט זיכ אים נאָכ קינדווייַז אויסגעדוכט אזוי,
אז ס'איז די באָרד מיט פייַער בא דעם שמיד פארזוימט
אונ ס'פלאקערט אפ אים פריילעכ דער פארויכערטער קאמזויל,
ער פלאקערט אפ אים פריילעכ לעבעדיק אונ העל,
אונ ער — ער שפּייַט מיט פונקענ אפ א האלבער וועלט!
געדוכט האָט אים, אז ס'פייַער שלעפּט ער מיט די הענט
פונ האָרנ, ווי פונ בוזעם — שווייסיק מיט געפּעכט
אונ קנעט עס, ווי א ראָשטשינע א גאָלדענע צעבלעכט.
אונ באקט פונ דעם פּאָדקאָוועס, ווי רוגאלנ פאר די פערד.
האָט קיינמאָל פונ דעם פאכ זיכ שוינ ניט אָפּגעטאָנ זייַנ גוסט,
איז אָפּגעכאָלעמט האָט ער דאָרט א לעבנ אונ געגלוסט,
אז ווענ וועט פארנ האָרנ זיכ צעכראסטענ שוינ זייַנ ברוסט,
אז ווענ וועט ער דערלאנגענ שוינ מיט פונקענ אזא הוסט,
אז ס'זאָל א שטאָט א גאנצע, ווי א פרענט זייַנ אינ זייַנ האנט,
אונ שמעלצנ זי אונ קנעטנ זי אינ פייַער אונ אינ בראנד,
אז ציטערנ פאר אים אפ מייַלנ זאָל דער קאנט,
ווו נאָר ערגעצ א מארק אונ א יאריד עס איז באקאנט...

נאָר ס'איז אים בלויז א בויד א יאַלעווע געווען באַשערט
און זיבן ווערסט געדיימטע בלאָטע...
איז האָט ער
זיי מיט גוואַרע דאָרט געקישעפט און געבלעטערט, —
נ'א אַנגעזשליאָקעטער האָט ער געקלאַפט: — איך שווער
— צי פריר, צי שפּעטער...
נאכהער,
ווען שאַבעס פלעג ער פירן אָנפויען די פערד
צום טײַך,
ז'אָפּ צריקוועגס ליב געהאַט האָט ער
דאָרט גלײַך
דעם שמיד אין פענצטער אָנקלאַפּן קעסיידער,
אַז טרינקען סעלצערוואַסער גיין זיי זאָלן ביידע.

ער פלעג די פערד דאָרט צובינדן צ'א סטויפּ,
ארויסגיין מיטן שמיד אפן שאָסיי
נ'דעם גאַנצן ווען האָט קיינער ניט קיין וואָרט געפרווט צו זאָגן;
נאָר מיט דער פּוס האָט אוראַם־הערש געשאַרט א ביסל היי,
וואָס איז אראָפּגעפאַלן פון א פרעמדן וואָגן.

נאָך א יאַריד,
א ביסל פּראָסטע וואַסער צולייגן צום קאָפּ
איז ער זיך אויך געגאַנגען צום שמיד;
אראָפּגעזעצט זיך אפּ אַן איבערקערטער ראָד,
די גרויסע הענט — אראָפּגעלאָזט אנטקעגן פײַער
נ'דעם קאָוועל חי פון כאָלעם אײַנגערוימט ער האָט:
— ס'איז דאָ בא דיר אין קוזניע א מעכײַע!..

דעם ווייטעק שטילן ז'ער געגאַנגען מיט קלינגענדיקן קלאַפּ
און דעם פאַרדראָס פאַרברענען אפן פײַער.

און בא דעם אָפּקאָוען א פערד
האָט ער נאָך ליב געהאַט די פידקאָווע פאַרפריר באַשפּײַען;
א פרווו טאָן מיט די הענט זי אומגעפער
און מאַכן מיטן קאָוועל א לעכאַיִם.
און אַז מ'האָט אויסגעטרונקען, ווי ס'געהער,
האָט אים דערמאָנט דער גוטער קאָוועל,
פאַרבײַסנדיק מיט א פאַרויכערטן געלעכטער שווער:
— לעכאַיִם, אוראַם־הערש!
מ'וואָלט דיר באַדאַרפט דעם קאָפּ מיט פידקאָווס פאַרקאָווען,

איז וואָלט ער עפשער דיר געקלעקט פאַר די יאַרידן,
אוראַם־הערש!
איז ווען ער איז אוועק אין קוזניע פון קאַריער,
האָט ער
דורך אָנגעגליטע האָרנדיקע
קרעכצן
אין זײַנע אָפּגעשפּילטע יאָרן
אײַנגעהערט זיך...
איעדער פונק האָט אים געדרעשט
און אים געשניטן הערצלעך:
— געפּאַטערט, הייסט עס, אוראַם־הערש,
אַזוי די גרויס אין לעבן אַ יאָר פאַרציק!
נאָר אַז דאָס לעבן האָט אַזוי געפירט
און אַז דאָס מאַזל האָט אַזוי געבעט דיר, —
איז מאַכט ניט אויס — צי פריר —
צי שפּעטער!..

באַטרונקען זיך מיט פלאַם צו זעט,
מיט רויך און סאַזשעדיקע שטויבן, —
און זיך דעם וועג מיט פונקען אויסגעבעט
פון קוזניע צו דעם הייבער.

געפירט האָט ער אין לופט אַזאַ געפּעכט.
אַ כעזשבן זיך געמאַכט פון זײַנע יאָרן:
— דרײַ פערטל לעבן אָנגעטריבן פערד
און צו דער עלטער — רײַטנדיק אָפּ אַ מאָטאָרל!

10

געפינדלט פלאַטערדיק און בונט,
די פּיסקעס אין דער הייך פאַרהייבן, —
האָט זיך אַרויסגעלאָזט אַ מעכטיקער טאַבון
פאַרשײַטע שטרײַטנדיקע הייבערס.
אַ וואַלד אַ גאַנצער — הייבערס פעסטע —
האָט זיך אַ גליטש געטאָן דורך דער פאַרפלייצונג, —
אַ זויג די בראָכטיילן פאַרפרעסטע
און צו די גרונט־פעסטן — באַגלייט זיי.
ס'האָט שטאַנג צו שטאַנג פון קאָטלאָוואַן
דאָרט שטורעמדיק צונויפגעלייגט זיך,
און צוגעפעסטיקט וואַנט צו וואַנט

און פֿלייצע צוגעשמידט צו פֿלייצע,
געצויגנ האָט צו סטויפּ א סטויפּ זיך,
פאַרקייטלט פּעסט — ווי האַנט אינ האַנט, —
אונ אַהרוּאָם-הערש ז'געריטנ אפּ א הייבער,
ווי אפּ א פּערד — אַנ אַטאַמאַנ.

איטלעכער ווײַל — נ'א זײַט דעם קאָפּ
צו דעמ פּאַנאַנדערבראָקטנ דניעפּער;
א קוק — אַרוּפּ, א קוק — אַראָפּ,
ער זאָל דאָרט קיינעמ ניט פאַרטשעפּענ.
ס'האָט הייסע זאָרג אינ זײַנע אויגנ
מיט פרייד געטונקענ זיך אינ ראַש, —
נאָר עפּעס גיט ער זיך א בייג אָנ
אונ עפּעס טאַפּט ער אָנ אינ טאַש —
א בריוו פונ דר'היים... נ'ער לאָזט אים אָפּ...
...זי שרײַבט... ווער ווייסט, וואָס זי איז אויסנ?...
— א קוק — אַרוּפּ, א קוק — אַראָפּ,
ער זאָל דאָרט קיינעמ ניט קיינ שטויס טאָנ.
אונ ס'גיט א פּרעס אימ א פאַרדראָס
אפּ איר נ'אפּ אלע זײַנע יאָרנ:

— אַמעריקע, — מ'זי ניט געלאָזט...
צומ באַנ ס'זי מיר געהייסנ פאָרנ.
— מע פאָרט! — געטריבנ מיך זי האָט דאָרט, —
— מע פאָרט! — געטײַנעט אינ איינ קאָל;
איבער די זיבנ ווערסט גערליימטער בלאָטע
זאָל אַהרוּאָם-הערש איר שאַרנ גאָלד!
נים אָפּלאָזנ דעמ שיינעמ וווילסיק,
פונ אָרט זיך רירנ ניט געוואָלט;
נאָר אפּ דער קעלניע! — נ'ווער פאַרפוילט דאָרט,
אונ איך, דער נאַר, האָב זי געפאָלגט...

עס גיט אינ קאָפּ אימ אזא ברי
אונ ער — א לעש זיך אינ געפילדער —
אונ איצטער שרײַבט זי מיר אינ בריוו:
— זי ווייסט אליינ ניט, וואָס זי וויל דאָרט...
ס'פאַרדריסט דעמ פּיסק דער הייבער העכער,
ער הערט זיך איך דאָרט ערגעצ אײַנ,
ווי פּונקט ער קײַט פונ בריוו די ווערטער:
— וועסט ל[illegible]ג דעג, אַהרוּאָם-הערש, דאָרט זײַנ?...

ער שאָקלט מיטן פּיסק צעפּעכערט,
ער לייענט אויך דעם בריוו פון דאָרט:
— צי ס'לוינט זיך איר אצינד צעברעכן?
— צי ס'לוינט זיך רירן איר פון אָרט?

ס'גיט אווראָם-הערשן ס'האַרץ א גראָב נאָך,
דער קאָפּ גיט אים ווי נ'היץ א דריי;
זי שרײַבט מיר נאָך ארויס פּאָדראָבנע,
אז ווי-ניט-ווי איז זי אין דר'היים,
אז בעסער זײַן וואָלט ווען איך קום
און מעל א זעקל ברענגען ראזעווע;
עס גיט דאָס מויל זיך אים א קרום:
— האָסט דו מיר, גאָט, באשערט א יאזווע!
און ער דערלאנגט דעם בריוו א צופּ
— אָט האָסטו... ס'לעצטע נעם און שיק זיי...
זי וועט מיך ברענגען נאָך דערצו,
אז כ'וועל אוועקגיין צו א שיקסע!

געדאנקען האָבן זיך געוועקסלט
אין אווראָם־הערשס צעוויגטן קאָפּ;
— גיי גיב איר דאָרט ארויס א וועקסל
און גיי נאָך שטעמפּל עס איר אָפּ.
ס'האָט אים אין מויעך גענומען ראשן,
ס'האָט זיך די גאל געטאָן א דריי, —
— אז זײַן דאָ אויך ווען א פּידאשעק
און ווי־ניט־ווי בא זיך אין דר'היים...
און אָפּגעלאָזט א פּײַפּ ער האָט,
א שילט זיך פונעם גאנצן אָטעם:
— פארברענט זאָלן זיי ווערן, גאָט,
די זיבן ווערסט געליימטע בלאָטע!
און אז ער גיט זיך נאָך א קאָך דאָרט:
...א היים... א לעבן... ווייַ און אָך...
אז אײַנגעזונקען וואָלט עס דאָרטן
געוואָרן צריק מיט דרײַסיק יאָר!

און ווידער — אָן א זײַט דעם קאָפּ,
צו דעם פאנאנדערבראָקטן דניעפּער;
א קוק — ארופּ, א קוק — אראָפּ,
ער זאָל דאָרט קיינעם ניט פארטשעפּען.
ס'האָט דער פארדראָס אין זײַנע אויגן

מיט פרייד געוואָרעמט זיך באַנאַנד;
דער גאַנצער דניעפּ ז'אין אים פאַרזויגן,
ער האַלט דאָס לעבן אין דער האַנט, —
איז יעדער בראָכטייל, ווי אַ שפּאַרבער,
פון טיפסטן גרונט, פון קלעפּ ער רײַסט;
די הויט — פאַרוקט, די ברוסט — צעשפּאַרט דאָרט,
פאַרהיט האָט ער געוואָג און דרײַסט
פון די לאַנגיעריקע געשלעגן
פאַר באַלעגאָלעדיקן רום,
ווען ס'האָבן זיך געבוקט די וועגן
און ס'האָט געציטערט דער אַרום.

עס פוילט נאָך ערגעץ דער צעיאָג
פון ווילדער קראַפּט אַף מערק צעשאָטן;
געשטיקט האָט זי זיך פערציק יאָר
אַף זיבן ווערסט געלײמטער בלאָטע
און ניט געהאַט — וווהין אַראָפּ,
וווהין — אַרויף, — די ווײַט — געשלאָסן;
מ'האָט נאָר דאָס בלוט דאָרט פון זײַן קאָפּ
ווי פון אַ שקאַליק אויסגעגאָסן...

האָט ער געטרענט פון זיך דעם אָטעם
און זיך געריסן אין דער ווײַט,
אַז ווען אַצינדער זאָל די שטאָט אים,
אַ קוק טאָן זאָל אַף אים זײַן ווײַב,
ווי ער — צעווישן הייבער-סטײַעס,
ווי ער שפּאַרט אויף פון בערג דעם טראַכט
און טראָגט זיך אום אַף אַ שטיק פײַער,
פּונקט ווי אַ קריגסמאַן אַף אַ שלאַכט!

און דאָך האָט אים דער בריוו צעשטרייט,
עס האָט אים דאָך גענומען קלעמען;
ס'איז ווי־ניט־ווי — אַן אייגן ווײַב,
ס'איז דאָך ניט גלאַט אַבי פון וועמען, —
ס'האָט פאַרן האַלדז געטאָן אַ נעם אים
און אַ צעטויכע: — בלײַב ניט בלײַב...
איז וואָס זיך דאָ פאַראַן צו שעמען?
סע קומט דאָך אויס... זי בענקט... אַ ווײַב...
און ווי־ניט־ווי אַן אייגנס — פאָרט...
און זײַן אַליין מיסטאַמ איז שווער איר...

איז עפשער גיט מען גאָר א פּאָר
אזוי זיך, סטאם, געוואָרע ווערן...

ער האָט זיך שנעל געטאָן א פּאָרע,
געגאנגען די וואכטע איז צו ענד;
...סע קומט דאָך אויס... די סאמע יאָרן...
און ווי־ניט־ווי איז זי דאָך עלנד.
עס גיט זיין בליק דאָרט א צעגלאנץ זיך:
...און גאָר א יוגנט נאָך קימאט...
סאכאקל א יאָר פינף און צוואנציק
פון זינט מ'האָט כאסענע געהאט...
זי שרייבט אים דאָרט ארויס דערביי נאָך,
אז, דאנקען גאָט, מע לעבט איצט שיין;
אז מ'האָט ניט צו דער וולאסט קיין טיינעס,
אז בא דער וולאסט איז מען אליין.
אז יידן, — שרייבט זי, — כאפּן ראקעס,
ארטעלן גאנצע בא דעם טייך;
און קנעפּלעך גאָלדענע זיי באקן
און ווערן אומגליקלעך און רייך.
— וואָס-וואָס? — גיט ער דאָרט א פארהאלט זיך,
און נאָכאמאָל א פרעג זיך, — וואָס?
עס ווערט זיין פּאָנעם — פּאָמעראנציק,
און אז ער גיט זיך א צעגאָס:
— אוועלכע ראקעס? — וואָס? כ'פארשטיי ניט...
— ווי קומען ראקעס, אין דר'ערד, אהין?
צי זי, צי זיי, צי אלע אינאיינעם
גערירט זיך האָבן פונעם זין?
אז יידן עסן ניט קיין ראקעס!
און דעם פעדאל א דריק מיט רוגזע: — טפּרו!
און עפשער יאָ?.. און עפשער טאקע...
און עפשער... ווייסט זיי דאָרט דער רוען!

און ס'קומט דאָך אויס — א ווייב... ס'איז פּאָרט...
און זיין אליין מ'סטאם איז שווער א'ר...
איז עפשער גיט מען דאָך א פּאָר
אזוי זיך, סטאם, געוואָרע ווערן!

און צו טרובאנ איז ער פארנאכט אוועק
אן אייצע האלטן זיך אינאיינעם;
וועגן די ראקעס זיך דערפרעגט

אונ האָט דעם בריוו געטאָנ א לייענ אים,
אונ... פאָרנ, דוכט אים, אז ער מוז שוינ...
עס טוט אינ קאָפּ אים נאָכ א שטרײַכ:
— מיט זײַנע גומענע מאַלבושים
קאָנ ער אדורכ דעם גאנצנ טײַכ.
אינ טײַכ. א גאנצנ טאָג. מיט װאכטעס.
ודער שמועסט, אויב צושפּאנענ א פערד;
איז אלע ראקעס װערנ פארטיק
פאר צוויי — דרײַ טעג אונ — צריק אהער!
עס האָט טרובא אים אויסגעהערט דאָרט,
געקוקט טרובא האָט לאנג אפ אים;
ב'א באָד געגעבנ אים אינ װערטער
מיט אזא שמייכלדיקער שטים:
— פונ פערד — ארופ אפ א מאָטאָר ביסט
אונ איצט צוריק װילסט — אפ א ראק?
סע בענקט זיכ דיר שוינ נאָכ א טאָרבע,
סע בענקט זיכ דיר שוינ, הא, פערדאק?
נו, גוט! קומ מאָרגנ נאָכ דער װאכטע.
דײַנ װײַב כ'װעל אָנשרײַבנ אליינ;
מאָטאָרנ נײַנקע נאָכ װארטנ
זי װעט זיכ איבערבעטנ. איצטער — גיי!

11

אונ װידער טעג — געזאָטלט אונ געבעטע —
מיט גריװעס גאָלדענע — צעפּאָכעט אונ פארשײַט;
װי גיט מענ עס אפ טעג אזעלכע ניט קיינ קלעטער,
װי גיט מענ ניט אפ זיי א לאָז זיכ אינ דער װײַט?
אז פונקענ זאָלנ זיכ צעשפּריצנ פונעמ אָטעמ
ביז צו די װײַטסטע שטיבלעכ — פארזונקענע אינ ליימ,
אונ אָנצינדנ די זיבנ װערסט געליימטע בלאָטע
ב'א שלעפּ טאָג װי א בויד די כראָפּעדיקע היימ...
אז טעג אזוינע, װי די ביימער, װאקסנ
אונ דו — מיט זיי — איניינעמ אינ דער הייכ;
זיי גיבנ דיר אזוי א לייג זיכ אפ די אקסל
אונ גייסט מיט זיי דורכ פײַער אונ דורכ רויכ,
אונ ס'רײַסנ קעפּ זיכ העכער נאָכ אונ העכער,
די גאנצע װעלט פארזויגט זיכ דיר אינ בליק, —
אונ װינטנ אינ די װײַטנ פּאָכענ אונ פארשפּרעכנ
ב'מיט אש פארשיטנ זיי דעמ װעג דיר אפ צוריק.

האָט אפן הייבער אורהאָם-הערש די ווײַט געפּלעט דאָרט,
געבוקט האָט זיך צו אים דער הימל און די ערד;
אז טעג געזאָטלטע, אז טעג געבעטע
מיט גריוועס גאָלדענע פארשײַטע אין געפּעכט,—
ז׳אריײַנגעריטן וואָלט אין שטעטל ער אצינדער
אפּ דעם־אָ שטאָלענעם און שטאלטנעם פערד:
— וואָס מאכט עפּעס די שטאָט? — וואָלט ער באַם וועג זיך
גלײַך דערקונדיקט.

צי האָט מען פון א שפּאַן א שטאָלענעם אזא געהערט?
אראָפּגערוישט צו אים וואָלטן די הויכסטע עטאפּאָליעס,
די קרענעצע וואָלט אים אליין דערלאנגט א טרונק;
און ער וואָלט מיטן פּיסק אין דר׳הייך געטאָן א מאָל אויס:
— אָט זעט, ווי מע דערלאנגט א ריס און א פארשעפּ דעם גרונט.
א רײַט געטאָן וואָלט ער מיט פרייד איבערן שטעטל
אפּ אָט דעם שטאָלענעם און שטאלטנעם שפּאַק
און אופגעהויבן עס אזוי אפּ פראָסטע קובאָמעטערס
און עס געבראכט אהער מיט האַק און פּאַק.
און ניט באדארפט וואָלט ער דעם קאָפּ צעגראָבן
און ביזן העמד זיך אויסטאָן הויל, —
אפּ אָנשיטן אין טאָרבעלע א ביסל האָבער,
אראָפּנעמען עס מיט א קרעכץ פון אייגן מויל
און אָנטאָן עס דעם פערד, ווי זיך אליין — אלצײַנס —
און זען — סע זאָל ניט טאָן קיין איבעריקן קײַע...
און ס׳גיט דאָרט אורהאָם־הערש א צאָקע מיט די ציין:
— וואָס זאָגסטו עפּעס, שטאָט, ווי קאָרמען א מאָטאָר איז א מעכײַע!
מע עפנט ווי א קישעפּמאכער אופּ דעם בויך אליין אים,
אין אינגעווייד פארטיפּט מען זיך דאָרט מיט פארשטאנד
און זין

און זײַנע שטאָלענע געדערעם נעמט מען לייענען,
גלײַך ווי א בוך און א פארשטענדלעכן אזוינעם,
מע גיסט, ווי בראָנפן, דאָרט ארײַן אים דעם בענזין,
א דריי — אהער,
א דריי אהין.
נ׳מע מאכט מיט אים דעם עמעסן לעכאיעם,
אז אופהייבן זאָל ער דאָרט גאנצע בערג
און קיעכן זאָל אים אפּ א גאנצער וואכטע טטײַען!
מע הערט בלויז ווי סע פליסט דאָרט דאָס געטראנק
און אין די שטאָלענע די אָדערן ווי סע צעגייט זיך,
דערפילסט אין אים א היימישן א גוטן פרײַנט,
און פון געגנוס גיט אורהאָם־הערש א הייב דאָרט מיט דער פּלייצע

און איז טרובאַען צען מאָל דאַנקבאַר, —
פאַר אַלץ, — דאַכט זיך אים אויס, — פאַר אַלץ,
פאַר זײַנע שטאַרקע ווערטער, ווי געטראַנקענע,
און פאַר זײַן פעסטן הייזעריקן האַלדז
און אויך פאַר זײַנע גרויע אָנגעשלײַפטע אויגן,
וואָס שפּירן קלוג און שטענדיק נאָך, פּונקט ווי מיט ליכט,
ער זאָל אינערגעץ גאָרניט ניט פאַרבייגן
און זאָל אינערגעץ ניט דערלאַנגען אַ פאַרקריך;
ער איז אים צען מאָל דאַנקבאַר פאַר דער בראָנפנדיקער ווײַט
און פאַר דעם ווײַטן אויסגעשפּרייטן ראַנד,
און צען מאָל דאַנקבאַר, צען מאָל וואַך
אי פאַר דעם בריוו, וואָס ער האָט אָפּגעשיקט זײַן ווײַב,
און אויך דערפאַר, וואָס ס׳טוט אים גאָרניט באַנק
און אויך דערפאַר,
וואָס ס׳איז ביכלאַל פאַראַן
אַזעלכע מענטשן, ווי טרובאַ!

האָט ער געאַרבעט שטאָלץ. געהיט פאַר אַ געפאַר,
ס׳זאָל דער מאָטאָר אָן איבערשלאָג — געטרײַ גיין;
אַרומגעכאַפּט מיט אויגן האַרט
איעדער קלייניקײַט, איעדער שרײַפל;
זיך אײַנגעהערט אין אימפּעטיקן צוק,
צי ריכטיק אַרבעטן די קלאַפּאַנס און די צײַגערס —
און טאָמער־וואָס, און טאָמער עפּעס ניט גענוג
זאָל ער אַליין אין אַלץ זיך איבערצײַגן.
האָט ער געאַרבעט שטאָלץ. געהיט פאַר אַ געפאַר,
ס׳זאָל דער מאָטאָר אָן איבערשלאָג — געטרײַ גיין;
און האָט באַמערקט דאָרט אומדערוואַרט,
אַז ס׳האַלט זיך שלאַבעריק אַ גײַקע.

ס׳האָט אים אין קאָפּ דערלאַנגט אַ שנעל,
ס׳האָט אים אַ שפּרונג געטאָן דער דויפּעק:
מע מוז אַפּגיכ. און טייקעף. שנעל.
זי אין אַן אויגנבליק פאַרשרויפן.
ס׳האָט זיך מיט היץ זײַן בליק פאַרבעט:
— וואָס טוט מען? אָפּשטעלן, צי גיין?
אַ פרעג טאָן עמעצן איז שפּעט.
ס׳איז ווייניק צײַט. מע טאָר ניט שטיין.
געכאַפּט אַפּגיכ דעם גרויסן שליסל.
ער האָט דעם שליסל ניט דערקאָנט

און אָנגעשטעלט דאָרט אפ דער זוימ אימ
און צומ מאָטאָר — א וואָרפ זיכ — נאָנט,
געדוכט האָט דאָרט זיכ אפ געוויס אימ,
אז ס'לויפט א פערד און אז מע קאָנ
אימ דאָרטנ לויפנדיק באַצוימענ, —
נאָר ס'האָט מיט קראַפט געטאָנ א שטויס
און אימ דערלאַנגט אפ צריק א שלייַדער.
און ערגעץ — אייַנ און ערגעץ — אויס,
מ'האָט בלויז דערהערט, ווי עמעצ שרייַט דאָרט;
ס'האָט אימ א טראָג געטאָנ אינ דר'הייכ,
ווי א בוהייַ וואָלט מיט דער פוס דאָרט
דערלאַנגט אנ אומדערוואַרטנ טו'כ
אונטערנ האַרצ אונטער דער ברוסט אימ,
אז ס'האָט געפּלאַצט עפּעס אינ בויכ
און אימ צעפּלעט דאָרט דעמ באַוווּסטזייַנ.
. . . .
אנ אויגנבליק האָט אַלצ פאַרקערט,
געדרייט מיט אימ זיכ — הינ און הער
נ'ווי פונ א ווונדערלעכנ פערד
איז ער א פאַל געטאָנ צו דר'ערד.

12

זיסע טעג. די ווייַט געשמאַק איז
באַ דער נידעריקער שוועל;
שייַלט זיכ לייַוונט אפ באַראַקעס,
גלייַכ, ווי אָפּגעצערטע פעל.

דרייַסט און טרייסלט דאָרט דער ווינט זיי,
שטעכט זיי אויס, ווי א געשוויל; —
— אז זיי זייַנענ אזוי ווינציק,
— אז זיי זייַנענ אזוי פיל!

אז זיי זייַנענ ביז די קנעכל
אינ די זאַמדנ — טיפ פאַרוויגט;
פלאַפּלענ לייַוונטענע דעכער
מיט פאַרבייַגייער, מיט ווינט.

אפ די פענצטער וויאַנענ בלומענ,
און פאָרטרעטנ — אפ די ווענט —
און אפ נאַרעס שלאָפנ אומעס
פונ אומבריגיקנ פאַרבאַנד.

ענדיקט זיך מיט פּײַפּ א וואַכטע,
הײבט מיט פּײַפּ זיך וואַכטע אָן, —
ווער באַטאָג און ווער באַנאַכט דאָרט,
ווער באַנאַכט דאָרט, ווער — באַטאָג!

ס'דרײַסט ניט איבער זיך די אַרבעט,
ס'דרײַסט ניט איבער זיך די רו —
— ווען ס'ענדיקט דאָרט די וואַכטע,
— ווען ס'הײבט זי אָן — דער רוף!

ברײטע קעפּ אונטער די דעכער,
זעצט מען זיך אָפּ קניִען אויס;
און מע גיט זיך א צעטעכער
און מע זידלט זיך אַרויס.

און מע קראַצט זיך הויך די פּלײצעס,
און מע רײַבערט הויך טוטיג —
ניט דערזידלט — מע צעגײט זיך.
— ווער אַהער און ווער — אַהין.

און אָפּ מײַלער, אָפּ געמיטער
קומט אַזוי ניט קײן פּאַרשלים, —
ביז מע לײגט זיך ניט אַנידער,
ביז מע פאַלט ניט פון די פיס.

און מע ציט די מאַרינאַרקעס
און די אָנעטשעס מע שלעפּט;
און סע קומט א שלאָף א שטאַרקער
אָפּ די טערפּקע מידע קעפּ.

און א כראָפּ צעגײט זיך מונטער
אין דער הײך און אין דער ברײט —
— ווער די שטיוול בעט זיך אונטער,
— ווער — אַזוי ווי גײט און שטײט!

נ'ווער ס'לײגט אונטער זיך צוקאָפּנס
בענקשאַפט ווײַטע פון דער פרעמד —
נאָר דער ייִד פון מעליטאָפּאָל
זיצט און לאַטעט זיך א העמד.

אָן א שאבעס זי דערמאָנט אים,
זי דערמאָנט אים אָן א היים...
טוקן זיך די האָריזאָנטן
מיט אן אויסגעדארטן בוים...

אָן א שאבעס זי דערמאָנט אים
און ער ווייסט שוין ניט אליין
— צי ער וועט די העמד נאָך אָנטאָן,
— צי ער וועט די העמד נאָך גיין ?...

אז ס׳איז מיטן נאכט. מע כראָפּעט.
אלע אנגלען מע צעקלעממ, —
נאָר דער ייִד פון מעליטאָפּאָל
טרײַבט דעם טויט אָפּ מיט דער העמד...

ס׳האָט א ריס געטאָן א כוואליע
זיך אין מויל זײַנס אין פארקלעפּטס —
נ׳פארן גאָרגל, ווי מיט צוואנגען,
האָט אים אָנגעכאפּט דער גרעפּצ.

איז אין מאנטל א פארהילטער
ט׳ער אראָפּגענידערט שווער,
דאָס צעקרומטע מויל א קיל טאָן
אפּ דער הוילער רויער ערד.

אונטער נארע — אָנגעשטויביקט
טוליען זיך דאָרט — איינס נעם איינס —
א פּאָר זעקעלעך מיט גרויפּן
און א קלומעקל א קליינס,

און געווארט האָט ער אפּ טאָפּלט,
נאָך מיט איינס, און נאָך א פּאָר...
ס׳האָט דער ייִד פון מעליטאָפּאָל
זיי געקליבן און געשפּאָרט.

טוקט זיך האָריזאָנט צוקאָפּנס
מיט אן אויסגעדארטן בוים;
ס׳האָט דער ייִד פון מעליטאָפּאָל
שיקן עס באדארפט אהיים...

אז פארקויפֿן עס מע זאָל דאָרט,
אָפּלייזן פאר דעם דאָס געלט.
— וואָס האָט זיך אים נאָך געוואָלט דען
פון זײַן לעבן, פון זײַן וועלט.

וויִאַנען אף די פענצטער בלומען,
און פאָרטרעטן — אף דער וואַנט;
און אף נארעס שלאָפֿן אומעס
פון אומברעגיקן פארבאנד.

זיס ווי קאוונזאפט — דער דרויסן
און נאָך זיסער זײַנען טעג;
ער איז ערשט באַטאָג ארויסגאַנ
זיך א ווארעם טאָג באם ברעג.

יאָרן זײַנען אָפּגעמעקטע,
און אף טעג — אזא פארוויי, —
ס'האָט מיט קאווענעס פארשמעקט אים,
ס'האָט פארשמעקט אים ביז געוויין...

האָבן זײַנע פיס געבלעטערט
און געציטערט האָט די האנט,
און פאנאנדערפרעגט בא יעדן:
— קאווענעס איז נאָך פאראן?

שמעקן קאווענעס מיט האָפן,
און מיט יאָנטעוו און מיט וויי, —
האָט דער ייִד פון מעליטאָפּאָל
זיך געשטעלט דאָרט אין דער ריי.

אז דער ברעג איז ווי א האפן
בארזשעס בלײַענדע מיט פראכט, —
האָט ער אויך געקויפט א קאוון
צו דער נארע אים געבראכט.

דורך די נידעריקע שויבן
קוקט ארײַן א ווײַטער ראַנד, —
ס'ווילט דעם קאוון זיך א הייב טאָן
און א וואָרפ טאָן אין דער האנט.

און אים צולייגן צום אויער
און א קוועטש טאָן בא דער זײַט,—
און זיך אָנטרינקען מיט טרויער
און זיך אָנטרינקען מיט ווײַט.

און דערמאָנען זיך אין יאָרן
און דערמאָנען זיך אין טעג,—
אָפּגעלופּעטע, ווי קאָרע,
און צעזייטע אפּן וועג.

ס'ווארפט דאָס הארץ זיך און סע טריפט דאָרט;
און סע בלעטערט און פארמישט—
ווי ער האָט געשניטן ריפּטלעך
קאלטן קאווין בא זײַן טיש.

און געטיילט אפּ ביידע זײַטן
און געקוויקט זיך מיט געפּליעסק,—
און מיט הענט האָט ער געטמײַטלט
און געשריגן: — קינדער, עסט!

כאַפּט ניט אזוי! עסט פּאוואָלי!
פּראטשעט ניט אזוי מיט די ציין!
ס'זײַנען טעג געווען, ווי טאָלן,
און די שטיבעלעך פון ליים.

און דער זאפּט פון זיסע טראָפּן
אויסגעמישט איז מיט געוויין:
— אוי, ווו ביסטו מעליטאָפּאָל?
— אוי, ווו ביסטו ווײַטע היים?

ליגט דער קאווין אופגעשניטן,
ווי אַן אופגעהאקטער בויך,—
— ער וועט אים שוין ניט קיין צי טאָן
און א הייב טאָן אין דער הייך!..

ס'איז אין האלדז אים אזוי קלעפּיק,
ס'דרײַסט זיך אָפּ פון אים דער טאָג;
עפּעס שנײַדט מען אפּן דניעפּער
איצט אפּ ריפּטלען דעם בעטאָן.

און מע טײלט אָפּ בײדע ברעגן,
און ס'ע פּליעסקעט זיך געװױש;
און די פעלדזן-בערג מע ברעקלט
און מע כראָמקעט אים װי ברויט.

און זײַן מויל איז אָפּגעריסן,
און דער אָטעם איז פאַרשטעלט;
און צוקאָפּנס און צופוסנס
אָפּגעשונדן ליגט זײַן װעלט...

ס'ער אַלײן זיך אופגעהויבן,
און אַ קוק — אַהין, אַהער;
שטײען זײַנע זעקלעך גרויפּן
אָפּ דער רויער רונדער ערד...

— אָט-אָט ליגט עס דאָ, זײַן לעבן,
אין די זעקלעך אָפּ דער ערד...
— װאָס באַטרעפט עס?.. װאָס ט'מען געבן?..
ער — דערגעבן... און װאָס מער?

ס'קומט מיר נאָך פּאָר זעקס טעג אַרבעט,
אויסגעקרעכצט ט'ער, װי פון שלאָף;
— און ס'װײַזט אויס, אַז איך שטאַרבן,
— און ס'װײַזט אויס, אַז ס'איז דער סאָף!..

קוקט אָפּ קאָװן.. קוקט און גלעט אים.
דרײט דעם קאָפּ פון אים אַװעק.
— דאָ אָ ענדיקט זיך זײַן צעטל,
— דאָ אָ ענדיקט זיך זײַן װעג!..

עפּעס רעכנט, עפּעס קריצט ער,
און די ערד איז רוי און שטיל;
עפּעס װערט אים, דאַכט זיך, פינצטער,
ס'איז נאָך, דאַכט זיך, זײער פרי...

ס'זײַנען הענט אים שװער און שטײַביק,
און דאָס מויל איז אים װי לײם;
— און אָט דאָס אָ ביסל גרויפּן
דאַרף מען אָפּשיקן אַהײם!

ס'איז די באָרד פאַרקלעפּט מיט קערלעך,
אויגן קוקן בייז און פרעמד;
כ'האָב נאָך דאָרטן פּערציק קערבלעך
אייַנגענייטע אין דעם העמד!

און א שטילן הוסט געטאָן נאָך,
און אן אויסגעוועבטן שפּיַ—
האָט דער ייִד פון מעליטאָפּאָל,
האָט דער ייִד פון ערגעץ ווייַט...

ערפּעס לאַנג האָט נאָך געטראַפּט
אפן זייַן באָרד געדיכטער יאָד:
— אָפּשיקן קיין מעליטאָפּאָל,
אָפּשיקן דאָס געלט און... יאָ...

...אונטער נאַרע — אָנגעשטויביקט
שוליען זיך דאָרט — איינס נעם איינס—
א פּאָר זעקעלעך מיט גרויפּן
און א קלומעקל א קליינס...

אפן די פענצטער וויאַנען בלומען,
און פּאָרטרעטן — אפן דער וואַנט;
און אפן נאַרעס שלאָפן אומעס
פון אומברעגיקן פאַרבאַנד.

באַנאַכט זעען אויס די באַראַקן, ווי ברונעמס,
באַנאַכט איז דאָרט שטיל. און די רו איז פאַרשניצט;
און יעטווידער אופריַיס וועקט אוף, ווי א דונער,
און יעטווידער אופריַיס שנייַדט אוף, ווי א בליץ.

די נאַכט שנייַדט זיך אוף און זי רייַסט זיך און פּערטלט
און בלאָנקענדיק-ליכטיק איז יעטווידער ריט;
און ס'קומט ניט קיין שלאָף אין באַראַק בא די נעכט דאָרט,
מע זיצט אפן די נאַרעס — פאַרבייגנ די פיס.

מע רייכערט ציגאַרעס, געדיכט, ווי די נעפּלען,
און איינער באַם צווייטן אָרייַנציט דעם רויך;
און שטיל הערט מען איַין זיך — אפן וואָס ווייַנט דער דניעפּער?
און שטיל רייַסט זיך איבער אפן צווייען די הייך.

ראַקעטעס זיך רײַסן, ווי בלענדיקע טאָפּאָלס,
זיי גיבן אין שויב פון באַראַק נאָר אַ ווונק;
— און וווּ איז דער ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל,
— און וואָס טוט אים ווײ דאָרט? און וואָס איז זײַן וווּנד?

עס קרעכצן די הײבערס און ס'זעצן די האַמערס,
זיי שפּאַלטן די כוואַליעס און רײַסן די טיף;
עס וויגט דער באַנאַכטיקער הילך זיך אין פלאַמען
— צי הייבט מען ניט אוף אַ דערטרונקענע שיף?

און שטיל גייט דער ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל,
עס שלעפּן די שטיוול אים ערגעץ צוריק;
ער לייגט זיך אַף נאַרע, ער בעט זיך צוקאָפּנס,
און ס'דאַכט זיך אים אויס, אַז ס'איז נאָך אַזוי פרי...

די נאַכט איז צעשניטן. די נאַכט איז צעפּאַלמעסט,
און ס'וואַרפן זיך פּײַערס, ווי פיש, מיט געפּעך;
און ס'וואַרגט זיך דער ברעג דאָרט מיט שטאָל און מיט שפּאַלעס,
און ס'וואָרגט זיך דער ייִד מיטן לעצטינקן דעך.

די נאַכט איז צעשניטן אַף בלענדיקע פלאַכן,
זי האָט זיך צעעפנט מיט פינצטערן טראַכט;
דער ייִד איז ניט גרייט נאָך, ער איז נאָך ניט פאַרטיק,
ער האָט עפּעס נאָך ניט אינגאַנצן באַטראַכט...

ער האָט עפּעס נאָך ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען,
ער האָט עפּעס נאָך ניט אינגאַנצן באַקלערט—
אַז אָט איז דאָס לעבן... אַ רעגע פונדאַנען,
און אָט איז די נאַרע... און אָט איז די ערד...

און אָט זײַנען שטיינהעקער... ערשט פון דער וואַכטע,
אָט זײַנען זיי אַלע אַזוינע, ווי ער;
— אַז אָט איז דער אָטעם... אַז אָט איז די נאַכט דאָך...
און אָט איז דער הימל... און אָט איז די ערד...

— איז וווּ זשע, וווּ זײַנען זיי?.. וואָס איז געווען דאָ?..
עס רײַסט זיך דער דניעפּער! סע דונערט! סע קראַכט...
אָט ליגן דאָך זײַנע פאַרלאַטעטע העמדער,
אָט איז דאָך דער טאָג... אָט איז דאָך די נאַכט...

אָט איז עס דאָכ — אלצ! אָט — פונ אונטנ ביז אויבנ!
— ס'איז חעמעס? ס'איז זײַנס? פונ זוים ביז צו זוים!
ער קוקט אפנ קאווג. ער זוכט זײַנע גרויפנ,
זײ זאָלנ זיכ אלע צעשרײַענ אזוי!

אזוי ס'זאָל די נאכט אימ אוועק פונ צוקאָפנס,
איז טאפט ער די נארע אונ זוכט זיכ אליינ;
— וווהינ איז אוועקגאנ זײַנ שטאָט מעליטאָפאָל?
— חווהינ איז פארשווונדנ זײַנ כאָרעווע היימ?

נאָר שטיל אינ באראק איז, עס קלעטערנ שאָטנס
פונ חענט אפ דער סטעליע, פונ סטעליע אפ וועגט;
דערמאָנונגענ שטיינהעקערס האקנ אונ קנאָטנ
אונ קנאָטנ זײ נאָכאמאָל אויס מיט די הענט.

אונ איינער דערקלערט דאָרט — אז גאָט איז פאראנענ,
דער אנדערער גענעצט, אז אימ איז אלצייננס;
אפ פענצטער פארטריקנטע בלומענ דערוויאנענ,
אפ נארע באמ ייִדנ זיכ פלאָנטענ די ציינ.

אונ ווער ס'האָט פאריבל אפ נאכטיקנ קלאָפנ,
אונ ווער — אפ דער מאכט אונ ווער ס'גיט דאָרט א רופ:
— ווּעסט אמאָל אופהערנ, דו, מעליטאָפאָל?
— גענוג דיר צו כאָרכלענ! האָדי! הער אופ!

אונ איינציקווײַז קריכט מענ ארופ אפ די נארעס,
אונ איינציקווײַז פאלנ בא יעדנ די קעפ;
עס סקריפענ די ברעטער אונ מײַלער זיכ שפארנ
אונ עס סקריפעט פונ ווײַנ אונ ס'שפארט זיכ דער דניעפ.

עס שלאָפט דער באראק אײַנ. די שאָטנס זיכ שטאָפנ,
מיט רויכיקע וועגט אינדערשטיל זיכ מע שפארט;
געטראכט האָט דער ייִד פונ דער שטאָט מעליטאָפאָל,
אונ דאָכ האָט ער עפעס אזוי ניט דערטראכט...

א קער אפ דער זײַט — אונ אנשוויגנ געוואָרנ,
א קער אפ דער צווייטער — אונ שא. אונ — אויס...
צוויי זעקעלעכ גרויפנ, וואָס אונטער דער נארע,
אונ נאָכ עפשער צוויי — ניט-דערקליבענע בלויז...

. . . .

באנאכט זעען אויס די באראקן, ווי ברונעמס,
באנאכט איז דאָרט שטיל און די רו איז פארשניצט;
און יעטוידער אופרײַס וועקט אוף, ווי א דונער,
און יעטווידער אופרײַס וועקט אוף, ווי א בליץ.

און ס'כאפּט זיך אוף איינער. א שפּײַ און א דורכגאנג,
ער זאמט זיך א רעגע און — צריק. עס איז שטיל;
ב'דעם ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל ער שטורכעט
און וועקט אים: „באדארפסט ניט אמאָל אפּן ווינט?..״

ער שטייט נעבן אים, און ער שרעקט זיך און רעדט:
און ס'איז — שא. און ס'איז — אויס. און די שטיוול שוין קלאַפּן:
— ברידער, שטייט אוף! אינדערגיך! איר זעט?
ער שלאָפט מעליטאָפּאָל... זאטיך מעליטאָפּאָל!???

ס'איז דאָרטן דער ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל
געלעגן אזוי־ווי אינמיטן דעם וועג—
ווי פון א וואָגן ארונטערגעפאלן
און ס'איז ד'ער וואָגן זיך ווײַטער אוועק...

האָט מען די פיס בא אים אויסגעלייגט ריכטיק,
האָט מען די הענט אים אין אָרדנונג געבראכט,—
און שווײַגנדיק האָט מען פארלאָשן דאָס ליכט דאָרט
און צריק זיך געלייגט דאָרט דערשלאָפן די נאכט.

א כראָפּע געטאָן האָט מען בייזער און הארבער
און איבערגעכראָפּעט מיט וואָרט זיך געהיים:
— א שטילער געווען... און ערלעך געארבעט...
געקליבן גרויפּן... אלץ פאר דער היים.

אז אפּן מאורק עס פארקויפן מע זאָל דאָרט,
און אָפּלייזן זאָל מען מיט מאזל דאָס געלט;
— וואָס נאָך האָט דער אָרעמער ייִד דאָרט געוואָלט דען?
— וואָס נאָך ט'ער געדארפט פון זײַן אָרעמער וועלט?

געקליבן א גאנצן סעזאָן... געקליבן...
א ייִד מיט גרויפּן... מיט טאָרבעלעך צוויי...
באדארפט וואָלט מען אָפּשיקן, וואָס ס'איז געבליבן...
א ייִד... און ווער ווייסט, ווו ס'איז ערגעץ זײַן היים?..

און אופגעגאנ זײַנען קאַיאָריק די ברעגנ
די שטערנ געביסנ ווי צײַטיקנ בעז;
דעם פעלדזנבארג האָט מענ געהאקט און געברעקלט
ביז די הרעבלײַע ז'געגאנ ווי א בלויער עקספּרעס.

13

דעם ערשטנ קרעכצ
האָט אוראָם־הערש
געגעבנ אינ שפּיטאָל.
געווענ איז שטיל.
מ'האָט אפ טרובא'נ געווארט דאָרט;
א טויבער ראָש — געקײַקלט דורכנ טאָג —
געטראָגנ האָט זיכ ווי פונ ווײַטע שלאכטנ.
ס'האָט אופגעכאפּט זיכ אוראָם־הערש אינ שלאָפ.
דעם קאָפּ געפּרווט און ניט געקאָנט א דריי טאָנ;
ס'האָט אינ דער שטילקײַט יעדערער געהערט געלאָפּ
און דורכנ פענצטער האָט געשפּארט דער הימל א פארשנייטער.
מ'האָט ניט געהאט אראָפּגענומענ נאָכ פונ אימ דאָס אָנטאָנ,
ערגעצ פונ ווײַט נעגאנגענ איז זײַנ אָטעם שווער;
ס'האָט זיכ געדאכט, אז ווייער נאָענט דאָ
דארפ ערגעצ ליגנ א דערהארגעטע פערד.
א ריר געטאָנ האָט זיכ די היצ מיט קרעכצנ טויבע
און ווידער א פארזינק — דורכ פינצטערניש און ליכט;
טרובא האָט שטיל די דעק פונ אימ פארהייבנ,
און פונדאָסנײַ זיכ אײַנגעקוקט אינ זײַנ געזיכט.
ווי נאָכ א שלאכט געשלאָפנ וואָלט אזא מינ גיבער,
וואָס אופוועקנ עס קאָנ אימ ניט דער גרעסטער ראָש;
נאָר אונטער די פארמאכטע אויגנ — גריבער
און אינ די גריבער — אש.
די הויט געווענ איז ערדיק־גרוי, ווי בא א פעלדז,
די באָרד, ווי ווילדגראָז — קאפּויר — צעטראָטנ;
אריבער אלע מאָל ז'אנ אנדערער די שוועל
מיט א פארסײַעטנ געהאקטנ אָטעם.
מ'האָט שוינ געוווסט: — געפּלאצט בא אימ האָבנ די לעבער,
און קלאָר געוואָרנ איז מיט יעטווידער מינוט,
אז אפ אימ אופהייבנ צוריק צום לעבנ
וועט מענ אימ מוזנ געבנ בלוט.

וואָס מענטשנ מער — אלצ שטילער איז געוואָרנ.
געשטאנענ איז עלקאָנע, שוועסטער און טרובא;

דער דאָקטער האָט געווונקען און געקוקט פאַרלאָרן:
— מע מוז אים בלוט אריבערגיסן באַלד!
און ער איז גרייט. די שוועסטער זײַנען פאַרטיק.
און אַלץ איז דאָ אונטער דער האַנט;
— כאָטש, אייגנטלעך, — האָט ער אים נאָכאַמאָל באַטראַכט דאָרט, —
איז זײַנע האָפענונגען זייער קנאַפּ פאַראַן.
— מע דאַרף זײַן גרייט צו אַלץ, — האָבן די ווערטער זיך געפלאָכטן, —
ער זאָגט עס וועגן דעם פּאַרפּריר — דערפּאַר,
ווײַל פון אַזאַ מין פאַל וואָלט ער געקאָנט שוין אָפן אָרט דאָרט...
ווען ניט אַזאַ מין גוואַר.
איז וועט מען צוטרעטן. ס'איז אַלצדינג פאַרטיק.
מע דאַרף באַשליסן נאָר — באַ וועמען בלוט מע נעמט.
געגאַנגען איז צום סאָף די צווייטע וואַכטע,
די נאַכט האָט ביידע ברעגן שוין פאַרקלעמט.
דער דניעפּ איז אויך געלעגן אין זײַן ברעגיק אָנטאָן
מיט אַ געפּאַלמעסטן צעהאַקטן בויך;
אַ דרײַסיקטויזנטיקע מענגע טיפּ פאַרטאָן דאָרט
האָט אים דאָרט איבערגאָסן זיך אַפּ אופשטײַג אין דער הייך.
נאָר דאָ איז שטיל. דער ראַש ט'אַהערצו ניט דערגרייכט
פון פלאַצנדיקע בערג און פעלדזן;
עס עפנט זיך די טיר. און פענעמער, ווי רויך,
און ווער — אַרײַן, און ווער — עס שטעלט דאָרט אַפּ דער שוועל זיך.
וואָס מענטשן מער — אַלץ שטילער איז געוואָרן.
געשטאַנען איז עלקאָנע. שוועסטער און טרובאַ.
דער דאָקטער האָט געווונקען און געקוקט פאַרלאָרן:
— איז ווער... וועט געבן בלוט?.. מע דאַרף עס באַלד!..

אַ ריר האָבן זיך אַלע גלײַך געגעבן
איעדער ט'זיך דערנעענטערט אַפּ אַ שפּאַן;
עס האָבן אַלע אויסגעשטרעקט באַגלײַך דאָס לעבן
נ'אַמנאָענטסטן געשטאַנען איז טרובאַ.
איז אָפן ליגנדיקן נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן דאָרט
און אָפן דאָקטער און אַפּ ביידע זאַלבענאַנד;
און שנעל אַ פּאָרע זיך געגעבן מיטן אָנטאָן
און אויסגעשטרעקט אַ פעסטע טאַטויִרטע האַנט:
איז וואָס זשע זאַמט מען זיך? איז וואָס זשע וואַרט מען?

אפגיכ ארופגערוקט דעמ ארבל פונ דעמ העמד, —
קיינ אנדערע זײַנענ ניטאָ נאָכ פונ דער וואכטע
נ'די האנט, ווי אפ דער וואכ, א הייב געגעבנ: — נעמט!

דער אופרופ צו דער דריטער וואכטע ס'זיכ געהערט שוינ,
געקוקט האָבנ פארווונדערט — אויסגעשטרעקטע קעפּ,
ווי ס'שטילט דאָס לעבנ דאָרט טרובא מיט אוראָמ־הערשנ
נ'ווי ס'צינדנ פײַערנ זיכ אָנ דאָרט אפנ דניעפּ.

14

ס'איז זאָל יעדנ טאָג צומ פענצטער צוגעקומענ,
דאָס מויל ס'צעפּאָרענע, ווי קיינמאָל ניט, צעשפּרייט;
אונ — שטיקער רויער סליונעדיקער אומעט —
דערשראָקענע געקאפּעט האָבנ רייד
צו זיכ אליינ אינ אייגענעמ וואטניק,
מיט קיינעמ ניט געקריגט האָט ער זיכ מער שוינ, —
געסליונעט בלויז: — א טויווע אימ געטאָנ. א גליק!
א שיינער טאכלעס פונ אזא מינ אוראָמ־הערשנ!..

אונ אוראָמ־הערש געלעגנ איז אינ א כאלאט,
אנ אָפּגעגאָלטער ס'ערשטע מאָל אינ לעבנ;
איעדער ווײַל האָט ער געטאַפּט דאָס פּאָנעמ — גלאט —
נ'די וואָנצעס אויסגעפּרוווט, צי זיי זײַנענ פאראנ דערנעבנ.
עס זײַנענ ארבעטער מיט אימ זיכ זענ געגאנ,
מאטאָנעס ברענגענ אימ אונ סכירעס איבערגעבנ;
ס'איז אויכ געקומענ אימ מעוואקער־כוילע זײַנ לוקא
אונ פאר איינ ווענ א שמועס טאָנ וועגנ לעבנ.

ס'האָט אוראָמ־הערש שוינ ניט געוווסט א וועמענ פריר
באדאנקענ מיטנ ווונק, א וועמענ עפּעס זאָגנ;
אונ צו לוקאענ — מיט די הענט האָט ער דערלאנגט א פיר:
— צעקוועטשט, לוקא, הא־הא א ביסעלע דעמ וואָגנ?..
לוקא האָט זיכ פארהוסט. דאָס מויל צעקנופּט.
א כריפּערײַ, ווי הינט אינ גאָרגל וואָלטנ יאָגנ
אונ הוסטנדיק דערווידערט אוראָמ־הערשנ: — נו, נו, נו!
— א מענטש, קומט אויס, איז ניט קיינ וואָגנ! —
ארומגעווישט פונ מויל דעמ זאפט,
א פּײַפּ געגעבנ מיט איינ נאָזלאָכ:
— אינ דר'היימ, קומט אויס, מע ווערט פארשלאפט

צומבײַשפּיל פונ א ווינט, אָדער פונ מאָזלענ, —
לוקא האָט נאָכאמאָל א פײַפ געגעבנ מיט דער נאָז:
— צי ס'כרעפּט, צומבײַשפּיל, גאָט באהיט — דער מאָגנ! —
ער האָט א מאכ געגעבנ מיט די הענט און ניט געלאָזט,
אז עמעצ זאָל אים איבערשלאָגנ, —
און ניט געײַלט — די ווערטער אויסגעזייט דאָרט:
— א קלײניקײַט אזא בינ — אומגעפער —
געטראָפנ אינ דער היימ האָט מיט זײַנ זיידנ,
דערלאנגט ט'אימ מיט דער קאָפּיטע א פערד
און אופגעשטאנענ איז ער שוינ ניט מער...

געווענ איז אוראָמ־הערשנ ריידנ שווער נאָכ,
פארקלעפּט צומ גאָרגל ז'נאָכ געווענ זײַנ קאָל, —
און דאָכ געדרייט דעם קאָפּ, ווי עמעצנ דאָרט נעמט ער אפּ
די הערנער
און האָט לוקאענ שולדיק בלײַבנ ניט געוואָלט,
און אָנגעהויבנ, ווי פונ זייער ווײַט:
— אינ דר'היימ? הא־הא, אינ דר'היימ האָט אונדזער קאצעוו
געכאפּט א מאָל א זעצ אינ בויכ פונ א בוהײַ,
און ס'זײַנענ אימ ארויס די קישקעס, ווי די טאצנ,
האָט ער זיי מיט די הענט געטאָנ א לייג ארײַנ,
ער האָט זיי נאָר אזוי פארשטעקט,
קיינ וואָרט אפילע קײנעמ ניט געזאָגט דאָרט
און איז צופוס אוועק
אלײנ צומ דאָקטער.

לוקא האָט אופמערקזאמ געקוקט אינ מויל אימ,
דעמ קאָפּ געגעבנ אלע מאָל א דריי;
עס האָט זיכ דאפקע אפנ זינענ ניט געלייגט,
וויאזוי מע נעמט מיט הענט, מיט הענט מיט הוילע
און מע פארוואלקעוועט די קישקעס פונקט ווי ליימ, —
נאָר ניט געוואָלט האָט ער מעצאער זײַנ דעמ כוילע,
האָט ער געקוקט אפ אוראָמ־הערשס כאלאט
און נאָכגעבאָמבלט גלאט:
— הא־הא! ארײַנגעלייגט הייסט עס אלײנ!..
און האָט א קויעכ אזא ערדישנ געהאט...
נו, יאָ... א קאצעוו, הייסט עס,
ווייסט
ווו — וואָס... אינ בויכ דאָרט... אקוראט!

געקומענ זײַנענ נאָכ א סאכ.
ס'האָט יעדער עפּעס־וואָס געבראכט אימ.
אונ איכ מיט אלעמענ באגלײַכ
ז'געקומענ זאָל נאָכ דער וואכטע.
געשראָקנ האָט ער זיכ אפ אימ א קוק טאָנ,
די אויגנ — טעמפּ — אראָפּגעלאָזט:
געבורטשעט האָט ער בלויז „קאָנדוקטער"
אזוי אונטער דער נאָז; —
אונ דאָכ געטאָנ זיכ א צעלאָז:
— ווי פּילסט זיכ עפּעס, אווראָמ־הערש?
— ווי נאָכ א בריס פּיל איכ זיכ, זאָל!
חי כ'וואָלט געבוירנ ווערנ ערשט!
— דאָס הייסט א בריס? — האָט זאָל זיכ צעבלאָזנ, —
מע האָט דיר דאָכ ארײַנגעגאָסנ גויִש בלוט...
ביסט איצטער גאָר א קנאפּער ייִד שוינ...
ס'איז עפּשער דיר געבליבנ נאָכ א פּערטל...
— א פּערטל, זאָגסטו, הא? נו, גוט!
אונ דו — א גאנצער ראָוו! — פּארפּוילטע פּיצערישע!
האָסט אויסגעוועגנ אפ דער וואָגשאָל? פּונקט?
צי אומגעפּער דאָרט?
— טפּו!
אפ דיר אונ אפ דײַנ ייִדישקײַט!... נעווײלע... מיטנ פּערטל!

ס'איז גלײַכ געוואָרנ שטילער.
ס'האָט זאָל שוינ א נעמ געטאָנ אפנ סאפּראנ:
געוואָלט כ'האָב דײַקע פּאר דיר זאָגנ א קאפּיטל טילים...
עד האָט דאָס מויל געגעבנ א צעפּראל:
— ביסט דאָכ געווענ א ייִד א באלעגאָלע...
דו האָסט דאָכ אָנגעפּלאָדיעט זיבנ זינ...
איז פּאָרסטו פּלוצעמ מיר ארײַנ מיט אייסעווס בלוט...
אונ ווענ דו נעמסט בא מיר?.. וואָסי?..
כ'וואָלט דיר געזשאלעוועט א ביסל בלוט?
אונ דאָ האָסטו זיכ אָנגעהויבנ גאָלנ,
איז ווייס איכ שוינ ניט וואָס מע טוט?..
א לאָז געטאָנ האָט אווראָמ-הערש זיכ ווי איג נעפּל
פּאר צוועלפ ווייטעקדיקע טעג מיט אזא רויש:
— נעווײלע! בלוט האָט מיר די פּארטיע געגעבנ
דו הערסט? סאוועצקע ניט קיינ גויִש!
אונ גיי פּונדאנעג גלײַכ ארויס!
אונ ברעכ א פוס זיכ אפנ וועג דאָרט אויס!

*

15

אַז דער סטעפּ ז'אַזוי ברייט און די ערד — אַזוי גאַנץ,
האָבן הענט האָבן יונגע דאָ פּלאַנצן געפּלאַנצט.

האָבן פּלאַנצן געפּלאַנצט אין צעזונגענער לאַסט —
און אַ טאָג און אַ צווייטער אוןביימער — אַ פּאַס!

שטייען ביימער — אַ פּאַס — אין אַ ווירע געפּאַסט
און אַ שניט אינדערמיט — איז געוואָרן אַ גאַס!

איז געוואָרן אַ גאַס נעבן איר — איז שוין צוויי,
און פֿון יעטווידן ציגל — דאָ טוט אַזוי וויי.

און סע טוט אַזוי וויי און סע איז אַזאַ פֿרייד,
נאָר ס'פֿאַרזעצט זיך דאָרט יעדער אָפּ גאַסן אַ קווייט!

אָפּ די גאַסן — אַ קווייט, אָפּ די גאַסן — אַ גאַסט,
אַז דער סטעפּ ז'אַזוי ברייט, בענקסט אַ גאַס נאָך אַ גאַס,

בענקסט אַ גאַס נאָך אַ גאַס און אַ שטאָק נאָך אַ שטאָק,
און אַ גאַס מיט אַ גאַס און עס איז שוין אַ שטאָט!

און עס איז שוין אַ שטאָט און עס וואַקסט אָפּ די הענט,
— ניט פֿאַרענדיקטער דאַך, ניט פֿאַרענדיקטע ווענט!

ניט פֿאַרענדיקטע ווענט — בלויז מיט הימל געדעקט,
און סע ברומט און סע בלענדט און ס'צעבליט זיך דער ברעג.

איז וווּ זײַנען די בויער? מע זעט זיי ניט אָן,
אַזוי הויך דאָרט זיי שטייגן אין כמאַרעס בעטאָן!

אינדערפֿרי — אַ פּאָדמורעק און פֿענצטער — צו נאַכט,
און איעדער שטיק ערד אַזוי גרייט זיך און וואַרט,

אַז דער סטעפּ ז'אַזוי ברייט און די ערד — אַזוי גאַנץ,
האָבן הענט האָבן יונגע אַ שטאָט דאָ געפּלאַנצט.

עס בליִען די דעכער — זיי בליִען, ווי מאָן,
און ווינטן פֿון דניעפּער — צו געסט קומען אָן.

דער הימל איז בלוי, און דער דניעפער איז בלוי
— טרובא גייט אהיים — און ס'איז פרי נאָך אזוי...

עס רונדיקט פאנאנדער פאר אים זיך דער ראנד,
עס דאכט זיך — ער האלט דאָרט דעם טאָג פאר דער האנט.

אין ווײַט — א געהילך, אין הארצ — א געקלאַפּ,—
טרובא גייט אהיים — פארהייבנ דעם קאָפּ.

ער שפאנט פונ דער ארבעט. ער גייט און ער קײַט,
ער אײַלט ניט און שלינגט אזוי לאנגזאמ די ווײַט.

און ס'דאכט — א געדאנק דאָרט צעקײַעט ער שווער—
פונ באק-צײַנ אפּ באק-צײַנ — אהינ און אהער!

א היים — איז פאראנ און דאָס ברויט איז — אלצײַנס,
דער קאָפּ איז פארהייבנ און טריט — ניט געציילט.

און אָט אָ דאָס ברויט — אז מע גיט א צעשנײַד,
איז קאָנ ער שוינ קלעקנ אפּ צוויי און אפּ דרײַ!

אז סטעפּ ז'אזוי ברייט און ערד אזוי פריש,
איז וויפל פארנעמט עס אנ אייגענער טיש?

אז ס'שפרייט זיך די נאכט אזוי בלוטיק-געטרײַ,
אנ אייגענער טיש און אנ אייגענער פרײַנט!

און דער הימל איז בלוי און דער דניעפּער איז בלוי,
— נעכאמע! ס'איז אויך אינ די אויגנ אזוי!..

איעטווידער ביימל באגעגנט מיט גרוס—
און ס'טוט זיך א בענק און עס טוט זיך א גלוסט..

און נאָכאמאָל. נאָך. און צוויי און דרײַ.
ס'פארשמעקנ די ווײַטנ מיט מיידל און לײַב...

אז דער סטעפּ ז'אזוי ברייט און די ערד — אזוי גאנצ,
איז נעמ — און פארזעצ! און נעמ — און פארפלאנצ!

איז גייט ער, טרובא, דורכ דעם דניעפּ און דורכ בלענד,
דער טאָג איז אזוי ווי א קינד אפּ די הענט.

עס ווילט זיך א קראצ טאָנ אינ רוקנ, אינ לענד,
איז קלעקט דאָרט טרובאענ קיינ ליידיקע הענט.

איז שטעלט ער זיך אָפּ. פאַרטראַכט, אַליינ,
אונ ס'גיט אים א קיצל א צווײַג פונ א בוים.

איז לאָז זײַנ א צווײַג. איז לאָז זײַנ א בוים:
— דאָס איז עס, דאָס לאַנד, דאָס איז זי, די היים!

אָט איז זי, די היים! — דערלאַנג זי אהער,
אָט איז זי פונסנײַ די דערפונדענע ערד!

מע שפּאַנט פונ דער אַרבעט. מע גייט אונ מע קײַט,
מע אײַלט ניט, מע שלינגט אזוי לאַנגזאַם די ווײַט.

אונ ס'דאַכט: — א געדאַנק דאָרט צעקײַעט ער שווער—
— פונ באַק-ציינ אָפּ באַק-ציינ — אהינ אונ אהער.

אינ דר'הייך איז די נאַכט! אינ דר'הייך איז א ראַש,
ס'האָט עפּעס טרובא נאָך געהאַלטנ אינ טאַש.

ער גיט זיך א דריי, ער דערלאַנגט זיך א טאָר:
ס'איז ניט אזוי פּראָסט עס דערלאַנגענ פונ דאָרט.

ס'זאָל עמעצ אינ טאַש מיט דער האַנט אים אַרײַנ—
ס'איז יעדנ דערלויבט! ס'איז פאַר יעדערנ — פרײַ!

ס'זאָל עמעצער נעמענ דאָס ברויט פונ זײַנ האַנט,—
ס'איז, זאָגט ער, אַלציינס — ס'איז דאָס ברויט פונעם לאַנד!

אונ אָט איז די נאַכט, אונ ער איז — אַליינ
אונ אָט איז די גאַס אונ א בוים אָפּ א בוים...

אונ ס'גיט אפנ אָרט דאָרט טרובא זיך א דריי
אונ אָט איז ער שוינ בא נעכאַמענ אינ דר'היים.

נעכאַמע! דײַנ היים איז נאָך אויך אָנ א דאַך!
אונ וווּ איז דײַנ צודעק? אונ ווו איז דײַנ נאַכט?

אונ ס'גיט זיך טרובא אינ דער הייך א צעלאַך:
— נו, נעם עס, נעכאַמע! ס'איז ברויט אונ א דאַך!

אונ נא דיר דאָס האַרצ אונ — גיב א צעשנײַד,
ס'וועט קלעקנ פאַר צוויי אונ ס'וועט קלעקנ פאַר דרײַ!



1935 — 1882

א. קושניראָוו

וועגן מוישע טײַטשן

ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון דרײַ און פופציק יאָר. צוויי און דרײַסיק פון אָט די יאָרן האָט ער אָפּגעגעבן דער טאָגטעגלעכער, שטענדיקער אַרבעט אין דער ליטעראַטור. אײַנגעשפּאַרטע, איבערגעגעבענע, אומדערמידלעכע שרײַבערישע אַרבעט, וואָס ווערט אַליין דאָס לעבן און דאָס וועזן פונעם מענטשן.

ווי דריקט מען אויס דעם גאַנצן אינהאַלט, דעם גאַנצן באַטײַט, וואָס איך וויל אַרײַנלייגן אין אָט די ווערטער, וואָס איך זאָג וועגן מוישע טײַטשן: ער איז געווען אַ שרײַבער!

קימאַט ביזן לעצטן אָטעם האָט ער ניט אַרויסגעלאָזט די פּען פון האַנט. געציילטע שעה פאַרן טויט האָט ער נאָך פאַרשריבן אין זײַן נאָטיץ־ביכל פּלענער און טעמעס פאַר נײַע אַרבעטן, צופעליק דערמאָנטע באַאָבאַכטונגען און אײַנדרוקן. אין אָפענעם קאַלענדאַר, וואָס אויף זײַן טיש, האָט נאָך ניט באַוויזן אויסטריקענען די טינט פון די פרישע פאַרצייכענונגען, וואָס ער האָט דעם טאָג געמאַכט. דאָרט זײַנען געבליבן פאַרשריבן — אים שטייען פאָר אַזעלכע און אַזעלכע גענג און אַרבעטן: אַ באַראַטונג אין פאַרלאַג, וועגן פּלאַן, אַ לעקציע וועגן ליטעראַטור און פילאָסאָפיע אין שרײַבער־הויז, אָפּשיקן צו אַ כאַווער דעם נײַ דערשינענעם בוך. און נאָך און נאָך אויף אַ גאַנצער וואָך פאָרויס. ליטעראַטור איז געווען זײַן לעבן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פונעם טיש אויף אַ קלונג אין טעלעפאָן, עס איז געווען אַן אָפּרו־טאָג. אַ כאַווער אַ שרײַבער האָט גערעדט מיט אים וועגן ליטעראַטור־עניאָנים, וואָס זײַנען פאָרגעשטאַנען מאָרגן. און... שלוס! דאָס האַרץ, וואָס האָט די לעצטע צוויי און דרײַסיק יאָר געאַרבעט אַזוי אָנגעשטרענגט און מיט אַזאַ פולער אָנלאָדונג, וואָס איז ניט איין מאָל בײַגעשטאַנען גענוג אויפרעגונגען, וואָס פלעגן אויספאַלן אויפן האַרצן פון אַ שרײַבער, — האָט דאָ זיך אָפּגעזאָגט צו דינען דעם מענטשן אויף דורכמאַכן דעם קליינעם וועג צוריק פון טעלעפאָן צום טיש. אָפּגעאַרבעט.

מוישע טײַטשן האָבן באַגלייט אין זײַן לעצטן וועג כאַוויירים שרײַבער, וואָס געהערן אין זייער גרעסטער מערהײַט צו אַ סאַך אַ יינגערן ליטעראַרישן דאָר.

מיר, די שרײַבער פון דער סאָוועטישער פאָרמאַציע, האָבן זיך באַגעגנט מיט טײַטשן, ווי מיט אַן עלטערן שרײַבער, וואָס האָט שוין ביז אונדז דורכגעמאַכט אַ גאַנצן באַשטימטן ליטעראַרישן וועג.

די טקופע פון י. ל. פּערעץ און פון די יונגע גרופּירונגען, וואָס זײַנען

אויסגעוואַקסן אונטער זײַן האַנט — צו זיי האָט געהערט מוישע טײַטש — איז פֿאַר אונדז שוין געווען גאַנץ ווײַטע געשיכטע. אין אונדזער סוויווע איז מוישע טײַטש פֿאַרבליבן קימאַט דער איינציקער לעבעדיקער רינג צווישן אונדז און יענער געשיכטע.

אָבער דאָס איז געווען ניט די ערשטע באַגעגעניש אונדזערע מיט טײַטשן. אַ סאַך פֿריִער, נאָך איידער מיר זײַנען געוואָרן שרײַבער, האָבן מיר זייער גוט געקענט טײַטשן, ווי לייענער. און דאָס, וואָס איך דערמאָן זיך פֿון יענער צײַט, זאָגט מיר, אַז זײַנע דעמאָלטיקע ווערק זײַנען ניט דורך אָן אַ ווירקונג אויך אויף אונדז, די שפּעטערדיקע קאַדרען פֿון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור.

אין קיִעוו איז געווען אַ קליינער קרײַז כאַווײרים, וועמעס יוגנטלעכע שטרעבונג צו ליטעראַטור איז מיט יאָרן פֿאַרווירקלעכט געוואָרן. פֿון יענעם קרײַז איז אַרויס אין אונדזער ליטעראַטור אָשער שוואַרצמאַן, ד. האָפּשטיין, נ. אויסלענדער. איך האָב אויך געהאַט דאָס גליק געהערן צו יענעם יוגנטלעכן קרײַז.

מיר זײַנען נאָך געווען ייִנגלעך, וואָס זײַנען קוים ערשט געוואָרן באַוווסטזיניקע לייענער און אין וועלכע עס האָבן זיך עפּשער נאָרוואָס אָנגעהויבן דערוועקן די ערשטע קינסטלערישע רעגונגען. מיט וואָס פֿאַר אַן אומגעדולד מיר פֿלעגן וואַרטן אויף די קנאַפּע ליטעראַרישע אויסגאַבן, וואָס פֿלעגן זעלטן צו אונדז אָנקומען פֿון ערגעץ אַ ווײַטער אומבאַקאַנטער וואַרשע, מיט וואָס פֿאַר אַ דאָרשט מיר פֿלעגן באַנעמען יעדע פֿרישע שורע.

אָשער שוואַרצמאַן פֿלעגט זיך ווײַזן צווישן אונדז אַ פֿריילעכער אויפֿגערעגטער — דאָס האָט ער שוין ערגעץ געפּאַקט און געבראַכט אַ פֿרישן העפֿט פֿון עפּעס אַ נײַעם זשורנאַל. אויף וועג האָט ער שוין באַוויזן אויסלערנען אויסווייניק די לידער, וואָס זײַנען אים אַמערסטן געפֿעלן. ער איז געווען דער העכסטער אין וווּקס צווישן אונדז און מיר האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז ער האָט אומגעהייער לאַנגע הענט, אַז אָט צעשפּרייט ער פֿריילעך און ברייט די לאַנגע הענט זײַנע — ווי ער וואָלט וועלן אַרומנעמען אונדז אַלע מיטאַמאָל, און ער לייענט מיט באַגײַסטערונג:

כ׳קום צו אײַך פֿון ברייטע פֿעלדער
מיט די פֿרײַנטלעכסטע גערוסן,
די פֿאַרליבטע זון פֿון פֿרילינג
האָט געשיקט אײַך הייסע קושן.

און דער וואַלד אַ סאָסנע־רייעך
און די לאָנקע פֿרישע בלומען,
און דער פֿרילינג האָט פֿאַרבעטן
איר זאָלט קומען, איר זאָלט קומען!

דאָס איז געווען איינע פֿון יענע ערשטע טײַטשס לידער, וואָס זײַנען דעמאָלט צו אונדז דערגאַנגען און וואָס האָבן בײַ אונדז געשאַפֿן גרויסע סימפּאַטיע צום אומבאַקאַנטן יונגן דיכטער מוישע טײַטש. אונדז פֿלעגט שטאַרק געפֿעלן בײַ טײַטשן די פֿולבלוטיקע נאַטור־געמעלן, וואָס ער האָט געוווּסט ווי צו פֿאַרוואַנדלען אין

לירישע לידער. יידישע ליריק איז דאָך דעמלט נאָך געווען מערסטנטייל דער אויסדרוק פון געבראָכענעם געמיט און ווייטעקדיקן געפיל. און טײַטשס דעמלטיקע לירישע לידער, פארקערט, זײַנען געווען א באשטימטער אויסדרוק פון מונטערע פארבן, פון געזונטן באנעמען די נאטור. אונדז האָט אימפּאָנירט די מונטערע און געזונטע שטימונגען פון אָט דער ליריק, און ווײַל טײַטשס קינסטלערישע מיטלען זײַנען געווען זייער פּראָסטע און צוגעגלעכע, פלעגט דער אײַנדרוק זײַן נאָך שטארקער. עס האָט געקלונגען אײנפאך און פּראָסט און צוזאמען מיט דעם אזוי וואָגיק און אײַנדרוקפול:

שטיל אין פעלד, עס שלאָפט דאָס ווינטל,
נאָר דער פּראָסט אין העלן גלאנץ,
מיט די שטילע שניי־הארס טעכטער
פירט א קאראהאָד, א טאנץ.

און די שנייען שעמערירן,
ווי קאָלירטע צוִבער־ליכט:
און זיי קײַקלען און זיי שפּריצן
העלע פארבן אין געזיכט.

ס'גייט די זון איר וועג אין מײַרעוו,
און אין מיזרעך אפּן שניי
שווימען נאָך איר גאנצע פאסן,
פונקט ווי טײַכלעך ראָז און בלוי.

ווײַטער, שפּעטער, ראָזער, בלויער,
ביז די זון איר אויג פארמאכט —
אין א טונקל בלויען שליטן
פאָרט ארויס פון וואלד די נאכט.

איך ווייס ניט, פארוואָס די יידישיסטישע קריטיק האָט אָנגעבונדן דער פּאָעזיע פון מוישע טײַטש דאפקע אווראָם רייזענען ווי א לערער און א באווירקער.

איך מיין, אז טײַטשס פּאָעזיע איז גראָד געווען א פּרווו ארויסצורײַסן זיך פונעם גערער פון דער יידישלעכער דאלעס-פּאָעזיע, וואָס איר פולן אויסדרוק האָט זי געהאט, פון איין זײַט, אין אווראָם רייזענען, פון דער צווייטער—אין דאָוויד אײַנהאָרן.

א הוידנדיקער צווײַג פון זײַן קליינבירגערלעכן שטאם, אָן אויסגעקלאָרטער אידעאָלאָגישער אָריענטאציע, האָט טײַטש דעמלט ניט געקאָנט זיך דערהייבן, קעדיי אנטקעגנצושטעלן זיך יענער פּאָעזיע מיט אויסגעשפּראָכענער סאָציאלער ציילגעוועדנטקײַט. א שאָד! די ווייניקע פּרווון, וואָס ער האָט יאָ געמאכט אין דער ריכטונג, זאָגן, אז טײַטש האָט אין זײַן צײַט געקאָנט פארמאָגן ניט נאָר עסטעטישע זאָרגלאָזיקײַט פאר נאטור־מאָטיוון, נאָר אויך הייסע לײַדנשאפט פאר מאָטיוון סאָציאלע.

און איר האָט געשאָטן צעשטויסענעם גלאָז
אף יעדערן ביס פון מײַנ טרוקענעם ברויט,
און אופגעבליט האָט, ווי א גיפטיקער גראָז,
אינ טהאָם פון מײַנ הארצנ דער ביטערער טויט.

. . . .

. . . .

דער ווילדער, דער ליבער, דער ריזנ־געדאנק,
וועט דרינגענ צו אײַכ אינ דעמ שטילנ געצעלט,
ער וועט אײַכ פארסאמענ דעמ זיסנ געטראנק,
און וועט אײַכ צעטרייסלענ דאָס הארצ פון דער וועלט.

נאָר ווי עס זאָל ניט זײַנ — די מערהײַט מאָטיוונ פונ זײַנע לידער, וואָס האָבנ געשטאמט פונ מונטערע שטימונגענ און געזונטע רעגונגענ, האָבנ אָנ סאָפעק פאָר־געשטעלט מיט זיכ א ריכטונג, א הייפעכדיקע דער דעמלט הערשנדיקער יידישלעכער פּאָעזיע.

די אלע סטראָפעס, וואָס איכ האָב דאָ דערמאָנט פונ טײַטש לידער, זײַנענ עפּ־שער ניט די סאמע בעסטע. איכ וואָלט געקאָנט אָנווײַזנ אפ אייניקע לידער פונעמ ציקל „ליטע", וואָס שטעלנ מיט זיכ פאָר ביז איצט מוסטערנ פונ פולקומע פּאָעטישע ווערק. נאָר מיר האָט זיכ געוואָלט דאָ ברענגענ דאפקע אזעלכע סטראָפעס, וואָס איכ האָב פארגעדענקט פונ יענער צײַט פונ מײַנ יוגנט, ווענג וועלכער איכ האָב דערציילט.

מערער ווי אינ פינפ און צוואנציק יאָר ארומ שטיי איכ באַמ אָרנ פונ יענעמ אומבאקאנטנ דיכטער, איצטער מײַנ נאָענטנ עלטערנ כאווער מוישע טײַטש, און די דאָ־זיקע סטראָפעס זײַנענ נאָכ אזוי פריש אינ מײַנ זיקאָרנ, אז איכ קאָנ זיי לייענענ אויסווייניק. ווי גרויס האָט דעמלט געמוזט זײַנ דער אײַנדרוק, וואָס זיי האָבנ גע־מאכט.

זײַנ ליטעראַרישער וועג ביז דער רעוואָליוציע — דער וועג פונ א קליינבירגער־לעכנ שרײַבער — איז שוינ געווענ א גאנצ באשטימטער. אלנפאלס געגונ באשטימט אפ פאָרזעצנ אימ ווײַטער לויט דער אינערציע.

זײַנ ליטעראַרישער באגאזש איז שוינ געווענ א גאנצ היפשער, אלנפאלס א גע־נוג שווערער אפ באלאסטיקנ און פארשווערנקנ דאָס אריבערזעצנ זיכ אינ א נײַעמ צוג. מיר ווייסנ וויפל שרײַבער זײַנענ טאקע אזוי פארבליבנ אינ זייער אלטנ צוג, אָדער ריכטיקער, אינ זייער אלטער בויד — ניט געקאָנט צעשיידנ זיכ מיט זייערע ליטעראַרישע טשעמאָדאנעס, אָפּטמאָל צווייפלהאפטע און פּוסטע, און זיי זײַנענ פארפאָרנ העט־העט!..

מ. טײַטש האָט איבערגעלאָזנ זײַנ באגאזש ערגעצ דער געשיכטע „נא כראנע־ניע" און אנטשיידנ זיכ אריבערגעזעצט אינ די טעפּלושקעס פונ דער רעוואָליוציע,

קעדיי אָנצוהייבן א וועג אפסנײַ. דאָס איז געווען ניט גרינג און ער האָט געצאָלט דערפאר מיט גאנץ דויערנדיקער פארלאָרנקײַט.

אין יונגן אנסאמבל פון דער סאָוועטישער ליטעראטור האָט ער ניט ארויסגעוויזן די מינדסטע אמביציעס פון אן עלטערן און אנערקענטן. פארקערט, ער האָט אָפן אנערקענט, אז דאָ האָט ער וואָס צו לערנען זיך בא די יִינגערע, און עס איז פאראן וואָס צו מעקאנען זײַן די יִינגערע, וואָס זיי איז געגעבן אומיטלבארער און פרישער צו באנעמען די באפעלן פון דער נײַער עפּאָכע.

אים האָט זיך לעכאטכילע אויסגעוויזן, אז אינעם דאָזיקן אנסאמבל דארף ער זיך כאפּן פאר די פּויק-שטעקלעך און קלאפּן אין פּויק (ער האָט אזוי דירנד אָנגעשריבן וועגן דעם אין זײַן בילד „דער אָנהייב״, וואָס איז אונדז באוווסט געוואָרן, צום באדויערן, ערשט נאָך זײַן טויט). די ביכער „כראָניק-בוך״, „אָקטיאבער-פריידן״, „טעג אָן דיר״, „רעמאָנט״, „דלאָניעס אין זון״ זײַנען געווען אזא פּרווו צו קלאפּן אינעם פּיאָנערישן פּויק, אן ערלעכער און א דירנדיקער פּרווו! נאָר, פארשטייט זיך, אים האָט געפעלט די געשיקטקײַט און אומיטלבארקײַט פון אן עכטן פּיאָנער און דערפאר האָט זיך באקומען ניט קיין געמאָסטענע, ריטמישע מארש-קלאנגען, נאָר צעשטרויטער טומל, אין וועלכן עס זײַנען פארלאָרן געגאנגען אפילע די גאנץ בוילעטע אויסדרוקן פון זײַנע נײַע געפילן און הייסער ליבע צו דער רעוואָליוציע.

, פעלדער, איר ווײַלע, באפרײַטע פון פריצים און צאָרן,
באגאָסן אָן מאָסן מיט בלוט פון די העלדן-קאָמונארן,
צו הילף קומט מיט אײַערע זאפטן, מיט אײַערע ברויטן,
דעם לאנד אין די נויטן.

היי, קאָמונאר! צי האָסטו די וועכטער צעשטעלט אף די וועגן?
צי האָסטו געהעריק די ביקסן געלאָדן?
ניט שלאָף, קאָמונאר! אין דער שטילקײַט פון נאכט,
דער פײַנט שארפט זײַן שווערד אף די וועגן.

דאָס איז פון בוך „אָקטיאבר-פריידן״ — לידער געשריבענע אין יאָר 1920.

ער האָט קיין טײַנעס ניט געהאט צו כאוויירים, פארוואָס מע נעמט ניט אָן ערנסט די דאָזיקע פּרווון זײַנע. ער האָט נאָר ניט געקאָנט באהאלטן געוויסע פארביטערונג, וואָס מע וויל ניט פארשטיין, אז אָט די פּרווון באטײַטן זײַנע אופריכטיקע אָנגעשטרענגטע זוכענישן.

זײַן בוך „א הויף אף טשעבאָטארסקע״ איז געווען קימאט דאָס ערשטע פּראָזעווערק אין דער יִידישער סאָוועטישער ליטעראטור מיט אן אָנציִענדיקן רעוואָליוציאָנערן סוזשעט און לעבעדיקע פּערסאָנאזשן פון דער צײַט פונעם מיליטערישן קאָמוניזם. נאָך זײַנע זוכענישן און וויניק געלונגענע עקספּערימענטן, האָט טײַטש צוריק געפונען דאָס נאטירלעכע מענטשלעכע לאָשן.

זײַנע עקספערימענטנ זײַנענ געווענ מערער אויסגערעכנט אפנ ענגנ קרײַז שרײַבער אונ קריטיקער, פונ וועלכע ער האָט זיכער געווארט אנערקענונג פאר זײַנע קאָפברעכערישע נאָוואטאָרישקײַטנ. אזא אנערקענונג איז עפשער פאר אימ נייטיק געווענ, קעדיי צו דערפילנ זיכ זיכערער אונ פעסטער. ניט דערווארט זיכ די דאָזיקע אנערקענונג, האָט ער געמאכט א שארפנ קער אומ, איכ וואָלט בעזאָגט, ווידער אָנגעהויבנ פונסנײַ. ווײַל „א הויפ אפ טשעבאָטארסקע" איז בעעמעס געווענ א נײַער אָנהייב. מיט דעמ בוכ האָט טײַטש אפעלירט שוינ אומיטלבאר צו די לייענער. אונ אויב די באציִונג פונ די לייענער האָט עפעס וואָס צו זאָגנ — איכ בינ זיכער, אז יאָ — דעמלט איז אפ אונדזער קריטיק געבליבנ א גרויסער כויוו, דערפאר, וואָס זי האָט געקאָנט ניט באמערקנ דעמ דאָזיקנ בוכ, ווי אויכ די ווײַטערדיקע ביכער זײַנע: „ארומ א פאבריק", „דער טויט פונ כאווער וווליע" — ביכער מיט וועלכע טײַטש האָט זיכ דורכגעריסנ צו א נאָענטסטנ קאָנטאקט מיטנ לייענער.

אימ איז געווענ זייער טײַער דער געפונענער קאָנטאקט מיטנ לייענער. אימ איז מיטאמאָל קלאָר געוואָרנ: פארשטענדלעכקײַט, צוגענגלעכקײַט, סוזשעט, — דאָס איז דער זיכערער וועג צומ לייענער, אויב איר ווילט, אפילע אריבער די קעפ פונ די קריטיקער. אונ... ער האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ אינ א צווייטער עקסטרעמקײַט. ער האָט גענומענ אָנקוועטשנ מערער אפ דער אויסערלעכער זײַט פונעמ סוזשעט איידער אפ זײַנ קינסטלערישער פארטיפונג, אפ זײַנ פארפלאָנטערטקײַט, איידער אפ זײַנ קאָמפליצירטקײַט. אָנשטאָט אויספורעמענ געשטאלטנ, האָט ער גענומענ באנוגענענ זיכ בלויז מיט סכעמעס פונ מענטשנ, וואָס זײַנענ נייטיק געווענ פאר דער אָנציִעודיקײַט פונ דעמ סיפער-האמײַסע. אפ דעמ טאקע האָט אימ שארפ אָנגעוויזנ גאָדינער אינ זײַנ ארטיקל וועגנ ראָמאנ „אינפראָרישע ערד".

פאר באגרינדעטער כאווערישער קריטיק האָט טײַטש זיכ ניט באליידיקט, ווי שארפ אונ אומבעראכמאָנעסדיק די דאָזיקע קריטיק זאָל ניט זײַנ. אימ האָט מער געערגערט דאָס אײַנגעשפארטע שווײַגנ, מיט וועלכנ די קריטיק איז פארבײַגעגאנגענ איינ בוכ זײַנעמ. דאָס איז געווענ אנ אומרעכט נאָכמער דערפאר, ווײַל ער איז געווענ א שרײַבער, וואָס איז גרייט זיכ לערנענ אונ ליב געהאט זיכ לערנענ.

צו דער ארבעט איבער זײַנ בוכ „פארטייענ אונ מענטשנ" איז ער צוגעטראָטנ פול מיט אנטשיידנקײַט אויסצומײַדנ די פעלערנ פונ אייניקע זײַנע פריִערדיקע ביכער. האָבנדיק צו טאָנ מיט א היסטאָרישער טעמע, האָט ער דורכגעארבעט א קאָלאָסאלנ ארכיוו-מאטעריאל, דערלערנט אנ אומגעהייערע צאָל ווערק אונ מאָביליזירט אינ זײַנ אייגענעמ זיקאָרנ אלצ, וואָס ער האָט געדענקט פונ יענער עפאָכע. איכ האָב געהאט די מעגלעכקײַט צו באאָבאכטנ זײַנ ארבעט איבער דעמ ראָמאנ. מיכ האָט ניט איינ מאָל באוווּנדערט, ווי טיפ אונ גרינטלעכ ער האָט זיכ אָריִענטירט אינעמ קאָלאָסאלנ מאטעריאל. ער האָט קימאט אויסווייניק געקענט אָנווײַזנ די אָדער יענע שטעל אינ די ארטיקלענ פונ לענינס פערטנ באנד, ווי ער האָט אומדערמידלעכ געזוכט א ריכטיקנ צוגאנג צו זײַנ טעמע.

אינ דעמ ראָמאנ איז טײַטשנ א סאכ געלונגענ סײַ אינ הינזיכט פונ געבנ א ווערק א פארטייִש צילגעווענדטס סײַ אינ הינזיכט פונ קינסטלערישער שילדערונג.

א לעבעדיקער פארביקער פּאַנ פונ יענער צערודערטער צײַט ערעוו דער רעוואָליוציע פונ יאָר 1905. א גרויסע גאלעריי פארשיידנארטיקסטע געשטאלטנ, מערסטנטייל גע-מאָלטע מיט טרעפלעכע קינסטלערישע מיטלענ. צום ערשטנ מאָל אינ דער ייִדישער ליטעראטור איז געגעבנ געוואָרנ א ברייט בילד פונ די שטרײַטנ צווישנ דער „איסקרא" אונ „בונד". גרויס איז די דערקענטעניש-ווערט פונעם בוכ.

איכ האָב געזאָגט: ער איז געווענ א שרײַבער! אָבער טײַטש האָט זיכער באהערשט די אייגנשאפטנ פונ א שרײַבער א סאָוועטישנ: אומדערמידלעכ ארבעטנ אונ לערנענ זיכ פארטיפערנ אונ אויסקלאָרנ די וועלט-אָנשויונג אונ שטענדיק שטרעבנ צו א נײַער העכערער קוואליטעט — סײַ אידעאָלאָגישער סײַ קינסטלערישער. מיכ האָט ענדגילטיק איבערצײַגט אינ דעם דער ראָמאנ „פארטייענ אונ מענטשנ". מיר באווײַזט דאָס זײַנ ארבעט איבער די קליינע פארצייכענונגענ פונ זײַנ נאָכ נים פארעפנטלעכטנ בוכ: „וואָס איכ געדענק" אונ פונ זײַנ לעצטנ בוכ „שנאָבל".

וועגנ „שנאָבל" האָט ער נאָכ געהאט דאָס גליק אויסצוהערנ גוטע פריידיקע אָפּ-רופנ אינ די לעצטע טעג פונ זײַנ לעבנ. דאָס האָט אים אָנגעפילט מיט מונטערקײַט אונ האָפערדיקײַט פאר נײַער ארבעט, פונ וועלכער אים האָט אָפּגעריסנ דער טויט-א מינג שווערער פארלוסט!

אווראָם וועוויורקע
1935 — 1887

באַם שליסן דעם נומער האָבן מיר באַקומען די טרויעריקע ידיעה וועגן פּריצײַטיקן טויט פֿון אווראָם וועוויורקע.

מיר דריקן אויס אונדזער טיפֿן צער איבערן טויט פֿון אונדזער כאַווער, דעם אַקטיוון סאָוועטישן דראַמאַטורג, קריטיקער און פּובליציסט.

רעדאַקציע „סאָוועטיש"

מאָסקווער גרופּע ייִדישע כאָוועטישע שרײַבער

י. נוסינאָוו

די פּראָבלעמ פונ פּאָזיטיווע געשטאַלטנ אינ דער ליטעראַטור

I

די קריטיק פונ לעצטנ האַלבנ יאָרהונדערט אינ מיַ‍רעוו-אייראָפּע אונ פונ די לעצטע 25—30 יאָר אינ רוסלאַנד ביז דער רעוואָלוציע האָט ניט אָפּעריִרט מיטנ באַגריפ פּאָזיטיווע געשטאַלט. זי האָט אים געהאַלטנ פאַר א נאַיִוונ, אַלט-פרענקישנ. אָט דעמ באַגריפ איז געווענ צו טרעפנ בלויז אינ עלעמענטאַרע שול-לערנביכלעכ.

אָט די ביטל-באַציִונג צומ באַגריפ פּאָזיטיווע געשטאַלט מיצאַד דער קריטיק פונ דערמאָנטנ פּעריִאָד האָט געשטאַמט פונ דריַ‍ גרונט-פאַקטנ:

דאָס שטרעבנ צו שאַפנ אויסגעשפּראָכענע פּאָזיטיווע געשטאַלטנ אינ דער ליטעראַטור איז געווענ אויסערסט טיפּיש פאַר דער יונגער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע אָדער פאַר דער רעוואָלוציאָנערער פאָלקיסטישער דעמאָקראַטיע.

דער הערשנדער קריטיק, וואָס מיינט בורזשואַזער אונ קליינבירגערלעכער קריטיק, לאָמיר זאָגנ, פונ זינט ס'איז אנטשטאַנענ דער סימבאָליזמ אינ מיַ‍רעוו-אייראָפּע אונ שפּעטער אינ רוסלאַנד, זיַ‍נענ שוינ פרעמד געווענ יענע בורזשואַזע אָדער פאָלקיס-טיש-רעוואָלוציאָנערע אידייענ, וואָס זיַ‍נענ אינ אָט די פּאָזיטיווע געשטאַלטנ געווענ פאַרקערפּערט, די געשטאַלטנ האָבנ לאַנג אָנגעוואָרנ פאַר איר יעדנ באַטיַ‍ט, אויסגעזעענ אינ אירע אויגנ באַנאַל, טריוויאַל, פלאַכ.

דאָס איז איינס.

אונ צוויי: אויב אינ יעסאָד פונ דער נעגאַטיווער באַציִונג צומ באַגריפ פּאָ-זיטיווע געשטאַלט איז געלעגנ די היסטאָרישע דעגראַדאַציע פונ דער בורזשואַזיע, אונ דאָס אָפּווענדנ זיכ פונ דער קריטיק פונ רעוואָלוציע, איז אָבער די ביטל-באַציִונג צו דער מעגלעכקיַ‍ט פונ א פּאָזיטיווער געשטאַלט געווענ אויכ פאַרבונדנ מיט דער אויסגעוואַקסענער סאָציאַלער אונ ליטעראַרישער דערפאַרונג פונ דער קריטיק.

די בורזשואַזע דערפאַרונג שוינ פונ סטענדאַלס אונ באַלזאַקס ציַ‍טנ אינ פראַנקריַ‍כ, אונ נאָכ פריִער—פונ ביַ‍ראָנס ציַ‍טנ אינ ענגלאַנד, האָט בוילעט אנט-פּלעקט די ליגנערישקיַ‍ט פונ די בורזשואַזע פּאָזיטיווע אידייענ, אונ בעמיילע די געמאַכטקיַ‍ט פונ יענע פּאָזיטיווע פיגורנ, וואָס האָבנ אָט די אידייענ פאַרגעשטאַלטעט.

די ליטעראַרישע דערפאַרונג פונ XVIII אונ נאָכ מער פונ XIX יה. האָט דער קריטיק געלערנט, אז גראָד יענע ווערק, וואָס זיַ‍נענ געווענ געבויט אַפ דער אנטפּלעקונג פונ פּאָזיטיווע געשטאַלטנ, זיַ‍נענ געווענ די שוואַכסטע, די קינסטלע-ריש אמווייניקסטנ געלונגענע.

אונ א דריטער פאַקט, וואָס איז וויַ‍טער פאַרבונדנ מיט דער רעאַקציאָנעריש-קיַ‍ט פונ דער קריטיק—אירע ליטעראַרישע אינטערעסנ זיַ‍נענ געלעגנ אינ דער

פלאכ פונ עסטעטיש-פאָרמעלער, רעליגיעז־מיסטישער, אידעאַליסטיש־סימבאָליסטישער, פעסימיסטיש־אינדיווידואַליסטישער, פאסיוויסטיש־צושויערישער פראָבלעמאטיק, אונ אינ קיינ פאל ניט אפנ וועג פונ סאָציאַל-אקטיווער, הומאניסטיש-ווירקעוודיקער פראָבלעמאטיק. אָט די איר סוביעקטיווע אנטי- אונ אויסער־סאָציאַלע [1] אָנגעווענדטקייט האָט אינ אירע אויגנ אראָפגענומענ די עצעמ פראגע פונ פאָזיטיווער געשטאלט.

שוינ די סיבעס, איבער וועלכע די בורזשואזע אונ קליינבירגערלעכע קריטיק האָט אינ אָנגעוויזענעמ פעריאָד טרעטירט דעמ באגריפ פאָזיטיווע געשטאלט, באוויזנ, אז אָט די איינשטעלונג איז געווענ א רעאקציאָנערע, א ניט-היסטאָרישע.

מיר דארפנ דאָ, ווי אינ א סאכ פאלנ, פאָרזעצנ די טראדיציע פונ די אופקלערער, די טראדיציע פונ דער רעוואָליוציאָנערער בורזשואזער אונ דעמאָקראטישער ליטעראטור אונ קריטיק; די טראדיציע פונ דידראָ, לעסינג, טשערנישעווסקי; אינ דער ייִדישער ליטעראטור—די טראדיציע פונ די אופקלערער אייכל, אקסנפעלד, עטינגער, מענדעלע. זיי האָבנ געשטרעבט אקטיוו ווירקנ אפנ לעבנ, אקטיוו אריינמישנ זיכ אינ ליטעראַרישנ פראָצעס: דורכ דער ליטעראטור לערנענ, וויאַזוי מ׳דארפ לעבנ, אורטיילנ די ווירקלעכקייט, אונ קאטעגאָריש שאצנ, וואָס איז גוט, שיינ אונ וואָס איז שלעכט, מיִעס. אונ זיי האָבנ אלס קריטיקער אונ שרייבער געזוכט אינ דער ליטעראטור דעמ קעגנזאצ פונ פאָזיטיווע אונ נעגאטיווע געשטאלטנ.

סיי באמ אָפשאצנ די געשטאלטנ פונ דער ביז-סאָציאַליסטישער ליטעראטור סיי אינ שטעלנ אָט די פראגע אינ אונדזער ליטעראטור האָבנ מיר זייער פיל צו ענדערנ אונ צוצוגעבנ צו דעמ, וואָס ס׳האָבנ אינ דעמ פראט ארויסגעזאָגט די אופקלערער — סיי די בורזשואזע סיי אפילע די רעוואָליוציאָנער-דעמאָקראטישע (טשערנישעווסקי). אָבער אינ טאָכ דארפנ מיר, סאָציאַליסטישע קריטיקער אונ שרייבער, זיי פאָרזעצנ.

דער באגריפ פאָזיטיווע געשטאלט האָט אינ מעשעכ פונ דער גאנצער געשיכטע פונ דער ליטעראטור געהאט א טיפנ היסטאָרישנ אונ קלאסעווונ אינהאלט. די פאָזיטיווע געשטאלט האָט אלעמאָל געדינט אפ באשיצנ די אידעאָלאָגיע פונ א באשטימטנ קלאס.

געוויינלעכ מיינט מענ, אז די אופגאבע צו שאפנ פאָזיטיווע געשטאלטנ האָט אלעמאָל געשטעלט פאר זיכ נאָר דער יונגער רעוואָליוציאָנערער קלאס, אונ אז אָט די פאָזיטיווע געשטאלט האָט מיט זיכ טאָמעד פאָרגעשטעלט א סכעמע, א טראפארעט פונ א ראציאָנאליסטישנ רעוואָליוציאָנער-בורזשואזנ, אָדער פאָלקיסטישנ יעיצערטאָוו.

אָט די פאָרשטעלונג וועגנ דער פאָזיטיווער געשטאלט אָפערירט אָבער בלויז דערמיט, וואָס ליגט אפנ געשיכטלעכנ אויבערפלעכ.

ניינ, די פאָזיטיווע געשטאלט פארנעמט דעמ אויבנאָנ ניט בלויז אינ דער

1 ס׳איז נייטיק צו באטאָנענ דעמ סוביעקטיווונ כאראקטער פונ אָט דער אנטי- אונ אויסער־סאָציאַלער איינשטעלונג, ווייל אָביעקטיוו האָט די דאָזיקע ליטעראטור אונ קריטיק נאטירלעכ געהאט א באשטימטע סאָציאַלע ווירקונג, אונ איז געווענ סאָציאַל דעטערמינירט דורכ דער ווירקונג פונ בורזשואזע אונ קליינבירגערלעכע קאָנסערוואטיווע קרעפטנ.

ליטעראַטור פון דער יונגער רעוואָליוציאָנערער בורזשואַזיע, און ביכלאַל ניט בלויז אין דער ליטעראַטור פון רעוואָליוציאָנערע קלאַסן.

די פּאָזיטיווע געשטאַלט האָט פיל מאָל געדינט אַפ צו פּאַרטיידיקן קאָנסער-וואַטיווע קלאַסן און שיכטן. שרייבער פון קאָנסערוואַטיווע שיכטן האָבן דורך אָט די געשטאַלטן אַפּאָלאָגירט באַשטימטע אַלטע לעבן-פאָרמען, אַ באַשטימטע דורי-דעסדיקע סיסטעם פון לעבנס-באַציִונגען.

די שרייבער האָבן דורך אָט די געשטאַלטן ווי געטייַנעט:

זעט, וואָס פאַר אַן ערלעכע מענטשן ס'האָבן געלעבט, ווי אינהאַלטרייַך און פילפאַרביק דאָס לעבן איז אַזוי געווען. פּאָרזעצן און פּערספּעקטיקן דאַרף מען אָט דאָס דווירעסדיקע. אַלנפאַלס, אייַנהיטן וואָס מער, און ניט צעשטערן און אויסראָטן עס. און אַפ וויפל ס'האָט זיך געהאַנדלט אין רעאַביליטירן אַלטע, אייַנגע-פונדעוועטע לעבן-פאָרמען, וואָס דער נייַער קלאַס האָט זיי געשטערט דיסקרע-דיטירן, פאַרמיִעסן, קעדיי לייַכטער צו פאַרניכטן, איז נאַטירלעך, אַז די פּאָזיטיווע געשטאַלטן, וואָס דורך זיי האָט דער שרייבער דאָס אַלטע פאַרטיידיקט, זייַנען קלאָר ניט געווען קיין סכעמעס, קיין ראַציאָנאַליסטיש אויסגעפּוצטע אויסטראַכ-טעניש.

קיין איין מאַרקסיסטישער ליטעראַטור-פאָרשער צווייפלט שוין מער ניט, אַז טאָלסטויס „קריג און פרידן" איז געווען אַ קאָנסערוואַטיווער ראָמאַן, וואָס זייַן הויפּט-ציל איז געווען רעאַביליטירן די פעאָדאַלע פאַרגאַנגענהייַט און זי קעגנצו-שטעלן דעם בורזשואַזן הייַנט, וואָס יאַרשנט דעם פעאָדאַלן טיידער. און גראָד, קעדיי אויספילן אָט די פונקציע, האָט טאָלסטוי געשאַפן אין „קריג און פרידן" אַ גאַלעריי פּאָזיטיווע געשטאַלטן, דערביי ניט בלויז אַריסטאָקראַטישע (מאַריאַ וואָלקאָנסקאַיאַ, נאַטאַשע ראָסטאָווע, קוטוזאָוו, דעניסאָוו, אין אַ געוויסן זין אַנדריי וואָל-קאָנסקי, און פּיער בעזוכאָוו), נאָר ער האָט איבער אָט די אַלע אַריסטאָקראַטישע פיגורן אוועקגעשטעלט די פיגור פון פּלאַטאָן קאַראַטייַעוו.

געווענדט קעגן נעקראַסאָוון, טשערנישעווסקין, האָט פּלאַטאָן קאַראַטייַעוו באַ-דאַרפט באַווייַזן, אַז גראָד די אַלטע פעאָדאַלע פּאַטריאַרכאַלע באַציִונגען האָבן געקאָנט אויסבילדן אַזאַ הערלעכע פּויערשע פיגור, וואָס איז בײַ קיינע נייַע בור-זשואַזע פאַרהעלטענישן ניט דענקבאַר.

אָט די אַלע געשטאַלטן זייַנען געווען פון העכסטער קינסטלערישער מאַדרייגע, ניט געקוקט אַפ זייער קאָנסערוואַטיווען באַטייַט; זיי זייַנען אינגאַנצן פרייַ פון ראַציאָנאַליזם און אויסגעטראַכטקייַט, ניט געקוקט אַפ זייער פּאָזיטיווקייַט.

נאָך אָט דעם בייַשפּיל, גענומען פון אַ וועלט-שעדעווער, וועל איך זיך דער-לויבן ברענגען איין בייַשפּיל פון דער באַלעבאַטישער ייִדישער ליטעראַטור — באַלעבאַטישער לויט דער סאָציאַלער רעאַקציאָנערקייַט און לויט דער קינסטלע-רישער מיטלמעסיקייַט — ש. אַש׳ס „שטעטל" און „שלוימע נאָגיד".

יעכעזקל גאָמבינער, שלוימע נאָגיד — זייַנען, לויט דער אָוטאָרשער אייַנשטע-לונג,ביידע פּאָזיטיווע געשטאַלטן, געווענדט אַפ פאַרטיידיקן דעם רעאַקציאָנערן בעכטן, אַפ אַפּאָלאָגירן די רעאַקציאָנערסטע עלעמענטן אין דער ייִדישער דעמלטי-דיקער וועלט.

מיר וועלנ נאָכ שפּעטער אומקערנ זיכ צום מעהוס פונ זייער פּאָזיטיווקייט. איצט איז אונדז דאָ וויכטיק צו באַטאָנענ, אַז אָט די פּאָזיטיווע אויספורעמונג פונ אָט די געשטאַלטנ האָט געשטאַמט גראָד פונ דער נייטיקייט צו פאַרטיידיקנ די רעאַקציע קעגנ רעוואָליוציע, דעמ קאָנסערוואַטיוונ נעכטנ קעגנ דעמ פּאָרשריט־לעכנ היינט. דאָס איז איינס. אונ צוויי — יעכעזקל גאָמבינער, שלוימע נאָגיד זיינענ, נאַטירלעכ, געווענ באַפּוצט מיט ביליקער קלעריקאַלער פאַרפּומעריע, דאָכ זיינענ זיי געשטאַנענ אויפנ קינסטלערישנ ניוואָ פונ דער יידישער באַלעבאַטישער ליטעראַטור, וואָס ש. אש איז געווענ איר קרוינ.

הייסט דאָס, אַז די פּאָזיטיווע געשטאַלט איז ניט בלויז א דערשיינונג פונ דער רעוואָליוציאָנערער ליטעראַטור, אונ איז ניט קיינ ראַציאָנאַליסטישע סכעמע פונ דעמ אידעאַלנ אָנקומענדיקנ מענטשנ, ווי דער נייער קלאַס שטעלט זיכ אימ פאָר אונ טרוימט, אַז ער וועט זיינ.

די פּאָזיטיווע געשטאַלט איז א גרונט־פאַקטאָר פונ דער געשיכטע פונ קלאַסנ־קאַמפּ אינ דער ליטעראַטור. מיט איר האָט זיכ יעדער קלאַס אויפ זיינ אויפנ, אונ פאַר־שיידנ, אינ פאַרשיידענע צייטנ פונ זיינ אַנטוויקלונג באַנוצט אויפ פאַרטיידיקנ זיינ סיסטעמ, ווי ער האָט זיכ באַנוצט מיט דער נעגאַטיווער געשטאַלט אויפ אַנטבלויזנ דעמ פיינט, אויפ אויסראָטנ שעדלעכע פאַר אימ עלעמענטנ אינ דער אייגענער סיסטעמ.

דאָס וואָרט — סיסטעמ מוז דאָ אונטערגעשטראָכנ ווערנ, ווייל פּונקט אַזוי ווי די קלאַסישע נעגאַטיווע פיגורנ האָבנ געדינט אויפ אָפּלייקענענ די פרעמדע סיסטעמ אינגאַנצנ גענומענ, אַקוראַט אַזוי האָט די פּאָזיטיווע געשטאַלט געדינט אויפ צו פאַרטיידיקנ א באַשטימטע סיסטעמ, א באַשטימטנ לעבנ־סיידער.

דאָס ברענגט אונדז צו דער עצעמ דעפיניציע פונ באַגריפ פּאָזיטיווע געשטאַלט.

איינע אונ די זעלבע געשטאַלט ווערט ניט זעלטנ באַטראַכט אַלס פּאָזי־טיווע דורכ איינ קלאַס, אונ אַלס נעגאַטיווע פונ שטאַנדפּונקט פונ א צווייטנ קלאַס, אָדער אפילע אַמאָל פונ שטאַנדפּונקט פונ זעלבנ קלאַס אויפ א צווייטנ עטאַפּ.

אינ XVII אונ XVIII יה. האָט די קריטיק באַהאַנדלט דאָנ־קיכאָטנ, ווי א נעגאַטיווע געשטאַלט. אונ אינ XIX יה. איז געשאַפנ געוואָרנ א גאַנצע ליטע־ראַטור וועגנ דאָנ־קיכאָטנ אַלס פּאָזיטיווע געשטאַלט.

דאָ מוז מענ דעריבער פריער פונ אַלצ האָבנ אינ אויג די עצעמ שרייבערישע באַציונג צומ פּערסאָנאַזש. אינ ענגנ זינ פונ וואָרט — איז א פּאָזיטיווע געשטאַלט די געשטאַלט, וואָס דער אווטער באַציט זיכ צו איר סימפּאַטיזירנד.

אָט די סוביעקטיווע באַציונג דריקט אָבער אויס א גרעסערנ אָביעקטיוונ פּראָ־צעס. דער אָביעקטיווער ווערט פונ אַזא געשטאַלט באַשטייט אינ דעמ, וואָס ער באַשיצט די פּאָזיציעס פונ א באַשטימטנ קלאַס אָדער סאָציאַלער גרופּע, העלפט פאַרפעסטיקנ די וועלט־אָנשויונג פונ א באַשטימטנ קלאַס.

גופע אינ זייער אָביעקטיוונ היסטאָרישנ באַטייט, אַלס פאַקטאָר פונ קלאַסנ־קאַמפּ, ליגט די פאַרטיייִשקייט פונ אַלע ביז־פּראָלעטאַרישע פּאָזיטיווע געשטאַלטנ. אָבער גראָד אָט די פאַרטייישקייט, די אָפּהענגיקייט פונ אָט די געשטאַלטנ פונעמ זיינ פונ די אייגנטימערישע קלאַסנ האָט געבראַכט אינ איינע פאַלנ צו דער

קינסטלערישער באַגרענעצטקייט פון די פיל פּאָזיטיווע געשטאַלטן פון דער ביז־סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, ווי אָט די פּאַרטייִשקייט האָט געבראַכט דערצו, אַז די דאָזיקע געשטאַלטן זאָלן מיט דער צייַט פאַרלירן זייער פּאָזיטיוון באַטייַט, און דעריקער דערצו, אַז אָט די געשטאַלטן זאָלן גיך דעגראַדירן.

אָט דער גוירל פון די פּאָזיטיווע געשטאַלטן אין דער בורזשואַזער [1] ליטעראַטור מוז גענומען ווערן אין אַכט באַם באַהאַנדלען די פּראָבלעם פון דער פּאָזיטיווער געשטאַלט אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור.

II

דער אופבלי פון דער בורזשואַזער ליטעראַטור, דער געבורט פון איר קלאַסיק — איז פאַרבונדן מיטן שאַפן א מאַסעווע אָפּלייקענונג־ליטעראַטור מיט א פאַרשיידנאַרטיקע און פאַרשיידנפאַרביקע סאַטירע־גאַלעריי פון נעגאַטיווע, אַנטבלויזטע, אַנטקרוינטע פּערסאָנאַזשן. מיט זיי זייַנען פול געווען די אַנאָנימע פאַבליא און שוואַנקען פון סאָף מיטלאַלטער, אַף זיי זייַנען געבויט די שעדעווערען פון די דייַטשישע הומאַניסטן, און די זעלטענע פראַנצויזישע סאַטירע־ווערק, אָנהייבנדיק פון ראַבלעס „גאַרגאַנטיואַ און פּאַנטאַגרועל" און מאָליערס „טאַרטיופ" ביז וואָלטערס „אָרלעאַנער יונגפרוי" און באָמאַרשעס „פיגאַראָ".

ס'ראָוו אין גראָטעסקירטע און סאַטיריש־היפּערבאָליזירטע פאָרמען ווערט דאָ געגעבן די אָפּלייקענונג פון אַלע אידעאָלאָגישע און סאָציאַל־פּאָליטישע גרונט־יעסוידעס פון דער פעאָדאַלער אָרדענונג, די אַנטבלויזונג פון איר רעליגיע און מאָראַל, שטייגער און טראַדיציע, די אַנטוויקלונג פון אַלע אירע אויטאָריטעטן, די דיסקרעדיטאַציע פון אַלע אירע אינסטיטוציעס.

די סיסטעם פון נעגאַטיווע געשטאַלטן קומט אַלס קינסטלערישע פאַרקערפּערונג פון דער פייַנטלעכער, סאָציאַל־שעדלעכער, היסטאָריש־פאַרורטיילטער, סאָציאַל־פּאָליטישער סיסטעם.

און פונדאַנען שטאַמט דער טיפער רעאַליזם פון דער יונגער בורזשואַזער סאַטירישער ליטעראַטור, ניט געקוקט אַף דער אָפטער אָנגעלאָדנקייט מיט פאַנטאַסטישע עלעמענטן, און שוין אוואַדע ניט געקוקט אַף דער איבערגעטריבנקייט, אַף דער גראָטעסקירטער היפּערבאָלישקייט. אָט די אַלע נעגאַטיווע געשטאַלטן האָבן פאַרקערפּערט די נעגאַטיווע ווירקלעכקייט, — דאָס, וואָס עקזיסטירט נאָך, אָבער וואָס מוז אופהערן עקזיסטירן.

אָט דעם, וואָס ס'איז, נאָר דאַרף ניט זייַן, האָט די יונגע בורזשואַזיע קעגנגעשטעלט דאָס, וואָס דאַרף זייַן, וואָס דאַרף און האָט איינציק רעכט צו עקזיסטירן. זי האָט עס געטאָן אין אַלע געביטן — אין וויסנשאַפט, אין געביט פון רעכט, פון פילאָסאָפיע. זי האָט עס געטאָן אין געביט פון ליטעראַטור. און צוליב דעם געשאַפן איר

1 אונטער דעם באַגריף: „בורזשואַזע ליטעראַטור" וועלן מיר דאָס מאָל האָבן אין זינען די ליטעראַטור פון גאַנצן „דריטן שטאַנד", ניט אַרייַנגערעכנדיק אין דער ווייַטערדיקער דיפערענציאַציע — וועלכן טייל פון „דריטן שטאַנד" דער אָדער יענער שרייַבער האָט אויסגעדריקט.

סיסטעמ פונ פּאָזיטיװע געשטאַלטנ. דעמ פּעאָדאַלנ מענטשנ, דעמ מענטשנ, װי ער איז געװענ ביז איצט, אונ װי ער דאַרפּ ניט זײַנ, האָט זי קעגנגעשטעלט דעמ בורזשואַזנ מענטשנ — דעמ טרעגער פונ גוטנ אונ הערלעכנ.

אינ מעשעכ פונ קאַרגע צװײ הונדערט יאָר האָט פריִער די ענגלישע, שפּעטער די פראַנצױזישע אונ צומ סאָפּ די דײַטשישע ליטעראַטור געשאַפנ אַ גרױסע צאָל הערק פונ אַנ אומגעהײער גרױסער װירקונגס־קראַפט — װו דער בורזשואַזער פּאָזיטיװער מענטש איז אָפּ פאַרשײדענע אױפאַנימ געװענ פאָרגעשטעלט.

באַ דער גאַנצער פאַרשײדנקײַט פונ סיטואַציעס, אינ װעלכע אָט די געשטאַלטנ זײַנענ געשאַפנ געװאָרנ אינ ענגלאַנד, פראַנקרײַכ, דײַטשלאַנד — באַ דער גאַנצער פאַרשײדנקײַט פונ די שרײַבער־טאַלאַנטנ אונ זײערע קינסטלערישע מאַנירנ — האָט יענע בורזשואַזע ליטעראַטור אינ טאָכ אױסגעבילדעט פינפ טיפּנ — מ׳קאָנ זאָגנ, פינפ גרופּנ פּאָזיטיװע געשטאַלטנ.

אָט די פינפ טיפּנ, אָדער גרופּנ פּאָזיטיװע געשטאַלטנ, האָט פאַרײניקט זײער בורזשואַזער גענעזיס אונ זײער בורזשואַזע צילגעװענדטקײַט. אינ זײ אַלע איז פאַרקערפּערט געװאָרנ דער נײַער בורזשואַזער מענטש, קעגנגעשטעלט דעמ אַלטנ, פּעאָדאַלנ. װאָס זײַנענ עס געװענ פאַר אַ פינפ טיפּנ?

דער ערשטער אינ אָט דער רײ איז געװענ דער אונטערנעמער, באַצװינגער אונ אָנזאַמלער. דאַניִעל דעפאָס ראָבינזאָנ קרוזאָ אָדער מאָל פלאַנדערס.

אינ טאָכ זײַנענ עס געװענ אַמאָראַלע פיגורנ. מאָל פלאַנדערס לעבט אָפּ אַ לעבנ פול מיט פאַרברעכנס, פאַר װעלכע די אינ גרונט שױנ בורזשואַזע ענגלישע געזעצגעבונג זעצט זי ניט אײנ מאָל אַרײַנ אינ טורמע.

זי באַשעפטיקט זיכ מיט גנײװעס אונ מיט באַשװינדלענ, זי האָט אַ צענדליק מענער, געבוירט אַ קינד פונ אַנ אײגענעמ ברודער.

אונ דאָכ איז זי געגעבנ אַלס פּאָזיטיװע געשטאַלט. זי פאַרענדיקט אַלס הערלעכע פּוריטאַנערנ, געאַכטעט דורכ דער גאַנצער געזעלשאַפט. איר אױפאַסונג אַלס פּאָזיטיװע געשטאַלט, איר גוטער סאָפּ סײַ אינ מאַטעריִעלנ סײַ אינ מאָראַלישנ זינ — איז די באַלױנונג דערפאַר, װאָס זי פילט אױס די הױפּט־סאָציִאַלע פונקציע, אינ װעלכער די ענגלישע בורזשואַזיע נײטיקט זיכ.

זי זאַמלט אָנ אַ קאַפּיטאַל, אונ װאָס נאָכ װיכטיקער — זי דעראָבערט אַ פאַרמעגנ אינ אַזיע, אונ העלפט מיט אַזױאַרומ דער ענגלישער קאָלאָניאַלער עקספּאַנסיע.

דער אָנזאַמלער אונ קאָלאָניזאַטער, װאָס זײַנ גאַנצע לעבנ־פּראַקטיק איז פול מיט אַכזאָריעס אונ שװידערלעכער אומדערבאַרעמדיקײַט, װערט אַ צענטראַלע פּאָזיטיװע געשטאַלט, װײַל ער פילט אױס די הױפּט־היסטאָרישע פונקציע פונ דער בורזשואַזער ערשטער אָנזאַמלונג.

די עצעמ מאָראַלישקײַט פונ אָט דער געשטאַלט טרעט דערומ אָפּטערס אַרױס אַלס אױסדרוק פונ זײַנ אונטערנעמונג־פײִקײַט, לעבנ־ענערגיע, אַקטיװקײַט.

די קראַפט פונ אָט דער געשטאַלט, איר לאַנגדױערנדע ליטעראַרישע לעבנ־פײִקײַט ליגט אינ איר גרױסנ לעבנ־עמעס, אינ איר רעאַליזמ. דער אונטערנעמער, באַצװינגער, אָנזאַמלער איז געװענ די צענטראַלע פיגור פונ דער בורזשואַזער װירקלעכקײַט שױנ אינ דער רענעסאַנס־טקופע, אונ אַװאַ״ע אינ XVII אונ אינ XVIII יה.

דער דערפאָלג פונ זײַנ אונטערנעמערײַ אונ אָנזאמלערײַ איז געווענ א הויפּט־פּאָרהאנאָכע פונ דעמ בורזשואזנ זיג.

אונ ווײַל אפ דעמ אָנזאמלער איז געלעגנ א וויכטיקע, היסטאָריש אינ גרונט א פּראָגרעסיווע שליכעס, איז ער געוואָרנ א פּאָזיטיווע געשטאלט, ניט געקוקט אפ זײַנ פולשטענדיקער אמאָראלישקײַט. פאר אימ זײַנעג געווענ כאראקטעריסטיש אזעלכע אײגנשאפטנ, ווי אומגעהײערע ענערגיע, ארבעטספײַקײַט, גרויסע באגאבטקײַט, טיפע לעבנ־קענטשאפט, פײַקײַט גיכ אונ טיפ זיכ אָריענטירנ אינ מענטשנ אונ אינ סיטואציעס. ער איז געווענ א שעפערישע פּערזענלעכקײַט אינ ברײטנ סאָציאלנ זינ פונ וואָרט.

דערומ זײַנענ אזוי נאָענט צווישנ זיכ די גרויסע קינסטלער, וויסנשאפטלער אונ פּאָליטיקער פונ דער רענעסאנס־טקופע מיט די אונטערנעמער, אָנזאמלער אונ באצווינגער. צב. די אווטאָביאָגראפיע פונ בארימטנ רענעסאנס־קינסטלער בענווענוטאָ טשעליני אונ די לעבנ־געשיכטע פונ דאניעל דעפאָס העלדנ.

זײ זײַנענ גלײַכ אמאָראליש, זײ שטעלנ זיכ גלײַכ ניט אָפּ פאר קײנע שטערונגענ באמ דערגרײכנ זײער ציל, זײ שרעקט דערבײַ גלײַכ ניט אָפּ קײנע מיטלענ.

זײ זײַנענ אָבער, פונ דער צווײטער זײַט, גלײַכע פארקערפּערונגענ פונ אומגעהײערער לעבנ־ענערגיע, פונ אומגעהײערער שעפערישקײַט, זעלבסטפארשטענדלעכ אָנגעווענדטע אפ פארשײדענע אָביעקטנ — אָבער וואָס האָבנ אײנ זײער וויכטיקנ געמײנזאמענ שטריכ:

זײער הויפּט־לײַדנשאפט איז שאפנ ווערטנ — קונסט־ווערק צי געלט־פארמעגנס גאנצ גלײַכ — נאָר שאפנ ווערטנ אונ דורכ דעמ זיכ אופהײבנ אפנ סאָציאלנ לײטער, דורכ דעמ באנײַענ דאָס לעבנ אפ נײַע סאָציאלע יעסוידעס.

פאראלעל מיט דער פּאָזיטיווער געשטאלט פונעמ אונטערנעמער, אָנזאמלער, באצווינגער, מיט אָט דער געשטאלט, וואָס האָט אפּאָלאָגירט די סאָציאל־עקאָנאָמישע פּראקטיק פונ דער יונגער בורזשואזיע, איז געשאפנ געוואָרנ די צווײטע פּאָזיטיווע געשטאלט פונ בורזשוא אינ זײַנ אינטימענ לעבנ. אָט די געשטאלט האָט אקצענטירט דעריבער די בורזשואזע עטישקײַט, די בורזשואזע מאָראל קעגנגעשטעלט דער פעאָדאלער אמאָראלישקײַט.

דער בורזשוא איז די פארקערפּערונג פונ מיזאמקײַט, שפּאָרעוודיקײַט, אינ קעגנזאצ צו דער הוליאקישער־לײדיקגײערישקײַט אונ אויסברענגערײַ פונעמ אריסטאָקראט. דער בורזשוא איז א גוטער פאמיליענ־מענטש, בײַס דער אריסטאָקראט איז אנ אויסגעלאסענער באלטײַוועניק. דער בורזשוא איז א גוטהארציקער, א באלצדאָקע, בײַס דער אריסטאָקראט איז אכזאָריש עגאָיסטיש.

אָט דער אזוי אויסגעפורעמטער בורזשוא איז געווענ טיפּיש אויכ פאר דער בורזשואזער ליטעראטור אינ פראנקרײַכ אונ אינ דײַטשלאנד. אינ פראנקרײַכ האָט ער באקומענ זײַנ קלאסישנ אויסדרוק נאָר בא מאָליערנ, באזונדערס אינ „טארטיופ", אונ אינ „דער בורזשוא אריסטאָקראט". ער איז געוואָרנ קימאט א מינ טיפּ אינ דער פראנצויזישער „טרויער־דראמע", ווי ביכלאל אינ דער פראנצויזישער אונ דײַטשישער בירגערלעכער דראמע פונ XVIII יה. זײַנ פולקומסטנ אויסדרוק האָט

ער אָבער באַקומען אין דער ענגלישער ליטעראַטור, הויפּטזאַכלעך אין סענטימענטאַלן ראָמאַן. און דאָ איז צום סכום קאָנטראַסטיקע אייגנשאַפטן צוגעקומען נאָך איינע וויכטיקע:

דער בורזשוא איז גאָטספאָרכטיק, בייס דער אַריסטאָקראַט פירט זיך גאָטלעסטעריש.

אָט דער קאָנטראַסט האָט אין דער ענגלישער ליטעראַטור געשטאַמט דערפון, וואָס די ענגלישע בורזשואַזיע האָט פון אָנהייב אָן געפירט איר קאַמף קעגן דער „אַלטער אָרדענונג“, קעגן פעאָדאַליזם, אונטער דער אידעאָלאָגישער פאָן פון יעוואַנגעלישער פוריטאַנישקייט, און ניט אונטער דער פאָן פון מאַטעריאַליזם.[1]

די געשיכטע פון אָט די צוויי בורזשואַזע פּאָזיטיווע געשטאַלטן פון אונטערנעמער און פון זיטלעכן פאַמיליען-מענטשן איז אויסערסט באַלערנד.

זייער ביידנס סאָציאַל-געזעלשאַפטלעכע אָפּווירקונג איז געווען אַן אומגעהייערע. מ׳קאָן זאָגן, אַז פאַר דער אויסבילדונג פון נייעם בורזשואַזן באַוווּסטזיין, פאַר דעם אידעאָלאָגישן זיג פון דריטן שטאַנד איז זייער באַטייט געווען ניט וויניקער, ווי די פּראָפּאַגאַנדע פון מאַטעריאַליזם און ראַציאָנאַליזם אין פילאָסאָפיע, פון סאָציאַלן אָפּמאַך אויפן געביט פון רעכט.

זייער עצעם אויסבילדונג איז געווען פּונקט אַזאַ מוז, ווי דאָס קעגנשטעלן דעם קאַטאָליציזם דעם ראַציאָנאַליזם און מאַטעריאַליזם, ווי דאָס קעגנשטעלן די פעאָדאַלע רעכט-פאָרמען — דעם סאָציאַלן אָפּמאַך.

קעדיי צו צעשטערן די אַלטע אָרדענונג, האָט די בורזשואַזיע געמוזט אויף אַלע געביטן דעם אָפּגעלעבטן פעאָדאַלן שטייגער קעגנשטעלן איר פּאָזיטיווע נייעס. אָט דאָס קעגנשטעלן דעם אַלטן פעאָדאַלן שטייגער דעם נייעם בורזשואַזן מענטשן מיט זיינע לעבנס-האַסאָגעס און לעבנס-פּראַקטיק האָט געהאַט אַן ערשטראַנגיקן באַטייט.

פאַר דעם זיג פון דריטן שטאַנד, פאַר דער אויסבילדונג פון די בורזשואַזע קאַמף-קויכעס האָבן אָט די פּאָזיטיווע געשטאַלטן געשפּילט ניט קיין קלענערע ראָליע, ווי די קלאַסישע, סאַטירישע ווערק, וווּ ס׳זיינען אַזוי פאַרניכטנד אַנטבלויזט געוואָרן די הויפּט-פיגורן פון דער אַלטער אָרדענונג, וווּ ס׳זיינען אַזוי צונישט געמאַכט געוואָרן די אַלע פעאָדאַל-קאַטוילישע הייליקייטן און אווטאָריטעטן.

ס׳איז קעדיי צו דערמאָנען, אַז דידראָ, אַ מענטש פון ערשטן צענדליק גאָוונישע קונסט-שעצער, וואָס די מענטשהייט האָט קלאָר ווען-ניט-איז פאַרמאָגט, האָט געשטעלט דעם ענגלישן שרייבער ריטשאַרדסאָן אין איין ריי מיט דעם טאַנאַך און מיט עסכילן.

דידראָ איז געווען זיכער, אַז די צוקינפטיקע באַפרייטע מענטשהייט וועט אויף

1 מיר קאָנען זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף די סיבעס פון אָט דעם היסטאָרישן פאַקט. ס׳איז נאָר צו באַמערקן, אַז ער האָט געהאַט זייער אַ גרויסן באַטייט פאַר דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון דער ענגלישער ליטעראַטור. נאָך אין מיטעלן פון XIX יה. האָבן די וויכטיקסטע ענגלישע ראָמאַניסטן דיקענס, טעקערעי אאַ. גאָטספאָרכטיקייט געמאַכט פאַר אַ הויפּטשטריך פון זייערע פּאָזיטיווע געשטאַלטן. פון דער צווייטער זייט, איז גאָטלעסטערונג געוואָרן אַ הויפּט-מאָטיוו בא די אַריסטאָקראַטיש-בונטאַרישע שרייבער, וואָס האָט געקראָגן אַזאַ קלאַסישן אויסדרוק בא בייראָנען.

די שענסטע פּלעצער פונ אירע הויפּט-שטעט אוועקשטעלנ דענקמעלער ריטשאַרד־סאָנענ. ער האָט אַזוי הויכ געשעצט ריטשאַרדסאָנענ, ווײַל דער הויפּט-פּרינציפּ פונ זײַנ עסטעטיק איז באַשטאַנענ אינ דעמ, אַז קונסט דאַרפ דערציִענ דעמ מענטשנ אונ בירגער, אונ אינ ריטשאַרדסאָנס פּאָזיטיווע געשטאַלטנ האָט ער געזענ אַזעלכע מוסטערנ פונ מאָראַל אונ פֿײַנער זיטלעכקײַט.

קורצ, סײַ די געשטאַלט פונ אונטערנעמער, אונ נאָכ מער די געשטאַלט פונ טיפּ-מאָראַלישנ בורזשוא — פּאַמיליענ־מענטש האָבנ געהאַט אַנ אומגעהײַערע געזעל־שאַפטלעכע ווירקונג.

אָבער דעמ אויבנאָנ אינ דער ליטעראַטור האָבנ זיי פאַרנומענ בעערעכ אַ קורצע צײַט,—בלויז ביז דעמ זיג פונ דער בורזשואַזער אָרדענונג. שוינ אינ די יאָרנ פונ דער רעסטאַווראַציע אונ אַוואַדע שוינ אינ די יאָרנ פונ דער יוליער מאָ־נאַרכיע — זײַנענ ריטשאַרדסאָנס ראָמאַנענ, די טרויער-דראַמע געוואָרנ ליטעראַטור פאַר סענטימענטאַלע אַלט-פראַנקישע פּראָווינציִעלע גימנאַזיסטנס.

אַ סאַכ דויערהאַפטיקער האָבנ זיכ אַרויסגעוויזנ די אַנדערע דרײַ פּאָזיטיווע געשטאַלטנ פונ דער יונגער בורזשואַזער ליטעראַטור. די געשטאַלט פונ לעבנס-אַקטיוונ, ענערגישנ ציניקער אונ סקעפּטיקער (דער דינער פונ מאָליערס קאָמעדיע, באָמאַרשעס פיגאַראָ), די געשטאַלט פונעמ בונטאַר אונ לעסטערער פונ אַלע פעאָ־דאַלע אויטאָריטעטנ, דער מוטיקער פּראָטעסטאַנט קעגנ טיראַניי, דער העלד פונ דײַטשנ שטורעמ אונ דראַנג, אונ לעצטנס דער אידעאַליסט אונ ראָמאַנטיקער, דער פּאַסיווער צושויער אונ פילאָסאָפישער באַאָבאַכטער סאַנ־פּרע פונ רוסאָס ראָמאַנ „נײַע עלאָיִזע”, געטעס „ווערטער”.

אייגנטלעכ, געהער אויכ פיגאַראָ צו דער קאַטעגאָריע דעראָבערער, אָבער זײַנ גרונט-שטריכ באַשטייט אינ דעמ, וואָס ער איז דער צעשטערער אונ אַנטבלויזער, ער לייקנט אָפּ אונ רײַסט אופּ. זײַנ פּאָזיטיווער באַטײַט באַשטייט אינ דעמ, וואָס ער איז דער ניט-לײַטישער לײַטישער מענטש, דער אַמאָראַלישער מאָראַלישער מענטש. דאָס איז ניט קיינ פּאַראַדאָקס אונ ניט קיינ ווערטער־שפּיל. זײַנע כעס־רוינעס זײַנענ אַרויס, קומענ אַלס אייגנשאַפטנ, וואָס זײַנענ אימ אָנגעצוווּנגענ דורכ דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, זײַנע מײַלעס—אַלס זײַנ אָרגאַניק, אַלס זײַנ טאָכ.

פיגאַראָ איז אַ מאַטעריאַליסט, סקעפּטיקער אונ עפּיקורייער. ער אַנערקענט ניט קיינ הייליקײַטנ. ער איז גרייט אַלצ אונ אַלעמענ מאַכנ צונישט, יערנ אָפּנאַרנ אונ פאַרדרייענ. ער גלייבט קיינעמ ניט אונ אינ גאָרניט ניט.

נאָר זײַנ סקעפּטיציזמ אונ ציניזמ — זײַנענ פרוכטבאַר. זיי פּילנ אויס זייער אַ וויִכטיקע סאָציִאַלע אויפגאַבע: זיי רײַסנ אַראָפּ דעמ שלייער פונ אַלצ, וואָס די פעאָדאַלע געזעלשאַפט האָט פאַרהייליקט. מיט זײַנע זעלטענע אַפאָריזמענ אַנט־בלויזט פיגאַראָ די צוויִעס פונ קלויסטער, דעמ ווילקיר אונ טיפּשעס פונ געזעצ אונ געזעצהיטער, די פאַלשקײַט פונ אָנגענומענער מאָראַל. ער דערווײַזט אַזוי־אַרומ, אַז אַלע זײַנע שלעכטע זיטנ קומענ צו אימ פונ דער פעאָדאַלער סיסטעמ.

לויט זײַנ אייגענער נאַטור איז ער טאַלאַנטפול באַגאַבט, ענערגיש, קלוג, פלײַסיק. ער קאָנ בײַשטיינ שוועריקײַטנ, לאָזט זיכ ניט צעברעכנ דורכ קיינע שווערע אומשטענדנ. נאָר ער איז געצוווּנגענ זײַנ גאַנצע ענערגיע אונ באַגאַבטקײַט אויס־

נוצנ אפ שווינדלענ, אפ ליגנערישע שטיק אונ גענארערײַענ, ווײַל דאָס איז זײַנ אײנציק מיטל, קעדיי צו פארטײדיקנ זיך קעגנ פעאָדאלנ ווילקיר.

פונדאנענ שטאמענ די זעלטענע ווידערשפרוכנ פונ אָט דער געשטאלט: פיגאראָ איז א ציניקער. נאָר זײַנ ציניזם איז זײַנע א פאָזיטיווע אײגנשאפט, ווײַל ער אנטבלויזט די צוויַעס אונ פרומעלײַ פונ אונטערדרדיקער.

פיגאראָ איז אמאָראליש, נאָר זײַנ אמאָראלישקײַט דינט אפ צעשטערנ די אים פײַנטלעכע, שעדלעכע אונ שענדלעכע פעאָדאלע מאָראל. פיגאראָ איז אנ עפיקורייער. זײַנ הויפט־שטרעבונג באשטײט אינ ערדישער פרייד, נאָר זײַנ עפּיקורעיִזם שליסט אינ זיך אײַנ די אלגעמײנע פאָזיטיווע בורזשואזע שטרעבונג צו דערלאַנגענ, אָבער נאָך מער באטײַט זײַנ עפיקורעיִזם — דאָס אָפזאָגנ זיך אפ דער־וועלט צו פאסטנ אונ אָפקומענ, קעדיי אפ יענער־וועלט האָבנ דעם גאנײדנ, — ווי דער קלויסטער האָט געפרײדיקט. אינ אָט דעם עפיקורעיִזם איז געווענ די פאָדערונג פונ דער בורזשואזיע, מע זאָל זיך מיט איר צעטײלנ מיט די ערדישע ווערטנ, אונ איר דאָ אפ דער ערד אָפגעבנ איר כײלעק לעבנ־פרייד.

פיגאראָ איז א מאטעריאליסט אונ סקעפטיקער, א ציניקער אונ עפיקורייער, ער ווייסט ניט פונ קײנ הײליקנ. ער איז גרײט אלע הײליקײַטנ אונ אווטאָריטעטנ צונישט מאכנ. ער גלײבט אלײנ קײנעם ניט אונ איז אלעמאָל גרײט יעדנ אײנעם אָפנארנ.

אונ דאָך איז ער פאר באָמארשענ, ווי פאר באָמארשעס אאודיטאָריע, א פאָזיטיווע געשטאלט.

מיט וואָס אונ פארוואָס?

זײַנ סקעפטיציזם אונ ציניזם פילנ אויס א גרויסע אונ וויכטיקע סאָציאַלע פונקציע. זיי מאכנ צו קלײנגעלט אלץ, וואָס די פעאָדאלע געזעלשאפט האָט הײליק געהאלטנ, זיי אנטבלויזנ די צוויַעס פונ קלויסטער, דעם ווילקיר אונ די פארברעכערישקײַט פונ די פעאָדאלע געזעצנ, די פאלשקײַט פונ דער פעאָדאלער מאָראל.

עגאָיִזם אונ עפיקורעיִזם דינט, פונ דער צווייטער זײַט, — אפ צו באווײַזנ, אז אלע זײַנע נעגאטיווע אײגנשאפטנ קומענ צו אים פונ דער פעאָדאלער געזעלשאפט, זײַנענ אים אָנגעצוווּנגענ דורכ דער פעאָדאלער געזעלשאפט.

דער פאָזיטיווער כאראקטער פונ דער פיגאראָ־געשטאלט איז דאָ ענג פארבונדנ מיטנ גאנצנ גײַסט פונ דער בורזשואזער קולטור פונ XVIII יה. אינ פראנקרײַך.

פאָרזעצנדיק דעם ענגלישנ פילאָסאָף לאָק, זײַנענ די פראנצויזישע מאטעריאליסטנ פונ XVIII יה. באשטאנענ, אז דער מענטש איז לויט זײַנ נאטור ניט קײנ גוטער, ניט קײנ שלעכטער. ער ווערט א גוטער אָדער א שלעכטער אָפהענגיק פונ די אומשטענדנ. דאָס לעבנ טרײַבט אים דערצו, ער זאָל טאָנ גוטס, אָדער שלעכטס. דער מענטש, ווי יעדע באשעפעניש, שטרעבט צו ווארעמקײַט, צו זעט, אונ זוכט אנטלויפנ פונ קעלט, פונ הונגער. דער מענטש טוט וואָס פאר אים איז גוט. אונ קעדיי א מענטש זאָל ניט טאָנ קײנ בײז, נאָר בלויז גוטס — דארפ מענ, ס'זאָל אים לוינענ גוטס טאָנ.

דער אויספיר פון אָט דער עפּיקורייִש־עגאָיִסטישער פילאָסאָפיע איז געווען:
קעדיי די מענטשן זאָלן ווערן לײַטישע, דאַרף מען, די געזעצן זאָלן ווערן לײַטישע, די סאָציאַלע אָרדענונג זאָל ווערן א לײַטישע. דערצו איז נייטיק א סאָף מאַכן צו דער אַלטער אָרדענונג, איבערגעבן די מאַכט דעם פאָלק, וואָס וועט דורך זײַנע פאָרשטייער אײַנשטעלן אזעלכע געזעצן און אזא אָרדענונג, אז יעדן בירגער וועט לוינען זײַן א לײַטישער מענטש.
באָמאַרשע האָט דורך דער פיגאַראָ־געשטאַלט אין קונסט פאַרטיידיקט אָט די אידייען.
פיגאַראָ איז טאַלאַנטפול, באַגאַבט, ענערגיש. ער איז קלוג און דערפינדעריש. ער ווערט קיינמאָל ניט מיד און ניט אָפּהענטיק, וויפל אָלן ס'זאָלן זיך אָפּ אים ניט אָנוואַלגערן. ער איז אימשטאַנד גויווער זײַן די גרעסטע שוועריקײַטן.
אָט די אַלע זײַנע זעלטענע אייגנשאַפטן וואָלט ער גערן אָנגעווענדט אָפּ שאַפן נוצלעכע פאַר דער געזעלשאַפט ווערטן — וועגן ניט די פעאָדאַלע אָרדענונג. זי צווינגט אים אָנווענדן אַלע זײַנע קרעפטן, קעדיי זיך ראַטעווען הינטער ווילקיר און אומענטשלעכקײַט. זי צווינגט אים ליגנערן, שווינדלען, כאַנפענען — ווײַל דאָס איז זײַן איינציק געווער, מיט וועלכן ער קאָן זיך פאַרטיידיקן קעגן דעם אום־רעכט פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט.
און פונדאָנען וואַקסט אויס א גאַנצע קייט פיגאַראָס ווידערשפּרוכן.
פיגאַראָ איז א סקעפּטיקער און ציניקער. נאָר זײַן ציניזם און סקעפּטיציזם — ווערן זײַנע פּאָזיטיווע אייגנשאַפטן, דורך דעם, וואָס זיי צעשטערן דעם גלויבן אין די פעאָדאַלע הייליקײַטן.
פיגאַראָ איז אַמאָראַליש, נאָר זײַן אַמאָראַלישקײַט איז א מיטל אָפּ צעשטערן די צוויִעסדיקע און אָנמענטשלעכע מאָראַל פון פעאָדאַלן אונטערדריקער. פיגאַראָ איז אן עפּיקורייער, און עפּיקורייִש־עגאָיִסטיש. ער שטרעבט צו וואָס מער לעבנ־פרייד, צו מאַטעריעלן וווילטיק. זײַן עפּיקורעיִזם און עגאָיִזם שפּיגלט, נאַטיר־לעך, אָפּ דאָס בורזשואַזע גאַרן וואָס מער אָנצוזאַמלען. אָבער נאָך מער דריקט עס אויס — אין קאָנטעקסט פון יענער עפּאָכע — א צווייטן פּראָצעס. דאָס, וואָס דער דריטער שטאַנד וויל מער ניט וואַרטן אָפּ דעם כיילעק יענע־וועלט, וואָס דער קלויסטער זאָגט צו די אַלע, וואָס קומען אָפּ אָפּ דער־וועלט. פיגאַראָס עפּיקורעיִזם האָט אָפּגעשפּיגלט די פאָדערונג פון יונגן רעוואָלוציאָנערן קלאַס — מ'זאָל אים דאָ אָפּ דער־וועלט אָפּגעבן יענעם פּאַיאָק לעבנ־פרייד, וואָס קומט אים.
אָט אזוי ווערט פיגאַראָ, בא אַלע זײַנע נעגאַטיווע אייגנשאַפטן, אן אויסגע־שפּראָכן פּאָזיטיווע געשטאַלט, ווײַל גופע זײַנע נעגאַטיווע אייגנשאַפטן פילן אויס א פּאָזיטיווע סאָציאַלע פונקציע — זיי העלפן מיט אַנטבלויזן די פעאָדאַלע וועלט. זיי באַווײַזן, אז די פעאָדאַלע אָרדענונג פאַרדאַרבט דעם מענטשן פון דריטן שטאַנד, וואָס איז לויט זײַן עצעם נאַטור די פאַרקערפּערונג בלויז פון גוטס.
און דאָ קומען מיר צו דער פראַגע וועגן באַזונדערן אייגנאַרט פון פיגאַראָ אין פאַרגלײַך מיט די ערשטע צוויי אָנגעמערקטע פּאָזיטיווע געשטאַלטן פון דער בורזשואַזער ליטעראַטור.
אין טאָג געבוירן געהער אויך פיגאַראָ צו דעם טיפּ בורזשואַ אונטערנעמער.

פאראַן אָבער אייניקע זייער וויכטיקע און באַלערנדע — סײַ פאַר דער ליטעראַטור-געשיכטע סײַ אפילו פאַר דער פּראַקטיק פון שאַפן אונדזער פּאָזיטיווע געשטאַלט — אונטערשיידן צווישן פיגאַראָ מיט די צוויי פריִער אָנגעמערקטע פּאָזיטיווע געשטאַלטן פון דער בורזשואַזער ליטעראַטור.

דער ענגלישער סענטימענטאַלער ראָמאַן, די פראַנצויזישע אָדער שפּעטער דײַטשישע בירגערלעכע זיטן-דראַמע איז געווען — ווי שוין דערמאָנט — געבויט הויפּטזאַכלעך אויפן קאָנטראַסט פון לײַטישן בורזשואַ און פאַרדאָרבענעם אריסטאָקראַט.

דער אריסטאָקראַט איז פאַרדאָרבעריש, ער פירט אַ ליידיקגייעריש אויסגעלאַסן אַרט לעבן, ער איז אַ פאַרשווענדער. ער איז אַכזאָריעסדיק אין זײַן טײַוועסדיקער אויסגעלאַסנקײַט. פאַרקערט, דער בורזשואַ איז אַרבעטזאַם, שפּאָרעוודיק, באַרעמהאַרציק, ער פירט אַ צניִעסדיק פאַמיליען-לעבן. און אויב ער גייט אַמאָל אַראָפּ פון גלײַכן וועג, איז עס דערפאַר, וואָס אַן אויסגעלאַסענער אריסטאָקראַט אָדער אריסטאָקראַטקע האָט אים אַראָפּגעפירט.

מערקווירדיק, אַז האַגאַם גופא פאַרן זיג פון דער נײַער בורזשואַזער אָרדענונג האָבן די פרומע העלדן פון די סענטימענטאַלע ראָמאַנען און בירגערלעכער זיטן-דראַמע געשפּילט ניט קיין קלענערע ראָליע, ווי די פיגאַראָ-געשטאַלט, דאָך האָבן יענע געשטאַלטן שוין לאַנג אָנגעוואָרן זייער באַטײַט, די בירגערלעכע זיטן-דראַמען פון יענער צײַט האָט מען שוין לאַנג פאַרגעסן, ס'איז שוין קימאַט אַ יאָרהונדערט, ווי מ'שפּילט זיי מער ניט, בעת פיגאַראָ שפּאַצירט ביז הײַנטיקן טאָג אַרום איבער די בינעס פון וועלט-טעאַטער. ערשט צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט אים בא אונדז דער מאָסקווער קינסטלערישער טעאַטער מיט אַזאַ פּראַכט געשטעלט.

— פונוואַנען קומט עס?

פיגאַראָ האָט זיי אַלעמען איבערגעלעבט, ווײַל ער איז פון אָנהייב אָן געווען מער דיאַלעקטיש געבויט, ווײַל ער האָט פון אָנהייב אָן פאַרמאָגט אין זיך אַ סאַך מער רעאַליסטישן לעבן-עמעס, ווי יענע געשטאַלטן.

דער בורזשואַ איז געווען היסטאָריש אַ פּאָזיטיווע געשטאַלט בלויז אין פאַרגלײַך מיטן פעאָדאַלן הערשער. נאָך דער זיג פונעם בורזשואַ איבערן פעאָדאַל האָט דאָך קלאָר ניט באַטײַט די סאָציאַלע אויסלייזונג פון דער מענטשהײַט. ס'האָבן זיך בלויז געביטן די פאָרמען פון סאָציאַלער עקספּלואַטאַציע.

ניט צופעליק האָבן דער סענטימענטאַלער ראָמאַן און די בירגערלעכע זיטן-דראַמע געגעבן דעם קאָנטראַסט: אומלײַטישן פעאָדאַל און לײַטישן בורזשואַ, הויפּטזאַכלעך אין זייער שטייגער-פּראַקטיק, און ווייניקער פון אַלץ אין זייער פּראָדוציר-פּראַקטיק, ווײַל דאַן וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער בורזשואַזער אופן פון באַקומען מערווערט איז שוין גאָר ניט אַזאַ הומאַניסטישער אין פאַרגלײַך מיטן פעאָדאַלן אופן פון באַקומען מערווערט.

די בורזשואַזע פּאָזיטיווע געשטאַלט איז דערום אינערלעך געווען אַ פאַלשע; זי האָט געמוזט אומפאַרמײַדלעך זײַן אַ גאַנץ באַגרענעצטע.

דער בורזשואַ איז געווען אַ פּאָזיטיווע געשטאַלט בלויז, ווען מ'האָט אים

קעגנגעשטעלט דעם פעאָדאַלן הערשער. אויסגעקערעוועט מיטן פּנים צום פאָלק, צו די אַרבעטנדיקע — איז ער געווען אַן אומטערדריקער און עקספּלואַטאַטער, איז ער געווען אַן אַכזאָריעסדיקער אָנזאַמלער. די שפּעער פון סענטימענטאַלן ראָמאַן און בירגערלעכער דראַמע האָבן אָדער איגנאָרירט די פּראַקטיק פון בורזשואַ אַלס פאַבריקאַנט און באַנקיר, אָדער גאַנץ איינזייַטיק זי באַוויזן.

דערום זייַנען זייערע פּאָזיטיווע געשטאַלטן סאַפּקאָלסאַפּ געווען ראַציאָנאַליסטיש אויסגעטראַכטע, סכעמאַטיש־גראַדלייניקע, אויסערערדיש־פרומע.

זייער רעאַליזם איז געווען אַ גאַנץ באַגרענעצטער, זייער קינסטלערישער באַטייַט אַ גאַנץ באַדינגלעכער.

און דאָ קומט אַרויס די וויכטיקייַט פון באָמאַרשעס אופּטו. באָמאַרשע האָט געגעבן אַ בורזשואַ, וואָס מאַכט פאַר זיך אַ וועג אין לעבן. ער האָט געגעבן אָט דעם בורזשואַ מיט אַלע זייַנע כעסרוינעס. ער האָט אַרופגעלייגט די פאַראַנטוואָרט־לעכקייַט פאַר פיגאַראָס כעסרוינעס אַף דער פעאָדאַלער אָרדענונג — און דערינען איז געלעגן אַ גרויסער היסטאָרישער עמעס.

ער איז דערום געוואָרן אַ לעבעדיקער אויסדריקער פון זייַן צייַט און ניט קיין פּערסאָניפיקאַציע פון דער בורזשואַזער אידיי.

אָבער אין די ווידערשפּרוכן פון דער פיגאַראָ־געשטאַלט איז שוין געווען פאַרבאָרגן איר שפּעטערדיקע פאַרוואַנדלונג אין אַ נעגאַטיווער געשטאַלט.

— פאַרוואָס? און וויאַזוי איז עס געשען? —.

פיגאַראָ פאַרטיידיקט זיך קעגן זייַנע הערשער און אונטערדריקער. אָבער די צעם מיטלען, מיט וועלכע ער פאַרטיידיקט זיך, זייַנען אים ניט בלויז אָנגעבונדן דורך דער פּראַקטיק פון הערשער. זיי אַנטשפּרעכן אויך זייַן אייגענער אייגנטי־מערישער, דעראָבערישער סאָציאַלער נאַטור. זייַנע פּרינציפּיעלע פּרינציפּלאָזיקייַט, זייַן אַמאָראַליטעט, זייַן ליגנערישקייַט און קאָנען זיך אַלעמאָל אויסדרייען, זייַנען גאַנץ געזעצמעסיקע אייגנשאַפטן פון זייַנע בורזשואַזע דעראָבערונג־שטרעבונגען.

ווען דער פעאָדאַל־הערשער איז אומגעקומען און דער בורזשואַ איז געוואָרן דער סאָציאַלער באַלעבאָס, איז געוואָרן קלאָר, אַז פיגאַראָס שטיק און גענג זייַנען ניט בלויז דאָס אָנגעבונדענע דורך דער אַלטער אָרדענונג, ווי ביכלאַל — אייגנ־שאַפטן פון אַן אייגנטימערישער וועלט, ס'האָט זיך דאַן אַנטפּלעקט, אַז פיגאַראָ איז דער געשיכטלעכער פאָרגייער פון אַלע בורזשואַזע שווינדלערישע און פאַר־ברעכערישע קאַריערן, אַז ער איז דער טאַטע פון באַלזאַקס ראַסטיניאַקס און וואַטרענס, דער זיידע פון מאָפּאַסאַנס דיו־רואַ („ליבער פרייַנט"), אַז פון אים שטאַמען אַלע בורזשואַזע סטאַוויצקיס.

III

באַגלייַך מיט די פיגורן פון דעראָבערער, אונטערנעמער, מיט די פיגורן פון אַקטיווע, שטאַרקע מיט זייער ווילן און מיט זייער לעבנס־אימפּעט — האָט די בורזשואַזע ליטעראַטור געשאַפן אַ רײַ אופגעפּאַסטע אַלס פּאָזיטיווע געשטאַלטן פּאַסיווע צושויער.

פיגאראָ איז אַן אידעאַליסט, אַ מאַטעריאַליסט און ציניקער. די קלאַסישע בורזשואַזע ליטעראַטור האָט קעגן אים אַוועקגעשטעלט די געשטאַלט פון אידעאַליסט און ראָמאַנטיקער — זשאַן זשאַק רוסאָס סאַן-פּרע („די נײַע עלאָיִזע“), גע־טעס — ווערטער („די ליידן פון יונגן ווערטער“).

ווי פיגאַראָ, זײַנען זיי ביידע — סאַן-פּרע און ווערטער — אינדיווידואַליסטן, נאָר זייער אינדיווידואַליזם איז זייער אַ פאַרשיידנאַרטיקער. פיגאַראָס אינדיווידואַ־ליזם איז פון אָנהייב אָן אַן עגאָצענטרישער, אַן עגאָיִסטישער — האַגאַם ער נוצט אים אָפּ צו פאַרטיידיקן זיך קעגן פעאָדאַלן הערשער.

סאַן־פּרעס און ווערטערס אינדיווידואַליזם שטאַמט פון זייער סאָציִאַלער איינזאַם־קייט, פון דעם, וואָס די הערשנדיקע געזעלשאַפט דאַרף זיי ניט. זייער אינדיווי־דואַליזם שפּײַזט זיך הויפּטזאַכלעך דערמיט, וואָס זיי זײַנען אינטעלעקטועל און מאָראַליש אָן אַנערעך העכער פון דער הערשנדיקער געזעלשאַפט.

סאַן־פּרע, ווערטער, פּינקטלעכער זיך אויסדריקנדיק, יענע יונגע בורזשואַזע אינטעליגענץ, אין פראַנקרײַך און אין דײַטשלאַנד, וואָס אָט די געשטאַלטן האָבן פאַרקערפּערט — זײַנען סאָציִאַל געווען מעשאָרסים בא די פעאָדאַלע הערשער, בײַס אינטעלעקטועל און מאָראַליש האָבן זיי אין זיך פאַרקערפּערט דאָס בעסטע, וואָס זייערע פעלקער האָבן צו יענער צײַט פאַרמאָגט.

אין סאַן־פּרעס דערנידערונג, אין ווערטערס זעלבסטמאָרד איז געווען דער פּראָטעסט קעגן דער געזעלשאַפט, וואָס ברענגט די בעסטע צו דער דערנידערונג און אומקום. דערום איז זייער אינדיווידואַליזם און פּאַסיווע באָאַבאַכטערײַ ניט געווען אַנטי־סאָציִאַל, פאַרקערט, ער האָט געהאַט אַ טיפן סאָציִאַלן זין.

סאַן־פּרעס אינדיווידואַליזם איז געווען דורכגעדרונגען מיט טיפער פאַראַכטונג צו דער אַריסטאָקראַטיש־פעאָדאַלער געזעלשאַפט. זײַן פּאַסיווע באָאַבאַכטערײַ איז געווען דער אייגנאַרטיקער פּראָטעסט קעגן אָט דער געזעלשאַפט.

נאָר אויב ביז דער רעוואָליוציע האָט די דאָזיקע געשטאַלט אָביעקטיוו מיטגעהאָלפן אויפרײַסן די אַלטע סיסטעם, האָט זי אָבער נאָך דער רעוואָליוציע אין מעשעך פון גאַנצן XIX יה. געשפּײַזט סאָציִאַלע אונטערטעניקײַט, שטימונגען פון ניט-ווערן זיך קעגן דעם סאָציִאַלן בייז.

אַוואַדע שוין איז די ווערטער־געשטאַלט געוואָרן אַ פאָן פון אונטערטע־ניקײַט. ווילנלאָזער פּראָטעסט, פּאַסיווע אומצופרידנקײַט האָט אין ווערטערס טיפן טרויער און טראַגישער אויסוועגלאָזיקײַט געפונען פאַר זיך פילאָסאָפיש-פּאָעטישע באַרעכטיקונג.

סאַן-פּרע און ווערטער זײַנען געווען די דערהייבנסטע פּאָזיטיווע געשטאַלטן פון דער יונגער בורזשואַזער ליטעראַטור. זייער סאָציִאַל־היסטאָרישע אָנגעווענדטקײַט איז באַשטאַנען אין קאַמף פאַר דער באַפרײַונג פון דער בורזשואַזער פּערזענלעכ־קײַט, אין קאַמף פאַר דער הערשאַפט פונעם באַפרײַטן אינטעלעקט.

נאָר באַלזאַק האָט שוין אין זײַן ראָמאַן „די שאַגרען־פעל“ אויסגעזאָגט דעם סאָד, אַז דער XVIII יה. האָט געטרוימט וועגן אַ וועלט, ווו אַלע בירגער זײַנען גלײַך פאַרן געזעץ, און געקומען איז אַ וועלט, ווו אַלע זײַנען גלײַך געצוווּנגען אויסצופילן דעם מיליאָנערס ווילן. דער XVIII יה. האָט געטרוימט, אַז אין שפּיץ

פון פאָלק וועלן שטיין פילאָסאָפן און דיכטער, וואָס זיי וועלן ארויסגעבן בעזעצן. און ארויסגעוויזן האָט זיך, אז די פילאָסאָפן און דיכטער זיינען באַרופן באַדינען דעם באַנקיר, פונקט אַף דעם אויפן, ווי דער גאַלעך האָט באַדינט דעם פעאָדאַלן הערשער.

אָט דעם עמעס האָט אַף א טראַגישן אויפן דערשפּירט בײַראָן. ער האָט דאַן דורך זײַנע לעגענדאַרע בונטאַרן מאַנפרעד, קאַין אויסגעדריקט דעם טיפן ווייטעק פון זײַן עפּאָכע, וואָס איין סיסטעם פון אונטערדריקונג איז פאַר־ביטן געוואָרן דורך א צווייטער סיסטעם פון אונטערדריקונג. דער בײַראָנישער פּעסימיזם האָט אויסגעדריקט דעם גרויסן צאַר פון דער צײַט, איר אַנטוישונג אין דער רעוואָליוציע.

בײַראָנס געשטאַלטן זײַנען געווען אָנגעפילט מיט פּאַטאָס פון פּראָטעסט, פון גײַס וועלן שאָלעם־מאַכן מיט אזא לעבן, און אָנעמען אָט די אַנטוישונג. גראָד דערפאַר זײַנען זיי געווען אזוי פּעסימיסטיש.

נאָר די אויסוועגלאָזיקײַט און די מאַכטלאָזיקײַט פון אָט די ווערטעריאַנישע און מאַנפרעדישע בונטאַרן האָט גיך געבראַכט דערצו, אז גופּע זייער צאַר און ווײַ־טעק, זייער פּעסימיזם און בונטאַרישקײַט זאָלן גיך פאַרוואַנדלט ווערן בלויז אין א מאַסקע, וואָס האָט צו פאַרשטעלן דעם הויפּט-פאַקט, וואָס באַלזאַק האָט פעסט־געשטעלט, — אז די אינטעליגענץ האָט געגומען אַף זיך אויספילן פאַר דער נײַ־ער אָרדענונג די זעלבע פונקציע, וואָס דער גאַלעך האָט אויסגעפילט בא דער אַלטער.

און אַף דעם וועג האָבן זיך די זין און אייניקלעך פון סאַן־פרע און ווער־טער פולשטענדיק צונויפגעגאָסן מיט פיגאַראָס זין און אייניקלעך.

אין סאַן־פרעס פּאַסיוויזם און אָפּגעזונדערטקײַט איז געווען דער פּרווו פון דער יונגער רעוואָליוציאָנערער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע קעגנשטעלן דער פעאָדאַלער וועלט דער אידעאַלער געשטאַלט פון נײַעם בורזשואַזן מענטשן, מיט זײַן הויכער מאָראַל און זויבערער אידײישקײַט.

ווערטערס, ווי מאַנפרעדס און קאַינס פּעסימיזם בא בײַראָנען, האָבן אויסגע־דריקט דעם צאַר פון די בעסטע פאָרשטייער פון דער יונגער בורזשואַזיע און צעקלאַפּטער אריסטאָקראַטיע, וואָס געזיגט האָט דער גראָבער באַנקיר און זאַטער קרעמער.

דער פּעסימיזם, די ווילנלאָזיקײַט פון אַלע שפּעטערדיקע ווערטעראַרטיקע בורזשואַזע געשטאַלטן, אָנהייבנדיק פון שאַטאָבריאַנס רענע ביז די רוסישע סימבאָ־ליסטישע און גאָטזוכערישע געשטאַלטן, האָבן אָביעקטיוו באַגיטיקט דאָס סאָציאַלע בייז, קאָנסערווירט דעם פּיליסטער און באַלעבעסל, מאַסקירט די אומענטשלעכקײַט פון דער בורזשואַזער וועלט.

אזוי איז די באַדײַטנסטע און טראַגיש־דערהייבענע פּאָזיטיווע געשטאַלט פון דער בורזשואַזער ליטעראַטור געקומען צו דעם שוידערלעכסטן קעגנזאַץ.

אָנשטאָט דעם גרויסן הומאַניסט און אידעאַליסט סאַן־פרע, דעם טראַגיש־שטור־מישן ווערטער, אָדער דעם בונטאַרישן מאַנפרעד, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם צאַר פון זײַן צײַט, איר אָנמעכטיקײַט צו לייזן די טיפּסטע פּראָבלעמען פון

מענטשלעכן גײַסט — זײַנען געקומען פילאָזאָפירנדיקע ציניקער און עגאָצענטריקער, פאַר וועלכע עראָטיק איז געוואָרן די פּראָבלעם פון אַלע פּראָבלעמען, אַמאָראַלישקײַט — דער אויסדרוק פון העכסטער און טיפסטער פילאָסאָפישער חכמה, פאַר וועלכע פּרינציפּלאָזיקײַט איז געוואָרן אַ גלויבן, סאָציאַלע גלײַכגילטיקײַט — דער בעסטער באַווײַז פון גײַסטיקער ראַפינירטקײַט, ציניזם — אַן אומבאַשטרײַטבאַרער סימען פון אינטעלעקטועלער זעלבשטענדיקײַט.

דאָ האָבן זיך פולקום פאַרייניקט פיגאַראָס און ווערטערס אייניקלעך.

אַ גרופּע יונגע זשורנאַליסטן, שרײַבער, פּאָליטיקער און מאָלער, וואָס אַ באַנקיר האָט זיי אײַנגעלאַדן באַדינען זײַן צײַטונג, פאָרמולירן בײַ באַלזאַק אַף אַזאַ אופן זייער פּראָגראַם:

„מיר לאַכן זיך גלײַך אויס פון דער פרײַהײַט — ווי פון דעספּאָטיזם, פון דער רעליגיע — ווי פון אומגלויבערײַ, ווײַל אונדזער פאָטערלאַנד איז קאַפּיטאַל. אידייען טוישט מען דאָרט און מע פאַרקויפט פאַר אַזויפיל און אַזויפיל פראַנק פאַר אַ שורע“ (באַלזאַק „שאַגרען־פעל“).

אָט דער ציניזם פון די גײַסטיקע שעפער פון דער בורזשואַזער קולטור האָט שוין פאָרויסבאַשטימט דאָס ווײַטערדיקע צונויפגיסן זיך פון די ווערטערס און פיגאַראָ־פאָרזעצער.

דאָ איז שוין אייגנטלעך געשאַפן געוואָרן דער קולטור־היסטאָרישער פאָרבאַדינג, אַז אין ווערטערס היימאַט זאָלן סטודענטן אין די הויפן פון יענע אוניווערסיטעטן, וווּ ס'איז געשאַפן געוואָרן די קלאַסיק פון אידעאַליזם און ראָמאַנטיק, פאַרברענען די ווערק פון יענע קלאַסיקער, ווי די ווערק פון זייערע פּראָלעטאַרישע יאָרשים.

IV

אין די יאָרהונדערטן פון איר אופשטײַג האָט די בורזשואַזיע, באַגלײַך מיט אירע הויפּט־פּאָזיטיווע געשטאַלטן, געשאַפן די קלאַסיק פון איר סאַטירע, וואָס איז געווען געבויט, נאַטירלעך, אַף אַנטבלויזן דאָס נעגאַטיווע.

און דאָ איז צו פאַרצייכענען צוויי אויסערסט באַלערנדע פאַקטן. איינס, אין דער קלאַסיק פון דער וועלט־ליטעראַטור זײַנען פון יענע יאָרהונדערטן געבליבן פריער פון אַלץ די נעגאַטיווע, אַנטבלויזנדיקע געשטאַלטן — ראַבלעס „גאַרגאַנטויאַ און פּאַנטאַגרועל“. סערוואַנטעסעס „דאָן קיכאָט“, מאָליערס „טאַרטיופ“, באָמאַרשעס „פיגאַראָ“. דעריקער דערפאַר, ווײַל אין איר איז שטאַרק דער מאָמענט פון אַנטבלויזן די אַלטע אָרדענונג. די פּאָזיטיווע געשטאַלט האָט גיך אָנגעוואָרן איר באַטײַט. ס'האָט זיך אופגעדעקט איר לעכאַטשילעדיקע קינסטלערישע שוואַכקײַט.

פון די פּאָזיטיווע געשטאַלטן האָבן זיך אײַנגעהיט בלויז די, וואָס האָבן פון אָנהייב אָן אויסגעדריקט מאַכטלאָזיקײַט, אומבאַהאָלפנקײַט, טראַגישע אויסוועגלאָזיקײַט, ווי האַמלעט, ווי ווערטער, ווי בײַראָנס קאַין און מאַנפרעד.

און דער צווייטער פאַקט. ס'האָט זיך אַנטפּלעקט דער אומגעהייערער ווידערשפּרוך צווישן די פּראָקלאַמירטע אידעאַלן פון דער יונגער בורזשואַזיע און דער

רעאַלער ווירקלעכקײט פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. צוזאַמען דערמיט איז געקומען דער סאָף פון דער קלאַסישער סאַטירע אין דער בורזשואַזער ליטעראַטור. ראַבלעס און וואָלטערס פּלאַץ האָט פאַרנומען דער לײַכטער צײַטונג-פעליעטאָניסט; פאַרקערט, די ניט-סאַטירישע ליטעראַטור איז געוואָרן אַנטבלויזנדער. נאָר בײַ דער סאַטיריקער האָט דער וועלט, וואָס ער רײַסט אויף דורך זײַן געלעכטער, קעגנגעשטעלט א נײַע וועלט — אָט די נײַע וועלט איז געגעבן געוואָרן אין די גרויסע אוטאָפּיעס אָדער אין די פּאָזיטיווע געשטאַלטן — האָט סטענדאַלס, באַלזאַקס און נאָך מער פלאָבערס און מאָפּאַסאַנס אַנטבלויזונג געפירט צו פּעסימיזם און ייִעש. און די הויפּט-סיבע איז געווען — וואָס קיין נײַע סיסטעם האָבן זיי ניט געהאַט אָפּ קעגנצושטעלן. דעריבער האָבן זיך זייערע לעכאַטכילע פּאָזיטיווע געשטאַלטן אַלץ מער צונויפגעגאָסן מיט די נעגאַטיווע.

נאָר גראָד אין אָט די ווערק פון פאַרטיפטער קריטיק, וואָס האָבן זיך כאַראַקטעריזירט מיט זייער אַקצענט אָפּ דער נעגאַטיווער געשטאַלט און וואָס האָבן ניט פאַרמאָגט קיינע פּאָזיטיווע געשטאַלטן, אָדער וואָס זייערע פּאָזיטיווע געשטאַלטן זײַנען געווען מענטשן צעבראָכענע, מאַכטלאָזע און פאַרייִעשטע, האָט די בורזשואַזע ליטעראַטור דערגרייכט איר קלאַסיק.

מיט וואָס ווערן דערקלערט אָט די צוויי פאַקטן?

זיי ווערן דערקלערט, פריִער פון אַלץ, דורך דעם גרונט־געזעץ פון קינסטלערישקײַט. די מאָס פון קינסטלערישקײַט פון יעדן ווערק ווערט אין דער ערשטער ריי באַשטימט דורך דעם, אָפּ וויפל דאָס ווערק שפּיגלט אָפּ עמעס טיפּיש די ווירקלעכקײַט, צי אַפילע די אָדער יענע וויכטיקע זײַטן פון דער ווירקלעכקײַט.

די יונגע בורזשואַזע ליטעראַטור האָט אין איר סאַטירע געשאַפן קלאַסישע נעגאַטיווע געשטאַלטן, ווײַל גראָד דורך דער סאַטירישער היפּערבאָליק איז אַנטפּלעקט געוואָרן דער עמעסדיקער ווערט פון דער אַלטער אָרדענונג.

זי האָט אָבער ניט געקאָנט שאַפן קיין קלאַסישע פּאָזיטיווע געשטאַלטן, ווײַל די אָנקומענדיקע בורזשואַזע וועלט איז פון אָנהייב אָן געווען פאַרסאַמט דורך איר הויפּט־ווידערשפּרוך. זי האָט צעשטערט און פאַרניכטעט אונטערדריקער צוליב קאָנען אַליין אונטערדריקן, און גופע דער פּראָצעס פון צעשטערן די פעאָדאַלע ווירטשאַפט־פאָרמען איז געווען פאַרבונדן מיט דער שוידערלעכסטער עקספּלואַטאַציע פון ערשטן אָנזאַמלונג-פּעריאָד.

די בורזשואַזע ווערק, וואָס זײַנען געבויט אָפּ דער פּאָזיטיווער געשטאַלט, האָבן געמוזט לײַדן פון סכעמאַטישקײַט, פון מאָראַליזאַציע, ווײַל זיי האָבן ניט געקאָנט גרייווער זײַן אָט דעם הויפּט־ווידערשפּרוך.

דער שפּעטערדיקער קריטישער רעאַליזם האָט דער געגעבענער סיסטעם קיין אַנדער סיסטעם ניט קעגנגעשטעלט. ער האָט קריטיקירט און אַנטבלויזט די גרונטזײַטן פון דער בורזשואַזער וועלט, נאָר קיינמאָל ניט דעם עצעם פּרינציפּ פון אייגנטום, דער עצעם פּרינציפּ פון מערוועוט. ווײַל ער האָט ניט געלייקנט די עצעם יעסוידעס פון אָט דער סיסטעם — האָט ער זיך ניט דערהייבן צו קיין קלאַסיק פון סאַטירע. פון דער צווייטער זײַט, ווײַל ער האָט געשפּירט די גרויסע ווידערשפּרעכלעכקײַט פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפטלעכקײַט און איר אָרגאַנישע

פּאַרסאַמטקייט און האָט ניט געזען יענעם קלאַס און יענע סיסטעם, וואָס ווען פאַרבייטן דעם קאַפּיטאַליזם, האָט ער ניט אידעאַליזירט די בורזשואַזע וועלט און האָט ניט אַנטפּלעקט די שפּעפערישע, באַפרײַערישע נײַע קרעפטן. דער קריטישער רעאַליזם האָט דערום ניט געשאַפן קיין פּאָזיטיווע געשטאַלטן. אין צענטער פון זײַן שאַפן איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די נעגאַטיווע געשטאַלט אָדער דער צע-בראָכענער, לײַדנדער, פאַרייִעשטער מענטש.

דאָ איז די אײַנשטעלונג פון קריטישן רעאַליזם אין גרונט צונויפגעפאַלן מיטן עמעס פון לעבן און ער האָט לויט דעם דערמאָנטן הויפּט-געזעץ פון קינסטלע-רישקייט געשאַפן קלאַסישע ווערק. אַזוי האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שאַפן קונסט-געשטאַלטן שליסט אין די רייען פון בורזשואַזער ליטעראַטור אויס די מעגלעכ-קייט פון צו שאַפן פּאָזיטיווע געשטאַלטן.

V

צי הייסט דאָס אָבער, אַז די ליטעראַטור פון XIX און XX יה. האָט ניט געשאַפן קיין פּאָזיטיווע געשטאַלטן?

ניין, אַזאַ אַלגעמיינער אויספיר וואָלט זײַן ניט קיין ריכטיקער.

ס'זײַנען אַזעלכע געשטאַלטן געשאַפן געוואָרן. וויכטיק איז אָבער — וואָס זײַנען עס פאַר אַ געשטאַלטן? ווער האָט זיי געשאַפן און בײַ וועלכע אומשטענדן זײַנען זיי געשאַפן געוואָרן.

פריִער פון אַלץ זײַנען דאָס אַנטי-בורזשואַזע געשטאַלטן, וואָס אַלע זייערע פּאָזיטיווע אייגנשאַפטן וואַקסן אַרויס פון ביז בורזשואַזע וואָרצלען.

זעלטענע בײַשפּילן פון אַזעלכע געשטאַלטן האָט איבערגעלאָזט טאָלסטוי. פּאָ-זיטיווע פיגורן זײַנען בײַ אים אַנדריי וואָלקאָנסקי, פּיער בעזוכאָוו, מאַריאַ וואָל-קאָנסקאַיאַ, נאַטאַשע און סאָניע, אָדער אַזעלכע פיגורן פון צווייטן באַטײַט פונעם גאַנצן ראָמאַן „קריג און פרידן“, ווי די מיליטער-לײַט דעניסאָוו און טושין. אַ פּאָזיטיווע געשטאַלט איז פאַר טאָלסטויען קאַטויאָ'ז.

זייער פּאָזיטיווקײַט איז פון זייער געזונטער אַנטי-בורזשואַזקײַט, פון זייער אַלט-פּריצישער, דאָרפיש-פּאַטריאַרכאַלער אָרגאַנישקײַט.

דאָס זעלבע זײַנען בײַ אים פּאָזיטיווע געשטאַלטן קאָנסטאַנטין לעווין, די שוועסטער דאַלי און קיטי שטשערבאַצקיס — ווײַל זיי זײַנען אַנטי-בורזשואַז, ווײַל זיי שטעלן קעגן דער ביוראָקראַטיש-גרויסשטאָטישער, צוויִעסדיקער און ליגנערי-שער וועלט זייער אַלטע רוסיש-פּריצישע דאָרפיש-פּאַטריאַרכאַלע אָרגאַניק.

און אַוודאי שוין שטאַמט די פּאָזיטיווקײַט פון פּלאַטאָן-קאַראַטײַעוו פון זײַן אײַנגעפאַסטקײַט אין ביז-בורזשואַזן נעכטן. אייגנטלעך האָט די פּאָזיטיווקײַט פון אַלע זײַנע אַפּסניי געבאָרענע מענטשן, ווי דער פּאָטער סערגיי, געשטאַמט דערפון, וואָס זיי האָבן זיך אומגעקערט צו דעם ביז-בורזשואַזן נעכטן.

פון זעלבן קוואַל שטאַמט דער צויבער און די גאַנצקײַט פון אַזאַ געשטאַלט אין דער מײַרעוו-אייראָפּייִשער ליטעראַטור, ווי קאָלאַ ברינייאָן בײַ ראָמען ראָלאַן, אָדער פון פיל ענלעכע פּאָלקסטימלעכע געשטאַלטן אין דער וועלט-ליטעראַטור.

זיי זײַנען אַנטי־בורזשואַזע געשטאַלטן, און זייערע בעסטע אייגנשאַפטן זײַנען פאַרבונדן מיט זייער ביז-בורזשואַזער פאַרגאַנגענהײַט.

די מעגלעכקײַט פון שאַפן אַזעלכע קינסטלעריש־איבערצײַגנדע, קלאַסישע פּאָזיטיווע געשטאַלטן איז דאָ געווען פאַרבונדן מיט צוויי פּראָצעסן: איינס, אין זיי זײַנען פאַרקערפּערט געוועזן געוויסע, גאַנץ באַשטימטע זײַטן פון דער ביז־בורזשואַזער פּאַטריאַרכאַלער ווירקלעכקײַט. ס'איז דאַרט ניט באַוויזן געוואָרן די נעגאַטיווע זײַטן פון יענער ווירקלעכקײַט, אָבער דאָס האָט ניט אופגעריסן זייער קינסטלערישע גאַנצקײַט, צוליב זייער אַנטי־בורזשואַזער פונקציע. גראָד דאָס, וואָס אין טאָג זײַנען זיי געווען געוועזנדט ניט אַפּ צו פּאַרטיידיקן דעם פעאָדאַלן אונטערדריקער, נאָר קעדיי דורך יענער אַלטער פּאַטריאַרכאַלער מענטשלעכקײַט אַנטבלויזן די בורזשואַזע נידערטרעכטיקײַט — דאָס האָט דערלויבט זייערע שעפער דערהייבן זיי צו קינסטלערישער פולקומהײַט, האַגאַמ אין זיי איז געגעבן געוואָרן אַזוי צו זאָגן בלויז אַ האַלבער עמעס.

ס'מוז דערום, בענגייע צו אָט דעם אַרט פּאָזיטיווע געשטאַלטן, באַטאָנט ווערן, אַז בלויז פאַר טאָלסטויען האָבן זײַנע געשטאַלטן, באַזונדערס די פּויערישע, געדינט אַלס מוסטער, וואָס זיי נאָכפאָלגן האָט ער גערופן, נאָר וואָס נאָכגיין זיי ביזן סאָף איז ניט ער, ניט זײַנע נאָכפאָלגער, אָפּגערעדט שוין פון זײַן קלאַס — ניט אימשטאַנד געווען.

פאַר די אַלע איבעריקע שעפער פון די פּאָזיטיווע פאָלקסטימלעכע געשטאַלטן איז עס געווען די גײַסטיקע טרייסט, דער פאַרלאָרענער טרוים, די פאַרגאַנגענע נאַיווע קינדהײַט. זיי האָבן פאַרשאַפט אַ געוויסן גײַסטיקן פאַרגעניגן, געגעבן מי־גוטן פון מאָראַלישן אָפּרו, נאָר ניט געדינט אין קיין פאַל פאַר קיין מוסטער אַפּ נאָכפאָלגן. נאָכפאָלגן זיי וואָלט געהייסן — פּרוּוון זיך אַרײַנפּרעסן צוריק אין אייגענעם קינדערישן וויג־בעטעלע.

VI

אָט פון דעם טיפּ פּאָזיטיווע געשטאַלטן זײַנען די קינסטלעריש ווערטפולסטע פּאָזיטיווע געשטאַלטן פון דער יידישער ביז־אָקטיאַבער־ליטעראַטור.

אייגנטלעך, ווייסט די יידישע ליטעראַטור פאַרמעל פון פיר טיפּן פּאָזיטיווע געשטאַלטן. דאָס איז איינס — דער אופקלערער, דער מאַרקוס פון דער אופקלערערישער בירגערלעכער דראַמע, מענדעלעס דײַטש, אָדער רעפּאָעל.

זייער גורל איז געווען דער זעלבער, וואָס דער שוין דערמאָנטער גורל פון די פּאָזיטיווע געשטאַלטן אין דער יונגער בורזשואַזער וועלט-ליטעראַטור. זיי האָבן אויסגעפּילט זייער אַ וויכטיקע פּראָגרעסיווע סאָציאַלע פונקציע, נאָר, ערשטנס, אַ סאַך אַ קלענערע פונקציע, ווי די סאַטירישע נעגאַטיווע געשטאַלטן פון דער אופקלערערישער ליטעראַטור. און, צווייטנס, פון זיי זײַנען, צוליב די שוין דערמאָנטע אַלגעמיינע סיבעס, קיינמאָל קיין קלאַסישע קינסטלערישע געשטאַלטן ניט געווען, זיי זײַנען שטענדיק קינסטלעריש געווען הינטערשטעליק אין פאַרגלײַך מיט די נעגאַטיווע געשטאַלטן.

און דער קעגנזאַץ צו אָט דעם פּראָגרעסיוון פּאָזיטיוון טיפּ פון אופקלערער — דער עפּיגאָנישער רעאַקציאָנער־קלעריקאַלער פּאָזיטיווער טיפּ אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס זײַן הויפּט־פּראָדוצירער איז שאָלעם אש. דאָס איז דער אידעאַליזירטער טרעגער פון ייִדישן מיטלאַלטער אין זײַן באַלעבאַטיש־נעגידישער, אין זײַן יעכעזקל־גאָמבינישער און שלוימע־נאָגידישער פאַרקערפּערונג. אָדער אין זײַן קלוימערשט פאָלקסטימלעכער אין טאָכ וווּלגאַר־סענסאַציאָנעלער טילים־ייִד־אַנטפּלעקונג.

צי איז דאָ נייטיק צו דערווײַזן, אַז דאָ איז די איינהייט פון „עטיק און עסטעטיק“ לויט די גײַסטיקע האַסאָגעס פון אָנקל מאָזעס, ווען ער ווערט אַ באַל־כאַראָטע, און לויט דעם קינסטלערישן געשמאַק פון די „שעפער“ פונעם „בינטל בריוו“ פון פאָרווערטס?

די קלאַסיק פון די פּאָזיטיווע געשטאַלטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור שטעלן מיט זיך פאָר אַנדערע צוויי טיפּן:

שאָלעם־אַלייכעמס און פּערעצעס גאַנצע פאָלק־מענטשן, אָדער בערגעלסאָנס פאַרייִעשטע, שוין אונטערטעניקע און ווילנלאָזע אין זייער פאַרייִעשטקייט אינטעליגענטן.

די גאַנצקייט פון טעוויע און מאָטל פּייסיס, פון פּערעצעס פאָלקסטימלעכע געשטאַלטן איז אָבער, ווי די פּאָזיטיווקייט פון ראָמען ראָלאַנס קאָלאַ בריניאָן, אין זייער ביז־בורזשואַזער אַנטי־בורזשואַזקייט.

און פאַר יענער אונדזער אינטעליגענץ פון צווישן צוויי רעוואָליוציעס, וואָס זיי האָט בערגעלסאָן פאַרקערפּערט אין זײַנע מירעלען, אין זײַנע מיילעכן און כאַימ־מוישען, האָבן אָט די פּערעצ־ און שאָלעם־אַלייכעמ־געשטאַלטן געדינט אַלס גײַסטיקע רעטונג צוליב זייער אַנטי־בורזשואַזקייט, און ווײַל גופא אָט די אינטעליגענטן האָבן קיין קראַפט און קיין מוט ניט געהאַט צו קעמפן קעגן דער בורזשואַזער וועלט, וואָס זיי האָבן זיך געפונען צו איר אין אָפּאָזיציע, מיט די מיטלען און מעטאָדן פונעם קלאַס, וואָס קומט צו פאַרבײַטן די בורזשואַזיע.

פאַרייגענענדיק אַפּ אונדזער אויפן די גרויסע קינסטלערישע ירושע, ווייסן מיר צו יאַרשענען און אויסנוצן אָט די גרויסע קינסטלערישע געשטאַלטן. נאָר נאַטירלעך, אַז ניט אַפּ דעם וועג פון דער אידעאַליסטיש־הומאַניסטישער פאַרהערלעכונג פון נאַיִווּן פאָלק־מענטשן, וואָס זײַן גאַנצקייט האָט געשטאַמט פון זײַן ביז־בורזשואַזער פאַרגאַנגענהייט, און דאָס גלײַכן איך ניט אַפּן וועג פון נאָכפאָלגן דעם טראַגיש־פאַרייִעשטן אינטעליגענט, מיט זײַן פּאַסיוון און אונטערטעניקן אָנעמען זײַן אייגענע אויסוועגלאָזיקייט, דאַרף גיין דאָס אויסבילדן פון דער פּאָזיטיווער געשטאַלט אין אונדזער ליטעראַטור.

(וועגן די פראַגן פון דער פּאָזיטיווער געשטאַלט אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור — אין צווייטן קאַפּיטל).

מ. ווינער

דער מישפעט איבערן פײַנט

(וועגן פערעצ מארקישעס פּאָעמע „דעם באַלעגופס טויט“1)

1

אפ העכער צוויי הונדערט זײַטן באוועגט זיך און האנדלט סאכאקל איינ מענטש, קימאט אָן פארטניאָרן. ס'זײַנען פאראן אינ דער פּאָעמע נאָך אנדערע פארשוינען, אָבער זייער געבנזאכלעכע. דער כאראקטער פון דער הויפּט-געשטאלט ווערט באוויזן ניט דורך אנטוויקלטער האנדלונג, נאָר דעריקער דורך רעטראָס-פּעקציע. מער ווי די העלפט פון דער פּאָעמע „דעם באַלעגופס טויט“ באשטייט פון רעטראָספּעקציע, וואָס ווערט געבראכט אינ א מין מאָנאָלאָגישער מאניר: דער באַלעגופ אנשל דערמאָנט זיך און דערציילט וועגן זײַן פארגאנגענהײַט.

א גרויסע פּאָעמע וועגן איינ פארשוין — און וועגן א נעגאטיוון כאראקטער. דאָ איז פאראן אומגעווייִנלעכ שטארקע כאראקטער־שילדערונג, „מאָנומענטאלע“ סקולפּטורישקײַט און ווירטואָז געמאָלטע קליינ־מאָלערײַ — און דאָס אלצ איז אָנגעווענדט ניט אפ צו פארהערלעכן א העלד, נאָר קעדיי צו אנטבלויזן דאָס וועזן פון א טיפ אָפּשטויסנדיקן כאראקטער. ס'האנדלט זיך דאָ אָבער וועגן אזא נעגאציע פון אייגנשאפטן, וואָס באשטעטיקט ווירקונגספול די קאָמוניסטישע וועלטאָנשויונג.

צום אידייִשן אינהאלט פונעם ווערק, צום שטרענגן, פארניכטנדיקן מישפעט איבער דעם קרעמער און איבער דעם קרעמערשן וועלטבאנעם מיט אלע זײַנע פּאטריִארכאלישע האווײַעס און רעליגיִעזע און נאציִאָנאליסטישע באפּוצונגען, האָט זיך מארקיש דורכגעקעמפט אינ א לאנגן, לאכלוטן ניט גראָדליניקן אנטוויקלונג-וועג. דאָ אינ דער דאָזיקער פּאָעמע איז דער דיכטער דורכגעדרונגען פון דער קאָמוניסטישער וועלט-אָנשויונג אזוי טיף ווי נאָך קיינמאָל ניט פריִער ביז איצט. דעריבער איז די ווירקונגס-קראפט פון דער פּאָעמע שטארקער און איבערצײַגנדי-קער, איידער ווי די ווירקונג פון זײַנע פריִערדיקע ווערק.

די פּאָעמע איז אָן אָפּרעכענונג. די קינסטלערישע מיטלען ווערן דאָ דיקטירט פון איר דעמאסקירנדיקן מעהוס. א געניטער פּאָלעמיקער האָט ניט קיינ מוירע צו ברענגען די ארגומענטאציעס פונעם סוינע — אָבער אינ זײַן מויל פארוואנדלען זיי זיך גופע אינ שארפסטער פארניינונג. אינ פלוג זײַנען די קינסטלערישע מיט-

1 פארלאג „עמעס“, 1935. ז. 228.

לענ, וואָס מארקיש האָט אינ דער פּאָעמע אָנגעווענדט, ווידערשפּרעכיק צומ עפּעקט, וואָס ער איז אויסנ געווענ און וואָס ער האָט דערגרייכט. מיטלענ, וואָס דינענ געוויינלעכ אפּ צו באווײַזנ פּאָזיטיווע טאטזאכנ, זײַנענ דאָ אָנגעווענדט בא דער שילדערונג פונ נעגאטיווע בילדער. אָבער סײַ די פּאטעטיק, סײַ די לירישקײַט, סײַ די זשאנר־מאָלערישקײַט אאוו. האָבנ דאָ א סאטירישנ פּאָרצייכנ, פּארוואנדלענ זיי זיכ אינ זייער קעגנזאצ. דער קלוימערשטער ווידערשפּרוכ צווישנ מיטל און עפּעקט פארשטארקט בלויז נאָכ מער די ענדגילטיקע ווירקונג.

די הויפּט-געשטאלט ווערט דאָ ארופּגעשרויפּט ביז צו „מאָנומענטאלישקײַט"—קעדיי גראָד דורכ דעמ צו באווײַזנ איר נישטיקײַט. ס'ווערט דאָ קלוימערשט אויסגעבויט א מינ „העלד"—קעדיי עס זאָל בוילעט ווערנ, אז דאָס איז דער אייגנטלעכסטער ק ע ג נ ז א צ צו א העלד. די הויפּט־געשטאלט אנטוויקלט א ריזיקע „טײַנע"—ווענדט זי זיכ טייקעפּ קעגנ דעמ פּארשוינ גופע און איר ווענ ביכלאל. די פּאָעמע איז פול מיט דערמאָנונגענ פונ דער פארגאנגענהײַט—זיי דערקלערנ אָבער טרעפלעכ די קעגנווארט פונעמ געשילדערטנ פּארשוינ. מיט דער הילפ פונ רעזאָניאָרישקײַט (דער באלעגופ אנשל איז א בארעדעוודיקער רעזאָניאָר) ווערט דערגרייכט דײַטלעכע קאָנקרעטקײַט אינ דער כאראקטער־שילדערונג. דורכ א מײַסטערישער פארבילדלעכונג פונעמ אייגנטימערישנ ווענ—ווערט באשטעטיקט די קאָמוניסטישע וועלט־עמפּינדונג. דורכ דעטאליש און „ליבעפול" געמאָלטע אידילישע בילדער—ווערט געשאפנ א פארניכטנדיקע סאטירע.

„דעמ באלעגופּס טויט" איז א סאטירישע פּאָעמע, וואָס איז צומ גרעסטנ טייל אירנ אויסגעהאלטנ אינ אנ עפּישנ טאָנ. דאָס קאָנ אפּ עמעצנ מאכנ דעמ אײַנדרוק פונ ווידערשפּרעכלעכקײַט. געוויינלעכ זײַנענ סאטירישע אָדער איראָנישע פּאָעמעס אינ דער קלאסישער ליטעראטור מער אָדער ווייניקער אלעגאָריש פארשטעלט,—דערלאָזט ניט די מאָשלדיקײַט צו ענדגילטיקער קאָנקרעטקײַט. דער עפּישער טאָנ, די פּלאסטישע קאָנקרעטקײַט פונעמ עפּאָס הארמאָנירט ווייניק מיט בײַזער סאטירישער שילדערונג פונ אויסשליסלעכ נעגאטיווע טאטזאכנ און מענטשנ. די גאָר גרויסע מוסטערנ פונ עפּישנ געזאנג אינ דער וועלט-ליטעראטור זײַנענ אָנגעצילט דעריקער אפּ דער שילדערונג פונ פּאָזיטיווע געשעענישנ און העלדנ.

פונוואנענ זאָל זיכ אפּ א נ ע ר נ ס ט נעמענ די רו, „די ליבעפולע פּארטיפונג" ביז צומ דעטאל דאָרט, ווו דער דיכטער איז לײַדנשאפטלעכ אופּגעבראכט? דער עפּישער טאָנ אינ דער סאטירישער אָדער איראָנישער פּאָעמע ווערט ערשט דאנ מעגלעכ און בארעכטיקט, ווענ ער גופע ווערט פּארוואנדלט אינ א באשטאנדטייל פונ דער סאטירע, ווענ ער איראָניזירט אויכ פונ זיכ אליינ, ווענ ער גופע באקומט א בײַקלאנג פונ פּאראָדיסטישקײַט. מיר זעענ דאָס אינ וואָלטערס „די בסולע פונ אָרלעאנ", אינ די סאטירישע פּאָעמעס היינעס „דײַטשלאנד. א ווינטער-מײַסעלע" און „אטטא טראָל", אינ געטעס איראָנישער פּאָעמע „ריינעקע פוקס".

דער עפּישער גאנג האָט פאר מארקישעס פּאָעמע זייער גרינג געקאָנט ווערנ א געפאר, אז דער דיכטער זאָל זיכ פונ דער פאָרמ לאָזנ שלעפּנ אינ דער ריכטונג פונ „רויִקער אָביעקטיווקײַט". מארקיש האָט אינ פריִערדיקע שאפונגענ ניט ארויסגעוויזנ קיינ באזונדערס גרויסע ווידערשטאנד-קראפט קעגנ די פארפירונגענ פונ דער פאָרמ.

ער האָט דאָ אָבער דעם עפישנ גאנג ניט אויסגעמיטנ און זײַנע געפארנ פאר דעם אינהאלט — אײַנגענומענ. טאקע דורכ דעם, וואָס דער עפישער טאָנ גופא איז דאָ אומעטום דורכגעדרונגענ מיט פאראָדיסטישנ זעלבסט-אָפשפאָט.

מארקיש באמיט זיכ דאָ צו דערגרייכנ קאָנקרעטקײַט דורכ זייער אויספירלעכער דעטאל-מאָלערײַ, וואָס דערגייט אפילע, ערטער-ווײַז, ביז צו א נאטוראליסטישער צייכענונג. און פארשטענדלעכ פארוואָס. די נאטוראליסטישע שטריכנ דארפנ בוילעטער מאכנ דאָס זינלעכ-געניסערישע, פרעסערישע וועזנ פונעם קולאק אנשל. דאָס אויספירלעכע ארײַנדרינגענ אינ די דעטאלנ איז דאָ א מיטל פונ פאָלעמיק. און אויב מע קאָנ אינ גרויסע טיילנ פונ דער פאָעמע זעענ עפעס אזוינס ווי אידילישע בילדער, ווערט אָבער די אידילישקײַט אומעטום פארוואנדלט אינ איר קעגנזאצ דורכ דעם שארפנ סארקאזמ, מיט וועלכנ די דאָזיקע בילדער ווערנ פאר אונדז אויסגעשפרייט. די „פלאמאנדישע" זשאנר-מאָלערישקײַט, וואָס דינט אזוי קאָנסעקווענט דער זעלבסטאנטבלויזונג, די „ליבלעכע" אידילישקײַט, וואָס טרעט אָבער אזוי פארניכטנדיק ארויס קעגנ זיכ אליינ — זאָגנ איידעס, אז מארקיש האָט דאָ דערגרייכט געניטע מײַסטערשאפט.

צוליב דעם סאטירישנ ציל פונ דעם ווערק האָט זיכ דער דיכטער געמוזט דערגראָבנ ביז צו יענע זשאנרישע דעטאלנ, וואָס דורכ זייער פארליבלעכטער אידילישער שילדערונג האָט די יידישע בורזשואזע ליטעראטור און קונסט אויפגעבויט טיפ-פארליגנערטע סאנטימענטאלע בילדער. זשאנרישקײַט און סאנטימענטאליטעט האָבנ געווינלעכ געדארפט ראכמאָנעסדיק אײַנהילנ די העסלעכקײַט און נישטיקײַט פונעם באלעבעסל און פונ זײַנ קליינלעכ-אייגנטימערישנ לעבנ. דערבײַ האָט דער בירגערלעכער זשאנר-מאָלער און אידיליקער געווינלעכ ליב געהאט צו ווײַזנ א באשטימטע לײַכט-הומאָריסטישע און געמיטלעכ-איראָנישע באציונג צום קעגנשטאנד פונ זײַנ שילדערונג, ווײַל ווענ ס'וואָלט דאָ געפעלט דער געמיטלעכער לײַכטער שמייכל איבער דעם קעגנשטאנד, וואָלט אפילע דאָס באגרענעצטע באלעבעסל ניט געגלייבט אינ דער עמעסדיקײַט פונ זײַנ שיינ צופיל פארליבלעכטנ פאָרטרעט. דער הומאָר האָט דאָ לאכלומנ ניט געשטערט דער סאנטימענטאליטעט. פארקערט, ער האָט פארשטארקט איר ווירקונג. ערשט דורכנ הומאָר האָט דאָס זשאנר-בילד געקאָנט ארויסרופנ די טיפע גערירטקײַט פונעם באלעבעסל, ערשט דער טראָפנ לײַכטער כויזעק האָט אים געגעבנ די מעגלעכקײַט זיכ אליינ צו דערקענענ אינ דער שילדערונג און זײַנ אָפגעשפיגלט אויסזענ צו באוווּנדערנ מיט געהויבענע געפילנ, „לאכנדיק און מיט א טרער אינ אויג". פאר דער אנשל-טעמע האָט זיכ געפאָדערט קאָנסעקווענטע סאטירע. די מענדעלע-טראדיציע איז דאָ אלס אויסגאנג-פונקט געווענ א סאכ פאסיקער, ווי די שאָלעמ-אליי'כעמישע. און מארקיש באווײַזט זיכ דאָ טאקע אלס א מײַסטערישער יורעש פונ דער מענדעלע-טראדיציע.

ס'איז פארשטענדלעכ, אז גראָד מארקיש, וואָס האָט זיכ אמאָל אזוי ליבעוול פארטיפט אינ דער אידיליק פונ „וואָלינ" און האָט אויכ שפעטער אָפט ליב געהאט צו קאָקעטירנ מיט נאציאָנאליסטישע שטימונגענ דורכ סאנטימענטאלער אידיליק — אז גראָד ער האָט, דורכקעמפנדיק זיכ צו א מער געפעסטיקטערנ פראָלעטארישנ

שטאנדפונקט, געהאלטנ פאר נייטיק זיכ נאָכאמאָל צו פארטיפנ אינ דער סאנטימענטאלער זשאנרישקייט אונ אידיליק, קעדיי דורכצודרינגענ ביז צו זייער אייגנטלעכנ מעהוס, אונ ענדגילטיק צו אנטבלויזנ זייער נישטיקייט.

דער „סוזשעט" פונ דער פּאָעמע איז זייער א פּראָסטער. א „געוועזענער קרעמער אונ יוסטער באלעבאָס, אנשל דער זאליאזניק, קלייבט זיכ אריבער אינ סטעפ „אפ ערד". ער געהער אָבער צו יענער ניט-צאָלרייכער קאטעגאָריע איבערוואנדערער, וואָס האָבנ זיכ אינ פארלויפ פונ די נאָכאָקטיאבערישע יאָרנ אינערלעכ גאָרנישט ניט געביטנ. אינ דער נייער געזעלשאפט אונ אינ די נייע אומשטענדנ האָט אנשל אומבארירט פארהיט די פסיכאָלאָגיע פונ א באלעגופישנ אייגנטימער. פונ די נייע אומשטענדנ דרינגט ער פאר זיכ ארויס בלויז די נויטווענדיקייט צו באווייזנ ניי-צוגעפּאסטע פלינקייט. אנשל ווערט דער קולאק אינעם ניי-געגרינדעטנ דאָרפ. אנשל איראָניזירט אונ מאכט כויזעק פונ דער מאסע איבערוואנדערער, וואָס ווערט איבערדערצויגנ צו א ניי סאָציאליסטיש לעבנ. אנשל איז „קליגער" פאר אלעמענ. ער איז דער אָפּהיטער פונ דער אלטער קרעמערשער טראדיציע אונ ער אליינ ווייסט דעמ ריכטיקנ עמעס. די בייזע פרעמדקייט אונ כיישע סינע צומ נייעמ לעבנ שפּארט ארויס פונ יעדער באוועגונג זיינער, פונ יעדנ וואָרט זיינעמ. ער דערמאָנט זיכ אלצ קעסיידער אינ זיינ „אידילישער" פארגאנגענהייט, פארגלייכט זי מיט זיינ קעגנווארט אונ דאָס גיט אימ שטאָפּ פאר זיינ גיפטיקנ כיכיקען. אונ כאָטש ער דערציילט זיינע דערמאָנונגענ אינ א גוטמוטיק עלעגישנ טאָנ, פילט זיכ שטענדיק א באהאלטענער כאלעפ אונטער זיינ פּאָלע, פילט זיכ ווי סע ווייעט פונ אימ מיט געפאר אונ אומקומ פארנ קאָלעקטיוו.

אונ ווענ ער האָט דעמ שניט, דעמ ערשטנ אָפּגעלייגט,
האָט ער געקוקט אפ אימ אונ זיכ אליינ געוואָרנט:
— נו,ברויט איז, אנשל, ברויט! גאָר ניט מיט ברויט אליינ
איז לעבעדיק א מענטש, ווי ס'שטייט געשריבנ אינ די ספאָרימ...
עס האָבנ זיכ, ווי יאסטרעבס צוויי, די אויגנ אימ צעעפנט
אונ איינגעזויגנ זיכ אינ מרוקעדיקנ רוימ —
דערשמעקט האָט ער אינ סטעפ אינ בריטנ —
שעפע,
ווי ס'שמעקט א כייע אָנ אינ געגנט —
רויב... (זז. 24—25)

אונ אנשל איז אוועק...
דער הימל איז פונ אלע זייטנ אימ דעמ וועג
פארלאָפנ,
אונ אונטער אימ איז ווייסט דער סטעפּ אליינ ניט ווו זיינ סאָפ איז,
אונ איבער אָט דער ברייט אונ איבער אָט דער גרייס
זעט אנשל, ווי א לויפנדיקע קלאָלע אויס,
מיט אויגנ אויסגעשטשירעטע, ווי מעסערס,

אונ אויסגעשטעלט איז יעדער האָר פונ באָרד, ווי א שטיק דראָט,
אונ אלע שרייַענ זיי פונ אימ ארויס:
— אָט האָסטו, גאָט!
אזוי ווערט, אנשל, אויסבערעכנ דייַנ כעפעד אונ
גענאָד! (ז. 151)

מארקיש וויל באווייַזנ דעמ אבסורד פונ דער אייגנטימערישער גייַציקייַט, וואָס ווערט באזונדערס דייַטלעכ ווענ זי קומט אינ בארירונג מיט א סאָציאליסטישנ קאָלעקטיוו. דעריבער האָט ער דאָ דעמ אונטערגאנג פונעמ קולאק געוויזנ אלס לאָגישע קאָנסעקווענצ פונ זייַנ אייגענעמ מעהוס. אנשל קומט אומ איבער זייַנ אייגענער שולד אפ אנ אבסורדנ אופנ, כייַש אונ שרעקלעכ — אזוי ווי סע איז זייַנ גאנצ וועזנ. דער באלעגופ אנשל, וואָס ארבעט אינעמ קאָלווירט אלס קאָניוכ, באקומט דאָס שליכעס ארויסצופירנ הינטערנ דאָרפ א פערד, וואָס איז קראנק געוואָרנ פונ דער סאפ, אונ עס דאַרפ צו פארברענענ. אנשל קאָנ אָבער ניט אייַנהאלטנ זייַנ גייַציקייַט אינ וויל אויסנוצנ די האָר פונעמ פערדס וויידל, כאָטש ער ווייסט ניט צו וואָס ער דארפ זיי האָבנ. ער שנייַדט דעמ פערד אָפּ דעמ וויידל, נעמט אימ צו זיכ. דערפונ שטעקט ער זיכ אָנ מיט דער סאפ-קרענק אונ שטארבט בא גרויסע יעסורימ.

מע קאָנ שטרייַטנ, צי איז טאקע פארנ אינהאלט פונ דער פּאָעמע פּאסיק געוועב אזא זעלבסטאָפּשאפנדיקער סאָפּ. די זעלבסטאנטבלויזונג פונ דעמ כאראקטער ווערט אינ דער פּאָעמע א כאכ שטארקער באוויזנ דורכ די געוויינלעכ שטייגערישע רייד אונ באוועגונגענ. מע מוז אָבער באטאָנענ, אז דורכ דער פּאבוליארישער זעלבכטאָפּשאפונג פונ דער הויפּט-געשטאלט ווערט בעשומויפנ ניט געמינערט דער מאָביליזיר-קויעכ פונ דער פּאָעמע פארנ טאָג-טעגלעכנ קאמפ קעגנ די לעצטערעשטנ פונעמ קלאסנפייַנט. דורכנ באווייַזנ די דאָזיקע געשטאלט, דורכנ קינסטלערישנ אנאליז פונ אירע היסטאָרישע כאַרהאנאָכעס, אונ די קאָנסעקווענצנ פונ איר אייגענער אנטוויקלונג, האָט מארקיש געשאפנ א ווירקונגספול קאמפ־ווערק קעגנ דער בורזשואזער וועלט־עמפינדונג.

דאָס ווערק איז אָרעמ אינ אייגנטלעכער האנדלונג. ס'איז צונויפגעשטעלט דעריקער פונ כער „מאָלערישע“ איידער געשעעניש-רייַכע עפּיזאָדנ. אונ פאַרט באקומענ מיר דאָ אינערגעצ ניט דעמ אייַנדרוק פונ שטילשטאנד. אפילע בא די קאפיטלעכווייַזע רעמיניסצענצנ האָבנ מיר שטענדיק דאָס געפיל, אז אויב טאקע ניט די האנדלונג, באוועגט זיכ אָבער ענערגיש אפ פאָרויס די שילדערונג אונ צעוויקלונג פונ אנשלס כאראקטער. אזעלכע פארשוינענ, ווי אנשל, ווערנ אמבעסטנ באוויזנ אונ דערקלערט ניט בלויז דורכ דער שילדערונג פונ זייער קעגנווארט, נאָר אויכ דורכ דעמ, וואָס מע לאָזט זיי פאר אונדז אויסשפּרייטנ זייער פארגאנגענהייַט, ווייַל זייער גאנג איז דאָכ ניט אפ פאָרויס, נאָר אפ צוריק. אנשל לעבט קעגנ דער קעגנווארט. ער מוז זיכ קעסיידער ווענדנ צו דער פארגאנגענהייַט צו שעפּנ פונ איר הילפ אונ באשטעטיקונג פאר זייַנ וועזנ אונ שטרעבנ — כאָטש סע ווייַזט זיכ ארויס, אז אפילע די פארגאנגענהייַט ווענדט זיכ קעגנ אימ אונ טרייסלט זיכ פונ אימ אָפּ. קיינ קאָליזיעס-רייַכע סיטואציעס זייַנענ אינ דער פּאָעמע ניטאָ, אונ פאָרט

פילט זיכ אינ איר, אפילע אינ די „עפּישסטע“ עפּיזאָדנ, הויכ־דראמאטישע געשפּאנטקײַט.

זייער אָפט לאָזט דער דיכטער אנשלענ וועגנ זיכ אלײנ דערציילנ. דאָס אנטשפּרעכט צו דער מאניר פונ זעלבסטאנטבלויזונג, וואָס ווערט דאָ אָנגעווענדט. מארקיש שארזשירט ניט אנשלס טאטנ אונ ווערטער, ער לאָזט אימ ריידנ אונ טאָנ דאָס, וואָס אזעלכע אנשלס ריידנ אונ טוענ געוויינלעכ. דער דיכטער האָט די דאָזיקע געשטאלט ניט אויסגעשטאט מיט קיינ שומ אויסערלעכ „שוידערלעכנ“ אויסזענ, פארקערט, ער האָט איר אפילע איבערגעלאָזט א היפּשנ טייל פונ יענע פּאטריארכאליש-אידילישע שטריכנ, מיט וועלכע שאָלעמ אש אונ ביאליק (אינ „אריע באלעגופ“) האָבנ אויסגעפּוצט דעמ שטעטלדיקנ קולאק. אונ פּאָרט איז יעדעס וואָרט, יעדע טנוע אנשלס, קעגנ זײַנ אייגענעמ ווילנ אונ מיינ — א זעלבסטאָנקלאָג אונ אנטבלויזונג פונ דער אייגנטימערישער וועלט-עמפּינדונג.

אינ דער כאראקטער־צייכענונג פונ אנשלענ איז יעדער שטריכ שארפ אונ דײַטלעכ, אמאָל אפילע איבערדײַטלעכ — אונ פּאָרט איז דאָ גאָרנישט איבערגעטריבנ. אינ טאָכ — ניט, ווײַל ס'זײַנענ פארשארפט אונ דײַטלעכ געמאכט בלויז ווירקלעכע שטריכנ. די פיגור באקומט זיכ „מאָנומענטאל“ צוליב דער אויסערגעוויינלעכ שארפער דײַטלעכקײַט פונ דער צייכענונג. אונ דעריקער דערפאר, ווײַל דאָ איז געוויזנ געוואָרנ ניט א קלייניקער מאָגערינקער עקזעמפּליאר פונ זײַנ מינ, ניט אזעלכע שטריכנ זײַנע, וואָס ליגנ אויבנופיק אונ ווארפנ זיכ טײקעפ אינ די אויגנ, נאָר א ריזיקער, „אויסגעוואקסענער“, רעפּרעזענטאטיווער עקזעמפּליאר פונעמ אנשל־מינ אונ אזעלכע שטריכנ זײַנע, וואָס אינ זיי זײַנענ קאָנצענטרירט די אייגנשאפטנ פונ א קלאס. מארקיש גיט דער אנשל-געשטאלט א מאקסימומ אויסגעשפּראָכנקײַט — אינ א באשטימטנ זינענ הייסט דאָס, או ער גיט איר א מאקסימומ „קראפט“; דאָס באקומט זיכ אזוי, ווײַל די געשטאלט פאריינקט אינ זיכ פארסאכאקלטע שטריכנ פונ כײַיש־ברוטאַיער עגאָיסטישער געניסערישקײַט. אונ אויב סע פילט זיכ שטענדיק, בא דער גאנצער „מאָנומענטאלישקײַט“ פונעמ טיפּ, די שרעקלעכע נישטיקײַט זײַנע אונ פונ די פּרינציפּנ, אפ וועלכע ער פארופט זיכ בא יעדנ טריט — איז וואָס מאָנומענטאלער די פיגור איז אופגעבויט, אלצ שטארקער ווערט דורכ דעמ באווייז איר נישטיקײַט, אלצ גרעסער באקומט זיכ די מאפּאָלע פונ די פּרינציפּנ, אפ וועלכע זי פארופט זיכ. ס'איז אומגעלומפּערט אויסצוווארפנ דעמ דיכטער, וואָס ער האָט זיכ דאָ אינ דער פּאָעמע ניט באנוגנט מיטנ שילדערנ דעמ פײַנט, ווי א היימיש יאמ־כאזערל, אונ האָט אימ געוויזנ אינ זײַנ ווירקלעכער געשטאלט, ווי א ווילדנ קאבאנ. ס'זײַנענ פאראנ אינ דעמ ווערק רעשטנ פונ מארקישעס אמאָליקער נעטיע צו הי־פּערבאָלישקײַט (וועגנ דעמ — ווײַטער), אָבער וואָס שײַכ דער צייכענונג פונעמ אנשל-כאראקטער — אונ דאָס איז דאָכ אינ דער פּאָעמע דאָס וויכטיקסטע — איז זי דורכויס רעאליסטיש.

2

אינ דער קלאַסישער ליטעראַטור זײַנענ פאַראַנ ניט ווייניק גרויסע ווערק, וואָס גרײַפנ אָנ דעמ אייגנטימערישנ עגאָיִזמ, דעקנ אויפ זײַנ העסלעכקײַט אונ שפּאָטנ פונ אימ אָפּ. למשל, אינ „דער סויכער פונ ווענעציע“ פונ שעקספּיר, אינ „דער קאַרגער“ פונ מאָליער, אינ „דער קאַרגער ריטער“ פונ פּושקינ, אינ גאָגאָלס פּליושקינ־געשטאַלט („די טויטע נעפּאַשעס“), אינ באַלזאַקס „עוזשעני גראַנדע“ אונ „גאָבסעק“ אא. ווערק. די גרויסע מײַסטערס פונ דער ליטעראַרישער ירושה האָבנ קריטיקירט דעמ אייגנטימערישנ עגאָיִזמ אונ באַוויזנ זײַנע קאָנסעקווענצנ ביז צומ אַבסורד, זיי האָבנ דאָס אָבער געטאָנ פונ אַ שטאַנדפּונקט, וואָס איז לאַכלוטנ ניט געווענ קיינ אַבסאָליוטער קעגנזאַצ צומ קעגנשטאַנד פונ זייער קריטיק. זייער קריטיק איז געווענ געווענדט ניט קעגנ דער אייגנטימערישקײַט ביכלל, נאָר קעגנ דער איבערגעטריבענער זשעדנעקײַט אונ קאַרגשאַפט. דאָס ענערגישע שטרעבנ אָנצוזאַמלענ פאַרמעגנס אונ די ווירטשאַפטלעכע שפּאָרזאַמקײַט באַמ פאַרבראַוכנ אונ געניסנ זײַנענ דאָכ אַמאָל, אינעמ פּעריאָד פונ דער אורשפּרינגלעכער קאַפּיטאַל-אָנזאַמלונג, געווענ צענטראַלע „טוגנטנ“ פונעמ בורזשוא. אָבער אויכ שפּעטער זײַנענ זיי אינ די גרויסע ווערק פונ דער ליטעראַרישער ירושה אינ אַלגעמיינ ניט אָנגעגריפנ געוואָרנ אַלס אַבסאָליוטע כעסרוינעס. די קריטיק איז געווענ געווענדט דעריקער קעגנ דער איבערטרײַבונג פונ דער ווירטשאַפטלעכער שפּאָרזאַמקײַט, דעמאָלט ווענ זי האָט דערגרייכט דעמ גראַד פונ קליינלעכער זשעדנעקײַט אונ קאַרגשאַפט. קירצ: קעגנ דער ניט־ריכטיקער געווענדטקײַט פונ די דאָזיקע אייגנשאַפטנ. די קריטיק פונ אייגנטימערשנ וועזנ באַווײַזט זיכ אינ דער קלאַסישער ליטעראַטור געוויינלעכ אַלס אַ קריטיק פונ קליינלעכער קאַרגשאַפט. מאָליער כויזעקט פונ דער טיפּשעס אינ האַרפּאַגאָנס קאַרגשאַפט. באַלזאַק באַטראַכט דעמ איניענ אומפאַרגלײַכלעכ ערנסטער אונ טיפער, אָבער אויכ ער ווענדט זײַנע פײַלנ דעריקער קעגנ דער „היפּערבאָל“, אונ ניט קעגנ דעמ מעהוס פונ יעדער אייגנטימערישקײַט גופע.

פאַרשטייט זיכ: פונ אַזעלכע מײַסטערווערק, ווי די, וואָס מיר האָבנ דערמאָנט, באַקומט זיכ אַ פיל טיפערער אויספיר איידער ווי בלויז די קריטיק פונ איינער אַ שלעכטער אייגנשאַפט פונ דער בורזשואזיע אָדער פונעמ אדל. געוויינלעכ אַנטהאַלטנ די דאָזיקע ווערק אַנ אָנגריפ אַפ גרונט־פאַקטנ פונ דער געזעלשאַפט. באַלזאַק, לעמאָשל, האָט אינ זײַנ „גאָבסעק“ אויפגעדעקט דעמ אַבסורד פונ דער געלט־פעטישיזאַציע, מיט זײַנ קריטישנ אַנאַליז איז ער דורכגעדרונגענ ביז צו באַהאַלטנסטע ווינקלענ פונעמ בורזשואזנ באַוווסטזײַנ, אַנטפּלעקט וועזנטלעכע שטריכנ פונ זײַנ מעהוס, אונ אַפילע פאָרויסגעזעענ אַזעלכע, וואָס וועלנ זיכ דײַטלעכ באַווײַזנ ערשט אינ אַ ווײַטערדיקנ פאַרלויפ פונ דער אַנטוויקלונג פונ קאַפּיטאַליזמ.

אָבער ווי גוואַלדיק די דאָזיקע ווערק זאָלנ ניט זײַנ — קיינ דורכויס פולע שילדערונג, קיינ פולנ אַנאַליז, קיינ ענדגילטיקע קריטיק אונ נעגאַציע פונ יעדער אייגנטימערישקײַט ביכלל אונ אירע וואָרצלענ קאָנענ זיי ניט געבנ, ווײַל די קריטיק גופע האָט דאָ אַלס אויסגאַנג־פּונקט די אייגנטימערישע וועלט-אָנשויונג. דורכ

דער קריטיק פונ דער אָפענער, ניט-צוגעפוצטער „גאָבסעקשער" אייגנטימערישקייט ווערט, לעמאָשל, ניט באַרירט די „איידעלע", „אַריסטאָקראַטישע", „פאַטריציִשע" אייגנטימערישקייט. יעדער קינסטלער, וואָס שטייט אפנ אנטי-אייגנטימערשנ שטאנדפונקט פונ פראָלעטאַריאַט אונ האָט אימ טיפ באנומענ, איז וואָס שייעכ מעגלעכקייטנ פול צו דערקענענ אונ צו באנעמענ דעמ מעהוס פונ דער אייגנטימערישקייט אינ אנ אומפארגלייכלעכ גינסטיקערער לאגע אפילע ווי דער גרויסער באַלזאַק — כאָטש סע וואָלט, פארשטייט זיכ, געווענ אבסורד צו מיינענ, אז דאָס אליינ קלעקט אפ צו שאפנ אזעלכע גענִיאלע ווערק ווי באלזאקס. דאָ רעדט זיכ בלויז וועגנ די מעגלעכקייטנ, וועגנ די גינסטיקערע פאָרויסזעצונגענ, וואָס דער סאָציאַליסטישער וועלט-באנעמ שאפט פאר דער אנטוויקלונג פונ דער ליטעראטור. —

אינ איר געזעלשאפטלעכנ האנדלענ אונ דענקענ ווערט די בורזשואזיע באהערשט פונ דער לאָגיק פונעמ קאפיטאליזמ. דאָס באטייט אָבער ניט, אז די בורזשואזיע גיט זיכ לאכלוטנ ניט אָפ קיינ שומ כעזשבנ וועגנ דער לעבנס-פארקריפלענדיקער ווירקונג פונעמ קאפיטאליזמ, אז דאָס בורזשואזע באוווסטזיינ באטראכט זיכ קיינמאָל ניט מיט קיינ קריטיש אויג. ס'וואָלט געווענ מער ווי נאַיִוו אזוי צו מיינענ. זיינענ טאקע אינ דעמ דאָזיקנ קלאסעווונ כעזשבנ-האנעפעש פאראנ ניט ווייניק אָביעקטיווע זעלבסטדערקענטענישנ אונ פעסטשטעלונגענ. דאָס איז אינ וועזנטלעכנ דאָס רעאליסטישע אינ דער דאָזיקער קלאסעווער זעלבסטבאטראכטונג. אָבער סאָפקאָלסאָפ דארפ דאָס פאָרט געבראכט ווערנ אינ איינקלאנג — ווי ווידערשפּרעכיק דאָס זאָל ניט זיינ — מיט דער קלאסעווער זעלבסטבאשטעטיקונג, זעלבסט-באַיאָונג.

דער אנאליז פונעמ אייגנטימערישנ באוווסטזיינ געהער היינט צו די וויכטיקסטע טעמעס פונ אונדזער סאָוועטישער ליטעראטור, ווייל די דאָזיקע טעמע איז אָנגעצילט אפ דער סאָציאַליסטישער איבערדערציִונג פונעמ מענטש. מארקיש — פונקט אזוי ווי אונדזערע בעסטע שרייבער, וואָס האָבנ די טעמע באהאנדלט, — פארדייטלעכט די פיזיאָנאָמיע פונעמ אייגנטימערישנ כאראקטער דורכ באשטימטע ניי-באמערקטע שטריכנ אונ דורכ א נייער אויסקלאָרונג. ביז צומ סאָפ אונ אָנ יעדער רעזערוואציע איז דאָ אינ א בילדערישער פארקערפערונג אופגעדעקט אונ אנאליזירט געוואָרנ דאָס וועזנ פונ דער אייגנטימערישקייט — פונ אנ אבסאָליוט קעגנזעצלעכנ „אָפשאפנדיקנ" (снимающий) שטאנדפונקט. א ריי קאפיטלענ אינ מארקישעס ווערק געהערנ צומ כאמע שטארקסטנ, וואָס איז אינ אונדזער סאָציאַליסטישער קינסטלערישער ליטעראטור געזאָגט געוואָרנ אפ דער טעמע „אייגנטימערישקייט". ניט אומזיסט רופנ זיי ארויס אסאָציאַציעס פונ בילדער אונ געשטאלטנ פונ די גרויסע קלאסישע מייסטערס (לעמאָשל, די קאפיטלענ 4, 11—22 אא.). אָנ שומ סאָפעק. אָבער אויב ווענדנ דעמ בליק צו אזא מייסטערווערק, ווי באלזאקס „גאָבסעק", וועלנ מיר זיכ דארפנ דערמאָנענ, אז באלזאק האָט מיט זיינ גענִיאלישקייט ניט בלויז דורכגעדרונגענ דורכ די געדיכטע נעפלענ פונ זיינע אייגענע אונ דער צייטס פאָרורטיילנ ביז צו וועזנטלעכע שטריכנ פונ זיינ געזעלשאפטלעכער קעגנווארט, נאָר ער האָט אויכ פאָרויסגעכאפט וויכטיקע

מאָמענטנ פונ א שטיק צוקונפט און אנטיציפּירט די קריטיק אויכ פונ דער בורזשואזיעס שפּעטערדיקער אנטוויקלונג. עמעס, זײַנ אייגנטלעכער אופטו האָט געקאָנט באשטיינ דעריקער אינ קריטיק, אינעם נעגירנ — דאָ אָבער האָט ער גוואלדיק אופגעטאָנ. אופטאָנ עפּעס אזוינס, וואָס זאָל אפּאנעמעסנ קאָנענ דערמיט פארגליכנ ווערנ, באטײַט פאר דער סאָוועטישער ליטעראטור — שילדערנ די נײַע געשטאלט פונעמ נײַעמ מענטשנ מיט אזא גראד עמעסדיקײַט, ווי ס'איז אמאָל דורכ די קלאסיקער באוויזנ געוואָרנ דער נעגאטיווער כאראקטער. „קריטיק” אלײנ קאָנ שוינ מער ניט זײַנ, ווי אמאָל אינ דער בירגערלעכער קונסט, די העכסטע הייכ פונ געזעלשאפטלעכנ געדאנק. דער סאָוועטישער שרײַבער האָט די מעגלעכקײַט און איז באַרופנ צו שילדערנ דעמ נײַעמ מענטשנ, וואָס בילדעט זיכ אויס אינ דער קעגנווארט, און לויט די אָנצוהערענישנ און שטריכנ, וואָס מערקנ זיכ אָנ אינ דער קעגנוואַרט, פאָרויסצוזענ זײַנ צוקינפטיקע געשטאלט.

אנשל איז א פאנאטיקער פונ אייגנטימערישקײַט אינ א צײַט, ווענ זי איז שוינ לאנג דיסקרעדיטירט אינ די אויגנ פונ דער וועלט, און אינ א לאנד, ווו ס'ווערנ אויסגעוואָרצלט איר'ע לעצטע רעשטנ. מיט זײַנע בייזע אויגנ און מיט רייזיקע אייגנטום-אפּעטיטנ באטראכט ער די אומגעהייערע געזעלשאפטלעכע פארוואנדלונגענ אינעמ לאנד ווי עפּעס א מינ כיטרע אומגליק, וואָס מע קאָנ עס אפּ א נאָכ מער כיטרע אויפנ אויסמײַדנ אָדער באהערשנ. פאר זײַנ פרעמדקײַט אינ דער סאוויועטע טרייסט ער זיכ ראָמאנטיש מיט רעמיניסצענצנ פונ הייליקע ביכער און שעפּט פונ זיי דערמוטיקונג פאר זײַנ אײַנגעשפּארטנ זוכנ די פארגאנגענהײַט אינ דער קעגנווארט. אומפארמײַדלעכ וואקסט אלצ מער דער קאָנפליקט צווישנ אים און דעמ לעבנ און ער ווערט דורכ זיכ אליינ באשטראָפט. די אנשל־געשטאלט רופט ארויס נאָכ אנ אנדערע אסאָציאציע פונ דער וועלט־ליטעראטור, אנ אסאָציאציע מיט דער געשטאלט פונ דאָנ קיכאָט. דאָס וועזנטלעכע אינ דער דאָנ־קיכאָט־געשטאלט איז זײַנ מעשוגעדיקע בלינדקײַט בענעגייע דער קעגנווארט, די בלינדע אײַנגעשפּארטקײַט, מיט וועלכער ער וויל דורכפירנ שוינ לעכ-געשעפענס־טערהאפטע פּרינציפּנ פונ דער פארגאנגענהײַט אינ דער פולשטענדיק געענדערטער קעגנווארט. אנשל איז א מינ דאָנ קיכאָט פונעמ אייגנטום־פּרינציפּ. ער וויל דאָכ אויכ, אזוי ווי דאָנ קיכאָט, פאָרזעצנ באשטרעבונגענ און א שטייגער, מאכנ אופלעבנ פאָרשטעלונגענ און „אידעאלנ”, וואָס האָבנ שוינ אָפּגעלעבט זייער צײַט.

ס'ארא גוואלדיקער כילעק איז אָבער אינעמעסנ צווישנ אזא מינ אנשל און א דאָנ קיכאָט, צווישנ דעמ דאָנ קיכאָט פונעמ ריטערטומ אינ א בירגערלעכער סוויווע — און א דאָנ קיכאָט פונ בירגערטומ אינ א סאָציאליסטישער סוויווע!

די פאָרשטעלונג וועגנ דער אידעלער „ריטערלעכקײַט” ביכלאל אלס ק גנזאַצ או דער פעאָדאליש-דויבערישער ברוטאלקײַט איז אופגעקומענ באמ ריטערטומ אלס א דערשײַנונג פונ אָנהייבנדיקער דעקאדאנס, דעמאלט ווענ די גרונטלאגע פונ ריטערטומ האָט זיכ אָנג הויבנ צו וואקלענ. אלס א רעזולטאט פונעמ צונויפשטויס צווישנ דעמ ריטערטומ און א שטאָט-בירגערטומ, וואָס האָט אָנגעהויבנ

זעלבשטענדיק צו ווערן, בא וועלכע ס'האָבן זיך, אנטשפּרעכנדיק צו די נײַע עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, אויסגעבילדעט מער געצוימטע און ווייניקער אַז אומיטלבאַרער פיזישער קראַפט באַגרינדעטע פּרינציפּן פון אויפירונג, — איז באַם ריטערטום אופגעקומען די פאָרשטעלונג, אַז גראָד דאָס ריטערטום באַנוצט זײַן מאַכטשטעלונג גרויסמוטיק אַפ צו פאַרטיידיקן אַלדאָס דערהייבענע, שיינע און איידעלע, די שוואַכע, די פרויען־ערע, די היסטאָרישע טראַדיציעס אאַוו. דערמיט האָט זיך דאָס ריטערטום, וואָרצלענדיק אין אַן אויספּאָרמירטער פּאָליטישער און קולטורעלער טראַדיציע (אין קעגנזאַץ צום שטאָט־בירגערטום, וואָס זײַנע טראַדיציעס זײַנען נאָך געווען דוי און אָרעם), פּראָקלאַמירט אַלס פאַרטיידיקער פון דער אָנגעזאַמלטער געזעלשאַפטלעכער קולטור. דאָס ריטערטום האָט געוואָלט אוזורפירן אַ גרויסן טייל פון יענע אידעאַלן, פאַר וועלכע דאָס בירגערטום האָט זיך געקליבן קעמפן יאָרהונדערטער־לאַנג. דער וואָלט האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ שאָפּ־פעלץ.

דאָן קיכאָט האָט זיך אונטערגענומען פאַרווירקלעכן פּרינציפּן פון דער אַלטער ריטערלעכקײַט, וואָס זײַנען אינעמעסן גאָר קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן דורכן ריטערטום. אַזאַ מין ריטערלעכקײַט, ווי דאָן קיכאָט האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, איז פאַראַן געווען בלויז אין דער פאַנטאַזיע פון הויפישע פּאָעטן אָדער אין די נאַיווע מײַסעס פון זייערע פאָלקסטימלעכע נאָכדערציילערס. אין אַ נײַעם פּעריאָד פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג איז דאָן קיכאָט געקומען זוכן און פאַרווירקלעכן פּרינציפּן, קלוימערשט פון דער אַלטער וועלט, וואָס זײַנען אָבער אין איר קיינמאָל ניט געווען לעבעדיק און האָבן דאָס אין דער נײַער צײַט אויך ניט געקאָנט ווערן. ער האָט פון דער אַלטער וועלט גענומען ניט איר ווירקלעכקײַט, נאָר איר פון פּאָעטן אויספּאַנטאַזירטע אידעאַליזאַציע און דעם דאָזיקן אידעאַל האָט ער ראָמאַנטיש געזוכט אין דער קעגנוואַרט. און ווײַל ער האָט פון דער אַלטער וועלט אופגענומען ניט די פעאָדאַלישע ברוטאַלע רויבערישקײַט, נאָר דאָס, וואָס די בעסטע פאָרשטייער פון דער פאַרגאַנגענהײַט האָבן אויסגעטרוימט—כאָטש ס'איז טאַקע אויסגענוצט געוואָרן אַפ צו באַרעכטיקן דאָס ריטערטום, אָבער פאָרט אויסגעטרוימט לויטן אײַדלסטן, צו וואָס די צײַט איז פעיִק געווען — האָט דאָס צוגעגעבן צו זײַן מעשונעדיקן טאָן און טראַכטן, בא זייער גאַנצער קאָמיק, אויך אַ הויך פון איידלקײַט און טראַגיק. ער האָט געזען אין דער פאַרגאַנגענהײַט דאָס, וואָס סע האָט אין איר ניט געקאָנט זײַן, דאָס, וואָס איז אינעמעסן געווען אַן אומקלאָרער טרוים וועגן אַ ווײַטער, ווײַטער צוקונפט, אַ טרוים, וואָס האָט אייגנטלעך, לויט זײַן אורשפּרונג, סאָפּקאָלסאָך געשטאַמט ניט פון פעאָדאַלן קלאַס, נאָר פונעם האָרעפּאַשנעם, שעפערישן פאָלק. דאָן קיכאָט איז אַליין געווען אַן אָפּגענאַרטער — דאָס איז די גרונטלאַגע פאַר דער קאָמיק פון זײַן געשטאַלט. ער האָט אָבער געשטרעבט צו עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַפאַנעמעסן געקאָנט רעאַליזירט און אַפילע נאָר בלויז פול און ריכטיק פאָרמולירט ווערן ערשט נאָך אומגעהייער קאָמפּליצירטע געשיכטלעכע אַנטוויקלונגען. אָט אָ דאָס דאָזיקע אינעמעסן ניט בלויז פאַרשפּעטיקטע, נאָר גלײַכצײַטיק אויך אומגעהייער צו פריִקע שטרעבנ זײַנס — איז די גרונטלאַגע פאַר די עלעמענטן פון טראַגיק און איידלקײַט אין זײַן געשטאַלט.

דער כילעק צווישן אַן אַנשל און דעם טראַדיציאָנעלן דאָן קיכאָט באַשטייט אין דעם, וואָס דער ברוטאַלער עגאָיזם פון אַנשלען, און אַזעלכע ווי ער, איז, אַחוץ אַלעם, אויך אַ באַוווּסטזיניקער. דער גרונט־פעלער פון דער קולאַקן־געשטאַלט, וואָס פעדין האָט געגעבן אין זײַן דערציילונג „טראַנסוואַאַל", איז באַשטאַנען דערין, וואָס אַף עפּעס אַן אופן האָט די געשטאַלט פאַרמאָגט שטריכן פון סוביעקטיווער נאַיִווקייט. דאָס איז געווען פאַלש געזען, האָט ניט אַנטשפּראָכן צום טיפּישן אין דער ווירקלעכקייט, האָט זיך די געשטאַלט און די אויספירעכונג פונעם סוזשעט באַקומען אומרעאַל און אומעכט.

עמעסדיקע „ריטערלעכקייט" — אויב עס איז עמעצ אַמאָל אויסן געווען דערגיין צו מיינען עמעסדיקע מענטשלעכקייט — איז בײַ דער בירגערלעכער הערשאַפט פּונקט אַזוי ניט מעגלעך געווען ווי בײַ דער ריטערלעכער. ביידע קלאַסן האָבן אין פאַרלויף פון זייער אַנטוויקלונג־געשיכטע אויסגעאַנטפּלעקט זייער קלאַסן־הומאַניזם, ס'האָט זיך אָבער אָביעקטיוו דעריקער געקאָנט האַנדלען וועגן זיך קאָסטיומירן אין מענטשלעכקייט. דעריבער פאַרמאָגן אַגעוו די דאָזיקע „הומאַניזמען" אַזאַ שטאַרקן אונטערשלאַק פון סאַנטימענטאַליזם, וואָס ענדערט זײַן כאַראַקטער פון צײַט צו צײַט, וואָס ווײַזט אָבער שטענדיק אַף דעם אינערלעכן ווידערשפּרוך אין די דאָזיקע מענטשלעכקייט־פּרינציפּן, אַף זייער אינעווייניקער אומקאָנסעקווענץ.

עמעסדיקע מענטשלעכקייט איז דענקבאַר נאָר דורך באַזײַטיקונג פון קלאַסן און אייגנטימערישקייט. דעריבער קאָן זיך אַ פּײַנט פונעם סאָציאַליזם אַפילע ניט פאָרשטעלן אין אַ ריכטיקן דאָן קיכאָט. קיין שום נאַיִווקייט איז דאָ ניט מעגלעך. ווי כיטרע־דראָמאַנטיש דער קלאַסנפּײַנט זאָל זיך ניט קאָסטיומירן — טע שפּאַרט אומעטום אַרויס אַ נאַקעט־אַנטבלויזטער און באַוווּסטזיניקער עגאָיזם. וויפל ער זאָל דאָס ניט פּרוּוון פאַרהילן דורך ראָמאַנטישע „פּסוקים" — זיי העלפן בלויז נאָך מער אים אַנטבלויזן. ווער סע שטעלט אַנטקעגן צו דער סאָציאַליסטישער קעגנוואַרט „אידעאַלן" פון אייגנטימערישקייט מוז אַזוי אָדער אַנדערש אַזוי אויסזען, ווי אַנשל דער זאַליאַזניק.

דער סאָציאַלער אונטערגאַנג אַנשלס (וועגן דער קאָנקרעטער סוזשעטישער טראַקטירונג פון אַנשלס סאָף אין דער פּאָעמע — וועלן מיר ריידן באַזונדער) אַנטהאַלט ניט קיין שפּור פון טראַגיק. ניט געקוקט אַף דער גאַנצער „מאָנומענטאַלישקייט", „וואָרצלהאַפטיקייט", „נאַציאָנאַלער אייגנאַרט" און פאַרגאַנצטקייט פון דער אַנשל־געשטאַלט, רופט איר סאָציאַלער אונטערגאַנג אַרויס דאָס מינדסטע געפיל, אַז דאָס גייט קעגן דער לאָגיק, אָדער נאָר קעגן דער גערעכטיקייט. פאַרקערט, מיר פילן אומעטום אין דער פּאָעמע, אַז מיט רעכט גייט אַנשל אונטער און דאָס ריכטיקסטע, וואָס ער קאָן טאָן, איז אָפּגיין. ס'באַקומט זיך דאָ אַ דורכויס אַנטי־טראַגישער עפעקט. וויאַזוי קאָן אויפקומען אַ געפיל פון טראַגיק דאָרט, ווו דער אונטערגאַנג איז טיף גערעכט און באַרעכטיקט, דאָרט, ווו דער אונטערגאַנג איז צעפאַלונג פון דער נישטיקייט אין נישט?

טראַגיש ווירקט נאָר אַזאַ אומגליקלעכע געשעעניש, וואָס גייט קעגן דער גע־

דעכטער, היסטאָריש געדעכטער געזעצמעסיקײַט און װאָס דירט אָנ די אַלגעמײַנקײַט, די געזעלשאַפט, אַלײנס צי דירעקט פּאַקטיש אָדער צי אַלס דראָענדיקע מעגלעכקײַט און אָנצוהערעניש. א דורכויס געזעצמעסיקער, נאַטירלעכער אָ־ער אינדיװידועלער אומגליק — װי שרעקלעכ ער זאָל ניט זײַנ — קאָנ העכסטנס, אינ באַשטימטע פאַלנ, אַרויסרופנ א געפיל פונ גרויל און שוידער, אָבער ניט דאָס, װאָס מיר רופנ א טראַגיש געפיל. אַנשלס זײַנענ נאָכ פאַראַנ אינ אונדזער װירקלעכקײַט, אָבער ניט זיי באַשטימענ איר כאַראַקטער און נאָכ װייניקער איר אַנטװיקלונג. דער אַנשל-פּאַקט האַלט באַם סאָפ. צום טיפסטנ זינ און אינהאַלט פונ אונדזער װירקלעכקײַט געהער טאַקע אויכ דאָס שטרעבנ, אַז צו דער אַנשל-טאַטזאַכ זאָל נעמענ א סאָפ. דער אַנשל-גורל דראָעט ניט די עמעסע מענטשנ פונ דער װירקלעכקײַט, ניט זיי איז דאָס שרעקלעכ. פאַרקערט. דער סאָציאַלער אונטערגאַנג פונ די אַנשלס איז א פאָרויסזעצונג פאַר דער אַנטװיקלונג פונ דער נײַער געזעלשאַפט. דעריבער איז דער אָבליק פונ זײַנ אונטערגאַנג א שטרענג באַלערנדיקער, אָבער קיינ שפור ניט טראַגיש. אַנשל איז א טיפּישער כאַראַקטער, אָבער זײַנ טיפּישקײַט איז ניט קיינ צוקונפטרײַכע, נאָר אַנ אָפּגײענדיקע. זײַנ אָפּגײַנ געהער צו זײַנ טיפּישקײַט. באַרעכטיקט איז דאָ, באַם אָנבליק פונ זײַנ סאָפ, דער טאָנ פונ היסטאָריש באַזיניקטנ גלײַכגילט, פונ געטעשער נאַטורבאַטראַכטנדיקער געלאַסנקײַט, מיט װעלכער מאַרקיש פאַרענדיקט זײַנ פּאָעמע:

אַרײַנגעגאַנ פונ גאַס איז מ ב מיט שװײַגנדיקנ בויג,
געקוקט און געװיזנ און דערמאָנט זיכ:
— װאָס זעט זיכ אָנ ב׳א װאַלד פאַרפלאַנצנ נאָכ א בוימ,
צי אויסהאַקנ א בוימ און אויסװאָרצלענ אינגאַנצנ?..

די לעצטע צװיי שורעס געפינענ זיכ שוינ לײַטמאָטיװיש אויכ אינעמ ערשטנ קאַפּיטל, אינ װעלכנ ס׳װערט געשילדערט די שטימונג אַרומ דעמ אָפּפאָר אָפ ערד. דעמאָלט, אינ אָנהייב פונ זײַנ נײַער קאַריערע, איז פּאָרט נאָכ ניט געװענ באַװוּסט, װי דער דעקלאַסירטער אַנשל װעט זיכ אַנטװיקלענ — ער האָט דאָכ ליב זיכ באַרימענ מיט זײַנ אײדעמ, אַז ער איז אינ דער רויטער אַרמיי און מיט זײַנ זונ, דעמ בוכהאַלטער, אַז ער אַרבעט אינ צעראַבקאָאָפּ. ער האָט באַקומענ א שאַנס צו װערנ נײַ-פאַרפלאַנצט, צו לעבנ א נײַ לעבנ. צומ סאָפ אָבער האָט זיכ ענדגילטיק אויסגעקלאָרט זײַנ װעזנ, אַז ער איז א פוילער פניאָק, װאָס שעדיקט די סװיװע. האָט זיכ גאַנצ נאַטירלעכ געמוזט פאַרװירקלעכנ דער אַנדערער טייל פונ דער אַלטערנאַטיװ: —

אויסהאַקנ א בוימ און אויסװאָרצלענ אינגאַנצנ!

3

װעגנ אַנשלס ראָליע אינעמ פויערישנ קאָלעקטיװ, װעגנ זײַנ קלאַסנפײַנטלעכער שעדלעכער טעטיקײַט אינעמ דאָרפ באַקומענ מיר פונ דער פּאָעמע א באַשטימטע פאָרשטעלונג. אַנשל אַגיטירט אָנ אונטערברעכונג, סײַ „דינ איראָניש” סײַ דירעקט און אָפנ קעגנ דעמ סאָציאַליסטישנ לעבנ, קעגנ דער קאָלעקטיװיזאַציע, קעגנ

פאַרשיידענע מאַסמיטלען פון דער אַרבעטער־מעלוכע. איידער ס'איז אים געלונגען זיך אַרײַנשמוגלען אין דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, טוט ער אָפּ מיט זײַן פּי דאָס, וואָס אַ קולאַק האָט דעמאָלט געוויינטלעך געטאָן. אאַו. אאַו. אָבער אויב מע פאַרגלײַכט די אַנשל־געשטאַלט מיט דעם קולאַק קיווע, ווי ער ווערט געשילדערט אין מאַרקישעס פּאָעמע „ניט געדרײַגט" (אייגנטלעך אַ זייער אינטערעסאַנטער עסקיז און פאָרשטודיע צו דער אַנשל־געשטאַלט), אָדער גאָר מיט די קולאַקישע כאַראַקטערן אין די ווערק פון שאָלאָכאָוו און פאַנפיאָראָוו, ווערט קלאָר, אַז אַלס הויפּט־אויפגאַבע האָט זיך דאָ מאַרקיש געשטעלט ניט אַזוי ווײַט די שילדערונג פון אַנשלס רעאַליזירטער טעטיקײַט קעגן דער געזעלשאַפט — דאָס פילט זיך אומעטום דײַטלעך אַלס פאָריסועצונג, — ווי פון זײַן אינווייניקסטן מעהוס. דער קולאַק איז דאָ דעריקער אַ פאַרקערפּערונג פונעם אייגנטימערישן באַוווסטזײַן ביכלאַל.

דער קלאַסנסוינע האָט געוואָלט ליב געהאַט צו אַרגומענטירן מיט די קלוימערשטע „מילעס" פונעם קולאַק, אָנגעהויבן אָפּ זײַנע „טאַטקראַפט", „ענערגיע", „אַרבעטזאַמקײַט", „ווירטשאַפטלעכקײַט", און דאָס אַלץ מיט אַ סאַרקאַסטיש־כיזעקדיקן בליק אין דער זײַט פון דער דאָרפישער אָרעמשאַפט. ס'האָט זיך דעריבער געלוינט קינסטלעריש צו אַנאַליזירן די דאָזיקע „מילעס" און צו באַווײַזן, אַז די דאָזיקע „מילעס" זײַנען בײַם קולאַק אינגאַנצן צעשטערישע, אומענטשלעכע אייגנשאַפטן, אַז זײַן כאַפּערישע פּראַקטישקײַט איז דער קעגנזאַץ פון שעפערישער ענערגיע, טאַטקראַפט, אַרבעטזאַמקײַט אאַו. דערמיט האָט מאַרקיש געוויזן, אַז די קלוימערשע „פלאַמאַנדישע לעבנס־שוונג" פון דעם דאָזיקן סאָציאַלן טיפּ איז אין טאָג געשפּענסטיש און הויל, אַז ניט לעבנסשעפע איז דאָ פאַראַן, נאָר געוויילישע אומגעווירנקײַט.

אַנשל אונטערשיידט זיך מיט ספּעציפישע שטריכן פון די קולאַקן־געשטאַלטן אין דער רוסישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אַנשל איז ערשט זינט אַ קורצער צײַט אַ פּויער, ער האָט ניט קיין אייגנטלעכע פּויערשע טראַדיציעס. ער האָט די אייגנשאַפטן פון אַ שטעטלדיקן קרעמערשן קולאַק, צו וועלכער ס'זײַנען צוגעקומען פּויעריש־קולאַקישע שטריכן. אין זײַן נײַער ראָליע שײַנט דורך דער אַלטער קרעמער. דאָס דאָרף ביכלאַל, וואָס ווערט אין דער פּאָעמע געשילדערט, איז דאָך אויך ניט אַלט־אײַנגעוואָרצלטע. די פּויערים האָבן דאָ ניט דעם טראַדיציאָנעל־טיפּישן פּויערשן כאַראַקטער. דאָ אַנטשטייט קימאַט גלײַכצײַטיק מיטן נײַעם דאָרף אַ נײַער פּויער, מיטן אָנהייב פון אַ נײַעם סאָציאַליסטישן לעבן. אַ היפּשער טייל פון די דאָזיקע פּויערים פאַרמאָגן נאָך אַ געוויסע צײַט לאַנג אייגנשאַפטן, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פונעם שטעטל, רעשטן פון דער שטעטלדיקער „אידיאָטיע", פון יענער פינצטערער אָפּגעשטאַנענקײַט, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון דוירעסדיקער אָרעמקײַט, קליינקרעמערײַ, אַכזאָריעסדיקער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג דורכן צאַריזם. די קולאַקישע עלעמענטן, וואָס שמוגלען זיך אַרײַן אין דער דאָזיקער מאַסע אָרעמשאַפט און דעקלאַסירטע, ווײַזן אַרויס זייער ווידערשטאַנד קעגן דעם סאָציאַליסטישן לעבן אָפּ אַן אייגנאַרטיק ניואַנסירטן אופן. זייער קולאַקישקײַט איז פון אַ קרעמערשן כאַראַקטער. דער מין קולאַק, וואָס

ווערט געשילדערט אין מארקישעס פּאָעמע, האָט ניט דירעקט קיין פּעטישיסטישע באַציִונג צו זײַן פֿויעריש־ווירטשאַפֿטלעכן לעבעדיקן און ניט־לעבעדיקן אינווענטאַר, קיידעמקאָל זעט ער אין זיי — סכוירע. יעדן פאקט פֿון זײַן ווירטשאַפֿט (און אַלץ, וואָס ער זעט ביכלאַל) זעט ער קוידעמקאָל אַלס סכוירע, זעצט ער טייקעף איבער אין געלט־ווערט און שטעלט אײַן זײַן באַציִונג צו אַלע פֿאַקטן לויט דעם רעווע, וואָס ער קאָן פֿון זיי באַקומען. צו באַווײַזן די דאָזיקע ספּעציפֿישע שטריכן פֿון דעם מין קולאַק האָט זיך מאַרקישן אויסגעצייכנט אײַנגעגעבן.

ס'איז עפּעס פֿריקרע אים בעוועג
א זאַסטעפּ האַלטן גלאַט זיך,
ניט אויסקלינגען דעם מעקעכן מיט די אַענט
און ס'זאָל די גאַל בא אים ניט פּלאַצן... (ז. 172).

אַנשל זעט ווי ס'פֿאָרן פֿאַרבײַ קאָלווירטניקעס און זייערע פֿורן זײַנען פֿול מיט דער שעפֿע פֿונעם גערעטעניש. אַנשל איז איצט אינעם קאָלווירט, האַנדלען קאָן ער דאָ ניט און פֿאַרט רופֿט זיך אין אים אָפּ דער קרעמערשער אינסטינקט, ער וויל „וויסן דעם פּרײַז", כאָטש ס'האָט דאָ קיין שום זינען ניט:

עס גייען פֿורן אָנגעשטאָפּט מיט אויבסט,
מיט קאַווענעס מיט מעכטיקע, מיט גרויסע פּאָמידאָרן, —
איז ווי זשע האַלט זיך אַנשל אײַן אזוי
ניט צוגיין צו קיין פֿור און זי ניט טאָן קיין טאַפּ
און זיך ניט טאָן קיין פֿאָרע,
די פּרײַז ניט אויספֿרעגן געטנויער,
און ניט א זאָג טאָן: — כאַק! (ז. 102)

אַנשל קולטיווירט אין זיך דעם טראַדיציאָנעלן רעליגיעזן קימאַט מיסטישן עקל צו כאַזיירים, כאָטש ער האָדעוועט זיי אין זײַן ווירטשאַפֿט. טרעפֿלעך שילדערט מאַרקיש ווי אופרייצנדיק סע ווירקט אָפּ דעם קאָשערן אַנשלען זײַן שײַכעס צו דעם דאָזיקן מאַבו. ער האַלט, אַז די כאַזיירים קאָסטן אים זייער טײַער: „א גאָט מיט א גאַנײדן". דאָס ווערט אָבער גיך צונישט דורך זײַן כעזשבן, „אַז ס'טראָגן די כאַזיירים גאַנצע טײַסטערס זילבער־סאַלע אין די בײַכער". סאַלע — וואָס מע קאָן אויסבײַטן אָפּ געלט. דער אָנבליק, ווי די כאַזער־מוטער געבוירט יונגע, רופֿט בא אים אַרויס ווידערשפּרעכיקע געפֿילן. פֿון אײן זײַט, איז דאָס א שוידערלעכער הויכפּונקט פֿון „טרייפֿקײַט", פֿון דער אַנדערער זײַט, מאַכט אָפּ אים די נאַטור-געשעעניש א באַשטימטן אײַנדרוק און רעגט אים אָן צו באַטראַכטונגען וועגן דעם איניען „פֿרוכפּערונג און מערונג". דערבײַ אָבער פֿאַרגעסט ער ניט טייקעף אָפּגיך צו מאַכן א כעזשבן וויפֿל דאָס דאָזיקע רירנדיקע נאַטור־געשעעניש וועט אים ברענגען רעווע:

און אַנשל איז געשטאַנען און באַקלערט
די זאַך פֿון פֿרוכפּערונג און מערונג,
און ניט געוווסט צי איז עס רעכט,
א ייִד זאָל שטיין און צוקוקן און הערן...

איז ער געשטאַנען און באַטראַכט...
און דאַן — מיט איין אויג איבערגעציילט אַלע:
צי האָט ער דאָ קיין טאָעס ניט געמאַכט,
צי עפּעס איז אים ניט אַרויסגעפאַלן.

אַ כעזשבן שוין געמאַכט — אַפּגיך איז,
און בלויז די וואָנצעס הערן זײַן פאַרזשאַווערט קאָל:
— ס'איז זיבן שטיק. און ס'איז פון פעטן יִיכעס.
ס'איז אין אַ יאָר אַרום — אַ גרוב מיט גאָלד... (ז. 41).

ער ווענדט זיך צו זײַן ווײַב סאַרקאַסטיש ביטער, אַז זי וועט דאַרפן אָפּזוכן נעמען פאַר די כאַזײרים אויש אין דער ביבל. נאָר באַלד דערפרעגט ער זיך בא איר, צי קאָן טאַקע אַ כאַזער־מוטער ניט האָבן מער ווי זיבן יונגע:

— וועסט מוזן, זלאַטע, עפענען דעם טײַטשכומעש
און פאַר די שראָצים אויסקלײַבן דאָרט זיבן נעמען...
נ'אַז זלאַטע האָט זיך דערמאַנט אויך
ניט ווייסנדיק צו אים געהאָלט דאָרט מאַכן, —
האָט ער שוין אויסגעשריִען אין דער חיכ:
— זאָג נאָר, מער ווי זיבן קאָן ניט אויסקינדלען קיין דאַווראַכער? (ז. 43)

אַן אַנדערע ספּעציפישע אײגנשאַפט פונעם אַנשל־טיפּ איז זײַן אײגנאַרטיקע רעליגיִעזקײַט. די אוראַלטע מיטאָלאָגישע פאָרשטעלונגען וועגן דער געטלעכער אויסדערווײלטקײַט פונעם פאָלק ייִסראָעל האָבן זיך דערנאָך, אין פאַרלויף פון דער געשיכטע, אַלס רעזולטאַט פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקטקײַט פון די ייִדן אין פאַרשיידענע לענדער, אויסגעפאָרמירט ווי אַן אײגנאַרטיקע קאָמפּענסאַציע פאַר דער שקלאַפישער און דערנידעריקנדיקער לאַגע. גלײַכצײַטיק האָט אָבער די דאָזיקע „אויסדערווײלטקײַט" געדאַרפט אײַנהילן אין הייליקע קלײדער דאָס זײער ווייניק ליבלעכע אויסזען פונעם וואָכעדיקן קרעמער. בא די ייִדן אין דער צאַרישער אימפּעריע פון די לעצטע יאָרהונדערטער האָבן זיך אין רעזולטאַט פון דער צאַרישער „ייִדן־פּאָליטיק" די דאָזיקע אויסדערווײלטקײַט־פאָרשטעלונגען אָפּ אַ מאָל סטרעזן אויפן פאַרשטאַרקט (באַזונדערס אונטערן אײַנפלוס פון כאַסידיזם). אַלע טאַטן און באַוועגונגען, אַפילע די סאַמע וועלטלעכסטע, אַפילע די געוויינלעכסטע געניסערישקײַט פונעם נישטיקן עגאָיסטיש באַג־ענעצטן קרעמערל האָבן דורך דעם געדאַרפט באַקומען אַ פאַרהוילענעם פּאָן פון מיסטישער הייליקײַט און גײַסטיקײַט.

איטעטווידער געריכט האָט זיך אַן אַנדער זכוס געפונען.
איטעטווידער געריכט געגאַנגען איז מיט אַן אַנדער מיצווע;
געהאַקטע שטיקער פיש — ביזכוס אַוראָם אָווינע,
און געגנדזענע געפילטע העלדזלעך — פאַרן טאַטן יִיצכאָק,
און קוגל לאָקשענער מיט זאָפּרענע און מיט פײַנקוכ —
פאַרן טאַטן יאַנקעוו,
און אַלע בײַזײַן
זאָלן מיטאַמאָל, —
דערנאָך ערשט — די געפילטע צוגעפּריטע ווײַבער צום פאַרבײַסן
פאַר אַלע טאַטעס און צאַדיקים פונעם פאָלק ייִסראָעל!

אונ אלע זײַנען זיי געקומענ,
אונ קיינעמ האָט מענ ניט פארגעסנ, —
ב׳געדאכט האָט זיכ, אז גאָט אליינ גייט אומ
די לאָדנ צומאכנ בא יידנ שא עס נאָכנ עסנ
אונ נעמט איעדנ באלעבאָס אונטערנ אָרעמ
אונ פירט אימ אָפּ צומ בעט
אונ זאָגט: — ווי זאמד באמ יאמ איר וועט
אימירצעשעמ זיכ מערנ
אונ גלײַכ ווי אפנ הימל — אימירצעשעמ — די שטערנ, —
אונ שפּרעכט זיי אָפּ אונ ווינטשט זיי לאנגע יאָרנ,
ס׳זאָל זיי ניט שוילעט זײַנ, כאָלילע, דאָרט קיינ אײַענ־האָרע. (זז. 141—142)

דער דאָזיקער אויסדערוויילטקײַט־ אונ הייליקײַט־גלויבנ האָט דאָס אָנגערעגט די פארשיידנערליי מאָדערנע טעאָרעטיקער פונ יידישנ נאציאָנאליזמ, אָנגעהויבנ פונ די געוויינלעכסטע קלעריקאלנ ביז צומ עסער אנ-סקי, ארויסצוגעפינענ אלס ספּע־ציפישע נאציאָנאלע אייגנארט פונ די יידנ — די „גײַסטיקײַט”, אינ קעגנזאצ צו דער „גויישער” ברוטאלער „גאשמיעסדיקײַט”.

מארקיש האָט אינ זײַנ פּאָעמע טרעפלעכ ארויסגעוויקלט דעמ קערנ פונ דער גאנצער דעטאלייש אויסגעבויטער גײַסטיק-הייליקער סיסטעמ, וואָס דער קולאק אנשל האָט מיטגעבראכט פונ דער פארגאנגענהײַט אונ מיט וועלכע ער פּארהיי־ליקט, פארגלאָצנדיק פומ די אויגנ, זײַנ כײַעשע פּײַנטשאפט צומ סאָציאליזמ. מארקיש צעוויקלט אנ ענציקלאָפּעדיש בילד[1] פונ דער דאָזיקער עטנאָגראפיש־רעליגיעזער „גײַסטיקײַט”, דערגראָבט זיכ ביז צו דער כאמע גערדיכטקײַט אירער, אונ באווײַזט איר אָרגאנישנ צוזאמענהאנג מיט דעמ דורכויס גאשמיעסדיקנ אונ אפילע בעסטיאלישנ עגאָיזמ פונעמ קליינעמ אייגנטימער. אזויארומ אנטבלויזט ער די גרונטלאגנ פונעמ רעליגיעזנ נאציאָנאליזמ. ס׳איז גענוג, אז אנשל זאָל נעמענ איינעמ פונ די באגריפנ אינ מויל ארײַנ — אונ שוינ ווערט פונ אימ אָפּגעטאָנ דער הייליקער גלאנצ, וואָס דער קלער אונ די נאציאָנאליסטנ האָבנ אפ זיי אויס־פּאָלירט זײַט יאָרהונדערטער.

ס׳ווערט דאָ אופגעניטערט אנ אינטימסטער ווינקל פונ דער קולאקישער ארגומענטאציע. ווער — ווער, אָבער א ייד, אזא צוגעווינטע היימישע פיגור, אזא געמיטלעכע, וואָס האלט אינ איינ שיטנ מיט איידעלע אונ „גײַסטיקע” ווערטער אונ ווערטלעכ — אזא זאָל זײַנ א שעדלעכער קולאק? אונ טייקעפ קומט דער „נעבעכ”, א ייד, נעבעכ; — ווי געשיקט זיכ עס: א ייד א קולאק? סע באקומט זיכ עפּעס אזוי מעשונע־אומוואַרשײַנלעכ, ווי ווענ מע רעדט איראָניש וועגנ א „יידישנ

1 ווענ מע זאָל אויסשרײַבנ אלע עטנאָגראפיש־רעליגיעזע בילדער, פאָרשטעלונגענ, טערמינענ, רעדנסארטנ, ציטאטעס אאוו., וואָס קומענ פאָר אינ דער פּאָעמע (איכ האָב זיכ אָפּגעשטעלט בא 200) — וואָלט זיכ באקומענ גאָר ניט קיינ שלעכטער שלאָג־ווערטער־פּראָיעקט פאר אנ עטנאָגראפישנ אונ רע־ליגיעז־שטייגערישנ לעקסיקאָנ. אפ די דאָזיקע בילדער, פאָרשטעלונגענ אאוו. האָט דאָס די יידישע בירגערלעכע ליטעראטור געבויט איר נאציאָנאליסטיש־סאנטימענטאלע אידעאליזאציע פונעמ שטעטל־דיקנ שטייגער.

גאזלענ". די פארבאהאלטענע און אָפענע וואָרט-זאָגערס און נאָכזאָגערס פונעמ קלאסנפײַנט לוינט זיכ אויכ הײַנט נאָכ אויסצונוצנ די אַלטע סאנטימענטאל-נאציאָנאליסטישע סאָלידאריטעט-עמאָציעס און אזויארום אײַנצוהילנ אינ א באשײַצנדיקנ נעפּל דאָס וועזנ און די טעטיקײַט פונ די פארשיידנערליי אנשלס. מארקישעס פּאָעמע העלפט צעיאָגנ די דאָזיקע נאציאָנאליסטישע שוצ-נעפּלענ ארומ דעמ קלאסנפײַנט. ניט קײנ כידעש, וואָס די פארשיידענע וועטעראנענ פונעמ נאציאָנאליסטישנ ייִדישיזמ, ווי ניגער אא. האָבנ זיכ אָנגענומענ פאר אנשלס „קריוודע" מיט פארביטערטנ — כאָטש טאקע גײַסטלאָזנ און אָנמאָכטיקנ צאָרנ.

דער אנשל-טיפּ געהער צו די ספּעציפישסטע אײגנארטיקסטע קולאקנ-געשטאלטנ אינ דער סאָוועטישער ליטעראטור. מארקיש איז דאָ אָבער ניט שטעקנ געבליבנ אינ דער געדיכטעניש פונ זשאנרישקײַט. ער האָט זיכ מיט זײַנ אנאליז דערגראָבנ ביז צומ אלגעמײנעמ, וואָס איז אײגנטימלעכ פאר אַלע טיפּנ פונ דעמ דאָזיקנ מינ, אזוי אז דאָס ווערק אנטהאלט א סאָציאָליסטישנ אנאליז פונ דער אײגנטימערישער פּסיכאָלאָגיע ביכלאל. און דעריבער איז די פּאָעמע א גרויסע דערגרייכונג ניט בלויז פונ דער ייִדישער סאָוועטישער, נאָר אויכ פונ דער סאָוועטישער ליטעראטור ביכלאל.

4

אויסנוצנדיק פארשיידענע מיטלענ און מעטאָדנ פונ דער דיכטקונסט, ווײַזט דאָ מארקיש די פילזײַטיקײַט פונ זײַנ טאלאנט. מיר געפינענ אינ דער פּאָעמע גאנצ אָפט דינע לירישע ערטער, א סאכ שטימונג-מאָלערײַ, באהאלטענע איראָניע, סאטירישנ אָפּשפּאָט, וואָס דערגײט אמאָל ביז צו אופגעבראכטער צערײצטער גראָבקײַט; פײַנע מאָלערײַ פונ זאכנ, פּײזאזשנ, מענטשלעכנ אויסזענ; פּאטעטישע באגײַסטערונג, ראפינירטע רעפלעקסיעס, א לעבעדיקנ דיאלאָג, אנ אויצער פונעמ פאָלקסטימלעכנ וואָרט און פונעמ פאָלקסטימלעכנ אויסדרוק-אויפנ, א פארוואָרצלטקײַט אינ דער פאָלקשפּראכ, ווי בא די מײַסטערס פונ דער ייִדישער קלאסישער ליטעראטור.

די לירישע מאָלערײַ אָדער שטימונג פארוואנדלט זיכ דאָ געוויינלעכ אינ סארקאזמ. די לירישקײַט גופא ברעכט זיכ איבער, צוערשט שמייכלט זי איבער זיכ אלײנ, דערנאָכ ווערט די איראָניע אלץ בײַסיקער, שארפער, וואקסט אויס אינ בײזער סאטירע. עפּעס ענלעכס זענ מיר בא מענדעלענ אינ זײַנע פּײזאזש-מאָלערײַענ און זשאנר-שילדערונגענ ארומ די געשטאלטנ פונ ביניאָמינ, סענדערל און פישקע. בא מענדעלענ איז אָבער די „ליריק", די סאנטימענטאליטעט, די זשאנרישקײַט געגאנגענ א זעלבשטענדיקנ וועג, שפּאָט האָט זײ ניט צעשטערט, פארקערט, זײ האָבנ געדארפט אפּ עפּעס אנ אויפנ מילדערנ דעמ כויזעק, אימ ארומשטעלנ מיט א מילדערנדיקנ קאָנטעקסט. בא מארקישנ ווערט די „לירישקײַט" גופא אופגעריסנ און קימאט ווי דורכ זיכ אלײנ.

געוויינלעכ קומט דאָס פאָר אפּ אזא אופנ. אינ דער פאָרמ פונ א רעמיניסצענצ צעוויקלט דער דיכטער אנ אידילישנ פּײזאזש אָדער א לירישע שטימונג. דאנ

קומט אנ איבערגאנג, װאָס צעשטערט די אידיליש-לירישע אטמאָספער אונ פארװאנדלט זי אינ א קעגנזעצלעכע שטימונג. מ׳טאמאָל װענדט זיכ אנשל אָפּ פונ זײַנע דערמאָנונגענ אונ פארגלײַכט די „שײנע״ פארגאנגענהײַט מיט דער „ביטערער״ קעגנװארט. אָבער װיפל ער שטרענגט זיכ׳ ניט אָנ, באקומט זיכ פונקט פארקערט װי דאָס, װאָס ער איז אויסנ — ס׳באקומט זיכ אנ אָנקלאָג אָפּ דער פארגאנגענהײַט אונ א ניטגעװאָלטער לויבגעזאנג אפּנ נײַעם לעבנ.

א בײַשפּיל. אינ א באטראכטונג װעגנ זײַנ איצטיקער לאגע שפּײַט אנשל גיפט אונ גאל אָפּ דעם, װאָס ער מוז זיכ אָפּגעבנ מיט טרײפענע כאזײרים. ער דערמאָנט זיכ טרויערמעריש אינ זײַנ אמאָליקער כודאָבע אינעם שטעטל. אונ דאָ גיט מארקיש א בילדל פונ אנשלס שטעטלדיקער פארגאנגענהײַט. ס׳הײבט זיכ אָנ מיט א ליריש-אידילישער שילדערונג, װי אנשל זיצט געמיטלעכ שאבעס פארטאָגס אפּנ פּידאשעק פונ זײַנ הויז, געניסט די פרימאָרגנדיקע שטילקײַט אונ נימ װײַט פונ אימ שטײט אונ מאלעגײרעט די ראסיקע קאָשערע קו.

א זומערדיקער שאבעס-אינדערפרי.
די לופט איז װי אנ אויג אנ אויסגעװאשנס.
די גאס איז שטיל אונ שמעקט מיט רעגנ פונ באנאכט.
אונ אנשל זיצט בא זיכ אפּנ פּידאשעק
אינ הויזנ גרעט אונ טראכט:

ס׳זאָל שטענדיק װעלנ זײַנ אזוי-אָ שאבעס אינדערפרי,
די שטאָט זאָל אזוי שלאָפנ װעלנ שטענדיק,
איז װאָלט א ייד נאָכ יאקאָס װי-ניט-װי
געקאָנט האנאָע האָבנ פונ דער װעלט דאָ...

די ערשטע פיר שורעס זײַנעִנ אידיליש-ליריש, זײ אנטהאלטנ אזא זויבער בילד װי „די לופט איז װי אנ אויג אנ אויסגעװאשנס״. אָבער באלד דערנאָכ קומט אלס קעגנזאצ צומ נאטור-בילד — דאָס, װאָס אנשל טראכט אינ דער דאָזיקער סוױװע. באלד דערנאָכ װערט די גאנצע אידילישע אטמאָספער צעשטערט דורכ דער שילדערונג פונעמ אופװאכנדיקנ שטעטל. די שילדערונג לײקנט אָפּ אונ מאכט צוניש די פריערדיקע אידילישקײַט.

נאָר יידנ האָבנ אופגעכאפּט זיכ פריִער נאָכ — פאר אימ,
מע טמארקעט שוינ די נעז פונ שטוב צו שטוב,
פונ גאס צו גאס,
עס הערט זיכ שוינ א הוסטנדיקער טופּ,
ארויס מ׳איז פונ די אלקערס, פונ דער שטיקנדיקער װארעמ,
מע װײסט נאָכ ניט אָפּ װעמענ זײַנ אינ קאס,
פונ אלע זײַטנ שטאָט גײט אופ א האָנענקרײ אזא,
װי אָנגעזאָגט זײ װאָלטנ .דאָ א פּטורע אָפּ אנ אומגליק.

אונ איצט קערט זיכ אָפּ א װײַלע די שילדערונג אומ צו דער לירישער אידיליק.

דער הימל איז נאָכ טונקל-גרוי.
א שטערנדל נאָכ צאנקט,

און כמאַרעס װײַסן נאָך ניט װוּ צו אומגײן,
און אַנשלען לעם פּידאַשעק רינגלט דאָרט אַרום אַ כאָפּטע הענער...

דער אימפּעט, מיט װעלכן די אױפּעס גיבן זיך אַ לאָז אױף זײער באַלעבאָס — אין טאָך אַן אידיליש־רירנדיק בילד — צערײַסט דאַפּקע אַנשלען.

און אַז סע גיט זיך נאָך לעם אים אַ צי די קאַץ
מיט אַזאַ פּײַן פֿרימאָרגעדיקן געניץ — אין דער הייך,
דערלאַנגט ער איר פֿון גאַנצן האַרץ און קװיטש
מיט ע גבױגן בײניקן אין בױך
אַזאַ מין פֿינקלענדיקן קנאַט דאָרט,
און גיט אַ פֿילדער אױף דער גאַנצער שטאָט מיט קאַס:
— אַקאַטאַ!
און אין דער צװײטער זײַט גיט ער אַ בײזן שפּײַ אױס,
װײַל פֿײַנט האָט אַנשל קעץ און אַלע איבעריקע כײעס.

די ברוטאַלישקײַט, מיט װעלכער אַנשל טרײַבט אַװעק פֿון זיך די קאַץ, מאַכט ענדגילטיק קלאָר דעם זין פֿון אַנשלס לירישער קװיקעניש מיט דעם פֿרימאָרגעדיקן פּײזאַזש. איצט קאָן שױן דער דיכטער פֿאַרענדיקן דאָס בילד מיט רײנער אידיליק.

נאָר — אַלץ באַרויִקט, װי געװען איז.
די בעהײמע שטײט לעבן אים און שמעקט.
זי גיט אַ מרוק
און ער אַ געניץ.
זי גיט אַ פּאָכע מיטן עק,
די באָרד אַ דרײ — גיט ער דאָרט.
עס עפֿענען זיך ערגעץ טירן, סקריפּענדיק און קרעכצנדיק,
ס׳גיט אַ סאָראָקע פֿאָכעדיק אַ דרײ זיך
בײַ דער װאַנט.

און אַז סע שטעלט אַ כאַזער זיך פֿון ערגעץ מיט אַ צעװיש,
גיט אַנשל זיך אַ שטילן בײזער:
— יונגערמאַן,
ניע רוש! (זז. 31—33)

אַן אַנדער בײַשפּיל. ס׳איז האַרבסט אינעם קאָלװירט. אױף דער דאָזיקער טעמע גיט מאַרקיש אַ לירישע פּרעלודיע: „דער דרויסן שמעקט מיט זיסן װעלק“ אאַװ. די קאָלװירטניקעס זאַמלען אײַן אַ רײַכע גערעטעניש: טװוע, גרינצײַג, אױבסטן. אַנשל אָבער קאָן זיך דאָ בײַ דעם אָנבליק ניט פֿרײען, ער שטײט פֿרעמד און פֿאַרביסן. װײַל ער זיך טרײסטן מיט זײַן פֿאַרגאַנגענהײַט, ער װיל גײן „צו אַ זיסן פּרײַטיק, װי צו זיך אַהײם“... ער דערמאָנט זיך אין זײַנע אַמאָליקע קרעמערשע פֿרײדן: „איז װוּ זשע זײַנען זײ די פֿעטע זונטיקס?“ װען „טאַפּן פֿלעג ער אין אַ גליקלעכן יאַריד דעם אָנגעשמעלצטן טײַסטער...“ ער פֿאַרטיפֿט זיך אין זיכרױנעס װעגן זײַן קלײט, מיט װיפֿל קװיקעניש און ליבע ער האָט זיך דאָרט געפּאָרעט. אַזױ װי באַלזאַקס גאָבסעק האָט זיך געקװיקט מיט די בריליאַנטן, װאָס מע האָט בײַ אים אײַנגעלײגט אַלס מאַשקן, אַזױ האָט זיך אַנשל געצאַצקעט מיט

די סכוירעס אינ זײַנ אײַזנ-קראָם, מיט די „פּליטעס אָפּגעבערענטע, אויוועלעכ אונ טשאַוונ, אונ קליאַמקעס מעשענע פונ אַלטע טויערס אונ שלײַפשטיינער צעבראָ-כענע אונ מעסערס קאָלערלײַ". דערנאָכ קומט א ברייט זשאַנער-בילד: ווי אַנשל שטעלט אויס אונ שטעלט איבער די זאכנ אינ קראָם אונ ווי ער הענגט ארויס א שילד אַפּ דער טיר „פונ שיינקײַט וועגנ — גלאַנצ", כאָטש קיינער וועט עס אינ דער שטאָט ניט קויפנ. אינ טייקעפּ קערט זיכ די שילדערונג צו אַנשלס גופע: „איז אַנשל אַליינ געשטאַנענ ווי א קוינע, דעם בײַוּנ בליק אינ שטײַנ-דראָטענעמ פאַרהאַקט — אונ עפּעס דאָרט געטראַכט אונ ניט גערעדט צו קיינעם, אונ א צופרידענער — צו זיכ — א זאָג געגעבנ: טאַק!" דערמיט ווערט מיטאַמאָל גרעל אונ שאַרפ באַלויכטנ דער מעהוס פונ דער דאָזיקער געמיטלעכער „פלאַמאַנ-דישער" אַטמאָספער. פונ די „גליקלעכע" זיכ-וינעס פאַלט אַנשל אַראָפּ צו דער קעגנוואַרט אינ דער קאָלווירטישער סוויווע. די פרייער אונ האַרבסט-שעפּצ אינעם קאָלווירט יאָגנ אַפּ אים אָנ א שווערע מעלאַנכאָליע. צווישנ די קאָלווירטניקעס זײַנענ אויכ פאַראַנ אַמאָליקע באַלעגאָלעס — דערמאָנט זיכ אַנשל, אז דאָס זײַנענ דאָכ „זײַנע גוייִמ", וואָס פלעגנ פירנ זײַנ זאַליאַז אַפּ יאַרידימ. אונ: „— ס'גיט דאָס בלוט אינ אימ א בראָיע אונ זאָגנ זאָגט ער שטיל צו זיכ אַליינ נאָר אײַנגעבויגנ: — וואָלט דער בלינדער וויינענ, ווענ זעענ זאָל ער אַפּ זײַנע אויגנ!.." (ציטירט לויטנ וואַריאַנט אינ אַלמאַנאַכ „סאָוועטיש" 1, ז. 17—18). אזוי גייט דאָ אַריבער די „פלאַמאַנדישקײַט" אינ זעלבסטאַנטבלויזונג.

א שטאַרקער אײַנדרוק ווערט דערגרייכט דורכ דעמ דאָזיקנ איבערפלעכט פונ ליריק אונ סאַטירע. די לירישקײַט שטרײַכט אונטער, הייבט באַזונדערס שאַרפ ארויס דעמ סאַטירישנ מיינ, — ווערט זי פאַרוואַנדלט אינ א באַשטאַנדטייל פונ דער סאַטירע. דאָס אייגנע אויכ די זשאַנרישקײַט. באַזונדערס ווײַזט זיכ דאָס אינ די שטאַרקע קאַפּיטלענ וועגנ אַנשלס אַמאָליקנ „פרײַטיק" אונ „שאַבעס", ווו אַנשלס פיליסטעריש פרעס-אָרגיעס, געהייליקטע פונ קאָלערלײַ „טיפּערע" מיסטישע באַטײַטנ, באַשײַנטע מיט דער טראַדיציאָנעלער „נאַציאָנאַלער" מישפּאָכע-אינטימקײַט, ווערט געמאָלט מיט רובענסישע פאַרבנ אינ מיט רובענסישער ברייטקײַט. אָבער: די געהויבענע פײַערלעכע טענער ווערנ אָנ אנ איבערגאַנג, אונ פאָרט גאַנצ נאַטירלעכ איבערגעבראָכנ דורכ בײַוּנ אויפגעבראַכטנ שפּאָט, די פײַקלענדיקע פּאַבנ-רײַכע שילדערונג — דורכ לײַדנשאַפטלעכער פאָלעמישער רעטאָריק (אינעמ בעסטנ איידלסטנ זינענ). מיט שפּרודלענדיקנ גײַסטרײַכנ שאַרפזינ ווערט דאָס גאַנצע אַלט-באַרימטע פּאַטריאַרכאַלישע בילד וועגנ דעמ באַלעבעסלס הייליקנ שאַבעס, ווענ דער קרעמער אַנטפּלעקט זיכ קלומערשט אלס א פּרינצ — צעוואַלגערט, די „הייליקע פונקענ" פאַרוואַנדלענ זיכ אינ אש, די מיסטיש-הייליקע מאָלצײַטנ באַווײַזנ זיכ אלס א וואַקכאַנאַליע פונ טוכלער פיליסטערישקײַט, דער אייראַלער מיסטישער פּרינצ — אלס א טעמפּ-באַגרענעצט נישטיק באַלעבעסל אונ ברוטאַלער הויז-טיראַנ, אונ דער גאַנצער הייליקער אָנשטעל — אלס א פּוסטע בוטאַפאָריע, וואָס דאַרפ באַשײַנענ די נישטיקײַט פונ דער קרעמערשער עקזיסטענצ.

5

אינ זײַנ ביז איצטיקנ שאפנ האָט מארקיש ווייניק אכט געלייגט אפ א שטרענג אונ לאָגיש אויסגעבויטנ סוזשעט. דאָס געהער צו די שוואכע זײַטנ פונ זײַנ טאלאנט. אינ דער פּאָעמע „דעמ באלעגופס טויט" איז פאראנ א דײַטלעכע סוזשעטישע איינהײַטלעכקײַט. מע קאָנ אָבער ניט זאָגנ, אז מיר האָבנ דאָ א פעסט אנטוויקלטנ סוזשעט. א פּראָוויסוועצונג פאר סוזשעטישנ פּאבוליארישנ אופבוי איז האנדלונג, וואָס וואקסט אָן אינ די פארשיידענע עפּיזאָדנ. אינ אייגנטלעכער האנדלונג איז אָבער די פּאָעמע ניט רײַכ. זי איז געבויט אפ שילדערונג אונ רייד. אויב מע זאָל שטרענג באטראכטנ איז דאָ אינ דער פּאָעמע בא דער גאנצער סוזשעטישער איינהײַטלעכקײַט קיינ אָרגאנישער סוזשעט ניטאָ, נאָר דעריקער אופגעשנירלטע אונ צונויפגעקייטלטע מאָטיוונ. א טייל פונ זיי, אונ באזונדערס די קאפּיטלענ פונ מיטלסטנ מאסיוו, קאָנ מענ אָנ גרויסע אָנשטרענגונגענ איבערשטעלנ אינ אנ אנדערנ סיידער. ס'איז דאָ פאראנ א ווײַט גרעסערער סוזשעטישער צוזאמענהאנג איידער ווי אינ „ברידער", איז דאָ אָבער נאָכ ניטאָ קיינ דורכויסיקער צוזאמענהאנג, קיינ פּאבוליארישע פארבינדונג צווישנ די טיילנ. די עפּיזאָדנ אנטוויקלענ זיכ ניט איינער פונ אנדערנ, זיי זײַנענ ניט אזעלכע צווישנ־גלידער, וואָס פירנ בעהאדראָגעדיק צו דער ענדלייזונג.

ס'ווערט דאָ ביז גאָר דײַטלעכ באוויזנ א כאראקטער, אָבער פונ אָנהייב אָנ אלס א סאכאקל, ניט אינ בעהאדראָגעדיקער צעוויקלונג. די איינצלנע סוזשעטישע סיטואציעס, אינ וועלכע דער כאראקטער באווײַזט זיכ, אינ וועלכע ס'דארפ זיכ קאָנצענטרירנ „דער קאָנפליקט", זײַנענ ניט גענוג רײַכ אויסגעשטאט מיט געשעענישנ אונ ניט גענוג צוזאמענהענגענדיק. דעריבער זײַנענ די פריערגייענדיקע טיילנ ניט קיינ אומבאדינגטע פּאבוליארישע צוגרייטונג צומ געגעבענעמ סאָפ, צו דער „לייזונג" פונעמ סוזשעט. די „לייזונג" גופא איז ניט קיינ אומבאדינגטע, דעריבער פארמאָגט זי באשטימטע שפּורנ פונ ווילקירלעכקײַט. מארקיש זעט דײַטלעכער די (סטאטישע) בילדער, ווי די געשעענישנ, דײַטלעכער דאָס אויסזענ, ווי די האנדלונג, דה. אינ טאָג: דײַטלעכער די צושטאנדנ, ווי די צוזאמענהאנגענ. פונדאנענ נעמט זיכ, וואָס מיר פילנ א לעצט רעשטל אומווירקלעכקײַט אינ דער פּאָעמע, כאָטש זי איז אינ אלגעמיינ טיפ רעאליסטיש. שטאמענ שטאמט דאָס אויכ דערפונ, וואָס מארקיש האָט ניט אינ אזא מאָס ארײַנגעדרונגענ אינ דער ווירקלעכקײַט פונעמ געשילדערטנ נײַעמ לעבנ, ווי ס'איז נייטיק געווענ פאר אזא וויכטיקער טעמע אונ פאר זײַנ טאלאנט. האָט זיכ דעריבער אויכ די ענד־לייזונג באקומענ ניט גענוג רעאליסטיש, ניט גענוג נויטווענדיק, ניט אזוי איבערצײַגנדיק, ווי אלעס איבעריקע.

דאָס, וואָס ס'איז ניטאָ קיינ אָנוווקס דורכ אקציע אונ אנטוויקלונג, איז ניט שײַעכ צו ריידנ וועגנ קאָמפּאָזיציע אינ אייגנטלעכנ זינענ. די פארבינדונג צווישנ די טיילנ איז אינ אזעלכע פאלנ מער אנ אידייישע איידער קאָנקרעטע, פּאבוליארישע. אזא ווערק איז שטרענג גענומענ ניט קאָמפּאָנירט, נאָר אראנזשירט פונ איינצלנע אָפּט זעלבשטענדיקע טיילנ. ווענ מארקיש וואָלט די אינזל־געשטאלט

פארטראכט אונ געוויזנ אינ א מער דײַטלעכנ, קאָנקרעט פארבונדענעמ צוזאמענהאנג מיט דער סוויווע אינעמ קאָלווירט, וואָלט ער געמוזט אנטוויקלענ א האנדלונג-רײַכערנ סוזשעט אונ א מער בעהאדראָגעדיקנ אָנוווקס פונ געשעענישנ אונ כאראקטערנ. אזוי אָבער ווי ס'איז, זײַנענ אינ דער פּאָעמע אלס גאנצעס, אלס סומע, בא דער גאנצער פלאסטישקײַט פונ דער אנשל־געשטאלט, בא דער טיפער רעאליסטישקײַט פונ אזעלכע עמעסדיק מײַסטערישע קאפיטלענ, ווי דאָס פערטע, דאָס עלפטע ביז צווײ-אונ-צוואנציקסטע אא. געבליבנ לעצטע רעשטלעכ פונ נעפל, עפּעס א לעצטע מעכיצע — ווי דינ זי זאָל ניט זײַנ — צווישנ דער שילדערונג אונ דער ווירקלעכקײַט. דײַטלעכ קומט דאָס צומ באוווסטזײַנ אינ יענע ערטער, ווו מארקיש וויל כומאריש סקיצירנ די נײַע פּאָזיטיווע געשעענישנ אינעמ סאָציאליסטישנ דאָרפ. אינ קאפיטל אכט, לעמאָשל („פאר וועמענ — קלאָר, פאר וועמענ — ניט פארשטאנדיק", זז. 79—81), דערציילט מארקיש וועגנ דער בויונג פונ א קאָלווירט-געבײַ אינ א לירישראפּסאָדישנ אויפנ; — אינעמ דערציילערישנ קאָנטעקסט באקומט זיכ עס אָבער ניט קאָנקרעט אונ אפילע א ביסל רעטאָריש.

די סוזשעטלאָזיקײַט אונ אײנפיגוריקײַט האָבנ מארקישנ געצוווּנגענ צו געבנ אנ ענד־לײזונג, א סאָפ, וואָס איז ניט אזוי רײַכ אָנגעפילט מיט אינהאלט ווי די בעסטע טיילנ פונ דער פּאָעמע. ס'בלײַבט פּראָבלעמאטיש, צי איז געווענ אומבאדינגט נײטיק פארענדיקנ די פּאָעמע מיט אנשלס פיזישנ טויט. טויט אלס סאָפ איז דאָ א סימבאָלישע פארענדיקונג. דעריקער אָבער: קאָנקרעטע פאבולע וועגנ אנשלס טויט איז ניט גענוג טראָגפײיק פאר דער שווערער אָנגעלאָדענער סאטירישער פּאטעטיק פונ די סאָפ-קאפּיטלענ.

אונ ווײַל די לײזונג איז ניט אומבאדינגט אָרגאניש, איז דעריבער פארשטענדלעכ, אז וויפל מארקיש האָט זיכ ניט באמיט אויסצומאָלנ דעמ סאָפ גלויבנהאפטיק אונ איבערצײַגנדיק, וויפל ס'איז אימ ניט קימאט אָט אָט געראָטנ איבערצײַגנ דעמ לייענער — אונ ער האָט דאָ אינ דעמ פראט געוויזנ אָנ א שיר קינסטלערישע ענערגיע — רײַסנ זיכ דאָ, אינ דער שילדערונג פונעמ סאָפ אונ זײַנע אומשטענדנ, פּאָרט דורכ שרעקענישנ פונ יענעמ מינ, וואָס שרעקנ ניט, אָדער בלויז נאָר אפ א רעגע. באזונדערס דײַטלעכ ווערט דאָס אינ די ערטער, ווו אנשל „קעמפט" אונ רעכנט זיכ ביאליקש-נעוויִיש אָפּ מיט גאָט אונ „דעמאסקירט" אזויארום פאר זיכ אליינ גאָטס גערעכטיקײַט, ניט אָבער זיכ אליינ פאר זיכ אינ די אויגנ. מארקיש האָט מיט דעמ סאָפ ניט דערגרייכט דאָס, וואָס ער איז אויסנ געווענ. קיינ וועזנטלעכ נײַע שטריכנ אינ אנשלס כאראקטער ברענגט דער סאָפ (די געשעעניש מיטנ פעסט-קראנקנ פערד) ניט. ער איז דעריקער אנ עפעקטפולע פארענדיקונג. די ענדגילטיקע לייזונג האָט געדארפט פארמאָגנ א רײַכערע פאבוליאריש-סוזשעטישע מאָטיווירונג. נאָר דעמלט וואָלט זי אנטשפּראָכנ צו דעמ גאָר הויכנ ניוואָ פונ דער גאנצער פּאָעמע.

אינ גאנצע צוויי הויכ־דראמאטישע קאפיטלענ ווערט דערציילט, ווי אנשל שנײַדט אָפּ דעמ וויידל פונ א פעסט-קראנקנ פערד, שטעקט זיכ אָנ אונ שטארבט. דאָס געשעעניש איז פאר זיכ אויסנאמסמעסיק גענוג. ווענ מארקיש וואָלט

דערצײלט דעם דאָזיקן סאָפּ אין אײַנגעהאַלטענע ניט־דראַמאַטישע טענער, קורץ און זאַכלעך. וואָלט נאָר דײַטלעכער געוואָרן, אַז אַזאַ סוּשעסטישע לײזונג איז ווײַט ניט קיין באַפרידיקנדיקע פאַר דער פּראָבלעם, וואָס ווערט אין דער פּאָעמע געשטעלט, פאַרן היכן גראַד פון פאַרבילדלעכונג, וואָס ווערט דערגרייכט דורך דער אַנשל־געשטאַלט. ס׳וואָלטן דאַן אין אַזאַ סאָפּ דײַטלעכער געוואָרן די עלע־מענטן פון צופעליקײַט. דאָס זײַנען די סיבעס, פאַרוואָס מאַרקיש האָט געמוזט אַרויסהייבן די סאָפּ־געשעעניש פון דער שטייגערישער אַטמאָספער, קעדיי זי דורך דראַמאַטישקײַט און פּאַטעטיק אַרופשרויפן ביז צו אַ סימבאָל. צי קאָנען אָבער רעפלעקסיעס, וואָס באַלייטן דאָס אָפּשנײַדן אַ ווײדל, זײַן די גרונטלאַגע פאַר פּאַטעטישע איבערלעבונגען און פאַר דראַמאַטישער רעטאָריק? מאַרקיש האָט דאָ אַרויסגעבראַכט עפּעס סימבאָלישעס, ערטערווײַז פּאַקט ער און רײַסט מיט זיך מיט דעם לײענער, אָבער די ווירקונג, ריכטיקער דער עפעקט פונעם סאָפּ איז ניט קיין בלײַבנדיק טיפער, ווײַל די לײזונג איז ניט אַזוי עכט און טיף ווי די איבעריקע הויפּט־בילדער פון דער פּאָעמע. אינעם סאָף איז פאַראַן מער „אײַנ־פאַל״ איידער פאַנטאַזיע.

באַוווּסטזיניק צי ניט האָט דער דיכטער געמוזט פילן, אַז אַזאַ ענד־לײזונג אַנט־שפּרעכט ניט צו דער רעאַליסטישער און קינסטלערישער הייך פון דער פּאָעמע. האָט ער זיך באַמיט צוצוגעבן די דאָזיקע לעצטע צוויי קאַפּיטלען וואָג און אָנגעלאָדנקײַט דורך מער אויסערלעכע מיטלען, צו קאָמפּענסירן דעם אינווייניקסטן מאַנגל דורך גרעלע נאַטוראַליסטישע בילדער און אַזויאַרום „מיט געוואַלט״ צו צווינגען און צו איבערצײַגן. אין מאָמענט פון פאַרלעגנהײַט פּרוּווט מאַרקיש אַמאָל „אָנצוגרײַפן״ דעם לײענער מיט קאַוואַליעריסטישע אַטאַקעס. עפּעס באַשטימטע עמעסן זײַנען אויך אין די דאָ־זיקע צוויי קאַפּיטלען פאַראַן, געוויס, אָבער עמעסן ניט מער פון אַזאַ פאַראַלגע־מײנערונג־קויעך, ווי אין די קערן־טײלן פונעם ווערק. ס׳קלינגט דאָ שוין מער מיט פּאַראַבעל (מאָשל), איידער ווי מיט דעם האַרבן עכטן רײעך פון ווירק־לעכקײַט.

ס׳איז דעריבער אויך ניט קיין כידעש, וואָס דער דערצייל־נוסעך פון די צוויי קאַפּיטלען האָט זיך באַקומען צעצויגן, ווייניקער קאָנצענטרירט, מיט אַ טאָך מער וואַריִרנדיקע איבערכאַזערונגען, איידער ווי אין די אַנדערע טײלן פונעם ווערק, די בילדער — נאַטוראַליסטיש־גרעלער. באַזונדערס אין דער אויספירלעכער אויסמאָ־לונג פונעם קראַנקן פערד, פון זײַן טויט, פון דער נעווײלעס אויסזען. אַנשלאָס בײַשעק אָפּצושנײַדן דעם ווײדל פונעם פערד באַקומט מעשונעדיק־קרענקלעכע פער־ווערזע שטריכן. צו וואָס האָט דער דיכטער געדאַרפט אַזוי אויספירלעך (ז. 218), אַזוי גראָב־נאַטוראַליסטיש אויסמאָלן דעם צעפּאַלונג־פּראָצעס פונעם קראַנקן פערד? צו וועלכן אינהאַלטלעכן אָדער סוּשעסטישן צוועק? מאַרקיש איז אַ גרויסער טאַלאַנט, טאָר מען אים אין קיין שום פּראַט ניט פאַרשווײַגן דעם עמעס: אַזעלכע ערטער גרענעצן מיט געשמאַקלאָזיקײַט.

גראָד אין די דאָזיקע צוויי קאַפּיטלען זײַנען פאַראַן באַזונדערס פיל ניט־גע־ראָטענע דעטאַלישע בילדער, היפּערבאָלישע פאַרגלײַכענישן און אויך ניט־פּאַסיקע „ליטעראַרישע״ רעמיניסצענצן און ציטאַטעס, וואָס געוויינלעך אַנטבלויזן זיי אין

אַנשלס מויל אַזוי געראָטן דעם מעהוס פון זײַן „גײַסטיקײַט". אַז אַנשל וויל זײַן לאַגע אַלס קאָניוכ איראָניש, אָבער צוגלײַך אויך ערנסט און זיך פאַר א טרייסט, אַרויסהייבן אין א הויכער גײַסטיקער ספערע, שטעלט ער זיך אין אַנאַלאָגיע צום ביבלישן מוישע און ציטירט דערבײַ: „ומשה היה רועה צאן". דאָס האָט דער דיכטער זייער געראָטן געלאָזט ציטירן אַנשלען: די אַבסורדישקײַט און לעכערלעכקײַט שפּאַרט דאָ פון זיך אַליין אַרויס. אָבער ווען אַנשל פירט אַרויס פונעם דאָרף (אינעם פאַרלעצטן קאַפּיטל) דאָס פעסט־קראַנקע פערד, שמועסט זיך מיט אים דורך (דאָס פעסט-קראַנקע פערד איז דאָך א מין סימבאָלישע אַנאַלאָגיע צו אַנשלען גופא) און טרייסט עס און זיך אַפּ אַזאַ מין אויפן:

אַזוי געפירט האָט דאָך אַמאָל אַווראָם
זײַן זון, זײַן יִצחקעלע, צו דער אַקײדע. (ז. 210)

קלינגט דאָס גוזמעדיק און ניט עכט.

פרײַנט ווערטלען זיך אַמאָל וועגן מאַרקישן: אַז מאַרקיש שילדערט ווי יידן עסן ציבעלעס, אָדער הערינג, ווי אוקראַינער עסן קאַוועמעס טוט ער דאָס מיט אַזעלכע איבערגעטריבענע פאַרבן, בילדער און טענער, פאַרכלייניעט זיך אין אַזאַ ווילדן עקסטאַז, אַז סע באַקומט זיך ניט א ציבעלעס־מאָלצײַט, נאָר — א האָמערישע שלאַכט. דאָס איז בײַז און שאַרף געזאָגט, אָבער ניט אָן א קערנדל עמעס.

די נייגונג צו היפּערבאָלישקײַט איז אַמאָל געווען איינע פון די הויפּט־געפאַרן פאַר מאַרקישעס טאַלאַנט. אומבאַרעכטיקט היפּערבאָליזירן הייסט זיך „ניט־צערעמאָניען" מיט דער ווירקלעכקײַט. הייסט זיך באַציִען צו איר ווילדיונגעריש. די ווילדע היפּערבאָליק האָט אַמאָל איינעם א באַשטימטן טייל פון מאַרקישעס שאַפן — באַזונדערס אין די יאָרן 1920—1926 — געמאַכט אופגעבלאָזן און שוימיק. דאָ אין דער נאָמעע זײַנע פאַראַן בלויז שפּורן פון זײַן אַמאָליקער היפּערבאָליק, צום טייל, האָבן זיי, פאַרוואַנדלטע אין סאַטירע (אַמאָל איז זי געווען ערנסט געמיינט), באַקומען א מער פּאַסיקע און באַרעכטיקטע „פונקציע". דער דערעכערעץ פאַר זײַן טאַלאַנט פאָדערט אָבער ניט צו פאַרשווײַגן, אַז אויך דאָ איז דער דאָזיקער פעלער ניט ענדגילטיק אויסגעוואָרצלט.

ניט איין מאָל פאַרלירט מאַרקיש אויך דאָ די ריכטיקע מאָס, באַזונדערס בײַ פאַרגלײַכענישן און מעטאַפערן. אָפּגערעדט דערפון, אַז מאַרקיש מיסברויכט ביכלאַל מיט די דאָזיקע מיטלען (כאָטש טאַקע אומפאַרגלײַכלעך ווייניקער ווי אַמאָל), פאַרגאַלאָפּירט ער זיך דאָ אָפט ביז צו ווילדער גוזמע, אומאָנשווילעכקײַט — און אַמאָל נאָך ווײַטער.

און ט'האָט א שטאָט א גאַנצע זיך פאַרהערט,
אַז ווער ס'וועט מער לעקאָווער שאַבעס
אַרײַנפּרעסן געקוועטשטן באָב,

געהאקטנ לעבער אונ פּעטשא,
אונ ווער ס׳וועט מער זיכ אָנטרעלבענ מיט טשאָלנט שאבעסקאָווע,
אונ ווער ס׳וועט שטארקער זיכ די נאָז מיט כריינ פארקאָוועג,
אונ ווען מעס גרעפּצ עס וועט דערלאנגענ
ביז צום קיסקאָוועד! (ז. 141)

א האָמערישע שלאכט!
אונ דאפקע אינ איינעמ פונ די עמעסדיק מײַסטערישע קאפּיטלענ.
אינ אנשלס שטעטל, אינ זײַנ סוויווע, ליגנ אומעטום אפ דער ערד אלטע צעבראָכענע פּאָדקעוועס פונ זײַנ אמאָליקער קראָמ. רופט ער — אנשל — דאָס אָנ זײַנ „קיוועו-אָוועס!" אנ עפּעקט אפ א רעגע. סע בלײַבט אָבער אנ אומוואר-שײַנלעכע גוזמע. אונ ס׳גייט נאָכ ווײַטער. די דאָזיקע פּאָדקעוועס זײַנענ ניט מער אונ ניט ווייניקער ווי אנשלס „זשאווערדיקע זערע" (ז. 122). דאָס איז שוינ גאָר אנ אומגעלומפּערטע היפּערבאָל.
מארקיש לאָזט זיכ דאָ נאָכשלעפּנ נאָכ פּרוכטלאָזע אסאָציִאציעס. די פארלאָזענע אײַזנ-קראָמ אנשלס ווערט פארגליכנ מיט אנ אײַזערנער אלמאָנע. איז דאָס א סאָפּעקדיק בילד. סע גייט אָבער ווײַטער:

זי מאָרדעוועט מיט העגנענדיקע שלעסער, ווי מיט בּרוסטנ,
אונ שלאָגט איבערנ קאָפּ דאָרטנ אלייג זיכ מיט דער לאָד. (ז. 10)

דאָס איז עפּשער עפעקטפול, די אָנשוילעכקײַט איז אָבער בלויז אנ אויסער-לעכע. דער פארגלײַכ איז איבערגעטריבנ אונ דעריקער צוועקלאָז. דער דיכטער נעמט דאָ אלס אויסגאנג-פּונקט ניט דיווירקלעכקײַט, ער „רעאליזירט" בלויז די אורשפּרינגלעכע מעטאפער אונ אנטוויקלט זי אָנ שום בארעכטיקונג. אזא פאר-גלײַכ ווי:
עס גייט אפ אימ אנ אינדיק, ווי א פאראָוואָז. (ז. 31).

ברענגט ארײַנ עלעמענטנ פונ וואָלוולקײַט אינ א פּראכטפול בילד.
וואָס שטארקער אונ טרעפלעכער ס׳איז דאָס קאפּיטל, אינ וועלכנ ס׳געפי-נענ זיכ אזעלכע פארגלײַכענישנ אונ טראָפּנ — אלצ שטארקער ווערט בוילעט זייער אומגעראָטנקײַט, אלצ מער טיילנ זיי זיכ אויס פונעמ אלגעמיינעמ ניוואָ. אמאָל איז פּאָשעט שווער צו פארשטיינ, וויאזוי האָט דאָס דער דיכטער געקאָנט דורכלאָזנ אזעלכע ניט-געראָטענע דעטאלנ. די היפּערבאָלישע מאניר האָט מארקישנ אינ דער צײַט, ווענ ער איז געווענ צו איר איבערגעגעבנ, ניט געבראכט קיינ סאכ גוטס, איצט אָבער ברענגט זי שטערנדיקע פלעקנ אינ זײַנ מײַסטערישע צע-בליטנ שאפנ. מארקיש מוז נאָכ שטרענגער צײַלנ, וועגנ אונ מעסנ יעדעס וואָרט אונ אויסוואָרצלענ פונ זײַנ שפּרודלענדיקער שעפע אלצ, אומבאדינגט אונ אָנ דאכמאָנעס אלצ, וואָס דערגרייכט ניט די מאָס פונ עמעסדיקער דיכטערישער פּינקטלעכקײַט, אלצ, וואָס אנטשפּרעכט ניט צום עמעסדיק קינסטלערישנ טאקט.
די אופגאבנ, וואָס ער שטעלט זיכ, אונ די מעגלעכקײַטנ, וואָס ער פארמאָגט אפ זיי צו פארווירקלעכנ — פאָדערנ דאָס פונ אימ.

6

מארקיש ווײַזט אינ דער פּאָעמע א סאכ געפיל פאר רעאליטעט — ער האָט אָבער ניט אויסגעוואָרצלט פונ דער פּאָעמע אלע רעשטנ פונ קאפריזער אײַנזײַטיקײַט, פונ צעבלאָזענער היפּערבאָל אונ פונ געדריידלטער אָרנאמענטיק. דער שטאָפ איז אָרגאניזירט, אונ פּאָרט איז דער אויפבוי ערטערווײַז געברעקלט דורכ דער איבערוואָג פונ עפּיזאָדישקײַט, ריכטיקער פונ נאָוועליסטישקײַט אינ דער סוזשעטישער סטרוקטור. אזעלכע קאפּיטלענ ווי 7, 19, 20 אונ ענלעכע זײַנענ יעדעס פאר זיכ אינטערעסאנט. זיי זײַנענ אָבער יעדעס פאר זיכ אנ אָפּגעשלאָסענע זעלבשטענדיקע נאָוועלע, אינעמ סוזשעט „ארײַנגעשטעלט", אָבער פאבוליאריש מיט אימ ניט פארבונדנ. זיי זײַנענ ניט קיינ „עפּיזאָדנ" אונ „סיטואציעס" אינעמ אייגנטלעכנ זינענ, אלס טיילנ פונ אנ איינהײַטלעכער האנדלונג, נאָר זעלבשטענדיקע מאָטיוונ. דער „עפּיזאָד" אונ די „סיטואציע" קאָנענ ניט פארביטנ ווערנ דורכ אנ ארײַנגעשטעלטער נאָוועלע אָדער דורכנ נאָוועליסטישנ אנעקדאָט — ווי מײַכטעריש זיי זאָלנ ניט זײַנ. אויב זיי זײַנענ ניט אָרגאניש צווישנ זיכ פארבונדנ, ברעקלענ זיי די פאבולע אונ דעמ איינהײַטלעכנ סוזשעט.

שטערנדיק ווירקט אויכ ערטערווײַז א באשטימטער מאנגל אינ פעסטער קאָנצענטרירטקײַט. מארקיש איז אינ זײַנ אויסדרוק ניט אומעטומ אלצייטנס שפּאָרעוודיק, ער האָט ליב אָפט צו וואריירנ, איבערצוכאזערנ. ארומ דעמ פונקט, וואָס ער איז אויסנ, קרײַזט ער אָפט אינ קאָנצענטרישע קרײַזנ. פונ דעמ, וואָס סע פאלט אימ אײַנ, קלײַבט מארקיש ניט גענוג שטרענג דאָס סאמע פּאסיקסטע. מארקישנ איז שווער זיכ אָפּצוזאָגנ פונ אנ אײַנפאל, ער מעג זײַנ דער סאמע נעבנזאכלעכסטער. מארקיש דארפ אינ דעמ פראט באווײַזנ מער „ברייטהארציקײַט". ער מוז אײַנעמענ זײַנ שטארקנ יעיצערהאָרע צומ וויציקנ עפעקט.

וועגנ די גרויסע מײַסטערס פונ ליטעראטור פלעגט מענ זאָגנ, אז יעדעס וואָרט זייערס איז ארומגערינגלט מיט א סאכ לופט אונ רוימ, דאָס הייסט, אז זייער וואָרט איז א צענטראלער פונקט, וואָס פארמאָגט אנ „אטמאָספער", ווײַל ס'איז דאָס איינציק נייטיקע, פּאסיקסטע פונ א סאכ אנדערע מעגלעכע ווערטער, אונ שלעפּט מיט זיכ מיט דעמ באטײַט פונ א סאכ אנדערע ניט געזאָגטע ווערטער. מארקיש שטעלט זיי — אמאָל — אלע ארײַנ אָדער א גרויסנ טייל פונ זיי, די ווערטער (אונ בילדער), וואָס קומענ אימ אפנ געדאנק אונ וואָס זײַנענ מעגלעכ אינ א געגעבענעמ פאל.

מארקישעס שפּראכ — איכ האָב דאָ ניט מער די מעגלעכקײַט די דאָזיקע טעמע אויספירלעכ צו באהאנדלענ — איז געשעפּט פונ די פאָלקס־קוואלנ, זי שטראָמט צו אימ פונ די ברייטסטע פאָלקמאסנ. ער איז א גרויסער קענער פונ דער שפּראכ, פונקט ווי פונעמ שטייגער פונ די מאסנ. זײַנ שפּראכ קלינגט אמאָל — ווי ער ברענגט א דיאלאָג פונ שטעטלדיקע יידנ אונ אלטנ שטייגער — שאָלעמ־אלייכעמיש, אינעמסנ איז דאָס אָבער זעלבשטענדיק געשעפּט פונעמ לעבנ, אונ זייער אייגנארטיק באארבעט. סע שפּרודלט אונ שטראָמט פונ אימ א רײַכע שעפע שפּראכ — פונקט אזוי ווי מיט בילד אונ אײַנפאל. ער דארפ ניט לאנג זוכנ

קיינ וואָרט, ס'גיבנ זיכ טייקעפּ אָפּ אימ א שאָט הונדערט. פעלנ פעלט אימ א שטרענג דיסציפּלינירטער אָפּקלייַב. ער ברענגט אָפּט ניט נאָר איבעריקע ווערטער צוליב א נעבנזאַכלעכ בילד, נאָר אפילע איבעריקע בילדער צוליב א וואָרט־אייַנפאַל. אזוי כאַפּט זיכ צומאָל אריינ זאמד אונ פּסוילעס צווישנ זייַנע שפּראַכלעכע גאָלד גליבעס אונ פאַרטונקלענ זייער גלאַנצ.

דאָס פּאָעטישע וואָרט דאַרפ זייַנ א צענטראַלער קנופּ־פּונקט, ווו ס'קומענ זיכ צונויפ די אויסשטראַלונגענ פונ א סאַכ ענלעכע באַטייַטנ. סע טרעפט זיכ אָפּט, אז אָנשטאָט צו צילנ מיטנ וואָרט אָפּ א קאָנצענטרירטנ אויפנ — „שיסט" מאַרקיש געדיכט, א סאַכ מאָל. באַקומט ער טאַקע א סאַכ „טרעפערס", אָבער אויכ א היפּשע צאָל שאָסנ אינ א זייַט, דערנעבנ אָדער גאָר אינגאַנצנ פעלערהאַפטע. דערווייַל איידער מע קוקט זיכ אומ, זאַמלענ זיכ אָנ א סאַכ ווערטער אונ בילדער, אויכ אזעלכע, וואָס כאָטש זיי פירנ אָפּ עפּעס אָנ אויפנ צומ „פינטל", באַקומענ זיי זיכ אָבער פאָרט אויכ אינ א זייַט, אַנטהאַלטנ מער „ערעכדיקס" איידער „טאָכ", מער עמאָציאָנעלע אָפּשאַצערישקייַט איידער פּלאַסטיציטעט.

יעדער אָפּנייג פונ דער קינסטלערישער פּינקטלעכקייַט איז גלייַכצייַטיק אויכ א נייג אינ דער זייַט פונ אבסטראַקציע. יעדעס וואָרט אינעמ קונסטווערק, וואָס פירט ניט פאָרויס — איז ניט נאָר, וואָס סע פאַרשטאַרקט ניט די ווירקונג, נאָר, פאַרקערט, סע מינערט אונ שוואַכט אָפּ די ווירקונג. יעדע „וואָרט־הויצאָע" פאַרנעמט אָרט פונ איר עקזיסטענצ, ווירקט, אויב ניט פּאָזיטיוו — איז נעגאַטיוו. כוש פאַר קאָנצענטרירטער מאָס אינ אלע פּראָטים הייסט געשמאַק. אונ געשמאַק הייסט פאַרשטאַנד פאַר דער אַנטשפּרעכונג פונ דער פאָרמ צומ אינהאַלט. פאַראַנ אייַנצלנע בילדער אונ ווערטער בא מאַרקישנ, וואָס כאָטש ער באַמיט זיכ זיי אראָפּצודריקנ „צו דער ערד", צומ ווירקלעכקייַט־באָדנ — שטרעבנ זיי אונ הייבנ זיכ, ווי לופט־באַלאָנדלעכ, אינ דער „הייכ", צו דער אבסטראַקציע.

דער באָדנ פאַר אזעלכע כעסרוינעס איז געוויינלעכ א ניט פעסט אָרגאַניזירטער אונ פאַרגאַנצטער אויפנ פונ באַנעמענ די ווירקלעכקייַט, רעשטנ פונ אבסטראַקטער באַציִונג צו איר. באַווייַזנ זיכ דאָ טאַקע לעבנ טיפער, עמעסדיקער אונ ריכטיק באַנומענער אָפּשפּיגלונג פונ דער ווירקלעכקייַט — אינ אייַנצלנע פאַלנ — אויכ שפּורנ פונ „דיכטערישע פרייַקייַטנ", וואָס גרענעצנ מיט ווילקירלעכקייַט. אינ וועלכנ זינענ גרענעצנ די דאָזיקע אייַנצלנע „דיכטערישע פרייַקייַטנ" מיט ווילקירלעכקייַט? אינ דעמ זינענ, וואָס דער דיכטער וועט קאָנענ ענטפערנ אָפּ אזעלכע טענעס: — מע קאָנ אויכ אזוי שילדערנ דעמ פאַקט, ס'איז אויכ אזוי עמעס אונ ווירקלעכ. יאָ! אָפּט איז טאַקע אויכ אזוי אָפּ עפּעס אָנ אויפנ עמעס אונ ווירקלעכ, אָבער דער עמעס איז דאָ א קלענער, ניט קייַנ וועזנטלעכער, אונ פונ דער ווירקלעכקייַט איז אינ די דאָזיקע פאַלנ געבראַכט ניט איר טאָכ, נאָר עפּעס נעבנזאַכלעכס.

יעדער עמעסדיק גרויסער סטיל פאַרמאָגט די פעיִקייַט צו פאַרייַנפאַכנ קאָמפּליצירטקייַטנ דורכ א באַשטימטער פאַרקירצונג פונ זייַטיקע מאָמענטנ, מאַכט איבערזיכטלעכ דעמ טאָכ, באַקומט ארויס דאָס אַלגעמיינע — וואָס אַנטהאַלט, מע

טיילע, אויך אַן איבעריקע „הויצאָעס" אָדער נעבנזאַכלעכע פּאַרצווייגונגען. אַן עכטע ליד גיט אָפּ אַ קלאָר איבערזיכטלעכן אויפבוי אַ פּאַרקירצונג פון אַ רייכן ווירקלעכקייט־מאַטעריאַל, אַ שטרענגע און איידעלע סומירונג פון אַ גרופּע געדאַנקען, געפילן און בילדער. אַ פּאָעטיש ווערק לאָזט זיך — ווי באַוווסט — ניט כּלוועריק איבערזעצן אין פּראָזע, ווייל די פּאָעטישע פאָרם איז די מער סינטעטיזירטע, מער פּאַרקירצטע, מער פּאַראַלגעמיינערטע. די איינצלנע באַשטאַנד־טיילן פון דער פּאָעטישער פאָרם: די בילדלעכקייט פונעם וואָרט, זיינע אַסאָציאַציע־מעגלעכקייטן, דער מוזיקאַלישער קלאַנג אאַוו. זיינען מער אָפּהענגיק פון דער קאָנגרויענטקער באַציִונג צווישן איינעם און דעם אַנדערן, איידער ווי אין דער פּראָזע. אין אַן עכטער ליד קאָן מען קיין שום וואָרט, שוין אָפּגערעדט פון שורעס אָדער סטראָפעס — ניט פאַרבייטן מיט קיין אַנדערן, אַפילו ניט מיט אַזאַ סינאָנים, וואָס איז דער סאַמע נאָענטסטער לויטן באַטייט. אַזעלכע ערטער, ווו מע קאָן קיין שום וואָרט ניט פאַרבייטן מיט קיין אַנדערן, זיינען אין מאַרקישעס פּאָעמע פאַראַן זייער אַ סך. אָבער אויך אַנדערע, ווו מע קאָן דאָס יאָ טאָן.

גאָגאָל האָט אַמאָל אַזוי כאַראַקטעריזירט די פאָרם פון פּושקינס דיכטונג: „דאָ איז ניטאָ די קאַסקאַדע פון רעטאָריק, וואָס איז אָנציִענדיק בלויז דורך פּילוואָרטיקייט, די רעטאָריק, וואָס יעדע באַזונדערע פראַזע איז בלויז דערבאַר שטאַרק, ווייל זי פאַרבינדט זיך מיט די אַנדערע און פאַרגלושעט מיטן ליאַרעם פון איר מאַסע, אָבער ווען מע טיילט אָפּ די פּראַזעס פון אַזאַ רעטאָריק יעדע פאַר זיך, ווערן זיי שוואַך און קראַפטלאָז. דאָ (בא פּושקינען — מ. וו.) איז ניטאָ קיין שיינ־ריידנערײַ, דאָ איז לויטער פּאָעזיע; קיין שום אויסוויינעקער גלאַנץ, אַלץ איז פּראָסט, אַלץ איז אָנגעפילט מיט אינעווייניקסטן גלאַנץ, וואָס אַנטפּלעקט זיך ניט פּלוצעם, אַלץ איז לאַקאָניש, און דאָס איז דאָך שטענדיק אַזוי בא פּאָעזיע. ווערטער איז פאַראַן ווייניק, אָבער זיי זיינען אַזוי פּינקטלעך, אַז זיי באַצייכענען אַלץ. אין יעדן וואָרט איז אַ תּהום מיט רוים, יעדעס וואָרט איז אַזוי אומבאַגרענעצט, ווי דער פּאָעט אַליין". דאָס האָט גאָגאָל מיט פּראַכטפולער טרעפלעכקייט פעסטגעשטעלט וועגן די קלענערע דיכטערישע ווערק פּושקינס, סע איז אָבער גילטיק און ריכטיק אויך פאַר יעדער עמעסדיקער דיכטונג ביכלל.

און צום סאָף — עטלעכע ווערטער קעגן לעצטע רעשטן פון איינער אַ שלעכטער טראַדיציע אין דער קריטיק. ביז צוריק מיט עטלעכע יאָר האָבן מיר אין אונדזער ליטעראַרישער קריטיק געהאַט, ווי באַוווסט, אַכוץ די פילע עמעסע אָפּטועס, וואָס האָבן די ליטעראַטור און די ליטעראַטור־קענטעניש געפירט אָפּ פאָרויס, אויך ניט ווייניק שעדלעכע ווילד־געוויקסן, וואָס האָבן פאַרשווערט די קריטישע אָפּשאַצונג און די ריכטיקע אָריענטאַציע. די באַוווסטע „גרופּלערישקייט" האָט בא איינצלנע קריטיקער געשאַפן אַ גענייטקייט דורך פאַרשיידענע ראַפינירטע קונצן אונטערצושטרייכן דאָס ניט־דערזאָגטע און דורך אַנדערע „דיפּלאָמאַטישע" פּאָקוכן אָפּצושוואַכן דעם באַטייט פון דיטלעך פאָרמולירטע האַנאַכעס, וואָס אַזאַ מין קריטיקער אַליין האָט געהאַלטן פאַר נייטיק סיי אָנצושרייבן און סיי גלייכצייטיק

אָפּצושוואכנ. די „גרופּלערישע" קריטיקער האָבנ געשאפנ א גאנצע סיסטעמ פונ שעדלעכע באדינגלעכקײַטנ. אזעלכע פּילזאָגנדיקע פעסטשטעלונגענ ווי, לעמאָשל, „א וויכטיקער ארײַנלאָג אינ אונדזער סאָוועטישער ליטעראטור", א כריידיקע דער־שײַנונג" א״אוו. האָבנ פארלאָרנ זייער באטײַט, זײַנענ געוואָרנ א גאָרנישטזאָגנדי־קער קאָמפּלימענט, ווײַל זיי זײַנענ לײַכטזיניק אָנגעווענדט געוואָרנ אויכ אינ דער כאראקטעריזירונג פונ אזעלכע ביכער, וואָס זײַנענ קיינ שום „ארײַנלאָג" אונ „פרייד" ניט געווענ פאר קיינעמענ, אויכ ניט פארנ קריטיקער, אונ זײַנענ, ניט האָבנדיק קיינ שום באטײַט, טייקעפ פארגעסנ געוואָרנ. אונ פארקערט, האָבנ אָפט ניט־אנטשיידנדיקע קריטישע טײַנעס באקומענ אזא פארניכטנדיקע פאָרמולי־רונג, אז זיי האָבנ אינגאנצנ צעשטערט דעמ גלײַכצײַטיק ארויסגעזאָגטנ לויב, קלוימערשט קעגנ דעמ מיינ כונעמ קריטיקער, אינעמעסנ אנטשפּרעכנדיק צו דער באהאלטענער „גרופּלערישער" קאוואָנע. אזא „גרופּלערישע" קריטיק איז ענלעכער געווענ צו א קונציק צונויפגעשטעלטנ דיפּלאָמאטישנ אקט, איידער ווי צו אנ אָביעקטיווער אָפּשאצונג. דאָס האָט ארויסגערופנ די געווינטקײַט צו לייענענ אינ אזעלכע קריטיקנ ניט פּראָסט אונ מענטשלעכ — דאָס, וואָס סע שטייט אינ זיי געשריבנ, — נאָר אומבאדינגט צווישנ די שורעס. דער לייענער האָט זיכ אויס־געלערנט צו דערקענענ אינ קלוימערשט „אומשולדיקע" ווילגענייגטע נעבנ־בא־מערקונגענ פונ אזא קריטיקער — א גאליק־גיפטיק שטאָכ־וואָרט; אינ אנ איידל פאָרמולירטער טײַנע — א קאָמפּלימענט.

זײַט דעמ באשלוס פונ צק אלקפּ(ב) פונ 23־טנ אפּרעל אינ יאָר 1932 וועגנ די ליטעראַרישע אָרגאניזאציעס זײַנענ די אנטוויקלונג־מעג־לעכקײַטנ פאר אזעלכע ווילד־געוויקסנ אינ דער קריטיק פארשניטנ געוואָרנ. די ווערטער פונ דער קריטיק האָבנ צוריק באקומענ זייער אייגנטלעכנ זינ אונ אינהאלט. ס׳טרעפנ זיכ פארײנצלטע פסעוודאָ־קריטיקער, וואָס קאָנענ זיכ ניט אינגאנצנ אָפּגעווינענ פונ זייערע אַלטע מאַגירנ, ס׳טרעפנ זיכ נאָכ אײנצלנע פּרוווּנ צו דרייענ מיטנ וואָרט אונ „גרופּלעריש" צו דיפּלאָמאטיזירנ. אינ אל־געמײנ אָבער ווערט אונדזער קריטיק אלצ מער אונ מער דורכגעדרונגענ מיטנ באוווסטזײַנ, אז אָנ באָלשעוויסטישער אויפריכטיקײַט אונ זאכלעכקײַט באמ אָפּשאצנ, ווערט די ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פונ אונדזער סאָוועטישער ליטעראטור ביז גאָר פארשווערט, אז דער לייענער מעג אונ דארפ דעמ קריטיקער „נעמענ באמ וואָרט", אויפנעמענ זײַנע ווערטער אזוי ווי זיי ווערנ געזאָגט, ארויסהערנ פונ זיי דאָס, וואָס זיי באטײַטנ, ניט מער אונ ניט ווייניקער, אונ אוואדע ניט עפּעס אנדערש, אזוינס וואָס סע שוועבט קלוימערשט צווישנ די שורעס.

דעריבער האָבנ מיר ניט געהאלטנ פאר נייטיק זיכ צו רעכענענ מיט יענע לעצטע מאָהיקאנער פונ דער „גרופּלערישקײַט" (שרײַבער אָדער לייענער), וואָס פרייענ זיכ אומפארגלײַכלעכ מער איבער די קלענסטע טײַנעס צו א ווערק, איידער ווי איבער די גרעסטע מײַלעס, וואָס ווערנ אינ אימ געלויבט. מארקישעס פּאָעמע געהער אָנ סאָפעק צו די סאמע ווערטפולע שאפונגענ אינ די ליטעראטורנ פונ ראטנ־פארבאנד פאר די לעצטע יאָרנ. זי פארמאָגט אָבער אויכ אײנצלנע מאנגלענ. האָבנ מיר מיט אײנדײַטיקע ווערטער געפּרוווט באווײַזנ סײַ דעמ סײַ יענעמ פאקט. איבער

מארקישעס פּאָעמע פילט זיכ א הויכ פונ גרויסער ליטעראטור, ס׳בעטנ זיכ אָנ פאר-
גלײַכנ מיט גרויסע מוסטערנ פונ דער ליטעראטור — האָט ער דערפאר ניט קיינ רעכט
אַפּ די מינדסטע וואטראָגנעס. דורכ דעמ ווערט אַפּ קיינ האָר ניט געמינערט דער
גרויסער באטײַט פונ דעמ ווערק. מארקישעס פּאָעמע העלפט אונדז לעבעדיקער
אונ אָנשוילעכער באנעמענ, אז דאָס נײַע, וואָס מיר זעענ אינ אונדזער ווירקלעכ-
קײַט אלס זעלבסטפֿארשטענדלעכע אונ צוגעווינטע טאטזאכנ, געהערנ אינעמעסנ
צו די סאמע גוואלדיקסטע, צו די סאמע אנטשיידנדיקסטע איבערקערענישנ אינ דער
גאנצער געשיכטע פונ דער מענטשהײַט. אינ מארקישעס פּאָעמע האָבנ מיר איינעמ
פונ יענע קינסטלערישע דאָקומענטנ, וואָס זײַנענ אָנגעווייעט פונ דער צײַטס גרויס-
קײַט. ס׳איז דאָ פיקסירט א וויכטיקער מאָמענט פונעמ סיטאנישנ קאמפּ פאר א
נײַ לעבנ. בא אלע איינצלנע מאנגלענ, דערפילנ מיר אינ ווערק דעמ אָטעמ פונ
אונדזער ווירקלעכקײַט. דעריבער איז מארקישעס פּאָעמע אנ עמעסדיקע פרייד אונ
גרויסע עכטע דערגרייכונג פונ דער סאָוועטישער ליטעראטור.

מאָסקווע, נאָיאבער, 1935 י.

א. גורשטיין

פינינבערגס דיכטערישער וועג

אלגעמיינע באמערקונגענ

1

עזרא פינינבערג, איינער פונ די אָנגעזעענסטע יִדישע סאָוועטישע ליריקער, איז געקומענ אינ דער ליטעראטור אינ די ערשטע יאָרנ נאָכ דער גרויסער אָק-טיאבער-רעוואָלוציע, אינ די יאָרנ פונ בירגערקריג. אינ אוקראַינע איז דעמלט ארויסגעטראָטנ קעגנ דער רעוואָליוציע די צעבושעוועטע באלעגופישע „פעטליוראָוו-שטשינע", אונ זי האָט אינ איר ווילדנ בושעווענ פארפלייצט דאָס לאנד מיטנ בלוט פונ דער יִדישער ארבעטנדיקער באפעלקערונג. אָט דאָס יושענ פונ די פינצטערע אטאוויסטישע קויכעס, אופגעוועקטע פונ די סאָציאַלע אנטאגאָניזמענ, האָט אָפגעווישט פונ דער ערד צענדליקער יִשוּוים אונ שטעטלעכ אונ האָט איבער-געלאָזט אפ לאנג בלוטיקע שפורנ. דער דאָזיקער שוידערלעכער פעריאָד האָט גע-פונענ זיינ אָפשפיגלונג אינ פינינבערגס ערשטע פּאָעטישע ווערק, ער האָט עס געשאפנ זייער טונקעלנ קאָלאָריט.

פינינבערגס ערשטע שורעס אינ זיינ ערשטנ בוכ לידער „אָטעם" (1922) ריידנ וועגנ „געיארשנטע פענט" (אזוי הייסט דאָ א ציקל לידער). דער דיכטער רעאגירט אפנ שארפסטנ אויפנ אפ די „געיארשנטע פענט" פונ דער פארגאנגענהייט, וואָס פארסאמט מיט מיאזמענ פונ פוילונג דאָס נייע אופגייענדיקע לעבנ פונ דער רעוואָליוציע. דער דיכטער זעט, ווי „אפ ווערעמדיקנ קויט, אפ קרעצ פונ שטיינ מיינ זיידנס מיטוואָכ דויערט נאָכ אונ דויערט" („אָטעם", ז. 4), אונ זיינ גאנצנ ליידנשאפטלעכנ האס ווענדט דער דיכטער קעגנ אָט דעמ קרעציקנ „זיידנס מיט-וואָכ", וואָס קלאמערט זיכ מיט אלע קויכעס פאר זיינ הערשאפט. אָבער דער טראגיזמ פונ פינינבערגנ, אלס דיכטער, אפנ ערשטנ, פריסטנ עטאפ פונ זיינ פּאָעטישנ שאפנ, איז באשטאנענ אינ דעמ, וואָס די „געיארשנטע פענט" פונ דער פארגאנגענהייט, קעגנ וועלכע ער האָט אָנגעהויבנ פירנ א קאמפ, זיינענ געווענ אונ האָבנ זיכ געלאָזט פילנ ניט בלויז אינ דער דעמלטיקער אָביעקטיווער ווירק-לעכקייט אונדזערער (מע דארפ זיכ נאָר דערמאָנענ ווי לעניג האָט אונטערגעשיידט אינ דער דעמלטיקער סאָוועטישער ווירקלעכקייט גאנצע פינפ ווירטשאפט-שטייגערס),— דער טראגיזמ פונעם דעמלטיקנ פינינבערג איז באשטאנענ אינ דעמ, וואָס די „געיארשנטע פענט" פונ דער פארגאנגענהייט האָבנ אינ א געוויסער מאָס געפענ-טעט זיינ אייגענע דיכטערשע שאפונג. דער אומגליק פונ פינינבערגס פריִיקנ שאפנ איז באשטאנענ אינ דעמ, וואָס דער דיכטער איז ניט געווענ פונ סאמע אָנהייב פונ זיינ דיכטערישנ וועג דירעקט פארבונדנ מיטנ פראָלעטאריאט,

מיט דעם קלאס, וואָס האָט געגעבן די לעצטע קלעפּ דעם ווידערשטאַנד פון דער אַלטער וועלט. דער דיכטער האָט נאָך באַדאַרפט בײַקומען אין זיך גופא די „געיאַרשנטע פּענטע" פון דער פאַרגאַנגענהײַט, די „פּענט" פון דער אידעאַליסטישער וועלט־אָנשויונג.

אין איינעם פון זײַנע פריִיִקע לידער אַנערקענט פינינבערג אַליין: „צען דורעס, אַז איך שלעפּ די לאַסט" („אָטעם", ז. 20). שלעכט איז דער דיכטער, וואָס האָט ניט קיין ייִכעס, קיין טראַדיציע; יעדער גרויסער דיכטער פילט שטענדיק זײַן אָרגאַנישן צוזאַמענבונד מיט אַ לאַנגער ריי דורעס, מיט די פּײַנפולע זוכענישן, מיט דעם קאַמף און מיט די דערגרייכונגען פון די דאָזיקע קולטורן. דער דאָזיקער געפיל דאַרף באַזונדערס זײַן נאָענט דעם עמעסדיקן דיכטער פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז באַרופן צו יאַרשענען אַלדאָס בעסטע און דאָס ווערטפולע, וואָס די מענטשהײַט האָט געשאַפן — איבערכאַזערנדיק לענינס ווערטער — „אונטערן דרוק פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, פון דער פּריצישער געזעלשאַפט, פון דער ביוראָקראַטישער געזעלשאַפט". אָבער באַם דיכטער פינינבערג, אַפן פריִיִקן עטאַפּ פון זײַן דיכטערישן שאַפן, טרעט אָפט אַרויס דער צוזאַמענבונד מיט דער פאַרגאַנגענהײַט ניט אַלס מונטערער געפיל פון קולטור־רײַכקײַט, נאָר טאַקע אַלס אַ „לאַסט פון דורעס", ווײַל אין זײַנע קולטור־שפּירונגען, אין זײַן אידייִש־דיכטערישן אייגנס, ווי דאָס איז אונדז געגעבן אין זײַנע פריִיִקע ווערק, זײַנען פאַראַן אַזעלכע שטריכן און עלעמענטן פון פאָריקע קולטורן (אָפטער פאַר אַלץ איבערגעבראָכענע דורך דער פּריזמע פון דער ייִדישער בורזשואַזער און קליינבירגערלעכער קולטור־טראַדיציע, מיט אַ קענטיקער פּרעוואַלירונג פון דער ביבלישער פאָרמול), אַזעלכע שטריכן און עלעמענטן, וואָס זײַנען פאַרורטיילט אָפּ אָפּשטאַרבן, וואָס זײַנען פאַרורטיילט צו פאַרשווינדן ווערן. אין זייער אַלגעמיינעם סאַכאַקל טרעטן זיי אַרויס אין פינינבערגס פריִיִקן דיכטערישן שאַפן אַלס אידעאַליסטישע קינסטלערישע וועלט־אָנשויונג.

פינינבערג האַסט שאַרף און לײַדנשאַפטלעך די „קרעציקע" פאַרגאַנגענהײַט און פאַרפאָלגט זי נאָכאַנאַנד, דערשלאָגנדיק סאַרקאַסטיש אירע לעצטע רעשטן אין זייערע פאַרשיידנאַרטיקע אַנטפּלעקונגען. דעם דיכטערס קינסטלערישע אויפגאַבע בענעגייע זיך אַליין, בענעגייע זײַן אייגענעם דיכטערישן שאַפן, איז באַשטאַנען אין בײַקומען און אין פאַרניכטן יענע אידעאַליסטישע „פּענט" פון דער פאַרגאַנגענהײַט, וועלכע האָבן פאַרקריפּלט, אין דער פריִיִקער סטאַדיע פון זײַן קינסטלערישער אַנטוויקלונג, זײַן אינערלעכע, אינסטינקטיוו־אומיטלבאַרע שפּירונג פונעם נײַעם לעבן, דאָס שפּירן די רעוואָליוציע. שוין פון זײַנע ערשטע דיכטערישע שריט האָט דאָך פינינבערג פאַרבונדן אַלע זײַנע האָפענונגען מיט דער שטײַגנדיקער און זיגנדיקער רעוואָליוציע, נאָר די רעוואָליוציע — די אויסלייזערין האָט זיך אים דעמאָלט געמאָלט אין סימבאָליש־אידעאַליסטישע קאָנטורן. די „געיאַרשנטע פּענט" טרעטן באַ פינינבערגן אַרויס אַלס אַן אַנטיטעזע, וואָס ווערט בעגירט, אַלס אַ קעגנשטעלונג, וואָס דאַרף אַראָפּגענומען ווערן. דעם דיכטערס פּאָזיטיווע, באַיאָענדיקע טעזע איז געגעבן געוואָרן אינעם עצעם נאָמען פון זײַן ערשטן בוך: דאָס איז דער „אָטעם", דער לעבעדיקער אָטעם פון זײַן לעבן. דער דיכ־

טער זאָגט, אז ער געפינט זיך „אין פרילינגשן פּאַליש“ און ער זעט, ווי „הויכ איבער זיידנס מיטוואָכ פירט דער מילכ-וועג צו מײַן מירמל-היים“. די טעזע וועגן דעם נײַעם לעבן איז דאָ געגעבן געוואָרן אין א סימבאָליש-אידעאַליסטישער פאָרמולירונג, און די דאָזיקע פאָרמולירונג האָט פולקום אנטשפּראָכן דעם אידעאַליסטישן וועלט-באנעם פונעם דעמאָלטיקן פּינינבערגן.

II

פּינינבערגס צווייטער בוכ „לידער“ (1925) באטאָנט מיט א באזונדערער קראַפט און ענערגיע דעם דיכטערס „אנטיטעזע“, וואָס האָט אָנגעהויבן קלינגען בא פּינינבערגן פון זײַנע ערשטע דיכטערישע שורעס, די אנטיטעזע פון בייז, פון דער אטאוויסטישער זינד, פונעם איפּעש פון דער שטארבנדיקער פארגאנגענהײַט. אָבער אויב דער ערשטער בוכ, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט דעם דיכטערס יוגנטלעכן „אָטעם“, האָט געגעבן די שפּיל פון ליכט און שאָטן, ווערנדיק צולעצט באשטראַלט פון דער שײַנ פונעם „מילכ-וועג“, איז פּינינבערגס צווייטער בוכ לידער, בא אלע זײַנע דיכטערישע באוואָרענישן, דורכגעדרונגען אינ טאָכ מיט א טיפן פּעסימיזם, וואָס האָט אפּ א צײַט געפאנגען דעם דיכטער אינ זײַנ נעצ און האָט אים פארשטעלט דעם וועג צו זײַנ ליכטיקער „מירמל-היים“. אינ דעם דאָזיקן בוכ, אינעם עצעם דיכטערישן געוועב זײַנעם האָבן זיך מער פאר אלצ געלאָזט פילן „יענע געיארשנטע פּענט“ פון דער פארגאנגענהײַט, קעגן וועלכע דער דיכטער אליינ איז אזוי סארקאסטיש ארויסגעטראָטן. די ווידערשפּרוכן פון דער רעאלער, קאָנקרעטער רעוואָליוציאָנערער ווירקלעכקייט, אלע אירע שוועריקײַטן אפּ די ערשטע עטאפּן פון איר אנטוויקלונג, וואָס זײַנען ארויסגעטראָטן באזונדערס אנטבלויזט אינ דעם נעפּ-פּעריאָד, האָט פּינינבערג אופגענומען מיט א באזונדער שארפקײַט, און, נאָכ ניט פארמאָגנדיק דעמאָלט דעם דיאלעקטישן באנעם, האָט ער די דאָזיקע ווידערשפּרוכן און שוועריקײַטן פון דער רעוואָליוציאָנערער ווירקלעכקײַט איזאָלירט פון דעם פּראָלעטאריאטס שאפונג-ארבעט. דערמיט לאָזן זיך דערקלערן די פּעסימיסטישע טענער אינ א גאנצע ריי פּינינבערגס דיכטערישע ווערק, וואָס הערן זיך באזונדערס אינעם צווייטן בוכ פון זײַנע לידער.

שוינ אינ ערשטן בוכ האָט פּינינבערג גערעדט וועגן זײַנ „ליכטיקער שוועסטער“, וואָס איז „געפאלן אינ מידבער געלעסטערט“. אפּן אָרט פונעם „מידבער“ וואקסט איצט אויס פאר דעם דיכטערס האַליוצינירנדיקן בליק „באָוועל“, די גרויסע שטאָט פון בייז און זינד, מיט איר גאנצן ריטואַל פון זנוס און טײַווע, וואָס שטעקט אינ די באנאכטיקע „ריוונ“. באנוצנדיק די טערמינאָלאָגיע פון פּאָעטיק, קאָן מען זאָגן, אז דאָ קומט פאָר די רעאליזירונג, די קאָנקרעטיזירונג פון דער מעטאפאָרע, וואָס איז נאָר קוים געווען אָנגעמערקט אינעם ערשטן בוכ. די מעטאפאָרע פון בייז און זינד, וואָס פארקערפּערט פּאָעטיש די „געיארשנטע פּענט“ פון דער פארגאנגענהײַט, וואקסט, ברייטערט זיך, פארפילט אינעם נײַעם בוכ גרויסע שטרעקעס. און טראגישער פאר אלצ איז דאָס: דער דאָזיקער „אנטיטעזע“ פון בייז און זינד, דער נעגירטער אנטיטעזע פון „געיארשנטע פּענט“, האָט פּינינבער

פריער קאטעגאָריש אנטקעגנגעשטעלט זײַן פּאָזיטיווע באַיאָענדיקע טעזע וועגן דער ליכטיקער „מירמל־היים", אָבער איצט איז דער דיכטער אזוווי אליין אונטער דער הערשאפט פון דער „אנטיטעזע" (אונטערגעוואָרפן, „אונטערטעניק" צו באָוועל, ריידנדיק מיט זײַנע אייגענע ווערטער). און די אַנטיטעזע, וואָס האָט געזאָלט נעגירט ווערן, שטרעבט, דאכט זיך, צו ווערן די טעזע, וועלכע ווערט באהויפטעט. דער דיכטער פאלט אונטערן לאסט, וואָס איז נאָך ניט זײַנע קויכעס, אונטערן „לאסט פון דורעס"; די יערידע, זײַן יערידע פאראלגעמיינערט ער — און אין דעם באשטייט די סאָציאַלע פאראדאָקסאלישקייט פון זײַן צווייטן בוך — אין פארצווייפלונגפולע טיף־פעסימיסטישע און טיף־פאלשע (טאקע איבער זייער פאראלגעמיינערטן כאראקטער) פאָרמולעס וועגן דעם, אז עס פלאטערט און כאלעשט אונטער באָוועלס שווערן טריט אונדזער בלויע, שיינע ליד; וועגן דעם, אז אונדזער יוגנט איז געפאלן, אומגעפאלן פון די פעלדזן, וווהין זי איז געקומען „בא איר אופשטײַג מיט די קרוגן". דאָס איז א פאלשע פאראלגעמיינערונג, ווײַל אין זײַן סאָציאַלער האליוצינאציע, וואָס האָט פארקריפּלט די פערספעקטיוו, האָט דאָ דער דיכטער ארײַנגעטראָגן זײַן יערידע פון דער העראָישער עפּאָכע, וועלכע ווייסט ניט פון קיין יערידע און פון קיין וואקלונגען.

אין זײַן עפּיגראַף צום בוך ווענדט זיך דער דיכטער צום „טײַערן ברודער, טונקעלן סיזיף", אָבער סיזיף איז א קאָרעוו נאָר דעם מידן דיכטער, ער איז ניט קיין קאָרעוו דער העראָישער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע, וואָס ענדערט די וועלט.

אין דעם דאָזיקן עטאפּ פון זײַן שאפן, וואָס איז פול מיט פעלערן, באטראכט פינינבערג „באָוועל", דעם פּראָדוקט פון זײַן האליוצינירנדיקן געדאנק, ווי עפּעס אן אייביקע קאטעגאָריע. ער קערט זיך ניט איין מאָל אום צום מענטשנס אטאוויסטישער בייזער און צעשטערנדיקער קראפט, ער זעט דעם בערייִשיסדיקן, ביט־געצוימטן כאאָס (אויסדריקנדיק אים דיכטעריש מיט דער ביבלישער רעמיניסצענץ פונעם „גײַסט אפּן וואסער"), ער קאָנסטאטירט מיט ווייטעק דעם אומגעהײַערן „גלײַכגילט" פון דער נאטור צום מענטשן: „דער סטעפּ מיינט ניט דעם גייער, דער סטעפּ מיינט זיך אליין" („לידער", ז. 25). ווי ווײַט עס איז אָט דער דאָזיקער אָפּגעשיידטער, אָפּגעזונדערטער נאטור־געפיל פון געטעס הארמאָנישן באוווסטזײַן, וואָס — בא זײַן גאנצער פּאוסטישער מידקײַט — שטעלט ער ניט אנטקעגן דעם „וואנדערער" דער נאטור, נאָר ער גיט אים אין דער נאטור, רינגלט אים ארום מיט דער נאטור: „איבער אלע בערג־שפּיצן איז רו; אין אלע שפּיצן פון דיביימער שפּירסטו קוים א הויכ; די פייגל שווײַגן אין וואלד. ווארט נאָר, באלד רוסטו אויכ".

ניט דער געפיל פון איינהײַט, נאָר די פאטאליסטישע אָפּגעשיידקייט פון דער נאטור קלינגט אין פינינבערגס דיכטערישע שורעס; די קרוויוועשאפט מיט דער נאטור טרעט פארן דיכטער דערווײַל ארויס נאָר אין דער פאָרם פון א בייזן, זינדיקן, כײַישן אטאוויסטישן אינסטינקט, אין דער פאָרם פון א בייזער, כאאָטישער סטיכיע. מיט א גרויסער קינסטלערישער קראפט שילדערט פינינבערג דעם דאָזיקן בייזן אטאוויסטישן קויעכ פון דער „פארגאנגענהײַט", וואָס איז אופגעוועקט געוואָרן פון סאָציאַלע אנטאגאָניזמען, אופגעוועקט געוואָרן פון האס צום

אָנקומענדיקן נײַעם לעבן. פינינבערג גיט אויסערגעוויינלעך שארפע בילדער פון דער צעיושעטקײַט פון דער צעשטערנדיקער כײַישער לײַדנשאפט, וואָס האָט זיך אנטפלעקט אין די בלוטיקע ייִדישע פּאָגראָמען פון דער פּעטליורישער הײַדאמא־טשינע. אין דער זעלבער צײַט באַנעמט נאָך פינינבערג דעם בירגערקריג פונעם שטאנדפונקט פונעם קליינבירגערלעכן „הומאניזם". ער שאפט זײַן באוווסטע ליד וועגן „דעם איסי מיט פּאָנעם מיט בלייכן. איסי פון דער שטאָט פון ריאזאן". דער דיכטער דערציילט דאָ וועגן דעם אומשולדיקן אומקום פונעם ריאזאנער פויער, וואָס אין זײַן געשטאלט דערקענען מיר לײַכט קריסטוסעס שטריכן, — פון דעם „ריאזאנער איסי", וואָס האָט זיך געלאָזט וואנדערן „אין א בעגער א גרויען" צו זיך אהיים, דורך די שלאכטן און דער מעהומע פונעם בירגערקריג. אָט די ליד באווײַזט מיט א באזונדערער קראפט פינינבערגס דעמלטיקן קליינבירגערלעכן „הומאניזם", זײַן פאלש־פארשטאַנענעם הומאניזם, וואָס איז געווען באַארבעט אין די טראדיציאָנעלע טענער פון אבסטראקטער „עטישקײַט".

אפן פרייִקן עטאפ פון זײַן דיכטערישן שאפן האָט פינינבערג געזען אין דער רעוואָלוציע נאָר א שפּיל פון סטיכיעס, ווו דעם מענטשנס אכזאָריעסדיקע אטא־וויסטישע קראפט, די קראפט פון דער „פארגאנגענהײַט", וואָס האלט אים אין אירע „פענט" און שלעפּט אים צוריק, טרעט ארויס מיט דער מאקסימאלער בוילעטקײַט. דער דיכטער ווארפט אלע זײַנע קינסטלערישע מיטלען, זײַנע לײַדנשאפטלעכן, פּאָ־מיקן פּנרז, ער ווארפט זײַן גאנצע דיכטעריש וועזן אין קאמף קעגן דער דאָזיקער אכזאָריעסדיקער קראפט פון דער „פארגאנגענהײַט" אין נאָמען פון „פרילינג", דעם „גרויסן", דעם „ערשטן". אָבער זײַן קאמף נעמט אויף דער דיכטער דערווײַל נאָר ווי א צוויי־קאמף, ווי א געראנגל, ווײַל ער פילט נאָך ניט קיין אָרגאנישע פארבינדונג מיט זײַנע ברידער, מיט די מיליאָנען ארבעטנדיקע, ארבעטער און פויערים, וואָס שטורעמען די קאפּיטאליסטישע געזעלשאפט און אלע אירע רעשטן. אין דעם, אייגנטלעך, איז באַשטאַנען פינינבערגס דעמלטיקער אינדיווידוא־ליזם, און ניט אין עגאָצענטריזם, אין אונטערוואַרפן אלץ צו זײַן פּערזענ־לעכקײַט. און, באטראכטנדיק זײַן קאמף קעגן דער אלטער וועלט נאָר אלס א צוויי־קאמף, נאָר אלס געראנגל צווישן אים, דעם דיכטער, און דער אלטער וועלט, פאלט דער דיכטער צײַטנווײַז ארײַן אין א טיפן פּעסימיזם, ער פילט פארצווייפ־לונג און וואקלונג. איך „בלײַב אליין", — זאָגט דער דיכטער, — „און קיינער קאָן ניט ראטעווען, און קיינער קאָן ניט שיצן". פאר פינינבערגן, אפן פרייִקן עטאפ פון זײַן שאפן, איז געשטאַנען נאָר א שווערע קינסטלערישע אויפגאבע: געפינען דעם וועג צו די מיליאָנען ברידער זײַנע, געפינען דעם וועג צום קעמפנדיקן פּראָלעטאריאט, פארבינדן זײַן דיכטערשן גורל מיט זײַן קאמף און באַשטימען זײַן אָרט אלס דיכטער אינעם דאָזיקן קאמף.

III

נאָך א ריי בלאָנדזשענישן און וואנדערונגען איבער וועגן און אומוועגן, נאָך לײַדנשאפטלעכע און אָנגעשטרענגטע זוכענישן האָט דער דיכטער פינינבערג געפונען דעם וועג צום פּראָלעטאריאט, ער האָט געפונען א ברייטן שטעג צו אונדזער

רעװאָליוציאָנערער װירקלעכקײַט. די דיאַלעקטישקײַט פונ פיניגבערגס קינסטלערישנ װעג איז באַשטימט געװאָרנ דערפונ, װאָס דער דיכטער האָט געדאַרפט אַרױס־באַפרײַענ פונ די שװערע, געדיכטע אָנשיכטונגענ פונ דער פרעמדער ירושע דעמ אינערלעכנ מעהוס פונ זײַנ שאַפנ, װאָס האָט זיכ פונ דעמ דיכטערס ערשטע טריט אָנ געריסנ צו דער רעװאָליוציע, אַלס דער באַשאַפערנ פונ א נײַער װעלט אונ פונ דער נײַער געזעלשאַפט.

בײַגעקומענ די „געיאַרשנטע פענט“ פונ דער פאַרגאַנגענהײַט, איז פיניגבערג געקומענ צומ קלאָרנ באַנעמענ אונ באַיאָענ די פּראָלעטאַרישע רעװאָליוציע אונ אונדזער סאָציאַליסטישע בױונג. אָט דער נײַער באַװוסטזײַנ פונעמ דיכטער האָט געפונענ זײַנ אָפּשפּיגלונג אינ די פאַרשײדנאַרטיקע זשאַנרענ פונ זײַנ שאַפנ—אינ דעמ פּאַטעטיש-אָראַטאָרישנ גאַנג פונעמ פּערז, אינעמ עפּישנ געמעל, װאָס דעקט סאַרקאַסטיש אױפ די נידערטרעכטיקײַט אונ די נעבעכדיקײַט פונ די געשפּענסטער פונ דער אַלטער װעלט, אונ אינ דער זינגעװודיקער ליריק. פיניגבערג איז פריִער פאַר אַלצ א ליריקער.

כאַראַקטעריסטיש פאַר פיניגבערגס ליריק איז דער שטריכ, װאָס האָט גע־פונענ זײַנ באַצײכענונג באַמ דיכטער גופע אינעמ נאָמענ פונ זײַנ דריטנ בוכ לידער „לאַנד אונ ליבשאַפט“ (1928), װאָס אַנטהאַלט די לידער פונ די יאָרנ 1925—1927 אונ װאָס דריקט דײַטלעכ אױס דעמ גרױסנ איבערבראָכ אינ פיניג־בערגס קינסטלערישער אױפאַסונג פונ אונדזער װירקלעכקײַט. די באַזונדערהײַט פונ פיניגבערגס ליריק, זינט דעמ פעריאָד אָנ, באַשטײט אינ דעמ, װאָס אינ אַלע זײַנע לירישע לידער שפּירט מענ הינטער אַלע דינסטע אונ אינטימסטע איבער־לעבונגענ זײַנע, הינטער זײַנע סאַמע „פּערזענלעכע“, סאַמע „אײגענע“ איבערלע־בונגענ דעמ אָטעמ פונ א גרױסנ גרינעמ לאַנד, װאָס האָט זיכ צעשפּרײט, װי דער דיכטער זאָגט, אימ צוקאָפּנס, פונ דער גרױסער גרינער „ראַטנ-מעדינע“, װאָס בױט א נײַ גליקלעכ סאָציאַליסטיש לעבנ. א פרױענ-געשטאַלט שװעבט אָפט אַדורכ אינ פיניגבערגס לידער, װערנדיק אינ זײַנ „ערמיטאַזש“ פאַרװאַנדלט אינ א ראָ־מאַנטישע פאַרקערפּערונג פונעמ אײביקנ מענטשלעכנ טרױמ װעגנ גליק, אָבער—

רוסט דאָכ מיט מיר אָפּנ זאַמד אינ א זוניקער מיט
אונ כ'זע דורכ דיר טײַכס בליציקנ טאָל־גאַנג;
דערפער אונ שטעט אינעמ הײַנטיקנ צװיט
אַרומ דניעפּער־טײַכ, מאָסקװע־טײַכ, װאָלגע. („לאַנד אונ ליבשאַפט“, ז. 8).

אָט די בײדע קאַטעגאָריעס—„ליבשאַפט“ אונ „לאַנד“—גײענ באַמ דיכטער פיניגבערג שטענדיק אינאײנעמ. לאַנד אונ ליבשאַפט פלעכטנ זיכ אַזױ איבער אינ פיניגבערגס ליריק, זײ דרינגענ אַזױ דורכ אײנס דאָס אַנדערע, אַז זײ בילדנ אַנ אײנהײַט ניט צו צערײַסנ, ניט צו צעשײדנ. פיניגבערגס בוכ „לאַנד אונ ליב־שאַפט“ בלײַבט ביז איצט אינ דער סאָװעטישער פּאָעזיע אַלס אײנע פונ די סאַמע באַדײַטונגפולע פּאָעטישע אַנטפּלעקונגענ פונ ליבע אונ טרײַהײַט צומ סאָציאַליס־טישנ הײמלאַנד. די סאָציאַליסטישע רעפלעקסיע באַגלײט שטענדיק פיניגבערגס ליריק, באַרײַכערט זי אונ דערהײבט זי, צוגעבנדיק איר א גרױסנ פאַראַלגעמײ־נערנדיקנ זינ.

די אידיישע גרונט-טעמע פון פינינבערגס דריטן בוך, פון זײַן איבערבראָך-בוך „לאנד און ליבשאפט“ געפינט איר אויסדרוק אין א ריי נײַע וואָרט-טעמעס: „לאנד“ (אָדער די מער ארכאישע פאָרם „מעדינע“, וואָס טראָגט נאָך די שפורן פון דעם פריִיקן פינינבערגס טראדיציאָנעלער ארכאיזירנדיקער לעקסיק), „ראטנ-מעדינע“, „פאָטערלאנד“. פארן פאָרשער פון פינינבערגס שאפן איז אינטערעסאנט נאָכצושפירן די געבורט פון די דאָזיקע נײַע וואָרט-טעמעס, וואָס זייער אויספלוס קאָן מען נאָך זען אין פינינבערגס פריִיקער וואָרט-טעמע „אין גערטנער“, וועלכע באווײַזט זיך נאָך אינעם ערשטן בוך (1922) און מיט וועלכער דער דיכטער פאר-בינדט זײַנע געליבטע געשטאלטן — „מיידל“ און „קינד“.

מיט דער ליכטיקער, באפרײַענדיקער קאטעגאָריע באגעגענען מיר זיך בא פינינבערגן שוין פון די ערשטע דיכטערישע שריט זײַנע, ווען ער האָט אנטקעגנגעשטעלט דעם קרעציקן „זיידנס מיטוואָך“ זײַן „מירמלהיים“, אָבער, באזונדערס, אינעם צווייטן בוך, איבער וועלכן עס הערשט אָפט דער אופגעבויסטער פון דעם דיכטערס פאנטאזיע „באָוועל“, קלינגט אָט די באפרײַענדיקע קאטעגאָריע נאָר אלס א „קאטארזיס“, אלס א לײַטערונג נאָך לאנגע פײַן און ליידן פונעם „ברודער געקרייצטן“, נאָך טײַוועס און זנוס פונעם באנאכטיקן „ריוו“. און אָט די ליכטיקע באפרײַענדיקע קאטעגאָריע טרעט באם פריִיקן פינינבערג ארויס אָפטער פאר אלץ אין די סימבאָליש-אידעאליסטישע קאָנטורן פון „מירמלהיים“, אלס א „מילכוועג“, וואָס פירט ערגעץ ווײַט אין דער הייך און ווערט אנטקעגנגעשטעלט דעם „שטומעניש היגן“. נאָר אין זעלטענע מינוטן פון זײַן „וואָגל“ (אזוי הייסט א ציקל אין פינינבערגס צווייטן בוך לידער) געפינט דער דיכטער אין „דאָרעמ“ פון זײַן לאנד, אינעם רעאליסטישן קרים, אף דער שפיץ ייַילע, אָט דעם געפיל פון נאטור, ווען דעמ דיכטערס „געהויבענער אָטעמ“ ווערט פארמישט „מיט דריכנ, וואָס לויפן בא קעפ פון ייַילע“:

גערעדנקט ביט מײַנ רויכל אוועלעכער דאָר,
ווייסט ביט מײַנ אָטעמ אוועלעכע ווײַלע („לידער“, ז. 69).

אויב אין דער ווירקלעכקײַט איז פאראן עפעס ליכטיקס און באפרײַענדיקס, איז עס אָבער פארן פריִיקן פינינבערג נאָר איר צווייטע געשטאלט: „האָט עס א ליכטיק געשטאלט, האָט עס א טונקל געשטאלט“. דעם פריִיקן פינינבערגס צעריסענער דיכטערישער באוווסטזײַן ווייסט ניט קיין סינטעז, ווייסט ניט קיין דיאלעקטישע פאראלגעמיינערונג. די ווירקלעכקײַט טרעט ארויס פאר אים, ווי א צווייפּנעמדיקער יאנוס, וואָס שרעקט מיט זײַן צווייפּנעמדיקײַט.

פינינבערגס „לאנד און ליבשאפט“ פארענדיקט מיט דער צעריסנקײַט פון זײַן פאָעטישן באוווסטזײַן. דאָס „היגע“ טרעט שוין איצט בא פינינבערגן ניט ארויס אלס א נעגאטיווע קאטעגאָריע, און ניט אפן „מילכ-וועג“, ניט אין דער ווײַטער הייך בויט ער שוין זײַן ליכטיקע „מירמלהיים“. האָבנדיק געוויס אין זינען זײַן פריִערדיקע דיכטונג, ווענדט זיך דער דיכטער איראָניש צו דער ווײַטער הייך:

— היי, אף געשטערנטע שטעגלעך,
היי, אין הימלשע סטעפן,

היי, איז עפּעס דאָרט מעגלעכ,
עפּעס צו טרעפנ?..

(„לאַנד אונ ליבשאַפט", ז. 11).

ער איז איצט אינגאַנצנ א „היגער", ער געהערט איצט אינגאַנצנ (ער וויל איצט אינגאַנצנ געהערנ) דער „ערד":

אונ איינ מאָל אונ צוויי מאָל, צוויי מאָל אונ דרײַ מאָל,
דרײַ מאָל אונ אַלע מאָל: היי! (דאָרט)

דעמ דיכטערס וועג גייט איצט „אַרומ אַנ ערד", אונ, ניט וויסנדיק אַפּ דעמ דאָזיקנ פּראַכטפולנ וועג זײַנעמ פונ קיינ מידקײַט, פרייענדיק זיכ מיט זײַנ ערדס „קינד אונ קייט, מיט איר קלאָרער הייכ, מיט איר גראָזנ־רייעכ", ווענדט זיכ דער דיכטער צו זײַנ לאַנד, צומ נײַעמ אונ סאָציאַליסטישנ לאַנד, צומ אַצינד איינציקנ קוואַל פונ זײַנ דיכטערישנ לעבנ:

— לאַנד אונ ליבשאַפט, וואַרעמט, נערט
טויזנט־איינסטנ גאַנג אַרומ אַנ ערד!

IV

פיגינבערגס בוכ „לאַנד אונ ליבשאַפט" שטייט פאַר אונדז ניט בלויז אַלס רעזולטאַט, ניט בלויז אַלס סאַכאַקל פונ א באַשטימטנ דיכטערישנ פּראָצעס, פונעמ פּראָצעס פונ זײַנ סאָציאַל־קינסטלערישער איבערבויונג אַפנ וועג צומ דיכטערישנ באַנעמענ די רעוואָליוציע אונ די רעוואָליוציאָנערעווירקלעכקײַט. אָט דער בוכ פירט אונדז אַרײַנ, אַזוי צו זאָגנ, אינ דעמ דאָזיקנ פּראָצעס, מיר ווערנ איידעס פונ די באַזונדערע עטאַפּנ אינ דעמ דאָזיקנ פּראָצעס: מיר זעענ, ווי געוועב נאָכ געוועב וואַקסט אויס אונ פעסטיקט זיכ די קינסטלערישע vita nova פונ אונדזער דיכטער. פיגינבערגס ווײַטערדיקע ביכער „אינ פרי פונ יאָר" (1929) אונ „די קריגנ דויערנ" (1930) פאַרפעסטיקנ דעמ פּראָצעס פונ דעמ דיכטערס אידייִש־קינסטלערישער איבערבויונג.

דער בוכ „לאַנד אונ ליבשאַפט" טראָגט נאָכ בוילעטע סימאָנימ פונעמ בירגער־קריג. שילדערנדיק די העראָיִק פונעמ בירגערקריג, רעדט דאָ פיגינבערג ניט איינ מאָל אויכ וועגנ דעמ פּײַנ, וואָס באַגלייט זי. אָבער דער דיכטער האָט שוינ דאָ געפונענ זײַנ היימלאַנד — אונ האָט עס געפונענ ניט אינ די ווײַטע הייכנ, נאָר אַפּ אונדזער ערד, אונ טאַקע אינ יענע טיילנ אירע, וואָס ווערנ באַצוימט מיט די גרענעצנ פונ סאָוועטישנ לאַנד. ער ווייסט שוינ איצט זיכער, אַפילע אינ די סאַמע שווערע יאָרנ פאַר אונדזער לאַנד, אַז די יונגקײַט זײַנע —

... לעבנ וועט זי נאָכ א גוטנ טאָג,
א גוטנ טאָג מיט לאַנד מיט אָנגעצונדענעמ! („לאַנד אונ ליבשאַפט", ז. 16).

די גאַנצע פּײַנ פונעמ אָנגעשטרענגטנ קאַמפּ איז פאַרנ דיכטער באַזיניקט אַדאַנק דעמ נײַעמ לעבנ, וואָס ווערט געשאַפנ אַפּ די כורוועס. פאַר זײַנ בליק שטייט אופּ א זעונג פונעמ לאַנד אינ בויונג, א זעונג פונעמ נײַעמ היימלאַנד, פונ דער נײַער „שטוב":

א דאַך פאַר הויכער שטוב שווימט־צו, שווימט־צו שוין
און סלופּ נאָך סלופּ פון הוילע ווײַטן ציט.

(„לאַנד און ליבשאַפט", ז. 18)

אָבער דער געפיל פון שאַרפן ווייטעק פאַרלאָזט לאַנג ניט דעם דיכטער:

... מײַן נאַקעטער קערפּער
געשמידט צו קאַנאָנע.

(„לאַנד און ליבשאַפט, ז. 12)

אָט דער ווייטעק הייבט אָן פאַר אים באַקומען אַפילו א געוויסע זיסקײַט, און דער דיכטער קערט זיך אום צו די זיכרוינעס וועגן „טײַנעג־אומקום":

דאַן אין דער נאַכט די קווייט די ווײַטע לאַדט
צו טײַנעג אײַן, צו טײַנעג־אומקום באַלדיקן.

(„לאַנד און ליבשאַפט", ז. 15)

און אַפילו שפּעטער, אין די ווײַטערדיקע ביכער, נעמט אויף פיניבערגס בליק מיט אַן אומגעוויינלעכער שאַרפקײַט, — איך וואָלט געזאָגט: מיט עפּעס א דיכטערישער זשעדנעקײַט — די רעשטן פון אָרעמקײַט, פון פינצטערניש, פון גליווער, דיכטעריש פיקסירנדיק די דאָזיקע „בלומען פון בייז". פיניבערג רעאַגירט שאַרף אויף די קרענקלעכע אַנטפּלעקונגען פונעם „לעבנשטייגער", וואָס האַלט אין זיך פאַרבאָרגן די לעצטע רעשטן פון קאַפּיטאַליזם, און דאָס „דיקטענע ווענטל" פון זײַן וווינונג, וועלכעס לאָזט דורך דעם טומל און דאָס האַוועניש פון דעם דאָזיקן „לעבנשטייגער", פאַרקריפּלט צײַטנווײַז זײַנע דיכטערישע שפּירונגען, פאַרשטעלנדיק פאַר אים די זון, וואָס שײַנט אינעם באַנײַטן לאַנד. פריִער פאַר פיניבערגן האָט קרענקלעך געשמאַכט „הינטערן דינעם ווענטל", „הינטער דער דינער מעכיצע" אַן אַנדער דיכטער — אַלעקסאַנדער בלאָק,[1] וועלכער האָט, אין אַלגעמיין גענומען, געהאַט אויף פריִיקן פיניבערגן א גרויסע ווירקונג. און שפּעטער פאַר פיניבערגן האָט געשריבן וועגן די „דינע ריפּן פון די ווענטלעך" פּאַסטערנאַק, — אים איז אויך געווען שווער צו באַקומען פון לעבן (פון „זײַן") אויסגאַב „מיט קליינשטייגער".

אָבער די גרונט־אויפגאַבע, וואָס איז געשטאַנען פאַר פיניבערגן בעת־עגייע זײַן אייגענער אינערלעכער איבערבויונג, האָט ער קאַרדינאַל און איינמאָל פאַר אַלעמאָל געלייזט אין זײַן איבערבראָך־בוך „לאַנד און ליבשאַפט". צו איינעם פון די לידער, וואָס זײַנען אַרײַן אין דעם דאָזיקן בוך, נעמט פיניבערג אַלס עפּיגראַף פּושקינס ווערטער: „כ'בין רײַף געוואָרן, און, דאַכט זיך, אויף אייביק"... זײַן אַמאָליקן „הומאַניזם" און „פּאַציפיזם" האָט פיניבערג גיכער געווען ביזן סאָף, און ער ווייסט שוין, אַז דער בירגערקריג איז דער „פּרײַז" פון עקספּלואַטאַטאָרישן דרוק און פון אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע. אין דער ליד „לוינ" דערציילט פיניבערג אויף זײַן שטייגער וועגן דעם אַריבערוואַקסן פון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע אינעם בירגערקריג:

---

[1] זע, צומבײַשפּיל, זײַן טאָג־בוך, 2־טער באַנד, ז. 109. בלאָק רעדט דאָ וועגן זײַן האַס צום בורזשואַ, וואָס וווינט בײַשכיינעס מיט אים „הינטער א דינעם ווענטל": „גאָט מײַנער! גיב מיר די קראַפט צו באַפרײַען זיך פונעם האַס צו אים, וואָס שטערט מיר צו לעבן אין דער וווינונג, וואָס שטיקט מיט צאָרן, שלאָגט איבער די געדאַנקען".

זיי האָבן זיך אומגעקערט: — „ברידערלעך, אייגענע, לאָמיר
באַלוינען ווי ס'קומט און ווי מ'דאַרף פאַר א גרויסער מילכאָמע!“
און האָבן צעלאָזט זיך, צעיאָגט זיך מיט קרעפטיקע רווישן:
— לוין פאַר א גרויסער מילכאָמע — אַן אופשטאַנד א גרויסן!

און זיַין ליַידנשאַפטלעכער טרוים וועגן דעם גליק פון דער מענטשהיַיט, וואָס דרינגט אין טאָג דורך פינינבערגס גאַנצע לירִיק און וואָס האָט געפונען איר אויסגעצייכנטן אויסדרוק אין א קליינ לידעלע, וואָס איז איַינגעפּאַסט אין א ליד פונעם ציקל „דאָרעמ“:

אין דאָרעמ האָט די זון א וויגעלע געוויגט,
דאָס אָדעמ־וויגעלע אין שיַינענדיקע קרענצ.
דו, אויסגעוואַקסענער, דו, בלוטנדיקער מענטש,
פאַר זון און ווייַנטרויב ברענט דאָך אונדזער קריג?

— אָט דער ליַידנשאַפטלעכער טרוים פונעם דיכטער ווערט שוין איצט אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן קאַמף פונעם רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט פאַר דער באַפריַיונג פון דער מענטשהיַיט. די האַליוצינאַציעס, וואָס האָבן דעם דיכטער געמאָלט דאָס אומקומענדיקע באַוועל, זיַינען געבליבן ערגעצ אין דער וויַיטער־וויַיטער פאַרגאַנגענהיַיט.

שוין פאָרט דער מאָסקווער גרויסער פרי אַפ טראַסקענדיקע רעדער.
כ'גיי איינ־אליינ פאַרביַי די בלענדיקע סעדער
פון ליכט כ'בינ זאַט...

פינינבערגס לירִיק, וואָס דערציילט זיַין „ליכטיקע האַרצ־געשיכטע“, ווערט דורכגעדרונגען מיטן געפיל פון דער מענטשלעכער געשיכטע. און דער דיכטער פינינבערג איז איצט פעסט איבערציַיגט, אַז אונדזער לעבן איז ריַיך און ניט אויסצושעפּן, אַז דאָס מענטשלעכע לעבן שטייט ניט באַם „אונטערגאַנג“, ווי עס זאָגן די אידעאָלאָגן פון דער צעפוילטער בורזשואַזער קולטור, נאָר —

ס'איז זייער פרי, און ליַיכט איז דער שפּאַן
פון ניַיע שטאַמען, יונגע שוואָטימ...

אזוי — טיף אייגנאַרטיק — פאַרקערפּערט פינינבערג אין זיַין לירישן פּערז מאַרקס באַרימטע ווערטער וועגן דעם, אַז דאָס גאַנצע פאָריקע מענטשלעכע לעבן איז בלויז פאָרגעשיכטע, און די אויך אזוי באַרימטע ווערטער פון ענגעלסן וועגן דעם, ווי יונג עס איז נאָך די געשיכטע פון דער מענטשהיַיט...

V

אין זיַין פּרָזָקן שאַפן איז פינינבערג פאַרבונדן מיט די טראַדיציעס פון סימבאָליזם. בלאָקס ווירקונג לאָזט זיך פילן אין דער „בלויער“ טאָנאַלקיַיט פון פינינבערגס פּרָזָקן פּערז, אין די מאָטיוון פון דער „אומבאַקאַנטער“ און דער „שיינער דאַמע“, אין דער קריסטלעכ־עטישער באַפאַרבונג פון דער אופאַסונג פון דער רעוואָליוציע. אָבער בלאָקס ווירקונג אַפן פּרָזָקן פינינבערגן איז געווען פאַרמיטלט דורך די טראַדיציעס פון דער יִדישער סימבאָליסטישער שול (דער ניסטער, קוויטקאָ, רעזניק — אין זייער פּרָזָקער פאָרמאַציע) און דורך דער דיכטונג פון אָשער שוואַרצמאַן מיטן „עטיציזמ“ פון זיַין שטאַרבנדיקן „ברודער“. אין א ליד, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן נאָך אין 1921 און איז געווידמעט אָשער

שוואַרצמאַנס אָנדענק, זעען מיר באַזונדערס קלאָר, ווי אין פיניקבערגס פריִיִקער שאַפונג פלעכטן זיך צונויף די ווירקונגען פון בלאָקן און שוואַרצמאַנען; מיר זעען דאָס אויך אין דער ליד וועגן דעם „ניט־געפאַנגענעם הירש" („און סע יאָגט דורך א וועלט ניט־געפאַנגענער הירש"). פון שוואַרצמאַנען גייען אויך די באַליבטע וואָרט־טעמעס פונעם פריִיִקן פיניקבערגן: „מידבער", „היִיל". פון ניסטערן גייט די גאָוועליסטישע פאַנטאַסטיק פון זײַנע פריִיִקע לידער, פון ניסטערן קומט אויך די געשטאַלט פונעם „גייער". איינצלנע פּאָעטישע רעמיניסצענצן שטאַמען פון גאָוואַליסן מיט זײַן „בלויער בלום", פון היינען (די געשטאַלט פון דער ווײנערדיקער „מאַדאַם" פון פיניקבערגס באַוווּסטן „געזאַנג פון מילדן לאַנד" שטאַמט פון היינעס „מאַדאַם" (אין „Das Buch Le Grand"), פון באָדלערן (פיניקבערג האָט ליב צומאָל צו שאַפן „נאַטור־מאָרט" פון לעבעדיקן מענטשלעכן טייג!), פון רילקען, וועמען פיניקבערג ווידמעט זײַנע אייניקע דיכטערישע שורעס.

פאַרן סימבאָליזם, וואָס איז אין טאָך אַן אייגנאַרטיקע דיכטערישע מאָדיפיצירונג פון דער „היִעראָגליפן־טעאָריע", איז כאַראַקטעריסטיש די ווענדונג צו אסאָציאַציעס און איבערלעבונגען פון אָפּגעזונדערטע, פאַרענדיקטע קולטורן; פון דאָרטן שעפּט ער געוויינלעך די באַצייכענונגען פאַר זײַנע „צייכנס". פאַרן פריִיִקן פיניקבערגן איז כאַראַקטעריסטיש די בילדערישקײַט, וואָס איז געבויט אויף ביבלישע אסאָציאַציעס. די פאַרגליווערטע באַדינגלעכקײַט פון די סימבאָליסטישע „צייכנס" האָט געפּענטעט די שילדערונגס־קראַפט פונעם פריִיִקן פיניקבערגישן פּערז, זי האָט אַנטשפּראָכן זײַן דעמלטיקער אידייִישער געפּענטעטקײַט, די „געיאַרשנטע פּענט" פון דער פאַרגאַנגענהײַט. און ס'איז נאַטירלעך, וואָס פיניקבערגס פּערז האָט געזוכט אַן אויסוועג אין דער מוזיקאַלישער סטיכיע: די מוזיקאַלישע סטיכיע דאָמינירט בײַ פיניקבערגן, זי הערשט איבער דער מאָלערישער שילדערישער סטיכיע (לאָמיר זיך דערמאָנען, וואָס פאַר אַן אָרט די מוזיק האָט פאַרנומען אין בלאָקס „טעאָרעטישע אַרויסזאָגונגען, אין איינקלאַנג מיטן אַלגעמיינעם סימבאָליסטישן קרעדאָ, מיט ווערלענס „Sutrout de la musique").

אָבער באַגלײַך מיט די ביכער־קוואַלן, מיט די „קולטור"־קוואַלן, האָט זיך פיניקבערגס דיכטונג גענערט — שוין פון אירע ערשטע טריט אָן — מיט דער רײַכער פאָלקלאָר־סטיכיע; זי האָט אייגנטלעך באַשטעטיקט דעם דיכטערס באַשטענדיקע „פאַרבאָרגענע" נאָענטקײַט צו די ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסן, וועלכע האָט געדאַרפט זיך דורכשלאָגן א וועג דורך די געדיכטע אָנשיכטונגען פון א פרעמדער יערושע.

באַפרײַענדיק זיך פון די סימבאָליסטישע „שלייערן" אינעם פּראָצעס פון זײַן אידייִש־קינסטלערישן וווּקס, בלײַבט פיניקבערגס דיכטונג בײַ איר ראָמאַנטישן קערן, בײַ איר ראָמאַנטישער געשטימטקײַט. די סאַמע בולטע פאַרקערפּערונג פון דער דאָזיקער ראָמאַנטישקײַט אירער איז עפּשער די טיציאַנישע געשטאַלט פון דער „פרוי, וואָס מיטן שפּיגל" אין פיניקבערגס „ערמיטאַזש", די געשטאַלט, מיט וועלכער דער דיכטער פאַרבינדט דעם אייביקן מענטשלעכן טרוים וועגן גליק:

דו, פרוי, וואָס מיטן שפּיגל.
ווונדער־פרוי,

גנאָד פון מילדקייט,
זונ פון דאָרעמ!
דיינ שיינ געזיכט
איכ שטילערהייט פאַרטרוי
געזאנג פון ראנגלעניש,
דעמ כאַלעמ־בלוי
פון מיינע וואָגל־יאָרנ!
(„די קריגנ דויערנ", ז. 17)

די רעוואָליוציע אַלייִנ באקומט בא פיניבערגנ לעגענדאריש־ראָמאנטישע שטריכנ:

— ערד־קייִלעכ!
ברידער געטרייע,
וואַנדערלעכס,
וואַנדערלעכס טוט זיכ
מיט בלוט, מיט געדולד
און מיט פייער
רייִט אינ די שטעט
רעוואָליוציע!
(„אנ ערד אנ אנדערע", ז. 49)

די פאָלקלאָר־סטיכיע מעסיקט די ראָמאנטישע סטיכיע פונ פיניבערגס דיכטונג, ארייִנטראָגנדיק באגלייִכ מיט דער אומיטלבארער „מייִסעדיקייט" איר געפּיל פאר דער רעאַליטעט, איר לעבעדיקע פאָלק־שפּראַכ, איר נאָענטקייט צו דער ערד. אַלס א „מעדיום", אַלס א פארמיטלער צווישנ דעמ דיכטער און דער רעאַליטעט טרעט אָפּט ארויס דאָס „קינד", דאָס „מענטשעלע", וואָס שפּאנט איבער דער הארטער ערד, דריקט פעסט צונויפ אינ זייִנ קינדעריש הענטל די האנט פונ דעמ דערוואקסענעמ מענטשנ און פירט נאָכ נאָכ זיכ דעמ דיכטער.

אינ זייִנ סארקאזמ, וואָס איז געווענדט קעגנ די רעשטנ פונ דער פארגאנגענהייט, דערגרייכט פיניבערגס דיכטונג צו אויסערגעוויילעכע עפּיגראמאטישקייט פונעמ פערז; אינ דער פּאטעטישער אופּאכונג פונעמ באנייִטנ היימלאנד אנטפּלעקט זיכ זייִנ דיכטונג אינ מוזיקאַלישער פליסעוודיקייט, וואָס פארפלייצט צומאָל די בוילעטע קאָנטורנ פונעמ פערז. אָבער אינ אַלע אירע אנטפּלעקונגענ טרעט פיניבערגס דיכטונג ארויס אַלס א רייִכע, קאָמפּליצירטע, אינהאלטלעכע, זינגעוודיקע קאטעגאָריע, וואָס איז מיט טויזנטער פעדעמ פארבונדנ מיט דער מענטשלעכער קולטור און געשיכטע.

VI

די גרונט־סטיכיע פונ פיניבערגס שאפנ איז לירִיק (אינעמ אייגנטלעכנ זינ פונעמ וואָרט). פיניבערג רופט זיכ אָפּ אקטיוו און אומיטלבאר אפ די דערשייִנונגענ פונ אונדזער פּאָליטישנ לעבנ, פונ אונדזער קאמפּ און בוייונג, שאפנדיק מוסטערנ פונ שארפע פּאָליטישע לידער. אינ איינער זייִנער א ליד גיט דער דיכטער א שווע צו „דינענ מיט קלאנגענ און דינענ מיט פערזנ, ווי ס'דינענ באמ גרענעצ די רויטע ארמייער"... ער וויל זייִנ מיט זייִנ הויכער ליד צוזאמענ

מיט די, „וועלכע הייבנ די גאָרנס". צום 15־טנ יאָרטאָג פונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט פינינבערג צונויפגעזאמלט אינ א בוכ מיטנ נאָמענ „XV" (1933) זײַנע פארשיידענע לידער, וואָס זײַנענ דירעקט געווידמעט דער טעמע „דאָס סאָוועטישע לאנד" אונ אונדזער טאָגטעגלעכער ווירקלעכקײַט. ווענ מיר בלעטערנ איבערנ דאָזיקנ בוכ, איבערצײַגנ מיר זיכ ווידער, אז די דאָזיקע טעמע איז דעם דיכטערס אנ אָרגאנישע טעמע. די געזעלשאפטלעכ־פּאָליטישע מאָטיוו פארנעמענ א גרויסנ אָרט אויכ אינ פינינבערגס לעצטנ בוכ „אנ ערד אנ אנדערע" (1934). ווי די העראָיִק פונ בירגערקריג, אזוי געפינט אויכ די העראָיִשע ענערגיע פונ אונדזער רומפולנ „מיטוואָכ" פונ דער סאָציִאליסטישער בויונג שטענדיק א בוילעטנ אונ אייגנארטיקנ אָפּקלאנג אינ פינינבערגס דיכטערישער שאפונג.

אפנ געביט פונ עפּאָס האָט פינינבערג דערווײַל ניט געגעבנ קיינ גרויסע לײַוונטנ. דאָ איז ער לעסאטע נאָכ פראגמענטאריש, אָבער זײַנע פראגמענטנ (ווי צומבײַשפּיל, זײַנ פּאָפּולערע ליד „באמ דניעפּער", וואָס שילדערט אנ עפּיזאָד פונעמ קאמפּ פאר קיִעוו, אָדער די פראגמענטנ פונ דער פּאָעמע „ערעוו") ווײַזנ ארויס א זיכערע עפּישע מאניר, וועלכע נוצט אויס, אגעוו, אויסגעצייכנט, די רײַכע פאָלקלאָרישע טראדיציע. דער סארקאזמ צו דער אָפּגעלעבטער, פוילנדיקער פארגאנגענהײַט גייט דאָ בא פינינבערגנ שטענדיק באנאנד מיט א פײַנ־ניואנסירטער ליבע אונ צארטקײַט צומ דערהייבנ-העראָיִשנ, צומ לעבעדיקנ, צומ בליִענדיקנ.

פינינבערג ווײַזט ארויס א גרויסנ אינטערעס צומ היסטאָרישנ מאטעריאל, באזונדערס צו די גרויסע פיגורנ פונעמ רעוואָליוציִאָנערנ פּראָלעטאריאט (די פּאָעמע „מארקס" אונ אנדערע). פינינבערג פארמאָגט אנ אייגנארטיקנ לירישנ „היסטאָריזמ", א ליריש־פּאָעטישע רעפלעקסיע, וואָס שפּירט נאָכ מיט דיכטערישער לײַדנשאפטלעכקײַט נאָכ דער אנטשטייונג אונ דעמ וווּקס פונעמ פאָלקס־צאָרנ אונ פונעמ האס צו דער עקספּלואטאטארישער געזעלשאפט „אפ דער ניט־אײַנגעאָרדנטער ערד". פינינבערג שטרעבט צו פארקערפּערנ אינ זײַנ פּאָעטישנ פערז — פּאראפראזירנדיק סטענדאלס ווערטער — „די געשיכטע פונ דער רעוואָליוציִאָנערער ענערגיע".

כ׳גיי
בא די קוואלנ אומ
אונ פאָרש
דעמ באָדנ,
דעמ קראפּט־באגינ,
דעמ ערשטנ
טראָט...

פונ דער אָראטעריש־פּאטעטישער ליניע אינ פינינבערגס דיכטונג ווייעט מיטנ גרויסנ סטיל פונ דער קלאסישער רעוואָליוציִאָנערער טראדיציע, אונ דער דיכטער דארפ נאָר דאָ גויוער זײַנ זײַנ פראגמענטארישקײַט אפנ ווענ צומ שאפנ א מאָנומענטאלנ דיכטערישנ דענקמאָל דער היסטאָרישער רעוואָליוציִאָנערער פארגאנגענהײַט.

פינינבערגס לעצטער דיכטערישער זיג איז זײַנ מערקווירדיקע, פּראכטפולע איבערזעצונג פונ געטעס „פאוסט". די איבערזעצונג דארפ איניִכנ דערשײַנענ אונ זי וועט זײַנ א געשעעניש אינ אונדזער סאָוועטישער דיכטונג. פינינבערג

האָט דאָ ארויסגעוויזן די פײַנסטע, אויסגעצייכנטסטע דיכטערישע מײַסטערהאפט סײַ אינעם איבערגעבן די פילאָסאָפישע אפאָריסטישקײַט פון „פאוסט“, סײַ אינעם איבערדיכטן זײַנע געזאנג-לירישע טיילן. פינינבערג האָט געפונען אן אדעקוואטע שפּראך אפ איבערדיכטן אין די גרענעצן פון אן אנדער קולטור איינס פון די גרעסטע ווערק אין דער וועלט־ליטעראטור. דאָס איז א גרויסער, פּראכטפולער זיג פונעם דיכטער פינינבערג, און אין דער זעלבער צײַט איז דאָס א גרויסער, פּראכטפולער זיג פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג, וואָס איז אויסגעוואָקסן און וואָס האָט זיך צעבליט אפן פרוכטבארן סאָוועטישן באָדן אונטער דער זון פון אָקטיאבער.

מאָסקווע, מארט 1935.

י. דאָברושינ

וועגנ קינדער-דיכטונג

1

אז מע האָט געפרעגט איינמאָל סטאַניסלאַווסקינ, דעמ שעפער פונ מאָסקווער קינסטלערישנ טעאַטער, וויאַזוי דארפ מענ שטעלנ א פיעסע פאר קינדער, האָט ער געענטפערט:

— פונקט ווי פאר דערוואקסענע, אָבער נאָכ קלערער.

איז אָט סטאַניסלאַווסקיס איינפאכער טעאַטראַלער מייַסטער-געבאָט קאָנ אָנגעווענדט ווערנ אויכ צו דער שאפונג פאר קינדער אפנ פּאָעטישנ געביט. די, וואָס מיינענ, אז די ליטעראַרישע ספּעציפיק פונעמ קינדער-זשאַנר באשטייט אינ פארלייַכטערטער קוואַליטעט, זי באשטייט, הייסט עס, אינ דעמ, אז, שרייַבנדיק פאר קינדער, דארפ מענ פארמינערנ דעמ גראַד קינסטלערישקייַט, האָבנ א גרייַלעכנ טאָעס.

פאר קינדער דארפ מענ שרייַבנ קלאָר, ווי סטאַניסלאַווסקי זאָגט, אָבער פונקט ווי פאר דערוואקסענע. מע דארפ, הייסט עס, פארלייַכטערנ דעמ אינהאַלט, מאכנ צוגענגלעכ די טעמע, אָבער ניט אראָפּלאָזנ פונ דער קינסטלערישער הייכ. אדערבע, פארקערט, די איינפאכערע טעמע, דעמ פארקינדערשטנ, אזוי צו זאָגנ, אינהאַלט דארפ מענ ערשט דערלאַנגענ מיט מער פארשטאַרקטע קונסט-מיטלענ. ביכדיי דער פארגרינגערטער עלעמענטאַרער געדאַנק זאָל אָנהייבנ קלינגענ אָריגינעל, אפ צו פארקריצנ זיכ אינעמ קינדס געדענק-אפּאַראַט דארפ מענ אימ אויסטיילנ פאָר אלעמ פונ א ריי אנדערע אלגעמיינע געדאַנק-אָביעקטנ, וואָס באשעפטיקנ דעמ קינד אינ זייַנ טאָג-טעגלעכקייַט. די דיכטערישע שורע פאר קינדער דארפ דעריבער פארמאָגנ אירע אייגענע אייַנדרוק-אונ אויסדרוק-מיטלענ, זי דארפ זייַנ דיכטעריש אינ פולנ זינ פונ וואָרט, זי דארפ, הייסט עס, פארמאָגנ איר אייגנארטיקע פּאָעטישע ספּעציפיק.

אינ וואָס זשע דריקט זיכ אויס די ליטעראַריש-קינסטלערישע ספּעציפיק, וואָס קאָנ פארכאפּנ אונ באווירקנ דעמ קינדס געדאַנק אונ געפילנ?

קונסט ווירקט דאַנ, ווענ זי רייַסט זיכ אריַינ אינעמ געברויכערס איבערלעבונג-וועלט, ווענ זי באַרירט די פעדעמער פונעמ לייענערס געדאַנקענ- אונ געפילנ-געוועב אונ פלעכט פונ זיי א נייַע אינהאַלט-מאַטעריע, אריבערפירנדיק זיי אינ פלאַנ פונ ברייטערנ, גרעסערנ אונ טיפערנ וועלטבאנעמ אונ דערקענטניש-מעגלעכקייַטנ.

די שאפונג, וואָס איז באשטימט צו באווירקנ דעמ קינדס וועלט-אויפאסונג,

דאַרף אויך זײַן געווענדט אַף דער ליניע פֿונעם קינדס געדאַנקען-און געפֿילן-גאַנג, זי דאַרף פֿאַרמאָגן אַ באַוווּסטן גראַד קינדישקײַט, באַוווּסטע עלעמענטן פֿון דעם קינדס אַרט דענקען, פֿילן און ריידן, נאָר דאַן וועט די דאָזיקע שאַפֿונג פֿאַרכאַפּן דעם קינדס אויפֿמערקזאַמקײַט, ברענגען אין באַוועגונג זײַן אײַנדרוקן-קרײַז און אויסקערן אים מיטן פּנים צו די לעבנס-אָביעקטן און פּאַסירונגען, וואָס דער קינסטלער האָט אָרגאַניזירט, קינסטלעריש באַוויזן און באַלויכטן.

איז מיט וועלכע ספּעציפֿישע הויפּט-אייגנשאַפֿטן קאָן מען באַצייכענען די קינדישקײַט, דעם קינדס אַרט דענקען, פֿילן און ריידן, דעריקער?

ערשטנס. דער באַגריף, דאָס פֿאַראַלגעמײנערונג-וואָרט קומט אָן צום קינד אַ סאַך שווערער און שפּעטער איידער דאָס וואָרט, וואָס באַצייכנט אַ קאָנקרעטן, אַ דעאַלן אָביעקט. אַז אַ קלענער קינד ברויכט אַפֿילו דאָס וואָרט „בלום“, ברויכט ער עס זיכער אַנדערש ווי דער דערוואַקסענער. מיטן דאָזיקן וואָרט באַצייכנט ער, אייגנטלעך, די קאָנקרעטע רויז, פֿיאַלקע, צי נעגעלע, וועלכע ער האָט בעשאַס-מײַסע אין זינען. דער פֿאַראַלגעמײנערונג-באַטײַט פֿונעם וואָרט „בלום“ קומט צו אים געוויס ניט אָן, אָט ווי ער וועט בעשומויפֿן ניט אופֿכאַפּן, ניט באַגרײַפֿן און ברויכן אַפֿילו דאָס וואָרט „געוויקס“, צי „פֿלאַנצונג“, אין וועלכע די פֿאַראַלגעמײנערונג גייט ווײַטער און ברייטער.

דערפֿון שטאַמט דאָס, וואָס דאָס קינד גיסט צונויף פֿולשטענדיק דאָס גע-ברויכטע וואָרט מיטן אָביעקט, וועלכן דאָס וואָרט באַצייכנט. דאָס וואָרט גיסט דאָס קינד צונויף פֿולשטענדיק מיט די באַגרענעצטע אייגנשאַפֿטן פֿונעם אָביעקט, וועלכע ער כאַפּט אויף און באַנעמט. „אַ ציג רופֿט זיך ציג דערפֿאַר, ווײַל זי האָט הער-נער“ — אַזוי לערעך פּאַסט אויף דאָס קינד די געהעריקײַט פֿונעם וואָרט צום אָביעקט, ווײַל אינעם וואָרט, אין די קלאַנגען פֿונעם וואָרט זעט ער אײַן די באַמערקטע אייגנשאַפֿטן, וועלכע ער קאָן ניט אָפּטיילן און אָפּרײַסן פֿונעם וואָרט.

די שײַכעס פֿונעם וואָרט צום אָביעקט איז באַם קינד אַף אַזאַ אויפֿן אויסגעדריקט שטאַרקער, בילדערישער, פֿאַרביקער איידער באַם דערוואַקסענעם. דאָס וואָרט באַטײַט פֿאַרן קינד אַ וועזנטלעכן טייל פֿונעם אָביעקט, ער זעט און הערט דאָס וואָרט אין זײַן ענגערער און מער פֿעסטער באַציִונג צום אָביעקט איידער דער דערוואַקסענער. אָבער פֿון דער צווייטער זײַט, טאַקע דערפֿאַר, וואָס דאָס קינדיש וואָרט זאַפּט אײַן, אַזוי צו זאָגן, דעם אָביעקט, קאָן ער עס אין אַ באַוווּסטן פֿראַט אָפּרײַסן פֿונעם אָביעקט, ער קאָן עס יעדנפֿאַלס טאָן לײַכטער איידער דער דערוואַקסענער. דאָס וואָרט הייבט אָן דעם קינד פֿאַרבײַטן דעם אָב-יעקט, עס הייבט אָן לעבן בײַ אים אין געדאַנק מיט אַן אייגענעם זעלבשטענדיקן לעבן. דאָס קינדיש וואָרט איז אַף אַזאַ אויפֿן נעענטער צו דער ווירקלעכ-קײַט און ווײַטער פֿון דער ווירקלעכקײַט איידער באַם דערוואַקסענעם.

און דאָ קומט דאָס צווייטע. דאָס, וואָס דאָס קינד באַלעבט פֿולשטענדיק דאָס וואָרט, פֿירט אים צו באַדינגלעכקײַט און פֿאַנטאַסטיק. אַז אַ קינד זעט אײַן אין זײַן שפּיל-געצײַג אַן עמעסן און ווירקלעכן אָביעקט, איז עס ניט דערפֿאַר, ווײַל ער נאַרט זיך אײַן די אייגנשאַפֿטן פֿונעם שפּילכל, פֿאַרקערט — ער ווייסט,

אז ס׳איז ניט קיינ עכטער, ניט קיינ „עמעסער“, ווי ער זאָגט. — אָבער אינעמ וואָרט, מיט וועלכנ ער באצייכנט דאָס שפילכל, זעט ער אײַנ אלע אייגנשאפטנ פונעמ אָביעקט, ער באלעבט זיי דורכנ וואָרט און לייגט זיי ארײַנ אינעמ טויטנ באגרענעצטנ און סכעמאטיש פארפאסטנ שפיל-געצײַג.

די באדינגלעכקײַט צעשטערט ניט דעריבער, לאכלוטנ ניט, דעמ קינדס צוגעבונדנקײַט צו דער רעאליטעט. א קינד באמערקט, אדעראבע, נאָכ מער פונ א דערוואקסענעמ ניט קיינ פינקטלעכקײַט אינ דער זאכ, וועלכע איז אימ באקאנט אונ באוווסט, דאָס קינד איז אינ טאָג א רעאליסט. די באדינגלעכקײַט, אינ פלאנ פונ וועלכער ער פירט זיכ אָפט אריבער, איז אויכ פאר אימ בעעצעמ א לעבעדיקע, א קאָנקרעטע אונ א ווירקלעכע.

די פאנטאסטיק, וואָס פירט צו סימבאָליק אונ מיסטיק, די פאנטאסטיק, וואָס פילט אָנ דעמ קינדס וועלט מיט מעכאשייפימ אונ רוכעס, מיט פארשיידענע אי־בערנאטירלעכע וווּנדער-באשעפענישנ, אזא ארט פאנטאסטיק איז געוויס שעדלעכ פאר דעמ אנטוויקלונג־גאנג פונעמ קינדס געפיל אונ געדאנק. טאקע דערפאר, וואָס דאָס קינד פאסט דאָס אלצ אופ ווי א רעאליטעט, צעשטערנ די אלע מיסטישע ווונדער־עלעמענטנ זײַנ פאָרשטעלונג וועגנ דער ווירקלעכקײַט מיט איר אורזאכלעכקײַט, וועלכע ער הייבט אָנ ערשט אָנפאנגעריש צו באגרײַפנ. די קישעפוועלט מאכט אימ פאסיוו,—קיינ ווונדער קאָנ מענ דאָכ ניט באזיגנ — זי פארפלאנצט אינ אימ דאָס געפיל פונ שרעק אונ פאכעד אונ ווירקט פארדארבעריש אפ דער אויסבילדונג פונעמ קינדס כאראקטער אונ טעווע.

אנדערש איז אָבער די יעניקע פאנטאסטיק, וואָס איז פארבונדנ מיט די אויבנ דערמאָנטע באדינגלעכקײַט־אייגנשאפטנ פונעמ קינדס קאָנקרעטער וועלט-אויפאסונג. די ריידנדיקע כײַעס אונ פויגלענ, די פארמענטשלעכטע זאכנ אונ פלאנצונגענ צעשטערנ ניט באמ קינד די רעאלע באציִונג צו זיי, אָט ווי די באציִונג צומ שטול, וואָס ווערט באמ שפילנדיקנ קינד פארוואנדלט אינ אנ אווטאָמאָביל, צומבײַשפיל, שטערט אימ ניט צו וויסנ אינ דער זעלבער צײַט, אז ס׳איז בעעמעסנ א שטול אונ ניט קיינ מאשינ.

די דאָזיקע צוויי פלענער אינעמ קינדס אופאסונג־סיסטעמ שטאמענ דאָכ פונ דער אזויגערופענער סינקרעטישקײַט, וועלכע איז אנ אייגנשאפט פונעמ קינדס אָנפאנגערישער וועלט-אופאסונג, בעשאס ער באנעמט נאָכ ניט דעמ צוזאמענהאנג אונ די אורזאכלעכקײַט פונ זאכנ אונ געשעענישנ. דאָס קינד אינדיווידואליזירט ניט דאנ אונ גרענעצט ניט אָפ אינגאנצנ איינ אָביעקט פונעמ צווייטנ, פארקערט, ער אסאָציִירט אונ פארייניקט זיי אינ געדאנק, לויט זייערע אויסערלעכע ענלעכקײַט-צייכנס, ער באהעפט זיי דורכנ וואָרט, דורכנ קלאנג אונ באלעבט אפ אזא אופנ די ארומיקע שטומע וועלט. דער טויטער אָביעקט, הייסט עס, וואָס איז ענלעכ אפנ לעבעדיקנ אונ ריידנדיקנ, באקומט באמ קינד שפראכ אונ באוועגונג, ניט ארויסגייענדיק בעעצעמ פונ זײַנ ווירקלעכער פארנ קינד שטומקײַט אונ אומבאוועגלעכקײַט.

אָבער גראָד די באלעבונג פונ דער טויטער וועלט, די שטומע נאטור, וואָס דערציילט אליינ אונ לאָזט זיכ הערנ, איז אנ עמעסער דערקענטעניש־קוואל פארנ

קינד, ער אליין לעבט דאָך אויך אויס זײַן געדאַנקלעכן פּראָצעס אינעם מאַטע-ריאַליזירטן וואָרט, מער פונעם דערוואַקסענעם פאַרווירקלעכט ער זײַן געדאַנק דורכן אַרויסגערעדטן וואָרט, דאָס קינד רעדט דאָך אַפילו אַליין מיט זיך, ער מאַכט דורך, הייסט עס, דעם אויסגערופענעם עגאָצענטרישן לעבנס-פּעריאָד, ביז ער קומט אָן, שפּעטער שוין, צו דער „אינוויינעוויקסטער שפּראַך", צו דער שפּראַך פונעם בלויזן געדאַנק, וואָס פאַרבײַט דאָס אַרויסגערעדטע וואָרט מיט באַגריף און באַזונענדיקער, אין זיך דורכגעמאַכטער פאַראַלגעמיינערונג.

איז דאָך שוין קלאָר, אַז אין דער דיכטונג פאַר קינדער פּאַסט די הויפּט-אָנלאָדונג אָפּ דער ספּעציפיק פונעם וואָרט, וואָס דאַרף פאַר אַלעם אָפּשפּיגלען דעם ספּעציפישן געדאַנק און טאַט פונעם קינד. אין דער קינדער-שאַפונג פאָדערט זיך קוואַליטעט פון קינסטלערישן אויסדרוק, קוואַליטעט, וואָס לערנט און גיט צו פאַרשטיין און פירט אָן מיטן קינדס געדאַנקען-וועלט, די קינדער-שאַפונג דאַרף זײַן טאַקע, ווי סטאַניסלאַווסקי האָט פאָרגעלייגט:

— א שאַפונג פּונקט ווי פאַר דערוואַקסענע, נאָר נאָך קלערער, איינפאַכער, פאַרשטענדלעכער און ווירקעוודיקער.

2

אַזאַ אַרט שאַפונג איז אָן ספק די קינדער-דיכטונג פונעם סאָוועטישן דיכ-טער ל. קוויטקאָ. די אײַנדרוק-קראַפט פון קוויטקאָס קינדער-ליד באַשטייט דאָך געוויס אין דעם גראַד „קינדישקײַט", וועלכן קוויטקאָ האָט אַרײַנגענומען אינעם אינ-האַלט און פאָעטיק פון זײַן קינדער-דיכטונג. די אייגנשאַפטן פון קוויטקאָס קינדער-ליד זײַנען פאַר אַלעמען — קאָנקרעטקײַט און רעאַלקײַט. רעאַליסטיש-קאָנקרעט איז דער אינהאַלט, טעמע און סוזשעט פון קוויטקאָס קינדער-ליד, רעאַליסטיש-קאָנקרעט און זאַפטיק איז בײַ אים דאָס וואָרט, וואָס דינט פולשטענדיק די אויבן דערמאָנטע פּרינ-ציפּן פון קינדישן וואָרט-געברויך. קוויטקאָ געפינט אויס דאָס וואָרט, וואָס קלאַ-מערט זיך, דאַכט זיך, אײַן אינעם געשילדערטן אָביעקט אין דער געשילדערטער לאַגע, א וואָרט א רעליעפס און קלינגענדיקס, וואָס הערט זיך און זעט זיך אָן און איז אַזוי דערציילעריש פּראָסט און אַזוי דערציילעריש אויסדריקלעך.

ווײַט פון איר געצעלט,
אָפן געלן פעלד,
איז בײַ דער באַבע שלאַק
אַרויסגעוואָקסן
דער גרעסטער קאַבאַק.

(„פאַר די קינדערסוועגן", ז. 52)

אָדער:

און די שוואַלב,
און די שוואַלב,
אָן א שרײַ,
בויעט שוועך,

בויעט שוועך
איר געבײַ.

און ניט פויל
מיטן מויל,
מיט די פיס,
הינט און הער,
פון דער ערד
צום קארניז.

(„פאר די קינדערסוועגנ", ז. 50)

אפילע פון די דאָזיקע צופעליק ארויסגענומענע שורעס פון קוויטקאָס א פאָר קינדער־לידער איז צו זען, אז, ערשטנס: קוויטקאָ, וואָס שרײַבט זײַנע לידער פאר די קלענערע קינדער און אויך פאר די קינדער פון די ערשטע קלאסן, זוכט אויס דאָס וואָרט און שורע, וואָס פירט דירעקט און גלײַך און לאקאָניש צו די געשילדערטע אָביעקטן און טעמע. ס'איז דאָך צו באמערקן, אז אין זײַנע בעסערע, אויסגעצייכנטע לידער מײַדט אויס קוויטקאָ דעם אָרנאמענט, דאָס רעטאָרישע בילד, די באפוצנדיקע מעטאפאָר. קוויטקאָס עפיטעט איז א זאכלעכער, פונקט ווי דער סובסטאנטיוו נעמט ער ארום די נייטיקע פארן קינד אייגנשאפטן פונעם געשילדערטן אָביעקט און ניט מער. אזא באציִונג צום וואָרט האָט דאָך, ווי געזאָגט, דאָס קינד געפעט. דאָס זעלבע איז אויך בענעגייע דעם געשילדערטן טאט. אין די נאָרוואָס געבראכטע שורעס ווי: „די שוואלב בויעט שוועך איר געבײַ. און ניט פויל מיטן מויל" אאוו. איז דאָך צו זען, ווי קוויטקאָ פאָלגט נאָך נאָכן קינדס אויג, וואָס כאפט אוף איינס נאָך איינס די דעטאלן פון דער שוואלבס בוי־ארבעט, דערבײַ דינט דער ריטם פון די קורצע שורעס און די ווערטער־איבערכאזערונג אפ איבערצוגעבן די מי־פולע באשעפטיקונג פון דער שוואלב, וואָס איז נאָענט דעם קינד, ווײַל ער אליין איז דאָך אויך אפט זעלבן אויפן מי־פול באשעפטיקט אין זײַנע אייגענע „ארבעטן"...

די אָנשוילעכקײַט פון קוויטקאָס קינדער־וואָרט איז אַן אויסגעצייכנטע. דערבײַ איז צו באמערקן, אז קוויטקאָס פאָעטיק פאר קינדער איז מער געבוים אפ די מינדלעכע רייד־אייגנשאפטן פון דער שפראך, איידער אפ די שרײַב־אייגנשאפטן. דאָס דאָזיקע פארוואנדלט ווידעראמאָל קוויטקאָס שאפונג פאר קינדער אין עכטער קינדער־שאפונג, דאָס קינד אליין האָט דאָך אויך ווייניקער שײַכעס צו די אינדיווידועלע געדאנקלעך־פארזיכדיקע שאפונג־פראָצעסן פון דער שרײַב־שפראך איידער צו די קאָמוניקאטיווע, דירעקט צו א צווייטן געווענדעטע סטיל־אייגנשאפטן פון דער מינדלעכער שפראך, פון דער רייד־שפראך.

און דאָ קומט אוף די נאָענטקײַט פון קוויטקאָס קינדער־דיכטונג צום פאָלקלאָר־שאפן, וואָס איז לויט דער טעווע א מינדלעכע שאפונג, א שאפונג, וואָס איז פארבונדן מיטן ארויסגערעדטן וואָרט.

די פאָלקלאָריסטישע עלעמענטן פון קוויטקאָס קינדער־דיכטונג זײַנען גאנץ קענטיקע און מערקבארע. אָבער ווייניקער פון אלץ ברויכט קוויטקאָ פארטיקע צי סטיליזירטע, אזוי צו זאָגן, פאָלקלאָריסטישע מוסטערן. אפילע אזא ליד ווי „קינדרע קא־

פינדרע איציק פיק, כ'קאָנ א מײַסע אַנ אנטיק" — די דאָזיקע ליד, וווּ יעדע שורע קימאַט געהערט דעמ פאָלקלאָר, שטעלט מיט זיכ בעשומוייכנ ניט פאָר קיינ סטי-ליזאַציע, דערפאַר, ווײַל די פאַרטיקע פאָלקלאָר-שורע ווערט דאָ געברויכט בא קוויטקאָנ, ווי אַ גרייטער ציגל אינ דער נײַער שפּיל-געבײַדע, וואָס ער האָט דאָ אופגעשטעלט. אינ דער ליד שפּילט זיכ דער דיכטער צוזאַמענ מיטנ קינד מיט די דאָזיקע פאָלקלאָר-ציגל, אונ ס'באַקומט זיכ א מינ אנטבלויזונג, אַנ אינטערעסאַנטע קינדישע פּאַראָדיע אַפ דעמ אויפנ, ווי דער פאָלקלאָר-שעפער האָט געברויכט זײַנע באַוווּסטע קלישירטע שורעס פונ דער קינדער-מײַסע...

קוויטקאָ נוצט געוויס פאָלקלאָריסטישע רעדנסאַרטנ אינ זײַנ קינדער-דיכטונג, אָבער ער ברויכט זיי אַזוי טאַקטיש-אײַנגעהאַלטנ אונ איבערגעדיכטעט, אַז ניט זיי בילדנ דעמ פאָלקלאָריסטישנ גרונט אינ קוויטקאָס קינדער-שאַפונג.

אינ וואָס זשע באַשטייט פאָרט די פאָלקלאָריסטישקײַט פונ קוויטקאָס קינדער-ליד? זי באַשטייט טאַקע ניט אינעמ קאָפּירנ אָדער אַזוי צי אַנדערש סטיליזירנ דעמ קינדער-פאָלקלאָר, ווי פילע קינדער-שרײַבער טוענ עס, זי באַשטייט אינ דעמ, וואָס קוויטקאָ האָט די פאָלקלאָר-אייגנשאַפטנ, ריכטיקער, באַוווּסטע אייגנשאַפטנ פונ-נעמ פאָלקלאָריסטישנ שאַפונג-פּראָצעס האָט ער אַרײַנגעבראַכט אינ דער אינווי-ניקסטער סטרוקטור פונ זײַנ אייגענער אָריגינעלער קינדער-ליד, ער האָט באַהעפט אַפ אַזאַ אויפנ צוויי רייד-זשאַנרענ, וואָס לאָזנ זיכ באַהעפטנ אונ פאַרייניקנ.

קומט באבע בלומצי,
צו קינדערלעכ קומט זי:
— נעמט מיכ אַרײַנ,
א שלאָגלערנ זײַנ!

(„פאַר די קינדערסוועגנ", ז. 45)

דאָ האָט קוויטקאָ אייגנאַרטיק אויסגענוצט דעמ פּאָעטישנ שטייגער פונ דער פאָלקסליד, וואָס מײַדט אויס מייסטנס די רעמאַרקע. די פאַרבינדונג צווישנ די ערשטע אונ די לעצטע פּאָר שורעס פעלט דאָכ דאָ אינ דער ליד, ס'פעלט, הייסט עס, די דירעקטע אָנווײַזונג, אַז די לעצטע צוויי שורעס געהערנ דער באבע בלומצי. אינ דער מינדלעכער קאָמוניקאַטיווער שפּראַכ ווערט אַזאַ אַרט „בלויז" אויסגעטײַטשט ערטערווײַז דורכנ טאָנ-ענדערונג אונ אַפילו כאַראַקטער-באַוועגונג.

אונ נאָכ די דאָזיקע פיר שורעס זעצט פאָר קוויטקאָ די ליד אַפ אַזאַ אויפנ:

ווער העלפט בא דעמ שניט?
די באבעצי בלומצי!
ווער קלײַבט, וואָס צעשיט?
די באבעצי בלומצי!

ס'איז קלאָר, אַז צווישנ אָט די שורעס מיט די ערשטע פיר איז פאַראַנ באַמ דיכ-טער א בלויז, א מינ ניט אַרויסגעזאָגטע רעמאַרקע וועגנ דעמ, אַז די קינדער האָבנ אָנ-גענומענ דעמ באבעצי בלומציס פאָרשלאָג אונ אַרײַנגענומענ זי פאַר א שלאָגלערנ — ס'באַקומט זיכ, אַז די ערשטע פיר שורעס קומענ ווי אַנ אַרײַנפיר צו דער ליד, וואָס הייבט זיכ אָנ פונ דער שורע „ווער העלפט בא דעמ שניט?" אונ גייט שוינ ביזנ

סאָפּ מיט איינ אויסבאהאלטענעמ ריטמ אונ פערזנ-געמעל, סײַ דער עליפּס, די דורכ-געלאָזענע, הייסט עס, רעמארקע, סײַ דער דערציילערישער אוריינפיר פונ די ערשטע שורעס געהערט פולשטענדיק צו די אייגנשאפטנ פונ דער פאָלקלאָריסטישער קאָמוּ-ניקאטיווער רייד-שפּראַכ, די אייגנשאפטנ, וואָס קוויטקאָ האָט אזוי געראָטנ אונ אָר-גאניש פארפלאנצט אינ זײַנ קינדער-ליד.

— אנא וואנא, בריגאדיר,
עפנ אופ פונ שטאל די טיר,
ווײַז די נײַע, שיינע
כאזערלעכ די קליינע!
— שפּעטער, שפּעטער, כעוורעלײַט,
איצט דאָ ניט ראשנ.
כ'האלט דאָכ איצט די כאזערלעכ
גראָד אינמיטנ וואשנ.

(„פאר די קינדערסוועגנ", ז. 33)

דער דיאלאָג-כאראקטער פונ דער דאָזיקער באוווסטער שוינ, אויסגעצייכנטער ליד, דאָס, וואָס די שילדערונג קומט פאָר בלויז דורכנ דיאלאָג, וואָס גיט צו וויסנ אויכ וועג זײַנענ די אָנטיילנעמער פונעמ געשפּרעכ — די דאָזיקע ספּעציפיק האָט דאָכ אויכ איר אָרגאנישע שײַכעס צו דער פאָלקסליד אונ אפילע צו דער פאָלקלאָ-ריסטישער קינדער-ליד, וועלכע האָט אפנ בעסטנ אויפנ געוווסט צו באדינענ דעמ מינדלעכנ כאראקטער פונעמ קינדס וואָרט-באנוצ.

פייגעלע, פייגעלע,
— פּי פּי פּי,
ווו איז דער טאטע;
— דאָ ניט הי!

אָדער:

אליע-ליוליע, יאָסטע,
וויפל פייגעלעכ האָסטו?
— איכ האָב איינ טויב,
די טויב ברענגט מיר קאָרנ.

דאָס זעלבע איז אויכ אינ דער באוווסטער פאָלקלאָריסטישער ליד „אלטער יידעלע, קאלטער יידעלע, קריכ אראָפּ פונ אויוונ", ווו דער דיאלאָג באקומט פולשטענדיק א סוזשעטישע אנטקוויקלונג אונ איז דעריבער אזוי לעבעדיק אונ כאראקטערפול.

אָריגינעל ביז גאָר אונ באלערעוודיק אינ דעמ פראט איז דער קאָמפּאָזיציאָ-נעלער געבוי פונ דער ליד „לענקע שוינ א גרויסע", ווו קוויטקאָ האָט מײַס-טעריש איבערגעדיכטעט די סטרוקטור-פרינציפּנ פונ דער פאָלקלאָריסטישער דער-ציילונג-ליד. די ערשטע שורעס פונ דער ליד שטעלנ מיט זיכ פאָר א ווענדונג צומ קינד, צו לענקענ, דערנאָכ קומט לענקעס ענטפער, דערנאָכ — די געשיכטע

גופע. אדאנק די עליפסנ, די איבערגאנג־בלויזנ צווישנ די אלע דרײַ טײלנ, האָט זיכ קוויטקאָס קינדער־ליד באקומענ א שטײַפ־געפרעסטע, ס׳האָט זיכ באקומענ א געשטאלטנ־ליד, אונ לענקעס פיגור איז ארויס אנ אָנשוילעכ־לעבעדיקע מיט אירע אייגענע רייד אונ אייגענער, אזא מינ קינדיש־ווונדערלעכער האנדלונג.

אינ זײַנע גלענצנדע מײַסטערישע קינדער־לידער: „אנא־וואנא, בריגאדיר", „די באבעצי בלומצי", „לענקע שוינ א גרויסע", „קראָען אונ שוואלבנ", „קאבאקעס", „דאָס פערדל פונ באנאכט" אונ נאָכ אונ נאָכ — אינ די אלע קינדער־שאפונגענ האָט קוויטקאָ אנטוויקלט א זעלטענע דערפינדערישקײַט אפנ געביט פונ פארברויכנ די אייגנשאפטנ פונ דער רייד־שפראכ, וואָס אנטשפרעכט דעם כאראקטער פונ דעם קינדס וועלט־באנעמ. זײַנ נײַע סאָוועטישע טעמאטיק האָט קוויטקאָ באהעפט מיט דער סטרוקטור פונעמ אָרגאנישנ פארנ קינד קאָמוניקאטיווג וואָרט אונ סטיל, אָט אינ דער דאָזיקער ספעציפיק ליגט די פונ אלעמענ באמערקטע „קינדישקײַט", די עכטקײַט פונ די לידער, וואָס קוויטקאָ שאפט טאקע פאר די קינדערסוועגנ.

צו אָט דער ספעציפיק געהערנ אויכ די מנעמאָנישע עלעמענטנ, די פארגע־דענק־מיטלענ, וואָס קוויטקאָ פירט ארײַנ אינ זײַנ קינדישער ליד אונ מיט וועלכע ער באגייט זיכ אזוי שטרענג אײַנגעהאלטנ אונ טאקטיש. סײַ די רעפרענישע איבערכאזערונגענ פונ די שורעס, וועלכע קלינגענ אמאָל אזוי ליריש („א בריוו דעמ כ׳ וואָראָשילאָוו") אונ אמאָל שארפ הומאָריסטיש („סאנקאָמ") אונ סײַ דער קלאנגענ־שריפט, וואָס קוויטקאָ ברויכט גאנצ אָפט אונ גאנצ באוווסטזיניק:

הירשל, שטאלטנער,
שלאנקער הירש.
לויפט אדורכ — שארש־שישר

(„פאר די קינדערסוועגנ", ז. 29).

אָדער:

אונ פריש איז די לופט.
א פייגעלע רופט.
כ׳האָב עס אליינ אלצ אויסגעפרווט.

(„פאר די קינדערסוועגנ", ז. 32).

אונ:

קלאפנ אפנ פלאסטער,
קאָפּיטעס סע קלאפנ,
קאָפּיטעס די פעסטע
פלאסטער־שטיינ באטאפנ.

(„פאר די קינדערסוועגנ". ז. 98).

די דאָזיקע בוכשטאבנ־שפיל, פונקט ווי די רעפרענארטיקע שורעס, זײַנענ אנ אויסגעפרווט מיטל, וואָס ציט צו דעמ קינדס אויפמערקזאמקײַט אונ פארקארבט זיכ אינעמ קינדס זיקאָרנ. די מוזיקאלע טאָנאליטעט פונעמ קלאנגענ־שריפט אונ פונ דער איבערגעכאזערטער סטראָפיק ריידנ ווידעראמאָל צומ קינדס געהער, זיי פאר־שטארקנ דעמ אינהאלט־אײַנדרוק פונעמ וואָרט, רופנ ארויס א נײַע ריי אסאָצי־

אציעס, וועלכע קומענ אופ באמ קינד לויט דער ליניע פונ קלאנגענ-ענלעכקײַט אונ געוועב פונ די שורעס.

דערבײַ, אָבער, געדענקט קוויטקאָ שטענדיק וועגנ דער געפאר פונ סטיליזאציע, וואָס איז מעגלעכ באמ געברויכ פונ אָנגענומענע פארפיקסירטע פאָרמ-מיטלענ. סטיליזאציע קומט דאנ, ווענ די פארווענדטע פאָרמעלע אייגנשאפטנ קומענ פאר-טיקערהייט פונ א פרעמדנ אינהאלט-פארמעג, פארבונדענע מיטנ דאָזיקנ פארמעג. ניט-האָבנדיק קיינ שײַכעס צומ צײַט-גײַסט פונ דער שאפונג, ווערנ זיי ווערנ מע-כאניש טראנספלאנטירט, ווערנ זיי פארוואנדלט אינ בלויזנ סטיליזירטנ אונ ארכײַישנ אָרגאמענט, אינ טויטער פאָרמ צוליב פאָרמ.

קוויטקאָ אָבער שטעלט דעמ טראָפ פאָר אלעמ אפנ נײַעמ אינהאלט, אפ זײַנ אייגענעמ געדאנקענ-טאָכ פונ דער ליד. קוויטקאָ איז העכסט אינהאלטלעכ, קאָנ-קרעט-אינהאלטלעכ אינ זײַנ קינדער-דיכטונג. אונ די געברויכטע פאָרמ-עלעמענטנ, אומאָפהענגיק פונ זייער אָפשטאמונג, האָבנ בא אימ בלויז פונקציאָנעל-באדינע-רישע אייגנשאפטנ, זיי שטרײַכנ אונטער דעמ אינהאלט, רוקנ אימ ארויס אפנ פאָדערגרונט, מאכנ אימ טאקע קלאָר אונ בוילעט פארנ קינדס אופאסונג אונ וועלטבאנעמ.

א שלאָגלער מײַנ ברודער,
פרעמירט אינ ווארשטאט,
א יאט איז מײַנ ברודער,
שוינ איינמאָל א יאט!
כאוועך וואָראָשילאָוו,
כ'האָב ליב אימ אזוי!
כאוועך וואָראָשילאָוו,
דאָס לאנד אימ פארטרוי!

אונ ווײַטער אינ דער ליד:

א שלאָגלער מײַנ ברודער,
דער בעסטער בא אונדז,
ער וועט זיי באווײַזנ
א קריכנ צו אונדז!
כאוועך וואָראָשילאָוו!
אונ טאָמער... ער פאלט,
כאוועך וואָראָשילאָוו,
איז שרײַב מיר דאנ באלד!

(„פאר די קינדערסוועגנ”. ז. 96—97).

דאָס איז אייגנטלעכ א מוסטער-ליד, א מוסטער פונ א פאָליטישער ליד פאר קינדער. די סיסטעמ פונ די איבערכאזערונגענ, די עכט קינדישע יעדער-רעגע-דיקע ווענדונג צומ „כאוועך וואָראָשילאָוו”, דער דערציילעריש-ארײַנפירערישער אָנהייב פונ דער ליד, וואָס גייט באלד עפּיפסארטיק אריבער אינ דיאלאָג-פאָרמ: „כאוועך וואָראָשילאָוו, כ'האָב ליב אימ א סאכ!” — די אלע אויבנ ארומגערעדטע

קאָמוניקאַטיווע און מנעמאָנישע אייגנשאַפטן, וואָס קוויטקאָ ברויכט, זײַנען עפעק־טיוו און ווירקעוודיק דערפאַר, ווײַל זיי גייען באַנאַנד מיט אַן אָנגעזעטיקטן אינ־האַלט, זיי באַדינען די רײַ קאָנקרעטע פאַקטן, וואָס קוויטקאָ באַווײַזט אויסצורע־כענען אין קאַרגע געציילטע שורעס, און די ליד ווערט טאַטפול און לעבנספול, אַזוי ליבלעך און וואַרעם איז דאָ געשילדערט די באַציִונג פונעם קינד צו דער רויטער אַרמיי, א באַציִונג, וואָס איז אויסגעדריקט מיטן כאַראַקטער פונעם קינדס וואָרט און סטיל...

קוויטקאָס בעסערע קינדער־לידער צייכענען זיך געוויס אויס מיט דער פאַק־טאָגראַפיע, מיט דער באָאַבאַכטונג פון דעטאַלן, וואָס קוויטקאָ מאַכט דורך קינדיש אַזוי, מיטן קינד און פאַרן קינד. אין דער ליד „לעמל נאַשער" שטייען זיי פאַר די אויגן, לעבעדיקע, אָנשוילעכע, די פּאַסירונגען און איבערלעבונגען פון לעמלס א זומער־טאָג. זעלטן־ווען ס׳גיט זיך אײַן א קינדער־דיכטער טראָט נאָך טראָט און שטריך נאָך שטריך מיט אַזאַ אינווייניקסטער באַהאַוונטקייט פאַרפיקסירן אין נאָכאַנאַנדיקער אָרדענונג דעם קינדס אופירונגען און שפּילערײַען. „לעמל נאַשער" איז אַן אויסגעצייכנטע ליד, האַגאַם דער סאָף, ווו ס׳ווערט געשילדערט, ווי לעמלס כאַווער באַשטראָפט אים, נעמט צו די בענקלעך, לאָזט אים, לעמלען, זיצן אין דער הייך אָפן הרובע און קומט דערנאָך מיט די כאַווערים און שרעקט אים איבער אַן אײַנגעשלאָפענעם — אָט די דאָזיקע פאַסירונגען שטימען ניט מיט די סאָוועטישע פּעדאַגאָגישע אופווירקונג־מיטלען...

די פענעמער — קײַלעכיק, ראָז,
דער דרויסן — א גרויסער, מיט גראָז,
דער דרויסן — איז הימל און ערד,
אָט לויפט נאָך אַן אוטאָ א פערד.

(„פאַר די קינדערסוועגן", ז. 56)

דאָס איז א מוסטער פון דעם, ווי א קינד פאַרגעדענקט א קינדישן „דרויסן". די לאַקאָניש באַווייזענע עלעמענטן פונעם פייזאַזש באַווײַזן קוויטקאָס באַוווסטזיניקע אַרבעט איבער דער אָפּשפיגלונג פונעם קינדס אופנאַם־פייקײַטן. „דער דרויסן — א גרויסער, מיט גראָז" (דערבײַ — די איבערכאַזערונג פונעם קלאַנג „גר") — און: „דער דרויסן איז הימל און ערד, אַן אוטאָ לויפט נאָך א פערד" — און נישט מער. אָט אַזוי אָפן סמאַך פונעם קינדס אייגענער קאָנקרעטער אופאַסונג־סיסטעם פאַרגרעסערט קוויטקאָ און באַרײַכערט דעם קינדס אָביעקטן־וועלט און וועלט־באַנעם. ער נעמט דאָס וואָרט אין דעם קינדס קאָנקרעטער באַציִונג צום אָביעקט און אײַנדרוק, וועלכן דאָס וואָרט באַצייכנט באַם קינד, און דאָ דערבײַ פאַרברײ־טערט ער דעם אינהאַלט פונעם וואָרט און אײַנדרוק, פאַרברייטערנדיק די אייגנ־שאַפטן פונעם באַוויזענעם אָביעקט דורך דעם, וואָס ער באַווײַזט דעם קינד א נײַע רײַ איבערלעבונגען און געפילן, וואָס דער דאָזיקער אָביעקט רופט אַרויס באַם קינד. קוויטקאָ לערנט אָפּ אַזאַ אויפן דעם קינד אָפּגיין פון זײַן באַגרע־נעצטן באַטײַט פונעם וואָרט, ער לערנט דאָך דעם קינד אָפּטיילן דאָס וואָרט פון די באַגרענעצטע אופגעפאַסטע אייגנשאַפטן פונעם אָביעקט און דאָס אָפּגעטיילטע וואָרט באַקומט שוין א מין אַבסטראַהירטן געדאַנקלעכן אינהאַלט, וואָס פירט שוין

צו באוווסטער פאראלגעמיינערונג. אפ אזא אויפן לערנט קוויטקאָ דעם קינד אפ זײַן אייגענעם שטייגער פילן און דענקען.

קוויטקאָ האָט ליב מייסטנס די רעאַליסטישע קאָנקרעטע שאפונג פאר קינדער. אָבער אויב קוויטקאָ ברויכט ניט די בלויזע פאנטאסטיק, ברויכט ער דאָך דעם באַדינגלעכן אנימיזירנדיקן עלעמענט אין זײַן קינדער־ליד. און אויך דאָ פארלאָזט קוויטקאָ קיינמאָל ניט דעם קאָנקרעטן רעאַליסטישן באָדן, ער גייט קיינמאָל ניט אפן ראַנד פון אַלעגאָרישקייט, צי סימבאָליק, אָדער פון פאנטאסטישער שפּיל צוליב שפּיל, צו וועלכע אזא ארט באַדינגלעכקייט און אנימיזירונג קאָן אמאָל פירן.

יאַשע טראַכט:
אַלע זאַכעניש ריידן,
ס'איז א לאָשן דאָ בא יעדן.

אָט מע עפנט אוף די טיר,
טוט זי באַלד א סקריפּ אפ דיר:
ריפּעט, ריפּעט, כ'האַלט ניט אויס,
'ריין... 'רויס!.. 'ריין... 'רויס!..

(„פאר די קינדערסוועגן", ז. 40)

אָט־אָ דעם ארט ריידן פון די „זאַכעניש" ברויכט טאַקע קוויטקאָ גאַנץ אָפט. ס'ריידן בא אים כּלים און אויפעס, ס'ריידן בא אים פלאנצונגען, ביימער און שטוב-כפייצים, אָבער די גאָרע באַלעבונג, די אנימיזירונג פון די שטומע און אומבאַוועגלעכע באַשעפענישן און פון די אומבאַוועגלעכע כפייצים קומט פאָר בא קוויטקאָן אפ א קלאָר באַדינגלעכן אויפן, זיי קומען בא אים פאָר אפ דעם אויפן, ווי דאָס קינד גופא באַלעבט די זאַכענישן, ער באַלעבט זיי, ווי אויבן געזאָגט, דורך זײַן אייגענעם וואָרט, שאפנדיק זיך אַן עכטע קינסטלערישע איליוזיע, וואָס צעשטערט ניט דערבײַ דעם קינדס באַציִונג צו דער ווירקלעכקייט מיט איר, אים באַוווסטע שוין, אייגנשאפטן און געזעצן.

אז די אנימיזירונג דריקט אויס דעם כאראקטער און אייגנשאפט פון די געשילדערטע שטומע באַשעפענישן, אז די באַלעבטע כּלים, פויגלען און פלאנצונגען באַלעבן די האַנדלונג און העלפן אילוסטרירן דעם אינהאַלט און געדאַנק פון דער ליד, אז זיי צעשטערן ניט די רעאַלע קאָנקרעטע ווירקלעכקייט, דאַן, בלויז דאַן ברויכט קוויטקאָ אין זײַן ביזאַהעריקער פּראַקטיק דעם פּאַרמענטשלעכונג-מיטל אין זײַן קינדער־ליד.

שפּערלעך שרײַען,
שרײַען אין א ראָד:
„ניטאָ קיין ווערעמלעך
אין סאָד!"
ניטאָ קיין ווערעמלעך,
ציוו, ציוו.
ניטאָ, ניטאָ,
ווײַל סעדער זײַנען קאָלעקטיוו.

(„פאר די קינדערסוועגן", ז. 92)

דאָ איז אין אַלגעמיין אויסגעדריקט קוויטקאָס פּרינציפּ, בעשאס ער לאָזט ריידן די נאַטור און דאָס לעבן. ס'איז דאָך קלאָר, אַז די שפּערלעך זאָגן דאָ דאָס, וואָס אַ קינד וויל, אַז זיי זאָלן עס זאָגן. דעם אויספיר: „ניטאָ, ניטאָ, ווייל סעדער זיינען קאָלעקטיוו" מאַכט שוין דעריבער דער דיכטער צוזאַמען מיט זיינ קליינעם לייענער, דערביי מאַכט ער עס דאָ אויך, ווי קוויטקאָ שטייגער איז, אָפן קאָמוניקאַטיוו און עליפּסאַרטיקן רייד־אויפן...

קוויטקאָ הערט ווי דאָס קינד רעדט, קוויטקאָ ווייס, ווי דאָס קינד שאַפט. קוויטקאָ בויט זיינע קינדער-לידער אַף דער ספּעציפיק פונעם קינדס אייגנאַרטיקן דענקען דורכן קאָנקרעטן און בילדערישן וואָרט. דאָ ליגן די גרויסע און עכטע דערגרייכונגען, דאָ ליגט די מייסטער־קראַפט פון קוויטקאָס שאַפונג פאַר קינדער, און ניט בלויז פאַר קינדער, נאָר אויך פאַר גרויסע און דערוואַקסענע, פאַר וועלכע ס'איז באַשטימט יעדער שאַפונג, וואָס איז אליין קינסטלעריש גרויס און דערוואַקסן.

3

די זעלבע פּרינציפּן, ביז אין א באַוווּסטן גראַד, ווענדט אויך אָן פערעצ מאַר-קיש אין זיין לעצט פאַרפאַסטער דיכטערישער פּאָעמע פאַר קינדער, אונטערן נאָמען „שטעלט אייך פאָר און מאָלט אייך אויס".

ביז אין א באַוווּסטן גראַד — דערפאַר, ווייל מאַרקישעס קינדער-פּאָעמע איז אַלנפאַלס געשריבן ניט פאַרן פאָרשול־ און נאָר ערשטן שול-עלטער, ווי קוויטקאָס מערערע דיכטונגען, נאָר פאַר עלטערע קינדער פון די ערשטע און מיטעלע קלאַסן, און דערפאַר טרעטן אַרויס בא מאַרקישן אין זיין קינדער-פּאָעמע אויך גאָר אַנדערע שאַפונג-עלעמענטן, וואָס הייבן אָן אייננרייסן מיט די קאָמוניקאַטיווע אייגנשאַפטן פונעם קינדס רייד-שפּראַך.

מאַרקיש האָט אין זיין „שטעלט אייך פאָר און מאָלט אייך אויס" קענטיק און גאַנצ בעקיוון אָנגעווענדט די רעפערענישע איבערכאַזערונג פון דער שורע, ער ברויכט אויך דעם קלאַנגען-שריפט, ער פלעכט אריין און פאַרבינדט פאָלקלאָריסטיש איינ פערו מיטן צווייטן. אָבער די אַלע סטיל-עלעמענטן טראָגן שוין דאָ ערטערווייז אַ אָרנאַמענטאַלן כאַראַקטער, ניט זיי שאַפן, הייסט עס, דעם אינהאַלט, זיי באַלייטן אים, זיי זיינען א שרייבערשער סטיל-קאָמפּאָנענט, א געדיכטעטער אָפּווירקונג־מיטל און ניט קיין אויסגעהאַלטענער נאַטירלעכער אויסדרוק פונעם קינדס אַרט דענקען און ריידן.

מאַרקישעס קינדער-פּאָעמע כאַראַקטעריזירט דעם איבערגאַנג פונעם רייד-סטיל אינעם שרייב-סטיל, די פּאָעמע איז דעריבער גלענצנד צוגעפּאַסט פאַרן עלטער, ווען דאָס קינד הייבט אָן פאַרברייטערן זיין באַציִונג צום באַטייט פון וואָרט, ער הייבט אָן באַקומען א באַציִונג צום באַגריף און באַנעמען אַפילו באַוווּסטע עלעמענטן פון פאַראַלגעמיינערונג.

אליין דער נאָמען פון מאַרקישעס פּאָעמע—„שטעלט אייך פאָר און מאָלט אייך אויס" — ווייזט, אַז די פּאָעמע געהערט צו די עלטערע קינדער, ווייל די קלענערע

שטעלן זיך ניט פֿאָר, דאָס פֿאָרשטעלן זיך איז בא זיי ניט קיין אקציע, ניט קיין באַזונדערע געדאנקלעכע אָנשטרענגונג, וואָס איז אָפּגעטיילט פֿונעם קאָנקרעטן אָביעקט און פֿון דער קאָנקרעטער טאַט און האנדלונג. דאָס, וואָס דער „שטעלט אײַך פֿאָר און מאָלט אײַך אויס" ווערט א לייטמאָטיוווישע שורע אין מארקישעס פּאָעמע, איז ניט אומזיסט. פֿון מאָל צו מאָל, אין גאנג פֿון דער האנדלונג-אנטוויקלונג אין דער פּאָעמע, ווענדט זיך מארקיש צו זײַן קליינעם צוהערער און רופֿט אים באוווּנדערן און פֿאָרשטעלן זיך סײַ די געשעענישן סײַ די געשילדערטע מענטשן און זאכן, ווײַל אין די ביידע גייט דאָ מארקיש אָפּ ערטערווײַז פֿון דעם אָנשוילעכן קאָנקרעט, וואָס פֿאַר קליינע קינדער, און דערנעענטערט זיך צום באגרײַפֿלעכן בילד, וואָס שטאמט פֿון פֿארגלײַכונג, פֿון א באוווּסטן, הייסט עס, געדאנקלעכן טאַט. אזא בילד פֿאָדערט טאקע, אז דאָס קינד זאָל זיך עס פֿאָרשטעלן און אויסמאָלן...

מארקיש שרײַבט:

און די גאס איז טויב און אלט.
טוט א הייב זיך און א פֿאַל.
און צעפֿאָרן, און צעדרייט שוין —
הוילע גריבער, הוילע קנייטשן.
און דאָס שטעטל ווײַט פֿון באַן,
זיבן שפּאַן אָפּ זיבן שפּאַן,
ווי א פֿינגערהוט די גרייס —
שטעלט אײַך פֿאָר און מאָלט אײַך אויס.

אוודאי דאַרף דאָס קינד שוין קאָנען אויסמאָלן און פֿאָרשטעלן זיך א טויבע און אלטע גאס, וואָס טוט זיך א הייב און א פֿאַל, עס דאַרף זיך פֿאָרשטעלן די „הוילע קנייטשן". די אלע בילדער ווערן געוויס אָנשוילעך פֿאַר דעם קינד, וואָס איז אימשטאַנד שוין דורכמאכן א פֿארגלײַכונג-אקציע, אריבערפֿירן די אייגנשאפֿטן פֿון איין אָביעקט אָפּן צווייטן, באַרײַכערנדיק מיט דעם די פֿאָרשטעלונג וועגן דעם באַהאנדלטן אָביעקט.

אין אן אומגליק אין אזא מין,
ס׳ליגט דער מארק שוין, ווי זײַן מאמע,
אויך אזוי אונטער א דעק.

די דאָזיקע פֿארגלײַכונג גייט געוויס ארויס פֿון די אויפֿפֿאסונג-ראַמען פֿונעם קלענערן קינד, דאָס זעלבע איז אויך מיט אזוינע רעדנסארטן, ווי „זיבן שפּאַן אָפּ זיבן שפּאַן" אָדער: „אז מען קאָן זיך גאָר ניט סאמען מיט א רײַזע אָפּ די יאַמען" — דאָס זײַנען דאָך אזוינע פֿיגור-אויסדרוקן, וואָס קומען מיט א פֿארטיקן אונטערטעקסט. דאָס קינד באַדאַרף זיי וויסן לעכאטכילע אָדער לעפּאָכעס קאָנען אופֿנעמען זייער באַטײַט פֿונעם קאָנטעקסט פֿון די שורעס. באשאפֿן דעם דאָזיקן קאָנטעקסט — דאָס איז די אויפֿגאבע פֿון דעם שרײַבער פֿאַר דעם עלטער, ווען דאָס קינד איז שוין פֿײַיק און גרייט אופֿנעמען דאָס וואָרט אין זײַן באוווּסטן פֿאַראַלגעמיינערונג-באַטײַט.

צי האָט מארקיש אין זײַן קינדער-פּאָעמע אזא מין קאָנטעקסט באשאפֿן? געוויס, און אָפּ אזא זייער אינטערעסאנטן אויפֿן. פֿאָר אלעם מיט דעם, וואָס ער האָט

גענומען דעם דערציילטן פאקט און האָט אים פארוואנדלט אין א שפּיל. די געשיכטע מיטן יאטל כיאָמע, וואָס האָט פארקויפט אייסן אין שטעטל און איז אוועק קיין לענינגראד זוכן א פעטער א מאטראָס, וואָס האָט אים אוועקגעגעבן אין שול לערנען זיך, אָט דעם עפּיזאָד פון די ערשטע נאָך-אָקטיאבער-יאָרן אינעם ראטנפארבאנד האָט מארקיש באדעקט מיט גלענצנדיקע שפּילנדיקע פארבן, ארייַנגעפירט דעם גראָטעסק, דעם לייַכטן שפּאס, די היפּערבאָל פון טאט און באציִונג,—דאָס אלץ, וואָס באלעבט פארן קינד דעם געשילדערטן מענטש און האנדלונג, דאָס אלץ, וואָס וועקט אין אים ווילן צו פארשטיין, צו באנעמען און טאקע צו פאָרשטעלן זיך...

ז׳ער געבליבן הוילע ריס,
בלויז צוויי קעסטעלעך אייס,
און אין מויל א האלבער ביס,
און מיט באָרוועסע צוויי פיס,
מיט די קנאפּע זיבן יאָר,
מאָלט אייַך אויס און שטעלט אייַך פאָר!

לעבעדיק, פארביק, מיטן שווינדלדיקן שורע-געלאָפּ אין ריטמישן איינקלאנג מיט דער גראָטעסקיש-אויפגערודערטער האנדלונג און מיט די ברויזנדיקע כאראַק-טער-אייגנשאפטן פונעם געשילדערטן יאטל, וואָס לאָזט זיך פאָרן אינעם ווייַטן לענינגראד זוכן אן אומבאקאנטן פעטער אין פּאָרט...

פון אייס און פון גאלעט
האָט ער פונקט אָפּ א בילעט.
אָפּ א פערטל פאר א יאט
ביזקל סאמע לענינגראד.

און ווייַטער:

כאבנע, נו, א גוטן טאָג דיר,
— פאראוואָזל אויסגעטאָקטער,
איז מיט רעדער, ברודער, קלאָפּ,
א בילעטל טיפּ טאָפּ!
איז וואָס דארף מען איצטער נאָך,
— נא, קאָנדוקטער, מאך א לאָך,
אין בילעט אין מייַנעם, נא,
און וועק מיך אויף אין לענינגראד!

אינעם איבערגאנג פון דער שילדערונג צו דיאלאָג האָט מארקיש מיט רעכט פארהיט דעם עליפּס פונעם דערציילונג-שטייגער, ער האָט אויך אינטערעסאנט אינעם יאטלס רעפּליק איבערגעגעבן דעם כאראקטער פון זייַן וואָרט און זאץ. דער דאָזיקער צעשויבערטער ארט דענקען איז כאראקטעריסטיש טאקע פאר דעם קינדער-עלטער, ווען ס׳הייבט זיך אָן באם קינד אויסבילדן די אזויגערופענע איננווייניקסטע שפּראך, די דענק-שפּראך, וואָס איז נאָך ניט אָפּגעריסן בא אים פון דעם ארויסגערעדטן מאטעריאליזירטן וואָרט, אין די צייַטן דענקט ער און רעדט נאָך אָבער אייַנצייַטיק,

אונ די רײד זײַנענ דעריבער צעשױבערט, מיט אינװײניקסטע איבעררײַסונגענ אונ בלױזנ, װאָס דערגאַנצנ זיכ אינװײניק אינעם געדאַנק, דורכ די ניט אַרױסגע־רעדטע װערטער אונ אַסאָציאַציעס.

אַז סיאָמע, דער רײַזנדער יאַט, קומט אינ לענינגראַד אונ דערזעט אַנ אָטריאַד פונ רױטאַרמײער, לאָזט ער זיכ נאָכ זײ גײנ, װײַל „מיט אַרמײער מעג מענ גײנ"— אַזױ פאָרמולירט מאַרקיש אַפ אַג עכט אונ גלענצנד קינדישנ אופנ דעמ יאַטס קלױ־מערשט אונטערגעהערטנ מאָטיװ. אונ פונ דעמ אופנ טאַקע, װי מאַרקיש דערציילט װעגנ דעמ, װערט קלאָר, אַז דער דיכטער איז דאָ אַרײַנגעדרונגענ אינ דער אינ־װײניקסטער סטרוקטור פונעמ יאַטס דענקענ אונ רײדנ, װאָס פלעכטנ זיכ אַרײַנ אײנע אינ די אַנדערע אונ זײַנענ גלײַכצײַטיק פאַרבונדנ מיטנ טאַט:

איז ער אָפּגעגאַנגענ אַ שאָ —
ס'איז אימ באַרגיט ניט קײנ שאָד,
אונ געגאַנגענ איז ער צװײ —
מיט אַרמײער מעג מענ גײנ!
גיט זיכ סיאָמקע אַ באַטראַכט:
װאַרט — זאָגט ער זיכ — סיאָמקע, װאַרט!
מ'דאַרפ דאָ געבנ אַ געשרײ
אַ גוט מאָרגנ, אָט אַזױ!
אונ אויב עמעצ ענטפערט אָפּ —
הײסט עס, אַז ס'איז טיפּ טאָפּ,
הײסט עס, אַז אינ לענינגראַד
װײסט מענ, װאָס סע װיל אַ יאַט!

מאַרקיש האָט דאָ באַװיזנ, אַז ער װײס אויכ, װאָס סע װיל אַ יאַט, אַזאַ מינ יאַט, אַ יאַט פונ דעמ עלטער, װאָס קענ זיכ שױנ „געבנ אַ באַטראַכט" אונ אינ דער זעלבער צײַט „זאָגט ער זיכ", װי מאַרקיש דערציילט, — אַלײנ צו זיכ... זײַנ פּאָעמע פירט מאַרקיש דורכ אַפ אַזאַ אופנ דורכנ געדאַכט אונ גערײד פונעמ עלטערנ קינד, די געשיכטע מיטנ יאַטל דערציילט מאַרקיש קימאַט אַפנ יאַטלס שטײגער, מיט יענעמס אַרט דענקענ אונ פילנ אונ דערפאַר איז מאַרקישעס פּאָעמע אַ פּאָ־עמע פאַר קינדער אונ אַנ אויסגעצײכנטע פּאָעמע פאַר קינדער.

די געשיכטע מיטנ בילעט אונ מיט דער לאָכ, װאָס דער קאָנדוקטער מאַכט אינעמ בילעט, אַ פאַקט, װאָס שטײט אינעמ צענטער פונעמ יאַטס רײַזע־אײַנדרוקנ, איז װידעראַמאָל כאַראַקטעריסטיש פאַרנ עלטערנ קינד, װאָס בינדט זיכ צו צו אַ מאָדנע דעטאַל, װעלכע איבעראַשט אימ אונ לאָזט אימ ניט צו רו. אונ אַז מאַרקיש געפינט אויס סטיליסטישע מעגלעכקײַטנ אַפ איבערצוכאַזערנ עטלעכע מאָל די געשיכטע פונ דער מוטערס טויט, װי אויכ די געשיכטע פונ דעמ, אַז דאָס פאָרט ער, דער יאַט, זוכנ אַ פעטער אַ מאַטראָס אינ לענינגראַד — איז אָט די דאָזיקע איבערכאַזערונגענ ליגנ אויכ אינ דער טעװע פונעמ קינד, װאָס קאָנ זיכ ניט אײַנהאַלטנ ניט אַרויסצורײדנ דאָס, װאָס ער טראָגט אינ האַרצנ, אונ דאָס, װאָס ער דאַרפ אונ סטאַרעט זיכ פאַרגעדענקענ.

און אויסער דעם האָט דאָך מארקיש אין זײַן קינדער־פּאָעמע געגעבן אַ רײ שילדערונגען פון שטעטל, פון דער גרויסער שטאָט, פונעם טראַמוויי און פונעם פּאָרט, שילדערונגען, וועלכע זײַנען אים בעפּײַעש געלונגען אַדורכצופירן דורכן קינדס אופאסונג און פאָרשטעלונג. און דערצו קומט נאָך מארקישעס דערהייבונג פונעם וואָרט און פונעם געשילדערטן פאקט, די דערהייבונג, וואָס שאפט דאָ אין דער פּאָעמע אַ מײַסעדיקע אטמאָספער ארום דער געשיכטע מיט סיאָמקעס רײַזע און באגעגענישן. די אלע אייגנשאפטן זײַנען אויך אַ זיכערער בײַטראָג צו דער קינסטלערישער ספּעציפיק, וואָס טיילט אויס מארקישעס פּאָעמע און פאַרוואַנדלט זי אין אַ שיינער אויסגעצייכנטער פּאָעמע פאַר קינדער.

אז סיאָמקע, דער יאַט פון מארקישעס פּאָעמע, באַגעגנט אין פּאָרט זײַן פעטער דעם מאטראָס, גיט אים יענער אָפּ אין אַ שוף לערנען,—אָפּ דעם רײַסט איבער מארקיש זײַן קינדער־געשיכטע, וועלכע ער פאַרענדיקט אָפּ אזא אויפן:

און מיט ביכער און מיט העפט
לערנט סיאָמקע, און איר טרעפט,
וואָס סע וועט פון אים ארויס —
שטעלט אײַך פאָר און מאָלט אײַך אויס,
אויב ער ט'בלײַבן זיבן יאָר —
מאָלט אײַך אויס און שטעלט אײַך פאָר!

אינעם דאָזיקן פראַכטפולן סאָף נוצט אויס מארקיש זייער אײַנפאלנדיק די רעפרענישע שורעס פון זײַן פּאָעמע, וואָס טוען דאָ אַ שפּיל מיט אַ נײַעם איבן־האלטלעכן באַטײַט און פאַרשטאַרקן אָפּן בעסטן אויפן די הויפּט־אידיי פון מאַר־קישעס קינדער־ווערק. אין דער פּאָעמע איז דאָך מארקיש אויסן געווען באַווײַזן די מונטערקײַט און האָפעדיקײַט פונעם געשילדערטן יאַטל. מארקישעס געשיכטע פאַרפלאַנצט אָפּטימיזם, זי רופט דעם קינד צו זעלבשטענדיקע איניציאַטיווע טאַטן. אין אונדזער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט פירן זיי צו קינדער־גליק און קינדער־פרייד, מיט וועלכער ס'עטעמט מארקישעס ווערטפולע קינדער־פּאָעמע, און וועלכע דאָס קינד קאָן זיך שוין טאקע בא אונדז „פאָרשטעלן און אויסמאָלן" אָפּ זײַן גאַנצן צוקינפטיקן לעבן...

4

וועגן פרייד און גליק פון אונדזער לעבן דערציילט אויך די קינדער איזי כאַריק אין זײַן קינדער־פּאָעמע „פון פּאָליוס צו פּאָליוס". כאַריקס פּאָעמע איז שוין גראָד באַשטימט פאַר די דערוואַקסענע קינדער, פאַר דער עלטערער פּיאָ־נעריע און פאַר דער יוגנט אפילע. צום קינד פון העכערן שול־עלטער איז דאָך געווענדט כאַריקס אינהאַלט פון דער פּאָעמע, איר טעמע, געבוי, בילד און סטראָפּיק. די ערשטע ליד פונעם ביכל, די שיינע דיכטערישע ווענדונג צו די פּיאָנערן, שטעלט דאָך מיט זיך ניט פאָר קיין אָרגאַנישע שטייגער־שפּראַך פון און פאַרן קלענערן קינד, דאָך איז דאָ שוין פולשטענדיקע אָרנאַמענטיק, שרײַבער־

סטיל, וועלכער איז גוט פאריינפאכט, פּאַסן צוגעפּאַסט פארן דערוואקסענעם קינד, פאר זיין פארשטאנד און אופאסונג.

נו, כאווירים פּיאָנערן,
אָפּגערוט?
זייט איר גרייט אצינד צו הערן,
איז דאָך גוט.

אָט די דאָזיקע ערשטע שורעס פון כאריקס פּאָעמע פאָרמאָגן געוויס דעם פּאַסיקן קינדער־טאָן, אָבער דעם עלטער פון די קינדער, צו וועלכע כאריק ווענדט זיך מיט די שורעס, באשטימען די באלדיקע סטראָפן:

כ'מיין גאָרניט — מע דארף דאָס שטומען,
האלטן צונג.
ס'איז דאָך אויך דער רויטער זומער
זייער יונג.
אים מוז אויך זיין שווער צו הערן,
זיצן שטיל,
ווען א הימל פול מיט שטערן
פירט א שפּיל. („פון פּאָליוס צו פּאָליוס", ז. 6)

די גאָרע בילדערישקייט, וואָס רעדט דאָ אזוי באכיינט צום יונגן געדאנק, פּאָדערט אָבער שוין א באוווסטע ליטעראַרישע דערפארונג באם צוהערער און לייענער, זי פּאָדערט שוין, אז דאָס קינד זאָל קאָנען היפּש דענקען דורכן פארגלייך און מעטאפאָר, עס דארף קאָנען באנעמען און איינזען די יוגנט פונעם זומער, צי די שפּיל פון די שטערן. כאריקס „פון פּאָליוס צו פּאָליוס" איז שוין פולשטענדיק א ליטעראַרישע פארפאסונג מיט די ארויסגערוקטע אפּן פּאָדערגרונט ליטעראַרישע אינדיווידואליזירטע סטיל־אייגנשאפטן (בא כאריקן ציט זיך דאָ אין דעם פּראט די באשיינפערלעכע ווירקונג פון זיינע אייגענע „קיילעכיקע וואָכן") מיט די ליריש און עפּיש געשילדערטע גייסט־צושטאנדן פון די ארויסגעבראכטע פּאַרשוינען, אָנשטאָט דער דערציילערישער שילדערונג פון לאגעס און פאסירונגען, וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר דער קינדער־שאפונג.

כאריק האָט זיין קינדער־פּאָעמע ניט געבויט אף דער אוויגערופענער דורכויסיקער האנדלונג, ער האָט ניט געגוג ארויסגעשפּרייט אפילע און ניט מאָטיווירט הא דלונגסארטיק דעם עפּיזאָד מיט אייזיק גאָגאָלן, וואָס שאפט א בריגאדע פון א כעוורע פארברעכער, אן עפּיזאָד, וואָס האָט גרייַלעך געקאָנט ווערן דער טאטפּולער פארברייטערטער סוזשעט־אקס פון דער פּאָעמע. דאָס אליין באווייזט, אז כאריק איז ניט צוגעגאנגען באארבעטן זיין טעמע פאר דעם יעניקן קינדער־עלטער, וואָס נייטיקט זיך אין דעם אקטיוו־דערציילערישן און ניט אין דעם דעקלאראטיוו־באשרייבערישן ארט שאפן.

די טעמע פון כאריקס „פון פּאָליוס צו פּאָליוס" איז די בויונג פון דעם ווייסיאמישן קאנאל. די ערשטע פינף קאפּיטלען פון דער פּאָעמע, פּונקט ווי דער לעצטער אפּאָפעאָז־קאפּיטל, שטעלן מיט זיך פּאָר די ארומרעמלונג פון דער עצעם גע-

שיכטע, טאקע דעמ עפּיזאָד מיטנ געוועזענעמ פארברעכער אײַזיק גאָגאָל, וואָס ווירקט אפּ א גאנצער כעוורע פארברעכער אונ פארוואנדלט זיי אינ גוטע איבערגע-געבענע בויער פונעמ קאנאל. די ארײַנפיר-קאפּיטלעכ האָבנ דערבײַ ניט קיינ דירעקטע סוזשעטישע שײַכעס צו די פּאסירונגענ מיט אײַזיק גאָגאָלנ, זיי גיבנ בלויז די אטמאָספער, זיי שאפנ אנ אויסגעצייכנטנ, שטימונגפולנ פאָנ פאר די דאָזיקע פּאסירונגענ, וואָס זײַנענ אלייג אויכ געבויט קאפּיטלדיק, מער, הייסט עס, פּאַרייניקט דורכ דער דיכטערישער שטימונג איידער דורכ דער אנטוויקלונג פונ דער מאָטיווירטער, ווי געזאָגט, האנדלונג אונ געשעענישנ-קייט. די געבראָכענע אונ אבסטראהירטע אפּ אזא אויפנ ארכיטעקטאָנישע האנדלונג-ליניע איז ווידעראמאָל צוטריטלעכ פאר די דערפארענע אופנעמ-פייִקײַטנ פונעמ מער דערוואקסענעמ אונ איז גענוג פארשווערט פארנ קלענערנ געבראויכער, וואָס באגערט דעמ געשלאָסענעמ איינהײַטלעכנ אנטוויקלונגס-גאנג פונ די קאָנקרעטע געשילדערטע געשעענישנ.

איז קלאָר דעריבער, אז כאריקס קינדער-פּאָעמע איז באשטימט פארנ עלטערנ דערוואקסענעמ קינד, פארנ עלטערנ פּיאָנער אונ יוגנטלעכנ אפילע, וואָרעמ גראָד פארנ דאָזיקנ עלטער האָט כאריק אויסגעפונענ זײַנע זייער אינטערעסאנטע אונ ווירקעוודיקע דיכטערישע מיטלענ, גראָד פאר דעמ עלטער איז צוגעפּאסט דער אינהאלט, די אייגנשאפטנ פונ וואָרט אונ בילד, דער גאנצער סטיל-כאראקטער פונ כאריקס קינדער-פּאָעמע.

דאָ האנדלט זיכ פאָר אלעמ וועגנ דעמ דידאקטישנ כאראקטער פונ כאריקס ווערק, וועגנ דעמ דידאקטישנ טאָנ פונ אנ עלטערנ כאווער אונ לערער, וואָס כאריק האָט אָנגעווענדט אינ זײַנ פּאָעמע, פארקליידנדיק די דאָזיקע דידאקטיק אינ בילד, ארײַנטוענדיק זי אינעמ אָרגאנישנ אינווייניק פונעמ פּאָעטישנ שטייגער. די דידאקטיק, די לערערישקײַט, דער פארלאנג געבנ דעמ קינד צו פארשטיינ, באזינענ פאר אימ די ווײַסיאמישע קאנאל-בויונג מיט דער פארבונדענער מיט איר מענטשנ-איבערבויונג האָט דיקטירט כאריקנ די איינפאכקײַט, די געראָטענע קלאָרקײַט אונ פארשטענדלעכקײַט פונ וואָרט אונ שורע, וואָס ער האָט אָנגעווענדט אינ זײַנ קינדער-דיכטונג.

דאָס איז ערשטנס. אונ צווייטנס, האָט די דאָזיקע לערערישקײַט דיקטירט די פאָרמ פונ ווענדנ זיכ דירעקט צומ קינד, צומ צוהערער. דער דיכטער שטעלט זיכ פאָר, אז ער פארברענגט מיט די קינדער פּיאָנערנ, ער דערציילט זיי וועגנ דער בויונג פונעמ ווײַסיאמישנ קאנאל אונ די קינדער הערנ זיכ אײַנ, באנעמענ אונ רעאגירנ קלוימערשט ערטערווײַז. אָט דער דאָזיקער אויפנ פונ א מינ נײַער שרײַבקאָמוניקאציע האָט געוויס געשטעמפּלט דעמ סטיליסטישנ כאראקטער, די סטיל-אייגנשאפטנ פונ כאריקס פּאָעמע.

געאָגראפיע ווייסנ אלע?
אפּ געוויס?
ווייסט איר דאָכ פונ בערג אוראלער,
פונ טיפליס.

(„פונ פּאָליוס צו פּאָליוס", ז. 8)

און אין אַן אנדער קאַפּיטל:

כ׳זע, איר הייבט אָן שטיל צו לאַכן,
נו, איז לאַכט,
וואָס זשע קען איך מיט אײַך מאַכן,
ווען אײַך ווילט זיך איצטער לאַכן.

(„פון פאַליוס צו פאַליוס״, ז. 12)

אַף אַזאַ אופן האָט כאַריק פאַרן עלטערן קינד אויך פאַרהיט די קאָמוניקאַטיווע אײַגנשאַפטן, וואָס באַלעבן זײַן קינדער־ביכל, פילן אָן די שורעס מיט טאַטפולער לעבעדיקער באַציִונג צום אומגעזעענעם צוהערער, ווען אַפילע ער ווענדט זיך ניט צו אים דירעקט, אָבער ער האָט אים באַשטײַמפּערלעך אין אויג און לערנט אים און דערוויַיזט אים קעסיידער און נאָכאַנאַנד. אַזוינס קומט פאָר אינעם אויסגעצייכנטן שיינעם קאַפּיטל „ווען ס׳פאַרטראַכט זיך אונדזער פירער״, ווו זעענדיק פאַר זיך זײַן קינדער־אַאודיטאָריע, הייבט אָן דער דיכטער טעאַטעראַרטיק פאָרשטעלן, שפּילן, באַוויַיזן אָנשוילעך די פערזאָנען, וועגן וועלכע ס׳גייט אַ רייד אין זײַן ליד:

דער פאַרטאָג מיט רויטן פאָדעם
שפּינט שוין ווו.
קלינגט אָן סטאַלין: — ווער? יאַגאָדע?
— געַ־פּעַ־או?
דו זאָלסט מעלדן דײַנע העלדן —
ס׳איז פאַראַן.
אַזאַ וויכטיקער און העלער,
גרויסער פּלאַן.
האָב איך דיר און דײַנע טוער
דאָס פאַרטרויט.
ענטפערט אָפּ יאַגאָדע רויִק:
— אַלע גרייט!

(„פון פאַליוס צו פאַליוס״, ז. 16)

אויסגעצייכנטע אײַנפאַכע פאַרגעשטאַלטיקטע שורעס, וועלכע דריקן אויס קלאָר, אַז דער דיכטער וויל מיט די פאַרשטעלערישע מיטלען ווירקן אַף זײַן עלטערן קינדוואַרג, וואָס הערט אים אַן אומגעזעענס דאָ אין די שורעס. דעם קאַפּיטל „אײַזיק גאָגאָל״ הייבט אָן כאַריק אַף אַזאַ אופן:

כ׳האָב דערווײַלע, מײַנע יאַטן,
גאָר פאַרגעסן צו דערציילן
פון אַ כעוורעמאַן אַ ווײַלן,
פון אַ יונג אַזאַ מין בלאַטן.

(„פון פאַליוס צו פאַליוס״, ז. 21)

די ווענדונג צו די יאַטן דינט דאָ אויסגעצייכנט כאַריקן אַף צו פאַרבינדן דעם דאָזיקן קאַפּיטל מיט די פריִערדיקע אַרײַנפיר־קאַפּיטלען, וואָס זײַנען סוזשעטיש, ווי געזאָגט, ניט באַהעפט מיט דער געשיכטע פון אײַזיק גאָגאָלן, וועגן וועלכן דער

דיכטער, ווי ס׳ווײַזט זיך אַרויס, האָט גאָר קלוימערשט פאַרגעסן צו דערציילן ביזן אַהער. די אינוווערסיע פון די יאַטן ווערט אַף אַזאַ אופן אַ דורכויסיק מיטל, וואָס שאַפט די איינהײַטלעכקײַט פון דער קאַפּיטלדיק-צעשיידטער סוזשעטישער ליניע פון דער פּאָעמע, אויסער דעם, וואָס זי שאַפט די קאָמוניקאַטיווע באַלעבונג, פאַרוואַנד-לענדיק זיך אין אַ גרונט-אייגנשאַפט פון כאַריקס קינדער-ביכל.

כאַריק פירט גאַנץ בוילעט אַרויס אין זײַן פּאָעמע די געשטאַלט פונעם געווע-זענעם פאַרברעכער אײַזיק גאָגאָל, וואָס בויט זיך אַליין איבער בא דער קאַנאַל-אַרבעט און ציט צו צו דער בויונג אַ בריגאַדע פון געוועזענע פאַרברעכער. זיי אַלע צוזאַ-מען שטורמעווען אַ גאַנצן מעסלעס און ליקווידירן אַ געפּאַרפּולן דורכרײַס בעשאַס מע בויט די דאַמבע אַפן וואַסערפאַל. און דאָך ליגט דער שווערפּונקט פון כאַריקס קינדער-ווערק ניט אין דער סוזשעטישער ליניע, נאָר אין דער עמאָציאָנעל-לירישער געזעטיקטקײַט, אין דער דיכטעריש-אָנגעגליטער אַטמאָספער פון דער ווײַסיאַמישער בויונג, וואָס איז געווענדט אַף צו ווירקן אַפן קינדס געפיל, אַף אַרויסצורופן בא אים באַגײַסטערונג פאַר דער גרויסער בויערישער אַרבעט און פאַר די שעפער פון דער דאָזיקער בויונג און איבערבויונג.

אָט דערפאַר איז כאַריקס פּאָעמע באַשטימט פאַר דעם קינדער-עלטער, וואָס קאָן שוין אויפנעמען דעם מער אָפּגעשיידטן פונעם טעמאַטישן אָביעקט, דעם מער פּאַראַל-געטײַנערטן געפילן-אויסברויז, מיט וועלכן דער ליריקער איז, אייגנטלעך, באַשעפ-טיקט. די אינסטרומענטירונג פון כאַריקס דיכטערישן פּערז און שורע גייט דאָך דאָ אויך אין דער פּאָעמע אַף דער ליניע פונעם עמאָציאָנעלן בילד און ברויזנד-אויפגע-רעגטן וואָרט-געלאָף.

שיטן זיך פּאַוואָליע שטערן
אין קאַנאַל.
און זיי ווערן ניט און ווערן
אין קאַנאַל.

שווימען פליטערלעך און שטיפן
אין קאַנאַל,
שווימען שיפן, שיפן, שיפן
אין קאַנאַל.

(„פון פּאָליוס צו פּאָליוס“, ז. 56)

אַזאַ אַרט שורע-געוועב ברויכט כאַריק ניט בלויז אין אָט דעם קאַפּיטל „שיפן פירן“. אַזוינע איבערכאַזערונגען פון וואָרט און בילד ווערן אַ מין גרונט-מעלאָדיע אין כאַריקס פּאָעמע. און געוויס האַנדלט זיך דאָ ניט וועגן דעם מינדלעך-דערציילעריש-זשאַנער, ווו די דאָזיקע איבערכאַזערונגען — דאָס זעלבע איז אויך אין דער שאַפונג פאַרן קלענערן קינד — זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַרן קאָמוניקאַטיוון דערציילונג-סטיל. דאָ האַנדלט זיך וועגן אַן עמאָציאָנעל-אויפגערעגטן שטימונג-אויסגיסונג פו-נעם ליריש באַגײַסטערטן דיכטער, וואָס בינדט זיך אָן אָן דער מעלאָדיק פונעם וואָרט און שורע און ברענגט דורך דעם אַרויס זײַן אויפגעפלאַמטן גײַסט-צושטאַנד. אַזוינע אויסדרוק-מיטלען פאַרמאָגן געוויס זייער אויפווירקונג-קראַפט, ביפראַט, אַז

ס׳האנדלט זיך וועגן דעם יונגן עלעמענטארן געברויכער, און כאריקס „שיפן, שיפן, שיפן״ רופן בא אים ארויס א פארשטעלונג פון קוואנטיטעט, וואס גייט אריבער אין קוואליטעט, ווייל געבן אים אפ דער טעמע לעכאטכילע דעם פאראלגעמיינערונג־ווארט, וואס שילדערט דורך קוואליטאטיווע בילדער די גרייס און דעם פארנעם פון דער שווימענדיקער פלאטיליע, וואלט עפשער געווען גענוג פארשווערט. בא כאריקן איז דאס אלנפאלס איינס פון די מיטלען, וועלכע ער ברויכט שטארק געהיט און איינדרוקספול.

מען זינגט. געזאנג. מען זינגט. געזאנג.
עס גייט די שיף אין גרויסן גאנג.
פון מאטעריק צו מאטעריק.
מיט א פארזשמורעט ווייטן בליק
באם רודער אונדזער סטאלין שטייט.
און ס׳גייט. עס גייט. און ס׳גייט. עס גייט.
דורך שטראמען ליכט און שליווזן פרייד.

(„פון פאליוס צו פאליוס״, ז. 60)

דאס איז פונעם זייער שיינעם שלוס־קאפיטל „די שיף גייט הויך״, וואס באַקרוינט כאריקס קינדער־פאעמע. כאריקס פאעטישער שטייגער איז דא קלאר און בולעט — אן עמאציאנעלער, א פאטעטישער, די אלע סטיל־אייגנשאפטן, מיט וועלכע כאריק האט באשאפן זיין קינדער־פאעמע פאר קינדער, האבן אים קלאר געבראכט צו גרויסע דערפאלגן אפ דעם שאפונג־געביט.

קוויטקא, דער מייסטערישער גרונטלייגער פון דער יידישער סאוועטישער קינדער־ליד, מארקיש און כאריק, — יעדערער פון זיי האט אפ א באזונדערן אופן און פאר א באזונדערן קינדער־עלטער אקארשט ארייננעטראגן זיין נייעם גאב אין דער ביי׳ער סאוועטישער שאפונג פאר קינדער. און אויסער זיי זיינען דאך נאך פאראן דער ניסטער, פינינבערג, כאשטשעוואצקי, וואס וועגן זייער קינדער־דיכטונג דארף גיין א רייד באזונדער.

אינעם זשאנער־כאר פון דער יידישער סאוועטישער ליטעראטור קלינגט שוין הויך און פולבארעכטיקט די אייגנארטיק אויסגעארבעטע שטים פון דער קינדער־דיכטונג. דער געביט האט שוין אויך בא אונדז זיינע ווערטפולע פארשטייער און שעפער.

י. ראבינאָוויטש

קונסט-געשטאלטן אין לענינס און סטאלינס ווערק

(צו דער שטעלונג פון דער פראָבלעם)

„...פילבארקייט צו די פאָדערונגען פון די מאסן איז
דער גרונט־געבאָט פון אונדזער פארטיי".

י. סטאלין

דער דאָזיקער ארטיקל איז א קאפיטל פון א גרעסערער ארבעט און האָט ניט דעם ציל אפן גרונט פון דער פאראנענער שעפע מאטעריאלן צו לייזן די פראָבלעם פון קונסט־געשטאלטן אין לענינס און סטאלינס ווערק, — ער שטעלט מיט זיך פאָר בלויז א פרווו צו אוועקשטעלן די דאָזיקע פראָבלעם אפן גרונט פון א קליינעם טייל מאטעריאל.

1

„א פאָלעמישן כאראקטער טראָגט „מארקס סיסטעם" ניט דערפאר, וואָס זי איז „טענדענציעז", נאָר דערפאר, וואָס זי גיט אין דער טעאָריע א פינקטלעכע אָפבילדונג פון אלע קעגנזאצן, וועלכע זיינען פאראן אינעם לעבן. דעריבער, אגעוו, בלייבן און וועלן בלייבן אומגעלונגענע אלע פרווון אָנצווייגענען „מארקס סיסטעם", ניט אָנייגענענדיק איר „פאָלעמישן כאראקטער": דער „פאָלעמישער כא־ראקטער פון דער סיסטעם" איז בלויז א פינקטלעכע אָפשפיגלונג פונעם „פאָלעמישן כאראקטער" פונעם קאפיטאליזם גופא".[1] אזוי שרייבט לענין אינעם ארטיקל „נאָך צו דער פראגע וועגן דער רעאליזאציע-טעאָריע", דערווידערנדיק פ. סטרוווען, וועלכער האָט איינגעזען אין דעם פאָלעמישן כאראקטער פון „מארקס סיסטעם" איר טענדענציעזקייט.

אין די דאָזיקע שורעס איז אונדז געגעבן א קאטעגאָרישע לענינישע אָנווייזונג אף דער וויכטיקייט אויסצופאָרשן די פאָרם ניט נאָר פון א קונסט־ווערק, נאָר אויך פון א וויסנשאפטלעכן און פובליציסטישן ווערק.

אזויארום שטעלט זיך פאר אונדז די פראגע צו דערלערנען דעם סטיל פון די ווערק פון די גרויסע לערער פונעם וועלט־פראָלעטאריאט — פון לענינט און סטאלינס ווערק.

דאָ האָט פאר זיך דער פאָרשער א וואונדערבאר רייכע בילדערישקייט אין דער שפראך פון די שעפער פונעם באָלשעוויזם. ס'איז שווער און אומעגלעך צו געבן דורך ביישפילן, אפילו דורך צאָלרייכע ביישפילן, אוועלכע־ניט־איז פאָרש־

1 וו. א י. לענין. ווערק, צווייטע אויסגאבע, ב. II, ז. 414 (רוסיש).

שטעלונג וועגן דער בילדערישער אָנגעזעטיקטקייט פון זייערע שריפטן. מיר וועלן דאָ נאָר דערמאָנען וועגן די פאלן, ווען גאנצע פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע קאָנצעפּציעס, ווען אויסשעפּלעכע כאראקטעריסטיקעס פון גאנצע עפּאָכעס זיינען געגעבן אין אן אבסאָליוט פולער מאָס אין איין בילדערישן אויסדרוק, צום-ביישפּיל, די לענינישע כאראקטעריסטיק פון די אָפּאָרטוניסטן אלס „וואכ־הינט פונעם קאפּיטאליזם", אָדער „די אידייע פון שטורעם רייפט אָן אינעם באוווסטזיין פון די מאסן" — סטאלין.

דער פאָרשער וועט זיך אויך אָפּשטעלן אפ די צאָלרייכע פאלן, ווען לענין און סטאלין נוצן אויס די קונסט-געשטאלטן פון דער רוסישער און אויסלענדישער, קלאסישער און מאָדערנער ליטעראטור. דאָ האָט איר דאנטע, שעקספּיר, סערוואנטעס, מאָליער. דאָ האָט איר געטע, שילער, הייגע. דאָ האָט איר גריבאָיעדאָוון — מאריא אלעקסייעוונא, טשאצקי, מאָלטשאלין, פאמוסאָוו, רעפּעטילאָוו, סקאלאָזוב. דאָ איז אויך גאָגאָל — אפאנאסי איוואנאָוויטש מיט פולכעריא איוואנאָוונא, איוואן איוואנאָוויטש מיט איוואן ניקיפאָראָוויטשן, אקאקי אקאקיעוויטש, טריאפּיטשקין, כלעסטאקאָוו 300.000 קוריערן, באָבטשינסקי מיט דאָבטשינסקין און פּעטרושקאָ, און נאָזדריאָוו, און סאָבאקעוויטש און מאנילאָוו. דאָ האָט איר טורגעניעווס וואָראָשילאָוו און דעם „אלטן שווינדלער", גאָנטשאראָווס אָבלאָמאָוו און אָסטראָווסקיס טיט טיטיטשן. א ריי געשטאלטן נעקראסאָווס, טאָלסטויס, טשערנישעווסקיס, רעשעטניקאָווס, קאָראָלענקאָס, אוספּענסקיס, פּאָמיאלאָווסקיס. ענדלעך האָט איר דאָ א גאנצע גאלעריי פון סאלטיקאָוו-שטשעדרינס געשטאלטן. ס'איז גענוג אָנצוווייזן אפ טראָצקיס פּאָרטרעט, וואָס לענין האָט געגעבן דורך שטשעדרינס געשטאלט פון יודושקא גאָלאָוולי‌אָוו. אין עטלעכע געציילטע שורעס ווענדט זיך לענין דריי מאָל צו דער יודושקא-געשטאלט, פארקערפּערנדיק זי אין יודושקא-טראָצקי, און פארענדיקט: „אָט אזא איז די גושע-פּארב בא יודושקא-טראָצקין".[1]

ס'איז גענוג אָנצוווייזן אפ סטאלינס כאראקטעריסטיק פון די לידערס פון דער רעכטער אָפּאָזיציע, וואָס ער האָט געגעבן אין דער געשטאלט פון טשעכאָווס „מענטש אין שיידל". אין יעדן לידער פון דער רעכטער אָפּאָזיציע דערזעען מיר מיט דער פולער בולעטקייט דעם פּראָווינציעלן לערער בעליקאָוו, וועלכער האָט מוירע פאר יעדער נייס, וועלכער כאזערט שטענדיק: „ס'זאָל אקאָרשט עפּעס נישט ארויס דערפון".

דער איקער אָבער, וואָס עס ציט דאָ צו די אויפמערקזאמקייט פונעם פאָרשער, איז דאָס, וואָס צייטנווייז באקומט דער סטיל פונעם ווערק אזא פאָרם, וועלכע קאָן זיך נישט איינלייגן אין די ראמען פון שפּראכ-בילדערישקייט. מיר האָבן דאָ קינסטלערישע אָפּוועגדונגען, וואָס לויט זייער סטרוקטור זיינען זיי נישט אנדערש, ווי קונסט-געשטאלטן.

די דאָזיקע דערשיינונג טרעפן מיר אין לענינס און סטאלינס ווערק, אָנגעהויבן פון „פון וואָס דארף מען אָנהייבן" ביז זיין לעצטער ארבעט „בעסער ווייניגער...

---

1 לענינישער זאמלבוך, ז. 303.

קער, נאָר בעסער", פון סטאלינס „די צעטריבענע דומע און די פארייניקטע גאס" (1906 י.) ביזן „באריכט־פּאָרטראַג דעם XVII צוזאמענפאָר".

דאָ האָבן מיר פאר זיך אומעטום אלע מאָמענטן, וואָס כאראקטעריזירן די קונסט־געשטאלט אלס אן אייגנארטיקע פאָרם פון דערקענען דאָס לעבן, וועלכע איז אייגנטימלעך דער קינסטלערישער שאפונג. מיר האָבן דאָ אן אינדיווידואליזירטע שילדערונג פון דערשיינונגען, וועלכע אנטפּלעקט מיט דער גאנצער פולקייט זייערע אייגנטימלעכע כאראקטעריסטישע טיפּישע מאָמענטן. און די דאָזיקע שילדערונג ווערט דערגרייכט דורך דעם, וואָס דער אווטאָר גייט ארויס פון די גרענעצן פונעם אומיטלבארן באטראכטן דעם קאָנקרעטן פאקט, דורך דעם, וואָס ער קומט אָן צום קינסטלערישן געדאנק.

2

אין יאָר 1900 שרייבט לענין פארן ערשטן נומער פון דער „איסקרא" א לייטארטיקל „די וויכטיקסטע אויפגאבן פון אונדזער באוועגונג", ווו ער מערקט אָן אין נאָמען פון דער רעדאקציע די טאקטיק פון דער סאָציאל־דעמאָקראטיע. דער גרונט־געדאנק פונעם ארטיקל איז, אז ס'איז אומדערלאָזבאר אָפּצורייסן דעם עקאָנאָמישן קאמף פונעם פּאָליטישן, די ארבעטער־באוועגונג פונעם סאָציאליזם, דערפון דרינגט ארויס די נייטיקייט צו שאפן א רעוואָלוציאָנערע פּארטיי, וועלכע זאָל פאראייניקן דעם קאמף קעגן דער זעלבסטהערשונג — די „הויפּט־אויפגאבע" פונעם רוסישן סאָציאליזם — מיטן עקאָנאָמישן קאמף פונעם ארבעטער־קלאס. דער ערשטער טעזיס, וואָס מיט אים הייבט זיך אָן דער ארטיקל, איז די באהויפּטונג, אז „די נאָענטסטע פּאָליטישע אויפגאבע פון דער רוסישער ארבעטער־פּארטיי דארף זיין דאָס אראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג". און, פארענדיקנדיק דעם ארטיקל, קערט זיך לענין אום צו זיין ערשטער באהויפּטונג, פארקערפּערנדיק זי דאָס מאָל אין א קונסט־געשטאלט:

„פאר אונדז שטייט אין איר גאנצער קראפט דעם פיינטס א פעסטונג, פון וועלכער מע באשיט אונדז מיט כמארעס גראנאטן און קוילן, וואָס טראָגן אוועק די בעסטע קעמפער. מיר מוזן נעמען די דאָזיקע פעסטונג און מיר וועלן זי נעמען..."[1]

א באדייטנדיקן מאטעריאל צום לייזן די פּראָבלעם פון קונסט־געשטאלטן אין די ווערק פון די שעפער פון באָלשעוויזם גיבן שוין די פריַיִקע ווערק פון באָלשעוויזם — לענינס „פון וואָס דארף מען אָנהייבן?" און „וואָס דארף מען טאָן?". שוין אין „פון וואָס דארף מען אָנהייבן?", ווו עס זיינען דאָס ערשטע מאָל געשטעלט געוואָרן די פראגן, וואָס בילדן די הויפּט־טעמע פון „וואָס דארף מען טאָן?", נוצט אויס לענין אפ קלאָר צו מאכן דעם געדאנק וועגן דעם, אז די ציַיטונג קאָן ווערן א „קאָלעקטיווער אָרגאניזאטער", די געשטאלט פון רישטעוואַניעס „ארום א געביידע, וואָס מע בויט". אין „וואָס דארף מען טאָן?" אינעם

---

[1] וו. אי. לענין, ווערק, ב. II, ז. 59 (רוס.).

קאפיטל „דער פלאנ פונ אנ אלגעמיינ-רוסישער פּאָליטישער צייַטונג" קערט זיכ לענינ ווידער אומ צו דער פראגע וועגנ א צייַטונג אלס קאָלעקטיווער אָרגאניזאטער אונ כאזערט צוויי מאָל איבער די געשטאלט פונ „רישטעוואניעס".

אינ „פונ וואָס דארפ מענ אָנהייבנ?" ווערט געזאָגט, אז אינ שאפנ די סאָציאַל-דעמאָקראטישע אָרגאניזאציע דארפ די אלגעמיינ-רוסישע צייַטונג ווערנ דער „ג ר ו נ ט - פ אָ ד ע מ, וואָס, האלטנדיק זיכ פאר אימ, וואָלטנ מיר געקאָנט קעסיידער אנטוויקלענ, פארטיפנ אונ פארברייטערנ די דאָזיקע אָרגאניזאציע..." אינ „וואָס דארפ מענ טאָנ?" צעוואקסנ זיכ די ווערטער „דער גרונט-פאָדעמ" אינ א פראכטפולנ געשטאלט. ענטפערנדיק די, וועלכע „זעענדיק א ציל אינ דעמ, וואָס ווערט ארויסגערוקט אלס דאָס סאמע פאסיקע מיטל אינעמ איצטיקנ מאָמענט", האָבנ אָנגערופנ די צייַטונג „פאפירענע פאריייניקונג", — ענטפערנדיק זיי, שרייַבט לענינ:

„זאָגט, איכ בעט אייַכ, ווענ מויערער לייגנ אינ פארשיידענע ערטער שטיינער פאר א קאָלאָסאלער אונ נאָכ גאָר ניט געזעענער געבייַדע, — איז דענ ניט א „פאפירענע" זאכ דורכצופירנ א פאָדעמ, וועלכער העלפט געפינענ דאָס ריכטיקע אָרט צומ לייגנ, וועלכער ווייַזט אָנ אפנ ענדגילטיקנ ציל פונ דער געמיינזאמער ארבעט, וואָס גיט א מעגלעכקייַט צו לאָזנ אינ גאנג ניט נאָר יעטווידנ שטיינ, נאָר אויכ יעדער שטיקל שטיינ, וואָס שליסט זיכ צונויפ מיט די פאָריקע אונ שפּעטערדיקע אונ פירט אויס די פארענדיקטע אלצ ארומנעמענדיקע ליניע?" [1]

צו דער געשטאלט פונ די מויערער, וואָס מויערנ א געבייַדע, קערט זיכ לענינ דרייַ מאָל אומ אינ דעמ דאָזיקנ קאפיטל. אונ, שליסנדיק דעמ קאפיטל, פארקערפערט לענינ די אידיי פונ דער אלגעמיינ-רוסישער צייַטונג אינ א נייַער געשטאלט, וואָס דריקט אויס די אלגעמיינע באדייַטונג פונ דער צייַטונג:

„די דאָזיקע צייַטונג וואָלט געוואָרנ א טיילכל פונ יענעמ קאָלאָסאלנ שמידערישנ בלאָזזאק, וועלכער בלאָזט פאנאנדער יעטווידנ פונק פונ קלאסנקאמפ אונ פאָלקס-צאָרנ אינ אנ אלגעמיינער סרייפע". [2]

ענדלעכ, אינעמ ערשטנ אָפּטייל פונעמ ערשטנ קאפיטל פונ „וואָס דארפ מענ טאָנ?" אינעמ באוווסטנ פראגמענט „מיר גייענ אנ ענג הייַפל איבער אנ אָפּריסיקנ אונ שווערנ וועג", אינ די געשטאלטנ פונ די, „וואָס פארקערעווענ צומ זומפּ" אונ פונ די, וואָס „האָבנ אויסגעקליבנ דעמ וועג פונ קאמפ", זייַנענ געגעבנ צוויי ריכטונגענ אינ דער סאָציאַל-דעמאָקראטיע: די אָפּאָרטוניסטישע אונ רעוואָליוציאָנער-מארקסיסטישע.

דער קאמפ קעגנ די אָפּאָרטוניסטנ פונ אלע מינימ אונ שאטירונגענ, וואָס גייט דורכ דער גאנצער געשיכטע פונעמ באָלשעוויזמ, איז אָפט א טעמע פונ קונסט-געשטאלטנ אינ לענינס אונ סטאלינס שריפטנ.

1 וו. אי. לענינ. ווערק, ב. IV, ז. 486. (רוס.).
2 דאָרט, ז. 492.

אין „א טראָט פאָרויס, צוויי טריט צוריק“ דערמאָנט לענין זײַן שמועס מיט אײנעם פון די דעלעגאטן פון „צענטער“, וועלכער האָט זיך געקלאָגט אפ דער שווערער אטמאָספער פון פּאָלעמיק, פון שטרײַטן, פון פארשארפטן קאמפ אפ צוזאמענפאָר, און ער שרײַבט:

„וואָס פאר אן אויסגעצייכנטע זאך עס איז אונדזער צוזאמענפאָר!“— האָב איך אים געענטפערט. — „אן אָפענער, פרײַער קאמפ. די מיינונגען זײַנען ארויסגעזאָגט. די שאטירונגען האָבן זיך אָנגעצייכנט. די גרופּעס זײַנען אָנגעמערקט. די הענט זײַנען אופגעהויבן. דער באשלוס איז אָנגענומען, אן עטאפּ איז פאָריבער. פאָרויס! — אָט דאָס פארשטיי איך. אָט דאָס איז לעבן“.[1]

אין די יאָרן 1909—1911 פירן די באָלשעוויקעס אן אײַנגעשפּארטן קאמפ קעגן די טאָלעראנטלער אלס א דערשײַנונג, וואָס איז אין אייניקע פאלן גטפערלעכער פארן אָפענעם אָפּאָרטוניזם. אין דער דאָזיקער צײַט שרײַבט לענין א ריי ארטיקלען, וואָס דעמאסקירט די טאָלעראנטלערײַ. צו דער דאָזיקער צײַט געהערט אויך די סאטיריש-פארשארפטע געשטאלט פון דער טאָלעראנטלערײַ, וואָס לענין האָט געשאפן.

„די באָלשעוויקעס באוועגן מיט גרויס מי איבער א שטיילן בארג ארופ־צו אונדזער פארטיי-וואָגן. די ליקווידאטאָרן די גאָלאָסאָווצעס שלעפּן אים מיט אלע קויכעס צוריק, בארג אראָפּ. אפן וואָגן זיצט א טאָלעראנטלער. אן אויסזען האָט ער א רירנדיקן, א רירנדיקן. דאָס פּאָנעם—א זיסינקס, א זיסינקס, גאָר־גאָר ווי בא יעזוס קריסטוסן. די גאנצע פיגור איז פארקערפּערטע טוגנט. און, צניעסדיק אראָפּגעלאָזט די אויגן אראָפּ-צו, אופגעהויבן די הענט צום הימל, רופט אויס דער טאָלעראנטלער: „איך דאנק דיר, גאָט, וואָס איך בין ניט ענלעך צו אָט די,— א נייג אין דער זײַט פון די באָלשעוויקעס און פון די מענשעוויקעס,— די רעשאָים די פראקציאָנערן, וואָס שטערן יעטווידער באוועגונג פאָרויס“. און דער וואָגן באוועגט זיך צוביסלעך פאָרויס, און אפן וואָגן זיצט א טאָלעראנטלער“.[2]

דאָס איז געווען נאָכן פּלענום פון יאָר 1910, וואָס די טאָלעראנטלערישע באשלוסן זײַנע האָבן פארהאמעוועט דעם קאמפ פון די באָלשעוויקעס קעגן די ליקווידאטאָרן, האָבן פארקאָמפּליצירט דעם פּראָצעס פון אָפּרייניקן די פארטיי פון די אנטיפארטייִשע עלעמענטן, האָבן פארהאלטן דעם ענדגילטיקן אײַנרײַס מיט די אָפּאָרטוניסטן. לענין האָט דעם באשלוס פונעם יאנוואר-פּלענום אָנגערופן „אידיאָטישע טאָלעראנטלערישע פּעלערן“. און אָט די דאָזיקע באציִונג זײַנע צו דער טאָלעראנטלערײַ האָט ער אויסגעדריקט אין זײַן פארניכטנדיקער סאטירע. אין איר האָט זיך אָפּגעשפּיגלט לענינס טיפע פײַנטשאפט, די פײַנטשאפט פון באָלשעוויזם צו יעדער צווייִענדיקײַט, אומאנטשלאָסנקײַט.

[1] ח. אי. לענין, ווערק, ב. VI, ז. 274 (רוס.).
[2] וו. אי. לענין, ווערק, ב XV, ז. 242 (רוס.).

און אין אַזאַ טיף־וויסנשאַפטלעכן ווערק, ווי „מאַטעריאַליזם און עמפּיריאָקריטיציזם“ קומט לענין אויך אָן צו דער קינסטלערישער געשטאַלט. אינעם קאַפּיטל „די נײַסטע רעוואָלוציע אין דער נאַטורוויסנשאַפט און דער פילאָסאָפישער אידעאַליזם“ מאַכט לענין, אינעם רעזולטאַט פונעם אַלזײַטיקן אַנאַליז פון דער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט אין דער נײַער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם און פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס, דעם אויספיר, אַז די נאַטורוויסנשאַפט און איבערהויפּט די פיזיק לעבט איבער אַ קריזיס, וועלכער טרײַבט זי צום דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, און אַז דער „פיזישער“ אידעאַליזם פונעם סאָף XIX און אָנהייב XX יאָרהונדערט איז אַ קרענקלעכער פּעריאָד אין דער געשיכטע פון דער וויסנשאַפט. דעם דאָזיקן אויספיר גיט לענין אין אַ קונסט־געשטאַלט:

„די הײַנטצײַטיקע פיזיק גייט צו קינד. זי געבוירט דעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם. דאָס האָבן איז אַ ווייטעקדיקס. אַחוץ דעם לעבעדיקן און לעבנספעיִקן וועזן גיט עס אומפאַרמײַדלעך אייניקע טויטע פּראָדוקטן, אייניקע אָפּפאַלן, וואָס מע באַדאַרף אַרויסוואַרפן אין אַ לאָקאַל פאַר אומרייניקײַטן“.[1]

דעם זעלבן מערקווירדיקן פאַל, ווען לענין נוצט אויס אַ קונסט־געשטאַלט, געפינען מיר אין די ניט־פאַרענדיקטע „שריפטן פון אַ פּובליציסט“[2] פון 1922 יאָר.

אין דער געשטאַלט פון „אַ מענטשן, וואָס מאַכט דורך אַן אַרופשטײַגן אויף זייער אַ הויכן, שטיילן און נאָך ניט קיין אויסגעפּאָרשטן באַרג“, און וואָס דער דאָזיקער מענטש האָט געמוזט צײַטווײַליק אַ קערעווע טאָן צוריק, אַראָפּלאָזן זיך אַרונטער, קעדיי ווידער, דרײַסטער, שנעלער, גלײַכער אַ רוק טאָן זיך פאָרויס, אַרופצו צום שפּיץ, אין דער געשטאַלט פון די מענטשן, וועלכע האָבן אַ בייזע האַנאָע „צוקוקנדיק פון אַ געפאַרלאָזן פונווײַטנס“ דעם דאָזיקן „געפערלעכן אַראָפּשטײַגן“, איז דאָ געגעבן געוואָרן דער רוסלענדישער פּראָלעטאַריאַט און זײַן פּאַרטיי אין פּעריאָד פון דער נײַער עקאָנאָמישער פּאָליטיק. מיר האָבן דאָ פאַר זיך דאָס מאָל אַ פאַנאַנדערגעוויקלטע געשטאַלט־סיסטעם, מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ טעקסט אויף צוויי זײַטן, וואָס דער אוטער האָט אויסגעטיילט אין אַ באַזונדער קאַפּיטל.

3

קונסט־געשטאַלטן קוקן אויף אונדז אויך פון פיל סטאַלינישע זײַטן. זײַן היסטאָרישע אַרויסטרעטונג דעם 26־טן יאַנוואַר אין 1924 יאָר הייבט אָן דער גרויסער לענינעץ אַזוי: „מיר, קאָמוניסטן, זײַנען מענטשן פון אַ באַזונדערן שניט. מיר זײַנען צוגעשניטן פון אַ באַזונדער מאַטעריאַל...“ און אַ ביסל ווײַטער: „די זין פונעם אַרבעטער־קלאַס, די זין פון נויט און קאַמף, די זין פון אומגעהייערע לײַדן פון העראָישן קאַמף — אָט ווער עס דאַרף, פריִער פאַר אַלע, זײַן מיטגלידער

1 וו. אי. לענין, ווערק, ב. XIII, ז. 256 (רוס.).

2 וו. אי. לענין, ווערק, ב. XXVII, ז. 197 (רוס.).

פון אזא פארטיי..." און צווישן דער דאָזיקער אויסערגעוויינלעכער שפּראַך־רײַכ־קייט קומט אויף א פּראַכטפולע געשטאַלט פונעם ראטנלאַנד:

„ווי א קאָלאָסאלער פעלדז שטייט אונדזער לאַנד, ארומגערינגלט מיט אן אָקעאַן פון בורזשואזע מעלוכעס. כוואַליעס נאָך כוואַליעס קײַקלען זיך אויף אים, דראָענדיק צו פארפלייצן און צעשווענקען. און דער פעלדז האַלט זיך אַלץ אומגעוואַקלט".[1]

אין „וועגן דעם רעכטן אָפּנייג אין דער אַלקפּ(ב)" איז געגעבן אין קונסט־גע־שטאַלטן דער פאַרגלײַך צווישן דער פּארטיי, וואָס האָט שוועריקייטן און וואָס איז גרייט בײַקומען זיי, און דער נײַער אָפּאָזיציע, וואָס טרעט אָפּ צוריק פאַרלאָ־רענערהייט פאַר די שוועריקייטן.

„צי האָט איר געזען פישערס פאַר א שטורעם אויף א גרויסן טײַך, אַן ערעך ווי דער יעניסיי? איך האָב זיי געזען ניט איין מאָל. ס'טרעפט, בײַס עס הייבט זיך אָן א שטורעם, מאָבּיליזירט איין גרופּע פישערס אַלע אירע קרעפטן, זי גיט צו מוט אַלע אירע מענטשן און פירט דרײַסט די שיף דעם שטורעם אנטקעגן: „האַלט זיך, כעוורע, פעסטער פארן רודער, שנײַד די כוואַליעס, מיר וועלן זיגן!" ס'טרעפט אויך א צווייטער סאָרט פישערס, וואָס, אז זיי דערשפּירן א שטורעם, פאַרלירן זיי דעם מוט, הייבן אָן כניקען און דעמאָראַליזירן זייערע אייגענע רייען: „אָט אן אומגליק, עס הייבט זיך אָן א שטורעם, לייגט זיך, כעוורע, אויפן דעק פון שיף, מאכט צו די אויגן, עפּשער וועט עס אונדז ווי־עס־ניט־איז ארויסטראָגן צום ברעג".[2]

אָנווײַזנדיק אויף דער אומדערלאָזבארקייט צו פאַרלאַנגזאַמען די טעמפּן פון דער אינדוסטריאַליזאציע, אָנווײַזנדיק דערויף, אז דאָס אָפּשוואַכן די טעמפּן ברענגט דאָס לאַנד צו אָפּגעשטאַנענקייט און בעמיילע אויך צו שוואַכקייט, גיט סטאַלין אין „וועגן די אויפגאַבן פון די ווירטשאַפטלער" א געשטאַלט פונעם אַלטן רוס־לאַנד, וואָס מע האָט עס פיל מאָל און אָפט געשלאָגן פאַר אָפּגעשטאַנענקייט:

„געשלאָגן האָבן די מאָנגאָלישע כאַנען. געשלאָגן האָבן די טער־קישע בעקן. געשלאָגן האָבן די שוועדישע פעאָדאַלן. געשלאָגן האָבן די פּויליש־ליטווישע פּאַנעס. געשלאָגן האָבן די ענגליש־פראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטן. געשלאָגן האָבן די יאַפּאַנישע באַראָנען. געשלאָגן האָבן אַלע — פאַר אָפּגעשטאַנענקייט. פאַר אָפּגעשטאַנענקייט מיליטערי־שער, פאַר אָפּגעשטאַנענקייט קולטורעלער, פאַר אָפּגעשטאַנענקייט מע־לוכישער, פאַר אָפּגעשטאַנענקייט אינדוסטריעלער, פאַר אָפּגעשטאַנענ־קייט לאַנדווירטשאַפטלעכער. געשלאָגן דערפאַר, וואָס דאָס האָט געלוינט..."[3]

אינעם גראַנדיעזן סאַכאַקל פון דער דערפאַרונג פון דער סאָציאַליסטישער בויונג אינעם ערשטן פינפיאָר, וואָס האָט ניט קיין בײַשפּיל אין דער געשיכטע, און פון די

1 „פּראַוודאַ", 1924 י., נומ. 23.
2 י. סטאַלין. פראַגן פון לעניניזם. 10־טע אויפלאַגע, ז. 245 (רוס.).
3 דאָרט, ז. 445.

גרעסטע פּערספּעקטיוון פון די נײַע גרויסע אַרבעטן פונעם צווייטן פינפיאָר, מיט וואָס עס איז אָנגעפילט סטאַלינס באַריכט־פּאָרטראָג דעם XVII צוזאַמענפאָר, שנײַדט זיך אומדערוואַרט אַרײַן אַ געשטאַלט פון אַ „פאַרפאַלענעם פלוידערזאַק":

איך: ווי האַלט עס בא אײַך מיט דעם פאַרזיי?

ער: מיטן פאַרזיי, כאַווער סטאַלין? מיר האָבן זיך מאָביליזירט.

איך: נו, איז וואָס?

ער: מיר האָבן אַוועקגעשטעלט די פראַגע זייער שאַרף.

איך: נו, און וואָס ווײַטער?

ער: פאַראַן בא אונדז אַן איבערבראָך, כאַווער סטאַלין, אינגיכן וועט זײַן אַן איבערבראָך.

איך: אָבער פאָרט?

ער: בא אונדז מערקט זיך אַ רוק פאָרויס.

איך: נו, אָבער פאָרט, ווי האַלט בא אײַך מיטן פאַרזיי?

ער: מיטן פאַרזיי קומט בא אונדז דערווײַל גאָר ניט אַרויס, כאַווער סטאַלין". [1]

די גרויסע לערער פון וועלט־פּראָלעטאַריאַט לענין און סטאַלין איז ניט נאָר וואָס זיי אַליין נעמען זיך פאַר שאַפן קונסט־געשטאַלטן, נאָר זיי ווײַזן אָפט אָן אויף דער נייטיקייט פון אַזעלכע געשטאַלטן. אין יאָר 1905 שרײַבט לענין אין אַ בריוו צו אַ. וו. לונאַטשאַרסקין, ווו ער לייגט אים פאָר אָנשרײַבן אַ ליטעראַריש־קריטישן עטיוד וועגן די מיִעסע פּאָלעמיק־מעטאָדן פון די מענשעוויקעס: „פאַרשטעמפּלט זיי פאַר זייער מיזערן אויפן פון קריג. מאַכט פון זיי אַ טיפּ. מאָלט אויס זייער פּאָרטרעט אין דער גאַנצער גרייס לויט ציטאַטן פון זייער גופע". [2]

אינעם אַרטיקל „די לעקציעס פונעם מאָסקווער אויפשטאַנד" פון 1906 י. דערציילט לענין וועגן „צוויי מיידלעך אַרבעטערנס, וועלכע האָבן אין דער צענטוריזנטיקער מענגע געטראָגן די רויטע פאָן און האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אַנטקעגן די קאַזאַקן מיט געשרייען: „טויט אונדז! לעבעדיקערהייט וועלן מיר די פאָן ניט אָפּגעבן!" דערבײַ באַמערקט לענין, אַז „די דאָזיקע מוסטערן פון געוואַגטקייט און העלדישקייט מוזן אויף אייביק אײַנגעקריצט ווערן אינעם באַוווסטזײַן פונעם פּראָלעטאַריאַט". אָט די לעצטע ווערטער דאַרף מען פאַרשטיין אַלס אַ ווענדונג צו די מײַסטער פון אַלע מינים קונסט.

אינעם „פּאָליטישן באַריכט פון צענטראַל־קאָמיטעט דעם XVI צוזאַמענפאָר פון אַלקפּ(ב)" שרײַבט סטאַלין, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געווענדט צו מאָלער, וועלכע מע זעט:

„די אָריגינעלע באַציִונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן צווישן די לענדער די זיגער און דײַטשלאַנד, וואָלט מען געקאָנט אויסמאָלן אין דער פאָרם פון אַ פּיראַמידע, וואָס אויבן זיצן, ווי די האַרן, אַמע-

---

[1] י. סטאַלין, פּראַגן פון לענינִיזם, 10־טע אויפלאַגע, ז. 593.

[2] לענינישער זאַמלבוך, XXII, ז. 30.

ריקע, פראנקרייך, ענגלאנד מיטן יונג־פּלאַן אין די הענט, מיט אן אויפשריפט: „צאָלן!". און אונטן איז צעשפּרייט דײַטשלאנד, וואָס שלאָגט זיך ארויס פון די קייטן און איז געצווונגען ארויסצוציִען פון זיך אַלע קרעפטן, כדי אויסצופילן דעם באַפעל וועגן צאָלן מיליאַרדיקע קאָנטריבוציעס..." [1]

אינעם „באַריכט־פּאָרטראַג דעם XVII צוזאמענפאָר" אין די אבוזאצן „עס האָט זיך געענדערט דער אויסזען פון אונדזערע גרויסע שטעט", „נאָכמער האָט זיך געענדערט דער אויסזען פון דאָרף", „עס זײַנען פארשוווּנדן די אַלטע כאָשעווע פיגורן" האָבן באַקומען בוילעטע קאָנטורן, וועלכע זײַנען בא הײַנטיקן טאָג די איקערדיקע פאר אונדזער קונסט פון אַלע מינים און וועלכע וועלן נאָך אף לאַנג פארבלײַבן אזעלכע: דער פּייזאַזש פון דער סאָציִאַליסטישער שטאָט, פונעם סאָציִאַליסטישן דאָרף, די געשטאַלט פונעם נײַעם מענטשן — דעם בויער פון סאָציִאַליזם.

4

עס וואָלט געווען שטארק פעלערהאַפט צו באַטראַכטן די קונסט־געשטאַלטן אין לעבינס און סטאַלינס שריפטן בלויז אַלס עלעמענטן פון אָרנאַמענטיק. קעגן אזא מין שטעלן די פראגע ווײַזט זייער אָרט אינעם אַלגעמיינעם קאָנטעקסט. בלויז די מינדערהײַט פון די דאָזיקע פראגמענטן פארענדיקן א טעקסט, דעם גרעסטן טייל זייערן טרעפן מיר אָבער אינעם געוועב פון טעקסט גופא און דערבײַ זייער אָפט דאָרט, ווו עס ווערט איבערגעגעבן דער גרונט־געדאַנק פון אַרטיקל. אזא אָרט פארנעמט די געשטאַלט פון רישטעוואַניעס אין „פון וואָס דארף מען אָנהייבן?", די געשטאַלט פון די מויערער, וואָס לייגן „שטיינער פון א קאָלאָסאַלער, נאָך אינגאַנצן ניט געוועזענער געבײַדע" אין „וואָס דארף מען טאָן?". אזא אָרט פארנעמט די געשטאַלט פון די פישער פארן שטורעם אין „וועגן רעכטן אָפּנייג", דאָס בילד פונעם פיל מאָל געשלאָגענעם אַלטן רוסלאַנד אין „וועגן די אויפגאַבן פון די ווירטשאַפטלער".

אָבער אויך דעמלט, ווען די דאָזיקע קינסטלערישע אָפּווענדונגען פארענדיקן א טעקסט, זײַנען זיי אויך קיינמאָל ניט בלויז קיין שלוס־אָרנאַמענטן, וועלכע האָבן ניט קיין אייגענעם געדאנקלעכן באַטײַט און וואָס בילדן בלויז א קאָמפּאָזיציִאָנעלע פּאַראַלעל צו די אײַנטריט־שורעס. דער פראגמענט „מיר גייען אן ענג הײַפל איבער אן אָפּריסיקן און שווערן וועג" פארענדיקט דעם ערשטן קאַפּיטל פונעם ערשטן אָפּטייל אין „וואָס דארף מען טאָן?" אָבער אין דעם דאָזיקן פראגמענט ווערט רעאַליזירט אין קונסט־געשטאַלטן א גרויסער אידייִשער אינהאַלט. אויב דער גאנצער קאַפּיטל גיט זיך אָפּ מיט דעמאַסקירן די „אָפּיקאָרסישע" ריכטונג אינעם סאָציִאַליזם, מיט באַווײַזן זי אַלס א מאָדיפיקאַציע פונעם אָפּאָרטוניזם, איז דאָ דאָס ערשטע מאָל געשטעלט געוואָרן די פראגע וועגן דער נייטיקײַט פון קאַמף קעגן דעם רעפאָרמיזם, וועגן אָפּגרענעצן זיך פון אים, און וועגן עס וועט זײַן נייטיק — צערײַסן מיט אים אינגאנצן.

[1] י. סטאַלין, פראגן פון לעניניזם, 10־טע אויפלאגע, ז. 354 (רוס.).

אָבער די קונסט־געשטאלטנ אינ לענינס אונ סטאלינס ווערק זייִנענ ניט בלויז קיינ אָרנאמענט־מאָטיוונ, נאָר אייניקע פונ זיי טראָגנ, לויט זייער געדאנקלעכער פארגאנצטקייט, לויט דער פארגאנצטקייט פונ זייער קאָמפּאָזיציע, לויט זייער גאנצער סטרוקטור־פארענדיקטקייט, דעמ כאראקטער פונ א גאנצנ ווערק. אזא איז די געשטאלט פונעמ ערלעכנ פלוידערזאק אינעמ „באריכט־פאָרטראָג דעמ XVII צוזאמענפאָר פונ אלקפ(ב)", די פארגאנצטקייט פונעמ דאָזיקנ פראגמענט ווירקט מיט זייִנ פאָרמ, וואָס איז אויסגעטיילט פונעמ גאנצ פאָרטראָג — מיט דער דיאלאָג־פאָרמ. די דערפארונג האָט באוויזנ, אז ווענ מע לייענט דעמ דאָזיקנ פראגמענט אויסער יעדנ צוזאמענהאנג מיט דעמ גאנצנ פאָרטראָג, רופט עס ארויס א געלעכטער פונ דער גאנצער אאודיטאָריע, דער געלעכטער הערט ניט אופ אויך לאנג נאָכנ ענדיקנ לייענענ.

די קונסט־געשטאלטנ אינ לענינס אונ סטאלינס ווערק קאָנ מענ אויכ ניט באטראכטנ אלס אזעלכע, וואָס זייִנענ בארופנ מיטצוהעלפנ דער ארגומענטאציע. דאָס דערלערנענ די קאָמפּאָזיציע פונ די דאָזיקע ווערק באווייַזט, אז די דאָזיקע קונסט־געשטאלטנ דערשייִנענ אינ יענעמ מאָמענט, ווענ דער גרונט־געדאנק איז שוינ אויסשעפּלעכ דערוויזנ געוואָרנ מיט דער שטארקסטער קראפט פונ איבערצייַגונג, מיט דער אייַזערנער לאָגיק פונ די גרעסטע לערער פונעמ פראָלעטאריאט.

ווענ עס זייִנענ שוינ צעשלאָגנ געוואָרנ אלע פרווונ צו „לייגנ א טעאָרעטישנ פונדאמענט" אונטער דער טאָלעראנטלערייַ, ווענ די דאָזיקע ריכטונג איז אויסשעפּלעכ באוויזנ געוואָרנ אלס א „קלאסישער" מוסטער פונ אידייִשער אונ פּאָליטישער הילפלאָזיקייט, ווענ עס איז שוינ ענדגילטיק פעסטגעשטעלט געוואָרנ דער זיכערער פּאָליטישער פאקט פונעמ פולשטענדיקנ קראכ פונ דער טאָלעראנטלערייַ, עס איז דערוויזנ געוואָרנ, אז „די טאָלעראנטלערייַ איז גלייַכ צו נול, ווערטער, פוסטע ווונטשנ", ווענ עס איז שוינ געמאכט געוואָרנ דער לעצטער אויספיר: „באָלשעוויקעס, באהעפט זיכ, איר זייַט די איינציקע פעסטונג פונ קאָנסעקווענטנ אונ אנטשיידענעמ קאמפ קעגנ דער ליקווידאטערייַ אונ אָטזאָוויזמ" — דעמאָלט ערשט דערשייַנט די קונסט־געשטאלט פונ דער טאָלעראנטלערייַ.

אינ „וועגנ דעמ רעכטנ אָפּנייג אינ דער אלקפ(ב)" אנאליזירט דער גרויסער לענינעצ מיט זייִנ גאנצער פּאָשעטקייט, לאקאָנישקייט, וואָס זייִנענ אייגנטימלעכ בלויז אימ אליינ, די קלאסנ־איבערוקנ אינ פּסר אונ אינ די לענדער פונ קאפּיטאל, אונ ער קומט צו דעמ אויסשעפּלעכ קלאָרנ אויספיר: „אונדזער פארטיי זעט די דאָזיקע קלאסנ־איבערוקנ. זי פארשטייט די באדייַטונג פונ די נייַע אופגאבנ, אונ מאָביליזירט די קרעפטנ פאר דער לייזונג פונ די דאָזיקע אופגאבנ. דערפאר באגעגנט זי די דאָזיקע געשעענישנ אינ פולער באוואָפענונג... דער אומגליק פונ דער נייַער אָפּאָזיציע, דער אומגליק פונ כ' בוכארינס גרופּע באשטייט דערינ, וואָס זי זעט ניט די דאָזיקע קלאסנ־איבערוקנ אונ פארשטייט ניט די נייַע אופגאבנ פונ דער פארטיי. אונ טאקע דערפאר, ווייַל זי פארשטייט זיי ניט, לעבט זי איבער א צושטאנד פונ פולשטענדיקער פארלאָרנקייט, איז זי גרייט צו אנטלויפנ פונ די שוועריקייטנ, אָפּצוטרעטנ פאר זיי, אָפּצוגעבנ די פּאָזיציעס". אונ ערשט דעמאָלט, ווענ דער אנאליז איז פארענדיקט, ווענ מיט דער

בוילעטסטער קלאָרקייט איז באוויזן געוואָרן דער אָפּגרונט, וואָס ליגט צווישן די פּאָזיציעס פון דער פּארטיי און דער אָפּאָזיציע, — ערשט דעמלט קומט אויף פאר־אונדז דער דאָזיקער אָפּגרונט אינעם פראגמענט „צי האָט איר געזעען פישערס פאר א שטורעם אויף א גרויסן טייַך?" אין דער קאָלאָסאלער עמאָציאָנעלער מעכטיקייט פון די געשטאלטן פון די צוויי גרופּעס פישערס.

מיר קאָנען אָבער ניט באטראכטן די דאָזיקע קונסט-געשטאלטן, ווי עפּעס א צופעליקעס, ווי א „פּאסיק געזאָגטעס", וואָס איז ניט כאראקטעריסטיש פאר זייַער אוטערס. מיר האָבן שוין געזען, אז לענין קערט זיך ווידעראמאָל און ווידעראמאָל אום צו איינער און דער זעלבער געשטאלט. דאָס זעלבע זעען מיר אויך בא סטאלינען. אייניקע געשטאלטן אין זייַנע ווערק פון דער נאָכאָקטיאבערישער עפּאָכע האָבן זייערע וואָרצלען אין זייַנע שריפטן פון די 900-ער יאָרן, ווייַטער זעען מיר, אז די געשטאלט (דער פעלדז, וואָס שטייט אומגעוואקלט), וואָס ער ברענגט אין זייַן ארויסטרעטונג דעם 26-טן יאנוואר 1924 יאָר, כאזערט זיך איבער אינעם „באריכט-פּאָרטראָג דעם XVII צוזאמענפאָר".[1] אז די דאָזיקע געשטאלטן זייַנען ניט קיין צופעליקע, איז צו זען אויך פון דעם אבסאָליוט ניט צופעליקן מאטעריאל, וואָס איז גענומען געוואָרן פון דער ארומיקער וועלט אויף אויסצובויען זיי: דאָ דאָמינירן מאָטיוון פון ארבעט, פון קאמף און זיג, רישטעוואניעס בא א געבייַדע, מויערער לייגן ווענט, פישערס אויף א גרויסן טייַך, א פעסטונג, וואָס מע מוז אייַנעמען, און א פעלדז, וואָס שטייט אומגעוואקלט.

עס פעלט אינגאנצן אויף אויך די פּאָרהאנאָכע וועגן דער ניט-כאראקטעריסטישקייט. ווען נ.ק.קרופּסקאיא ציטירט אין אירע זיכרוינעס וועגן לענינען לענינס ענטפער דעם דעלעגאט פונעם צווייטן צוזאמענפאָר, וואָס מיר האָבן דאָ פריִער באטראכט, באמערקט זי: „אין דער דאָזיקער ציטאטע איז דער גאנצער איליטש". און אין דער געשטאלט פון די פישערס, וואָס פירן די שיף אנטקעגן שטורעם, זעט מען דען ניט דעם פורכטלאָזן קעמפער פאר קאָמוניזם — דעם גרויסן סטאלין?

וואָס זשע פאר א פונקציעס פילן אויס די קונסט-געשטאלטן אין לענינס און סטאלינס ווערק?

צאָלרייַך און פילארטיק זייַנען יענע מאָמענטן, וועלכע דער באָלשעוויזם פארצייכנט אלס רעוואָליוציאָנערע לערע פון פּראָלעטאריאט. ס'איז אָבער קיין שום צווייפל ניט, אז דאָס איקערדיקע און דאָס פירנדיקע איז דאָ די באציִונג צו די מאסן. דער אומגעוואקלטער גלויבן אין דער שאפונג פון די מאסן, דער גלויבן, וואָס באזירט זיך אויפן טיפן קענען די דאָזיקע מאסן — אָט וואָס עס בילדעט דעם גרונט פון באָלשעוויזם. איבער דרייַ צענדליק יאָר טיילט אָפּ דעם צווייטן פארטיי-צוזאמענפאָר פון דער ערשטער אלפארבאנדישער באראטונג פון די סטאכאנאָווצעס, אָבער עס אָטעמט מיט דער זעלבער אייַזנפעסטער איבערצייַגטקייט, מיטן גרענעצלאָזן גלויבן אין דער שאפונג פון די מאסן — לענינס דערקלערונגען וועגן זייַן אומקאָמפּראָמיסלעכקייט אינעם שטרייַט איבער דעם ערשטן פּאראגראף און סטאלינס אָפּשאַצונג פון דער סטאכאנאָווישער באוועגונג.

---

[1] י. סטאלין, פראגן פון לעניניזם, 10-טע אופלאגע, ז. 539 (רוס.).

דער גרויסער לענינעצ זאָגט: „איכ קענ ניט קיינ אנדער רעוואָליוציאָנער, וועלכער זאָל אזוי טיפ גלייבנ אינ די שעפערישע קרעפטנ פונ פראָלעטאריאט אונ אינ דער רעוואָליוציאָנערער צוועקמעסיקייט פונ זײַנ קלאסנ-אינסטינקט, ווי לענינ". די דאָזיקע ווערטער קאָנענ זײַנ אָנגעווענדט אינ דער זעלבער מאָס אונ מיט דער אויסשעפּלעכער פולקייט אויכ צו זייער אווטער.

דער דאָזיקער גלויבנ אינ די שעפערישע קרעפטנ פונ די מאסנ גייט דורכ דער גאנצער געשיכטע פונ באָלשעוויזמ, דרינגט ארײַנ אינ זײַנ יעטווידער טעאָרעטישער האנאָכע, ריכטנדיק יעטווידער פראקטישנ שריט זײַנעמ. דער דאָזיקער גלויבנ ליגט אינעמ גרונט פונ דער אומצעשטערלעכער בלוטיקער פארבינדונג פונעמ באָלשעוויזמ מיט די מאסנ. דער דאָזיקער גלויבנ, די דאָזיקע פארבינדונג באדינגט דעמ סטיל פונ לענינס אונ סטאלינס ווערק, דערפונ שטאמט אויכ דאָס, וואָס די גרויסע שעפער פונ באָלשעוויזמ ווענדנ זיכ צו קונסט־געשטאלטנ: די קאָנקרעטע שפראכ פונ א קונסט־געשטאלט איז נאָענט אונ פארשטענדלעכ די מאסנ, זי געפינט שטענדיק א וועג צומ באוווסטזײַנ אונ געפיל פונ מיליאָנענ.

נ. אויסלענדער

שאָלעמ-אלייכעמ און דער יידישער בורזשואזער טעאטער ארומ 1905:

(קאפיטלען פונ א גרעסערער ארבעט)

1

אָנהייב 1905 יאָר, ווענ עס האָבנ זיכ פארשפרייט די ידיעס וועגנ דער אָקאָרשט-דערשינענער רעגירונג-פאַראָרדענונג, וואָס שאפט אָפּ דעמ פארבאָט אפנ יידישנ טעאטער אינ רוסלאנד, איז שאָלעמ-אלייכעמ מיטאמאָל געוואָרנ זייער האָפערדיק געשטימט. מיט דער שטענדיקער עקספּאנסיווקייט, וואָס איז געלעגנ אינ זייַנ נאטור, האָט ער גלייַכ אפנ אָרט זיכ פארגלייבט אינ די גרויסע מעגלעכקייַטנ, וואָס די לעגאליזירונג עפנט אויפ פארנ יידישנ טעאטער, ער האָט ניט אויפגעהערט צו טראכטנ, וויאזוי די דאָזיקע מעגלעכקייַטנ דארפנ רעאליזירט ווערנ, און עס האָט נימ געדויערט קיינ סאכ צייַט, ווי שאָלעמ-אלייכעמ האָט שוינ געשריבנ אינ א בריוו צו זייַנ טאָכטער: „מייַנ גורל און אייַער צוקונפט... זייַנענ ענג פארבונדנ מיטנ יידישנ טעאטער“.[1]

א צייַט איז עס געווענ אזא, ווענ שאָלעמ-אלייכעמס האָפערדיקייַט האָט געשייַנט צו האָבנ א געוויסנ גרונט. די כוואליע פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, וואָס האָט זיכ געקייַקלט איבערנ לאנד, האָט פונ טאָג צו טאָג אונטערגעשווענקט די זייַלנ פונ דער צארישער אָרדענונג. פונ טאָג צו טאָג האָט כענ געקאָנט זענ, ווי עס פאלנ אָפּ אָנ א שיר גרעסערע און קלענערע פארצאמונגענ, וועלכע די צארישע מאכט האָט אינ מעשעכ פונ צענדליקער יאָרנ סיסטעמאטיש פאנאנדערגעשטעלט אינ די אלע פונקטנ, ווו עס האָט געפרווט זיכ דורכרייַסנ אינ דער עפנטלעכקייַט די שעפערישע ענערגיע פונ די ברייטע מאסנ. איינער אזא פונקט, ווו עס האָט זיכ געקאָנט דורכרייַסנ צומ וואָרט די שעפערישע קראפט פונ די יידישע האָרעפאשנע מאסנ, איז געווענ דער יידישער טעאטער. האָט דעריבער די צארישע מאכט, בא דער סאמע ענערגישער מיטווירקונג פונ דער יידישער בורזשואזיע, דעמ יידישנ טעאטער אינ יאָר 1833 פארבאָטנ און געלאָזט אָט דעמ פארבאָט דויערנ העכער 20 יאָר — ביז אָנהייב 1905 יאָר.

און אָט איז — אָנהייב 1905 — דער פארבאָט אפנ יידישנ טעאטער ענדלעכ אָפיציעל אָפּגעשאפט. עס איז קיינ וווּנדער ניט, וואָס שאָלעמ-אלייכעמ איז אינ דעמ מאָמענט געוואָרנ אזוי האָפערדיק געשטימט און האָט באשלאָסנ, אז זייַנ ווייַטערדיקע ליטעראַרישע טעטיקייַט דארפ אפנ סאמע ענגסטנ אויפנ פארבונדנ ווערנ מיט דעמ „באנייַטנ“ יידישנ טעאטער. פאר שאָלעמ-אלייכעמענ, א קלייַנבירגערלעכנ שרייַבער, וואָס האָט אינ געוויסע פעריאָדנ געהאט א געוויסנ קאָנטאקט מיט די ברייטע מאסנ, איז עס געווענ גאנצ נאטירלעכ. ניט נאטירלעכ האָט

עס אפּנ ערשטנ בליק ארױסגעזונ, װענ די לעגאליזירונג פונעמ ייִדישנ טעאטער האָט ארױסגערופנ א ברײטע און ענטלעכע דעמאָנסטראציע פונ באַפרידיקונג אינ דעמ לאגער פונ דער ייִדישער בורזשואזיע, און צומ טײל אפילע אינ די קרײַזנ ייִדישע בורזשואזיע, װעלכע האָבנ אינ די 80־ער יאָרנ געפירט א פארביסענע קאמפּאניע קעגנ דעמ ייִדישנ טעאטער. װאָס האָט עס געזאָלט באטײַטנ דער פאקט, װאָס אָנהײב 1905 יאָר האָט דער אָרגאנ פונ דער ייִדישער בורזשואזיע „װאָסכאָד" װארעמ באגריסט די לעגאליזירונג פונעמ ייִדישנ טעאטער מיט א נאָטיצ, װאָס האָט געהײסנ דער „װידערגעבורט פונעמ ייִדישנ טעאטער", און א צװײטער בורזשואזער אָרגאנ, װאָס האָט זיכ דעמלט װײניק־װאָס אונטערשײדט פונ „װאָסכאָד" — די צײַטונג „דער פרײַנד" — האָט אפילע געגומענ דערבײַ א פײַערלעכ-פּאטעטישנ טאָנ:

„די ייִדישע שפּראכ האָט הײַנט צו פארצײכענענ א שײנעמ טאָג: אינ רוסלאנד איז װידער דערלױבט געװאָרנ צו עפענענ ייִדישע טעאטערס, און ניט נאָר די ייִדישע שפּראכ — דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק האָט װידער באקומענ אײנע פונ זײַנע װיכטיקסטע רעכט — דאָס רעכט אפּ אנ אײגענער ייִדישער סצענע". [2]

פונװאנענ האָט געשטאמט דער דאָזיקער פּאטעטישער טאָנ? מיט װאָס דער־קלערט זיכ דער פאקט, װאָס אפילע די העברײיִשע פּרעסע, װעלכע האָט נאָר אָפּנ געפירט די העצע קעגנ ייִדישנ טעאטער אינ די 80-ער יאָרנ, האָט איצט אָנהײב 1905 יאָר געגומענ דרוקנ ברײטלעכע נאָטיצנ װעגנ דער טעאטער־דער־לױבעניש און איז דערבײַ אױכ גרײט געװענ צו רײדנ װעגנ דעמ „װידערגעבורט פונ ייִדישנ טעאטער"?

די דערקלערונג פונ דעמ אלעמ דארפ מענ זוכנ אינ דער נײַער היסטאָרי־שער סיטואציע, װעלכע מיר טרעפנ ארומ ייִדישנ טעאטער אינ דעמ פּעריאָד ארומ 1905 יאָר.* און די סיטואציע איז געװענ א גאנצ קלאָרע: סאָפּ 90־ער יאָרנ — און באזונדערס ארומ 1905 יאָר — װענ די װירקונג פונעמ רעװאָלוציאָנערנ ארבעטער־קלאס הײבט אָנ באקומענ אזא מאמאָשעסדיקנ כאראקטער און דרינגט ארײַנ אלצ טיפער און טיפער אינ דער האָרעפּאשנער סװיװע, קאָנ די בורזשואזיע מער ניט פילנ זיכ זי־כער, זי זוכט מיט אלע מיטלענ צו פּאראליזירנ די רעװאָלוציאָניזירנדיקע װירקונג פונעמ ארבעטער-קלאס, זי שטרעבט צו געװינענ די סימפּאטיעס פונ די סאָציאלע גרופּעס, װאָס װאקלענ זיכ — אינ הצסקעמ מיט זײער אלגעמײנער סאָציאל־עקאָנאָ־מישער פּאָזיציע — צװישנ דעמ ארבעטער־קלאס און דער בורזשואזיע. אינ יאָר 1905 פארגײט עס שױנ אזױ װײַט, אז דער ליבעראלער אָרגאנ פונ דער װארשעװער ייִדישער בורזשואזיע — די צײַטונג „דער װעג" האלט שױנ פאר נײטיק סיסטעמא־טיש צו דערקלערנ זײַנע לײענער, אז:

„ארױסער איר אומגעהײער־גרױסער עסטעטיש-פּעדאגאָגישער װירקונג, דינט די בינע אָפט אלס פּאָליטישע טריבונע. די בינע איז אײנס פונ די בעסטע מיטלענ אומ צו קאָנענ װירקנ אפּ אלע קרײַזנ פונ פאָלק. און טאקע דעריבער פארנעמענ זיכ אפּ דער בינע אומעטומ די בעסטע ליטעראַרישע קרעפטנ, גרױסע שרײַבער, דיכ־טער, קריטיקער און זאָגאר פּאָליטיקער רײַסנ אומעטומ אײנער בא דעמ אנ־

* גענױער װעגנ דעמ אינ מײַנ ארבעט: „דער ייִדישער טעאטער אינ רוסלאנד ערעװ 1905" אינ זשורנאל „װיסנשאפט און רעװאָלוציע", 1935, 4—3.

דערנ די בינע פונ די הענט ארויס, אומ צו קאָנענ באקומענ דעמ נייטיקנ איינ־פלוס אפ דעמ קלאַל״...[3]

די צייטונג „דער וועג״ האָט אָפּנ ארויסגעזאָגט דאָס, וואָס עס האָט צו יענער צייט אָנגעהויבנ ווערנ קלאָר פאר גאָר היפשע קרייזנ פונ דער יידישער בורזשואזיע. דער היסטאָרישער מאָמענט — ארומ 1905 — איז געווענ צופיל פארנטוואָרטלעכ, דער קלאסנקאמפ — צופיל אָנגעשטרענגט, אז מע זאָל קאָנענ פארזענ דעמ באטייט פונעמ טעאטער, אלס „פּאָליטישע טריבונע״. דערפאר האָבנ עס די פאָרשטייער פונ דער יידישער בורזשואזיע דאָס מאָל ארויסגעוויזנ אזויפיל אינטערעס צו דער יידישער בינע, דערפאר האָבנ די בורזשואזע צייטונגענ אזוי שטארק ארויסגעפראָלט מיט זייער געטריישאפט צומ יידישנ טעאטער. מע דארפ אָבער געדענקענ, אז די יידישע בורזשואזיע האָט עס געטאָנ נאָכ מער גערנ דערפאר, ווייל צו דער צייט פארשטארקט זיכ דער קערנ פונעמ בורזשואזנ טעאטער מיט זיינע אייגענע (עמעס גאנצ באגרענעצטע לויט דער צאָל) „קאדרענ״, וואָס ווערנ ווערבירט פונ דער בורזשואזער סוויווע, מיט זיינ אייגענעמ „סטיל״, וואָס לאָזט זיכ זענ אינ א גאנצער ריי ספּעקטאקלענ.

עס פארשטייט זיכ, אז די אומנאָרמאלע רעכטלעכע לאגע פונ אנ אָפיציעלפארבאָטענעמ טעאטער האָט ניט דערלויבט, אז די אויסבילדונג פונעמ בורזשואזנ טעאטער זאָל פארלויפנ ווי א דורכויס־נאטירלעכער פּראָצעס, אָבער אלס א טענדענצ אינ דער אלגעמיינער אנטוויקלונג פונעמ יידישנ טעאטער איז די אויסבילדונג פונ דעמ בורזשואזנ טעאטער ארויסגעטראָטנ גאָר בוילעט און אָט אפ דעמ טעאטער אָריענטירט זיכ עס דער בורזשואזער עלעמענט פונ דער דעמלטיקער צושויער־מאסע.

גלייכצייטיק דערמיט ווערט אָבער ניט ווייניקער אקטיוו אויכ דער צווייטער עלעמענט פונ דער דעמלטיקער צושויער־מאסע — דאָס איז דער דעמאָקראטישער צושויער, וואָס קומט פונ די פּראָלעטאריזירטע און האלב־פּראָלעטאריזירטע שיכטנ. זיינ אָנוועזנהייט אינ זאל הייבט זיכ אָנ פילנ אלצ אָפטער און אָפטער און די בירגערלעכע טעאטער־קריטיק פונ יענער צייט איז געצוווּנגענ צו פארצייכענענ:

„עס איז שוינ צו באמערקנ גאנצ דייטלעכ, ווי דאָס יידישע טעאטער־פּובליקומ הייבט זיכ אָנ צו דיפערענצירנ, עס איז היינט גענוג נאָר איינ בליק צו ווארפנ אפ דעמ יאמ קעפּ, וואָס פילט אָנ אינ אָוונט דעמ אָדער יענעמ יידישנ טעאטער, קעדיי צו טרעפנ, וואָס פאר א פּיעסע עס גייט היינט״.[4]

דער פּראָצעס פונ סאָציאלער דיפערענציאציע ווערט אינ דעמ פּעריאָד ארומ 1905 יאָר אזוי פארשטארקט אינ די רייענ פונעמ יידישנ טעאטער־פּובליקומ, אז אפילע אזא בורזשואזער שרייבער, ווי באלמאכשאָוועס, וואָס האָט ניט איינ מאָל געלאָזט הערנ זיינ פאראכטנדיקע באציונג צו די קולטור־אינטערעסנ פונ די ארבעטנדיקע מאסנ — אפילע ער איז געצוווּנגענ צו אנערקענענ, אז אינ דער צייט פונ דער רעוואָליוציע איז דער געשמאק פונעמ דעמאָקראטישנ צושויער ביז גאָר געשטיגנ.

„אינ די רעוואָליוציאָנס־צייטנ — שרייבט באלמאכשאָוועס — איז אויכ דער טעאטער געווענ בא די מאסנ עפּעס אזוינס, ווו זיי האָבנ ניט געזוכט קיינ

פאַרווײַלונג, נאָר עפּעס א העכערס, א טיפערס, עפּעס אזוינס, וואָס זאָל זײ ווײַזנ דאָס לעבנ ניט אַלס שפּיל, נאָר אַלס אַנ ערנסטע טראַגעדיע אָדער דראַמע, וואָס קאָנ אַמאָל איבערגעאַנדערשט ווערנ"...[5]

אויב באַלמאַכשאָוועס וויל דערבײַ ניט גײנ ווײַטער פונ אַלגעמײנע באַ־הויפּטונגענ און האָט ניט קײנ כײשעק אָנצוווײַזנ קאָנקרעטע די פּאַלנ ווענ דער ייִדישער טעאַטער האָט אונטערנ דרוק פונ די אַרבעטנדיקע מאַסנ אָנגעהויבנ ווײַזנ אַפ דער בינע „עפּעס א העכערס, א טיפערס", האָבנ זיך ווענ־ניט־ווענ געפונענ אַנדערע בירגערלעכע שרײַבער, וואָס האָבנ געמוזט דערזאָגנ דאָס, וואָס באַלמאַכשאָוועס האָט ניט דערזאָגט. אזוי, לעמאָשל, האָט א. שאַליט, באַהאַנדלענדיק די געשיכטע פונעמ ייִדישנ טעאַטער אינ די יאָרנ פונ דער ערשטער רעוואָליוציע, געשריבנ:

„ווי נאָר עס האָט זיך געעפנט די מעגלעכקײַט, האָבנ די אַרבעטער־מאַסנ זיך געווענדט צומ געדאַנק וועגנ אַנ ערנסטנ ייִדישנ טעאַטער און וואָס עס איז מעגלעך געווענ צו טאָנ פאַר זײערע שוואַכע, באַגרענעצטע קויכעס האָבנ זײ גע־פּרווט אָנהײבנ צו טאָנ. עס איז גענוג צו דערמאָנענ די אַנטשטאַנענע אינ פיל שטעט און שטעטלעך פאַרשײדענע ליבהאָבער־טרופּעס, וואָס זײַנענ באַשטאַנענ פונ די דאָזיקע אַרבעטער־עלעמענטנ"...[6]

ווענ מע באַקענט זיך גענויער מיט די פּראָצעסנ, וואָס קומענ דעמאָלט פאָר אינ דער ייִדישער טעאַטער־סוויווע, ווערט קלאָר, אַז אינ די אָקאָרשט־ציטירטע שורעס איז פאַרצײכנט א גאַנצ־טיפּישע דערשײַנונג פונ יענער צײַט. דער זעלבער פּראָ־צעס פונ סאָציאַלער דיפערענציאַציע, וואָס נעמט אָנ אזא פאַרשאַרפטנ כאַראַקטער אינ די רײענ פונ די צושויער, לאָזט זיך פילנ אויך אינ די רײענ פונ די אַק־טיאָרנ. אַלס רעזולטאַט דערפונ באַקומענ מיר ארומ 1905 א ברײט־אַנטוויקלטע נעצ פונ ליבהאָבער־טרופּעס, וואָס באַשטײענ הויפּטזאַכלעך פונ „אַרבעטער־עלע־מענטנ". מיט זײערע אַרויסטרעטונגענ אַפ דער „ליבהאָבער־סצענע" זײַנענ די „אַר־בעטער־עלעמענטנ" אויסנ ניט נאָר „דערגאַנצנ" די טעטיקײַט פונ דעמ פּראָפעסיאָ־נעלנ טעאַטער, אינ אײניקע פאַלנ האָבנ די „אַרבעטער־עלעמענטנ" געפּרווט א שטריס טאָנ די אַנטוויקלונג פונעמ ייִדישנ טעאַטער אַפ גאָר אַנדערע וועגנ.

מע דאַרפ אָבער נעמענ אינ אַכט, אַז די אומשטענדנ, אינ וועלכע עס האָט זיך אַנטוויקלט די טעטיקײַט פונ די „ליבהאָבער־טרופּעס", זײַנענ געווענ אומ־פאַרגלײַכלעך ערגער אײדער די, אינ וועלכע עס האָט זיך געפונענ דער בורזשוא־זער טעאַטער. ווי אומנאָרמאַל עס איז ניט געווענ די רעכטלעכע לאַגע פונעמ ייִדישנ טעאַטער ביכלאַל, איז די לאַגע פונ די „ליבהאָבער־טרופּעס", אינ וועלכע עס האָבנ זיך באַטײליקט „אַרבעטער־עלעמענטנ", געווענ נאָך מער פאַרשווערט: די דאָזיקע „ליבהאָבער־טרופּעס" האָבנ מערסטנטײל געהאַט א נאָענטע פאַרבינדונג מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג און די צאַרישע מאַכט האָט פאַרשפּרײט אַפ די „אַרבעטער־עלעמענטנ" אינ די ליבהאָבער־קרײַזנ די אַלע רעפּרעסיעס, וועלכע זי האָט אָנגעווענדט ביכלאַל קעגנ דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטערשאַפט.* עס איז

* די מאַטעריאַלנ וועגנ דער אומלעגאַלער טעאַטראַלער אַרבעט פונ אײניקע רעוואָליוציאָנערע אַר־בעטער־קרײַזנ זײַנענ ביז צו הײַנטיקנ טאָג ניט אויפגעזאַמלט. לאָזט זיך דעריבער דערווײַל ניט אורטײלנ וועגנ דעמ כאַראַקטער פונ אָט דער אומלעגאַלער אַרבעט.

דעריבער קיינ וווּנדער ניט, וואָס דער ייִדישער טעאטער איז געוועזנ צו יענער צײַט רעפּרעזענטירט אינ דער עפנטלעכקײַט הויפּטזאכלעכ מיט יענעמ בורזשואזנ טעאטער, וועגנ וועלכנ מיר האָבנ אויבנ גערעדט. אונ אָט אפנ באָדנ פונ אָט דעמ דאָזיקנ בורזשואזנ טעאטער קומענ עס פאָר שאָלעמ-אלייכעמס ערשטע באגעגענישנ מיטנ ייִדישנ אקטיאָר אינ יאָר 1905.

2

אינ אפּרעל 1905 יאָר האָט אינ דער רוסישער טעאטראלער פּרעסע זיכ באַוויזנ א מיטיילונג, וועלכע האָט געמאכט אינ דער ייִדישער טעאטער-סוויווע א גאנצנ גרויסנ רוישעמ. די צײַטונג «Театральная Россия» האָט מיטגעטיילט:

„דער ייִדישער שרײַבער שאָלעמ-אלייכעמ האָט זיכ געשטעלט אינ דער שפּיצ פונ ספּיוואקאָווסקיס טרופּע, וואָס שפּילט איצט אינ וואַרשע. די סצענישע טעטיקײַט פונ די ייִדישע ארטיסטנ איז ביז צומ הײַנטיקנ טאָג נאָכ אינגאנצנ אָפּגעלייקנט געוואָרנ דורכ דער גאנצער ייִדישער פּרעסע אונ דעמ מער-ווייניקער אנטוויקלטנ פּובליקומ. ווײַטער פונ פארגרעבטע פארסנ אונ ביליקע מעלאָדראמעס זײַנענ די ייִדישע פּיעסנ-מאכער ביז אהער ניט געגאנגענ. ניט געקוקט דערויפ, פלעגנ צווישנ די ארטיסטנ פונ צײַט צו צײַט זיכ באַווײַזנ עמעסע טאלאנטנ, וואָס פלעגנ אָבער אומקומענ אומבאמערקטערהייט סײַ מאכמעס דער באזונדערער לאגע פונ דעמ ייִדישנ טעאטער סײַ מאכמעס דעמ, וואָס עס האָט געפעלט רעפּערטואר. איצט, ווענ צווישנ די ייִדישע דראמאטורגנ האָט זיכ ארויסגערוקט אזא גרויסער טאלאנט, ווי שאָלעמ-אלייכעמ, טרעט דער ייִדישער טעאטער ארײַנ אינ א נײַער עפּע, וועלכע מע קאָנ נאָר באגריסנ. שאָלעמ-אלייכעמ וועט אכטונג געבנ אפנ רעפּערטואר אונ וועט אליינ אויכ שרײַבנ פּיעסנ. צומ פאָרשטייענדיקנ סעזאָנ קלײַבט זיכ ספּיוואקאָווסקיס טרופּע צוריק קיינ אָדעס".[7]

עס איז קלאָר: דער מעכאבער פונ דער דאָזיקער נאָטיצ, וואָס האָט אָנגעזאָגט „א נײַע עפּע" אינ ייִדישנ טעאטער, איז געוועזנ פול מיט גלויבנ אינ דער צוקונפט פונעמ ייִדישנ טעאטער. אזא באציִונג האָט צו יענער צײַט געהאט אויכ שאָלעמ-אלייכעמ אליינ. אינ א בריוו צו דער טאָכטער זײַנער שרײַבט דעמאלט שאָלעמ-אלייכעמ:

„איכ האָב שוינ אָפּגעמאכט מיט דער דירעקציע פונ ספּיוואקאָווסקי אונ אדלער, וועלכע האָבנ געדונגענ דעמ גרויסנ טעאטער אינ אָדעס פארנ ווינטערדיקנ סעזאָנ. איכ האָב גענומענ אפ זיכ, ערשטנס, א פארפליכטונג—איבערצוגעבנ אינ זייער אויסשליסלעכנ רעשוס מײַנע פּיעסעס אפ א גאנצ יאָר; פּיעסעס, וואָס זײַנענ שוינ אָנגעשריבנ אונ וואָס דארפנ אָנגעשריבנ ווערנ פונ מיר. צווייטנס, רעדאקטיר איכ פּיעסעס, וואָס זײַנענ געשריבנ פונ אנדערע מעכאברימ. איכ דארפ בײַזײַנ אפ די רעפּעטיציעס אונ פּרעמיערעס פונ מײַנע פּיעסעס. עס וועלנ אויפגעפירט ווערנ נאָר מײַנע פּיעסעס אָדער אזעלכע, וואָס איכ וועל גוט הייסנ. האקלאל, זיי האָבנ זיכ גענומענ מיט מײַנ הילפ ריכטיק אוועקצושטעלנ די זאכ פונעמ ייִדישנ טעאטער, אויפצובויענ א מינ ייִדיש-ליטערארישנ קונסט-טעאטער".[8]

עס פרעגט זיכ: פונ וועמעס־וועגנ האָט שאָלעמ־אלייכעמ אינ יאָר 1905 געהאלטנ פאר נייטיק צו בויענ א „קונסט־טעאטער"? אפ דער דאָזיקער פראגע — דער פראגע וועגנ דער סאָציאַלער אָריִענטאציע פונעמ ייִדישנ טעאטער — האָט מענ דאָכ גע־קאָנט באקומענ גאָר אנדערע מינע ענטפערס אינ דער טסוויווע, וואָס האָט דעמלט ארומגערינגלט דעמ ייִדישנ טעאטער. י. דינעזאָנ, לעמאָשל, האָט מיט א גחאל־דיקער היספּײַלעס דערציילט דעמלט אפ די שפאלטנ פונ „פרײַנד", ווי אימ האָט זיכ אײַנגעגעבנ פארנארנ אינ ייִדישנ טעאטער איינעמ א פאָרשטייער פונ דער וואָרשעווער ייִדישער גרויס־בורזשואזיע, וואָס איז אויסגעוועזנ אינ אלע וועלט־טעאטערס אונ איז איצט געוואָרנ דער שטארקסטער אָנהענגער פונעמ ייִדישנ טעאטער בלויז צוליב די ספּעציפיש־ייִדישלעכע „לידעלעכ", וואָס ווערנ דאָ גע־זונגענ. אפ אָט דעמ פארשויג וויל עס י. דינעזאָנ אָריִענטירנ דעמ ייִדישנ אקטיאָר אונ ער דערעדט זיכ אפילע אזוי ווײַט, אז מער, אייגנטלעכ, אויסער „לידלעכ" דארפ מענ אינ ייִדישנ טעאטער ניט געבנ.[9]

שאָלעמ אש־יענער קומט מיט א קאטעגאָרישער פאָדערונג. „איר וואָרט אפ דער סארא בערנאַר, — שרײַבט אש, — וועלכע, ארויסגייענדיק אפ דער ייִדישער בינע, וועט ניט כראָגנ די ייִדישע מעזוזע אינ א מעדאליאָנ אפנ האלדז, נאָר אינ הארצנ".[10]

ארויסגייענדיק פונ אָט דער „פראָגראמ", האָט שאָלעמ אש גערופנ צו קולטי־ווירנ די נאציִאָנאליסטיש־אפּאָלאָגעטישע פאטעטיק אפ דער ייִדישער בינע, ער האָט פראָטעסטירט קעגנ דעמ, וואָס די מערהײַט ייִדישע אקטיאָרנ זײַנענ געטרײַ דעמ רעאליזמ. אונ דאָס אלצ גייט בא אשנ באנאנד מיט דער אָריִענטאציע אפ דעמ זעלבנ „היכ־וועלטיקנ" צושויער, וועלכנ עס האָט אָקאָרש „אנטדעקט" י. די־נעזאָנ. אלע די, וואָס שטייענ אפנ סאָציאלנ לייטער נידעריקער פונ דינעזאָנס פערסאָנאזש, טרעטירט שאָלעמ אש, ווי דעמ „אומרײַנפ קליינ־באלעבאָס" („דער וועג" 1905, נומ. 73).

שאָלעמ־אלייכעמס אָריִענטאציע, בײַס ער איז געגאנגענ בויענ א „ייִדיש־ליטע־ראַרישנ קונסט־טעאטער", איז געווענ אנ אנדערע. אינ זײַנ „בריוו צו די ייִדישע שריפטשטעלער מיקויעכ טעאטער אונ טעאטער־שטיקער" ווײַזט שאָלעמ־אלייכעמ אָנ קלאָר אונ דײַטלעכ, אפ וועמענ דער „קונסט־טעאטער" דארפ זיכ אָריִענטירנ.

„ס'איז נאָענט דער טאָג, — שרײַבט שאָלעמ־אלייכעמ, — וואָס די צוגעמאכטע כזירנ פונעמ ייִדישנ טעאטער, פונעמ עכט־ייִדישנ פאָלקס־טעאטער, וועלנ צעעפנט ווערנ. עס איז נאָענט דער טאָג, וואָס מע וועט שוינ ניט הערנ מער אינעמ ייִדישנ טעאטער קיינ „דײַטש", אָט־אָ יענעמ בערדיטשעווער דײַטש, וואָס ס'קערט זיכ איבער די גאל הערנדיק. די ייִדישע שפראכ, די עמעסע פאָלקס־שפראכ, דער „זשארגאָנ" וועט פארנעמענ זײַנ אָרט. אונ ווענ דאָס ייִדישע פאָלק, דער האמוינ, וועט געוואָר ווערנ, אז מע קאָנ שוינ הערנ א ייִדיש וואָרט אינ טעאטער, וועט ער זיכ א לאָז טאָנ אינ ייִדישנ טעאטער ארײַנ, ער וועט וועלנ הערנ אונ זענ דאָס, וואָס מע דארפ הערנ אונ זענ אינ א טעאטער. ער וועט וועלנ הערנ קענטלעכע דיבורימ, זענ באקאָנטע פארשוינענ, קענטלעכע פענעמער, סצענעס אונ טיפּנ אזעלכע, וואָס שפּיגלענ אָפּ אינ זיכ דאָס געוויינלעכע אלטעגלעכע לעבנ"...[11]

ווי מיר זעענ, פּלאנירט שאָלעמ-אלייכעמ זײַנ קונסט-טעאטער, ווי א דורכויס רעאליסטישנ טעאטער אונ גייט דערבײַ ארויס פונ דער אָריִענטאציע אפנ „האמוינ".
ניט געקוקט דערופ, וואָס א היפּשער אָנהויב פונ נאציִאָנאליזמ האָט זיכ אינ שאָלעמ-אלייכעמס רייד וועגנ דעמ „עכט-ייִדישנ פאָלקס-טעאטער" געלאָזט הערנ, ניט געקוקט דערופ, וואָס דער באגריפ כּונעמ „האמוינ", אפ ווענענ עס וויל זיכ אָריִענטירנ שאָלעמ-אלייכעמ, איז דאָ נאָכ גענוג אומבאשטימט, איז דאָכ קלאָר, אז שאָלעמ-אלייכעמס אָריִענטאציע איז אינ קיינ שומ פאל ניט פארשפּיצט קעגנ דעמ דעמאָקראטישנ צושויער, ווי מיר זעענ דאָס אינ די ארויסטרעטונגענ פונ שאָלעמ אשנ אונ א ריי אנדערע בורזשואזע שרײַבער (ד. פרישמאנ, מארק ארנשטיינ), וואָס האָבנ דעמלט אָנגעהויבנ זיכ באשעפטיקנ מיט די ייִדישע טעאטער-אָנגעלעגנהײַטנ. פאר דער שטעלונג פונ אָט די בורזשואזע שרײַבער איז געווענ כאראקטעריסטיש, וואָס גלײַכצײַטיק מיט דער אופבויונג פונ א ייִדישנ טעאטער האָבנ זיי ניט אופגעהערט צו זאָרגנ וועגנ דעמ, אז עס זאָל וואָס גיכער אופגעבויט ווערנ א טעאטער אפ העברייִש אונ זיי האָבנ אינ דעמ פעריִאָד ארומ 1905 שוינ געמאכט אינ דער היניכט אייניקע גאנצ קאָנקרעטע פּרווונ.

שאָלעמ-אלייכעמ האָט מיט זײַנ אָריִענטאציע אפנ „האמוינ" געמיינט גאנצ ערנסט, אונ זײַנ גלויבנ אינ דער צוקונפט פונ דעמ „פאָלקס-טעאטער" איז געגאנגענ אזוי ווײַט, אז שאָלעמ-אלייכעמ האָט געפאָדערט די ארבעט פארנ טעאטער זאָל אוועקגעשטעלט ווערנ אינ צענטער פונ אלע שרײַבערשע אינטערעסנ.

„אויב ס'איז עמעס, אז מיר זײַנענ פאָלקס-שריפטשטעלער.—שרײַבט שאָלעמ-אלייכעמ,—איז פונ אונדזער זײַט א גרויסע אוולע, וואָס מיר שטייענ פונדערווײַטנ, וואָס מיר הערנ אונ זעענ אונ שווײַגנ. א גרויסע אוולע איז פונ אונדז, וואָס מעווינעס אפנ טעאטער זאָגנ מיר, די אקטיאָרנ קריטיקירנ מיר, פ׳נ די פּיעסנ לאכנ מיר אונ טאָנ טוענ מיר גאָרניט. אָנשטאָט דעמ, וואָס מיר שארפנ זיכ די צינגלעכ, זאָגנ האמצאָעס, זעצנ אויס פעלערנ, שרײַבנ לאנגע קריטיקעס אונ רעפּעראטנ איבער „קונסט", וואָלטנ מיר בעסער נעמענ זיכ צו דער ארבעט: פּיעסנ שרײַבנ, פּיעסנ!"

די פּראָגראמ איז, הייסט עס, געווענ א גאָר קאָנקרעטע. אונ שאָלעמ-אלייכעמ הייבט ווירקלעכ אָנ אינטענסיוו צו ארבעטנ אפ זײַנע דראמאטישע ווערק, פּאסט זיי צו, ווי ווײַט מעגלעכ, צו דער בינע, רעכענענדיק זיכ דערבײַ מיט די קורצע טערמינענ, וואָס עס שטעלט דער נאָענטער אָנהייב פונעמ נײַעמ סעזאָנ.

„פארנ ערשטנ סעזאָנ — שרײַבט שאָלעמ-אלייכעמ — האָב איכ צוגעגרייט (אונ ארבעט נאָכ איצט) צוויי גרויסע אונ פיר איינאקטיקע פּיעסעס (עס זײַנענ געבוירנ אינ קאָפּ נאָכ א צוויי—דרײַ גרויסע, פיר-אונ פינפ-אקטיקע פּיעסעס)".

די לעצטע באמערקונג וועגנ דעמ כאראקטער פונ די פּיעסעס, וואָס שאָלעמ-אלייכעמ האָט געגרייט פארנ „ערשטנ סעזאָנ", באווײַזט, אז שאָלעמ-אלייכעמ האָט ווירקלעכ געגלייבט אינ אדלערנ אלס א טעאטער-אָנפירער, געגלייבט, אז אָט „די סאמע אָנשטענדיקע דירעקציע אינ רוסלאנד", ווי ער באצייכנט די דירעקציע פונ אדלער-ספּיוואקאָווסקי, מעג מענ אָנטרויענ ניט בלויז איינאקטערס, נאָר אויכ גרעסערע, פיר-אונ פינפ-אקטיקע פּיעסעס.

וואָס האָט בא שאָלעמ-אלייכעמענ דערוועקט אזא גרויסנ צוטרוי צו אדלער-

ספּיוואַקאָווסקיס טרופּע? עס איז, פאַרשטייט זיך, מעגלעך, אַז שאָלעם-אלייכעם האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס אָריִענטירט אויף דער קומענדיקער פאַרבעסערונג פון דער טרופּע. מיר זעען, ווי ש׳ אלייכעם שרײַבט אינעם בריוו צו דער טאָכטער אויסדריקלעך: „מיט דער פאַרבעסערונג פון דעם רעפּערטואַר וועט אויך פאַרבעסערט ווערן דער צוזאַמענשטעל פון דער טרופּע". עס קאָן אָבער קיין ספק ניט זײַן, אַז מער פאַר אַלץ האָט שאָלעם-אלייכעמען צוגעצויגן צו ספּיוואַקאָווסקיס טרופּע די אָנוועזנהייט פונעם באַוווּסטן קאָמיקער — סעם אַדלערן, וועלכער האָט צו יענער צײַט געהאַט אַ רעפּוטאַציע פון אַ גוט-געשולטן אַקטיאָר, וואָס פאַרמאָגט אַ סאַך קינסטלערישן טאַקט און האַלט זיך אין די ראַמען פון ניט-שאַרזשירטער, הומאָריסטיש-רעאַליסטישער געשטאַלטן-שילדערונג. שאָלעם-אלייכעם, דאַרף מען געדענקען, האָט נאָך דעמאָלט ניט זוכע געווען צו הערן אַפילו איין וואָרט זײַנס פון דער ייִדישער בינע, עס איז דעריבער גאַנץ פאַרשטענדלעך, ווי באַגײַסטערט ער האָט געמוזט ווערן פון דער פּערספּעקטיוו סיסטעמאַטיש מיטצואַרבעטן מיט אַ טאַלאַנטירטן אַרטיסט, וואָס נעמט זיך אונטער פאַרקערפּערן די שאָלעם-אלייכעמשע פּערסאָנאַזשן. דער אָפּמאַך צווישן שאָלעם-אלייכעמען און דעם אָדעסער טעאַטער האָט אַזוי-אַרום געזאָלט שאַפן אַ באָדן פאַר אַ שעפערישער צוזאַמענאַרבעט, וואָס וועגן איר האָט דער ייִדישער אַקטיאָר אין רוסלאַנד געטרוימט נאָך פון גאָלדפאַדנס צײַטן אָן.

דער טרוים איז אָבער פאַרבליבן ניט מער ווי אַ טרוים. קיין קאָנקרעטע רעזולטאַטן האָט שאָלעם-אלייכעמס אָפּמאַך מיטן טעאַטער ניט געגעבן. ווי אָפטמאָל אין דער געשיכטע פונעם ייִדישן טעאַטער, האָט אויך דאָס מאָל אין דעם אַנטשיידנדיקסטן מאָמענט זיך אַרײַנגעמישט די פאַרניכטנדיקע האַנט פון דער צאַרישער מאַכט. די יעדיע וועגן שאָלעם-אלייכעמס ברייטע טעאַטער-פּלענער איז דערגאַנגען צו די אַנטשפּרעכנדיקע רעגירונג-אַנשטאַלטן, עס האָט זיך געפונען ווער עס זאָל „אויסטײַטשן" אָט די דאָזיקע פּלענער, דערווײַזנג, אַז פון זיי „שמעקט מיט רעוואָליוציע" און דאַן האָבן שוין די רעגירונג-לײַט געוווּסט, וואָס צו טאָן ווײַטער: זיי האָבן אַרויפגעלייגט אַ פאַרבאָט אויף דער גאַנצער אונטערנעמונג. און אָט דערמיט האָט זיך אויסגעלאָזט דער ערשטער פּרווו אויסצובויען אין אָדעס אין יאָר 1905 אַ „ייִדיש-ליטעראַרישן קונסט-טעאַטער" מיט שאָלעם-אלייכעמען אין דער שפּיץ. דערמיט איז אָבער ניט צעשטערט געוואָרן שאָלעם-אלייכעמס גלויבן אין דעם, אַז זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט מוז אומפאַרמײַדלעך אין דער נאָענטסטער צײַט פאַרבונדן ווערן מיט דער אַנטוויקלונג פונעם ייִדישן טעאַטער. דער דאָזיקער גלויבן איז בײַ שאָלעם-אלייכעמען פאַרבליבן און ער האָט זיך טאַקע אײַנגיכן נאָכדעם באַשטעטיקט. אָבער פאַרגעקומען איז עס שוין ניט אין אָדעסער ייִדישן טעאַטער און ניט אין דער פאָרם, ווי דאָס האָט זיך לעכאַטשילע אויסגעמאָלט שאָלעם-אלייכעמען.

3

אָנהייב 1906, אין פעווראַל-כוידעש האָט אין דער וואַרשעווער פּרעסע אָנ־געהויבן גאָר ברייט זיך רעקלאַמירן אַ טרופּע, וואָס האָט געשפּילט אין דעם לאָקאַל פון „נייעם טעאַטער“ אַפ קרולעווסקע־גאַס, און פלעגט זיך באַטיטלען מיטן נאָמען „ווייספעלדס יידישער טעאַטער“.

ווייספעלד איז ביז דעמלט געווען אַ גאַנץ אומבאַדייטנדיקע פיגור אין דער יידישער טעאַטער־סוויווע. אָנגעהויבן האָט ער זיין טעטיקייט, אַלס טעאַטער־די־רעקטער, נאָך אין די יאָרן פונעם טעאַטער־פאַרבאָט, ער פלעגט אין די 90־ער יאָרן אומפאָרן מיט זיין וואַנדער־טרופּע איבער די קליינע שטעטלעך פון קרוין־פּוילן, און אַז עס האָט זיך איינמאָל געטראָפן, ווייספעלד האָט זיך באַוויזן מיט זיין טרופּע אין אָדעס, האָט ער דאָ קיין דערפאָלג ניט געהאַט.

אַנדערש איז עס געווען דאָס מאָל, אין יאָר 1906, ווען ווייספעלדס טרופּע האָט גענומען שפּילן אין דעם „נייעם טעאַטער“ אַפ קרולעווסקע. עמעס, אַ היפּשער טייל אַקטיאָרן פון דער אַמאָליקער „וואַרשעווער יידיש־דייטשער טרופּע“ איז אַריבער אויך אין דעם נייעם טעאַטער אַפ קרולעווסקע. זיי האָבן אַפילע גע־פּרווווט געבן עטלעכע פאָרשטעלונגען (מע האָט עטלעכע אָוונטן נאָכאַנאַנד גע־שפּילט „יודעלע קלאָפּ“), אָבער קיין דערפאָלג האָבן זיי ניט געהאַט. אָנגע־הויבן באַמערקן די עקזיסטענץ פון ווייספעלדס יידישן טעאַטער האָט מען ערשט דעמלט, ווען דער טרופּע זיינען צוגעקומען אַ ריי נייע אַקטיאָרן און די אָנ־פירונג מיט דער טרופּע איז איבערגעגאַנגען גאָר אין אַנדערע הענט. געמאָלדן האָט מען וועגן דעם מיט גרויסע אַרשיניקע אויסיעס:

„פּרעמיער, דעם 16-טן פעברואַר וועט פאָרקומען דער ערשטער אויפטריט פון די וועלט־באַרימטע אַרטיסטן סעם אַדלער פון אַמעריקע און מייערסאָן מיט זייער טרופּע, מיט דעם אָנטייל פון דער באַרימטער פּרימאַדאָנע פריילין נ. נעראָסלאַווסקאַ. עס איז פאַרבערייטעט טעאַטער־שטיקע פון דעם נייסטן, רייכסטן רעפּערטואַר“.

אַפן ערשטן בליק קאָן זיך דאַכטן, אַז מיר האָבן דאָ אַ גאַנץ געוויינלעכן עפּיזאָד פון דער ביזדעמלטיקער טעטיקייט פונעם יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד. אַזעלכע פאַלן, ווען אַ דירעקטער פון אַ דורכגעפאַלענער „יידיש־דייטשער“ טרופּע פלעגט זיך אַ לאָז טאָן איבערן גאָרן לאַנד זוכן דעם „מיסטער סעם אַדלער פון אַמעריקע“, פלעגט אים אַראָפּברענגען און מיט דער הילף פון סעם אַדלערס „אַמע־ריקאַנישע מעכאָדן“ פאַריכטן די געשעפטן פון דער דורכגעפאַלענער טרופּע — אַזעלכע פאַלן האָבן דאָך פּאַסירט אין סעם אַדלערס פּראַקטיק גאַנץ אָפט. דאָס מאָל, אין וואַרשע, איז עס אָבער פאָרגעקומען אַנדערש.

גילטן אַלס „אויסלייזער“ פון די יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן האָט סעם אַדלער אין יאָר 1906 שוין ניט געקאָנט. אויב „מיסטער סעם אַדלער פון אַמעריקע“ האָט אין יאָר 1906 נאָך פאַרמאָגט אַ געוויסע ווירקונג־קראַפט אַלס אַקטיאָר, האָבן אָבער שוין לאַנג אָנגעהויבן פאַרלירן זייער ווירקונג-קראַפט סעם אַדלערס „אַמע־ריקאַנישע מעטאָדן“, וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט הויפּטזאַכלעך אין זיין רעזשי. אין דער אויסערלעכער אויסשטאַטונג פון דער בינע אאַוו. די עוואָליוציע, וואָס

דער יִדישער טעאַטער האָט אָנגעהויבנ דורכמאַכנ אינ יאָר 1905, האָט געבראַכט דערצו, אַז די „אַמעריקאַנישע מעטאָדנ" האָבנ אויפגעהערט געבנ דעמ פריִערדיקנ עפעקט. עס האָט געהאַלטנ דע־ביי, אַז סעמ אַדלער, וואָס איז יאָרנלאַנג געווענ אַ וועגווייזער פונ אַנדערע, האָט געמוזט זוכנ פאַר זיכ אַלייג אַזאַ וועגווייזער, וואָס זאָל זיכ ניט פאַרלירנ אינ דער קאָמפּליצירטער סיטואַציע, וועלכע האָט זיכ געשאַפנ אַרומ יִדישנ טעאַטער אינ די יאָרנ פונ דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע. קענטיק, אַז עפּעס ענלעכס אָפּ אַזאַ מינ וועגווייזער האָט עס געוואָלט זײַנ פאַר סעמ אַדלערנ דער אַרטיסט מייערסאָנ.

עס וואַרפט זיכ אינ די אויגנ, אַז, אָנהייבנדיק פונ 1905, טרעטנ אַרויס מייערסאָנ און סעמ אַדלער אינ מעשעכ פונ עטלעכע יאָר קימאַט שטענדיק צוזאַמענ. מיר זעענ זיי צוזאַמענ אינ אָדעס, אינ קיִעוו און אינ אַנדערע שטעט. גיט מענ נאָכ צו צו די צוויי נעמענ דעמ נאָמענ פונ דער אַרטיסטנ נעראָסלאַווסקאַ, וואָס האָט נאָכ גלייכ פונ איר ערשטנ אויפטריט אָפּ דער יִדישער בינע (אינ יאָר 1903) זיכ אונטערגעוואָרפנ דער אָנפירונג פונ סעמ אַדלערנ און פלעגט געוויינלעכ אימ שטענדיק און אומעטום באַגלייטנ,—דעמלט ווערט קלאָר, אַז דער פאַקט, וואָס די דאָזיקע דריי אַרטיסטנ—סעמ אַדלער, מייערסאָנ און נעראָסלאַווסקאַ—האָבנ אַלע מיטאַמאָל זיכ באַוויזנ אינ טעאַטער אָפּ קרולעווסקע, איז ניט געווענ קיינ צופעליקער. ווי כאַאָטיש און העפקערדיק עס איז ניט פאַרלאָפנ דער פּראָצעס פונ צוזאַמענשטעלנ אַ יִדישע טרופּע צו יענער צײַט; האָט זיכ דאָכ וועג־ניט־ווענ אינ דעמ דאָזיקנ פּראָצעס דורכגעריסנ אַ פּרווו צו שאַפנ אַ מער־ווייניקער פאַרגאַנצטנ אַנסאַמבל. און אָט אַזאַ מינ פּרווו האָבנ מיר אויכ דאָס מאָל אינ דעמ טעאַטער אָפּ קרולעווסקע.

עס פאַרשטייט זיכ, אַז מע טאָר בעשומויפנ זיכ ניט פאָרשטעלנ דעמ דאָזיקנ קרייז אַקטיאָרנ מיט מ. ל. מייערסאָנענ בעראָש, ווי אַ שטאַנדהאַפטיקנ אַקטיאָרישנ קאָלעקטיוו מיט אַ פעסט־באַשטימטער פּראָגראַמ און מיט אַ קלאָר־אויסגעשפּראָכענעמ ווילנ פאַר אָט דער פּראָגראַמ צו קעמפנ. אַזאַ מינ קאָלעקטיוו האָט ביכלאַל ניט געקאָנט אויפקומענ פונ דער דעמלטיקער אַקטיאָרנ־סוויווע, וואָס האָט אָקאָרשט אָנגעהויבנ זיכ צעשיידנ מיט די טראַדיציעס פונעמ „יִדיש־דײַטשנ" טעאַטער און האָט נאָכ געטראָגנ אָפּ זיכ גאָר היפּש פונ יענער דעמאָראַליזאַציע, מיט וועלכער דער אָפּיציִעלער טעאַטער־פאַרבאָט האָט צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד פאַרגיפטעט דעמ יִדישנ אַקטיאָר. היפּשע שפּורנ פונ אָט דער דעמאָראַליזאַציע טרעפנ מיר אויכ אינ דער טעטיקייט פונ דעמ קרייז אַקטיאָרנ, וואָס האָט אינ יאָר 1906 זיכ פאַרבונדנ מיט מייערסאָנענ. אָבער גלייכצײַטיק דערמיט באַמערקנ מיר דאָ אויכ אַ צופלוס פונ נײַער איניציאַטיוו, מיר שטויסנ זיכ אָנ אָפּ אייניקע, גאַנצ אַקטיווע פּרווונ אַרויסצופירנ דעמ יִדישנ אַקטיאָר פונ יענעמ זומפּ, וווהינ עס האָט אימ פאַרטריבנ דער אָפּיציִעלער טעאַטער־פאַרבאָט.

דער קרייז אַקטיאָרנ, וואָס איז געקומענ איינעמ מיט מייערסאָנענ אינ טעאַטער אָפּ קרולעווסקע, איז געווענ, ווי מיר ווייסנ שוינ, גאָר ניט גרויס. דאָס זײַנענ אָבער געווענ אַקטיאָרנ מיט אַ גאַנצ רייכער דערפאַרונג, קינסטלער, וואָס האָבנ זיכ נאָכ פריִער דערוואָרבנ אַ נאָמענ און זײַנענ דערצו געקומענ מיט אַ גאַנצ

שווערן וועג. זיי האָבן אַלע דריי געהאַט איין אייגנשאַפט, וואָס האָט זיי געהאָלפן זיך צו פאַרייניקן: אַלע זיינען זיי, אויסער דער „שול" פונעם „יידיש־דייטשן" טעאַטער, דורכגעגאַנגען נאָך אַ געוויסע שול פון אַ מער אָנשטענדיקן כאַראַקטער — ווער אין אַמעריקע (סעם אַדלער, מייערסאָן) און ווער אויף דער רוסישער בינע (נעראָסלאַווסקאַ, מייערסאָן). מעגלעך, אַז פונדאַנען האָט געשטאַמט זייער גרייטקייט זיך צו באַטראַכטן, ווי אַן איינהייטלעכן אַנסאַמבל, פונדאַנען האָט געשטאַמט דער פאַקט, וואָס זיי זיינען אויך שפּעטער אַ לענגערע צייט אָפּגעכראָטן אינייינעם אין פאַרשיידענע שטעט.

די „צוזאַמענגעוואַקסנקייט" פון דעם קרייז אַקטיאָרן, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום מייערסאָנען, האָבן דעמאָלט אָנערקענט קימאַט אַלע טעאַטער־רעצענזענטן. אַפילו י. ל. פּרץ האָט אין דער רעצענזיע וועגן גאָרדינס „ברודער לוריע", קריטיקירנדיק אַפן שאַרפסטן אויפן די פּיעסע, געשריבן:

„געשפּילט איז דאָס „שטיק" געוואָרן אין יידישן טעאַטער אויף דער קראָלעווסקע, און געשפּילט געוואָרן מיי סטערהאַפט (שטרייכונג פּרעצס). נעראָסלאַווסקאַ, מייערסאָן, אַדלער האָבן געגעבן קאָנצערט"...[12]

דעם ערשטן פידל אין דעם דאָזיקן „קאָנצערט", האָט לויט אַלעמענס אָנערקענונג, געשפּילט מ. ל. מייערסאָן. ער האָט דאָ פיגורירט גלייכצייטיק אַלס אַקטיאָר, רעזשיסער און דראַמאַטורג. אים איז מען גרייט געווען צוצושרייבן ניט נאָר זיינע אייגענע מיילעס, נאָר אויך די מיילעס פון די אַקטיאָרן, וואָס זיינען מיט אים אויפגעטראָטן.

„מיט מייערסאָנען איז געקומען אַ נייַ לעבן און אַ פרישער גייסט אויף אונדזער בינע" („לאָדזער טאַגעבלאַט" 1907, נום. 195). אַזוי האָט מען שפּעטער עטוואָס — אין יאָר 1907 — געגומען שעצן מייערסאָנס אויפטו. צום אָנהייב 1906, ווען מייערסאָן האָט נאָרוואָס דעביוטירט אויף קראָלעווסקע, איז נאָך די היספּיילעס פון דער בירגערלעכער קריטיק אַזוי ווייט ניט געגאַנגען, אָבער שוין דעמאָלט האָט מען געזען אין מייערסאָנען דעם איניציאַטאָר פון אייניקע פּרווון צו באַנייען די יידישע בינע. דאָס האָט ער געפּרווט איינפלאַנצן דאָ דעם באַגריף פון אַן אַקטיאָרישן אַנסאַמבל, געפּרווט וועקן אָפּשיי פאַר אַ געשולטער האַלטונג אויף דער סצענע, געפּרווט דערציִען דעם געשמאַק צו פאַרבן און קלאַנגען, צו דעם אַלעמען, וואָס מע פלעגט דעמאָלט באַצייכענען מיטן וואָרט „סטיל"...

געוווירקט האָט מייערסאָן דערביי ניט מיט דער קראַפט פון זיין טעאָרעטישער צוגעגרייטקייט — אַזוינס האָט ער קיינמאָל ניט פאַרמאָגט. און אויך ניט דערין איז באַשטאַנען מייערסאָנס קראַפט, וואָס ער זאָל האָבן קאָפּירט די מוסטערן פון דער רוסישער בינע. ער האָט אָבער מיטגעבראַכט פון דאָרטן דעם גייסט פון דער טראַדיציע, וואָס האָט געהערשט אין פּראָגרעסיווערן טייל פון דער רוסישער פּראָווינציעלער אַקטיאָרנשאַפט: איר אויפריכטיקן גלויבן אין דער בורזשואַז־ליבעראַלער פּראָזעאָלאָגיע, איר איבערגעגעבנקייט די פאַלקיסטיש־באַפאַרבטע אידעאַלן פון „יושער" און „גערעכטיקייט" און אויך די פעסטע איבערצייגונג, אַז די קונסט מוז דינען די דאָזיקע אידעאַלן און טאָר דעריבער קיינמאָל ניט אָפּזאָגן זיך פון דער „הייבער אידיי" אינעם בורזשואַז־ליבעראַלן זין פון דעם וואָרט.

אין נאָמען פון אָט דער „הויכער אידיי" האָט מייערסאָן מיט אַזאַ גרינג הארץ זיך אָפּגעזאָגט פון די אַלע דערפאָלגן, וואָס עס האָט אים געקאָנט צוזאָגן די ייִדישע בינע אין אַמעריקע. ער איז דערפאַר אַזוי גריגג געגאַנגען אַף אַן איינרייס מיט דזשייקאָב אַדלערן, וואָס האָט אים אַ געוויסע צייט אויפגעהאַלטן בא זיך אין טעאַ-טער אין ניו־יאָרק. איצט, אין יאָר 1906, אין דער צייט פון דער אַלגעמיינער געזעלשאַפטלעכער אופלעבונג, ווען דער בורזשואזער ליבעראַליזם האָט אַזוי הילכיק געקלאַפּט אין די טאַצן און האָט זיך פאַרמאָסטן צו פאַרשפּרייטן זיין ווירקונג אַף גאָר ברייטע שיכטן, האָט מייערסאָן געהאַט דאָס פולע רעכט צו מיינען, אַז זיין צייט איז געקומען.

אָנגעהויבן האָט ער פונדעסטוועגן זיין טעטיקייט אַף דער באַנייטער ייִדישער בינע אין וואַרשע אָן שום פּרעטענזיעס. צום ערשטן אופטריט (איינינעם מיט אין זיינע שוין אופגעטראָטן אויך נעראָסלאַווסקאַ, סעם אַדלער און זשעליאַזאָ) האָט ער אויסגעקליבן גאָרדינס פּיעסע „די ברידער לוריע". קיין שום נייעם טאָן האָט די דאָזיקע פאָרשטעלונג — האַגאַמ פּערעצ האָט אַזוי הויך אָפּגעשאַצט די שפּיל פון די אַקטיאָרן — אינעם דעמאָלטיקן ייִדישן טעאַטער ניט אַריינגעטראָגן. דאָס איינציקע, אין וואָס עס האָט זיך דעם אָוונט געלאָזט דערקענען מייערסאָנס אייגענע איני־ציאַטיוו — דאָס איז געווען זיין שטרעבן צו ווייזן אַף דער בינע „אַ מענטש מיט אַ כאַראַקטער".

„אַן עמעסער לוריע איז אַ בייזער, אַ שטאָלצער, אַ נויקעם־וועגויטער" — אַזוי האָט י. ל. פּערעצ רעזומירט זיינע איינדרוקן פון דעם, ווי עס איז געווען געשילדערט די הויפּט־געשטאַלט פון גאָרדינס פּיעסע. פאַר מייערסאָנס ערשטן אופ-טריט איז געווען כאַראַקטעריסטיש, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען צו שילדערן גראָד אַזאַ מין געשטאַלט. אָבער מייערסאָנס „מענטש מיט אַ כאַראַקטער" האָט גע-האַט אין זיך אַ געוויסן רעאַליסטישן קערן און דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו מאַכן אַ סאָף מיט דער וויסטער איינריידעניש פונעם „ייִדיש־דייטשן" אַקטיאָר, וואָס האָט געהאַלטן, אַז אויספירן אַ „קראַפט־ראָל" הייסט שטעלן זיך אַף שטאָלצן פון פּוסט־אופגעבלאָזענער רעטאָריק און אָפּזאָגן זיך פון די עלעמענ-טאַרסטע געזעצן פון רעאַליסטישער שפּיל. מייערסאָנס ערשטער אופטריט אין וואַרשע האָט טאַקע געהאַט דעם פאַרדינסט, וואָס, ניט געקוקט אַף דער מעלאָדראַמאַטישער אופגעשרויפטקייט פון גאָרדינס פּיעסע, האָט ער דאָך באַוויזן אַ שטויס צו טאָן די אַקטיאָרן פון זיין אַנסאַמבל פאָרויס, אַראָפּגעוואָרפן זיי פון די שטאָלצן און געלערנט זיי שטעלן טריט אַף דער „געוויינלעכער" ערד.

אָבער דער אינהאַלט פון גאָרדינס „ברידער לוריע" איז געווען צו קלאָגעדיק-געמיין, אַז מע זאָל קאָנען אַף אַ לענגערער צייט זיך פאַרהאַלטן בא דער פּיעסע. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס שוין באַלד נאָך זיין ערשטן דעביוט אין „ברידער לוריע" טרעט אַרויס מייערסאָן מיט אַ צווייטער פּיעסע, וואָס פאַרדינט שוין, לויט זיין מיינונג, דעם נאָמען פון אַ „ליטעראַרישער" פּיעסע — און דאָס איז שאָלעם־אַלייכעמס „צעזייט און צעשפּרייט".

4

צו דער צײַט, ווען מייערסאָנ האָט אָנגעהויבנ אופירנ „צעזייט און צעשפרייט“, איז עס געווענ שאָלעמ־אליכעמס ערשטע פיעסע, וואָס האָט געפונענ א צוטריט צו דעמ יידישנ פּראָפעסיאָנעלנ טעאטער. ביז דעמאָלט איז די דאָזיקע פיעסע אופגעפירט געוואָרנ בלויז אינ ליבהאָבער־קרײַזנ און די אָפיציעלע קריטיק האָט זיכ באצויגנ צו איר מיט אזא גרינגשעצונג, אז א. רייזענ האָט אפילע געהאלטנ פאר נייטיק ארויסצוטרעטנ מיט אנ אקטיווער פארטיידיקונג פונ שאָלעמ־אליכעמס ווערק.

„די קאָמעדיע „צעזייט און צעשפרייט“,— האָט רייזענ געשריבנ,— האָט די יידישע פרעסע קימאט ווי איגנאָרירט. דער „באריכטער“ קריטיקער פונ „פרײַנד“ Agrin, קריגנדיק קעלבערנע היספּײַלעס פונ יושקעוויטשעס „ראספאד“, האָט פארבײַגייענדיק אויכ דערמאָנט די קאָמעדיע „צעזייט און צעשפרייט“, נאָר האָט עס דערמאָנט אינ א שפּאס — נאָר צו באוויַזנ אונדזער אָרעמקײַט... אז „צעזייט און צעשפרייט“ איז א קאָמעדיע, וואָס פארדינט אופגעפירט צו ווערנ אפ דער בינע און וואָס איז אימשטאנד צו אנציקנ און באגײַסטערנ דאָס פובליקומ, האָבנ געצײַגט די יידישע שוישפּילער־אמאטאָרנ פונ פאריינ „בילדונג“, וועלכע האָבנ עס פאָריקנ שאבעס דעמ 27־טנ פעווראל (1905 — נ. א.) אופגעפירט אפ דער קראָקווער יידישער בינע“.[31]

אינ זײַנע מעמוארנ שטעלט זיכ א. רייזענ אָפ עטוואָס גענויער אפ דעמ דאָזיקנ ליבהאָבער־ספּעקטאקל. מיר דערוויסנ זיכ, אז אינ דער פאָרשטעלונג פונ שאָלעמ־אליכעמס פיעסע זײַנענ „דאָסראָוו פונ די אמאטאָרנ־שפּילער געווענ ארבעטער און ארבעטערנס“. ענלעכע ידיעס האָבנ מיר אויכ וועגנ אנדערע שטעט, ווו די פיעסע „צעזייט און צעשפרייט“ איז אופגעפירט געוואָרנ פונ ליבהאָבער. אויכ דאָרטנ האָבנ זיכ צו דער דאָזיקער פיעסע מערסטנטיילס געצויגנ די ליבהאָבער־קרײַזנ, וואָס האָבנ געהאט א מער־ווייניקער דעמאָקראטישנ מיטגלידער־באשטאנד און האָבנ געזוכט א פיעסע, וואָס זאָל זײַנ אינ אוועלכער־עס־איז מאָס פארבונדנ מיט די אקטועלע פראָבלעמענ פונ דער ארומיקערווירקלעכקײַט.

פונקט אינ דער זעלבער מאָס, ווי שאָלעמ־אליכעמס פיעסע האָט ארויסגערופנ סימפּאטיע בא די מער דעמאָקראטישע עלעמענטנ, אזוי האָט זי צו יענער צײַט זיכ אָנגעשטויסנ אפ א הארט־נעגאטיווע באציונג מיצאד די בורזשואז־רעאקציאָנערע קרײַזנ. אויב דער „פרײַנד“ האָט נאָר פארבײַגייענדיק ארויסגעוויזנ זײַנ גרינגשעצונג צו שאָלעמ־אליכעמס פיעסע, האָט די העברייִשע פרעסע צוזאמענ מיטנ ציִעניסטישנ „טעלעגראפ“, וואָס איז דערשינענ אינ יידיש, געפירט א סיסטעמאטישע העצע קעגנ שאָלעמ־אליכעמענ און זײַנ פיעסע „צעזייט און צעשפרייט“.

„דער אינהאלט פונ דער פיעסע — שרײַבט „דער טעלעגראפ“ — איז דעמ ווארשעווער פובליקומ שוינ פונ די פוילישע פאָרשטעלונגענ באקאנט. פאר דער יידישער בינע אָבער האָט שאָלעמ־אליכעמ די פיעסע געוואָלט איבערבעסערנ, און ער האָט זי ערגער געמאכט. דאָס, וואָס ער האָט דעמ גאנצנ פערטנ אקט ארויסגעוואָרפנ, איז גראָד קיינ כיסאָרנ ניט. דער דאָזיקער אקט איז סײַ ווי געווענ ווי

צוגעטשעפּעט. ער האָט אָבער אויך דאָס ביסל לעבן, וועלכן די פּיעסע האָט געהאַט, אויך ארויסגעוואָרפן". [14]

פונוואַנען האָט געשטאמט דער ביטל, וואָס הערט זיך אין די דאָזיקע שורעס? צי טאקע פון דעם, וואָס אין שאָלעם-אלייכעמס פּיעסע זאָל האָבן געפעלט דאָס „ביסל לעבן"? דער ציִעניסטישער „טעלעגראַפ" איז אָבער גאָר ניט געווען אזא שטארקער אָנהענגער פון דעם „ביסל לעבן" אין א דראמאטיש ווערק. פּארקערט, ווען עס האָט זיך געהאנדלט וועגן שאָלעם אשס „מאָשיִעכס צייַטן", האָט באַלמאכשאָוועס אין „טעלעגראַפ" ספּעציִעל געוואָרנט די, וואָס וועלן פּרוּוון זוכן אין שאָלעם אשס פּיעסע דאָס „ביסל לעבן".

„אשס שטיק איז סימבאָלישע פּאָעזיע — האָט געשריבן באַלמאכשאָוועס — דעריבער דארף מען אין זייַן שטיק ניט זוכן ניט קיין דראמאטישע האנדלונגען, ניט קיין רעאלע שילדערונגען פון ייִדישן לעבן. דער גרעסטער פעלער וואָלט געווען, ווען מע וואָלט נאָך פארלאנגט פון זייַן שטיק עטנאָגראַפישע (פאָלקסטימלעכע) פּראָטים. דאָס ספּעציפיש-ייִדישע (שטרייַכונג בא באַלמאכשאָוועסן) אין שטיק דארף זיך דער צושויער פאָרשטעלן אין א ווייַטער, זייער ווייַטער פּערספּעקטיוו. דאָס נאָענטע, דאָס טיפּישע, דאָס גאשמיִסדיקע, דאָס, וואָס ווארפט זיך געוויינלעך אין די אויגן, דארף ליגן ווייַט פון די אויגן, ווי אין א נעפל"... [15]

אָט אזוי האָט עס א בורזשואזער קריטיקער געקנעלט מיט זייַנע לעזער, אָט אזוי האָט ער זיי געלערנט זיך באגיין אָן דעם „ביסל לעבן", געלערנט זיך לאָזן פארפירן אין דעם „נעפל" פון דער ציִעניסטיש-קלעריקאלער סימבאָליק, וועלכע שאָלעם אש האָט געקרוינט מיט דעם נאָמען „א כאָלעם פון מייַן פאָלק". אין שאָלעם-אלייכעמס „צעזייט און צעשפּרייט" איז אָבער גאָר קיין זייכער ניט געווען פון אָט דעם „נעפל". ווי אויסגעשפּראָכן עס טרעט דאָ ניט ארויס די קלייַנבירגערלעכע באגרענעצטקייַט פון שאָלעם-אלייכעמס צוגאנג צו די קאָנפליקטן, וואָס די עפּאָכע פון דער ערשטער רעוואָליוציע האָט ארייַנגעבראכט אין דער ייִדישער סוויווע, א פאקט איז עס אָבער, אז שאָלעם-אלייכעם איז אין „צעזייט און צעשפּרייט" ניט געגאנגען אף די וועגן פון רעאקציִאָנער-נאציִאָנאליסטישער אפּאָלאָגעטיק, וועלכע אש האָט באטראָטן אין זייַן „מאָשיִעכס צייַטן". שאָלעם-אלייכעם איז געווען גענוג אָנגעשראָקן פון די גרויסע סאָציִאַלע דערשיטערונגען, וואָס עס ברענגט מיט זיך די אָנקומענדיקע רעוואָליוציע, ער האָט אָבער צו דער זעלבער צייַט פארהיט א געוויסע קריטישע באציִונג צום ציִעניזם און ניט געוואָלט ארויסשטעלן דעם „וועג קיין ציִען", ווי דעם איינציקן וועג, וואָס קאָן ראטעווען דאָס ייִדישע קלייַנבירגערטום.

און נאָך איין וויכטיקער עלעמענט איז געווען אין שאָלעם-אלייכעמס „צעזייט און צעשפּרייט", וואָס האָט אָפּגעשטויסן די בורזשואז-רעאקציִאָנערע קריטיק. דאָס איז דער סאטירישער עלעמענט, וועלכער האָט זיך דאָ דורכגעריסן אין דער שילדערונג פון די זיידנשטאמערס: דעם פאָטער און דעם זון. אין דער שילדערונג פון די דאָזיקע צוויי געשטאלטן האָט שאָלעם-אלייכעם גענומען א גאנץ קאטעגאָרישן טאָן. ער האָט זיך דאָ געפּרוּווט אומקערן צו דער אַרט שילדערונג, וואָס ער האָט אָנגעמערקט אין דער קאָמעדיע „יאקנעהאָז" (1894), מיט איין און-

טערשייד: דאָס מאָל, אין „צעזייט און צעשפּרייט“, האָט די סאַטירע ערטערווייַז באַקומען אַ פּאָליטישע באַפאַרבונג.* די פּאַמפּלעטיש־פאַרשפּיצטע שילדערונג פון דעם יונגן זייַדנשטאַמער, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט די „פּעטיציעס“, איז געווען אַ באַשטימטער פּרווו צו דעמאַסקירן דעם ייִדישלעך־באַלעבאַטישן „ליבעראַליזם“. שאָלעם־אַליי‌כעם האָט געפּרווט באַווייַזן די נישטיקייט און קליינקעפּלדיקייט פון דעם מין „ליבעראַל“, באַווייַזן אַז זייַנע מוירע פאַר „נאַטשאַלסטווע“ איז זייַן וועלן אומבאַדינגט מיט עפּעס וואָס זיך „לאָזן הערן אין דער געזעלשאַפט“. עמעס, קיין ברייטערן פאַרנעם האָט שאָלעם־אַליי‌כעמס שילדערונג אין דעם פאַל ניט געקאָנט באַקומען, דאָ האָט זיך אומפאַרמייַדלעך געמוזט אַנטפּלעקן די באַגרענעצטקייט פון שאָלעם־אַליי‌כעמס פּאָליטישן פאַרשטאַנד, זייַנע ניט קענען אַריבערשפּרייַזן די גרענעצן פון דער קאַסרילעווקער „פּאָליטיק“, אָבער אויך אין דער מאָס, ווי די דעמאַסקירונג־טענדענץ איז אין שאָלעם־אַליי‌כעמס פּיעסע אָנגעמערקט, האָט זי שוין אָפּגעשטויסן די רעאַקציאָנערע קריטיק.

דער ציִעניסטישער „טעלעגראַף“ און די העברייִשע פּרעסע האָבן געשאָטן פּעך און שוועבל. מע האָט מיט אַלע מינים אַרגומענטן געוואָלט איבערצייַגן די אַקטיאָרן, אַז זיי דאַרפֿן זיך אָפּזאָגן פון שאָלעם־אַליי‌כעמס פּיעסע.

„מע קאָן באַגריסן דעם „נייַעם טעאַטער“, וואָס הייבט זיך אָן אָפּצוזאָגן פון די שונד־שטיק — האָט געשריבן דעם „טעלעגראַף“ — דאָך אָבער גלייבן מיר ניט, אַז „צעזייט און צעשפּרייט“ זאָל קאָנען לאַנג אויף דער בינע בלייַבן“.

דער ציִעניסטישער קריטיקער האָט אָבער שטאַרק אַ טאָעס געהאַט. „צעזייט און צעשפּרייט“ איז, ניט געקוקט אויף אַלע דעפעקטן, דאָך פאַרבליבן אויף דער בינע אַ גאַנצע לאַנגע צייַט, זי איז געוואָרן איינע פון די גאַנגבאַרסטע „ליטעראַרישע“ פּיעסעס, און וואָס אָנבאַלאַנגט דעם קרייַז אַקטיאָרן, וועלכער האָט זיך גרופּירט אַרום מייערסאָנען, האָט די דאָזיקע פּיעסע פאַר זייער אַנטוויקלונג געהאַט שוין גאָר אַ גרויסע באַדייַטונג.

5

די אויפֿירונג פון „צעזייט און צעשפּרייט“ — די ערשטע שאָלעם־אַליי‌כעם־פאָרשטעלונג אין דעם ביזאָקטיאַבערדיקן ייִדישן טעאַטער אין רוסלאַנד — האָט אויפגעשטעלט פאַר די אַקטיאָרן פון דעם טעאַטער אויף קרולעווסקע אַ סאַך האַרבע שוועריקייַטן. פון דעם אַקטיאָר, וואָס איז אויפגעטראָטן אין דעם ספּעקטאַקל, האָט זיך געפאָדערט, ער זאָל — צי ער וויל, צי ער וויל ניט — זיך אָפּזאָגן פון אַ גאַנצער ריי באַגריפן און פאָרשטעלונגען, וואָס האָבן געגאָלטן, ווי אַ מין טראַדיציע אויף דער ייִדישער בינע. באַזונדערס איז עס געווען נייַגייִע אַזאַ אַקטיאָר,

---

* די דאָזיקע פּאָליטישע באַפאַרבונג איז אין דעם ערשטן וואַריאַנט „צעזייט און צעשפּרייט“ (1903) נאָך געווען זייער שוואַך. פאַרשטאַרקט האָט זי זיך אין דעם צווייטן וואַריאַנט פון דער פּיעסע (1905). און עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס קעגן אָט דעם צווייטן וואַריאַנט איז באַזונדערס געווענדט דער צאָרן פון דער ציִעניסטישער קריטיק.

די מייערסאָנ, וואָס האָט זיכ גענומענ אויספירנ די הויפּט-ראָל אינ „צעזייט און צעשפּרייט“.

שפּילנ די הויפּט-ראָל אינ אַוועלכער־עס־איז פּיעסע האָט, לויט דעמ באַגריפ פונעמ „יידיש־דײַטשנ“ אַקטיאָר, באַטײַט: „פּלעטנ“ דאָס פּובליקומ מיטנ מאַקסימומ עפעקטפולע פּאָזעס אונ סיטואַציעס. האָבנדיק צו טאָנ מערסטנ-טיילס מיט שונד, וואָס איז געבויט אַפ דער בילליקסטער קרימינעלער סענסאַציע, האָט דער „יידיש־דײַטשער“ אַקטיאָר זיכ צוגעוווינט מיט דער מאָס פונ אָט דער סענסאַציע צו מעסטנ דעמ באַטײַט אונ די וואָגיקײַט פונ די ראָלנ. אַלס הויפּט־ראָל האָט געקענט גילטנ בלויז די יענעקע ראָל, ווו די סענסאַציאָנעלקײַט האָט דערגרייכט איר העכסטנ פּונקט. עס האָט זיכ געפאָדערט, אַז דער אַקטיאָר, דער „הויפּט-ראָליסט“, זאָל דורכמאַכנ אַפ דער בינע וואָס מער „פּאַרוואַנדלונגענ“, וואָס זאָלנ אַלע זײַנ עקסטראַ-אָרדינער, איינע פּונקט דער הייפּעכ פונ דער אַנדערער, איינע אומגלייבלעכער פונ דער אַנדערער.

דער הויפּט-ראָליסט אינ „יידיש־דײַטשנ“ טעאַטער האָט געהאַט אויסצופירנ נאָכ איינע א פונקציע: ער האָט געדאַרפט אַנטפּלעקנ די „הויכע מאָראַל“ פונ דער פּיעסע. דער הויפּט־ראָליסט האָט געדאַרפט געדענקענ, אַז דער צושויער טאָר ניט אַרויסגיינ פונ טעאַטער מיט א „באַטריבטנ געמיט“, ער טאָר ניט אַרויסטראָגנ פונדאַנענ קיינ מינדסטנ צווייפל אינ דער „געטלעכער“ אָפּשטאַמונג פונ דער בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישער מאָראַל, קיינ מינדסטנ צווייפל אינ דער „הייליקײַט“ פונ זײַנע, דעמ צושויערס, פּריוואַט-אייגנטימערישע באַגריפנ אונ פאָרשטעלונגענ. אינ די פונקציעס פונ דעמ הויפּט-ראָליסט איז דעריבער אַרײַנגעגאַנגענ ניט נאָר „פּלעטנ“ דעמ צושויער מיט דער ווילד־סענסאַציאָנעלער האַנדלונג, נאָר אויכ טייקעפּ אָפּנ אָרט פונ דער דאָזיקער האַנדלונג מאַכנ די „הויכ-מאָראַלישע“ אויספירנ, פעסטשטעלנ, ווער עס איז דער „שולדיקער“, אונ, ווי עס פירט זיכ אינ א שונד-פּיעסע, גלײַכ אָפּנ אָרט באַשטראָפנ אָט דעמ „שולדיקנ“.

די דאָזיקע געוווינהײַט צו טײַטנ מיטנ פינגער אַפ דעמ „שולדיקנ“ איז געווענ אַזוי שטאַרק, אַז מייערסאָנ האָט איינע פונ זײַנע אייגענע פּיעסנ אַזוי טאַקע אָנגערופנ: „ווער איז שולדיק?“ פרעגנ „ווער איז שולדיק?“ אונ בליצשנעל געבנ דעמ ענטפער אַפ דער פראַגע האָט זיכ גערעכנט פאַר דער אויפגאַבע סײַ פו־נעמ אויטער סײַ פונעמ אַקטיאָר, דעמ הויפּט-ראָליסט. אָבער דער ענטפער אַפ דער פראַגע איז געווענ פאָרויסבאַשטימט דורכ דעמ שונד־כאַראַקטער פונ די פּיעסנ, וואָס מע האָט אויפגעפירט. ווענ, ווו אונ בא וואָסערע אומשטענדנ דער שונד-שרײַבער זאָל ניט געווענ שטעלנ די פראַגע „ווער איז שולדיק?“ — דער ענטפער איז אַלעמאָל געווענ אויסגעהאַלטנ אינעמ גײַסט פונ יענעמ באַרימטנ טעאַטער־לידל, וואָס האָט געזאָגט:

„גאָט אונ זײַנ מישפּעט איז גערעכט,
מע טאָר קיינמאָל ניט זאָגנ, אַז ס׳איז שלעכט“ אַאוו.

אָט דאָס איז עס געווענ די „הויכע מאָראַל“ פונ דער שונד-פּיעסע אונ דאָס האָט עס דער הויפּט-ראָליסט אַפ א געהויבנ־פּאַטעטישנ אויפנ דערלאַנגט דעמ פּובליקומ.

דער איבערגאנג צום גאָרדינישן רעפּערטואַר האָט עטוואָס געענדערט די לאַגע פון דעם הויפּט-ראָליסט אפ דער ייִדישער בינע. גאָרדינס באזונדערע אופמערקזאמקייט צו דעם אקטיאָר, וואָס פירט די הויפּט־ראָל, ווארפט זיך שטענדיק אין די אויגן. גאָרדין גייט דערביי ארויס פון א פעסטשטעלונג, וועלכע ער האָט פאָרמולירט מיט דער גאָרער אָפנקייט פון אן אמעריקאנישן ביזנעסמאן: „מאכן זיך באַרימט מיט ווערק, וועלכע באהאנדלען געוויינלעכע קליינע מענטשעלעך איז זייער שווער" (י. גאָרדין, אלע שריפטן, פערטער באנד, ז. 84. ניו־יאָרק, 1910).

דערפאר האָט עס י. גאָרדין שטענדיק געלייגט אזויפיל אכט אפ דער געשטאלט, וועלכע עס פירט דער הויפּט־ראָליסט. פאר אים, פאר דעם הויפּט־ראָליסט, האָט גאָרדין ניט געקארגט גאָרניט, ער האָט אלעמאָל זיך באמיט צו מאכן דעם הויפּט־ראָליסט וואָס מער אקטיוו, טעטיק און אימפּאָזאנט. עס פארשטייט זיך, אז גאָרדין האָט דערביי ניט אלעמאָל געקאָנט דערלאָזן, אז די אימפּאָזאנטקייט זאָל זיך האלטן אפ איינע אומגעלומפּערט־נארישע עפעקטן, ווי דאָס פלעגן זיין אין דער סקארבאָווער שונד-פיעסע. ניט איינגעריסנדיק מיט דער טראדיציע פון די שונד-שרייבער, וואָס האָבן געהאלטן, אז דער הויפּט-ראָליסט מוז דורכמאכן די מאקסימאלע צאָל עקסטרא־אָרדינערע פאַרוואנדלונגען, האָט גאָרדין געפּרוּווט דאָך ווי־ניט־איז „מאכן א טאָלק" מיט די דאָזיקע פארוואנדלונגען: באזייטיקט איניקע נאריש־געמעלאָכעוועטע עפעקטן, אָפּגעשוואכט די שרייענדיקייט פון דער „קרימינעלער" סענסאציע, דאָס אומגלייבלעכע געפּרוּווט מאכן מער גלייבלעך, דאָס אומנאטירלעכע — מער נאטירלעך און וואָרהאפטיק. גאָרדין האָט אפילע ווען ניט-ווען געפּרוּווט געבן א רעאליסטישע מאָטיווירונג פון דעם אָדער יענעם טאט וואָס זיין ליבלינג, דער הויפּט-ראָליסט, באגייט אפ דער בינע.

עס פארשטייט זיך, אז דאָס אלעס האָט געמוזט האָבן א געוויסע פּאָזיטיווע ווירקונג אפ דעם ייִדישן אקטיאָר, בא וועמען די אומנאטירלעכקייט האָט שוין לאנג אָנגעהויבן ווערן די צווייטע נאטור. אָבער די דאָזיקע פּאָזיטיווע ווירקונג איז געווען באגרענעצט מיט זייער און זייער שמאָלע ראמען. וואָרעם ווי נאָך דער רעאליזם האָט געדראָעט אונטערצורייסן די „היכע מאָראל" האָט גאָרדין טייקעף קאפּיטולירט. יאקאָוו גאָרדין, דער פארפאסער פון די „סאָציאָלאָגישע עטיודן", האָט קיינמאָל ניט דערלאָזט, אז זיין „סאָציאָלאָגיע" זאָל זיך ווענטלען פאנאנדערגיין מיט יענער „היכער מאָראל", וועלכע דער ייִדישער אקטיאָר האָט צוגעטראָגן דעם פובליקום אין דעם באַרימטן לידל „גאָט און זיין מישפּעט איז גערעכט". דעריבער איז אפילע די קימאט־רעאליסטישע שילדערונג פון דער ווירקלעכקייט בא גאָרדינען געווען אין טאָך א צוגעפּוצטע, א לאקירטע, און האָט אומפארמיידלעך געמוזט פירן צו די „היך־מאָראלישע" אַפּאָטעאָזן, וועלכע קרוינען די האנדלונג אינעם גרעסטן טייל פיעסעס זיינע. די דאָזיקע אַפּאָטעאָזן האָבן אפּן סאמע שעדלעכסטן אויפן געווירקט אפ דעם אקטיאָר: צוגישט געמאכט זיין אָנשטרענגונג צו נעמען א רעאליסטישן טאָן, געלערנט דעם אקטיאָר צו פארשמירן דעם סאָציאלן טאָך פון דעם דראמאטישן קאָנפליקט, וואָס ער האָט געשילדערט, ווידער געבראכט דעם אקטיאָר צו דער זעלבער מעלאָדראמע, וועלכע ער איז געווען צו באגעגענען אין דער סקארבאָווער שונד-פיעסע.

6

שאָלעם־אַלייכעמס „צעזייט און צעשפּרייט" איז פאַר דעם יידישן אַקטיאָר געווען אַן איבעראַשנדיקע נײַס: אײנעם רעפּערטואַר פון יענער צײַט—אָנהייב 1906 — איז דאָס געווען די ערשטע פּיעסע, וואָס איז געווען דורכויס פרײַ פון מעלאָדראַמע.

ווי ווײַט שאָלעם־אַלייכעם איז דעמאָלט ניט געגאַנגען אין זײַנע גרייסקײַט קומען צו הילף דעם אָקאָרשט־לעגאַליזירטן טעאַטער מיט אַזעלכע פּיעסעס, וואָס זאָלן צוציִען אַ פּובליקום (דאָס איז צו זען פון זײַנע ספּעציעלן טעאַטער־אויפרוף), — אין איין פּונקט האָט שאָלעם־אַלייכעם ניט געהאַלטן פאַר מעגלעך נאָכצוגעבן — דאָס איז אין זײַן באַציִונג צו דער מעלאָדראַמע. שאָלעם־אַלייכעמען איז די מעלאָ־דראַמע געווען אָרגאַניש פרעמד. זי האָט וויִדערשפּרעכט דער אַלגעמיינער קריטיש־הומאָריסטישער אײַנשטעלונג פון זײַן שאַפן. אָנשטאָט דער ברייט־פאַרשפּרייטער צו יענער צײַט מעלאָדראַמע, האָט שאָלעם־אַלייכעם זיך געפּלײַסט אוועקצושטעלן אין צענטער פון דער יידישער דראַמאַטישער ליטעראַטור די קאָמעדיע.

עמעס, שאָלעם־אַלייכעם האָט ניט אַלעמאָל געקאָנט זיך אײַנהאַלטן בא דעם גרענעץ־פּונקט, ווו דער קאָמעדיע־זשאַנר חייבט זיך אָן אַראָפּצולײַטשן צום וואָדע־ווילאַרטיקן פּעליעטאָן. אויך אין „צעזייט און צעשפּרייט", וואָס האָט, אייגנטלעך, געזאָלט זײַן אַ מין סאָציאַלע קאָמעדיע, האָט שאָלעם־אַלייכעם ניט אַלעמאָל געוווּסט אָפּצוהיטן די דאָזיקע גרענעץ און דאָס האָט אין אַ געוויסער מאָס פאַרמינערט דעם ווערט פון דער דאָזיקער פּיעסע. די עלעמענטן פון סאָציאַלער קאָמעדיע זײַנען אין „צעזייט און צעשפּרייט" פאַרבליבן בלויז אָנגעמערקט. זיי האָבן ניט באַקומען קיין ברייטערע אַנטוויקלונג. אָבער אויך אין דער מאָס, ווי זיי זײַנען דאָ געווען פאָרגעשטעלט, האָבן זיי אַרויסגערופן אַ סאַך האַרבע שווערײַקײַטן פאַר די אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשפּילט אין טעאַטער אַף קרולעווסקע.

„ווער איז שולדיק?" — האָט צוגייענדיק צו שאָלעם־אַלייכעמס פּיעסע, לויט זײַן געוווינהײַט, אַ פרעג געטאָן דער אַקטיאָר. ער האָט זיך גערעכנט, אַז דער ענטפער אַף דער פראַגע וועט קומען גלײַך אַפן אָרט, דער ענטפער וועט זײַן קורץ, טרעפלעך און — דעריקער — פּאָרטאַטיוו, אַט ווי דעם שונד־שרײַבערס „הויכע מאָראַל", וואָס מע קאָן זי אויסזינגען אין איין פּאָר טאַקטן, אָדער גאָר אויס־טאַנצן אַף איין פוס שטייענדיק. שאָלעם־אַלייכעמס ענטפער איז אָבער געווען גאָר אַן אַנדערער. פאַר דעם דעמאָלטיקן יידישן אַקטיאָר איז עס אין טאָג גאָר קיין ענטפער ניט געווען. אַף דער פראַגע: ווער איז שולדיק אין דער רויִנירונג פון מייער שאַלאַנטס שטוב? — האָט שאָלעם־אַלייכעם ניט געוואָלט ענטפערן דערמיט, וואָס ער זאָל אַ טײַט טאָן מיטן פינגער אַף עמעצן פון די, וואָס האָבן זיך געפונען אַף דער בינע.

שאָלעם־אַלייכעמס „צעזייט און צעשפּרייט" איז צו יענער צײַט געווען די ערשטע פּיעסע, וואָס האָט געצוווּנגען דעם יידישן אַקטיאָר ערנסט אַ טראַכט טאָן וועגן די סאָציאַלע פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין דער יידישער סוויווע. ניט בלאָס און אויבערפלעכלעך עס איז דאָ ניט געשילדערט די סאָציאַל־פּאָליטישע דיפערענציאַציע אין דער יידישער סוויווע, האָט דאָך יעדער איינער עפּיזאָד פון

דער פיעסע געגעבן צו פארשטיין, אז דאָ האָט מען צו טאָן מיט היסטאָריש־באַדינגטע פּראָצעסן, וואָס זייַנען פּונקט אַזוי אומדעו באַרעמדיק, ווי אומפאַרמייַד־לעך. גרופלייגן די שולד פאַר די דאָזיקע פּראָצעסן אַף וועלכן־עס־איז פּערסאָנאַזש פון דער פּיעסע איז געווען אַן אומזין.

שאָלעם־אַליכעם האָט עס אָבער אינערגעץ אין זייַן פּיעסע ניט געפּרוּווט טאָן. ער איז ניט אויסן געווען אָפּצוּווענדן די אופמערקזאַמקייַט פון די סאָציאַלע פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין דער אַרומיקער ווירקלעכקייַט. פאַרקערט. זייַענדיק דורכגעדרונגען מיט דעם אומרו, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די ברייטע קליינביר־גערלעכע מאַסע אַפן שוועל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע, אויסדריקנדיק די באַגערן און פאַרלאַנגען פון אָט דער מאַסע, האָט שאָלעם־אַליכעם מיט דעם מאַקסימאַלן נייַגער זיך באַצויגן צו די נייַע פּראָצעסן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געלאָזט מערקן אין דער ייִדישער סוויווע.

אין דעם פּראַט האָבן מיר אין שאָלעם־אַליכעמס פּיעסע אַ פולשטענדיקן קאָנטראַסט צו י. גאָרדינס דראַמאַטורגישער פּראַקטיק, אַף וועלכער עס זייַנען דער־צויגן געוואָרן אַזויפיל ייִדישע אַקטיאָרן. אויך בא גאָרדינען לאָזט זיך געפינען אַ פּאָר פּיעסעס, ווו עס זייַנען אָפּגעשפּיגלט אייניקע סאָציאַלע פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין דער ייִדישער סוויווע, אויך בא יאַקאָוו גאָרדינען האָט מען געקאָנט ווו־ניט־ווו טרעפן אַזאַ קאָנפליקט צווישן עלטערן און קינדער, ווי שאָלעם־אַליכעמס. מיר באַגעגענען בא גאָרדינען אפילע די זעלבע „צעזייט און צעשפּרייט"־טעמע. איז דען ניט די דאָזיקע טעמע אָנגערירט אין גאָר־דינס „קרייצער סאָנאַטע"? ראַפאַיל פרידלענדער, דער קרעמענטשוקער גוויר, וואָס איז אַריבערגעפאָרן קיין אַמעריקע און מוז דאָ צוזען די צעפאַלונג פון זייַן פאַמיליע — דאָס איז אַ געשטאַלט אַן ענלעכע אַף שאָלעם־אַליכעמס מייער שאַ־לאַנט, וואָס איז פון קליינעם שטעטל אַריבערגעפאָרן אין דער גרויסער שטאָט און מוז דאָ צוזען, ווי עס ווערט צעפאַלן זייַן גאַנצער פאַמיליען־שטייגער. פּונקט אַזוי ווי מייער שאַלאַנט וויל און קאָן ניט בעשומויפן צוציִען די אופמערקזאַמקייַט פון זייַנע קינדער צו זייַנע באַציִונגען מיטן פּאָרעץ, דעם גראַף, אַזוי קאָן אויך ראַפאַיל פרידלענדער בעשומויפן ניט פאַרינטערעסירן זייַנע קינדער מיט דער גרויסער פירמע, וואָס ער האָט אין אַמעריקע געקראָגן. מייער שאַלאַנטס ווייַב בענקט נאָך דעם פאַרלאָזענעם קליינעם שטעטל, ווו אַ שטוב איז געווען אַ שטוב, גאָט איז געווען גאָט און אפילע דער דאַלעס האָט דאָרטן, ווי זי מיינט, איצט ווייניק וואָס אויסגעמאַכט. ראַפאַיל פרידלענדער בענקט נאָך דער פאַרלאָזענער „ראַסיי".

„דו הערסט, — שרייַט אויס פרידלענדער, — עס איז ניט ראַסיי! פאָ־טער און מוטער — דאָס איז ראַסיי! דערעכערעץ פאַר עלטערן — דאָס איז ראַסיי, פאַמיליען־ערע — דאָס איז ראַסיי, פאַר גאָט מוירע האָבן — דאָס איז ראַסיי!.."

עס איז קלאָר, אַז גאָרדין גייט דאָ צו נאָענט צו דער „צעזייט און צעשפּרייט"־טעמע, כאָטש זי טרעט דאָ אויף אַפן פאָן פון גאָר אַנדערע סאָציאַלע פאַרהעלטע־נישן און אין גאָר אַן אַנדער סיטואַציע. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז גאָרדין

האָט צו דער דאָזיקער טעמע קיינ שומ אינטערעס ניט. ער ווייַכט פונ איר פונקט, ווי ער ווייַכט פונ אלצ, וואָס קאָנ אזוי אָדער אנדערש דערמאָנענ וועגנ די גרויסע סאָציאַלע דערשיטערונגענ, וואָס דער קאפיטאליזמ טראָגט מיט זיכ. דערפאר האָט עס גאָרדינ אויכ דאָס מאָל, ווי אלעמאָל, ארויסגערוקט אפנ ערשטנ אָרט די „עטישע פראָבלעמ". אינ צענטער פונ זייַנ „קרייצער סאָנאטע" האָט ער אוועקגעשטעלט ניט דעמ סכומ פראָבלעמענ, וואָס זייַנענ פארבונדנ מיט דער צעפאלונג פונ ראפאיִל פרידלענדערס שטוב, נאָר גראָד די פראָבלעמ פונ דער „אייביק-מענטשלעכער" אייפערזוכט, וועלכע ער האָט צוגעפארבט אפ א טאָלסטויִשנ אויפנ און דערצו נאָכ פארזיסט און פארצוקערט — אפ א ספעציפישנ ייִדישלעכ-באלעבאטישנ שטייגער.

אזא פיעסע — און דאָס איז דאָכ געווענ דער דורכשניט פונ גאָרדינס פיעסעס — האָט געלערנט דעמ ייִדישנ אקטיאָר זיכ באציִענ מיט פולשטענדיקנ אינדיפערענטיזמ צו די וויכטיקסטע סאָציאַלע פראָבלעמענ פונ זייַנ צייַט, געפלאנצט אינ דעמ ייִדישנ אקטיאָר דעמ געדאנק, אז די אקטועלע סאָציאַלע טעמאטיק קאָנ פאר דער בינע קיינ שומ אינטערעס ניט האָבנ, אז אלע אָנגעווייטעקטע טאָג-דערשייַנונגענ און טאָג-געשטאלטנ, וואָס האָבנ אזוי שטארק צוגעצויגנ די אופמערקזאמקייַט פונ דער ברייטער מאסע, — דאָס אלצ דארפ בלייַבנ אָנ א זייַט פונ דעמ טעאטער, וואָס דארפ האָבנ אינ זינענ בלויז דעמ „מאָראלישנ צוועק", די „עטישע פראָבלעמ".

דער גרויסער דערפאָלג, וואָס גאָרדינס פיעסעס האָבנ געהאט אינ ייִדישנ בורזשואזנ טעאטער ארומ 1905, לאָזט זיכ דערמיט טאקע דערקלערנ, וואָס די ייִדישע בורזשואזיע האָט זייער הויכ געשעצט גאָרדינס באמיִונגענ אָפצווענדנ דעמ צושויערס אופמערקזאמקייַט פונ יענע היסטאָריש-באדייַטנדיקע פראָצעסנ, וואָס קומענ פאָר אינ דער ארומיקערווירקלעכקייַט. די ייִדישע בורזשואזיע האָט געשעצט אינ גאָרדינענ דעמ גרויסנ פלייַס, די אומגעהייערע מי, וועלכע ער ווענדט אָנ אפ אָפצורייַסנ די מאסנ פונ אקטיווּנ אָנטייל אינעמ פארשארפטנ קלאסנקאמפ. און גאָרדינס מי איז אינ דעמ פראט טאקע געווענ אומגעהייער. ער האָט צוליב דעמ צוועק אפילע געשאפנ א גאנצע „טעאָריע".

„דער טעאטער — שרייַבט י. גאָרדינ — קאָנ מאכנ פארשיידענע מענטשנ פונ פארשיידענע קלאסנ צו א סאָציאַלער אייניקייַט. ווענ פארשיידענע מענטשנ וואָלטנ א לאנגע צייַט געגאנגענ אינ טעאטער און מע וואָלט פאר זיי אופגעפירט פיעסנ מיט א באשטימטער ריכטונג, דאנ וואָלטנ דיזע מענטשנ געקראָגנ די זעלבע אָנשויונגענ"... [16]

אינ א צווייטנ אָרט קערט ער זיכ ווידער אומ צו דעמ זעלבנ.

„דער טעאטער — שרייַבט גאָרדינ — איז געשאפנ דערפונ, אז א גרויסע מאסע מענטשנ זאָלנ דאָרט דערציִענ זייערע געפילנ, הארמאָניזירנ זייערע באגריפנ, סאָציאַליזירנ זייערע פאָרשטעלונגענ וועגנ גערעכטיקייַט און אומגערעכטיקייַט... און טעאטער קריגנ מענטשנ פונ פארשיידענע קלאסנ איינ אינ די זעלבע „סאגזשעסטשענס" און ווערנ פארייניקט דורכ איינע און די זעלבע אידעאלנ". [17]

עס איז ניט שווער צו פארשטיינ, אז גראָד אָט-אָ די אפאָלאָגיע פונ „סאָציאַלער אייניקייַט" האָט עס באשטימט דעמ דערפאָלג פונ גאָרדינס פיעסעס אינעמ

יידישן בורזשואזן טעאטער. אין די יאָרן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע, אין סאמע ברעג פון דער היסטאָרישער קלאסנ־שלאכט, — אָט אין אזא צײַט, ווען עס באוווּזט זיך י. גאָרדינ, וואָס נעמט זיך אונטער „מאכנ פארשיידענע מענטשנ פון פארשיידענע קלאסנ צו א סאָציאַלער אייניקייַט" — איז ווי זאָל עס אזא גאָרדינ ניט ווערנ באהארצט און באליבט בא דער יידישער בורזשואזיע?

עס לאָזט זיך אָבער ניט פארזען, אז שאָלעמ־אַלייכעמס „צעזייט און צעשפּרייט" האָט מיט דער דאָזיקער אפּאָלאָגיע פון „סאָציאַלער אייניקייַט" געהאט זייער און זייער ווייניק געמיינזאַמעס. ווי שווער עס איז ניט געוועז די לאסט פון קליינ־בירגערלעכע פאָרורטיילן, וואָס איז געלעגנ אפ שאָלעמ־אַלייכעמען, האָט ער דאָך ווייניק־וואָס געגלויבט, אז מע קאָנ „מאכנ פארשיידענע מענטשנ פון פארשיידענע קלאסנ צו א סאָציאַלער אייניקייַט". אליינ דער נאָמען פון דער פּיעסע „צעזייט און צעשפּרייט" — האָט געגעבנ אָנצוהערנ, אז קיינ „סאָציאַלע אייניקייַט" איז ניטאָ און קאָנ, מאשמאָעס, ניט זײַנ אינ דער ארומיקער ווירקלעכקייַט. עס איז דעריבער קיינ ווונדער ניט, וואָס די בורזשואזע קריטיק, וועלכע האָט געהויבנ אינ הימל ארײַנ י. גאָרדינען, האָט אזוי שטארק אטאקירט שאָלעמ־אַלייכעמען מיט זײַנ פּיעסע „צעזייט און צעשפּרייט". עס איז אויכ קיינ ווונדער ניט, וואָס דער בורזשואזער אקטיאָר מייערסאָן, אז ער האָט גענומענ אויספירנ די הויפּט־ראָל אינ „צעזייט און צעשפּרייט", האָט ער גלײַכ געמוזט ארײַנטרעטנ אינ א געוויסנ קאָנפליקט מיט דעם אונטער פונ דער פּיעסע. אָט אפ דעם קאָנפליקט, ווײַל ער איז ביז גאָר כאראקטעריסטיש פאר דער גאָרער געשיכטע פונ די שאָלעמ־אַלייכעמ־אופירונגען אינעם ביזאָקטיאבערדיקן יידישן טעאטער, לוינט זיך אָפּצושטעלן עטוואָס גענויער.

7

מייערסאָנ האָט געהאט גענוג כוש צו פארשטיינ, אז דער הויפּט־ראָליסט האָט וואָס צו טאָנ אינ שאָלעמ־אַלייכעמס פּיעסע, ניט געקוקט דערופ, וואָס דאָ פעלט לאכלוטנ דער עלעמענט פונ סענסאציאָנעלער העלדישקייַט און קינסטלעכער אופגעשרויפטער דעקלאמאציע. מייערסאָן האָט ארויסגעוויזנ גענוג פארשטענדעניש אפ אָפּצושאצנ די גרויסע מעגלעכקייַטנ, וואָס עס עפנט פאר דעם אקטיאָר שאָלעמ־אַלייכעמס רעאליסטישע, סאָציאַל־אָנגעזעטיקטע שילדערונג פונ דער ווירקלעכקייַט. מיט יענער בענקשאפט נאָכ אנ עמעס קינסטלעריש וואָרט, וועלכע האָט זיכ שוינ לאנג געהאט אָנגעזאמלט בא די בעסערע פאָרשטייער פונ דער יידישער אקטיאָרנ־סוויווע, האָט מייערסאָן זיכ צוגעכאפּט צו שאָלעמ־אַלייכעמס טעקסט און האָט באוויזנ, אז ער פארמאָגט יענעם מינימום קולטור, וואָס איז נייטיק אפ צו אָנהייבנ צוזאמענארבעטנ מיט א קינסטלער פונ אזא פארנעם, ווי שאָלעמ־אַלייכעם.

אָבער דער רעזולטאט פונ אָט דער צוזאמענארבעט איז אָפּגעהאנגענ ניט בלויז פונ דעם אָדער פונ יענעם גראד קולטור. אינ גאנג פונ דער ערשטער שאָלעמ־אַלייכעמ־פאָרשטעלונג האָט געמוזט ווערנ קלאָר, צי איז די סאָציאַלע נאטור פונ

שאָלעם־אלייכעמס שאפן טאַקע אזוי אָרגאניש נאָענט מייערסאָנען, אז ער זאָל קאָנען נעמען אפ זיך די איניציאַטיוו ארופירן ניט בלויז די אָדער יענער פּיעסע שאָלעם־אלייכעמס, נאָר ביכלאל דאָס „שאָלעם־אלייכעמשע" אפ דער יידישע בינע. ניט דורכפירנדיק קיין אנאלאָגיע צווישן שאָלעם־אלייכעמען און גאָגאָלן אלס דראַמאַטורגן, קאָן מען דאָך זאָגן, אז דעם אָוונט האָט געמוזט ווערן קלאָר, צי האָט שאָלעם־אלייכעם אין מייערסאָנען געפונען זײַן אקטיאָר, אזויווי גאָגאָל, לעמאָשל, האָט בייס דער ערשטער אופירונג פון „רעוויזאָר" געפונען זײַן אקטיאָר אין דעם באַרימטן שטשעפּקינען.

דער ענטפער, וואָס דער ערשטער שאָלעם־אלייכעם־ספּעקטאקל האָט געגעבן אפ דער דאָזיקער פראגע, איז געווען א נעגאַטיווער. מייערסאָן, האָט זיך ארויסבאוויזן, איז ניט געווען דער יעניקער, וואָס זײַן באַרוף זאָל זײַן אופצופירן דאָס „שאָלעם־אלייכעמשע" אפ דער ייִדישער בינע אין דעם פּעריאָד ארום 1905.

אין איין פּונקט האָבן שאָלעם־אלייכעמס און מייערסאָנס שטרעבונגען אָן שום סאָפעק זיך צוזאמענגעטראָפן — דאָס איז אין דער שטרעבונג אוועקצולייגן אין גרונט פון דעם „באַנײַטן" טעאַטער די געזעצן פון דער רעאַליסטישער שפּיל. אז שאָלעם־אלייכעם האָט דעם דאָזיקן רעאַליזם פּראָקלאַמירט, ווי דעם איינציקן סטיל, וואָס דאַרף הערשן אינעם ייִדישן טעאַטער, — האָבן מיר אויבן שוין אָנגעוויזן. נאָענט צו שאָלעם־אלייכעמס געדאנקענגאנג אין דעם פּראַט איז געווען אויך דער אקטיאָר מייערסאָן, וואָס איז געווען איבערצײַגט, אז אפ דער בינע דאַרף פּריִער פאר אלץ הערשן א „נאַטירלעכער טאָן". מייערסאָן איז געווען אזוי פאַרגליבט אין דער וויכטיקייט פון אָט דעם „נאַטירלעכן טאָן", אז ער איז גרייט געווען פאר דעם דאָזיקן „טאָן" קעמפן שטענדיק און אומעטום, ווו־הין דאָס מאזל פון א וואנדער־אקטיאָר האָט אים ניט פאַרוואָרפן. מייערסאָן האָט אפילע געפּרווט צו קעמפן פאר דעם „נאַטירלעכן טאָן" מיט די אנערקענטסטע „סטאַרס" פון דער ייִדיש־אמעריקאנער בינע.

„דאָ אין אמעריקע — דערציילט מייערסאָן וועגן די 90־ער יאָרן — האָב איך דערזען א נײַע סיסטעם פון שפּילן. די אקטיאָרן פלעגן אזוי גוואַלדעווען, רײַסן קוליסן, וועלנדיק איבערשרײַען איינער דעם צווייטן, אז בא מיר פלעג די ערשטע צײַט זשומען אין די אויערן. און כאָטש די אויסשטאַטונג, דעקאָראַציע און קאָסטיומען זײַנען געווען רײַך, נאָר דער אײַנדרוק איז געווען א שרעקלעכער, דעריקער פון דעם ניט נאַטירלעכן טאָן". [18]

מייערסאָנס אופירונג פון שאָלעם־אלייכעמס „צעזייט און צעשפּרייט" — זײַן ערשטע אופירונג פון א באַדײַטנדיקער „ליטעראַרישער" פּיעסע — האָט געזאָלט זײַן די ערשטע ברייטערע מאַניפעסטאַציע פונעם „נאַטירלעכן טאָן", ווי מייערסאָן האָט אים פאַרשטאַנען. ארויסגעוויזן האָט זיך, אז מיט זײַן „נאַטירלעכן טאָן" איז מייערסאָן אויסן ניט נאָר מאכן א סאָף צו דער אומגעלומפּערט־אופגעשרויפטער קינסטלעך־געמעלאָכעוועטער „דינאַמיק", וואָס האָט אזוי שטאַרק אויסגענומען בא אייניקע „הויפּט־ראַליסטן" — מייערסאָנס „נאַטירלעכער טאָן" איז געווען געווענדט אויך קעגן דער טויט־פאַרגליווערטער סטאַטיק, וואָס האָט געהערשט אין די עט־נאָגראַפיש־קאָפּירנדיקע שטייגער־שילדערונגען אפ דער דעמלטיקער ייִדישער בינע.

די יִדישע בינע האָט אינ דער זעלבער מאָס געליטנ אי פונ דעמ צעשרויפטנ אונ צערווערטנ אקטיאָר, וואָס פלעגט „רײַסנ קוליסנ", אי פונ דעמ אקטיאָר, וואָס האָט זיכ געפּילט אפ דער בינע, ווי א טויטער מאנעקענ. מײערסאָנס „נאטירלעכער טאָנ" איז דעריבער טאקע געווענ געווענדט קעגנ ביידע זאכנ. ער האָט זיכ באמיט אי צוימענ די קינסטלעכ־אופגעשרויפטע „דינאמיק" אי באלעבנ די אומדערטרעגלעכע סטאטיק, וואָס האָט געהערשט אפ דער יִדישער בינע. אינ דעמ איז באשטאנענ מײערסאָנס צוגאנג צו דער פּיעסע „צעזייט אונ צעשפּרייט", אינ דעמ איז באשטאנענ אויכ זײַנ צוגאנג צו דער הויפּט־געשטאלט — מײער שאלאנט.

אפ דער יִדישער בינע האָט זיכ קימאט ווי צומ ערשטנ מאָל באוויזנ א געשטאלט, וואָס איז געווענ אפ א גאנצ נאטירלעכנ אויפנ אײַנגעפּאסט אינ דער ארומיקער סוויווע, עס האָבנ זיכ דאָ אונ דאָרט גאנצ דײַטלעכ געלאָזט אָנזענ די סאָציאלע פּעדעמ, וואָס ציִענ זיכ פונ מײער שאלאנטנ צו דער ארומיקײַט, עס האָט זיכ דאָ אונ דאָרט אנטפּלעקט דער סאָציאלער טאָכ פונ אײנצלנע דערשײַנונגענ אינ מײער שאלאנטס שטוב. אינ דער הינזיכט האָט מײערסאָנס שילדערונג, אפ וויפל זי איז געווענ רעאליסטיש, געהאט אָנ שומ סאָפעק א באשטימטנ דערקענטעניש־ווערט אונ דער צושויער האָט ענדלעכ געקאָנט אָפּרוענ פונ יענע אפּ דורכ אונ דורכ ליגנערישע סענסאציאָנעלע עפעקטנ, וואָס האָבנ געהאט אנ אָנגאנג אינעמ דעמאלטיקנ יִדישנ טעאטער. אָנשטאָט ווילד־צעשמירטע אונ ווילד־צעבלאָזענע עפעקטנ האָט מײערסאָנ אָנגעהויבנ דערציִענ באמ צושויער דעמ אינטערעס צו דער רעאליסטישער דעטאל, אונ ער איז טאקע געווענ א מײַסטער אפ צו באארבעטנ די אָדער יענע אײנצלנע דעטאלנ. דערבײַ האָט זיכ אָבער אומפארמײַדלעכ געמוזט שטעלנ די פראגע: וואָס וויל מײערסאָנ שטעלנ אינ צענטער פונ אָט די דעטאלנ, וואָס איז די באוועג־קראפט אינ אָט דעמ גרויסנ סכומ טרעפלעכע אײנצלהײַטנ, וואָס ער זאמלט אופ אינ זײַנ שפּיל?

שאָלעמ־אלײכעמס „צעזייט אונ צעשפּרייט" פארמאָגט, ווי באוווסט, זייער ווייניק האנדלונג. די דראמאטישע קאָנפליקטנ האָבנ ניט אינ זיכ קיינ אָנוואקסנדיקע שפּאנונג, עס ווארפט זיכ אָבער אינ די אויגנ, אז אלע מער־ווייניקער באדײַטנדיקע דראמאטישע קאָנפליקטנ זײַנענ סאָציאל מאָטיווירט. די סאָציאלע מאָטיווירונג פונ דער דראמאטישער האנדלונג — דאָס איז ביכלאל אײנער פונ די גרונטשטריכנ אינ שאָלעמ־אלײכעמס דראמאטורגיע. מיר זעענ דאָס אינ די „גאָלדגרעבער", מיר זעענ דאָס אינ „גרויסנ געווינס", אינ „מענטשנ", אינ „אגענטנ"... עמעס, די דאָזיקע סאָציאלע מאָטיווירונג ווערט אפ טריט אונ שריט געשטעמפּלט פונ דער באגרענעצטקײַט אונ ווידערשפּרעכיקײַט פונ שאָלעמ־אלײכעמס קלײנבירגערלעכנ וועלט־באנעמ. אָבער באנעמענדיק גאנצ אָפט אפ א דורכויס־פאלשנ אויפנ די סאָציאלע מאָטיוונ פונ דער אָדער יענער האנדלונג, הערט שאָלעמ־אלײכעמ דאָכ ניט אופ צו גלייבנ, אז די מאָטיוונ פונ דער דאָזיקער האנדלונג דארפ מענ פריִער פאר אלצ זוכנ אינ סאָציאלנ געביט. אינ דעמ ליגט, אָנ שומ סאָפעק, דאָס ווערטפולסטע, וואָס מיר געפינענ בא הײַנטיקנ טאָג אינ שאָלעמ־אלײכעמס שאפנ.

דער בורזשואזער אקטיאָר מײערסאָנ, ווענ ער האָט זיכ צומ ערשטנ מאָל באגעגנט מיט שאָלעמ־אלײכעמס א ווערק, האָט ער פריִער פאר אלצ געדארפט

קלאָר מאכן זײַן שטעלונג צו אָט דעם גרונט־פרינציפּ פון שאָלעם-אלייכעמס דראמאטורגיע — צו דער סאָציאלער מאָטיווירונג פון דער דראמאטישער האנדלונג. אין איי׳ניקע עפּיזאָדן פון דער פּיעסע האָט זיך געקאָנט דאכטן, אז דער נוסע׳ פון מייערסאָנס שפּיל פאלט צונויפ מיט שאָלעמ־אלייכעמס קאוואָנע. אזוי, לע־מאָשל, האָט מייערסאָן גאנצ טרעפלעכ געצייכנט די טיפּישע שטריכן פון אן אופּ־געקומענעם גוויר, באוויזן, ווי דער „געשעפטן״־פיבער באהערשט מייער שאלאנטע׳ און פארוואנדלט אימ שיר ניט אין א מאניאקאלישע פיגור, וואָס זעט פאר זיך סיי אין כאָלעמ סיי אין וואָר בלויז דעמ „גראפּ“, מיט זײַן „וואלד“, מיט זײַנע „מאיאָנטקעס“. די פארקערפּערונג פון די דאָזיקע סאָציאל-פּאראלגעמיינערטע שטריכן איז בא מייערסאָנען געווען גאנצ שטארק, די סאטירע גאנצ טרעפלעך און בײַסיק, און דאָס האָט ארײַנגעבראכט אין א גרויסן צאָרן די בורזשואזע קריטיק.

„די שוישפּילער האָבן די גאנצע טראגעדיע פּאָשעט ניט פארשטאנען. — האָט געשריבן דער „טעלעגראף“. — ה׳ מייערסאָן האָט געוויזן טאלאנט און מע קאָן אימ רעכענען צווישן די בעסטע יידישע אקטיאָרן, ער האָט אָבער דעמ פּאָטער שא־לאנט, וועלכן ער האָט געשפּילט, פּאָשעט נים פארשטאנען: די עכט־טראגישע פיגור האָט ער אינ א קימאט קאָמישע פארוואנדלט“ („דער טעלעגראף“, 1906, נומ 36).

די ציוניסטישע קריטיק האָט, ווי מיר זעען, גענוג וואכזאמ אָפּגעהיט די קלא־סעווע אינטערעסן פון דער יידישער בורזשואזיע. קוים נאָר האָט זי אָנגעמערקט א געפאר, אז שאָלעמ־אלייכעמס גוויר־געשטאלט — מייער שאלאנט — זאָל באקומען א סאטירישע אינטערפּרעטאציע, אזוי באלד האָט די ציוניסטישע קריטיק אָנגע־הויבן טײַנען, אז די געשטאלט איז אן „עכט־טראגישע“ און עס טאָר אפ איר ניט פאלן קיין שום רעמעז פון סאטירע און קריטיק. מייערסאָן אָבער, וואָט איז אפ דער רוסישער בינע דערצויגן געוואָרן אפ דעמ קריטישן צוגאנג צו די „קיט קיטש“־עס — די פארגרעבט־באלעגופישע געשטאלט פון אָסטראָווסקיס ווערק — האָט דאָך ניט געוואָלט זען אין מייער שאלאנטן קיין „עכטע־טראגישע פיגור“ און האָט דער דאָזיקער געשטאלט צוגעגעבן אייניקע פאראלגעמיינערט-טיפּישע שטריכן פון א „קליין מענטשעלע“, א מין סענדער בלאנק.

אָבער מאכן אָט־אָ די סאָציאלע נאטור פונעם „קליינעם מענטשעלע“ פאר אן אויסגאנג-פּונקט פון דער גאָרער האנדלונג, וואָס קומט פאָר אין דער פּיעסע, האָט מייערסאָן ניט געוואגט. דאָס האָט געקאָנט פארפירן צו ווײַט, דאָס האָט געש־טויסן דעמ אקטיאָר צו מאכן צו ווײַטגייענדיקע אויספירן. האָט ער דעריבער נאָך אין גאנג פון דער שילדערונג, — באזונדערס אין דריטן אקט, — אנטשיידן אָפּגעזאָגט זיך פון דעמ קריטישן צוגאנג צו מייער שאלאנטן און גענומען אריבערפירן די שיל־דערונג גאָר אפ אן אנדער פלאך. אָנשטאָט דער סאָציאלער מאָטיווירונג פון דער האנדלונג האָט זיך געזאָלט באקומען שוין גאָר אן אנדערע, א „ריין־פסיכאָלאָ־גישע“ מאָטיווירונג. מייערסאָן האָט זיך גענומען פארטיפן אין דער „פסיכאָלאָגיע“, ער האָט זיך אָנגעהויבן גריבלען אין דער נעשאָמע פון מייער שאלאנטן, דער עלעמענט פון געזעלשאפט־קריטיק, איז אָפּגעפאלן און אָנשטאָט דעם פריער־דיקן געפלעכט פון סאָציאלע פּראָבלעמען, וואָס זײַנען אָנגערירט געוואָרן אין די ערשטע צוויי אקטן פון „צעזייט און צעשפּרייט“, האָט זיך באקומען בלויז איינ־

אײנציקע „נעשאָמע־פּראָבלעם“, עס האָט געזאָלט הײסנ: דער גוטער פאָטער — א קאָרבנ פונ זײַנע ניט גוטע קינדער.

עס איז זעלבסטפארשטענדלעכ, אז אָט דער קער, וואָס מײערסאָנ האָט דאָ דורכגעמאכט, האָט געמוזט זײער אונ זײער אויסנעמענ בא דער בורזשואזער קריטיק. אָט וואָס עס האָט, לעמאָשל, געשריבנ וועגנ מײערסאָנס אופטריט, אלס מײער שאלאנט, דער בורזשואזער קריטיקער נ. פרילוצקי:

„דער צווײטער כאראקטעריסטישער שטריכ פונ מײערסאָנס פערזענלעכקײַט * — האָט געשריבנ נ. פרילוצקי — א גוטע, װײכע, שטילע סובטילקײַט, וועלכע דרינגט דורכ זײַנ גאנצ שפּילנ. דער זעלביקער ארטיסט, וועלכער איז ווי געבוירנ פאר דער ווילדער ראָל פונ אנ אידיאָט אינ גאָרדינס שטיק, האָט צו זיכ קײנ גלײַכנ ניט אפ דער ייִדישער סצענע אינ די ראָלנ פונ עלטערע מענטשנ, פונ א גוטנ, לעבעדיקנ פאָטער אָדער זײדע. גוטסקײַט, ליבע — דאָס איז אויכ א קראפט. גוטסקײַט אונ ליבע גרענעצנ מיט זעלבסטאָפּערונג אונ אינ מײערסאָנס שפּילנ פילט זיכ טאקע די קראפט... אזעלכנ זעענ מיר אימ אינ דער ראָל פונ מײער שאלאנטנ“. („טעאטער וועלט“, 1909, נומ. 2).

ווי מיר זעענ, האָט נ. פרילוצקי באשלאָסנ גאָר מאכנ א שווײַג וועגנ דער טענדענצ פונ געזעלשאפט־קריטיק, וואָס איז געווענ אינ מײערסאָנס צוגאנג צו מײער שאלאנטנ. דערפאר אָבער האָט נ. פרילוצקי גאָר ברײט צעשמירט די צווײטע דורכויס־קעגנזעצלעכע טענדענצ. די טענדענצ פונ אידעאליזאציע, וועלכע האָט ארויסגערופנ די גרעסטע באגײַסטערונג בא פרילוצקינ.** אונ פרילוצקי האָט ווירקלעכ געהאט פונ וואָס באגײַסטערט צו ווערנ. קומענ אינ די יאָרנ פונ דער ערשטער רעוואָליוציע, ווענ דער אָפּשײַ פאר דער ייִדישער בורזשואזיע איז אינ

---

* דער ערשטער שטריכ מײערסאָנס — דאָס איז, לויט נ. פרילוצקינ — די „סטיכישע קראפט“ פונ מײערסאָנס טעמפּעראמענט.

** א געוויסע סטירע אינ דער באציִונג צו שאלאנטנ קאָנ מענ ווו־ניט־ווו טרעפנ אויכ בא שאָלעם־אליכעמענ. אויכ בא אימ רײַסט זיכ ערטערווײַז דורכ באנאנד מיט דער קריטישער באציִונג אויכ א געוויסע סימפּאטיע צו מײער שאלאנטנ. דאָס וואָס שאָלעם-אליכעמ וואָלט עפּשער ניט מויכל געווענ די יעהופּעצער גווירימ, די „פּוסטעקראסנ“, אינ דער צײַט, ווענ די בורזשואזיע גײט בארג־ארופ, איז ער גרײט זײ מויכל צו זײַנ אינ יאָר 1905, ווענ די בורזשואזיע שטײט באמ שוועל פונ דער קאטאסטראָפע, וואָס עס ברענגט פאר איר די אָנקומענדיקע רעוואָליוציע. האסנ די בורזשואזיע, ווענ איר גײט גוט, אונ אפ א „הומאנישנ“ אויפנ מיטפילנ דער בורזשואזיע, ווענ די געשיכטע הײבט איר אָנ דערלאנגענ א קלאפ נאָכ א קלאפ — דאָס איז א גאנצ פארשפרײטע דערשײַנונג בא קלײנבירגערלעכע שרײַבער, אונ מיר טרעפנ דאָס אויכ בא שאָלעם־אליכעמענ. שאָלעם־אליכעמ האָט ווירקלעכ ערטערווײַז ארויסגעדריקט זײַנ מיטגעפיל שאלאנטנ, אָבער פונ מיטגעפיל איז נאָכ גאָר ווײַט צו אידעאליזאציע. שאָלעם־אליכעמ האָט אפ קײנ רעגע ניט אָנגעהויבנ צו אידעאליזירנ שאלאנטנ. ער האָט קײנמאָל ניט געפּרווט אויסמאָלנ שאלאנטנ ווי אנ אידעאל פונ „זעלבסטאָפּערונג“, ער האָט קײנמאָל ניט אָנגעהויבנ גלײבנ, אז דער ייִדישער בורזשוא פארמאָגט גוטסקײַט אונ ליבע. אָנהײבנדיק פונ דעמ גוויר סענדער בלאנק, וועלכנ שאָלעם־אליכעמ האָט געשילדערט אינ יאָר 1887, אונ ענדיקנדיק מיט דעמ גוויר בעני ראפאלאָוויטש, וועלכנ שאָלעם־אליכעמ האָט געשילדערט אינ יאָר 1907 — קײנמאָל אינ פארלויפ פונ אָט די צוואנציק יאָר האָט שאָלעם־אליכעמ ניט געפּרווט דערווײַזנ, אז דער ייִדישער בורזשוא פארמאָגט וועלכע־עס־איז מאָראלישע קראפט אונ ווײניקער פאר אלצ — גוטסקײַט אונ ליבע.

די ברייטע מאַסן אַזוי שטאַרק געפאַלן, קומען אין די יאָרן, ווען די לאַ־קייִשקייט און פּאַכדאָנעס פון דער ייִדישער בורזשואַזיע איז אַנטפּלעקט געוואָרן אַפּ קאָנקרעטע, טאָגטעגלעכע פאַקטן, קומען אין יאָר 1906 און „דערוויַיזן“, אַז די ייִדישע בורזשואַזיע פאַרמאָגט נאָך אַ געווויסן מין קראַפט — „גוטסקייט און ליבע“ — דאָס האָט געהייסן טאָן פאַר דער ייִדישער בורזשואַזיע גאָר אַ נוצלעכע און צייַטמעסיקע אַרבעט. און אָט־אָ די אַרבעט האָט עס אָפּגעטאָן מיט זייַן אופטריט אין דעם ערשטן שאָלעם־אַלייכעם־ספּעקטאַקל אַפּ דער ייִדישער בינע דער אַקטיאָר מייערסאָן.

8

די אופירונג פון „צעזייט און צעשפּרייט“ איז געווען אַן ערנסטער אויס־שפּרוּוו ניט בלויז פאַר דעם אַרטיסט מייערסאָן, וואָס האָט דאָ געשפּילט די הויפּט־ראָל, נאָר אויך פאַר אַנדערע צוויי אַרטיסטן, וואָס האָבן באַקומען צווייטראַנ־גיקע ראָלן און האָבן דאָך אין אַ גרויסער מאָס באַשטימט דעם כאַראַקטער פון דעם ערשטן שאָלעם־אַלייכעם־ספּעקטאַקל — דאָס זייַנען געווען סעם אַדלער און לייזער זשעלאַזע. פּונקט ווי מייערסאָנס אופטריט אין שאָלעם־אַלייכעמס פּיעסע, איז אויך דער אופטריט פון סעם אַדלער און זשעלאַזע געווען טיפּיש פאַר דער שטעלונג, וואָס דער ייִדישער בורזשואַזער טעאַטער האָט פאַרנומען צו שאָלעם־אַלייכעמען. מיר וועלן דעריבער אויך אַפּ די צוויי אַקטיאָרן זיך אָפּשטעלן גענויער.

סעם אַדלער האָט זיך צו יענער צייַט גערעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע ייִדישע קאָמיקער אין רוסלאַנד. ער האָט זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס ער האָט געפּרוווט זיך באַגיין אָן ביליקער קלאָונאַדע, אָן יענעם פאַרגרעבטן שאַרזש, וועלכן עס האָבן צוגעטראָגן דעם פּובליקום אַ גאַנצע מאַכנע קאָמיקער מיט די ביידע פּישזאָנס — דעם פאָטער און זון — אין דער שפּיץ. סעם אַדלער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געפּרוווט אָפּשטעלן די פאַרשפּרייטונג פון אָט דעם מין קאָמיזם, געפּרוווט פאַרהאַלטן די מוטנע כוואַליעס פון העפקערדיק ברוטאַלער לעצאָנעס, וואָס האָט מיט אַזאַ אימפּעט געפלייצט איבער דער „ייִדיש־דייַטש־שער“ בינע און האָט אָנגעטראָגן אַהער גאַנצע בערג מיט גראָבקייַט און שמוץ.

סעם אַדלער האָט געוואָלט אייַנרייַסן מיט די באַלאַגאַנישע האָוויַעס פון דעם „פּישזאָנישן“ קאָמיזם. אָבער דערבייַ איז סעם אַדלער ווייניקער פאַר אַלץ געווען ענלעך אַפּ אַזאַ איינעם, וואָס קומט מיט אַ פעסט־באַשטימטער פּראָגראַם און איז גרייט פאַר דער דאָזיקער פּראָגראַם צו קעמפן. בעטעווע „אַ שטילער מענטש“, ווי עס שילדערן אים די מעמואַריסטן — האָט סעם אַדלער ביכלאַל ניט געוווּסט, וואָס עס הייסט אַזוינס קאַמפּ. ער האָט געהאַלטן, אַז עס איז גענוג צו קריגן אַ „מאָראַ־לישע ווירקונג“ אַפּ דער אַרומיקער אַקטיאָרן־סוויווע, עס איז גענוג צו ווירקן מיט דעם מוסטער פון דער אייגענער שפּיל. און וואָס אָנבאַלאַנגט דער גרונט־אייַנ־שטעלונג פון אָט דער „מאָראַלישער ווירקונג“, איז זי אויסן געווען מער ניט ווי „אויסלייַטישן“ דעם העפקערדיק־ברוטאַלן ייִדישן קאָמיקער פון יענער צייַט, מאַכן אים מער אָנשטענדיק, מער צוגעפּאַסט צו דעם געשמאַק פון דעם „נאָבעלן פּוב־

ליקומ", אפ וועמענ דער ייִדישער טעאטער האָט זיכ געוואָלט אָריענטירנ אינ פּראָצעס פונ זײַנ „פּאַרבורזשואַזעוועט" ווערנ.

געגאַנגענ איז סעמ אדלער צו זײַנ ציל מיט אײנ וועג — ער פלעגט זיכ באַ־מיִענ וואָס מער צו „פּאַרמענטשלעכנ" די קאָמישע געשטאַלט, וואָס איז אימ אויסגעקומענ אויסצופירנ אינ דער אָדער אינ יענער שונד־פּיעסע. א קאָמישע ראָל אינ א שונד־פּיעסע האָט דערעכ־קלאַל פאָרגעשטעלט א בינטל אַנעק־דאָטישע סיטואַציעס, הינטער וועלכע עס איז געשטאַנענ ניט א קאָנקרעטע, לעבעדיקע פיגור, נאָר בלויז א פרײלעכ־מאַכנדיקער מאַנעקענ. סעמ אדלער האָט זיכ אונטערגענומענ אָט דעמ מאַנעקענ „פּאַרמענטשלעכנ", אונ אז אָט דאָס פלעגט זיכ אימ טײלמאָל אײַנגעבנ, — דאָס האָבנ פעסטגעשטעלט א גאַנצע רײ רעצענזענטנ פונ דער רוסישער פּרעסע בײַס סעמ אדלערס גאַסטראָלנ אינ פּעטערבורג אינ יאָר 1905.

צווישנ די מיטלענ, מיט וועלכע סעמ אדלער פלעגט זיכ באַנוצנ אפ צו „פּאַרמענטשלעכנ" די קאָמישע געשטאַלט, האָט זיכ מערסטנטײלס געוואָרפנ אינ די אויגנ דאָס, וואָס ער פלעגט צוגעבנ זײַנ געשטאַלט א געוויסנ דראַמאַטיזמ. אזוי האָט ער, לעמאָשל, געפּרוּווט טאָנ מיט דער פיגור פונ דער קאַראַלאַשער ייִדענע אינ דער פּיעסע „די אײַראָפּייער אינ אַמעריקע".

„אינ איר גאַנצנ אופטרעטנ, ווי סעמ אדלער שטעלט עס פאָר — האָט גע־שריבנ דער רעצענזענט פונ „פרײַנד", — מערקט איר ניט נאָר די קאָמישע זײַט, נאָר אויכ דעמ טיפנ טרויער, די טראַגיק פונ דער קאַראַלישער ייִדענע, וועלכע בײזע ווינטנ האָבנ פאַרטראָגנ איבער דעמ ברײטנ, ברויזנדיקנ אטלאַנטישנ יאמ" („דער פרײַנד", 1905, נומ. 53).

דאָס זעלבע שטרײַכנ אונטער אויכ אַלע איבעריקע בירגערלעכע רעצענ־זענטנ. סעמ אדלער האָט ניט בלויז אינ דעמ פאַל, נאָר אויכ אינ אנדערע פאַלנ געפּרוּווט ארײַנטראָגנ אינ דער שילדערונג פונ דער קאָמישער געשטאַלט א גע־וויסנ דראַמאַטישנ אַקצענט. אויסגעזענ האָט עס, ווי א מינ אויסדרוק פונ „הומאַ־נישקײַט", אונ סעמ אדלער איז געוועזנ פונ די יעניקע, וואָס האָבנ שוינ געוווּסט אפ זיכער, אז „הומאַנישקײַט" געהער צו דעמ גוטנ טאָנ אינ דער „נאָבעלער געזעלשאַפט".

די דאָזיקע „הומאַנישקײַט" איז טײלמאָל געגאַנגענ אזוי ווײַט, אז סעמ אַד־לער פלעגט פאַרוואַנדלענ די קאָמישע געשטאַלט שיר ניט אינ א פּאָזיטיווער גע־שטאַלט אונ וואָס נאָכ מערקווירדיקער איז — סעמ אדלערנ האָט דערבײַ ניט גע־אַרט, וואָס די געשטאַלט, אפ וועמענ ער פאַרשפּרײט זײַנ סימפּאַטיע, געהער צו דעמ „אונטערשטנ אוילעמ". אזוי האָט עס געטראָפנ מיט דער געשטאַלט פונ דעמ מעשאָרעס, וואָס סעמ אדלער האָט געשפּילט אינ „הערצעלע מעיוכעס".

„אינ זײַנ שפּילנ — האָט געשריבנ דער רעצענזענט פונ „פרײַנד" — האָט אונדז סעמ אדלער געגעבנ א קאָמישע פיגור, אָבער ניט א מעגושעמדיקע, א פיגור, וואָס האָט אינ זיכ, [illegible] גאַנצער לעכערלעכקײַט, אויכ פיל סימפּאַטי־שעס אונ שײנס" („דער פרײַנד", 1905, נומ. 73).

די קוואַלנ, פונוואַנענ סעמ אדלער האָט געשעפּט זײַנ „הומאַניסקײַט", זײַ־

625·36

נענ געווענ די זעלבע, פונוואנענ דער „פרײַנד" האָט גענומענ זײַנ ייִדישלעכ-באלעבאטישנ ליבעראליזמ. אָבער ווי אויסגעשפּראָכנ עס איז ניט געווענ דער ייִדישלעכ-באלעבאטישער אָפּשטאמ פונ סעמ אדלערס פּרוווּ צו „פּארמענטשלעכנ" די קאָמישע געשטאלטנ, האָבנ די דאָזיקע פּרוווּנ ניט געשטימט מיטנ טעקסט, וואָס דער אווטער, דער שונד-שרײַבער, האָט צוגעטראָגנ דעמ ייִדישנ טעאַטער. עס איז דעריבער קיינ וווּנדער ניט, וואָס ניט אלעמאָל האָט זיכ סעמ אדלערס אָפּעראציע אַפ די מאנעקענס פונ דער שונד-דראמאטורגיע אײַנגעגעבנ. גאנצ אָפט האָט דער אקטיאָר דערבײַ געמוזט קומענ צו אזא הארבנ קאָנפליקט מיטנ טעקסט פונ דער פּיעסע, אז קיינ גוטס איז שוינ דערפונ ניט ארויסגעקומענ. אינ אזעלכע פאלנ האָט מענ געשריבנ וועגנ סעמ אדלערס א דורכפאל, וואָס האָט זיכ אויסגעדריקט אָדער דערינ, וואָס דער אקטיאָר האָט „סאבאָטירט" און פלעגט באוויַיזנ אַפ דער בינע, אָנשטאָט דעמ פּרייליעכמאכער, דעמ לעצ, א דורכויס טויטע, הילצערנע געשטאלט, אָנ דעמ מינדסטנ טראָפּנ לעבנ און באוועגונג, אָדער ער פלעגט „שלאָגנ בלאָט" מיטנ אווטער, דעמ שונד-שרײַבער, און זיכ צעלאָזנ אינ א ווילד-באלאגאנישער „האָפּקע"...

אזוי האָט עס צו יענער צײַט פּאסירט ניט בלויז מיט סעמ אדלערנ, נאָר אויכ מיט אייניקע אנדערע קאָמיקער (דער שטארק באגאבטער ווײַסמאנ, לעמאָשל), וואָס האָבנ זיכ געשטיקט אינ די הענט פונעמ שונדיסט, דעמ פּיעסנמאכער.

קיינ ווערטלעכע נײַס האָבנ אינ דער הינזיכט ניט געבראכט אויכ י. גאָרדינס ערשטע פּיעסעס, וואָס זײַנענ אופגעפירט געוואָרנ אינ רוסלאנד, ווי „דער ייִדישער קיניג ליר", „ברידער לוריע" אא. אינ דער פּיעסע „ברידער לוריע" האָט סעמ אדלער געהאט אויסצופירנ א נישטיקע ראָל (דעמ שטאָט-ראטמאנס זונ, ראכמיעל), וואָס האָט פאָרגעשטעלט די סאמע גראָבע ווארִיאציע פונ גאָלדפאדנס קונע-לעמל-געשטאלט. ווי אלעמאָל, האָט סעמ אדלער געפּרווּט אַפ זײַנ אויפנ „פארמענטשלעכנ" די דאָזיקע געשטאלט, ער האָט געפּרווּט זיכ באגיינ אָנ יענעמ ביליקנ שארזש, צו וועלכנ עס האָט אימ געשטויסנ דער אווטער, אָבער גאָרדינס טעקסט איז דאָס מאָל געווענ אזוי איבערגעלאָדנ מיט פוילע וויצנ און הויל-לעצאָנישע טריוקנ, אז סעמ אדלער האָט, ווי דאָס פלעגט בא אימ טרעפנ ניט זעלטנ, ניט דערפירט ביזנ סאָפ זײַנ געראנגל מיט דער שונד-טענדענצ פונעמ אווטער און איז ארויס מיט אנ עכט באלאגאניש „שטיקל". דערפאר האָט י.ל. פּערעצ אינ זײַנ רעצענזיע וועגנ „ברידער לוריע", אָפּשאצנדיק דורכויס פּאָזיטיוו סעמ אדלערס שפּיל, דאָכ צומ סאָפ ארטיקל געשריבנ:

„און וואָס? זאָל איכ מיכ בייזערנ אַפ אדלערנ, וואָס האָט אינמיטנ א דראמע א קופּלעט געזונגענ? עס איז אנ אוולע, א גרויסע אוולע! וואָס העלפט אָבער, אז אינעמ קופּלעט-זינגענ שטעקט מער טאלאנט, ווי אינ גאנצנ גאָרדינ מיטנ שטיק? גיי, בייזער זיכ!.." [19]

דאָס זעלבע האָט מענ געקאָנט הערנ וועגנ א גאָר גרויסנ טייל גאָרדינישע פּיעסעס. די קאָמישע ראָלנ זײַנענ, ווי באוווּסט, געווענ דאָס שוואכסטע אָרט בא גאָרדינענ. די באשולדיקונג, אז אפילע אינ די בעסערע פּיעסעס גאָרדינס איז שטענדיק פאראנ א געוויסע „פּאיאצטווע", אָט די גערעכטע באשולדיקונג האָט זיכ

אָנגעהויבן הערן נאָך באַלד ווי גאָרדין האָט גענומען באַהערשן די יידישע בינע אין רוסלאַנד. שוין דעמאָלט איז געוואָרן קלאָר, אַז י. גאָרדין, וועמען אייניקע האָבן געוואָלט אויסמאָלן, ווי דעם „רעפאָרמאַטאָר פון דער יידישער בינע", פאַרלירט זײַן גאַנצן „רעפאָרמאַטאָרישן" מוט אַלעמאָל, ווען ער קומט צו יענעם ווינקל, ווו עס האָבן זיך פאַרקליבן די בייזע רוכעס פון דער „יידיש-דײַטשער" בינע — צו דעם געביט פון קאָמיזם. פאַרקערט, יאַקאָוו גאָרדין האָט, מערסטנטיילס, זיך געקלאַמערט אָן דער טראַדיציאָנעלער לעצאָנעס-טרײַבערײַ פונעם פאַרצײַטיקן יידישן קאָמיקער.

9

צווישן די גאָרדינישע פּיעסן, וואָס זײַנען דעמאָלט אופגעפירט געוואָרן אין יידישן טעאַטער, איז געווען בלויז איינע, ווו דער קאָמיקער האָט געקאָנט געפינען א מער ווייניקער דאַנקבאַרן מאַטעריאַל — דאָס איז „כאַסיע די יעסוימע". מיט דער דאָזיקער פּיעסע האָט א געוויסע צײַט פאַרבונדן זײַנע האָפענונגען אויך סעם אַדלער.

אין דער געשטאַלט פון מאָטיע שטרײַכל, וואָס קומט אַרופ אַפ דער בינע מיט די ווערטער „אוי, דאַלעס, דאַלעס", האָט י. גאָרדין געפּרוווט אָנשטאָט דעם פריילעכ־מאַכנדיקן מאַנעקען אוועקשטעלן א קאָנקרעטע סאָציאַלע פיגור, געפּרוווט פאַרבינדן דעם אופטריט פון דעם קאָמישן פאַרשוין מיט דער אַנטוויקלונג פון א באַשטימטער סאָציאַלער טעמע, דער דאַלעס-טעמע. דאָס איז צו יענער צײַט געווען אַזוי איבעראַשנדיק-נײַ, אַז צו דער ראָל מאָטיע שטרײַכל האָבן זיך מיט-אַמאָל א לאָז געטאָן אַלע קאָמיקער, וואָס האָבן זיך באַוועגט אַפ דער יידישער בינע אין רוסלאַנד. עס האָט געמאַכט אַזא אײַנדרוק, אַז אַפילע די סאַמע פאַרדאָרבנסטע פון זיי, די, וואָס זײַנען שוין קימאַט אינגאַנצן פאַרזונקען אין דעם זומפּ פון באַלאַגאַנערײַ, אַפילע זיי ווילן זיך „לײַטערן" מיט זייער אופטריט אין גאָרדינס פיעסע „כאַסיע די יעסוימע". די דעמאָלטיקע טעאַטער-קריטיק האָט פון דער דאָזיקער „לײַטערונג" געהאַט גרויס נאַכעס.

„די ראָל מאָטיע שטרײַכל איז א שווערע פּראָבע פאַר א קאָמיקער. — האָט געשריבן ב. פרילוצקי. — מ. פיזשאָן האָט די פּראָבע גלענצנדיק אויסגעהאַלטן. ער האָט באַוויזן, אַז ער איז ניט קיין פּאַיאַץ, ווי מ'האָט געקאָנט מיינען, זעענדיק אים אַזוי אָפט טאַנצן און מאַכן קונצן אַפ דער סצענע"...[20]

פונקט אַזוי באַגײַסטערט איז דאָס מאָל געווען אויך מאַרק אַרנשטיין, וואָס האָט געשריבן:

„מ. פיזשאָן שפּילט מאָטיע שטרײַכל מיט אַזא טיפער, קינסטלערישער פּסיכאָלאָגישער פײַנקײַט, אַז עס ווילט זיך ניט גלייבן, דאָס ער זאָל זײַן דער זעלבער „קאָמיקער", וועלכן מיר האָבן געזען אין „אײַזיקל קאַצעוו" פּאַיאַצעווען ספּעציעל פאַר דעם גראָבן געשמאַק פון דעם ערגערן טייל גאַלעריי-פּובליקום"...[21]

די בירגערלעכע טעאַטער-קריטיק איז געווען גרייט צו גלייבן, אַז מיט דעם אופקום פון דער געשטאַלט מאָטיע שטרײַכל ווערט א סאָף צו דער „פּאַיאַצטווע", וואָס איז געלעגן ווי א שאַנד-פלעק אַפ דער טעטיקײַט פון די דעמאָלטיקע קאָ-

מיקער. אָבער, אָפּזאָגנדיק זיך פון דער „פּאַיאַצטווע", האָט דער קאָמיקער אומפאַרמײַדלעך געמוזט אַרײַנלייגן אין זײַן שפּיל א נײַעם סאָציאַלן אינהאַלט, ער האָט געמוזט אָנשטאָט דעם באַרוף פון א לעץ, א פריילעכמאַכער, זוכן פאַר זײַן שפּיל א נײַעם סאָציאַלן באַרוף. די בירגערלעכע טעאַטער־קריטיק איז, ווי אַלעמאָל, „געשטאַנען אויף דער וואַך": זי האָט בעשום־אופן ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז די שפּיל פונעם יִדישן קאָמיקער זאָל אין אַוועלכער־עס־איז מאָס פאַרוואַנדלט ווערן אין דער קריטיק פון די יעסוידעס, אויף וועלכע עס איז געבויט די בורזשואזע געזעלשאַפט. די בירגערלעכע קריטיק האָט אַכטונג געגעבן, אַז דער קאָמיקער זאָל כאָלילעוועכאָס ניט ווערן קיין סאַטיריקער. פון סאַטירע האָט די קריטיק דעם יִדישן אַקטיאָר דעמלט ניט אויפגעהערט צו וואָרענען, זי האָט אים שיר ניט באַשוואָרן, אַז ער זאָל זײַן געהיט פון סאַטירע.

„דאָס קאָמישע קאָן ליגן אין צוויי געביטן — האָט געקנעלט מיטן יִדישן אַקטיאָר נ. פּרילוצקי — ליגט עס אין נעגאַטיוון, אין מיִעסן, שלעכטן — איז דער קאָמיזם א דריקנדיקער, א שווערער, א טונקעלער. ער קאָן אַרויסרופן דעם גרעסטן געלעכטער, אָבער ער לאָזט איבער באַם צושויער אין האַרצן עפּעס א ביטערן, ניט אָנגענעמען שפּור. פאַרקערט, ווען דאָס קאָמישע ליגט אין געביט פון פּאָזיטיוון, פון גוטן, פון שיינעם — איז דער קאָמיזם א לײַכטער, א ליכטיקער..."[22]

וועלכע אויספירן דער אַקטיאָר, דער קאָמיקער, האָט געזאָלט דערפון מאַכן, איז גענוג פאַרשטענדלעך. דאָס האָט געהייסן, אַז דער קאָמיקער דאַרף זיך אָפּזאָגן פון דעם מינדסטן פּרווו סאַטיריש צוצוגיין צו דער אָדער יענער געשטאַלט. די סאַטירע ווערט דאָ אינגאַנצן אויסגעשלאָסן פון געביט. דער אַקטיווער געלעכטער, וואָס וועקט דעם סאָציאַלן באַוווסטזײַן, דעמאַסקירט דאָס מיִעסע און נידערטרעכטיקע, רופט צום קאַמף קעגן דעם און איז אַליין פאַר זיך שוין דער אָנהייב פון אָט דעם קאַמף — אָט דער אַקטיווער געלעכטער ווערט אינגאַנצן אָפּגעוואָרפן, אַלס „דריקנדיקער, שווערער, טונקעלער". אָנשטאָט דעם ווערט געפּריידיקט דער פּאַסיווער, געמיטלעך־פאַרווײַלנדיקער געלעכטער, אַזא געלעכטער, וואָס דאַרף, אייגנטלעך, אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקײַט פון דער אַרומיקערווירקלעכקײַט און קלאָל ניט עפּעס ענדערן אין דער דאָזיקער ווירקלעכקײַט. דאָס איז עס דער געלעכטער, וועלכער געפעלט דער בירגערלעכער קריטיק אין מישע פיזשאָנען, וועמען פּרילוצקי באַצייכנט, ווי דעם „טרעגער פון דעם העלן, גוטהאַרציקן קאָמיזם", און אָט אין דער ריכטונג דאַרפן, לויט דער בירגערלעכער קריטיק, זיך אָריִענטירן אַלע קאָמיקער אויף דער יִדישער בינע.

סעם אַדלער איז אויך געווען געניגט צו ווערן דער „טרעגער פון דעם העלן, גוטהאַרציקן קאָמיזם", וואָס האָט אַזוי גוט געדינט די אינטערעסן פון דער יִדישער בורזשואזיע. אין זײַן אויפטריט אַלס מאָטיע שטרײַכל האָט סעם אַדלער זיך געפלײַסט צו געבן א ווילנלאָז אָנמעכטיקע בריִע, וואָס איז גרייט געדולדיק אַריבערצוטראָגן די שווערסטע ליידן, גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון די עלעמענטאַרסטע מענטשן־רעכט — דאָס אייניציקע רעכט, פון וועלכן ער וויל זיך נאָך ניט אָפּזאָגן — דאָס איז דאָס רעכט צו זאָגן א ווערטל... אין פלוג, איז עס געווען ניט מער ווי א וואַריִאַציע פון יענעם „פריילעכן קאַפּצן", וועלכן די בורזשואזיע האָט אַזוי

גערן מיטגעהאָלפֿן צו קולטיווירן אין דער יידישער ליטעראַטור. סעם אדלער איז דער ראָל פֿון מאָטיע שטרײַכל — דאָס איז געווען, קאָן מען זאָגן, דער ערשטער דעביוט פֿון דעם „פֿריילעכן קאַפּצן" אַף דער יידישער בינע.

„אין אַלע פֿיר אַקטן — באַשרײַבט דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל ש. אַנסקי — איז פֿאַר אונדז געווען אַן עמעצער, אַ רעאַלער, אַזאַ גוט באַקאַנטער יידישער ייִשוווניק — אַן ערלעכער, אַ פּראָסטער, אַ גוטהאַרציקער — ער קאָן נעמען אַ גלעזל בראַנפֿן, קאָן זאָגן דעם גוויר אין די אויגן אַ ביטערן עמעס, קאָן זיך אײַנשטעלן פֿאַר אַ שוואַכן און אַלץ מיט אַ פּראָסטער איידלקײַט, מיט אַ נאַטירלעכן דערעכערעץ — ניט קיין איין איבעריק וואָרט, ניט קיין איין איבעריקע טנוע, ניט קיין רוישעם פֿון אַ שאַרזש איז ניט געווען אין דעם שפּילן פֿון ה' אדלערן... אין דער פּיעסיע האָט מיר ה' אדלער דערמאָנט איינעם פֿון די ערשטע פֿראַנצויזישע אַרטיסטן — קאָקלענען. איך האָב קיין מוירע ניט צו זאָגן, אַז אין אדלערן האָבן מיר אַ גרויסן יידישן אַרטיסט". [23]

סעם אדלערס מאָטיע שטרײַכל איז, ווי מיר זעען, געגעבן, ווי אַ טיפּיש געשטאַלט פֿון אַ „פֿריילעכן קאַפּצן", און דער בירגערלעכער צושויער האָט דערפֿון געהאַט פֿאַרגעניגן ניט ווייניקער, ווי דער „פֿאָלקיסט" ש. אַנסקי. קומען אין די יאָרן פֿון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע און לערנען דעם יידישן האָרעפּאַשניק, אַז ער מעג הינטערווײַלעכס „זאָגן דעם גוויר אין די אויגן אַ ביטערן עמעס", מעג אַפֿילע „זיך אײַנשטעלן פֿאַר אַ שוואַכן", אָבער דערבײַ אַף קיין רעגע ניט פֿאַרלירן דעם „נאַטירלעכן דערעכערעץ" פֿאַר דער בורזשואַזיע — לערנען דעם יידישן האָרעפּאַשניק אין יאָר 1906 אָט דאָס אַלץ — איז געווען אַ פֿונקציע, וואָס האָט דורכויס געשטימט מיט סעם אדלערס באַרוף, אַלס אַ בורזשואַזער אַקטיאָר.

סעם אדלער איז אָבער, ווי מיר האָבן שוין געהערט, געווען אַן אָנהענגער פֿון ליבעראַלער „הומאַנישקײַט", ער האָט ליב געהאַט מיט דער הילף פֿון אַ ספּעציעל־אונטערגעשטראָכענעם דראַמאַטיזם „פֿאַרמענטשלעכן" די געשטאַלטן, וואָס ער האָט באַוויזן אַף דער בינע. האָט ער עס געפּרוווט טאָן אויך מיט דער געשטאַלט פֿון מאָטיע שטרײַכל. דאָס מאָל האָט דער רעזולטאַט איבערגעשטיגן סעם אדלערס האַסאָגעס. אין אַ פּיעסע, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט דער „דאַלעס"־טעמע, האָט דער דראַמאַטיזם, וואָס סעם אדלער האָט אין זײַן ראָל אַרײַנגעטראָגן, באַקומען אַן אונטערגעשטראָכן־סאָציאַלן טאָן. אַף אייניקע האָט עס אַפֿילע געמאַכט אַן אײַנדרוק פֿון אַ מין פּראָטעסט קעגן סאָציאַלן אומרעכט. דער דאָזיקער אײַנדרוק איז אין די יאָרן 1905 — 1907 געווען אַזוי שטאַרק, אַז ש. אַנסקי האָט אין זײַן רעצענזיע געשריבן:

„די קאָמישע מיטלען באַהערשט דער אַרטיסט אַזוי גוט, אַז ער קאָן איבערגעבן מיט זיי אויך די הויך־טראַגישע שטימונגען. די סצענע אין „כאַסיע די יעסוימע", ווען ער, אַ פּראָסטער ייִשוווניק, איז ביז לעצט אויפגעבראַכט פֿון דעם, וואָס מע האָט אים כוישעד געווען אין אַ גנייווע, קלאַפּט מיט ווילדן צאָרן איבערן טיש (מיט די שטיוול, וואָס זײַנען צופֿעליק אַרײַנגעפֿאַלן צו אים אין די הענט) און כאַזערט אַלץ איין און דעם זעלבן זאַץ: „ווער איז אַ גאַנעוו?.." — די דאָ-

זיקע סצענע איז דערשיטערדיק לויט איר טיפֿנ דראַמאַטיזמ און גלײַכצײַטיק דער־מיט אויכ לויט איר אײגנאַרטיקנ קאָמיזמ...״ („Свобода и равенство“, 1907, № 27).

ווי מיר זעענ, איז סעמ אַדלער צו מאָטיע שטרײַכלענ צוגעגאַנגענ מיט דער זעלבער „הומאַנישקײַט“, וועלכע האָט זיכ באַ אימ געלאָזט מערקנ אויכ ערעוו 1905, אײדער ער איז אויפֿגעטראָטנ אינ „כאַסיע די יעסוימע“. אָבער אינ די יאָרנ 1905—1907 האָס די דאָזיקע „הומאַנישקײַט“ באַקומענ אַ מער אונטערגעשטראָכע־נעמ ליבעראַלנ כאַראַקטער. אינ סעמ אַדלערס שפּיל האָט אָנגעהויבנ אַרײַנדרינ־גענ אַ געוויסע טענדענצ פֿונ סאָציִאַלער פֿאַראַלגעמײנערונג, יענע טענדענצ, וואָס מיר באַמערקנ צו דער צײַט אויכ באַ אײניקע אַנדערע ייִדישע אַרטיסטנ, ווי י. ליבערט, לעמאָשל. אָבער פּונקט ווי באַ י. ליבערטנ, האָט אויכ באַ סעמ אַדלערנ געמוזט זיכ שטעלנ די פֿראַגע: ווי ווײַט קאָנ גײנ אַזאַ אַקטיאָר, ווי סעמ אַד־לער, מיט זײַנ פֿאַראַלגעמײנערונג־טענדענצ? צי וועט ער ווירקלעכ זיכ אָפּזאָגנ פֿונ יענעמ „גוטהאַרציקנ קאָמיזמ“, וועלכנ עס האָבנ אַזוי שטאַרק רעקאָמענדירט די בורזשואַזע רעצענזענטנ? וועט ער ווירקלעכ האָבנ מוט צו פֿאַרוואַנדלנ זײַנ אַקטיאָרישע שפּיל אינ אַקטיווער קריטיק פֿונ דער אָרומיקער ווירקלעכקײַט? אַ ענטפֿער אויפֿ אָט די אַלע פֿראַגנ האָט געזאָלט געבנ סעמ אַדלערס אויפֿטריט אינ שאָלעמ־אַלײכעמס „צעזײט און צעשפּרײט“.

10

סעמ אַדלערס ראָל אינ „צעזײט און צעשפּרײט“ איז געוועזנ ווײַט ניט קײנ ערשטראַנגיקע, ער האָט געשפּילט בעניענ, „אַ ייִד מיט אַ זאָנטיק, האַלב מעק־לער, האַלב שאַדכנ“, וואָס באַווײַזט זיכ אינ דער פּיעסע מער ניט, ווי אײנ מאָל אינ דריטנ אַקט, שוינ נאָר צומ סאָפּ פּיעסע. „דער ייִד מיטנ זאָנטיק“ איז אָבער געווענ אײנע פֿונ די גרונט־געשטאַלטנ אינ שאָלעמ־אַלײכעמס העלדנ־גאַלעריי. געפֿינענ דעמ ריכטיקנ צוגאַנג צו דער דאָזיקער געשטאַלט האָט געהײסנ אַזוי גוט, ווי געפֿינענ דעמ שליסל צו דעמ אַלגעמײנעמ שאָלעמ־אַלײכעמ־סטיל, וואָס האָט זיכ קאָרשט געזאָלט באַווײַזנ ווערנ אויפֿ דער ייִדישער בינע.

בעניע איז באַ שאָלעמ־אַלײכעמענ געגעבנ ניט ווי אַ דורכשניטלעכע געש־טאַלט פֿונ אַ ייִד אַ שאַדכנ. עס איז געוויס קײנ צופֿאַל ניט, וואָס אינ אַנדערע דראַמאַטישע ווערק שאָלעמ־אַלײכעמס (לעמאָשל, אינ „דאָקטער“ און „געט“) פֿיגו־רירט דער שאַדכנ שטענדיק אונטער אײנ און דעמ זעלבנ נאָמענ — שאָלעמ שאַדכנ. דאָרטנ האָבנ מיר ווירקלעכ צו טאָנ מיט אַ סטערעאָטיפּ־געשטאַלט, וואָס ווערט אינ בײדע אײנאַקטערס באַווײַזנ קימאַט אינ דער זעלבער סיטואַציע, אָנ שומ וועזנטלעכע וואַריִאַציעס. אַנדערש איז עס אינ „צעזײט און צעשפּרײט“.

בעניע איז ניט קײנ געשטאַלט פֿונ אַ לעקעשעוואַטנ שאַדכנ מיט זײַנע ספּעצ־יפֿישע עטנאָגראַפֿישע שטריכנ פֿונ באַרעדעוודיקײַט, גוילעמדיקײַט און טיפּשעס. בעניע איז אַ „ייִד מיט אַ זאָנטיק“, אַ לופֿט־מענטש, וואָס האָט ליב „דרײענ“ און און קאָנ „דרײענ“, ער קאָנ „קערנ וועלטנ“ און קומט דאָכ צומ זעלבנ אויספֿיר, צו וועלכנ מע קומט באַ שאָלעמ־אַלײכעמענ אינ „אַגענטנ“: „וואָס טויג מיר קאָנ־

קורענציע־שמענציע, מע ליגט אינ דער ערד אונ מע באקט בייגל". ווי גרויס עס איז ניט בעניעס קונציקייַט אינעמ איבערריידנ אַלצ אונ אַלעמענ, ווי גרויס עס איז ניט זייַנ בעריעשאַפט אינ דעמ פאַל, ווענ עס קומט אימ אויס פאַרשלייערנ אונ פאַרדרייענ דעמ עמעס — איינס נאָר קאָנ ער ניט פאַרשלייערנ — דעמ ביטערנ עמעס, אז נאָכ אָט דעמ גאַנצנ „דרייענ" זייַנעמ איז דאָכ „ניט גוט, דאָס הייסט, ס'וואָלט געווענ גוט, מע זאָל פאַרדינענ, פאַרדינט זיכ אָבער ניט. איז שלעכט".

מיט אָט דער רעפּליקע „ניט גוט" הייבט זיכ טאַקע אָנ בעניעס אופטריט אינ „צעזייט אונ צעשפּרייט". די דאָזיקע רעפּליקע דרינגט דורכ יעטווידעס וואָרט, יעטווידע באַוועגונג זייַנע, אינ דעמ ליגט דער שליסל צו דער גאָרער סאָציִאַלער פאַראַלגעמיינערונג, וואָס שאָלעמ-אַלייכעמ לייגט אַרייַנ אינ דער דאָזיקער געשטאַלט. דער „ייִד מיטנ זאָנטיק" — בעניע — איז אינ דער היגזיכט בא שאָלעמ-אַלייכעמענ דער ערשטער עסקיז פונ דעמ שאַדכנ סאָלאָווייטשיק (אינ „גרויסנ געווינס"), וואָס ווערט מיט אַזאַ מייַסטערשאַפט באַוויזנ פונ דעמ סאָוועטישנ אַקטיאָר זוסקינ. דאָס מערקווירדיקסטע אינ זוסקינס שפּיל באַשטייט טאַקע דערינ, וואָס סאָלאָווייטשיק הערט אויפ צו זייַנ אַ צווייטראַנגיקע פיגור, דער צוגאַנג פונעמ סאָוועטישנ אַקטיאָר, וואָס פאַסט אויפ דעמ שאַדכנ סאָלאָווייטשיק אינ דער שייַנ פונ סאָציִאַליסטישנ רעאַליזמ, פירט דערצו, אז עס ווערנ אַנטבלויזט די טיפערע סאָציִאַלע וואָרצלענ פונ דער דאָזיקער געשטאַלט. זוסקינ אַנטפּלעקט די סאָציִאַלע טרייַב־קראַפט פונ סאָלאָווייטשיקס האַוועג, ער נעמט אויפ סאָלאָווייטשיקנ סינטעטיש, אזוי, אַז דורכ אָט דעמ איינצלנעמ פאַרשוינ לויכט זיכ דורכ דער גאַנצער סאָציִאַל־עקאָנאָמישער דורכשניט פונ אַ סוויווע, ווו עס מוז אוממפאַרמייַדלעכ באַשאַפנ ווערנ אַזאַ מינ „ייִד מיט אַ זאָנטיק". דאָס וויכטיקסטע אינ זוסקינס שפּיל באַשטייט דערינ, וואָס ער לאָזט בעשומויפנ ניט איזאָלירנ די שאַדכנ־געשטאַלט, ער לאָזט ניט באַטראַכטנ זי, ווי עפּעס אַנ איינצל־פאַל, ווו מיר האָבנ צו טאָנ מיט אַזאַ אָדער אַנדערער אויסטערלישער געשטאַלט. פאַרקערט, שטרעבנדיק וואָס מער צו אַקצענטירנ די טיפּישקייַט פונ אָט דעמ „ייִד מיטנ זאָנטיק", שלאָגט זוסקינ אַלע אַזעלכע „ייִדנ מיט זאָנטיקעס", ער שלאָגט די סוויווע, די סאָציִאַלע אָרדענונג, וואָס פּראָדוצירט אַזעלכע געשטאַלטנ.

בעשאַס סעמ אַדלער, אַ בורזשואַזער אַקטיאָר, האָט געמאַכט דעמ ערשטנ פּרווו צו באַווייַזנ אויפ דער ייִדישער בינע די שאָלעמ־אַלייכעמשע געשטאַלט פונ אַ „ייִד מיט אַ זאָנטיק", איז זייַנ קאַוואָנע אָנ שומ סאָפּעק געווענ: פאָרשטעלנ די שאַדכנ־געשטאַלט דורכויס רעאַליסטיש. אַז סעמ אַדלער איז אַנ אָנהענגער פונ ערנסטער, רעאַליסטישער שפּיל אונ דאָס צייכנט אימ אויס אינ דער גרויסער מאַכנע ייִדישע באַלאַגאַנ־קאָמיקער — דאָס האָבנ אינ יאָר 1905, בייס סעמ אַדלערס גאַסטראָלנ אינ פּעטערבורג, פעסטגעשטעלט אַ גאַנצע ריי רעצענזענטנ פונ דער רוסישער פּרעסע. מיט זייַנ רעאַליסטישער שפּיל האָט סעמ אַדלער געפּרווט „ראַטעווענ" אַ סאַכ ווילד־אומגעלומפּערטע געשטאַלטנ פונ די שונד־פּיעסעס, וואָס זייַנענ געשפּילט געוואָרנ אויפ דער ייִדישער בינע. נאָכ אַ גרעסערנ פאַרלאַנג צו פירנ די שפּיל אינ רעאַליסטישע טענער האָט סעמ אַדלער געמוזט דערפילנ, ווענ ער האָט גענומענ אַרבעטנ אויפ דעמ מאַטעריאַל פונ שאָלעמ-אַלייכעמס „צע־

זייט און צעשפּרייט". מע דאַרף אָבער געדענקען, אז דער רעאַליזם, וואָס עס האָט פאַרגעשטעלט אַפ דער ייִדישער בינע סעמ אדלער, איז געווען ווײַט ניט דער רעאַליזם, וואָס האָט דורכגעדרונגען שאָלעמ־אַלייכעמס פּיעסע. וועגן די סאָציאַלע וואָרצלען פון שאָלעמ־אַלייכעמס רעאַליזמ איז אונדז שוין אויסגעקומען צו ריידן: דאָס איז געווען, הויפּטזאַכלעך, יענער גרויסער אומרו, וואָס באַמערקט זיך צו יענער צײַט אין די אונטערגעדריקטע קליינבירגערלעכע מאַסן.

גאָר אַנדערע סטימולן האָט באַקומען פון זײַן סאָציאַלער באַזע דער בורזשואזער אַקטיאָר סעמ אדלער. סעמ אדלערס רעאַליזמ איז געווען דורכגעדרונגען אויסשליסלעך מיט יענער גוואַלדיקער פּאַכדאָנעס, מיט יענער מוירע פאַר דערווירקלעכקײַט, וועלכע האָט כאַראַקטעריזירט די שטעלונג פון דער ייִדישער בורזשואזיע אין דער צײַט פון דער ערשטער רעוואָלוציע. דערפאַר האָט סעמ אדלערס רעאַליסטישע שפּיל דערלאַנגט די אַרומיקע ווירקלעכקײַט אין אַזאַ קאָמבינאַציע פון קליינלעכע עטנאָגראַפיש־קאָפּירטע שטייגער־דעטאַלן, צעשפּליטערט די ווירקלעכקײַט־דערשײַנונגען אַף אַזאַ אומגעהייערער צאָל איזאָלירט־פאַרייניצלטע מאָמענט־פאָטאָגראַפיעס, אז דער עמעסער סאָציאַלער אינהאַלט פון די דאָזיקע דערשײַנונגען ווערט קיינמאָל ניט אַנטפּלעקט.

אײַנרײַסן מיט אַט דעמ מין רעאַליזמ האָט סעמ אדלער ניט געקאָנט. אימ איז געבליבן דורכויס פרעמד דער אומרו, וואָס דרינגט דורך שאָלעמ־אַלייכעמס פּיעסע, און אין זײַן צוגאַנג צו שאָלעמ־אַלייכעמס געשטאַלט האָט ער מער פאַר אַלץ געפּלײַסט זיך צו בלײַבן געטרײַ די געוויינהײַטן פון דעמ ייִדישן בורזשוא: ניט קוקן צו ווײַט, ניט גראָבן צו טיף, לאָזן זיך פירן פונעמ באַלעבאַטישן פאַרשטאַנד, וואָס ליגט, ווי א וואָרעמ אין כריין, אין דער עטנאָגראַפישער ספּעציפישקײַט און זוכט מיט אַלע מיטלען צו אַנטלויפן פון א ברייטערער סאָציאַלער פאַראַלגעמיינערונג. און אַט אַף אַזאַ שטייגער האָט עס סעמ אדלער געגעבן די ערשטע שאָלעמ־אַלייכעמ־געשטאַלט אַף דער ייִדישער בינע.

אָנשטאָט א סאָציאַל־פאַראַלגעמיינערטער געשטאַלט פון א „ייִד מיט א זאָנטיק" האָט זיך באַקומען אַן עטנאָגראַפיש־קאָפּירטע געשטאַלט פון א לעקעשעוואַטן שאַדכן. דער פּסיכאָלאָגישער דורכשניט פון דער געשטאַלט איז געוואָרן נעבעכדיק־אָרעמ, דער פאַרנעמ פון דער שילדערונג — ביז גאָר פאַרשמעלערט, איר סאָציאַלער אינהאַלט — פאַרפלאַכט און פאַרשמירט.

בעשאַס מע לייענט דעמ טעקסט פון שאָלעמ־אַלייכעמס פּיעסע, זעט מען, אז בעניעס מאַניר צו האַלטן זיך באַמ גוויר שאַלאַנט אין שטוב איז ניט קיין דורכשניטלעכע מאַניר פון א באַריידעוודיקן שאַדכן. בעניעס רייד האָבן ערטערווײַז א באַזונדערן אַקצענט, א באַזונדערן מיין. עס איז קלאָר, אז בעניע שיט בעקיוון זאַלץ אַף די ווונדן, ער שטעכט די אויגן דעמ אופגעקומענעמ גוויר, ער רעכנט אויס די אַלע „גליקן", וואָס מייער שאַלאַנט האָט געפונען, זינט ער איז געוואָרן א גוויר. אין בעניעס מויל איז דער זאַץ: „דער נאָגיד, זאָגט מען, האָט גליק צו אַלצדינג, אַפילע צו קינדער" — דורכויס אַן איראָנישער, אין אימ לאָזט זיך הערן די אמכאָדיקע איראָניע בענעגייע צומ גוויר, דער אמכאָדיקער נעקאָמע־

געפּיל, וואָס איז, קאָן מען זאָגן, די טרײַבקראַפט פון דער גאָרער באַריירעוודי־קײַט, וועלכע בעניע ווײַזט אַרויס באַם גוויר שאַלאַנטען אין שטוב.

אָבער דער אַקטיאָר סעם אַדלער האָט דאָס אַלץ באַווײַזן אַף דער בינע ניט גע־וואָלט. צוגייענדיק אַף אַזאַ אויפן צו בעניען האָט דער ייִדישער בורזשואַזער אַקטיאָר אַרום 1905 ניט געקאָנט. האָט ער דעריבער זיך אונטערגענומען צוריקצופירן בעניעס געשטאַלט צו יענער עטנאָגראַפישער, אין סאָציאַלן זינען אינגאַנצן אויס־געלײַדיקטער שאַדכן־געשטאַלט, פון וועלכער שאָלעם־אַליכעם האָט דאָס מאָל געוואָלט זיך אָפּזאָגן. און דאָס האָט זיך אַזוי שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן, אַז י. ל. פּערעץ האָט אין זײַן רעצענזיע וועגן דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל געשריבן:

„אַדלער האָט שלעכט פאַרשטאַנען די ראָל פון שאַליעך, וואָס ברענגט אָפּ די טנאָים, ער דאַרף זײַן אַ דורכגעטריבענער קאַלבוי, וואָס שינדט פון אופגע־קומענעם גוויר די הויט, און ער האָט געשפּילט אַ נאַרישן שאַדכן, אָבער, לויט זײַן פאַרשטענדעניש, גוט די ראָליע אויסגעפירט".[24]

ווי ווייניק פּערעץ האָט ניט געהאַט דאָס רעכט צו גילטן אַלס קאָמענטאַטער פון שאָלעם־אַליכעמס געשטאַלטן און בילדער, איז דאָך בײַ פּערעצן, ווי מיר זעען, געוועזן גענוג כוח צו באַמערקן, ווי דער אַקטיאָר סעם אַדלער גייט זיך פאַנאַנדער מיט שאָלעם־אַליכעמען. דאָס איז אָבער צו יענער צײַט געוועזן ניט דער איינציקער פאַל אין דעם ייִדישן בורזשואַזן טעאַטער. די שטעלונג צו שאָלעם־אַליכעמען איז אין פאַרלויף פון היסטאָרישע יאָרן געווען, קאָן מען זאָגן, דער פּרוביר־שטיין, אַף וועלכן עס האָט זיך גרינג געלאָזט דערקענען די סאָציאַלע נאַ־טור פון דער אָדער יענער טרופּע, פון דעם אָדער יענעם אַקטיאָר. עס לוינט זיך דעריבער נאָך אָפּשטעלן אַף דעם אופטריט פון איינעם אַן אַקטיאָר, וואָס האָט אָן שום ספק פאַרגעשטעלט די גרעסטע קראַפט אין דעם דעמאָלטיקן ייִדישן טעאַטער — דאָס איז דער אַרטיסט לייזער זשעלאַזאָ.

11

דער אַקטיאָר לייזער זשעלאַזאָ האָט אָנגעהויבן ציִען אַף זיך די אופמערק־זאַמקײַט נאָך גלײַך פון זײַנע ערשטע אַרויסטרעטונגען אין טעאַטער אַף קראָ־לעווסקע. אַ יונגער אַקטיאָר, קיין דרײַסיק יאָר נאָך ניט אַלט, אָן אַן אימפּאָנירנ־דיקער אויסערלעכקײַט, וואָס זאָל זיך וואַרפן אין די אויגן, אָן יענעם עפעקטפולן אָנשטעל, וואָס האָט דעמאָלט אַזוי שטאַרק אויסגענומען אַף דער ייִדישער בינע — האָט זשעלאַזאָ דאָך זייער גיך גענומען זיך אויסטיילן אין דער מאַכנע ייִדישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן אַרום 1905 פאַרפלייצט די שטאָט וואַרשע.

שוין באַלד נאָך זײַנע ערשטע אַרויסטרעטונגען אַף די ברעטער פון דעם „טעאַטער אַף קראָלעווסקע", איז געוואָרן קלאָר, אַז זשעלאַזאָס געהערן צום מייער־סאָן־אַנסאַמבל איז ניט קיין ריינער צופאַל. פון די דרײַ ייִדישע טעאַטערס, וואָס האָבן דעמאָלט פונקציאָנירט אין וואַרשע, איז דער „טעאַטער אַף קראָלעווסקע" געוועזן דער איינציקער, ווו זשעלאַזאָ האָט געקאָנט געפינען אַ גינסטיקן באָדן פאַר זײַן אַנטוויקלונג.

מייערסאָנס באַמיִונגענ אופצוהייבנ דעמ קולטורעלנ ניוואָ פונעמ ייִדישנ אקטיאָר, זײַנע באַמיִונגענ צו שאפנ א מער-ווייניקער איינהײַטלעכנ אנסאמבל, די איניציאַטיוו, וואָס מייערסאָנ האָט ארויסגעוויזנ אינעמ זוכנ א נײַעמ „ליטעראַרישנ” רעפּערטואַר,* — דאָס אלצ האָט אָנ שומ ספּק מיטגעהאָלפנ דער אויסבילדונג פונ אזא אקטיאָר, ווי זשעלאזע. וואָרעמ דאָס איז קלאָר געוואָרנ שוינ פונ זשעלאזעס ערשטער ארויסטרעטונג — אזא אקטיאָר, ווי זשעלאזע, האָט געקאָנט זיכ באַווײַזנ בלויז דעמלט, ווענ דער ייִדישער טעאטער איז ארויס פונ זײַנ ערשטער אָנפאנגלעכער סטאַדיע, ווענ עס האָט זיכ אָנגעזאַמלט א געוויסע — מעג זײַנ אפילע, אינ טאָכ, גאנצ באַשיידענע — אקטיאָרישע קולטור, אונ, דעריקער, ווענ דער אלגעמיינער קולטור-ניוואָ פונעמ ייִדישנ טעאטער איז געוואָרנ אזא, אז דאָ האָט מענ אָנגעהויבנ קריגנ אָפּשײַ פאר אקטיאָרישער געניטשאפט אונ אקטיאָרישער מײַסטערשאפט. די העכערונג פונ דער אלגעמיינעמ קולטור־ניוואָ אינ ייִדישנ טעאטער — דאָס איז געווענ די ערשטע פאָרבאדינגונג פאר דעמ אופקומ פונ אזא, מע וואָלט געמעגט זאָגנ, ראפינירטער מײַסטערשאפט, ווי דאָס האָט פארמאָגט זשעלאזע.

וואָס איז אָבער געווענ דער סאָציאַלער אינהאלט, וועלכנ זשעלאזע האָט ארײַנגעלייגט אינ זײַנ מײַסטערשאפט? זשעלאזעס אויט שפּילנ, זײַנ האלטונג אפ דער בינע, זײַנ באַציִונג צו דעמ צושויער, וואָס געפינט זיכ אינ זאל — דאָס אלצ האָט אלעמאָל דערמאָנט וועגנ דעמ, אז זײַנ קונסט אונטערשיידט זיכ לויט איר סאָציאַלער נאטור פונ דער קונסט, וואָס עס האָבנ אפ דער זעלבער בינע פונעמ „טעאטער אפ קרולעווסקע” באַוויזנ מייערסאָנ אונ סעמ אדלער. אויב מייערסאָנס סאָציאַלע וואָרצלענ האָבנ זיכ געצויגנ פונ דעמ סאָליד־אײַנגעפונדעוועטנ שיכט ייִדישע בורזשואזיע, וואָס האָט לאנג שוינ געוווינט אינ די גרויסע שטעט, האָט לאנג זיכ שוינ געהאט אָנגעזאמלט א געוויסנ קולטור-פארמעגנ, געהאט אפילע געוויסע טראַדיציאָנעלע סימפּאַטיעס צו שילערנ, וועלכע מייערסאָנ האָט קיינמאָל ניט געקאָנט אינ זיכ פארשווײַגנ; אויב סעמ אדלערס סאָציאַלע וואָרצלענ האָבנ זיכ געצויגנ צו דעמ „אָלרײַטניק”, ווענעס „אפּעטיט צומ לעבנ” ער האָט יאָרנלאנג באַדינט אינ אמעריקע אונ ווענעס צווילינג־ברודער — דעמ אופגעקומענעמ גוויר, דעמ פארוועניו, ער האָט נאָכדעמ אָנגעהויבנ באַדינענ אינ רוסלאנד — איז זשעלאזעס סאָציאַלע באַזע געווענ אנ אנדערע. דאָס זײַנענ געווענ הויפּטזאכלעכ די שיכטנ בורזשואזיע, וואָס האָבנ — מאכמעס דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סיטואציע — אָקאָרשט גענומענ אָפּגיינ פונעמ מיטלאַטערלעכנ געטאָ־שטייגער, אָקאָרשט גענומענ „ארײַנוואקסנ” אינ דער מאָדערנער בורזשואזער געזעלשאפט אונ געטאָנ דאָס מיט א שטענדיקער ניט־זיכערקײַט אינ דעמ מאָרגנדיקנ טאָג אונ מיט א שטענדיקנ פארלאנג צו כאפּנ א קוק אפ צוריק, אינ פארצײַטנס. דער געמיט־צושטאנד פונ אָט־אָ דעמ שיכט בורזשואזיע איז געווענ ווײַט ניט קיינ פריילעכער. פארקערט,

* אינ מעשעכ פונ די קאָרגע דרײַ כאדאָשימ, וואָס דער „טעאטער אפ קרולעווסקע” האָט פונקציאָנירט, האָט מייערסאָנ באַוויזנ אופצופירנ שילערס „רויבער”, שאָלעמ־אלייכעמס „צעזייט אונ צעשפּרייט”, ער האָט אויכ צוגעגרייט צומ אופירנ שאָלעמ־אלייכעמס „סטעמפּעניו”, וואָס איז שוינ אפילע אנאָנסירט געוואָרנ, איז אָבער ניט אופגעפירט געוואָרנ איבער דער צעפאלונג פונ דער טרופּע.

דאָ און דאָרט איז דאָס „ארײַנוואַקסן" אין דער מאָדערנער בורזשואַזער געזעלשאַפט פאַרלאָפן ניט אַזוי גלאַטיק: עס האָבן פון טאָג צו טאָג זיך ארויסבאַוויזן די שווערע סאָציאַלע קאָנפליקטן, וואָס זײַנען אומפאַרמײַדלעך אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט. דער אָנוווקס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ערעוו 1905 האָט באַוויזן, אַז וואָס מער מע „וואַקסט ארײַן" אין דער מאָדערנער בורזשואַזער געזעלשאַפט, אַלץ מער האָט מען „אויסצושטיין" פון די מער אַנטוויקלטע פאָרמען פונעם קלאַסנקאַמף. זשעלאַזעס סאָציאַלע באַזע האָט אויף דעם רעאַגירט שטענדיק אויף איין און דעם זעלבן אופן: זי האָט ווידער און ווידער געוואָרפן אַ פאַרבענקטן בליק אין דער פאַרגאַנגענהײַט, גרייט געווען צו אידעאַליזירן אַפילע דאָס, מיט וואָס זי האָט אָקאָרשט ניט לאַנג אַליין געפונען פאַר נייטיק אײַנצורײַסן, גרייט געווען צו אידעאַליזירן דעם זעלבן מיטלאַלטערלעכן געטאָ־שטייגער, פון וועלכן זי האָט אָקאָרשט וואָס זיך ארויסגעריסן. און אָט דאָס האָט עס באַשטימט דעם כאַראַקטער פון זשעלאַזעס אַקטיאָרישן שאַפן.

אַז די אידעאַליזאַציע פון דעם געטאָ־שטייגער ליגט אין גרונט פון זײַן גאַנצער אַקטיאָרישער אַרבעט, דאָס האָט מען באַמערקט גלײַך נאָך זײַן ערשטן אויפטריט אין „טעאַטער אויף קראָלעווסקע".

אין דער רעצענזיע וועגן דעם ערשטן ספּעקטאַקל אין „טעאַטער אויף קראָלעווסקע" — מע האָט געשפּילט „ברידער לוריע" — האָט י. ל. פּערעץ געשריבן:

„געשפּילט איז עס געוואָרן מ ײַ ס ט ע ר ה א פ ט! (שטרײַכונג פּערעצס.) נעראַסלאַווסקאַ, מייערסאָן, אַדלער האָבן געגעבן קאָנצערט. נאָך מער אויסגעצייכנט האָט זיך זשעלאַזע, אַלס ראָוו — דער פֿײַנסטער און איידלסטער טיפּ אינעם שטיק..."[25]

ניט ווייניקער איידער פּערעץ איז דערפון באַגײַסטערט געוואָרן ש. אַנסקי, וואָס האָט געשריבן טעאַטער־רעצענזיעס אין „פֿרײַנד".

„אויסגעצייכנט האָט זיך ה' זשעלאַזע, וואָס האָט געשפּילט דעם ראָוו ר' שראַגע. — האָט געשריבן ש. אַנסקי וועגן דער אויפפירונג פון „ברידער לוריע". — פון זײַן ראָל האָט זשעלאַזע באַשאַפן אַן עכטן טיפּ, פון איין גוס און שניט, ווו יעדע טנועה, יעדעס וואָרט, יעדער טריט איז געווען ערנסט דורכגעטראַכט און דורכגעפּילט. אַזוי שפּילן ווי ה' זשעלאַזע, קאָן נאָר אַן ערנסטער, עמעסבאַגאַבטער קינסטלער" („דער פרײַנד", 1907, נומ. 94).

ש. אַנסקי האָט געהאַט פון וואָס באַגײַסטערט צו ווערן: אין זשעלאַזעס ראָוו רעב שראַגע איז אָן שום ספק געגעבן געוואָרן דער ערשטער שטויס צו יענער קלעריקאַל־נאַציאָנאַליסטישער אַפּאָלאָגעטיק, וואָס האָט שפּעטער מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר זיך צעשטראָמט אויף דער בינע פון „האַבימאַ", בײַס דער פאָרשטעלונג פון אַנסקיס „דיבעק". דער אַקטיאָר זשעלאַזע האָט דער ערשטער אָנגעמערקט יענע געשטאַלט, וועלכע עס האָט נאָכדעם געגעבן אין אַנסקיס „דיבעק" דער אַקטיאָר פון „האַבימאַ" וואַרדי.

„קלײַן־וווקסיק און טרוקן — דערציילט דר. מוקדוני וועגן זשעלאַזען — פלעגט ער אויף דער סצענע מאַמעש זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אַנדערן: ווייכקײַט, האַרציקײַט פלעגט ארויסשטראָמען פון אים".[26]

מיר דערקענען זי, אָט די „ווייכקײַט" און „האַרציקײַט", וואָס האָט געשטראָמט

פון דער קלעריקאַל־נאַציאָנאַליסטישער דוויקעס אין וואַרדיס אופטריט אין „האבימא“, מיר דערקענען דאָס שטרעבן אום יעדן פּרײַז — מעג עס אַפילע ווידערשפּרעכן די עלעמענטאַרסטע געזעצן פון רעאַליסטישער שפּיל — צו פאַרוואַנדלען די ראָוו־אָדער צאַדיק־געשטאַלט אין אַ פעטיש, אַן איקאָניע. אָבער גראָד דערפאַר טאַקע קאָן זיך נאָך ביז הײַנטיקן טאָג ניט אָפּלויבן פון זשעלאַזען דער דר. מוקדוני.

„ער איז געווען — שרײַבט מוקדוני וועגן זשעלאַזען — עפּשער דער ערשטער ייִדישער אַקטיאָר, וואָס האָט אָנגעהויבן פּאָזיטיוו צו שילדערן דעם ייִדישן ראָוו, דעם פרומען ייִדישן מענטשן. זײַנע ראַבאָנימלעך זײַנען בעעמעס געווען ליבע, האַרציקן טמימים, קינדערשע ריינקײַט און מאָראַלישע לויטערקײַט גיסן זיך צונויף. די ייִדישע אינטעליגענץ, וואָס האָט טיילווײַז אונטער דעם אײַנפלוס פון י. ל. פּערעץ, געענדערט איר באַציִונג צום ייִדישן ראָוו, צום פרומען ייִדן, פלעגט זיך מאַמעש כיִעסן מיט זשעלאַזעס זײַדענע ראַבאָנימלעך און סטאַם האַרציקע און קרישטאָלענע ייִדעלעך“.

עס איז, הייסט עס, געגאַנגען דערצו, אַז זשעלאַזע זאָל פאַרנעמען אין דער ייִדישער טעאַטער־סוויוווע אַ גאָר באַזונדער אָרט — זשעלאַזע האָט אָנגעהויבן ווערן דער דורכפירער פון די סאַמע רעאַקציאָנערסטע טענדענצן, דער וואָרטזאָגער פון די סאַמע פינצטערע קויכעס פון דער ייִדישער רעאַקציע. וואָס זשע האָט אַזאַ אַקטיאָר געזאָלט געפינען אין דעם טעקסט פון שאָלעם־אַלייכעמס „צעזייט און צעשפּרייט?“

ווי עס איז צו זען פון די מאַטעריאַלן, וואָס באַלויכטן דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל, האָט זשעלאַזע אויך דאָס מאָל באַוויזן אַ שטאַרק־אַנטוויקלטע אַקטיאָרישע טעכניק. מער פאַר אַלץ האָט זשעלאַזעס שפּיל דערבײַ אויסגענומען דערמיט, וואָס זי האָט ניט געליטן פון וווּלגאַרן נאַטוראַליזם, זי איז געווען פרײַ פון יענער ביליקער עטנאָגראַפישקײַט, וואָס האָט נאָך דאָ און דאָרט זיך דורכגעריסן אַפּ דער „באַנײַטער“ ייִדישער בינע אַרום 1905. עס איז געווען אין זשעלאַזעס שפּיל נאָך איין שטריך, וואָס האָט אים אויסגעטיילט צווישן אַנדערע אַקטיאָרן. זשעלאַזעס שפּיל האָט ניט געהאַט אין זיך יענעם מישמאַש פון פאַרשיידענע סטיל־עלעמענטן, וועלכע מיר טרעפן אַפילע בײַ די בעסטע אַקטיאָרן פון יענער צײַט.

דער אַקטיאָר פונעם אָפיציִעל־פאַרבאָטענעם „ייִדיש־דײַטשן“ טעאַטער האָט געמוזט זײַן אַ קאָלבוי, ער האָט געמוזט טויגן צו אַלץ. עס האָט געהייסן, אַז דער, וואָס טויג ניט צו אַלץ — טויג ניט צו גאָרניט. אין מעשעך פון די צוואַנציק יאָר, ווען דער טעאַטער האָט געפירט אַן „אומלעגאַלע“ עקזיסטענץ, האָט די דאָזיקע „קאָלבוי“־טראַדיציע אַזוי פאַרדאָרבן דעם ייִדישן אַקטיאָר, אַז באַפרײַען זיך פון דער דאָזיקער „טראַדיציע“ האָט ער ניט געקענט אַ לאַנגע צײַט אויך נאָך דעם, ווי די רעכטלעכע לאַגע פונעם טעאַטער איז פאַרבעסערט געוואָרן. דער פּראָצעס פון אַקטיאָרישער שפּיל איז געווען אַזוי צעשפּליטערט, אַזוי צעבראָקלט, עס האָט געהערשט אַזאַ מישמאַש פון פאַרשיידענע סטיל־עלעמענטן, אַז נאָר זעלטן־ווען האָט זיך דערבײַ געקענט באַקומען אַ פאַרגאַנצטע געשטאַלט.

זשעלאַזעס שפּיל האָט אויסגענומען דערמיט, וואָס דאָ האָט מען אָנגעהויבן זען פאַרגאַנצט־אײנהײַטלעכע געשטאַלטן, וועלכע זײַנען געשילדערט געוואָרן מיט אַ מער־ווייניקער פאַרגאַנצט־אײנהײַטלעכן מעטאָד. זשעלאַזעס שילדערונג איז

פריער פאר אלצ געווענ א צוזאמענגעפאסטע שילדערונג, ווו איינ שטריכ שליסט זיכ אפ א נאטירלעכנ אויפנ אָנ אָנ א צווייטנ, איינ אָרגאנ וואקסט אָרגאניש צונויפ מיט א צווייטער, די געשטאלט וואקסט, זי מאכט דורכ באמ צושויער אפ די אויגנ א פראָצעס פונ בעהאדראָגעדיקער אנטוויקלונג, אונ ווערט אזוי־ארום פארגאנצט אונ איינהייטלעכ. אָנשטאָט דעם מישמאש פונ פארשיידענע סטיל־עלעמענטנ, וואָס מע האָט פונ צייט צו צייט נאָכ געקאָנט טרעפנ אפילע בא די בעסטע דעמלטיקע אקטיאָרנ, האָט זשעלאזעס שפיל באוויזנ, אז דער יידישער בורזשואזער טעאטער הייבט שוינ אָנ פרעטענדירנ אפ א מער־ווייניקער אויסגעהאלטענעמ סטיל.

מיר האָבנ שוינ אויבנ געהערט פונ ש. אנסקינ, אז זשעלאזע האָט געשאפנ א געשטאלט „פונ איינ גוס אונ שניט". דאָס זעלבע האָבנ וועגנ זשעלאזענ געשריבנ אויכ אלע איבעריקע רעצענזענטנ. זשעלאזע איז ווירקלעכ געווענ א מייסטער פונ פארגאנצטער, צוזאמענגעפאסטער געשטאלטנ־שילדערונג.

אָבער ווהינ האָט געצילט די דאָזיקע שילדערונג? וואָס איז געווענ איר ציל־איינשטעלונג?

שוינ גאָר פונ די ערשטע רעפליקעס, וואָס זשעלאזע—זיידנשטאמער האָט געלאָזט הערנ פונ דער בינע, האָט געמוזט ווערנ קלאָר, אז זשעלאזעס איינשטעלונג איז ווייט ניט קיינ שאָלעמ־אלייכעמשע. זייענדיק א מייסטער פונ פאָרטרעטנ־מאָלעריי, האָט אָבער זשעלאזע זיינ פאָרטרעט געצייכנט גאָר ניט אפ דעמ פאָנ, וואָס עס האָט אָנגעמערקט שאָלעמ־אלייכעמ. בא שאָלעמ־אלייכעמענ איז זיידנשטאמערס געשטאלט געגעבנ, ווי א נעגאטיווע געשטאלט. דער מאָנאָלאָג ווערט דאָ אָנגעווענדט, ווי א מיטל פונ זיידנשטאמערס זעלבסט־דעמאסקירונג (צו דעמ מיטל קומט שאָלעמ־אלייכעמ ביכלאל זייער אָפט אָנ). עס איז גענוג צו זענ, מיט וואָס פאר אנ אָנשטעל פונ א טיפנ כאקרענ זיידנשטאמער רעדט זיינע, אינ פלוג, טיפשעסדיקע רייד, קעדיי צו פארשטיינ, אז שאָלעמ־אלייכעמ נוצט דאָ דעמ מאָנאָלאָג אויסשליסלעכ צוליב זעלבסט־דעמאסקירונג. בא זשעלאזענ האָט זיכ אָבער באקומענ גאָר אנדערש. זשעלאזעס זיידנשטאמער איז ניט קיינ נעגאטיווע געשטאלט. ער איז איינער פונ די „הארציקע, קרישטאָלענע יידעלעכ", מיט וועלכע עס קוויקט זיכ אזוי דר. מוקדוני.

עס פארשטייט זיכ, אז מיט די מיטלענ פונ רעאליסטישער שפיל לאָזט זיכ אזא אָפעראציע אפ שאָלעמ־אלייכעמס טעקסט ניט דורכפירנ. קעדיי צו פארוואנדלענ זיידנשטאמערנ אינ א פאָזיטיווער געשטאלט, האָט מענ פריער פאר אלצ געמוזט זיכ אָפזאָגנ פונ אָביעקטיווע עמעס, וואָס ליגט אינ גרונט פונ דער רעאליסטישער שפיל. אונ אָט דערפונ הייבט טאקע אָנ זשעלאזע.

זשעלאזע האָט געשפילט זיידנשטאמערנ אזוי, אָט גלייכ ווי דער טעקסט וואָלט געווענ ניט שאָלעמ־אלייכעמס, נאָר שאָלעמ אשס. עס איז דאָכ געוויס קיינ צופאל ניט, וואָס אינ דער זעלבער רעצענזיע, ווו שאָלעמ אש האָט געלויבט דעמ יידישנ טעאטער דערפאר, וואָס ער האָט באוויזנ די פאָרשטייערנ פונ דער יידישער בורזשואזיע, מירעלע עפראָס, „מיט איר גאנצער מאיעסטעטישער זעלבסטערונג אונ זעלבסטבאוווסטזיינ", — אינ דער זעלבער רעצענזיע האָט אש

פּראָטעסטירט קעגן די רעאַליסטישע געוווינהייטן פון די יידישע אַקטיאָרן און האָט מיט גרויס פאַרביטערונג געשריבן:

„די יידישע אַרטיסטן זיינען דורכויס רעאַליסטישע כאַראַקטערן. דורך דעם קומט אויס אַ שטימונג־ראָל אויף דער יידישער בינע זייער ניט איינגעגעבן, סענטימענטאַל און נאַריש"...[27]

אַש איז דאָס מאָל געווען אויף זיין אויפן אויסגעהאַלטן. ער האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט, אַז קעדיי צו קאָנען ווייזן די יידישע בורזשואַזיע „מיט איר גאַנצער עסטעטישער זעלבסטערונג און זעלבסטבאַוווסטזיין" דאַרף מען גרייער פאַר אַלץ אויסראָטן דעם רעאַליזם פון דער יידישער בינע. אַש האָט דעריבער טאַקע אָט דעם קאַמף קעגן רעאַליזם זייער אַנטשיידן געפירט. שאָלעם אַש איז אָבער ניט געווען דער איינציקער, וואָס האָט אָט דעם קאַמף געפירט. וואָרעם דער זעלבער שיכט יידישע בורזשואַזיע, וואָס האָט אַרויסגערוקט אין דער ליטעראַטור שאָלעם אַשן, האָט גלייכצייטיק אַרויסגערוקט אויף דער יידישער בינע דעם אַקטיאָר זשעלאַזאָ.

אין זיין קאַמף קעגן דעם רעאַליזם האָט דער יונגער זשעלאַזאָ אָנגעהויבן פון דעם זעלבן, וואָס דער יונגער אַש. ווי באַוווסט האָט דאָך אַש אָנגעהויבן גראָד מיט דער זעלבער „שטימונג", וועלכע ער האָט געמאָנט פונעם יידישן אַקטיאָר. מיט דער הילף פון דער דאָזיקער „שטימונג" האָט אַש זיך געוואָלט שאַפן אַ מעגלעכקייט אין סאַמע גאַנג פון דער רעוואָלוציע, אין יאָר 1905, אין זיין „שטעטל" צו פאַרווישן אַלע מינדסטע שפּורן פון סאָציאַלן אַנטאַגאָניזם. מיט דער הילף פון שטימונג־מאָלעריי האָט ער געוואָלט אָפּשאַפן יענע רעאַליסטישע שטעטל־שילדערונג, וואָס האָט געגאָלטן, ווי אַ טראַדיציע נאָך פון מענדעלעס צייטן אָן.

דער יונגער זשעלאַזאָ האָט אויך אָנגעהויבן פון „שטימונג". מער פאַר אַלץ האָט די דאָזיקע שטימונג געזאָלט געשאַפן ווערן דורך זשעלאַזאָס באַזונדער אַרט שווייגן אויף דער בינע. פאַר דער דעמאָלטיקער יידישער בינע איז עס געווען אַ נייס און די בירגערלעכע קריטיק האָט פון זשעלאַזאָס „שטימונג" ניט ווייניקער אָנגעקוואָלן, ווי פון שאָלעם אַשס.

„די שווערסטע זאַך פאַר אַן אַקטיאָר איז שווייגן אויף דער סצענע. — האָט געשריבן נ. פּרילוצקי. — זייער שטאַרק איז די פייקייט באַ דעם אָריגינעלן זשעלאַזאָ, וואָס איז איינער פון אונדזערע איידלסטע דראַמאַטישע טאַלאַנטן. ווייך, שטיל שפּילט ער, ווי זיין נעשאָמע וואָלט געווען געוועבט פון דינסטע זיידנס. און אַמשענסטן קומט באַ אים אויס דאָס שווייגן"...[28]

דאָס „שווייגן", די „שטימונגפולע" פּאַוזעס, וואָס זשעלאַזאָ האָט אַריינגעבראַכט אין זיידנשטאַמערס מאָנאָלאָג, האָבן געזאָלט דערגרייכן פּונקט דעם היפּעך פון דעם, וואָס עס איז אויסגן געווען שאָלעם־אַליכעם. אָנשטאָט זיידנשטאַמערס זעלבסט־דעמאַסקירונג האָט זיך אָנגעהויבן באַקומען אַ מין זעלבסט־באַגייסטיקונג און זעלבסט־באַרעכטיקונג. עס האָט זיך באַקומען, אָט פּונקט ווי ניט שאָלעם־אַליכעמס זיידנשטאַמער וואָלט דאָ געשטאַנען אויף דער בינע, נאָר שאָלעם אַשס יעכעזקל גאָמבינער אָדער זיין גלייכן.

פּונקט ווי באַ דעם יונגן אַש האָט דאָס „שווייגן" אַלעמאָל באַטייט מער ניט ווי דאָס וועלן פאַרשווייגן, פאַרווישן און פאַרטושירן דאָס, וואָס אים, אַשן,

האָט ניט געלוינט צו זען און צו הערן, — אזוי האָט אויך בא דעם יונגן זשעלאזע דאָס שווייַגן אפּ דער בינע געהאַט א באַשטימטע סאָציאַלע פונקציע. קעדיי צו שאַפן פון זייַדנשטאַמערן „א האַרציק, קרישטאָלן ייִדעלע", האָט מען טאַקע זייער און זייער א סאַך געדאַרפט פאַרשווייַגן, מע האָט געדאַרפט פאַרווישן די גרויסע צאָל נעגאַטיווע שטריכן, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט אין דער דאָזיקער געשטאַלט אַנגעוויזן. און זשעלאַזע האָט עס טאַקע געטאָן מיט די מיטלען פון זייַן שטאַרק־אַנטוויקלטער טעכניק.

עס איז קיין וווּנדער ניט, וואָס די בורזשואַזע קריטיק האָט פון זשעלאַזעס אירע בליקן אָפּרייַסן ניט געקאָנט.

„אָריגינעל און גרויס איז זשעלאַזע אין קעגנוואַרטיקע טיפּן פון דעם ייִדישן אַריסטאָקראַטיזם און גייַסטיקן ייִכעס" — האָט מען געשריבן מיט גרויס היספּייַלעס אין דער בורזשואַזער פּרעסע.

און דאָס האָט ווירקלעך אויסגעזען גאָר „אָריגינעל": האַנדלדיק צו טאָן מיט שאָלעם-אַלייכעמס א ווערק, וואָס איז געווען דורכויס רעאַליסטיש און האָט פון דעם דאָזיקן רעאַליסטישן שטאַנדפּונקט באַהאַנדלט זייַדנשטאַמערן, ווי א נעגאַטיווע פיגור, האָט דער אַקטיאָר זשעלאַזע פאַראַטן דעם אָביעקטיוון רעאַליסטישן עמעס און האָט אופגעבויט א דורכויס-אידעאַליזירטע געשטאַלט פון „אַריסטאָקראַטיזם און גייַסטיקן ייִכעס".

אָבער ווי אונדז איז שוין אויסגעקומען צו זען, איז אין ייִדישן בורזשואַזן טעאַטער זשעלאַזע געווען ניט דער איינציקער אַקטיאָר, וואָס האָט געפּרוווט אָנשטאָט שאָלעם־אַלייכעמס קריטישער טענדענצן צוטראָגן שאָלעמען אַשס אידעאַליזירונג-טענדענצן, אָנשטאָט שאָלעם־אַלייכעמס נייגונג צו סאָציאַלער קאָמעדיע צוטראָגן שאָלעמען אַשס נייגונג צו באַלעבעסלדיקער אידיליע.

ווי טרעפלעך עס האָט אין זעלבן 1906-טן יאָר געשריבן א. לונאַטשאַרסקי, אָנווייַזנדיק אפּ דער פּראַקטיק פונעם רוסישן בורזשואַזן טעאַטער:

„קלאַסן און גרופּן קאָנסערוואַטיווע דערנידעריקן די דראַמע ביז צו דער מאַדרייגע קימאַט פון אַן אידיליע"...[29]

די פּראַקטיק פונעם ייִדישן בורזשואַזן טעאַטער האָט עס פולשטענדיק באַשטעטיקט. זי האָט באַוויזן, אַז די ייִדישע בורזשואַזיע איז אפּ אַזויפיל קאָנסערוואַטיוו, אַז אפילע שאָלעם-אַלייכעמס „צעזייט און צעשפּרייט", א פּיעסע אָן שום סימען פון א ראַדיקאַלער טענדענץ, א פּיעסע, וווּ שאָלעם־אַלייכעם האָט אפּ זייַן קלייַנבירגערלעך-ניט-אַנטשלאָסענעם אויפן געפּרוווט צוגיין צו אייניקע קאָנפליקטן, וואָס עס האָט געבראַכט אין דער ייִדישער סוויווע די עפּאָכע פון דער ערשטער רעוואָלוציע, — אפילע פאַר אַזאַ פּיעסע האָט די ייִדישע בורזשואַזיע זיך דערשראָקן און האָט זיך באַמיט די פּיעסע „דערנידעריקן ביז דער מאַדרייגע קימאַט פון אַן אידיליע"... און אָט דערמיט ווערט עס באַשטימט דער אינטערעס, וואָס עס האָט פאַר אונדז די ערשטע שאָלעם־אַלייכעם-פאָרשטעלונג אין ייִדישן טעאַטער אין דער עפּאָכע אַרום 1905, דערמיט ווערט באַשטימט די פונקציע, וואָס שאָלעם-אַלייכעם דער דראַמאַטורג האָט צו יענער צייַט געהאַט פאַר דער אַנטוויקלונג פונעם ייִדישן טעאַטער.

ביבליאָגראַפישער אָנווײַזער צו נ. אויסלענדערס אַרטיקל „שאָלעם־אליכעם און דער יידישער וואַרשעווער טעאַטער אַרום 1905 י."

1) „שאָלעם־אליכעם־בוך", ז. 62.
2) „דער פרײַנד", 5 №, 1905.
3) „דער וועג", 26 №, 1905.
4) „דער וועג", 1907, 9 №.
5) באַלמאַכשאָוועס, שריפטן, ב. IV, ז. 103.
6) „יידישע צײַטונג", 1909, 49 №.
7) Театральная Россия, 1905, 4 №.
8) „שאָלעם־אליכעם־בוך", ז. 64.
9) „דער פרײַנד", 1905, 189 №.
10) „דער וועג", 1905, 37 №.
11) „דער וועג", 1905, 47 №.
12) „דער וועג", 1906, 33 №.
13) „דאָס יידישע וואָרט", 1905, 10 №.
14) „דער טעלעגראַפ", 1906, 36 №.
15) „דער טעלעגראַפ", 1906, 143 №.
16) י. גאָרדין, אַלע שריפטן, ב. IV, ז. 298.
17) י. גאָרדין, אַלע שריפטן, ב. IV, ז. 112.
18) ציטירט לויטן מאַנוסקריפּט פון מ. ל. מייערסאָנס אויטאָביאָגראַפיע, וואָס געפינט זיך אינ רע־
שוס פונעם כ. לײַפּציקער.
19) „דער וועג", 1906, 33 №.
20) „דער וועג, 1906, 113 №.
21) „דער וועג", 1906, 166 №.
22) דער וועג, 1906, 113 №.
23) „דער פרײַנד", 1907, 102 №.
24) „דער וועג", 1906. 39 №.
25) „דער וועג", 1906, 33 № .
26) אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע, ב. I, ז. 363 (ווילנע 1930).
27) „דער וועג", 1906, 73 №.
28) „אונדזער לעבן", 1909, 112 №.
29) А. Луначарский: Театр и Революция, ז. 110.

אינהאלט

זײַט

ר. ווינער — מענדעלע אונ די קלאסישע טראדיציעס 3

מוישע טײַטש — פונ אָנהייב 11

ד. בערגעלסאָנ — באמ דניעפער (קאפיטלענ פונעמ צווייטנ בוך) 13

י. ראבינ — שימענ קאָזער (דערציילונג) 59

דער ניסטער — דער קריג צווישנ די ברידער (קאפיטלענ פונ א ראָמאנ) . . . 67

ש. האלקינ — לידער 111

י. יאָפע — אפנ גלײַכנ וועג (דערציילונג) 117

ש. ראָסינ — ווײַל ס'איז די מי פאר אונדז (לידער) 155

ש. גאָדינער — בירעבידזשאנצעס (דערציילונג) 159

פערעצ מארקיש — אופגאנג אפנ דניעפער (ווײַטערדיקע קאפיטלענ פונ דער פּאָעמע) 204

א. קושניראָוו — וועגנ מוישע טײַטשנ 291

י. נוסינאָוו — די פּראָבלעמ פונ פּאָזיטיווע געשטאלטנ אינ דער ליטעראטור . 301

מ. ווינער — דער מישפּעט איבערנ פײַנט 321

א. גורשטיינ — פינינבערגס דיכטערישער וועג 351

י. דאָברושינ — וועגנ קינדער-דיכטונג 365

י. ראבינאָוויטש — קונסט-געשטאלטנ אינ לענינס אונ סטאלינס ווערק . . 386

נ. אויסלענדער — שאָלעמ-אלייכעמ אונ דער יידישער בורזשואזער טעאטער
ארומ 1905 י. 398

Редколлегия: Д. Бергельсон, М. Винер, С. Годинер, И Добрушин, А.Кушниров, М. Литваков, П. Маркиш, И. Нусинов, И. Рабин.
Технический редактор М. Погостер.
Корректор М. Иткович.
Сдано в набор—29/XI—35 г. Подписано к печати. 29/II—36 г.
Форм. бум. 62×94 1/16, 27½ п. л, „Эмес“ № 212.
Уп. Главлита Б—18041, Тираж 2500.

Тип. изд-ва «Дер Эмес», Москва, Покровка, 9. Зак. 1167